STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06564

ZIKHROYNES UN HEZSHBOYNES

Abba Gordin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא גאָרדין

זכרונות און חשבונות

(מעמואַרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע 1917)

ב ו כ ג ע מ י י נ ש אַ פ ט
ביי דער
יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט
ב ו ע נ אָ ס א יי ר ע ס , 1 9 5 5

אַ דאַנק ד"ר לעאָן פּערלמאַן.
אַ דאַנק די חברים פון דער בוענאָס איירעסער
ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט;
אבא גאָרדין

בראָנקס, ניו־יאָרק, 29טן יאַנ׳ 1955.

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

I. זכרונות

מאָסקווע — 9
דער ראָזער שמייכל — 13
פרייהייט און גערעכטיקייט — 19
טאָלסטאָיס תלמיד — גאַרבונאָוו־פאסאדאָוו — 24
איך זאָג זיך אָפּ — 30
אַ נאַכט אין „פּערעסילניע" — 36
ויהי ערב ויהי בוקר — 42
צווישן תפיסה און תפיסה — 50
ביי די זעלנער — 57
עס פלאַצט דאָס האַרץ — 65
פינף מינוט רעדן — 70
דער פינפבונד — 76
דער אויפרוף צו דער יוגנט — 81
פון צוזאַמענפאַר צו די „פּרעטשיסטענסקי־קורסן" — 85
„מאָסקווער קאָמונע" — 90
מיכאַילאָוו דער פאַרלעגער — פּירא דער „קילשטאַק" — 94
אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט — 99
כאַדונאָוו — מיין בעסטער חבר — 103
סאָקאָלניקי — כאַדינקע — 108
אונדזערע לאָזונגען — 113
וואָכנבלאַט „אַנאַרכיע" — 116
סערגיעוווסקי פּאסאד — 120
בוכאַרין און דער לאַמטערנע־סלופּ — 123
„איך בין אַ זינדיקער" — 127
מיר באַיקאָטירן דעם מאָסקווער סאָוויעט — 132
די מלוכהשע באַראַטונג — 135
דער שטרויענער קאָזאַק — 140

דער האַלביאַר — 146
ריגע איז געפאַלן — 150
דריי רעדנער — 154
ערב אָקטאָבער — 159
די צווייטע קאָנפערענץ פון די ווערקשטאַט־קאָמיטעטן — 163
די דווינסקער — 172
אָקטאָבער־רעוואָלוציע — 176
דער שלעכטער אָנהויב — 181
דער שווערער מיטן — 189
די בלינדע געפירטע — 197
די געצנדינער — 199
די לויה — 201
די פּאַרטייען אין אָקטאָבער — 203
די בלוטיקע וואָך אין בלוטיקן יאָרהונדערט — 208
ערשטער צוזאָג — ברויט — 213
צווייטער צוזאָג — פרייהייט — 219
דריטער צוזאָג — פרידן — 223
אַטענטאַט אויף לענינען — פאַני קאַפּלאַן — 228
לעאָנטאָווסקי פּערעולאָק — 237

II. חשבונות

קלאַסנקאַמף אין דער רוסישער רעוואָלוציע — 249
דער מיטלשטאַנד — 259
דער „זינדיקער קרעמער" — 266
דער שוואַרצער מוזשיק אויפן רויטן בילד — 271
דער „קולאַק" — 276
ציימוויליק — 282
צען יאָר נאָך דער רעוואָלוציע — 288
צוואַנציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע — 301

III. סאָציאַלע עטיודן
די אַרבעטער פראַגע

די מיסיע און דער אַרבעטערקלאַס — 317
דער אַרבעטערקלאַס און דער אַרבעטער — 322
לייבאַריזאַציע פון דער אינדוסטריע — 326
אַרבעט און קאַפּיטאַל — 331
קאַפּיטאַל, אַרבעט און דער שטאַט — 336
די אַרבעטערפראַגע — 339

דער אַרבעטערקלאַס און זיין טאַקטיק — 343
דער קריזיס פון סאָציאַליזם — 352

IV. רעוואָלוציע

רעוואָלוציע אַלס זעלבסטטעטיקייט — 363
רעוואָלוציע און זעלבסטפאַרטיידיקונג — 367
עוואָלוציע אָדער רעוואָלוציע — 374
וואָס איז אַ רעוואָלוציע? — 377
צוויי רעוואָלוציעס — 386
די סאָציאַל אָדער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע — 393
רעוואָלוציע: סאָציאַלע אָדער אַרבעטאָרישע — 398

V. פרייהייט — יורידישע און פראַקטישע

פרייהייט — 407
יורידישע פרייהייט — 409
אַרויסטרעטן — 411
אויסשליסן — 415
נעגאַטיווער יורידישער פעטישיזם — 416
אידעאָלאָגישע פּאַניק — 420
פרייהייט פון קאָנקורענץ אין פּאָליטיק — 421
פאַרוואַלטונג — ציבור־לעבן — 424

VI. פון אָרגאַניזאַציע צו זעלבסטאָרגאַניזאַציע

פאָרגעשיכטע — געשיכטע — 429
קנעכטשאַפט — 430
לייבאייגנטום — 436
אונטערטאַנשאַפט — 438
בירגערטום און געדונגענשאַפט — 440
זעלבסטאָרגאַניזאַציע — 445
אינטעראינדיווידואַליזם — 449

I

זכרונות

I

מאָסקווע

צוויי זילבן ניט מער, אָבער אַ כשוף־קראַפט לעבט און ראַנגלט זיך אין זיי, פאַרן רוסישן אויער אַוודאי, נאָר אַפּילו פאַר יעדן.

מען הערט אין דעם וואָרט דאָס הייבן זיך און פאַלן פון דער ברוסט פון אַ גרויסער אייביקייט.

ניט רוים אַליין איז פאַר אַלע צייטן. מאָסקווע האָט איר אייגענע צייט און אייגענעם אָרט. דער זייגער אויפן טורעם פון וואָקזאַל ווייזט די צייט, מאָסקווע־צייט.

אַ קוק אַרום. אַ פּלאַץ. אַ מאָדנער סטיל פון געביידעס, פאַרחבדעט, פאַר־שמייליקט, און אַביסל, זאָל מען מיר מוחל זיין, צעדרייט.

דער קאַזאַנער וואָקזאַל, יאַראָסלאַווער וואָקזאַל, ניקאָלאַיעווער וואָקזאַל. דריי געביידעס נאָענט איינע צו די אַנדערע, צווייגלעך, ביימלעך אין גאָרטן פון אַ פאַרהויקערטער אַרכיטעקטור פון מאָנאַסטירן...

און די גאַס, און די מענטשן, און די בנינים זאָגן: דאָ איז ציון עיר הקודש פאַרן רוסישן אויער. עס שמעקט מיט גריכיש־אָרטאָדאָקסיע, פאַרוויסט מיט ביזאַנט.

אויף יעדן טריט און שריט איז אַ הייליקייט... קדוש, קדוש...

עס הייבן זיך צלמים אויף אַלע זייטן. ווו מען וואַרפט אַ קוק, אַ צערקווע וואַקסט אויס מיט סאָלידע ווענט, האַלב־בלינד, דאָס פענצטער ווייט אין דער הייך, כמעט ווי פאַרמויערט.

ווער דאַרף דאָס ליכט?! ווער האָט אויסגעטראַכט אַזאַ מין מזיק ווי די זונשטראַלן, וואָס גנבענען זיך אַריין אַפילו דורך שפּאַלטן.

עס זאָל זיין שאָטן, — מורמלען די ליפּן פון די פאַרשימלטע נישעס אַנשטאָט פון פענצטער.

צערקוועס, קאַטעדראַלן, פּערציק מאָל פּערציק.

עס הייבן זיך שפּיצן און צלמים זיצן אויף זיי; זיי קריכן צום הימל און שטעכן אומברחמנותדיק דעם כביכול. און די הימלען עפּעס ווי אַנגעשטויסן;

מיט רוגזא פאַרוויקלען זיי זייערע ווייטיקדיקע גלידער אין שמאַטעס פון וואָלקנס.

און אַמאָל, און גאָר אָפט, לאָזן זיי טריפן בלוט... וואָס פון קעלט ווערט עס פאַרוואַנדלט אין שניי.

עס קלינגען די גלאָקן. מאָסקווע האַלט כסדר אין איין מתפלל זיין, זי בעט אַ מפלה אויף די שונאים, גדולה פאַר זיך. און די קלאַנגען שפרייטן זיך און בויען נעסטן איבערגעוואַלט אין יעדן אויער. איר מוזט זיי אַריינלאָזן. אַ ברירה האָט איר.

זיי גייען אָבער באַלד אַוועק און פאַרשווינדן ווי קיינמאָל ניט געווען...

און כמעט, אַז עס כאַפּט אייך אָן אַ מורא. די קלאַנגען ווי קרויען, שוואַרץ און כמאַרעוודיק. און עפּעס ווי עס שמעקט מיט ווײַרוך פון די אַלטאַרן און עס טראָגן זיך צעריסענע שטיקלעך תפילות: „האַר, רחמנות האָב!“

אַ מין מיטלאַלטער אין רעכטן האַרץ פון מאָדערנער צייט.

און מען פילט, אַז עס איז ניט אויף לאַנג. עס הענגט אין דער לופט: דער סוף פון אַ פּרשה. דער לעצטער פּסוק פון אַן אַלטן, צו אַלטן כתב־יד, געשריבן מיט אויל־שמעקעדיקע הענט פון אַ פּרוש אַ מאַנאַך.

און די גלאָקן קלינגען — דין־דאָן — ניט אויף לאַנג...

נידעריקער, עפּעס ווי אין אַ טאָל, אויף יענער זייט מאָסקווע־טייך, ליגט די זאַמאָסקווע־רעטשיע.

ווייסט איר דעם אָרט ווו קוימענס בלי׳ען?
און קאַלכאויוונס מיט פייער גלי׳ען?
אַהין, אַהין וויל מיין האַרץ צי׳ען...

באַמבלט זיך אין מיר ניט־ווילנדיק אַ פּאַראַדיע פון געטעס מיניאָן.

דאָרטן שטייען די קוימענס און רויכערן און וועבן אַ שוואַרצן ארון פאַר דער שוואַרצער וועלט פון אוממענטשלעכער פראַצע.

עפּעס ווי דער חוש האָט מיר געזאָגט: אָט דאָרטן שטייט מיין מזל איינגעהילט אין שוואַרצן פאַרנאַכט־געוועב און וואַרט... און וואַרט...

מאָסקווע איז געטיילט אין צווייען, דער טייך שניידט זי פונאַנדער מיט אַ שטאָלענעם מעסער; איין העלפט פאַר די באַלעבאַטים, די צווייטע העפט פאַר די אַרבעטער מיט די פאַבריקן.

מאָסקווע, אַ שטיק רחבות. איר זעט דאָ דעם אין־סוף פאַרקערפּערט. דאָס איז דער עסענץ פון רוסלאַנד: אָן אַ שיער און אָן אַ מאָס, די געאָגראַפיע זשאַלעוועט ניט קיין פּלאַץ און דער מענטש שפּאָרט ניט קיין צייט.

וואָס איז זיך דאָ צו איילן, ווען אייביקייט שטייט צו באַדינען אונדז!

און דער אין־סוף איז פאַרזאַכט און אויסגעגאָסן איבער די גאַסן און איבער די פּרצופים און שולטערס פון די פּורלייט.

אַ פּנים — וועלט־מאַפּע. און אויב נאָר אַ זעקסטער טייל פון דער וועלט, קלעקט אייך ניט! אָט שטייט דער פורמאַן אין זיין פּאַדיאַווקע, דער פראָסט איז שטאַרק. ער איז אָבער שטאַרקער. ער קלאַפּט זיך מיט די הענט, און יעדער שפּרייט־אויס פון די אָרעמס נעמט אַרום אַן עולם ומלואו עד־מאי!

אַ מאָדנער סינטעז פון טיפן רעאַליזם און הויכן מיסטיציזם אין די רוסישע

שרייבער, אין די רוסישע שטעט און וועלדער און מענטשן, אַפּילו פערד און קי!... מען עסט, מען שלינגט דעם אין־סוף. וואָס איז וואָג, וואָס איז מאָס!... דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן פאַר די שפּילכעלעך־לענדער אין איראָפּע.

איך רוף־צו אַ פּורמאַן, זעץ זיך אין שליטן. דער שניי סקריפּעט, אָבער אַן כעס, ער איז געוויינט צו דעם. דאָס פערדל גיט זיך אַ רוק... און אַ גאַנצע עדה פון וואָראָבייטשיקעס גיט זיך אַ הייב און פליט אַוועק און באַזעצט זיך אויף די דראָטן פון טעלעגראַף...

ווו איז מיין האַרץ?

אין זאַמאָסקווערעטשע, אין די אויוונס, ווו מען מען גיסט אָפּ איצטער די פורעם פאַר דעם נייעם רוסלאַנד.

ווו איז מיין נשמה?

מיט די וואָראָבייטשיקעס אויף די טעלעגראַף־דראָטן, וואָס פאַראייניקן מאָסקווע מיט דער וועלט...

און מיין פּשוטער גוף אין שליטן־שיפל, אין אַ געזעלשאַפטלעכן שטיקל ים, ווו כוואַליעס זענען הייזער, רונצלעך — זענען מענטשן, און שוים — איז שניי...

וואָס טוט די אמתע מאָסקווע? נעמט אַראָפּ די ברילן פון דעם טרוימער און גיט אַ קוק און ענטפערט:

זי ספּעקולירט.

ווער ספּעקולירט? עס איז אַ סך גרינגער צו זאָגן ווער עס ספּעקולירט ניט, אַלע ספּעקולירן.

און די דאָקטוירים פאַרוואָרפן זייערע פּאַציענטן, די אַקטיאָרן די בינע, די שרייבער לאָזן די פּענעס פאַרזשאַווערט ווערן; און אָפּערע־זינגערס ווערן הייזעריק, ריידנדיק וועגן שכר־מכר.

מאָסקווע ווערט אָן איר מיט אַלטקייט־אָנגעוועבטע ברייטקייט. אַן אַראָפּגעקומענע, אָבער פאַרט אַ קעניגן מיט אַ גרויסער האָפענונג אויפצוקומען צוריק. זי איז דאָך דאָס האַרץ פון רוסלאַנד. מאָסקווע פאַרגעסט דאָס אַלץ — און ווערט אַ מאַרק־יידענע. מען האַנדלט אויף טיש און אויף בענק.

געוויינלעך זענען פאַראַן יוצאים מן הכלל. אָבער זיי ווערן זיך אָן אין כלל ווי אַ דימענט אין אַ באַרג זאַמד.

מען קויפט אינדערפרי, מען פאַרקויפט אינאָוונט, און מען קויפט עס איבעראַנייס ביי דער נאַכט, און בערג פון עשירות הייבן זיך הויך־הויך, און טאָלן פון אָרעמקייט לאָזן זיך אַראָפּ נידעריקער.

טווערסקאַיע מיט דעם הילצערנעם ברוק. די „ריסאַקעס“ שניידן די לופט ווי בליצן, און הייזעריקע געלעכטערס צעשיטן זיך איבערן גאַס אָט־אָט אַראָפּגעפאַלן פון די קאַרעטעס און קייקלען זיך אַוועק און פאַרפּלאָנטערן זיך צווישן די פיס פון די שפּאַצירנדיקע. ווינטער, — גוטע פּעלצן, גוטע וואַרעמע דעקעס אויף די שליטנס. און גלעקעלעך... וווהין? צום יאַר... דאָרטן, אַביסל אָן אַ זייט, כמעט הינטערן שטאָט, שטייט אַ גלעזערנע געביידע... ציגיינערקעס זינגען און טאַנצן... און דער עולם מאַכט זיך פריילעך... פּטרט אַוועק דאָס געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט צו גרינג...

די עשירות פוישט, שטעכט ווי האָבער, וואַקסט און גיסט זיך אָן ווי אַ בלאָטער — דאָס איז איין זייט פון מאָסקווער פּנים.

די צווייטע זייט: עס הערן זיך געוויינען דורך די פענצטער פון מוטערס, וואָס האָבן נאָרוואָס איבערגעלייענט דעם נאָמען פון זייער איינציקן זון אין צייטונג, גערעכנט צווישן די געהרגעטע. און דאָס קול רייסט זיך אַרויס דורך דעם פאַרמאַכטן פענצטער און פאַלט אויף אייך, פאַרבייגייער, און קלאַפּט אייך אויפן קאָפּ ווי אַ האַמער.

קיינער שטעלט זיך ניט אָפּ, קיינער פרעגט ניט וואָס מיינט עס... מען לאָזט אַראָפּ די קעפּ און מען אײַלט פאַרביי.

וואַגנס און וועגענער פול מיט פאַרוווּנדעטע ציִען זיך איבער די ברייטע גאַסן. און זיפצן קלאַפּן מיט פאַרבונדענע פליגלען ווי האַלב-געקוילעטע כפרות... און עס שמעקט מיט בלוט און מיט גרימצאָרן.

קוקט זיך איין אין געזיכט פון דעם פאַרבייגעפירטן פאַרוווּנדעטן, האַלב-זשיפּעדיקן זעלנער. אַ קללה איז אויסגעקריצט אין שטיין פון פּנים-ליניעס.

מאָסקווע הולטאַיעוועט און לעבט אַ גוטן טאָג.

און מאָסקווע גייט אויס פון די כוחות.

מאָסקווע געווינט געלט אין די שיינע הייזער ווי די „האַנדלס-פאַרזאַמלונג", אָדער די „איידל-לייט-פאַרזאַמלונג", און מאָסקווע ווערט אָן לעבנס אין שפּיטאָלן.

געשעפטן, געשעפטן! עס איז אָבער אַ האַנדל מיט בלוט, מיט לעבנס, מיט יונגשאַפט. די גאָלדענע מטבעות האָבן זיך געסודעט... און די פאַרשמאַכטע מיט פאַרטריקנטע לעפצן האָבן אויסגעהויכט דאָס לעצטע שטיקל נשמה...

און דאָס האַרץ פלעגט פאַרצאַפּלט ווערן ביי יעדן אָרנטלעכן מענטשן צו-ציקוקן זיך צו דער מאָוימדיקן תהום, וואָס האָט זיך געטיפט פאַר אונדזערע אויגן.

און אַ פּראָטעסט איז געוואַקסן אינמיטן די גאַסן, אַרויסגעקוקט פון יעדן שטיין פון ברוק, געשאָסן פייערדיקע אויגן פון אונטער יעדער ברעם פון אַ באַגעגנטן פאַרסאַזשעטן אַרבעטער.

און אַ שרעק איז אַרומגעגאַנגען איבער די שטילע פאַרשלאָפענע געסלעך פון הינטער דער שטאָט.

מער ניט ווי די טויבע האָבן זייערע טריט ניט געהערט.

און פייערדיקע דרשות האָבן זיך געלאָזט הערן וועגן פּאַטריאָטיזם פון יענע, וואָס האָבן מאָביליזירט די פּראָדוקציע און געשוואָלן געוואָרן פון טאָג צו טאָג. 200 פּראָצענט פאַרדינסט איז געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג אין דערווירטשאַפט.

גאָלד ווערט בלוט און בלוט ווערט גאָלד... וואָס פאַראַ מחיהדיקע אַלכימיע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט...

דער איינציקער אָרט, ווו מען האָט דעמאָלט געקענט אויסגיסן דאָס אָנגעווייטיקטע האַרץ בפרהסיא... מיט פאַרמאַכטע טירן... איז געווען אין דער וועגעטאַריאַנער געזעלשאַפט.

אין לייב פון טווערסקאיע שטעכט זיך אַריין, ווי אַ נאָדל, גאַזעטני-פּערעו-

לאַק. דאָרטן פלעגן זיך פאַרזאַמלען טאָלסטאָיס תלמידים, עטלעכע תלמידים מובהקים, וואָס האָבן געגאָסן וואַסער אויף זיינע הענט, ווען ער האָט געלעבט.

איך פלעג אַהין אַריינקומען ווי אַ פרעמדער צווישן אייגענע. מען האָט גערעדט קעגן דער מלחמה. מען האָט געלייענט בריוולעך פון יענע, וואָס האָבן זיך אַנטזאָגט, און זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו חושכן אין געפענגענישן.

דאָס איז געווען דער אינדזל פון יושר. דאָ האָט געקלאַפּט דאָס געוויסן פון מאָסקווע.

עס איז אויך געווען אַ „געזעלשאַפט פאַר פרייער דערציִונג". דאָרטן איז געווען דאָס צווייטע אָרט, ווו מען האָט געקענט ריידן אויף אַ פאַרשטעלטן אופן... מיט האַלבע ווונקן, מיט געבן אָנצוהערן... אַז ניט אַלץ איז כשורה אין דעם לאַנד. און געווען עטלעכע אויסגעניכטערטע קעפּ מיט אַ מויל אין זיי פלעגן זוכן און געפינען אַ געהער און צוהערעניש...

אָבער ווו האָט זיך געשמידט די צונג — דער דונער, ווו האָט זיך געשאַרפט די שווערד, וועמען עס איז באַשערט געווען איבערצוהאַקן דעם ווילדן פלאָנטער פון בלוט און פאַלשקייט? —

אין דער צווייטער העלפט פון „שטאָט, ווו די קעלערן זענען געווען געפּאַקט מיט בליצנדיקע אויגן, מיט הענט, וואָס בעטן זיך צו ווערן פויסטן, וואָס ווען זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויף מירמלשטיין, — איך בין קיין ייִד ניט, אויב ער וואָלט זיי ניט צעברעקלען.

אָט אין יענע ווינקלען, ווו מען איז געשלאָפן אויף בענק זאַלבעצווייט און זאַלבעדריט, אָט פון יענער טיף האָט זיך געהויבן אַ שטאָלענער אָרעם און פאַרקריצטע ציין האָבן האַלב אַרויסגעזעגט: גענוג!

די סתירה האָט זיך געמוזט אויפרייסן.

און האָט זיך אויפגעריסן צום סוף פון פעברואַר 1917.

II

דער ראָזער שמייכל

עס טראָגן זיך איבער די גאַסן קלאַנגען. מען סודעט זיך הערנדיקערהייט. אַ ליפּ צו אַ ליפּ, און עס פליסט אַ טייכל פון נייסן: אין פּעטראָגראַד איז אַ טומל, מען שיסט; די דומע איז פונאַנדערגעטריבן. און מאָסקווע ווערט אייך אויער. און אַלע וואַרטן. די באַריכטן ווערן באַשטעטיקט. און עס לאָזט זיך גיין אַ גאַנצע מחנה יונגע ייִנגלעך פון די פאַבריקן אַרויס, אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע, כמעט אַז שטיקלעך לייב קוקן אַרויס פון די לעכער, אין הויכע שמוציקע שטיוול, דריי מאָל אַזוי די גרויס ווי די פוס, וואָס באַמבלען זיך אַרום אין זיי. און דערצו, ווי צו רייצן די פאַרפּוצטע מאָסקווע, ווי איינער זאָגט, עפּעס ווי אויף צו להכעיס די שיינע, ריינע גאַסן און פנימער, — אויסגעשמירט אין סאַזשע, שוואַרצע צורות, שמוציקע הענט, מיט אַראָפּגערוקטע היטלען, האַלב־צעריסענע, פון וועל־

כע עס שטעקן אַרויס שטיקלעך וואַטע און פעל צוזאַמענגעמישט. אַזאַ מין סאָרט פאַרשטעלעניש לאָזט זיך גיין איבערן גאַס.

איך האָב זיי באַגעגנט לעבן טרובנע. זיי שטעלן אָפּ אונדזער טראַמוויי־פור:

— וואָס ווילט איר, חברה־לייט? — פרעג איך זיי האַלב־שמייכלענדיק.

זיי פאַרשטייען, אַז אַלע מיינע סימפּאַטיעס נעסטן אין די לעכער פון זייערע מלבושים, און זיי ענטפערן:

— מיר גייען צום גובערנאַטאָר בעטן ברויט!

— גייט, קינדערלעך, און זאָל אייך גאָט העלפן! — ענטפער איך און קוק זיי לאַנג נאָך; ווי אַ באָבע באַגלייט מיט איר קוק אַן אייניקל, וואָס פאָרט אַוועק אין אַ ישיבה.

צום גובערנאַטאָר נאָך ברויט! עס איז אַ גוטער איינפאַל. מער דאַרף מען ניט. מפּלות אַן אַ שיער, טומלען אין פּעטראָגראַד, און קינדער בעטן ברויט. און מאַקלאַקאָוו איז דאָ געווען מיט צוויי טעג צוריק און געהאַלטן אַ דרשה, אַז מען דאַרף מאַכן אַ הויף־איבערקערעניש, „שטילע־באַשווייגע״, אַזוי אַז מיר, לינקע שקצים, זאָלן זיך ניט דערוויסן. וואָרום, האָט ער געטענהט צו זיינע אייגענע מענטשן, אַ ניט וועט דאָ ווערן אַ גאַנצע בהלה.

דאָס איז געווען די שפּיץ־חכמה פון אונדזערע קאַדעטן: אַ הויף־רעוואָלוציע, צווישן זיך אַ דורכמאַך. און די רוסישעווירקלעכקייט איז זיך געשטאַנען אין אַ ווינקל און געמאַכט פון זיי, די בלינדע און קרומע פירער, חוזק.

אַלע ווייסן, — געוויינטלעך איז פאַראַן אַ סאָרט מענטשן, וואָס מאַכן זיך ניט ווייסנדיק פון דעם, אַז פרילינג איז זמן חרותנו, די צייט פון פרייהייט. משנכנס אָדר מרבים בשמחה. מענטש, נאַטור און געזעלשאַפט זענען אין קניפּל. עס צעגייט דער שניי. עס ווייזט זיך די זון און אַ שמייכל צעגיסט זיך איבערן פּנים פון הימל. און די טייכן רייסן די קייטן, און אַ פּולס פון לעבן און שטרעבן נעמט קלאַפּן אין זיי. און זיי נעמען גיין...

אַ רעוואָלוציע איז אַ קינד פון פרילינג.

עס שפּראָצן האָפענונגען אין האַרץ פון דער געזעלשאַפט. און די קייטן צעשמעלצן ווי חלבנע ליכטלעך.

עס לויפן אַרום ווי שדים די לאַסטאויטאָס איבער די גאַסן; אין זיי סטודענטן מיט ביקסן אין די הענט. עס שטייען אויסגעשטעלט פּיקעטן אויף אַלע ווינקעלעך. אין שטאָט איז דערקלערט אַ שטאַנד... ווער ווייס ווי אַזוי עס אָנצורופן... קיינער גלויבט אין דעם ניט. אויסגעגאַנגען איז דער גלויבן אין די כוחות פון דער זעלבסטהערשונג. און מאַראַזאָווסקי, דער קריגס־גובערנאַטאָר, זאָגט: „איך וועל ניט שיסן״, אָבער „איך וועל אייך די שטאָט ניט אָפּגעבן״. עפּעס ווי איינער בעט ביי אים. געזאָגט האָט ער עס אין דער פרי, פאַרנאַכט איז ער שוין געווען אַרעסטירט.

דער קרעמעל האָט זיך אונטערגעגעבן. מאָסקווער באַסטיליע איז איינגענומען אָן איין שאָס. אין די קאַזאַרמעס זענען די זעלנער פאַרשפּאַרט. אַ טייל פון זיי אין גאַס; מען האָט זיי געבראַכט, אָבער מען האָט זיי גלייך אַוועקגעפירט. עס איז געפערלעך זיי צו לאָזן אין גאַס. דאָס איז ניט דער 1906־טער יאָר...

און גאַנץ מאָסקווע איז איין גאַס; און באַלקאָנעס און פענצטער זענען געפּיקעוועט מיט קעפּ, מיט אויגן; פון מיאַסניצקע ביז דער דומע איז איין שטיק מאַסע מענטשן. אַלע פריילעך, אַלע שמייכלען. אַנדערע וואַרפן זיך אויף די העלדזער און מען קושט זיך מיט ניט־באַקאַנטע, מיט נאָר־וואָס געטראָפענע. זיך צעקושט און פונאַנדערגעגאַנגען זיך.

אַ מין זיסע ברידערשאַפט שפּרייט זיך איבער מאָסקווע. זיס און פריקרע.

און אַלע זענען פול מיט האָפענונגען און שטרעבונגען און זיכערקייט: דער שווערער קאָשמאַר פון זעלבסטהערשונג איז אַריבער. און דער שניי שמעלצט און שמעלצט און מיט אים די אַלטע, גרויע אינסטיטוציעס.

און מענער און פרויען פון די העכערע קלאַסן שפּאַצירן אַרום מיט רויטע ראָזעס אין די קנעפּל־לעכלעך, און די רויטע ליפּן און די ווייסע ציינער האַלטן אין איין שמייכל־געלויבּ צו דער נאָך ניט באַשאַפענער אָרדענונג. זיי זענען זיכער: עס איז, עס קומט זייער צייט. און ווי פּאַוועס שווימען זיי אַרום אין שטילע וואַסערן פון זיכערע און געמיטלעכע גרופּן מענטשן, וואָס שטייען אין די גאַסן.

אָבער דאָס האַרץ פון מאָסקווע איז די שטאָטדומע.

אויפן דומעפּלאַץ שטייען מענטשן אויפגעקליבן פון אַלע שיכטן: רייך, אָרעם, הויך, נידעריק. אין אַלעמענס האַרצן איין קלאַפּ: „פּטור געוואָרן פון קייסער".

צו דער דומע פירט מען, שלעפּט מען, ברענגט מען, אונטערן אָרעם געהאַלטן, פּאָליציייליים.

— מאַכט אַ וואָרע! גיט דעם וועג!

וואָס איז געשען? מען פירט אַ סטראַזשניק. און דער עולם לאַכט. עפּעס די גאַנצע זאַך, דער גאַנצער אַלטער רעזשים, זעט אויס ווי אַ מין קאָמעדיע. עס איז גאָר קיינמאָל ניט געווען קיין ערנסטע זאַך. אויך מיר געזאָגט: אַ קייסער!

סטראַזשניקעס כאַפּט מען אומעטום. מען נעמט זיי אַראָפּ פון די בוידעמער, מען נעמט זיי אַרויף פון די קעלערס, מען גראָבט זיי אויס פון אונטער דער ערד, מען קריגט זיי, ווו איר ווילט, נאָר עס איז ניטאָ קיין במסתּרים, ווו דאָס אויג פון אַרבעטער אָדער באַלעבאָס זאָל זיי ניט דערקענען. סטראַזשניקעס און פּריסטאַווס און העכערע, — אַלע צו דער דומע, ווו מען סאָרטירט זיי אויס. אויב זיי אָנערקענען דעם נייעם רעזשים, לאָזט מען זיי אָפּ פריי, אויב ניט, אַרעסטירט מען זיי.

און דער פּריסטאַוו פון מיאַסניצקער באַצירק מיט זיינע צוויי געהילפן לאָזן זיך אַרויס און שטעלן זיך אַוועק אויפן בריקל פון דומע און ווענדן זיך צום עולם.

דער פּריסטאַוו, הויך און שטאַרק ווי אַ מויער, אָנגעפּרעסן מיט כאַבאַר וויפל עס קריכט אַריין. אַ פּרצוף, רויט ווי אַ פלאָם. אַ בויך, ווי אַ פאַס פול מיט בראָנפן.

און מיט אַ קול, הייזעריק ווי אַ זויערע אוגערקע, שרייט ער אויס:

— איך בין פאַר דעם פאָלק!

און עס דונערט דער עולם און ענטפערט: הוראַ! און אַ געלעכטער צע־טראָגט זיך איבערן גאַנצן פּלאַץ. דאָס לאַכן יענע, וואָס קענען דעם כאַבאַר־ניק. די זעלביקע צערעמאָניעס מאַכן דורך זיינע באַהעלפערס, — זיי זענען פאַרן פאָלק.

דער עולם איז אין אַ גוטער שטימונג. עס לאַכט זיך, עס שמייכלט זיך, און עס דוכט זיך, אַז אַלץ וועט זיך גיין אַזוי כשורה, אגיל־ואשמחדיק, עפּעס ווי פון זיך אַליין. אַלע צופרידן. אַלע צוזאַמען. אַלע הערצער — איין האַרץ; אַלע פאַרלאַנגען — איין פאַרלאַנג: ווי גוט עס איז צו מאַכן אַזאַ רעוואָלוציע!!!

אַלץ איז פאַרטיק. די פּרי איז צייטיק און כמעט איבערגעוואַקסן אויפן בוים. דער ערשטער בלאָז פון אַ ווונט־ווינטל, און אַ שוואַכן ציטער גיט דער בוים, און די יויכיקע און פליישיקע פרוכט פאַלט אַראָפּ גלייך אין די אָרעמס פונעם פרישן גראָז, וואָס אונטערן בוים. און שטיל און ווייך — אַ מחיה!

מער פאַר אַלעמען זענען צעשלאָגן אין זייער געדאַנק די ייִדן. זיי שטעלן אייך אָפּ אין גאַס מיט דער שאלה: מעג מען שוין נעכטיקן אין מאָסקווע?

און ווען איר באַרויקט זיי מיט אייער: אַוודאי! גלויבן זיי אייך ניט.

אַ רחמנות נעבעך אויפן מיאַסניצקער פּריסטאַוו. דריי־פערטל פון זיין בויך באַשטייט פון ייִדישע הכנסות.

און דער ווייזער אויפן זייגער פון צייט רוקט זיך פון רעכטס אויף לינקס.

פורישקעוויטש איז אָנגעקומען. ער וויל דרשענען, און אין אַ פאָר מינוט אַרום פאַרשטייט זיך, ווי פון זיך אַליין, אַז ער איז ניט דער מענטש און איצ־טער איז ניט זיין שעה... מען רוקט זיך, מען שטופּט זיך פון רעכטס אויף לינקס.

און טשעלנאָקאָוו זאָגט זיך אָפּ, און אָסטראָוו ווערט אויף זיין אָרט. דער קייסער זאָגט זיך אָפּ פון טראָן. און ראַדזיאַנקאָ לאָזט פאַלן אַ טרער... אין נעוואַ אַריין. מער טרערן זענען נאָך פאַרבליבן ניט קיין אויסגעווייינטע אין די אויגן פון די רוסישע אַדללייט.

און אַ צעטל פון די נייע מיניסטאָרן גייט פון האַנט צו האַנט, פון מויל צו מויל. מיליוקאָוו איז דאָ. און די פענצטער אין די רייכע הייזער צינדן זיך אָן מיט גרויס האָפענונג: עס וועט זיין אַ רייכע שניט־צייט. האָפענונג קען אַמאָל אַ ליגן זאָגן, ווי מיינט איר? און רייכע און שטאָלצע נאַרן זיך אַמאָל אויך אָפּ.

עס גייען אַריבער אַ פּאָר טעג — און דער שמייכל פון די ליפּן פון דער שיינער, ריינער אַדלגעבאָרענער מאָסקווע נעמט פאַרשווינדן... און די ציין ווייזן זיך, און עפּעס אַ מין דערשראָקנקייט־פייערל לייכט זיך אין די אויגן: די אַר־בעטער נעמען זיך רירן, און אַ סאָוועט אין מאָסקווע האָט זיך אויפגעקליבן.

אויף וואָס דאַרף מען עס? — ציִען מיט די אַקסלען די זאַטע און פעטע,און מאַכן זיך, אַז זיי חידושן זיך.

צו וואָס ווערן געשאַפן אַזעלכע ברואים, וואָס קיינער דאַרף זיי ניט!

אויף גיך, אין איילעניש, ווערט צוזאַמענגעשטעלט דער ערשטער אַרבע־טערראַט. ווער עס האָט אַמאָל געהאַט אַ שייכות צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, קומט אַהין און ווערט אָנגענומען. קרישלעך און ברעקלעך פון אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציעס קלייבן זיך צוזאַמען. אַ מענטש דאָ. אַ מענטש דאָרטן, און אַ קאָמיטעט וואַקסט אויס. און אַ פּאַרטיי פאַרהיילט די וווּנדן פון ניט־עקזיסטירן און שיקט

אַ פּאַרטרעטער. מען איז ניט מקפּיד, אַהין, אַהער — אַבי אויסגעקליבן. און די ערשטע זיצונג אָפּגעהאַלטן. די באַגייסטערונג איז אין לשער. און די תּרעו־מות איז אויך אין לשער.

און מאָסקווע ווערט שטאַרק ערנסט און נאָך מער צעטראָגן: אַ מלוכה אין אַ מלוכה, אַ זאַך, וואָס קען ניט זיין.

די מיידל־רעוואָלוציע האָט אָנגעווירן איר אומשולדיקייט.

די אַרבעטער אַרבעטן ניט; זיי ווילן ניט גיין צוריק צו דער אַרבעט, ביז זיי וועלן זיין זיכער, אַז דער נייער רעזשים האָט אַ קיום.

און דעמאָנסטראַציעס ציִען זיך, רויטע פאָנען באַווייזן זיך. און ענדיקעס זענען פאַראַן אַ סך, וואָס שרעקן זיך פאַר דער רויטער פאַרב; און רעדעס לאָזן זיך הערן: מיטן קייסער פאַראַמאָל וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך פּטור צו ווערן פון די גבירים... געוויינלעך, דאָס איז גלאַט אַזוי דבורים. די אַרבעטער הערן און עפּעס ווי זיי הערן ניט.

איבער טרובנע לאָזן זיך גיין אַלע טראַמוויי־אָנגעשטעלטע. מען שטעלט אַוועק אַ באַנק. איך גיי פאַרביי צופעליק, איך האַלט אינמיטן אַ שמועס מכּוח ליטעראַטור מיט בעל־מחשבותן. און דער גייסט פון דער רעוואָלוציע גיט מיר אַ ברי און איך שטעל זיך אַוועק און גיב זיי צו פאַרשטיין, אַז אונדזער וועג איז אַ לאַנגער, און אַז ראַדזיאַנקע ווינט דאָ באַלד נאָענט און ער וועט אַ סך ניט האָבן צו גיין... און מיליוקאָוו ווינט אויך נאָענט לעבן קייסערס הויף, און אים וועט אויך נישט זיין ווייט... און איר וועט בלייבן באַלד אַליין און איר וועט האָבן אַ שווערן וועג.

זיי הערן זיך איין מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. און דאַכט זיך, זיי פאַר־שטייען מיך. זיי לאַדן מיך איין צו קומען צו זיי אינאָוונט צום מיטינג.

און די סתירות פון דעם אַלטן רוסלאַנד ווייזן זיך אַרויס.

און פון צווישן די רויזן פון דער רעוואָלוציע ווייזן זיך די דערנער און שטעכלעך...

און אַנשטאָט צו קושן זיך — קריגט מען זיך שוין אין די גאַסן.

— 8 שעה אַרבעט! עס איז אומגעהערט! איצטער, בשעת־מלחמה, ווען דער זעלנער אַרבעט טאָג און נאַכט! — טענהן יענע, וואָס לעבן פון יענעמס אַרבעט.

און מיר לאַכן און ענטפערן: מיר סטאַרען זיך פאַר אייך; מיר גרייטן אייך צו אַ קורצן אַרבעטסטאָג; מיר ווייסן, איר זענט ניט בכוח צו אַרבעטן 12 שעה; מיר סטאַרען זיך פאַר אייך און ביי אייך איז עס ניט אָנגעיייגט.

ניטאָ קיין שלום־בית. די רעוואָלוציע ווערט פאַרשטאַנען פון יעדן קלאַס אויף זיין אייגענעם שטייגער.

פרייהייט! וואָס מיינט מען אָבער דערמיט?! זיי מיינען אָנצופירן ווייטער די מלחמה מיט די מפּלות אָדער נצחנות, מיט גרויסע פאַרדינסטן, וואָס זענען גרעסער פון די קעשענעס אין זייערע נייע קאַפּאָטעס.

מיר טייטשן עס אויס גאָר אַנדערש. מיר ווילן שלום.

אַ סוף זאָל נעמען צו דער מלחמה און צו דעם גאַנצן אַלטן איינשטעל. עס איז צייט, כ׳לעבן, שוין לאַנג צייט, אַ סוף צו מאַכן צו אָט־דער אוממענטשלע־כער רשעות און חיהשער ווילדקייט. ווי לאַנג דאַרף אַזאַ באַרבאַריטעט אָנהאַלטן!

מיר אַמפּערן זיך אין די אוידיטאָריומס, אין די פאַבריקן, אין די אַר־בעטערקלובן און מער ווי אומעטום — אין די גאַסן.

מאָסקווע זעט אויס, איך שטעל מיר פאָר, ווי דאָס אַמאָליקע אַטען, מיט דעם אונטערשיד, וואָס דאָ ווערן די וויכּוחים געפירט ניט מכּוח פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, נייערט וועגן לעבנספראַגן.

שיקט אַרויס אַ בליק, ווי אַ טויב אָדער ווי אַ ראָב. און ער וועט מיט זיך מיטברענגען אַ געזעמל מענטשן מיט אַן אָראַטאָר טורעמענדיק איבער זיי.

דאָס געזעמל הערט זיך צו שטאַרק אויפמערקזאַם צו די רייד פון די רעד־נער און פּאַטשט זייער פלייסיק מיט די הענט „קיכעלעך״. די רעדנער פאַרבייטן איינער דעם אַנדערן. שלאָגן אָפּ איינער דעם אַנדערנס אַרגומענטן.

„ער איז גערעכט״! „ער איז גערעכט״! — שרייט דער עולם.

אַלע זענען גערעכט. זיי קענען אָבער אַלע ניט זיין גערעכט. זיי ווידער־שפּרעכן איינער דעם אַנדערן. דער צווייטער רעדנער זאָגט פּונקט קאַפּויר פון דעם, וואָס דער ערשטער האָט געזאָגט. אָבער יעדער איינער, בשעת ער רעדט, איז ער דער גערעכטער.

פּושקין שטייט אויף זיין פּיעדעסטאַל ביים סאַמע אַריינגאַנג צום טווער־פּלאַץ. די קייטן, וועלכע האָבן אָפּגעצוימט דאָס שטיקל מקום־קדוש, האָט מען אַראָפּגענומען. מען האָט זיי פּשוט צוגעגנבעט. מען האָט זיך געקוואָפּעט אויף דעם בראַנדז. אויף די מירמלטרעפּלעך פון אימפּאָזאַנטן מאָנומענט שטייען רעד־נער, און אונטן, אויף דער ערד, שטייט דער עולם. די רעדנער — ריידן, דער־ווייזן עפּעס, פלייסן זיך צו איבערצייגן. די אויפגעזאַמלטע הערן, זיי זענען מסכּים. מען פּועלט ביי זיי אַלץ גאַנץ לייכט, כּל־זמן מען פאָדערט גאָרניט, נאָר בלויז אויסצוהערן און מסכּים צו זיין. פּושקין הערט זיך איין מיט זיינע שווערע שטיינערנע אויערן — און שוויגט. מיט וועמען האַלט ער? מען קען ביי אים גאָרניט דערגיין. ער מישט זיך ניט. ער פאַרריכט אַפילו ניט די גרייזן פון די ניט צופיל געבילדעטע טריבונס.

דאָס זעלביקע טוט סקאָבעליעוו, אויף זיין פּיעדעסטאַל, אַביסל ווייטער אַראָפּ טווערסקאיע גאַס, הגם ער איז ניט קיין דיכטער, נאָר אַ גענעראַל און איז באַוואָפנט, און רייט נאָך דערצו אויף אַ פערד. די נפקא־מינה באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס סקאָבעליעוו קריגט אַלעמאָל אַן עולם, וועלכער איז קאַדעטיש געשטימט, (ק. ד. — דאָס זענען איניציאַלן; זיי באַדייטן „קאָנסטיטוציאָנעלע דע־מאָקראַטן״, די פּאַרטיי פון די בורזשואַזע ליבעראַלן), בשעת פּושקין ציט־צו אַ מער ראַדיקאַלן עלעמענט. סקאָביעליעוו איז דאָך אַ מיליטאַריסט, אַ קריגער, אַ הונדערטפּראָצענטיקער פּאַטריאָט, אַ זיגער, און פּושקין איז דער האַר פון די מוזעס, אַ רעוואָלוציאָנער, געווען פאַרשיקט, הגם בלויז אויף קאַווקאַז...

איך בין דאָ ניטאָ. דער פּלאַץ איז ניט פאַר מיר. צו־פיל מיטלשטאַנד און ווילשטאַנד. איך בין אויף יענער זייט טייך, מעבר לנהר. סערפּוכאָוופּלאַץ, קאַליוזש־פּלאַץ זענען מיינע פאַוואָריטן. דאָרטן קלאַפּן אַנדערע הערצער. דאָרטן עפענען זיך גאָר אַנדערע מיילער און אויערן.

מאָסקווע רעדט — און קריגט זיך דערווייל בלויז מיט ווערטער. איך

טראַכט מיט פּחד: זי וועט זיך באַלד־באַלד נעמען שלאָגן, לאָזן אין גאַנג די הענט, ניט נאָר די געשליפֿענע צינגלעך.

דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם בליט־אָפּ. די ביטערע פּרוכט פֿון רעאַ־ליזם וואַקסט אויפֿן בוים פֿון וויסן גוטס און שלעכטס.

מאָסקווע פֿאַרזוכט פֿון עץ־הדעת און זי פֿאַרלאָזט דעם גן־עדן פֿון ביר־גערלעכן פֿרידן און צופֿרידנקייט.

III

„פֿרייהייט און גערעכטיקייט...״

פֿרייהייט. איאָ, אַ פּשוט וואָרט. אויף יעדן שפּיצצונג, אויף יעדער ליפּ, סיי אַ ריינע, סיי אַן אומריינע.

אויב איר האָט אַ האַרץ און אין האַרצן אַ טונקעלן ווינקל, ווו די באַבע־רחמנות וווינט — טשעפּעט בעסער ניט דאָס וואָרט און דעם באַגריף, וואָס, ווי אַ פֿאַרשפּאַרט פֿייגעלע אין אַ שטייגעלע, זיצט זיך דאָרטן, אָט טאַקע אין דעם וואָרט, און פּישטשעט עפּעס אַ מין וואַלד־ניגון.

דער באַגריף רייסט זיך מיטן גאַנצן כּוח צום וואַלד; ער שלאָגט מיטן פֿליגל קעגן די אײַזערנע גראַטן פֿון קלאַנג, וואָס אין דעם שטייג פֿון וואָרט.

גאָרניט! איר קענט זיך ניט העלפֿן. דער באַגריף פֿרייהייט איז אַזוי פֿריי אַז אַפֿילו דאָס וואָרט פֿרייהייט איז צו ענג און שמאָל, און מעשה־תּפֿיסה דריקט עס און פּרעסט עס.

מילא, גאָרניט. מען קען עס ניט דעפֿינירן.

און ווען איר דעפֿינירט עס, באַשרייבט עס — הרגעט איר עס אַוועק.

בעסער פּרובירט ניט.

גרויסע קעפּ, הויכע מוחות און צייטנווייז צעדרייטע פֿאַרשטאַנדן האָבן פּרובירט מאַכן די זאַך קלאָר, ווי זיי האָבן געמיינט.

אָבער יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן עס געטאָן, זענען זיי אַריבער אין אַ סתּירה, און במקום פֿרייהייט האָבן זיי אונדז אַרויסגעבראַכט באַגרענעצונגען אויף באַגרענעצונגען.

אַזאַ טבע האָט דער באַגריף.

דער רעאַליסט לאַכט פֿון דעם וואָרט מיט זיין נעפּלדיקן אינהאַלט.

ווען איך בין רעאַליסטיש אין געמיט, לאַך איך אויך.

אָבער ניט אַלעמאָל וויל מען זיין רעאַליסטיש, ניט אַלעמאָל קען מען עס זיין, און מען דאַרף עס זיין.

וואָס איז פֿרייהייט?

ס׳פֿאַראַן, וואָס מיינען, אַז דאָס איז אַ מאָנומענט, אַ שטיק מירמל, און אויס־געהאַקט אין דער געשטאַלט פֿון אַ פֿרוי.

צי האָבן די סקולפּטאָרן געהאַט בכוונה צו געבן אונדז אָנצוהערן: פרייהייט איז שוואַך ווי אַ פרוי? איך ווייס ניט, עס קען אַמאָל זיין.

דאָס וואָלט געווען צו קלוג פאַר סקולפּטאָרן.

פרייהייט! און אַ זעלנער קלייבט אויף זיין האַק און פּאַק און לאָזט זיך גיין אַהיים פון פראָנט אינמיטן די רעכטע גערדיכטע פון מלחמה.

פּשוט, עס ווילט זיך אים זען זיין ווייב און קינדער. ער האָט זיך פאַר־בענקט. און אַז מען כאַפּט אים, און מען שטעלט אים אָפּ, און מען פרעגט אים:

— סטייטש, אין אַזאַ צייט... וואָס הייסט עפּעס לויפן פון פראָנט?

ענטפערט ער מיט פּשטות: פרייהייט, סלאָבאָדאָ!

און דער אַנעקדאָט־פאַקט טראָגט זיך איבער מאָסקווע, און אַפילו איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אָבער זאָגט, מיט גאַנצן האַרצן גערעדט: איז ער ניט גערעכט געווען אויף זיין שטייגער, און האָט ער עס ניט אויסגעטייטשט בעסער ווי אַ סך טעאָרעטי־קער?

אַלע האָבן געלאַכט פון אומוויסנדן זעלנער; קיין ריכטיקערע דעפיניציע האָט קיינער אָבער ניט געקענט געבן.

צו וואָס דאַרפן מיר אַזעלכע ווערטער און אַזעלכע פאַרפּירערישע באַגריפן? יאָ, דאָס איז אַ מעטאַפיזישע אַנשיקעניש! דאָס איז אַן אוממעגלעכע זאַך צו פאַרווירקלעכן! — טענהן אַלע „קלאָרע" קעפּ.

אָבער „לא על הלחם לבדו יחיה האדם"! — מיר קענען זיך ניט אַלעמאָל שפּייזן מיט די טרוקענע וויסנשאַפטלעכע פאַרדאַרטע שטיקלעך סקאָרינקעס.

עס ווילט זיך עפּעס מער, עפּעס בעסערס.

עס איז אוממעגלעך! — שרייען זיי.

און מיר ענטפערן מיט הונדערטער און הונדערטער מיליאָנען הערצער:

מיר לעבן אויף דער וועלט צו „דערמעגלעכן דאָס אוממעגלעכע"!

אַזעלכע באַגריפן וואָלט איך קיינמאָל ניט אַריינגעלאָזט אין אַ יידישער וויסנשאַפטלעכער שטוב.

ער, דער באַגריף, וואָלט אָבער קיינמאָל אַהין ניט גיין; ער לעבט אין דרויסן, און דער הימל איז צו־שמאָל פאַר אים, און דער אין־סוף כמעט אַן אלקער, אַ ד' אַמות.

אַבסאָלוטע פרייהייט! — אַ טרוים, אַראָפּגעפאַלן צו אונדז ערגעץ פון אַ פליגל פון אַ פאַרבייגעפליגענער וועלט. אַ וועלט אָן געזעצן, אָן פאַרבאָטענישן און אָן דערלויבענישן.

און אַזוי לאַנג ווי עס לעבט דער מענטש אין מענטשן וועט ער דאָס וואָרט טייער האַלטן, הערצלעך גלעטן און וואַרעמען ביי דער ברוסט.

עס איז אָבער פאַראַן אַ „העכער" און „נידעריקער" אין דער מענטשלעכער נאַטור; מען האָט גערעדט אַ סך וועגן איבערמענטש.

פאַרגעסט ניט, ברידער, עס איז אויך פאַראַן אַן אונטערמענטש.

אַ, יאָ, אַנדערע אויף דער זייט בריק, אַנדערע אויף יענער זייט בריק און אַנדערע אין רעכטן מיטן.

מענטש איז אַ בריק, האָט אונדז געלערנט ניטשע.

און פרייהייט איז דאָס וואָרט, וואָס טראָגט זיך אַרום עפּעס ווי אַ שיף אין דעם ים פון דבור, אַ שיף מיט אַ הויכן זעגל, אָבער אָן אַ רודער...

סלאַבאָדע — דאָס איז די פאָן, וואָס פלאַטערט אויף דעם טורעם פון מויל און אויסדרוק. איר זעט דעם זעגל פון דער ווייטנס, איר הערט זיין ציטער אומעטום:

אין גאַס, אין מאַרק, אין קלייט, אין שטוב און לעבן שטוב.

און ער רייצט און זאָגט צו.

גיט אַ קוק אויף די גאַסן — אויף די פלעצער: קעפּ און קעפּ — פון דער הויך ווען איר קוקט. פיס און פיס — פון אונטן. און אַלץ באַוועגט זיך גיכער, שנעלער, מיט מער לעבעדיקייט, מיט מער זיכערקייט.

קעפּ און פיס, און ווו זענען די איבעריקע טיילן פון זינדיקן גוף? אָט זענען שולטערס, אָרעמס און פּשוטע הענט.

און, אַז אַלץ איז פריי — ווערט די האַנט פרייער. און עס באַוועגט זיך, עפּעס זי וויגט זיך מיט לייכטקייט אַהין און אַהער...

אַ מענטש איז ניט נאָר אַ טעמפּל, ווו עס רוט אַ גאָט, אַ שכינה.

אַ מענטש איז ניט נאָר אַ פּאַלאַץ, אין וועלכן עס וווינט אַ גייסטיקער מאַגנאַט.

ער איז אויך — ביי היינטיקע צייטן — אַ זומפּ, אין וועלכן עס וואַלגערט זיך אַ גרויסער דבר־אַחר.

און גאַר אַמאָל אַ לאָך, ווו עס שלאָפט ווינטערצייט אַ בער, אַ פעטער, אַ מגושמדיקער, מיט האַניק אָנגעפּרעסענער בער.

און גאַנץ אָפט אויך אַ דזשאָנגל, ווו עס וווינט דער ווילדער טיגער בכבודו ובעצמו, לעבט און רצחנט.

ווי אַזוי לעבן זיי זיך אַלע איין אין מענטשן? — פרעגט ישעיה הנביאן. ער ווייסט דעם סוד.

און, אַז פריי — איז פריי. זענען אַלע פריי. הן דער קוש, הן דער ביס, הן די שכינה, הן דער שטן, הן דער מלאך, הן די אשה.

און מאָסקווע, ווי אַלע שטעט און שטעטלעך, האָט גרויסע גנבים און קליי־נינקע גנבימלעך. שקצימלעך, וואָס לעבן בגנבה און לעבן פון גנבות. אַז אָך און וויי ווי אַזוי זיי לעבן, אַז אָך און וויי ווי אַזוי זיי גנבענען!

אַ מענטשלעך אויג קען ניט איבערלייענען זייער ביאָגראַפיע און ניט ווערן אַ פאַנטאַן פון טרערן צו באַוויינען זייער שיקזאַל.

אָבער די הענט האָבן קיין אויגן ניט. און וועלכעס אויג איז דאָס מחויב צו לייענען אַזאַ מטושטשן כתב־יד ווי די לעבנסגעשיכטע פון אַ גנבל, אָנגעשריבן אין דער פינצטערניש פון אַ נאַסן קעלער מיט שוואַרצע אותיות פון טויטע קרעכצנדיקע שאָטנס.

און מען פוילט זיך צו לייענען עס, אַפילו דורכצוקוקן עס. מען קען טאַקע בלינד ווערן, קריכנדיק דורך אַזעלכע קרומע־לאָמע שורות...

דער מאַרק, סוכאַרעווקע הייסט ער. ווער האָט געלעבט אין מאָסקווע און געשילדערט זי, און דיך, מאַרק, ניט געשילדערט?

בײַ אַ בעסערער געלעגנהייט, סוכאַרעווקע, וועל איך דיר אָפּגעבן מײַן חוב פֿון אַ מאָלער. געבן אַ פּרטימדיק בילד פֿון דיר.

איצטער קלעמט מיר דאָס האַרץ — און צום ווידערזען, סוכאַרעווקע.

אַ ים פֿון קעפּ. טישלעך און בענקלעך. אַ געדיכטעניש, אַ מענטש אויף אַ מענטש. אַפֿילו דעם טראַמוויי לאָזט מען ניט אַדורך. ער קלינגט און קלינגט און יעדערער מאַכט זיך ניט וויסנדיק. איבערגעוואַלט זעגט ער זיך דורך אַ שטיקל וועג, וואָס ווערט גלײַך פֿאַרוואַקסן מיט פֿלייש פֿון מענטשן פֿון בײדע זײַטן.

דאָרט איז דער טײַך, ווו די קלײנע פֿישעלעך פֿון גנבֿה לעבן.

אַ כאַפּ אַ ברעקל און זיך אַראָפּגעלאָזט צום אָפּגרונט פֿון מענטשלעכן טײַך.

עס צעגייען זיך קויקן איבערן געזיכט פֿון וואַסער, און ניטאָ.

ווער, וואָס, ווען?

אָט, אויף טשיקאַוועס, קוקט...

צווישן די טישלעך און די הענדלערקעס און הענדלער, קויפֿער און פֿאַר־קויפֿער פֿון סחורות, לאָזט זיך מאַכן, דורך שטופּן און שטורכען, אַ שטיקל שטעג אַ שגצל פֿון אַ יאָר דרײַצן. אַ פּנים אַ פֿאַרחושכטער. אַ היטל — אַז איר וואָלט עס פֿרעגן און איר וואָלט. האָבן די צײַט און געדולד עס אויסצוהערן, וואָלט עס אײַך געקענט דערציילן וועגן צענדליקער קעפּ, אויף וועלכע עס איז געזעסן בכבוד גדול ביז עס איז אַראָפּ, ווי אַ יורדטע, און זיך באַזעצט אויף דעם שמעט־ניק, וואָס עס שטעלט פֿאַר מיט זיך דער צעקלאַטשעטער, צעקאָלטענעוואַטער קאָפּ פֿון אָט־דעם נפֿש — אַראָפּגערוקט איבער די אויגן, די באַקן אײַנגעפֿאַלן ווי אַן אַלטע וואַנט פֿון אַ חורבה, וואָס האָט זיך גענוג אָנגעליטן אי פֿון ווינט און אי פֿון רעגן. די ליפּן פֿאַרשמאַכט און פֿאַרביסן. הויכע פּלייצעס און מאָ־גערע שמאַטעס הענגען אַראָפּ פֿון זיי. עס באַמבלט זיך אַרום אָט־די אָפּגעריסנ־קייטן עפּעס ווי אַ מין אָרעם אין אַ משונהדיקן יאַפּאַנישן קימאָנאָ.

עס רוקט זיך אָט־די פֿיגור. זי וואַרפֿט נעצן־בליקן אויף אַלע זײַטן. עס דוכט זיך אײַך, אַז די מאָדנע באַשעפֿעניש פֿאַרמאָגט אויגן אַפֿילו אין רוקן, אַזוי רירעוודיק איז דער האַלדז און דער קאָפּ, זיי גייען ממש אַרום אויף פּרוזשינעס און קענען באַצייכענען אַ גאַנצן קרײַז. און די אויגן — אַ פּייערל ברענט אין זיי ווי בײַ אַ הונגעריקן וואָלף אין מיטן ווינטער ערגעץ אין אַ געדיכטן וואַלד, אַ גלי און אַ לעש, אַ צונד אָן און אָן אויסגיי. שאַרף ווי אַ חלף נאָר־וואָס אָנגע־שטעלט פֿון אַ אומן־ייד. צוויי הענט פֿאַרמאָגט ער. זיי באַגלייטן ווי טרייע שומרים דעם וואָרף פֿון אויג. וווהין די פֿייל פֿון קוק לויפֿט, אַהין ציט זיך גלײַך דאָס שטריקל פֿון אָרעם און האַנט.

מען קען אים. ער איז ניט קיין פּנים חדשות אויף סוכאַראָווקע. ווען ער לאָזט זיך פֿאַרבײַגיין, ווערן סחורות צוגעבונדן מיט קייטן פֿון אויפֿמערקזאַמקייט.

ער גייט זיך שטיל, פּאַמעלעך, מיושבֿדיק. ער קראַצט זיך בשעת־מעשה אונטערן היטל מיט דער לינקער האַנט. אַ ווײַלע שפּעטער לאָזט ער טיף אַרײַן די רעכטע האַנט אין בוזעם. ער יאָגט זיך דאָרט נאָך אַ חיהלע אין געדיכטן וואַלד פֿון זײַן שמוציקן קערפּער, וועלכער איז באַוואַקסן מיט האָר.

אַ פרוי, אַ מאַרק־שטייערקע, פאַרעדט זיך מיט אַ שכנה אָדער אַ קונה. זי בויגט זיך איין אַרויסצונעמען עפּעס אַ שטיקל סחורה פון אונטערן טישל. זיין שאַרף אויג כאַפּט אויף, מעסט אָפּ און שאַצט אָפּ די סיטואַציע. אַ שטופּ זיך אַדורך. ער איז דאָ. אַ שטרעק אויס די האַנט. ער גיט אַ כאַפּ — ער פאַרשווינדט. ער פאַרוקט דאָס געגנבעטע שטיקל סחורה אונטער דער פּאָלע. ער לאָזט זיך לויפן.

אַ געשריי, אַ געפּילדער: „כאַפּט דעם גנבֿ!"

מען לאָזט זיך נאָך אים אין געיעג. מען קען ניט לויפן. דער עולם איז צו געדיכט. ער, דאָס גנבֿל, קען אויך ניט לויפן. מען דאַרף אים בלויז דערשנאַפּן מיטן אויג, דערקענען.

פּנימער ווערן אָנגעגאָסן מיט בלוט פון רציחה. העלדזער כאַרכלען אין שאַרפער הייזעריקייט. שיכורע קולות צעטראָגן זיך איבערן מאַרק. פויסטן פּרעסן זיך צונויף מוכן ומזומן. מען האָט אים געכאַפּט. זיין פיגור — איין ציטער און אַ רחמים־בעטן מיט אָן איין פונק פון גלויבן, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי רחמנות אין דעם מענטשלעכן האַרצן. אַ האָגל קלעפּ לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין קאָפּ. דאָס היטל אַראָפּגעפאַלן, צעטראָטן. די האָר — אַ צעפּאָלאָשעטער בוים, און אַ בייזער ווינט שמייסט אים און רייסט אים ביי דער טשופּרינע, אין האַרבסט און בלעטער פאַלן, פאַלן.

בלוט ווייזט זיך אויפן שטערן. עס טריפט טראָפּנווייז: אין ביין האָט זיך אַ קוואַל געעפנט.

אַ בחור פון מיטעלן געוווקס, מיט שוואַרצע אויגן, מיט אַ שטאָלצן קאָפּ, וואַקסט אויס ווי פון דער ערד, עפּעס ווי שטראָם וואָלט אַ פעלדזנשטיין געהאַט אַרויפגעהויבן. ער שטעלט זיך אַוועק צווישן די צעיושעטע שלעגער און דעם נעבעכדיקן שגצל. ער ראַטעוועט אים אַרויס, שלעפּט אים אַרויס פון זייערע הענט. ער רופט אויס:

— פרייהייט מיינט גערעכטיקייט! וואָס טוט איר, פּראַים!

און די חיה אין די שלעגערס ווערט צעיושעט: סטייטש, דעם קרבן צו־גענומען!

און דער גנבֿל אַנטלויפט און קיינער זעט אים ניט און גיט אויף אים קיין אַכטונג ניט, ווי אויף אַ ליכט, ווען די זון גייט־אויף.

אַ פּילגש בגבעה! אָט דאָ איז דער גרויסער פאַרברעכער, וואָס האָט די העזה זיי ניט צו לאָזן שלאָגן אַ גנבֿ! אָט ער איז דער בעל־עבֿירה. און ער איז חייב־מיתה!

מען מאַכט קיין שהיות ניט. מיט אַ דרייַיקער רציחה און אַכזריות גיט מען זיך אַ וואָרף אויף אים. און שטיינער הייבן זיך פון ברוק און לאָזן זיך אַראָפּ אויף דעם בחור. און ער האַלט אין אַרויסריידן דאָס לאַנגע וואָרט:

ג ע ר ע כ ט י ק י י ט.

און אַזוי פליט אַרויס זיין נשמה. דורכן שפּאַלט, וואָס מען מאַכט אים אין שאַרבן, פליט זי אַרויס ווי אַ טויב אויף ווייסע ריינע פליגלען צו דעם ריינעם תכלית־הימל פון גערעכטיקייט און פאַרגעבן.

און אַ רעוואָלווער האָט מען ביי אים אין קעשענע געפונען, טויטערהייט.
ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געטראַכט אים צו נוצן.
איז דען געזעכטיקייט ניט שטאַרק גענוג זיך צו פאַרטיידיקן, אָן כלי־זין?
און ווען ער איז געפאַלן ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים און אַ קלאַפּ געטאָן זיך אָן די אומברחמנותדיקע שטיינער פון ברוק, וועלכע ער האָט באַשאָנקען מיט דער פאַרב פון אַ לעבנסזון, ווען זי פאַרגייט — האָט זיך דער קנויל פון די שלעגער פונאַנדערגעלאָזט און אין גרויס איילעניש זיך צעגאַנגען.
און אַ חרפה און שאַנד לאָזט זיך נאָכגיין נאָך זיי, און וועט זיי קיינמאָל ניט אָפּלאָזן.
ווער איז דער בחור געווען?
אַ חבר פון אַ יאָר 22. אַ פשוטער שניידער. ער האָט קיינמאָל קיין ספרים וועגן עטיק ניט געשריבן. אויפן קוק אַ פשוטער מענטש... ווער קען מעסטן נשמות?
די פאַרשוין גערעכטיקייט, מיט אירע שוואַרצע טיפע אויגן האָט דעם בחורל דערזען און ער איז איר געפעלן געוואָרן. און זי האָט אים אויסדער־ווילט פון די צוויי מיליאָן מענטשן, וואָס אין מאָסקווע. זי האָט געוווּסט, וועמען זי נעמט.
ער האָט פאַר איר דאָס לעבן אָפּגעגעבן, — און אויסגעגאַנגען קושנדיק איר נאָמען.
און אויף דער זון פון פרייהייט האָט זיך אַ שוואַרצער פלעק באַוויזן. אַ סימן פון טרויער.
וועקט אויף דעם חבר לושקאָוו פון טויט און דאָס ערשטע וואָרט, וואָס וועט זיך פאַררויטלען אויף זיינע אָפּגעהיטעטע ליפּן, וועט זיין:
פ ר יי ה יי ט....
„האָב האָלט פרייהייט מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער זעל, מיטן גאַנצן לעבן — אַפילו, אַז מען נעמט ביי דיר אַוועק דאָס לעבן".
איך שרייב עס — דו האָסט עס מקיים געווען.

IV

טאָלסטאָיס תלמיד — גאַרבונאָוו־פּאָסאַדאָוו

ווייט־ווייט, צום סוף פון ארבאַט, אויף יענער זייט סמאָליענסקער מאַרק, אַהין אַוועק איבער פּליושציכע, אויפן רעכטן „מיידלפעלד" (דיעוויטשע פּאָ־ליע), כמעט ביים ענד פון שטאָט, שטייט אַ צווישטאָקיקע מויער. די מויער ווי אַלע מויערן־קערפּערס באַשטייט פון צעלן־ציגל און פון געוועב פון צעמענט, אָבער אין איר, אויפן צווייטן שטאָק, האָט געקלאַפּט אַ מענטשלעך האַרץ, אַ האַרץ פול מיט ליבשאַפט צו אַלט און יונג, צו מענטש און בהמה.

אויפן צווייטן שטאָק האָט געוווינט גאַרבונאָוו־פּאַסאַדאָוו, אָדער קירצער און מער פאַמיליאַר: איוואַן איוואַניטש.

די שוואַרצע נעכט פון דער גרויסער רוסישער רעאַקציע האָט געהאַט, — דורכן געזעץ פון סתירה און צולהכעיסקייטן, מיט וועלכע עס איז רייך די געשיכטע פון אַלע פעלקער — אַ קלאָרן, בליצנדיקן שטערן, וואָס האָט געווינקט האָפענונג און טרייסט און האָט דורכגעשטאָכן די וואָלקנס, וואָס פלעגן אָנשווימען און אומישנע זיך באַזעצן איבער אים, און דער שטערן, וואָס האָט באַלויכטן די רוסישע נאַכט, האָט געהייסן ליעוו טאָלסטאָי.

ניט ווייט פון מאָסקווע שלאָפט טולע. ניט ווייט פון טולע איז געווען אַ הויף מיטן נאָמען יאַסנע פּאָלאַניע, און דער הויף איז אַליין אויף געווען און האָט אַנדערע געוועקט.

און ווען איר דערנענטערט זיך צו מאָסקווע און עס בלאָזט אַ שטיקל רויקער האַלב־נשמהדיקער ווינטל, כאַפּן שוין אייערע נאָזלעכער דעם מחיהדיקן גערוך פון דעם היי, וואָס איז געקאָשעט געוואָרן אין דעם הויף יאַסנע פּאָליאַניע.

איך שווער אייך ניט, אַז יעדערער האָט אַזעלכע נאָזלעכער, אַזאַ חוש־הריח. איך האָב אָבער געהאַט אַזאַ שמעקגעפּיל. און פאַר מיר פלעגן איבער מאָסקווער גאַסן און בולוואַרן אַרומגיין און בלאָנדזשען ווי נשמות דאזלין ערטי־לאַין, די ריחות פון די פּירות, וואָס האָבן געוואַקסן אין די גערטענער פון יאַסנע פּאָליאַניע. און אַ קראָם איז געווען אויפן רעכטן ארבאַט, ווו מען פלעגט פאַר־קויפן די יאַסנע פּאָליאַניער עפּל אין דער געשטאַלט פון ביכלעך, אַרויסגעגעבן אונטער פאַרשידענע נעמען.

און דער פּרוכטפאַרקויפער איז געווען גאַרבונאָוו־פּאַסאַדאָוו.

אויף אַ מער פּשוטן לשון — ער איז געווען דער אַרויסגעבער און דער גרינדער פון פּאסרעדניק, דער מתווך, דער מיטלמענטש, וואָס איז געשטאַנען צווישן יאַסנע פּאָליאַניע און די מיליאָנען פּויערים און גלאַט מענטשן פון המון־עם, וואָס האָבן זיך געוואָלט דערקוויקן מיט טאָלסטאָיס געדאַנקען און האָבן קיין געלט ניט געהאַט צו צאָלן דערפאַר טייער.

„פּאַסרעדניק" האָט געהאַט ביכלעך אַרויסגעגעבן אין די גוטע מיליאָנען.

און דער פּרייז פון די דאָזיקע אויסגאַבן איז געווען איין קאָפּיקע פאַר אַ ביכל.

דרייסיק יאָר, אַז די פירמע האָט עקזיסטירט. און גאַרבונאָוו־פּאַסאַדאָוו איז געווען דער אָנהייב און מיטן פון דעם אַלעם.

דרייסיק יאָר מיין איך אין 1917.

דעם ערשטן וויזיט אין מאָסקווע האָב איך אָפּגעגעבן צו גאַרבונאָוו־פּאַ־סאַדאָוו.

דער ערשטער איז אַלע מאָל דער טייערסטער, אַ בכור און ביכורים פון הארצן, פון געפיל.

אַ צווייִשטאָקיק הויז. אויפן צווייטן שטאָק האָט ער געוווינט.
איך האָב אָנגעקלונגען, ער האָט מיר די טיר געעפנט.

אַלט, גרוי, אַביסעלע איינגעהויקערט, אָבער שטאַרק און געזונט און פול מיט רוחניותדיקע כוחות, ווי אַן אַנגעגאָסענער עפּל.

די ברעמען אַביסעלע אָנגעצויגן, אָבער ניט אין כעס און צעטראָגעניש; נייִן, דווקא, אין איינגעזונקענקייט פון געדאַנק.

און אַ שטילקייט האָט געשוועבט אַרום אים, אין אים, אין אַלע זיינע באַוועגונגען.

און אויפן געזיכט האָט גערוט די שכינה פון עטיק.

אַ שטריך אַהער, אַ שטריך אַהין און אַ פּנים פון אַ צדיק איז פאַר אייערע אויגן. און אַ פּשטות איז אויסגעשפּרייט אַרום און אַרום.

אַלץ איז פּשוט.

דער לשון, וועלכן מיר ריידן.

די מעבל, וואָס אין שטוב.

און פּשוטער איז זיין ווייב.

כלומרשט אָט פון דאָרף אַרויסגענומען.

און זיי זענען מחבר צוזאַמען, ער און זי, ביכלעך פאַר קינדער, צום לייענען, צום לערנען חשבון אָדער אַנדערע זאַכן.

עס איז ניט אַ שטוב, עס איז אַ ווערקשטאַט. דאָ ווערט צוגעגרייט און אַרויסגעגעבן דער חודש־זשורנאַל „פרייע דערציִונג״.

און עס שמעקט מיט דאָרף, מיט פרישקייט און געזונטקייט און אינעווייניקער גליקלעכקייט.

מען לעבט אין אַרבעט און אין שאַפן און אין אָפּהיטן די פאַרזאָגן פון לעוו ניקאָלאַיעוויטש. און מער אין פאַרשפּרייטן צווישן אַלע, וואָס לייענען רוסיש, די גרויסע אידעאַלן פון טאָלסטאָיזם.

אָבער דאָס וואָרט געפעלט אים ניט.

— מיר זענען ניט קיין טאָלסטאָיער — זאָגט ער מיר — מיר זענען קריסטן, און דאָס איז אַלץ.

— פאַרוואָס עפּעס קריסטן? — פרעג איך. — איר דערווייטערט אויף אַזאַ אופן אַלע יענע, וואָס האַלטן ניט פון קריסטנטום.

— יאָ, — פאַרריכט ער זיך. — אין אַלע אמונות איז דער זעלביקער געדאַנק אויסגעדריקט, אָבער אין דער דרשה אויפן באַרג איז עס אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט דער גרעסטער קלאָרקייט.

און אַלץ איז רויִק ווי אַן אָזערע אין אַ זומערטאָג, וואָס ליגט זיך און שלאָפט זיך ווי עפּעס אַ שנה בשבת, אין די גרינע פלאַכע ברעגן.

און אַלץ איז טיף און ווייט ווי דער ים פון אייביקייט איינגעפלאַסטערט אין בערג פון הויכע פעלדזנשטיינער, ווו שטורמעס און וואָלקנס נעכטיקן איבער און לאָזן זיך ווייטער וואַנדערן.

ביכלעך אַרום און אַרום.

דאָס מיינסטע וועגן שול און דערציִונג.

און עס דוכט זיך אייך, אַז איר הערט דאָס פריילעכע געלעכטער, די אומגעשטערטע שמחה, וואָס לעבט, ווי אַ צניעות־קוואַל, אין דעם האַרצן פון יונגשאַפט.

און איר זעט פּאָר אייערע אויגן לעבעדיקע שמייכלען און אייגעלעך פול מיט גליקלעכקייט, אַ נייער דור אָן אַ יאָך, אָן אַ רוט.

און די דאָזיקע זעונג פאַרשפּינט אונדז אַלע דריי אין איין קנויל.

און איוואַן איוואַנאָוויטש דערמאָנט זיך און פרעגט מיך:

— איז דער אַרטיקל וועגן דערציִונג אין דייטשלאַנד און די פאַרייני־קונג פון דער יוגנט, צוגעשיקט צו מיר פון בערלין, געווען אָנגעשריבן פון אייך?

— ניין, פון דעם ברודער, וואָס איז איצטער אין פּעטראָגראַד.

— אַ שאָד, איך האָב עס ניט געקענט דרוקן; די צענזור האָט ניט גע־לאָזט. — און ער ווערט אומעטיק. אַ זיפץ רייסט זיך אַרויס און זיינע אויגן ווערן טיפער און טיפער, און עצבֿות צעשפּרייט אירע נעצן אין זיי.

האָט איר געזען אַמאָל אַן אמתן צדיק, אַן אָפּגעהיטענעם, אַ מענטש, וואָס לעבט אויף די שפּיצן פון די טורעמס, וואָס לעכערן דעם הימל פון רעאַליטעט?

אין אַלע צייטן, ביי אַלע פעלקער, ביי אַלע אומות האָבן זיי כמעט דעם זעלביקן אויסזען: חזותו מוכיח. די צורה שטייט און זאָגט עדות. וואָס איז אַ צורה? אַ שער־בלאַט, וואָס זאָגט אייך, וואָס עס איז אָנגעשריבן אין בוך, וואָס רופט זיך מענטש.

מיר זעען די סקולפּטאָרן, וואָס האָקן אויס אונדזערע פּנימער.

תאווה, כעס, שלעכטע געדאַנקען, שנאה, קנאה לאָזן איבער שטעגלעך אויפן פּנים. און ווען זיי קלייבן זיך אויף צוזאַמען, מאָלן זיי אייך אויס דעם פּנים פון אַ בעל־עבֿירה.

הויכע שטאָלצע רעיונות, טיפע תהומעדיקע פילונגען האָבן זייערע לי־ניעס און זיי מאָלן אייך אויס דאָס פּנים פון דעם צדיק.

ס׳פאַראַן אָבער צורות, אויף וועלכע עס איז אָנגעשריבן אַ גאַנצע עפּאָ־פּייע פון מלחמות, מלחמת היצר; צוויי מחנות, די גוטע און שלעכטע נטיות, האַלטן אין ראַנגלען זיך פּאַר יאָרן. צום סוף זענען גובר די גוטע. אָבער אויפן פעלד פון קריג בלייבן געהרגעטע תאוות, פאַרווונדעטע געפילן, און זיי אַלע ווערן פאַרשריבן אין דער כראָניק, אין דעם ספר־הזכרונות פון דער פּערזאָן.

אַזעלכע צורות זענען פון די איבערגעאַרבעטע, פון יענע, וואָס האָבן זיך אין די הענט גענומען און איבערגעבראָכן.

איר דערמאָנט זיך די לעגענדע וועגן משה רבינו; אַ קייסער האָט געוואָלט וויסן, ווי משה זעט אויס. און ער האָט געשיקט צו אים אין מדבר אַריין זיין בעסטן סקולפּטאָר. און ער איז אַוועק, און האָט געבראַכט משהס פּנים אויס־געקריצט אין שטיין. און דער קייסער איז געווען פאַרווונדערט און האָט ניט געגלויבט זיינע אויגן. ער האָט אויסגעשריגן: ס׳טייטש, ער זעט דאָך אויס ווי אַ גזלן! די לעגענדע ענדיקט זיך שענער ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. משה רבינו איז געבאָרן געוואָרן צו זיין אַ גזלן אין וואַלד, אָבער ער האָט זיך איבערגע־אַרבעט.

ווען איר קוקט אויף טאָלסטאָיס צורה, קומט דער געדאַנק און באַזעצט זיך אין אייער מוח: דאָ איז אַ גבור, וואָס האָט זיך איינגענומען, איינגענומען זיינע שוואַכקייטן און אַזוי איז ער שטאַרק און גרויס געוואָרן.

די זעלביקע זאַך מיט איוואַן איוואַנאָוויטשעס געזיכט: דאָס איז אַ געשיכ־טע פון גרויסע געשלעגן מיט שלעכטן יצר, וואָס שטעקט אין מענטשן. אַ גע־פּעכט אויף טויט און לעבן. און דאָס גוטע האָט בייגעקומען דאָס שלעכטע, דאָס ליכט — די פינצטערניש.

און די אויגן לייכטן ווי ליכט אַנגעצונדערע פאַר שבת־קודש אין רויִקייט און הייליקייט.

דאָס קול דערמאָנט אָבער פון חולין און וואָכעדיקייט, אָבער דאָס אַלץ ווערט פאַרטרונקען איבערן קאָפּ אין די ווערטער און געדאַנקען, וואָס ווערן אַרויסגערעדט: אייביקייט און מענטשנשאַפט, וואָס גרענעצט מיט מלאכימשאַפט.

די וואָרצלען פון אונדזערע נשמות ווייקן זיך אין איין קוואַל.

אונדזערע שטרעבונגען זענען פון איין ברוסט.

און מיר צערײַדן זיך וועגן דער מלחמה.

ער, איוואַן איוואַניטש, דעמאָלט אַ בן־ששים, ווערט אַ פאַרגליווערטע גלות־השכינה, און אַ ברייטע טרויעריקייט וויקלט אים אַרום, און טרערן ווייזן זיך אין זײַנע אויגן און מיט אַ ציטערדיקן קול דערציילט ער מיר וועגן אַלע יענע, צווישן זיי בולגאַקאָוו, וואָס האָבן זיך אַנטזאָגט צו דינען און חושכן איצט אין פאַרשידענע תפיסות.

— מײַן טײַערינקער, — צעכליפּעט ער זיך כמעט — איך קען ניט טראַכטן וועגן קיין זאַך: איך קען ניט שרייבן וועגן קיין זאַך חוץ וועגן דער מלחמה.

אַ טרער נעמט זיך קייקלען איבער דער צעאַקערטער, מיטן אייזן פון צייט, באַק.

ער ווייזט מיר זײַנע שירים. לייענט זיי פאַר. אַלע וועגן מוסר, יושר, צדק, ברידערלעכער ליבע. אַ צעוויייטיקט, אַ צעיסורימדיקט האַרץ קלאַפּט אין זיי. דאָס איז ניט קיין פּאָעזיע אין געוויינטלעכן פּשט פון וואָרט. אָבער דאָס איז מער פון איינפאַכער דיכטונג, פון דעם פוסטן ווערטערשפּיל, אין וועלכן עס לאַכן שערבלעך פון צעבראָכענע וואַזעס פון געפילן און עס וויינען שפּענדלעך פון אויסגעהאַקטע וועלדער פון ליידנשאַפטן, צעזעגטע, צעשפּאָלטענע אין הפקרות. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פאַרא באַטרעף האָט אונדזער פּאָעזיע אין היינטיקע טעמפּע און טעמלאָזע צייטן!

בכדי אים צו באַרויִקן, נעם איך רײדן וועגן פריילעכערע זאַכן.

איך דערצייל אים וועגן דער פרייער שולע, וואָס מיר, איך און דער ברו־דער וו., האָבן געהאַלטן אין אַ קליין שטעטל אין ייִדישן תחום, אין סמאַרגאָן; וועגן די פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטן, וואָס מיר האָבן דאָרטן געמאַכט; וועגן דעם „טעאַטראַלן גאָרטן", וואָס מיר האָבן געשאַפן; וועגן דער „קינדער־זעצע־ריי" — און דאָס אַלץ אונטער דעם באַשיידענעם נאָמען „עבריה", אַ שילד אין ריין העברעיִש, וואָס איז געוועזן פאַרבאָטן לויטן געזעץ, נאָר דעם פאַרבאָט האָבן מיר אַראָפּגענומען דורכן געבן דעם פּריסטאַוו אַ רובל דערפאַר יעדן ניי־יאָר.

ער ווערט זייער פאַראינטערעסירט אין אונדזערע עקספּערימענטן.

ער בעט, איך זאָל אים געבן אַ באַשרײבונג פון די מעטאָדן, וואָס מיר האָבן אָנגעווענדט צו לערנען לייענען און שרייבן.

— איר האָט געלערנט די קינדער גאַנצע זאַצן. זייער אינטערעסאַנט, און

איר האָט ניט געוווסט וועגן דעם אַזוי געראָפענעם אַמעריקאַנער מעטאָד, און איר האָט עס נאָך דערצו פאַרבונדן מיט אייער אימפּראָוויזירטער מעטאָדע פון לערנען שפּראַכן. זייער אינטערעסאַנט! און געלייענט האָט מען בלויז מיט די אויגן, ניט אַרויסרעדנדיק די ווערטער. איך האָב געלייענט אייער בראָשור מכוח דעם, אָבער איך האָב עס ניט גוט פאַרשטאַנען. זייער אינטערעסאַנט.

ער רופט־צו זיין פּלוניתטע. ער טיילט איר מיט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פון מיר. ביידע חידושן זיך, וואָס אין דער ייִדישער געטאָ, אין ייִדישן תחום, גייט־אָן אַן אינטענסיווע קולטורעלע אַרבעט אַפילו אויפן געביט פון עקספּערימענטאַלער פּעדאַגאָגיק.

זיין אשה דערלאַנגט טיי. אַ פּעדאַגאָגישער שמועס בינדט זיך פונאַנדער.

איוואַן איוואַניטש פאַרטראַכט זיך. אַ געדאַנק גיט אַ בליאַסק ביי אים אין קאָפּ. ער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט מיין פאָטער מכוח אַרויסגעבן אַ בוך פאַר פּאָסרעדניק וועגן דער ייִדישער עטיק, וואָס געפינט זיך אין תלמוד. די קאָרעספּאָנדענץ האָט ער געפירט בשותפות מיט טאָלסטאָיען, וואָס האָט געמאַכט דעם פאָטער אָט־דעם פאָרשלאָג און האָט געהאַט בדעה צו באַזאָרגן דאָס בוך מיט אַן הקדמה. דער פאָטער, האָט גאָרבונאָוו גאַנץ גוט געוווסט, איז אַ רב. אַ רב קען מען ניט צופיל טרויען, ווען עס האַנדלט זיך וועגן ייִדן און ייִדישקייט. ווי אויפגעקלערט ער זאָל ניט זיין, איז ער דאָך פאָרט אַ „קלעריקאַל". און ער וועט דעם גאַנצן אמת וועגן ייִדישן פאָלק ניט אויסזאָגן. אָבער דאָ האָט ער פאַר זיך זיין זון, וואָס איז שוין אינגאַנצן אַ ראַדיקאַל. אָבער ער איז דאָך אַ בן־הרב און ער איז גוט באַהאַוונט אין ייִדישע ענינים. און אַ ראַדיקאַל, וועט ער אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת און וועט גאָרניט פאַרהוילן פון דעם גוי! לכן, דאַרף ער אויסנוצן די געלעגנהייט און אויסגעפינען די ריכטיקע וואָרהייט מכוח אָט־דעם מיסטעריעזן פאָלק. און ער ווענדט זיך צו מיר:

— זאָגט מיר, ברודער אבא לוואָוויטש, וואָס איז די מעשה מיט דעם ייִדישן פאָלק. עס איז עפּעס אַזאַ מאָדנער פאָלקסטום, אָן אַ לאַנד, וואָגלט עס אַרום; עס איז כסדר פאַרפאָלגט, פאַריאָגט, פאַרטריבן. און אַלע ריידן וועגן אים אַזוי־פיל שלעכטס; אין אַלץ באַשולדיקט מען אים... וואָס איז דער מער מיט אָט־דעם טשיקאַווון פאָלק?!

ער מאַכט אַ פּויזע און ער פרעגט דערנאָך ווידער:

— קענט איר עס מיר געבן צו פאַרשטיין? איר ווייסט דאָך!

— זייער פּשוט, איוואַן איוואַניטש — ענטפער איך. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז ווי ייִדנפריינטלעך אַ ניט־ייִד זאָל ניט זיין, האָט ער נאָך אַלץ ערגעץ אַ חשד אין האַרצן אָדער אין אַ ווינקל פון זיין מוח, אַז עפּעס איז מיט אונדז ייִדן דער מער און די וועלט איז ניט אַ אינגאַנצן שולדיק לגבי אונדז. אפשר, עפּעס אונטערערדישס, פאַרשווערערישס קומט פאָר ביי אונדז כנגד דער ניט־ייִדישער וועלט. — איך וויל באמת אים געבן צו פאַרשטיין די ייִדישע לאַגע און באַמי זיך מיט קורצע, שאַרפע דיבורים, וואָס זאָלן אַפּעלירן צו זיין געוויסן און וויסן, אַראָפּנעמען אַלע סירכאות און תיקוס, פאַרענטפערן אים די פראַגן און באַרויִקן זיינע ספיקות.

— זייער פשוט, איוואַן איוואַניטש, — זאָג איך ווייטער. — מיר האָבן געהאַט אין רוסלאַנד איין נביא, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, און איך בין זיכער, אַז די מלחמה וועלן מיר פאַרשפּילן. שטעלט זיך פאָר, וואָס עס וואָלט פּאַסירט מיט רוסלאַנד, מיטן רוסישן פאָלק, ווען עס האָט זיינע צוואַנציק, דרייסיק נביאים. די יידן האָבן געהאַט אַ גאַנצע רייע נביאים. און זיי האָבן פאַרלוירן אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט: די מלוכה, דאָס לאַנד, און איצט שלעפּן זיי זיך אַרום איבער דער וועלט און אַלע משוגענע הינט יאָגן זיך נאָך זיי און בייסן זיי. די רשעותדיקע וועלט קען זיי ניט פאַרגעבן דאָס פאַרברעכן פון פאַרמאָגן נביאים... וואָלט איר, איוואַן איוואַניטש, איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז איר זאָלט האָבן אַ צענדליק נביאים ווי טאָלסטאָי, און פאַרלירן, צוליב זייער הייליקייט און מענטשנליבע, צוליב זייערע וויזיעס מכּוח שלום און ברידערלעכקייט, אייער פאָטערלאַנד? — שטעל איך אים אָפּן די פראַגע — און אַוועקגיין מיט אַ טאָרבע איבער דער וועלט ווי מיר יידן טוען עס?!

ער פאַרטראַכט זיך. אָבער שתיקה כּהודייה דמיה... איך ווייס, אַז ער וואָלט וועלן איינהאַנדלען אָט־די מציאה. איין טאָלסטאָי איז ביי אים טייערער ווי צען רוסלאַנדס. ער טראַכט ניט לאַנג און ער זאָגט גלייך אַרויס זיין צושטימונג.

— אָ, יאָ, אַוודאי!

ביי אים האָב איך געפּועלט. אָבער וויפל רוסן אַזעלכע זענען געווען אין רוסלאַנד? וויניקער ווי איך האָב פינגער אין מיינע ביידע הענט, אָדער אפשר אין איינער. איך גיב צו:

— אויב אַזוי, איוואַן איוואַניטש, זענט איר אויך אַ ייד פּאָטענציעל...

עס איז שווער צו האָבן ביידע זאַכן: אי נביאים און אי לענדער.

ווען די מוטנע כוואַליעס פון לינטש־אורטיילן האָבן זיך גענומען צעגיסן איבער דער באַפרייטער מאָסקווע, איז גאַרבונאָוו־פּאָסאַדאָוו אַרויס אין גאַס און גענומען דרשענען וועגן גערעכטיקייט, וועגן דעם אידעאַל פון אַלץ פאַרגעבן, וועגן זיין רבין טאָלסטאָי, וועגן דעם אמתן ריינעם עוואַנגעלישן קריסטנטום.

V

איך זאָג זיך אָפּ

עס זענען טאַקע גערעכט די יעניקע, וואָס באַהויפּטן, אַז „האוחז בּיד" איז די בעסטע תּפילה.

אַוודאי אַזוי.

און ווער האָט אונדז געהאַלטן אין האַנט?

דער גאַרניזאָן.

דער סעמיאָנאָווער פּאָלק האָט אונטערגעדריקט דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין מאָסקווע פון דער ערשטער רעוואָלוציע.

און מען דאַרף וויסן, ווי און ווו עס קלאַפּט דער פּולס אין גאַרניזאָן.

אַ סך ניט גערעדט, קיינעם ניט דערציילט, מיט קיין גוטע פריינט און גוטע חברים זיך קיין עצות געהאַלטן, — איך בין אַוועקגעגאַנגען.

לעבן יאַזוסקע טויערן.

איר ווייסט, מסתמא, אַז מאָסקווע איז פול מיט טויערן: טריומפאַלנע טויערן, סריעטינסקי טויערן, מיאַסניצקי טויערן. עפּעס ווי נאָכגעמאַכט דעם הימל אין קבלה: טויערן פון רחמים, טויערן פון געבעט, טויערן פון טרערן.

איך בין אַוועק, הייסט עס, פון די „טריומפאַלנע טויערן" צו „יאַזוסקע טויערן". די „נצחון-טויערן" זענען אַן אָנדענק פון נאַפּאָלעאָנס מפּלה.

יאַזוסקע טויערן איז פון דעם טייכל יוזע.

דאָס איז אַ טייכל אַ גאַרניט, עפּעס אַ פאַסיק דרייט זיך. אפשר גוט פאַר אַ „תשליך". אין זומערצייט איז דאָרט דאָ אַ בערך פינגערהויט מיט וואַסער.

איך בין אָבער אַהין ניט געגאַנגען מיינע עבירות אַריינצוואַרפן...

געווען איז דאָס אין אַ פאַרנאַכט.

אין דעם אָנהייב פון דער רעוואָלוציע.

דער אַלטער רעזשים אַוועק; דער נייער האַלט אין איין אָנקומען.

און אַלץ איז שאָקלדיק און וואַקלדיק, אָבער דאָס שיפל איז ווייט פון איבערקערן זיך...

די אַלטע געזעצן, אויף וויפל זיי זענען ניט אָפּגעשאַפט, זענען אין כוח... און זיי ווירקן, מען ווענדט זיי אָן, אָבער ניט מיטן גאַנצן האַרצן און ניט מיט דער גאַנצער פויסט.

פאַרנאַכט און קאַלטלעך.

די נאַטור און קלימאַט האָבן זיך גערוקט צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציע.

ניט קיין ווינטער, ניט קיין זומער.

ניט אַהין, ניט אַהער.

די בלאָזן קאַלטלעכע ווינטן...

די זון שיינט און שיינט ניט, זי איז נאָך ניט אַריין אין געשמאַק פון וואַרעמען.

איך, געדענק איך, בין נאָך אין וואַרעמען אויבערמאַנטל געווען אָנגעטאָן.

און די רעוואָלוציע האָט נאָך אויכעט ניט אַראָפּגענומען דעם אויבערשטן מלבוש, מורא געהאַט צו כאַפּן אַ ווינטצוג, אַ פאַרקילונג.

בייטאָג איז נאָך געווען עפּעס ווי נישט-קשה; פאַרנאַכט איז טאַקע כמעט באמת געווען קאַלט.

און די רעוואָלוציע האָט אויך געהאַט אַלע 24 שעה אַן איבערבייט פון טאָג און נאַכט, קאַלטער און וואַרעמער, עפּעס ווי אַ מין קריג צווישן אהרימאַן און ארמוזד, די אַלט-פערסישע געטער:

די צייטווייליקע מלוכה אויף איין זייט, דער „סאָוועט" אויף דער צווייטער.

אַ שאַך-שפּיל. איין גאַנג אויף רעכטס, איין גאַנג אויף לינקס. מען קליגט זיך.

ווער וועט איבערקליגן?

און אויפן שאַכברעטל שטייען אויסגעשטעלט וויכטיקע פיגורן און פשוטע זעלנער.

איך גיי אַוועק צו די „רויטע קאַזאַרמעס“.

שרעקט זיך ניט; אַזוי האָבן זיי געהייסן אַפילו אין ניקאָלאַיס צייטן.

מיר האָבן דעמאָלסט פאַרמאָגט אויך „רויטע טויערן“, עפּעס אַ מין השגחת הבורא...

אויב מאָסקווע האָט ניט געזען, האָט איר מזל אָדער שלימזל געזען, אַז זי וועט ווערן רויט...

דאָרטן געפינט זיך דער וואָינסקער נאַטשאַלניק, וואָס איז ממונה אויף דעם אויפנעמען זעלנער, רעקרוטן, מאָביליזירטע, הייסט עס.

איך האָב געעפנט די טיר. אַ לאַנגער קאָרידאָר. פול מיט לעמפּעלעך, וואָס הענגען אַראָפּ פון פּאָלאָפּ מיט שוואַרצע געדיכטע שיידן איבער זיי, אַזוי אַרום, אַז ליכט מיט פינצטערקייט האַלטן אין איין דיפּלאָמאַטישער אונטערהאַנדלונג וועגן באַשטימען זייערע גרענעצן אויף דער מאַפּע פון די פיר ווענט.

און עפּעס ווי אויף צו־להכעיס דעם סדר־העולם איז אין דער הויך פינצ־טער און אונטן דווקא ליכטיק.

די טישן באַזעצט מיט שרייבערלעך, באַלאַגערט מיט פּאַפּירן — אין יעדן פּאַפּירעלע איז איינגעוויקלט אַ לעבן פון אַ מענטשן, נאָך אַ לעבעדיקן; אַמאָל אַ געזונטן, מיט גאַנצע ביינער, אַמאָל, און זייער אָפט, אַ מיט בלוט־אָפּגייענדיקן, אַ פאַרוואונדעטן, און גאַנץ אָפט — אַן אָפּגעלעבטן, אַ באַגראָבענעם ערגעץ ווו אין אַ לאָך, אין אַ גראָבן, אין אַ ברידער־קבר, „בראַטסקאַיאַ מאָגילאַ“.

עס האָט אָבער געשמעקט אין צימער ניט מיט טויט, נאָר מיט שינעלן...

און פון די טישן, פון די פּאַפּירן אַרויס, האָט זיך בלוט געטריפט, געטריפט און פאַרפאַרבט די אויסנוויינקסטע ווענט, וועלכע זענען רויט געוועזן און האָבן רעכט־געמאַכט זייער נאָמען „רויטע קאַזאַרמעס“, בלוטיקע קאַזאַרמעס.

אָבער מאָדנע, די הענט און פינגער פון די שרייבערלעך זענען געווען ווייס און רירעוודיק, געטאַנצט פון איין בלוט־לוזשע צו אַן אַנדערער און זיך ניט איינגעשמירט.

עס פּאַסירן דאָך ניסים אויף דער וועלט.

און מיידלעך זיצן און שפּילן מיט די דינע און לענגלעכע פינגער אויפן קלאַוויר פון מאַשינקעס, און קלאַנגען צעטראָגן זיך, אָבער אָן לשון: מי יחיה, מי ימות... און לעבנס ווערן איבערגעדראָשן אונטערן וואַליעק פון שרייבמאַ־שין... און ער קרעכצט... און די מיידלעך מאַכן אויגלעך צו די יונגע בחורים, האַלב־אָפּיצירלעך, וואָס ליבן זיי... און סודען זיך איבער טויטע און האַלב־טויטע קערפּערס פון זייערע ברידער... וועגן וואָס סודען זיי זיך? — ווי אַזוי די נאַכט צוצוברענגען, ווי אַזוי דעם מאָרגן צו פאַרקירצן... און גוססע כאָרכ־לען... און שלאָגן זיי איבער די רייד. די מיידלעך ווערן רויטלעך אין די באַקן, די אויגן שיטן פונקען — זיי הערן ניט די שטימעס פון די טויטע זעלנער. זיי כאַפּן מיט די אויערן די ווערטער פון די לעבעדיקע יונגעלייט מיט דעם מילי־טערישן אויסצי און רוקן־אויסגלייך... און טויט און לעבן פאַרפּלאָנטערן זיך

אין איין קנויל, אין אַ ווילדן משונהדיקן פּלאָנטער, ווו אַ פאָדעם פאַרלויפט אי־בער אַ פאָדעם.

פאַרווירט, פאַרדרייט:

ניט איבערצוהאַקן, ניט פונאַנדערצוּוויקלען...

און מיר דוכט זיך עס צו זיין אומבאַגרייפלעך: אין אַ שטוב פול מיט גייס־טער פון געהרגעטע, אָנגעפּאַקט ווי אַ שול אין האַלבער נאַכט אין אַ יידיש־יינגלשער פאַנטאַזיע — און אויסגעדרייטע ווייסלעך קוקן אויף אייך פון אַלע שפּאַלטן און מאַלן זיך אָפּ אויף די שויבן פון די פענצטער, און ווערן פאַר־גליווערט אויף אייך און טשאַטעווען אויף אייך, און ווילן אייך אַוועקשלעפּן מיט זיך אין קבר אַריין...

אין אַזאַ אַרט ווייזן זיך די העלפאַנטביין־ציינדלעך און שמייכלען, טאַנצן מיט נאַקעטע פיסלעך איבער אויסגעבעטע רויטע טעפּיכער פון יונגע ליפּן...

און צימבלען פון שפּאָרן קלינגען אויפן שיינענדיקן שטיוול, אַ קלאַפּ פּיאַ־טע צו פּיאַטע און זיך אַ דריי געטאָן.

גענומען, עפּעס ווי אַ יפהפיה אין געפאַנג, אונטערן אָרעם אַ מיידל און אַוועק מיט איר, צו באַגלייטן זי אַהיים.

צי זיי זענען טויב געווען?

צי האָבן זיי די טויטע זעלנער· וואָס האָבן זיך געפּרעסט און געשטיקט אין די ווינקעלעך פון הויז, גאָרניט געזאָגט, גאָרניט פאַרציילט? צי האָבן זיי ניט געפילט דעם שטאָך פון זייערע טעמפּע בליקן?

און די מיידלעך — ניט גלאַט אַזוי אַבי־ווער, דאָס זענען ניט קיין אָנגע־שטעלטע, נאָר וואָלונטירקעס, פון די שענסטע פאַמיליעס, פון די אַדלסטע אָפּ־שטאַמונגען.

זענען מענטשן פילנדע באַשעפענישן?

איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן.

איך איל אַדורך דעם צימער, וואָס איז לאַנג ווי אַ פעלד.

אויף רעכטס, אין רעכטן ווינקל, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט שאַטנס, עפנט זיך אַ טיר.

איך גיי אַריין.

אַן אַלטער מאַן, אַן אַלטער גענעראַל, זיצט איינגעבויגן איבער די פּאַפּירן.

אַ גרויער קאָפּ, צייטיקע זאַנגען וואָרטן, און דערוואַרטן זיך ניט, אויף דעם סערפּ, ער זאָל קומען און זיי שניידן.

אַ שטערן פול מיט טיפע קנייטשן, פּאַראַלעלע ליניעס און איבערגעהאַקטע מעזשעס. דער פאַרמער, צייט, האָט מיט גרויס פלייס באַאַרבעט זיין פעלד פון ביין און שטיין.

די אויגן פאַרשטעלטע מיט ברילן און אויסגעלאָשענע, אַז אַפילו די אַש־קאָלירטע ווייסלעך זענען קאַלט און קיין איין פונק אונטער זיי.

לאַנגע געדיכטע ברעמען.

ער הייבט אויף דעם קאָפּ, דערלאַנגט אַ קוק אויף מיר.

טוט אויס די ברילן, עפּעס ווי זיי שטערן אים צו זען.

הייבט זיך אויף פון אָרט פון דרך־ארץ וועגן, וויבאַלד ער בעט מיך ניט זיצן.

איך קוק און וווּנדער זיך:

איז דאָס די מראה פון גאָט פון קריג?

אַ רחמנות צו קוקן אויף אים. וואָס טוט ער אין געוואַנט?

אין דרייען געבויגן איז דער רוקן.

ווי דער יאָך פון דער גאַנצער מלחמה און די צרות פון אַלע דורות וואָלטן ליגן אויף אים און דריקן אים צו דער ערד.

און זיינע ביינער עפּעס ווי זיי בעטן אָפּרו, וואַרטן אויף אַ שבת־טאָג...

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — הערט זיך אַ שטימע ווי פון אַ הייליקן אוהל אַרויס.

און ער טרייסלט זיך; די הענט, זע איך, ציטערן.

ביי ייִדן וואָלט ער אַפילו קיין שוחט ניט געקענט זיין... ידיו מרתתות... דער רב וואָלט אים אָפּגעשטעלט — טראַכט איך זיך...

— איך בין אייך געקומען זאָגן, אַז מיט בערך 3 חדשים צוריק האָב איך גע־דאַרפט זיך שטעלן, דאָס הייסט, מאָביליזירט ווערן...

איך האָב ניט געענדיקט; ער האַקט מיך איבער מיט זיין רחמנותדיקן בליק.

— זענט איר געקומען... הייסט עס! — און ער זשאַלעוועט מיך, און חידושט זיך. — האָט אייך דען עמעצער באַומרויִקט? די פּאָליציי?

ער וווּנדערט זיך, פאַר וואָס איך האָב זיך ניט איינגעאָרדנט ערגעץ־ווו אויף אַ פאַבריק, וואָס אַרבעט אויף „אַבאָראָנע”.

און ער מעסט מיך מיט די אויגן, און שטראָמען וואַרעמע פון רחמנות צעגיסט ער איבער מיר.

— איך בין אַליין געקומען. איך בין געקומען אייך זאָגן.

— טאָ וואָס ווילט איר האָבן? — אין זיין קול הערט זיך רחמים־בעטן.

ער וויל ניט האָבן דעם גאַנצן עסק. ער דאַרף ניט דעם אומגעקערטן שעפּס... ער בעט זיך תחנונים מיט אַלע זיינע איברים און איבערהויפּט מיט זיינע בליי־כע ליפּן און אָנצייגנערדיקן מויל.

— טאָ וואָס זאָל איך טאָן? — ציט ער מיט די הויקערדיקע אַקסלען.

— איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז איך בין מאָביליזירט... איך וויל ניט גיין דינען... איך זאָג זיך אָפּ פון דינען אין דער אַרמיי...

ער שטעלט אויס אויף מיר אַ פּאָר לעכעראויגן. ער איז צעטומלט.

— טאָ וואָס ווילט איר פון מיר? — ווערט ער זיך אָן אין וווּנדער.

איך חזר איבער:

— איך בין קעגן דער מלחמה. איך זאָג זיך אָפּ.

— טאָ ווער האָט אייך געבראַכט אַהער? — ער איז נשתומם. ער נעמט אָנווערן געדולד. ער קוקט אויפן זייגער. — אַ קאָנוואַי האָט אייך פאַרנומען? — ער פרעגט און מעסט מיך אָפּ מיט די בליקן־פיילן, ווי איינער זאָגט: אויך מיר אַ נפש צו גיין אויספישן פון דעם ים מענטשן אין די גאַסן פון מאָסקווע.

— איך בין אַליין געקומען.

— טאָ וואָס פאַרלאַנגט איר? — זיין שטימע שעפּט אָן אַ פולן טאָן מיט צאָרן.

— איך זאָג זיך אָפּ. איך בין קעגן מלחמות־פירן, קעגן הרגענען. איך בין קעגן מאָרד.

— צו וואָס זענט איר געקומען אַהער? — ער שלאָגט זיך אָן אַ רעטעניש.

מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ. נאָך אַלעמען, וואָס פייניק איך אים, דעם זקן? ער זאָגט אַרויס זיינע איבערצייגונגען. מלחמה פאַר אים איז אַ גאָטעס־דינסט; די פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד — די העכסטע הייליקסטע פליכט. און צו וואָס שטעך איך אים מיט מיינע לעסטערנדיקע ווערטער?! האָב איך אַ מאָראַליש רעכט צו קומען צו אים און אים מאַטערן? איך האָב כמעט חרטה אויף דער גאַנצער זאַך. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, איך וועל טרעפן אַ קאַני־באַל, אַ רוצח אַ גענעראַל, וואָס וועט זיך צעשרייען און צעטופּעווען מיט די פיס, און עס שטייט פאַר מיר אַ נעבעכדיק באַשעפעניש, וואָס קוים עס האַלט זיך אויף זיינע פיס. אָבער איך קום גלייך צו זיך. אַ רגע פון קווענקלעניש אַרי־בער. איך נעם זיך אָן מיט מוט און אַכזריות און שנייד מיין קרבן ווי מיט אַ טעמפּן מעסער.

— איך בין געקומען אייך מיטטיילן, אַז איך האָב געדאַרפט מאָביליזירט זיין, אָבער איך וויל ניט.

— טאָ וואָס דאַרף איך טאָן מיט אייך? אַדרבה, זאָגט איר, איר זענט דאָך אָן אינטעליגענטער מענטש! — שאָקלט ער מיטן קאָפּ, וואָס טרייסלט זיך פון אַלטקייט און שוואַכקייט און פאַרוווּנדערונג.

— איך ווייס ניט, איר דאַרפט עס וויסן! — ענטפער איך היפּש אין אַ פאַרלעגנהייט... טראַכטנדיק: ווער ווייס, ווער קען זאָגן, ווער פון אונדז איז מער פּאַציפיסט, — ער דער שלומדיקער „קריגער", אָדער איך, דער מיליטאַנ־טישער, קריגערישער פּאַציפיסט.

— איר ווילט, הייסט עס, אַז איך זאָל אייך אַרעסטירן? — פרעגט ער.

ער מאַכט אַ פויזע, קוקט מיך אָן האַלב־צעשראָקן, האַלב־פאַרשעמט און ער גיט צו:

— איר קענט זיך גיין אַהיים; איך קען אייך ניט; איך ווייס ניט פון אייך; איך ווייס ניט, וואָס איר ווילט האָבן... פאָלגט מיך, גייט אַהין, פונוואַנען איר זענט געקומען! — זאָגט ער צו מיר מעשה עצה־טובה.

איך פאַרליר זיך. דאָס האָב איך ניט דערוואַרט. אַזאַ מענטשלעכע באַציִונג אין אַזאַ פּלאַץ! איך חזר איבער מעכאַניש מיין פאָרמולע, ווי אַן אָפּשפּרעך קעגן די געפילן און געדאַנקען, וועלכע באַהערשן מיך:

— איך בין געקומען אייך זאָגן... איך זאָג זיך אָפּ...

— איר שטעלט מיך אין אַזאַ לאַגע, אַז איך וועל געצוווּנגען זיין אייך צו אַרעסטירן! — גיט ער מיר צו פאַרשטיין און שטעלט דעם טראָפּ אויפן וואָרט געצוווּנגען און פאַרשלינגט כמעט דאָס וואָרט אַרעסטירן.

— טוט וואָס איר ווילט, אָדער וואָס אייער פליכט הייסט אייך! — עקשן איך זיך איין.

— איך וועל מוזן אייך אַרעסטירן. — ער איז מיך מתרה. ער וואָרט. ער

גיט מיר צייט פאַר אַ יישוב־הדעת. ער קערט זיך אָפּ פון מיר, ער קוקט אין זיינע פּאַפּירן, וואָס אויפן טיש. ער וואַרט, איך זאָל אָפּציִען, איך זאָל זיך נע־מען רוקן צום אַרויסגאַנג.

איך שטיי איינגעעקשנט. איך ריר זיך ניט פון אָרט און קוק אים אָן. אַזוי גייען פאַריבער פינף מינוט. ער ווערט פאַרדריסלעך. ער פּרובירט כלומרשט אויסצוגלייכן זיין רוקן. פאַלט דורך אין זיין פאַרזוך. מיט אַ ציטערנדיקער אומגערנדיקער האַנט דערלאַנגט ער אַ קלונג.

אַ פעלדפעבל קומט אַריין.

— פיר אים אָפּ אין פּערעסילניע, — רעדט ער אַרויס מיט גרויס אָנ־שטרענג.

VI

אַ נאַכט אין „פּערעסילניע"

און צוגעגאַנגען איז צו מיר דער פעלדפעבעל. ער איז געווען אויך דער נאַדזיראַטעל, און האָט מיך דורכגעשטאָכן מיט אַ קרומען קוק, אַ נעם־געטאָן ביי דער האַנט און אַ זאָג געטאָן לאַקאָניש: קום.

דער פעלדפעבעל — ווי אַזעלכע ברואים דאַרפן אויסזען.

מיט אַלע סמנים מובהקים. אַזוי, אַז יעדערער האָט געקענט דערקענען אים און אונטערשיידן אים פון די איבעריקע נפשות.

בלאָנדע וואָנצעס, פאַרקאָמט, פאַרריסן און אַרויפגעדרייט אויףביידע זייטן, עפּעס ווי צוויי שטעגן, צעצווייגטע, האַלב־פאַרקירעוודיקע, מיט קוסטעס באַ־זעצטע.

אַ שמאָל בערדל, אונטערגעהאַקט, פּירקאַנטיק, אַ מין רידעל, אָדער אַ שופל.

אויגן — צוויי טכוירן זיצן און גראָבן און די שוואַרצע סאַמעטענע פע־לעכלעך גלאַנצן.

און עס ווייזט אויס, אַז זיי האָבן שוין דורכגעגראָבן אַ רעכט ביסל.

ווייל ווי אַזוי זענען זיי אַהין געקומען?

דורך דער נאָז אַדורך, און דורכגעגראָבן צוויי ברייטע טונעלעכלעך, לע־כער.

אָבער דאָס אַלץ איז גאָרניט.

אַ פלאַכע נאָז און אַ ברייטע און כלומרשט אַ מין אונטערגרונטבאַן אין איר.

אַ צעשמאַקעוועטע, פעטע, פליישיקע פּאָר ליפּן, אויף וועלכע עס זיצן אָנגע־קראָפּט קללות און זידלערייען און גלאָט געשרייען, זיצן אויף די האַלב־פאַר־מאַכטע ליפּן און וואַרטן פאַר זייער צייט, זיך צו באַווייזן צו דער וועלט פון לופט און אויערן. און אַז עס ווערט זיי אומעטיק און לאַנגווייליק, גיבן זיי זיך אַ יאָג אַוועק איבער די וואָנצעס און פאַרבאַהאַלטן זיך דאָרטן, אָדער קלעטערן אַרויף די נאָזלעכער־דורכגאַנגען.

און דאַמאָלסט רעדט ער שוין ניט פּשוט, נאָר ער פּאָנפּעט, ער שנאָרכעט, זידלענדיק זיך, און זידלט זיך שנאָרכנדיק.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָך אַלץ גאָרניט, ביי־זאַכן. יאָ אַ נאָז, ניט קיין נאָז, יאָ, אַ פּאָר ליפּן אָנגעשאָטענע ווי זעק מיט אָפּוואַרפּענישן און צושרייעניש אָדער ניט.

דאָס אַלץ איז מער ניט ווי צוגעבעכצן און זייטיקע ענינים.

דער עיקר איז דער שינעל און דער גורט, און דער סקריפּ פון די שטיוול.

אָ, דער שינעל! גרוי און הערעלעך קליינינקע, קלייניטקע, אָבער אָן אַ שיעור.

שעם זיך, צאָל, דו ביסט ניט בכוח זיי איבערצוציילן.

און דער שינעל איז דער אַלף און ת״ו פון פעלדפּעבעל.

אָבער דאָ האָבן מיר אַ פעלדפּעבעל, וואָס איז אויך אַ נאַדזיראַטעל.

און דער שינעל איז אָנגעוווייקט מיט גייסטער פון צוויי פאַרשיידענע וועלטן: זעלנער און „פאַרברעכער״...

אַ שינעל האָט אַ גערוך.

אַ גערוך רופט אַרויס אַסאָציאַציעס.

מיר זענען נאָך אַלץ אוראַלטע מענטשן און דער חוש־הריח איז דער שטאַרקסטער געפיל און בעסטער וועגווייזער.

דער פעלדפּעבעל־נאַדזיראַטעל קומט צו צו מיר נאָענט.

און מיט אים דערנענטערן זיך אַלע ריחות, וואָס זענען אַריינגעזאַפּט אין שינעל.

און די ריחות דברן, וועקן, רופן אַרויס איבערלעבונגען, פאַרבאַהאַלטענע, פאַרגעסענע.

דאָ שמעקט מיט דעם שטינקעדיקן קרויט, וואָס מען קאָכט אין קעסל.

קרויט, וועלכעס הייסט אַלע פענצטער אין די שכנישע הייזער זיך פאַר־מאַכן, אַזוי גרויס איז די שמעקעכץ פון דעם. און דאָ שמעקט מיט קאַזאַרמע, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט צווייפיסיקע, וואָס שוויצן, קראַצן זיך און אָטעמען שווער נאָך שווערע מיטאָגן.

און דאָ שמעקט מיט הונדערטער יאָרן פון מלחמות, רציחות, הריגות.

אַ גאַנצער רעזשים ליגט איינגעוועבט אין דעם ריח פון אָט־דעם שינעל.

און אַפילו די גרעסטע דערפינדונג, דער סוף־מאַכער פון מיטלאַלטער, פּול־ווער, ליגט זיך דאָ אויך צווישן די הערעלעך פון שינעל און קוקט אַרויס אויף דער וועלט גלייכגילטיק, עפּעס ווי ער מיינט גאָרניט.

און דער פאַרצויגענער גאַרטל אויף די ברייטע לענדן, — אַז איך וואָלט נעמען דרשענען און אויסטייטשן יעדן חן זיינעם, וואָלט עס פאַרנומען אַ ווייסן קאָנטינענט פון פּאַפּיר און אַ שוואַרצן ים פון טינט.

און דער פעלדפּעבעל פירט מיך.

דאָס הייסט, איך גיי אים נאָך.

און עמעצער גייט מיר נאָך.

און אַזוי גייען מיר אַלע דריי, עפּעס אַ מין הייליקייט שטעקט אין די „דרייעלעך״.

דער הויף אַ לאַנגער, אַ ברייטער.
הייזער, געביידעס צעוואָרפן איבער אים.
און זיין פּאַדלאָגע, ווי אומעטום אויף דער וועלט, איז די שוואַרצע ערד.
און דער פּולאָפּ, — אַפילו אַ פעלדפעבעל איז ניט בכוח עפּעס צו טאָן אַנטקעגן דעם — דער הימל מיט די שטערנדלעך. און זיי בלישטשען ווי מעשע־נע קנעפּ אויף אַ מונדיר אויסגעפּוצט פאַר אַ פּאַראַד.

א, יאָ, דער אלהי צבאות פאַרמאָגט שיינע מונדירן און שיינע קנעפּ...

איך גיב אַ וואָרף די אויגן — און זיי לייענען: „די הימלען דערציילן די ערע פון מאַכט... און זיין האַנטווערק זאָגט דער אויסשפּרייט...“

עס עפּנט זיך אַ טיר מיט אַ סקריטשע פון פאַרזשאַווערטע צייַנפעטלעס..
מען פירט מיך אַריין ווי אַ חתן־בחור, בכבוד גדול.
און איך בין שוין דאָ.
און איך בין ניט אַליין. דאָ איז אַ גאַנצער עולם.
אַ סך זענען געקומען פאַר מיר.
און מער וועלן קומען נאָך מיר.
אַנדערע רוקן זיך צו נעענטער, באַקוקן מיך, גיבן אַ קוועטש מיט די פּליי־צעס מיט ביטול און לאָזן זיך אַוועקגיין צו זייערע ערטער אויף די נאַרעס אָדער, גלאַט, טישן.

— ניט פון אונדזער חברה, — ווי איינער זאָגט.
— אַ שנעק.
— אַ גאָרניט.
דאָס אַלץ שטילערהייט, צווישן זיך, עפּעס ווי ניט אויף מיין רעכענונג.

איך קוק אויף זיי און פיל זיך באמת גאָרניט היימלעך.
אָן באַקאַנטשאַפט איז שווער אַפילו אַ שעה צו פאַרברענגען, אַ פּשיטא שוין אַ נאַכט.
דער פעלדפעבעל סודעט זיך מיט די „משגיחים“.
און ווי אַריין אַזוי אַרויס, אָן געפילדער.
מער ניט ווי זיינע אויגן האָבן זיך צעפלאַקערט און געשאָטן פונקען אַרום און אַרום, אַזוי, אַז די וועלף האָבן מורא געהאַט צוצוקומען נאָענט צו אים:
— אַ סכנה, ער שיט מיט פייער.
מער ניט ווי די ליפּן האָבן זיך עפּעס אַביסל ווי צעשיידט זיך, אַ וואָרע געמאַכט פאַרן דונער און בליץ, וואָס וועט זיך אפשר דאַרפן אַראָפּלאָזן דאָ אויף די דערשלאָגענע, פאַרבלאָנדזשעטע שעפּסן, אין די וועגן פון לעבן.

זיי זאָלן הערן און מורא האָבן פאַרן פאַסטוך, וואָס פירט זיי „אויף די שטילע וואַסערן“...
מיין „אונטערפירער“ איז אַוועק.
און מיר איז אומעטיק געוואָרן. אַ פעלדפעבעל איז אַ באַקאַנטע פיגור אין מיין לעבן, זינט איך בין אַ קינד געווען; און געזען ווי ער שלאָגט די זעלנער בשעת אוטשעניע. און מיט אים האָב איך זיך געפילט עפּעס ווי צווישן איי־גענע.

מילא, אַליין איז אַליין.

איך נעם זיך אַרומקוקן.

ווו זענען מיר ערגעץ אויף דער וועלט, און צווישן וועמען זענען מיר? ווו אַן עולם, דאָרטן זענען דאָ מענטשן.

און ווו מענטשן, דאָרטן איז אַלע מאָל דאָ אַ מענטש.

איך אַליין לאָז מיך אַראָפּ אויף אַ באַנק נעבן וואַנט ניט ווייט פון טיר.

און מיינע פּאָר אויגן שיק איך אַרויס אויף אַ „ראַזוויעדקע”:

— גייט און זעט אויס דאָס לאַנד און די מענטשן, וואָס באַזיצן עס — רייד איך צו זיי חומש־לשון.

זיי זענען באַהאַוונט אין די קליינע אותיות און זיי האַלטן אַלע מאָל אין לערנען די פינף חומשים פון דער תורה, וואָס הייסט „וועלט און מענטש”.

און זיי לאָזן זיך אַרויס. צום אָנהייב, פּאַמעלעך, קוים, וואָס זיי רוקן זיך, נאָכדעם ווערן זיי ביי זיך שמעלנער און צעלויפן זיך. זיי קוקן און דערטראָגן אַלץ צו מיר, וואָס זיצט זיך אויפן באַנק און רירט זיך ניט פון אָרט.

אַ לאַנגער צימער, צוויי מאָל אַזוי די לענג ווי די ברייט. אַזוי, אַז דער סוף־פּסוק פון אים ווערט פאַרפאַלן אין פינצטערניש און מען זעט אים ניט אַרויס.

אַ קליין לעמפּעלע רייכערט ערגעץ אין אַ ווינקל — דאָס איז די גאַנצע באַלייכטונג.

שאָטנס לאַנגע און אומגעלומפּערטע שפּרינגען איבער די ווענט, עפּעס ווי זיי וואָלטן איבערמישן און אויסלאַכן די באַוועגונגען פון די ברואים, וואָס ווינען דאָ.

די פּאָדלאָגע שוואַרץ ווי קויל און נאַס, אָנגעטראָטן און פאַרשפּיגן און פאַרסמאַרקעוועט. גאַנצע שיכטן בלאָטע אָנגעלייגט איינע אויף די אַנדערע.

מען דאַרף אַ געאָלאָג, ער זאָל זי אויספאָרשן, און אַפילו ער וואָלט דאָ דעם וויסנשאַפטלעכן קאָפּ זיינעם פאַרלוירן.

איר פאַרשטייט מיך: קיין מבול טרעפט דאָ קיינמאָל ניט און דאָס שמוציקע זינדיקע „זיין” איז קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט געוואָרן, קיינמאָל קיין נעגלוואַסער און קיינמאָל קיין פּנים־וואַסער ניט געזען. און זי איז פאַרקלפּהט און באַשמירט.

און ברואים אָן אַן אויסרעכן קריכן איבער איר, ווינען אין די שפּאַלטן און קנייטשן פון איר אָנגעוואָקסענעם שוואַרצן ווילדפלייש.

אַרום און אַרום ציען זיך נאַרעס — ברעטער, וואָס האָבן זיך פאַרגעסן, אַז זייער משפּחה באַלאַנגט צו דיביימער, און ביימער זענען דאָך נאָענטע קרובים פון פעלדער, און צייטנווייז וואַקסן זיי דאָך אין וועלדער. און נעסטן זענען דאָ צווישן זייערע צווייגן און אין זיי פייגעלעך און אַרום זיי ריינע פרישע לופט.

זיי האָבן עס לאַנג־לאַנג פאַרגעסן. דער זכרון שוואַך און מטושטש געוואָרן.

בכלל אַזעלכע זאַכן געדענקט נאָר אַ פרישע אָפּגעזעגן ברעט, וואָס אָטעמט מיט זעגעכץ און שמעקט מיט סמאָלע, און איז אַנגעטאָן אין אַ העמדעלע פון וואַלדהויכן.

די ברעטער שוואַרץ ווי די יסורים, וואָס האָבן זיך אויף זיי געוואַלגערט יאָרן און יאָרן, ברודיק ווי די שמאַטעס, וואָס האָבן זיך דאָ אויסגעבעט.

און זיי זענען פאַרגנידעט, פאַרלויזט, פאַרוואַנצעוועט און פאַרכראַקעט.

אַ רחמנות, בפועל־ממש, צו קוקן אויף זיי.

וואָס זענען זיי געווען אַמאָל אין די יונגע יאָרן, ווען אין האַרצן האָט גע־קלאַפּט דאָס בלוט פון געוויקס, און די יויך האָט דערקוויקט די נשמה אונטער דער קאָרע?!

און וואָס זענען זיי איצטער?

איר הערט פון זיי מער ניט ווי אַ קרעכצן פון געבראָכנקייט, און יאוש שאָקלט מיטן אַלטן קאָפּ אין יעדן פאַרשטיקטן קלאַנג זייערן.

שוואַרץ און קויטיק און אויסגעדאַרט און אויסגעקניטשט און פול מיט ווילדע אויסשניצונגען, איינשניידונגען, פול מיט יעגראַליפן פון אותיות און פי־גורן, און פאַסן און קויקן און גלאַט גריבלעך, וואָס אַ ווילדע איינגעצאַמטע פאַנ־טאַזיע, האַלטנדיק אַ מעסערל, האָט געקענט אַרויסברענגען.

משונהדיקע טאַטוירונגען, וואָס פאַרמיאוסן און פאַרחלשותן זייער וואַל־דישע, הילצערן־ברעטערישע געשטאַלט.

אַט אַזוי פאַרקריפּלט מען עס אַ לעבעדיקע שמעקעדיקע באַשעפעניש.

און דער פּולאַפּ נידעריק, אויפן נאָז, און באַוואָקסן מיט שוואַרצע שאָטנס און נאָך שוואַרצערע פלעקן פון פייכטקייט און שימל.

ער מיט דער פּאָדלאָגע אַ באַשערטע פּאָר, צוויי פאַרשטעלעניש.

און ווען עס ווערט אַביסל פינצטערער, דאָס לעמפּל נעמט כאָרכלען, עס שטעלט זיך אים עפּעס אין האַלדז, און עס באַגיסט זיך מיט אַ רויכיקן שוויס — דאַמאָלט פאַרשווינדן די ווענט, זיי צערוקן זיך, אָדער די מאוימדיקע שאָטנס שלינגען זיי אַראָפּ ווי קיינמאָל ניט געווען.

דער פּולאַפּ וואַרט מער ניט ווי אויף דעם. ער גיט זיך אַ לאָז אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע און נעמט זי שטיקן און דריקן און מאַטערן, און אַזוי פאַרקנוילן זיי זיך צוזאַמען.

דאָס לעמפּל איז גובר זיין ווערגעניש. עס שלינגט אַראָפּ דאָס שטיקל סאַ־זשע, וואָס האָט זיך אים געשטעלט אין בית־הבליעה, און ווערט לעבעדיקער, און אָטעמט אָפּ פרייער און ליכטיקער. עס עפנט די אויגן...

דער פּולאַפּ לאָזט אָפּ די פּאָדלאָגע אין שמוץ און שאַנד און רוקט זיך אַוועק און שטעלט זיך אויף זיין געוויינלעכן אָרט, און טשאַטעוועט און שרעקט, און הענגט־הענגט, אָט־אָט אַראָפּצוּוואַרפן זיך...

די לופט איז פול מיט רויך און שטינקעכץ און איז געדיכט ווי אַ פאַר־מישטער ליים־טייג, וווּ רעדער גייען אַהין און צוריק און פערדפיס קנעטן די מיירעס.

אַ טירל עפנט זיך אָן אַ זייט עפּעס ווי אַן אָפענע ווונד, און עס טריפן פון דאָרטן געריכן, וואָס קיין נאָז שבעולם קען זיי ניט פאַרטראָגן. דאָרטן איז דער אָרט, ווו עס זאַמלט זיך אויף דער אָפּפאַל פון דעם צוויפיסיקן... און דאָס אויג גייט אַריין אַהין דורכן האַלב־אָפענעם טירל און גייט גלייך אַרויס, עס קען ניט אויסהאַלטן און אין בושת־פנים לויפט עס צוריק.

אַט אויף דעם הינטערגרונט זענען עס אויסגעמאָלן מענטשלעכע פיגורן. און זיי, ווייזט אויס, לעבן, ווייל זיי באַוועגן זיך, קערן זיך איבער פון זייט צו זייט, און לאָזן זיך אַרומגיין איבערן צימער, און פאַרבינדן שמועסן און עס טראָגן זיך קלאַנגען; זיי שווימען אַרויף אויפן רויך און שמעקעכץ, און קלאַפּן זיך ווי כוואַליעס אָן די ברעגעס פון אייערע אויערן, און איר הערט זיי.

זיי ריידן אַ לשון, וואָס מען קען פאַרשטיין, אָבער צייטנווייז ווילט זיך ניט תופס זיין.

זיי צעהיצן זיך און קילן זיך אָפּ.

עס שווימען אַרום „אין טאַטן־און־אין־מאַמען־אַריינס", מי־שברכס און אויס־ווורף־אויסדריקן. קיינער האָט קיין פאַריבל ניט אויף זיי, און מען לאָזט זיי פאַר־בייגיין.

דאָס איז דער שטייגער פון ריידן.

אַ מנהג ברעכט אַ דין. אַזוי פירט זיך עס. אַנדערש שמועסט זיך עס ניט. איין וואָרט צו דער זאַך און „אין טאַטן אַריין" פאַרזאַפּרענט עס, פאַרגעווירצט עס.

אַ וואָרט ווי געהעריק און „אין דער מאַמען אַריין מיט אַלע הייליקע", און דער צוגאָב פאַרגעשמאַקט עס.

— גיב מיר אַ פּאַפּיראָס — און „אין גאָטס מאַמען אַריין", דאָס באַטעמט און פאַראיידלט די בקשה.

און מען לעבט אין לוקסוס פון ריידן. מען דאַרף עס ניט, אָבער עס פּאַ־דערט זיך, מען זאָל עס אַריינשטעלן. אָן דעם גייט עפּעס אַרויס די פּראָזע ווי אַ נאַקעטע. בלויז און הויל, אָן קיין שום באַקליידונג.

— גיב צו פאַררויכערן — און „אין טאַטן פון הימל אַריין". און דער אויסדרוק קריגט אַ פאַרפּוצונג. דאָס איז זיין זיבעטער חן דאָ אין אָט־דער גע־זעלשאַפט. און דאָס אַלץ האַרמאָנירט מיטן זויערן געדוך, וואָס פליעשקעט זיך דאָ אין די פיר ווענט, מיט די שאָטנס וואָס קוליעמען זיך און מאַכן משונה העוויות, און מיט די עובדות פון צעיושעוועטן פולאָפּ מיט די ווילדע פלעקן אין זיין חיה־רעהדיקן שטערן.

און דאָס ריידן האָט ניינציק פּראָצענט פון אָנהעגענישן, און אפשר גאַנצע 99. אַזוי ווי אַן אויפגעקומענע נגידע, וואָס איר צירונג איז ווערט צען מאָל אַזויפיל וויפל זי מיט איר לייב און לעבן.. אַ גראָבע זאַך, אָבער באַהאַנגען און באַשנורעוועט מיט פּערל און דימענטן...

אַט אַזוי קוקט אויס דאָ דאָס מיידל שפּראַך...

אַז מענטשן ריידן, ווי זיי זאָלן ניט ריידן — קען מען צו זיי ריידן.

ווו עס איז פאַראַנען אַ לשון, איז פאַרטיק אַ בריק, וואָס הענגט זיך איבער דעם אָפּגרונט, וואָס גרענעצט צווישן איין „איך" און דעם צווייטן.

און איך הייב זיך אויף און לאָז זיך גיין און שטעל זיך אָפּ ניט ווייט פון אַ גרופּע נפשות, באַדעקט מיט אַ געדיכטן פאַרהאַנג פון רויך, דורך וועלכן עס שניידן זיך דורך ווערטער און האַלבע פּראַזן.

איך שטעל זיך אָפּ. און נעם עגבויערן דעם רויך און דורכן לאַך פּלייס איך זיך אָנצוטרעפן אַן אויג. און מיין אַרבעט איז געזעגנט מיט הצלחה.

מענטשן ריידן ניט נאָר מיט ווערטער.

זיי קאָמוניקירן זיך ס׳רוב מיט די בליקן, מיט די ברעמען, מיט די ליניעס פון געזיכט און, בכלל, מיט זייער גאַנצן מהות.

עס רעדט אַן איבערלעבעניש צו אַן איבערלעבעניש, אַ האַרצקלאַפּ צו אַ האַרצצאַפּל. און צוויי אויגן האָבן זיך געטראָפן, באַגעגנט אויפן שטעג, דורכ־געטראָטן אין רויך און שווערן אָטעם.

— וואָס טוט איר דאָ? — אַ פּשוטער לשון רעדט און אַ פּשוטער אויער, אַן אויערדרינגלעך... הערט..

— ווער זענט איר, פון וואַנעט?

— אָט איז אַן אָרט, זעצט זיך לעבן אונדז.

— מאַך ריין דעם פּלאַץ!

— איר ווילט אפשר עפּעס עסן? אָט איז ברויט.

איך בין אַביסל שעמעוודיק און ניט מיושב.

— ווער זענט איר? פון וואַנעט? — נעם איך שטעלן פראַגן, און איך צע־שפּרייט נעצן אַרויפצונעמען די פישלעך פון אָפּגרונט פון פאַרגאַנגענהייט און איבערלעבונג.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז איינער פון זיי איז געווען מיט אַ צוויי יאָר צוריק אַן אַרבעטער אויף פּוטילאָוו אין פּעטראָגראַד. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין דעם הויפן פון זאַמד מוז זיין ערגעץ אַ שטיקל פעלדזנשטיין...

דאָס איז פאַר אונדזביידן גענוג.

מיר זענען זיך מייחד. מיר זוכן אויס ערגעץ אַן אָרט אין אַ ווינקל.

ער מאַכט פאַר מיר אַ געלעגער. מיר צעשמועסן זיך.

אונדזער פריינטשאַפט איז אַוועקגעשטעלט אויף געזונטע יסודות. ווו פריינטשאַפט, דאָרטן איז ניטאָ קיין תפיסה...

און דעם גלאָז פון די שויבן שניידן דימענטן־שטערן.

VII

ויהי ערב ויהי בוקר, מען עפנט דאָס פענצטער

ווער איז דאָרטן געווען מיט מיר?

אָדער מיט וועמען בין איך דאָרטן געווען?

אַלעמען געדענק איך ניט.

אַלעמען האָב איך דאַמאָלט ניט געקענט.

נאָר בכלל זענען זיי געווען — מ׳שטיינס געזאָגט — צעבראָכענע שערב־לעך פון דער כלי, וואָס הייסט מענטש.

אָדער ברינדזעס, וואָס שלעפּן זיך נאָך... פאַרטונקט אין זומפּן.

אָט איז וואַסקע: אַ יאָר 25. אַ בערדל שפּראָצט פון ערגעץ אַרויס, פּוילנדיק זיך צו אַנטפּלעקן.

בלאָנדע האָר ניט פאַרקעמט און ניט ווי געהעריק צוגעשאָרן, אַ מין קליין צעווילדעוועט וועלדל.

און אונטערן וועלדל אַ בערגל, דאָס הייסט, אַ קאָפּ.

אויגן — דרייען זיך ווי אויף ספּרוזשינעס, אַהער, אַהין און גלייך צוריק. צוקוקנדיק זיך צו אים האָב איך געטראַכט:

ניט קיין אויגן, נאָר אַ פּאָר צעשראָקענע האָזן.

אַ ווינק — און זיי גיבן אַ שפּרונג אין די קוסטעס אַריין.

הענט — נאַריש־לאַנג, ווי אויף שטריקלעך הענגען זיי.

ער גייט — און דער טריט איז ניט זיכער.

ווי די פּאָדלאָגע וואָלט אונטער אים אַרומגיין.

און די גאַנצע זאַך איז איין אומזיכערקייט:

רעכט יאָ און רעכט ניט.

אַהין און אַהער און צוריק.

ווי עמעצער וואָלט זיך נאָכיאָגן נאָך אים און ער האַלט אין איין אויסמיידן אים, אַרויסמאַכן זיך. אַ ציטער פון בלעטער אין אַן אויסגעלונקענער צווייג אויף אַן אָנגעבראָכענעם בוים.

און אַ צעשלאָגענער שמייכל איז אַלעמאָל געלעגן אויסגעשפּרייט שלים־מזלדיק אויף די אַביסל־אָנגעשפּאָלטענע ליפּן.

— פון וואַנעט זענט איר?

ער רופט אָן די גובערניע, אויעזד און וואָלאָסט.

איך ווונדער זיך, ווי אזוי אזויפיל וויסן האַלט זיך איין אין אַזאַ געלעכ־טערטן זאַקקאָפּ.

— וואָס טוסטו עפּעס דאָ?

— מען האָט מיך געכאַפּט אין די קוסטעס... איך בין געגאַנגען אַהיים... פון פראָנט אַנטלאָפן.

און ער שמייכלט, כמעט ער צעלאַכט זיך.

— וואָס וועלן זיי דיר טאָן?

— גאָרניט! — זאָגט ער מיט גרויס ביטול. — וואָס קענען זיי טאָן? — און ער שילט זיי אין מאַמען אַריין.

— וואָס הייסט גאָרניט? — האַמפּער איך זיך.

— גאָרניט, — קוועטשט ער מיט זיינע זיך־אַרומדרייענדיקע פּלייצעס. — זיי וועלן מיך שיקן צוריק אויפן פראָנט.

זיינע אויגן ווערן ווי פאַרגליווערט.

ער שפּייט אויס, מיט אַ צי, מיט אַ פּאַסמאַקעווע.

זיין שפּייען איז ניט אַ פּשוט שטיקל אַרבעט, נאָר אַ אומנות־יד, אַ מין מייסטערשטיק.

ער שפּייט און לייגט אַריין אין שפּייען זיין גאַנצן מהות.

זיין גאַנצע פּערזענלעכקייט שפּיגלט זיך אָפּ, ווי אַ פּעדער, וואָס טראָגט זיך איבער אַ פּאַמונעצע, אין אויסשפּייען.

— און דאַמאָלט וואָס וועסטו טאָן? — שטעל איך די פראַגע, נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעווישט דאָס מויל מיטן אַרבל פון בלוזע.

— איך וועל ווייטער אַנטלויפן... איך וועל דאָרטן ניט בלייבן... איך וויל ניט.

ער שאָקלט מיטן קאָפּ, פאַרוואָרפנדיק אים אַרויף און אַראָפּ.

אין דער מינוט זעט איר אין אים עפּעס אַ שטיקל זייל פון באַשלאָסנקייט.

ער ווערט שטיף, כמעט ער גלייכט אויס דעם רוקן, וואָס איז צעהויקערט פון בלויז פוילן זיך צו האַלטן אים גלייך.

אַ סעקונדע אַריבער און ער צעלאַכט זיך.

— זיי כאַפּן, איך אַנטלויף... איך וויל ניט...

ניט אַלע האָבן אויסגעזען ווי וואַסקע.

ניט אַלע זענען אַנטלאָפן.

אַנדערע האָבן גלאַט זיך אָפּגעשלאָגן פון זייערע עסקאַדראָנען.

אַנדערע האָבן זיך אָנגעווירן אין וועג.

אַנדערע האָבן זיך דורכגעשאָסן די הענט.

און מען האָט זיי געהיילט. דערנאָך אין געפענגעניש געוואָרפן.

און דערנאָך צוריקגעשיקט, פון וואַנעט זיי זענען געקומען.

עס איז ניט געווען קיין ערגערער אָרט פון פראָנט.

וואַנקע, אַ געלאָסענער, אַ באַטראַכטער. בלויז אַ בליק אין די אויגן — ווי אַ שאַרף פון אַ מעסער.

אַ לאַנגע, ברייטע נאָז.

צוויי נאָזלעכער ווי צוויי אַריינפאָרן — אַ וועג פאַר די פינגער אַריינצוגייִן מיט ליידיקן און אַרויסצוגיין מיט פולן.

און דערצו דאַרפן זיי זיך דאָך קענען אויסקירעווען.

שטאַרקע געזונטע הענט.

לענגלעכע האָר, ניט זייער פּלייסיק פאַרקעמט, אָבער זיי ליגן אויף אַן אָרט, ווי יעדע האָר ווייס איר פּלאַץ.

פּלאַך איז דאָס פּנים און ברייט.

פּשטות מיט ווילדקייט ברידערן זיך.

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך האָב זיך די האַנט דורכגעשאָסן.

ער באַמערקט אַ וואונדערצייכן אויף די געצוגן פון מיין געזיכט, אויף וועלכן ער האָט אָנגעשטעלט זיינע רעדעראויגן.

און ער גיט צו:

— אַלע טוען עס. — ער רופט אַן נעמען — די גאַנצע ראָטע. זיי האָבן מיר באַוויזן.

— ווי אַזוי האָט מען עס דערגאַנגען? — פרעג איך ווי אַ ניט־געניטער.

— ביים רויך און ארומברען, וואָס בלייבט אויף דער וווּנד.

— וואָס האָבן זיי דיר געטאָן?

— גאָרניט. דער ראָטנער האָט געשריגן. דערנאָך אין שפּיטאָל אָפּגעשיקט. און איצטער וועלן זיי מיך שיקן צוריק.

— וואָס וועסטו טאָן? — פרעג איך ווייטער, ווי אַ סתם מקשן עם־הארץ.

— איצטער בלייבט גאָרניט צו טאָן, — ער קוקט אַרום זיך, אַפּנים זיך צו פאַרזיכערן פון אַ שלעכטן אויער — נאָר זיך אונטערצוגעבן.

— ווי אַזוי ווייסטו עס טאָן? — עגבוייער איך מיט מיינע טעמפּע פראַגן.

— פּשוט, מיר גייען אַוועק ווייט, מיר לויפן מיט גרויס חשק, עפּעס ווי מיר וואָלטן וועלן אַלע דייטשן פון דער וועלט אומברענגען — אַ קללה ווערט אַראָפּגעשלונגען, — אָבער ווען מיר קומען נאָענט, הייבן מיר אויף די הענט און שרייען: מיר גיבן זיך אונטער! — און דאָס איז אַלץ.

ער פאַרטראַכט זיך, ווי אַ חלום פאַרנעפּלט זיין בליק...

ער גאַרט נאָך דער מינוט, ווען ער וועט זיין בכוח אויסצופירן זיין ווילן און פאַרלאַנג.

ער און זיין געזיכט ווערן פינצטערער.

ער גיט אַ ציטער:

— אַמאָל טרעפט, זיי שיסן פון הינטן... אונדזערע אייגענע שיסן, די אָפּי־צערן... און גאָר אַמאָל — און זיין שטימע שווימט אין אומעטיקייט — דער־שטעכט דער דייטש, ער דערהערט ניט, אָדער ער פאַרשטייט ניט, אָדער גלאַט פון רציחה וועגן...

— און אין געפאַנגענשאַפט איז דען גוט? — שטעל איך אַ קלאָץ־קשיא.

— בעסער ווי אויפן פראָנט... געפאַנגען איז די בעסטע זאַך. מיר וועלן זיצן דאָרטן און איבערוואַרטן די שלעכטע צייט.

און די אויגן ווערן כמעט ווי נאַס מיט אַ טרויעריקייט.

און אַ זיפץ רייסט זיך אַרויס פון אַן איינגעפאַלענער ברוסט...

— איך האָב אַ ווייב מיט צוויי קינדערלעך און אַן אַלטן טאַטן...

ער ווערט אַביסל פריילעכער און דאָס קול קלאַנגפולער.

— נאָך דעם וועלן זיי ניט וויסן... איך וועל קומען צוריק... געפאַנגען איז געפאַנגען... צי זיך אונטערגעגעבן צי ניט — ווער קען וויסן...

אָט אַזוי פּרובירן מיר אַריינצוטרעטן אין שמועסן מיט אייניקע פון עולם, וואָס זענען אויס אַביסל צוגענגלעך.

ניט צו אַלעמען קען מען צוגיין אָדער צוטרעטן.

עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס עס טרייבט פון זיי.

אַ מין שטויס־כוח זיצט אין זיי, אין פּנים, אין די אויגן.

זיי זענען שוין כמעט אינגאַנצן איבערגעבראָכן געוואָרן, מיטן רוקן און ביינער און אַלץ מיטאַנאַנדער, אונטער דעם שווערן האַמער פון סאָציאַלע פאַר־ווערענישן.

אַרויסגעריסן פון אַ פּרימיטיווער סביבה.

אָפּגעוווינט פון אַקעראייזן און פערד און קו.

אַוועקגעשטעלט געזיכט־צו־געזיכט מיטן טייוול פון מאָדערנער צעשטערנ־דיקער טעכניק.

און זיי האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן.

ווי אַן אינסטינקט וואָלט זיי טרייבן פון פראָנט.

און זייער ניט־אויסגערעכנטקייט און אומפאַרזיכערטקייט ברענגט זיי אין די הענט פון זייערע כאַפּער. און מען יאָגט זיי צוריק.

ס׳פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן דעם זעקסטן מאָל.

— כמעט דריי יאָר אויפן פראָנט געווען! — קלאָגט זיך אַזאַ נפש.

ער זעט אויס — אַ האַרצקלעמעניש צו קוקן אויף אים.

— קיינמאָל פון קיין אָפּרו ניט געוווסט... אַנדערע ווערן פאַרוווּנדעט... מיך האָט קיין קויל ניט גענומען... אין די ערגסטע ערטער געווען... קוילן האָבן זיך געשאָטן ווי זאַמד... מיך נעמען זיי ניט... אומעטום אויסגעווען... איך קען עס מער ניט אויסהאַלטן...

דערעסן געוואָרן. צוויי יאָר אין טראַנשייעס אָפּגעלעגן.

און ער אַנטלויפט.

אַזוי האָבן מיר האַלב געשמועסט.

איך האָב ניט געקענט שלאָפן.

מחנות־מחנות פאַראַזיטן זענען מיך באַפאַלן.

איך זאָג אייך: מער וויפל זעלנער מיר האָבן געהאַט אויפן דייטשן פראָנט, און אפשר, אויף אַלע פראָנטן.

איך פּרוביר זיך אַוועקלייגן אין אויבערמאַנטל, אַנגעשטעלט דעם קאָלנער. אָבער עס העלפט ניט.

איך האָב קיין תקומה ניט.

ווי מען וואָלט מיך אָפּטונקען אין אַ מוראַשקעס־בערגל.

איך גיב זיך אַ יאָג נאָך אַ וואַנץ, ווען איך שלעפּ אַרויס פון אונטערן קאָלנער און איך בין אים דן מיט אַרבע מיתות; באַפאַלט מיך אַ פּרייס, וועלכער כאַפּט זיך אַריין צו מיר אין זאָק.

בין איך זיך נוקם. אַן אַנדער באַשעפעניש כאַפּט זיך אַריין אין אויער, און נעמט זיך שפּאַצירן דאָרטן ווי אין זיין טאַטנס ווייַנגאָרטן.

איך הייב זיך אויף און נעם שפּרייזן.

עס איז אָבער מער ניט ווי אַן הצלה־פּורתא, כלומרשט אַ פּאַליאַטיוו.

איך שלאָף ניט.

דער עולם שלאָפט אויך ניט. זיי ריידן, זיי קראַצן זיך, זיי כאַפּן חיות אין די וועלדער פון זייערע שוואַרצע שמאַטעס, וואָס איז אַמאָל געווען וועש...

שפּרייזנדיק וואַרפן מיר זיך איבער מיט ווערטלעך און גלייכווערטלעך.

עס איז דאָ פריילעכדיקייט אין יעדער טרויעריקייט.

זיי ציילן די געכאַפּטע לייז; זיי לופטערן די פּאָדשטאַניקעס; זיי וועטן זיך, ווער עס האָט מער. און ווער עס האָט מער, געווינט אַ שטיקל צוקער.

ליידן פאַרייניקן מענטשן מער ווי פריידן, — דערמאָן איך זיך רענאַנס געדאַנק.

באמת, מיר ווערן דורך נאַכט, דורכן אָרט, פאַרהיימישט.

מיין פרעמדקייט ווערט פאַרשוווּנדן. זיי נעמען קוקן אויף מיר ווי אויף אַן אייגענעם.

און באמת, די זעלביקע פּאַראַזיטן עסן מיך, טרינקען מיין בלוט.

מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס איז די נפקא־מינה? ס׳רוב קען מען עס אַראָפּנעמען מיטן אויבערשטן מאַנטל, מיטן רעקל.

די שפּעטע צייט און פאַרמאַטערטקייט זענען גובר. איך לייג זיך אַ צווייטן מאָל.

כאַפּ אַ דרעמל ביזן ערשטן שטאַרקן ביס, וואָס וועקט מיך אויף ווי אַ שטאַרקער טרייסל אויף אַ שיף.

עס טראָגן זיך געדיכטע כראָפּערייען. זיי פלעכטן אַ טשיקאַווע מאַטע פון קלאַנגען, געפּאַנגענע אין נאָזלעכער פאַרשפּאַרטע און העלדזער פאַרשטיקטע.

„אינאָוונט זאָגן זיי: ווען וועט ווערן מאָרגן" — האָט זיך פאַרפּלאָנטערט ערגעץ דער פּסוק אין דעם אונטערגעוויקס פון מיינע רעיונות ווי דער ווידער פון יצחקן...

דער טאָג נעמט גרויען... און שטראַלן קלאַפּן, ווי שטעקעלעך פון אַ קינ־דערשן פּיקל, אויף די שויבן.

אַ ליכט־עזות־פּנים קריכט כמעט דורכן גלאָז, שפּאַרט זיך דורך עפּעס אויף אַ ניסימדיקן אופן.

די שאָטנס נעמען מאָגער ווערן, אַזוי ווי זיי וואָלטן אויסברעכן די גאַנצע פינצטערניש, מיט וואָס זיי האָבן זיך אָנגעפּרעסן ביי דער נאַכט.

אַ שויב נעמט זיך כמעט ווי רויטלען.

עפּעס ווי פון שעמען זיך... פאַרוואָס? פאַר וועמען?

איך טראַכט: זי איז מקנא די שכנים שויבנגלעזער, וואָס קוקן פון דער הויך פון אַ מויער אַראָפּ, ליכטיקע, ציכטיקע, אויסגעוואַשענע, מיט גאַרדינען פאַרפּוצטע.

זי איז מקנא און ווערט רויטלעך פאַר שאַנד פון זינד: לא תחמוד... זאָלסט ניט וועלן יענעמס שטראַל...

שעם זיך ניט, שויבגלאָז, כאָטש פאַרמלאכהט מיט פליגנאָפּפאַל, פאַרפּלאָכטן מיט שפּינגעוועב, גיסט דו מער ליכט ווי אַן אַנדערע.

דיין ליכט איז דאָ אָנגעלייגט. און איין טראָפּן דאָ וועגט אַריבער אַ גאַנצע קוואָרט ערגעץ אַנדערש־וווּ.

און ווי זי פאַרשטייט מיך.

צעלאַכט זיך מיט אַ גאַנצן סנאָפּ פון פריילעכע שיינכעלעך.

און כמעט, אַז זיי טאַנצן אויפן שמוציקן דיל:

— די זון האָט געהייסן פריילעך זיין.

טרינקען גאָלד און ניט קיין וויין...

אַ שויב נאָך אַ שויב הייבט אָן זיך אַרומצוקוקן און דורכזיכטיק צו ווערן.

דאָס כראָפּען ווערט אָפּגעשוואַכט.

דער עולם טשוכעט זיך, נעמט זיך צוקלייבן צו באַגעגענען דעם טאָג מיט זיין מתנה ליכט.

מיר, תפוסים, טרעפן זיך און מיר באַשענקען איינער דעם אַנדערן מיט שמייכלען.

עס שפּיגלען זיך שטראַלן אויף די צעריסענע רעקלעך פון די פאַרבייגייער, ווען זיי פאַלן אַריין אין גאָלדענעם שטויבשטראָם, וואָס פליסט דורכן מזרח־פענצטער.

און מיר ווערן אַלע פריילעך.
אַ נאַכט אַריבערגעקומען מיט אַ שוואַרצער שווערקייט.
אין אַ צווייטע נאַכט וואַרט — און אַ ביטערקייט צעגיסט זיך איבער מיין אינגעווייד און שפּאַרט אונטערן האַרץ און דערגרייכט ביזן אויסקוק פון פּנים.
די טיר עפנט זיך. אַ וואַרע געמאַכט. — דער דאָקטאָר קומט.
ער דאַרף וויסן, צי מיר זענען אַלע געזונט. צי עס זענען ניטאָ קיין אָנשטעקנדיקע חולאים.
ער גייט אַריין.
טראָגט זיך דורכן צימער.
פאַרמאַכט די נאָז. און לאָזט זיך גיין צום אָפּטרעט...
אַ קוק און יוצא... באַפרידיקט:
ווי איינער וואָלט געזאָגט: שמוציקער קען גאָר ניט געבן.
ער באַגעגנט מיך, וואָס איז באותו־שעה פעך און שוועבל.
עס ברענט אין מיר אַ פאַרדרוס און אַן עוולה.
— וואָס הייסט עס: אַזאַ אויפקוק?
— וואָס זענען מיר — בהמות?
ער זעט מיך, און עפּעס ווי איינער, וואָס וויל צודינען, פרעגט ער האַלבשמייכלענדיק?...
— טוט אייך דער קאָפּ וויי?
איך פלאַקער אויף:
— אַזאַ שמוץ! און איר שעמט זיך ניט. אַן אינטעליגענט. איר דאַרפט אַכטונג געבן, צביעות, צי עמעצער איז קראַנק! ווער קען געזונט זיין אין אַזאַ פלאַץ, ניט צו שטיין, ניט צו זיצן, ניט צו ליגן... מחנות פון...
— וואָס קען איך טאָן? — וווּנדערט ער זיך, וואָס איך האָב צו אים.
— וואָס הייסט עפּעס! קודם־כל זאָל מען אויסוואַשן די פּאָדלאָגעס, דאָ איז ערגער ווי אין אַ שטאַל, אַ גוטער באַלעבאָס האַלט ניט אַ בהמה אין אַזאַ קויט.
— זיי קען מען דען האַלטן ריינער. זיי זענען ערגער ווי דבר־אחרס.
— זיי... — חזר איך איבער, איראָניזירנדיק.
ער, דער דאָקטאָר, ציט אָפּ.
דער עולם קלייבט זיך צונויף אַרום מיר.
— טאַקע, אַ גלייכער רעיון, — כאַפּט אונטער דער געוועזענער אַרבעטער.
— זאָל מען הייסן אויסוואַשן.
— אויסוואַשן די פּאָדלאָגעס! מען קען ניט שלאָפן! — דערהערן זיך פאַרשיידענע קולות פון אַלע זייטן.
דער עולם ווערט מער זעלבסטגלויביק.
אין אַ פּאָר מינוט אַרום גיט זיך אַן עפן די טיר. דער פעלדפעבעל כאַפּט זיך אַריין, אָבער דערזעענדיק דעם עולם אַרום מיר ווי אַ וואַנט, שטעלט ער זיך אָפּ הינטער דער מחיצה פאַרן אַריינגאַנג און נעמט גלייך געוואַלדעווען אויף די הויכע טענער.
— דו איינער, וואָס מיינסטו זיך עפּעס! דו גייסט בונטעווען דעם עולם! נאַמשאַלסטוואָ באַליידיקן!!!

ער שרייט בקולי־קולות.

און איך צעשריי זיך אויך:

— וואָס עפּעס דו! איך בין דיר קיין דו! — און איך שריי און שריי... — וואָס הייסט עפּעס ניט אַכטונג געבן, אין שמוץ האַלטן!... וואָס איז איצטער, אַל־טע צייטן?

דער עולם שטייט אַ ווײַלע און קוקט אין קווענקלעניש. זעענדיק, אַז מיך נעמט ניט זיין שרייען, און אַז שרייען קען איך אויך, נעמען זיי מיר אונטער־העלפן.

און אַלע צעלאָזן זיך:

— וואַשן! וואַשן! די פענצטער! די פּאַדלאָגעס!

— און עפענען די פענצטער אויך! — צעשרייט זיך איינער.

— און די טיר אויך! עס איז דאָך פרייהייט! מיר ווען ניט אַנטלויפן! אויף אַן ערנוואָרט מיר וועלן ניט אַנטלויפן! — שרייט יענער, וואָס האָט שוין זעקס מאָל פון פראָנט אָפּגעצויגן.

דער פעלדפעבעל בלייבט אָן ווערטער. ער האָט זיך ניט געריכט אויף אַזאַ ברוך־הבא.

דער עולם רוקט זיך צום אָפּצאָמוועגטל. אַלע מיילער אָפן, אַלע אויגן ברע־נען, און ציין ווערן בייז.

דער פעלדפעבעל ציט אָפּ.

דער עולם פילט, דער נצחון איז נאָענט.

— עפנט די פענצטער!

— עפנט די טירן! —

די וועכטער שטייען אָנגעשפּאַרט אויף זייערע ביקסן און קוקן אַביסל ווי דערשראָקן.

איך נעם מיט זיי קנעלן:

— ניט אונדזער עסק, מען וועט הייסן, וועלן מיר עפענען. אַליין קענען מיר גאָרניט טאָן.

— פון אונדזערטוועגן — זאָגט יענער מיט דער באָרד און מיט אַ ברייטן קול פון נאָפל אַרויס — מעגט איר צעגיין זיך אַלע אַהיים... זאָל מען נאָר הייסן, מירן עפענען.

דער עולם זיצט ווי אַ טעפּל אויפן פייער פון ליידנשאַפט.

דער פעלדפעבעל קומט אַריין מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

ער שעמט זיך פאַר זיין שוואַכקייט.

ער רעדט געלאַסן און כמעט האַרצלעך. עס פעלט אים אָבער דאָס האַרץ און ער רעדט פון חלל, ווו דאָס האַרץ ביי אַ נאָרמאַלן מענטשן ליגט און קלאַפּט:

— וואָס ווילט איר? די פענצטער עפענען? גוט, באַרויקט אייך. איך האָב איבערגערעדט מיטן נאַטשאַלניק. ער איז מסכים.

— פעדאָר, עפן די פענצטער! — הייסט ער דעם וועכטער.

פעדאָר נעמט זיך פאַר דער שווערער אַרבעט צו עפענען אַ פענצטער, וואָס איז ניט אָפן געווען פון זיין געבורטסטאָג אָן.

די פעטלעס פאַרזשאַווערט און אויסגעלונקען. די שויבן קלינגען עפּעס מאָדנע, הגם מיט צרות, אָבער פּאַרט געעפנט.

אַ שויב צאַלט מיטן לעבן דערפאַר.

עס פאַרשווינדלט זיך איר דער קאָפּ און זי נעמט און פאַלט אַרויס און צעברעכט זיך אויף די שטיינער אונטערן פענצטער.

VIII

צווישן תפיסה און תפיסה

אַ מענטש איז אַ הולד, האָט געזאָגט דער ליבאַוויטשער.

ער שטייט ניט אויף איין אָרט.

אַז דאָס פענצטער איז אָפן, נעמט זיך די טיר בעטן רחמים:

— ס'טייטש, האָט רחמנות אויף מיר און עפנט מיך; איך וויל ניט זיין דער צווישנשייד צווישן מענטשן און זיין געליבטער פרייהייט.

נעמען מיר שמועסן מכוח טירן־עפענען.

אַ שפּאַס!

אַן אויג איז אַ פענצטער.

און אַ טיר — איז דאָס מויל.

און פאַרשטייט איר מיך:

דער עיקר איז ניט, וואָס גייט אַריין אין מויל, נאָר וואָס גייט אַרויס.

און די נאַטשאַלסטווע, עפּעס ווי זיי וואָלטן געוועזן שטאַרק באַהאַוונט אין דער „גוטער בשורה"־שרייבעכץ, האַלטן טאַקע שטאַרק פון דעם שפּרוך.

דער רעכטער עיקר: וואָס עס גייט אַרויס פון מויל, דורך דער טיר...

און דער פעלדפעבעל ווייסט ניט וואָס צו טאָן.

ער גייט אַוועק און קומט צוריק.

און מיר אַלע האַלטן זיך ביי דאָס אונדזעריקע:

נאָכן פענצטער קומט די טיר.

עס איז פאַראַן אַ קאָנסעקווענץ, ווי אין עפענען, אַזוי אין פאַרמאַכן.

ווער זענען מיר?

חיות, וואָס מען האַלט אין אַ שטייג.

דער הויף איז ניט גענוג. און אַ הייכער צוים היט אים אָפּ פון אַלע זייטן אַזוי, אַז כמעט פאַר אַ ווינטל איז זיך שווער אַריינצוגנבענען, און ווען ער לאָזט זיך איבערן פּלאַנקען שפּרינגען, ברעכט ער האַלדז און גניק, און פאַלט אַריין אין הויף כמעט אָן לשון און אָן אָטעם...

דער פעלדפעבעל, אַזוי ווי די העכערע מסתמא, פאַרשטייט, אַז איך בין דאָ דער וואָרצל, וואָס „פּרוכפּערט גיפט און ווערמוט"...

הייסט עס, מען דאַרף פון מיר פּטור ווערן און וואָס פריִער אַלץ בעסער.

ער קומט אונטער צו מיר מיט אַ חניפה־שמייכעלע, איינגעבויגן, עפּעס ווי אויף אַלע פיר.

— וואָס איז אייער פאַרלאַנג? וואָס פאָדערט איר פּערזענלעך?

איך פאַרטראַכט זיך, איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן.

— איר דאַרף דאָך מן־הסתם אָנקלינגען אַהיים, זאָגן זיי, ווו איר געפינט זיך, — זאָגט ער מיט אַ גנבהשן קולכל, ניט צו דערקענען אים.

— זאָל זיין אַזוי, איך וועל גיין טעלעפאָנירן, — לאָך איך, פאַרשטייענדיק, אַז ער וועט מיך ניט אַרויסלאָזן פון טויער.

— איר קענט אָנקלינגען דאָ אין ביוראָ... — צעזיסט ער זיך ווי סאַכאַרין אין אַ גלאָז ציקאָריע. ער איז פריקרע צום אויסשפּייען.

— גוט, איך וועל גיין... — טראַכט איך און זאָג עס אַרויס... — וואָס קען דאָ זיין?!

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אים האָט זיך געוואָלט בלייבן מיט מיר ביחידות.

אויפן וועג, ווען מיר מעסטן דעם לאַנגן הויף און ציִען איין פוס נאָכן אַנדערן פון בלאָטע אַרויס, וואָס לאָזט זיך אַזוי מחיהדיק קנעטן אין תחילת פרילינג, נעמט ער זיך צו מיר צורוקן, און ער טענהט:

— ווי פּאַסט עס פאַר אייך... מיט וועמען האַנדלט איר דאָרטן... צי זענען זיי אייך אַ פּאָר...

— אַוודאַי אַ פּאָר, מיר זיצן דאָך אַלע צוזאַמען! — מאַך איך זיך תמעוואַטע.

— איר זענט דאָך אַן אינטעליגענטער מענטש, איר פאַרשטייט דאָך... זיי זענען ווילדע חיות... ביי היינטיקע צייטן...

איך וווּנדער זיך, ווו האָט זיך דער נפש אויסגעלערנט דעם לשון פון ליסטיקייט, די שפּראַך פון די שוואַכע, ניט פון די שטאַרקע פויסטן.

— בסך־הכל אַ פּאָר חדשים רעוואָלוציע און ער נעמט זיך שוין צופּאַסן!

— טראַכט איך.

— עס איז ניט פאַר אייך — האַלט ער אין איין מוסר־זאָגן... זיי זענען חיות...

— אַמאָל פּאַסירט פונקט פאַרקערט, אַז חיות האַלטן מענטשן אין שטייגן,

— ווייצל איך זיך.

מיר זענען אַריין אין קאַנצעלאַריע.

טישן און טישן. אַרום זיי אַ פּאָר בחורימלעך מיט גלאַנצנדיקע, ניט גילדענע, קנעפּלעך און מיידלעך מיט גאָלדענע, ניט־גלענצנדע, לאָקעלעך.

מיך באַגעגענען אַ גאַנצע שרענגע אויגן. זיי שטעכן זיך ווי שפּיזן.

אין יעדן שפּיז צען פראַגן.

און אַ פאַרשעניש הענגט אַרום די ליפּן און מויל.

יעדער וויל שטעלן פראַגן, אָבער ער האָט בושה און וואַרט, אַז עמעצער זאָל אָנהייבן, ווי אַן איבערגעפולטער בעכער וואַרט אויף אַ דרייסטן טראָפּן, ער זאָל אָן אָנהייב מאַכן און אַריבערגיסן זיך.

איך קלינג אָן האָכבערגן. דערצייל ווו איך בין.

און דורכן טעלעפאָן פיל איך אַ קאַפּשאָקלען און שולטערן ציִען מיט טויזנ־טער בתמיהות און וווּנדערייען.

גערעדט און געזען דורכן הערן. און אָפּגעענדיקט.

איך קלייב זיך אַוועקצוגיין.

אָבער דאָ האַלטן זיי ניט אויס.

אַ שרייבערל פרעגט מיך, מאַכנדיק אַ מאָדנע צורה, אויף וועלכער עס שטייט אָנגעשריבן אַ נאַריש וווּנדערן זיך:

— פאַרוואָס ווילט איר ניט דינען?

— וועמען דינען? — שטעל איך אַ פראַגע אויף אַ פראַגע.

— דעם פאָלק, דעם פאָטערלאַנד! — זאָגט ער פּאַטעטיש און קוקט אויף דער פריילן, וואָס שטייט און שלינגט יעדעס וואָרט, אַזוי ווי זי וואָלט אים אונטערזאָגן אין האַרצן.

— דעם פאָלק? וואָס פאַר אַ פאָלק? האָט מען געפרעגט דאָס פאָלק, צי עס וויל מלחמה האַלטן? אַ שיינער דינען דעם פאָלק דורך אויסקוילענען עס אין איין טאָג מער ווי קעלבער אין אַ גאַנצן יאָר... אָט אַזוי דינט מען עס דעם פאָלק. איר זענט אַזוי יונג און איר האָט אַזעלכע פאַלש־אַלטע געדאַנקען! — גיב איך צו...

דאָס מיידל זעט־אויס ווי זי וואָלט געלאַכט, אָדער ווערט מלא־רוגזה...

— ס׳טייטש, וואָס רעדט איר!... — איז זי אויסער זיך.

איך לאָז זיך גיין צוריק.

זיי באַגלייטן מיך אַלע מיט די אויגן און לעכערן די פענצטער, און דורך די לעכער גיסט זיך יונגער וווּנדער און נייגעריקייט.

דער פעלדפעבעל האַלט אין איין איבערחזרן.

— ווי פּאַסט עס פאַר אייך צו האָבן צו טאָן... זיי קענען דאָך דערגיין צו מערדעריי! — שרעקט ער מיך.

איך שווייג. און אין שוייגן פאַרוויקל איך מיין שטעכעדיקן האַס צו אים, און צו יענע, וועמען ער שטעלט פאַר.

עס איז ניטאָ קיין העסלעכער און מיאוסער בילד ווי אַן אָרדענונג, וואָס גוססט און שלאָגט זיך אַנטקעגן טויט, און שטאַרבט און פוילט און וואַלגערט זיך אין גאַס ווי אַ נבלה, וואָס ווייס ניט, אַז זי דאַרף קומען לקבר ישראל. עס צעלייגט זיך, און ווערעם עסן עס, און אָנשטאָט אויגן האָט עס בלינדע גריב־לעך... און ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, שלעפּט מען עס אַרום איבער די גאַסן אָנגעטאָן אין פּורפּור און מען גיסט אויס טייכן פּערפום, זיין גערוך צו פאַר־טרייבן...

בכדי דעם עולם איינצורעדן, אַז עס לעבט און פונקציאָנירט, ווי קיינמאָל גאָרניט.

מען דאַרף קענען שטאַרבן אין צייט און לייטיש.

איך בין געקומען צוריק. דער עולם, ווי געוועזן, האַלט אין איין טענהן וועגן דער טיר. זיי קוקן דורכן אָפענעם פענצטער. די אויגן שפּרייזן אַריבער די פענצ־טערשוועל און לאָזן זיך גיין, פאַרקריכן צום פּלאַנקען און טויער, וואָס ווערט

באַוואַכט טאָג און נאַכט. און מעשה־טבע: דער גוף וויל נאָכגיין נאָכן אויג.
צוויי מעקלערס פון עבירה:
דאָס אויג זעט, דאָס האַרץ גלוסט און דער קערפּער טוט.
עס ציט אַ ווינטל דורכן פענצטער, קריכט אַריין אין דער פאַרשטיקטער תפיסה. און כמעט עס פאַלט אין חלשות: עס קען ניט אָטעמען, נאָר־וואָס פון פעלד — און דאָ אַזאַ שטיקעניש!!
עס שמעקט מיט פריש אָנגעטרונקענער ערד. עס שמעקט מיט די טויזנטער וויגעלעך און אין יעדן וויגעלע אַ זוימען.
און די תפוסים בייטן זיך אין פּנים.
זיי פאַרגעסן זיך אויף אַ ווײַלע, ווו זיי זענען.
עס גיט זיי אַ צי.
עס ווילט זיך זיי צופאַלן צו דער מוטערערד און זיך אויסוויינען אויף איר בוזעם מיט שוויס און פּראַצע, און זיך דערקוויקן.
זיפצן שלאָגן איבער דעם וועג דעם ווינטל, וואָס לויפט צו דער פענצטער־עפענונג.
זיי צערײדן זיך וועגן היים, וועגן די פערד און בהמות און פעלדער און דערנאָך וועגן ווייב און קינדער.
די ייִנגערע, וועגן די טאַטעס און ברידער. וועגן זייען און אַקערן.
וועלכער טייוול האָט זיי פון דער היים פאַרטריבן, זייערע פּשוטע נשמות אויסגעדרייט פון אינעווייניק אַרויס, און זיי, אָרנטלעכע, צו פאַרברעכער געמאַכט!
אַפילו דאָ אונטערן פענצטער ווייזן זיך אַרויס גרעזעלעך. קוקן אַרויס מיט גרינקייט, פרישקייט און יונגקייט פון איין טאָג. אָט וואָס פון מוטערשויס אַרויס און זיך פאַרקוקט אויף דער וועלט.
עפּעס ווי געבוירן צו אָפּחיהן פאַרשמאַכטע נשמות.
איינער בייגט זיך איין און רייסט אַרויס דאָס גרעזעלע־עופעלע.
וואַסקע שרייט אויסער זיך, אָבער פאַרט האַלב־שמייכלענדיק:
— טשעפּע ניט, זאָל עס וואַקסן. עפּעס אַ מין גרוס פון אונדזער פעלד מיט דער ווינטער־תבואה.
און ער שפּרינגט אַרויס דורכן פענצטער און לאָזט זיך לויפן.
ערגעץ ווייט הינטער אַלע געביידעס שטייט אַ מין האַלב־איינגעפאַלענע חורבה פון אַ שטאַל. ער שפּרינגט אַרויף אויפן דאַך און פון דאַך אויפן צאַם.
און דאָס אַלץ אין מיטן העלן טאָג, ווען די וועכטערס זעען און יאָגן זיך נאָך. און שרייען און לאַכן, זייענדיק זיכער, אַז זיי וועלן אים באַלד צוריק־ברענגען.
ער לויפט אומבאַוווסטזיניק; אַ מין בלינדער אינסטינקט טרייבט אים; ער קען זיך ניט באַהערשן. ער לויפט און ער ווייסט, אַז מען וועט אים כאַפּן.
זיין פליכט איז צו אַנטלויפן.
זייער פליכט איז צו כאַפּן און ברענגען אים צוריק.
און מען ברענגט אים מיט גרויס פּאָמפּע.
דער פעלדפעבעל איז אויסער זיך.

— איר זעט, ווער איר זענט! איר ווייסט ניט ווי אַזוי צו נוצן פרייהייט.

וואַסקע שטייט נעבעכדיק, די אויגן צעיאָגט. ער קראַצט זיך די פּאַטילני־צע און רעדט מעכאַניש:

— ווייטער געכאַפּט... גאַרניט... איך וועל ווידער אַנטלויפן.

דער פעלדפעבעל טוט זיך אָן אין אויטאָריטעט. איצטער פילט ער אַ פעסטן באָדן אונטער זיינע פיס אין גרויסע אויסגעשמירטע שטיוול.

— צוגעמאַכט די פענצטער. פאַרשלאָסן די טירן!

ער לויפט פון פענצטער צו פענצטער, באַקוקט צי זיי זענען גענוג פעסט. און שיסט זיך אַרויס פון געפענגעניש ווי אַ פייל.

— וואַסקע, וואָס האָסטו געטאָן? וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס! דו האָסט דאָך געזען, זיי גיבן אַכטונג, זיי טשאַטעווען.

— גאָרניט. — צעמישברכט ער זיך. — איך וועל סיי־ווי־סיי אַנטלויפן... שפּעטער אַביסל... איך וועל גיין אַהיים... איך וועל זיך פאַרבאַהאַלטן אין וואַלד, אין אַ גרוב פון קאַרטאָפל...

דער פעלדפעבעל קומט מיט צוויי זעלנער מיט ביקסן אין די הענט און אַ בוך אונטערן אָרעם. ער רופט אָן אַ נאָמען, — מען מיינט מיך.

מען שיקט מיך אָפּ אין הויפּטוואַך.

זיי ווילן מיך דאָ מער ניט האַלטן.

איך צעזעגן זיך מיט מיינע איינטאָגיקע חברים.

מענטשן זענען ווי שטעגן, לויפן פּאַראַלעל, טרעפן זיך, האַקן זיך איבער, און גייען זיך פונאַנדער, קיינמאָל מער ניט צו טרעפן זיך.

מיר דריקן זיך די הענט.

— זיי געזונט! — שרייען זיי מיר נאָך.

וואַסקע שרייט:

— אַנטלויף, איך וועל אויך אַנטלויפן! איך וועל דאָ ניט זיין.

דער פעלדפעבעל מאַכט זיך ניט הערנדיק.

די הויפּטוואַך, שטעלט זיך אַרויס, איז דאָ אויפן צווייטן עק פון הויף.

די זעלנער פירן מיך. איינער אַן עלטערער, איינער אַ יונגערער.

— פון וואַנעט זענט איר?

— פון טאַמבאָווער גובערניע — ענטפערט ער זייער גערן.

— וואָס איז אייער באַשעפטיקונג? — פרעג איך ווייטער, צילנדיק זיך אין רעכטן פינטל.

— פאַרשטייט זיך אַן ערדאַרבעטער, — ענטפערט ער, וווּנדערנדיק זיך, וואָס אַזעלכע שאלות שטעלט מען אים. וואָס, מען זעט עס פון גאַנצן דורך־און־דורך זיינעם, אַז ער איז אַ קרוב פון דער סאָכע און אַ מחותן פון דער בראָנע.

— איצטער איז פרילינגצייט. אַרבעט איז דאָ אין פעלד, אין גאָרטן, און־מעטום. די ערד פאָדערט הענט און איר האָט ניט וואָס צו טאָן נאָר מיך אַרומ־צופירן פון געפענגעניש צו דער הויפּטוואַך. גיי בעסער, כ׳לעבן, אַהיים, און אַקער און זיי, און גרייט צו ברויט פאַר זיך און פאַר אונדז שטאָטלייט! — ענ־דיק איך מיט אַביסל אַן אויפגעהויבענעם טאָן.

ער קוקט אויף מיר מיט אויסגעשטעלטע אויגן. ער פאַרשטייט ניט, וואָס איך רעד אָדער וואָס איך מיין.

— איך בין מאָביליזירט, איך בין אַ זעלנער! — פאַרענטפערט ער זיך פאַר זיין אַרומשלעפּן זיך פּוסט און פּאַסט מיט מיר.

— גיי אַהיים! — טענה איך — און איך וועל אויך אַוועקגיין.

ער שטעלט זיך אָפּ, פאַרטראַכט זיך, און מיר דוכט זיך, אַז אין רעכטן בלויען הימל העגנגט ער אויף אַ וואָג. אין איין שאָל לייגט ער אַריין זיין שטיק ערד, זיין סאָכע, זיין פערד, זיין ווייב און קינדער. אין דער צווייטער, אין כנגד־שאָל, לייגט ער אַריין זיין מורא און זיין פאָלגעפיל. און די צווייטע ציט אַרי־בער און הייבט אויף, ווי אַ פעדער, די ערד, דעם פרילינג מיט ווייב און קינדער.

ער לאָזט זיך גיין און פירט מיך ווייטער, האַלטנדיק מיך פאַרן האַנט.

און עס פילט זיך עפּעס ווי אַ שרעק אין אים.

— איך וועל ניט אַנטלויפן — באַרויִק איך אים.

ער לאָזט מיך אָפּ, אָבער ער איילט מיך אונטער.

ער וויל פון מיר פּטור ווערן, פון מיר, וואָס וויל אים צורײדן צו עפּעס אַ שלעכטער... מאָדנער זאַך...

— גיי אַהיים אַקערן! דאָס ווייב וואַרט, די ערד נויטיקט זיך אין דיר...

— קום אויף גיך! איך מוז דיך ברענגען און צוריקגיין...

— גיי אַהיים... — טענה איך.

— איך האָב מורא... איך קען ניט... איך בין מאָביליזירט! — פאַרשלאָגט ער מיר מיינע רייד.

אַריין. אַן אָפיציר פון די יונגע־צאַפּלדיקע, נאַר־וואָס אין די עפּאָלעטן און קנעפּלעך אַריינגעפּאַלן. ניט אויף לאַנג. און ער איז אומגעדולדיק.

ער נעמט דאָס פּאַפּירל, שרייבט זיך אונטער און פירט מיך אַוועק.

בפועל־ממש אַ שטייג מיט גראַטעס. עפּעס מאָדנע שטייט עס אין דער הויך, אַ מין האַלב־צווייטער שטאָק.

עס קען זיין, אַז אַלע פלעצער זענען געווען פאַרנומען אין יענער צייט און אויף מיר, אַ ציווילנעם, האָט מען זיך ניט גערעכנט און קיין פּלאַץ ניט צוגע־גרייט. עס האָט פאַר די אייגענע זעלנער קיין ערטער ניט געקלעקט.

איך בין אַריין. כמעט, אַז איך דאַרף זיך איינבייגן. אין שטייגצעל זענען שוין פאַראַן זעקס פאַרשוין: צוויי יונגע סטודענטן, צוויי יונגע זעלנער און צוויי בערדיקע.

מען קען זיך קיין דריי ניט טאָן.

כמעט קיין אָרט ניטאָ ווו צו זיצן.

אַ קליין פענצטערל, דער איינציקער לופטגעבער און ליכטצושאַרער.

אַ שטיקל פּאַסיק פון בלויען הימל קוקט זיך אַריין און ער זעט אויס ווי אָפּגעשמיסן ביז בלויע סיניאַקעס...

מענטשן אין שטייגן... און הימלען געפּאַסעוועט.

כמעט, אַז איך לאַך זיך פונאַנדער. איך האָב מורא, אַז פון געלעכטער וועט די שטייג פּלאַצן, זי איז אַזוי ענג און אַזוי שמאָל.

איך נעם זיך צוקוקן.

אויגן מיט אויגן טרעפן זיך. אַלע שווייגן. אַזוי ווי זיי וואָלטן טאַקע מיינען, זיי זענען חיות און קענען ניט ריידן. אַן אויג צו אַן אויג, אַ ווונק, אַ שארך, אַ שטאָך, אַ טאַפּ.

אייגענע. מיר ריידן מיט בליקן גאָר ווי פאַרליבטע. אָבער דאָס איז דער פאָרוואָרט.

מיר לאָזן אַראָפּ שיפעלעך פון וואָרט אין ים פון לופט, אַ ים, וואָס אַפילו גראַטעס קענען אים ניט אויסשליסן.

דאָס ערשטע וואָרט אונדזערס האָט זיך נאָרוואָס אַ טונק־געטאָן אין וואַ־סערלופט, אַרויס פון דעם מויל — און אַן אָפיציר איז לעבן שוועל און רופט מיך אַוועק.

אַוועקגעפירט. און איך וווּנדער זיך. אויף מיין לעבן האָב איך אַזאַ ענג־שאַפט ניט געזען.

פאַרוואָס האָט מען מיך אַריינגעפירט, פאַרוואָס גלייך אַרויסגעפירט?!

איך בין איין שאלהנען אַן ווערטער.

אַ נייער אָפיציר.

אַ בייזער, אַן אַלטער. ווי אַן אַנגעוויקטע קאנורע מיט אַ קייט, וואָס שלענגלט זיך, ער קוקט אויף מיר און קוקט ניט.

ער וואָלט מיך וועלן צעטרעטן מיט די פּאָדקעוועס פון זיינע בליקן.

— שטעל זיך! — שרייט ער, ווי די וועלט וואָלט אַ טויבע געווען.

— וואָס שרייט איר! איך שטיי דאָך.

— שווייגן! — טופעט ער מיט די פיס אַזוי, אַז זיין שטיוול צעקרעכצט זיך. ער האָט אים כמעט אַלע ציינערטשוועקעס אַרויסגעזעצט.

דער שפּאָר נעמט אים איין און ער ווערט אַנטשוויגן.

ער מעסט מיך. ער וועגט מיך. ער טאַפּט מיך און דרייט מיך אויף אַלע זייטן.

וואָס איז ער אויסן? איך זאָל אַזוי וויסן פון אַלדאָס בייז.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — חקירה איך זיך.

— שווייג, זאָג איך דיר! — און אַ פויסט הייבט זיך אויף כמעט צו מיין נאָז.

— איר זענט דאָך מיט בילדונג, אַ זון פון אַ הויכן קלאַס און איר פאַר־מאָגט אַזאַ הויכע שטימע און אַזאַ הויכע פויסט! — שטעך איך אים.

— מיר וועלן אייך וויזן! אַוועק! — שרייט ער פול מיט רציחה, עפּעס ווי אַ גלגול וואָלט פון אים אַרויסריידן מיט שוים און צעקאָכעניש.

צוויי זעלנער קומען אַריין, פירן מיר אַוועק.

וווהין?

צו די קרוטיצקער קאַזאַרמעס.

אַ שטיק וועגס.

אַ טאָג, וואָס ווייקט זיך אין זון און אויפלעבעניש.

שטראַלן שפּילן זיך אין יעדן שטיקל ברוכוואַרג פון גלאָז.

ליכטלעך צינדן זיך אין יעדן טראָפּן טרער פון וואַסער.

איך בין צווישן געפענגעניש און געפענגעניש — פריי.
אין וועג.
צווישן צוויי זעלנער.
דאָס איז די מערכה פון מענטשן — אַ פּאָמפּעדיקל פון געווין צום געלעכטער.
אין וועג פון תפיסה צו תפיסה.
איז דאָס דער גורל פון מענטשן?!

IX

ביי די זעלנער

נעם איך מיר אַרויס מיין מעסער און גאָפּל.
איך שנייד ביזן ביין די שטרעקע פלייש.
איך שלינג עס שפּרייזנווייז.
אַ שניט מיטן מעסערפּוס.
אַ שטאָך מיטן גאָפּל.
און אַ שלונג־אַראָפּ אַ ביסן נאָך אַ ביסן.
דאָס שטיק פלייש האָט זיך אָבער אויסגעלייגט אויפן טעלער פון רוים און ווי ניט אים מיינט מען עס.
איך נעם שוויצן.
אַזאַ מאָלצייט פון וויטעניש איז כמעט ניט לויט מיינע כוחות נאָך.
מיר זעצן זיך אָפּרוען אויף דער באַנק, וואָס האָט זיך צוגעטוליעט ערגעץ־ווו צו אַ פּלויט און שטייט און וואַרט און פאַרבעט.
וואָסערע גוטע מכניס־אורחים זענען צייטנווייז בענק און שטולן...
איבערן פּלאַנקן העכער שטאָלצט זיך אַ בוים.
אויף די צווייגן, וואָס קוקן אַרויס אויפן גאַס מיט האַלבבלינדע אויגן פון קנאָספּן, זעצן זיך אָפּרוען שטילע קוים באַפּעדערטע ווינטעלעך, און זיי שאָקלען זיך אונטער זיי.
מענטש, ווו איז דיין צווייגעלע צו רוען צווישן פּלי און פּלי?
עס איז פרילינג אין גאַס, אין הימל, אויף דער ערד און אין מיין פאַנטאַזיע.
מען דאַרף גאָר קיין פּאָעט ניט זיין, כדי אַריינצוקריכן און זיך פאַרוויגן אין אַ קנאָספּעלע, און האָפן אַרויסצווואַקסן אַ בחורל פול מיט פרישע גוטע ריחות.
גאַנצע עדהס פון שטיפער־שטראַלעכלעך לאָזן זיך גליטשן איבער די פאַר־פרוירענע שטיקלעך שינעס פון טראַמוויי, גליטשן זיך אַ מזמור... אַ ויאמר דוד... און דאָ קומט אָן דער בוכשטאַב־וואַגאָן און צעטרייבט זיי. דער וואַגאָן אַריבער — זיי זענען אַלע דאָ צוריק און קיינער ניט געשעדיקט.

מען שטיפט, מען הוליעט.
די מאַמע איז ווייט אין הימל.
און דאָ אויף דער ערד — ווער האָט אַן אויג אויף זיי?
זיי פּליושקען זיך אין די לוזשעס. באַשלומפּערן זיך, באַשפּריצן זייערע ליכטיקע מלבושים.
מיינע בליקן זענען צווישן זיי אַזוי ווי גליכע צווישן גלייכע.
דער זעלנער זאָגט:
— קום, גענוג צו רוען, עס איז שפּעט.
ער גיט זיך אַ צי.
ער פּוילט זיך אָבער אויפצוהייבן, ער איז באַשאָטן פון קאָפּ ביז די פיס מיט זונענבלי-מלעך.
זונענגלעקלעך באַמבלען זיך אין די פאַלבן פון זיינע שוואַרצע שטיוול.
ער איז כמעט ווי פאַרפלאָכטן אין היימזוועגען. אַ פעלד באַוואַקסן מיט פאַרבעס פון דאַרנס און שלעכטע קרייטעכצער. עס איז קיינער ניטאָ, וואָר עס זאָל עס אָפּרייניקן און פאַרקעמען מיטן אַקעראייזן. ואדם אין לעבוד...
ער זיפצט; אַ קראַץ דעם קאָפּ.
אַ גבורה זיך אָנגעטאָן. אַ הייב זיך אויף.
איך טו אים נאָך.
מיר נעמען ווייטער קייען דעם געשמאַקלאָזן מהלך.
עס עקלט מיר פון אים. איך האָב זיך איבערגעגעסן.
מיר דוכט זיך — עס שמעקט פון אים מיט פאַדלע.
פון דערווייטנס הויכן זיך שוין די מויערן פון די קאַזאַרמעס.
רויטע נאַקעטע ציגל.
ווי אָפּגעשונדענע, הויט אַראָפּגעצויגענע אומגעהויערס.
אַ טויער. אַ טירל איז אָפן. אַ הויכער צאַם. אַ גרויסער פּלאַץ.
אַ גאַנצע שטאָט פאַר זיך. געביידעס פאַר זעלנער. הייזער-וווינונגען פאַר די באַאַמטע, הויכע און נידעריקע. קאָטשן פאָרן אַריין. קאָטשן פאָרן אַרויס.
די וועכטער עפענען ברייט פונאַנדער די טויערן און מאַכן זיי גלייך צו.
אַן אייזערנער פויגל האָט פאַרשפּרייט און צוריקגעצויגן די צוויי העלפטן-פליגל. מען בעט אַ פּראָפּוסק.
מיין באַגלייטער ווייזט אַ „פּאַפּיר". שאָקלט מיטן קאָפּ, אָנווייזנדיק אויף מיר.
דער שומר נעמט אַראָפּ אַ מאָס פון מיר מיטן אויג.
עפּעס ווי ער קלייבט זיך מיר אויפצונייען אַ מלבוש פון פאַרוווּנדערונג.
דורכן טירל דורך. ער באַגלייט מיט אַ קאָפּשאָקל, וואָס האַלט גלייך-באַגלייך ביטול און רחמנות.
אויפן פּלאַץ זענען אויסגעשטעלט זעלנער. מען מאַרשירט.
מען לערנט זיי, ווי צו גיין צום טויט.
ווי צו ווערן אַ גזלן, ניט זייענדיק קיין גזלן.
ווי אַזוי צו דערשטעכן אַ מענטשן, ניט-וויסנדיק פאַר וואָס און פאַר ווען.
און מער ווי אַלץ ווי אַזוי דערשטאָכן צו ווערן און פאַלגן... פאַלגן ביזן

לעצטן אָטעם ווי אַ שפּילצייג אין די הענט פון אַ קינד... ווייל ער ברעכט ער עס, שטעכט ער עס. דאָס שפּילכל וואַרט סבלנותדיק אויף זיין גורל.

די רביים נאַרוואָס אַראָפּ פון די בענק פון אוניווערזיטעט.

יונגע פּאַרוטשניקעס.

שטאָלץ מיט זייערע קליידער.

ווערדע שוועבט ווי אַ טויב און באַזעצט זיך אויפן אַקסל אין דער געשטאַלט פון אַן עפּאָלעט. גדלות וועבט זיי אַרום פון היטל ביזן שפּאָר.

300 רובל אַ חודש רבי־געלט.

אַ טייערע תורה. טייער איז דאָס לערנען, וואָלוול איז דאָס לעבן.

אַריין אין אַ קאַרידאָר. גלייך, קרום, רעכטס, לינקס.

מיר זענען אין קאַנצעלאַריע.

אַן אָפיציר נעמט צו מיין פּאַפּירל. איך בין אַ צולייגעניש צו דעם שטיקל „בומאַגע".

איך גיי איבער אין זיין רשות.

מיין זעלנער אָפּגעריכט צוריק. ער, אַ פרייעלעכער, איילט זיך, ניט צו פאַרשפּעטיקן דעם באָרשט, וואָס מען גיט איצטער בשעת מיטאָגצייט.

— איר האָט זיך אָפּגעזאָגט? — פרעגט מיך דער אָפיציר, באַטראַכטנדיק מיך מיט אַ קוק, וואָס איז גראָב ווי אַ זאַק.

— יאָ! — בין איך קורץ, וואָס טרעפט מיט מיר זעלטן, נאָר איך האָב קיין חשק ניט צו שמועסן מיט אַ בולבע. ווי באַלד דער קוק אין אַ זאַק, איז די נשמה אַ פאַרפרוירענע קאַרטאָפל.

און ער גיט מיר איבער צו אַ נייעם זעלנער מיט אַ ביקס. און ער דערלאַנגט אים עפּעס אַ פּאַפּירל.

איך ווייס, איך בין אין דעם פּאַפּירל.

און וווּ עס וועט גיין, וועל איך דאַרפן נאָכגיין.

אַ פּאַפּירל האָט מיך געבראַכט און אַ פּאַפּירל וועט מיך אַוועקפירן.

און דערווייל פאַרשרייבט ער מיין נאָמען אין בוך, וואָס ליגט אָפן אויפן טיש און איך זע מיין נאָמען אויפן בלאַט...

ער פאַרמאַכט דעם בוך. און אַזוי, ווייס איך, וועל איך פאַרשפּאַרט ווערן, מסתמא.

איך שלאָג זיך אָבער צווישן די בלעטער.

— ווער ווייס, צי דער רוקן פון בונד וועט אויסהאַלטן! — וויצל איך זיך.

דער אָפיציר קוקט אויף מיר פאַרוואונדערט.

ער מיינט איך רייד פון וועג און דער זאַק פון זיין קוק נעמט ווייכער און גלאַטער ווערן, אפשר וועט ער נאָך אַמאָל ליגן לעבן זייד.

ער פרעגט מיך איבער, וואָס איך זאָג. ער פאַרשטייט מיך ניט.

ווען איך גיב אים צו פאַרשטיין, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט:

— צופיל סימבאָליזם. זעלנער זענען פשוטע מענטשן.

— אָבער מענטשן זענען זיי? — פרעג איך.

און מיר זענען אַוועק.

אַרויס אויפן הויף, פון איין געביידע צו אַ צווייטער.

שטעלט זיך אַרויס, — מיר האָבן דאָ קלומבעס מיט בלומען.

די פּריציייטיקע נעמען זיך שוין פּוצן און חנדלען און קאָקעטירן מיט די „יונגע אָפּיצירן" פון דער זונען־מחנה.

וואָס פאַראַ קאָקעטקעס זענען בלומען!

גערטנדלעך און ביימעלעך זענען אָנגעזעצט פאַר די הייזער.

דאָ ווינען די הויכע באַאַמטע.

דאָרטן איז די „אָפיצירן־פאַרזאַמלונג".

ווי די ביימער וואָלטן וויסן פון אונדזערע ראַנגען און טשינען, קומען זיי אין פיל פּראַכט און שטעלן זיך אויס לעבן זייערע פענצטער.

די בלומען ווייסן עס אַוודאַי, און זיי הויכן זיי אַריין זייער פּערפום אין די אָפענע פענצטער, און פליסן זיך, אין שפּיל פון פאַרבן, אויסצוצונעמען...

אָפּילו באַטאַניקע איז קלאַסנבאַוווסטזיניק...

„ווי שיין זענען דיינע געצעלטן, געגעראַל, און דיינע וווינונגען, פּאָלקאָוו־ניק"... קומט צו מיר אַ ניט־געבעטענער פּסוק.

און הויך און מרה־שחורהדיק קוקן אויס די קאַזאַרמעס און נאָך דיקער און פינצטערער די געבידע פון דער הויפּטוואַך.

זי האָט גלייך צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט.

אַ מין מאַגנעט.

דיק און פינצטערלעך. און שווינדזוכט פלאַטערט איבער איר קאָפּ. אַ גרויער דעקטוך און שאָטנס קומען און פּאָכן מיט פאַרמאַטערטע נשמות.

זיי ווייסן וואָס זיי טוען.

אָפּגעשטעלט זיך.

מיין פירער ווייסט דעם וועג. מען קען דאָ פאַרבלאָנדזשען אין דעם וואַלד פון געביידעס און שטח.

אויפן צווייטן שטאָק.

דורך אַ צימער פול מיט נאַרעס. אויף זיי און לעבן זיי זעלנער.

עס שמעקט מיט רויקייט און באַזעסנקייט.

אַ זעלנער־שוסטער זיצט און לאַטעוועט שיך.

ער שטעכט מיך מיט זיין אויג ווי מיט אַן אַל... ער וויל דורך מיר אַ דראָט־ווע ציִען און, אפשר, פאַרלאַטעווען מיין זויל... וואָס זעט אים אויס צו זיין צעריסן.

פּאָרוטשניקעס, שפּאַגל־נייענקע, נאָר וואָס פון נאָדל פון „נייעם רעזשים" אַרויס, דרייען זיך אַריין און אַרויס. זעלנער ציִען זיך. ווערן ערנסטער, ווען זיי וויִזן זיך, ווערן פריילעכער, ווען זיי פאַרשווינדן.

מען פירט מיך אַריין אין אַ ברייטן צימער.

אַ קאַנצעלאַריע פון ראָטנעם קאָמאַנדיר.

מיין באַגלייטער דערלאַנגט מיין פּאַפּיר.

ער נעמט עס צו און ער שיקט אים, דעם באַגלייטער, אָפּ.

זיין שליחות אָפּגעטאָן. אַוועק.

איך בלייב. איך שטיי אינמיטן אַ גרויסן צימער.

דער ראָטנער פאַרנומען. ער נעמט צו רעקרוטן, געבראַכטע פאַר מיר.

איך זעץ זיך אַוועק אויף אַ באַנק לעבן וואַנט.
דער ראַטנער שענקט מיר אַ בליק פון אומבאַשטימטקייט.
אַלעמען אָפּגעפּטרט. ער נעמט זיך צו מיר.
ווי עס ווייזט אויס, האָט ער מיך געלאָזט אויפן אַפיקומן, צום פאַרבייסן.
— איר, הייסט עס, האָט זיך אָפּגעזאָגט? — און ער שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: — מען דאַרף דיך אויסשייגעצן אַביסל און דו וועסט מער קיין נאַרישקייטן ניט טאָן.
— יאָ, — זאָג איך, און באַטראַכט אים; קומט אַרויס פון אונטער זיין פוס אַ קוליע צו מיר און זאָגט, פרעגט: — וואָס מיינט עס?
פרעג איך אים מיט מיטגעפיל:
— איר זענט געווען פאַרווונדעט?
— יאָ, עס איז אַן אַלטע מעשה. אין דער יאַפּאַנישער מלחמה, — זאָגט ער מיט ביטערן שטאָלץ און איז מוסיף: — און איך בין עד־היום אין געוואַנט, און איר, אַזוי יונג, און זאָגט זיך אָפּ.
— דעם פוס צעבראָכן און איר האָט זיך ניט אויסגעלערנט צו האַסן די מלוכה מיט אירע מלחמות. וואָלט אַ מלחמה מיר דעם פוס צעבראָכן, וואָלט איך איר, דער מכשפה, דעם קאָפּ צעבראָכן...
— וואָס מיינט איר, דעם קאָפּ צעבראָכן? — שמייכלט ער.
— איך וואָלט עס זיי קיינמאָל ניט פאַרגעבן! אַ פוס צעבראָכן! פאַרוואָס? פאַרן שוואַרצן יאָר. און איר זיצט דאָ און נעמט צו סאָלדאַטן און שיקט זיי גלייכגילטיק אַהין, ווו זיי וועלן, ווי איר, די פיס און הענט און לעבנס ברעכן. אויף אייער אָרט וואָלט איך אין גאַס אַרויס און וואָלט געשריגן אַנטקעגן דער מלחמה און טאַפּען מיט מיין קוליע.
— איך האָב עס פאַרן פאָלק געטאָן... — ער האָט געוואָלט זאָגן פאַרן קייסער און פאָטערלאַנד, נאָר ער האָט פאַרכאַפּט די געוווינטע ווערטער און אַרויסגעלאָזט זיי איבערגעטאָענע אויפן נייעם שטייגער.
— וואָס דאַרפן מיר זיך נאַרן. דאָס פאָלק... האָט מען אים געפרעגט? זאָל מען דערקלערן: ווער עס וויל זאָל גיין אַהיים און ווער עס וויל זאָל מלחמה־פירן. איך וואָלט וועלן זען דאָס פאָלק וואָס וועט בלייבן אויף אונדזער ווי אויף זייער זייט.
ער פאַרטראַכט זיך.
— איך וועל אייך ניט איבערצייגן, איר וועט מיך ניט איבערמאַכן. איך האָב געדינט און וועל דינען. מען מוז עס טאָן. מיר ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד. איין זאַך וועל איך אייך בעטן: זיך אָפּצושערן, אַ שינעל אָנטאָן און קיין אַגי־טאַציע ניט פירן. איר פאַרשטייט דאָך, אויב מיר וועלן דאָ האָבן אַ טומל... ווער וועט שולדיק און פאַראַנטוואָרטלעך זיין? ניט איר, עס וועט צו מיין קאָפּ אויס־גיין. דעריבער בעט איך אייך.
— קיין שינעל דאַרף איך ניט, שערן זיך וויל איך ניט. און אַגיטאַציע — אויב קיינער וועט צו מיר ניט צושטיין, וועל איך קיינעם ניט טשעפּען, נאָר אויב זיי, אייערע פּאַרוטשניקעס, וועלן מיך נעמען באַשולדיקן, רופן פאַררעטער, בדרך־הטבע, וועל איך זיך מוזן פאַרטיידיקן, — ענטפער איך אַנטשלאָסן.

— מער וויל איך מיט אייך ניט ריידן. אין קאַזאַרמע אַריין! — ער ווערט אין כעס און טופּעט מיט דער קוליע.

אַ שרייבערל באַגלייט מיך דורכן טיר אין קאַזאַרמע אַריין, וועלכע איז דער צווייטער צימער.

ער שושקעט זיך דאָרטן מיטן עלטסטן; ער זאָגט אים אָן, מען זאָל מיט מיר קיין לאַנגע שמועסן ניט פירן, און אַז מען זאָל מיך אָפּשערן איבערגע־וואַלט.

איך האָב דאַמאָלט געהאַט לאַנגע האָר.

אַריין אין קאַזאַרמע. אַלע זעלנער אַרום מיר. דער שוסטער פאַרוואָרפט זיין אָל און דעם ניט דערנייטן שוך און לאָזט זיך צו מיר.

הויך איז ער געווען ווי אַ דעמב און שטאַרק און אָנגעגאָסן ווי אַ דעמב.

— שערן! — שרייט ער איבער אַלע קולות.

— פאַרוואָס עפּעס שערן! — האַמפּער איך זיך, האַלב־שמייכלענדיק. — אויב זיי וואָלטן מיך אָפּשערן, וואָלטן זיי מער ווי די האָר ניט אָוועקגענומען.

— גלייכהייט! אַלע מוזן זיין גלייך! — שרייט דער שוסטער.

— גלייכהייט! — אָ, זייער גוט, — זאָג איך צום שוסטער — גיב מיר אָן אַרשיך פון דיין געוווקס און איך וועל דיר אָוועקגעבן מיינע האָר מיט אַ גרויסן יישר־כוח אַלס אַ צוגאָב.

איך האָב אויסגעזען אַנטקעגן אים ווי אַ מילב.

מיין וואָרט האָט אים אַ שמיץ געגעבן. ער האָט זיך גענומען קראַצן די פּאַטילניצע... זיך פאַרטראַכט און צום סוף אויסגעשריגן:

— ער איז גערעכט! טשעפּעט אים ניט! ער האָט פאַרשטאַנד.

און איך האָב דערפילט, אַז לאָגיק און וואָרט האָבן אַ כוח.

ער האָט אָפּגעפּסקנט און קיינער האָט מיר מער ניט אויסגעוואָרפן מיינע לאַנגע האָר.

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ קרייז אויף די נאַרעס.

דאָ איז אַלץ געווען רויק, שטיל און ציכטיק. ריינע בעטגעוואַנט פון פּשוטע זעק אָנגעפּילט מיט שטרוי. נאָך דעם גיהנום פון שמוץ האָט עס אויסגעזען גאַנץ באַלעבאַטיש.

פאַרוואָס וויל איך ניט דינען? און די פאַרוטשניקעס העצן־אונטער די זעל־נער.

זיי סטראַשען מיך, אַז דער פּאָלק וועט מיך משפּטן.

— גאַנץ גוט, — ענטפער איך זיי — זאָל מען משפּטן, אָבער פאַרן משפּט וועט איר מיר לאָזן ריידן אַ מינוט צען. און דאַמאָלט ווייס איך ניט, וועמען די זעלנער וועלן פאַרמשפּטן, מיך צי אייך.

דער פאַרוטשניק ציט אָפּ. אַ יונג, נאַריש און זעלבסטצופרידן פּנים.

די זעלנער לאַכן פון אים. האַלטן ניט פון די „נייע", וואָס זענען ניט „ניי" און ניט „אַלט", הן אָן וויסן און הן אָן פּשטות אין האַלטן זיך.

דער שוסטער שטייט צו מיר צו.

— פאַרוואָס ווילט איר ניט דינען? איך בין דריי יאָר אויפן פראָנט געווען, דאָס פאַטערלאַנד פאַרטיידיקט...

— ווּ איז דיין פאָטערלאַנד? — פרעג איך, לערנענדיק מיט אים פשט.
ער רופט אָן זיין היימאָרט.
— גוט! — זאָג איך — וואָס האָסטו דאָרטן?
— אַ הייזל, אַ כאַלופּקע. קיין ערד האָב איך ניט! — שטאַמלט ער.
— און איז עס ווערט זיך דריי יאָר צו רייסן פאַר דיין כאַלופּקע, וועלכע מען קען אויסבויען אין דריי טעג? — פרעג איך.
ער קראַצט די פּאַטילניצע. ספקט זיך און אַ כמאַרע באַזעצט זיך אויף זיין שטערן.
אַ מאַך מיט דער האַנט.
— ער איז כמעט ווי געדערכט — איז ער מוסיף, ווי צו זיך אַליין ריידנדיק.
און ער זעצט זיך אַוועק לעבן מיר. און מיר ווערן גרויסע מקורבים.
און איך דערציייל זיי מעשיות וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.
אַטעם־פאַרכאַפּנדיקע מעשיות. און זיי, די זעלנער, אין קרייז אַרום מיר, ווער עס ליגט, ווער עס זיצט אויף די נאַרעס. זייערע אויערן שלינגען די ווערטער.
ווער רעדט דען מיט זיי מעשה־חבר. זיי זענען געוווינט צום געשריי און באַפעל.
און דאָ קומט אַ מענטש, רעדט מיט זיי מעשה־מענטש און דערציילט אַזעלכע וווּנדערלעכע דערציילונגען.
מעשיות און אמתן. די גרויסע קינדער זענען אַנטציקט.
מיר זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט.
איך דערצייל און דערצייל. איך פיר דורך פּאַראַלעל־ליניעס צווישן פּאַריז און פּעטראָגראַד...
דאָרשטיק זענען זיי געווען ווי זאַמד פון אַ מדבר. מיין וואָרט פאַר זיי — אַ דערפרישנדיק רעגנדל.
די פּאַרוטשניקעס קומען אַריין, קוקן קרום, האָבן קיין דרייסט ניט צוצוגיין נאָענט, גייען אַוועק.
עס ווערט שפּעט. זיי בעטן מיר אויס אַ געלעגער, קריגן פאַר מיר אַ גלאָז, געפינען אויס פאַרבאַהאַלטענע שטיקלעך צוקער און זענען מיך מכבד. איך האָב קיינמאָל אַזאַ פריינטשאַפט, אַזאַ צוגעבונדנקייט פון נשמות ניט איבערגעלעבט ווי אין יענער נאַכט אויף די נאַרעס. דער זייגער שלאָגט איינס. מיר נעמען זיך צעגיין. מאָרגן דאַרף מען פרי אויפשטייך.
איבערגענכטיקט; זעקס אַזייגער, — איך בין אויף די פיס.
די ראָטע ווי איין מענטש. מען טרינקט טיי, מען גלייכוועדטלט זיך. מען האַלט מיך אונטער אַפילו מיט ברויט, איך האָב נאָך קיין אייגענע פּאָרציע ניט געקראָגן.
דער ראָטנער קומט אַריין.
זיין שאַרפער אויג דערזעט גלייך דעם שנוי, וואָס איז פאָרגעקומען דורך דער נאַכט.
מיר זענען אַלע ווי איין געביידע פון מענטשן און דער צעמענט־סאָלידאַריטעט פון אינטערעסן.

עס געפעלט אים ניט. אָבער ער באַגריסט זיי מיט אַ ברייטן מאָרגנשמייכל, ווי אַ טאַטע באַגריסט קינדער. דער שוסטער גייט צו צו אים אַלס אַ דע־לעגאַט פון ראַטע.

די ראַטע בעט אים, ער זאָל דערלויבן דעם־מיט־די־לאַנגע־האָר רעפערירן פאַר זיי מכוח די וואַלן, דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג און כדומה פראַגן.

דער ראַטנער, ווי אַ דונער וואָלט אים דערשלאָגן, כמעט ער פאַלט פון די פיס.

ער לויפט אַרויס, ניט ענטפערנדיק.

אַזייגער צען קומט אַריין אַ יונגער אָפיציר און זאָגט מיר:

— איך דאַרף אייך האָבן.

איך גיי אַרויס מיט אים.

— דער פאָלקאָווניק האָט אייך געוואָלט זען.

— גוט, — זאָג איך, און איך טראַכט: שלעכט.

ער פירט מיר דורך אַ שרענגע געביידעס.

דריטער שטאָק, אַ קאָרידאָר. עס קלינגען שפּאָרן. עס הערן זיך שמועסן.

מען פירט מיך אַריין. אַ פאָרצימער. דער אַדיוטאַנט פון פאָלקאָווניק צע־שמועסט זיך מיט מיר וועגן דער מלחמה.

צען מינוט שפּעטער.

די טיר עפנט זיך.

איך גיי אַריין.

דער פאָלקאָווניק: מיטעלע יאָרן, אַ שוואַרץ בערדל, שוואַרצע וואָנצעס האַלב־שטעכעדיק האַלב־פאַרקירעווענדיק, אויגן — ווילט איר שטעכן זיי, ווילט איר — גלעטן זיי, עפּעס ווי אויפן מיטן וועג צווישן די צוויי עקן.

— זעצט זיך.

איך זעץ זיך און דאַנק.

— איר זענט נעכטן געקומען, — פאַרבינדט ער דעם שמועס.

— געקומען? געבראַכט! — שמייכל איך אונטער.

— יאָ, געבראַכט... וואָס האָט איר דאָ צו טאָן?... איר פאַרשטייט... איר שטערט אונדז אין אונדזער אַרבעט...

— וואָס הייסט איך שטער!... — וווּנדער איך זיך. — מ׳האָט מיך געבראַכט און אַריינגעוואָרפן אין קאַזאַרמע אַריין.

— מיר האָבן אונדזערע מנהגים... — טענהט ער. — אונדזערע קליידער, אונדזער געשער... איר מיט די לאַנגע האָר און ציווילע זאַכן זענט אַ דיסהאַר־מאָניע...

— מען האָט מיך געבראַכט, — פאַרענטפער איך זיך.

— יאָ, — האַקט ער מיר איבער... — איר האָט דאָ ניט וואָס צו טאָן; איר האָט אייערע איבערצייגונגען... מיר האָבן אונדזערע...

— איך פאַרשטיי אייך ניט — מאַך איך זיך תמעוואַטע.

ער קוקט זיך אַרום עפּעס ווי זיכער צו זיין, אַז קיינער איז ניטאָ אין קאַ־בינעט און אַראָפּלאָזנדיק דאָס קול, זאָגט ער:

— מיר דאַרפֿן אײַך דאָ ניט... איר קענט גיין אַהיים... מיר האָבן נאָך אײַך ניט געשיקט... גייט אַהיים...

— אויב איר וועט מיר אַרויסגעבן אַזאַ פּאַפּיר, וועל איך גיין... דורך דער הינטערשטער טיר אַנטלויפֿן — נײַן!... בשום אופֿן ניט. — האַלט איך זיך פֿעסט. און איך בין ניט זיכער, צי ער מיינט מיך ניט אויסצופּרובירן... — בשום אופֿן ניט! — חזר איך איבער.

ער גיט אַ בליק מיט די אויגן. זיי ווערן שאַרפֿע חלפֿים. ער ווערט אין כּעס. גלײַכט זיך אויס. גיסט אָן שטאָל אין שטימע אַרײַן. דאָס מויל ווערט אַ האַר־מאַט, וואָס שיסט ווערטער:

— אויב אַזוי, וועלן מיר אײַך איבערגעבן צום קריגסגעריכט. געדענקט!

— פֿויזע, פֿאַרווייכט — איר האָט אַ ברירה.

— בשום אופֿן ניט! — ווידערהאָל איך.

— געענדיקט, אין קאַזאַרמע אַרײַן! — ער דונערט מיט אַ כמאַרע־פּנים. — מיר וועלן מיט אײַך אַנדערש ריידן...

איך בין אַרויס. אַנשטאָט אין קאַזאַרמע האָט מען מיך געבראַכט און פֿאַר־שפּאַרט אין הויפּטוואַכטערײַ.

ווי אַ ווילדע קאַץ האָט מען מיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ ציגלנעם האַלב־פֿינצטערן זאַק.

X

עס פּלאַצט דאָס האַרץ

געבליבן אַליין, געגעבן אַ קוק דורכן אויגעלע, וואָס אין טיר. איך זע, מיך היט אַ שומר מיט אַ ביקס. ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַן; ער איז פֿון די איבעראַנייס מאָביליזירטע לאַנגאויסגעדינטע זעלנער. איך קוק זיך צו צו זײַן פּנים: עס שמעקט פֿון אים מיט געזונטער רויער ערד, מיט היי, מיט פֿערד, און וועגן דעם אַלץ זאָגט עדות זײַן אונטערגעשאָרענע אָבער באַלעבאַטיש צעשפּרייטע פּירקאַנטיקע בלאָנדע באָרד.

אָבער מער ווי דאָס: עפּעס לײַכט זיך אין זײַנע אויגן, עס וווינט דאָרטן דירת־קבע, — דער שײַן פֿון אַ טיפֿן גלויבן, וועלכער ווערט געוואָרעמט פֿון סאָ־ציאַל־יושרדיקע באַשטרעבונגען. איך בין זיך גלײַך משער, אַז ער האָט גע־מוזט געהערן, איידער מען האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין געוואַנט, צו די „ניכ־טערע", דאָס איז אַ רעליגיעזע ברודערשאַפֿט מיט סאָלסטאָיאַנישע נייגונגען.

אין עטלעכע מינוט, ניט לאַנג טראַכטנדיק, מער דורך אינטויציע ווי מיטן שכל, אַרבעט איך אויס מײַן פּראָגראַם־מינימום און פּראָגראַם־מאַקסימום.

איך האָב זיך גלײַך גענומען צו דער אַרבעט.

איך פּאַר אַרויס מיט אַ געזאַנג פֿון אַ פּאָר סטראָפֿן פֿון אַ רעוואָלוציאָנערן ליד, אויף וועלכן די פֿעברואַר־רעוואָלוציע האָט איצט געגעבן אַ הכשר.

ער גייט צו צום אויגל און שרייט אַריין דורך דער עפֿענונג, אַז דאָ איז זינגען פֿאַרבאָטן.

איך פֿאָלג, ווער אַנטשוויגן. אָבער בלויז אויף אַ ווײַלע. אַביסל שפּעטער גיב איך מיר ווידער אַ פֿאָר אַרויס מיט מײַן קול־קול־יעקב. ער מאַכט זיך אַביסל ניט־הערנדיק. אָבער דערנאָך, אַז מײַנע טענער ווערן אַלץ העכער און שטאַרקער, קומט ער נאָכאַמאָל צו און זאָגט מיט אַ צאָרנדיקער שטימע, אַז מען טאָר ניט זינגען.

איך ענטפֿער אים, אַז איך זינג ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. איך האָב אַ מײַן דערביי. איך זינג און מיטן זינגען פּראָטעסטיר איך.

— קעגן וועמען? — פֿרעגט ער נײַגעריק.

— קעגן גוטשקאָוון, דעם מיניסטער פֿון מלחמה, וועלכער האַלט מיך דאָ פֿאַרשפּאַרט אָן אַ פֿאַרוואָס און אָן אַ פֿאַרווען, — ענטפֿער איך און באַמי זיך צו פֿאַרקניפּן מיט אים אַ לענגערן שמועס. איך גיב אים צו פֿאַרשטיין, אַז עס איז אָן אומזין מיך צו האַלטן הינטער טיר און שלאָס. איך בין אַליין געקומען און זיך אָנגעזאָגט פֿון דינען. הייסט עס, אַז אַנטלויפֿן וועל איך ניט, ווײַל אויב איך וואָלט וועלן אַנטלויפֿן, וואָלט איך דאָך בעסער אינגאַנצן ניט געקומען אַהער.

ער שאָקלט־צו מיטן קאָפּ. ער איז מסכים:

— זיכער, אַזוי ווי דו ביסט אַליין געקומען, ווילסטו דאָך ניט אַנטלויפֿן, — גיט ער צו. ער ווידערהאָלט אָבער דעם איסור אויף זינגען.

איך זאָג אים, ער זאָל אַוועק פֿון טיר און זיך מאַכן ניט־הערנדיק. נאָך אַלעמען שריי איך דאָך ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. איך זינג. זינגען איז אַ וויכטיקער ענין, איבערהויפּט נאָך רעוואָלוציאָנערע לידער, וועלכע זענען געוועזן שטרענג פֿאַרבאָטן אונטערן אַלטן רעזשים. און איצט דאַרף יעדער פֿרײַער בירגער זיך אויסלערנען אָט־די הייליקע הימנען, פֿאַר וועלכע מען פֿלעגט אַמאָל פֿאַרשיקן קיין סיביר.

ער פֿאַראינטערעסירט זיך מיט די ווערטער פֿון דעם ליד. איך זאָג אים, אַז עס וואָלט גאָרניט געשאַט ווען ער חזרט זיי אויס אויף אויסנווייניק.

ער איז מסכים. גיט אַ מאַך מיט דער האַנט ווי אײנער זאָגט, אַ טשיקאַוון חברה־מאַן האַלטן מיר דאָ אין געפֿענגעניש.

איך דערצייל אים וועגן מײַנע דערפֿאַרונגען אין געפֿענגעניש נאָך אין 1906, ווען איך בין געוועזן נאָך גאָר יונג.

— אַזוי? — חידושט ער זיך, — שוין דעמאָלט געזעסן, פֿאַרן פֿאָלק געליטן, פֿאַרן אָרעמען פֿאָלק, אין צאַרישע טורמעס געזעסן, טאַקע.

— יאָ, יאָ, פֿאָטערל, געזעסן... און איצט זיץ איך ווידער.

— פֿאַרוואָס איצטער? — עס איז דאָך אַ נייע אָרדענונג?

— נייע, אויך מיר נייע, זיי טוען־נאָך דעם אַלטן רעזשים, פֿירן זייער מלחמות, צאַרישע מלחמות. איך בין קעגן דעם.

ער פֿאַרטראַכט זיך.

— יאָ, ברודער, קאַלאַסקאַוו האָט אונדז טאַקע געזאָגט, אַז מען טאָר ניט דינען, אַז מען טאָר ניט הרגענען קיין מענטשן. זאָג־זשע מיר, ווי אַזוי קען מען זײַן אַ זעלנער, אויב מען טאָר ניט דינען... איך האָב אָבער ניט געקענט זיך אַנט־

זאָגן... דאָס האַרץ האָט מיר ניט דערלאָזט: אַלע דינען, זיי ווי אַלע, טו וואָס אַלע טוען, — האָט געזאָגט מיין ווייב און איך האָב געפאָלגט, — כאָטש איך ווייס, אַז עס איז אַ זינד... אַז איך זינדיק...

איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז מיין השערה האָט אַ גרונט, און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט פעסטער און מיט מער אַנטשלאָסנקייט זייענדיק זיכער אין דערפאָלג.

ער איז אַוועק זיך דורכשמועסן מיט די איבעריקע שומרים, יעדער איינער האָט געהאַט אַ באַזונדער טיר מיט אַ ביקס אין האַנט. ער האָט ניט מורא אַוועקצוגיין פון מיין טיר, ווייל איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך טראַכט ניט פון אַנטלויפן, און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז איך מיין, וואָס איך זאָג.

איצטער בין איך אַרויסגעפאָרן מיט גאָר הויכע קולות, כמעט יעלות, באַגלייטע מיט זעצן אין טיר.

ער איז צוגעלאָפן. דאָס פּנים האָט זיך געדרויטלט. ער איז אין כעס.

כעס איז אָנשטעקנדיק. ער האָט געמיינט, אַז איך גלי אין אַלע קאָלירן פון גרימצאָרן. איז ער אויך אין כעס געוואָרן. נאַטירלעך אויב איך בין מלא־חמה אויף אים, דאַרף ער, אין קאָמפּענסאַציע, זיין מלא־חמה אויף מיר.

— טו עס ניט! הער אויף! איך וועל שיסן! — שרייט ער, ווי ניט מיט זיין קול.

— וואָס רעדסטו אַזעלכע זינדיקע רייד, ברודער! — ענטפער איך אים מיט אַ רויִקער, געלאַסענער שטימע, בכדי צו באַווייזן אים, אַז איך בין ניט אין כעס, — דאָס פּראָטעסטיר איך, ניט קעגן דיר; איך האָב צו דיר גאָרניט. דו האַלסט מיך דען אויף דער הויפּטוואַכטע? פונדיינעטוועגן וואָלטן מיר ביידע געמעגט אַוועקגיין פון דאַנעט אַהיים. איך ווייס, אַז דו ביסט ניט שולדיק. איך האָב צו דיר גאָרניט. מיך האַלט דאָ אין געפענגעניש דער מיניסטער פון מלחמה גוטשקאָוו, און קעגן אים פּראָטעסטיר איך מיט מיין זינגען און בוכטשען אין טיר.

ער באַרויִקט זיך און גייט אַוועק פון דער טיר.

איך טו דאָס מייניקע מיט אַביסל מער חשק און כוח.

ער קומט ווידער צו לויפן.

איך וויַיז אים מיין פּנים.

— זעסט דען ניט, אַז איך בין ניט אין כעס אויף קיינעם! איך פּראָטעסטיר בלויז...

ביסלעכוויַיז האָב איך אים צוגעווינט צום געדאַנק, אַז איך זעץ אין דער טיר מיט אַ באַרעכנטער כוונה. איך פאָדער יושר. איך מיין מיין גערעכטיקייט; וויבאַלד איך בין אַליין געקומען, טאָר מען מיך ניט פאַרשליסן...

אַ הויפּטוואַכטע אין אַן אָרגאַניזם כמעט ווי אַ שולע. הגם די שמירה בייט זיך, אָבער עס עקזיסטירט עפּעס אַן אַלגעמיינער באַוווסטזיין, וועלכער גיט זיך איבער פון איין וואַכט צו דער צווייטער.

איך האָב געזונגען און די וועכטער האָבן זיך געמאַכט ניט הערנדיק; איך האָב געזעצט, געבוכטשעט אין דער טיר — זיי האָבן זיך געמאַכט ניט הערנדיק, ניט זעענדיק. פון צייט צו צייט פלעגט אַ זעלנער צוגיין צו מיין טיר און כלומרשט אויסזעצן קעגן מיין אויפפירונג.

איך פלעג אים באַרויקן מיט דעם, וואָס איך האָב גאַרניט קעגן דער שמירה. איך פּראָטעסטיר בלויז קעגן גוטשקאָוון — און וואָס אַרט עס אייך?! אַ דאגה האָט איר! איר זענט ניט מחויב זיך אַנצונעמען פאַר גוטשקאָוון, בשעת באמת בין איך גאָר גערעכט.

אויפן דריטן טאָג האָב איך זיך אַזוי צעקלאַפּט און צעזונגען, אַז דאָס האַרץ פון דער ברעטערנער טיר האָט געפּלאַצט.

אַ גרויסער לאָך האָט איצט אַרויסגעקוקט עפּעס ווי אַן אַרויסגעזעצט אויג.

דורכן לאָך האָב איך זיך דורכגעשפּאַרט קוים מיט צרות און אַרויס פון מיין צעל און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש מיט די שומרים.

זיי האָבן מיך אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט און ניט געוווּסט, ווי זיי זאָלן רעאַגירן.

זענען זיי געבליבן פּאַסיוו. געטרונקען זייער הייס וואַסער (קיפּיאַטאָק) מיט שטיקלעך צוקער און מיך אויך מכבד געווען מיט אַ טרונק וואַסער.

מיר האָבן זיך צעשמועסט, צערעדט מכוח דעם אַלטן רעזשים און מכוח דעם כלומרשט נייעם, וועלכער איז ניט געגנוג ניי. זיי האָבן פּשוט געשלונגען מיינע ווערטער, טאַקע ניט געקייט, נאָר געשלונגען, איינגעזאַפּט אין זיך ווי אַ פאַרטריקנט, פאַרחלשט שטיקל ערד.

אונטערגעזעסן אַ ווײַלע, בין איך מיר צוריק אַריין אין מיין צעל. ווי אַרויס אַזוי אַריין דורכן לאָך, זיך דורכגעשפּאַרט מיט גרויס שוועריקייט.

אַזוי ווי דער לאָך האָט גענומען דינען אין דער בחינה פון אַ טירל, האָב איך אים אויסגעברייטערט, אויסהאַקנדיק נאָך אַ שטיקל ברעט.

די וואַכלייט זענען געווען אינגאַנצן אינדיפערענט צו מיינע מעשים. זיי האָבן מיך אויפגענומען אַלס דעם יוצא מן הכלל פון אַלע פאַרשפּאַרטע.

זעענדיק מיך, ווי איך קריך אַריין און אַרויס, האָט זיך מיין שומר מיישב געווען און האָט אָפּגעשלאָסן די טיר.

— צו וואָס האַלטן זי פאַרשלאָסן. זי איז דאָך סיי ווי סיי אַ צעבראָכענע. אומזיסטע טירחה פאַר דיר צו קלעטערן און זיך דורכקוועטשן.

איך האָב איינגעשטימט מיט אים.

לשם יוצא וועגן בין איך געבליבן זיצט אין צעל מיט דער אָפּגעשלאָסענער טיר אַ גאַנצע שעה, בכדי צו ווייזן, אַז איך באַטראַכט מיך פאַר אַן אַרעסטירטן, און איך האָב גאָר ניט בדעה צו מאַכן אַ ויברח, ווען מען עפנט די פאַדערשטע טיר פון דער גרויסער קאַמער, ווו די שומרים געפינען זיך.

מיין טאַקטישע אויפפירונג האָט געמאַכט דעם דערוואַרטן רושם. זיי זענען אַלע געווען זיכער, אַז אויף מיר קען מען זיך פאַרלאָזן און מען דאַרף מיך ניט היטן.

שפּעטער־צו בין איך מיר אַרויסגעגאַנגען פון מיין צעל, דאָס מאָל שוין דורך דער אָפענער טיר, זיך אַוועקגעשטעלט און גענומען באַטראַכטן מיט צער די שטיקלעך ברעטלעך, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דעם שטיינערנעם מיט צעמענט פאַרגאָסענעם דיל.

מיר האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן: אַ רחמנות אויף דער טיר. וואָס איז זי נעבעך שולדיק? צו וואָס דאַרף זי ליידן פאַר גוטשקאָווס עבירות?! אַ טיר איז אויך אַ יש, אַ נפש, און ווען מען זעט זי צעקריפּלט, טוט וויי דאָס האַרץ.

אין קאָרידאָר, ווי אין די צימערן, האָט זיך געפילט אַ דעמפּע קילקייט.

די געביידע פון דער הויפּטוואַכטע האָט מען ניט געהייצט אין פרילינג, מסתמא צעגנבעט דאָס האָלץ.

איך טראַכט: די צעבראָכענע ברעטלעך, וואָס וואַלגערן זיך אויפן דיל בעטן אַ תיקון. גלאַט ברעכן און שטערן, זאָל מען כאָטש עפּעס אַ נוצן האָבן.

— הערט, מיינע טייערינקע — מאַך איך אַ פאָרשלאָג, זיך ווענדנדיק צו מיין שומר און זיין חבר, — אפשר וואָלטן מיר גאָר איינגעהייצט דעם אויוון און זיך אַביסל דערוואַרעמען. דאָ איז דאָך קאַלט, כאָטש טרייב בערן... די טיר איז דאָך שוין סיי ווי סיי אַ צעבראָכענע...

זיי האָבן האַלב איינגעשטימט.

איך האָב זיך גענומען דורכפירן מיין פּלאַן. צונויפגעקליבן די ברעטלעך, געפונען דערצו אַ פּאָר שייטלעך האָלץ, איינגעהייצט דעם אויוון און זיך אויס־געזעצט פאַרן פייער זיך וואַרעמען און מעשׂיות דערציילן מיינע שומרים, וועל־כע זענען געזעסן אויף מיין רעכטער און לינקער זייט.

איצטער האָב איך גענומען איינטענהן מיט זיי, אַז מען דאַרף גאָר קריגן קאַרטאָפל און זיי אָפּבאַקן.

מען האָט געקראָגן קאַרטאָפל. מיר האָבן זיי געבאַקן.

איצט, ווען די שומרים זענען געווען אין אַ גוטער שטימונג, האָב איך גע־נומען טענהן מיט זיי מכוח יושר און גלייכהייט.

— פאַרוואָס זאָל איך זיין די אויסנאַם? פאַרוואָס זאָלן די איבעריקע אַרעס־טירטע זיצן פאַרשפּאַרט? מיר זענען דאָך אַלע ברידער. זיי זענען דאָך אַלע זעלנער...

עס האָט ניט לאַנג גענומען און זיי האָבן מיר צוליב געטאָן. איין צעל נאָך דער צווייטער האָט מען אָפּגעשלאָסן, און פון דאָרטן זענען אַרויסגעקראָכן פאַרשעמטע, דערנידעריקטע באַשעפענישן אין זעלנערישן געוואַנט. זיך אומ־געקוקט מיט חשד, זיך ארומגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג, צו זיך געקומען, זיך אַוועקגעזעצטביים אויוון, זיך געוואַרעמט, געשוויגן, געוואַרט אויף די קאַר־טאָפל, ביז זיי וועלן זיך אויסבאַקן.

בלויז איין צעל איז געבליבן פאַרשלאָסן און דער שומר מיט דער ביקס איז פון איר ניט אָפּגעטראָטן.

— פאַרוואָס לאָזט מען אים ניט אַרויס? ער איז דאָך אויך אַ מענטש, אַ בשר ודם פּונקט ווי איך! — מאָן איך און שטיי צו.

— ער איז איינגאַנצן אַן אַנדערע זאַך. וואָס פאַרגלייכסטו זיך צו אים! — ער איז אַ גנב! —

— אַ גנב!... וואָס האָט ער געגנבעט? ער איז דאָך אַן אָרעמער זעלנער! — זאָג איך בתמימה.

— ער האָט געגנבעט אַ פּאָר שטיוול און האָט דאָס געלט פאַרשיכורט, — ענטפערט מיר אַ שומר.

— וואָס? איין פּאָר שטיוול געגנבעט און מען האָט אים פאַרשפּאַרט! וויפל פּאָר שטיוול צעגנבענען עס די גענעראַלן מיט די פּאָדראַדטשיקעס און מען האַלט זיי ניט פאַרשפּאַרט?!

און איך האָב זיי געגומען דערציילן וועגן די מעשים־תעתועים, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן אין דער אינטענדאַנטסטוואָ, ווו מען פלעגט צושטעלן כלומרשט פּראָוויאַנט, אַמוניציע, קליידונג און דערנאָך אונטערצינדן די סקלאַדן...

זיי האָבן זיך איינגעהערט, אויפגענומען מיינע רייד, אָבער געטשמאָקעט מיט די ליפּן און געטענהט:

— אָבער ער האָט עס געגנבעט פון אַן אייגענעם זעלנער, פון אַ שכן זיי־נעם... ער איז אַ גנב!

איך האָב ווייטער גערעדט, געבראַכט מיין גאַנצע עלאָקווענץ; גערעדט וועגן פאַרגעבן, וועגן דער לעבנסגעשיכטע פון אָט־דעם גנב, וועלכער איז אויס־געוואָקסן אין דער פינצטערניש, אין דעם חושך, וועלכן עס האָבן אַראָפּגעלאָזט אויף רוסלאַנד די שונאים פון פאָלק, די הערשער, די גענעראַלן, די קעניגן — זיי האָבן אים געמאַכט פאַר אַ גנב!

בקיצור, מען איז איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה: מען האָט מיר געגעבן דעם שליסל פון זיין צעל און איך האָב אַליין געעפנט זיין טיר און צוגעזאָגט, אַז איך וועל אויף אים אַכטונג געבן, קיין אויג פון אים ניט אַראָפּלאָזן און איך האָב געקאָווירט פאַר זיין אויפפירונג.

אַלע באַפרייט, האָבן מיר זיך געפילט גליקלעך, איבערגליקלעך. ביי די שומרים האָבן געשיינט די פּנימער פון צופרידנקייט, וואָס זיי האָבן געטאָן עפּעס גוטס.

איך בין געווען צופרידן, וואָס דאָס וואָרט איז נאָך, ווייזט אויס, אַלץ אַ כוח. און וואָס קען אַ מענטש אויפטאָן מער ווי באַפרייען אַ מענטשן! און איך האָב באַפרייט דאָ אַ גאַנצע כאָפּטע אַרעסטירטע פון זייערע פאַרמאַכטע צעלן און די שומרים פון זייער וועכטעריי. און אויב די באַפרייאונג איז געווען בלויז לפי־שעה, אויף אַ ווייל, און ניט אינגאַנצן, נאָר בלויז אין די פיר ווענט פון דעם קאָרידאָר מיטן אויוון — איז עס פאָרט געווען אַן אויפטו... און מיר האָט עס הנאה געטאָן.

אַרום 12 אַזייגער, נאָכדעם ווי מיר זענען פאַרטיק געוואָרן מיט די קאַרטאָפל און מיטן „טיי" (הייס וואַסער) און מיט מיינע מעשיות, האָבן מיר זיך געווונטשן חבריש אַ גוטע נאַכט און זיך צעגאַנגען אין אונדזערע קאַמערן.

אַלע טירן האָט מען פאַרשלאָסן, בלויז מיינע איז געבליבן צוגעמאַכט אָבער ניט פאַרשלאָסן.

— אַליין געקומען, ער וועט ניט אַנטלויפן!

XI

פינף מינוטריידן

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיטן געדאַנק־שמועס אין זיך.

— וואָס פאַר אַ שיינעם אָוונט האָבן מיר געהאַט נעכטן פאַרן אויוון!

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן.
— בכלל האָב איך האַלט צו הייצן אויוונס.
— פייער איז דאָך אַ „געטלעכע" זאַך.
— אַן אידעאַל איז מער ניט ווי אַ אינערלעך פייער, וואָס וואַרעמט און לייכט.

אויפגעשטאַנען.

דער שומר איז דאָ. אַ דורכזיכטיקער שמייכל. ער איז צופרידן. ער איז משיג: מיר האָבן געטאָן אַ גוטע זאַך.

דער בראָך אין טיר קריגט מער ניט ווי אַ פאַרבייבליציקן קוק.

איך בין אַרויס און זיך באַזעצט אויבן־אָן, ביים טיש, אין דעם צימער, וווּ עס איז געווען די שמירה.

זיי האָבן מיר אָנגעבאָטן טיי. אַלץ ווי געוויינלעך. ווי איך וואָלט געווען זייער גאַסט אָדער קעסטלינג.

דער „עלטערער" האָט אויפגעעפנט אַלע איינצל־קאַמערן, און האַלבלאַכנדיק פאַרבעטן זיי אויף טיי.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם טיש. און אַ שמועס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן טיש ווי אַ טישטעך.

מען רעדט וועגן וואָס? וועגן אַלץ. קודם־כל מכּוח דער מלחמה. דערנאָך וועגן געטלעכקייט, וועגן „פאַרגעבן", וועגן אומשטערבלעכקייט. וואָס עס פאַלט איינעם איין; וועגן די „אייביקע פראַגן". איר מוזט וויסן, אַז יעדער רוס איז אַ מעטאַפיזיקער.

און אונדזער טישזיצונג זעט אויס ווי אַ מין אַסיפה אין אַן אַקאַדעמיע.

מער פון אַלעמען פילאָזאָפירט דער „גנבֿ". ער דרייט דעם גראָבן פינגער, כלומרשט „זיינע טאַטעס זענען געשטאַנען אויפן באַרג סיני".

שטעלט זיך אַרויס, אַז אויפן שוואַכן גוף איז אַ שטאַרקער קאָפּ געזעסן און געטראַכט; און „ער רייסט בערג און צעמאָלט זיי מיט אַ סבֿרא..."

— אָנשטאָט שטיוול, האָט ער געדאַרפט גנבֿענען תּורה... אַ פלאַגיאַטאָר זיין... מילא, עס איז פאַראַן אַ סך קרומע זאַכן אויף דער וועלט.

וואָס טוען די ביקסן באותו־שעה?

זיי שטייען זיך נעבעכדיק פאַרוויקלט אין שאָטנס אין די ווינקלען, ווי אַ זאַך, וואָס קיינער דאַרף ניט. זיי האָבן זיך פאַרזינדיקט און דער לערער האָט זיי געשטעלט אין ווינקל. זיי שטייען ווי אָפּגעשמיסענע.

מיטאַפיזיקער האָבן אַנדער געווער. זיי נעמען איין וועלטן אָן איין פייער־שאָס און אָן אַ הויך פולווער.

איך הייב זיך אויף, גיי אַוועק צום ערשטן רעכטן ווינקל. נעם די ביקס, לייג זי אַרויף אויפן אַקסל. זי, די ביקס, ווערט אַ לעבעדיקע, זי האָט זיך מחיה־געווען מיט דעם ברעקל אויפמערקזאַמקייט, וואָס איך און אַנדערע שענקען איר.

די שמירה צעלאַכט זיך:

— אָט אַזוי, אָט אַזוי! איצט וועט ער אונדז אַריינזעצן און פאַרשפּאַרן.
— ער וועט עס ניט טאָן! ער געדענקט זיינע נעכטיקע רייד...

דער „גנב" נעמט אַ צווייטע ביקס. עפּעס ווי ער טוט מיר נאָך.

באמת, מיר מיינען קיין בייז ניט.

די שומרים טרינקען זיך טיי גאַנץ רויִק. זיי ווייסן, מיר זענען ניט זייע־רע שונאים.

די טיר עפנט זיך פונאַנדער; ס'שפּאַנען אַריין אין צימער צוויי אָפיצירן. נאָך זיי קומט אַריין אַ נייע שמירה, צו פאַרנעמען דעם אָרט פון דער אַלטער, וואָס דאַרף אַוועקגיין.

דער אָפיציר גלאָצט די אויגן; איינער וואָלט זאָגן: ער פאָטאָגראַפירט אונדז מיט דעם קאָדאַק פון זיינע אויסגעצויגענע שוואַרצאַפּלען.

ער ווערט בלייך. ציטערט. פלאַטערט מיט אַלע איברים — און ווי אַ פייל טראָגט ער זיך אַרויס פון צימער. די שמירה, רעכט־יאַ, רעכט־ניט, גייט אים נאָך.

די אַרעסטירטע זענען משיג: עפּעס וועט געשען.

זיי געזעגענען זיך אויף גיך מיט די ביקסן־חברים און צעגייען זיך צו זייערע קאַמערן.

איך בלייב אַליין. די ביקס לעבן מיר. איך שטעל זי צוריק אַוועק אין ווינקל. צום סוף גיי איך אויך אַוועק.

די טירן — אַלע בלייבן אָפן. ניטאָ קיין פאַרשליסן. עס איז אַרויס פון דער מאָדע.

אַ שעה גייט אַריבער. עס האָט גאָרניט פּאַסירט. ווי הינער נעמען די תפוּ־סים אַרויסקריכן איינציקווייז און זיי צעלאָזן זיך, ווי שפּאַצירנגייענדיק, איבערן קאָרידאָר, און יעדער טריט קלינגט, קלינגט־אָפּ אַזוי משונה, אַזוי מאָדנע. אַפילו ציגל און צעמענט האָט אַ לשון און רעדט צום מענטשן.

צוויי אָפיצירן לאָזן זיך אַריין, ווי פּאַוועס אָן שיינע עקן. איינער פון זיי ווערט גלייך מגולגל אין אַ האָן און קרייט.

— האָט איר עפּעס געזען, וואָס דאָ קומט פאָר? ווער איז אַרעסטירט?... ווער היט?... אַלץ צעמישט! — ער צעשפּרייט די הענט ווי אַ האָן די פליגלען:

— איך קען ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך... איך וועל זי ניט צונעמען...

— אין די קאַמערן אַריין! — צעמוקעט ער זיך, ווי אַן אָקס.

איך טראַכט: גלגולים: פון אַ פּאַווע, — אַ האָן, פון אַ האָן, — אַן אָקס... און וואָס ווייטער...

— פאַרשליסט זיי אַלעמען! — שרייט ער, און עס וואָלט זיך אים וועלן ברומען ווי אַ לייב אין וואַלד, ער קען אָבער ניט. די שטימע ווערט הייזעריק און פאָלגט ניט.

און אַז ער זעט די שטימע דינט ניט, נעמט ער נוצן די פיס און ער צע־טופּעט זיך, און די פּאָדעשוועס קרעכצן אומברחמנותדיק.

און ער לאָזט זיך גיין פון קאַמער צו קאַמער, פאַרשפּאַרט אַ טיר נאָך אַ טיר, און צעשטעלט די שמירה.

דאָ קומט ער צו צו מיין קאַמער.

ער זעט נעבעך דעם חורבן און זיינע אויגן ווערן פינצטער; זיי קענען אַזאַ חלול־השם ניט אָנקוקן, זיי מוזן בלינד ווערן.

— ס׳קיין טיר ניט! ווער האָט עס געטאָן! — ברומען אין אים די געדע־רים, ווי אַ שטורעם אין אַ ים.

— איך! — ענטפער איך בניחותא.

מיין שטילקייט און בנעימותדיקייט שטעכט אים.

— וואָס מיינסטו זיך עפּעס! אַזאַ אויפפירן! „פּאַד־סודו!״ — און ער דונערט און טופּעט, אַז עס טוט זיך וועלטן, כ׳מיין, עס כאַפּט אים אַ ניכפּע.

ווי אויף צו־להכעיס איז אַנטקעגן מיין קאַמער געווען אַ צעל מיט אַ שטאַר־קער טיר, אָבער אָן אַן אויג, אַ בלינדע, כמעט אַ קאַרצערצעל.

און אין אָט־דעם בלינדן זאַק האָט ער מיך פאַרשפּאַרט.

— איצט ברעך! — זאָגט ער צו מיר ווי אָפּצושפּעטן.

— אויב עס וועט עפּעס געשען, לאָזט מיר וויסן! — זאָגט ער די שומרים.

איך קוק זיך אַרום, זע גאָרניט; נעם טאַפּן די טיר. זי איז אָנגעטאָן אין אַ דיקן פּעלץ פון אייזן. וואָס קאָן איך טאָן? מיין שטיקל געצייג איז געבליבן אין אַלטן „צימער״.

נעם איך זיך פאַרן זינגען, שרייען און בריקעווען מיט די פיס.

דער אָפיציר גיט זיך אַ לאָז צו דער טיר.

— זיי רויק, דו הערסט! — שרייט ער דורך דער פאַרשלאָסענער טיר.

איך וואַרט אָפּ אַ ווײַלע.

איך נעם ווייטער אונטערזינגען, אַזוי, מיט האַלבע־טענער.

ניטאָ קיין רעאַקציע.

איך ווער דרייסטער — און נעם בוצעווען מיט די פיס.

די טיר צעשרייט זיך מיט קולי־קולות, ניט דערפאַר ווייל עס טוט איר ווי, נאָר דערפאַר, וואָס זי איז אָנגעטאָן אין אייזן, און אייזן האָט אַזאַ טבע, מען טאָר עס ניט אָנרירן, רירט מען עס אָן, מאַכט עס געוואַלדן, ווער עס האָט האַלט צו שלאָגן, האָט ניט האַלט צו ווערן געשלאָגן.

דער אָפיציר דורך דער טיר:

— איך וואָרן דיך! איך וועל הייסן דיך שמידן אין קייטן! — און צוויי דו־נערס פּלאַצן איבער מיין אויער, אָט־אָט פון זיין מויל אַרויס.

אַ מינוט שפּעטער.

איך קלאַפּ און זעץ ווייטער, מאָביליזירנדיק אַלע מיינע כוחות.

— גיי, ברענג קייטן! פאַר די הענט און פאַר די פיס! — הייסט ער איינעם פון די וואַכלייט.

איך זעץ אין טיר מיט כל־הכוחות.

די קייטן זענען דאָ. זיי לאָזן זיך הערן מיט זייער ראָסטיקער מעלאָדיע, אַ מין זויערער פּזמון.

איך קלאַפּ און בריקעווע.

די טיר גיט זיך אָן עפן ברייט.

דער אָפיציר — נאָך אים די גאַנצע שמירה.

ער זעט אויס ווי אַ טיגער. זיי, די שומרים, ווי לעמעלעך, רויק און שטיל. זיי קוקן, זיי פאָלגן, אָבער אָן האַרץ.

ער איז פלאַם און פייער: סטייטש, אַזאַ פֿאַרברעכן — אַרויסצוטרייבן די שטילקייט פון אַט־דעם פּאַלאַץ, די הויפּטוואַכט.

זיי — אַזעלכע עבירות גייען זיי ווינציק־וואָס־אָן. זיי האָבן מיושבדיקע פּנימער און לאַנגע, שטילע, ברייטלעכע בערד, חשובע בעל־גופים, וואָס די לעצטע מאָביליזאַציע האָט נאָר־וואָס אַרויסגעריסן פון זייערע היימען.

— טוט אים אָן די קייטן! — שרייט ער.

— גוט, — זאָג איך, — אָבער פֿאַר דעם לאָזט מיר ריידן פינף מינוט; איך וועל געבן זיי — די דאַרפישע פּנימער און בערד — צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס מען האַלט מיך דאָ און פֿאַר וואָס מען טוט מיר אָן קייטן.

איך בין קאַלט און רויק, ווי אַ דאָרף אין ווינטערצייט, ווען עס שלאָפט אויף די פעריגנעס פון צפון־שניי.

דער אָפיציר שרייט־אויס אַ צווייטן מאָל:

— שמידט אים! טוט אים אָן די קייטן!

איך ענטפער מיט דעם זעלביקן לשון און זעלביקע דיבורים.

די וואַכלייט, ווי פֿאַרכישופט, רירן זיך ניט פון אָרט. זייערע הענט ווי געשמידט אין קייטן פון פֿאַרלעגנהייט.

עס האַלט שמאָל. דער אָפיציר טראַכט: מען דאַרף אַרויס פון קאַמער. ער טוט עס. זיי גייען אים נאָך. ער נעמט מיט זיי איינטענהן. ער מאָלט מיך פון יענער זייט טיר מיט סאַזשע און קוילן, מיין פֿאַרברעכן איז אין־לשער און אין־לספר, אַ פּאַטריאָטיש מויל קען עס ניט אַרויסריידן: איך וויל ניט דינען; איך מאַך „סקאַנדאַלן״; איך בונטעווע די זעלנער, פיר זיי אַראָפּ פון גלייכן וועג וכדומה.

איך שטיי און וואַרט און האַלט אין איין איבערחזרן.

— פינף מינוט ריידן! דערנאָך טוט מיר אָן די קייטן; פינף מינוט ריידן, מער ניט ווי פינף מינוט!

— ניין. — שרייט ער.

— פינף מינוט ריידן...

— ניין! — דאָס מויל דונערט און די אויגן בליצן.

איך נעם זיך צו די וואַכלייט:

— איר זענט ניט קיין קינדער, איר זענט בר־דעתן; איר דאַרפט זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון; איר דאַרפט וויסן, וואָס איר טוט. הערט מיך אויס, און דערנאָך שמידט, טוט וואָס איר ווילט. פינף מינוט ריידן! קיין בייז וועט ניט געשען!

— ריידן! אָבער דורך דער טיר, — גיט־נאָך דער אָפיציר.

— ניין! עפנט די טיר און לאָזט מיר ריידן פינף מינוט! — באַשטיי איך אויף דאָס מייניקע.

— שמידט אים, טוט אים אָן די קייטן! — שרייט דער אָפיציר.

— פינף מינוט ריידן און דערנאָך די קייטן! — טענה איך.

איינער פון די שומרים שטעלט זיך איין. ער האָט אויף וואָס צו דופּען, ער פֿאַרמאָגט די שענסטע אויסגעקעמטסטע באָרד.

— לאָזט אים ריידן. מיר וועלן הערן.

דער אָפיציר עפנט אַביסל אויף די טיר, רוקט זיך אַריין אין דער עפענונג.

— נו, רייד!

— דאָ איז פינצטער. איך קען ניט ריידן אין דער פינצטער. אַ מענטש רעדט ניט נאָר מיטן מויל, נאָר אויך מיטן אויג; איר וועט מיך זען, איך וועל אייך זען! — איך טענה איין, איבערצייגנדיק, אָבער פריינטלעך.

דער אָפיציר: אַ קעסל אויפן פייער פון כעס; ער בלעזלט זיך און קאָכט זיך... ווער וועט אַראָפּנעמען דאָס דעקל?

זיי לאָזן מיך אַרויס. איך בין אין קאָרידאָר. זיי אַרום מיר אין אַ קויק. איך רייד, דערצייל, ווי אַזוי איך בין געקומען אַליין, פון מיין אייגענעם ווילן. איך מיין ניט צו אַנטלויפן. פאַרוואָס האָט מען מיך פאַרשפּאַרט?

— אָבער פאַרוואָס ווילסטו ניט דינען, ווען מיר אַלע דינען און זענען אויפן פראָנט געווען? — פרעגט איינער פון די בערד מיט אַ ברייטער רויקער גוטס־פאַרלאַנגענדיקער שטימע.

איך ווער זיכערער און גיס־אויס מיין גאַנצן גרימצאָרן אויף מלחמה און מענטשנהאַס. איך ווער באַגייסטערט און באַגייסטער. פּשוטע ווערטער — אָבער אַן אמת לעבט אין זיי. און אַן אמת, קליין ווי אַ קערנדל, קען אַוועקטראָגן גאַנ־צע בערג פון ליגנס און פאַראורטיילן.

— ער איז גערעכט! — שרייט די שמירה אין איין קול.

— ער איז גערעכט! אַוועק מיט די קייטן!

דער אָפיציר אַ רויטהייסער אייזן אָפּגעטונקט פּלוצים אין קאַלטן וואַסער, און ער מאַכט פיס...

און די וואַכלייט נעמען מיך און קערן מיך אום בכבוד גדול צוריק צו מיין קאַמער; זיי נעמען אַראָפּ די טיר פון די זאַוויעסעס און שטעלן זי אַוועק אַן אַ זייט.

— ער וועט ניט אַנטלויפן. ניט פון דעם סאָרט מענטשן, — גיט צו פאַר־שטיין די לאַנגע באָרד.

— מיר פאַרשטייען, אַן אַנדער סאָרט מענטש! — זייערע פּנימער — אַ הייליקייט שוועבט איבער זיי.

אין דער מינוט.

און זיי האָבן מיר געבראַכט אַ קאָזשוך פון דעם שומר, וואָס שטייט אין דרויסן.

און זיי האָבן מיר צוגעגרייט אַ געלעגער.

און זיי האָבן געשיקט קויפן מילך, קעז און פּוטער און ווייס ברויט.

איך האָב פאַרגעלייגט צו באַצאָלן.

— מיר וועלן קויפן אויף אונדזער רעכענונג. איר וועט אונדז אָפּצאָלן מיט „אויפקלערן אונדז"! — ענטפערן זיי מיר ערנסט.

איך האָב אונטערגעלעגנט דאָס האַרץ.

און זיי האָבן אויפגעעפנט אַלע קאַמערן און אויפגעזאַמלט אַלע אַרעסטיר־טע אין מיין קאַמער.

זיי האָבן געשטעלט פראַגן.

איך האָב געדאַרפט ענטפערן.

פאַרוואָס הרגענען מענטשן מענטשן? — האָבן געפרעגט פשוטע מענטשן, וואָס, ניט וויסנדיק פון ישעיה הנביא, האָבן בטבע געליבט דעם אַקעראייזן און געהאַסט די ביקס און שווערד.

פאַרוואָס האַלט מען מלחמה?

XII

דער פינפבונד

דוכט־זיך, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אַז דער ערשטער אַנאַרכיסטי־שער מיטינג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע, האָט געטראָגן דעם אַביסל, אָדער אַ סך טשיקאַוון נאָמען „דער פינפבונד".

אין יענע טעג, וועלכע איך וועק איצטער אויף און מאָל אויס מיט דער־אינערונגען, איז אויף רוסלאַנדס שטערן געווען אויסגעקריצט מיט בולטע אותיות: איך וועל אָנשיקן אַ הונגער און אַ דאָרשט, ניט קיין הונגער פאַר ברויט, ניט קיין דאָרשט פאַר וואַסער, נאָר פאַר דעם וואָרט.

און מאָסקווע איז געווען געגליכן צו אַ שוואָם, וואָס ליגט אין אַ זונברען און גייט־אויס מיט אַלע קנייטשן און פאָרן נאָך אַ טראָפּן וואַסער.

באמת, דריי הונדערט יאָר געווען אָפּגעצאַמט, אָפּגעהיט, פאַרגליוועט, פאַרשרומפּן.

און אויף וועמען האָבן די צאַרס אויסגעגאָסן זייער גרימצאָרן מער ווי אויף אַלעמען?

אויף דער צונג. מען האָט זי פאַרשפאַרט אין אַ פעסטונג, וואָס הייסט מויל.

צוויי שורות ציינער היטן זי.

מען האָט מורא, זי זאָל זיך ניט אַרויסרייסן און עפּעס אַרויסזאָגן, וואָס מען דאַרף ניט, וואָס מען טאָר ניט, וואָס עס שיקט זיך ניט.

קארלייל, אין זיין געלונגענעם ווערק „הערא‌ָען־קולט", ריידנדיק וועגן רוסלאַנד, זאָגט:

„א, דאָס איז אַ גרויס לאַנד אָבער אַ שטומס".

רוסלאַנד איז אָבער ניט שטום געווען, די צונג האָט זיך געריסן פון תפיסה.

צום סוף אַרויס און זיך אַנטפלעקט צום אויער.

איר קענט זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ האָניק־חודש זיי, דאָס פּאָרל, צונג און אויער, האָבן געהאַט.

אַלע אויערן דאָרשטיק, מען וויל הערן אַ וואָרט. מען זוכט אַ מויל, וואָס זאָל עפּעס זאָגן.

זאָגן עפּעס וועגן די יענ־קע ענינים, וועלכע זענען ניי, ווייל זיי זענען געווען פאַרבאָטן.

און אַז זיי זענען ניי, זענען זיי רייציק און לוסטיק.

איך געדענק ניט אויף זיכער, צי דער מיטינג אין „ניקיטינס צירק" אָדער דער פינפבונד איז געווען דער ערשטגעבוירענער.

דער אינטערעס איז געווען זייער גרויס.

דאָס וואָרט „אַנאַרכיזם" קענען אַלע; עס ווערט אָפּט, צו־אָפּט, גענוצט. מען וואַרפט־אויף מיט דעם, מען שרעקט דעם עולם מיט דעם, מען קען עס טרעפן אין יעדן לייטאַרטיקל. אָבער וואָס מיינט עס? קיינער האָט עס ניט גע־געבן צו פאַרשטיין.

עס איז געווען פאַרבאָטן צו ריידן, שרייבן וועגן דעם.

דער אַרויסגעבער וואָלף, אויף „קוזנעצקי מאָסט", האָט געהאַט פאַרלע־גענע סחורה, וואָס איז פאַרבליבן פון 1906. מען האָט זי געהאַלטן טיף־טיף באַ־גראָבן אין די קעלערן. מיר האָבן עס געגעסן, ווען זיי זענען הונגעריק געווען. שימל האָט עס געטעמט.

וואָלף האָט זיך כמעט מיאש געווען פון דעם, אַז ער וועט עס ווען־עס־איז פאַרקויפן.

אַ יש־אומרים, אַז ער האָט געהייסן מיט זיי הייצן דעם אויוון, נאָר אַ קליגערער אָנגעשטעלטער האָט עס געראַטעוועט פון די ציין פון פייער.

און איצט איז דאָס אַרויס פון קעלער, זיך אויסגעלייגט גאַנץ באַלעבאַ־טישדיק אויף די טישן און פּאָליצעס.

אַוועק שפּאַצירן איבער דער שטאָט, איבער מאָסקווע.

אַריין אין טויזנטער איבער טויזנטער הייזער און אין הערצער און פאַר־שטאַנדן.

טויזנט עקזעמפּלאַרן פון שטירנערס „דער איינציקער און זיין אייגנטום" איז פאַרקויפט געוואָרן אין איין טאָג.

פּרודאָן מיט זיין „וואָס איז אייגנטום?" איז אַריין זייער ברייטלעך אין לייענערס קרייז.

שטאַמלערס קליין בראָשורעלע „דער וועזן פון אַנאַרכיזם", קראָפּאָטקינס „קעגנזייטיקע הילף" און באַקונינס אַ פאַרבלאָדזשעטער באַנד — זענען אַלע אַרויס אין גאַס און גענומען ריידן מיט זייערע שוואַרצע אותיות־ליפּן.

עס האָבן ניט געקלעקט קיין ביכער. אין טעג איז אַלץ אויסגעפאַרקויפט געוואָרן, וואָס עס איז נאָר געווען צוגעגרייט פון 1906.

ווי אַ הייס־הונגער איז באַפאַלן דעם מאָסקווער לייענער.

מען האָט געגאַרט נאָך דעם פאַרבאָטענעם, מען האָט עס אויסגעזוכט, אויס־געגראָבן פון אונטער בערג פון שמות — און מען האָט געלייענט, ערנסט, מיט חשק, מיט אַ גרויסן אינערלעכן פאַרגעניגן.

מען האָט געלייענט — און מען איז געבליבן אומבאַפרידיקט.

אַזעלכע ביכער רופן אַרויס מער פראַגן ווי זיי גיבן ענטפערס.

און מען האָט געזוכט דאָס לעבעדיקע וואָרט.

מען האָט עס געוואָלט הערן פון דעם מויל פון יענע, וואָס גלויבן, און דעם, וואָס זיי זאָגן, און זענען גרייט צו פאַרטיידיקן דאָס געזאָגטע.

כדרך־הטבע, אַז עס איז פֿאַראַן אַ באַדערפֿעניש און אַן אָנפֿראַגע, וועט זיך געפֿינען עמעצער, וואָס וועט עס באַפֿרידיקן.

און אַ רויט פּירקאַנטיק שטיק פּאַפּיר איז אַרויס אין גאַס און ווי עס האָט געזען אַ צאַם, אַ וואַנט, אַ סטאָלפּ איז עס צוגעשטאַנען צו אים און געבעטן ער זאָל זי האַלטן, טראָגן.

ווערטער האָבן געוועדט פֿון פּאַפּיר־אַרויס.

וואָס גרעסער די אותיות, אַלץ העכער און שרייענדיקער האָבן זיי געוועדט.

פֿאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זייערע אויגן אָנגעשטעלט. זיי האָבן געהערט, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן פֿון די ווענט־אַראָפּ, פֿון די צאַמען.

העכער פֿון די איבעריקע ווערטער האָט געשריגן דאָס וואָרט „פֿינפֿבונד״.

אַ מאָדנע וואָרט, עס שמעקט מיט מזרח־געדאַנק, מיט אָריענטאַלישן סימ־באָליזם.

אָבער דאָס איז מער ניט ווי דאָס וואָרט אַזאַ אויסטערלישס.

דער תּוך איז פּשוט און כמעט אינגאַנצן איינגעוואָרצלט אין מערב און אַזוי אויך זיין געדאַנקענגאַנג.

דאָס וואָרט איז געבוירן געוואָרן אַרום 1910. און עס איז געווען אָנגע־שריבן אויפֿן טויער פֿון אַ הויף. רופֿט עס בוך, אויב איר ווילט. איך געדענק, אַז דער צענזאָר, וואָס איז געווען אַ קאַראַים, האָט מיר געשיקט זאָגן דורך אַ פּריינט מיינעם: „זאָגט די ברידער גאָרדין, אַז איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס זיי שרייבן״.

און איך האָב אים צוריקגעשיקט אַ פּאָר ווערטער דורך דעם זעלביקן פּריינט.

זאָגט דעם צענזאָר: עס פֿרייט מיך זייער און זייער.

ניט אַלעמאָל איז שלעכט, אַז מען פֿאַרשטייט אייך ניט.

ס׳רוב געווינען שרייבער דורך דעם.

פֿינפֿבונד. פֿינף באַליידיקטע האָט אונדזער געזעלשאַפֿט. זיי דאַרפֿן זיך פֿאַראייניקן און מיט אַלגעמיינע כּוחות איבערבויען די סטרוקטור פֿון אונדזער ציבור־לעבן.

ווער זענען די פֿינף? די אַרבעטער, אונטערדריקטע פֿעלקער, פֿרויען אַלס אַן אונטערדריקט געשלעכט, יונגוואַרג, אַלס אַן אונטערדריקטער דור און דער „איינציקער״, דער אינדיווידו, אַלס אַזוינער.

דער פֿלאַקאַטאויפֿרוף איז געווען אָנגעשריבן פֿונעם ברודער (וו. גאָרדין). און איך מוז זאָגן דעם אמת: עס איז דאָרט געווען מער פֿרעמדע ווערטער ווי רוסישע; על־כּל־פּנים העלפֿט אויף העלפֿט.

עס מאַכט אָבער ניט אויס. דער מאָגן פֿון לייענער איז געווען געזונט און ער איז בכּוח געווען צו פֿאַרדייען האַרטע שטיינער, אויב ער האָט נאָר געוווסט, אַז אונטער דער שטיינערנער שאָלעכץ ליגט אַ קערנדל פֿון סאָציאַלן אמת.

איר ווייסט, אַז גרינגע דיעטעס זענען ניט גוט פֿאַרן מאָגן.

מען דאַרף געבן אַרבעט אי די ציין און אי די דזאָסליעס. זאָלן זיי אַרבעטן און שטאַרקער ווערן.

די פאַרזאַמלונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין זאַל פון דער וועגעטאַריאַנער געזעלשאַפט, טווערסקאַיאַ גאַס, גאַזעטני פּערעולאָק. אַ פּלאַץ וועלכן איך האָב שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט.

דאָרטן איז געווען די הויפּטקוואַרטיר פון די טאָלסטאָיערס.

עס האָט זיך אויפגעקליבן אַ גרויסער עולם. ניט אַלע האָבן געקענט אַריין.

דער פאָרזיצער איז געווען פּרוי האָכבערג.

איינע פון אונדזערע בעסטע פריינט. מיר האָבן זיך געקענט נאָך פון ווילנע.

די אידייע פון פינפבונד איז איר געווען נאָענט צום האַרצן און פאַרשטאַנד.

גאַרבונאָוו־פּאָסאַדאָוו איז ניט געקומען, אָבער ער האָט געשיקט אַ באַגרי־סונגבריוו, אָנגעשריבן מיט האַרץ און געוויסן־שיינקייט: אויב מיר שליסן אויס אינגאַנצן דעם עלעמענט פון געוואַלדטאַט פון דער טאַקטיק, וואָלט ער אונטער־געשריבן דעם מאַניפעסט מיט ביידע הענט.

„דאָס איז וואָס מיר ווילן!" — פלעגט ער טענהן.

דער ברודער וו. האָט געלייענט זיין רעפעראַט. נאָכדעם איז ער דערשינען אונטער דעם נאָמען דער „מאַניפעסט פון די פאַנאַנאַרכיסטן", פּעטראָגראַד 1917, אַרויסגעגעבן פון דעם „פינפבונד".

דער עולם איז געווען מכל המינים שהוא: ארבעטער, אינטעליגענטן, סטו־דענטן און גלאַט פּשוטע מענטשן מיט לאַנגע אויסגעצויגענע בערד און ליכטיקע אויגן. צווישן זיי, דערמאָן איך זיך, איז געווען סעריאָזשע פּאָפּאָוו, מיט זיין פּנים, וואָס זאָגט צו אייך: „און אַז דאָ וואָלט אַן ערדציטערניש געווען, וואָלט איך נתפּעל געוואָרן, — אַ האָר ניט!" און אויך מיין שומר...

אַ היבשע צאָל מאַנסלייט אין פּאַדיאָווקעס, אַ מין ריין־רוסיש אַנטועכץ, און פרויען מיט טיכלעך פאַרבונדן אויף די קעפּ — דאָס זענען געווען די אַזוי גע־רופענע „ברידער", „די ניכטערע", אָרגאַניזירט פון דעם „בראַטעץ" קאָלאָס־קאָוו, אַ סעקטע, וואָס ווינט אין שכנות מיט טאָלסטאָיִזם.

דער ברודער, וו. גאָרדין, האָט געלייענט. דער עולם האָט געהערט. די שווערע פרעמדע ווערטער האָבן זיי אַראָפּגעשלונגען מיט שווערקייט, אָבער אָן תּרעומות. אַלץ איז געגאַנגען כשורה. עס איז פאַראַן אַ כּוח, אַ כּישוף־כּוח אין גריכיש, איר מעגט זאָגן אין גריכיש וואָס איר ווילט, אַן אינטעליגענטער מענטש וועט גאָרניט האָבן קעגן אייך. עס איז וויסנשאַפטלעך, און דאָס איז רעכט לכל־הדעות.

געענדיקט. דער עולם האָט גענומען אַרויסזאָגן מיינונגען.

די „ניכטערע" האָבן געבעטן מען זאָל זיי עס זאָגן מיט פּשוטערע ווערטער, אין אַ פּשוטן רוסיש.

און אַז מען האָט זיי באַפרידיקט און גענומען פאַרטייטשן אין פּשוטן רו־סיש, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם פון פּאַטריאָ־טישע, קאַדעטישע ליידנשאַפטן.

— אין אַזאַ צייט, ווען דער שונא איז אַזוי נאָענט!

— אין אַזאַ צייט, ווען דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר!

און כּדומה און כּדומה שרייערייען און אויסרופונגען האָבן זיך געלאָזט הערן פון די רייען, וואָס עס האָבן פאַרנומען די סטודענטן.

יונוואַרג, היציק בלוט, גרויס אין עבירות ווי אין מצוות.

אַ סומאַטאָכע האָט זיך צעטראָגן איבערן זאַל. אַ פּייפּעריי און אַ טאָפּטשע־ריי מיט די פיס.

ווי באַרויִקט מען די ווילדע חיה־שטורעם, אַז ער צעקאָכט זיך?

פשוט, מען גיסט בוימל פון האַרמאָניע.

און כך הוה.

די „ניכטערע" האָבן זיך צעזונגען.

זיי פאַרמאָגן זייערע אייגענע נגונים, לידער און זינגער.

די פרויען אין די טיכלעך האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און האָבן גלייך אימפּראָוויזירט אַ גאַנצן כאָר מיט מענערשטימען און פרויענשטימען.

זיי האָבן געראַטעוועט די סיטואַציע.

מיר, קעגנער פון דער מלחמה, — דאָס איז געווען אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע, — זענען געווען אַ קליין הייפעלע; זיי, אונדזערע קעגנער, די „פאַטריאָטן" פון אַלע סאָרטן קאָלירן און פאַרבן: געל, שוואַרץ און ראָז, זענען געווען אַ לעגיאָן.

דאָס געזאַנג האָט באַרויִקט די שרייער, האָט זיי פשוט אַריבערגעשריגן.

אַז עס איז שטיל געוואָרן, האָט דער רעדנער ווייטער גערעדט.

גערעדט פשוט, פשוטע רוסישע ווערטער, קעגן די עוולות פון אונדזער סאָציאַלן סדר. און אַז ער האָט אָנגערירט די ווייטאָגדיקע פראַגע פון מלחמות בכלל און דעם וועלטקריג בפרט — האָבן זיך די סטודענטן ווייטער צעשריגן וועגן דעם הייליקן חוב צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד.

און שטעקנס און שטעקלעך האָבן זיך באַוויזן אין דער לופט און פעטש זענען געפלויגן צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פון די ווערטער „פאַרטיידיקן" און אַפילו דאָס ליד, וואָס די „ניכטערע" האָבן געזונגען: „אַרוזשיע דאַלאָי"! (אַוועק מיט דעם געווער! זעלנער אַהיים), האָט די געוואַלדן ניט געקענט אַריבערשרייען; עס האָט זיי מער ניט ווי צערייצט.

אַ קליינע מלחמה האָט זיך גענומען פונאַנדערשפּילן פאַר אונדזערע אויגן, אַ מיניאַטור פון דעם בירגערקריג, וואָס האָט שפּעטער אויסגעבראָכן.

די פאַרזאַמלונג ווערט כמעט אַרונטערגעריסן; צייכנס פון פינגער זענען אָפּגעדרוקט אויף פאַרשידענע באַקן. עס איז געבליבן מער ניט ווי איין מיטל: צו ווערן „וויסנשאַפטלעך" און ריידן, געברויכנדיק גריכישע טערמינען.

און ווען דער ברודער האָט אויסגעשריגן: מיר ריידן דאָך „וויסנשאַפט־לעך!" איז אויף אַ מינוט געוואָרן שטילער. כבוד התורה! דער רעספּעקט פאַר וויסנשאַפט האָט אונדז אַרויסגעהאָלפן.

און מיר זענען געקומען צום ברעג, בשלום.

ווי דער שטייגער איז אין רוסלאַנד, האָט מען פאַרענדיקט דעם אָוונט אַזייגער 2־1 נאָך מיטנאַכט.

און דיסקוטירט האָט מען ביז פאַרטאָג.

אָבער מיר האָבן זיך געהאַלטן אויף אַ „וויסנשאַפטלעכן" גרונט.

ס'פאַראַן צייטן, ווען מען מוז ריידן דווקא גריכיש, אַזוי ווי עס איז פאַראַן צייטן, ווען מען דאַרף ריידן דווקא פשוט.

XIII

דער אויפרוף צו דער יוגנט

ווען אַ בוים טרייסלט זיך אויף, באַוועגן זיך מער ווי אַלע איבעריקע די בלעטער און די העכערע צווייגלעך. דער שטאַם האַלט זיי אונטער אַביסל; די וואָרצלען אָבער ליגן אין דער ערד, מאַכן זיך ניט ווייסנדיק פון דער גאַנצער זאַך.

טראָגט זיך אַ שטורעם אַריבער זיין קאָפּ. די ערשטע, וועמענס בלעטערדיקע הערצעלעך קלאַפּן און פולסירן אין אוניסאָן מיט דעם וועלטאויפוועק און ווינט־צעיאָג, זענען די קאָפּצווייגן; די אַקסלען־ריטער ענטפערן אויכעט, אָבער שטי־לער, געלאַסענער.

דאָס זעלביקע אין אַ געזעלשאַפט: דער בוים פון כסדרדיקן לעבן און וועבן האָט דריי דורות איינס נאָך דאָס אַנדערע: די זיידעס — וואָרצלען, די טאַטעס — שטאַמען, די קינדער — צווייגן.

די יוגנט וואַרט אויף איר אידעאַלאָג, טענהן מיר אין אונדזער פּעדאַגאָגיק, יועלכע מיר האָבן אָנגערופן „די פּעדאַגאָגיק פון דער יוגנט" (געדרוקט איז „אַנאַרכיע", טעגלעכע צייטונג, אַרויסגעגעבן פון דער פעדעראַציע פון די אַנאַר־כיסטישע גרופּן אין מאָסקווע), אין „בורעוועסטניק", טעגלעכע צייטונג, אָרגאַן פון דער פּעטערבורגער פראַקציע, און פון „פינפבונד", און אַרויסגעגעבן באַזונ־דער אין 1919 אין מאָסקווע, (אויסגאַבע פון סאָציאַטעכניקום).

די יוגנט, די שטודירנדיקע ווי די אַרבעטנדיקע, האָט איר עובדא, אירע אייגענע אידעאַלן — און דאָס איז די פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון דעם יונגן אויפוואַקסנדיקן דור: די רעגולירונג אין אַ געהעריקן אופן פון די באַציִונ־גען פון די צוויי דורות, די אַלטע און יונגע.

ווער געדענקט ניט טורגעניעווס „טאַטעס און קינדער"? ווער האָט עס ניט דורכגעמאַכט. דער איבערגאַנג פון אַלט צו יונג איז ניט אַזוי גלאַטלעך און כשורהדיק ווי מען שטעלט זיך פאָר, ווי עס טראַכטן גלאַט אַזוי מענטשן, וועל־כע האָבן די פראַגע ניט שטודירט.

דאָס רעכט צו דערציִען, ווי אַזוי צו דערציִען. טאָלסטאָי דערציילט אין זיינע פּעדאַגאָגישע שריפטן, אַז ער האָט געשטעלט די פראַגע דיסטערוועגן, אַ דאַ־מאָלסטדיקן באַרופענעם פּעדאַגאָג, און דער דייטש האָט ניט געוווסט, וואָס צו ענטפערן.

באמת, זענען טאַקע אַלע אונדזערע אַזויגערופענע „וואָרדעס", „שאַצן", „טייערקייט" ווערט איבערגעגעבן און אויפגעהאַלטן צו ווערן פון דעם יונגן דור?

צי וואָלט אפשר ניט בעסער געווען, ווען אַ גרויסע צאָל פון זיי, פון דער כלומרשט רוחניותדיקער עשירות־בעטלעריי, זאָל אָפּשטאַרבן און באַגראָבן ווערן צוזאַמען מיט די „זיידעס"?

דאָס זענען פראַגן, וואָס עס איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף זיי און געבן אַ טראַכט.

יאָ. דאָ ווירקט אַ מין נקמה־געפיל, די זיידעס האָבן אונדז פאַרקריפּלט; מיר ווילן צו בעל־מום־מאַכן אונדזערע קינדער.

און מען טראָגט זיך אַרום מיט אַ טאָרבע פון דור צו דור, אַמאָל טאָרבע־ווען מיר טויזנטער יאָרן.

אַמאָל גייען גאַנצע פעלקער אונטער אויף אַזאַ אופן, קרבנות אויפן אַלטאַר פון קאָנסערוואַציע. פון טאָטן צום זון, און עס נעמט גאָר קיין סוף ניט.

דאָ בין איך אָבער ניט אויסן צו אַנטוויקלען טעאָריעס, איך וויל מער ניט ווי דערציילן, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן אַדאַנק אָט די טעאָריעס.

איך וואָלט וועלן דער לייענער זאָל עס האָבן אינזינען. איך בין ניט אויסן אָנצוטאָן עמעצן אַ קאָרסעט פון דאָקטרינעס. איך דערצייל, ווי מיר האָבן גע־טראַכט און געהאַנדלט. צי גערעכט צי אומגערעכט — זאָל אַן אַנדערער משפּטן.

בערך מיט אַזאַ געדאַנקענגאַנג זענען מיר צוגעגאַנגען צו דער יוגנט־פּראַ־גע און זיך באַמיט זי צו אָרגאַניזירן.

אין דעם געדאַנק פון „פינפבונד" פאַרנעמט די יוגנט אַ ספּעציעלן אָרט. און פון דעם שטאַנדפּונקט האָבן מיר גענומען אַרבעטן צווישן דער שטודירנ־דיקער יוגנט.

אין מאָסקווע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ „סטודענטנראַט", וועלכער האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו שול און דערציִונג. די דאָזיקע אינסטיטוציע, דערציִונג, האָט אַ גרויסע חשיבות און אַ גרויסן איינפלוס אויף אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. מען מעג ניט האַלטן מיט אָוועקן און אַנדערע, אָבער מען קען ניט פאַרלייקענען אָדער פאַרקלענערן די חשיבות פון דערציִונג.

ווען דער „ראַט" איז געוואָרן אָרגאַניזירט, האָבן מיר גענומען לייענען פאַר דער יוגנט וועגן „יוגנט־באַוווסטזיין", „פּראָגראַם־טרעגעריי" פון דעם אויפ־וואַקסנדיקן דור. מיר האָבן איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי, די יוגנטלעכע, דאַרפן און וועלן שפּילן אַ גרעסערע ראָלע, ווען זיי וועלן ווערן מער באַוווסט־זיניק און וועלן זיך אָפּגעבן אַ בעסערן דין־וחשבון וועגן די באַציִונגען, וואָס הערשן צווישן „אַלט און יונג" אין אונדזער געזעלשאַפט.

עס איז פאַר קיינעם, גלויב איך, קיין סוד ניט, אַז ווען די יוגנט וואָלט האָבן מער צו זאָגן מכוח דעם, וואָלט מלחמה געוואָרן, על־כל־פּנים, אַ זעלטנ־הייט. פּשוט ווער טראָגט די משאות פון טויט און פאַרווונדונג אויף זיינע פּלייצעס, אויב ניט דער יונגער דור!

די פראַגע פון צייטיק ווערן אין פּאָליטישן און אין קרימינעלן זינען און נאָך אַ סך צוזאַמענגעקניפּטע פראַגן זענען אַרויפגעשווומען און האָבן זיך גע־שטעלט פאַר זיי.

דער הויפּטגעדאַנק איז געווען, אַז די יוגנט, אַלס אַזוינע, האָט אַלגעמיינע אינטערעסן.

געוויינלעך, אין זייערע רייען זיי געהאַט פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן אין אונדזערע רייען, אַנהייבנדיק מיט רעאַקציאָנערן און ענדיקנדיק מיט

די אַרכיראַדיקאַלע עלעמענטן. צו האַלטן זיי צוזאַמען איז געווען, נאַטירלעך, אַ שווערע אויפגאַבע. אָבער, שטייענדיק אויפן באָדן פון יוגנט־פסיכאָלאָגיע, יוגנט־אינטערעסן האָבן אַפילו די רעאַקציאָנערן געמוזט נאָכגעבן. ווער וויל ניט פאַר־טיידיקן זיינע אייגענע אינטערעסן? ווער וויל ניט אַן אויטאָנאָמיע?

און זיי האָבן אַלע געשטימט פאַר אַן אויטאָנאָמיע אין די העכערע און אַפילו מיטעלע שולן (די לעצטע מיט באַגרענעצונגען).

פרייהייט פון דערציִונג. ווען איר פאָרמולירט עס פון שטאַנדפּונקט פון דער יוגנט, איז זייער שווער צו קעמפן קעגן דעם, זייענדיק „יונג" און אַ סטו־דענט, פונקט אַזוי ווי עס איז שווערלעך צו זיין עקאָנאָמיש אַן אַרבעטער און ניט צו באַשיצן די פּאָזיציעס פון די אַרבעטער.

דאָס איז געווען אונדזער וועג און מעטאָד פון אַרבעט.

„יוגנט־שטאַנדפּונקט", אַ וואָרט געברויכט נאָך פון רוססאָן אין זיין גע־ניאַל ווערק „עמיל", האָט בפועל־ממש באַוויזן וווּנדער. דער גרעסטער וווּנדער: דאָס האַלטן צוזאַמען עקאָנאָמיש פאַרשיידענע עלעמענטן. (ווען מען קוקט אויף דעם פון דעם ווינקל פון די טאַטעס־אינטערעסן און דעם געזעץ פון קריגן ירושה. דער לעצטער פּרט האָט אונדז ווינציק אינטערעסירט אין רוסלאַנד; מיר זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן גאָר ניט ירשענען...).

יעדע שול, הויך און מיטל, האָט זיך אָרגאַניזירט און געשיקט פאַרטרע־טער אין ראָט.

נאַטירלעך, אַ צוזאַמענפאָר אויף אַן אַלרוסישן מאַסשטאַב האָט זיך געבעטן. און מיר האָבן עס גענומען צוגרייטן.

די פּאַרטייען, וואָס האָבן דאַמאָלסט עקזיסטירט אין רוסלאַנד, (אַרויס־פאָרנדיק מיט שוואַרץ און איבערגייענדיק פאַמעלעך צו די ראָזע און רויטע קאָלירן און ענדיקנדיק דעם קויק מיט שוואַרץ, אָבער פון דער אַנדער זייט), האָבן זיך געריסן צו דער יוגנט.

יעדערער האָט געשלעפּט צו זיך. יעדערער האָט געקנאָטן זיין טייג, אַריינ־צווינגען זיינע מעלאָדיעס, און געוואָלט פון דער יוגנט מאַכן אַ קריגצייג.

מיר האָבן זיך אָנגעשלאָגן מיט דעם איין געדאַנק: די יוגנט געהערט צו דער יוגנט, אַן אייגענע פּאַרטיי, אַן אייגענע פּראָגראַם, אייגענע אינטערעסן. גע־נוג צו „דינען" יענעם; צייט צו האָבן אַן אייגענעם קוק אויף די זאַכן, וואָס קומען פאָר אין דער וועלט.

און מיר זענען איבערצייגט געווען, אַז וואָלט די יוגנט געווען טריי צו דעם פּשוטן זאַץ: יוגנט פאַר דער יוגנט! — וואָלט דער יונגער דור קיינמאָל ניט אַריינ־געפאַלן אין די נעצן פון די רעאַקציאָנערן, פון די פאַרכישופטע פּאַטריאָטן, די מענטשנהאַסער און מענטשנפרעסער, ווייל די יוגנט, לויט איר מצב און מהות, מוז זיין פּראָגרעסיוו.

פאַרן צוזאַמענפאָר האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַ „מאַניפעסט צו דער יוגנט" אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע 1917. די אויסגאַבע איז געווען פון „פינפבונד".

איך האָב ניט אונטערן האַנט קיין איין עקזעמפּלאַר. עס וואָלט זיין אינ־טערעסאַנט צו געבן כאָטש איין ציטאַט, כדי צו ווייזן אייך די טעמפּעראַטור, וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטן.

איך געדענק מער ניט, — און איר וועט מיר דאַרפֿן גלויבן אויפֿן וואָרט, — אַז דער מאַניפֿעסט איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט שוואַרצן אויף ווייסן פּאַפּיר, מיט יענעם פֿלאַם, וואָס העננגט אויף זונען אין דעם האַרצן פֿון מענטשן און גיסט ליכט אין זיין פֿאַרשטאַנד, גיט אים כּוח און רשות צו שאַפֿן וועלטן און אָפּצו־שאַפֿן געזעצן...

צען טויזנט עקזעמפּלאַרן זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן. אַ קליינע בראָשורע פֿון אַ 16 זייטן, אויפֿן שער־בלאַט אין קורצן די פּראָגראַם פֿון „פּינפֿבונד״ אַלס דער טרעגער פֿון די אידעאַלן פֿון יוגנט, און אינעווייניק אַן אויפֿרוף.

און די צען טויזנט עקזעמפּלאַרן זענען פֿאַרקויפֿט געוואָרן אין מאָסקווע אין זעלבן טאָג פֿון זייער דערשיינען.

ווי אַזוי האָבן מיר זיי פֿאַרקויפֿט?

פּשוט, איך און דער ברודער זענען אַרויס אין גאַס און זיך דורכגעגאַנגען צוויי־דריי מאָל הין און צוריק פֿון פּושקינען ביז גאָגאָלן (צווי מאָנומענטן איי־נער אויפֿן ליידנשאַפֿט־פּלאַץ, דער צווייטער דערנענטערנדיק זיך צו פּרעטשיס־טענקע), און דער רעשט איז אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן לעבן טויער, (מאָכאָוואָיע) פֿון אוניווערזיטעט; יעדער סטודענט, יעדער גימנאַזיסט, יעדער יונגערמאַן האָט געקויפֿט אַן עקזעמפּלאַר.

דורשטיק איז מאָסקווע געווען, און צען מאָל דורשטיק איז די יוגנט געווען.

און דאָ איז אַ וואָרט, וואָס הגם עס ברענט, לעשט עס.

מאָסקווע האָט געגלויבט אין וואָרט, אין זיין מאַכט און ריינקייט.

און דאָ איז געווען אַ וואָרט פֿון אייגענעם האַרצן צום אייגענעם אויער.

אַ וואָרט צו דער יוגנט אין אַ יונג לאַנד, אין אַ יונגער עפּאָכע, פֿול מיט יונגע שטאָלצע זיכערע האָפֿענונגען.

געקויפֿט און דאָ אויף אַן אָרט זיך צונויפֿגעקליבן און געלייענט. און דער מאַניפֿעסט האָט זיך געשפּרייט איבער די בולוואַרן; זיך געגאָסן ווי אַ טייכל איבער די גאַסן און טראָטואַרן, און דער קוואַל, — יונגע ליפּן און יונגע הערצער.

דאָס איז געווען די הקדמה צום צוזאַמענפֿאַר.

מען האָט זיך פֿאַרקליבן אויף די פֿרויענקורסן, ווייט־ווייט אויף דער דיעוויטשיע.

מיר האָבן מאָביליזירט עטלעכע באַרופֿענע פּעדאַגאָגן, צווישן זיי דעם עטלעכע מאָל שוין דערמאָנטן גאָרבונאָוו־פּאָסאַדאָוו, אַלס דעם אַרויסגעבער פֿון „סוואָבאָדנאָיע וואָספּיטאַניע״ (פֿרייע דערציִונג), אַ זשורנאַל, געווידמעט צו דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון טאָלסטאָיס אידייע וועגן פֿרייער דערציִונג, וועלכע ער האָט דורכגעפֿירט אין זיין שול יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, און ווענצלען, אַ פּעדאַגאָג־אויטאָר פֿון פֿאַרשידענע גייסטרייכע, באַגייסטערטע אַרבעטן וועגן „קינד און שול״, צווישן וועלכע עס פֿאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט זיין „דאָם סוואָבאָדנאָוואָ רעביאָנקאַ״ (דאָס הויז פֿון דעם פֿרייען קינד).

איר קענט זיך פֿאָרשטעלן, ווי שווער עס איז געווען צו פּרעדיקן און צו פֿאַרשפּרייטן און פֿלאַנצן פֿרייע שולן אין אַ קנעכטיש לאַנד אונטער דעם קנאָפּל פֿון אַ טיראַן־צאַר. פֿונדעסטוועגן האָבן עס עטלעכע פּעדאַגאָגן געטאָן, פֿאַרשפּרייט

דעם געדאַנק און געהאָפֿט, אַז אַ נייער דור וועט אויפשטיין, וואָס וועט אָטעמען פריי און טראַכטן און פילן פריי.

יאָ, זייער חלום איז נאָך עד־היום ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. דעריבער איז ער טאַקע אַזוי טייער און נאָענט צו אונדזער האַרץ.

ווענצל, אַלט און גרוי ווי אַ טויב, דאָס פּנים אַ ליכטיקס, אַפילו די קנייטשן לייכטן, אָבער אויגן האָט ער טאַקע ווי פון אַ ריינעם אומשולדיקן בחור׳ל. פאַר־געסט אָן דעם געזיכט, מיטן הויכן שטערן מיט די צייכנס פון צייט; קוקט זיך איין און טונקט זיך אָפּ אין די ליכטיקע אויגן — און איר וועט מיינען, אַז איר האָט פאַר אייך אַ 17יאָריקן יונגנמאַן.

אינטערעסאַנט, מיר האָבן זיך וועגן דעם ניט צוזאַמענגערעדט. אינסטינק־טיוו, ווי פון זיך אַליין, איז דאָס געטאָן געוואָרן. אונדזערע בעסטע חברים זענען געווען צווישן די דעלעגאַטן פון פעטערבורג, פון ראָסטאָוו אויפן דאָן, פון קאַ־זאַן און פון ווייטערדיקע מקומות.

איך וועל אַלעמען ניט דערמאָנען, אָבער די בעסטע באַקאַנטשאַפטן האָבן מיר דאָ געמאַכט, צווישן זיי: ה. באַ־צקי, ה. טשער־סקי, ראזמאמונסקי, קרעגאַ־טאוו און נאָך און נאָך.

צרות האָבן מיר געהאַט אָן אַ שיעור.

אויפן רעכטן ערב־צוזאַמענפאָר האָבן די שטאַרק־רויטע געוואָלט דעם צו־זאַמענפאָר אַראָפּרייסן.

נאַטירלעך האָבן זיי אַנטוויקלט ווי אַ פאַרענטפער דעם ריינעם קלאַסן־שטאַנדפונקט — און זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אָן אַ שיער הייסע פאַרע מכוח סאָ־ציאַליזם און קלאַסנקאַמף וכדומה ענינים: זיי האָבן אויסגעטראַכט, אַז די צוזאַ־מענרופער זענען קאַדעטן און נאָך און נאָך.

עס האָט זיי אָבער גאָרניט געהאָלפן. ווען דער עולם איז דערגאַנגען, אַז די איניציאַטיוו פון צוזאַמענרופן דעם קאָנגרעס געהערט גאָר צו אונדז, וואָס מיר זענען, פאַרשטייט זיך, אַ רעכט שטיקל מהלך פון קאַדעטיזם... האָבן זיי געשטימט פאַרן קאָנגרעס. ניט צעברעכן, ניט צעטיילן. זיי האָבן זיך געשטעלט אויפן ריינעם יוגנט־אָנקוק. און די בוראקרויטע זענען געבליבן ביי זייער פלאַפּ־לען און האָבן זיך אַפילו פאַרענטפערט, אַז זיי זענען ניט געווען גוט אינפאָרמירט, און אויב די איניציאַטיוו איז אונדזערע האָבן זיי גאָרניט קעגן דעם, אַז מיר זאָלן זיך צוזאַמענקומען און צוזאַמענזיצן — און ריידן.

און דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער שטודירנדיקער יוגנט האָט זיך געעפנט מיט באַגריסונגען פון פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס.

איך האָב מורא עס איז געווען דער ערשטער און לעצטער.

XIV

פון צוזאַמענפאָר צו די „פּרעטשיסטענסקי־קורסן"

דער צוזאַמענפאָר פון דער יוגנט איז געגאַנגען כשורה. דאָס הייסט: מען האָט גערעדט אַ סך און געטאָן גאָרניט, וואָלט עמעצער וועלן צוגעבן. ניין. עס

זענען פאַראַן צייטן, ווען ריידן מיינט טאָן, ווייל אין יענע אויסעראָרדנטלעכע צייטן בעט זיך דאָס וואָרט איבערצוצייגן אין טאַט. דער אָפּגרונט צווישן די צוויי תהומים איז אָפּגעווישט און די כוואַליעס פון וואָרט דערגרייכן און וואַשן און גלעטן די פעלדזן־טואונג.

אַ סך מיטינגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון דער מאָסקווער יוגנט. איך דערמאָן דרך־אַגב מער ניט ווי איינעם, אין קינאָ „אַרס", אויף טווערסקאַיאַ. אַ שיינער פּלאַץ, אַ שיינער זאַל און אַ „שיינער" פּובליקום. די בליעכץ פון מאָסקווע און אפשר פון רוסלאַנד, געוויינטלעך בלויז פון דעם יונגן דור. יוגנט איז הייס. רעדעס זענען געווען פלאַם און פייער. עס האָט געברענט די אמתע התלהבות, אַגב, אַביסל אַ געמאַכטע, גלאַט אַזוי זיך. דאָס בלוט קאָכט און זידט און ווייס ניט ווען אויפצוהערן. יוגנט איז אייביקער זומער.

אלא וואָס? מען האָט גערעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט, אָבער ניט וועגן די יוגנט־אינטערעסן. זיי האָבן גענומען אויף זיך די ראָלע פון גאָטס קאָזאַקן, אָדער סאָציאַלע און „פּאַטריאָטישע סטראַפּטשעס".

נאָכן מיטינג האָבן עטלעכע פון „זייערע" פירערס מיך געפרעגט מיין מיינונג.

און איך האָב געענטפערט:

— אַוודאי אַ שיינער מיטינג, אָבער אַז איך וואָלט ניט זען די צורות, ניט הערן די שטימעס, וואָלט איך קיינמאָל ניט וויסן, אַז דאָס איז געווען אַ „יוגנט־מיטינג". די זעלביקע זאַך וואָלטן ריידן עלטערע מענטשן. ווו איז „אייער" פּראָגראַם? „אייערע" פאָדערונגען, די שולזאַכן, דערציונגזאַכן?

דאָ, אויפן צוזאַמענפאָר, איז דער חסרון געווען ניט נאָר אויסגעמיטן, נאָר ער האָט ניט עקזיסטירט. דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט צו טאָן מיט דער „יוגנט" און יוגנטפראַגן און פון דעם אַרויסגאַנג האָט מען גענומען אַ שטעלונג און אַ צוגאַנג צו אַנדערע פּראָבלעמען פון רוסישן לעבן אין אַלע געביטן.

רעזאָלוציעס זענען אָנגענומען געוואָרן, עטלעכע גאַנץ פּראַקטישע. די פאַר־ברייטערונג פון די רעכט פון דער יוגנט, אַן אויטאָנאָמיע אין שול־ענינים. אונ־טערגעשטראָכן באַזונדער דעם פּרינציפּ פון „פרייער דערציונג" און כדומה. אָבער דאָס לעבן האָט איבערגעשפּרייזט איבער דעם בערגעלע פּאַפּיר פון אָט־די רעזאָלוציעס.

מיך, צו זאָגן דעם אמת, האָט אינטערעסירט דער צוזאַמענפאָר, אָבער ניט ווייניקער די יוגנט, די צונויפגעפאָרענע יוגנט פון אַלע עקן און קאַנטן פון רוסלאַנד. און מיר פלעגן האַלטן אין איין שמועסן און זיך מתווכח־זיין מיט זיי, בשעת די אינטערוואַלן, צווישן איין זיצונג און דער צווייטער, אינאָוונט, אינ־דערפרי, פאַר די זיצונגען, ווען מיר האָבן נאָר געפונען אַ פרייע מינוט, שמועסן פּריוואַט, אַוועקגיין אין אַ טשאַינע, אין אַ קעלער און דאָרטן אָפּדיספּוטירן שעהן און שעהן.

איינמאָל, דער צוזאַמענפאָר איז געגאַנגען צו זיין סוף, דאָס פייער פון התלהבות האָט געהאַלטן פאַרן אויסגיין, און דער קנויט האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח און זיך צעהיצט און צעפלאַקערט פאַרן עושה־שלום. די שטימונג איז גע־ווען אַ יום־טובדיקע.

רוסלאַנד האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט! אַ לאַנד מיט אַזעלכע מעגלעכקייטן סיי מאַטעריעלע סיי גייסטיקע; לאַנד אָן אַ שיער; מענטשן — באַפעלקערונג — קיין עין־הרע זאָל זיי ניט שאַטן — די רייכקייטן אין שויס פון דער מוטער־ערד איז אין לשער און אין לספר, און די רייכקייטן אין שויס פון פאָטערגע־דאַנק איז ניט ווייניקער. מען פילט בחוש, אַז אַ גרויס פאָלק האָט זיך אויפגע־כאַפּט צו אַ נייעם לעבן און עס וועט וועלן און וועט מוזן שאַפן נייע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן, ווייל די אַלטע זענען צו אַלט פאַר דעם נייעם, וואָס וועבט זיך אַרום. קען מען דען אַריינגיסן נייעם ווייך אין אַלטע לאַגלען? מען קען, אָבער מען קען ניט אַריינשטופּן אַ נייעם אינהאַלט אין אַ פאַרשטיינערטער פאָרם, — אַזוי האָבן מיר געטראַכט, אַזוי האָבן „מיר" אַלע געטראַכט.

און מען איז געזעסן אין אַ רוסישער טשאַינע ווייט אויף פּלושטשיכע, טיף אין אַ קעלער, געטרונקען טיי און פאַרביסן מיט וואָס איינער האָט געוואָלט. מען האָט גערעדט וועגן דער צוקונפט, ניט דער ווייטער, ווי טרוימערס, ווי יענע, וואָס לעבן אין גרויען מאָרגן, נאָר וועגן דער צוקונפט, וועלכע מיר, מיר, וואָס לעבן און ריידן און שמועסן, דאַרפן נעמען און אויסקנעטן, אָדער אויס־מאָלן. רופט עס ווי איר ווילט.

מיר אַלע, וואָס זיצן דאָ, דאַרפן נעמען האַמערס און שמידן ניט נאָר אונ־דזער באַגרענעצטע, קליינינקע, גרויס ווי אַ שפּאַן פון 60־70 יאָר מערכה, נאָר טאַקע דעם שיקזאַל פון רוסלאַנד.

און דאָ ליגן וועגן פונאַנדערגעשפּרייט פאַר אייך.
יעדער וועג מיט זיין לשון, מיט זיין טעם און גערוך.
און מיר שטייען אויפן קערפּונקט.

אַ בייג אַהער, אַ בייג אַהין — און די היסטאָריע פון איינעם פון די גרעס־טע פעלקער, פון איינעם פון די גרעסטע לענדער, וועט ווערן אָנגעשריבן אויף אַן אַנדער אופן.

אין פּשוטע שטילע צייטן פילט כמעט קיינער ניט דעם שטראָם פון צייט. און ווער פילט באמת, אַז ער קען אַריבערוועגן די וואָגשאָל מיט איין וואָרט, מיט איין אַקט, מיט איין פלייסן זיך. אָבער דאָ האָט מען, באמת, געפילט, אַז אַלץ ליגט אויף די שאָלן — לייגט־צו איין פינגער — און די גאַנצע זאַך הייבט זיך אַרויף אָדער זינקט אַראָפּ.

גרויסע צייטן רופן אַרויס גרויסע מענטשן, — זאָגן אַנדערע.
גרויסע צייטן מאַכן גרויסע מענטשן — ווייל מען קען טאָן און אויפטאָן. די הייליקע קו־געשיכטע בעט, מען זאָל זי מעלקן.
און ווער וועט זיך אָפּזאָגן צו זיין אַ מילך־מויד.

מיר זענען געזעסן און דיסקוטירט, וואָס מען דאַרף טאָן, וואָס מען דאַרף נעמען טאָן. און דער מאַסשטאַב אין יענע טעג איז געווען גרויס. און יעדער מענטש האָט פאַרמאָגט געוויכט און מעגלעכקייטן.

געלעגנהייטן האָבן געקלאַפּט אין די טירן — מער ניט ווי פּוילאַקעס האָבן עס געקענט פאַרזען.

און אַרום אונדז האָבן זיך אויפגעקליבן אַלע, וואָס זענען געווען אין טשאַי־נע. און ווער זיצט אין אַזעלכע ערטער, ווו פאַר פינף קאָפּיקעס קענט איר טרינ־

קען און טרינקען, געווינטלעך, אַ מין טיי, אַן אַ מאָס און אַן אַ וואָג, און איר טרינקט און נעמט אַראָפּ דאָס רעקל פון זיך דערנאָך אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז איר קומט צום גרענעץ פון אויסטאָן זיך.

ווער זיצט דאָרטן? גאָרקיס העלדן, די באָרוועסע און האַלב־הוילע.

אָבער אין יענע טעג איז דער כישוף אַראָפּ אַפילו פון די יעניקע, וואָס זענען אָנגעטאָן אין הינטישן אופן פון לעבן. און מענטשן האָבן זיך באַוויזן אַפילו אין די סמעטעניקעס פון שמאַטעס. און זיי האָבן זיך איינגעהערט, צוגע־הערט זיך צו אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, און האָבן אַליין זיך אויך אַרויס־געזאָגט.

זיי האָבן פאַרגעסן זייער הייסע טרינקעכץ און זייערע געזאַלצענע שטיק־לעך ווייידלעך פון הערינג און זיך צונויפגעקליבן צוצוהערן זיך צו אַ דעבאַטע, וואָס האָט זיך דאָ געפירט אימפּראָוויזירטערהייט וועגן דער מלחמה „פאַר און אַנטקעגן”, וועגן רוסלאַנד און די קוואַלן פון קענען און מעגן, וועלכע די רע־וואָלוציע האָט אויפגעעפנט.

אַפילו דער „באַלעבאָס”, אַ געזונטער יונג, מיט אַ רויטער נאָז און אַ דריישטאָקיקן קאַרק, וואָס האָט געגליט אין אַלע הויכע טענער פון רויט און בלוט, האָט אַוועקגעוואָרפן זיין כוסה און געקומען הערן. דאָס זעלביקע האָבן געטאָן די „דינסטמיידלעך”.

און ווען דער „רעדנער”, דער קעגנער פון דער מלחמה, האָט געענדיקט, האָבן זיך געלאָזט הערן אַפּלאָדיסמענטן; באַסיאַקעס האָבן אַפּלאָדירט. דער „באַ־לעבאָס” האָט מער ניט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און עס איז שווער געווען אויסצוגעפינען, מיט וועמען ער האַלט אָדער ריכטיקער, צי האָט ער געהאַלטן מיט ביידע צדדים.

ניט ווייט פון אונדזער טישל איז געזעסן אַ מאַן מיט קוליעס, פון מיטעלן געוויקס אויב ער וואָלט שטיין אויף זיינע פיס. ברייטע פּלייצעס, אַ הויכער שטערן, ליכטיקע אויגן. ער האָט זיך איינגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

ער האָט זיינע פיס פאַרלוירן אויפן פראָנט, און אָנשטאָט זיי האָט מען אים געגעבן צוויי שטיקלעך האָלץ.

די פראַגע איז געווען פאַר אים אַ פוספּראַגע, אַ פונדאַמענט־פּראָבלעם פאַר רוסלאַנד, ווי פאַר זיין גוף.

ער האָט זיך ניט אַריינגעמישט מיט קיין איינאיינציק וואָרט. ער האָט מער ניט ווי צוגעקלאַפּט צוערשט, מיט איין קוליע, דערנאָך מיט דער צוויי־טער, און זיך איינגעהאַלטן און איבערגעטראַכט.

צייט גייט. איר קענט זי ניט פאַררייִדן. צייט איז ניט קיין צאַנוויטיק.

דריי אַזייגער ביידערנאַכט. מיר נעמען זיך פונאַנדערגייין.

דער מיט די קוליעס גייט צו און דריקט מיר די האַנט, דאַנקט מיך און פאַרבעט מיך צו קומען צו די „פרעטשיסטענסקי־קורסן”.

— ווער זענט איר? — פרעג איך.

— איך בין דער דירעקטאָר פון די קורסן, דער ניי־אויסגעקליבענער. די אַרבעטער האָבן מיך אויסגעקליבן, — גיט ער מיר צו פאַרשטיין, זעענדיק, אַז איך וווּנדער זיך.

— קומט, איר וועט ביי אונדז האַלטן אַ לעקציע. איך אַליין בין אַן „אַבאַ־ראַנעץ“, אָבער מיר דוכט זיך, אַז איר זענט פּאַרט געדעכט, — גיט ער צו, ווערנ־דיק אַביסל רויטלעך אין געזיכט און צוקלאַפּנדיק מיט דער לינקער קוליע.

עס איז פאַר מיר שווער געווען זיך צו פאַרהיימישן מיטן געדאַנק, אַז ער האָט פאַרשפּילט די פיס אין אַ טייוואַלים־שפּיל...

קיין כך האָט מען מיך ניט געדאַרפט בעטן.

ער האָט צוגעזאָגט אָנצוקלינגען.

ער האָט עס געטאָן אין אַ פּאָר טעג אַרום. אָבער איך האָב געוווינט דאַ־מאָלסט אין „סאַקאָלניקי“, ווייט, אַ דריי־פיר וויאָרסט הינטערן קרוג, ווו קוסאַ־וויצקי און אַנדערע „באַרימטקייטן“ האָבן געגעבן זייערע סימפאָנישע קאָנ־צערטן.

דער אָרט איז אַ זומערוווינונג־פּלאַץ. געוווינט האָבן דאָרטן ס׳רוב גרויסע צעדערביימער... אָבער ווו גרויס, דאָרטן קליין, און ערגעץ אויפן צווייטן שטאָק בין איך געזעסן...

ער האָט מיר אָנגעקלונגען און איך בין אַרויסגעפאָרן. איך מיין, אָבער, פאַלג מיך אַ גאַנג, עס איז דער צווייטער עק כמעט פון מאָסקווע.

און נאַטירלעך, אַז איך האָב פאַרשפּעטיקט. איך בין אָנגעקומען נאָך אַלע לעקציעס, און נאָכדעם ווי מען האָט דערקלערט, אַז איך וועל ניט קומען.

איך האָב באַגעגנט אויף די טרעפּ מער ניט ווי עטלעכע קורסאַנטן, אַרויס־גייענדיק פון הויז. די קורסן זענען געווען אויפן דריטן שטאָק. און זיי האָבן זיך אומגעקערט און זיך „צונויפגעקליבן“, אָבער מער ווי צען זענען זיי ניט בכוח געווען אויפצוזאַמלען. עס איז געווען שפּעט און אַלע זענען אַוועק אַהיים.

איך האָב אימפּראָוויזירט אַ לעקציע, ענטפערנדיק מער ניט ווי אויף פראַגן.

די פראַגן און די ענטפערס האָבן געהאַט איין פּונקט: וואָס איז „אַנאַרכיזם?“ דער ענין האָט אינטריגירט די קורסאַנטן. זיי האָבן געהערט פּאַרטראַגן וועגן אַנאַרכיע, אָבער ס׳רוב האָבן וועגן דעם געלייענט, און זיי האָבן זיי געהאַלטן פאַר „אומקאָמפּעטענט“.

זיי האָבן געוואָלט הערן וועגן דעם ניט פון אַ קריטיקער, נאָר פון אַן אָנ־הענגער.

צו וואָס דערצייל איך עס?

צווישן די צען יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אומגעקערט, איז געווען איינער, וואָס האָט געהייסן כאַדונאָוו, אַן אַרבעטער פון טעלעפאָנען־זאַוואָד. ער איז גע־ווען אַן ס. ר. (סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער). ער איז געווען אַ קאַנדידאַט אויף זייער צעטל פאַר אַ גלאָסנעם אין מאָסקווער דומע אין וואַלן, אין וועלכע זיי האָבן אָפּגעהאַלטן זייער גרעסטן און לעצטן נצחון.

מיר האָבן זיך דאָ באַגעגנט — און פון דעם טאָג אָן האָבן מיר זיך ניט געשיידט, ביז זיין לעצטער טאָג איז געקומען. און דער טאָג איז געקומען צו־פרי, און, באמת, איז דער טאָג נישט געקומען, די „קאַמעראַדן“ האָבן דעם טאָג גע־בראַכט. די באָלשעוויקעס האָבן אים דערשאָסן. אָבער איך פאַרלויף צו ווייט פאָרויס.

XV

„מאָסקווער קאָמונע״

מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט... ווען איך זאָג „מיר״, מיין איך ניט צו ציילן ביז טויזנט אָדער הונדערט. ניין, אַביסל מער פון אַ „מנין״. ווו? אויף דער דייטשער גאַס. היינט האָט מען עס משנה־השם געווען, און די גאַס טראָגט דעם שטאָלצן נאָמען פון בוימאַן, אַ רעוואָלוציאָנער. בוימאַנס גאַס. דעם נומער געדענק איך ניט. אָבער איך געדענק, אַז דאָס איז געווען אין אַ הויף, וואָס געפינט זיך אין אַ צווייטן הויף, און דאָרטן, אין דער בחינה „ממעמקים קראתיך״, אין אַ קעלער, אַ האַלב־קעלער פון אַ קאָאָפּעראַטיוו־הויז, ווו אונדזערע חברים, עטלעכע פון זיי, זענען געווען אָנגעשטעלטע — האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט.

אל תגידו בגת — דאָרטן האָט עפּעס, ניט־דאָ־געדאַכט... געטראָפן אַן „אומגליק״, כלומרשט אַן „עקס״ (אַן איבערפאַל), און „שלעכטע צינגער״ האָבן געפּלאַפּלט, אַז „אונדזערע״ זענען געווען פאַרמישט אין דעם. אָבער דאָס איז געווען אַ זאַך וואָס האָט ניט געקענט טרעפן, ווייל די חברים זענען געווען אויסגעשפּראָכענע „סינדיקאַליסטן״, און אויף „עקסן״ וכדומה „עובדות״ זענען חשוד געווען אין יענע טעג מער ניט ווי די „אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן״. מילא דאָס האָט צו דער זאַך קיין שייכות ניט.

אין „רוסקיע וועדאָמאָסטי״ איז געווען אָפּגעדרוקט אַ קליינע, קוים־וואָס מען האָט עס געקענט מיטן אויג כאַפּן, מודעה: אַן אַנאַרכיסטישע פאַרזאַמלונג, 6 אַזייגער אינאָוונט. און דער פּלאַץ איז געווען אָנגעגעבן.

מיר אַלע ווייסן, ניט שטודירנדיק פילאָזאָפיע, אַז „צייט״ און „אָרט״ זענען צוויי קאַטעגאָריעס פון „טרעפן זיך״, „פאַרזאַמלונגען״, „ראַנדעוווס״ וכדומה.

און יעדערער, וואָס האָט געלייענט די צייטונג, אויב ער האָט באַמערקט דעם אַנאָנס און האָט געהאַט צייט און אַביסל „אינטערעס״, האָט געקענט באַשענקען די פאַרזאַמלונג מיט זיין אָנוועזנהייט.

דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן אָנהייב פון דער „אַרבעט״, ווי פרימיטיוו דאָס איז געווען און קליין און „היימיש״.

צווישן די געקומענע זענען געווען גלאַט מענטשן און פרויען און אַ פּאָר מיידלעך, וואָס קיינער האָט זיי ניט געקענט. געקומען זענען זיי לויט דער מעלדונג נאָך.

וואָס טוט מען? האָט מען זיך גענומען סודען. דאָס סודען זיך איז געוואַקסן און אַריבער אין שושקען זיך און דערנאָך אין שטילריידן און דערנאָך אין ריידן. וואָס טוט מען? די פאַרזאַמלונג איז אַן אַנאַרכיסטישע. אַנאַרכיזם מיינט פרייהייט. יעדער מענטש איז פריי. וויל ער, קומט ער, וויל ער, גייט ער אַוועק. וואָס טוט מען, אַז ער וויל פאַרבלייבן און ביייזיין אַ פאַרזאַמלונג. און, ווייטער:

ווער קען זאָגן, אַז די יעניקע, וועלכע מיר קענען ניט, זענען קיין אַנאַרכיסטן ניט. מיר האָבן געהאַלטן אין תחילת אַרבעט, און מיר האָבן זייער ווינציק פֿאַרזאַנען געקענט.

די אַלע פֿראַגן און שוועריקייטן קען מען אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, אַ קוועטש מיט דער פּלייצע און אַ סוף.

אָבער דאָ איז אַלץ געווען פּרישפּראַציק. דאָס לאַנד באַנייט, אַרויס פֿון פֿינצטערניש צום ליכט, פֿון קנעכטשאַפֿט צו „פֿרייהייט".

און פֿרייהייט איז לויט איר מהות־נאָך אַן אַבסאָלוטע קאַטעגאָריע. און איר מעגט לאַכן וויפֿל איר ווילט פֿון אַזעלכע פֿראַגן. אָבער אַ פּרינציפּ איז אַ פּרינציפּ, און מען דאַרף זיין אויסגעהאַלטן. על־כל־פּנים, אַזוי האָבן געוואָלט עטלעכע פֿון די ביגעוועזענע חברים.

פֿרייהייט און רעגולאַציע האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעשטויסן ווי זיי שטויסן זיך אומעטום צוזאַמען. קליין און גרויס, חשובע פֿראַגן און אומחשובע — עס מאַכט ניט אויס, אומעטום שפּיגלט זיך אָפּ דער הימל, — אין ים און אין אַ טראָפּן וואַסער.

עטלעכע חברים זענען געווען דערפֿאַר, אַז מען זאָל קיינעם ניט באַומרויקן, און זיך פֿונאַנדערגיין, און זיך אויפֿקלייבן אין אַ בעסערן אָרט און אָן אַ פּובליקאַציע אין דער צייטונג. אָבער דאָס איז אויך געווען שווער. מיר האָבן איינעם דעם אַנדערנס אַדרעסן ניט געוווסט. אַנדערע זענען געווען דערפֿאַר, מען זאָל הייסן די יעניקע, וואָס זענען ניט קיין אַנאַרכיסטן, פֿאַרלאָזן די פֿאַרזאַמלונג, ווייל זי איז אַן אַנאַרכיסטישע. ווער קען אָבער זאָגן, צי זיי זענען אַנאַרכיסטן צי ניט. זאָלן זיי אַליין באַשטימען עס.

מיר האָבן דאָס טאַקע געטאָן.

און חבר פּיראָ האָט צוויי־דריי מאָל איבערגעחזרט, אַז יענע, וועלכע רעכענען זיך ניט פֿאַר אָנהענגער פֿון דער אַנאַרכיסטישער אידייע, זענען דרינגלעך און העפֿלעך (פּיראָ איז אַלעמאָל געווען העפֿלעך) געבעטן צו פֿאַרלאָזן דעם „זאַל" פֿון האַלבקעלער.

עס האָט געווירקט. אַ פּאָר בחורים מיט יונגע מיידלעך, וואָס זענען, ווי עס זעט אויס, געקומען מער ניט ווי אָנצוקוקן די מאָדנע ברואים, וואָס טראָגן אויף זיך דעם מאָדנעם נאָמען, און האָבן געהאַט „גאָט" אין האַרצן, האָבן פֿאַרלאָזט דעם „זאַל", איבערלאָזנדיק אין האַלב־אויסגערעדטע ווערטער באַקלאָגונגען, אַז מיר זענען ניט קיין אמתע „אַנאַרכיסטן", ווייל מיר באַגרענעצן זייער „פֿרייהייט" פֿון צו זיין דאָ, ווו זיי ווילן. זיי האָבן אָבער געפֿילט, אַז זייערע תרעומות האָבן ניט קיין שטאַרקן רוקן — און זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט פֿון הויז, פֿון הויף, באַנוגענענדיק זיך מיטן „קוק", וועלכן זיי האָבן שוין געכאַפּט, און טראַכטנדיק, אַז עס האָט זיי געלוינט און זיי האָבן ניט געפּטרט אומזיסט הוצאות פֿון טראַמוויי.

אַנדערע זענען געבליבן זיצן, ביז פּיראָ האָט נאָך צוויי־דריי מאָל איבערגעחזרט די זעלביקע ווערטער, אַז „מען בעט צו פֿאַרלאָזן די פֿאַרזאַמלונג".

צווישן דעם ערב־רב איז געווען אַ פּרוי פֿון מיטעלע יאָרן, כמעט אויף

דעם צווייטן זייט פון מיטן, וואָס גייט שוין באַרג־אַראָפּ. שיין אויסגעפּוצט, מיט רינגען, וואָס האָבן געבליצט אין דער האַלבטונקלניש פון קעלער. מיט אויער־רינגלעך וואָס האָבן געפינקלט. מיר האָבן זיך בשום־אופן ניט געקענט פאָר־שטעלן, אַז דאָס איז אַ „חברטע", אָדער אַ סימפּאַטיזירערקע. עפּעס צופיל גשם איז געווען דאָרטן. צופיל עשירות פון פליש, אָפּגעגעסנקייט און טייערקייטן. און זי איז דווקא, מיט גרויס עקשנות, געבליבן זיצן. און פירא איז אויסער זיך, און חזרט איבער זיין כישוף־פאָרמול, בכדי צו פאַרטרייבן זי, אָבער עס האָט אויף איר קיין שליטה ניט, עס ווירקט ניט. זי האָט באַשלאָסן: זי מוז זיין אויף אַ פאַרזאַמלונג. און אַזוי ווי אומעטום, כדי בייצווזיין אַ מיטגליד־פאַרזאַמלונג, דאַרף מען זיין אַ מיטגליד, און דאָ איז „פריי און פראַנק", האָט זי ביי זיך אָפּגעפרעסט, אַז זי וועט פאַרבלייבן.

פירא ווערט איין שטיק שמייכל און לאָזט זיך צוגיין צו איר און גיבן איר צו פאַרשטיין, אַז דאָ איז אַן „אייגענע" פאַרזאַמלונג פאַר „אייגענע" מענטשן.

עס נעמט זי ניט. זי וויל זיך ניט אויפהייבן. און באמת האָט זי געוויגן אַ היבש ביסל פּודן און פירא האָט געמוזט אַ סך צוהאָרעווען ביז ער האָט זי אויפ־געהויבן אויף די „ווילעס" פון זיין פיין־ריידעריי. און אַז זי איז אַרויס, האָט זי געזאָגט, אַז זי איז „אַנטוישט" אין „אַנאַרכיזם". און זי איז געווען גערעכט, אויב זי האָט עס פאַרשטאַנען אין אַן אַבסאָלוטן זינען.

אַז מיר זענען פון זיי אַלעמען, די זייטיקע מענטשן, פּטור געוואָרן, האָבן מיר נאָך געדאַרפט צוויי־דריי מאָל איבערפרעגן, צי עס זענען געבליבן, צווישן די אָפּגעזיפּטע און אָפּגעזייטע, בלויז אַנאַרכיסטן. קריגנדיק פּאָזיטיווע ענט־פערס, איז מען צוגעטראָטן צו דער פאַרזאַמלונג.

די פראַגע, וואָס איז געווען ביי אַלעמען אויפן געדאַנק און איז גלייך אַרויס אַנטפּלעקט אין וואָרט, איז באַשטאַנען פון די צוויי היסטאָריש־געוואָרענע ווער־טער: וואָס טאָן? (טשטאָ דיעלאַט?).

אַגיטירן, פאַרשפּרייטן דאָס פאַרשטיין פון אַנאַרכיזם — דאָס האָט קיינעם ניט געקענט באַפרידיקן אין יענע טעג.

די אַרבעטער האָבן געוואָרט אויף לאָזונגען, אָדער, ריכטיקער, זיי האָבן זיי געשמידט אין זייער אייגענער סביבה, און אין זייער אויפפאַסונג — זיי זע־נען אָבער געווען ניט קלאָר, ניט דייטלעך, ניט גוט אויסגעטייטשט.

וואָס טוט מען? וואָס טאָן? צו וואָס און וווהין רופן?

די „ציטוויליקע רעגירונג" האָט רעגירט. די רעגירער זענען געווען שפּענדלעך, וואָס די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע האָבן אויפגעהויבן גאַנץ הויך, צו־הויך, און זייענדיק באַוואַשן פון אַלע זייטן מיט שוים, ווייסע ווי מילך־שוים, האָבן זיי, די שפּענדלעך, זיך איינגערעדט, אַז זיי זענען מילכוועגן, שטערן, וואָס דאַרפן זיצן אויף דעם טראָן פון בלויען הימל.

העכער פון די איבעריקע און באַשאָנקען מיט מער פּוסטער גאווה איז געווען דער שפּאָן, וואָס האָט זיך געטראָגן אויפן קאָם פון די זידיקע כוואַליעס, און האָט געהייסן קערענסקי. ער האָט געמיינט, אַז ער טראָגט און האַלט אויף

דעם גאַנצן ים, ניט אַז ער ווערט אַרומגעוואָרפן און אַרומגעשליידערט דער־פאַר, וואָס עד איז „גרינגער" געווען פון די אַנדערע...

פאַר אונדז איז די זאַך קלאָר געווען, אַז די „צייטווייליקע" רעגירונג איז אַ „צייטווייליקע" זאַך און וועט לאַנג ניט האַלטן, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין שום ממשות, עס האָבן איר געפעלט די יסודות, אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן און לית־ברירה. מיר זענען געווען זיכער, אַז מען וועט דעם מלוכה־שליטן אויסקערן אָדער אויף רעכטס אָדער אויף לינקס.

אויף דער פראַגע „וואָס טאָן"? האָב איך געענטפערט מיט לאַקאָנישער פשטות:

עטאַבלירן אַ מאָסקווער קאָמונע.

די חברים האָבן זיך גענומען איבערקוקן איינער מיטן אַנדערן. זיי האָבן עס אַלע געגאַרט, זיי האָבן אַלע געשטרעבט צו דעם, אָבער עס האָט זיך זיי ניט געגלויבט, אַז די היסטאָריע גיט אונדז אָדער וועט אונדז געבן די מעג־לעכקייט עס צו פאַרווירקלעכן.

מיר, דער הייפּעלע קאָמעראַדן, וואָס זענען דאָ — צי דען וועלן מיר עס קענען באַווייזן, און טאַקע דאָ, אין רוסלאַנד? דער פאָראורטייל, אַז די ראָמאַ־נישע לענדער דאַרפן דורכפירן די גרויסע רעוואָלוציע, איז טיף איינגעוואָרצלט אין געוויסע אַנאַרכיסטישע קרייזן.

און דווקא דאָ אין רוסלאַנד, — אַ לאַנד, וועגן וועלכן עס איז אַזוי ווייניק דערמאָנט דאָרטן, ווו מען האָט אָממייניסטן געשריבן און געטרוימט וועגן אַ „סאָציאַלער רעוואָלוציע".

עטלעכע חברים האָבן זיך גענומען אַמפּערן. און די אַלטע, יונג־אַלטגע־וואָרענע, פראַגע מכוח דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אַוועקגעשטעלט. וואָס פאַר אַ מין רעוואָלוציע איז דאָס? אַ פּראָלעטאַרישע אָדער אַ בורזשואַזע? און נאָך און נאָך פּלפּולים. של מה בכך.

איך האָב זיך געהאַלטן אָן דער פשטות.

אַ מאָסקווער קאָמונע — דאָס איז דער וועג און דאָס איז די לאָזונג פון אונדזער טאָג...

— די אַרבעטער פון מאָסקווע וועט מען קיין סך ניט דאַרפן בעטן. ווער קען שטערן? דער גאַרניזאָן? ער איז ניט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט אים. — האָב איך צוגעגעבן שמייכלענדיק און אין אַ האַלבבאַרימערישן טאָן, כלומרשט ווי עס האַנדלט זיך וועגן אַ קלייניקייט, און איך האָב מוסיף געווען: — דעם גאַר־ניזאָן נעם איך אויף זיך... איך וועל עס פועלן ביי אים.

„מאָסקווער קאָמונע"! — גייט פון מויל צו מויל, פון ליפּ צו ליפּ. אַ גע־שמאַקער וואָרט. אָבער דאָס האָט אין זיך אַ ביטערקייט, ווייל די „פּאַריזער קאָמונע" האָט זיך געענדיקט אין ריינער, שיינער מאַרטירערײ.

און חברים זאָגן אַרויס דעם ביטערן געדאַנק־קווענקל.

— על־כל־פּנים דאַרפן מיר פּרובירן. עס מוז זיך דאָך אַמאָל איינגעבן! — האַלט איך זיך ביי דאָס מייניקע.

„מאָסקווער קאָמונע!" — און די שאַטנס אין קעלער ווערן געדיכטער. די

ווינקעלעך טוען זיך אָן אין שוואַרצן טרויער נאָך די פּאַריזער מאַרטירער.

די שויבן ברענען אין זונפאַרגיין־גליִען.

די פּנימער פון די חברים ווערן ערנסטער און די שטריכן בולטער. זיי גיסן זיך אָן מיט אַנטשלאָסנקייט און וועגזיכערקייט.

איך געדענק דאָס געזיכט פון יערמאָ לאיעוון. ער גיט אַ שאָקל מיט דער שעוועליורע, שוואַרצע לאַנגע האָר, ווי שלאַנגען, אַ הויכער שטערן פול מיט רע־וואָלוציע־כמאַרע, ער איז אַ „מעטאַליסט“, אַרבעט אין דער סאָקאָלניצעסקיע מאַסטערסקאַיע (די פאַבריק פון סאָקאָלניקי), מיט אַ לאַנגער פאַרגאַנגענהייט אין סיביר, מיט אַ שטימע פון אַ דונער, מיט טיפע אויגן, טיפער פון אַן אָפּגרונט אָפּגעטונקט אין נאַכט; ער אַרבעט אין אייזן און שטאָל און ער איז אַ שטאָ־לענער.

— מאָסקווער קאָמונע! — שאָקלט ער מיטן קאָפּ צו מיר, פאַרן פונאַנדער־גיין זיך. — דו ביסט גערעכט. מיר דאַרפן עס דורכפירן.

— מאָסקווער קאָמונע! צו דער אַרבעט חברים! — שרייט ער אויס פאַרן אַרויסגיין.

און ער איז אַוועק צו נאַכטאַרבעט מיטן קלאָרן געדאַנק און באַוווסטזיין.

„מאָסקווער קאָמונע“ וועט זיין די געלונגענע „פּאַריזער קאָמונע“.

XVI

מיכאַילאָוו דער פאַרלעגער, פּירא דער „קילשטאַק“

די „פּעדעראַציע“ האָט זיך דאַמאָלט געפונען כמעט הינטער דער שטאָט, אויף יענער זייט פון „קאַלוזשעסקע פּלאָשטשאַד“, לעבן „קרימער בריק“, ווייט־טיף פאַרבאַהאַלטן אין אַ הויף. אַ טויער, אַ טירל, אַ צאַם, אַ ריכטיקער אַלט־מאָדישער הויף. און דאָרטן, פאַררוקט, מיט אַ בריקל אַראָפּצוגיין, מיט טרעפּ־לעך, וואָס האָבן זיך געהוידעט אונטער די פיס, איז געווען די הויפּטקוואַרטיר פון „אַנאַרכיע“... אַלט און ניי געפּאָרט. אַ זכר פון אַמאָליקער, פאַרצייטיקער, מאָסקווע און אַן אָנצוהער אויף דעם במסתּרים, האַלט זיך, ווי פון אָפּשיי, אין אַ האַלבער „קאַמערע אָבסקיורע“. אַזוי ווערן ס'רוב אידעאַלן געפּלעגט; זיי גייען אַרויס פון די טיפן און שטרעבן צו די הויכן.

איך געדענק דעם ערשטן איינדרוק, וואָס דאָס הויז און די אַרומגעבונג האָט געמאַכט אויף מיר. אַלץ איז דאָ געווען חידושדיק.

דער ערשטער, וואָס האָט מיך באַגעגנט, איז געווען חבר מיכאַילאָוו. מיט איין אויג, אָבער מיט איינעם זעט ער מער ווי אַנדערע מיט פיר. דאָס אויג לעבט, באַוועגט זיך און רעדט.

וואָס איז געווען זיין אַרבעט? אַרויסצוגעבן ביכער, צופרידנצושטעלן די באַדערפעניש פון „מארק“ און אויף דעם געביט האָט ער באַוויזן וווּנדער. פון

גאַרניט מיט גאַרניט, איך מיין כמעט אַן געלטמיטלען, האָט ער געשאַפן אַ גאַנצן פאַרלאַג און גלייך פון דער ערשטער מינוט — געוווען דערפאָלגרייך.

מיכאַילאָוו איז געווען אַ מין קוועקזילבער. פון דרוקעריי צום בוכגעשעפט, אַלעמאַל געריטן אויף זיין אייזערנעם פערדל, אַ וועלאָסיפּעד, הייסט עס, און דאָ צום פערד איז געווען צוגעבונדן אַ פּאַק מיט אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור. ער האָט זיך געטראָגן ווי אַ וויכער איבער די גאַסן. פון פאַרטאָג ביז שפּעט אינ־זונט. מיכאַילאָוו איז אַ ריינער רוסישער טיפּ, אָבער ווי ווייט איז ער געווען פון אַן אָבלאָמאָוו. אַ מין פאַנטאַז פון ענערגיע. אַפילו זיינע „קעגנער" האָבן עס געמוזט צוגעבן. „קעגנער" מ'שטיינס געזאָגט. אַפילו אַזאַ נעבעכדיקער אַרויסגעבער פון פּאַרטיי־ליטעראַטור מיט אַזויפיל „האַרמאָניע" האָט געהאַט „קעגנער". אַן דעם גייט עס ניט.

די „געליבטע" אויסגאַבן זיינע זענען געווען קראָפּאָטקינס „כליעב אי וואָליאַ" (ברויט און פריהייט), „ריעטשי בונטאַווישיקאַ" (רעדעס פון אַ רעבעל). וועגן זיי פלעגט ער חלומען ביידערנאַכט און טאָג ביי טאָג.

מיכאַילאָוו האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיין זאַך, נאָר פון אַרויסגעבן. דאָס איז געווען זיין לעבן און לעבנסבאַרוף. ער האָט אָנגעהויבן מיט קליינינקע בראָ־שורן און האָט זיך אַרויפגעהויבן צו אַזעלכע אויסגאַבן ווי די נאָר־וואָס דער־מאָנטע.

פאַר אים זענען די „ביכער" געווען טייערער פון קינדער, אייגן געבוירע־נע, אַליין אויפגעהאָדעוועטע, מיט אייגענער מילך געקאָרמעטע קינדער, ביי אַ מאַמען.

קיין מחבר האָט אַזוי ניט ליב, האַלט ניט אַזוי טייער זיינע ווערק ווי מי־כאַילאָוו די „אויסגאַבן".

פאַר אים זענען זיי קיין ביכער ניט. ניט קיין פּאַפּיר מיט אותיות אָפּגע־דרוקטע, געדאַנקען אַרויסגעזאָגטע, געצייג, מיטלען צו פאַרשפּרייטן אַן אידייע; ניין. מיר האָבן אַזוי געקוקט אויף דעם. ער האָט אָבער געהאַט גאָר אַנדערע אויגן.

פאַר אים האָבן די אויסגאַבן געלעבט, געאָטעמט, געוואַקסן. ער פלעגט בפועל־ממש זיך שפּילן מיט זיי, זיי צערטלען.

צייטנווייז פלעג איך טראַכטן: עס איז כמעט פּאַטאָלאָגיש, אָבער אַזוי מוז זיין. מיכאַילאָוו איז געווען אַ „געבאָרענער" אַרויסגעבער, מיט אַ פאַרשטיקטן טאַלאַנט, וואָס האָט דאָ געפונען זיין אַנטפּלעקונג און מעגלעכקייט זיך צו אויסערן.

נעמט צו פון מיכאַילאָוון די אויסגאַבן און ער איז אויס מענטש, ער ווערט אַן זיין אינהאַלט, זיין אינטערעס אין לעבן.

וואָלטן מיר אויסגעוואַקסן אָרגאַניש אין רוסלאַנד (אַ זאַך, וואָס איז ניט געשען), וואָלט ער געווען אונדזער „סיטין" אָדער אונדזער „רעקלאַם".

פאַר מיכאַילאָוון איז אַ „אויסגאַבע" איז אַ „צוועק פאַר זיך".

מען האָט אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע בראָשורן פון די „מאָדערנע אוי־טאָרן", ניט נאָר קלאַסיקער, אָבער איך מוז צוגעבן, אַז קיינער האָט זיי ניט גע־לייענט, און זיי פלעגן זיך וואַלגערן קופּעסווייז אין קאָרידאָר, און ווען אַ חבר

פלעגט קומען נאָך ליטעראַטור, פלעגט מען אים באַטיילן אויך מיט אַט־דער סחורה, און אַלס „קאָמפּענסאַציע" פלעגט ער קריגן קראַפּאַטקינס ביכער.

די מעשה איז פשוט, דאָס איז געווען אַזוי ניט דערפאַר, וואָס דער לייע־נער האַלט זיך ביי די קלאַסיקער. אין אַ רעוואָלוציאָנערער צייט וואָלט עס גע־ווען אַ קוריאָז, נאָר דערפאַר, וואָס די „מאָדערנע" זענען ניט געווען „מאָדערן"; זיי האָבן איבערגעחזרט אַלטע זאַכן אָדער „געניצעוועט" אויף אַ טאַנדעטנעם אופן. און דער לייענער, ווער קען וויסן זיין קאַפּריז, ס׳רוב נאַרט מען אים. עס טרעפט זיך אָבער, אַז ער פאַרשטייט, און איר קענט אים ניט אָפּנאַרן. מער פון אַלעמען האָט זיך מיכאַילאָוו און דער פאַרלאַג אָנגעליטן פון אָריגינאַניס פּאַמפּלעט „וועגן דער רעגירונג". קיינער האָט עס ניט געוואָלט לייענען. און געדרעכט — קראַפּאַטקין דאַרף אַזעלכע „פּירושים" ניט האָבן, ער איז גענוג קלאָר און גלענצנדיק. מען האָט אַט־די בראָשור געדאַרפט זאַלצן. זיי מוזן נאָך עד־היום ליגן ערגעץ־ווו פאַרבאַהאַלטן. מען האָט פון זיי ניט געקענט פּטור־ווערן. עס זענען געווען נאָך עטלעכע מחברים פון דעם סאָרט, און דער פאַרלאַג האָט זיך אָפּגעבריט און געמוזט פאַרקירעווען אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון „קלאַסיציזם", אָבער פון צייט צו צייט האָט מען פּרובירט אַרויסגעבן אַן „אונדזערצייטיקן אויטאָר".

דאָס הויז איז באַשטאַנען פון צוויי העלפטן. איין העלפט פאַר דער „פּע־דעראַציע" און פאַרלאַג, די צווייטע — די פּריוואַטע, מיכאַילאָוו און זיין פאַ־מיליע האָבן דאָרטן געוווינט.

מיר פלעגן זיך דאָ טרעפן, שמועסן, אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען, און זיך צע־גיין. צו וועלן דערמאָנען אַלע נעמען, וואָלט עס פאַרנומען צופיל פּלאַץ. ווייטער: נעמען האָבן אַ שלעכטע טבע, זיי בלייבן שטיין, ווען אַלץ אַרום גייט, פליסט, ענדערט זיך. איך רעכן, אַז דער גרעסטער קאָנסערוואַטאָר איז אַ „נאָמען". אַלע־מאָל דער זעלביקער, דער אייגענער. ווי וויט איז עס פון אוראַלטן פאַרשטיין פון „נאָמינאַליזם", וועלכער איז געווען אַ „לפי מעשי אני נקרא", אַ נאָמען לויט דער אַרבעט אין טעטיקייט נאָך.

דערפאַר איז מיר אַזוי שווער אָנצורופן נעמען. ווו זענען זיי איצטער? ווער זענען זיי איצטער?

דעם שטאַרקסטן, איך מיין ניט דעם בעסטן, איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר פּירא. אַלעמאָל אַן אויסגעצוואָגענער, אַן אויסגעקעמטער. און די האָר אויפן קאָפּ, וועלכער האָט שוין געדאַרפט פּליכעווען, אַזוי אָרנטלעך, און אַזעלכע פאַלגער, אַ מחיה. וואָס דער טאַטע־קאָם און די מאַמע־בערשטל און גוטע פרומע צייגער און חזיר־הערעלעך הייסן, האָבן זיי געטאָן, זיך אויסגעלייגט איבערן קאָפּ אין שורות ווי געזעצטע אותיות אין געדרוקטע שורות.

אַ הויכע פיגור, דין. אָנגעטאָן כמעט לויט דער מאָדע נאָך. אַ קאַלטער לונג־און־לעבער, אַלץ געוויגן, געמאָסטן, פאַרזוכט און צעלייגט אויף די טע־לערלעך פון טועכץ, אָבער פאַרט ראַדיקאַל.

„אַ מאָדנער מענטש. עפּעס אַ מין מאַשין" — פלעג איך טראַכטן. ניטאָ ביי אים קיין איילן זיך; ער האָט צייט; און ער רוקט זיך באמת... ער גייט, רעדט,

שרייבט אויך עפּעס אַמאָל אָן, אָבער עס געדויערט ביי אים, אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך.

און ער באַזיצט דעם חוש פון „פּאָרויסזען“, ער איז אַ „רואה את הנולד“; ער איז פּאָרזיכטיק. עס איז אונדז קיינעם ניט איינגעפאַלן דעמאָלט אין רוסלאַנד צו מאַכן אַ סוד פון אונדזערע נעמען אָדער אַדרעסן.

חברים פלעגן מיך אָפּרופן אויפן טעלעפאָן, קומען אַהיים, נעמען מיך צו אַ מיטינג, אָפּפירן אַהיים.

פּיראָ איז מער ניט ווי אַ פּסעוודאָנים, און עד־היום געדענק איך ניט זיין נאָמען, הגם ער האָט עס מיר פאַרטרויט בסוד־סודות.

איך דערמאָן זיך, פארלויפנדיק אַביסל: עס איז אויף אַ סטאַנציע הינטער מאָסקווע. עס שמעקט מיט פולווער. מען הערט די שווערע טריט פון בירגער־קריג, וואָס רוקט זיך הינטער אונדזערע פּלייצעס. פּיראָ האַלט אַ לעקציע צו־זאַמען מיט מיר. וואָס טוט ער אָבער? — ער גיט־איבער דעם עולם — דעם אמתן רוסישן אַרבעטער־ און פּויערים־עולם פון ליובערציע, וואָס איז געקו־מען פון די דערפער צו הערן אונדז און וויסן, וואָס מיר ווילן און לייגן פאַר צו טאָן אין אַזאַ צייט — די געשיכטע פון אַנאַרכיזם, אָט אַזוי ווי עס איז אָנגע־שריבן ביי עלצבאַכערן. און אַז דער עולם וויל אים ניט הערן, זיי שלאָגן אים איבער מיט פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צום טאָג, צום היינטיקן און מאָרגנ־דיקן, איז ער שטאַרק, אויב ער קען זיין שטאַרק, ברוגז, „ס׳טייטש, זיי ווילן נישט לערנען!“ זיי מוזן עס וויסן! אַנדערש וועלן זיי ניט וויסן, ווי אַזוי אָנצו־פירן די רעוואָלוציע.

איר כאַפּט זיך מסתמא, אַז ער איז געווען אַ לערער, פון „פיזישער געאָ־גראַפיע“.

פּיראָ איז געווען אונדזער קילשטאַק, אָדער „אייזקאַסטן“. ווען די ליידנ־שאַפטן פלעגן זיך צעפלאַקערן און מיינונגען זיך צוזאַמענשטויסן, אַזוי אַז הימל מיט ערד האָבן זיך געהאַלטן ביי צונויפמישן — פלעגן מיר כאַפּן אַ קוק אויף חבר פּיראָ און מיר פלעגן זיך אַלע אָפּקילן. און דאָס איז געווען זיין וויכטיקסטע ראָלע, וועלכע ער האָט געשפּילט אין אונדזער אַלעמענס אַרבעט.

דער לייענער וועט מיינען, איך לצעווע אָפּ פון פּיראָן. אַ האָר ניט. ער האָט אויפגעטאָן אַ היבש ביסל פאַר אונדז אין יענער צייט. איך בין זיכער, ער וועט טאָן, ווען די צייט וועט קומען. איך גלויב ניט, אַז אין אים קענען פאָר־קומען שינויים. ער האָט זיך געהאַלטן אויפן פאַרגליווערונגספּינטל. און אַלס אַזוינער האָט ער געהאַט פאַרדינסטן. פאַרגעסט ניט, אַז די צייט איז געווען אַ היציקע און אויב מיר האָבן געדאַרפט האָבן און געהאַט „הייסע“, האָבן מיר אויך באַדאַרפט האָבן „קאַלטע“. און דאָ איז ער געווען, און ער איז געווען איי־נער פון אונדזערע ערשטע אין ערשטן פעריאָד פון דער אַרבעט.

דער לייענער וועט שלעכט אויסטייטשן די כאַראַקטעריסטיק, אָבער פּיראָ, בין איך זיכער, וועט מיך פאַרשטיין. מיר פלעגן אַלעמאָל פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. און דורכווערטלענדיק זיך פלעגן מיר בלייבן די בעסטע גוטע פריינט.

איין זאַך פלעגט אים אַרן און ער פלעגט זיך אַלעמאָל באַקלאָגן אויף מיר, ווען מיר פלעגן בלייבן ביחידות:

איך בין ניט „עקזאַקט־וויסנשאַפטלעך" אין מיינע אַרויסטרעטונגען הן אין שרייבן הן אין ריידן — פלעגט ער זיך קלאָגן מיט פאַרדרוס, כמעט ניט אַ האַרצווייטיק אויף מיר.

— פּירא, עסט זיך ניט־אָפּ דאָס האַרץ, — פלעג איך אים טרייסטן. — ווען עס וועט קומען די רעאַקציע און איך וועל ניט האָבן וואָס צו טאָן, וועל איך שרייבן שווערע דיקע „וויסנשאַפטלעכע" בענדער.

און בנוגע דעם ענין רעאַקציע האָב איך בעסער פאַרויסגעזען.

פּירא פלעגט צושאָקלען מיטן קאָפּ, ווערן שטיל און פאַרטראַכטן זיך.

ער וואָלט, מסתמא, וועלן ביידע זאַכן אויף איין מאָל: רעוואָלוציאָנערע טע־טיקייט מיט „וויסנשאַפטלעכע" אויספאָרשונגען צוזאַמען. און זייער פאַרנאַנדער־שיידונג האָט אים באמת פאַרשאַפט עגמת־נפש.

ווי מיכאַילאָוו האָט ליב געהאַט דאָס בוך ווי אַן „אויסגאַבע", אַזוי האָט פּירא האָלט געהאַט די אידייע ווי אַ דאָקטרינע. די פּראַקטיקע פלעגט ער, גלויב איך, מער ניט צוגעבן ווי נאָר אַלס אַ מוז, אַ שלעכטס, וואָס מען מוז ליידן פון דעם, ווייל דאָס באַפּוצט און באַהנט די טעאָריע.

און ער האָט נעבעך געליטן אין דער הייסער צייט פון דער ברענענדיקער פּראַקטיק. און איך האָב אים מיטגעפילט, האָב אָבער ניט געקענט העלפן...

זיין גרעסטע ליידנשאַפט איז געווען אַרכיוואַרבעט. — זאַמלען דאָקומענטן, זיי אויפהיטן, זיי סאָרטירן, קלאַסיפיצירן — דאָס איז געווען זיין חיות. זיין נשמה האָט געפלאַטערט אין די „שמות" פון דער אַנאַרכאַ־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. יעדע פּראָקלאַמאַציע, יעדער אויפרוף, יעדע מעלדונג, יעדן אַנאָנס, יעדן אַפּיש אונדזערן האָט ער אויפגעקליבן מיט גרויס זאָרגפעליקייט און מוטערלעכער צערטלעכקייט.

איך פלעג עס פּשוט ניט קענען באַגרייפן:

— אין אַזאַ צייט, חבר, פאַרנעמט איר זיך מיט אָט־די „נאַרישקייטן!" — פלעג איך זיך רייצן מיט אים.

— דאָס וועט מען זוכן דערנאָך און ניט קענען געפינען! — פלעגט ער ענט־פערן קאַלטבלוטיק.

ער האָט זיך אַליין באַשטימט פאַר דעם אַרכיווהיטער פון דער אַנאַרכיס־טישער באַוועגונג אין רוסלאַנד בשעת דער רעוואָלוציע.

ניט מאַכן געשיכטע, נאָר אָפּהיטן געשיכטע ווי זי איז פאַרטראַכטן אין גע־דרוקטן וואָרט, — דאָס איז געווען זיין באַרוף. איך פלעג טראַכטן: אין די שפּע־טערדיקע יאָרן, אַז איך וועל שרייבן מיינע זכרונות, וועט פּירא מיר צושטעלן דעם מאַטעריאַל, מיינע פאַרעפנטלעכע עסייען, פאַרטראַגן, רעדעס, דאַטן, דע־טאַלן.

איך לעב איבער אַ טיפע אַנטוישונג. ער איז פאַרשיקט ערגעץ אין סיביר. און וווּ זיין אַרכיוו געפינט זיך ווייס איין גאָט אָדער די געפּעו.

„פּירא" מיינט פייער, — דער פאַר איז ער געווען אַזוי קאַלט ווי אייז...

XVII

אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט

גיי איך מיר אַרויס אויף „קאַלוזשעסקע פּלאַשטשאַד“ (קאַלוגער פּלאַץ). דער פּלאַץ איז באַוואַקסן מיט בערד, מיט קעפּ, מיט רויטע און ווייסע און פאַרשיידנפאַרביקע קאָפּטיכלעך. און אַן „אָראַטאָר“ שטייט און רעדט און אויערן שלינגען דאָס ברויט פון קלאַנגען און ווערטער.

קאַלוגער פּלאַץ. וואָס איז דאָס פאַר אַ „פּרעמדן?“ כמעט ווי גאָרניט. אַן אָרט ווי אַלע אַנדערע ערטער אונטערן הימל. שטיינער האַרטע, אומברחמנות־דיקע. אַרום זיי די פאַרלאָזענע הייזלעך שטייען צעשטעלט אויף אַלע פיר זייטן, אויב איר ווילט, אין אַ קויק. אַנדערע העכער, אַנדערע נידעריקער, אַנדערע שע־נער, פאַרפּוצט מיט נייע דעכער, מיט נייער פאַרב, אַנדערע מיאוסער, אַביסל איינגעהויקערט, פאַרשלומפּערט.

מילא, ווי די איינוווינער אַזוי די הייזער. ווו שיינע באַלעבאַטים וווינען, פלייסט זיך דאָס הויז אויסצוהאַלטן דעם טאָן און מאָדע און סטיל.

נו, וואָס איז קאַלוגער פּלאַץ? אַ געאָמעטרישער אָרט, אַ געאָגראַפישער אָרט. אויב איר זענט אַן אַרכיטעקט, וועט איר דאָרטן ניט זען קיין זאַך, וואָס איז אויסערגעוויינטלעך און חשוב און וואָס עס איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם. אַלץ וואָכעדיק: דאָס גערטל, די בענקלעך, דער צאַם אַביסל פאַרראָצט, ווי דער שטייגער איז מיט אייזן, ווען טוי און רעגן פאַלן אויף אים. ער וואַקסט ניט — נאָר ער ראַצט.

יאָ, פאַר אַ פרעמדן איז דאָס אַ געוויינלעכער אָרט, און מאָסקווע פאַרמאָגט אַ סך אַ סך שענערע ערטער און פּלעצער.

פאַר מיר אָבער איז דער פּלאַץ אַ פּסיכאָלאָגישער אָרט. דאָ איז דאָס פעלד, אויף וועלכן איך האָב געזייט זוימען פון גייסט, און מיר דוכט זיך, אַז זיי ליגן פאַרטאַיעטערהייט, ווי דערשראָקענע, און טוליען זיך צו צו די שטיינער פון ברוק. „דעקט אונדז צו“. ווי שניי ווינטער פאַרבאַהאַלט די זריעה פון אַכזר פראָסט, אַזוי פאַרבאַהאַלטן די שטיינער די גייסטיקע זריעה.

עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער טיראַן וועט אַוועק — אַ טיראַן מוז אַוועק, די טבע איז מחייב — און די זייונג וועט נעמען שפּראָצן פון ברוק אַרויס, פון די אייזערנע רעלצן אַרויס, און בלומען און פרוכט וועלן זיך באַווייזן.

איך זיץ איצטער אַזוי ווייט פון דאָרטן, אָבער איך זע, איך הער, דאָס שעפּטשען פון די פאַרזייטע קערנדלעך.

ווי איך האָב געזאָגט: „קאַלוגער פּלאַץ“ איז פאַר מיר אַ בלומענבייט אָדער אַ גאָרטן.

אַרים און אַרום צעלויפן זיך וועגן. איין וועג פירט גלייך צו די בעקעריעס, אַביסל ווייטער פּאַרקירעוועט זיך עס צום טראַמווייפּאַרק.

מיין הערצלעכן גרוס דיר, טראַמווייפּאַרק. איך בין זיכער, אַז דאָרטן קלאַפּן הערצער פּאַר מיר. אונטער דער פאַרשטיקטער שטילקייט, אונטער דעם אייז פּליסן הייסע שטראָמען־שטרעמונגען. דער צווייטער וועג פירט צו אָרדינקע. אַן אָרט, ווו איך קען אָנטרעפן שטיקלעך פון מיין „איך״, גאַנצע קריסטאַלן פון נשמה. און אַנטקעגן לאָזט זיך אַ וועג, וואָס פירט צו מיכעלסאָנען, (אַ פאַבריק, ווו איך פלעג אין די זונטיקן פאַרברענגען מיט די אַרבעטער און ווו לעבין איז נאָכדעם פאַרוואַנדעט געוואָרן פון קאַפּלאַן־רויד), צו „דאַבריניאַבאַלץ״ (אונדזער ערשטע פאַבריק), און ווייט אַוועק שטייט דער „דאַנער מאַנאַסטיר״ און נעבן אים דאָס הויז פון באַקעטאָוון פאַרנומען שפּעטער פון דער „דאַנער גרופּע״ (איך יאָג איבער די צייט פון דערמאָנענישן).

דער דאַנער מאַנאַסטיר איז מיר טייער, ווייל דאָרטן זונטיק, ווען מען גייט פון קלויסטער, איז געבאָרן געוואָרן מיין ביכל־רעדע־פאַרציילונג „פאַרוואָס?״ — וועלכעס האָט זיך פאַרקויפט איבער הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן.

(אַ צרה מיט די דערינערונגען; זיי קריכן פון הויט און שפּרינגען איבערן צאַם פון צייט און צעמישן דעם מוקדם און מאוחר. זכרונות זענען ווי ווילדע פערד, שווער צו האַלטן אין צאַם).

און נאָך ווייטער פאַרפירט עס אייך צו „בארי״ (אַ פאַבריק). פאַר באַלע־באַטים — פאַבריקן, פאַר מיר — אוידיטאָריעס אָדער גייסטיקע „פעלדער און וועלדער״.

יאָ, לאָמיר זיך אומקערן צום אָנהויב.

גיי איך מיר אַרויס אויפן פּלאַץ. אַ שיינער טאָג. די זון גיסט ליכט אויף יענע, וואָס זענען ווערט און ניט־ווערט, אויף גערעכטע און אומגערעכטע. דער הימל ליגט אַן אויסגעשפּרייטער איבערן קאָפּ און ווי אויף צו להכעיס איז ער בלויז ניט רויט און ניט שוואַרץ.

אַן עולם מענטשן צוזאַמענגעבונדן מיט איין פאַרלאַנג צו הערן עפּעס, צו פאַרשטיין עפּעס, צו וויסן ווי אַזוי צו לעבן, ווי אַזוי איינצוּאָרדענען דאָס לעבן אַביסל בעסער, אַביסל קליגער, אַביסל פאַסיקער, אַזוי, אַז די זון זאָל ניט דאַרפן שיינען פאַר די בהמות־וועגן אין זכות פון די אומשולדיקע קי און פערד.

דער רעדנער רעדט: מען דאַרף מלחמה־האַלטן, זיגן, און דעמאָלט וועלן מיר גליקלעך זיין. דער פאַרזיצער איז אַן אָפיציר, אָבער אַ ס. ר. ווער איז דעמאָלט קיין ס. ר. (סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער) ניט געווען?! כמעט אַלע זענען עס געווען. און פרייהייט?! כ׳לעבן, עס איז ניט קיין שלעכטע זאַך. ווער וואָלט זיך אָנטזאָגט פון אַזאַ גליק. וואָס דאַרף דאָס פאָלק מער?! פשוטע מענטשן פון פאָלק זענען ניט קיין „אויסטראַכטער״; זיי וועלן ניט בעטן דאָס „טעלערל פון הימל״. „לאַנד און פרייהייט״ איז גענוג און איבערגענוג פאַר זיי. און אַלע האָבן געשטימט פאַר ס. ר. און זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַזאַ גרויסן נצחון אין די דומע־וואַלן אין מאָסקווע, אַז ער האָט אַריבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען.

אָבער מאָדנע. דאָס פאָלק הערט זיי ריידנדיק. און די זאַך זעט אויס ניט אַזוי פשוט ווי די צווייטע ווערטער. בכדי צוצוקומען צו דער פרייהייט, דאַרף מען

דורכבראַדזשען דורך אַ ים פון בלוט און דאָס שטיקל ערד איז אויך ניט אַזוי גרינג צו קריגן. מען דאַרף וואַרטן און וואַרטן און וואַרטן. דריי הונדערט יאָר געוואַרט און נאָך אַלץ זיך ניט דערוואַרט. אַ מין משיח־וואַרטעניש.

דער רעדנער רעדט. דער עולם הערט. און ער איז עפּעס ווי אין אַ פאַר־לעגנהייט. עס איז עפּעס ניט דאָס, עס שטימט ניט מיטן פאָלקס פּסיכאָלאָגיע. אַ רעוואָלוציע געמאַכט, מען האָט געמיינט, מען ווערט פּטור פון דער מלחמה מיט אַלע אירע צרות. שטעלט זיך אַרויס: מען דאַרף ווייטער מלחמה־האַלטן, און דווקא מלחמה־האַלטן.

דער עולם איז ווי פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ. ער קען זיך ניט אַרויס־פּלאָנטערן.

מיר קומען צו נענטער, מיר שטויסן זיך דורך דורך די געדיכטע רייען מענטשן. איך זאָג מיר: איך און טיוכאַנאָוו. מיר שטעלן זיך אַוועק לעבן דער „פּלאַטפאָרמע", וועלכע איז געווען אימפּראָוויזירט פון אַ קיכבאַנק.

טיוכאַנאָוו קען זיך ניט איינהאַלטן. דעם רעדנערס ווערטער שטעכן אים ווי מיט שפּיזן. שטעכן אים, זיין געוויסן און איבערצייגונגען, ווי מיט דערנער.

טיוכאַנאָוו, אַ רוסישער בחור פון אַ יאָר 25, אַ ריינער גרויסרוס; אַ יונ־גער שרייבער; נעמט אַן אנטייל אין די „פאָלקסטימלעכע" אויסגאַבן פון מאָסק־ווע. קען דעם לשון פון פּשוטן המון־עם, און מאַכט נאָך אַלע זיינע תנועות. און ער אַליין איז אַ ריינער טיפּ, פון פּיענטע ביז צו דער פאַרקעמאַכץ, וואָס אויפן קאָפּ. און די אויסשפּראַך — אַ ברכה צו מאַכן. און די קאָסעוואַראָטקע — אַלע זיבן טעמים פון קאַצאַפּן־לאַנד.

כאַפּט ער זיך אַרויס, גיט זיך אַהייב־אויף, „נעמט אַ וואָרט", ד״ה, קריגט אַן אָרט אויף דער „פּלאַטפאָרמע". דער פאָרזיצער, אַז ער האָט נאָר אַ קוק גע־טאָן אויף אים, איז אָנגעשוואָלן פון גרויס הנאה. ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט אים אַרויסהעלפן.

און טיוכאַנאָוו נעמט דברן. צום אָנהייב גייט עס נישקשה. דער עולם וואַרט... ווי איינער זאָגט: „וואָס ווייטער"? וואָס וועט ווייטער זיין? ער גייט אַביסל אַהער, אַביסל אַהין, שפּילט זיך מיטן וואָרט, מיט עטלעכע גלייכווערט־לעך, וועלכע ער סמאַקעוועט, און דער עולם איז צופרידן. אָבער ווען ער קומט צום עיקר, צו דער מלחמה און סאָציאַלן שטייגער, וואָס הערשט אין רוסלאַנד, און נעמט האַבלמוויליק קריטיקירן... דעמאָלט לאָזט זיך הערן פון אָנהייב פון איינעם: „נידער!" דערנאָך פון אַלעמען: „נידער!" „וואָס רעדט ער עפּעס!" און קולות לאָזן זיך הערן: „ווער איז ער?"

„ווער ביסטו?! פון וועלכער פּאַרטיי?" „פון וואַנעט?" טיוכאַנאָוו ווערט רויטלעך, קווענקלט זיך, פאַרלירט זיך. ער ווערט שוואַכער און דער עולם, זיין קעגנער, ווערט שטאַרקער. און מען שרייט, מען ליאַרעמט, מען זידלט אים, און העגט הייבן זיך. אין יענע טעג האָבן די הענט שפּאַצירט פראַנק און פריי, און אַז זיי פלעגן אָנטרעפן אַ באַק פון אַ רעדנער, וואָס פלעגט עפּעס זאָגן „ניט צו דער זאַך", ניט ווי עס געפעלט, פלעגן זיך די הענט זעצן אָפּרוען אויף זיינע באַקן אָדער רוקן, אָדער גלאַט אַזוי ערגעץ אויף אַן אָרט אין גוף. און צייטנווייז פלעגן די הענט מיטשלעפּן אַ שטעקל, אַ שטעקן און אַמאָל אַ האַרטערן חפץ. עס זענען

געשען אַזעלכע זאַכן, און חבר טיוכאַנאָוו ווייסט וועגן דעם און ער פאַרשטייט די פּסיכאָלאָגיע פון ביידן: פון שלעגער און געשלאָגענעם.

קולות: „אַ פּאַרדעטער!" „שלאָגט אים!" „אַרעסטירט אים!"

אַרעסטירן איז געווען אין אַזעלכע צופאַלן דער בעסטער אויסוועג.

וואָס טוט מען?

איך כאַפּ זיך פאַר אַ פּשוטער המצאה. איך הייב זיך אויף און נעם ריידן. און דער עולם שטעלט אָפּ דאָס שרייען און נעמט זיך איינהערן: וואָס וועל איך זאָגן... זיי לאָזן מיר ריידן אַ פּאָר מינוט און דאַן נעמען זיי שרייען: „ווער ביסטו, פון וועלכער פּאַרטיי?"

איך וויל ענטפערן. טיוכאַנאָוו, שטייענדיק לעבן מיר, ציט מיר פאַרן רעקל. ער האָט מורא, אַז איך וועל זאָגן, ווער איך בין, וועלן זיי מיך זיכער ממיתן. איך פאַרשטיי עס דווקא פאַרקערט:

ווער ביסטו?

— אַן אַנאַרכיסט! — ענטפער איך מיט זיכערקייט און מיטן פולן מויל און אָטעם.

און עפּעס ווי אַ וווּנדער איז געשען. דער עולם ווערט שטיל, באַרויִקט זיך.

— רייד! — שרייען זיי פון אַלע זייטן.

איך פאָלג. עס גייט אַוועק איין האַלבע שעה, אַ צווייטע האַלבע שעה. דער עולם איז שטיל ווי אַ שעפּעלע.

דער פאָרזיצער איז אויסער זיך: „ס'טייטש, וואָס רעדט ער!" „אַזעלכע רייד אין אַזאַ צייט! עס איז מלחמה־צייט"...

דער עולם ענטפערט: ער רעדט צו דער זאַך.

קולות: ער איז גערעכט.

דער פאָרזיצער: „צו־לאַנג רעדט ער". ער איז נעבעך געשטאַנען ווי אויף קוילן; זיין ס־עריש אויער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן מיינע דבורים.

דער עולם: מיר האָבן צייט.

פאָרזיצער: איך זאָג זיך אָפּ פון צו זיין פאָרזיצער.

דער עולם שרייט: „רייד, מיר וועלן זיך באַגיין אָן אים, אויף וואָס דאַרפן מיר אים?"

דער פאָרזיצער איז אַוועק. פאַרן אַוועקגיין האָט ער מיר צוגעוואָרפן אַ גיפטיק וואָרט: „ער איז אַ דייטשער שפּיאָן!"

איך: „וואָס מיינט איר עפּעס? דעם אמת זאָגן קענען קיין אַנדערע ניט, ווי נאָר דייטשע שפּיאָנען!"

דער עולם לאַכט שרייענדיק צו דעם פאָרזיצער: דו ביסט אַליין אַ שפּיאָן!

דער אינצידענט איז אומוויכטיק. אָבער דאָ איז געווען אָפּגעהתמעט דער פּסק איבער די ס. ר. זיי פאַרלירן דעם צוטרוי פון די מאַסן.

זיי האָבן געמוזט אַוועקגיין.

נאָכדעם ווי איך האָב געענדיקט און דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, ווונדערט זיך חבר טיוכאַנאָוו:

— איך האָב דאָך געזאָגט די זעלבע זאַך וואָס איר, — פאַרוואָס האָבן זיי מיר געוואָלט דן זיין?

— פאַרוואָס? ווייל איר האָט זיך געשראָקן, מורא געהאַט אויסצוזאָגן, אַז איר זענט אַן אַנאַרכיסט.

— אַן אינטערעסאַנטער „פּסיכאָלאָגישער מאָמענט", — זאָגט טיוכאַנאָוו און פאַרקירעוועט צוריק אין דער פּעדעראַציע, צו דערציילן די „מאָדנע" גע־שעעניש... דעם אמת, וואָס איך האָב באַוויזן. יאָ, אַ „פּסיכאָלאָגישער מאָמענט".

XVIII

כּאַדונאָוו, מיין בעסטער חבר

אַ שלאַנקע, הויכע פיגור, יונג און פול מיט לעבנספרייד און פּאַרט עפּעס אַן אומעט שוועבט אַרום אים; שוועבט און פלעכט אַ דינעם, זיידענעם וואָל, וואָס באַשאָטנט זיין געזיכט. ברייטע, אָפענע אויגן, וואָס קוקן אַזוי ניכטער און טיף אין די זאַכן פון דער וועלט אוןווירקלעכקייט אַריין און פּאַרט עפּעס אַ חלומ־דיקייט לויערט האַלב־פאַרבאַהאַלטנדיק זיך אין זייערע טיפן, און ער, דער חלום, קוקט אַרויס פון צייט צו צייט און טונקט זיך אָפּ מיטן קאָפּ און לייב און לעבן אין דער טיפעניש פון די ברוינע שוואַרצאַפּלען אַלע מאָל. אַ שמייכל האָט קוים־קוים געקרייזלט די ליפּן און אויסגעקאַשערט אַביסל אויף אַרויף־צו זייערע ווינקלען, און דערצו האָבן חן־גריבעלעך געגעסט אין זיינע באַקן. אַ זאַך, וואָס פּאַסט פּאַר אַ מיידל. ער שמייכלט. ער ווערט רויטלעך. אַ מין רוח־ניותדיקע שעמעוודיקייט באַגלייט יעדעס וואָרט זיינס.

שטילע, קיילעכדיקע באַוועגונגען פולע מיט האַרמאָניע. קיינמאָל האָב איך אים ניט געזען אין כּעס, צעטראָגן, אויפגערעגט. אַן אייזערנער ווילן, אַ שטאָ־לענע אַנטשלאָסנקייט און דירעקט איז געווען זיין טראַכטן און טאָן.

פעלדער האַלב־פּאַרזייטע אין האַרבסט און כוואַליעס־טרייבנדיקע אין זו־מער האָבן זיך געשפּרייט אַרום אים, דער גערוך פון קאָרן און ווייץ, די פריש־קייט פון דער לאַנקע באַשנירלט מיט פּערל אינדערפרי, אויף וועלכע באָרוועסע פיס שטעלן־אָפּ שליאַדעס. וועלדער פול מיט שווימלעך און שוואַרצע יאַגע־דעס. כּמעט, אַז דאָס געזאַנג פון די שניטערנס און דאָס צופייפן פון בחורל־פּאַס־טעכל און די שפּאַסיקע קנאַלן פון זיין לאַנגן בייטש — דאָס אַלץ האָט זיך געשפּרייט אין גערוך־אַסאָציאַציעס אַרום כּאַדונאָוון און זיין מהות.

אַ רוסישער פּראָלעטאַריער. דאָס האַרץ — אין דאָרף, דער קאָפּ — אין שטאָט. דער טאַטע — אַ פּוילער און אָרעמאַן. מער קינדער ווי אַקערס־ערד; מער זאָרגן ווי זוימען צו פאַרזייען. פון קאַלוגער גובערניע, ווו ווינטן שפּאַצירן איי־בער שנייפעלדער אין ווינטערדיקע טעג און וועלף הייען ביידערנאַכט. און צייטנווייז קומען זיי צו זייער נאָענט צום דאָרף, באַזוכן די הויפן, כאַפּן אויף טויט און לעבן אַ שמועס מיט אַ קאַלב, אַ קו, אַן אַלטן אויסגעפּראַצעוועטן פערד. כּאַדונאָוו געדענקט זיין זיידן. ער איז געווען אַ בן־שמונים, ווען ער איז

געשטאָרבן. ער פלעגט אים דערציילן וועגן יענע צייטן, ווען „קרעפּאָסטנאָיע פּראַווא" (פּאַנשטשיזנע) איז געווען אויך „רעכט" און גערעכט. און שנאה צו אַט יענער צייט האָט דער זיידע געפלאַנצט אין אייניקל בלא־יודעים, אָן אַ ספּעציעלער כוונה, בלויז פון ריינעם געלוסט איבערצולופטערן די אַלטע דערמאָנענישן און זיי דורכצולעבן אין קאָנטראַסט מיט דער קעגנוואָרט אויף די עלטערע יאָרן, ווען דער אויוון, גוט אָנגעהייצט אין ווינטערצייט, איז דאָס בעט, געלעגער, שטול, דיוואַן און מקום־מנוחה פאַר אַלטע איבערגעהאָרעוועטעביינער.

און דער זיידע פלעגט ליגן אויפן אויוון אין די לאַנגע, קאַלטע ווינטער־אָוונטן און מיט אַ ציטערדיקער שטימע, ווי אַ סטרונע, פלעגט ער דערציילן דעם אייניקל די צרות, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט דער באָבן, איצטער אַ זקנה, דעמאָלט אַ יונגע, אַ מידל אַ פרישע, מילך און בלוט.

און כאַדונאָוו זאַפּט זיך אָן מיט די מעשיות, מיט זייער ביטערקייט און ביטול צום מענטשן, און זיין קינדערשע נשמה ווערט אַ בעכער פול מיט גאַל. און ניט־ווילנדיק און ניט־פאַרטראַכטנדיק זיך, שווימען ביי אים אין געדאַנק אַרויף די מעשיות פאַרציילט פונעם זיידן. און ווי פון זיך אַליין פאַרבינדן זיך דורכגעפירטע פאַראַלעלן אין זיין פאַרשטאַנד פון אַ געזעל פון אַ יאָר 16.

דער האַס און שנאה צו דעם אַדלליט־שיכט פאַרבייט זיך מיט אַ קלאַסן־האַס; דער פּריץ טוט זיך איבער, נעמט אַראָפּ דעם טיטל און שיט אים אָן מיט רענדלעך — און מאַטערט און טרעט מיט די דבר־אַחרשע פיס זיין יונגן אָבער אומבויגזאַמען ווילן. און דאָ איז דער רוסישער צאַר, דער פּריץ פון די פּריצים — און כאַדונאָוו ווערט זייער פּרי אַ רעוואָלוציאָנער. דער זיידע האָט געקעמפט קעגן דעם פּריץ, האָט געליטן חרפּות און בישות און קערפּערלעכע באַשטראָפונג, פּשוט גערעדט, שמיץ, פאַר זיין ליבע צו דער באָבן. און כאַדונאָוו, דאָס אייניקל האָט אַ העכערן אידעאַל: ער וויל „גערעכטיקייט פאַר זיך, פאַר זיין פּערזאָן, און פאַר אַלעמען. און ער וויל עס זאָל זיין פרייהייט".

כאַדונאָוו, 22 יאָר אַלט, ווען מיר האָבן זיך דעם ערשטן מאָל געטראָפן אויף די פּרעטשיסטענסקע קורסן ביידערנאַכט, אַזוי יונג און לעבנסלוסטיק, האָט שוין געהאַט אַ גאַנצע „פאַרגאַנגענהייט" פון אַ רעוואָלוציאָנער, מיט טורמעס, מיט פאַרשיקן, מיט הכל־שבהכל.

רוסלאַנד, דער סאַטורן אויף דער ערד, וואָס פאַרצערט זיינע אייגענע קינדער.

אומגעהויער, וויפל האָסטו אויפגעגעסן, וויפל וועסטו אויפעסן — און דו ביסט עד־היום ניט זאַט; דו האָסט געביטן דיין נאָמען און פעל — אָבער ניט דיין טבע. דו מעגסט זיך רופן „פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן" — אָבער דו ביזט פאַרבליבן די זעלבע חיה־רעה, וואָס עסט מענטשלעך פלייש טאָג און נאַכט און ווייס ניט פון אויפהער.

כאַדונאָוו איז געווען אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער ביז דער צייט פון אונדזער טרעפן זיך. ער איז געווען אויסגעקליבן אַלס אַ „גלאַסנער" אין מאָסקווער דומע. אָבער ער, ביישטנדיק זיינע איבערצייגונגען, אָדער איינזעענדיק, אַז זיינע

איבערצייגונגען זענען ניט אין הסכם מיט דעם פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, צו וועלכער ער האָט געמיינט, אַז ער האָט געהערט — האָט איבערגע־ריסן אַלע זיינע באַציִונגען מיט זיי און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן דעם אידעאַל פון באַפרייען דעם מענטשן, וואָס אין אַרבעטער, און דעם אַרבע־טער, וואָס אין מענטש.

כאַדונאָוו איז געווען אַ שווייגער. איך האָב אים קיינמאָל ניט געהערט ריידן פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער. ער האָט מער ניט ווי גערעדט פּריוואַט, איי־נער צו איינעם. אָבער ער האָט ניט באַלאַנגט צו יענע, וואָס רימען זיך מיט זייער „טועוודיקייט" און פאַרהאַסן דאָס וואָרט. ער האָט געוווסט און געשאַצט דעם כוח פון דיבור. ער האָט טיף פאַרשטאַנען מיט זיין באמת אַרבעטערישער פּסיכאָלאָגיע די גבורה, וואָס שטעקט אין וואָרט.

ער האָט אַלע מאָל אָנגעהויבן פון זיך, פון זיינע פיר איילן.

זיך באַגעגנט, מיך אויסגעהערט, איבערגעטראַכט און געפונען, אַז גערעכ־טיקייט און די פאַרטיידיקונג פון די אַרבעטער־אינטערעסן איז בעסער, ריכטי־קער, „אַרבעטאַרישער" אויפגעפאַסט און פאַרגעשטעלט אין אונדזער קאָנצעפּ־ציע. די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט געטאָן, איז צו ברענגען זיך און איבערגעבן צום אידעאַל. אין דער צייט פון אַרבעט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער. ניט יעדערער האָט באַזעסן אָט־די אַנטשלאָסנקייט, די פאַרגאַנגענהייט און סעניאָריטעט. אין רוסיש רופט מען עס „סטאַזש". עס האַלט אויף אַ סך פון צו פאַרברענען דאָס, צו וואָס זיי האָבן זיך געבוקט, און צו בוקן זיך צו דעם, וואָס זיי האָבן געברענט... חברים, פּאַרטיי־פאַרבינדונגען, נאָמען, פאַרדינסטן, אָט יענע אַלע קייטן פון קאָנסער־וואַטיזם זענען אַנטוויקלט און איינגעגעסן אין דעם פלייש און ביינער פון דעם רעוואָלוציאָנער כמעט ניט ווינציקער ווי פון אַ פּשוטן בשר־ודם.

כאַדונאָוו איבערצייגט זיך, אַז ער איז געווען אין טעות, און אַז ער האָט אויפגעעפנט די אייגענע אויגן, פילט ער זיין חוב צו עפענען די אויגן פון זאַ־וואָד, אויף וועלכן ער אַרבעט, לעבט, טראַכט און טרוימט וועגן אַ בעסערער צוקונפט.

ער קלינגט מיר אָן, ער וויל איך זאָל „רעפערירן" אויף דעם טעלעפאָנען־זאַוואָד.

איך רוף עס רעפערירן; באמת איז דאָס געווען מער אַ פּראַקטישער דורכ־שמועסן זיך בציבור.

די פּראַקטיק אין פּשוט. פאַרדרייט און פאַרשפּיצלט און פאַרמוטשט איז די דאָקטרינע.

פּשוטע זאַכן — אַרבעטער דאַרפן הייזער; זיי קענען ניט, זיי דאַרפן ניט וווינען אין קעלערן.

פּשוטע זאַכן — די אַרבעטער דאַרפן ניט אַרבעטן אויף יענעם. דער אַכט־שעהדיקער אַרבעטסטאָג איז אַ פּאַליאַטיוו צו פאַרדרייען דעם קאָפּ, צו מאַכן

אַן אָנשטעל, אַז די צרה ליגט אין פּראַצעס פון אַרבעט, עפּעס אַזוי, ווי צו אַר־בעטן איז שלעכט, איז אומהיגיעניש, עפּעס אַזוי ווי אַרבעט איז באמת אַ קללה ניט קיין ברכה פאַרן מענטשן; פאַרן באַלעבאָס, אויפן באַלעבאָס — קיין אײנ־אײנציקע מינוט; פאַר זיך, פאַר די אַרבעטער — אַפילו 18 שעה.

פּשוטע זאַכן — די טעאָריע איז זייער פאַרוויקלט, קאָמפּליצירט און איך װאָלט אַפילו מוסיף זיין, אַז די „טעאָריע איז לשם טעאָריע", ווי קונסט לשם קונסט.

און כאַדונאַוו אָרדנט אײַן אַ לעקציע אויף זיין זאַוואָד. און ווען זי גיט זיך איין, די אַרבעטער זענען צופרידן, טוט ער אין קלייניקייט: ער פאַרבעט פאַר־שטייער פון אַנדערע, נאָענטע פאַבריקן, זיי זאָלן בייזיין און פון זיין פאַבריק, ווי אַ ריכטיקער סטראַטעג, רוקט ער זיך אין אַ ראַדיוס אַרום און אַרום, פון פאַבריק צו פאַבריק.

איר מיינט ער רעדט, ער אַנטוויקלט זיין פּלאַן? ער האָט מיר וועגן דעם אַ וואָרט ניט געלאָזט הערן. אָבער איך זע, איך פיל זיין פּלאַנמעסיקייט, זיין „אינסטינקטיווע", אויב מען קען אַזוי אָנרופן, אויסגערעכנטקייט פון אַרבעט.

ער פוילט זיך ניט, ער פאַרלאָזט זיך ניט אויפן טעלעפאָן און מיין צוזאָגן צו קומען. ער קלינגט אָן, באַשטימט די צייט, קריגט אַ צוזאָג און ניט־געריכ־טערהייט קומט ער צו גיין, דורכמאַכנדיק הין און צוריק צענדליקער ווייאָרסט אַ טאָג, קומט נעמען מיך און פירט מיך אַוועק צום מיטינג אויפן זאַוואָד. און דערנאָך צוריק שפּאַנט ער צוויי־דריי אַזייגער ביידערנאַכט אַהיים און אויף מאָרגן — די זעלביקע זאַך. עס איז פאָלג מיך אַ גאַנג פון סאָקאָלניקי ביז ווייט אין זאַמאָסקווערעטשיע. און אין יענע צייטן זענען מיר נאָך פוסגייער געווען, מיר האָבן ניט געהאַט קיין אויטאָמאָבילן, און די אַרבעטער האָבן עס אַוודאי ניט געהאַט. און מיר פלעגן שפּאַנען און „טראָגן" דאָס וואָרט, ניט פירן עס. און ניט אומעטום געברויכט דעם טראַמוויי, פּשוט דערפאַר, ווייל ניט אומעטום גייט ער.

כאַדונאַוו האָט ניט געהאַלטן פון אַנדערע אוידיטאָריעס. די בעסטע אוי־דיטאָריע איז דער זאַוואָד צום סוף פון אַרבעט, אָדער אינדערפרי אין אַ זונ־טיקדיקן טאָג.

און אַזוי טריט ביי טריט נעמט כאַדונאַוו איין פאַבריק נאָך דער צוויי־טער, איין זאַוואָד נאָכן צווייטן. ער מאַכט עס אַזוי רויק־שטיל, עפּעס ווי ער מיינט גאָרנים. ער רעדט זיך דורך מיט עטלעכע אַרבעטער פון דעם שכנישן זאַוואָד און זיי לאַדן מיך איין פאַר אַ לעקציע. דאָס איז אַלץ; און דאַן ווערט דאָרטן, אויפן אָרט, אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אויף דער פאַבריק. און „זיין" זאַוואָד איז אַרומגעוואַקסן מיט שכנישע סימפּאַטישע זאַוואָדן. און איין פעסטונג פון די מענשעוויקעס אָדער רעכטע ס. ר. איז געפאַלן נאָך דער אַנדערער. אַזוי אַרום זענען אַריבער די טראַמוויי־פאַרקן צו אונדז. און אַזוי, סיסטעמאַטיש, אין אַ משך פון פיר־פינף חדשים, האָבן מיר געהאַט אַ

מאַיאָריטעט פון אונדזערע חברים אין אַלע „זאַוואָדסקע" קאָמיטעטן פון זאַמאָס־קווערעטשיע און גאַנצע פאַבריקן, ווי למשל, „דאברי נאבאלין", האָבן „געהערט" צו אונדז מיט זייערע גאַנצע מאַסן אַרבעטער. „געהערט" מיין איך גייסטיק. אָבער דעמאָלט איז געווען אַ צייט, ווען דאָס וואָרט איז פאַרויסגעגאַנגען און געשלעפּט נאָך זיך דאָס טאָן, און דאָס „גייסטיקע" — דאָס קערפּערלעכע. געהערן צו אונדז האָט געהייסן: אַט־אָט וועט עס, די פאַבריק מיט אַלעם, וואָס אין איר מיט איר פליסנדיקער רעכענונג, געהערן צו די אַרבעטער און אַ צוגאָב די געביידעס און הייזער, וואָס אויף דער טעריטאָריע פון פאַבריק אָדער אין שכנעשאַפט.

דעמאָלט איז דאָס וואָרט ניט געווען קיין שפּילצייג פאַר די אויערן אָדער אויגן. דאָס וואָרט האָט אַפּעלירט דורך זיי צו די הענט און זיי, די לעצטע, האָבן געפאָלגט און געטאָן.

טאָג נאָך טאָג, אָוונט נאָך אָוונט, און כאָדונאָוו האָט זיך געשפּרייט און נאָכגעצויגן מיך. איך בין מער ניט ווי געווען דאָס מויל. איך האָב גערדרשנט. ער פלעגט שטיין און הערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט די זעלביקע רעדעס, וועלכע ער האָט געהערט, הגם מיט קליינע שנויים, צענדליקער מאָל. אָבער די זאַך איז פאַר אים פריש און ניי און טייער געווען, ווייל זיין אויער איז געווען דאָס אויער פון די מאַסן, פון די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך דאָ אויפגעקליבן, און די קלענסטע פּגימה פלעגט ער אויפכאַפּן און מיך אויפמערקזאַם מאַכן. פּגימה מיין איך ניט אין וואָרט, אין פראַזע, דאָס איז גאָרניט, נאָר אין דער פאַרשטעלונג, אין געבן צו פאַרשטיין די אויפגאַבן פון דער גרויסער צייט צום אַרבעטער אין זיין גרויסער היסטאָרישער ראָל. און ער האָט געפילט מיט אַלע זיינע חושים, אַז אויב דער מאָמענט, דער וווּנדערבאַרער מאָמענט, וועט ווערן דורכגעלאָזט, וועלן מיר, וועלן די אַרבעטער אין רוסלאַנד, אָנווערן צענדליקער יאָרן, און זייער טעות וועלן זיי דאַרפן פאַרריכטן מיט קרבנות און ליידן, מיט געפענגעניש און פאַרשיקט־זיין און פון הונגער שטאַרבן.

און זיין גאַנצע ענערגיע און ווילן איז געווען קאָנצענטרירט אויף דעם איינציקן פונקט: איינגעמען די פאַבריקן גייסטיק און דערנאָך פּראַקטיש, עקאָנאָמיש.

און אַדאַנק כאָדונאָוון זענען מיר געגאַנגען פון נצחון צו נצחון אין די פאַבריקן, אַרום די פאַבריקן. און ער איז געווען געערעכט. דאָ איז געלעגן און ליגט עד־היום דער לעבנס־כוח פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

איך קען זאָגן אָן איבערטרייבן, אַז עס איז ניט געווען כמעט קיין איין פאַבריק, זאַוואָד, קאָאָפּעראַטיווע אָדער אַן אַנדער אָרט, ווו אַרבעטער טרעפן זיך, קומען זיך צונויפן פאַר אַרבעטצוועקן, איינשליסנדיק די פּאָסט, טעלעגראַף, עלעקטרישע סטאַנציע אאַז״וו, ווו כאָדונאָוו זאָל ניט איינאָרדענען פאַר מיר אַ לעקציע, אָדער ריכטיקער, אַ סעריע פאַרטראָגן און אַרויסטרעטונגען — „איינעמען די פאַבריקן".

און איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין זונליכטיקן פּנים, ווען ער איז אַריין מיט זיין שוועבנדיקן האַלב־מיידלשן גאַנג אין שפּיטאָל (איך פּאַרלויף אַביסל) צו מיר, ווו איך בין געלעגן און געזשיפּעט, פאַרווונדעט אין אָקטאָבער־אויפשטאַנד, און ער האָט מיר אַריינגעשושקעט אין אויער (איך בין געווען צו שוואַך צו הערן אַ נאָרמאַל קול): „איך בין אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן דירעקטאָר פון טעלעפאָנען־זאַוואָד".

ער איז געווען דער ערשטער אַרבעטער־דירעקטאָר פון ערשטן זאַוואָד פאַרנומען פון די אַרבעטער.

און זיין שמייכל האָט געשיינט און זיין פּנים האָט געלויכטן מיט די שטראַלן, — ניט פון אייגענעם כּבוד, אָדער אַפילו גייסטיקן לוין פאַר אַזויפיל מסירות־נפש און איבערגעגעבנקייט, — פון אַ שכינה־באַוווסטזיין: מיר דערנענטערן זיך צום פאַרווירקלעכן אונדזער גרויסן אידעאַל...

און אַ שוידער נעמט מיר דורך, דערמאָנענדיק זיך, אַז דיין האַרץ, כאַדונאָוו, איז דורכגעלעכערט געוואָרן פון אַ קאָמוניסטישער קויל.

און דיין שמייכל אין אונדזער זיכּרון איז די איינציקע מצבה, וואָס באַשיינט דיין פאַרוואָרפענעם קבר, דיין איינזאַמען קבר.

הכמות נבל ימות, כאַדונאָוו?!...

XIX

סאָקאָלניקי — כאָדינקע

אינאָוונט. אַ חבר פון דעם צווייטן עק שטאָט קומט צופאָרן נאָך מיר. אַ מיטינג אויף כאָדינקע.

מיר זעצן זיך אויף דעם רוקן פון פערדטראַמווי נומער 10 און ער הירזשעט־קלינגט. אַן עלעקטרישע בהמה, וואָס עסט האָבער־וואָלטס, טראָגט זיך אַוועק פון סאָקאָלניקי צו כאָדינקע, טרעטנדיק מיט זיינע קאָפּיטעס דעם לייב פון מאָסקווע, דורכהאַקנדיק זי כמעט ווי אין דער העלפט. איבערגעפאָרן לוביאַנקע און טעאַטערפּלאַץ, און איילט אַוועק דורכן ליידנשאַפטספּלאַץ אַהין, אַהין, פון איין זייט הינטערן שטאָט צו דער צווייטער זייט הינטערן שטאָט.

צוויי זייטן, צוויי וועלטן. סאָקאָלניקי איז פול מיט זומערוווינונגען. דאָ האָט מען הנאה פון לעבן. אַ שיינער הויכער וואַלד, איינגעטיילט אין „שטראַלן" (לוטשי) צוגעקאַמט־אויפגעראַמט. ערטער צו באָדן זיך, צו שפּילן טעניס און אַנדערע פאַרוויילונגען, ווי ביליאַרד וכדומה. אָבער דער וואַלד איז אַ וואַלד. ביימער זענען גאַנץ ערנסט און שאָטנדיק. אַ טייוואָלים־בריק הענגט ערגעץ ווו איבער אַ כלומרשטן וואַסערל. מער שפּיל פון פאַנטאַזיע און מער פוסטער שרעק ווי באמת שרעקלעך.

אָבער ניט לאַנג צוריק האָט מען געפונען איינעם אַ געהרגעטן לעבן בריק. פאַרוואָס? פאַר וועז? אויב אויפן באָדן פון אַ ראָמאַנס אַרט עס ניט די סאָקאָל־ניקי־איינוווינער. די וועלט פירט זיך אַזוי. אָבער טאָמער צוליב געלט, פאַר רייכקייט, באַראַבעוועט? — און סאָקאָלניקי נעמט זיך שרעקן. און שומרים ווערן געדונגען און אַוועקגעשטעלט לעבן די טירלעך פון די היימען. רייכע זומער־איינוווינער לייגן זיך צוזאַמען און דינגען היטער פאַר זייער גוטס. רייכערע טוען עס ביחידות. יעדערער קויפט זיך אַ שומר. נאָך רייכערע — עטלעכע שומרים.

מען היט זיך. פון וועמען? פון אייגענעם ברודער־מענטש.

און ווער קען היטן פון היטער? און ווער קען היטן דעם היטער?

סאָקאָלניקי קריגט האַרצקלאַפעניש. דער זומער גייט ניט איין. אויף די מיליציאַליטיט קען מען זיך ניט פאַרלאָזן. אַלע כמעט יונגע שנעקעס. זיי ווייסן אַפילו ניט דעם פּלאַן פון מאָסקווע און ארומגעגנט.

אייניקע זיפצן: די אַלטע סטראַזשניקעס, די פּאָליציייליט, האָבן כאָטש דעם וועג געקענט אייך וויזן. די נייע זענען אָן אַ ברעקל דערפאַרונג.

דעם אַריינטריט צו סאָקאָלניקי היט דער „קויק". אַ שיינער, פיינער רעס־טאָראַן־קאַפעהויז שטייט אין צענטער פון קויק. אכן זה בית אלהים וזה שער השמים. באמת, דאָ איז אַ גאָטסהויז און דאָ איז דער טויער צום הימל.

דער גאָט, פאַרשטייט זיך, איז דער כל־וכול פון אַכלען; עסן און פרעסן און טרינקען און זויפן. מען פאַרדינט גרינג. אַ קלונג דורכן טעלעפאָן און געלט קומט ווי פון זיך אַליין. יאָ, עס הוידעט זיך אונטער די פיס — אָבער דווקא דערפאַר דאַרף מען פריילעך זיין. מען קען ניט בלויז עסן און טרינקען און פלירטעווען; מען דאַרף מוזיק: און אַ קאַפעליע קומט צוגיין און שטעלט זיך אויס אין אַ קויק אויף אַ פּלאַטפאָרם, און אינסטרומענטן קומען מיט זיי, און אַ סימפאָנישער אָרקעסטער וואַקסט אויס עפּעס אַזוי ווי אַרויס פון די קוסטעס, וואָס באַזוימען דעם קויק מיט פריש גרינס, איבערגעשפּרינקלט מיט ראָזע און בלויע בלימעלעך; און א מאן שטייט אין רעכטן מיטן און מאַכט מיט די הענט, מאַכט מיט די זייטן — און כוואַליעס פון האַרמאָניע גיסן זיך, גייען פונאַנדער אין קויקן און קייקלען, שפּרייטן זיך ווי אויף פליגלען צו די הויכע טונקל־בלויע, אָוונט־פאַרשלעפערטע תכלת־הימלען, עפּעס ווי אויסגעדעמפטע הוי־באכצן קריכן זיי אַוועק אַהין, צום הויכן אין סוף. און אַנדערע קלאַנגען ווידער פאַלן צו צו דער מוטערערד, טוליען זיך צו איר בוזעם, ווי פאַרשטויסענע, פאַר־טריבענע, פאַרוואָגלטע און פאַריתומטערהייט כליפּען זיי און ווינען זיך אויס און נעמען שיינען מיט ליכטיקע פּנימער און פינקלענדיקע אייגעלעך און לאָזן זיך טאַנצן, קויקלען זיך איבערן קויק, פּלאָנטערן זיך צווישן די פיס, צעלייגן זיך אויף די זעמדלעך פון די שטעגן.

סאָקאָלניקי הערט מוזיק, אָבער ניט־לאַנג, אַ שעה־צוויי. עסט אָבער כמעט אַ גאַנצן טאָג, און שטאָפּט זיך און קרעפטיקט זיך מיט שאָקאָלאַד, מיט געבעקס פון די פיינסטע, פון די זיסטע, הגם מאָסקווע זעט שוין לאַנג ניט קיין ווייס ברויט. און ווען מען פאַרקויפט אייך יאָ ברויט, וועגט מען עס אייך אויס, איר

זאָלט ניט קריגן, אַפילו פאַר אייערע גראָשנס און קאָפּיקעס (מ׳שטיינס געזאָגט געלט), אַן איבעריקן שטיקל פּענעץ.

סאָקאָלניקי לעבט אין רחבות... אָבער עס איז ניט שטיל אויפן האַרצן. ווייסטע חלומות, שוואַרצע שאָטנס פּאַכען מיט גרויסע אָרעמס... און שרעקן דעם פּעטן, בויכקיילעכדיקן עולם.

גאָר פון אַן אַנדער טייג איז אויסגעקנאָטן כאָדינקע.

דאָס זענען צווי עקן. אינמיטן ליגט מאָסקווע, מיט אַן אָפענעם מויל און אָנגעשטרענגט אויער. סאָקאָלניקי אויף איין זייט, כאָדינקע אויף דער צווייטער.

עפּעס ווי אויף צו להכעיס, אינמיטן וועג, שטייט „יאר״, דער באַרופענער רעסטאָראַן, וווּ מען האַלט אָפּ משמורים, מען ריכט אָפּ חצותן, מען באַוויינט דעם חורבן פון יונגשאַפט. אַ הויכע גלעזערנע געביידע. דער גרעסטער און רייכסטער טעמפּל פאַרן קולט פון פרעסן. דאָ פלעגט פאַרברענגען זיינע אָוונטן, נעכט און מאָרגנס מיכאיל, ניקאָלאַיס ברודער. דאָ פלעגט קאסאָ, דער געוועזענער בילדונגסמיניסטער, עסן זיינע מיטאָגן און טראַכטן ווי אַזוי צו שטיקן די סטודענטן בכלל און די יידישע בפרט. אַ ציגיינערכאָר מיט אַלע קליפּערלעך...

איך ווייסט אַלע די לעגענדע, און אפשר איז עס אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז ווען די רומאים זענען שוין געווען אַריין אין דער עזרה און פּיילן זענען גע־פלויגן איבער די קעפּ פון די כהנים און בלוט האָט זיך געגאָסן, איז די עבודה אויף איין איינציקער מינוט ניט איבערגעריסן געוואָרן. אַלץ איז געגאַנגען כסדר. די כהנים האָבן געשאָכטן די לעמער, די לוויים האָבן געזונגען און געשפּילט. וואָס אַרט זיי דער מאָמענט, ווען זיי שטייען אויף די שפּיצן פון אייביקייט!

דאָס זעלביקע מעג מען זאָגן וועגן דעם מאָסקווער בית־המקדש. בלוט האָט זיך געגאָסן. מיליאָנען זענען געפאַלן ווי פליגן. די שטאָט מאָסקווע האָט זיך גע־וואָרפן ווי אין קדחת. מיניסטאָרן אַרויף און אַראָפּ. דער קייסער איז געפאַלן פון טראָן — אָבער די עבודה אין בויכטעמפּל, אין קודש־קדשים פון פרעסעריי, האָט ניט אויפגעהערט אויף איין איינציקער מינוט. ווייַן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. דאָס זענען געווען די נסכים. און די קרבן־תמידי· די פרישטיקן און וועטשערעס און מוספים־מיטאָג־מאָלצייטן, האָבן די קעלנערס־כהנים דערלאַנגט אין דער צייט און מיטן בעסטן גערוך און געשמאַק — אַ ריח־ניחוח — צום זולל־וסובא.

„יאר״ האָט אָבער צו כאָדינקע קיין שום שייכות ניט געהאַט. כאָדינקע, אָדער כאָדנער פעלד, איז אַ שם־דבר אין מאָסקווע און איבער גאַנץ רוסלאַנד. איך געדענקט מסתמא די שרעקלעכע געשעענישן אויף כאָדינקע בשעת קאָראָ־נאַציע פון ניקאָלאַי דעם צווייטן און לעצטן.

סערגיי, דעם קייסערס פעטער, האָט געבאַלעבאָטעוועט איבער מאָסקווע. אויף כאָדינקע האָט מען געגרייט טישן פאַרן המון־עם, ער זאָל ווויסן און פאַר־זוכן דעם טעם פון זאַלבן אַ צאַר. און הונדערטער טויזנטער האָבן זיך צונויפ־געקליבן, און הונדערטער זענען צעטראָטן געוואָרן — אין גריבער אַריינגעפאַלן און לעבעדיקערהייט פאַרשאָטן געוואָרן. ניקאָלאַי, דערוויסנדיק זיך פון דער געשעעניש — אין זיין איבערגעשראָקענעם שפּיגל — האָט זיך עס פאַרגעשטעלט

ווי אַן אויפשטאַנד — האָט ער געגומען און זיך פאַרבאַהאַלטן אונטערן בעט... אין דעם הויז פון איינעם פון זיינע הויכגעשטעלטע פריינט...

כאַדינקע טראָגט אויף זיך פאַטאַלע סימנים מיט שלעכטע אָנצוהערענישן: דאָ וועט מען מאַכן אַ סוף צו דער אַכזריותדיקער הערשאַפט, וואָס האָט אָנגע־הויבן מיט מענטשן־טרעטן און וועט מיט דעם ענדיקן.

כאַדינער פעלד (כאַדיאַנסקאיע פאָליע) — ווי זיין נאָמען, אַזוי איז עס. אַ פעלד. פעלד, פעלד — אָן אַ שיער און אָפּשטעל; לויפן בערגלעך איבער בערג־לעך, פלעכטן זיך, ווי צו רייצן זיך, מיט אַריינפּאַלונגען, טאָלכעלעך, כלומרשט ווי כוואַליעס פון „רוים", פון גיין און קומען, אָדער די ברוסט פון דער ערד הייבט זיך און פאַלט.

ווען איר שטייט דאָרטן, לאָזט זיך איינריידן, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ ים פון „פּוסט און מדבר"; זאַמד, טיפע, געלע; הייס אין אייניקע פלעצער, קיל און אַנדערע, קיל און פייכט. פאַרהאַרטעוועטע שנורן שניידן עס אַדורך און זיי זענען באַוואַקסן ווי מיט אַ מין קאָרע, אַ ווילדער גראָז אָדער אויסגעגרויטעטער מאָך.

דאָ האַלט זיך אויף דער גאַרניזאָן אין זומערצייט. עס וויסן געצעלטן אויס־געשטרעקט אין דער לענג און דער ברייט, ביז זיי ווערן כמעט ווי פאַרפאַלן אין שטח, דערטרונקען ווי זעמדלעך אין וואַסער פון גרויקייט אָדער ווערן איינגע־שלונגען פון דער טונקלקייט פון אָוונט.

עראָפּלאַנען טראָגן זיך איבערן קאָפּ, מאַכן אַ געדרויש, פאַסעווען די הייך, קאַטעווען די וואָלקנדלעך, וואָס שלעפּן זיך ווי בעטלערס מיט זעקלנע, אַמאָל זיידענע, טאָרבעס. די שטאָלענע לופטפויגלען פלעכטן טויטקניפלעך און לאָזן זיך אַראָפּ מיט אַ צויאָגעניש אויפן פעלד.

דאָ איז די אַוויאַציעשול.

פלאַץ קלעקט דאָ פאַר אַלעמען.

ניט־ווייט פון דאַנעט געפינען זיך די קעלערן פול מיט קאַרטאָפל־באָמבעס און מעל־פּולווער.

כאַדינקע איז די היטערן פון מאָסקווע, זי היט אָפּ סאָקאָלניקי פון שלעכטע מחשבות און בייזע הענט, זי היט מאָסקווע פון זאַמאָסקווע־רעטשיע אָדער פון פרעסנע.

און כל זמן כאַדינקע שטייט שטאָל און אייזן פאַר דעם איינגעשטעלטן סדר, שלאָפט סאָקאָלניקי און זעט חלומות מיט אַסטראָנאָמישע ציפערן פון גרינגע פאַרדינסטן.

אָבער, וואָס איז דער מער מיט כאַדינקע? זי נעמט זיך רייבן די אויגן און אַרומקוקן, ווי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. די קאַנאָנען און ביקסן — עפּעס ווי אַ פונק פון פאַרשטאַנד, נעמט זיך שעמעדיקערהייט פונאַנדערגלי'ען אין זיי. כאַ־דינקע וויל וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, נעמט פרעגן דעם גרויסן „פאַרוואָס?"

און, אַז כאַדינקע פרעגט, ווער וועט ענטפערן: „דערפאַר! אָט אַזוי וויל איך, אָט אַזוי הייס איך!" ווער הייסט?

כמעט צוויי שעה האָט געדויערט דער וועג.
אָבער מיר זענען שוין אויף אַן אָרט.
מיר, די „ריידער", שטייען אויף אַ באַרג. זיי, די „הערער" — אין טאָל, אונטערן באַרג. און לעבן זיי, ניט ווייט, בלייכן זייערע לייוונטענע געצעלטן מיט שוואַרצע, דיק־געדיכטע פּאַסן אויסגעשטעלט אין אייזערנע רייען פון האַרמאַטן, רויטלעך־געלן זיך די קופּערנע קאַנאָנען. די לעצטע שפּילן זיך מיט די שטראַלן. מען האָט זיי נאַרוואָס פּאָלירט, ווי קיכגעפעס אויף די פּאָליצעס ערב־יום־טוב.
איך שטיי און רייד, און איך פיל, אַז דאָ אַ וואָרט בלאָנדזשעט ניט אַרום לאַנג אין כף־הקלע פון פּוסטקייט און אומאַנטשלאָסנקייט. די צוהערער זענען ניט קיין חקרנים, אינטעליגענטן מיט שטרויענע קעפּ און לעכערדיקע ווילנס; אָט־די זענען אַפילו ניט קיין אַרבעטער. זיי זענען זעלנער, ניט לאַנג פון דאָרף — זיי ווייסן ניט און ווילן ניט און וועלן ניט וויסן פון די „נאַטירלעכע פּראָצעסן", וואָס דאַרף זיך שלעפּן הונדערטער יאָרן, ביז זיי וועלן זיך דערשלעפּן צו אונדז און ביז די טעאָריע, וואָס רעדט וועגן אָט־די פּראָצעסן, וועט צען מאָל פּאַר דעם אָפּגעפרעגט ווערן איידער זי וועט מאַכן אַן אָנהענגער אירן אויפצו־הייבן אַ שטרוי פון דיל.
דאָ איז אַ וואָרט — אַ כלי, אַ יש.
רייד, און די האַרמאַטן וועלן נעמען דונערן און מיטריידן מיט דיר.
איך רייד, קוק אויף די קאַנאָנען און פיל, אַז די ווערטער מיינע קריכן זיי אין די אָפענע אויערן אַריין, און זיי נעמען שטשירען מיט די ציין.
אַ וואָרט גייט אַרויס פון מויל און עס זעצט זיך אַוועק אויפן רוקן פון האַרמאַט, פאַרקירעוועט אים... און דעמאָלט... אַ דעמאָלט...
איך רייד און האָב דעם געפיל, אַז דאָס איז ניט קיין ריידעניש, נאָר אַ צוגרייט צו אַ גרויסער טאָט.
און אָט־דעם פּשוטן געדאַנק גיב איך טאַקע צו פאַרשטיין דעם זעלנער: אונדזער געזעלשאַפט איז מעיקרא פירכא, ווי יענץ קינד, וועמען מען האָט אָנ־געטאָן אויף צוויי צוזאַמענגעלייגטע פינגער אַ שלאָס און מען האָט אים פאַר־שלאָסן, און דאָס קינד, אין זיין נאַרישקייט־קינדישקייט, מיינט באמת, אַז עס מוז זיך אַרומטראָגן מיטן שלאָס, בשעת עס איז גענוג פונאַנדערצונעמען די פינגער און דער שלאָס וועט פון זיך אַליין אַראָפּפאַלן.
איך דבר. האַרמאַטן שטייען און הערן זיך איין. עס דוכט זיך, אַז זיי ציילן זייערע רייען, רייניקן זייערע שטימעס...
אָפיצירן באַווייזן זיך אויף דער פּעריפעריע. זיי האָבן אָבער קיין העזה ניט צוצוקומען נאָענט.
מיין צייט איז אויסגעגאַנגען. צען מינוט האָט מען געגעבן יעדן רעדנער. אָבער די חברים, די באָלשעוויקעס, האָבן מיר אָנגעשאָנקען מיט אַ גאַנצער שעה — יעדער האָט מיר, בתורת נדבה, אַוועקגעגעבן די צען מינוטן, וועלכע מען האָט אים געגעבן.
וואָס פאַר אַ גוטע פריינט זיי זענען געווען... (שפּעטער־צו האָבן זיי עס ביי מיר אָפּגענומען מיט אַ היפּשן פּראָצענט...).

איך ענדיק מיין קורצע רעדע. די זעלנער אַפּלאָדירן.

אַ טייל פון זיי זענען מיינע אַלטע באַקאַנטע פון דער הויפּטוואַכט און פון רעגימענט... איך דערקען מיין שומר... איך דערקען דעם שוסטער. און נאָך און נאָך. דעם מיליטאַריסטישן דיבוק האָב איך, דוכט מיר, פון זיי אַרויסגעטריבן.

דער פאַרזיצער, אַ מיטגליד פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון צווייטן צונויפרוף פון אַלרוסישן סאָוויעט־קאָנגרעס, אַן ס. ר. — איך געדענק איצט זיין נאָמען ניט — שטעלט זיך אַוועק און זאָגט:

— איידער איך וועל נעמען ריידן, וויל איך אייך פרעגן איין פראַגע: „וועט איר גיין נאָך גאַרדינען און נעמען מאָסקווע, ווי ער הייסט אייך?" — ער מאַכט אַ קורצע פּויזע אין פאַרלעגנהייט.

דער גאַרניזאָן אין איין קול ענטפערט אָן אַ מינוט קווענקלעניש:

— מיר וועלן גיין! מיר וועלן נעמען! — און אָן עכאָ צעטראָגט זיך איבער די בערגלעך, ווי אַ דונער אין בירגערלעכן הימל.

די וואָלקנס ווערן רויט, ברענען אין גלוט און בלוט. טראָגן זיך איבער אונדזערע קעפּ, אַ גרינג ווינטל יאָגט זיי אַהין, וווּ עס שיינען די גאָלדענע שפּיצן פון די טעמפּלען... אַהין, קיין מאָסקווע... צוויי־דריי ווייאָרסט פון דאַנעט.

די שאַטנס ווערן דיקער. די באַזונדערע פּנימער פון די זעלנער ווערן צעשווומען און אַלע פּנימער גיסן זיך צוזאַמען און ווערן איין פּנים, איין ווילן, איין מויל און איין פויסט.

זיי זאָגן: מיר וועלן גיין און וועלן נעמען — פּאַידיאָם אי וואָזמיאָם!

XX

אונדזערע לאָזונגען

וועלכע לאָזונגען האָבן מיר דעמאָלט אַרויסגעשטעלט?

איך רעכן, אַז די דאָזיקע פראַגע איז פון גרעסערער חשיבות ווי בלויז אַ דערמאָנעניש. בכלל, בין איך אַ גרויסער אַפּיקורס אין „ניט־גלויבן", און איך בין זיכער, אַז דער „מאָרגן" דאַרף זיין זעעדיק... און רוסלאַנד געהערט צום מאָרגן, מעג דער היינט זיין פינצטער ווי אַ בלינד פערד אין אַ טיפן גרוב. ווען איך זאָג מאָרגן, מיין איך דעם והיה כי שאלך בנך מחר לאמר, איך מיין, און האָב אינזינען טאַקע דעם מאָרגן. נאָר דאָס האָט צו זכרונות־שרייבן קיין דירעקטע שייכות ניט, איר מעגט ניט גלויבן אין מיין אַפּיקורסות.

איך רעכן, אַז אונדזערע לאָזונגען זענען אַ לעבעדיקע זאַך נאָך עד־היום, און האָבן, דער תמצית פון דעם, אַ פּראַקטישן געוויכט אויף די וואָגשאָלן אין רעאַלן לעבן אין רוסלאַנד, אין דעם היינט און מער אַ סך מער אין דעם מאָרגן.

נאָר לאָמיר זיך צורוקן צו דער זאַך.

דאָס לאַנד — צו די פּויערים, אָדער צו יענע, וועלכע באַאַרבעטן די ערד. דאָס איז אַ לאָזונג פון גרויסער ממשות, אָבער מיר וועלן זיך אויף אים ניט

אָפּשטעלן, ווייל מיר האָבן דאָ אינזינען בעיקר די שטאָט און די אַרבעטער. מיי־נע זכרונות זענען איבערלעבענישן און איך האָב ניט געאַרבעט אין דאָרף. בכלל, טרייבט מען אָן אַ שיער רכילות אויף דעם חשבון פון דער רוסישער רע־וואָלוציע און די ראָלע פון די אַנאַרכיסטן אין איר. ווען איך זאָג טרייבן רכי־לות, מיין איך ניט צו באַגרענעצן די „באַריידער" און זיי באַצייכענען אַלס „שונאים". קעגנער אונדזערע אָדער בכלל פון רעוואָלוציעס; ניין, דווקא אונדזע־רע פריינט טוען עס גאַנץ געשמאַקלעך. און עס איז דאָ אַ פּסיכאָלאָגישע דער־קלערונג דערפאַר. ווי באַלד מיר זענען דורכגעפאַלן, — אָדער מען האָט אונדז דורכגעוואָרפן, אַ טייל פון די חברים ארויסגעטריבן פון לאַנד, אַ טייל אומגע־בראַכט פון דער וועלט, אַ טייל פאַרשפּאַרט אין תפיסות און אַ טייל געשיקט אָפּקילן זיך אין די קאַלטע געגנטן — מוזן מיר זיין שולדיק. אַביסל אמת איז דאָ אין דעם, אָבער ניט אינגאַנצן. מען הערט אַמאָל מיינונגען, באַשולדיקונגען: מיר האָבן זיך מיט די פּויערים ניט אינטערעסירט. עס איז ניט אמת. מיר האָבן געהאָט אַרבעטער און אַ סך אַרבעטער צווישן די ערדאַרבעטער.

לאָמיר עס לאָזן אויף אַ צווייטן מאָל, ווען מיר וועלן קומען נענטער צו די „חשבונות" און זיך אומקערן צו די לאָזונגען.

„די פאַבריקן צו די אַרבעטער!"

אין יענער צייט האָבן די באָלשעוויקעס אַרויסגעשטעלט זייער לאָזונג וועגן קאָנטראָל. מיר האָבן עס שטאַרק קריטיקירט. און, פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבע־טערמאַסן איז מער געווען צום האַרצן דער לעצטער פאָדערונג־באַפעל: פאַר־נעמט די פאַבריקן!

וועגן אָט־דער לאָזונג וויל איך זיך אָפּשטעלן אַביסל לענגער.

די פאַבריקן צו די אַרבעטער — און וואָס וועט זיין ווייטער? — האָבן אונדז געשטעלט די פראַגע נאָענטע און ווייטע, אָבער קיינמאָל ניט אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען, תּופס געווען, דעם גרויסן אמת, וואָס ליגט אין לאָזונג.

עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס ווילן איבערהאַקן, אָדער פונאַנדער־קניפּלען אַלע סאָציאַלע פּלאָנטערן אויף איין מאָל. און דאָס איז, לויט זייער מיי־נונג, די אויפגאַבע פון אַרבעטערקלאַס אין אונדזער צייט.

איך טראַכט פּשוטער און איך רעכן, אַז דער רוב פון אַרבעטער איז מיט מיר אין דעם.

אַביסל מער באַשיידנקייט. ניט אַלץ אויף אַמאָל. די פאַבריקן צו די אַר־בעטער מיינט ניט, אַז אַלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סתירות און פאַרדרייעניש זענען אויפגעלייזט געוואָרן; עס הייסט מער ניט, אַז די פראַגע מכוח דעם צו־זאַמענשטויס פון אַרבעט און קאַפּיטאַל אין אינדוסטריע וועט דעמאָלט זיין גע־לייזט. און אָט־די לאָזונג האָב איך זיך געפּלייסט צו פאַרשפּרייטן צווישן די אַרבעטערמאַסן אין רוסלאַנד.

און איך מוז עדות־זאָגן, אַז זי איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם. זי האָט גערעדט צום האַרץ און צום רעאַלן חוש, וועלכן דער רוסישער אַרבעטער פאַרמאָגט.

די צרה מיט לאָזונגען אָדער פּאָדערונגען איז דאָס, וואָס די קומענדיקע דעפיניציעס פאַרצאַמען זיי צו אַזאַ מדרגה, אַז פון זיי בלייבט כמעט ווי גאָר־ניט אויסער די וויברירונגען, וואָס זיי רופן אַרויס אין לופט.

די פאַבריקן צו די אַרבעטער! כ׳לעבן אַלע זענען פאַר דעם, און וואָס איז דאָ דער אויפטו?

זיכער, דאָ איז קיין אויפטו ניטאָ, און מען דאַרף קיין אויפטועכץ ניט האָבן, ווען פשטות גילט, אַ פשיטא שוין בשעת אַ רעוואָלוציע, ווען אַ לאָזונג דאַרף האָבן אַ כוח־הדיבור איינצונעמען מיליאָנען מוחות און הערצער.

די פאַבריקן „ווי זיי שטייען און גייען" און די אַרבעטער גענומען ווי זיי זענען, אָן חדושים אין די פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע.

איך שטעל זיך אָפּ לענגער ביי דער לאָזונג, ווייל איך וויל, דער לייענער זאָל פאַרשטיין, ווי אַזוי מיר האָבן געוווּנען דעמאָלט די מאַיאָריטעט פון די אַרבעטער אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן. און אַזוי איז דאָס געווען. די אַרבעטערמאַסן זענען געווען מיט אונדז.

ווי אַזוי זענט איר אַזוי מיאוס דורכגעפאַלן, אויב אייער באַהויפּטונג איז אמת? — וועט מען שטעלן די פראַגע. איך האָף כ׳וועל געבן דעם ענטפער, ווען כ׳וועל זיך רוקן כסדר דורך די „זכרונות".

די פאַבריקן ניט צענטראַליזירט, ניט סאָציאַליזירט, נאָר פשוט ווי זיי זענען געווען. נעמט אַראָפּ דעם באַלעבאָס, שטעלט אַוועק די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן דאָרטן, און אָן דער שפּיץ — אַ ווערקשטאַט־קאָמיטעט. דאָס איז אַלץ.

מיר איז אויסגעקומען צו הערן סילאָגיסטישע קוריאָזן. די באָלשעוויקעס פלעגן טענהן: מיר זענען אויך דערפאַר.

ווי אַזוי?

פשוט. די פאַבריקן וועלן ווערן נאַציאָנאַליזירט, ד״ה, וועלן געהערן צו דער מלוכה. און די אַרבעטער וועלן געהערן צו דער מלוכה. דער פועל־יוצא פון דעם איז, די פאַבריקן וועלן געהערן צו דער אַרבעטערשאַפט.

איך רעכן, מען דאַרף קיין לאָגיק ניט שטודירן, צו פאַרשטיין די אומגע־לומפּערטקייט פון אַזאַ סילאָגיסטיק.

„אומזיסטע קוואַרטירן פאַר דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג".

און מיר האָבן אָנגעפירט אַ קאַמפּאַניע פאַר „נעמען די הייזער". אין רו־סיש: „זאַכוואַט אַסאָבניאַקאָוו"!

אויף דער לאָזונג האָבן זיך אָפּגערופן טויזנטער און טויזנטער. און וואָס איז דער וווּנדער? איר וואָלט זען, ווי אָרעם און פאַרשטיקט די אַרבעטער האָבן געוווינט אין מאָסקווע — זיי האָבן געדונגען „ווינקלעך". איך ווייס ניט, צי אין אַמעריקע עקזיסטירט אַזאַ מין זאַך. אין מאָסקווע איז דאָס געווען אַזוי גע־ווייינטלעך.

ווען איר פלעגט זיך לאָזן גיין איבער זאַמאָסקווע־רעטשיע, פלעגט איר הערן פון אַלע הייזער און פענצטער און טירן אַראָפּשרייענדיק צו אייך, פון צעהרגעטע (אין אָרטאָגראַפישן און קאַליגראַפישן זינען) אַנאָנסן, אַז „ווינקלעך" פאַרדינגען זיך. מען האָט געפּראַצעוועט אין רוסלאַנד, ווי אָקסן אָבער געוווינט האָט מען ווי אין שטאַלן.

לאַנד, פּאַבריקן, הייזער! — דאָס איז געווען דער דריילינג פון אונדזער עקאָנאָמישן „פּראָגראַם״.

שלום־מאַכן, אָדער, פּשוטער: אויפהערן מלחמה צו האַלטן, און דער באַי־קאָט, אָדער פונאַנדערטרייב, פון די פּאָליטישע קלאַסנגעמישטע אינסטיטוציעס.

— דאָס איז געווען דער צווילינג פון אונדזער פּאָליטישער פּראָגראַם.

געווײנטלעך זענען אויך געווען טאָגלאָזונגען, צייטווייליקע פאָדערונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ באַציונג צו די פאַרביילויפנדיקע געשעענישן. מיט אַנדע־רע ווערטער: ביי־לאָזונגען, וואָס זייער ראָלע איז באַשטאַנען אין קלאָרמאַכן און אויסטייטשן די הויפּטלאָזונגען אונדזערע.

ווענן דעם כוח פון די לאָזונגען און זייער געזונטער ממשותדיקייט קען יעדער משפּטן פון דעם פאַקט, אַז זיי זענען אַלע פאַרווירקלעכט געוואָרן, כאָטש אין אַ צעקאַליעטשעטער פאָרם. ווייל דורכגעפירט האָבן זיי מענטשן, אָדער אַ פּאַרטיי, וועלכע איז געווען כנגד דעם, און זי האָט עס געטאָן, מחמת זי איז געווען געצווונגען פון די מאַסן און זייערע אינטערעסן — עס צו טאָן..

אָבער עס איז נאָך צופרי צו ריידן וועגן דעם.

דאָ האָב איך מער ניט ווי געוואָלט וואַרפן אַ פּאָר שטראַלן אויף אונ־דזער מעכטיקן באַפעל, וואָס האָט געקלונגען אין די אויערן פון די אַרבעטער און פּויערים.

נעמט דאָס לאַנד! נעמט די פאַבריקן! נעמט די הייזער!

ווי אַזוי, נעמענדיק, האָבן זיי עס אָנגעווירן, — דאָס איז אַ ווייטערדיקע זאַך.

ווי אַזוי, האָבנדיק עס גענומען, האָט מען עס ביי זיי, ביי די אַרבעטער, אַ צווייטן מאָל צוגענומען — דאָס איז אויך אַ ווייטערדיקע זאַך.

מיר זענען אָבער פול מיט האָפענונג.

זיי וועלן עס ווען עס איז צוריקקריגן.

XXI

וואָכנבלאַט „אַנאַרכיע״

מיר האָבן זיך אויפגעקליבן. עס איז צייט אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע שריפט. די אַרבעטער האָבן צונויפגעזאַמלט די הוצאות־מיטלען. אַלץ איז דאָ. עס פעלט מער ניט ווי אַ נאָמען.

אַ נאָמען איז אַ זאַך. אַ נאָמען איז אַ גרויסע זאַך. דאָס איז אַן אַריינגאַנג.

מען האָט זיך געקישובט און גאַרניט אויסגעקישובט. אַלע סאָרטן נעמען זע־נען פאָרגעלייגט געוואָרן. זיי האָבן זיך אָבער ניט געקלעפּט, ניט געשיקט.

האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם וואָרט „אַנאַרכיע״.

(איך פאַרלויף זיך דעם וועג: ניט פיל שפּעטער איז עס געוואָרן אַ טעג־לעכע צייטונג פון אַ גרויסן פאָרמאַט).

און מיר האָבן אָנגעשריבן אין דער הויך מיט שוואַרצע אותיות: „אַנאַר־כיע". און אַזוי האָט געהייסן אונדזער וואָכנבלאַט, דערנאָך אונדזער טאָגבלאַט. דער פאָרמאַט איז געוואַקסן, און אויך די אָפּטקייט פון אַרויסגעבן, אָבער דער אינהאַלט, נאָמען און טענדענץ זענען געווען די גאַנצע צייט די זעלביקע. דאָס בלאַט איז געווען דער אָרגאַן פון דער מאָסקווער פעדעראַציע.

פראַנקס הויז

מען האָט געדאַרפט קריגן אַ דערלויבעניש. עס איז געווען די צייטן פון קערענסקין. האַלב־פרי, ניט קאַלט און ניט וואַרעם. די פרעסביוראָ האָט זיך דעמאָלסט געפונען אויף סריעטינסקי בולוואַר (קיסלאַווסקע). אַביסל אָן אַ זייט שטייט פראַנקס גרויסע הויז, אַ הויז, וואָס איז ווערט געווען אַ מיליאָן רובל און איז געווען אַ שם־דבר אין מאָסקווע.

פראַנקן האָב איך געקענט. מיר פלעגן זיך טרעפן ביי האָכבערגן. ער איז כמעט געווען אַזוי הויך און אַזוי דיק ווי דאָס הויז זיינס, אָדער פאַרקערט, דאָס הויז — ווי ער. הגם, דער חידוש איז: ער האָט דאָס הויז ניט געבויט, נאָר אָפּ־געקויפט עס פאַר אַ מציאה.

ווי אַלע מאָל, אין יעדן קלאַס מענטשן זענען דאָ בלינדע און זעענדיקע.

און דער בורזשואַזיע־קלאַס אין רוסלאַנד איז ס'רוב באַשטאַנען פון בלינ־דע פערד, נאָר אַלס א יוצא מן הכלל האָבן זיך געפונען צווישן אים יחידים, וואָס האָבן פאָרויסגעשפירט אַ קאַטאַסטראָפע.

די איבעריקע זענען געווען אָן חושים. געקויפט הייזער און געצאָלט גרוי־סע געלטער, אַ צוויי, אַנדערטהאַלבן חדשים פאַרן פאַרלירן זיי.

פראַנק, ווי אַלע פון דעם סאָרט, האָט געמאַכט זיין באַרג מיט געלט בשעת דער מלחמה. — נאָך בעסער: בשעת די צוויי מלחמות, די רוסיש־יאַפּאַנעזישע און די אַלוועלטלעכע. א. וואָס פאַר אַ שניטצייט דאָס איז געווען פאַר אַזעלכע מיני מענטשן.

„דאָס גאָלדענע יאַרהונדערט", משיחס־צייטן. פון בלאָטע — גאָלד, פון בלוט — גאָלד. אַ קאָנסערוונפאַבריקל, מען האָט קאָנסערווירט פלייש און גע־שיקט עס אויפן פראָנט פאַר די זעלנער. וואָס קען אַ זעלנער ניט עסן אויפן פראָנט?

מאַפּאַסאַן שילדערט אין עטלעכע מעכטיקע שורות „אויפן וואַסער", ווי מען עסט. מען איז גרייט צו עסן די נבלות פון פערד און טרינקען אַפילו דאָס אייגענע וואַסער... די מי־רגלים... און די געגנעראַלן... און כאַבאַר... האָט מען טאַקע געפּאַקט אין די בלעכלעך מיט קאָנסערוון בלאָטע, זאַמד, שטיינדלעך... אָדער נאָך בעסער, — געשיקט זיי פּוסטע... און פאַרקויפט פאַר גוט געלט, פאַריקרט די סחורה...

אַ טייערע צייט געווען. ווו טוט מען אָבער אַהין דאָס געלט? ווו פאַררוקט מען עס? האָט מען געקויפט הייזער אין רעכטן ברעג, און אַפילו הויפן, וועלדער, — וואָס נאָר מען האָט געקענט קויפן האָט מען געקויפט.

אַנדערע פון זיי האָבן אַפילו געשפּילט ראָלן פון „מעצענאַטן" און אונטער־

געוואָרפֿן אין יענער צייט אַ פּאָר קרישלעך ווי צו אַ הונט אויף „קולטור"... מען האָט געעפֿנט „פּאַרלאַגן", — כמעט אַ גאַנצן „רענעסאַנס" געשאַפֿן. געצאָלט האָט דערפֿאַר דער זעלנער אויפֿן פֿראָנט מיט זיין לעבן. דאָס ווערעמל, וואָס הייסט געוויסן, האָט געגריזשעט, געמאַטערט... און מען פֿלעגט עס ווערן שטיל־מאַכן מיט אַזעלכע נדבות...

איך וויל ניט אָנרופֿן קיין נעמען. איך רעכן, אַז די לייענער וויסן זייערע נעמען, און די נעמען פֿון די אויסגאַבעס. דאָ שמעקט מיט בלוט און טויזנטער לעבנס, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אַדאַנק אָט־די מאַכינאַציעס... און זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָגן על־חטא מיט דריי־גראָשענע נדבות און פּיאַטאַקעס־האָנאָראַרן צו ליטעראַטן...

פּראַנקס הויז. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם הויז, ווייל עס איז געווען דורך אַן אילוסטראַציע פֿון גרינג רייך ווערן, און פֿון דער בלינדקייט פֿון דעם הערשנדיקן קלאַס.

בריוסאָוו

אַריין אין פּרעסביוראָ נעמען אַ דערלויבעניש פֿאַר אונדזער וואָכנבלאַט. איך בין געווען דעמאָלסט מיט בארמאשן. איך האָב זיך געריכט צו טרעפֿן מיט ביוראָקראַטן, רוסישע אַלטע אָדער נייע טשינאָווניקעס, מיט זייער טיפּישער נאָז, טיפּישע גלעזערנע אויגן, צעדרייטע רוקנס וכדומה. סימנים מובהקים, וואָס אַלע קענען און וויסן זיי. עס האָט געהייסן פּרעסביוראָ און לויט דעם נייעם געזעץ, האָבן מיר מער ניט ווי געדאַרפֿט מעלדן און רעגיסטרירן אונדזער צייט־שריפֿט.

אָבער עס איז דאָך פֿאָרט געווען עפּעס אַ מין צענזוראינסטיטוציע.

און עס האָט מיך געעקלט פֿון אָט־די פֿאָרמאַליטעטן.

מיר ווילן אַרויסגעבן אַ צייטונג. וואָס איז עס זייער דאגה. זענען זיי משגיחים אויף דער כשרות פֿון געדרוקטן וואָרט?!

מיר זענען אַריין מיט אַ שווערן געמיט, „אָפּצוקומען" און דורכצוגיין די אומאָנגענעמע פּראָצעדורע.

וועמען האָב איך געטראָפֿן? פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַן אָפּגרונט מיט קאַלטן וואַסער...

וועמען? ניט מער און ניט ווייניקער ווי — בריוסאָוון.

בריוסאָוו!... עס איז מיר פֿינצטער געווען אין די אויגן און איך בין כמעט רויט געוואָרן פֿאַר בושה פֿאַר די מוזעס פֿון גריכנלאַנד ועד הנה...

ער קוקט אויף מיר, איך קוק אויף אים.

מיר האָבן זיך געקענט. איך האָב אים אַמאָל געגעבן דורכקוקן מיין זאַמל־בוך פּאָעמעס אונטערן נאָמען „אַנאַרכיע פֿון גייסט" (אַרויסגעגעבן שפּעטער אין 1919, אין מאָסקווע. אויסגאַבע פֿון סאָציאַטעכניקום).

בריוסאָוו ווי אַ דערלויבעניש־אַרויסגעבער פֿאַר ליטעראַרישע זאַכן! ס'טייטש!

איך האָב אים געקענט — און דעמאָלסט איז ער געזעסן אויפן פּאַרנאַס, געווען פאַרוויקלט אין זיבן וואָלקנס פון ריינער פּאָעזיע און ריינער עסטעטיק און כמעט אַביסל מיסטיש געשטימט.

און ער איז טאַקע באמת געווען אַ דיכטער. יאָ, צופיל געשליפן, צופיל געצאַצקעט, אָבער די פּאָעזיע, ניט קוקנדיק אויף דעם דרעקסל, איז פּאָרט גע־ווען עכט און כמעט נאַטירלעך.

אַ מאָדנע קאָמבינאַציע, — טראַכט איך — פּאָעזיע מיט פּרעסביוראַ. מען קען נישט שאַצן קיין „פּאָעטישע" קישקע...

מיר איז געווען דאָס טרעפן זיך דאָ ניט צום האַרצן. און אים, בריוסאָוון, איז דאָס אויך געווען דערווידער, און ער האָט זיך געפּלייסט אונדז אָפּצו־פּטרן וואָס אַמשנעלסטן.

ער האָט ניט געמאַכט קיין שהיות, ניט געפּרעגט וועגן דעם מאָדנעם... נאָמען פון וואָכנבלאַט. מיר האָבן זיך געריכט, אַז דער פּונקט וועט ווערן אַטאַ־קירט.

איינס און צוויי איז די דערלויבעניש פאַרטיק געווען און מיר האָבן זיך צעגוייגט און פונאַנדערגעגאַנגען.

איך האָב זיך אָבער ניט געקענט באַרויִקן. און אַפילו באַרמאַש, וואָס איז געווען זייער ווייט פון פּאָעטישע אָדער ליטעראַרישע חולשות, האָט עס אויך געפילט און אַרויסגעזאָגט מיט אַ קוועטש פון זיינע געזונטע האַלב־פּריצישע, האַלב־פּויערישע פּלייצעס:

— כ'לעבן, בריוסאָוו, דאָ... אין אַזאַ אַמט...

בריוסאָוו האָט זיך געדערכנט דעמאָלסט פאַרן צווייטן גרויסן פּאָעט פון רוסלאַנד. דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען באַלמאָנט. דער צווייטער אָרט האָט געהערט צו אים.

„צי ווייזט עס ניט, אַז די פּאָעזיע האָט זיך אויסגעוועפּט, אָנגעווירן דעם אינהאַלט, געוואָרן בלויז אַ פּוסטע שפּיל פון שיינע ווערטלעך?" — האָב איך ביטערלעך, מיט נקמה־געפיל, געזאָגט צו זיך.

און מיט דעם זיך אַ שטאָך געגעבן פאַר מיין שווערער זינד צו שרייבן לי־דער אין רוסיש.

שילער האָט אונדז געוואָלט איינריידן, אַז „דאָס לעבן איז אַ שפּיל און ערנסט איז די קונסט".

אָבער אונדזערע פּאָעטן און קינסטלער נעמען זייער פּריוואַט לעבן, זייער קאָמפאָרט, זייערע מאַטעריעלע אַקוויזיציעס, זייערע גיטער, נכסים, תענוגים שוין גאָר צו ערנסט... און די פּאָעזיע און קונסט איז ביי זיי אַ פּוסטער שפּיל, אַ שפּיל פאַרן טיוּול פון פּוסטער גאווה אָדער פּולער פּרנסה...

איך האָב געזען אין בריוסאָוון אַ סימבאָל פון אונדזער דור, אַ געפאַלע־נעם דור פון געפאַלענעם וואָרט, פון פּראָסטיטוּירטער פּאָעזיע, פון וווּלגאַריזיר־טער פאַרקויפטער קונסט. מען וויל זיך אויסדינען אָדער, פּשוטער, פאַרדינען. און אויב די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג צאָלט, — פאַרוואָס זאָל מען איר ניט דינען אין דער בחינה פון לאַקייען, פון צענזאָרן, פון אונטערשמשים, פון שיק־יינגלעך!

בריוסאָוו איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן זיך מטמא געווען, געמומען טאָן די שמוציקסטע, ברודיקסטע אַרבעט פאַר אַ גוטן לוין מיטן אויסרייד, אַז איצט מעג מען... מען טוט דאָך, כלומרשט, נוצלעכע אַרבעט, מען העלפט בויען אַ נײַ לעבן.

ער איז, אפשר, געווען דער ערשטער, אָבער באין־אופן ניט דער לעצטער. אַ היפּשע צאָל גרויסע שטערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון קונסט־קריטיק־פּאָעזיע־הימל און זיך צעשאָסן און זיך אויסגעלאָשן אין גערטנער פון קעפּלעך קרויט.

ניט רעליגיע אַליין איז מיסברויכט געוואָרן. צווישן די פּריסטער זענען דאָ ווייניק צדיקים; מער רשעים ווי בינונים. פּריסטער מיין איך פון אַלע מינים, אויך די, וואָס זענען מכהן אין טעמפּל פון שיינקייט... ערשט אָט־די גלחים זענען די מיאוסטע נפשות.

פונקט ווי רעליגיע, אַזוי וואַרט אויך פּאָעזיע אויף איר גאולה, אויף איר רייכן אינהאַלט און געזונטער פאָרם; איר גואל וועט זיין דער נייער דיכטער מיטן טיפן וועלטגעפיל און איך־שמערץ...

XXII

סערגעיעווסקי פּאָסאַד

אַ שעה פיר־פינף פון מאָסקווע, אינמיטן פעלד, האַלב פאַרבאַהאַלטן אין אַ קיילעכדיקן טאָל, ליגט האַלב־שלאָפנדיק אַ קליינער ישוב, וואָס טראָגט דעם נאָמען סערגעיעווסקי פּאָסאַד.

דאָרטן רייסט זיך צום הימל אַ מאָנאַסטיר מיט הויכע חוצפּהדיקע שפּיצן און שרייענדיקע גלאָקן.

ווי דורך אַ וויסטעניש פון שטילקייט שלאָגן זיך אַדורך קלאַנגען ווילדע, פאַרחבדעטע, פאַרשטיקטע, כאָרכלדיקע, מיט ראָסט אָנגעגאָסענע קלינגערייען.

סערגעי פּרעפּאַדאַבני האָט דאָ געלעבט אין התבודדות, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אינמיטן געדיכטן וואַלד, אין אַ מערה געלעבט, געפאַסט, מתפּלל געווען און געבענטשט. מיט וועלף אין וואַלד געהויזט, זיי געטאָמעוועט. ווער עס קען מלחמה האַלטן מיטן יצר־הרע, וואָס איז ערגער פון אַ טיגער, פאַרוואָס זאָל ער ניט קענען דורכקומען מיטן וואָלף און בער און אַנדערע חיות־רעות!

און ער מיט זיינע ציטערדיקע הענט און פילבאַרע פינגער, וואָס האָבן תמיד געהאַלטן אין טייטלען די הייליקע כתבים, האָט געלייגט די ווינקלשטיינער פאַר דער גרויסער געביידע פון מאָנאַסטיר, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

ער שטייט אָפּגעמאָלן אין זיין פולער סטאַטור אויף די ווענט און אַרקן פון די טויערן, שווערע אייזערנע טויערן, וואָס עפענען זיך און לאָזן אייך אַריין אין אַ מיט אַ הויכער מויערוואַנט פאַרצאַמטן, גרויסן שטח, דריי־פיר מאָל אַזוי גרויס ווי דער גאַנצער פּאָסאַד.

ווייל דער גאַנצער ישוב איז מער ניט ווי אַ צוגאָב צום מאָנאַסטיר מיט זיינע פעסטע הויכע בנינים, וואָס קוקן־אויס, און האָבן באמת געדינט, ווי אַ פעסטונג, אַזוי שטאַרק און זיכער איז די מויערוואַנט, וואָס רינגלט אים אַרום. צוויי איילן אין דער דיק.

דאָ ליגן זיינע הייליקע ביינער „מאקאבאשטצעס״, וועלכע אַ הויכער לאַנג־אויסגעצויגענער מאַנאַך ווייזט אייך און צו וועלכע מענטשן בוקן זיך, און אײ־בער וועלכע זיי צלמען זיך און קושן זיי מיט אַזאַ התלהבות.

דאָס שטעטל איז אויסגעוואַקסן ווי אַ שוואָם אויפן זייט פון מאָנאַסטיר. און דער מאָנאַסטיר מיט אַלע געביידעס, וואָס זענען שייך צו אים, זענען אויס־געוואַקסן פון די תפילות און תחינות, תעניתים און סיגופים פון סערגעי פּרע־פּאַדאַבני. תפילות זענען שטיינער געוואָרן — און אַ מויער האָט זיך אָוועקגע־שטעלט, וואָס קיין תפילה שבעולם קען זי ניט איינבעטן זיך אַ רוק צו געבן און קיין שפּרונג קען זי ניט אַריבערשפּרינגען.

און טורעמס קלעטערן צו דעם גרויען פאַרטוך, וואָס הענגט ווי בליי אי־בערן קאָפּ אין אַ וואָלקנדיקן וועטער.

און אין זיי אַלטע, פון מאָדע שוין לאַנג אַרויסגעגאַנגענע קאַנאָנען. ניט מיט תפילות אַליין האָט מען געשאָסן, און ניט מיט קוילן אַליין, נאָר מיט ביידע צוזאַמען. אַ קויל איינגעוויקלט אין אַ געבעט.

און עולה־לרגל (פּילגרימען) קלייבן זיך אויף פון דער אַרומיקער געגנט, פון הונדערטער מיילן ווייט, און מען קומט, און מען בוקט זיך, און מען קושט די הייליקע „ביינער״, וואָס קיין ווערעם האָבן אויף זיי קיין שליטה ניט. דערצו ברענגט מען מיט אַביסל געלט, אַנדערע אַביסל, אַנדערע אַ סך, און מען לאָזט עס איבער דאָ. מען צאָלט פאַר תפילות, ברכות. הינקעדיקע ווערן גייענדיק, בלינ־דע ווערן זעעדיק וכדומה נסים טרעפן דאָ. על־כל־פּנים דאָס איז אַ זיכערע זאַך. עקרות ווערן דאָ זייער אָפט טראַגנדיק, כאָטש די מאָנאַכן דאָ זענען פּרושים און זייער שטרענגע פּרושים... אָבער דאָס איז דאָך דער נס, און נסים טרעפן דאָ.

ווילט איר שטודירן דעם אַלטן רוסישן איקאָנענסטיל (איקאָנאָפּיס), — פאָרט קיין סערגעיעווסקי פּאָסאַד.

ווילט איר זען דעם סטיל פון אַלטער אַרכיטעקטור — פאָרט קיין סערגעיעוו־סקי פּאָסאַד.

דאָ איז אַלץ אָפּגעטונקט אין הייליקן גריכישן אָרטאָדאָקסישן מיטלאַלטער. הן די געביידעס, הן די מענטשן, וואָס זענען־אויס ווי מילבן אין פאַרגלייך מיט דער הויך פון די טורעמס; וואָס איז שייך צו דער דיקקייט, גיבן די מאָנאַכן ניט נאָך די געביידעס, און זיי זענען דיק ווי די מויערן, הגם זיי פאַסטן און ריכטן אָפּ סיגופים... אָבער דאָ איז דאָך אַן אָרט פון נסים, און נסים טרעפן דאָ אַפילו גרעסערע.

אויב דער מאָנאַסטיר איז באַרימט מיט זיין הייליקן וואַסער, רימט זיך דער קליינער ישוב, וואָס אַרום, מיט זיינע וווּנדערבאַרסטע בלינעס מיט סמע־טענע.

און די חברים האָבן מיר פאַרזאָגט: „דו פאַרסט אין סערגעיעווסקי, גיי פאַר־זוך זייערע בלינצעס (אַזוינע לאַטקעס). און איך מוז זיך מודה זיין, אַז דער טעם פון די לאַטקעס ליגט מיר עד־היום אין מויל. און ווען איך בין צייטנווייז הונ־געריק, דערמאַן איך זיך אָן יענע לאַטקעס, און ווער זאַט...

אַ מין טיפּעניש עפּעס ווי פון זיך אַליין, בדרך הטבע, אָדער זיך אויסגע־גראָבן. אַרום און אַרום טישלעך מיט דעכלעך איבער זיי. לעבן יעדער טישל אַ ווייבל און אַ פּאָר שטולכעלעך, כלומרשט אַ גאַנצער צימערל אָן ווענט, אָבער מיט אַ דעכל. דאָ קריגט איר בלינעס, בחיר־שבבחיר. עס איז שוין לאַנג קיין ווייס מעל ניטאָ אין מאָסקווע, אָבער סערגעיעווסקי פּאסאַד האָט עס יאָ.

שוואַרצע תפילות, שוואַרצע מאַנאַכן, ווייס מעל און ווייסע סמעטענע — דאָס איז דער תמצית פון סערגעיעווסקי פּאסאַד.

נייע צייטן און נייע מנהגים.

סערגעיעווסקי פּאסאַד האָט אַ סאָוויעט. דאָרטן, אין די הויכע דיקע געביי־דעס, וואָס ציִען זיך און טוליען זיך אַרום דעם מויער, איז פאַראַן אַ דריי־שטאָקיקער בנין, צוויי שטאָק אין דער ערד, איינער איבער דעם גרונט. דער בנין שטייט האַלב אויף אַ באַרג און האַלב אין טאָל. אַזוי, אַז פון איין זייט זעט עס אויס נעבעכדיק און קליין, פון דער אַנדערער זייט — ריזיק און שטאָלץ. דאָ אין אונטערגרונט האָט געאַרבעט אַ דרוקעריי. איינע פון די רייכסטע אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען די דרוקעריי פון הייליקן סינאָד. נייע מאָדערנע מאַ־שינען, ראָטאַציע־דרוק־פּרעסן. שריפטן פון אַלע שפּראַכן, גריכיש און העב־רעיִש איינגעשלאָסן.

די זעצער זענען געווען מאַנאַכן. זיי זענען געזעסן דאָ האַלב־באַגראָבענע. פון דער וועלט אָפּגעזונדערטע, ניט קיין נאַכט, ניט קיין טאָג, ביי דעם ליכט פון „עדיסאָנס אויסטראַכט" האָבן זיי געזעצט די הייליקע ספרים.

אָבער ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף אָקטיאַבער האָט דער סאָוויעט די דרו־קעריי קאָנפיסקירט.

און אין בוך פון השגחה עליונה איז געווען אָנגעשריבן, אַז דאָ, אין דער הייליקער דרוקעריי פון הייליקן סינאָד, זאָל געזעצט און געדרוקט ווערן אונד־זער וואָכנבלאַט „אַנאַרכיע".

און דאָס בלאַט „בעזנאַטשאַליע", דער אָרגאַן פון פינפבונד, האָט דאָ, אין דער טיפער מיטלאַלטערלעכער קעלערגעביידע, דערזען דאָס ליכט...

מאָנאַכישע הענט האָבן עס געדרוקט און טיילווייז געזעצט — און שטי־לערהייט זיך געצלמט און געשאָלטן, ווען קיינער הערט ניט. געוואַשן די הענט, אָפּצוּוואַשן די טומאה פון די טריפהנע ווערטער... „ניטאָ קיין גאָט, ניטאָ קיין נאַטור", — דער מאָטאָ פון דעם „פינפבונד".

אַ. יאָ. עקן טרעפן זיך.

XXIII

בוכאַרין און דער לאַמטערנע־סלופּ

דער זעלנער אין פאַבריק זעט קיין סוף, קיין אָנהויב ניט; אַלץ שלעפּט זיך ווי פון פעך אַרויס.

אַלץ איז כמעט געבליבן ווי געווען.

איינער אַרבעט, דער צווייטער ווערט רייך.

עשירות שטאָפּט זיך אָן, דאָ פאַר די אויגן, פאַר די רויטע אויגן פון דער רעוואָלוציע.

דער אַרבעטער ווערט אומגעדולדיק. דער האַמער פאַלט אויפן רויטן אָנגעגליטן אייזן מיט כעס און אינעווייניקסטן ברען.

אויפן פראָנט, ווייטער, איז אַלץ געבליבן ווי געווען.

וואָס הייסט אַלץ? — דער עיקר: די מלחמה ציט זיך און מען זעט קיין ענד ניט.

מיט שיינע דבורים קען מען דעם טויט ניט פאַררייד[ן].

מיט טיפן פאַרגלאָצן די אויגן קען מען אים ניט אָפּשרעקן.

דער טויט גייט איבערן פעלד און שניידט מענטשן ווי זאַנגען, שניידט און זיין סערפּ ווערט ניט טעמפּ.

איז דער מענטש מער ניט ווי גראָז?

און די רעוואָלוציע — ווער האָט זי געמאַכט?

דער „פאַרוואָס און פאַר ווען?" שרייבט זיך אריין אין די אויגן פון דעם מענטשן, וואָס וויל ניט שטאַרבן און וויל ניט הרגענען, נאָר וויל גיין אַהיים, צו זיין מאַמע, ערד און טאַטע, אַקעראייזן.

קענען דען שניטער זיין קיילער?

„און ווי לאַנג, ווי לאַנג וועט זיך עס ציִען? — אַ סוף זאָל עס נעמען!" — רייסט זיך פון יעדן האַרץ. דער אויסגעשריי ברענט אין דער לופט.

קערענסקי רעדט היסטעריש־הייס, אָבער פוסט ווי פון בלאָזזאַק אַרויס. ער וווינט אין „ווינטער־פּאַלאַץ", שלאָפט אין קייסערס בעט, זעט קייזערלעכע חלומות. ער פלייסט זיך די זעלנער איינצורייד[ן]: מען דאַרף מלחמה־האַלטן.

די זעלנער זענען לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין די טראַנשייעס. זיי ווייסן בעסער, וואָס מען דאַרף טאָן, בכדי צו מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה.

יולי־חודש רוקט זיך. מפּלות נייע, פרישע ברענגט דער טעלעגראַף.

פריש בלוט גיסט זיך.

אָ, די רויטע פאַרב, דער פריינט פון פּורפּור און פון הענקער...

„פרייהייט" נעמט שמעקן מיט טויט.

אָ, יאָ, די טויטע זענען אַלעמאָל „פריי" געווען; זיי פאַלגן ניט קיין שום געזעצן, היטן ניט אָפּ קיין שום באַפעלן...

די רויטלעכע דעמאָקראַטיע ווייזט־אַרויס איר הילפלאָזיקייט; זי איז ניט בכוח זיך צו באַפרייען פון מיליוקאָווס, גוטשקאָווס פּאָליטיק.

די אַרבעטער — פּרעסן פויסטן.

דער זעלנער נעמט תופס זיין, אַז די ביקס, וואָס ער האַלט אין האַנט, וועט ער אפשר דאַרפן אָנשטעלן קעגן יענעם, וואָס האָט זי אים געגעבן.

לעת־עתה — אַ פרידלעכע, וואָפנלאָזע דעמאָנסטראַציע ווערט אָרגאַניזירט. כאַדינקע וועט קומען אויף אַ וויזיט צו מאָסקווע. געוויינלעך, די באַלעבאַטים חשובים, די דעה־זאָגער, די קאַנאָנען, וועלן בלייבן שטיין אויף זייערע ערטער. אַפילו זייערע קינדער, די ביקסן, וועלן דאָרטן בלייבן מיט זיי. אין שטאָט אַריין לאָזט זיך דער „נאַקעטער" זעלנער.

די סאָלדאַטן קומען אָן אין שערענגעס. גייען אַוועק צום קרעמל. באַקוקן די הייליקע און גרויסאַרטיקע פּלעצער — און ריידן על־נתקה.

דער קרעמל האָט אויף זיי קיין ווירקונג ניט געמאַכט. דווקא פאַרקערט, ער רייצט זיי אויף. פון די סופיטן אַראָפּ מיט דער גאַלעריי פון די פּרצופים פון די קייסאָרים קוקט אויף זיי אַ חרפה און אַ שאַנד, וועלכע בעט זיך מען זאָל זי אָפּוואַשן.

די קדושה און אָפּשיי האָט זיך אָפּגעטאָן פון די פּאָרטרעטן; פּנימער פון רוצחים קוקן אויף די זעלנער.

די פּאַלאַצן — די שטיינער, שרייען פון די ווענט און דערציילן שרעק־לעכע מעשיות.

פון דער גלאָקנגעבײדע פון וואַסילי דעם גרויסן שרייט־אַראָפּ צביעות, חוצפה און אויסגעלאַסנקייט — עס ווילט זיך אַ שפּיי טאָן דער געביידע מיט איר גאַנצער געמאַטערטער הויך אין פּנים אַריין.

דער צויבער־שפּרוך איז אַראָפּ פון זעלנער. ער דערוויסט זיך, אַז ער איז דער אמתער פּרינץ... און דער כלומרשטער פּרינץ, דער מכשף, איז גאָר אַ כלב.

אָ, היינט, דיין לידלעגענדע איז ניט אויסגעהאַלטן... דער כישוף איז אַראָפּ און וועט צוריק ניט קומען... אויס... אַרויס פון פעל... און אין דער הינטישער פעל און אין לייב־און־לעבן וועט אַריין דער שוואַרצער כישוף־מאַכער.

די זעלנער ווערן מוטיקער.

די זון וואַרעמט און שרייט פון הימל מיט קולי־קולות:

מער ליכט און מער ליכט! איך גיב געננוג און עס וועט קלעקן פאַר אַלעמען.

די זעלנער קומען צום סקאָבעליאָווער־פּלאַץ.

אָבער מעשה־וווּנדער.

סקאָבעליאָוו, כאָטש ער רייט אויפן מירמלשטיינערנעם פערד און אַרום אים זעלנער מיט פּיקעס, איז אויס „קאַפּעליוש־מאַכער"... עס האָט זיך אָפּגע־טאָן פון אים זיין פחד־אָנוואַרפנדיקער כוח. אַראָפּגענומען די איינריידעניש־קליי־דער, און דער זעלנער זעט אים אַ הוילן. — אַ גזלן אין וואַלד... וואָס הייסט מלוכה...

סקאָבעליאָוו זיצט אויפן פערד מיט אַ שווערד אין האַנט, פאַרמאַסטן אויף דער סאָוויעט־געביידע.

קיינעם קימערט עס ניט... מען ווייסט, די האַנט איז אָפּגעדאַרט... אָפּגענו־מען. אַ מיטינג ווערט דאָ אימפּראָוויזירט.

קאַסטנס, קעסטלעך קומען ווי פון זיך, ווי זיי וואָלטן פיס האָבן. טרעפּלעך לייגן זיך אויס. בעטן אייך אַרויפקלעטערן אויפן מאָנומענט און שטעלן זיך מיטן רוקן צום גענעראַל.

רוסלאַנד קערט זיך מיטן רוקן צו דער אַלטער, אָפּגעלעבטער און אַזוי מיאוס און רוצחיש דורכגעלעבטער „פאַרגאַנגענהייט".

ווער עס האָט ניט געזינדיקט, וואַרפט שטיינער־ווערטער פון באַשולדיקונג.

פון פּיעדעסטאַל אַראָפּ האַלט מען רעדעס, שטאַרקע, האַמערדיקע, שאַרפע, שפּיזעדיקע, הייסע, פייערדיקע; דער ווילן ווערט געשמידט; דער פאַרשטאַנד אין מעטאַל איבערגעשמאָלצן.

עס קומט מיין צייט.

„אַלץ איז מיינס, האָט געזאָגט גאָלד;

אַלץ איז מיינס, האָט געזאָגט אייזן;

אַלץ וועל איך קויפן, האָט געזאָגט גאָלד;

אַלץ וועל איך נעמען, האָט געזאָגט אייזן" (פּושקין).

„וואָס האָט איר, זעלנער?

וואָס פאַרמאָגט איר, אייזן צי גאָלד?

איז דען מאָסקווע ניט נענטער פון בערלין און ווין?

איז דעם מאָסקווע ניט בילכער?

געהערט דען מאָסקווע ניט צו אייערע שונאים?

פאַרנעמט מאָסקווע — און דערנאָך בערלין און ווין..."

די זעלנער הערן, פאַרשטייען, זענען איינשטימיק. על כל פנים האָט עס מער זינען, ווי צו גיין איינעמען בערלין. פאַר וועמען? פאַרן טייוול!

אָבער בוכאַרין, וואָס איז דאָ לעבן מיר געשטאַנען און געפּלאָטערט, כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ לאַמטערנע־סטאָלב און ווענדט זיך צו די זעלנער:

— פאָלגט אים ניט! — שרייט ער ווי ניט מיט זיין אייגענעם קול, אַזוי ווי דער בורזשואַזנער דבוק וואָלט פון אים אַרויסריידן. — פאָלגט אים ניט, אַניט וועט זיין אַנאַרכיע... — שרעקט ער די זעלנער מיט אַ וואָרט, וואָס שרעקט זיי גאָרניט.

דערהערנדיק דאָס וואָרט „אַנאַרכיע", נעמען די זעלנער אַפּלאָדירן און באַגריסן דאָס וואָרט מיט אַן אָוואַציע פאַר דעם געטאַדלטן כנגד דעם טאַדלער.

בוכאַרין ווערט־אַן דעם פאָדעם פון מליצה און דעם באָדן פון אונטער די פיס, און ער פאַרשטייט, אַז זיין ריידן איז אַ מין בילן אויף דער לבנה. ער ווערט אַנטשוויגן.

אַגב קען מען זיך לאַנג ניט האַלטן אויף אַ לאַמטערנע־סטאָלב... בכלל איז עס אַ שלעכטער סימבאָל...

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער דעמאָלטדיקער בוכאַרין און דער היינטי־קער מיט זיין לאָזונג: „ווערט רייך" (אָבאָגאַשטשאַיטעס) איז די זעלביקע פּערזאָן...

אָבער אַנטקעגן שטראָם קענט איר ניט שווימען. און ניט נאָר די זעלנער

האָבן געפּאָלגט, אַפּילו בוכאַרין האָט אונדז געפּאָלגט... נאָר אַביסל שפּעטער, מיט אַ פּיר חדשים נאָכדעם... און דערפאַר, בין איך חושד, זענען זיי אויף אונדז אַזוי מלא־רציחה... זיי האָבן ניט געוואָלט פאָלגן... זיי האָבן אָבער געמוזט פאָלגן...

די זעלנער זענען אַוועק צוריק אין לאַגער אַריין... מיט געשלאָסענע שורות און געשמידטע שטאָלענע ווילנס. — זייערע שטיוול האָבן געפּויקט אין טאַקט אין די אָנגעבלאָזענע באַקן פון טווערסקאַיאַ ברוק. די שויבן אין די „הויכע פענצטער" האָבן געשווידערט, זיך געשראָקן:

„זיי גייען... זיי וועלן קומען..."

פּוסט איז געבליבן דער פּלאַץ... מער ניט ווי אַ גערוך פון פּולווער און זעלנערײ האָט זיך אַרומגעטראָגן אַ פאַרוואָרלאָזטער.

דאָס פּנים פון סקאָבעליאָוון איז געוואָרן חושכדיקער. כמעט, אַז ער האָט זיך גענומען שרעקן פאַר די שטיינערנע זעלנער, וואָס אַרום אים אויפן פּע־דעסטאַל...

וואָס איך האָב געזאָגט

איך גיי אַהיים, פול מיט שווערע געדאַנקען.

די שטאָט קאָכט און זידט.

מען ווייסט נאָך ניט, אַז אין פּעטראָגראַד איז געווען אַ דורכפאַל.

די דעמאָנסטראַציעס צעטריבן. חברים אַרעסטירט. דאָטשע דורנאָווא אי־בערגעפאַלן. לענין אָפּגעצויגן.

אָבער עס לאָזט זיך עפּעס ווי פאַרויספילן.

די דעמאָלטדיקע געוועלטיקער, „די קאַליפן אויף אַ שעה", וועלן עפּעס מוזן טאָן, אַריינצושלאָגן אַ פּאָר פּיסלעך אין דעם טרייסלענדיקן שטול, וואָס אונטער זיי.

די גאַסן ווערן פול מיט פאַרשיידענע קלאַנגען.

דאָס, יענץ, איין קלאַנג — און אַן אנדערער אַנטקעגן.

„מען האָט גענומען פּעטראָגראַד!

„מען האָט אַלעמען אַרעסטירט"!

אַ געלויפערײ. מען שלעפּט אַראָפּ איינעם פון טראַמוויי, ער האָט געהאָט די העזה צו ריידן אַנטקעגן דעם גאָט פון מלחמה.

איך גיי אַהיים איבער „טווערסקאַי בולוואַר".

איך פיל, אַז עס וואָלט בעסער זיין פאַר מיר, ווען איך קויף עפּעס אַביסל פּרוכט. איך וואָלט אויסגעזען מער פרידלעך.

אַגב איז מיר איבערגעטריקנט אין האַלדז.

איך קויף וויינטרויבן. אַזאַ אומשולדיקע פּרי־מוטער פון אַזאַ שולדיקן זונגעטראַנק.

פּלוצים, ווי פון דער ערד, וואַקסן־אויס פאַרוטשניקעס, אוקראַינער, און אַ הויכער בויך מיט אַ גאָלדענער קייט אויסגעלייגט אין דער ברייט... די קייט וויגט זיך און פאַרוויגט זיך אין די פאַלבן פון דער גדולהדיקער וועסט, שטייט

לעבן מיר און זיי... און צום בויך איז צוגעטשעפּעט אָדער אַראָפּגערוקט עפּעס אַ מין צעבער, וואָס רופט זיך אָן קאַפּ... און צוויי לעכער אין צעבער...

איך קוק און חידוש זיך: עס רינט ניט.

דער צעבער מוז זיין פּוסט און לער, ווי אין „שמות" אַ פאַרוואַלגערטער „של־ראש".

די משונהדיקע פיגור רוקט זיך אַרויס, שטעלט זיך אָן, טייט אין מיר אַריין:

„דאָס האָט ער גערעדט" — בלישטשען גאָלדענע ציין, פאַלשע ווי די עבודה־זרה.

די פּאָרוטשניקעס קוקן אויף מיר מיט וועלפישע אויגן... צעיאָגט, צע־טראָגן... די בליקן בליצן:

„יאָגט, כאַפּט, שלאָגט"...

אַ קויק וואַקסט אויס אַרום אונדז; אַ קויק פון מענטשן, ציווילע און זעלנער.

„דאָס האָב איך גערעדט... און וואָס האָב איך געזאָגט?

„האָב איך דען געהייסן אייך שלאָגן, הרגענען!" — רייד איך צום בויך. — „איך האָב מער ניט געזאָגט, אַז מען זאָל ביי אייך צונעמען די הייזער, די בענק, די פאַבריקן... ווען איר האָט שכל אָדער יושר, גיט איר עס אַליין אַוועק. וועט מען עס ניט דאַרפן נעמען".

„וואָס האָב איך דען געזאָגט?..." — ווענד איך זיך צו די אָנגעלאָפענע זעלנער.

דער בויך צעסאָפּעט זיך און רוקט זיך אַוועק טריט־ביי־טריט און לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ באַנק. די פּיס זענען, אַפּנים, צו שוואַך צו שלעפּן די משא.

די פּאָרוטשניקעס קוקן זיך איבער אין פאַרלעגנהייט.

די זעלנער שמייכלען:

„וואָס האָט ער געזאָגט?... ער איז גערעכט... מען דאַרף אים ניט טשעפּען..."

און די פּאָרוטשניקעס זאָגן איבערגעוואָלד אָמן: — „זאָל ער גיין".

וואָס האָב איך געזאָגט? בוכאַרינען איבערגעשראָקן...

און בשלום בין איך געקומען אַהיים.

XXIV

„איך בין אַ זינדיקער"

און מיאוסקי־פּלאַץ צעבוטשקעט זיך מיטן שטערן מיט דער גאַס, וואָס איילט דאָרטן פאַרביי. אַ בייל לויפט־אויף, אַ האַרטע בייל אויפן אָרט פון צו־זאַמענשטויס. די בייל איז האַרט ווי שטיין. אפשר איז דאָס באמת אַ שטיינערנע מויער. דוכט זיך, ער איז הויך און שטאָלץ, ביי זיך פאַריסן. פייגעלעך דרייען זיך איבער זיין קאָפּ. זיי טוען אים אָן אַ היטל פול מיט פּיסקעס, דאָס היטל

רוקט ער אַראָפּ איבער די אויגן... שוואַלבן בויען נעסטן איבער די קאַרניזן פון די העכערע פענצטער.

דאָס איז אַלץ געזעדט זומערצייט.

ווינטער איז ער אָנגעטאָן אין ווייסן שניי, וואָס הענגט אַראָפּ פון אַלע זייטן.

ער קוקט מיט די קוימענס ניט־ווייט אַריבער די דעכער קיין פּוטירקע... מער ניט ווי דעם ברייטן פּלאַץ דורכצוגיין אָדער דורכצולויפן אויף שניישיך, שטייט אַנטקעגן אים אַ שפּיטאָל, אַן עלטערע אָדער אַ יינגערע ברודער־געביידע. ווי צוויי ריזיקע וועכטער שטייען זיי און היטן דעם אָרט פון פּוסט־קייט און פאַרוואָרפנקייט.

זיי שטייען אַזוי גאַנצע טעג און נעכט און קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין.

אָן אַ זייט שטייט אַ ניט־פאַרענדיקטער בנין פון אַ צערקווע. אָנגעשטויסן און כמעט ווי מיט קנאה־שנאה, קוקט עס אויף די צוויי גופימדיקע געביידעס...

אָט־די גרויסע שטיינערנע מויער האָט זיך אָנגערופן „שעניאַווסקיס אוני־ווערזיטעט".

די אוניווערזיטעטן אין רוסלאַנד אין יענע טעג זענען געווען אָנגעטאָן אין מונדירן, מיט שווערדלעך ביי די זייטן. און די פּראָפעסאָרן זענען געגאַנגען מיט שלעסלעך אויף די מיילער.

מישטיינס געזאָגט אַ פּראָפעסאָריש מויל, אָן ציין. זיי זענען לאַנג אַרויס־געפאַלן פון איבערקייען געקייטע שפּייז, פון איבערזאָגן, וואָס מען האָט שוין טויזנטער יאָרן צוריק געזאָגט און איבערגעטראַכט, וואָס מען האָט שוין פאַר טויזנטער יאָרן צוריק געטראַכט.

אַפילו פאַר אַזאַ מויל האָט מען אויך מורא געהאַט אין דעם אַלטן רוסלאַנד און קאַססא האָט געהאַלטן אַ לאַנגע בייטש אין האַנט, פאַרמאָסטן אויף ביידע: פּראָפעסאָרן און סטודענטן.

מען האָט אַפילו מורא געהאַט פאַר די „אַפּיקורסישע רעיונות", וואָס שטעקן אין דעם שאַרבן פון דעם „וויסנשאַפטלעכן גייסטלעכן"... נאָר גאָרניט, אין אַ פינצטערן אָוונט מאַכן פייערלעך אַפילו פאַרפוילטע שטיקלעך האָלץ...

און „שיניאַווסקיס אוניווערזיטעט" איז געבויט און איינגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ „פרייער אוניווערזיטעט".

פאַרשטייט זיך, אַז די „פרייקייט" דאָרטן איז געווען גענוג געפּענטעוועט... אַ שטריק אויפן האַלדז און אַ שטריק אויף די פאָדערשטע פיס... קען מען דען די ווילדע ציג פרייהייט לאָזן פריי לויפן! על־כל־פּנים ניט אין רוסלאַנד...

געהאַלטן לעקציעס האָבן דאָרטן ס׳רוב „קאַדעטישע" פּראָפעסאָרן. און אין יענע צייטן איז דאָס געווען „גבורת־הבורא"... זיי פלעגן אַמאָל, אַזוי זיך, ביי דער זייט־גייענדיק, עפּעס ווי ניט אומישנע, אַ שטאָך געבן מיט אַ טעמפּער נאָדל דעם עקזיסטירנדיקן סדר... טאָן עס... און אָפּכאַפּן דעם אָטעם... ווערן רויטלעך... אַרומקוקן זיך...

גבורות פון אַ שעשעק... און רעוואָלוציאָניזם פון אַ קאַדעט (קאָנסטיטו־

ציאַנעלן דעמאָקראַט), וועגן כמעט גלייך אויף גלייך אויף די וואַגשאָלן פון דרייסטקייט.

כ׳לעבן, אַלץ נאָך דער צייט נאָך.

עס איז פּאַרט געווען אַ פרייער אוניווערזיטעט.

מיט פרייע צוהערער, מיט אַ פרייער ביבליאָטעק.

די פיגור פון גרינדער, אויסגעהאַקט פון שטיין, שטייט אין וועסטיבול. זי איז באַהאַנגען מיט צאַצקעס, סימנים פון גדלות, פון אָרדענס פון כל־המינים... מיט אַ שווערד ביי דער זייט... אַן אָנדענק פון מיליטאַריזם.

די שווערד נעמט זיך קיינמאָל ניט אַרויס פון שייד. אַ האַנט פון שטיין באַוועגט זיך ניט...

דאָס איז אונדזער גליק, וואָס סטאַטועס לעבן ניט... אַ ניט וואָלטן מיר קיינמאָל ניט פּטור געוואָרן פון די פּאַרצייטיקע גזלנים.

די שווערד נעמט זיך קיינמאָל ניט אַרויס... אָבער פאַר דער וועלט פון שאָטנס און דערמאָנעניש איז עס געגנוג שווערדיש.

שאָטנס און שאָטנדיקע באַשעפענישן שרעקן זיך פאַר אַזעלכע כלי־זיין.

איינס ציט צו דאָס אַנדערע. אַ וואָרט רעדט און זאָגט עפּעס: אַ פרייע אוני־ווערזיטעט. מיר דאַרפן דאָרטן זיין.

אַגב האָבן עטלעכע סטודענטן סימפּאַטיזירט מיט אונדז. צווישן זיי אַנ־דרייעוו דער בוכהאַלטער: אויב אַנאַרכיזם איז אַ נאַרדפּאַל, דעמאָלט איז ער דער ווייסער בער... אויב אַנאַרכיזם איז דער קודם־בריאת העולם פון דער צוקונפטי־קער ציוויליזאַציע, דעמאָלט איז ער אַ גלעטשער פון קדמונים...

מילא, אַהער האָט עס ניט.

מיינע אַ לעקציע איז ערשטנס פאַרפאָרן אַהער, צו שעניאַווסקין. פאַרט אַ פרייע, כלומרשט פרייע קרעטשמע.

אַ לעקציע: „וואָס איז דער מהות פון אַנאַרכיזם?״

דער אודיטאָריום איז לאַנג און שמאָל, פאַרהעלטנישמעסיק.

די בענקלעך קריכן אַרויף־אַרויף... כמעט איינס איבערן אַנדערן...

דער זאַל איז פול... ביוסטן זענען אויסגעזעצט אויף די בענקלעך...

די פיס ווערן פאַרפאַלן אונטן. מען זעט זיי ניט און מען דאַרף זיי ניט...

אויף די העכערע ערטער־שורות שטעקן מער ניט אַרויס ווי קעפּ, און אויערן און אויגן אין זיי.

און ביידע נייגעריק: וואָס איז אַנאַרכיזם? טאַקע באמת!

שטעלט אָפּ 99 פּראָצענט פון אינטעליגענטע מענטשן, קעגנער פון אַנאַר־כיזם, פרעגט זיי: וואָס איז אַנאַרכיזם?

כ׳שווער ביי מיין באָרד און פּיאות (לאַנג־לאַנג אָפּגעשאָרענע און אָפּגע־גאָלטע): זייער צונג וועט זיך פאַרפּלאָנטערן... און אַ מאָך מיט דער האַנט וועט זיי אַרויסראַטעווען פון פאַרלעגנהייט.

ווער קריטיקירט? אַלע!

ווער פאַרשטייט? זייער ווייניק.

דאָס איז מיין מאָטאָ צו מיין ערשטער „רעדע פון אַן אַנאַרכיסט״, אַרויס־געגעבן פון דער מאָסקווער פעדעראַציע, 1917.

דער שפּרוך איז אַ כשרער אמת.

עס בלישטשען מונדירן פון מיליטערישע מענטשן. אַ מונדיר, — דאָס איז אַזאַ מלבוש, וואָס ווען מען טוט אים אָן אַ מענטשן... האָט דער מלבוש אַזאַ טבע, אַז ער נעמט פונעם אָנגעטאָענעם צו אי דעם שכל אין דעם געוויסן... און ווי עפּעס דורך אַ כשוף רעדט ער זיך איין, אַז ער איז אַ ווילדע חיה... אַ שלעכטע איינרעדעניש...

דאָס איז אַזאַ אָנטועכץ...

אָבער אין אַזאַ צייט... ווילט זיך אַלעמען עפּעס הערן... און עס איז דאָך רוסלאַנד... און אַ דריי־שטערן האָט דאָך פּאַרט געשטעקט אין דעם רוסישן פינצטערן, מיט וואַלקנס־באַקליידטן הימל... באַקונין... קראָפּאָטקין... טאָלסטאָי...

אַ, דער רוסישער מזומן... עס איז דאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש... און עס ווילט זיך וויסן... וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס דריי גרויסע מוחות האָבן געטראַכט און געלערנט...

דער זאַל־אוידיטאָריום איז פול. און נייגעריק.

רעדט וואָס איר ווילט.

עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אַזוי אויפרעגן, אויפרייצן מענטשן ווי אַ „ניי וואָרט", אַ נייע לערנונג.

איך מיין ניט דווקא אַ סאָציאַלע. עס מעג זיין ריינע פילאָזאָפיע. עס מוז זיין ניי, און דעמאָלסט איז דאָס רייצנדיק.

די צרה איז, וואָס גאַנץ אָפט ווערן נייע לערעס אויסגעדריקט אויף אַן אַלטן שאַבלאָנישן אופן, און דעמאָלסט פאַרלירט זיך די נייקייט. דער עולם דערטאַפּט ניט די חידושקייט פון דער זאַך.

איר ווילט ראיות?... דאַרוויניזם... אין זיין צייט האָט ער גערירט פון אָרט... „עס אַנטוויקלט זיך"... אַ שפּאַס! אַ קלייניקייט עפּעס!

איך בין געווען אַמאָל אַ יינגל און איך געדענק, אַז אַפילו מגידים האָבן קעגן דאַרווינען מלחמה־געפירט... „דאַרווין דער טיפּש..." האָט געזאָגט דער מגיד.

און איצטער איינשטיין. — ער האָט אויפגערודערט אַ גאַנצע וועלט — די שטה טראָגט אַריין שינויים אין פיזיק, אין מאַטעמאַטיק... סיסטעמען, וואָס זע־נען פאַרשלאָסן פאַרן ברייטן עולם... און אַזאַ לעבעדיקער אינטערעס.

מילא, דאָס איז שייך און ניט־שייך צו אונדזער ענין...

דער זאַל איז געווען פול־איבערפול. וואָלט ער געווען פון גומע וואָלט מען אים פונאַנדערגעצויגן. די ווענט אָבער זענען ניט געווען עלאַסטיש. און מענטשן האָבן זיך אַריינגעפּאַקט, אַריינגעשטופּט...

דער מהות פון אַנאַרכיזם.

רוסלאַנד שטייט אויפן וועג.

וועגן צעשיידן זיך, צעלויפן זיך אַהער, אַהין.

ביז היינט איז מען געגאַנגען היסטאָריש־אינסטינקטיוו.

איצטער הייבט מען אָן אַ ניי לעבן: היסטאָריש־באַוווסטזיניק.

וווהין גייט מען?

די סאָציאַליסטן זענען פּילצאַליק... די רייכע זענען כּנגד זיי. אַ דאגה דאָס איז! זייער קעגנערשאַפט מיינט גאָרניט. זיי ווילן זייער געלט ניט אַוועקגעבן. אָבער אין זייערע אייגענע שורות האָבן זיי פאַרביסענע קעגנער... וועלכע הייסן אַנאַרכיסטן... די מלוכה־סאָציאַליסטן מאַכן פון זיי בלאָטע...

אָבער מען דאַרף וויסן וואָס זיי זאָגן.

און עס איז דאָך אין רוסלאַנד.

דריי גרויסע קינדער אויפגעהאָדעוועט... מיט דער ברוסט געזויגן... צוויי פון זיי פאַרטריבן... פאַרוואָגלט... אין פרעמדע הייזער געוואקסן... אָבער פאַרט אייגענע קינדער, אייגן פלייש און בלוט...

די רוסישע סאָציאַליסטן האָבן ניט געהאַט אין גרויסן מענטשן, וואָס זאָל זיך קענען מיט זיי, די ריזן, פאַרגלייכן...

וואָס איז דער מהות פון זייערע לערנונגען?

קיין ספק ניט, אַז רוסלאַנד האָט אַ ספּעציעל־גינציקן באָדן פאַר אַנאַרכיס־טישע זוימען.

איך רייד. דער עולם ווי אין אויער, אין פאַרקנייטשטער שטערן, פאַר־טראַכט זיך.

באמת: איז ער ניט גערעכט? וואָלט אַזוי ניט גלייכער געווען? איך ענדיק, און טשערטקאָוו גייט אַרויף אויף דער בימה.

ווי קליין איך בין, אַזוי גרויס איז ער.

עפּעס ווי אַ מאָס אַראָפּגענומען פון רוסלאַנד, פון דער מוטער־ראַסייע.

איך — דער סימבאָל פון ייִדישקייט, — אַ נשמה אָן אַ גוף.

ער — דער סימבאָל פון „זעקס טיילן פון דער וועלט". אַ גרויס! אַ הויך! אַ ברייט!

אָבער אין דעם בעל־הגופישן הויז וווינט אַ רייכע נשמה, באמת, אַ רייכע הויכע נשמה, מיט אַזאַ צערטלעכן אויער פאַר דער מוזיק פון עטיק. וואָלט איך אים ניט קענען, וואָלט איך קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז אַזאַ אידעלע נשמה און אַזאַ פיינער געשמאַק פאַר עטישער שפּייז זאָל זיך באַזעצן אין אַזאַ מגושמ־דיקן בנין־קערפּער.

טשערטקאָוו: „ברודער גאָרדין איז גערעכט, ווען ער זאָגט: אַ גנב איז ניט יענער, וואָס ווייס, ווי מען גנבעט, נאָר יענער, וואָס גנבעט... און אָן אַנאַר־כיסט איז ניט יענער, וואָס קען דעם אַנאַרכיזם, נאָר יענער, וואָס לעבט אים; פירט זיך אויף אין איינקלאַנג מיט אָט־דעם אידעאַל... און ער וויל עפּעס ווײַ־טער זאָגן...

דער עולם צעשרייט זיך:

„און אייערע אימעניעס...?" און זיי רעכענען אים אויס אַלע זיינע הויפן און גיטער אין פאַרשיידענע מקומות ניט ווייט פון מאָסקווע... זיי זענען בקיאים. זיי ווייסן זיין באַזיץ ניט ווינציקער ווי ער אַליין.

טשערטקאָוו ענטפערט:

אָ, יאָ, איך בין זיך מודה ומתוודה!... איך בין אַ זינדיקער מענטש... איך האָב... אָבער איך האָב עס שוין צעטיילט!...

און די ווידוי מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן עולם. מער ווי זיין פאַר־טראַג וועגן טאָלסטאָיס לעבן און לערע.

ווען אַ גאַנצער קלאַס, אַ „זינדיקער" הערשנדיקער קלאַס, וואָלט געקענט אַרויפגיין אויף דער וועלט־בימה און זיך אַ קלאַפּ־טאָן אין האַרצן „על־חטא"... וואָלט די היסטאָריע פון דער מענטשהייט גאַנץ אַנדערש אויסגעזען.

איך בין זינדיק...

דער איינצלנער שטייט אַלע מאָל העכער פאַרן כלל... הן אין היגזיכט פון זינדיקן, הן אין זיך מתוודה־זיין...

און איך טראַכט:

ס'איז כדאַי אַמאָל צו זינדיקן, כדי צו האָבן נאָכדעם אַזאַ שיינעם מאָ־מענט, ווי צו זאָגן צו אַ גרויסן עולם מיטן פולן מויל און גאַנצן האַרצן: „איך בין אַ זינדיקער...!"

XXV

מיר באַיקאַטירן דעם מאָסקווער סאָוויעט

מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן, איינס צו איינס, פאַבריק צו פאַבריק, אַפילו דער וואַסערפּאָמפּ, וואָס הינטער דער שטאָט, איז אויך געווען פאַרטראָטן. דאָ זענען אויך געווען די פּני, עטלעכע מעטאַליסטן פון די בעסטע זאַוואָדן. ווו? — אויף די פּרעטשיסטענסקי־קורסן, אויף אַ העכערן שטאָק, אין אוידיטאָריום, אַ שיינער ליכטיקער זאַל מיט אָפענע אויגן. זיי קוקן אַרויס און נעמען אַריין אַלץ פון דערווייטנס: אַריבערשפּרינגענדיק אַ שורה דעכער מיט אויסגעשריי־צייכנס פון קוימענס, כאַפּן זיי אויף טעפּ פול מיט גרינס, קוסטעס און אַפילו ביימער, וואָס אַדאַנק טעלעמעכאַניק קאָכן זיי זיך און אין די וואַסערן פון מאָסקווער טייך... פון די הויכע פענצטער זעט עס אַלץ אויס אַזוי נאָענט, ווי אויף דער האַנט.

דאָס איז די טבע פון הויכקייט: עס עסט־אויף די ווייטקייט.

ווען? זונטיק. די גלאָקן הוידען זיך און בומען, קלאַנגען הודזשען אין די אויערן פון מאָסקווע.

מיר זענען אַזוי נאָענט צום טעמפּל פון קריסטוס דעם דערלייזער (כראַם כריסטאַ ספּאַסיטעלאַ) מיט די גילדערנע צלמים און רייכער סקולפּטור־אַרבעט, נביאים און קדושים שטייען לעבעדיקערהייט צוגעקלעפּט צו די ווענט.

זיי מוזן ליידן גרויסע יסורים: צו שטיין אַזוי פאַר יאָרן און יאָרן ווי לעבעדיקע און זיך ניט קענען רירן פון אָרט, ניט קענען אַראָפּגיין פון די באַרע־ליעפן, אַרויסמאַכן זיך פון די קאַרניזן. אַפילו קיין ריר זיך ניט טאָן, אַפילו קייך באַוועגונג ניט מאַכן. כאָטש אַ קנייטש טון דעם שטערן, אַ צי טון מיט אַן אַקסל.

מענטשן, מבינים זאָגן מיר: אַזוי דאַרף עס זיין: קאַלט און אומבאַוועגלעך ווי מירמלשטיין.

אָבער איך בין אַ תנא ופליג, — מיר געפעלט עס ניט.

דאָ שטייט אַ גרויסער פאַרדריסלעכער ליגן פאַר די אויגן. ער שטייט טעמפּ און טאַמעוואַטע. אַ טויטקייט ליגט אויסגעשפּרייט פאַר אַלעמענס אויגן. בפני כל עם ועדה.

דער גאָט פון שיינקייט איז אַ גאָט פון לעבן און באַוועגונג — טענהט דער ייִד אין מיר.

שיינקייט איז אין פלוס, אין אַ שורה פון איבערגאַנגען. מוזיק איז שיין, ווייל זי שטראָמט; סקולפּטור איז מיאוס, ווייל זי איז שטייאיק. זי איז אַלעמאָל באַדעקט מיט זומפּן־גרינס.

אויך היינט צו טאָג וואָלט איך באַפוילן:

מאַך זיך ניט קיין געטש, ווייל עס איז אומעסטעטיש. אָדער סימבאָלן פון פיגורן, אָדער סטאַטועס מיט אמתן באַוועגונגס־כוח. אַ מאָנומענט, וואָס אָטעמט ניט, אַ ברוסט, וואָס פאַלט ניט און הייבט זיך ניט — איז ניט ווערט אַ צעבראָכענעם שאַרבן. אַזוי פיל איך. אָדער לעבן אָדער גאָרניט — פאַראייביקן דעם טויט איז אומזין. חי אנכי לעולם...

איך בין אָבער אַראָפּגעקראָכן פון דער טעמע. איין היינע און בלויז אין זיינע „אידייען" וואָלט מיר עס געקענט פאַרגעבן, ווייל ער האָט געזינדיקט מער.

מילא, עס קלינגען די גלאָקן, און די קלאַנגען קומען אומגעבעטענע אין זאַל אַריין. זיי קריכן אין די אויערן אַריין, ווילן אייך אָפּשמדן, פאַרזונטיקן.

מיר פאַרמאַכן די פענצטער. איידער מיר זאָלן טויב ווערן, זאָלן זיי, די גלאָקן, בעסער שטום ווערן.

מיר זענען פאַרנומען. אַ וויכטיקע פראַגע שטייט פאַר אונדז: אַנטיילנעמען אין מאָסקווער אַרבעטער־, פּויערים־ און זעלנער־ראַט, אָדער ניט?

פאַר וואָס ניט? ווי אַזוי פאַלט עס אונדז גאָר איין זיך צו אַנטזאָגן פון אַזאַ ריינער, שיינער קלאַסן־אינסטיטוציע, דאָס לעצטע און נייסטע וואָרט פון „מאָדערנער" אַרבעטער־פּאָליטיק?

באמת, איצטער איז זייער גרינג צו פאַרענטפערן די פראַגע. אָבער דעמאָלט, אין יולי־חודש, איז ניט לייכט אָנגעקומען דאָס שטיקל אַרבעט. דורכבויערן אָט־די אינסטיטוציע, וואָס איז מיט דער צייט אַזוי אומגליקלעך־פּאָפּולער געוואָרן איבער דער גאָרער וועלט, מיט אַ שאַרף קריטישן אויג, פאָרויסזען און אַנטדעקן אין איר אַלע אירע חסרונות, וועלכע זענען דעמאָלט געווען ניט געווען בולט — האָט פאַרלאַנגט און פאָרויסגעשיקט אַ שטאַרקן פּאָליטישן חוש־הראיה.

ס'איז אַ צרה מיט די סאָציאַלע דערשיינונגען, וואָס ווילן ניט אַרומגיין הויל, וואָס שעמען זיך אַרומצולויפן נאַקעטערהייט. זיי נייען זיך אויף העמדער פון גרינע פייגן־בלעטער.

ווערטער באַקליידן די אינהאַלטן.

„צירע די זויל, עס ווירד אַ פּרויל" (געטע), פּוץ אַ סטאָלפּ, עס קוקט אויס ווי אַ שיין מיידל.

אַפילו דעמאָלט, נאָך אין רעכטן אָנהויב, ווען די אינסטיטוציע האָט נאָך געהאַט מאָרגנפרישקייט אַרום זיך און פרילינגסזאַפט אין זיך, האָט מען שוין געקענט דערשמעקן די פוסטקייט און פוילקייט, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן צום סוף, אָבער וועלכע האָבן שוין אָנגערירט איר האַרץ.

אַ ראַט פון אַרבעטער.

אַ שיינע זאַך. וועלכע אַרבעטער? ווי אַזוי ווערן זיי, אַט־די אַרבעטער, אָר־גאַניזירט, ווער שטעלט זיי פאָר? ווי אַזוי ווערן זיי פאַרטראָטן?

דאָס זענען פראַגן, וועלכע פאָדערן אַן ענטפער.

מיינט ניט, אַז די שלעכטע באָלשעוויקעס האָבן גענומען די ריינע־שיינע אינסטיטוציע און זי מיט אַ בייזער כוונה און אייגענער פּאַרטייאישער פּניה פאַרדאָרבן.

אמת, זיי האָבן שטאַרק פאַרטיפט דעם פונאַנדערפאַל־פּראָצעס, פאַר־שנעלערט די פונאַנדערלייג־אַרבעט און געמאַכט דורך דיאַלעקטיק־קונצן, אַז זי זאָל אַריבערגיין צו אַ ווידערשפּרוך פון דעם, וואָס זי האָט געדאַרפט זיין. אָבער דער ביטערער וואָרצל, דער „סם“, איז שוין דאָרטן געווען פון דעם פריסטן ראשית. נאָך איידער די באָלשעוויקעס האָבן גענומען באַלעבאַטעווען.

ווער איז געווען פאַרטראָטן אין אַרבעטערראַט? פּאַרטייען זענען געווען פאַרטראָטן און זיין גאַנצע פּאָליטיק איז געווען אַ פּאַרטייפּאָליטיק, ניט קיין אַרבעטער־קלאַס־פּאָליטיק.

די ערשטע, וואָס האָבן עס קלאָר דערזען, זענען געווען דווקא ניט מיר „אינטעליגענטן“, נאָר אַרבעטער, וואָס שטייען פאָרן ווערקשטאַט. זייער חוש האָט זיי אונטערגעזאָגט וועגן דער סכנה און שעדלעכקייט פון דער כלומרשט־ריינער פּראָלעטאַרישער אינסטיטוציע.

דער סאָוויעט איז ניט קיין פּאַרלאַמענט, רחמנא ליצלן. דאָ איז ניט פאַר־טראָטן „דאָס פאָלק“, די פיקטיווע „נאַציע“ ווי אַזוינע, דאָ זענען רעפּרעזענטירט בלויז אַרבעטער, איין קלאַס פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק.

האָט מען געזונגען זיסינקע לידלעך צו פאַרוויגן דאָס פּראָלעטאַרישע אויער און פאַרשלעפערן דאָס פּראָלעטאַרישע אויג.

אָבער דאָס אויג איז געבליבן אָפן. און האָט געוווּנקען און סיגנאַליזירט: איר זעט די רויטע פאַרב: עס איז אַ געפאַר! אונטער דער מאַסקע פון אַרבע־טערקלאַס גייט אַרויס אויף דער סצענע אַ צווייטער קלאַס, וואָס אַרבעט ניט, נאָר אָרגאַניזירט די אַרבעט.

דאָס איז אַ הערשנדיקער קלאַס... און דער „ראַט“ איז אַ צוויי־קלאַסן־אינס־טיטוציע. ער באַשטייט פון צוויי קלאַסן, וועלכע זענען אין אים פאַרטראָטן. דער חלוק באַשטייט אין דעם, וואָס דער דעמאָקראַטישער פּאַרלאַמענט האַלט אין זיינע ווענט אַלטע הערשנדיקע קלאַסן אַנטקעגן דעם אונטערדריקטן קלאַס פון אַרבעטער, בשעת דער סאָוויעט האָט אַ שפּאָגלנייעם הערשנדיקן קלאַס, וואָס איז איצט טועם דעם טעם פון געוועלטיקן. אָבער דער אומשטאַנד, וואָס ער פאַרזוכט איצט דעם מאכל פון אַ מאַכט, מאַכט אים ווילדער, גרויזאַמער.

די געפאַר איז דאָ שטאַרקער, ווייל דאָ איז אַ שונא, וואָס פאַלט אויף אייך

ניט אַרויף מיט פויסטן און ציינערשטשירען, נאָר מיט האַלדזן און קושן... און שטיקן...

די מעשה פון דער היסטאָריע איז אַזאַ געשיכטע. סאָציאָלאָגיע איז ניט קיין טויטע סקולפּטור, זי איז דינאַמיש, ניט סטאַטיש, און קלאַסן זענען ניט קיין מאָנומענטן... זיי זענען כסדר אין וועג, זיי געפינען זיך אין אַן אומאויפ־הערלעכן פּראָצעס פון פליסן און גיסן... קלאַסן־געטשן ווערן געבראָכן און נייע געטער ווערן אָפּגעגאָסן, אין די פאָרמעס פון סאָציאַלן קאַמף. קני בייגן זיך. רוקנס בוקן זיך... און מען דינט נייע האַרן. אין סאַמע פּראָצעס פון דער רע־וואָלוציע ווערט געשאַפן אַ קלאַס פון נייע הערשער. און עס איז באַשלאָסן גע־וואָרן צו באַיקאָנירן... איר הערט: צו באַיקאָנירן דעם „סאָוויעט".

ווען עטלעכע חברים זענען צוגעשטאַנען, אַז מען זאָל אַזאַ פינאַליטעט ניט אָננעמען אין אַזאַ איילעניש, האָט מען דעלעגירט אַ חבר, צו פירן אונטערהאַנד־לונגען מיט דעם פּרעזידיום און קריגן מער אינפאָרמאַציע־מאַטעריאַל וועגן דעם געבוי און פיר פון די סאָוויעטן און אונדז עס מיטטיילן.

אויף וויפל איך געדענק, האָבן מיר זיך צו דער פראַגע אַ צווייטן מאָל ניט אומגעקערט (אין הערשן פעריאָד פון אונדזער אַרבעט). עס איז ביי אַלעמען געווען אָפּגעפרעסט: דער „אַרבעטעררעאַט" איז אַ פאַלשע פּרעטענזיע. ניט די אַרבעטער האָבן דאָרטן די דעה, נאָר די רעדלפירער. און פאַר אונדז איז דאָרט קיין פּלאַץ ניטאָ.

איך ווייס ניט, צי מיר האָבן געהאַנדלט אַזוי ווי „רעאַל־פּאָליטיקער" וואָלטן האַנדלען.

איין זאַך איז פאַר מיר איצטער קלאָר:

מיר האָבן געהאַנדלט פּרינציפּעל און אָן קאָמפּראָמיסן.

מיר זענען געווען גערעכט, ווי דאָס שפּעטערדיקע וועט וויזן באַשיינ־פּערלעך.

אונדזער „אידעאַלפּאָליטיק" איז געווען מער רעאַליסטיש ווי די שפּעטער־דיקע „רעאַלפּאָליטיק" און עד היום פיל איך אַ גרויסן רעספּעקט פאַר יענע פאַבריקאַרבעטער, וואָס האָבן די ערשטע זיך אַרויסגעזאָגט קעגן די אַזוי גערו־פענע „אַרבעטערסאָוויעטן".

אַ געזונטער אינסטינקט איז אַמאָל קליגער פאַרן קליגסטן פאַרשטאַנד.

XXVI

די מלוכהשע באַראַטונג

דער גרויסער טעאַטער. — אַ גרויסע געביידע מיט קאָלומנעס.

ווו איז דער בלינדער שמשון, ער זאָל עס איינוואַרפן אין נקמה און אויס־שרייען: „תמות נפשי עם פלשתים"!

דאָס אָפּערעהויז פון מאָסקווע.

אַ פּלאַץ איז דאָ דערביי.
אַ ליניע. אַ טראַמוויי לויפט פאַרביי, קלאַפּט, שרייט און טראָגט זיך אַוועק.
דער טעאַטערפּלאַץ.
דער לעבעדיקער נערוו פון מאָסקווע
אויב לוביאַנקע איז דאָס האַרץ, איז דער טעאַטערפּלאַץ די לונג.
עס אָטעמט אַריין און אָטעמט אַרויס מחנות מענטשן.
אַ ריזיקער בנין.
ער איז פול אָנגעפּאַקט מיט דעפּוטאַטן.
אַ באַראַטונג קומט פאָר; די מלוכהשע קאָנפערענץ.
וואָס, ווען?
פּשוט, אַ קלייניקייט: מען וויל אָפּשטעלן די כוואַליעס פון סאָציאַלן ים.
מען שמייסט זיי ניט, נאָר מען גיסט אויף זיי בוימל פון גלאַטע ווערטער.
אָבער דער ים זידט, קאָכט און שטעלט זיך ניט אָפּ אויף איין מינוט.
און זיי שעכטן עטלעכע זקנים־רעוואָלוציאָנערן און זיי גיסן זייער רויט, הייס בלוט אויף די כוואַליעס.
דער ים קאָכט און ווערט ניט שטילער...
אויפן פּלאַץ שטייען בינטלעך מענטשן.
ווי געבונדן מיט שטריק פון שמועסן.
זיי שטייען און אַמפּערן זיך.
פרעגן און ענטפערן, און דיסקוסיעס פילן־אָן די לופט.
איך לייג צו מיין אויער.
אָט שטייט אַן אַרבעטער אין אַ היטל... מיט שוואַרצע פאַרהאַרטעוועטע הענט... אַ פאַרברענטע צורה... און אַ דרייסטער שטערן.
און לעבן אים אַ פרוי... ווייסע הענטלעך ווי ליליעס, ווי פאַרחלומטע, וואָלט דער פּאָעט זאָגן... אַ פּנימל דין און פאַרשפּיציקט... און געריכן פון גוטע פּערפיומען שפּרייטן זיך אַרום איר, ווי זיי וואָלטן צייכענען מיסטישע צירקלען.
זי, (מיט אַ זאַנפטער שטימע פון אַ שפּילעוודיק האַרץ):
— סטייטש... וואָס הייסט עפּעס... מיר מוזן פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד...
ער (מיט אַ טיפער געזונטער שטימע, ווי אַ האַמער קלאַפּט):
— וואָס הייסט פאָטערלאַנד?... אַרבעט האָט ניט קיין פאָטערלאַנד... ליידיק־גייערס האָט עס, זאָל זי עס פאַרטיידיקן... אָבער דאָס ליידיק אַרומגיין פוילט זיך עס צו טאָן... און עס וויל, אַרבעט זאָל קומען און טאָן עס...
— איר זאָלט עס זאָגן! — סקריפּען אַרויס סטרונעס פון קולכל, — איר זענט דאָך אַ רוסישער... ניט אַבי־ווער... האָט איר דען ניט האָלט מאָסקווע, רוסלאַנד?!
— איך האָב ניט קיין פאָטערלאַנד! — בייזערט ער זיך און שטעכט זי דורך מיט זיין ברוגזדיקן קוק.
— וואָס הייסט עפּעס? וואָס איז דער מער מיט איך!... אַ רוסישער זאָל עס זאָגן... די אויערן חלשן אָפּ, הערנדיק אַזעלכע אומפאַריינטלעכע דיבורים.
— איך זאָג, וואָס אונדזער פּאָעט האָט געזאָגט:

אונדזער פאָטערלאַנד איז דאָרט,
ווו מ׳האָט אונדז האַלט און מ׳גלויבט אונדז —
ציטירט ער לערמאָנטאָוון, אַן איבערפראַזירונג פון אַ לאַטיינישן פּאָעט:
— נו, זאָגט באמת, איר גלויבט מיר? נו, זאָגט באמת, איר האָט מיך ליב?
זי ווערט אַנטשוויגן און טראָגט זיך אָפּ.
זי שאָקלט מיטן קאָפּ. אָבער קעגן לערמאָנטאָוון — וואָס קאָן זי אָנווענדן!
דאָ ניט ווייט שטייט טשאַיקאָווסקי.
מיטן געזיכט צוגעשמידט צו דער געביידע, מיטן רוקן צום פּלאַץ. הויך און גלייך, עפּעס ווי די יאָרן זיינע וואָלטן פאַרבייגעלאָפן די פּלייצעס און זיך כמעט ניט אָפּגעשטעלט... יאָרן ווי טייבעלעך אַוועקגעפליגלט.
גרוי איז ער ווי אַ טויב.
ער הערט די לעצטע ווערטער פון אַרבעטער. די ווערטער שטעכן אים. ער ווערט רויטלעך אין פּנים. קוקט בייז, אָבער שוויגט, קלאַפּנדיק זיינע בליקן אָן די דיקע זיילן.
אַ שמשון וואָלט ער געקענט זיין, אָבער ער האָט זיך אָפּגעשאָרן... און אָנגעוואָרן זיין כוח...
דאָ שטייט דער טאַטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און ער וואָלט וועלן זיין אייגן קינד דערווערגן.
אָבער דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן, אַרויס פון זיין רשות, שטייט שוין אויף די אייגענע פיסלעך, און האָט אַן אייגענעם פאַרשטאַנד.
הויך, שטאָלץ מיט אַ גלייכן רוקן... אָבער ווי צעבראָכן איז זיין נשמה...
צעבראָכענע לוחות דאַרף מען האַלטן אין אָרון...
ער האָט זיך אַריבערגעלעבט אָדער זיך איינגערעדט, אַז ער לעבט... און אַרויס פון אָרון און זיך אַוועקגעשטעלט אויפן טעאַטראַלן פּלאַץ... ער חזרט־איין די ראָלע, וועלכע ער האָט שפּעטער אַזוי טרויעריק געשפּילט אין אַרכאַנגעלסק...
פאַר קיין רעוואָלוציע געדאַכט...
די אַלטקייט לעשט־מעקט, וואָס די יוגנט האָט מיט פייער געשריבן...

— —

עס עס רודערט זיך אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן.
וואָס וויל די מלוכהשע קאָנפערענץ?
פאַר וואָס היט זי זיך אָפּ פון זיי, פון די אַרבעטער?
פאַרוואָס איז זי אַנטלאָפן פון פּעטראָגראַד? וואָס מיינט זי? איז עפּעס מאָסקווע עלטער און קעלטער און שטילער?
מאָסקווע, די אַרבעטערישע מאָסקווע, וועט ווייזן, אַז זי איז אַ געטרייע שוועסטער פון ברודער פּעטראָגראַד.
און מאָסקווע ווערט אָנגעשטויסן.
זי דאַרף ניט, וויל ניט ליידן אַזעלכע אָנקומענישן.
די טראַמווייאַרבעטער נעמען אויף דעם געדאַנק מיט גרויס ענטוזיאַזם און זיי שטעלן אָפּ די טראַמווייען.
מען רעדט וועגן ניט געבן „זיי" קיין עלעקטרישע לייכטונג.

דאָס גייט זיך ניט איין.

אָבער אַן טראַמוויִען בלייבט מאָסקווע, און זי גייט צופוס דעם טאָג פון עפענען די ערשטע זיצונג.

די בלינדע פירער זעען אָבער קיין זאַך ניט.

דאָס זענען פאַר זיי „אויסגעלאַסענע", „צעלאָזענע" אַרבעטער, וואָס שלעכטע אַגיטאַטאָרן האָבן זיי אָנגערעדט צו כל־הבייז.

די טעגלעכע בלעטער צעטראָגן און צעוואַרפן איבער דער שטאָט אַזעלכע פריילעכע בשורות:

רעכטע און לינקע האָבן זיך הענט דערלאַנגט און זיך צעקושט...

די אַרבעטער לאַכן:

די רייכע האָבן אונדז זייער האַנט דערלאַנגט... אָבער אַ פוסטע...

— זיי ווילן בלאָקירן מיט אונדז, — וויצלען זיך די אַרבעטער. — גאַנץ שיין... אָבער מיר פאַרלאַנגען אַ העלפט פון זייער פאַרמעגן... אַ העלפט פון די פאַרדינסטן און שפּאָרונג־רעכענונגען...

זיי זשאַלעווען קיין קושן ניט...

מאָסקווע גלויבט ניט קיין טרערן, ניט קיין קושן...

זיי ווילן אַ קאָאַליציע, אַן ערלעכע... אַזוי האָט געזאָגט בפירוש בובליקאָוו. מיר ווילן עס אויך... אָבער אַן עקאָנאָמישע קאָאַליציע...

די בלינדע פירער האָבן זיך איינגערעדט, אַז דאָס פאָלק, דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק, איז מיט זיי, גייט זיי נאָך, הגם זיי פירן פון גרוב צו גרוב...

אַ שפּאַס! אַלע זענען דאָרטן געווען פאַרגעשטעלט: פון קאַלעדינען ביז... טשכעאידזען... און אַפילו ווייטער און עלטער... ביז פּלעכאַנאָוון און קראָפּאָטקינען.

אָבער וועמען האָבן זיי פאַרגעשטעלט?

קערענסקי האָט שוין דעמאָלט געוומען איינפירן די טויט־משפּטים.

און אַזוי אַרום האָט ער זיך פאַרמשפּט, אַרויסגעטראָגן זיך און דעם צייטווייליקן מלוכה־פיר אַ חייב־מיתה־פּסק.

און אַנשטאָט צו לייענען די „ק" ווי קערענסקי, האָבן מיר זי געלייענט קין...

ער האָט געמאַכט אַ סוף צו דער אידיליע, צו דעם גן־עדן־פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע... אַ סוף צו דער ברודערליבע...

די אַרבעטער און די זעלנער האָבן געקריצט מיט די ציין... און געשאָטן קללות אויף זיין קאָפּ און די קעפּ פון יענע, וואָס זענען געווען מיט אים.

זיי האָבן זיך אָבער ניט־וויסנדיק געמאַכט.

זיי האָבן געמיינט, אַז ווייבאַלד זיי מאַכן זיך ניט וויסנדיק, וועט עס זיי ניט־שאַטן.

קאָרנילאָוו האָט געהאַלטן אַ רעדע פול מיט גיפט און שנאה צו די אַרבעטער.

מער ניט ווי טויבע האָבן עס ניט געהערט.

מער ניט ווי נאַראָנים האָבן אים ניט פאַרשטאַנען.

ווען האָט ער זיין פּרצוף־פּנים באַוויזן? דעם 29טן אויגוסט, ווען ער האָט זיך דערקלערט פאַר אַ דיקטאַטאָר.

און קאַלעדין, דער קאָזאַקישער גענעראַל, האָט שוין כמעט ווי געפּאַכטעט מיטן שווערד...

די אַרבעטערשאַפט, ווי אַלע מאָל אַזוי אויך דאָס מאָל, האָט באַזעסן מער געזונטן פאַרשטאַנד ווי די כלומרשטע פירער זייערע, וואָס האָבן זיך נאַריי־שערהייט געשפּילט מיטן טויט...

איין מאַך מיט קאַלעדינס אָדער קאָרנילאָווס שווערד... און דער קאָפּ פון דער פרייהייט וואָלט ליגן אַ צעטראָטענער אונטער די פיס פון ווייסן פערד, אויף וועלכן עס רייט דער ווייסער גענעראַל.

פאַרן אַרבעטערקלאַס האָט זיך געשטעלט די פראַגע אין איר גאַנצער גרויזאַמקייט:

אָדער אָנצוּווערן אַלץ, אָדער זיך אָפּזאָגן פון די צושטייענדיקע פאַרפּי־רערישע „פירער״ זייערע.

די אַרבעטער האָבן דעמאָלט דערשפּירט, אַז אַ תהום פון פאַרשיידנקייט פון אינטערעסן ליגט צווישן זיי און די אַזוי־אָנגערופענע פירער זייערע.

אַניט, ווי קאָן עס זיין, זיי זאָלן אַזוי בלינד זיין און ניט זען די סכנה, וואָס שוועבט איבער זייערע קעפּ!

די אַרבעטער קלייבן זיך אויף, האַלטן מיטינגען און זענען שטאַרק זיך מיישב: וואָס טוט מען?

זיי פילן, זיי מוזן נעמען דעם רודער אין זייערע אייגענע הענט.

איך גיי מוטיק פון מיטינג צו מיטינג, העלפן די אַרבעטער זיך קלאָר־מאַכן די סיטואַציע. און אומעטום מוז מען זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

איך בלייב אָן אַ שטימע.

הייזעריק ווי די וואַנט. — די שטימע זאָגט זיך אָפּ צו דינען.

אָבער איך קום אָן צו דער טיפּאָגראַפיע פון די קורסקע ווערקשטאָטן.

די אַרבעטער פאָדערן: רייד.

זיי נעמען זיך צונויף אין אַ קרייז, רינגלען מיך אַרום און אַרום. איך, קוים, וואָס איך שעפּטשע. אָבער זיי שלינגען יעדע וואָרט־טרייסט און חשק־צוזאָג...

די אַרבעטער זענען איבערצייגט: אַ קריזיס הענגט אין דער לופט. די רעוואָלוציע מיז זיך אַ בראָך־טאָן: אָדער אַהער אָדער אַהין.

ווער וועט אָנהייבן?

זיכער, אַז די גענעראַלן, אַז די העכערע, פעסטערע קלאַסן וועלן וואַרפן די הענטשקע.

די אַרבעטער גרייטן זיך זי אויפצוהייבן און אַ שמיץ־טאָן זיי אין פּנים אַריין.

זיי נעמען זיך אָרגאַניזירן זעלבסטשטענדיק.

זיי ווערט קלאָר: די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פירן זיי אין זומפּ אַריין... און הענגען זיי אויף אויפן האַלדז מילשטיינער פון באַרישע טעאָריעס און פאַלשע קלינגערייען...

און ווען ברעשקאָ־ברעשקאָווסקאַיאַ רעדט וועגן דער אייניקייט פון רוס־

לאַנד, ווערט דער תהום טיפער און טיפער און ער פאַרשלינגט זי מיט דער געביידע פון גרויסן טעאַטער מיט אַלץ, וואָס איז אין אים.

דער בלינדער שמשון נעמט זיך פאַר די זיילן...

דער בנין פאַלט און יענע, וואָס זענען אין אים, ווערן געהרגעט פּאָליטיש...

אָבער זיי וויסן פון דעם ניט... זיי זעען עס ניט, זיי פילן עס ניט...

אין צוויי חדשים שפּעטער האָבן זיי זיך אפשר דערפון דערוווסט... און אפשר אין צוויי יאָר אַרום...

אַנדערע וויסן עס נאָך עד־היום ניט, אַז זיי זענען טויט, און גייען אַרום אויפן עולם־התוהו...

און ווען זיי דערוויסן זיך עס, איז דאָס פאַר זיי אַ נייס... און זיי נעמען זיך דאָס לעבן...

טויטע נעמען זיך דאָס לעבן...

XXVII

דער שטרויענער קאָזאַק...

אַן אָוונט. ביי טאָג זענען געגאַנגען די זיצונגען פון דער מלוכה־באַראַטונג. אינאָוונט, אין זימינס טעאַטער, האָט באַדאַרפט אַרויסטרעטן צערעטעלי.

מאָסקווע, ווי גאַנץ רוסלאַנד, איז געווען צעטיילט. די אַרבעטער זענען ווייט אַוועק פון זייערע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פירערס, פאַר וועמען סאָציאַליזם איז געווען אַ ליפּן־עבודה און דעמאָקראַטיזם גלאַט אַ צוטשעפּעניש אָדער אַ כלומרשטיקער נאָכגאָב דער ליבעראַלער וועלט. מהיכי תיתא, אָן דעם וואָלטן זיי ניט געקענט ווערן לעגאַליזירט אין דער ליבעראַל־בורזשואַזער וועלט. אַזוי איז דאָס איינגעפירט געוואָרן אין דייטשלאַנד, און נאָכדעם איז עס געבליבן ווי אַ הייליקע טראַדיציע.

די פירער פון דער פּאַרטיי זענען געפאַלן פון טאָג צו טאָג טיפער אין אָפּגרונט פון אָפּאַרטוניזם, ווען די אַרבעטער, פּויערים און זעלנער האָבן זיך געפּלייסט צו קלעטערן דעם באַרג פון סאָציאַלן אויפטו אַרויף. די וועגן האָבן זיך צעשפּאָלטן. ד"ה, דער שפּאַלט, דער ריס, די סתירה פון אינטערעסן, אויף וועלכע עס האָט מיט צענדליקער יאָרן צוריק אָנגעוויזן דאָס נביאישע אויג פון אַ באַקונין, האָט געריסן, אויפגעריסן די אויגן פון אַלטעגלעכן, מער אָדער ווייניקער קלאַסנבאַוווסטזיניקן אַרבעטער.

אַלע האָבן עס געזען, אַלע האָבן עס געשפּירט — אויסער די בעל־דברס. אַזוי פירט זיך עס אַלע מאָל. זיי, די מענשעוויקעס און רעכטע ס. ר., האָבן נאָך אַלץ געמיינט, אַז עס איז „פּאַרצייטן", איידער דער אַרבעטער האָט זיי דערקענט. און מערקווירדיק: זיי מיינען עס נאָך עד־היום. און זיי זענען ערנסט אין זייער טעות און איינגלויבעניש, אַז זיי וועלן קומען צוריק און אָנפירן מיט דער אַרבעטערשאַפט און פּויערים אין רוסלאַנד.

מען האָט גערעדט אויף טיש און אויף בענק, געאַמפּערט זיך מיט בוב־ליקאָוון און זיך געישקנוט, פּשוט אויף ייִדיש, געקושט זיך און אַ קאַאַליציע גע־שאַפן, וועלכע איז געווען שטאַרק ווי שפּינוועבס צום סוף־זומער. פאַרייניקט אַלעמען, געוווּנען אַלעמען — אַפילו קאַלעדינען, דעם קאָזאַקישן גענעראַל, און קאָרנילאָוון. און געוויינטלעך האָבן זיי ניט געזען, אַז זיי אַליין, די רעדלפירער, זענען גענעראַלן אָן זעלנער. די אַרבעטער זענען אַוועק פון זיי, פאַרלאָזט זייער לאַגער. זיי האָבן עס ניט געזען, זיי האָבן זיך מיט דעם ניט גערעכנט. דער תירוץ איז געווען צוגעגרייט פאַר זיי פון סטאָליפּינס צייטן: די שלעכטע אַגי־טאַטאָרן פאַרדרייען די אַרבעטער די קעפּ. עס איז אָבער גאָרניט, זיי וועלן עס באַלד אָפּדרייען, — האָבן זיי זיך געטרייסט.

ווי קאָמיש זיי זענען געווען! ווי קאָמיש איז קערענסקי געווען, סטראַשענ־דיק מיט זיין הילצערנעם שווערדל אויף רעכטס און אויף לינקס. בשעת ער איז ניט געווען בכוח זיך איינצוהיטן ניט פון רעכטס, ניט פון לינקס.

דערוויל איז אָבער געווען „ליהודים״, פריילעך, און די שטימונג אַזוי גע־הויבן, אַז זי איז געזעסן אויפן שפּיץ דאַך פון קייזערלעכן פּאַלאַץ.

צערעטעלי דאַרף אַרויסטרעטן. דער טעאַטער זויפט ממש ליכט, עס ברענט און פלאַקערט. עלעקטריציטעט ווי די זון לייכט, ניט זאָרגנדיק ווער עס איז אין זאַל — אַ זעענדיקער אָדער אַ בלינדער עולם.

די גאַלעריען פאַרפּיקעוועט, פאַרזייט מיט קעפּלעך.

אונטן זענען געזעסן די באַלעבאַטים חשובים, די „גרויסע״ דעמאָקראַטן.

צערעטעלי איז דעמאָלט געווען דער מיניסטער פון פּאָסט און טעלעגראַף. ־אַכט זיך, ער האָט זיך אַנטזאָגט פון גרויסן כבוד צו זיין דער מיניסטער פון אינערלעכע ענינים. די „ענינים״ זענען אים, משמעות, געווען ניט־שטאַרק צום האַרצן. אין יענע צייטן האָבן זיי, די קאַליפן אויף די פאַרביילויפיקע פאַר שעה, שוין געטראַכט גאַנץ ערנסט וועגן... שווער אויסצוריידן... וועגן שטראָפונגס־עקספּעדיציעס... אַנטקעגן די פּויערים, וואָס אין אַנדערע מקומות האָבן זיי זיך ניט אויפגעפירט כדת טשערנאָוו און ס. ר.־פּאַרטיי, און האָבן געטריבן די פּריצים פון די הויפן און פאַרכאַפּט די ערד. מיט איין וואָרט, גרויסע פאַרברעכן באַגאַנגען. די זעלביקע זאַך האָט שיער ניט פּאַסירט ביי די אַרבעטער, וואָס האָבן שטאַרק בדעה געהאַט צו פאַרנעמען די פאַבריקן, זאַכן, וואָס אַ גוטער, כשרער „סאָציאַליסט״ האָט ניט געקענט פאַרליידן.

ס׳טייטש, אָן אַן אַרויסגעגעבענעם געזעץ, ווי קען מען עס טאָן אַזעלכע זאַכן!

טאָ גיט־זשע אַרויס אַ געזעץ!

פאַרשטייט איר מיר, זיי זענען ניט באַפולמעכטיקט. די קאָנסטיטואַנטע, די איינאָרדענונגס־פאַרזאַמלונג, קען עס טאָן.

טאָ רופט זי צוזאַמען!

עס איז אַלץ קיין צייט ניטאָ! זיי האָבן זיך ניט געקענט אויסקלייבן.

לאָמיר גיין צוריק צום טעאַטער.

צערעטעלי אַנטוויקלט זיין פּראָגראַם, די פּראָגראַם פון דער צייטווייליקער רעגירונג.

און די פּראָגראַם, פּשוט גערעדט, איז געווען זייער איינפאַך.

קיין זאַך ניט טאָן און קיינעם ניט לאָזן טאָן פאַרן צוזאַמענקום פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג. און מיט דער פאַרזאַמלונג צו ציִען ווי לאַנג מעגלעך, כדי קיינער זאָל גאָרנישט קענען טאָן, און זי, די צייטווייליקע רעגירונג, זאָל קיינעם ניט לאָזן גאָרניט טאָן.

ער האָט גערעדט אַ שעה צוויי.

דער עולם פון אונטן איז געווען זייער אַנטציקט. דער עולם, וואָס האָט פאַרנומען די ערשטע בענק, איז געווען אַ גאַנץ שיינער עולם, הויכע בייכער, פּעטע, גלאַטע פּנימער... חסידיש און נגידיש...

זיי זענען געווען אויסער זיך פון דער ווונדערלעכער פּראָגראַם. זיי האָבן געמאַכט צערעטעלין אַ לאַנגע, קינסטלעך־אויסגעצויגענע אָוואַציע. זיי האָבן „געשלאָגן קיכעלעך" מיט גרויס הנאה, אַריינלייגנדיק כמה וכמה טעמים אין דעם, בעיקר די גאַלאַרקע זאָל צעפּיקעט ווערן.

בת־קולס האָבן זיך געטראָגן ניט פון הימל, נאָר פון אונטן, פון די ערש־טע שורות: „לאַנג זאָל לעבן דער מנהיג פון דער דעמאָקראַטיע!"

אַ דונער פון הוראַס האָט עס באַדעקט. זייערע אָפּגעגעסענע פּנימער האָבן געשוויצט, געברענט, און די מיילער זענען געווען אָפן; גאָלדענע ציינער האָבן געבלישטשעט... זיי האָבן געקולעוועט און גערעשט.

דער מנהיג! הוראַ!

די גאַלעררייען זענען שטומע און זיי נעמען אַרום דעם זאָל פון אַלע זייטן, לויפנדיק אין קויק און קלעטערנדיק איינע איבער די אַנדערע, פאַר פינף מאָל איבערגעחזרט.

די גאַלערייען זענען שטום. און דאָ אויבן איז דאָס האַרעווענדיקע רוס־לאַנד, יענע טייל, וואָס פּראַצעוועט ווי אַן אייזל און שטאַרבט ווי אַ טויב, אויס־ציִענדיק דעם האַלדז צום שוחט:

נאַ, שנייד־איבער די רוב־סימנים. נאָר מאַך אַ ברכה ווי געהעריק און פאַרגלאָץ יראת־שמימדיק די אויגן...

עס וויל אָבער מער קיין טויב ניט זיין! וויפל איז דער שיער?!

און עס קריגט גאַל און שפּייט מיט גאַל אין די פּעטע פּנימער אַריין פון די פּעטע שוחטים און קצבים...

די ערשטע בענק „קערן וועלטן", „מעקירן מעשים". עס קאָסט דעם פאַר־זיצער אַ סך „מי" און אָנשטרענגונג כלומרשט אָפּצוקילן זייער צו־הייסע קעל־בערנע התלהבות...

עס פאַנגט זיך אָן די דיסקוסיע.

מען דערלאָזט פרעגן פראַגן.

מען גיט מיר צען מינוט.

איך בין געווען דער איינציקער אָפּאָנענט, פּראָגנשטעלער, אויב ניט צו רעכענען יענעם, וואָס האָט געמורמלט עפּעס וועגן די ייִדן און די „אַנדערש־געבאָרענע", וואָס האָבן פאַרכאַפּט אַלע קאָמיסאַריאַטן. האָבן מיט גרויס טומל און ליאַרעם אַ פּאָר יונגעלייט אים אָפּגעפירט אין קאָמיסאַריאַט, אויפן אַלטן

לשון אין נייעם „אוטשאַסטאַק". גיי אַפּאַניר, ווען די אַלטערנאַטיווע איז אָדער רסוק־אברים דאָ אויף אַן אָרט, אָדער דער אַלטער אייביק־נייער „איר זענט אַרעסטירט"... און מען פירט אייך אָפּ בכבוד, מיט באַגלייט.

איך שטעל די פּאָר פראַגן, וועלכע האָבן זיך אַליין געשטעלט, וועלכע זענען געלעגן אויפן שפּיץ צונג פון דעם האָראָפּאַשענדיקן רוסלאַנד.

און דער „אונטן", דער „פּעטער דעמאָקראַט", דעמאָנסטרירט זיין גרויס סבלנות און טרייקייט צו פרייהייט פון וואָרט. כמעט, אַז זיי וואַרפן זיך אויף כּיר מיט די פויסטן, זיי ווילן מיך צעררייסן ווי אַ הערינג פאַר די לעסטערדיקע רייד פון מיינע זינדיקע לעפצן און אַ וואַלד מיט שטעקנס וואַקסט ארויס פון אונטער די בענקלעך.

אָבער דער פּאָרזיצער באַהערשט זיי, באַרויִקט זיי, דערמאָנט זיי, אַז הגם זיי זענען שלא־כדרך־הטבע גרויסבייכיק, זענען זיי דאָך דעמאָקראַטן... און פרייהייט פון וואָרט איז איינע פון די עשרת־הדברות. זיי קענען זיך אָבער ניט איינהאַלטן און זיי טופען מיט די פיס, קלאַפּן מיט די בענקלעך, קוויטשען, פיס־קעווען. זיי קענען ניט דולדן אַזעלכע חרוף־וגדוף־ווערטער... און די שטעקנס אין זייערע הענט קלאַפּן זיך אָפּ אַן דיל.

די גאַלערייעס אָבער, זיי אויף צו־להכעיס, אַפּלאָדירן און ווייזן דייטלעך אַרויס, אַז זיי זענען פאַרן אָפּאָנענט, קעגן רעדנער. זיי זשאַלעווען ניט זייערע פאַרמאַזאָלעטע הענט.

עס איז באמת כמעט קיין מעגלעכקייט ניטאָ צו ריידן.

איך ברענג קוים אַרויס איין וואָרט — דער „אונטן" רייסט די ערד, דער „אויבן" דונערט מיט איינשטימונג.

אַזוי אַז אַפילו דער פאָרזיצער האָט איינגעזען, אַז אין צען מינוט קען מען אונטער אַזעלכע אומשטענדן גאָרניט באַווייזן צו זאָגן. און ער איז מיר מוסיף און מוסיף.

למה רעשו גוים? — וואָס האָט דער „אונטן" אַזוי געפילדערט אַנטקעגן מיר? וואָס האָב איך געפרעגט? — פשוטע פראַגן.

ערשטנס: אויף וואָס דופעט דער אָפּאָרטוניזם? אויף דעם שפּרוך: „אינמיטן כּאָרט מען אויפן גאָלדענעם שליטן", אַ שיטה, וואָס האָט אַ גרויסע באָרד, וועלכע די אייניקלעך האָבן לאַנג שוין אויסגעצופּט...

די לערע מכוח דעם מיטן, דאָס האַלטן זיך צווישן צוויי עקן, איז פאַרמורירט געוואָרן פון אַריסטאָטעלען, איבערגעחזרט געוואָרן פּאָעטיש פון ווירגילן אַריינגעבראַכט צו די יידן דורך מאימאָנידן.

היינט איז אָט־דער לעפּלעכקייט־שטאַנדפּונקט אָפּגעפרעגט. ער איז פאַרשטאַנענע געקעבץ צום אַרויסגיסן.

אויב אַ זאַך איז גוט — דאַרף מען זיין עקסטרעם אין דעם און פאַר דעם!

אויב אַ זאַך איז שלעכט — דאַרף מען זיין עקסטרעם קעגן דעם.

אַזוי האַלטן היינט היינטיקע דענקער און לערער. דער מיטן איז ניט אַהער און ניט אַהין, אַ דורכפאַל פוןביידע צדדים.

אויב מלוכה־סאָציאַליזם איז אַ ווילדע זאַך — דאַרף מען זיין מיט כל־הכוחות פאַר אים.

אויב ער טויג אויף־כפרות, דאַרף מען זיין כנגד אים, באַקעמפן אים מיט כל המיטלען.

דאָס גאַנצע סיסטעם און פסיכאָלאָגיע פון מענשעוויזם, ווו איר טרעפט זיי, זיינען פּרוכנע.

עס ווייזט בלויז, אַז עס פעלט ווילן און אַנשטאָט ווילן געברויכט מען אַן אָנגעבלאָזענעם פּענכער מיט פּוילעריי און טואונגס־פּחדנות.

וויטער: טויט איז אַן אייביקע (אין אונדזער היינטיקן פאַרשטיין) קאַטע־גאָריע.

די רעגירונג אונדזערע איז אַ ציטווייליקע.

ווי אַזוי נעמען זיך די ציטווייליקע רעגירער דאָס רעכט אַרויסצוטראָגן טויט־אורטיילן?

זיי האָבן עס געוואָגט צו טאָן. זיי האָבן איינגעפירט טויט־פּסקים פאַר די יע־ניקע, וואָס זענען אָפּגעשטאַנען יאָרן־לאַנג אויפן פראָנט און וועלכע האָבן זיך, צום סוף, ארומגעזען, אַז זייערע כוחות לאָזן זיך אויס, אַז זיי קענען עס מער ניט אויסהאַלטן. און זיי האָבן פאַרלאַנגט צו גיין אַהיים. אָט־די פרישינקע, נאַר־וואָס פון נאָדל־אַרויס שררות האָבן עס אָנגערופן די אויסגעשעפּטע, אויסגעמאַ־טערטע זעלנער — דעזערטירן. וואָס זיי זענען באמת געווען, איז: פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן ניט געוואָלט זיך מוסר־נפש־זיין פאַר מיליוקאָווס דאַרדאַ־נעלן און פאַר קערענסקיס פּוסטע פראַזן מכוח דעמאָקראַטיע.

אַפּנים זיי מיינען, אַז די „קאָנסטיטואַנטע" וועט מחיה־המתים זיין, לעבע־דיק־מאַכן צוריק יענע, וועלכע זיי וועלן טויטן.

וויטער: אויב די מלוכה האָט ניט קיין רעכט צו געבן די פּויערים לאַנד, ניט אָנפרעגנדיק זיך פאַר דעם ביי די פאַרשטייער פון פאָלק, פאַרוואָס האָבן זיי דאָס רעכט צו הייסן די זעלנער אַטאַקירן די דייטשן נאָכן שטילשטאַנד, וואָס דאָרטן האָט געהערשט, ניט פרעגנדיק די „פאַרשטייער" פון פאָלק?

וויטער: אויב שוין יאָ אַפּאָרטוניסטן און פּשרה־מאַכער, פאַר וואָס זענען זיי דאָ, אין דעם ענין פון מלחמה, ניט געווען קיין „ניט אַהער און ניט אַהיני־קע"? דאָ זענען זיי שוין דווקא געווען עקסטרעמיסטן און אָנגעווענדט אַזעלכע שטרענגע מיטלען ווי טויט־אורטיילן... און דווקא קריג... אַגרעסיוו...

ווו און ווען עס האָט זיך געהאַנדלט מכוח טאָן עפּעס פאַרן פאָלק, דאָרט און דעמאָלט זענען זיי געווען וואַקלדיק, אָבער קעגן פאָלק — זענען זיי געווען גאַנץ שטייף און תּקיף.

דער „אונטן" האָט זיך די שיך צעריסן טופּענדיק, הייזעריק געוואָרן שריי־ענדיק: „פאַררעטער", „פאַררעטער!" געבושעוועט ווי ווילדע חיות ווען אַראָפּ־געלאָזן פון קייט פון שטילקייט.

ביי דער געלעגנהייט וואָלט ניט שאַטן אָנצומערקן, אַז צום ערשטן האָבן איינגעפירט דאָס נוצן ברבים דעם דאָזיקן שוין גוט־באַקאַנטן עפּיטעט דווקא יענע, וואָס זענען אַזוי ברוגז און מלא־רוגזא געווען, ווען מען האָט אים שפּע־טער אָנגעווענדט אויף זיי.

דאָס זעלביקע בנוגע טויטאורטייל. זיי האָבן קיין צייט ניט געהאַט זיי איבערצופירן פון פּאַפּיר אין לעבן אַריין און פּראַקטיצירן עס אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב — אָבער חשק האָבן זיי געהאַט דערצו און נאָך וואָס פאַר אַ חשק!

נאָר מילא, אַלע קענען דאָס ווערטל פונעם האַטענטאָט וועגן דעם, וואָס ס'איז „רעכט“ און וואָס ס'איז „אומרעכט“.

אַן אָוואַציע פון „אונטן“ און אַ טופּעריי, דאָס מאָל, פון „אויבן“.

צערעטעלי שטעלט זיך פאַרענטפערן די פראַגן, צעזעגן די קלאָץ־קשיות, וואָס איך האָב אַוועקגעלייגט אויף דער בימה.

ער איז הויך און דין. די אויגן טיף און אַ פייער אין זיי.

ער ברענט ווי אַ ליכט פאַר אַן איקאָנע.

עס שמעלצט דער חלב פון פראַזן.

שוים טרעט אַרויס ביי די ווינקעלעך פון מויל.

דאָס ווייסע פאַרטיפט דאָס שוואַרצע פון זיין געזיכט.

ער שלאָגט זיך אין האַרצן כמעט על־חטא, אויסשרייענדיק:

יאָ, די „בגדי כהונה“ פון דער רעוואָלוציע זענען פאַרפלעקט מיט בלוט...

און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. די זאַג איז טעמפּ און די קלעצער בלייבן ליגן ניט צעזעגטע. ער, דער זעגער, סאָפּעט, ווערט פאַרמאַטערט, שוויצט... דעכעט...

אַ פראַגע איז ניט גענוג, איר ווייסט דאָך אַלע מן הסתם; כדי מ'זאָל זי פאַר־ענטפערן, דאַרף מען זי אַראָפּנעמען אַזוי, אַז עס זאָל גאָר קיין פראַגע ניט זיין.

און דאָס האָט ער בשום־אופן ניט געקענט באַווייזן.

אַפילו דער פעטער חלק פון די הערער פאַרלירן זייער באַגייסטערונג.

עס פילט זיך אַן אָנגעבראָכנקייט.

אָנגעבראָכנקייט — ניט איבערגעבראָכנקייט; אַ קווענקלעניש, אַ וואַקלע־ניש. פּאָליטישע פּאָמפּעדיקלען.

אַ גרויסע חולשה, רחמנא ליצלן.

זיין הייסער טעמפּעראַמענט העלפט אים ניט.

עס ברענט שטרוי, עס שטייגט אַרויף אַ זייל רויך פון פאַרטונקלעניש.

עס רעדט דער גרעסטער ראָמאַנטיקער, דער לענסקי, ווי איך האָב אים דעמאָלט עפּיטעטירט, פון דער רוסישער רעוואָלוציע, דער „ערשטער פאַר־ליבטער“.

שיין און צערטלעך, האַרציק — אָבער אָן כוח און אָן גאַנצקייט. ער קען זיך פאַרליבן — ער קען אָבער ניט ליבן.

קיין רעוואָלוציאָנער ביזן סוף, אָן אָפּשטעלעניש און פאַרקירעווענישן, האָט ער ניט געוואָלט זיין; און אַ טיראַן — ער וואָלט עס אפשר וועלן, אָבער ער קען עס ניט באַווייזן. עס פעלט אים אכזריות... גראָבקייט, ווילדקייט. און אַזוי איז ער געבליבן הענגען צווישן צוויי אוממעגלעכקייטן.

און ווען ער און זייער גאַנצע חבריא האָבן געסטראַשעט, גערעדט שרעק־לעכע דיבורים, האָט עס געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ דעקלאַמאַציע אין דעם מויל פון אַ קליינשטעטלדיקן אַקטיאָר.

קיין רעוואָלוציאָנערן ווילט איר ניט זיין.

קיין טיראַנען קענט איר ניט זיין. הייסט עס, איר וועט אינקורצן אַוועק... דאָס איז געווען קלאָר באותו־שעה, צו טויזנטער, די וועלכע האָבן בייגעוויינט אָט־דעם טורניר.

אַ שטרויענער קאָזאַק! זענען געווען מיינע לעצטע ווערטער־געדאַנקען.

XXVIII

דער האַלב־יאָר

אין אווידיטאָריום פון מאַרקן אין „זאַמאָסקוואָרעטשיע", „מעבר־לנהר", אין דעם קוואַרטאַל, ווו עס ווינען די אוכלוסין פון די מאָסקווער אַרבעטער.

דער זאַל איז אָנגעפּאַקט מיט אַרבעטער און אַרבעטערנס.

די שטימונג אַ געהויבענע און אַ געדריקטע.

עס איז טונקל אַרום און דער וועג פאַרלירט זיך אין שטעג־פאַרדרייעניש.

די אַרבעטער ווערן אומגעדולדיק.

די רעוואָלוציע ציט זיך ווי פון פעך.

דאָס מויל רעדט און מיינט גאָרניט.

די פּען שרייבט און האָט ניט קיין כוונה דערביי.

דער אַרבעטערקלאַס אַלס אַזוינער איז ניט קיין פילאָזאָף.

ער הערט די קלוגע רייד און „טיפע" רעיונות פון די אַדוואָקאַטן פון קאַפּיטאַליזם און ליבעראַליזם, (וואָס מיינט באמת אין זייער אויסטייטשונג ריין קאַפּיטאַליזם אָן אַ צומיש פון פעאָדאַליזם) — וואָס שלאָגן זיך אין ברוסט און שרייען מיט קול־קולות, אַז זיי זענען סאָציאַליסטן — און דער קאָפּ דרייט זיך אים.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער געמיינט, אַז אָט־די מענטשן, אָט־די פּאַרטייען, זענען זיינע באַשיצער.

און איצטער — עפּעס נייע מענטשן, נייע געשטאַלטן.

זייערע וועגן זענען ניט זיינע וועגן.

זיינע פאַרלאַנגען — זענען ניט זייערע.

וואָס ער, דער אַרבעטער, וויל — זאָגן זיי, אַז מען טאָר עס ניט וועלן, אַז עס איז אָסור חזיר.

וואָס ער וויל ניט, וויל בשום־אופן ניט, זאָגן זיי, זיינע סאָציאַליסטישע פירער, אַז מען מוז עס טאָן, זיין חוב איז עס יאָ צו טאָן.

די פאַבריקן נעמען — אָסור.

אַהיימגיין, אויפהערן די מלחמה, וועלכע קיינער דאַרף ניט, וועלכע איז פאַרשפּילט אויף אַלע אופנים, ווען מען געווינט זי אַפילו — טאָר מען ניט; מען דאַרף זי פאָרזעצן. ביז וואַנעט? ביזן נצחון.

פאַר וואָס? פאַר די דאַרדאַנעלן!

אויף וואָס דאַרף מען זיי, די דאַרדאַנעלן?

רוסלאַנד איז צו גרויס, צו ברייט, צו לאַנג, אַ זעקסטל טייל פון דעם וועלט־שטח פאַרנומען, און דער פויער גייט אין לאַפטשעס, און דער אַרבעטער ווערט אויסגעריסן — וואָס איז דער נוצן פון איינגעמען נייע געגנטן, נייע „לענדער"!

איינפירן ליבעראַליזם!

עס זענען דאָ לענדער, ווו אַט־די שיטה איז פאַרווירקלעכט און דער אַרבעטערקלאַס איז דאָרטן ווייט ניט צופרידן. די רוסישע אַרבעטער ווייסן עס.

דער אַרבעטער פילט, אַז די מענטשלעכע געשיכטע איז אַן אוניווערסאַלע, ניט קיין נאַציאָנאַלע.

צי דען מוז מען איבערחזרן אַלע טעותן, וואָס אַנדערע לענדער האָבן געמאַכט! רוסלאַנד איז אָפּגעשטאַנען.

יאָ, אָבער איז דאָס אַ מוז־זאַך, אַז עס דאַרף נאָכמאַלפּעווען די אייראָפּעיִשע לענדער?

און וואָס נעמען פון זיי?

דאָס ערגסטע, דעם גרויסקאַפּיטאַל.

אַן אַרבעטער איז ניט קיין גרויסער טעאָרעטיקער.

אָבער ער האָט אַן אינסטינקט און ער פילט בחוש, אַז די אַזויגערופענע אַרבעטער־פריינט זענען באמת היציקע דרשנים און פאַרטיידיקער... פון וואָס? פון הויכן, קאָנצענטרירטן קאַפּיטאַל.

דער אַרבעטער, דער פויער פילט — זיי זענען זיינע דם־שונאים, זיי שטעכן אים אַ מעסער אין האַרצן אַריין.

ער פילט, ער האָט אָבער מורא. ער טרויט ניט זיינע געפילן. נאָך נעכטן האָט ער געמיינט, אַז זיי זענען הייליקע גייסטער, אָן גופים, אָן פניות און אָן עקאָנאָמישע כוונות, אַז זיי זענען גאָט די נשמה שולדיק.

עס איז אים אַזוי שווער צו פועלן ביי זיך, אַז מען דאַרף זיי, זיינע „גוטע פריינט" און „בעל־עצות", געבן אַ בייגל און זאָגן ווי ר' רבי העשעלע: אָפּ־חבר!

כי נבוכים הם... דער אַרבעטער איז צעשלאָגן אין זיינע געדאַנקען. ער זוכט אַ וועג, אַן אויסוועג, ער טאַפּט מיט די הענט, מיט די פיס, ער וויל שפּירן דעם גרונט און אַליין נעמען געפינען דעם שליאַך.

ער ווייסט, אַז ער איז פאַרפּירט.

ווי אַזוי ווערט מען פטור פון זיי, פון זיינע „ידידים בלב־ונפש", וואָס „צערייסן זיך דעם פּעלץ" פאַר זיינעטוועגן, שרייענדיק אין איין קול, אַז נאָר קאַפּיטאַליזם, אין איינער אָדער אַ צווייטער פאָרעם, איז די בעסטע אָרדענונג פאַר די בעסטע פון די געזעלשאַפטן.

דער אַרבעטער איז בפועל־ממש אַ שוואַם.

דער באַזוך אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען איז אין־לשער גרויס.

דער אַרבעטער ברעכט זיך דעם קאָפּ, עס אַרבעט זייער אינטענסיוו זיין טראַכטונגסמאַשין, — ער וויל זיך דערקענען און געפינען די מיטלען, די כוחות, מיט וועלכע זיך צו באַפרייען.

דער זאַל איז איבערפול; אַן עפּל האָט ניט ווו אַראָפּצופאַלן. מען שטייט בפועל־ממש איינער אויפן אַנדערן.

אַ טיש איז צוגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך און עפּעס רויטס בלוטיקט אויף אים; אַ רויט בעקל אויף אַ בלאַסן פּנים.
עס זיצן אַרום טיש די פאָרשטייער פון דעם גאַנצע ביסל גוטס, וואָס מיר האָבן דעמאָלט פאַרמאָגט, דאָס הייסט, אַלע יענע פּאַרטייען, וואָס ווייסן גאַנץ גוט, אַז אַזוי ווי דער פּראָלעטאַריאַט האָט גאָרניט וואָס אָנצוווערן, האָבן זיי, „זיינע" פּאַרטייען, וואָס צו געווינען...
דאָ זענען פאַרטראָטן אַלע שאַטירונגען: די רעכטע און לינקע און אויסגעלונקענע אין די מלוכה־סאָציאַליסטישע רייען.
דאָ איז דער פּרעזידיום. אין אים זענען פאַרטראָטן אַלע פּאַרטייען, די רעכטע ס. ר. און לינקע ס. ר., די רעכטע מענשעוויקעס, די „לינקע מענשעוויקעס", די „אינטערנאַציאָנאַליסטן", און וואָס אין דער פּאַרטייאיש־פּאָליטישער קאָרט שטייט.
מען עפנט דעם יום־טובדיקן מיטינג. אַ האַלב יאָר איז אַריבער זינט דער פעברואַרער רעוואָלוציע.
מען רעדט. מען באַרימט זיך. מען דרייט דעם אַרבעטער אַ קאָפּ, און אַלץ אַזוי קלוג און חכמהדיק, שכלדיק, וויסנשאַפטלעך.
מען דאַרף באמת זיין אַ שוטה־ארץ, צו מיינען, אַז די עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטערקלאַס הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך אין דער פאַבריק.
מען דאַרף באמת זיין אַ בלינד פערד, ניט צו זען, אַז די טראַנשייען פון דעם הערשנדיקן, אָדער צו הערשאַפט גייענדיקן, קלאַס, ליגן ווייט פאַרבאַהאַלטן אין זייערע כלומרשט ריין־אַקאַדעמישע, היסטאָריש־פילאָזאָפישע חקירות מכוח „באַטירלעכע פּראָצעסן" וכדומה מיסטישע פאָרמולעס.
מיר באַטייליקן זיך ניט אין פּרעזידיום.
בכלל האָבן מיר זיך אין רוסלאַנד בשעת דעם הערויִשן פעריאָד פון דער רעוואָלוציע געהאַלטן אָן אַ זייט פון דער גאַנצער שאַטיע. מיר זענען קיינמאָל, אויף וויפל איך ווייס, על־כל־פּנים באַהויפּט איך עס זיכער פאַר מאָסקווע, ניט אריינגעטראָטן מיט זיי אין קיין בלאָק אָדער אָפּמאַך; אַפילו ניט מיט די מאַקסימאַליסטן.
מיר זענען געווען קעגן וועלכער ניט איז קאָאַליציע.
דאָ אין זאַל בין איך בלויז אַ „גאַסט". אייגנטלעך זענען דאָ אַלע אַרבעטער בלויז געסט. די באַלעבאַטים, די מחותנים, די בעלי־שמחה, זענען די רעדלפירער.
איך בעט דאָס וואָרט.
דער פּרעזידיום וויל מיך פאַררוקן טיף אין אויוון אויף טשאַלנט.
דער עולם פאָדערט אָבער, מען זאָל מיר גלייך געבן דאָס וואָרט, איידער עס וועט זיך ענדיקן די לאַנגע שרענגע פון דער ענדלאָזער צאָל פאָרשטייער פון די „צאָלרייכע" פּאַרטייען.
דער פּרעזידיום גיט־נאָך.
מען גיט מיר דאָס וואָרט, און אַ באַשטימטע צייט, וויפל עס פאָדערט זיך פאַר יעדן רעדנער.
מיין צייט גייט־אויס.
דער עולם, די אַרבעטער, וואָס זענען געווען אין זאַל, און אויסער אַרבעטער

איז אין זאַל קיינער ניט געווען, די פּראַצע־פּריצים, זענען געזעסן אויבנאָן ביים טיש, פאָדערן, מען זאָל מיר לאָזן וויטער ריידן. דער פּרעזידיום אַנטזאָגט.

די אַרבעטער באַשטייען אויף דאָס זייעריקע.

דער פּרעזידיום סטראַשעט; ער וועט זיך אַנטזאָגן און פאַרלאָזן דעם זאַל.

די אַרבעטער באַגעגענען זייער סטראַשונעק מיט אַ גרויסן געלעכטער.

דער פּרעזידיום פאַרלאָזט דעם אויבנאָן און רוקט זיך אַרויס פון זאַל; דער אַרבעטער־עולם באַגלייט זיי מיט דונערן און געלעכטער.

איך דערמאָן די דאָזיקע איינצלהייט, כדי אויפצודעקן די באַציִונג פון די אַרבעטער צו „אונדז" און צו זיי.

צו אונדז מיין איך חס־וחלילה ניט צו מיר פּערזענלעך. די אַרבעטער האָבן מיך ניט האָלט געהאַט פאַר מיינע „שיינע אויגן".

„זיי", די „פּאַרטייען", האָבן שענערע אויגן געהאַט. זיי זענען געווען בעסער באַשמינקט און באַפּודערעוועט.

זיי האָבן מיך ניט האָלט געהאַט פאַר מיינע „שיינע רייד".

זיי האָבן שענערע פראַזן געהערט. ווער קען שענער ריידן פון אַ פּראַצע־פּריץ, ווען ער נאַרט־אָפּ דעם אַרבעטערקלאַס.

און אַזוי ווי עס האַנדלט זיך וועגן מיר, מוז איך זאָגן: איך בין קיינמאָל קיין שיינער רעדנער ניט געווען און איך האָף, אַז איך וועל עס ניט זיין.

די מעשה איז פּשוט:

איך האָב געזאָגט דעם אמת דעם אַרבעטערקלאַס.

איך האָב אויפגעדעקט אַן אמת, אַ קלאַסן־אמת, צו אַן אונטערדריקטן קלאַס. דעם אמת האָבן אַלע פיינט.

עס זענען אָבער דאָ ציטן, ווען מען האָט אים האָלט מיט לייב און לעבן.

און דאָס איז די צייט פון אַ רעוואָלוציע, בשעת זי האַלט אין איר סאַמע בראשית.

די אַרבעטער, הערנדיק מיך זאָגן דעם אמת, זענען געשטאַנען פאַר מיר שטאָל און אייזן, און זיי האָבן זיך וויניק געקימערט, וואָס זיי קענען אָנווערן צו־ליבן אמת זייער פאַלשן פּרעזידיום.

איך רייד, ווי עס רעדט אַ האַרץ צו אַ האַרץ, אַ קלאָרער פאַרשטאַנד צו אַ קלאָרן פאַרשטאַנד.

דער פאָרזיצער, וועלכן די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעקליבן, נאָכדעם ווי דער פּרעזידיום האָט זי פאַריתומט, האָקט מיר איבער:

— חבר גאָרדין, איך וויל עפּעס איבערגעבן, אַ וויכטיקע טעלעגראַמע איז אָנגעקומען. ער לייענט איבער די באַרוואָס דערהאַלטענע טעלעגראַמע. זי טיילט מיט, אַז קאָרנילאָוו האָט אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן קערענסקין.

דאָס דערהערנדיק האָב איך געזאָגט:

— איצטער איז אונדזער זיג זיכער.

באמת, אין אָט־דעם אויפשטאַנד איז געשמידט געוואָרן דאָס געווער פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אין יולי זענען מיר דורכגעפאַלן. פאַרוואָס?

פשוט, דער אַרבעטער האָט נאָך אַלץ געמיינט, אַז לכל־הפחות זענען די רעכטע פּראַצע־פּריצים פּעיִק אָפּצוהיטן דאָס לאַנד און פאַרזיכערן עס קעגן אַ רעסטאַווראַציע פון דער פאַרשאַלטענער זעלבסטהערשונג.

צוויי חדשים זענען אַריבער און דער אַרבעטער האָט זיך איבערצייגט, אַז אַפילו אויף דעם זענען זיי אויך ניט פּעיִק.

און ער האָט באַשלאָסן איבערצושפּרייזן אומברחמנותדיק איבער זייערע פּאָליטיש־טויטע קערפּערס.

קאָרנילאָווס אויפשטאַנד, אין וועלכן עס איז געווען פאַרמישט סאווינקאָוו און נאָך „גרויסע פיגורן" מיט אַ קאָלירפולער פאַרגאַנגענהייט, האָט באַוויזן קלאָר, אַז די סכנה פון רעכטס איז גרויס און אַז קערענסקי און די גאַנצע חבריא, וואָס אַרום אים, וועלן זיך ניט קענען קיין עצה געבן קעגן די רעאַקציאָנערן. ווי אַזוי וועלן זיי ליזן די אַרבעטער־פּראָגע?

דער אָפּגעשטאַנענסטער אַרבעטער האָט געוווּסט, אַז די פּראַצע־פּריצים זענען צו פויל און צו פאַרפוילט, זיי זאָלן זיך עס אונטערנעמען צו טאָן.

די אַרבעטער האָבן אָבער געגלויבט, אַז זיינע פּראַצע־פּריצים ווייסן דעם וווּנדערבאַרן סוד, ווי אַזוי איינצוהאַלטן דאָס לאַנד אינמיטן און עס באַלאַנסירן צווישן אַלע שטרייטנדיקע ריכטונגען און קלאַסן. ווען די האַרעפּאַשניקעס האָבן אַנטדעקט, אַז דאָס קענען זייערע נייע אַדונים ניט אויפטאָן — האָבן זיי גלייך אונטערגעשריבן און אָפּגעחתמעט זייער גזר־דין.

קאָרנילאָווס בונט האָט געשאַפן דעם פאַרבאַדינג פאַר דעם אָקטאָבער־רעוואָלט.

אָקטאָבער איז געלעגן אין בויך פון אויגוסט.

אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אַ קינד פון דער אויגוסט־קאָנטראַרעוואָלוציע.

אָן קאָרנילאָוון וואָלט לענין גאָרניט געקענט אויפטאָן.

XXIX

ריגע איז געפאַלן

ריגע איז געפאַלן.

אַ קלייניקייט: ווען מען שערט די לאַמען, ציטערן די שעפּסן. און דער שעפּס פּעטערבורג האָט געציטערט. אָבער וועמעס פּעטערבורג...

יעדער האָט געהאַט זיין רוסלאַנד און זיין פּעטערבורג.

באַלמאַנט, דער גרויסער פּאָעט, האָט אַרויסגעלאָזט אַ ברום־קללה: פאַר־שאָלטן איז יענער, ווער עס פאַרטיידיקט ניט זיין מאַמען.

און איך האָב געזאָגט אין פּאָליטעכנישן מוזייום פאַר אַ גרויסן קהל פון אַרבעטער:

„עס איז געווען אַ ציגיינער, האָט ער געהאַט 12 פערד. 11 געגנבעטע און איינס אַן אייגנס. ווען עמעצער פלעגט אַ טשעפּע טאָן אַ פערד, וועלן אים עס צונעמען, פלעגט דער ציגיינער יעלהן: „מיין פערד", הגם עס זענען אים נאָך פאַרבליבן צען געגנבעטע.

„ווען מען וואָלט נעמען מאָסקווע — דעמאָלסט, אפשר, וואָלט זיך עס האַנדלען וועגן דער מאַמען. מען נעמט ריגע — און דאָס איז שוין די מאַמע!".

ריגע איז געפאַלן.

און דער אַרבעטער האָט זיך ווייניק אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. וואָס־וואָס, פון דער טעריטאָריע איז געבליבן אין רוסלאַנד געננוג אָן ריגע.

ווער האָט עס געדאַרפט.

ווער האָט עפּעס געהאַט פון דעם?

ריגע איז געפאַלן און קאָרנילאָוו איז אויפגעשטאַנען. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, דער נאַר, אַז וויבאַלד ריגע איז געפאַלן — וועט ער אויך פאַלן.

קאָרנילאָוון האָט זיך געחלומט אַ מיליטערישע דיקטאַטור.

נאָך אין יולי־חודש האָט ער געפאָדערט טויט־פּסקים פאַר יענע, וואָס האָבן ניט געוואָלט זיין קיין מערדער און זענען געלאָפן פון פראָנט אַהיים.

קערענסקי איז געוואָרן דיסקרעדיטירט פון ביידע זייטן.

איך מיין ניט קערענסקין אַלס אַ מענטשן, איך מיין אים אַלס דעם פאַרשטייער פון דער ציטוויליקער רעגירונג.

ערשטנס האָט ער באַוויזן זיין שוואַכקייט דורך דעם, וואָס ער איז ניט געווען פעיִק אָפּצוהיטן זיין גאָלדענעם שליטן, מען זאָל אים ניט איבערקערן אויף רעכטס.

צווייטנס — די מעשה סאווינקאָוו און די מעשה וועגן די מיליטערטיילן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אויף פּעטראָגראַד, און אַ סברא, אַז ער האָט לכתחילה מסכים געווען דערצו און אַפילו אַליין פאַרבעטן זיי, דערנאָך האָט ער זיך איבערלייגט, ער האָט זיך דערשראָקן...

קאָרנילאָוו האָט ניט פאַרגעשטעלט קיין אמתע געפאַר.

קאָרנילאָווס ארמיי איז צערונען געוואָרן אויפן וועג... צעשמאָלצן געוואָרן צוקומענדיק נאָענט צום קאַלכאַויון פון דער רעוואָלוציע.

אָבער קאָרנילאָוו איז געווען אַן אָנצוהערעניש און אַ וואָרענונג.

עפּעס ווי די השגחה עליונה פון דער רעוואָלוציע האָט אים געשיקט צו געבן אַ לעבעדיקע אָביעקטלעקציע די אַרבעטער.

איר ווייסט דאָך: „גדולה הסרת הטבעת". דאָס בלויזע אַראָפּנעמען מצד אַחשוורושן דעם רינג און אים געבן המן הרשע, האָט אויפגעטאָן מער פון אַלע נביאים צוזאַמענגענומען.

איין קאָרנילאָוו־מעשה האָט אויפגעטאָן מער, צו געבן צו פאַרשטיין די סיטואַציע, איידער מיר אַלע אַגיטאַטאָרן.

און ניט נאָר פאַרשטיין; אין אַ רעוואָלוציע איז ווייניק צו פאַרשטיין; מען דאַרף וועלן עפּעס טאָן, מען דאַרף וואַגן און ריזיקירן.

קאַרנילאָוו האָט באַוויזן, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן, אַז קערענסקי שפּילט זיך די גאַנצע צייט מיט פּייער, אַז ער האָדעוועט און וואַרעמט אין בוזעם פון דער „דעמאָקראַטיע" אַ שלאַנג, די שלאַנג מיט די צווײ קעפּ, וואָס האָט די געשטאַלט, כלומרשט, פון אַן אָדלער.

און מען דאַרף ניט מיינען, אַז מיטן זיג, וואָס מען האָט אָפּגעהאַלטן איבער קאָרנילאָוון, איז די זאַך געווען אָפּגעטאָן. קאָרנילאָוויזם האָט געהאַט טיפע וואָרצלען

אונטער קאָרנילאָוויזם מיין איך אַ מיליטערישע דיקטאַטור אָנגעפירט פון די שוואַרצע מאָהניקעס אונטער די פליגלען פון דער טויב פון דער דעמאָקראַטיע, אונטער זייער צודעק ביז אַ צייט.

דער כוח פון אָט־דער אידייע פון מיליטערישער דיקטאַטור איז געלעגן אין דעם, וואָס זי איז געווען לכל־הפחות אויסגעהאַלטן: אויב אָנפירן ווייטער די מלחמה, מוז מען האָבן אַן אײַזערנע דיסציפּלין. אַן אײַזערנע דיסציפּלין קענט איר ניט שאַפן סיידן דורך אײַנפירן טויט־פּסקים — אין אָנהייב אויפן פראָנט, דער־נאָך אויך אין לאַנד.

ווו איז די דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן פראָנטגרונט און הינטנגרונט בשעת אזא מלחמה, ווען אַלץ איז אַרײַנגעצויגן, און די תחומים רירן זיך אָן צוליב זייער נאָענטקייט אין אָרט.

איך זאָג עס, ווײַל עס ווילט זיך קלאָר־מאַכן דעם ענין פּסיכאָלאָגיש, ווי אַזוי די פּרוי־רעוואָלוציע איז שוואַנגער געוואָרן מיטן אָקטאָבער־קינד.

עס איז געווען כלומרשט אויף צרות אַ דעמאָקראַטיזם.

איך בין זיכער, אַז אייניקע וועלן אויף מיר פאַריבל האָבן פאַרן פאַרטשעפּען דעם „דעמאָקראַטיזם" פון יענער קורצער אָבער שווערער צייט.

איך וועל איין וואָרט שלעכטס ניט זאָגן וועגן יענע פּירער, וואָס איז שייך סוביעקטיוו. אָביעקטיוו — איז דאָס בילד מכל־וכל אַן אַנדערס.

מען האָט גערעדט, טאָג און נאַכט, בפועל־ממש, געפּלאַפּלט, וועגן דער רוסישער דעמאָקראַטיע, און אויב איר ווילט, אַפילו וועגן סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

וואָס איז דער גרונטגעדאַנק פון דעמאָקראַטיזם?

איך וויל דאָ ניט אָנרירן די פראַגע, צי אָט דאָס סיסטעם פון מלוכה־פירונג איז אַ געזונטע צי אַ קראַנקהאַפטע.

איך וויל בלויז וויסן, וואָס עס איז.

וואָס איז דעמאָקראַטיע?

איך וועל געברויכן די טערמינאָלאָגיע, וואָס ס'האָבן אַרײַנגעבראַכט די פראַנ־צויזישע סינדיקאַליסטן.

דעמאָקראַטיע איז סאָציאַלע אַטאָמיסטיק אָנגעווענדט.

ניטאָ קיינע קלאַסן, קיין אונטערשיידן פון רייך, אָרעם, קלוג, נאַריש, אָרנט־לעך, ניט־אָרנטלעך. אַלע זענען גלייך פאַר דער אורנע, פאַר דעם שטימקעסטל, און שטימען וועגט מען ניט, שאַצט מען ניט — נאָר, פּשוט, מען ציילט זיי.

די זאַך איז תמיד אַ פראַגע פון כמות. מען לייגט צוזאַמען מעכאַנישע איינסן. עס איז אַ מין פּאָליטישע סטאַטיסטיק, אַ שטימענגלייכהייט. ניחא.

האָט מען עס דורכגעפירט אין רוסלאַנד, לכל־הפּחות, אויף וויפל די צייט האָט עס דערלאָזן?

איז מען געווען טריי צו דעם פּרינציפּ? — אַ האָר ניט!

ווי פּלעגן זיך צוזאַמענשטעלן די רעגירונג־פירעניש־אַנשטאַלטן פון יענער צייט?

ווי האָט מען צוזאַמענגעשטעלט די קאַבינעטן בשעת די קריזיסן און נאָך די קריזיסן?

איך וועל ברענגען די ציפערן וועגן דער „דעמאָקראַטישער קאָנפערענץ" און „פּאַרפּאַרלאַמענט", אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ צייטווייליקער „במקום" פון דער „גרינדונגס־אסיפה".

די „דעמאָקראַטישע קאָנפערענץ" האָט זיך געעפנט דעם 27טן סעפּטעמבער. די פאָרשטייערײַ איז געווען מער דעמאָקראַטיש איידער די „מלוכהשע באַראַטונג".

און אַט איז די „דעמאָקראַטישקייט" פון דער דעמאָקראַטישער קאָנפערענץ. זעמסטוועס האָבן געשיקט 200 דעלעגאַטן. ווער האָט געאַרבעט אין די זעמסט־וועס? וועמען האָבן זיי פאַרגעשטעלט? מערסטנטייל פּריצים, די גוטבאַזיצער.

דעם אַרבעטער־, זעלנער־ און פּויערים־ראַט האָט מען געגעבן 230 דעלע־גאַטן. אַרבעטער און זעלנער אין יענער צייט, ווען דאָס לאַנד איז געווען מאָבי־ליזירט, און פּויערים האָבן באַטראָפן מער ווי ניינציק פּראָצענט פון דער באַ־פעלקערונג. איך נעם דעם מינימום, ווייל די פּויערים אַליין אָן די אַרבעטער און אָן די זעלנער שטעלן צוזאַמען אַט־דעם פּראָצענט.

פאַרטרעטער האָבן זיי געקראָגן בלויז אַזויפיל וויפל די זעמסטוועס.

די שטעט האָבן געקראָגן 300 דעלעגאַטן, די אָרגאַניזאַציעס פון די אַר־בעטער — 100 דעלעגאַטן, אַרמיי־אָרגאַניזאַציעס — 83, קאָזאַקן — 35, קאָאָפּע־ראַטיון — 120.

אַזוי אַרום האָט 90 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג געקראָגן 300 דעלע־גאַטן פון 1048.

און דאָס, האָט מען געוואָלט איינריידן דעם עולם, איז „דעמאָקראַטיש", ווען באמת איז עס געווען אַ ריינע קלאַסנפּאָליטיק, ד"ה, מען האָט באַשטימט די צאָל פון די דעפּוטאַטן ניט נאָך דער צאָל נפשות, נאָר נאָך דעם פאַרמעגן פון קלאַס.

אמת, עס איז ניט געווען קיין צייט צו גיין צו די וואַלן און דאָס אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן אויף אַ „היימישן" אופן. אַ קלאַס מיט אַ קלאַס האָט זיך צו־זאַמענגערעדט זיצנדיק אַרום דעם „קיילעכדיקן טישל".

דאָס איז אָבער קיין תירוץ ניט. ווו איז דאַ געווען די דעמאָקראַטיע?

אמת, עס זענען דאַ לענדער, וואָס הייסן דעמאָקראַטיש און די מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג איז נאָך ערגער פאַרגעשטעלט.

יאָ, אַזעלכע זאַכן פּאַסירן. אָבער דאָס האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט רוס־לאַנד. אויב דאָס פאָלק לאָזט זיך אָפּנאַרן, פאַרפירן בשעת וואַלן — קען מען זאָגן, עס איז זיין שולד. אָדער ער לאָזט זיך פאַרקויפן — די רייכע קלאַסן שיטן מיט געלט, קויפן שטימען. דעמאָלט קאָסט עס זיי געלט, צייט, אָנשטרענגונג

און אָן קיין ספק אַ טייל פון עקאָנאָמישע אונטערוואַרפענישן אין דער פאַרעם פון הנחות. אָדער דער הערשנדיקער קלאַס האָט היסטאָרישע פאַרדינסטן. דער פאַל איז אין דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד ניט געווען. די בורזשואַזיע, אָדער ריכטיקער: די פריצים, האָבן זייערע שטימען ניט געקויפט. מען האָט זיי עס געגעבן, געשאָנקען, און געשריגן האָט מען, אַז דאָס איז דעמאָקראַטיש. אַ היי־פעלע מענטשן זאָל קריגן אַ גרעסערע פאַרטרעטערשאַפט איידער דער רוב־בנין און רוב־מנין פון פאָלק.

איז דען אַ ווונדער, וואָס די אַרבעטערשאַפט און פויערטום פון רוסלאַנד האָבן באַטראַכט אָט־די דעפּוטאַטן ניט אַלס פאַרטרעטער, נאָר אַלס פאַררעטער...

אָט־די אַלע אומריכטיקייט האָבן געטריבן מיט אַ גוואַלדיקן כוח צו דער אָקטאָבער־איבערקערעניש.

וועלכע מיינונג מען זאָל ניט האָבן וועגן דעמאָקראַטיזם — אָבער עס איז דאָך אַ שיטה.

דאָ, אין רוסלאַנד, בשעת דער רעוואָלוציע, איז ניט געווען קיין זכר פון קיין דעמאָקראַטיע. דאָ זענען געווען קאַפּריזן פון קערענסקין, בלינדקייט און טויטע עקשנות פון די לעפּלעכע סאָציאַליסטן, און אַ פּלוטאָקראַטיע אָן קיין שום פאַר־ענטפער האָט געוועלטיקט. דאָס האָט אויפגעריסן די אויגן פון פשוטן אַרבע־טער, זעלנער און פויער.

דאָ איז געווען אַן אָפענער אָפּמאַך, אַ יד־אחת, געשלאָסן צווישן אַ נייעם קלאַס פון אָרגאַניזאַטאָרן אָדער ביוראָקראַטן מיט אַן אַלטן קלאַס פון פעאָדאַלן און פּלוטאָקראַטן. און דאָס איז געווען געמאַכט אַזוי פאַרטאַטשנע, אַזוי אויבנ־אויפיק, אַזוי אָן חרפּהדיק, אַז דער גרימצאָרן פון די ברייטסטע מאַסן האָט אויפגעברענט און זייער שווערע פויסט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קעפּ פון די פאַרפירער און הערשער מיט אַ קנאַל ווי אַ דונער.

דער דונער האָט געהייסן אָקטאָבער.

XXX

דריי רעדנער

איך האָב זיך אַזוי בהרחבהדיק אָפּגעשטעלט אויף דעם קאַפּיטל ריגע, ווייל דאָ איז אַ קער־פּינטל.

ריגע האָט באַוויזן באַשיינפּערלעך, אַז פראַזן בלייבן פראַזן, בלעזלעך פון לופטזייף, אַז מיט פּוסטע דיבורים מכוח „דעמאָקראַטיע" קען מען ניט שאַפן קיין אמתע התלהבות און שטאַרב־גרייטקייט.

קערענסקי האָט געטריבן די זעלנער איבערגעוואַלט צו דער אָפענסיווע און ריגע איז געפאַלן.

האָבן געמוזט אַנגענומען ווערן מיטלען.

וואַלטן די אַזויגערופענע סאָציאַליסטן, סיי מענשעוויקעס, סיי ס. ר., געד האַט פּאָליטישן שכל און מער סאָציאַלע העזה, וואָלטן זיי אָנגענומען אַלע מיטד לען; און דאָס ערשטע, וואָס מען האָט געדאַרפט טאָן, איז אויפצועפענען די אויגן און זען, וואָס עס קומט פאַר אַרום אונדז. זיי זענען אָבער פאַרבליבן בלינדע בעטלוירים. אַפילו מיט די בעלמעס אויף די אויגן ניט אַ שאָקל געטאָן: אַזוי זיכער, אַזוי איינגעגלויבט זענען זיי געווען אין דער „ריכטיקייט" פון זייער ריכד טונג. אלא וואָס דען די זעלנער, די פּויערים, די אַרבעטער קערן זיך אָפּ פון זיי? — זענען זיי אויסגעלאָסן, „פאַרדאָרבן", און מען דאַרף זיי „אָפּשמייסן", אָדער אָנשרעקן.

פינף יאָר שפּעטער. איך בין געזעסן אין דער בוטירקער תפיסה מיט אַ מיטגליד פון דעם צענטראַלקאָמיטעט פון די ס. ר. ער האָט מיר געזאָגט: „דער אָקטאָבער איז געווען אַן אויפטועכץ פון אַ שייקע באַנדיטן, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס זענען געשטאַנען עטלעכע מאָראַליסטן ווי איר און אייער גלייכן".

אויב מענטשן משפּטן אַזוי וועגן דער אָקטאָבעררעוואָלוציע, מעגן זיי גיין און נעמען אויף בערג אַ פאָר אויגן ביים ערשטן קראָט, וואָס איז נאָרוואָס אַרויסד געקראָכן פון זיין אונטערערדישן לאָך.

די „זעלנער" זענען צעלאָזן, עגאָיסטיש, אַלץ וואָס אין קאָרט שטייט, — האָבן זיי געטענהט. — קיין ספק ניט, אַז עגאָיזם איז געווען אויף דער זייט פון די יעניקע, וואָס האָבן פשוט געהייסן לויפן פון פראָנט אַהיים, הגם אַנדערע האָבן געטענהט, אַז דאָס איז אַ פאַרברעכן קעגן „פאָטערלאַנד".

די זאַך איז אָבער אַזוי: ווען דאָס אַלטע שטייט אויפן סטאַטוס־קוואָ און גיט אַ מאַקסימום באַקוועמלעכקייט ביי אַ מינימום אָנשטרענגונג און קרבנות, דעמאָלט זענען ס'רוב מענטשן בטבע פּוילאַקעס, שטעלן זיך אַרויס פאַרן אַלטן, ווייל דאָס „נייע", ווייסן זיי, וועט פאַרלאַנגען אַרבעט, לעבן, פאַרמעגן. ווען אָבער דאָס אַלטע, כדי זיך אָנצוהאַלטן, פאָדערט ניט ווייניקער, אָדער כמעט אַזוי פיל ווי דאָס נייע, דעמאָלט זענען די שאַנסן פון אַריבערגיין צו נייע פאַרמעס זייער גרויס. דאָס איז אַזוי פשוט דערפאַר, ווייל „דאָס אַלטע" איז אויסגעפּרובירט און דערעסן און „דאָס נייע" איז, על־פּי זיין מהות־נאָך, ניי, רייצנדיק און צוזאָגנדיק.

ניטאָ קיין שוואַכערע ברואה ווי אַן עטישער מאָטיוו. ווען אָבער ער פאַלט צוזאַמען מיטן עגאָיסטישן, ווען עס גיט זיך עמיצן איין אָט־די צוויי צו פאַרד בינדן — דעמאָלט ווערט מאָראַל דער כוח, וואָס דרעשט בערג און צעווייט זיי ווי פּלעווע.

דער זעלנער האָט אַוודאי ניט געוואָלט שטאַרבן, פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט לעבן. ווייל וועלן לעבן איז, כ'לעבן, קיין גרויסע עוולה ניט. אָבער ווען דעם לעבנסגעלוסט קומט צו הילף דער עטישער אימפּעראַטיוו, דעמאָלט איז ניטאָ דער כוח, וואָס זאָל ביכולת זיין אים, דעם „נאַרישן", „פאַרדאָרבענעם" זעלנער, איינצוהאַלטן אויפן פראָנט און אים צווינגען זיך באָדן אין דער קאַלאָסאַד לער בלוטבאָד.

ווייטער: דער באַגריף „זעלנער" איז לחלוטין געווען אַ פאַלשער פאַר יענד נער צייט. דאָרטן זענען קיין זעלנער ניט געווען; עס זענען געווען „גרויע פּויד

ערימלעד״, אריינגעוואָרפענע אין גרויען געוואַנט. די אַרמיי איז באַשטאַנען פון פויערים, ניט פון מיליטערישע „אויטאָמאַטן״.

ריגע איז געווען דער פּרובירשטיין פאַר דער „קערענשטשינא״, קערענסקיס עפּאָכע״.

די איניציאַטיוו אין דער אָפענסיווע האָבן גענומען די רעכטע, קאָרנילאָוו וכל כת דיליה.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז ניט נאָר די ריאבושינסקי־גרופּע, נאָר אַפילו די ק. ד., די פּאַרטיי פון פרייהייט, האָט געשטיצט דעם גענעראַל קאָרנילאָוו. בלחישה דאַרף מען צוגעבן, אַז אַפילו פון אויסלענדישע ״מאַכטן״ האָט ער אויך באַקומען הילף — און אויב קאָרנילאָוו איז דורכגעפאַלן, איז דאָס ניט דערפאַר, ווייל די „דעמאָקראַטיע״ (ווי דער פאַל איז געווען ביי די פּוטשן אין דייטשלאַנד), האָט אים באַקעמפט, נאָר דערפאַר, וואָס די גאַנצע פויסט פון די „שטאַרקע און רייכע״ האָט ניט געקענט אַריבערוועגן איין פינגער פון רוסישן פויערטום און אַרבעטערשאַפט, ווען זיי האָבן זיך געשטעלט געזיכט צו געזיכט און זיך פאַרמאָסטן מיט די כוחות.

ריגע און קאָרנילאָוו זענען באמת איין עפּיזאָד, וואָס באַשטייט פון צוויי פאַלן. און האָט באַוויזן קלאָר און דייטלעך, אַז קערענסקי מיט זיינע פליגל־אַדיוטאַנטן הענגען אין דער לופטן ווי מאַכמעדס אָרון, און אַז פון ביידע זייטן האָבן זיך אויסגעשטעלט צוויי מחנות, גרייט צו אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס. און נאָך מער: דער ערשטער „צוזאַמענכאַפּ״ איז שוין פאָרגעקומען און דער נצחון־קראַנץ האָט זיך אוועקגעלייגט ביי די פיס פון אויפגעשטאַנענעם פאָלק, דעם חוט־המשולש: אַרבעטער, פויער, „זעלנער״ (באמת פויער אין אַ פאַרשטעלעניש).

ניט מיט דער הילף פון קאַנאַוואַלאָוו, טערעשצענקאָ וכדומה איז קאָרנילאָוו באַזיגט געוואָרן. זיי — אָדער זיי זענען געווען אָפן אויף זיין זייט, אָדער זיי האָבן זיך איינגעהאַלטן און געוואַרט אויף דער לעצטער דעפּעשע, ניט וועלנדיק זיך דיסקרעדיטירן.

איין זאַך איז געווען קלאָר אַלף־ביתיש און פאַרויס באַשטימט: אָקטאָבער איז געלעגן פאַרוויקלט אין שפּיר־ושליה פון אויגוסט.

אויב די ס. ר. און ס. ד. (מענשעוויקעס) האָבן עס ניט פאַרשטאַנען, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן עס ניט געוואָלט פאַרשטיין. פּונקט ווי יענער צדיק, וואָס האָט זיך אויסגעלעכערט די אויגן, כדי ניט צו קוקן אויף דער אויסגעלאַסענער יפהפיה, האָבן זיי זיך בכוונה בלינד און טויב געמאַכט, כדי ניט צו זען די רעוואָלוציאָנערע ווירקלעכקייט און ניט צו הערן דעם קול פון פאָלק, וואָס האָט געברומט דעמאָלט ווי אַ לייב, און מען האָט געדאַרפט זיין אַ גרויסער „טויבער גבור״ אים ניט צו הערן —

קאַלאַיעוו פאַלקסהויז

דאָס איז אַ שנוי־השם. אַלע ווייסן, אַז בשעת רעוואָלוציעס בייט מען די נעמען פון גאַסן, פון אינסטיטוציעס. אָבער ס'רוב פּאַסירט, אַז ביי דעם באַמען־איבערבייט בלייבט עס. אַמאָל בייט מען עפּעס מער ווי בלויז די נעמען...

די נעמען־בייטעכץ איז ניט אַלעמאָל גוטקלינגענדיק און איינגעגעבן. למשל דער טעאַטערפּלאַץ ווערט סווערדלאָוו־פּלאַץ. טעאַטערפּלאַץ הייסט עס — ווייל דאָרטן שטייט ברייטלעך אַנגעשפּאַרט אויף קאָלומנעס די טעאַטערגעביידע... אָבער סווערדלאָוופּלאַץ, פאַר וואָס? שעניאַווסקיס אוניווערזיטעט ווערט אַ נאָמען געגעבן סווערדלאָווס אוניווערזיטעט. שטייט דער מקשן און פרעגט: וואָסער שייכות האָט סווערדלאָוו צו שעניאַווסקין, וואָס ער האָט אים געירשנט? צי פעלן דער געביידעס, אין וועלכע מען האָט געקענט באַהויזן סווערדלאָווס פּאַרטיי־אוניווערזיטעט? נאָר דאָס איז דרך־אַגב.

דאָ, אין דעם פאַל, האָט מען שענער און פּשוטער ניט געקענט בייטן.

דאָס הויז האָט געהייסן „סערגעיעווסקי נאַראָדני דאָם" (סערגייס פאָלקס־הויז).

ווער איז געווען סערגיי? דער גרויספירשט. אַן אַכזר ווי אַ טיגער און ווילד ווי אַ ווילד חזיר אין אַ ווילדן וואַלד אין פּאַלעסיע. ער האָט געבאַלעבאַטעוועט איבער מאָסקווע. ער איז געווען דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון דער גאַנצער געגנט.

דעם 4טן פעברואַר 1905 האָט קאַלאַיעוו געוואָרפן אַ באָמבע אין דער קאַרעטע, אין וועלכער סערגיי איז געפאָרן.

דעם 5טן אַפּריל האָט דאָס געריכט, אַ ספּעציעלע זיצונג פון סענאַט, אים פאַרמשפּט צום טויט.

דעם 10טן מאַי האָט מען דעם פּסק־דין אויסגעפירט בסוד צווישן די דיקע שווייגנדיקע ווענט פון שליסלבורגער פעסטונג.

האָט מען דאָס פאָלקסהויז אויפן נאָמען פון סערגייען איבערגעביטן אויף קאַלאַיעווס הויז.

אַ שיין הויז אויף דאָלגאָרוקאָווסקי, גרויסע שיינע אוידיטאָריעס, לייענזאַלן, אַ סצענע וכדומה איינריכטונגען, וואָס זענען שייך צו אַ פאָלקסהויז.

די אַרבעטער פון יענעם ראַיאָן האָבן צונויפגערופן אַ מיטינג מיט אַ קאָנצערטאָפּטיילונג. דריי רעדנער זענען געווען פאַרבעטן.

דריי נעמען, דריי פאַרשיידענע ריכטונגען און דריי פאַרשיידענע מערכות.

יאַראָסלאַווסקי, טשערעפּאַנאָוו, אַ. גאָרדין.

ווער וואָלט דעמאָלט זאָגן, אַז אויף דער בימה זענען געשטאַנען אַ רוצח און אַ נרצח!

טשערעפּאַנאָוו איז געווען אַ מיטגליד פון צ. ק. פון די לינקע ס. ר.

יאַראָסלאַווסקי איז איצטער, זינט שוין עטלעכע יאָר, דער פאָרזיצער פון צ. ק. פון דער צענטראַלער קאָנטראָלקאָמיסיע פון דער רוסישער קאָמפּאַרטיי.

ווו איז איצטער טשערעפּאַנאָוו?

אויפן עולם־האמת. ווער האָט אים אַהין אָוועקגעשיקט פאַר דער צייט? יאַראָסלאַווסקי, דער מיטרעדנער. איך מיין ניט, אַז יאַראָסלאַווסקי מיט זיין אייגענער האַנט האָט אים דערשאָסן, ער איז פאַרמשפּט געוואָרן פון דער פּאַרטיי און פירערשאַפט, צו וועלכער יאַראָסלאַווסקי געהערט.

דאָס האָט אַלץ פּאַסירט שפּעטער און אַפילו אַ שטערנזעער האָט עס ניט געקענט לייענען אין די רעוואָלוציאָנערע שטערנס.

דעמאָלט זענען מיר געקומען צוליב איין ענין: ריידן קעגן דער מלחמה, און, בעיקר, מכוח דעם פאַלן פון ריגע.

מען האָט מיר פאַרגעלייגט דאָס ערשטע וואָרט.

איך האָב עס איבערגעגעבן יאַראָסלאַווסקין.

ער האָט גערעדט קעגן דער מלחמה.

לעבן מיר איז געזעסן אַ באַלערינע, וועלכע האָט זיך באַטייליקט אין קאָנ־צערט. זי איז געווען אויסער זיך.

— ער שנײַדט מיר דאָס האַרץ ווי מיט אַ מעסער, — טענהט זי צו מיר, — און ער איז דאָך אַן אינטעליגענטער מענטש. און ווי רעדט ער דאָס אַזוי! ווי קען ער זיך דאָס דערלויבן! — קלאָגט זי זיך פאַר מיר, און זי שטעלט זיך ניט פאָר, אַז איך בין ניט „בעסער" פון אים, און אַז איך וועל איר אויך באַלד שנײַדן דאָס האַרץ ווי מיט אַ שאַרפן מעסער.

די טענצערנס און זינגערנס, געלויבט איז השם־יתברך, זענען זייער ווייט פון פאַרשטיין פּאָליטיש־סאָציאַלע פראַגן.

איר האָט יאַראָסלאַווסקי געשניטן דאָס האַרץ, אָבער די אַרבעטער האָבן אויסגעהערט דעם חרוף־וגדוף קעגן דעם גייסט פון פּאַטריאָטיזם גאַנץ רויק און האָבן גאַנץ געשמאַק אַפּלאָדירט.

דער צווייטער האָב איך גערעדט.

און וואָס איז דאָ געווען אַ סך איינצוטענהן; דער אַרבעטער האָט געוווּסט, אַן מיר און אַן מיין זאָגן, אַז אויב ער קומט קיין ריגע מיט פולע קעשענעס, מעג ריגע געהערן צו וועלכער מלוכה עס איז, וועט מען אים אויפנעמען אויפן שענסטן אופן, ווייל ער „וועט באַצאָלן אויף אַ שיינעם אופן". וועט ער, דער אַרבעטער, חס־וחלילה, קומען מיט ליידיקן, איז — „מיט גאָרניט קען מען גאָר־ניט מאַכן"; מעג ריגע געהערן צו רוסלאַנד אַליין, וועט זיך פאַר אים קיין איין טיר ניט עפענען. אָט־דער רעיון איז צו פשוט און, אפשר, אויך צו נאַיוו, אַז אַ מפולפּלדיקער קאָפּ זאָל אים קענען תופס זיין. אָבער אַ פשוטער אַרבעטער גייט־צו צו זאַכן אויף אַ פשוטן וועג.

פּאַטריאָטיזם גיט אַוועק דאָס גאַנצע לאַנד צו יעטווידן, אָבער נאָר אין צייט, „אין געשיכטע", די אַרבעטער האָבן עס געוואָלט באַזיצן אויף אַ מער ממשותדיק אופן, אין רוים...

דער דריטער, טשערעפּאַנאָוו, האָט ניט גערעדט... די אַרבעטער האָבן גע־שטימט, אַז מען זאָל מיר אַוועקגעבן זיין צייט. און איך האָב פאַר אים אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט.

ער האָט אויף דעם קיין פאַריבל ניט געהאַט.

הגם די סכסוכים און פאַרשיידנהייטן פון מיינונגען זענען אויסגעוואַקסן גאַנץ באַמערקעוודיק, אָבער בנוגע דער פראַגע מכוח פירן ווייטער די מלחמה זענען מיר אַלע געווען אייניק, דאָס אייגענע בנוגע אונדזער נעגאַטיווער שטע־לונג צו דער דעמאָלטיקער, מ'שטיינס געזאָגט, „דעמאָקראַטיע". אין יענע טעג פלעגן מיר איינער דעם אַנדערן גערן איבערגעבן אונדזערע ווערטער און אונ־דזער צייט פון ריידן.

דאָ זענען געווען די דריי ריכטונגען מיט איין דעסטינאַציע־פּונקט: אָק־טאָבער...

וואָלט עס מיר גאָר דעמאָלט איינגעפאַלן, אַז איך וועל זיין פון יענער בינע אַ שיינע עטלעכע טויזנט מייל!

און טשערעפּאַנאָוו נאָך ווייטער.

מיר האָבן ניט באַמערקט... אָבער שוואַרצע ראָבן האָבן שוין געפּאַכעט, הגם ניט געהערט, ניט געזען, מיט זייערע נאַכטיקע פליגלען, און פאַרויסגעזאָגט: אַ „ברודערקריג אין אַ בירגערקריג".

XXXI

ערב אָקטאָבער

אויפן פאַרמעט פון לופט זענען געווען אָנגעשריבן קללות און חרמות איינגעקריצט מיט ציין און ליפּן פאַרביסענע ביז בלוט.

אויפן עקראַן זענען געווען פּנימער פול מיט רציחה, אויגן — פייערשפּייענדיקע, און פויסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעטאָן אַ כוח און איינגעהאַלטן זיך ניט אַראָפּצולאָזן אויף עמעצנס פּרצוף אָדער באַק וכדומה מקומות פון לאַנדונג.

עס האָט געשמעקט מיט פּולווער און שוועבל.

עס איז גענוג געווען אַריינצוגיין אין אַ טראַמוויי און זיך אַוועקזעצן און אויסריידן אַ פּאָר אומשולדיקע ווערטער און איר זענט געווען חיות ניט זיכער.

קאָרנילאָווס קלאַפּ, זיין מיאוסער פּסק, האָט די רעכטע קנאַפּ־וואָס אויסגעלערנט. זיי האָבן ווייטער גענומען אויפהייבן דעם אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, די צוויי קעפּ פון אָדלער, דעם רויבפויגל.

זיי האָבן זיך גענומען בעסער אָרגאַניזירן, גרייטן זיך צו עפּעס... זיי האָבן ניט געוווּסט, אַז זיי גרייטן זיך צו זייער גרעסטער מפּלה און איבערבראָך.

זיי האָבן געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק.

פרעמדע צווישן זייער „אייגן" פאָלק, אין זייער „אייגן" לאַנד.

זיי האָבן געדופעט אויף דער פאַרגאַנגענהייט, אויף דער הייליקער טראַדיציע פון פאָלק, צו קושן זייערע שטיוול... און בוקן זיך צו זיי.

זיי זענען געווען אַזוי איינגעליבט אין עבר, אַז די קעגנוואַרט האָט פאַר זיי ניט עקזיסטירט.

„דאָס איז אַלץ עפּעס אַ מין פאַרשטעלעניש... עפּעס אַ מין פאַרזעעניש... אַן אָנשוווּם... ניט היינט איז מאָרגן וואַשט זיך עס אָפּ און גייט אַוועק מיטן שוים פון די ברויזנדיקע כוואַליעס".

אין אַזאַ גייסט האָט געשריבן ניט נאָר „פּאָנאָר" („די לאַמטערנע"), אַן אָרגאַן פון די שוואַרצע מאהניקעס, אויף היינטיקן לשון: פאַשיסטן, נאָר אַפילו דער „פּרימאָרגן פון רוסלאַנד": אַן אָרגאַן פון דער „לייטישערער" גרופּע, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען ראַבושינסקי.

ריין אָביעקטיוו משפטנדיק און באַאָבאַכטנדיק האָט זיך געפילט, אַז מען וועט זיך אַ צווייטן מאָל צוזאַמענכאַפּן, מען וועט זיך אַ מעסט־טאָן מיט די כוחות, צו זען, ווער עס וועט וועמען גובר־זיין; צי די רעוואָלוציע איז געמאַכט אויף צו־פליסן, ווי די שוואַרצע־רעכטע האָבן זיך איינגעשמועסט, אָדער עס ליגט אין איר אַ גרויסע מעכטיקע ממשות, אַן אמתע גבורה. די רעכטע האָבן אָפּן דעבאַטירט און אַרומגערעדט אין דער ברייט און לענג די מעשה־קאָרנילאָוו. זיין דורכפאַל האָבן זיי אויסגעטייטשט אַלס אַ צופאַל און אַ רעזולטאַט פון אַ סופּריזיקער שטיקל אַרבעט.

די ליפּן פון זייערע שמוציקע ציימונגען האָבן געסמאַקעוועט און האָבן פאַרויסגעפילט דעם טעם פון רעוואָלוציאָנערן פלייש.

דאָס וואָרט „לאַמטערנע" האָבן זיי גענוצט אין אַ צווייזיניקן פּשט: כלומרשט ליכט, אָבער בעיקר אַ תליה, וואָס שטייט גרייט און וואַרט אויפן קרבן.

צו אַ צוזאַמענשטויס האָט געמוזט קומען.

דער מיטן, די ניט־אַהער־ און ניט־אַהין־פּאָליטיק, האָט גערייצט די רעאַק־ציאָנערן ניט ווייניקער ווי עס האָט געברענט און פאַרדראָסן די אמתע רעוואָ־לוציאָנערן.

נעכטן אַ הערשנדיקער קלאַס — היינט בשפל־המדרגה, וואָלט ער כאַטש זיין פּאַרטייאיש־סאָציאַל איבערגעשניטן רוב־סימנים, וואָלט עס נעמען אַן עק; אָבער ניין, כלומרשט געשלאָגן, ניט דערשלאָגן, גיכער מוט פאַרלוירן ווי כוח אָנגעוווירן, האָט זיך די „אוועקגייענדיקע" געוואָלט אַ פּרווו טאָן זייערע „מיידל־שע" כוחות.

מען קען צו זיי גאָרניט האָבן. ווייל סוף־כל־סוף איז אַן עקספּערימענט דער בעסטער מעטאָד צו באַווייזן אָדער אָפּצושלאָגן אַ טעזיס, און אַ סאָציאַלן טע־זיס בכלל.

אַ קלאַס שטאַרבט קיינמאָל ניט רויִק, אויסגייענדיק אויפן בעט שטילער־הייט, אָפּשעפּטשענדיק זיין ווידוי און אויסרעכענענדיק זיין היסטאָרישן צעטל פון עוונות, פּשעים וחטאים.

ניין, ער שטאַרבט אין געראַנגל, אין בלוטדורשטיקן געפעכט. אַרויפוואַרפנ־דיק זיך אויפן לעצטן, היסטאָריש גענומען, קרבן, ברעכט ער ציין, האַלדז און נאַקן.

דעמאָלט ערשט נעמט ער נאָכגעבן און צוגעבן:

„באמת, עס איז ניט אַמאָליקע צייטן, אַמאָליקע כוחות"...

ערשט דעמאָלט הייבט ער אָן זיך צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און פּרובירט אַריינקריכן דורכן פענצטער, אָדער דורך דער הינטערטיר, זיך צוצו־לעקן און אונטערהנפּענען צו די נייע שררות.

פאַר מיר פּערזענלעך איז קיין ספק ניט געווען דעמאָלט, און קיין ספק ניט איצט, שרייבנדיק די שורות, אַז וואָלטן אין אָקטאָבער די רעוואָלוציאָנערע מאַסן ניט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו פון אויפשטאַנד, וואָלטן עס געטאָן די רעכטע.

קערענסקי וואָלט סיי ווי סיי דורכגעפאַלן.

אין צווייטן פאַל וואָלט די צאָל קרבנות געווען אַ גרעסערע, די מהומה און

צעמישעניש — אַ שרעקלעכערע, הגם פּאַר אונדז איז קיין שום צווייפל ניט געווען, אַז ווען די שוואַרץ־געלע־גרויע מאהניקעס וואָלטן געהאַט געגומען די איניציאַטיוו אין זייערע הענט, וואָלט דער האַמער פון רעוואָלוציע זיי צע־שמעטערט אַזוי, אַז שטויב וואָלט פון זיי קוים בלייבן.

די רוסישע רעוואָלוציע איז געווען און איז נאָך עד־היום פון אומגעהויער טיפקייט, ברייטקייט און לענג... און ניט די „אַהין־און־אַהער־ווידל־דרייער" האָבן זיי געעקנט אָפּשטעלן, אָפּהאַלטן, פאַרצאַמען מיט די שפּענדלעך פון זייערע פּרוכנע פּראָגראַמען און ניט די רעאַקציאָנערן זענען בכוח געווען אויף איר זייערן טעמפּן שווערד הייבן און זייער האַנט זאָל ניט אָפּגעהאַקט ווערן אויפן אָרט.

ווען די דריהונדערט־יאָריקע שווערע קייטן זענען אַראָפּגעפאַלן, האָבן זיי געגעבן אַזאַ זעץ, אַז די סאָציאַלע ערד האָט אַזש געציטערט און דער הימל האָט זיך אַזש געוואַקלט.

אויב די באָלשעוויקעס האָט זיך איינגעגעבן — על־כל־פּנים פאַר אַ גע־וויסער צייט — צו פאַרגליווערן די רעוואָלוציע אויף אַ פּונקט, וואָס איז פאַר זיי גינציק, האָט עס געקאָסט אַן אַ שיער בלוט, כוחות, אָנשטרענגונג, קליגערייַ, כיטרערייַ און כל־המיני ערמומיות שבעולם; און אכזריות אַן שיער איז אָנגע־ווענדט געוואָרן דערבייַ, אַזוי אַז אַ שוידער נעמט אַדורך.

די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פּויער זענען צוזאַמענגעפאַלן, ניט נאָר דערפאַר וואָס די רוסישע אַרבעטער, אַ טייל פון זיי, פאָרן אַוועק אַהיים אויף זונטיק און העלפן זייערע ווייבער פירן די ערדאַרבעט־באַלעבאַטישקייט, אין פאַל, ווען זייערע שטיקלעך לאַנד זענען אַרום די צענטערן פון אינדוסטריע; נאָר בעיקר דערפאַר, וואָס דער קאַמף האָט זיך אָנגעפירט אַנטקעגן דעם גוט־באַזיצער און קאַפּיטאַליסט אויף איינמאָל, דערפאַר, וואָס דיביידע פּערזאָנען, קינדער פון צוויי סאָציאַלע פאָרמאַציעס, איינער אַ זון פון אַ הערשנדיקן שטאַנד (סאָסלאָוויע), דער צווייטער פון אַ געוועלטיקדיקן קלאַס, זענען אין רוסלאַנד, צו דער צייט פון דער רעוואָלוציע, געווען כמעט ווי אידענטיפיצירט, על־כל־פּנים זענען זיי קיינמאָל ניט בכוח געווען, צוליב סוביעקטיווע און אָביעקטיווע מכשולים, דורכצופירן אַ דעמאַרקאַציע־ליניע אין זייער פּראָגראַם. מיר האָבן ניט געהאַט אין רוסלאַנד, אין קאַך־און־ברען פון רעוואָלוציע — און פּאַרטייען און גרופּירונגען זענען געוואַקסן, געקומען און געגאַנגען — איין פּאַרטיי פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, וואָס זאָל האָבן געהאַט די דרייסטקייט אויסצורעכענען, אַז עס איז כדאַי מקריב צו זיין די אינטערעסן פון גוטבאַזיצער, פון די פּריי־צים, אַבי צו ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליסט, אַוועקגעבן דאָס לאַנד אין דאָרף, אַבי צו פאַרבלייבן אין באַזיץ פון פאַבריק, הויז און באַנק אין שטאָט.

זיי האָבן עס ניט געקענט טאָן, ווייל נאָך זייער פּערסאָנאַל־צוזאַמענשטעל איז ניט געווען אין רוסלאַנד קיין איין פּאַרטיי, וואָס זאָל באַשטיין בלויז פון קאַ־פּיטאַליסטן און פאַרטרעטן אַ „קאַפּיטאַליסטישע" פּראָגראַם. די „ריינע בורזשו־יען" אין רוסלאַנד האָט מען געקענט איבערציילן אויף די פינגער, און זיי האָבן ניט געהאַט גענוג זעלבסטשטענדיקייט צו קענען זיך אָפּרייסן פון זייער כלל, און

ריידן און פּאַרטיידיקן זייערע, אויסשליסלעך זייערע אינטערעסן, אַנרירנדיק, פּאַרשוועכנדיק די „רעכט" און פּריווילעגיעס פון די פּעאָדאַלן, אויף וויפל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אייגנטום.

ווייטער: זיי האָט געשראָקן דער געדאַנק פון אָנרירן דאָס אייגנטומרעכט, ווייל זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז לאָגיש איז זייער שווער דורכצופירן דעם אונטערשייד פון ערדאייגנטום און פאַבריק־הויז־אייגנטום.

געוויינטלעך זענען געווען יחידים — מיט אייניקע איז מיר אויסגעקומען צו רעדן פּריוואַט — בעיקר צווישן די פינאַנסיסטן, וואָס האָבן עס יאָ תופס געווען. זיי האָבן פאַרשטאַנען די גאַנצע פאַרפלאָנטערטקייט פון זייער לאַגע און זיי האָבן איינגעזען, אַז זייער איינציקער אויסוועג וואָלט געווען אונטערצוואַרפן די פּויערים דאָס שטיקל ערד פון די פריצים און שפּאַלטן דעם פראָנט פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן, אָפּרייסן דאָס דאָרף פון שטאָט — דאָס שפּיצל, וואָס די רוסישע צאַרישע רעגירונג האָט דורכגעפירט אין פּוילן בשעתן אויפשטאַנד און אים אַזוי אָרום דערשטיקט — זיי זענען אָבער געווען צו שוואַך עס דורכצופירן, זיי האָבן אַפילו מורא געהאַט כמעט עס אַרויסצוזאָגן... אַ פשיטא שוין עס אָנשרייבן שוואַרץ אויף ווייס אין אַ פּראָגראַם.

איך געדענק, אַז רעפּערירנדיק דעמאָלט אין פּאָליטעכנישן מוזיי אין מאָס־קווע איבער די פּאַרטייען אין רוסלאַנד און זייערע פּראָגראַמען, האָב איך אַרויס־געזאָגט דעם געדאַנק, אַז די איינציקע פּאַרטיי, וואָס האָט באמת אַ ריין הויכקאַ־פּיטאַליסטישע פּראָגראַם, איז געווען די ס. ד., מענשעוויקעס.

און עס איז באמת געווען אַזוי.

געוויינטלעך ניט סוביעקטיוו גענומען. די סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן גע־שאָטן פעך און שוועבל אויף די פּליכעוואַטע קעפּ פון די „עקספּלואַטאַטאָרן", אָבער אָביעקטיוו איז די זאַך אַזוי געווען.

דאָס איז געווען דער שוואַכסטער פּונקט פון ביידן, סיי פון די קאַפּיטאַ־ליסטן — וואָס האָבן נעבעך געמוזט אָנקומען צו אַזעלכע פאַרטיידיקער — און סיי פון די מענשעוויקעס, וואָס רייידנדיק וועגן סאָציאַליזם און וועלנדיק איינ־ריידן די מאַסן, אַז דאָס איז אַן אידעאַל, וואָס נעמט כמעט אַראָפּ דאָס טעלערל פון הימל, האָבן זיי עס, צו דער זעלבער צייט, אויסגעטייטשט גאַנץ ניכטערלעך און קריסטאַלקלאָר, אַז סאָציאַליזם פאָדערט, מען זאָל איינפירן אַ הויכצענטראַ־ליזירטן קאַפּיטאַליזם און ממילא דאַרף מען מיט כל־הכוחות אונטערהאַלטן לעת־עתה דעם נאָך ניט איינגאַנצן קאָנצענטרירטן קאַפּיטאַליזם.

דאָס איז אָבער געווען דער שטאַרקער פּונקט פון די „פּעאָדאַלן". זיי האָבן געזען, אַז די בורזשואַזיע האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ, איז אַן אַן אויסדריקלעך־אַרויסגעבולטער צורה־פּראָגראַם, האָבן זיי זיך געפילט שטאַרק און שטייף אויף די פיס, און זיי האָבן אַלעמאָל פּרובירט בויגן און צווינגען די בורזשואַזיע צו זיך, זיי זאָלן נאָכגעבן דעם גוטבאַזיצער ניט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך פּאָ־ליטיש.

כדרך־הטבע האָבן זיי קיין גרויסן געוויכט ניט געלייגט אויף די פּראָגראַ־מען־שפּיצלעך. זיי האָבן מער געהאַלטן פון דעם שפּיץ פון דער קאָזאַקישער פּיקע און פון יונקערס שפּיז און דאָס האָבן זיי געשאַרפט זייער פלייסיק און געטשאַטעוועט די מינוט, ווען מען וועט עס קענען אַריינשטעכן אין ברוסט פון אַרבעטער און פּויער.

דער צוזאַמענשטויס איז געווען אַ מחוייב־המציאות.

דער געזונטער אינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט די אַרבעטער, דעם אויפ־געשטאַנענעם פאָלק, אַז מען טאָר ניט וואַרטן און זיך לאָזן פאַרשלעפּן — נאָר מען מוז אַליין גלייך אָנהייבן, אויב מען וויל פאַרזיכערן דעם נצחון.

XXXII

די צווייטע קאָנפערענץ פון די ווערקשטאַט־קאָמיטעטן (זאַווקאָמי)

די קאָנפערענץ איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דעם 22טן אָקטאָבער לויטן אַלטן סטיל פון קאַלענדאַר, אין 1917, ד״ה, פּונקט ערב אָקטאָבער.

די אויפגאַבע אירע איז געווען, נאַטירלעך, צוצוגרייטן די ברייטערע און טיפערע מאַסן צו דעם „גייסט" פון אָקטאָבער, וואָס האָט געשוועבט איבער אונ־דזער אַלעמענס קאָפּ, און איז געווען די לופט, וועלכע מיר האָבן אַלע געאָטעמט.

געוויינטלעך איז געקומען צו דער קאָנפערענץ די גאַנצע „פּני" פון דעם באָלשעוויסטישן מאָסקווער קאָמיטעט.

דאָ איז געווען נאָגין, דאָ איז געווען סמידאָוויטש, דאָ איז געווען בוכאַרין און די איבעריקע פירער און אָנפירער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי־אַרבעט.

ווי איך האָב געזאָגט, אויף וויפיל איך געדענק, איז דאָ געווען די סמעטענע פון מאָסקווער באָלשעוויסטישן פּאַרטייקאָמיטעט מיטן סעקרעטאַר בראַש.

די קאָנפערענץ האָט זיך צונויפגעקליבן אין אַ פּאָלקסהויז, ווי דער שטיי־גער איז און כדרך־הטבע אין אַן אַרבעטערראַיאָן.

ווי דער נאָמען זאָגט, זענען דאָ געווען פאַרטראָטן די ווערקשטאַט־קאָמי־טעטן, אַלע יענע, וואָס האָבן געהאַלטן אין זייערע, הגם שוואַכע און נאָך ניט דערפאַרענע, הענט, דעם רודער פון דעם אינדוסטריעשיפל, וואָס האָט געהייסן פאַבריק אָדער זאַוואָד.

וועגן וואָס האָט זיך עס געהאַנדלט?

וועגן אָפּגיסן די „נשמה", אויסשמידן דעם „גייסט" פון אָקטאָבער לויט דעם מוסטער און פאָרעם פון לעניניסטישן מאַרקסיזם.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז צווישן די קאָמיטעטן און זייערע פּאָרזיצערס האָבן מיר געהאַט אַ גרויסע צאָל אָנהענגער.

אָבער אין יענער צייט זענען די תחומים אין אַרבעטערפאַרשטאַנד און אַר־

בעטערבאַוווסטזיין ניט געווען גענוג פעסט פונאַנדערגעטיילט. די אַרבעטער האָט זיך אויסגעדאַכט אַלעמאָל, אַז מיר פאַרגרעסערן די פאַרשיידנהייטן און פאַרקלענערן די צוזאַמענפעליקייטן. און בכלל האָט זיך אויסגעדוכט אַ גרויסן טייל פון די „אויפגעקלערטע" אַרבעטער, אַז זיי וועלן איבערקליגן די פאַרטייפירער, זיי איבערשפּיצלען, און זיי האָבן זיך אַלעמאָל געמאָלן דאָס בילד פון רעוואָלוציע אינגאַנצן אַנדערש ווי ליבקנעכט און בעבל און די איבעריקע „גדולים" האָבן עס געטאָן.

די גדולים האָבן אָפן, ניט שעמענדיק זיך, אַרויסגעזאָגט דעם רעיון, אַז דער „אַנאַרכיסט" איז גוט אין ערשטן טאָג פון רעוואָלוציע, און מען דאַרף אים אויסנוצן.

ער טויג אָבער אויפן פייער אין צווייטן טאָג פון רעוואָלוציע — און דעמאָלט דאַרף מען אים דערשיסן.

דער אַרבעטער האָט געטראַכט קאַפויר: אַז דער „באָלשעוויק" איז גוט פאַרן ערשטן טאָג פון דער רעוואָלוציע, אַז עס וועט קומען דער צווייטער טאָג, וועט ער איבער אים אַריבערשפּרייזן און אַריבערגיין צום „אַנאַרכיסט".

דאָס מאָדנע אַרגומענטירן האָבן מיר געהערט ניט פון איין אַרבעטער; דאָס איז געווען אַ „מאַסנאייַנרײדעניש".

„מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן... מיר גייען פון רעכטס צו לינקס... און מיר זענען אין וועג... און מיר וועלן דורכגיין דורך דעם באָלשעוויזם ווי דורך קערענסקין."

אַזוי פלעגן וועלן זיך באַרויִקן די אַרבעטער, וואָס זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די באָלשעוויקעס און זענען געווען „אידעאָלאָגיש" אינגאַנצן אויף אונדזער זייט.

ווי דאָס זאָל ניט זיין — מיין באַציִונג צום אַרבעטער און אַרבעטערשאַפט איז לחלוטין געווען אַן אַנדערע ווי ביי די באָלשעוויקעס.

מיר האָבן געוואָלט, די אַרבעטער זאָלן זיין וואָס מער אַליין־טעטיק; די באָלשעוויקעס — וואָס מער זיי זאָלן זיי פירן פאַרן נאָז און אַרויפצווינגען לאָזונגען, פּראָגראַם און טאַקטיק.

און דאָ איז געלעגן, און ליגט, צו אַ געוויסער מדרגה און ביז אַ געוויסער צייט, אונדזער „שוואַכע זייט", וואָס איז באמת אונדזער שטאַרקסטער פונקט; ווייל צו אָט־דעם שטאַנדפּונקט געהערט די נאָענטע צוקונפט. ווען דער אַרבעטער וועט ווערן באַוווסטזיניקער, נעמען בעסער פאַרשטיין זיינע קלאַסנאינטערעסן און זיך ניט לאָזן אַרומפירן אויף אַ שטריקל... דאָס „קינדאַרבעטער" מוז אויסוואַקסן און די ניט געבעטענע „אַם" וועט מוזן קריגן, צו זי וויל צי זי וויל ניט, איר מאַרשירצעטל.

בנוגע דער קאָנפערענץ די אייגענע זאַך:

אַ צוזאַמענקום פון ווערקשטאַט־קאָמיטעטן — וואָס האָט דאָ צו טאָן דער שטאָטקאָמיטעט פון דער ר. ק. פּ.? צו וואָס האָבן זיי מאָביליזירט זייערע אַלע „ציינפאַררײדער?" — האָבן מיר געפרעגט, און מיר האָבן געקריגט אויפן גאַנצן ענין, אויף דער פאָרעם, וועלכע די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען.

מיר האָבן געוואָלט, אַז די אַרבעטער, אַלס אַזוינע, זאָלן באַשטימען זייער

גורל אַליין, זעלבסטשטענדיק און ניט געפּענטעװעטערהייט ראַנגלען זיך מיט בוכאַרינען, סמידאָװיטשן און די איבעריקע, כלומרשטע גוטע פריינט פון אַר־בעטערקלאַס.

די פראַגע, האָבן מיר פאַרשטאַנען און פאַרשטייען עס עד־היום, איז ניט װעגן די צוזאַמען־שייכותן פון „קלאַס" און „פּאַרטיי", נאָר װעגן די שייכותן צװישן צװיי קלאַסן, — איינער אַ הערשנדיקער אין דער צורה פון אַן אָרגאַ־ניזירער, און דער צװייטער אַן אונטערדריקטער אין דער געשטאַלט פון אַן אָרגאַניזירטן.

און אַפילו איצטער דאַרף מען נאָך װעגן דעם פיל טענהן און אויפװייזן עס, הגם דער װידערשפּרוך װערט פון טאָג צו טאָג בולטער, און די היפּוכים, װאָס ליגן צװישן די דאָזיקע צװיי קלאַסן, װערן שפּיציקער און שטעכעדיקער.

און װאָס איז דער װוּנדער — בשעת דער פראַנצויזישער רעװאָלוציע האָבן אַ סך האַלב בלינדע אויגן געזען, אַז דער דריטער שטאַנד איז ניט איינאַרטיק, און אַז ער אַנטהאַלט אין זיך צװיי קלאַסן, װאָס װעלן אין קורצן זיין אויף מעסערס עקאָנאָמיש װי פּאָליטיש.

די זעלביקע זאַך ערב און בשעת דער רוסישער רעװאָלוציע.

דעם אַרבעטער איז די זאַך ניט אינגאַנצן קלאָר געװען און עס איז אים ניט קלאָר עד־היום דאָרטן. װוּ ער טרעפט דעם „נייעם, אויפקומענדיקן קלאַס" מער ניט װי אין דער געשטאַלט פון אַן אַרונטעררייסער פון דער עקזיסטירנדי־קער אָרדענונג. כדרך־הטבע אונטער יענע אומשטענדן איז ער אַ גרויסער בעל־צדקה אויפן חשבון פון הערשנדיקן קלאַס, פון קאַפּיטאַליסט.

דער נאַיװער אַרבעטער נעמט עס אָן פאַר „גוט־געלט", פאַר אמתע נדבנות, און אים פאַלט גאָר ניט איין, אַז דער „נדבן" װעט װערן אַ גרויסער „קמצן", װען דאָס בייטעלע װעט זיין אין זיינע הענט... און אַז די לערע װעגן עקספּלואַ־טאַציע איז אַ מעסער מיט אַ צװיישאַרפן־קלינגל.

דער פירער פון די מענשעװיקעס האָט געסטראַשעט די באָלשעװיקעס. ער האָט געװאָלט, זיי זאָלן ניט צו־װייט פאַרקריכן און „נאָכגעבן" דער „צעלאָזנ־קייט" פון די אַרבעטער אין די אומבאַרעכטיקטע אַפּעטיטן פון די לעצטע.

ער האָט גערעדט צו זיי בזה הלשון:

„אויף דער ערשטער קאָנפערענץ זענען מיר, מענשעװיקעס, געזעסן אין פּרעזידיום און איר, באָלשעװיקעס, אויף די ערשטע ערטער.

„איצטער, אויף דער צװייטער קאָנפערענץ, זיצט איר, באָלשעװיקעס, איז פּרעזידיום, די אַנאַרכיסטן אויף די ערשטע ערטער און מיר, מענטשעװיקעס, שטייען לעבן טיר. די דריטע קאָנפערענץ — און די אַנאַרכיסטן װעלן זיצן אין פּרעזידיום, מיר, מענשעװיקעס, אויף די ערשטע ערטער און איר, באָלשעװיקעס, — לעבן טיר אָדער אויף יענער זייט טיר".

װי געװיינטלעך, איז איבעריק צוצוגעבן, אַז זיינע „סטראַשונקעס" און פּחד־פּחדים פאַרן גאַנג פון דער רעװאָלוציע האָבן אַרויסגערופן מער ניט װי אַ געלעכטער ביי די אַרבעטער. און דאָס האָט מער ניט װי באַװיזן, װי טיף עס איז געװען דער אונטערשייד אין פילן און פאַרשטיין צװישן אים, דעם פאַרשטייער פון די מענשעװיקעס, און דעם אַרבעטערקלאַס.

די אַרבעטער האָבן דאָס טאַקע געוואָלט. זיי האָבן געמיינט, אַז זיין „שלעכ־טע“ נבואה וועט טאַקע מקוים ווערן.

זי איז אָבער, עד־היום, ניט מקוים געוואָרן. פאַרוואָס?

דאָ דאַרף מען אַ סך זאָגן און דעריבער וועלן מיר גאָרניט זאָגן און לאָזן עס פאַרן המשך פון די חשבונות, וואָס וועלן עס קלאָר מאַכן...

וואָס זענען אויסן געווען די באָלשעוויקעס? וועלכע לאָזונגען האָבן זיי גע־וואָלט דורכפירן? וועלכע רעזאָלוציעס אָננעמען?

„נעמען די מאַכט“ — דאָס איז געווען דער ראש וראשון, דאָס ערשטע, צו וואָס זיי האָבן זיך געוואָלט דערשלאָגן. צונויפרופן די גרינדונגספאַרזאַמלונג אין צייט — דאָס איז געווען אַ צוטשעפּ, אַ דעמאַגאָגישער שפּיצל.

די וועלטרעוואָלוציע און איר פונאַנדערוויקל — דאָס איז געווען די גרונטפּאָן און די וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג פון דער ערשטער טעזיס.

מיר האָבן זיך געאַמפּערט וועגן אַלע דריי זאַכן.

איך געדענק זייער גוט סמידאָוויטשעס רעפעראַט און זיין באַגרינדונג פון דעם ערשטן פונקט דורך דעם באַלדיקן אָנקום פון דער וועלטרעוואָלוציע.

זיין באַריכט איז געווען דער אויסשעפּנדיקסטער.

נאָך אים בין איך אַרויסגעטראָטן.

איך האָב אָנגעהויבן מיט דער באַזירונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אויף דער וועלטרעוואָלוציע.

און דאָס זענען געווען מיינע אויסזעצונגען:

רוסלאַנד האָט אַ גרויסן שטח. עס איז גענוג גרויס און לאַנג ניט מורא צו האָבן פאַר אַן אינטערווענציע. אַ זעקסטל טייל פון דער וועלט איז ניט קיין שפּאַצירגאַרט פאַר אַ פרעמדער אַרמיי. אַ רעוואָלוציאָנער לאַנד איז בכלל ניט קיין שפּאַס, אַ דיסציפּלינירטע אימפּעריאַליסטישע אַרמיי דאַרף פון דעם וויכן ווי פאַקעלן פון פייער.

די ווירטשאַפט איז, ביז צו אַ געוויסער מדרגה, אַ פּרימיטיווע, עס זעט זיך נישט אָן, אַז ערדאַרבעט זאָל דאַרפן ליידן פון דער רעוואָלוציע, ווייל דאָרט איז כמעט קיין צוזאַמענשטויס ניט געווען. די פּויערים האָבן „אויסגערויכערט“ די פּריצים און דאָס איז אַלץ. דער בעל־מלאכה — דאָס אייגענע. די אינדוסט־ריע קען יאָ צוהינקען בשעתן איבערגאַנג פון באַלעבאָס צום אַרבעטער. דאָס איז צו פאַרליידן און די ווונדן וועלן גיך פאַרהיילט ווערן.

אַזוי אַרום האָט זיך רוסלאַנד ניט וואָס צו שרעקן פאַר די איבעריקע לענ־דער, אויב זיי זאָלן אַפילו בלייבן פיינטלעך צו איר.

מיין טעזיס איז געווען, אַז מען דאַרף באַגרינדן די רוסישע רעוואָלוציע אויף די אינעווייניקסטע כוחות און סיטואַציעס, וואָס ליגן אין לאַנד.

אַ וועלטרעוואָלוציע? די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט זיגער און באַזיגטע. די געשיכטע לערנט אונדז, אַז זיגער זענען קנאַפּע בעלנים אויף מאַכן רעוואָלו־ציעס. רעוואָלוציעס פון אַ קלענערער און גרעסערער טיפקייט וועלן מיר זען מער ניט ווי אין די באַזיגטע לענדער.

פאַרוואָס קריגן מיר זיך איבער דער באַגרינדונג? וואָס אַרט אונדז, אַז סמידאָוויטש און די באָלשעוויקעס זאָגן אייך צו אַ וועלטרעוואָלוציע? זאָל ער

גיין און מאַכן אַ רעוואָלוציע אין פּאַריז, לאָנדאָן וכדומה. וואָס שטעלן מיר זיך אַזוי איין כנגד? — האָב איך געפרעגט די אַרבעטער, און זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די זאַך איז ניט אַזוי פּשוט.

דער צוזאָג פון דער וועלטרעוואָלוציע האָט אַ צווייטע זייט, און די צווייטע זייט דאַרף אונדז שטאַרק אינטערעסירן.

די באָלשעוויקעס — האָב איך עס דעמאָלט פאַרשטאַנען און געגעבן די אַרבעטער צום פאַרשטיין — גרייטן צו דעם וועג פאַר אַ צוריקטריט; זיי לאָזן אָפן די טיר, דורך וועלכער זיי וועלן די ערשטע אַנטלויפן פון רעוואָלוציע־קאַמף און פאַרראַטן אים. דער תירוץ איז שוין פאַרטיק:

זיי וועלן זאָגן: — מיר האָבן געוואַרט און געהאָפט אויף אַ וועלטרעוואָלוציע, — אונדזער האָפענונג איז ניט מקוים געוואָרן, דער וועלטפּראָלעטאַריאַט האָט אונדז ניט געשטיצט — זענען מיר געצוווּנגען צוריקצוגיין, נאָכגעבן, זיך אונטערגעבן וכדומה טענות.

די וועלטרעוואָלוציע וועט ניט פאָרקומען אין די עטלעכע קומענדיקע יאָר און זיי וועלן האָבן אַ תירוץ און אַן אויסרייד צו דערשטיקן די רוסישע רעוואָלוציע. אָט דערפאַר האָבן זיי אַזוי „ארכי־רעוואָלוציאָנעריש" באַגרינדעט די רוסישע רעוואָלוציע.

דער „תפסת־מרובה" פון די באָלשעוויקעס איז געווען געמאַכט מיט אַ טיפן מיין און אַן אויסגערעכנטער, כיטרער כוונה דורכצוּוואַרפן די רוסישע רעוואָלוציע.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך ניט איינמאָל געהערט און געזען לענינען, קלאָפּנדיק זיך אין האַרצן „על חטא" און מתוודה־זיין זיך:

„מיר האָבן געמאַכט אַ טעות; די וועלטרעוואָלוציע גייט ניט מיט דעם טעמפּ, אויף וועלכן מיר האָבן אויסגערעכנט..."

מיר זענען געווען זיכער, אַז ער איז אין זיין ווידוי געווען ניט ווייניקער „אויסגערעכנט" ווי אין „טעות־זינד..."

אין זיי, אין די באָלשעוויקעס, האָט גערעדט דער אינסטינקט פון אַן אויפקומענדיקן קלאַס, וואָס הייבט אַן אַלעמאָל זיין קאַריערע מיט שקר, כזב, כיטרעריי, סאָציאַלפּאָליטישן שווינדל.

איצטער איז עס אַ סך מענטשן קלאָר, איצטער, נאָכדעם ווי מען האָט געזען דעם איינפיר פון „נעפּ" (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק) און „נעפּ" אויף „נעפּ" (די נייסטע ריכטונג) און קראַנשטאַט־אונטערדריקונג און נאָך און נאָך כדומה אַקטן: דער אָפּמאַך מיט היטלערן, דער אָנפאַל אויף פוילן און פינלאַנד...

אָבער אויך דעמאָלט, אין רעכטן אָנהויב, האָט אַ שאַרף אויג געקענט זען, אַז דער „וועלטרעוואָלוציאָנאַריזם" פון די באָלשעוויקעס, די נעכטן געוועזענע סאָציאַלדעמאָקראַטן, איז ניט גלאַט אַזוי „אין דער וועלט אַריין"... אַז דאָ ליגן סתרי־תורה, און איבערשפּיצלערייען און הינטער־מחשבותן, ווי אַזוי צו מאַכן אַ שטרענג־כשרע רעוואָלוציאָנערע מינע אין אויסזען און דערשטיקן די רוסישע רעוואָלוציע איז טאַט.

אין דער באַגרינדונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז שוין געלעגן אי קראָנשטאַט, אי „נעפּ", אי אַלע זייערע מעשים תעתועים — און וועגן דעם האָב

איך געוואָרנט די אַרבעטער נאָך ערב־אָקטאָבער אויפן צווייטן צוזאַמענקום פון די ווערקשטאַט־קאָמיטעטן.

„נעם די מאַכט!“

דאָס איז געווען דער לאָזונגרוף פון די באָלשעוויקעס.

איך בין געשטאַנען אויף דער בינע, ביי דער זייט פון די מאָסקווער באָל־שעוויסטישע פירער און אַנטקעגן מיר — די פאָרזיצער און מיטגלידער פון די „זאַווקאָמס“ (זאַוואָד־קאָמיטעטן), און געגעבן זיי צו פאַרשטיין, אַז אונדזער לאָזונג — „נעם די פאַבריקן!“ — איז פשוטער, צוגענגלעכער צום אַרבעטער.

אין פשטות גערעדט: אַן אַרבעטער ווייסט מער, וואָס עס טוט זיך ביי אים אויפן פאַבריק, איידער וואָס עס האָט זיך געטאָן אין דעם קאַבינעט פון מיניסטאָרן.

און פאַרוואָס — האָב איך געפרעגט — האָבן די באָלשעוויקעס מורא פאַר דעם לאָזונג „נעם די פאַבריקן“ און סטראַשען, אַז בזה־האופן וועט די אינדוסט־ריע ליידן, אָבער זיי שרעקן זיך מכל־וכל ניט, אַז פון אַרויסלאָזן דעם אויפרוף „נעם די מאַכט!“ — וועט די מלוכה צעפאַלן?

ס׳איז איינפאַך דערפאַר, ווייל די מאַכט וועט ער, דער באָלשעוויק, ריכטיקער, דער נייער אויפקומענדיקער קלאַס, נעמען, אין זיינע הענט. אָט־די נייע פאַרמאַציע וואַקסט פאַר אונדזערע אויגן; בשעת די פאַבריק וועט באמת נעמען דער אַר־בעטער, דער אַלטאָגעדיקער אַרבעטער, אָט יענער, וואָס שטייט פאַרן ווערק־שטאַט מיט פאַרמאַזאָלעטע הענט. און דאָס וויל דער באָלשעוויק ניט; ער וויל עס ניט, ווי דער באַלעבאָס, דער קאַפּיטאַליסט, האָט עס ניט געוואָלט.

די באָלשעוויקעס, פּריידיקנדיק און פאַרלייגנדיק דעם אַרבעטער „דאָס שווערסטע“, האָבן מיט כל־הכוחות געזען אויסצומיידן, „דאָס גרינגע“, ווייל וואָס עס איז גרינג און גינציק פאַרן אַרבעטער, פאַרן אַרבעטערקלאַס ווי אַזוינער, איז לגמרי ניט גינציק פאַר זיי אַלס אַ קלאַס פון אָרגאַניזירער, וואָס נוצט אויס דעם אָרגאַניזירטן, ווען ער שטייט אויף קעגן זיינע הערשער, אָבער האַלט אין איין הבה־נתחכמהנען, ווי אַזוי אויסצופלעכטן נייע קייטן אויף אַזאַ מין אופן, אַז דער אַרבעטער זאָל זיי ניט באַמערקן, זאָל זיי ניט זען די ערשטע מינוט — און שמידן אים אַ צווייטן מאָל אין שטאַרקערע, שווערערע און מער אומפונאַנדער־בינדבאַרע קייטן.

איר וואָלט געווען זיין אין זאַל, הערנדיק די דונערן פון אַפּלאָדיסמענטן, ווען איך האָב ביידע לאָזונגען אָפּגעוויגן אויף דער פּראָלעטאַרישער וואָגשאָל. די אַרבעטער האָבן געמאַכט אַן אָוואַציע.

און פונדעסטוועגן, אַז עס איז געקומען צום שטימען האָבן די באָלשעווי־קעס דורכגעפירט זייער רעזאָלוציע.

און מיינט ניט, אַז מיר האָבן זיך געאַמפּערט וועגן אַ מוקדם און מאוחר. צי איז עס מעגלעך צו פאַרנעמען די פאַבריקן, איבערלאָזנדיק די מאַכט אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן.

ניט וועגן דעם האָט זיך עס געהאַנדלט. עס וואָלט געווען נאַיוו פון אונ־דזער זייט צו גלויבן, אַז מיר וועלן נעמען די פאַבריקן — און די מלוכהשע מאַכט וועט שטיין און קוקן.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן נעמען די פֿאַבריקן און ברעכן די צענטראַלע מלוכהשע מאַשין, איבערגעבנדיק אירע הויפּטפֿונקציעס צו די אָרטיקע קערפּערשאַפֿטן פֿון אַרבעטער.

אין דעם פּונקט האָבן די באָלשעוויקעס אין אָנהייב כלומרשט ווי נאָכגעגעבן און זיי האָבן עפּעס ווי אויסגעטייטשט זייער רוף: „די מאַכט צו די סאָוויעטן“ אַזוי, אַז יעדער סאָוויעט וועט זיין זעלבסטשטענדיק און פֿעדערירט מיט די אַנדערע. אָט־דער פּונקט איז געווען אין זייערע הענט ווי אַ שטיקל גומקע. זיי האָבן אים געצויגן, ווען זיי האָבן געוואָלט און וווהין זיי האָבן געוואָלט.

נאָר דאָס אַלץ איז געווען מער ניט ווי אַ פֿאַרשטעלעניש. דעם ריינעם פּרצוף זייערן האָבן מיר געזען, ווען מען האָט גענומען ריידן וועגן די פֿאַבריקן. מיר האָבן געוווּסט, אַז זייער „פּאָליטיק“ וועט זיין אַן אָפּשפּיגלונג פֿון זייער „עקאָנאָמיק“, דערפֿאַר ווייל זיי זענען היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן. זיי ווילן קאָנטראָלירן די אינדוסטריע! פֿון דעם אָרט האָבן זיי זיך ניט געוואָלט רירן. אַז עס איז געקומען נאָענט צו אָקטאָבער, איז אַרויס זייער קלאָרער רוף: נעם די מאַכט! באַהערש דעם מלוכה־אַפּאַראַט! און נאָכדעם די אינדוסטריע. האָבנדיק אין „זייערע“ הענט די מלוכה־מאַשין, האָבן זיי זיך ניט געשראָקן פֿאַרן אַרבעטערס נעמען די פֿאַבריק. זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט און אויסגערעכנט, אַז זיי, מיט דער הילף פֿון זייער אַלמעכטיקן געצייג, וואָס הייסט מאַכט, וועלן עס צוריקנעמען, געבנדיק דעם אַרבעטער איבער די הענט.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ראַנגלען זיך אויף לעבן און טויט פֿון די צוויי קלאַסן, די אָרגאַניזירטע מאַסע און דער קלאַס פֿון אָרגאַניזאַטאָרן.

מען האָט אָנגעווענדט כל־המיני דריידלעך און פּשטלעך, אַבי אָפּצונאַרן דעם אונטערדריקטן, אַריינגאַרן אים אין פּאַסטקע אַזוי, אַז ער זאָל אויסגענוצט ווערן אין קאַמף קעגן דעם אַלטן־הערשנדיקן קלאַס, וועלכן די היסטאָריע שטופּט אַוועק אויף עולמות; אָבער בשום אופֿן אים ניט צולאָזן צום שיסל, בשעת דער נצחון וועט קומען.

פּשוט גערעדט, זיי האָבן גענומען לערנען דעם קאַפּיטל וועגן עקספּלואַטאַציע מיט אַלע צוויי־אונדדרייסיק פּירושים.

נאָך מער: די גאַנצע רעוואָלוציע איז געפֿירט און אָנגעפֿירט געוואָרן אַזוי, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, ד״ה, דער אַרבעטערקלאַס, זאָל אַוועקלייגן זיינע גאַנצע כוחות אין קאַמף מיטן אַלטן סדר און ווען עס וועט קומען דער טאָג פֿון שאַפֿן, פֿון אַוועקלייגן די ווינקלשטיינער פֿאַרן נייעם סדר, זאָל ער זיין אָנמעכטיק, אויסגעהונגערט, אָפּגעשוואַכט, צעלווייניק, אויסגעהרגעט אויף די פֿראָנטן פֿון אינעווייניק ווי פֿון דרויסן — און דער נייער „אויפֿגעקומענער“ קלאַס, זאָל אים קענען גובר־זיין גאַנץ גרינג, מיט „הוילע הענט“.

וואָס האָבן זיי, די באָלשעוויקעס, אַרויסגעשטעלט קעגן אונדזער לאָזונג: „נעם די פֿאַבריק“? דאָס איז, האָבן זיי געטענהט, אַן „אַנאַרכיסטישע דיעלאָזשקאַ“, אַ פֿונדאַמענטאַל און אויפֿברוך פֿון דער אינדוסטריע, בשעת זיי האָבן געוואָלט פֿאַרכאַפּן די אינדוסטריע מיט דער הילף פֿון אַ צענטראַליזירטן מלוכהשן אַפּאַראַט און זי באַהערשן, באַוואָרענענדיק זיך פֿון ביידע זייטן, אי פֿון קאַפּיטאַליסט, אי פֿון אַרבעטער.

אין וואָס באַשטייט דער אויפטו? אָנשטאָט צו באַהערשן און פאַרגוואַלטיקן דעם אַרבעטערקלאַס דורך „אייגנטום", ווילן זיי אים באַהערשן דורך „אָרגאַניזאַציע". זיי טוען אַ פשוטע זאַך און בזה־האופן ראַטעווען זיי די פּאָזיציעס פון הערשנדיקן קלאַס און פאַרנעמען זיי, און פאַרפעסטיקן זיך אין זיי.

ווען עס קומט די שעת פון איבערגאַנג, ווען דער אַרבעטער ווערט גענוג אַנטוויקלט צו פאַרשטיין די סאָציאַלע אינדוסטריעלע מאַשין, וועלכע איז אויפגעבויט און אָנגעפירט געוואָרן פון דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן, און ער נעמט זיך ערנסט פאַר דער אויפגאַבע צו באַהערשן אָט־דעם אַפּאַראַט, ווייל ער, דער אַרבעטער, ווייסט שוין, ווו עס ליגן אַלע שרייפּעלעך פון דעם, ער ווייסט דעם „איין־און־אויס" פון דער זאַך — דעמאָלט רוקט זיך אַרויס אַ שפּאָגלנייער קלאַס אויף דער אַרענע, וואָס זיין עובדא, זיין היסטאָרישע עובדא, איז צו פאַרקאָמפּליצירן די סאָציאַלעקאָנאָמישע סטרוקטור אַזוי, אַז דער אַרבעטערקלאַס, וואָס איז געווען בכוח אָנצופירן די אַרבעט און אָרגאַניזירן דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס, ווען ער, דער פּראָצעס, האָט זיך געפונען אויף אַ נידעריקער מדרגה — זאָל אָנווערן פונדאַסניי דעם קאָפּ, און ער זאָל ווייטער קענען געפירט ווערן מיט פאַרמאַכטע אויגן; און מען זאָל אים קענען ווייטער צאַפּן און שערן...

זיי הייבן אַרויף די אינדוסטריע פון איין סאָציאַלער פאָרמאַציע צו אַ צווייטער, אַ העכערער, און אַזוי אַרום ווערן זיי פּטור פון אַרבעטער און זיין זיך־מישן, אין „אָנפירן" די אַרבעט, ניט נאָר אין אויספילן די אַרבעט.

יעדער בר־דעת קען עס פאַרשטיין.

ווען מיר בייטן דעם באַלעבאָס, ווען אָנשטאָט דעם קאַפּיטאַליסט אָדער אַקציעסגעזעלשאַפט שטעלן מיר אַוועק די אַרבעטערקערפּערשאַפט פון דער געגעבענער אונטערנעמונג, אין דעם פאַל זענען מיר ניט בכוח, בשום־אופן ווניט, אין דער זעלביקער צייט, אויף אַמאָל, רעאָרגאַניזירן ניט נאָר פון אינעווייניק, נאָר פאַרגרעסערן אויך דעם אומפאַנג אויף הונדערט מאָל.

אָנשטאָט וואָס פאַר דעם איז געווען די איינצלנע פאַבריק דער עקאָנאָמישער איינס, ווערט איצטער די גאַנצע לאַנדאינדוסטריע איין איינקייט.

און אויב דער איבערגאַנג, אַפילו אין דער געגעבענער היסטאָרישער סטרוקטור, וואָלט געקאָסט דעם אַרבעטערקלאַס אַ סך אָנשטרענגונג, ווייל ער איז דאָך נאָך, פשוט, ניט צוגעוווינט צו אָט־דער אַרבעט, היינט שטעלט זיך פאָר, אַז מ'האָט „נאַציאָנאַליזירט", „צענטראַליזירט" די גאַנצע אינדוסטריע אין לאַנד.

איז דאָס ניט געווען אַ פשוטער „לועג־לרש" צו זאָגן צו די אַרבעטער: איצטער וועט איר עס פאַרוואַלטן!

די כוונה איז געווען אַ פשוטע: בזה־האופן צו באַרעכטיקן דאָס שאַפן אַ נייעם קלאַס, וואָס וועט פאַרנעמען די פּריווילעגירטע ערטער, מיט גוטער באַלוינונג און עס אַרויסשטעלן ווי אַ היסטאָרישע מוז־זאַך. די אינדוסטריע קען זיך אָן זיי ניט באַגיין.

איך וואָלט ווועלן, אַז דער לייענער זאָל זיך קאָנקרעט פאָרשטעלן די סביבה און אומשטענדן, ביי וועלכע די וויכוחים האָבן זיך געפירט.

מיר האָבן ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין זיך געמוטשעט.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ממשותדיקע זאַכן: פאַבריקן, שאַכטן, בענק,

הייזער און דעם גאַנצן רייכטום, דעם סך־הכל פון רוסלאַנד: צו וועמען זאָל עס געהערן? צו די אַרבעטער, אָדער צום נייעם קלאַס, אָדער גרופּע? אַ גרופּע, וואָס וואַקסט פאַר אונדזערע אויגן, וואָס דערווייל זענען זיי נאָך צדיקים אין פּעלצן, אָבער זייערע שעפּסענע פּעלעכלעך וועלן זיי באַלד אַראָפּוואַרפן און דעמאָלט וועט אַרויסקומען אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט דער קלאַסנוואָלף מיט די שטשירענדיקע ציין... שאַרפע נעגל און אַ העלישן אַפּעטיט צו גדולה, רחבות און הערשאַפט.

די באָלשעוויקעס קעגן מיר האָבן געהאַט איין טענה:

איך בין אַן אַנאַרכיסט און בין קעגן „אָרגאַניזאַציע".

דאָ ליגט אַ גרויסער אמת.

ווייל „אָרגאַניזאַציע" איז דאָס ווערעמל אויף דער ווענטקע, מיט וועלכן זיי, די נייע באַלעבאַטים, כאַפּן די שטומע פיש, כאַפּן זיי אויף אַ שבת...

איר וואָלט געדאַרפט זיין דערביי און זען, מיט וואָס פאַראַ באַגייסטערונג די אַרבעטער האָבן אויפגענומען מיינע אויסטייטשונגען פון די באָלשעוויסטישע לאָזונגען.

איר האָט געדאַרפט זען, ווי תשעה־באָבדיק, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און אַ גרויסן טרויער אין די אויגן, עס האָט געשטימט דער רוב פאַר זייער רעזאָלוציע.

דאָ האָט געווירקט, אַחוץ די מאַכינאַציעס פון די באָלשעוויקעס פאַרן שטימען, דער טיפער פאַראורטייל, אַז „אַנאַרכיסטיש" מיינט עפּעס ווייטער אין דער זעלביקער ריכטונג און אין דער זעלביקער קאַטעגאָריע.

פאַרן אַרויסגיין האָבן מיר אייניקע פון די אַרבעטער, וואָס האָבן געשטימט פאַר דער באָלשעוויסטישער רעזאָלוציע, געזאָגט:

— וואַרט, חבר גאָרדין, אַ חודש, צוויי, און מיר וועלן דורכפירן אַלץ, וואָס איר האָט אונדז געזאָגט. דערווייל זאָלן זיי פירן... זיי וועלן אונדז ניט פאַרפירן... מיר וועלן גיין ווייטער אַן זיי...

איין איינצלהייט מער. און דאָס איז וועגן דער לאָזונג „צונויפרופן די גרינדונגספאַרזאַמלונג אין צייט".

אויף דער טריבונע, הינטער די קוליסן, צווישן איין אַרויסטרעט און צווייטן, האָב איך זיך געוועט מיט סמידאָוויטשן אין דער אַנוועזנהייט פון צענדליקער אַרבעטער, אַז די גרינדונגספאַרזאַמלונג וועט ניט צונויפגערופן ווערן בכלל, און אויב יאָ, וועט זי צעטריבן ווערן.

ווי אין דעם פּונקט אַזוי אין די איבעריקע זענען זיי קיינמאָל ערנסט ניט געווען. פאַר זיי איז געשטאַנען איין אויפגאַבע און דאָס איז געווען צו קריגן די מאַסן, זיי אויסנוצן און אַרויסוואַרפן, אָדער, ריכטיקער, זיי אויסנוצן פּאָליטיש אין קאַמף און דערנאָך זיי נוצן כסדר, עקספּלואַטירנדיק אויפן פאַבריק, אין ווערקשטאַט.

אַ הערשנדיקער קלאַס בנוגע אַן אונטערדריקטן קלאַס איז קיינמאָל ניט אָרנטלעך־ערלעך.

„וועסטו ניט אָפּנאַרן — וועסטו ניט הערשן" — דאָס האָבן די באָלשעוויקעס גאַנץ גוט געוווּסט, ווי ערב אָקטאָבער אַזוי נאָך אָקטאָבער.

XXXIII

די דווינסקער (דווינצי)

אויפן טייך דווינאַ איז געשטאַנען אַ פּאָלק זעלנער; געשטאַנען זומער און ווינטער. דאָרטן איז דורכגעלאָפן די ליניע פון פראָנט.

בלוט געגוג איז פאַרגאָסן געוואָרן צו פאַרפאַרבן דעם טייך און צו מאַכן אים רויט.

אַ טייך, ווי שטיל ער זאָל ניט זיין און ווי פלאַך־נאַריש ער זאָל ניט זיין, איז ער פאָרט אַ קרוב פון ים; ער פליסט, ער גייט, ער מורמלט. טרייבט קניי־טשעלעך ברוגזדיק איבער זיין בלייכן פנים.

מיר ווייסן, אַז מענטש און נאַטור, פיזישע סביבה, איז כמעט ווי איינס. על־כל־פנים ווירקן זיי איינער אויפן צווייטן.

מאַטראָזן, ווייסן מיר, זענען גוטע רעוואָלוציאָנערן. דער ים, דער שטורעם לעבט אין זיי און זייערע געפילן זענען ווי די כוואַליעס, זייער העזה — ווי זיין ברום, זייער צאָרן — ווי זיין קאַך, און זייער ווילן — ווי זיין סטיכיע.

די דווינאַ — אַזאַ שטילע באַשעפעניש.

מ׳שטיינס געזאָגט — האָט זי דען ווען אַ שיפל איבערגעקערט אַזוי זיך שפּילנדיקערהייט! אַפילו אין פרילינג איז זי רויק. און עפּעס אַ שטיקל דאַמבע שטייט דאָרטן, איז עס די והותר אין שטאָט דווינסק ניט אַריינצולאָזן. זי לויפט זיך פאַרביי, כלומרשט שפּריצנדיק שוים און גיט אַפילו אין שטאָט ניט אַ קוק־אַריין.

אַ שטילע באַשעפעניש.

און פונדעסטוועגן, עפּעס ווי מעשה־שטן: דער פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען אויפן טייך, האָט זיך אָנגעשמעקט מיט פאַרשייטקייט און האָט זיך גענומען בונטעווען... וואָס האָבן די זעלנער די געוואָלט? ווי קומט עס צו זיי, שטייענדיק ביי אַזאַ צנועה אַ טייך? פרעגט קיין קשיות ניט; ווער ווייס דעם ראַדיאָוועג פון געדאַנקען און גייסט.

ווי געזאָגט — פאָרט אַ שטיקל טייך און אַ שני־בשלישי פון אַ ים...

און אַ ים איז אַן אייביקער רעוואָלוציאָנער.

די זאַך איז פאָרגעקומען שוין שפּעטלעך, אַ קורצע צייט פאַר דער פעב־רואַרער רעוואָלוציע.

די חיה־רעה פון מיליטאַריזם האָט זיך געפילט ווי פאַרווונדעט... אָדער די ציין זענען איר אייליק געוואָרן. אַזוי פיל גרינע פירות פון בוים פון לעבן אַראָפּגעריסן פאַר דער צייט און אויפגעגעסן.

ער האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיטן פּאָלק, וואָס האָט זיך צעבונטע־וועט... אַרומרינגלען און אַנטוואָפענען און דערנאָך צעשיסן?

ער האָט מורא געהאַט זיך צו נעמען פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט.

אַן אויפשטאַנד איז אַ קלעפּיקע קראַנקייט. ווער קען זיכער זיין, אַז די דאָקטוירים, אַנדערע רעגימענטן, וועלן זיך ניט אָנשטעקן און אויך קראַנק ווערן אָנשטאָט צו „קורירן" די „קראַנקע" „דווינסקער".

און מען האָט זיך מיישב געווען איינצוגיין אויף אַ פּשרה...

אחלקם ביעקב ואפיצם בישראל... צעשפּרייטן, צעוואָרפן איבער פאַרשיידע־נע ערטער, און בעיקר פונאַנדערנעמען, פונאַנדערשלייפן דעם קניפל פון מענטשן.

מען האָט זיי צוגענומען פון פראָנט, אָפּגעשיקט ווייט און טיף אין לאַנד, און זיי אויסגעקוואַרטירט אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך.

אַ טייל פון זיי, בערך אַ דרייהונדערט צי מער, זענען אַריינגעפאַלן קיין מאָסקווע.

מכוח דער גאַנצער זאַך האָט מען געמאַכט אַ שוויג.

מען האָט זיי צעשיקט זיך אָפּרוען, אויסרוען נאָך דער שווערער און נערוונ־פּרעסיקער אַרבעט פון פאַרטיידיקן די פראָנטליניע פון דער דווינע, — דאָס איז געווען דער תירוץ.

ווו האָט מען זיי געהאַלטן אין מאָסקווע? — אין אַ שפּיטאָל.

אָפּגעזונדערט פון דער וועלט האָט מען זיי געהאַלטן, עפּעס ווי זיי וואָלטן געווען אין חרם אַריינגעלייגט אָדער גאָר קרעציק.

ערגעץ אַן אַ זייט שטאָט האָט מען זיי געהאַלטן, געגעבן עסן, טרינקען וואַ־סער געזאָטענע — און מען האָט זיי געהיילט... די קוראַציע איז באַשטאַנען אין האַלטן זיי אין אַ מין אייגנאַרטיקן קאַראַנטין.

קיין מגע־ומשע ניט ניט מיט דער ציווילער וועלט, ניט מיט דער זעל־בערישער.

לאָזן גיין אַהיים? — דאָס וואָלט דאָך דאָ זיין אַן אומגעהערטע זאַך! האָט מען זיי געהאַלטן אין אַ לאַזאַרעט. די דאָקטוירים און אַמען האָבן געוווסט פון דער מעשה — זיי האָבן זיך ניט וויסנדיק געמאַכט.

וואָס האָבן די זעלנער געטאָן?

גאָרניט. געלעגן אויף די בעטלעך, געוואַלגערט זיך, געגרויכערט.

געקריגט זיך אַמאָל מיט דער אַדמיניסטראַציע, זיך איבערגעבעטן.

געקריגט זיך מיט די דאָקטוירים, געלעבט אין צו גרויס שלום מיט די אַמען...

און דער טראַקטאָר, צייט, וואָס דאַרף ניט קיין פאַרע און ניט קיין עלעקטריציטעט, האָט זיך געאַקערט די פעלדער פון געשעענישן און געלאָזט וואַקסן נייע משונהדיקע, אין רוסלאַנד ניט־געזעענע תבואה...

יי האָבן געוווסט מכוח דער פעברואַררעוואָלוציע, הגם מען האָט זיי ניט אַרויסגעלאָזן פון שפּיטאָל.

קראַנקע מענטשן, — ווי קענען זיי זיך אַרומשלעפּן איבער די גאַסן!...

קראַנקע מענטשן, — ווי קומען זיי זיך צו מישן אין פּאָליטיק...

די רחמנות־שוועסטער מיט די רויטע קרייצן אויף די בוזימער, מיט די שיינענדיק־שמייכלדיקע פּנימער האָבן זיי די זאַך דערציילט, אין אָנהייב אין קורצן, און דערנאָך מער בהרחבה...

די „דווינסקער" האָבן געוואָרט, זייער ווונטש זאָל באַפרידיקט ווערן: עס זאָל קומען אַ סוף פון דער מלחמה און זיי זאָלן גיין אַהיים...

קיין גרויסן צוטרוי האָבן זיי ניט געקאָנט האָבן צו אַ רעזשים, וואָס האָלטנ־דיק זיי פאַרשפאַרט, האָט זיי איבערגעלאָזן אונטער פאַרמאַכטע טיר און טויער, סגור ומסוגר, הגם מיט אַ סך הנחות איינגעפירטע.

פונקט ווי דער אַלטער רעזשים האָט ניט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט זיי, וואַרטנדיק אויף בעסערע צייטן, ווען ער וועט קענען זיך מיט זיי אָפּרעכענען, אַזוי איז „דער נייער" אויך געווען אין אַ פאַרלעגנהייט און ער האָט געלאָזן די זאַך ווי מען זאָגט, לויפן...

זיי, די דווינסקער, זענען אָבער געוואָרן ביי זיך אַביסל שטייפער.

וואָס הייסט עפּעס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין האַלטן און האַלטן!

אַ סוף דאַרף עס נעמען! אָדער איבערגעבן צו אַ מיליטערישן געריכט, אָדער שיקן אַהיים... אָדער ערגער אָדער בעסער, אַבי ניט אויף אָן אָרט.

ווען די צייטווייליקע רעגירונג האָט גענומען ערנסט אָנפירן ווייטער די מלחמה, זענען זיי געוואָרן דם־שונאים פון אָט־דער רעגירונג. נאַטירלעך, אַז פאַר זיי רעוואָלוציע האָט באַדייט אָפּשטעלן די מלחמה.

דער רעוואָלוציאָנערער פייער, וואָס האָט געברענט אין זייער האַרצן, נאָר איז געווען פאַרדעמפּט אונטער די בערג פון אַש פון גאַרניט־טאָן, וואַלגערן זיך אויף די בעטלעך אין שפּיטאָל און וואַרטן פּאַסיוו אויפן גוטן סוף, וואָס דאַרף באַלד אָנקומען — האָט זיך איבערגעבראָכן אַ וועק־אויף. זיי האָבן געוואָלט עפּעס טאָן.

ווער וועט זיי ווייזן דעם וועג?

מיט וועמען זיך שטעלן אין פאַרבינדונג?

ווער וועט זיי אויפקלערן? עס איז דאָך עפּעס פאַרט אַ נייע צייט און די געשעענישן זענען ניט אַלף־בית־יש פּשוט.

זיי האָבן ניט געטרויט, ניט געקענט טרויען, די „סאָציאַליסטן", וועלכע זיי האָבן זינט דער מלחמה באַטראַכט ווי פערזענלעכע פיינט, און ממילא האָבן זיי געוואָרפן אָן אומחן אויף זייערע שכנים פון לינקס.

דער איינציקער פינטל, וואָס האָט פאַר זיי געשיינט — איז געווען די אַנאַרכיסטן.

דאָ וועט מען זיי זאָגן דעם ריינעם, ניט פאַרשטעלטן אמת.

און נאָך דעם האָבן זיי געגאַרט.

זיי האָבן געשיקט צו אונדז אַ דעלעגאַציע, וועלכע האָט אונדז דערציילט זייער „געשיכטע" און געבעטן אונדז שיקן צו זיי אַ רעדנער, זיי אויפצוקלערן.

איך האָב זיך געדרייט אַהער און אַהין, געקלעטערט איבער הויקערדיקע געסלעך, ביי־געסלעך, צום סוף געקומען צו אַ גאַנץ סאָלידער געביידע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ריז צווישן קאַרליקעס, די איבעריקע הייזער.

געווען איז עס אַ ביידערנאַכט.

אַריין אין אַ גרויסן זאַל, פול אָנגעשטעלט מיט בעטלעך.

דאָ און דאָרט האָבן אַראָפּגעהאַנגען עלעקטרישע לעמפּלעך און געוואָרפן גיגאַנטן־שאָטנס אויף די ווענט און פּולאָפּ.

„אַ רעדנער איז געקומען פון דער פעדעראַציע" — האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע קאָרידאָרן, אויבן און אונטן.

און טריט האָבן זיך געלאָזט הערן פון פיס אָנגעטאָענע אין שטעקשיך, כאַלאַטן גרויע, טונקעלע האָבן געגומען אָנפילן דעם גרויסן זאַל.

די שאָטנס, ווי צערייצטע, האָבן געשפּרונגען מיט משונהדיקע העוויות אי־בער די ווענט.

איך קוק אויף די פּנימער: איניקע מיט בערד, אַנדערע אָן בערד, יונג און אַלט. — זיי אַלעמען פאַרייניקט איין פאַרגאַנגענהייט, וואָס באַשטייט הויפּט־זאַכלעך פון אַ „באַגאַנגענעם פאַרברעכן", וואָס זיי ווייסן עפּעס ניט צי איז עס אַ „טוגנט" צי אַ „זינד", ווי מען וויל זיי איינריידן.

זיי קומען אַריין, שטעלן זיך אויס אין אַ רעדל, צעזעצן זיך אויף די בעט־לעך און זענען נייגעריק צו הערן, וואָס וועל איך זיי זאָגן.

זיי פילן זיך אָבער ניט זיכער, — עפּעס שרעקט זיי דער רעיון.

וואָס וועט זיין, אַז עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז איך געהער אויכעט צו זייערע „שונאים"?

זיי הערן זיך איין.

אויף זייערע פּנימער — שווערע כמאַרעס פון אַ באַוווסטזיין, וואָס מאַ־טערט, דריקט:

„ס'טייטש, מיר האַלטן זיך פאַר זיכער גערעכט; אָבער אַלע באַשולדיקן אונדז... וויכן פון אונדז... מיר זענען אָבער פאָרט גערעכט. צי דען איז טאַקע גאָר קיין יושר ניטאָ אויף דער וועלט...

זיי קוקן אויף מיר האַלב־וואָלפיש, פון אונטערן שטערן.

איך רייד.

זייערע פּנימער ווערן ליכטיקער, די וואָלקנס פון חשדים צעזייט.

די אויגן ברעכן די שפּיצן פון זייערע שפּיזנבליקן, נעמען אייך גלעטן מיט צוטרוי, ליבע און דאַנקבאַרקייט.

ווי איינער זאָגט: „אָט האָט זיך געפונען כאַטש איין צדיק, וואָס נעמט זיך אָן אונדזער קריוודע".

און זיי מעגן זיך פילן ווי „מענטשן מיט מענטשן צו גלייך". גאָר ניט קיין בעל־עבירות; אדרבא, זיי זענען געווען גערעכט און זענען גערעכט...

„ניט קיין פאַרעטער"!... און זייערע אויגן לייכטן ווי שטערן אין הימל פון טוגנט... און די פּנימער ווערן לעבעדיקער, זיכערער.

דאָס שער־בלעטל בייט זיך אין קאָליר, און דאָס בוך־נשמה ווערט גאָר ווי באַנייט.

איך האָב מיט מיין ריידן אָפּגעמעקט די זינד, אַראָפּגענומען די סירכא — און זיי פילן זיך גליקלעך. וואָס אַרט זיי, וואָס די דאָקטוירים קוקן אויף זיי קרום; וואָס אַרט זיי, וואָס די אַמען, די יעניקע פון זיי, וועלכע זענען קינדער פון העכערע קלאַסן און זענען געקומען אַהער זוכן גייסטיקן ספּאָרט, זאָגן זיי מוסר.

אָט האָט זיך געפונען איינער אַ „רעדנער", וואָס האַלט מיט זיי, און ער איז ניט איינער, עס איז די פעדעראַציע.

„די אַנאַרכיסטן, זיי זענען אמתע מענטשן, זיי זענען באמת פֿאַרן מענטשן פֿון פֿאָלק. זיי פֿאַרהאַסן אים ניט. זיי שטויסן אים ניט אין גרוב אַריין..." טענהן זיי מיט מיר.

זיי דאַנקען מיר מיט זייער פּשוטן לשון און שוואַכן אויסדרוק, אָבער שטאַרקן געפֿיל.

דריי מאָל בין איך ביי זיי געווען.

דעם דריטן מאָל ערב־אָקטאָבער. און זיי האָבן מיך פֿאַרזיכערט:

וואָס איר וועט אונדז הייסן, וועלן מיר טאָן.

ווו איר וועט אונדז שיקן, וועלן מיר גיין.

אונדזער לעבן גיבן מיר אַוועק פֿאַר „אייער" אידעאַל, וואָס איז אונדזער אידעאַל.

און זיי, די „דווינסקער", האָבן פֿאַרזיכערט דעם נצחון פֿון אָקטאָבער אין מאָסקווע. זיי זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך געוואָרפֿן אין שטרייט קעגן די „פּראַפּאַרשטשיקעס" (יונקערס), הגם די לעצטע האָבן זיי שטאַרק איבערגע־שטיגן סיי אין צאָל און סיי אין גוט־באַוואָפֿנט זיין.

די דווינסקער האָבן ארויסגעטראָגן אָקטאָבער אין מאָסקווע אויף זייערע פּלייצעס. זיי האָבן געהאַט גענוג רעוואָלוציאָנערע שטימונג אויפֿצוהייבן די הענטשקע, וואָס די ביי זיך פֿאַרריסענע נצחון־זיכערע פּראַפּאַרשטשיקעס האָבן געוואָרפֿן אין געזיכט פֿון אויפֿשטייענדיקן אַרבעטער און זעלנער.

און ווען די פּראַפּאַרשטשיקעס האָבן געגעבן דעם ערשטן שאָס — האָבן זיי געענטפֿערט די „דווינסקער" און דער בירגערקריג אין מאָסקווע האָט זיך אָנגעהויבן.

XXXIV

אָקטאָבער־רעוואָלוציע

פֿעווראַל, דאָס איז געווען איין דורכזיכטיקער שמייכל.

אַלץ האָט געשמייכלט:

דער הימל פֿון אויבן, די ערד פֿון אונטן.

וואָס איז פֿרילינגסווייך?

עס דערקוויקט דאָס האַרץ פֿון מענטש און גאָט.

און באמת: אַפֿילו די געטער־איקאָנעס פֿון די קירכעס אַרויס האָבן גע־שמייכלט און באַגריסט מיט אַ צופֿרידנקייט דעם פֿרילינגסאיבערקער.

ס'רוב רעוואָלוציעס ווערן געמאַכט אין פֿרילינג.

נאַטור רייסט די קייטן פֿון שניי און פֿראָסט און מענטש רייסט די קייטן פֿון דער געזעלשאַפֿט, אָדער פֿון דער שלעכטער אָרדענונג.

אַנדערש, גאָר אַנדערש, האָט אויסגעזען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

ווער קריגט אויף דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע?

מער ניט ווי די נאַכטשוואַרצע קראָען, אַלטע גרויע סאָוועס און פאַרנאַכ־טיקע פלעדערמייז; עפּעס אַ פּאָר, אַ פּאָר צענדליק, הונדערט אַלטע אויסגעדינטע גענעראַלן, אַ פּאָר „מנינים" טיטולירטע אַנשיקעניש, נאָך עפּעס אַ פּאָר „מזו־מנים" סאָציאַלע אומגעהויערס, מענטשן, וואָס לעבן ניט אין זייער צייט און ניט אויף זייער וועלט; ברואים, וואָס האָבן געדאַרפט האָבן אויסגעשטאָרבן מיט אַ הונדערט יאָר צוריק.

און דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך פאַרזאַמט, מען האָט זיי געדופן און גערופן אויפן סאָציאַלן עולם־האמת און זיי זענען ניט געגאַנגען — דערפאַר מעשה־אָפּקומעניש, קריגן זיי איצטער געשמיסן.

אָקטאָבער איז גאָר אַן אַנדער זאַך, גאָר אַן אַנדער ענין.

ווייל אָקטאָבער קומט זיך אויס, צום צער, צו אַמפּערן מיט מענטשן, וואָס, באמת און על־פּי יושר, האָבן גאָר געדאַרפט זיין פאַר דער רעוואָלוציע.

אַזוי ווי אין געזעלשאַפטלעכן זינען, אזוי אין „מעטעאָראָלאָגישן". כביכול, די נאַטור אַליין, איז געווען ברוגז, אַנגעשטויסן, האָט אַנגערוקט די בלייענע ברעמען איבער אירע שליפּאָוואַטע אויגן.

שווערע וואָלקנס האָבן געהאַנגען איבער מאָסקווע.

דער הימל איז געווען מלא־רציחה.

אויף וועמען? אויף וואָס? אויף וועלכן צד?

דער הימל איז בטבע אַ שוויגער, אין האַרבסט־צייט אַוודאַי און אַוודאַי, און ער האָט געשוויגן.

עס האָבן געבלאָזן קאַלטע ווינטן, פול מיט גרימצאָרן און ציינקריטשן.

שניי, האָגל און „קאַשע" איז געפאַלן פון הימל — און עס איז געוואָרן פון דעם גלייך אַ תל אויף די טראָטואַרן און ברוקן.

מיר האָבן געזען די בייזע סימנים, די בלאָטיקע סימבאָלן געשריבן מיט לוזשעס, קאַלוזשעס און גלאַט שמוץ איבער דעם פנים פון מאָסקווע.

מיר האָבן זיך געטרייסט מיט איין רעיון:

שקר החן והבל היופי!

וואָס טויג אונדז דער פאַרפּוצטער באַזונגענער פרילינג!

וואָס טויגן אונדז די בלומען, די שיינע אייגעלעך, רויטע בעקעלעך, רייצנ־דיקע פאַרבן.

מיר פרעגן: מה תכלית יש בכאן? וואָס איז דער תכלית?

שיין איז דער פרילינג, בליט און וועלקט ווי אַ בלום.

אָקטאָבער איז הערבסט — הערבסט איז רייך, פול מיט תבואה, מיט פּרוכט.

און מיר האָבן געהאָפט...

וואָס געהאָפט! מיר זענען געווען זיכער, אַז אָקטאָבער וועט זיין די האַרבסט־רעוואָלוציע.

די בלימעלעך פון פעברואַר זענען פאַרוועלקט געוואָרן, איידער זיי האָבן זיך פונאַנדערגעעפנט.

דאָ וועלן מיר האָבן אַ סאָציאַלן שניט און פולע שייערן געפּאַקט מיט דער־אָבערונגען. — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס רייד איך איצטער אַזוי וועגן אָקטאָבער.

דעמאָלט, בשעת מעשה, איז אונדז אין דער לינקער פּאה ניט געלעגן ניט הימל, ניט די נאַטור.

די סאָציאַלע נאַטור איז געשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן און האָט גע־בעטן אַ תיקון.

מיר זענען געווען זיכער, אַז אויפן וועלטזייגער שלאָגט די שעה, ווען די אָנגעווייטיקטע און האַרבסטע שאלה וועט פאַרענטפערט ווערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אין אַ לאַנד מיט אַ פאַרנעם פון אַ זעקסטל טייל פון ערדקוגל, מיט אַ באַפעלקערונג, וואָס איז פול מיט שאַפונגסדרייסט, מיט יונגשאַפט, און קאַמפ־לוסט.

מיר האָבן געהאַט אַן אייגענע זון, אויסגעגאָסן פון אונדזער אידעאַל, און אַן אייגענעם הימל פון יושר און צדק אויסגעוועבט פון אונדזערע ברענענדיקע באַשטרעבונגען און, היוצא, זיך ווייניק געקימערט וועגן דער נאַרישער פיזישער סביבה, וואָס קרימט זיך און לאָמט זיך אין די טריקבע וואסערן פון מאָסקווער טייך...

ביידערנאָכט האָבן מיר געהאַט זייער אַ שטורעמדיקע זיצונג אין דער פעדעראַציע.

אַלע זענען אויפגערעגט, אַלע הערצער קלאַפּן, אַלע אויגן בליצן.

אַלע פילן: מען שטייט אויף אַ שוועל פון אַ נייער עפּאָכע אין רוסלאַנד. אַ ניי לעבן קלאַפּט אין טיר און דער אָפּקלאַנג צעטראָגט זיך איבער אַלע צימערן פון דער נשמה.

איך געדענק די פּנימער. אָט זיצט כאַדונאָוו; ער גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן דער שטימונג פון די אַרבעטער. אַלע זענען גרייט. די אַרבעטער זענען באַ־וואָפנט. און אַביסל ווייטער פון אים זיצט ליעוו טשאַרני (דער שוואַרצער לייב): פאַרחלומטע אויגן — און אַ פייער פון האָפענונג אין זיי. אַזוי פיל יאָרן גע־וואַרט אויפן משיח פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע!

די סאָציאַלע רעוואָלוציע! די גאולה!

וויפל האָפענונגען פאַרפלאָכטן, וויפל האַרצקלאַפּונג רעגיסטרירט איבער די שורות, וואָס זענען געשריבן אָדער געלייענט געוואָרן מכוח איר, וויפל מאָל גע־קנייטשט דעם שטערן און זיך פאַרטיפט אין אירע עמקותן — און איצט מען הערט אירע טריט, ער האָט דערלעבט אַליין צו גיין איר אַנטקעגן און זי צו באַגעגענען.

וויפל דורות, וויפל רייען פון העלדן־קדושים זענען געגאַנגען צום טויט ווי צו דער חופּה מיט גייסטמוזיק און נשמה־געזאַנג און אַלץ אין איר הייליקן נאָמען, — און דאָ אָט איז זי, אַ פּאָר טריט, בלויז עטלעכע געציילטע טעג שיידן אונדז אָפּ — און די אויבערפלעכלעכע פּאָליטישע רעוואָלוציע וועט איבערגיין אין אַ סאָציאַלער, אין אַ באמת סאָציאַלער רעוואָלוציע, ד״ה, מען וועט לייזן די פראַגע פון אַרבעט און ליידיקגייער, פון רייך און אָרעם.

אַ רעכט ביסל אומיושרס וועלן מיר אַריינוואַרפן אין אָפּגרונט פון געווען, פאַרגאַנגען און עס וועט מער ניט זיין.

מען האָט געדאַרפט זיין אַ שטיין, אַ ביין אָדער אַ שטיק אייז אָדער אייזן ניט צו זיין באַגייסטערט.

ליעוו טשאַרני שמייכלט, רעדט שטיל, פונאַנדערגעצויגן, אַזוי ווי מען גיסט בוימל, אָבער אין יעדן וואָרט פילט זיך אַ פאַלן און הייבן פון אַ צע־קאָכטן ים.

„קאַווקאַזעץ" (אַזאַ צורופעניש, ער איז געווען אַ גרוזין) רעדט גאָר אַן אַנדער לשון; ער קלאַפּט מיטן קולאַק אויפן טיש; ער איז דן ברסוק איברים יעדעס רוסישע וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס, אָבער אַלע פאַרשטייען אים. ער זאָגט, אַז די סאָקאָלניקיווערקשטאָטן (מעטאַליסטן) זענען גרייט פון ערשטן ביזן לעצטן אַרבעטער אויפצוהייבן די פאָן פון דעם סאָציאַלן אויפשטאַנד און אַרי־בערשפרייזן איבערן פּגר פון דער אָפּגעלעבטער רשעות־אָרדענונג. ער פאָרעט זיך מיטן מויזער, וואָס ער האָט געקראָגן אויפן פאַבריק. דערציילט וועגן דער מאַסע געוועזער, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט.

אין דעם גייסט, אויב ניט אין זעלביקן טאָן, ריידן די איבעריקע אַרבע־טער, וואָס גיבן אָפּ באַריכטן וועגן זייערע ראַיאָנען.

אומעטום הערשט אַ קאַמפּשטימונג.

די אַרבעטער זענען מיד פון דער רעוואָלוציע־גסיסה, פון דעם טאָפּטשען זיך אויף איין אָרט.

„פאַרויס פאַר גערעכטיקייט"! — דאָס איז דער דונערגעשריי פון טויזנ־טער פאַרשמאַכטע הערצער און באַטריבטע געמיטער.

די פעדעראַציע באַשטימט איינשטימיק אויפצומוטיקן די אַרבעטער און רופן זיי צום קאַמף קעגן דעם אַלטן אומרעכט, פאַר דער נייער גערעכטיקייט.

אונדזערע לאָזונגען: נעמט די פאַבריקן, נעמט די הייזער, אָדער ריכטיקער: „אומזיסטע קוואַרטירן פאַרן פאָלק" וואַקסן אויס צו זייער גאַנצער חשיבות און מעכטיקייט.

עס ווערט באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַן אויפרוף צום פאָלק אין דער פאָרעם פון אַ ספּעציעלן נומער פון אונדזער וואָכנשריפט „אַנאַרכיע", וואָס זאָל זיין אינגאַנצן געווידמעט דער אויפקלערונג פון דעם באַגריף „סאָציאַלע רעוואָלו־ציע", אונדזערע לאָזונגען, און די אויפגאַבן פון די אַרבעטער אין איצטיקן מאָמענט.

עס איז ניטאָ קיין צייט צו גיין איבעררײדן מיטן דרוקער, צוגרייטן דעם מאַטעריאַל; דאָס דאַרף געטאָן ווערן רגע־כממרא; היינטביידערנאַכט דאַרף עס געשריבן, געזעצט און געדרוקט ווערן און מאָרגן פאַרטאָג אַזייגער זעקס זאָל עס גיין איבער דער שטאָט מאָסקווע און פאַרהילכן די אויערן מיטן געפּעראַלעכן וואָרט „אַנאַרכיע" און זיך פאַנאַנדערטראָגן איבער די אַרבעטערקוואַרטאַלן און רופן צום קאַמף פאַר די פאַבריקן, הייזער, לאַנד און אַל־דאָס גוטס, וואָס אין לאַנד.

מען שטעלט זיך אָפּ אויף אַ טיפּאָגראַפיע, אין וועלכער צוויי פון אונדזערע חברים האָבן געאַרבעט אַלס זעצער, ק־וו און מ־וו.

געענדיקט די זיצונג אויף גיך. נעמען מיר זיך גלייך דורכפירן דעם באַשלוס.

מיר לאָזן זיך גיין פון דער פעדעראַציע צו דער בריק צו.

נאַכט. פינצטער. מיר גייען און שמועסן גאַנץ הייסלעך צווישן זיך: יע־דערער פילט, אַז ווען מיר וועלן ווערן עלטער מיט צוויי־דריי טעג, וועלן מיר שוין וויסן, וואָס עס וועט זיין דער שיקזאַל פון רוסלאַנד, פון אַרבעטערקלאַס אין רוסלאַנד פאַר צענדליקער יאָרן. מיר גייען צופוס, אויטאָמאָבילן פאָרן פאַרביי.

דעם ערשטן פאַלט עס איין חבר איוואַנאָוו. עפּעס על־פּי אינטויציע, קיי־נער האָט עס אים ניט געזאָגט. מיר האָבן אַזאַ באַשלוס ניט אָנגענומען, און וואָס איז מער: מיר האָבן ביי זיך קיין כוח ניט געהאַט אַזאַ באַשלוס אויסצופירן — איוואַנאָוו הייסט די אויטאָמאָבילן זיך אָפּשטעלן אויפן בריק איבערן טייך מאָסקווע און הייסט די פּאַסאַזשירן אַרויסקריכן.

און וואָס עס איז מערקווירדיקער: זיי פאָלגן אים, עפּעס ווי ער וואָלט האָבן מאַכט צו הייסן עס טאָן. אַזאַ שטימונג האָט געהערשט אין שטאָט. דער אַלטער רייכער קלאַס האָט געפילט, אַז זיין שאָטן האָט זיך אָפּגעקערט און אַז זייער גאָט האָט זיי פאַרלאָזן... ער זעצט מיך אַריין מיט ליעוון אין איין אויטאָ־מאָביל, די איבעריקע פאַר חברים אין צווייטן אויטאָמאָביל — ער אַליין זעצט זיך אין „אונדזער" אויטאָמאָביל לעבן שאָפער און הייסט אים פאָרן, וווהין מיר דאַרפן.

דער שאָפער לאַכט פון די „בורזשויען", וואָס האָבן זיך איבערגעשראָקן, און שיקט זיי נאָך אַ פּאָר פעטע קללות.

זיי זענען ניט קראַנק צו גיין צופוס, די פעטע בייכער. אונדזער בלוט גע־טרונקען! — ער שפּייט אויס, טראַכט אַביסל און פרעגט חבר איוואַנאָוון:

איז עס טאַקע אמת, אַז איר וועט מאַכן אַ סוף פון זיי?

— אמת, אַוודאַי אמת, — ענטפערט אים חבר איוואַנאָוו, פול מיט זי־כערקייט.

דער שאָפער ווערט ביי זיך שטייפער און ער גיט אַ טרייב דעם אויטאָ־מאָביל, כדי גיכער צו מאַכן דעם אָנקום פון דעם סוף פון די בורזשויען.

מיר שטעלן זיך אָפּ לעבן דער טיפּאָגראַפיע.

מיר שיקן אַוועק דעם שאָפער און לאָזן זיך קלעטערן אויף די קרומע הינטערשטע טרעפּ צום צווייטן עטאַזש, ווו עס איז ליכטיק: מען זעצט און מען דרוקט דעם שוואַרץ־מאַהדיקן „פּאַנאַר" (לאַמטערנע).

מיר זענען אַריין. עטלעכע חברים. פאַרויס די „שרייבער", וואָס זענען געקומען דאָ אָנשרייבן די אַרטיקלען וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און עטלעכע חברים זיי אונטערצושטיצן.

דערווייל האָבן מיר געלאָזט וויסן די „דווינסקער".

און זיי האָבן געשיקט עטלעכע „חברים", וואָס האָבן פאַרנומען די אַריינ־גאַנגען און אַרויסגאַנגען פון טיפּאָגראַפיע.

קודם־כל זענען מיר אַוועק פרעגן, ווו עס איז דער פאַרוואַלטער. און אַזוי ווי ער איז ניט געווען, האָט מען אים אַרויסגערופן.

ער איז געקומען אין גרויס איילעניש. און אַז מיר האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, נאָך וואָס מיר זענען געקומען, האָט ער אונדז ניט אַנטזאָגט...

— ווי די אַרבעטער ווילן, — האָט ער אונדז געזאָגט, בייסנדיק מיט די אויגן.

אָבער בכלל האָט ער ניט פון דער גאַנצער זאַך פון קאָנספּיראַציע און עקספּראָפּריאַציע.

ער איז געוואָרן „צו פעט", ער זאָל גלויבן אין סאָציאַלע רעוואָלוציעס, און ער האָט זיך אַריינגעלאָזן מיט אונדז אין אַ גאַנץ לאַנגן וויכוח מכוח יושר און אייגנטום און די שאַנסן פון אַן איינגעבן זיך פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש.

מיר האָבן קיין סך ניט געדאַרפט איינטענהן מיט די אַרבעטער.

מיר האָבן זיי געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס מיר פאַרלאַנגען.

זיי האָבן געמאַכט אַביסל אַן אָנשטעל, אַז זיי זענען ניט שטאַרק צופרידן. — איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, אַז דער באַלעבאָס און דער פאַרוואַלטער זענען געווען שוואַרצע מאהניקעס און כמעט בלויז „הייליקע" אויסגאַבן פלעגן דאָרטן אַרויסגעגעבן ווערן — און מיט גרויס חשק און באַגייסטערונג געגאָסן אין בליי דאָס פייער פון אונדזערע שורות.

איך וואָלט גערן האָבן איצט דאָס בלאַט און אייך געבן פון אים ציטאַטן, און איר וואָלט זען, ווי מען שרייבט ערב אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע שפּעט ביי־נאַכט, צוזעצנדיק זיך אויף אַ ווײַלע לעבן אַ טישל, וועגן דעם, וואָס ס׳דאַרף געטאָן, דערוואָרבן ווערן מיט לעבן און בלוט אין אַ פּאָר שעה, אָדער אַ פּאָר טעג שפּעטער.

איך האָב עס ניט און איר מוזט זיך באַנוגענען מיט פאַרשטעלן זיך.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, קוים־קוים ס׳האָט אַריינגעקוקט דער בלאַסק פון טאָג דורך די שויבן פון דער טיפּאָגראַפיע, און גאַנצע מחנות קינדער, „שקאָצים־לעך", זענען געשטאַנען אין קאָרידאָר און געבעטן זיך מען זאָל זיי געבן פאַר־שפּרייטן „אַנאַרכיע".

די אַלטע אויערן פון דער אַלטער מאָסקווע האָט געשניטן דאָס יונגע קולכל פון בחורל, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די בולוואַרן און גאַסן און אויסגע־שריען: „אַנאַרכיע"! „אַנאַרכיע"! „סאָציאַלע רעוואָלוציע"! „נעמט־איבער די פאַב־ריקן, פאַרכאַפּט די הייזער"!

XXXV

דער שלעכטער אָנהויב...

און פּראָפאַרשטשיקעס האָבן זיך גענומען אויסשטעלן איבער די גאַסן. זיי האָבן פאַרנומען די בריקן, וואָס פירן פון „שטאָט" צו די אַרבעטערראַיאָנען. זיי האָבן אָפּגעשניטן זאַמאָסקוואָרעטשיע, ווייל דאָרטן, האָבן זיי געוווּסט, איז דער קוואַל פון זודיקער אומצופרידנקייט; דאָרטן זענען די פאַבריקן מיט די הויכע שטאָלצע קוימענס; דאָרטן זענען די אַרבעטער, וואָס ווילן מער ניט פּראַצעווען פאַר יענעם. זיי, די אָפיצירלעך, האָבן לעת־עתה גאָרניט געטאָן; זיך אַוועקגע־שטעלט צו פאַרוויַיז פון ביידע זייטן גאָס: דערווייל נאָך ניט אָפּגעשלאָסן. נאָר,

אַז זיי וועלן עס דאַרפֿן, וועלן זיי עס קענען טאָן אין איין אויגנבליק. זיי שטייען גרייט. באַוואָפֿנט מיט מויזערס און מיט האַנטגראַנאַטן. שטייען און קוקן אויף די פֿאַרבייגייער עפּעס ווי אומשולדיקע. און ווי זיכער זענען זיי געווען ביי זיך! שיין־ריין, אויסגעפּוצטע; אין נייע מונדירלעך מיט בלישטשענדיקע קנעפּלעך, וואָס דערמאָנען אין קופּער נאָכן אויסשייערן ערב יום־טוב. זיי אַליין, הגם זיי שטעכן אייך מיטן בייזן בליק, הגם ס׳זעט־אויס, ווי אַ שמייכל וואָלט בלאָנדזשען אויף די רויטע ליפּן קוים־קוים פֿאַרזוימט מיט אַ זיך אַרויסשטופּנדיקער וואָנסע. יונגעלייט, אויסגעצויגענע רוקנס ווי סטרונעס. אַ מיליטאַריסטישע האַנט שפּילט ניט געזעענערהייט אויף זיי, אויף זייער האַנאָר.

וואָס הייסט עפּעס? אָפּשטיין פֿון די „קאַדראַווע״ אָפּיצירן! מיר זענען ניט אַבי־ווער! הגם ניט־לאַנג אין געוואַנט, אָבער מיר קענען זיך האַלטן. „און מיר וועלן זיין דער שטאָלץ און גרויסקייט פֿון אונדזער אַרמיי״. אַ צופֿרידנקייט און אַ פֿאַרריסנקייט שרייט אַרויס פֿון זיי.

אַוודאי, גיין ווייזן גבורות אויפֿן פּראָנט, זיך מעסטן מיט די כוחות מיטן דייטש — אַ שווערע הלכה, אָבער דאָ — אָן אַ גרויסן געשלעג קען מען שפּילן דעם גרויסן העלד. דער נצחון איז זיכער; ער איז אָנגעשריבן אויף זייערע פּנימער. מישטיינס געזאָגט — מיט וועמען וועלן זיי דאָ האָבן צו טאָן? מיט די אַרבעטער, — זיי קענען דאָך אַ ביקס אין די הענט ניט נעמען. און ווער זענען דאָס אָט־יענע, וואָס שטעלן זיך קעגן זיי, קעגן „פּאָלק״ און געזעצלעכן סדר? עפּעס אַ פּאָר אויסוווּרפֿן! — מיר וועלן זיי געבן אַ לעקציע! מיר וועלן זיי געבן אַ לעקציע! מיר וועלן זיי ווייזן! זאָלן זיי נאָר פּרובירן!

אַזעלכע סאָרטן שמועסן האָט מען געקענט הערן צווישן זיי, ווען שטייענ־דיק אויף דער גאַס אָן אַ שטאָך אַרבעט האָבן זיי זיך פֿאַרווײַלט, לסירוגין, אָדער מיט אַ באַטעמעוודיקן רײַדן וועגן די נצחונות, וואָס וואַרטן אויף זיי פֿון הינטערן ווינקל; אָדער, וואָס עס האָט זיי נאָך מער פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן, מיט באַגלייטן מיט תחנונימדיקע אויגן די אויסגעפּוצטע מיידלעך, וואָס פֿלעגן צופּעליקערווייזע פֿאַרבייגיין, — עפּעס ווי איינער שעפּטשעט:

— פּאַר אייערטוועגן אויך, מיידלעך צדקניות, שטייען מיר דאָ, אייער ערע אָפּצוהיטן פֿון די „ווילדע״, וואָס וועלן מסתמא אַ ווייבערקאָמונע איינפֿירן, — אָ, שענקט אונדז כאָטש אַ פֿאַרבייגליטשיקן בליק.

און כמעט, אַז זיי זענען אין איין שרעק:

„ס׳וועט גאַרנישט זיין. ווער וועט דען זיך שטעלן קעגן אונדז!״ און זיי פֿאַר־דריסט עס בפּועל ממש; עס וועט ניט זיין מיט וואָס זיך צו באַרימען. און זיי וואָלט זיך וועלן „לעשות נקמה בגוים״, אָנצולערנען יענע, וואָס האָבן אַ העזה צו טראַכטן און זאָגן, אַז זיי וועלן ביי זיי, שיינע, מיליטעריש־פּאָלירטע יונגע־לייט, אַוועקנעמען די אומזיסטע הכנסות... די סומעס, וואָס די טאַטעס שיקן צו.

און דערוויל ווערט דאָס וועטער ערגער און ערגער: עס שנייט און רעגנט און דרייט; קאַלעמוטנע אויף דער נשמה און אויפֿן הימל און אויף דער ערד. די שול פֿון די פּראָפֿאַרשטשיקעס איז מאָביליזירט; דער ווינט ווערט משוגע, כאַפּט הויפֿנס נאַסן שניי און וואַרפֿט זיי אין פּנים אַריין; זיי נעמען אַרויס נאָזטיכלעך, ווישן זיך אָפּ און כמעט, אַז זיי שעלטן זיך ווי פּשוטע זעלנער. און עס וואָלט

זיך זיי וועלן גיין אַהיים, זיך אָפּרוען נאָך דער שווערער „האָרעוואַניע״ פון שטייענדיש. באמת, וויפל איז דער שיער צו דינען דעם פאַטערלאַנד... אין אַ שלעכטן וועטער.

עס ווערט נאַכט און פינצטערלעך און עס איז קאַלט און נאַס; עס נעמט אַדורך די ביינער. די זון האָט שוין לאַנג צוגעמאַכט די אויגן, שוואַרצע געדיכטע ברעמען באַדעקן די ערד. לאַמטערנעס שניידן זיך אַדורך דורך דער דרייענדיקער שטאָקבלינדקייט. אין צוויי טריט פון זיך זעט מען קיינעם ניט. מען הערט מער ניט ווי שטימעס פון ריידער און דאָס קלאַפּן פון פּאַדקאָוועס פון פאַרביילויפנדיקע פערד.

עס ווערט שפּעטער; עס גייט צו האַלבער נאַכט. די גלאָקן אין אַלע צערקוועס רייסן זיך מיט כל־הכוחות, זיי פאַרהילכן די נאַכט. עס קלאַפּן די הערצער ביי די כומרים, גלחים... און זיי זעען שלעכטע זעענישן: די קירך איז גאַנץ רייכלעך... און ווער ווייסט... אפשר פאַלט זיי, די אויסוווּרפן, איין אַ ווילדער געדאַנק... און אַפילו אָן דעם... אויב מען וועט קאָנפיסקירן די רייכע... טאָ ווו וועט מען נעמען הכנסות... יאָ, עס איז זיי שווער אַריינצוגיין אין גן־עדן... אָבער דערפאַר גרינג אַריינצוגיין אין צערקווע...

וואָס טויג גאָט, ווען ער וועט זיין אַן אומזיסטע ביילאַגע צו אַן אָרעמער קירך. אַן אָרעמער גאָט איז גאָר קיין גאָט ניט. לי הכסף ולי הזהב... דאָס איז דיבורים. און די כומרים, גלחים, הייסן קלינגען.

מען וועקט דעם עולם, מען רופט, מען זאָל זיין אויף און גרייט, הגם אין שטאָט איז נאָך שטיל. עס איז אָבער אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם, וואָס רייסט זיך פון קייט און ברומט פון אונטער דער ערד.

עס גייען אָן פאַרזאַמלונגען און צוגרייטונגען אין אַלע אַרבעטערראַיאָנען. וואָס וועט זיין מאָרגן?!

**
*

שפּעט ביי דער נאַכט, שפּאַצירנדיק איבערן הויף פון דער טיפּאָגראַפיע, זעען מיר, אַז יונקערס שטעלן זיך אויס לעבן אייזערנעם טויער. פאַרנאַכט זענען זיי געשטאַנען מער ניט ווי אויפן ראָג פון געסל און געלאָזט גיין הין און צוריק. איצטער שטעלן זיי זיך אויס אַרום דעם גאַנצן הויף פון דרויסן.

אייניקע פון אונדזערע חברים כאַפּן מיט זיי אַ שמועס: וואָס טוט איר דאָ? נאָך וואָס זענט איר געקומען? און זיי דערציילן, אַז אַלע אָפיצירן זענען מאָביליזירט. קיין איין זעלנער איז ניטאָ אין זייערע רייען. איינס־צוויינס, — מענטשן מיט מיליטערישער בילדונג. פּאָלקאָווניק ריאַבצעוו שטייט אין דער שפּיץ.

זיי ריידן דורך אַן אייזערנעם טויער; אַן אייזערנע וואַנט פון סאָציאַלע פאַראורטיילן און קלאַסנאינטערעסן טיילן פונאַנדער די שמועסער. זיי פאַרשטייען ניט איינער דעם אַנדערן.

— ווער זענט איר? — פרעגן די אָפיצירן אונדזערע חברים. און אַז זיי קריגן דעם דערוואָרטן ענטפער, ווערן זייערע פּנימער אָנגעגאָסן מיט בליי פון קוילן. זיי זענען גרייט — אָבער די צייט איז נאָך ניט געקומען. זיי זענען דאָך

מענטשן פון דיסציפּלין. מען האָט ניט געהייסן שיסן; מער ניט ווי שטיין, ביז אַ צייט. זייריידן ווייטער כּלומרשט קאַלטבלוטיק. זיי זאָגן, אַז זיי זענען אויך סאָציאַליסטן... און פאַרן סאָציאַליזם איז אָבער די צייט נאָך ניט געקומען.

— וועלכע צייט? — וויצלט זיך איינער פון אונדזערע. — צו נעמען שיסן די אַרבעטער, אָדער איינצופירן סאָציאַליזם... וועלכע צייט איז נאָך ניט געקומען?... און די ערד פאַר די פּויערים?

— עס איז די צייט נאָך ניט געקומען, — ענטפערן די פּראַפּאַרשטשיקעס סטערעאָטיפּיש. זיי שמועסן גערן; אַנדערש וואָלט זיי געוועזן אומעטיק צו שטיין. און מען איז איינער דעם אַנדערן מכבד מיט פּאַפּיראָסן. מען פאַררויכערט, דורכשטופּנדיק דעם ברענענדיקן פּאַפּיראָס דורך די לעכער אין אייזערנעם טויער.

די גלאָקן קלינגען. ווי־ניט־ווי לאָזט זיך הערן אַן איינזאַמער אויסשאָס. ער גייט פאַרביי מיט אַ כוואַליע קלאַנגען און ווערט פאַרשוווּנדן ניט געענטפערטערהייט. מסתמא אַ צופעליקער, פון ניט־פאַרזיכטיקייט. אָדער אפשר יאָגט מען נאָך ערגעץ אַ רויבער...

***

אינדערפרי. די אָפיצירלעך זענען אַוועק פון טויער. מיר האָבן אַפילו ניט געזען, ווען מען האָט זיי אָפּגערופן. אַפילו דאָס געסל באַפרייט פון זייער אַנוועזנהייט. זיי האַלטן זיך פונדערווייטנס אין גאָס. אפנים זיי האָבן געוואָלט אויספאָרשן וויפל עס זענען דאָ פאַראַן פון די אונדזעריקע. האָבן זיי אונדז געלאָזן פריי אַרויס און אַריין.

איך בין אַוועקגעפאָרן אין סאָוויעט. עס קומט דאָרטן פאָר אַ מין דינגען זיך. מען פירט אונטערהאַנדלונגען. עס ווילט זיך ניט גלייבן, אַז אַ בירגערקריג וועט באמת אויסברעכן אָט־דאָ, אין האַרץ פון לאַנד, אין מאָסקווע, הגם אַלע זענען אויפגערעגט, אַ היפּש ביסל אָנגעשרויפט, און אַ נערוועזיטעט פילט זיך איבער טווערסקאַיאַ, ווען איר קומט נענטער צו דער סאָוויעטגעביידע, וואָס איז פאַר דעם געוועזן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס קוואַרטיר.

פאַרן סאָוויעט זענען אויסגעשטעלט אַ סך אויטאָמאָבילן, מער ווי געווײנלעך. איך טרעף אינעווייניק יאַראָסלאַווסקין, סמידאָוויטשן און נאָך באַקאַנטע. זיי קלייבן זיך צוזאַמענצושטעלן אַ „דריילינג", וואָס זאָל איבערנעמען די פאַרוואַלטונג פון שטאָט. און עס זעט כמעט אויס, אַז מען וועט קומען צו אַ גמר, צו אַ פּשרה. על־כּל־פּנים גלויבן אַזוי די אָפּטימיסטן.

איך בין געקומען אייגנטלעך נאָך אינפאָרמאַציע, וויסן, ווו האַלט עס אין דער וועלט. און איך אײל זיך צוריק. איך זעץ זיך אַריין אין אויטאָמאָביל. אַ חבר, דער שאָפער, נעמט פאָרן.

— שטייט! — שרייט צו אונדז איינער פון טראָטואַר לעבן הויז פון סאָוויעט.

— וואָס איז געשען? — פרעגט דער שאָפער.

— אַ פּראָפּוסק! (אַ דורכלאָזפּאַפּיר). איר האָט אַ פּראָפּוסק?

דער שאָפער איז אין פאַרלעגנהייט. אים איז ניט איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף עס.

דער פרעגער, אַ יונג מיט ביינער, אַן אַרבעטער פון די מעטאַליסטן — איך האָב אים גלייך דערקענט — לויפט צו צום אויטאָ, קוקט זיך איין אינע־וויניק, ווער עס זיצט; דערזעט מיך, דערקענט, דריקט ער מיר די הענט:

— דאָס זענט איר! פּאַרט און האָט אַ גליקלעכן וועג!... — זאָגט ער האַלב־לאַכעדיק. — איך האָב שוין היינט אָפּגעשטעלט עטלעכע „ווייסע גוואַרדייצעס" און אָפּגענומען זייערע אויטאָס. מיר לאָזן זיי ניט דורך... — מער האָב איך ניט געהערט. דער שאָפער איז אָפּגעפאָרן...

ווער עס זענען די „מיר", דאָס האָב איך פאַרשטאַנען, אָבער ווער האָט אים געהייסן אָפּשטעלן די אויטאָמאָבילן און זיי צונעמען? דאָס איז געווען איי־גענע איניציאַטיוו, די איניציאַטיוו פון אַ גרופּע אַרבעטער, וואָס האָט גענו־מען אָנפירן און אָרגאַניזירן דעם קאַמף, ווען די „קעפּלעך" האָבן זיך נאָך גע־דונגען און אָנגעפירט אונטערהאַנדלונגען... מיט ראַבצעוון.

ראַבצעוו האָט געהאַט אַ כוונה, געווינען צייט; ער האָט געוואַרט, אַז כוחות וועלן צוקומען דורך דער נאַכט.

**
*

אין אַ שעה צוויי אַרום איז מען געקומען פון סאָוויעט און געבעטן, מיר זאָלן אָפּשיקן אונדזערע „דווינסקער" צום סאָוויעט, זיי זאָלן אים אָפּהיטן.

מ'דך האָבן עס געטאָן, הגם מיט אַ שווער האַרץ האָבן מיר זיך געשיידט מיט אונדזערע איבערגעגעבענע פריינט. נאָר דער סאָוויעט איז בילכער, האָבן מיר געטראַכט. און אויף זיי, אויף די „דווינסקער", קען מען זיך פאַרלאָזן.

אָנשטאָט זיי איז געקומען שיין און געבראַכט אַ צענדליק (ניט מער, זיכער ניט מער) רויע יונגע זעלנערלעך, שקצים פון בערך אַ יאָר 16־17, און אפשר אָפילו 18. זיי האָבן ניט געוווּסט, ווער עס האָט זיי געהאַט... זיי האָבן ניט גע־וווּסט, וואָס דאָ קומט פאָר, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. מען האָט זיי געשיקט — זענען זיי געגאַנגען, און נאָך מער, אַז שיין (אַ קאָמוניסט, איצטער, אין 1926, דער דירעקטאָר פון מלוכה־באַנק), האָט זיי געבראַכט. זיי, די זעלנערלעך, ווי געזאָגט, ניט קיין באַרויכערטע... רויטע אָנגעגאָסענע באַקן, נאַרוואַס פון דאָרף אַרויס און זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אָנצוווערן זייער געזונטן, פרישן אויס־זען. מאָסקווע איז זיי געווען פרעמד — און די גאַנצע זאַך איז זיי געווען ניט צום האַרצן. זיי זענען אַריין, זיך אויסגעזעצט אויף די בענק און געבעטן גלייך עסן, און דערווייל האָבן זיי „געלושטשעט סעמעטשקעס"... וואָס עס איז געווען צום אַכלען האָט מען זיי געגעבן. און אונדזערע חברים האָבן גענומען מיט זיי איינטענהן, זיי געבן צו פאַרשטיין, וואָס עס איז אַ רעוואָלוציע, אַרבעטער, פּויע־רים, קלאַסנקאַמף, מיט איין וואָרט, — גענומען מיט זיי קנעלן דעם פּאָליטישן אַלף־בית.

דער לימוד האָט זיך זייער שוואַך געגרוקט. די חברה איז געווען צו רוי, צו זיין ביכולת צו באַגרייפן אַזאַ פאַרוויקלטע סיטואַציע, וועלכע איז גע־שאַפן געוואָרן אין לאַנד און אין מאָסקווע, בפרט אין יענעם טאָג. די חברים האָבן זיך באַקלאָגט, הלמאי מיר האָבן אָפּגעשיקט די „דווינסקער" און געבליבן מיט די גולמים, וואָס האָבן ביקסן, ווייסן אָבער אַפילו ניט, וויאַזוי מען האַלט זיי.

מיר האָבן גענומען קלינגען אין די טעלעפאָנען.

פון סאָוויעט האָט מען אונדז געענטפערט, אַז מען וועט אונדז צושיקן שטי־צע פון סאָקאָלניקע און פון נאָך אַנדערע מקומות. אַהין האָבן מיר זיך ניט געקענט דערקלינגען. די טעלעפאָנען האָבן שלעכט געאַרבעט אָדער געווען אי־בערגעאַרבעט. אַנדערע פון די חברים האָבן אַפילו גענומען אַרויסזאָגן דעם גע־דאַנק, אַז מען האָט אונדז אומישנע דאָ געלאָזן מיט די „ליימענע געטשן", כדי פטור צו ווערן פון אונדז... מיר וועלן פאַרברענט ווערן אויפן ערשטן פייער. אָבער זייער ווינציק אויפמערקזאַמקייט האָבן מיר דעמאָלט געשאָנקען דעם חשד. עס האָט אויסגעזען דעמאָלט אומגלויבלעך און צופיל אויסגערעכנט.

אונדזער פּאָזיציע איז געווען די געפּערלעכסטע, די אַממערסטן אַרויסגע־רוקטע. מיר זענען געווען אונטערן זייט פון דער הויפּטקוואַרטיר פון די אָפיצירן.

די טיפּאָגראַפיע האָט זיך געפונען לעבן דער שולע פון די פּראַפּאַרשטשי־קעס. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן גאָרניט געקענט אָנהייבן צו טאָן, איידער זיי זענען ניט פאַרטיק געוואָרן מיט אונדז. אַניט וואָלטן מיר זיי קענען אַלעמאָל אָפּשניידן דאָס צוריקציִען זיך. מיר, ווי דערציילט, זענען בשעתן פאַרנעמען דעם פּלאַץ דאָס ניט אויסן געווען און בכלל ניט גענומען אין באַטראַכט דעם סטראַטעגישן פּונקט. די פּראַפּאַרשטשיקעס זענען נאָך דעמאָלט ניט געווען אויפן האָריזאָנט. מיר האָבן עס פאַרנומען אַלס אַ טיפּאָגראַפיע, ניט אַלס אַ באַזע. אָבער אַז די זאַכן האָבן זיך אַזוי אַנטוויקלט, זענען מיר געבליבן דאָרטן. אַרומ־געריננגלטע פון אַלע זייטן פון אונדזערע שונאים. אַוועקגיין האָבן מיר באַטראַכט פאַר אַ באַליידיקונג פאַר אונדז, און צופיל כבוד פאַר די אָפיצירן.

די חברים — ניט אַלע האָבן אַפילו געהאַט רעוואָלווערן. די צוגעשיקטע זעלנער האָבן געהאַט ביקסן. זיי האָבן אָבער ניט געוווסט, וואָס מען טוט מיט זיי. פון סאָוויעט האָט מען געהאַלטן אין איין צוזאָגן: זיי וועלן אונדז צושיקן הילף. זייער צוזאָג האָבן זיי ניט געקענט האַלטן. זיי האָבן געמוזט טראַכטן וועגן זיך. זיי האָבן זיך כמעט געהאַט עוואַקויִרט פון מיטן שטאָט און אַוועק אין אַ ראַיאָן.

אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטאַרקע שיסעריי. די אָפיצירן, אויסגעשטעלט אין שורות און האַלטנדיק זיך פאַרזיכטיק פון דער־ווייטנס פון טיפּאָגראַפיע, האָבן אונדז באַגאָסן מיט אַן איבערגעצלמטן פייער. זיי האָבן געשאָסן פון זייערע ביקסן, נאָר מער פון אַלץ באַנוצט די האַנטגראַ־נאַטן, וואָס האָבן זיך געריסן איבערן דאַך, אין די פענצטער.

דער דאַך, אין צווייטן שטאָק, איז, צוליב ליכטיקייט וועגן, געווען ערטער־ווייז אַ גלעזערנער. דאָס גלאָז האָט געקנאַלט. ווערנדיק צעדרוזגעט און פאַלנדיק אויפן דיל, האָט עס כמעט איבערגעשריען דאָס קול פון דעם גראַנאַטן־אויפרייס. דער קויק אַרום געביידע איז געוואָרן ענגער און ענגער. די אָפיצירן פון די צוויי אָפענע זייטן, דורכן שכנישן הויף, האָבן זיך געלאָזט נענטער און נענטער. איינער פון די יונגינקע זעלנער איז פאַרווונדעט געוואָרן, הגם ניט שווער, אָבער אַזוויוי ער איז קיינמאָל אַזעלכע סצענעס ניט בייגעווען, איז ער געווען שטאַרק דערשראָקן און גענומען געוואָלדעווען. מיר האָבן אַפילו מיט איין שאָס ניט געענטפערט. אין אונדזער ענטפער וואָלט צו גאָרניט ברענגען. מיר האָבן

ניט געהאַט מיט וואָס אָפּצוענטפערן, מיט וואָס צו שיסן. מיר זענען געווען אַרומגערינגלט, אין אַ געפערלעכער פּאָזיציע. און לגמרי ניט צוגעגרייט דערצו... מיר האָבן ניט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, מער ניט ווי צוליב אונדזער האָנאָר... ווי באַלד מיר זענען דאָ — ווענלן מיר דאָ בלייבן ביז דער לעצטער מעגלעכקייט! און די שיסערייַ איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און געדיכטער. די אָפיצירן זענען געווען שטאַרק באַגייסטערט; זיי האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז דער אָנהייב און דער סוף פון קריג אין שטאָט. און אַז עס איז גוט און גרינג צו קעמפן קעגן אומבאַוואָפנטע...

אַ צווייטער פאַרוווּנדעטער פון די יונגע זעלנערלעך.

מיר האָבן אים פאַרבונדן די וווּנד. מיר האָבן ניט געהאַט קיין סאַניטאַרע מיטלען. קוים געקראָגן ערגעץ אַ האַנטוך. אַ זעלנערל האָט געפונען אַ נאָזטיכל. עס צוגעבונדן צו דער אייגענער ביקס, צו דער שפּיז, דורכגעשטופּט עס דורכן אויסגעבראָכענעם פענצטער און געוואַלדעוועט ווי ניט מיט זיין אייגענעם קול: „סדאַיאָמסיאַ!" „מיר גיב זיך אונטער!"

נאָך עטלעכע שאָסן האָבן זיך געלאָזט הערן. דערנאָך איז שטיל געוואָרן. עטלעכע אָפיצירן האָבן זיך געלאָזט עפענען דעם אייזערנעם טויער און פאַר־זיכטיק זיך גענומען רוקן צו דער געביידע. אַ קשיא אויף אַ מעשה, — אפשר נאַרט מען זיי אָפּ! און ווען זיי וועלן קומען נאָענט, וועט מען נעמען שיסן, — האָבן זיי אָפּנים געטראַכט. אַפּאָר טריט נענטער, — זיי ווערן זיכערער. איינער פון זיי לאָזט זיך כמעט לויפן מיט דער ביקס אין האַנט אַרויף די טרעפּ. כאַפּט זיך אַריין אין צימער, ווו ער באַגעגנט אַ יונגן רויטבאַקעדיקן זעלנער און נעמט אים שלאָגן מיטן פריקלאַד, שרייענדיק מיט אַן אייזערנער צעיושעטער שטימע: „דו ביסט שולדיק"! און שלאָגט אים איבערן קאָפּ, איבערן פּנים, ווו ער טרעפט.

די חברים, אַ גרויסער טייל פון זיי, זענען שוין געווען אויפן הויף. די אָפיצירן האָבן זיי אויסגעשטעלט אין אַ שורה און אַזוי־זיך, פון שפּיל וועגן, האָבן זיי אויסגעשאָסן איינעם פון זיי, דורכגעשאָסן דעם ברוסטקאַסטן. ער פאַלט. עס איז געווען דער פאַרזיצער פון ווערקשטאַטקאָמיטעט פון „דאַברינאַ־באַלץ", אַן אַרבעטער פון אַ יאָר פופציק.

מען האָט אים אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן.

דער פאָרוטשניק האַלט אין איין שרייען: „דו ביסט שולדיק!"

— וואָס איז זיין שולד? וואָס ווייס ער? ער איז דאָך נאָך אַזאַ יונגער! — ענטפער איך, ניט אויסהאַלטנדיק.

— דו רעדסט נאָך! — גיט ער זיך אַ לאָז צו מיר און איז מיך מכבד מיט אַ זעץ פון הענטל פון ביקס. איך פאַל אין אָנמאַכט.

אין אַ פאָר מינוט אַרום קום איך צו זיך. אַרום מיר עטלעכע חברים. אָפי־צירן לויפן אַרום ווי פאַרסמטע איבער די פּוסטע צימערן, זוכן סקלאַדן פון גע־ווער, וואָס האָבן זיך זיי געמאָלן אין פאַרשטעל. זיי געפינען גאָרניט. זענען שטאַרק צעקאָכט. עס לויפט אַריין אַן אַלטער פאַלקאָווניק, הייזעריק ווי די וואַנט, דאָס קול פאַרטרונקען מיט נאָך יאָרן לאַנג צוריק. ער שרייט און סקריפּעט: „דערשיסן זיי, די אויסוואורפן!" דרייט זיך אין אַ ראָד איבערן גרויסן

צימער און ווי אַן אונטערגעשאָסענער לויפט ער אַרויס און צווישן זיינע ציין קייקלען זיך די ר'שן און ס'ן פון ררררססס... טריעליאַט!... (דערשיסן).

ווען איך בין געפאַלן פון קלאַפּ, בין איך געווען אָנגעטאָן אין אַ האַרבסט־מאַנטל. עס איז געווען קאַלט אין טיפּאָגראַפיע, ניט געהייצט, און די פענצטער אויסגעזעצט.

אַן אָפיצירל האָט מיך גענומען בודק זיין. זוכן אין די הויזנקעשענעס, אין די בוזעמקעשענעס, טאָמער וועט ער זיך קענען פּאַזשיווען מיט עפּעס און צוליב דעם האָט ער מיך געקערט פון זייט צו זייט. געזוכט און געטאַפּט.

ער האָט אויסגעזעצן אַ גאַנץ רייך יִנגל, נאָר געווען מסתמא זשעדנע... גע־פונען אָפּאָר רובל אין די קעשענעס — זיי צוגענומען; געפונען מיין פּאַס — צוגענומען; געפונען אַ זייגער — צוגענומען און אַלץ אַריינגעלייגט אין דער איי־גענער קעשענע.

— איר זענט דאָך עפּעס מענטשן מיט בילדונג. אַזוי באַהאַנדלט מען גע־פאַנגענע? וואָס מאַראָדירט איר? — פרעג איך אים, ליגנדיק. — איך בין ניט געווען בכוח אויפצושטיין.

— שווייג! ניט דיין זאַך! מיר וועלן אייך ווייזן! — און ער נעמט זיך נאָך בעסער זוכן. ער איז שוין אין בוזעמקעשענע פון וועסטל. געפונען. ער האָט געפונען אַ בריוו צו מיר, אָנגעשריבן פון ברודער, וואָס איז געווען אין פּעט־ראָגראַד. אין בריוו באַשרייבט ער די „היסטאָרישע נאַכט" אויף דאַטשע דור־נאַווא, ווען דער יוסטיצמיניסטער, פּערעווערזיעוו, איז זיי באַפאַלן און חבר אסין איז דערהרגעט געוואָרן פון די קאָזאַקן.

— „דאַטשע דורנאַוואַ!" — נעמט ער סקריטשען מיט די ציין און שיפּען ווי אַ שלאַנג. און מיטן בריוו אין די הענט, אינמיטן לייענען, לויפט ער אַוועק צו די איבעריקע אָפיצירן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום דערהערט זיך אַ קנאַל. איך פיל אַ ווייטיק אין פוס. עפּעס אַ מאָדנער טעמפּער ווייטיק. עס געדויערט אַ מאָמענט און דער ווײ־טיק הערט אויף. ניט ווילנדיק גיב איך אַ שאָר מיט דער האַנט. איך דערפיל עפּעס נאַסלעך איך גיב אַ קוק אויף דער האַנט — עס איז אין בלוט! איך ליג אין אַ קאַלוזשע... איך בין תופס: פאַרווונדעט. „מסתמא גרינג..." טרייסט איך זיך אין האַרצן.

דער קאָפּ ווערט מיר שווער; פינצטער אין די אויגן; איך פאַל אין אָנמאַכט.

אַ קול פון אַ פרוי וועקט מיך אויף. איך הער:

— ווי שעמט איר זיך עס ניט! אַ פאַרווונדעטער ליגט אַזוי לאַנג אין אַזאַ שמוץ, אויפן דיל, און איר, אָפיצירן, שטייט דערביי און טוט גאָרניט. ער וועט דאָך אויסגיין פון בלוטאויסגוס...

איך עפן די אויגן און דערזע:

חברטע זינע וואראנינא מיט אַ גרויסן רויטן צלם אויסגענייט אויף דער ברוסט, אָנגעטאָן ווי אַ רחמנות־שוועסטער, בייגט זיך איין איבער מיר און שעפּטשעט:

— איך וועל אייך פאַרבאַנדאַזשירן די ווונד... מיר וועלן אייך אָפּפירן אין שפּיטאָל... — און שטילערהייט דערציילט זי מיר, אַז פון סאָקאָלניקי זענען גע־קומען חברים, זיי האָבן אָבער פאַרשפּעטיקט...

זי וואַשט מיר אַרום די ווונד, פאַרבינדט זי אויף גיך און נעמט ווייטער איינטעגהן מיט די אָפּיצירלעך:

— אויף גיך קריגט ערגעץ אַ נאָסילקע, מען דאַרף אים אָפּטראָגן אין שפּיטאָל.

די יונגע אָפּיצירלעך שטייען אין פאַרלעגנהייט און שווייגן...

דאָ כאַפּט זיך אַריין אַ צווייטן מאָל דער הייזעריקער פּאָלקאָווניק, טראָגט זיך דורך ווי אַ זאַווערוכע דורכן צימער, דערזעט מיך, טייט מיטן פינגער און שרייט הייזעריקערהייט:

— דערשלאָגן אים צום טויט! רעוואָלוציעס וועלן זיי מאַכן! מיר וועלן זיי ווייזן! — און ער לויפט אַרויס משוגענערווייז, מאַכנדיק ווילדע העוויות.

זינע קומט צוריק אין באַגלייטונג פון אַ סטודענט און אַ קורסיסטקע מיט נאָסילקעס.

מען טראָגט מיך איבער גאַסן. קוים איך דערקען זיי. איך הער, ווי מענטשן אין גאַס רופן מיך אָן פאַרן נאָמען, און שאָקלען עפּעס רחמנותדיק מיט די קעפּ. מען טראָגט מיך אַריין אין שול פון די פּראַפּאָרשטשיקעס, אָבער די סטו־דענטן טראָגן מיר גלייך אַרויס.

— דאָ איז פאַר אים קיין אָרט ניט. זיי וועלן אים דאָ דערקאַנטשען! — זאָגט זיי זינע, און מען טראָגט מיך אַוועק אין אַ שפּיטאָל.

אַן אָפּיציר לויפט אונדז נאָך. אַז מען ברענגט מיך אין שפּיטאָל, הייסט ער דעם עלטסטן דאָקטאָר זיך אונטערשרייבן, אַז ער האָט מיך אויפגענומען.

— איר וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים... ער זאָל אין ערגעץ ניט אומקומען... מיר וועלן אים משפּטן!... — זאָגט דער אָפּיציר.

דער דאָקטאָר קוקט זיך צו, שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער טראַכט: אויפן עולם־האמת וועט מען אים משפּטן... און ער זאָגט:

— זייער שווער פאַרוואונדעט... דעם בייך איבערגעבראָכן... זייער שווער...

XXXVI

דער שווערער מיטן

דער ערשטער טאָג פון בירגערקריג אין מאָסקווע איז געווען דער בעס־טער טאָג פאַר די ווייסע.

און פּשוט.

זיי זענען געווען צוגעגרייט, אויסגעדיסציפּלינירט, אויסגעמושטירט — און דאָ אַלע אויף אַן אָרט, גרייט להרג ולאבד, צו מאַכן אַ תל פון אויפשטייענדיקן אַרבעטערקלאַס.

מיר זענען לגמרי ניט געווען צוגעגרייט, על־כל־פנים ווייט הינטערשטעליק אין דעם פרט אין פאַרגלייך מיט זיי, אַ מיליטערישע קאַסטע, וואָס שטייט און וואַרט אויף אַ שטיקל אַרבעט.

אָבער דאָ, ווי אין ענלעכע פאַלן אין דער געשיכטע פון רעוואָלוציעס און רעוואָלוציאָנערער מלחמות־פירעריי, האָט זיך אַרויסגעוויזן בחוש דער גרויסער אמת, אַז באַגייסטערונג און זיכערקייט אין דער גערעכטיקייט פון דער זאַך, פאַר וועלכער מען שלאָגט זיך, איז שטאַרקער, ווען עס קומט צום לעצטן פּרווו, איידער אויסגעלערנטקייט און געניבטקייט.

און באמת: די לעצטע — אויסשטאַטונג און טעכניק — איז אַ שטענדיקע גרויס, בשעת באַגייסטערונג און מסירת־נפש איז אַ וואַקסנדיקע צאָל.

שוואַכע ווערן שטאַרק, צעזייטע און פאַרשפּרייטע ווערן אויפגעזאַמלט, און אומוויסנדיקע — ווערן געלערנט.

ווען די ערשטע קרבנות זענען אָנגעקומען אין די לאַזאַרעטן, האָבן זיי אַרום זיך גלייך געשאַפן אַ געהויבענע שטימונג.

פאַרוואָס? פאַר וועןּ? ווו? פון וועמען? — דאָס זענען געווען די פראַגן, וואָס האָבן זיך אויף אייך געשאָטן פון אַלע זייטן, פון אַלע שכנישע בעטלעך, פון אַלע יענע האַלב־קראַנקע, האַלב־אויסגעהיילטע זעלנער, וואָס שטייען דאָ. אין שטאָט, אין לאַזאַרעט, חדשים־לאַנג און אַנדערע אַפילו אַ יאָר.

— פאַרוואונדעט נאָכדעם ווי מען האָט געגומען געפאַנגען?!

— זיי ווייסן ניט פון קיין חרפה און שאַנדע און געוויסן! — דאָס איז גע־ווען די אַלגעמיינע מיינונג פון די חולאים אין שפּיטאָל, וווהין מען האָט מיך און דעם צווייטן חבר געבראַכט.

און ווי זענען זיי זיך באַגאַנגען מיט די איבעריקע געפאַנגענע?

אָפּגעפירט אין קרעמל, פאַרשפּאַרט אין פינצטערע קעלערן. זיי ניט געגעבן עסן. אויסגעשטעלט עטלעכע מאָל אַ טאָג אויפן הויף, צוזאָגנדיק זיי צו דער־שיסן.

אָבער אַזוי־ווי זיי האָבן ניט אויסגעפירט זייער צוזאָג, מחמת מאַנגל אין צייט, אָדער ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט אָנזעטיקן מיטן מאַטערן און שרעקן און הונ־גער־יסורים־אָנטאָן, פלעגן זיי זיי צוריק אָפּפירן אין די קעלערן און פאַר־שפּאַרן צושרייענדיק: — מאַטערט זיך!

עס איז ניטאָ קיין סודות. און אַלע האָבן עס געוווסט. זיי אַליין האָבן זיך באַרימט מיט זייער שיינעם אויפפיר. דאָס האָט אָבער אויפגעקאָכט דעם צאָרן פון די זעלנער, וועלכע האָבן געפילט, אַז זיי פייניקן און פאַרוואונדן און דער־שיסן זייערע אייגענע ברידער, זייער פלייש און בלוט.

און והא ראיה: מען ברענגט די פאַרוואונדעטע צו זיי אין לאַזאַרעט, מען האַלט זיי אין די זעלביקע צימערן, אויף די זעלביקע בעטלעך און מען שענקט זיי דעם זעלביקן אומגאַנג און השגחה און דעם זעלביקן קוק פון אויבן אַראָפּ, וועל־כער איז פול מיט שנאה.

די זעלנער אין די לאַזאַרעטן האָבן געקראָגן אַ פּראַקטישע לעקציע מכוח וואָס עס האַנדלט זיך.

אַז עס פלעגן אָנקומען זייערע „פאַרוואונדעטע" אָפּיצירלעך, כלומרשט פאַר־טשעפּעט אַ האַנט, צעדראַפּעט אַביסל די פוס, פלעגט ווערן אַ געלויפעריי און אַן איילעניש איבערן לאַזאַרעט. דער דאָקטאָר, די שוועסטער, — זיי האָבן ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיי. און דער לאַזאַרעט, ווי אונדזער געזעלשאַפט, איז געווען צעטיילט אין קלאַסן; דער צווייטער שטאָק — פאַר די אויסדערוויילטע אָפּיצירן און העכערע סאָרטן מענטשן; דער אונטערשטער עטאַזש — פאַר די פּשוטע זעלנער.

ווּהין האָט מען די אונדזעריקע געפירט און געהאַלטן?

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די זעלנער. וואָלטן זיי געהאַט קעלערן, וואָלטן זיי אונדז מסתמא נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט. האָבן די זעלנער אַ סך גע־דאַרפט? האָבן זיי דען ניט פון ערשטן קוק איינגעזען, אַז מיר זענען אייגענע, אַז דער ערשטער שטאָק באַקעמפט דעם צווייטן?

צו וועמען דאַרפן זיי, די פּשוטע זעלנער, וועלכע מען האָט ערגער געגעבן עסן און אויך וועלכע מען האָט ערגער אויפגעפּאַסט, אי ערגער ייך מיט זיי באַגאַנגען, אי שמוציקער געהאַלטן זייערע צימערן, — צושטיין? צו וועמען, אויב ניט צו אונדז, וועלכע געהערן צו זיי לויטן גאַנצן באַנעמען זיך פון דער אַד־מיניסטראַציע? מען האָט אונדז געקענט אָן טעות משפטן, אַז מיר געהערן צו זיי, זענען זייעריקע...

און זיי האָבן אַזוי געטאָן. זיי זענען גלייך צוגעשטאַנען צום בירגערקריג און זיך געשטעלט אויף אונדזער צד, וועלכער איז געווען, לפי זייער השגה, זייער צד.

אין שפּיטאָל איז ניט שטיל געוואָרן אויף איין מינוט. די זעלנער האָבן געהאַלטן אין איין אויספרעגן וועגן די פּרטים פון „שלאַכט". די שוועסטער האָבן געהאַלטן אין איין אַגיטירן קעגן אונדז, „פּושעים", אָבער זייערע ווערטער האָבן קיין שום ווירקונג ניט געקענט האָבן.

מיר — מיט דעם לעצטן אָטעם; אַנדערע פון אונדז, קרבנות פון אַקטאָ־בער, בפועל־ממש, אויסגייענדיק פון די כוחות און אָנווערנדיק דעם לעצטן טעפּל בלוט, אָן וועלכן מען קען ניט לעבן, האָבן געגעבן צו פאַרשטיין, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און באַשוואָרן די זעלנער אָפּצורעכענען זיך מיטן שונא און קעמפן פאַר פרייהייט און יושר.

די לאַזאַרעטן האָבן זיך שטאַרק אויפגערודערט. ניט אַלע זענען געווען צוגעשמידט צו די בעטלעך. אַ סך זעלנער האָבן געהאַלטן ערב אויסשרייבן זיך; אַ סך האָט מען געהאַלטן פאַר אויסקורירט. זיי האָבן גענומען זיך בעטן צו גיין אין שטאָט.

— נאָך וואָס אין שטאָט? — פרעגט די עלטערע שוועסטער.

— גלאַט אַזוי... — און דער זעלנער קוקט ווי אַ כמאַרע.

מיר אַלע ווייסן נאָך וואָס. די שוועסטער פאַרשטייט אויך נאָך וואָס. אָבער זי מאַכט זיך ניט־ווייסנדיק און אַנטזאָגט אים.

— עס איז אַ סכנה איצטער צו גיין. וואָס ווילסטו? ווידער כאַפּן אַ קויל? נייַן, וואַרט ביז דו וועסט געזונט ווערן.

און די זעלנער אַנטלויפן איינציקווייז פון די לאַזאַרעטן; אַנטלויפן אָנגע־

טאָן אין כאַלאַטן, אין שטעקשיך, ווייל די אַדמיניסטראַציע האָט זיי ניט אַרויס־געגעבן זייערע שטיוול און זיי ניט געלאָזט נעמען זייערע קליידער. זיי קענען ניט איינזיצן אָדער איינליגן אין לאַזאַרעט, ווען דאָס קנאַלן טראָגט זיך איבער אונדז און פאַרהילכט די אויערן. זיי ווייסן, אַז זיי וואָלטן איצטער צונוצגע־קומען, אַז זיי פעלן אויס, אַז אָן זיי ווענדט זיך דער נצחון. און זיי גנבענען זיך אַרויס. קומען צו דער סאָוויעטגעביידע, בעטן שטיוול, שינעלן, געווער און לויפן אויפן פראָנט, וואָס איז מיט צוויי גאַסן ווייטער.

מען שלאָגט זיך פאַר די בריקן, וואָס פירן איבערן מאָסקווער טייך; מען שלאָגט זיך פאַרביטערט און פאַרצווייפלט לעבן די ניקיטסקע טויערן.

עס גייט אָן אַ שלאַכט אין סאָקאָלניקי און אויף אַ סך אַנדערע ערטער. זעלנער לויפן זיך צוזאַמען פון אַרום מאָסקווע, פון לאַסינע; זיי איילן זיך העלפן זייערע ברידער־אַרבעטער אין קאַמף קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא, דעם פאַר־האַסטן אָפיציר.

דער גערויש און טומל זאָגט עדות, אַז שווערע אַרטילעריע אַרבעט אין די גאַסן פון מאָסקווע.

***

מען מאַכט מיר אַן איבערבונד פון דער ווונד.

אַ גראַנאַט פליט איבערן דאַך פון לאַזאַרעט. אַן אָפּברוך פון אים לויפט אַריין ניט קיין געבעטענער דורכן פענצטער, דערהרגעט אויף אָן אָרט די „שוועסטער", וואָס שטייט דאָ לעבן מיר.

דער דאָקטאָר פראַנשטיין, — אַ באַרימטער כירורג, עפּעס ווי דער מלאך־המוות שאַנעוועט אים — בלייבט ניט גערירט.

די חולאים, דערהערנדיק דעם קלאַפּ און דערפילנדיק דעם לופטציטער, גיבן זיך אַ וואָרף פון די בעטלעך, פויזשען אויף די בייכער. אַלע קאַליקעס, קע־נען, נעבעך, ניט לויפן און ניט גיין, נאָר דאָס איז דער כוח פון אינסטינקט. זיי ווילן זיך ראַטעווען, הגם זיי קענען ניט. אַ מהומה ומבוכה.

איך ליג אין געהאַקטע ווונדן, קען אַפילו מיטן קאָפּ ניט אַ ריר־טאָן. די חולאים לייגט מען אַריין אין די בעטלעך.

די טויטע קראַנקנשוועסטער טראָגט מען אַרויס אויף יענער זייט פון לעבן און שטאַרבן; אונדז פירט מען אַריבער אין אַ צווייטן צימער.

אַלע ריידן וועגן דער געשעעניש.

דאָס בומען פון דער שווערער אַרטילעריע ווערט ניט שטילער.

עס פלאַקערט אַ פאַן איבערן לאַזאַרעט. דער רויטער צלם שרייט פון דער־ווייטן: „טשעפּעט ניט די געביידע!... דאָ ליגן יענע, וואָס קענען זיך אין קריג ניט באַטייליקן".

אין משגיחים. מען קוקט אויף דעם ניט. גראַנאַטן זשווזשען ווי ריזיקע בינען אַרום דעם בנין.

חברטע מינע פרידלאַנד קומט רעגולער, אַזוי ווי זי וואָלט שפּרייזן צווישן די קוילן, אין לאַזאַרעט אַריין אָפּגעבן גרוסן פון חבר ליעוו טשאַרני. דער־ציילט נייס.

ווער וועט זיגן? — דאָס איז די פראַגע, וואָס לעכערט מיין מאַרך און הייסט שווייגן דעם ווייטיק פון פוס, ווו דערביין איז צעבראָכן פון אַ דום־דום־קויל, וואָס די יונקערס האָבן באַנוצט קעגן אונדז.

— אונדזערע וועלן זיגן! — באַרויִקט זי, און זי מיינט עס, ניט נאָר זי זאָגט עס צוליב טרייסטן מיך.

איך וואַרט אויפן זיג. עס ווילט זיך מיר ניט שטאַרבן, אַוועקגיין אינמיטן דערינען, ניט וויסנדיק אויף זיכער, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן. דאָס לעבן — דער טויט — ווען האָבן באותה שעה אינטערעסירט אַזעלכע קלייניקייטן?!

איך זאָג און פאַרזיכער בפועל־ממש, אַז דער איינצלנער באַוווּסטזיין מיינער, דער לעבנסאינסטינקט, דאָס פילן ווייטיק, איז אינגאַנצן געווען מטושטש. עס האָט זיך אויסגעבליכט קעגן דעם העלן ליכט פון באַוווּסטזיין פון כלל, דעם כלל, מיט וועלכן איר האָט זיך פאַרקניפּט אויף אייביק. ווייטער פון לעבן, שטאַרקער פון טויט. איך ליג און בין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַנאַליזירן מיין פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד. איך וואָלט עס ניט גלויבן, אַז אַ מענטש קען קו־מען צו אַזאַ „ביטול־היש״.

איך ליג און בפועל־ממש איך באַאָבאַכט זיך אַליין און וווּנדער זיך: איין געפיל האָט געלעבט און באַוועגט דאָס האַרץ: נצחון! אַ נייע סאָציאַלע וועלט שאַפן! אַ נייע אָרדענונג! פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל!... מיין בלוט גיסט זיך, גיסט זיך דורך דעם גרויסן לאָך, וואָס אין לינקן פוס. דאָס בלוט גיסט און שפּרייט זיך איבערן געלעגער און פאַרפאַרבט אַלץ אין רויט.

איך מערק עס ניט און פיל עס ניט.
דאָס לעבן זעט אויס ווי אַ געשפּילצייג.
די אָם מיט דער שוועסטער בייטן אונטער מיר די ליילעכער.

אין שכנות מיט מיר ליגט אַן אַרבעטער. אַ שרעק אָקוק צו טאָן אויף אים. די צורה צעמזיקט, צעהרגעט. אַרויסגעהאַקט די ציין אַראָפּגעריסן די אונ־טערשטע ליפּ, צעקאַליעטשעט דעם קין (מאָרדע), צעבלוטיקט און אונטערגע־קלאַפּט די אויגן, און דאָס איז אַלץ אַנגעשוואָלן אַזוי, אַז ער איז אינגאַנצן פאַר־אומגעשטאַלטיקט.

קוקנדיק אויף אים, וווּנדערט איר זיך, ווי קען עס אַ מענטש אַזוי משונה־דיק אויסזען; און בלוט פליסט פון אים דורכן מויל און מען קען עס ניט אָפּ־שטעלן.

די אָם רופט די שוועסטער.
די שוועסטער — דעם דאָקטאָר.

זיי קענען אָבער גאָרניט העלפן. און ער גייט־אויס פאַר זייערע אויגן פון בלוטפאַרלוסט.

ווי בליי הענגט אין דער לופט פון שפּיטאָל: אָט שטאַרבט אַ מענטש, איי־נער פון אונדזערע; ער ווערט ווי אַנטשלאָפן, אַנטשלאָפן אויף שטענדיק. דער גרינגסטער טויט איז פון בלוטאויסגוס, אָפּנים.

דער דאָקטאָר גייט פאַרביי מיין בעטל.

די שוועסטער מאַכט אים אויפמערקזאַם אויף דעם בלוט, וואָס האָט פאַר־

פּלייצט דאָס ליילעך, פאַרפאַרבט די קאָלדרע. ער גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ מאַך מיטן האַנט:

— טשעפּעט אים ניט! — און ער גייט אַוועק.

די שוועסטער בלייבט מיט מיר.

הגם איך בין אַ „פּושע־ישראל", אָבער פּאַרט אַ מענטש, און עס טוט איר באַנג. איך זע נאָך איר, הן לויטן ריידן, ווינקען, און הן לויטן שווייגן, אַז זי מיינט, אַז אָט־די נאַכט איז מיין לעצטע נאַכט. געזעגנט זי זיך מיט מיר און פאַרהאַלט זיך לעבן בעטל, קוקט און קוקט.

איך רוף זיך אָפּ צו איר, האַלב אין אַ וויץ:

— ווען טורגעניעוו האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער געקנאַקט ניס, און זיין נשמה איז אַרויס מיטן נוסקנאַק; צו קנאַקן ניס האָב איך קיין כוח ניט, אָבער אַן עפּל וואָלט איך מיט פאַרגעניגן אויפעסן! און נאָכדעם, מילא, אויב שטאַרבן, זאָל זיין שטאַרבן. — אָבער איך האָב אַפילו ניט אָנגעהויבן צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז איך שטאַרב.

— ווו קריגט מען איצטער עפּל? אַלע שלאָפן; עס איז נאָך מיטן נאַכט; אַלץ פאַרשלאָסן.

זי איז אַוועק זוכן. איר האָט זיך געוואָלט אויספילן דעם לעצטן ווונטש פון אַ שכיב־מרע.

אַ האַלבע שעה האָט עס געדויערט און זי איז געקומען מיט גרויס פרייד מיט אַ האַלבן עפּל אין האַנט.

זי האָט עס געפונען — ווי זי האָט מיר דערציילט — אויף אַ טישל פון אַן אָפיציר, וואָס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין בירגערקריג. דאָס הייסט, אין קריג קעגן מיר, קעגן אונדז, און ער האָט עס מיר געשענקט, — האָט זי צוגע־געבן... — ער איז שווער פאַרוווּנדעט...

איך האָב אויפגעגעסן דעם עפּל.

און ווי איר זעט לעב איך נאָך עד־היום.

דער אָפיציר, וואָס האָט עס מיר מנדב געווען, איז אויף מאָרגן אינדערפרי געשטאָרבן.

*****

אַ ים פון קלאַנגען קאַכט און זידט. דער שטורעם צערייסט די אויערן פון מאָסקווע. שווערע אַרטילעריע האָט געאַרבעט גאַנץ געשמאַק.

שטילער פלעגט עס ווערן צו פאַרנאַכטצייט, און דער עולם טראַכט און זאָגט מיט פרייד: אַן עק, אַ סוף!

ווער האָט געזיגט?

און אויף מאָרגן איבעראַנייס: עס קלאַפּט און רוישט: בו־בו־בו...

איינמאָל איז שטיל געוואָרן.

— וואָס, שלום־פאַרהאַנדלונגען?

— יאָ. אַ פאַרשלומונג.

זיי, די יונקערס, האָבן זיך אונטערגעגעבן, אויסגערעדט כלומרשט „בכבו־דיקע" באַדינגונגען, כדי צו ראַטעווען די מיליטערישע „ערע".

מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט פון שטאָט אונטער דעם תנאַי, אַז זיי זאָלן צו־זאָגן אויף זייער הן־צדק מער זיך ניט צו באַטייליקן אין בירגערקריג.

מען ברענגט מיר די אָפּגעדרוקטע באַדינגונגען פון שלום.

ליעוו טשאַרני קלינגט מיר אין דעם טעלעפאָן און איז מיר מודיע מיט גרויס שמחה:

„אונדזערע האָבן מנצח געווען".

„אונדזערע!" — אַ פּאָר יאָר שפּעטער... זענען זיי ווייט ניט געווען זיינע...

נאָר וואָס ווייסט אַ מענטש, וואָס עס שטייט הינטער די פּלייצעס.

די יונקערס האָבן זיך אונטערגעגעבן... אַ נייַ לעבן הייבט זיך אָן.

יאָ, אַ נייַ בלאַט אין דער רוסישער געשיכטע.

און אַפילו אין דער אייראָפּעיִשער געשיכטע.

ס'טייטש, גוואַלד־געשריגן! דער גאָט פון מלחמה איז דאָך זייער גאָט!

די אַמען אין שפּיטאָל הייבן אויף די קעפּ. און די שוועסטער פון רחמנות לאָזן אַראָפּ די קעפּ, פּונקט ווי יענע הייבן זיי אויף.

צווייַ סאָציאַלע וואָגשאָלן.

איין שאָל אַרויף, דאָס אַנדערע שעלעכל אַראָפּ.

די שוועסטער און דאָקטוירים ווילן ניט גלויבן.

זיי שאָקלען חשודיק מיט די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

ווי קענען זיי עס גלויבן!

איז דער הימל אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן?!

ווו איז דער אמתער באַלעבאָס פון רוסלאַנד, פון פּאַטערלאַנד!

איז, באמת, זייער צייט אַוועק און אַ נייע צייט האָט זיך אונטערגערוקט און זיי האָבן עס ניט באַמערקט?

ווער? די אַרבעטער? די באַנדיטן, די אויסוואורפן, זיי וועלן באַזיגן די בחיר פון פאָלק!

די בליִעכץ פון דער יוגנט איז געווען אין שלאַכט.

— קלאַנגען! אויסגעטראַכט! כדי צו ווירקן אויף די גלויביקע... — טענהן זיי. — אָבער אָט ברענגט מען אַריין אַ ספּעציעלע אויסגאַבע שוואַרץ אויף בלאָס־ווייס מיט גרויסע אותיות: זיי האָבן אונטערגעשריבן דעם שלום־אָפּמאַך און דעם אייגענעם טויט־פּסק...

די באַבע־געשיכטע קנייטשט דעם צעאַקערטן שטערן, פאַרבייסט די איינ־געשרומפּטע, ווי ראָזשינקעס, ליפּן, פאַרריכט די טונקעלע ברילן אויף דער נאָז — און ווילנדיק ניט־ווילנדיק קערט זי איבער אַ בלאַט אין אַלטן ספר־הדורות וואָס ליגט אָפן פאַר איר.

זיי קענען זיך ניט העלפן. די ווירקלעכקייט איז אַן אַכזר. עפּעס אַ וועלט־איבערשטעלעניש. „אַלץ ערגער פאַר די פאַקטן!"

גאָרנישט, זיי קומען גלייך צוריק! — טרייסטן זיי זיך.

מיליוקאָוו פאַרזיכערט, אַז מער ווי צוויי טעג וועלן זיי, די באַזיגער, זיך ניט קענען האַלטן.

און אַז מיליוקאָוו פאַרזיכערט, איז דאָס זיכער ווי אין קעשענע.

זיי נעמען אַלע פּלאַנעווען אַ שטרייק. יאָ, אַ שטרייק. זיי קענען אויך שטרייקן.

וואָס עפּעס?! זענען זיי ערגער פון די אַרבעטער! זיי זענען געגוג באַוווסט־זיניק! זיי קענען נוצן דאָס געוועהר ניט ערגער פון זייערע קלאַסן־שונאים.

ווער זענען די זיי?

אַלע אָנגעשטעלטע פון דער שטאָטפאַרוואַלטונג.

און אויב די ווירקלעכקייט איז אַכזריותדיק, וועלן זיי איר ווייזן, אַז זיי קענען אויך זיין אומברחמנותדיק. זיי וועלן ניט אַרבעטן. זיי וועלן אַלץ אָפּ־שטעלן. אַ טויטער שטילשטאַנד.

וואָס הייסט עפּעס! וועמען וועלן זיי איצטער דינען! די „פּאַרכאַפּער"! די באַנדיטן! לאָ! לאָ מיט אַ גרויסן אלף!

זיי וועלן אַראָפּ פון דער אַרבעט, אָוועקלייגן די געצייג — און שבת (שאַבאַש!).

אַזוי טענהן זיי און היצן זיך, די דאָקטוירים, די שוועסטערס.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַמען זענען מיט לייב־און־לעבן מיט אונדז.

— און די קראַנקע? — פרעג איך דעם הויפּטדאָקטאָר.

ער לאָזט אַראָפּ די אויגן, ער קען מיר אין פּנים ניט קוקן.

— מיר קענען גאָרניט טאָן! מיר מוזן שטיצן דעם שטרייק! אַלע אָנגע־שטעלטע! — ענטפערט ער, שלינגענדיק די ווערטער און עגבויערנדיק מיין קאָלדרע מיט זיינע פאַרשעמטע אויגן.

— די קראַנקע! מען קען דאָך זיי ניט לאָזן מיט די אָפענע ווונדן!... זיי וועלן דאָך פאַרשמוציקט און פאַרגיפטעט ווערן! איז עס געהערט געוואָרן, אַז שפּיטאָלן, לאַזאַרעטן זאָלן שטרייקן! — טענה איך אײן מיט אים.

— עס וועט ניט־לאַנג דויערן. זיי וועלן זיך ניט האַלטן מער פון צוויי טעג, און נאָך צוויי טעג וועלן מיר צוטרעטן צו דער אַרבעט, — פאַרזיכערט ער מיר.

ער גלויבט אין דעם, וואָס ער באַהויפּטעט. ער האָט זיך אַנדערש ניט געקענט פאַרשטעלן.

כל־זמן די זון גייט־אויף אין מזרח און פאַרגייט אין מערב, מוז „זיין" קלאַס הערשן און אָנפירן די מלוכה־מאַשין.

— צוויי טעג?! — לאָך איך זיך פונאַנדער. — איך וועט זיך מיט אייך, ד"ר פראַנשטיין, אַז פאַר צוויי יאָר וועט איר עס ניט מאַכן...

ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט. ער איז אַזוי זיכער, אַז עס לוינט אים ניט אַפילו זיך צו אַמפּערן וועגן דעם.

ער מאַכט מיר היינט דעם לעצטן איבערבונד פון דער ווונד, גיט פאַר־אָרדענונגען צו די שוועסטער, זיי זאָלן איבערגעבן די אַמען, וואָס זיי האָבן צו טאָן אין די עטלעכע טעג פון שטרייק.

און —

זיי זענען אַראָפּ פון דער אַרענע.

XXXVII

די בלינדע געפירטע

זיי האָבן דערקלערט אַ שטרייק, און אונדז געלאָזט ליגן מיט די אומגע־וואַשענע ווונדן. אָבער וועלכע בעלנים זענען זיי עס געווען צו שרייען וועגן דער אַכזריות פון די נידעריקע קלאַסן. און וויפל מאָס פון שיינע רייד האָבן זיי פאַר־מאָגט, ווען עס איז געקומען צו טאַדלען די נייע „וואַנדאַלן".

„דער „חם" גייט!" — האָט מען געשראָקן דעם ברייטן עולם, וועלכער האָט בשעת־מעשה געטראַכט: דוכט זיך, אַז דער „חם" גייט אַוועק...

און אַזוי נאָכמאַלפּענדיק זענען זיי געוואָרן שטרייקערס, אָנגעווענדט „די־רעקטע אַקציע". דער זינען פון דעם אַלעם איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גאַנץ קלאָגעדיקער...

אַ גרויסער שכל!

צו באַקעמפן יענע, וועלכע זיי האָבן ניט געקענט גובר זיין אין אָפענעם שטרייט, מיט שווערד און ביקס, באָמבע און שווערער אַרטילעריע, מיט וואָס? מיט זייער אייגענעם געווער — מיט אַ שטרייק צו גובר זיין שטרייקער.

וואָלט עס נאָך געווען אַ „לאָק־אָוט!" דאָס איז אָבער געווען בפועל־ממש אַ שטרייק.

אַלע אָנגעשטעלטע פון דער שטאָטפאַרוואַלטונג זענען אַראָפּ פון דער אַרבעט.

פאַרשטייט זיך, אַז די „קעפּ" האָבן זיי צוגעזאָגט צו צאָלן פאַר דער צייט, וואָס זיי וועלן אַרומגיין ליידיק אין קאַמף קעגן דעם נייעם באַלעבאָס.

שטאַרקע מוחות! אויב זיי האָבן אונדז ניט געקענט בייקומען אין בירגער־קריג, אַ זאַך, אין וועלכער זיי האָבן זיך ספּעציאַליזירט און געהאַט צו זייער דינסט די גרעסטע עקספּערטן, מיליטאַריסטן מיט דער דערפאַרונג פון דער לעצטער מלחמה, נאָך מער: זיי האָבן פאַרשפּילט דעם שטרייט, וועלכן זיי האָבן אַליין אָנגעהויבן, ניט קוקנדיק אויף זייער צוגעגרייטקייט און פעיִקייטן, האָבן ווי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ נייעם געביט — זיי וועלן שטרייקן און צווינגען די נייע זיגער צו קאַפּיטולירן. פאַרשפּילטע, פאַרפירטע, שטאָקבלינדע.

פאַרשטייט זיך, אַז דער שטרייק איז געווען אַ פאָליטישער.

זיי האָבן ניט געוואָלט „דינען" ביי די אויפגעקומענע. זיי האָבן געפאָדערט צוריק די אָפּגעקומענע, און זיי האָבן געוואָלט געווינען צוריק דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן אין האַנט־צוהאַנט־געשלעג.

נאָר דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, ניט צום ערשטן מאָל, די בלינדקייט פון די געוועזענע הערשער און זייערע נאָכשפּרינגער און נאָכטאַנצער, די „דריי־גראָשענע" פּריצים.

מען דאַרף קיין העגל ניט זיין צו זאָגן:
אַלץ ערגער פאַר די פאַקטן, אויב זיי שטימען ניט מיט דער טעאָריע.

דער אַלטער הערשנדיקער קלאַס איז זיכער געווען, אַז ער און רוסלאַנד איז איין זאַך.

אָרגאַניזירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן קאָן ער, און נאָר ער אַליין.

אָן אים וועט מען זיך בשום אופן ניט קענען באַגיין.

מען וועט קומען אים בעטן און בוקן זיך: האָב רחמנות, קום און קיניג איבער אונדז!

די איינרעדעניש איז געווען אַזוי שטאַרק. די איינגלויבעניש אַזוי אומ־שאָקלדיק, אַז די בורזשואַזע מיניסטאָרן האָבן דאַך — מיט אַ חודש צוויי צו־ריק — אַליין רעזיגנירט. זיי זענען ברוגז געוואָרן און אַוועקגעגאַנגען, ווי איי־נער זאָגט: אַדרבא, פּירט איר, און מיר וועלן זען, וואָס עס וועט ביי אייך אַרויסקומען.

איך דערמאָן דעם פאַקט, כדי דער לעזער זאָל זיך בעסער קלאָר מאַכן די סיטואַציע.

די קאָאַליציע האָט געפּלאַצט פון אינעווייניק. די בורזשואַזע עלעמענטן זענען אַוועק, זיי האָבן ניט געוואָלט נושא־בעול זיין.

איך געדענק, אַז האַלטנדיק אַ פּאָרטראַג דעמאָלט, האָב איך זיך אַ ווייצל געטאָן:

— גאַנץ שיין; מיר וואַרטן, זיי זאָלן ברוגז ווערן אויף אונדז און אונדז אַ שליידער־טאָן אין פּנים אַריין די בענק, זייערע לויפנדיקע רעכענונגען אין די בענק, די פאַבריקן, די רויע סחורה, און זאָגן: אָ, נו, ווייזט, ווי איר וועט זיך קענען באַגיין אָן אונדז!

אַזוי קאָנסעקווענט זענען זיי אָבער ניט געווען.

אָן די פאַבריקן, הייזער, בענק און פאַרזיכערונג־געזעלשאַפטן האָבן זיי זיך געהאַלטן ווי מיט די ציין איינגעביסן. זיי זענען אָפּנים געווען „היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן" און האָבן זיך ניט געקימערט וועגן דער פּאָליטיק.

מיליוקאָוו, אַליין אַ היסטאָריקער, האָט פאַרגעסן די היסטאָריע פון אויפ־קום פון דער בורזשואַזיע און איר גיין צו מאַכט, און האָט זיך אָפּנים איינגע־רעדט, אַז דער בורזשואַזער קלאַס איז מתחלת בריתו געבאָרן געוואָרן אין אַ מלכות־העמדעלע און נאָר ער איז ראוי אָנצופירן דאָס פּאָליטישע לעבן.

ער האָט אַפילו געשריבן אין זיין צייטונג, אין אַ טאָן ווי איינער זאָגט: עס לוינט אַפילו ניט צו האָבן מיט זיי צו טאָן; אין דריי טעג צייט וועט פון זיי קיין געדעכעניש ניט בלייבן.

אַז מיליוקאָוו זאָגט, ווייסט ער וואָס ער זאָגט. און די קלוגע אינטעליגענטן האָבן געגלויבט, אַז עס איז אמת ויציב. פונדעסטוועגן האָבן זיי גערעכנט, אַז עס וואָלט זיין אַ יושר, מען זאָל אַביסל אונטערשטופּן פון הינטן, כדי די „זיגער" זאָלן מיט אַ פּאָר שעה פאַר דעם כאַפּן די מיאוסע מפּלה און זיך אַראָפּגליטשן אין תהום.

אַזאַ פּערספּעקטיווע האָט געררייצט און איז געווען צוציִענדיק.

און מענטשן מיט אין דרייען געבויגענע רוקנס, וואָס האָבן געציטערט און

געפלאַטערט כל ימיהם פאַר זייער „נאַטשאַלסטוואָ", וואָס זענען געווען שטי־לער פון גראָז אין די ערגסטע צייטן פון דער רעאַקציע, ניט געהאַט קיין העזה אַ פּיפּס צו טאָן — זיי זענען דאָ געוואָרן „שטאַרק ווי לייבן" און האָבן זיך אָנטזאָגט צו אָנערקענען די „פאַרכאַפּער", און האָבן זיך „אָנטזאָגט" צו אַר־בעטן מיט זיי צוזאַמען.

עס איז זיי ניט אָנגעשטאַנען... און עס איז אויסגעקומען אָנצונעמען נייע שטאַבן, נייע מענטשן.

נאָך דער שלאַכט אין שטאָט האָט דער שטרייק אויסגעזען ווי אַ פאַרס נאָך אַ טראַגעדיע אויפן פאַרבייסן, כדי אָפּצווישן דעם שווערן איינדרוק פון דעם טראַגיש־ערנסטן, וואָס איז נאָר־וואָס פאַרגעקומען.

דריי טעג זענען אַריבער — און מאָסקווע, געוויינטלעך, האָט ניט אַ צי־טער געטאָן פירהונדערט מייל אויף פירהונדערט מייל... אַלץ איז געגאַנגען כשורה, ווי אין אַזאַ צייט קען גיין.

די טראַמווייען זענען געלאָפן איבער די גאַסן, — הגם די אינזשיניערן האָבן ניט געאַרבעט; אַזוי האָבן אויך פונקציאָנירט די איבעריקע אַנשטאַלטן. מען האָט געאַרבעט, געהאָרעוועט, געשטופּט ווי ווייט מען האָט געקאָנט.

דער אַרבעטער האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, אַ קראַץ־געטאָן די פּאַ־טילניצע און ווו מעגלעך און אויף וויפל מעגלעך פאַרביטן דעם קוואַליפיצירטן „אינטעליגענט", פאַרביטן לפי־שעה, ביז ער וועט זיך אומקערן צו דער אַרבעט, ער וועט בעסער ווערן אָדער קליגער ווערן...

אין דריי טעג, נאָכדעם ווי פון מיליוקאָווס נבואה האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, זענען די רחמנות־שוועסטער און די דאָקטוירים געקומען שעמעוו־דיקערהייט צוריק, און זיך גענומען צו דער אַרבעט, אָפּלייגנדיק דעם טאָג פון פאַלן פון „נייעם רעזשים" אויף דריי וואָכן, דערנאָך אויף דריי חדשים, דער־נאָך... ווייס איך שוין ניט אויף ווי לאַנג...

XXXVIII

די געצנדינער

בשעתן מיטן געשלעג אויף די גאַסן פון מאָסקווע זענען לונאַטשאַרסקי און נאָגין אַרויסגעטראָטן פון „סאָוונאַרקאָם" דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך דער־וווּסט, אַז עטלעכע גראַנאַטן האָבן פאַרביילויפנדיק פאַרטשעפּעט די היסטאָרישע געדענקזיילן און געביידעס פון הייליקן און קונסטרייכן קרעמל. — אָט־די האַנד־לונג האָט אונדז אַלעמען, פאַרוואונדעטע און צעהרגעטע, טיף באַליידיקט.

— ס'טייטש, — האָט זיך געהיצט מאַרק, אַ מיטליאָריקער אַרבעטער, אַ מעטאַליסט, וועמען מען האָט איבערגעבראָכן אַ ריפּ. — איך בין גאָרניט, דער עיקר די שטיינער אָדער ציגל פון גלאָקטורעם... — און ער האָט אויסגעשפּיגן אין גרימצאָרן אויפן דיל פון שפּיטאָל לעבן זיין בעטל.

עס האָט אַלעמען ווײ־געטאָן, ווי מען וואָלט זײ באַליידיקט פּערזענלעך. און באמת זענען אַרום אונדז געלעגן צעבראָכענע דענקמעלער, צעקריפּלטע מאָנומענטן...

און דאָס, וואָס זײ האָבן געלעבט, געאָטעמט, געטראַכט און געפּילט, צי דען האָט דאָס קלענער געמאַכט זייער חשיבות און טייערקייט און שיינקייט!

— אַן „אינטעליגענט!״ — האָבן זײ באַשלאָסן מיט פאַראַכטונג.

— אַ געצנדינער! — האָט מען לונאַטשאַרסקין פאַרדאַמט.

פאַר אים אַ שטיין, אַ ביין איז וויכטיקער איידער אַ מענטש.

בשעת מלחמה האָבן מיר אַ סך מאָל עס באַמערקט.

ווען די דייטשן אָדער דער צד שכנגד פלעגט אויסקאָשען, אין די צענ־דליק־טויזנטער, מענטשן לעבעדיקע, יונגע, פרישע, געזונטע, וואָס האָבן גע־שפּראָצט מיט כוח און שטרעבן, האָבן געמאַכט פון זײ אַ תל, אַ הויפן אומגע־שטאַלטע פאַרזעענישן, פלעגט דער איראָפּעיִשער עולם זײַן גלייכגילטיק:

אַזוי פירט זיך די וועלט. אַ מנהג ברעכט ביינער און לעבנס און קיינעם אַרט עס ניט.

אָבער, אַז זײ פלעגן חס־ושלום אָנרירן ערגעץ־ווו אַ מוזיי, אַן אַלטן קירך, דורכשטעכן ערגעץ אַ פּאָר לייוונטס פון אַלטע מאַלעָרקינסטלער, צעברעכן אַ פּיסל פון אַ הינקענדיקער געטשקע — דעמאָלט פלעגט מען נעמען קריצן מיט די ציין; מאַכן קולאַקעס, געוואַלדעווען:

וואַנדאַלן! זײ האָבן קיין רחמנות ניט אויף דעם קונסט! אַפּנים, אַז לעבן איז ניט די גרעסטע און העכסטע קונץ.

אַפּנים די מענטשן, די לעבעדיקע, ליבנדיקע, האָסנדיקע, שטרעבנדיקע, פאַרלאַנגענדיקע, וואַרעמע, מיט פולסן, מיט הארצקלאַפּן, מיט געדאַנקען־געמע־לעכצן, מיט געפילן־אויסנייעכצן — זײ זענען גאָרניט.

ווען זײ זענען אָבער אויסגעקריצט אָדער אויסגעהאַקט אין שטיין אָדער אָנגעשמירט אויף לייוונט, אָט דעמאָלט ערשט, ניט פאַר דעם, קריגן זײ זייער חשיבות און מען טאָר זײ ניט אָנרירן. זײ ווערן אַ דבר שבקדושה.

עס איז קונסט!

עס איז באמת אַ קונץ אַזוי צו טראַכטן און אַזוי צו פילן, און אַזוי נאַריש צו זיין און אָבערגלויבעריש.

רעדט וויפל איר ווילט וועגן דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע. אין תוך גענומען זענען די איראָפּייער געבליבן טיף געצנדינעריש.

דער מענטש איז גאָרניט ווערט, דער געץ — איז אַן עולם־ומלואו.

עס קען זיין, אַז ווען מיר וואָלטן אַליין ניט זיין באותה־שעה אין דער לאַגע פון אַ צעבראָכענעם מאָנומענט, וואָלטן מיר ניט פילן די גאַנצע אומגעלומ־פּערטקייט פון דער גרינגשעצונג פון מענטשן און די הויכשעצונג פון סטאַטוע.

אַ מענטש — וואָס איז אַ מענטש?! ער ווערט ערשט דאַן אַ גאָט, ווען ער ליגט באַגראָבן אין שטיין!

אין מיין יִדישן קאָפּ האָט זיך דענסטמאָל דורכגעשלענגלט אַן אַלטער יִדישער ציטאַט, אַ מזמור צו אסף: „גאָט, עס זענען אַריין גוים אין דיין באַזיץ און האָבן פאַרשוועכט דיין הייליקן טעמפּל... גאָר אַזוי, אַ געזאַנג, אַ קלאָגליד צו

אספן, האָט געדאַרפט שטיין, נאָר ער האָט אויסגעגאָסן זיין כעס אויף שטיינער און ביינער און ניט אויף די לעבעדיקע מענטשן"... דעריבער זינגט אָסף.

אין איראָפּע איז פּונקט פאַרקערט:

מען קלאָגט, ווען מען גיסט אויס דעם כעס אויף שטיינער־מאָנומענטן, און מען זינגט, ווען עס גייט אויס צום מענטשן, צום לעבעדיקן מענטשן, צום פילנ־דיקן, האַרציקן מענטשן.

געצנדינער!

לונאַטשאַרסקי איז באַלד צוריק אַריינגעטראָטן. נאָגין איז אַזוי געבליבן אויסערן „סאָוונאַרקאָם" פאַרן רעשטל פון זיין לעבן.

XXXIX

די לוויה

מען האָט געטראָגן די קרבנות, די רויטע קרבנות פון רויטן אָקטיאַבר.

זאָלן יענע, וואָס זענען שמוציק, וואַרפן שמוץ און כראָקען מיט בלאָטע, ווען זיי ריידן וועגן אָקטיאַבר.

אָקטאָבער האָט בלוט פאַרגאָסן! — האָבן זיי צו אונדז אַ טענה.

וועמענס בלוט, פון די „פּלוידערזעק" אין די צייטונגען?

אייגן בלוט האָבן מיר פאַרגאָסן, אונדזער בלוט. מיר האָבן אונדזער לעבן דערפאַר געגעבן.

וואָס הייסט אָקטאָבער איז געווען אַ בלוטפאַרגיסונג?!

די יונקערס האָבן אונדזער בלוט פאַרגאָסן, — און זיי האָבן נאָך ביי אונדז אַן עוולה.

די באַגייסטערונג און די יום־טובדיק־דערהויבענע שטימונג האָט זיך גע־לאָזט פילן איבער גאַנץ מאָסקווע.

ווער עס האָט נאָר געקענט גיין, כאָטש אויף קוליעס, איז אַוועק באַגלייטן אונדזערע חברים צו זייער בכבודיקן אָרט, אויבנאָן, לעבן דער וואַנט פון גרויען קרעמל, אויף דעם רויטן פּלאַץ.

גאַנץ מאָסקווע — די אַרבעטנדיקע און קעמפנדיקע און שטרעבנדיקע און קרבנות־גרייטע, איז געגאַנגען זיי באַגלייטן. זיי, קרבנות פון יונקערשע קוילן; זיי, — דאָס בעסטע און שענסטע און בליענדיקסטע, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. און פאַרמאָגן אין אָנדענק.

זיי האָבן געגלויבט, אַז זיי קעמפן פאַר אַ נייעם יושר, פאַר אַ נייעם סאָ־ציאַלן אמת — און זיי האָבן פאַרחתמעט זייער גלויבן מיט זייער אייגן בלוט.

וואָס עס איז ניט טייערער פון אייגן לעבן איז גאָרניט ווערט.

זיי האָבן זייער בלוט פאַרגאָסן און אָנגעטרונקען דאָס סאָציאַלע פעלד אין קאַלטן צפון, און דרום־בלומען וועלן דאָרטן אויפגיין! זיי וועלן אויפגיין!

בלוטפאַרגיסונג! — קרימען זיך די פאַלשע ליפּן, מאַכנדיק פרומע פּנימער.

זענען מיר דען געווען באַוואָפנט ביז די ציין, אָדער די יונקערס, אין ווע־מענס געדאַנק ס'איז געלעגן אויפן שוואַרצן אָפּגרונט איין פּאַרלאַנג: צוריק צו דער זעלבסטהערשונג.

ווער האָט אָנגעהויבן וואַרפן גראַנאַטן און שיסן?

האָט דען אָקטאָבער ניט געקענט זיין אַזוי פרידלעך ווי פעברואַר, ווען די „קלוגע נאַראָנים" וואָלטן געהאַט מער פאַרשטאַנד און זיך ניט געוואָרפן אין די אָרעמס פון די שוואַרצע מאַהניקעס, זוכנדיק ביי זיי שטיצע קעגן דעם אויפשטייענדיקן אַרבעטער און פויער און זעלנער? קעגן אייגענעם האָבן זיי געזוכט הילף ביי דעם פרעמדן.

דער 6טער יולי, די פּאַרבאַרייטונג פאַר אָקטאָבער, און דער אָנפאַל אויף דער דאַטשע דורנאָווא, און דאָס הרגענען אסינען און נאָך, און נאָך, און נאָך...

אויף וועמעס געוויסן ליגט דאָס בלוט?... וועלכע שיינע בריאות האָבן עס געטאָן?...

נאָר ווער האָט געזשאַלעוועט די טויטע? — קיינער ניט!

מען האָט זיי מקנא געווען, וואָס זיי האָבן זוכה געווען אָוועקצוגעבן דאָס לעבן פאַר דעם איינציקן, פאַרוואָס עס איז ווערט אַ לעבן אָוועקצוגעבן.

דער שפּיטאָל איז געוואָרן פּוסט. עס זענען ווײַטערליבן מער ניט ווי יענע, וואָס האָבן זיך ניט געקענט רירן פון אָרט.

מיר האָט זיך געוואָלט בעטן די חברים, זיי זאָלן מיך טראָגן צו דער לוויה, כדי צו באַגלייטן צו דער אייביקייט אין גרויס לויב מיינע בעסטע פריינט, מיינע ברידער אין אָקטאָבער.

דער דאָקטאָר האָט עס ניט דערלויבט.

מען האָט מיך ניט געטאָרט רירן.

און מיין אמתער „איך", ניט דאָס צעבראָכענע שטיקל שאַרבן פון מיין קערפּער, איז אַוועק אַהין און געפּאָכעט ווי מיט אַ פליגל איבער די הרוגים, געפאַלענע פאַרן גרויסן אויפבוי. איבער די, וואָס האָבן מיטן רויטן בלוט אָנגע־שריבן די ערשטע ווערטער אין דעם נייעם קאַפּיטל פון דער נייער צייט; איבער די, וואָס זענען געשטאָרבן פאַר דעם נייעם לעבן.

אָקטאָבער־אויפשטאַנד איז דער תהום, וואָס וועט אָפּטיילן די אַלטע וועלט פון דער נייער, בעסערער, שענערער און גרעסערער...

**
*

די פעדעראַציע האָט זיך איבערגעקליבן קיין דרעזדן, אין שכנות מיט דער סאָוועט־געביידע, די געוועזענע קוואַרטיר פון גענעראַל־גובערנאַטאָר.

דרעזדן איז אַ געוועזענע גאַסט־הויז, וואָס ציט זיך ווי אַ „ד", איינשליסנדיק צווי גאַסן, מיט איין לענג אויף טווערסקאַיאַ. צימערן זענען דאָרטן געווען אָן אַ שיעור, און אַ פּאָר פון זיי האָט פאַרנומען די פעדעראַציע. דאָרטן זענען „איינגע־שטאַנען" אַלע פּאַרטייען און פּאַרטיי־אַנשטאַלטן.

מען האָט מיר געבראַכט ווייזן דעם נומער פון „אַנאַרכיע״, וואָס איז אַרויס שוין אָן מיר. דאָס איז געווען אַ מאַניפעסט מיט אַ פּראָגראַם־פונאַנדערוויקל.

דאָס איז געווען דער לעצטער נומער. מער איז די שריפט ניט דערשינען פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין ליגן אין שפּיטאָל.

XL

די פּאַרטייען אין אָקטאָבער

וואָס איז געווען די שטעלונג פון די פּאַרטייען צו דער אָקטאָבער־איבער־קערעניש?

געווענדט וועלכע פּאַרטייען!

פאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן דאָ ריידן בלויז וועגן די פּראָלעטאַרישע פּאַר־טייען. פאַר אָקטאָבער זענען געווען די אַנאַרכיסטן; די לינקע ס. ר.; די באָל־שעוויקעס.

נאָר די אַלע דריי זענען געווען ניט בלויז פאַר אָקטאָבער, ווי איינער זאָגט: מהיכי תיתא. ניין, זיי האָבן צוגעגרייט אָקטאָבער: זיי האָבן געפּריידיקט די אידייע פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע צווישן די מאַסן און נאָך און נאָך. די אַנאַרכיסטן האָבן געטאָן מער ווי דאָס, — זיי האָבן גלייך פון אָנהויב־אָן פאַר־שטאַנען די רעוואָלוציע ווי אַ פּראָלעטאַרישע, ד״ה, אַ רעוואָלוציע, וואָס איר אויפגאַבע איז צו ענדערן די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שייכותן, וואָס הערשן צווישן די קלאַסן, די אַרבעטער און באַלעבאַטים, און ניט בלויז האָבן זיי אַזוי פאַרשטאַנען, — זיי האָבן אַזוי געהאַלטן און גערופן און געוועקט די מאַסן, זיי זאָלן אַזוי האַנדלען, ד״ה, נעמען קאָנפיסקירן די גיטער, וואָס די רייכע האָבן אָנגעזאַמלט, עקספּלואַטירנדיק זיי.

דריי וועגן, דריי פאַרשיידענע ריכטונגען, מיינונגען און כוונות.

אָבער די אַלע דריי זענען געגאַנגען צו אָקטאָבער; זיך באַטייליקט אין רופן די מאַסן דורכצופירן דעם אָקטאָבער.

איך דערמאָן ניט די מאַקסימאַליסטן מער ניט דערפאַר, ווייל איך רעכן זיי, ווי זיי אַליין באַטראַכטן זיך, פאַר דעם לינקן פליגל פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

יעדער איינער פון די דריי האָט געהאַלטן, אַז ער איז גערעכט און האָט, נאַטירלעך, געהאָפט, אַז אָקטאָבער וועט זיך אויסגיסן אין אַ פאָרעם, וואָס איז גינציק פאַר אים און אָנטשפּרעכט זיין פּראָגראַם. אָבער אַז ער האָט גערעכנט, אַז מען וועט דאַרפן איינגיין אויף פּשרות, כדי דורכצוקומען מיט די איבעריקע, שאַפן אַ מין לינקע קאָאַליציע, — וועגן דעם לעצטן געדאַנק קען איך גאָר־ניט זאָגן.

דאָס איז „דברים שבלב״ און ווער ווייסט, וואָס די קאָמוניסטן האָבן דעמאָלט געטראַכט.

די אַנאַרכיסטן — און ווען איך נוץ אַט־דאָס וואָרט, מיין איך יענע ריכ־טונג, אין וועלכער איך האָב זיך באַטייליקט; איך האָב אינזינען די מאָסקווער פעדעראַציע, פונקט אַזוי ווי די פעטערבורגער פעדעראַציע, און די פּראָווינץ־פעדעראַציעס, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט איינער פון די צוויי — זיי האָבן ניט געטראַכט וועגן קיין פשרות־מאַכעריי, קיין נאָכגעבן און צופּאַסן זיך. מיר זענען געווען זיכער, אַז אַלע וועגן פון אָקטאָבער פירן צו אונדז, פירן צום לייזן די פראַגע פון אַרבעט און קאַפּיטאַל, צי די באָלשעוויקעס ווילן, צי ניט. די זעלביקע באַציִונג, הגם ביי אַנדערע חברים מיט וועלכן עס איז שנוי, האָבן מיר געהאַט צו די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

קיין שום בלאָקן, קיין שום פּאָליטישע נאָכגעבענישן און פאַרבינדונגען.

מיר זענען געווען זעלבסטשטענדיק און אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזערע מעשים.

די אַרבעטער צווישן די באָלשעוויקעס, אַפילו ווען זיי האָבן אַלס איינצלנע אָנגעשפּאַרט אַמאָל גאַנץ הויך, זענען געווען געוווינט צו זאָגן צו אונדז:

„וואָס ווילט איר? נאָך לינקער? גאַנץ גוט! מיר ווילן ניט גיין אויף רעכטס. אָבער אויף לינקס — מיטן גרעסטן חשק".

זיי האָבן עס געזאָגט, זיי האָבן עס געמיינט מיטן גאַנצן האַרצן דעמאָלט, ווען זיי האָבן עס געזאָגט. און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ נאַטירלעכע „מיט־אַרבעטונג" צווישן די דריי ריכטונגען און דריי פּאָליטישע פּאַרייניקונגען. איך שטרייך אונטער: קיין פּאָליטישער אָפּמאַך איז ניט געווען געשלאָסן צווישן די אַנאַרכיסטן מיט די איבעריקע צוויי פּאַרטייען. אָבער די ס. ר. און באָלשעווי־קעס האָבן זיך פּאַרייניקט פּאָליטיש. אויסגעאַרבעט אַ פּלאַטפאָרם און פעסט־געשטעלט זייערע צוזאַמענשייכותן.

מיר זענען געשטאַנען אינגאַנצן פונדערווייטנס פון אַלע מיני מאַכינאַ־ציעס פון אַ פּאָליטיש־מלוכהשן כאַראַקטער.

מיר זענען אָבער, אָנשטאָט דעם, געשטאַנען מיט ביידע פיס אינמיטן פון די אַרבעטערמאַסן און זייער רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויטעט.

מיר האָבן גערעדט, געווענדט זיך צו די אַרבעטער אויף די פאַבריקן, ווערקשטאַטן. מיר זענען אָבער בשום־אופן ניט געגאַנגען אין סאָוויעט. ווייל מיר האָבן אים באַיקאָטירט. און ניט־קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר האָבן באַיי־קאָטירט די סאָוויעטן, — זענען מיר געווען פאַר אָקטאָבער, הגם די באָלשע־וויקעס, ווי די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, האָבן פאַרשטאַנען, אַז די הויפּטאויפגאַבע פון אָקטאָבער איז איבערצוגעבן די מאַכט צו די סאָוויעטן, וועל־כע מיר האָבן באַיקאָטירט אַפילו דעמאָלט, ווען זיי זענען נאָך ניט געווען באַ־שאָנקען מיט רייך מלוכהשע פונקציעס און פּרעראָגאַטיוון.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּונקט דערפאַר, ווייל איך ווייס, אַז אין אויסלאַנד, איבערהויפּט אין אַמעריקע, איז עד־היום ניטאָ קיין קלאָרע פאַר־שטענדעניש פון אונדזער דעמאָלטדיקער שטעלונג צו דער סאָציאַלער רעוואָלו־ציע און צו די סאָוויעטן.

מיר האָבן זיך באַטייליקט אין אָקטאָבער — אָבער מיר האָבן אַרויסגע־

שטעלט גאַנץ אַנדערע פאָדערונגען און אַרויסגעלאָזן גאַנץ אַנדערע אויפרופן צו די אַרבעטער.

מיר האָבן פאַרשטאַנען אָקטאָבער ווי דעם אויפשטאַנד פון די אַרבעטער־און פויערים־מאַסן קעגן דער מלחמה, קעגן דעם גוטבאַזיצער, קעגן דעם קאַפּיטאַליסט און קעגן דער ציטווייליקער רעגירונג און, צו אַ געוויסער מדרגה, אויך קעגן דער „צענטראַליזירטער" רעגירונג בכלל.

בכלל דאַרף מען פאַרשטיין, אַז רעוואָלוציעס זענען אַלעמאָל דורכגעפירט — ניט אָנגעפירט — געוואָרן פון די מאַסן אַלס אַזוינע, און אויב מען זאָל משפטן פאָרויס וועגן כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע, נעמענדיק אין באַטראַכט מער ניט ווי דעם „דורכפירער" אָדער דעם „טוער", דעם „מאַכער", דעם קרבּ־נות־געבער, האָבן אַלע רעוואָלוציעס געדאַרפט זיין ריין פויערישע אָדער אָר־בעטאַרישע רעוואָלוציעס, און אויפטאָן אָן אַ שיער.

נאָר דאָ איז דער הונט באַגראָבן.

ווען מען גיט אַ קוק אויף אַ פאַבריק און מען משפט וועגן איר מער ניט ווי פון שטאַנדפּונקט פון אַרבעט, ד״ה, ווער טוט דאָרט אַלץ, ווער גיט אַוועק דאָס לעבן, צייט, ענערגיע, בלוטשווייס, וואָלט יעדער זיין זיכער, אַז די פּראָ־דוקטן, וואָס ווערן דאָרטן אויסגעאַרבעט, געהערן בלי־ספק צו די יעניקע, וואָס אַרבעטן דאָרטן.

צו וועמען דען? דאָס איז דער שכל הישר אָדער פשטות, וואָס גרענעצט מיט תמימות אָדער עם־הארצות אין עקאָנאָמישע ענינים...

דאָס זעלביקע איז בנוגע אַ רעוואָלוציע

ווער וועט דורכפירן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע?

ווער וועט זיך שלאָגן אין די גאַסן, דעראָבערן, וואָס מען דאַרף, און דער־נאָך עס פאַרטיידיקן?

ווער, זאָגט־זשע איר:

די אַרבעטערמאַסן. היוצא, האָבן די תמימים געטראַכט, אַז די געווינסן פון אָקטאָבער, די רעזולטאַטן, די פּירות — צו וועמען וועלן זיי געהערן?

צו די אַרבעטער און פויערים, צו יענע, וואָס האָבן אים דורכגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס. יאָ, דאָס וואָלט אַלעמאָל אַזוי געווען, ווען מיר זאָלן ניט האָבן דעם עלעמענט פון עקספּלואַטאַציע, ריכטיקער פון אָנפּידער, וועלכער לאָזט זיך פילן אומעטום, אין אַלע געביטן פון טאָן און אויפטאָן.

אַ געזעלשאַפט, וואָס איז צעטיילט אויף קלאַסן, איז איינגעאָרדנט אויף אַזאַ מין אופן, אַז איין קלאַס נעמט אויף זיך די לאַסט פון אַרבעט, דער צווייטער — נעמט דאָס רוב די אַנגענעמע משא פון די רעזולטאַטן.

איינער אַרבעט, דער צווייטער געניסט, ווייל דער צווייטער פירט־אָן מיט דער אַרבעט.

דאָס איז אמת בנוגע אַ גרויסער צאָל סאָציאַלע פענאָמענען.

דאָס לאָזט זיך אָנווענדן אויך בנוגע אַ רעוואָלוציע, אָדער אָן אַנדער דער־שיינונג, ווו עס פאָדערט זיך אַ סך אָנשטרענגונג.

צו טאָן די שווערע אַרבעט, די געפערלעכע אַרבעט — גייט דער נידעריי־

קער קלאַס; אָנפירן מיט דער אַרבעט איז די עובדא פון העכערן קלאַס. און אַזוי ווי דאָס סאָציאַלע לעבן איז הוילע דינאַמיק, האַלט אין איין פליסן, אין בייטן פאָרמעס — ווערט בשעתן איבערגאַנג פון אָרדענונג צו אָרדענונג, בשעת אַ רעוואָלוציע, אָפּגעגאָסן אַ „נייער קלאַס", מיט אַ נייעם, שפּאָגלנייעם אַפּעטיט, מיט אַ נייער אַכזריות און אַלע איבעריקע אַטריבוטן פון אַ געוועלטיקנדיקן קלאַס.

דאָס קען מען אָבער זען קלאָר נאָר בשעת „טיילן", ווי איך האָב געזאָגט.

אָבער בשעת עס ווערט אָנגעפירט דער קאַמף, בשעת עס גיסט זיך בלוט, ווען מען דאַרף זיך אָנשטרענגען מיט כל־הכוחות, דעמאָלט זעט מען ניט אַרויס בולט דעם נייעם קלאַס, וואָס האַלט זיך דעמאָלט „שטילער פון גראָז, נידע־ריקער פון וואַסער"; און נאָכמער: ער פליסט זיך מיט כל־הכוחות זיך צו פאַר־באַהאַלטן, כדי מען זאָל אים ניט באַמערקן, בכדי מען זאָל ניט דערזען אין אים דעם שונא־קלאַס; און דעריבער איז „פאַר אָקטאָבער" און „נאָך אָקטאָבער" אַזוי דיאַמעטראַל פאַרשיידן און מהופך.

מיר זענען געגאַנגען צו אָקטאָבער ניט מיט די באָלשעוויקעס אָדער אַפילו מיט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. ביין און ניין!

מיר זענען געגאַנגען מיט די אַרבעטער.

און מען האָט ניט געקענט און ניט געדאַרפט און ניט געטאָרט זיין צו־קלוג און פאָרויסזען דעם דורכפאַל פון אָקטאָבער, ווייל זאָגן, אַז אָקטאָבער איז אַ דורכפאַל, איז אַ טעות.

אָקטאָבער איז דווקא געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

דער „נאָך־אָקטאָבער" איז דער קאַלאָסאַלער דורכפאַל.

מיר זענען געגאַנגען צו אָקטאָבער און אין אָקטאָבער אונטער אונדזער אייגענער פאָן, מיט אונדזערע לאָזונגען.

די באָלשעוויקעס בשעת־מעשה האָבן אַ סך נאָכגעגעבן די מאַסן — כדי צוצוחנפענען זיך צו זיי, כדי זיי זאָלן זיי אָננעמען פאַר „אייגענע".

די איבעריקע צוויי פאַרטייען, וואָס זענען געווען פיינטלעך צו אָקטאָבער, — ווי האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן?

זייער לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע, זייער אַ פאַרווירטע.

פאַר די ס. ד. (מענשעוויקעס) איז געווען קלאָר, אַז אָקטאָבער ווערט אָנ־געפירט, ווערט דורכגעמאַכט, פון די מאַסן פון שטאָט און דאָרף. דאָס האָט קיינער ניט געקענט פאַרלייקענען, הגם זיי האָבן געטענהט, אַז דאָס זענען די וויניקער אַנטוויקלטע, ניט־פּראָלעטאַריש־געזונענע, ניט־מאַרקסיסטיש־דערצוי־גענע מאַסן, אָבער פאָרט אַרבעטערמאַסן.

וואָס האָבן זיי געקענט טאָן?

זיך אַריינוואַרפן אין קאַמף קעגן אָקטאָבער, ד"ה, פשוט גיין שיסן אויף די אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערן? גיין שיסן זיי אין די גאַסן פון פעטראָגראַד און מאָסקווע?

מיט וועמען גיין?

וואָס האָבן געקענט טאָן די מענשעוויקעס בשעת אָקטאָבער?

זיי האָבן גאָרניט געקענט טאָן.

זיי האָבן געמוזט זיין און זענען געווען נייטראַל.

זיי זענען געווען קעגן, האָבן אָבער קיין געווער ניט אויפגעהויבן קעגן דעם אויפשטייענדיקן פאָלק.

אַנדערש האָבן זיך געהאַלטן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (רעכטע און מיטעלע).

זיי האָבן זיך יאָ באַטייליקט אין קאַמף קעגן אָקטאָבער, גלייך, בשעת־מעשה; זיי האָבן געהאָפט, אַז זיי וועלן בכוח זיין זיך אָנצושפּאַרן אויף דעם טייל פון פּויערטום, וואָס איז גאַנץ תקיף, אין עקאָנאָמישן זינען.

אָבער אָנפירנדיק דעם קאַמף, זענען זיי געווען, ווי מען זאָגט, „רפה־באמונתי״.

זיי האָבן ניט געקענט פאַרמאַכן די אויגן און ניט זען דעם פאַקט, דעם פּשוטן אָבער זייער אויפקלערנדיקן פאַקט, אַז די „טיילן״ פון דער אַרמיי, אויף וועלכע זיי שטיצן זיך און וועלן זיך שטיצן אין קאַמף קעגן אָקטאָבער, געהערן ניט צו זיי און וועלן זיי ניט געהאָרכן. און ביי דער ערשטער געלעגנהייט אָנ־שטעלן קעגן זיי זייערע שאַרפע שפּיזן...

און אויב זיי, די אָפיצירן, שפּילן זיך מיט די ס. ר., איז דאָס מער ניט ווי נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווילן אויסנוצן זייער נאָמען און פּראָגראַם אין קאַמף קעגן די אַרבעטער. אַזוי אַרום פאַרזוכן זיי צו צעשפּאַלטן, צעשלאָגן די גאַנצ־קייט פון באַוווסטזיין און אַנטשלאָסנקייט.

דאָס האָבן זיי גאַנץ גוט געוווסט און זיי זענען געגאַנגען אין קאַמף ניט מיטן גאַנצן האַרצן און ניט מיט פריילעכע זיג־מחשבות.

זיי האָבן ניט געקענט ניט־וויסן, אַז יענע, וואָס וועלן זיך שלאָגן כלומרשט פאַר זיי, זענען אין תוך געגומען זייערע שונאים און שונאים בנפש, וואָס וועלן זיך ניט אָפּשטעלן, אין פאַל פון זיג, אויפן האַלבן וועג און וועלן פּרובירן פאַר־טיק ווערן מיט די ס. ר., וועלכע זענען זיי, דער רוסישער אָפיצירשאַפט, טיף געשטאַנען אין האַלדז.

דאָס האָט זיי אָפּגעשוואַכט, געטאָמעוועט, געמאַכט הילפלאָזיק און אָנ־מעכטיק.

זיי זענען געגאַנגען מיט אַ צעבראָכענעם ווילן און אַ חושכדיקער פּער־ספּעקטיווע.

מיטן גאַנצן האַרצן און מיט אַ טרפהנער רציחה האָבן זיך געשלאָגן קעגן אָקטאָבער די באמת רעכטע, די אָפיצירן, וואָס האָבן ניט געוואָלט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זייער ממשלה, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, איז געבראָכן און צעקרישלט אויף אייביק.

דער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען צווישן די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן, וואָס הונדערטער יאָרן האָבן זיי געקרעכצט און געזיפצט און זיך געבויגן אין דרייען אונטער דער משא, וואָס עס האָבן אויף זיי אָנגעלאָדן די הערשער.

די ס. ד. האָבן זיך בשעת־מעשה, ביים צוזאַמענקלאַפּ צווישן די צוויי גרויסע כוחות און מחנות, זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס.

אויף וועלכע שיכטן האָבן זיי זיך געקענט אָנשפּאַרן אין קאַמף קעגן די אַרבעטער, אָדער, ווי זיי האָבן עס אויסגעטייטשט, מיט דעם „אָפּגעשטאַנענעם" טייל פון אַרבעטערקלאַס?

זיי האָבן זיך געקענט פאַרלאָזן נאָר אויף די פּראָפאַרשטשיקעס, אָפיצירן, פּאָלקאָווניקעס וכדומה עלעמענטן. זענען דאָס געווען סאָציאַלדעמאָקראַטישע עלעמענטן? זיי האָבן זיך ניט געקענט אָנטרויען דער בורזשואַזיע, דעם אַדעל־שטאַנד און זייערע קינדער אָנגעטאָן אין מיליטערישע מונדירן...

זענען זיי דען ניט זיכער געווען דעמאָלט, אַז אין קאַמף מיט דעם לינקן טייל פון אַרבעטערקלאַס, ווען עס זיגן די רעכטע, וואָלט עס ניט געווען דער זיג פון די רעכטע אַרבעטער, נאָר פון די רעכטע שוואַרצע מאהניקעס? דאָס איז געווען זייער „אכילעס־פּיענטע".

זיי האָבן געוווסט, אַז די רעכטע וועלן איבער זיי אַריבערשפּרייזן, אָפּוואַרפן זיי און פאַרקריכן הינטער די הרי־חושך פון רעאַקציע.

אַזוי ווי דער דורכפאַל פון קאָרנילאָוון האָט געפירט אויף לינקס, אַזוי וואָלט דער דורכפאַל פון אָקטאָבער פירן צוריק צו קאָרנילאָוון מיטן צאַר.

דאָס איז געווען דער פּאַמפּעדיקל פון זיינער פון דער רוסישער רע־וואָלוציע.

פון זייט צו זייט, פון עק צו עק.

דער דורכפאַל פון די אַרבעטערמאַסן אין זייער אָנשטרענגונג זיך צו באַפרייען וואָלט הייסן דאָס אויקזעצן זיי אויפן רוקן דעם גוטבאַזיצער און דעם גרעסטן גוטבאַזיצער, אַלס אַ צוגאָב, ד"ה, דעם צאַר. אויף וואָס האָבן די ס. ד. (מענ־שעוויקעס) געקענט דופען?

דאָס פינפטע יאָר האָט געגעבן אַ לעקציע, וואָס קיינער אין רוסלאַנד האָט ניט געקענט פאַרגעסן. דאָס פינפטע יאָר איז געווען אַ פאַרויסשרייב און וואָ־רעניש פאַר דער פעברואַרער רעוואָלוציע — אויב זי וועט ניט גיין ווייטער, אַרי־בערגיין צו אָקטאָבער און זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס, נאָר שפּילן זיך מיט דער בורזשואַזיע, וועלכע איז געווען פאַררעטעריש, און וואָלט גערן זיין פאַררעטעריש אַ צווייטן מאָל — וועט זי, די רעוואָלוציע, דורכפאַלן מיט אַ קנאַק.

XLI

די בלוטיקע וואָך אין בלוטיקן יאָרהונדערט

געלעגן בין איך אין שפּיטאָל. געלעגן ממש. זיך ניט געקענט אַ ריר־טאָן, אַ רוק־טאָן. ווי אַ צוגעשמידעטער צום געלעגער.

און אַרום שפּיטאָל און אַפילו אינעווייניק האָבן זיך גענומען ווייזן שינויים. נייע צורות, געשטאַלטן פון דעם נייעם לעבן, וואָס האָט זיך גענומען לערנען פויזשען, גיין.

מען האָט גענומען צונויפרופן פאַרזאַמלונגען פון די חולאים. פאַרזאַמלונ־גען אויסצוקלייבן די אַדמיניסטראַטיווע באַאַמטע. אַ קראַנקן־קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט אין שפּיטאָל.

אויפטועכצן.

די אַלטע „פּני" האָבן געקוקט קרום אויף דעם פּנים־חדשות. אָבער זיי האָבן זיך ניט געקענט העלפן.

מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז עפּעס אַ „נייע זאַך" ווערט געבאָרן, הגם זיי פאַרשטייען ניט, וואָס דאָס איז, הגם זיי גלויבן ניט, אַז עס איז אַ בר־קיימא. און זיי מוזן זיך נעמען צופּאַסן צו אָט דער מאָדנער „זאַך".

עס העלפן קיין חכמות ניט.

אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג ווערט פאַררופן, — אַלע צוזאַמען: אי די דאָק־טוירים, אי די קראַנקע און פאַרוווּנדעטע. — אַ נייס.

פאַרשטייט זיך, אַז עס קומען צו דער פאַרזאַמלונג נאָר יענע, וואָס קענען בכלל גיין, כאָטש אויף קוליעס.

איך ליג. מיך מיינט מען ניט. ניט פאַר מיר געדאַכט. איך האָב נאָך אַ רעכט ביסל חדשים, איידער איך וועל זוכה זיין צו קריגן אַ פּאָר קוליעס במקום פיס.

חברים און ניט חברים גייען אַוועק צו דער פאַרזאַמלונג, וואָס מען האַלט אָפּ אונטן, אויפן גרונטעטאַזש.

אין זאַל ווערט שטילער און שיטערער. עס בלייבן מער ניט ווי די בעט־לעך־קונדן.

עס איז אַקוראַט די צייט פון וויזיטן.

די אָם ברענגט צו מיין בעטל חבר אַטאַבעקיאַן.

אַן עלטערער מאַן. שוואַרץ מיט ווייס אַמפּערן זיך אין באָרד, אין קאָפּ. דאָס ווייסע איז גובר דאָס שוואַרצע, איבערהויפּט ביי די פּאות, אין די שלייפן.

אַריבער פופציק. און אַ שווער לעבן.

אַליין אַן אַרמעניער. אייגענע צרות געליטן, נאַציאָנאַלע צרות, פּאַרטיי־צרות.

ער האָט זיך מסתמא אָנגעקליבן אַ רעכט ביסל פּאַר די פינף צענדליק מיט עפּעס.

דער רוקן איינגעבויגן — אָבער ניט דער מוט. גלייך און שטאָלץ פון אינעווייניק.

איך בעט אים זיצן. מיר צעשמועסן זיך.

אַן „אַלטער" באַקאַנטער, מיר זענען קיינמאָל ניט געווען שווה־בשווה, וואָס איז נוגע אונדזערע מיינונגען, אָפּשאַצונגען פון דעם פאַרקומענדיקן, אויפ־שפּראַצנדיקן.

אָבער — פּאָרט געאַרבעט צו אַ געוויסער מאָס צוזאַמען.

דאָס הייסט אַמאָל האָבן מיר יאָ געדרוקט זיינע אַרטיקלען, און אַמאָל ניט — אויב זיי זענען געווען צו־האַמעטנע געקערט קעגן אונדזער אויפפאַסונג פון די געשעענישן.

די חלוקים אין טעאָריע האָבן אונדז גאַנץ ווייניק, פאַרשטייט זיך, געקי־מערט, נאָר ווען עס פלעגט דערגיין צו טאַקטיק — פלעגט זיין שלעכט.

מיר האָבן געשמועסט.

ער האָט מיר געשילדערט „אָקטאָבער־אויפשטאַנד", ווי ער האָט אים גע־זען אין זיין גאַס, אין זיין געסל; לעבן זיין הויז. ווער עס האָט זיך געשלאָגן מיט וועמען.

איך קען גוט דעם ד"ר אַטאַבעקיאַן און ווייס זיינע שילדערונגען און לאָז זיי גיין פאַרביי די אויערן. איך פאַרשטיי, אַז ער האָט עפּעס וויכטיקערס, נאָר ער „שעמט זיך", אַזוי צו זאָגן; ער קען זיך ניט אַנטשליסן.

איך בין אין אַ פאַרלעגנהייט; איך וואַרט און ווייס ניט אויף וואָס. אַ סורפּריז...

צום סוף שטעקט ער אַריין די האַנט אין בוזעמקעשענע, נעמט אַרויס אַ קליין בראָשורל און גיט עס מיר מיט די ווערטער:

— איר וועט עס איבערלייענען? איר וועט אין כעס ניט זיין? — ער זאָגט עס האַלב־שעמעוודיק. ער פאַרשטייט געוויינטלעך, אַז דאָס בראָשורל וועט זיין עסיק פאַר מיינע ציין, אָדער זאַלץ אויף מיין נאָך־אָפענער, נאָך בלוט־טריפנ־דיקער וווּנד.

עס זעט־אויס כמעט, אַז ער האָט חרטה אויף דער גאַנצער זאַך. ער וויל עס נעמען צוריק.

איך האַלט עס אָבער פעסט אין האַנט און לייען מיט די אויגן.

דער נאָמען פון העפטל: קראָוואַוואַיאַ נעדעליאַ (די בלוטיקע וואָך).

פאַרשטייט זיך, אַז די אונדזעריקע האָבן עס ניט געקענט און ניט געוואָלט אַרויסגעבן; האָט ער עס אַרויסגעגעבן אויפן אייגענעם חשבון.

על־פּי פּראָפעסיע איז ער געווען אַ דאָקטאָר, און ניט קיין קבצן, על־כל־פּנים דעמאָלט און לויט דעמאָלטדיקע השגות.

אַז אַטאַבעקיאַן, וועמענס אַנשויאונגען איך האָב געוווּסט, שרייבט וועגן אָקטאָבער, דאַרף איך מער ניט האָבן.

איך פאַרשטיי, ווי ער וועט עס אָפּמאָלן.

ניט לייענענדיק עס ווייטער, זאָג איך אים:

— איר פאַרשטייט דאָך מסתמא אַליין, חבר אַטאַבעקיאַן, אַז איך, ליגנדיק אין שפּיטאָל פאַרווונדעט אין אָקטאָבער, — אַ קרבן פון אים, קען, כדרך־הטבע, ניט זיין קעגן אָקטאָבער און האַלטן ווי איר, און אַז איך וואָלט געהאַלטן ווי איר, וואָלט איך דאָך דאָ ניט געלעגן.

בכלל איז ער ביי אונדז געווען אַ „ווייסער ראב".

דער אויסדרוק ווייסער ראב פּאַסט זיך דאָ זייער און זייער, ווייל אַן אַנאַרכיסט איז ער געווען, הייסט דאָס שוואַרץ, אָבער ווייס איז ער פאַרט גע־ווען. ער האָט געהאַלטן כמעט ווי מיט די ווייסלעכע...

ער נעמט זיך אַמפּערן, אויפווייזן, אַז ער איז גערעכט. אַז ער איז פּרינ־ציפּיעל אויסגעהאַלטן.

מיר זענען אַנאַרכיסטן. מיר זענען קעגן מאַכט, קעגן יעדן סאָרט, מין און שאַטירונג. וואָס איז פאַר אונדז אָקטאָבער? וואָס איז אָקטאָבער? צו וואָס וועט

עס פירן? איין פּאַרטיי אנשטאָט דער אַנדערער. מאַכט אַנטקעגן מאַכט — מיר דאַרפן זיין נייטראַל.

— אויב נייטראַל, טאָ פאַרוואָס שרייבט איר אַ גאַנץ העפטל קעגן אָקטאָ־בער? אויב אַזוי, שווייגט און זייט אויסגעהאַלטן און פּרינציפּיעל... — טענה איך צו אים, געבנדיק אים אַנצוהערן, אַז ער איז ניט נייטראַל; די צייט איז אַזאַ, מען קען ניט זיין נייטראַל.

ער איז מודה, אַז ער איז ניט נייטראַל.

— איך בין קעגן אָקטאָבער, ווייל אָקטאָבער איז פאַר דער מאַכט פון די סאָוויעטן, און איך בין אַן אַנאַרכיסט, און בין קעגן יעדער מאַכט און מלוכה־פאַרעם, — הייבט ער אויף די שטימע און צעהיצט זיך און עפנט ברייטלעך פאַר־נאַנדער דאָס מויל און די טונקלקייט פון פּנים און די ווייסקייט פון די ציין וואַרפן זיך מאָדנע אין די אויגן.

— ווייטער אַ שפּיל פון שוואַרץ מיט ווייס, — טראַכט איך אין זיך, — עפּעס אַ מין משונהדיקער סימבאָל איז דער מענטש, און איך זאָג צו אים:

— איר זענט קעגן אָקטאָבער, ווייל אָקטאָבער, נאָך אייער מיינונג, פירט ניט גלייך דירעקט צו אַנאַרכיע, אייער אידעאַל. איך פאַרשטיי אייך, אָבער זייט־זשע אויסגעהאַלטן ביזן סוף און זייט פּרינציפּיעל פון אָנהייב־אָן. און זייט אויך קעגן פעברואַר־רעוואָלוציע, וועלכע איז דאָך אַוודאַי געווען מער ניט ווי אַ בייט פון איין מלוכה־פאַרעם אויף אַן אַנדערער. און אַזוי ווי איר זענט בכלל קעגן מלוכה, דאַרפט איר זיין אָדער נייטראַל, אָדער אַפילו אַנטקעגן. וואָלט איר האָבן דעם דרייסט צו זאָגן, אַז איר זענט פאַר דעם אַלטן רעזשים, פאַר אַ זעלבסטהערשונג, ווייל עס לוינט ניט זי צו פאַרבייטן אויף אַ דעמאָקראַטישן פיר, ווייל, נאָך אייך, אַזוי ווי איר זענט זייער פּרינציפּיעל, איז אַלץ איינס וועלכע פאַרעם פון מלוכה עס עקזיסטירט? איר זענט דאָך קעגן אַלע! — האָב איך פאַרענדיקט מיין אַביסל צו לאַנגן פּעריאָד.

ער ווערט אויפגעגעגט און כמעט ווי אַנגעשטויסן:

— ס'טייטש, פעברואַר איז גאָר אַן אַנדער זאַך! — שרייט ער אויס.

— די אייגענע זאַך, איין מלוכה־פאָרם אַנשטאָט אַן אַנדערער! — עקשן איך זיך.

— ניין, עס איז ניט די אייגענע זאַך. אָקטאָבער איז פאַר אַ מאַכט פון איין פּאַרטיי, און דאָס איז ערגער; די סאָוויעטמאַכט איז ערגער פון דעם דעמאָקראַ־טישן רעזשים, וואָס איז צייטווייליק געווען איינגעפירט אין רוסלאַנד.

— אָט אַזוי רעדט! וועלן מיר זיך אַמפּערן מיט אייך, צי דאָס איז אַזוי צי ניט. אָבער, שטיצט זיך ניט אויף אַן אַנאַרכיסטישער פּרינציפּן־אויסגעהאַלטנ־קייט. איר האָט דאָך אָנגעהויבן אַלס אַנאַרכיסט, וואָס איז בכלל קעגן הער־שאַפט... און איר ענדיקט ווי איינער, וואָס פאַרהאַלט זיך נעגאַטיוו צו אָקטאָבער... בכלל, אָקטאָבער איז דער אלף פון דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין רוסלאַנד, און ווער איז מחויב צו זיין אַ שלעכטער נביא און פאַרויסזאָגן, אַז פון דעם וועט גאָרניט אַרויסקומען! מיר האַלטן ערשט ביים רעכטן אָנהייב...

מיר האָבן לאַנג־לאַנג געטענהט, דעבאַטירט.

דער וויכוח האָט זיך געענדיקט ווי ס'רוב וויכוחים ענדיקן זיך, — יעדערער בלייבט ביי דאָס זייניקע. איך — ביי מיין צעבראָכענעם „אָקטאָבערשן" פּוס, און ער — ביי זיינע געזונטע פּיס, וועלכע ער האָט גענוצט צום אַוועקגיין.

צוגעווונטשן מיר גיך געזונט צו ווערן און זיך צוריקצוקערן צו דער אַר־בעט, געבענטשט מיך אי ווי אַ הדיוט, אי ווי אַ מעדיקער מיט אַ באַזונדערן טעם, — האָט ער גענומען אַפּשייד.

— אָבער טוט זיך אָן אַ כּוח און לייענט פּאַרט איבער מיין העפטל „די בלוטיקע וואָך"! — האָט ער מיך געבעטן פאַרן אַוועקגיין, דריקנדיק די האַנט, און האָבנדיק רחמנות אויף מיר.

„געדעכט צו אומגערעכט — פּאַרט אַ קרבן!" — אַזאַ מין שאָקל מיטן קאָפּ האָט ער געגעבן.

איך האָב גענומען לייענען דאָס ווערקל, בסך־הכּל אַ זיבן שמאָלע זייטלעך. און אַלע זיבן זייטלעך איין שפּיי אין פּנים דעם אָקטאָבער, וועלכער איז דער אָנהייב, דער ערשטער טריט אויפן וועג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און אין דער וועלט, צי אין מזרח צי אין מערב.

ווער האָט עס אָנגעשריבן? אַ מאַן, וואָס רופט זיך אָן אַנאַרכיסט, געהערט צו אַ גרופּע, אַ ריכטונג, וואָס די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז איינע פון די גרונט־זיילן פון איר פּראָגראַם, איינס פון די הויפּטמיטלען צום איבערבוי פון סאָ־ציאַלן סדר! איז דאָס ניט אַן איראָניע!

אַזוי ווי ער וואָלט מיר אַ פּאַטש־געגבן אין פּנים.

די וווּנד האָט מיר גענומען ברענען אַזוי ווי זי וואָלט געוואָרן באַליידיקט.

צו אונדזער כּבוד מוז איך צוגעבן, אַז אַטאַבעקיאַן איז געווען כּמעט ווי איינער אַליין.

דאָס העפטל, אַז עס פלעגט אַריינפאַלן אין די הענט פון אונדזערע חברים־אַרבעטער, פלעגן זיי עס צערייסן אויף שטיקלעך און צעווייען אויפן ווינט.

ער, אַטאַבעקיאַן, האָט ניט געוואָלט פאַרשטיין, אַז אַפילו אַ טלית פון ריי־נער אַנאַרכיע־תּכלת קען ניט צודעקן דעם צי און ווענד צוריק.

פאָרויס יאָ, וואָס ווייטער אַלץ בעסער, אָבער ניט צוריק!

די שענסטע פראַזן זענען ניט בכּוח צוצודעקן אַ צוריקצי! פון די אַוואַנס־פּאָסטן פון סאָציאַלן אויפבּרוך.

די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט זיך איצטער אָנגעהויבן.

צו שרייען: נשובה מצרימה! איז ניט פאַר אונדז.

דיר געפעלט ניט אָקטאָבער, די רעוואָלוציע נומער 2, פרידיק אַ רעוואָלו־ציע נומער 3, אויב דו האָסט דרייסט און מוט — אָבער ניט אין פּאַניק און דער־שראָקנקייט לויפן צוריק ערגעץ אין אַן עוואָלוציאָנערן לאָך אַריין, צוריק צו באַלעבאַטישקייט און „מיושבדיקייט".

און דער אויסרייד — די פּרינציפּן.

דעם זונענאויפגאַנג זוכט מען אין רויטן מזרח ניט אין גרויען מערב.

זיי פלעגן לאַכן פון אונדז, „זיי" הייסט די בורזשואַזע צייטונגען און זיי האָבן געשאַפן אַ ספּעציעל ווערטל וועגן אונדז:

לינקער פון געזונטן פאַרשטאַנד.
מיר פלעגן זיך אָבער אָפּוויצלען:
אָבער ניט רעכטער פון געזונטן פאַרשטאַנד.
שרעקט זיך ניט צו פאַרלויפן פאָרויס, אַבי ניט צו בלייבן ערגעץ ווו שטעקן פון הינטן אָדער זיך נאָכשלעפּן ווי אַ ווידל, וואָס קערט די סאָציאַלע מיסט.

ווער עס וועט זיך וויצלען דער לעצטער, דאָס ווייס איך ניט, על־כל־פּנים ניט די אַלט־פאַרשימלטע בורזשואַזע וועלט.

יאָ, אַ בלוטיקע וואָך.

אַ בלוטיק יאָר.

און עס איז אַ סברא, אַז דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט, וואָס וועט זיין דער „סאָציאַליסטישער" יאָרהונדערט, וועט זיין אַ בלוטיקער יאָרהונדערט דערצו.

אָבער, ווער עס שולד איז דאָס?!

XLII

ערשטער צוזאָג — ברויט

זאָגט אַליין, איך פאַרלאָז מיך אויף אייער יושר, איז דען ניט אָט־די צייט די בעסטע צייט זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון הנפש, ווען אַ מענטש ליגט אויפן רוקן, קען זיך ניט רירן פון אָרט, קען ניט באַוועגן אַן אבר, זעט נאָר די פיר־פינף איילן, וואָס אַרום זיין בעטל, און וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט דערוויסט ער זיך פון פריינט, וואָס קומען אים באַזוכן? איז עס ניט, כ'לעבן, די בעסטע צייט זיך אָפּצוחשבונען מיט זיך און מיט דאָס אַרומיקע?

און איך בין פונקט אין אַזאַ לאַגע. אַ צוגעשמידטער צום בעטל, צום שפּי־טאָל. און איך בין אַזוי אָפּגעלעגן פיר חדשים. כדרך הטבע מוז איך איצט, אין אַזאַ צושטאַנד, שרייבן אין קאָפּ „חשבונות"־הנפש.

איך בין געלעגן און געטראַכט... און די געשעענישן פלעגן אַריין צו מיר אין דער פאָרם פון אַ געדרוקטער צייטונג אָדער פון אַ באַזוכער, וואָס איז גע־קומען מיך מבקר־חולה־זיין.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נאָכגעפּאָלגט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען, נאָכגעפאָלגט מיט דער וואַכזאַמסטער פאַרינטערעסירטקייט, שאַרפסטער נייגע־ריקייט.

ווי האָט עס גאָר אַנדערש געקענט זיין! אַז איר גיט אַוועק אייער לעבן פאַר אַ געוויסער זאַך, מוז אָט־די זאַך אייך זיין טייער, על־כל־פּנים טייערער פון אייער לעבן, פון גאַנצן לעבן אייערן. און וואָס איז אויפמערקזאַמקייט, נייגערי־קייט — אויב ניט פּיצלעך פון פּריוואַטן לעבן.

אַזוי איז עס. אין יעדער אַקציע פון אויסטויש איז דאָ אַ פּרעפערענץ: און איך האָב פּרעפערירט דעם דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע צו מיין יחידישן לעבן.

דער ערשטער צוזאָג: ברויט

וואָס איז געשען מיט דעם ערשטן צוזאָג, ברויט?

איר ווייסט אַלע, אַז דיווירקלעכקייט, אַט־די „ארורה״, איז אַ גרויסע ווינצלערקע און זי טרייבט אומברחמנותדיקע קאַטאָוועסן מיט אונדז, מענטשן־קינדער. זי מאַכט פשוט חוזק פון אונדז, פשוטע, נאַיווע מענטשן.

ווי עכט־קאַפּריזנע סימבאָליש איז די איראָניע פון לעבן.

די איבערקערעניש אין פעטראָגראַד האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פאַרלאַנגען, שרייען, פאָדערן: ברויט! ברויט! ברויט!

פרויען פון אַרבעטער און אַרבעטער אַליין, קינד און קייט אויף „וויבאָר־גער זייט״, האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן צו די בעקערייען בעטן, פאָדערן און אַפילו נעמען בחוזק־יד... וואָס? ברויט!

אין מאָסקווע, דער ערשטער ריר פון דער רעוואָלוציע, איז פאָרגעקומען דאָס אייגענע, עס איז געווען אַ ברויטפּראָצעסיע.

דער ענין איז איינפאַך „ווי ברויט און קעז״. מענטשן ווילן עסן, מוזן עסן, קענען ניט אויסקומען אָן עסן. נאָכמער: ווען זיי אַרבעטן, מוזן זיי דאָך אַוודאַי און אַוודאַי עסן, בכדי צו האָבן כוח צו אַרבעטן.

וואָס עסט דער פשוטער המון־עם?

אָדער בולבע אָדער שוואַרץ ברויט. און אַז דער אַרטיקל פון דיעטע האָט גענומען אויספעלן — האָט דער עולם געמאַכט אַ ויצעקו.

קומט פעברואַר, וואָס איז לכתחילה געבוירן געוואָרן, אויבנאויפיק געקוקט אויף דעם, אין דעם פאַרלאַנג צו קריגן דעם לחם־לאכול, און מאַכט נאָך דאָס שטיקל ברויט אַ גרעסערע יקר־המציאות ווי פאַר דעם אונטער דעם צאַרס רעזשים.

ברויט העכערט זיך אין פרייז. עס נעמט בכלל פאַרשווינדן וואָס ווייטער אַלץ מער.

די רעגירונג קעמפט מיט כל־הכוחות קעגן די ספּעקוליאַנטן, וואָס שרויפן אַרויף די מקחים. מען גיט אַכטונג אויף דעם אויסבאַק און אויסטייל פון ברויט. מען פירט איין אַ שטרענגע אויפזיכט, כעמט אַ קאַרטנסיסטעם. מען פאַרקויפט ניט צו איין פערזאָן מער ווי עס פאָדערט זיך.

איז דאָך גוט — אַ־יאָ! ווערט אָבער דאָס ברויט אויפן מאַרק אַלץ ווינצי־קער און ווינציקער און אַלץ טייערער און טייערער.

פון ביידע זייטן גייט עס: פּאַפּירגעלט ווערט וועלוועלער און, ממילא, ברויט טייערער. ברויט ווערט טייערער און געלט, ממילא, וועלוועלער.

ווער איז שולדיק?

עס זענען דאָ, געוויינטלעך, אַ סך שולדיקע און נאָך מער שולדן. עס איז בפועל־ממש לייכט צו געפינען אָט־די שולדיקע און אָנטייטן אויף זיי מיט די פינגער. עס איז אָבער שווער צו געפינען ברויט און געבן עס דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

איך וויל ניט זאָגן, אַז מען האָט שוין געהאַלטן קרוב ביי אַ הונגער. חס־וחלילה. אָבער די לחמא עניא, פּראָסט ראַזעווע ברויט, האָט גענומען אויספעלן.

די רייכערע שיכטן האָבן זיך וועגן דעם ווייניק וואָס געקימערט, ווי פּרוי פּאָמפּאַדור האָט געזאָגט: אַז עס איז ניטאָ קיין ברויט, עסט מען, פּאַר בויט, לעקעך.

און די פּאַרמעגלעכע האָבן געגעסן לעקעך און אַנדערע מאכלים. ווי זאָגט דער פּסוק: לא על הלחם לבדו יחיה האָדם, — ניט אויף ברויט אַליין לעבט דער רייכער מאַן, נאָר אויף אַלץ, וואָס קריכט אין מויל און האַלדז און איז געשמאַק צו קייען. אָבער די קבצנים, דער המון־עם, די פּאָלקסמאַסן, די אַר־בעטער און זייערע געזינדן, ביי וועמען ברויט איז דער „אַנשפּאַר פון לעבן", דער עיקר־שפּייז אין זייער ניט־אויסטראַכטערישער דיעטע, וואָס האָבן זיי גע־טאָן? זיי האָבן זיך געפּלאָגט און געוועזן זייער אומצופרידן.

דער אומצופרידנקייט זייערער האָבן זיי געגעבן אויסדרוק אין ווערטער און, אמאָל, אויך אין מעשים. ברויט איז געוואָרן אַ גרויסער פּאָליטישער ענין. ברויט האָט אַ גאָר וויכטיקן טייל אין דער אַקציע פון אומשטירצן די צייטוויי־ליקע רעגירונג, וועלכע איז, בדרך־כלל, געווען אַ „חלוש" און אין פרט פון באַקעמפן די שפּייז־ספּעקולאַנטן איז זי געווען אַזוי נאַכלעסיק ווי אין אַ סך אַנדערע זאַכן.

אָקטאָבער איז געקומען. ער האָט צוגעזאָגט ברויט.

און ער, דער תכשיט, דאָס ברויט, ווי אויף־צו־להכעיס, האָט זיך גאָר גע־נומען פאַרבאַהאַלטן, ווייכן פון דעם שיין פון דער זון, ער איז פאַרקראָכן אין די קעלערן, זיך פאַרשטעקט אין די הינטער־קעמערלעך פון די קלייטן. ער האָט זיך גאָרניט געוואָלט ווייזן אויפן מאַרק. ער איז ביי זיך געוואָרן אַזוי פאַרריסן, אַזוי גדולדיק, אַז אים איז ניט אַנגעשטאַנען זיך צו ווייזן אויפן מאַרק.

אפשר האָט ער גאָר סאַבאָטירט, אַ קשיא אויף אַ מעשה.

פאַרשטייט זיך, אַלע יענע, וואָס זענען געווען קעגן דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע, האָבן אָנגעקוואָלן פאַר נחת און זיי קוועלן נאָך מסתמא עד־היום.

אהאַ! געפּאַקט אייך! איר'ט צוגעזאָגט ברויט — נו, אַדרבה, גיט עס!

איך וואָלט זאָגן: ווער עס איז אָן זינד, זאָל וואַרפן אין דער אָקטאָבער־רע־וואָלוציע דעם ערשטן שטיין פון באשולדיקונג. איך מיין יענע, וועלכע האָבן ניט אויף זייער געוויסן קיין רעוואָלוציאָנערע עבירות, דאָס מיינט יענע, וועל־כע זענען, בכלל, קעגן יעדן מין רעוואָלוציע. ווייל אויך פעברואַר האָט פאַר־קלענערט דעם צופיר פון ברויט אין שטאָט. אין אַלגעמיין איז דאָך עס אַ באַ־ווּסטע זאַך: מען האָט ליבער צו באַשולדיקן איידער זיך אַריינטראַכטן און פאַר־שטיין אַ קאָמפּליצירטע סיטואַציע.

יאָ, עס איז אַ סך גרינגער זיך צו לאָזן גיין אויף איינעם פון די צוויי שליאַכן: אָדער רימען אין טאָג אַריין, אָדער מאַכן מיט בלאָטע צוגלייך.

אָקטאָבער האָט אָפּגעשניטן דאָס ברויט פון דער שטאָט! נאָך אָקטאָבער האָט זיך די לאַגע געענדערט אויף ערגער. דאָס איז אַלץ אמת, און קיינער וועט עס ניט אָפּלייקענען. אָבער מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, אַז דער עלע־מענט פון צייט האָט דאָ געשפּילט אַ געוויסע ראָל און אָט־דער עלעמענט האָט עס צוגעדיינט. פון פעברואַר ביז אָקטאָבער איז אַ קיימא־לן פון אכט מאָנאַטן. און, נאַטירלעך, וואָס ווייטער אין מלחמה־אַנפיר, אַלץ טיפער איז געגאַנגען דער

פּראָצעס פון פונאַנדערפאַל פון דער ווירטשאַפט, אַלץ לויזער זענען געוואָרן די פאַרבינדונגען צווישן דאָרף און שטאָט.

איך מיין ניט צו זאָגן, אַז די שטימונג פון די פּויערים איז געוואָרן פיינט־לעך צו די אַרבעטער פון די שטעט; איך מיין צו אונטערשטרייכן, אַז עקאָנאָ־מיש־טעכניש איז די לאַגע פאַרערגערט געוואָרן. דער אויסטויש איז וואָס ווייַ־טער אַלץ ערגער רעגולירט געוואָרן. די שטאָט האָט וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרלאָרן איר צוציִונגקראַפט, איר חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

אין אַ נאָרמאַלער צייט, בשעת דער עקאָנאָמישער אָרגאַניזם פונקציאָנירט ווי געהעריק, וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אַ פונט ברויט!

וואָס פאַר אַ באַטרעף, אָבער, האָבן אַלע מינים לוקסוסן — און אַלץ איז מותרות און לוקסוס אין פאַרגלייך מיט ברויט, און קאַרטאָפל, פּראָדוקטן, וועל־כע זענען דער שטאָלץ פון דאָרף — לגבי איין שטיקל ברויט, ווען איינער איז הונגעריק, ממש הונגעריק, מעשה וואָלף, אַזש די זעל קריכט אַרויס, שונאי־ישראל.

בשעת די ווירטשאַפט איז גוט אָרגאַניזירט, שפּילט די אינדוסטריע, וואָס איז קאָנצענטרירט אין די שטעט, די ערשטע פידל. אָבער בשעת דער באַלע־באַטישער אָרגאַניזם נעמט זיך פונאַנדערלייגן, נעמט דאָס דאָרף, וואָס איז פיל פּרימיטיווער פון דער שטאָט, נענטער צו דער מוטערערד, זיך אַרויפהייבן, ווערן אַ גאַנצער יחסן; עס טורעמט און דאָמינירט איבער דער שטאָט.

לענין האָט געטאָן, וואָס ער האָט נאָר געקענט, כדי צו לייזן די ברויט־פראַגע אויף זיין שטייגער. ער האָט געזאָגט דיקטאַטאָריש־וווּליוונגעריש: גיט מיר אַ פּאָר צענדליק מאַטראָזן, און איך וועל אייך געבן ברויט וויפל איר ווילט.

יאָ, אַ גוטער רעיון, ווען אַנשטאָט מאַטראָזן, וואָלט ער זאָגן ערדאַרבעטער, און אַנשטאָט אַ פּאָר צענדליק — אַ פּאָר מיליאָן אַרבעטזאַמע, געשיקטע ערד־אַרבעטער. אַ מאַטראָז איז אַ גרויסער בעל־פעולה, אָבער נאָר אויפן וואַסער. ברויט האָט אַ שלעכטע טבע, עס וואַקסט אויף דער ערד און ניט אויפן וואַסער. און לענינס מאַטראָזן האָבן קיין ברויט אין די שטעט ניט געבראַכט אין אַ גע־נוגנדיקער מאָס.

וואָס עס איז געווען דער סוף פון דעם „געניאַלן" אויפטו צו געברויכן מאַטראָזן אין דער בחינה פון ברויטגעבער, ווייסט איר דאָך אַלע; עס איז דער־גאַנגען צו אַ הונגער, פון וועלכן מיליאָנען מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן.

די פראַגע וועגן קריגן ברויט בשעת אַ רעוואָלוציע האָט באַשעפטיקט די בעסטע מוחות פון די בעסטע רעוואָלוציאָנערן; אַלע ווייסן, וויפל די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט זיך עס נעבעך אָנגעליטן פון אָט־דעם פאַר־שאָלטענעם קאָנטררעוואָלוציאָנערן ברויטמאַנגל.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז, באמת, אַרויסגעוואַקסן ניט אויפן באָדן פון אַ מלחמה, נאָר פון אַ הונגער, וואָס האָט געפּייניקט דאָס לאַנד. אַ פאַר־טריקעניש האָט געמאַכט אַ תל פון דעם פאַרזיי.

דאָס פאָלק, אין זיין גרויסער נאַיִוויטעט, האָט דערוואַרט פון דער רע־וואָלוציע — ברויט.

פיאָטער קראָפּאָטקין, וועלכער איז געווען באַהאַוונט אין דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט אונדז מזכה געווען מיט אַ ווערק, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די דעראָבערונג פון ברויט".

דער רעוואָלוציאָנער און דענקער האָט געוואָלט באַוואָרענען, אַז די רעוואָלוציע זאָל ניט פאַרהונגערט ווערן, זאָל ניט אויסגיין פון הונגער.

איך וויל איצט זיך ניט אַריינלאָזן אין אַ פּאָלעמיק מיט אָט־דעם ווערק. איך וויל מער ניט ווי זאָגן אָט־וואָס:

דער הויפּט־חסרון פון אָט־דעם ווערק איז דאָס, וואָס עס איז אַ ווערק, אַ בוך, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן ניט בשעת אַ רעוואָלוציע, ניט אין אַ רעוואָלוציע, הלכה־למעשה. די ברויטפראַגע אין אַ רעוואָלוציע איז אַ דרינגנדיקע פּראַקטישע פראַגע און זי מוז געלייזט ווערן אונטער געוויסע געגעבענע אומשטענדן, בשעת אַן איבערקערעניש, אין בראַך און פאַל פון דערווירטשאַפט.

דער פשוטער המון־עם אין מאָסקווע האָט געלאָזט פליִען אַ פריש ווערטל: ביל ניקאָלאַשאַ, יעלי כליעב דאַ קאַשאַ: ווען עס איז געווען ניקאָלאַשאַ, האָט מען געגעסן ברויט און קאַשע.

מיינט ניט, אַז די פּראָסטע „באַבעס" האָבן אַריינגעלייגט אין שפּרוך אַ מאָנאַרכיסטישע כוונה. ניין. זיי האָבן עס געזאָגט אומשולדיקערהייט. זיי האָט די זאַך געחידושט: ניקאָלאַי האָט דאָך, ווי איינער זאָגט, געטויגט אויף כפּרות, און פונדעסטוועגן האָט מען אין זיין צייט געהאַט עסן צו דער זעט. אמת, ניט אַלע, אָבער דער גרעסטער טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז ניט געווען זשעדנע נאָך אַ שטיקל ברויט. און דאָ זענען דאָך געקומען אמתע פאָלקפריינט מיט דעם מיין בעסער צו מאַכן, לייכטער צו מאַכן דאָס לעבן, איינפירן „פרייהייט" — און, ווי צו־להכעיס, איז עס נאָך ערגער געוואָרן.

ניט ניקאָלאַי האָט געגעבן ברויט און ניט קערענסקי אָדער לענין האָבן דעם ביסן ברויט פון מויל פון די שטעטאיינוווינער צוגענומען.

בשעת ניקאָלאַי האָט געקיניגט, איז געווען עטאַבלירט אַן אַלטע איינגעפונדעוועטע אָרדענונג. ווי שלעכט דער אַפּאַראַט איז געווען, האָט ער ווי־ניט־ווי פאָרט געאַרבעט. ווען מען וויל פאַרריכטן, צענעמט מען אים, און פאַרן צענעמען שטעלט מען אים אָפּ און ער הערט־אויף צו פונקציאָנירן. יעדע איבערגאַנגסצייט איז תמיד, אין אָנהייב, אַ סך ערגער ווי די עפּאָכע, וועלכע זיי זענען באַרופן צו פאַרבייטן. דאָס איז אַ כלל גדול אין דער רעוואָלוציאָנערער לערע און מען קען פון דעם ניט אַוועק. די לעצטע תקופה פון פעאָדאַליזם איז געווען רייכער אין קולטורעלע שאַפונגען און אויסערונגען איידער דער ערשטער פעריאָד פון קאַפּיטאַליזם. אָט־די טעזיס דאַרף פאַראַלגעמיינערט ווערן. זי אַנטהאַלט אַ וויכטיקן היסטאָרישן אמת.

עס איז אַלעמאָל אַזוי: דער סוף פון איין עפּאָכע איז בעסער, איינגעאָרדנטער, ווי דער אָנהייב פון דער צווייטער עפּאָכע.

באמת, די זיידעס זענען פיל קליגער פון זייערע אייניקלעך, ווען די לעצטע זענען נאָך אין זייערע וויגעלעך און וויקעלעך, און די ערשטע זענען נאָך ניט קיין עובר־ובטל.

דאָס אייגענע איז אמת וואָס איז שייך דעם בייט פון אָרדענונגען און די

קלאַסן, וועלכע פאַרטרעטן אַט־די איינשטעלונגען: די אַוועקגייענדיקע בשעתן געזעגענען זיך זענען בעסער, מענטשלעכער ווי די אָנגעקומענע בשעת זייער אָנהייב...

אַ רעוואָלוציע קען געבן ברויט אין אַ לאַנגער צייט אַרום, נאָכדעם ווי דער סאָציאַלער ים באַרויִקט זיך און עס ווערט עטאַבלירט אַ נייער איינשטעל, אָבער אין היץ און ברען, אין קאָך און זיד פון דער קאַטאַסטראָפע, בשעת מען צעברעכט די אַלטע געביידעס און מען פלייסט זיך אויפצושטעלן נייע בנינים — מוז מען צולײַדן, מוז מען צופאַסטן, כאַפּן אונטערהונגערן. אָן דעם גייט עס ניט. עס איז לית־ברירה. דאָס פאַרקניפּן נייע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן מוז נע־מען יאָרנלאַנג, צענדליקער יאָרן און מער.

די בין־השמשות־צייט איז די פינצטערסטע סיי עקאָנאָמיש־סאָציאַל און סיי קולטורעל.

דער אַנטי־רעוואָלוציאָנער שרייט:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז אַ רעוואָלוציע קען גאָרניט געבן! — און ער אַנטוויקלט זיין טיפע „פילאָזאָפיע" מכוח רעפאָרמיזם. ער באַווייזט, וואָס פאַר אַ ווונדערבאַרער מעטאָד דאָס איז... וכדומה קלוגע ריידעריי און זיך־אײַנ־בויך פּאַטשנדיקע חכמה...

וואָס איז דאָ צו טענהן אַ סך:

יענע, וואָס האָבן שטאַרק האָלט געהאַט דעם סיר־הבשר, דעם טאָפּ פלייש, וואָס האָבן געדענקט די פיש, וואָס זיי האָבן געגעסן אומזיסט, אָדער בחצי־חנם, און די ציבעלע און דעם קנאָבל און די שאר־ירקות — יענע עסער האָבן קיין גרויסן חשק ניט געהאַט צו פאַרלאָזן מצרים.

אָבער דאָס גליק איז, וואָס דער וועג צוריק איז פאַרבאָטן. אַ ים ליגט אינמיטן, אַ „רויטער געזאַלצענער ים" פון בלוט און טרערן.

נייע אָרדענונגען ווערן געשאַפן ניט שפּילנדיק זיך, פאַר צייטפאַרווײַלונג; עס פאָדערן זיך אָן־אַ־שיעור קרבנות, אָנשטרענגונג, ליידן און מסירת־נפש.

אַ מינימום הוצאה און אַ מאַקסימום הכנסה — איז אַן אידעאַלע פאָר־מולע. און בכדי אַט־דעם אידעאַל צו דערגרייכן דאַרף מען, ווידעראַמאָל, אָנ־ווענדן אַ מאַקסימום כוחות, ענערגיע און מען וועט ערשט קריגן אַ מינימום דעראָבערונגען, איינקונפט.

דאָס סאָציאַלע לעבן איז אַ שווערער, צרהדיקער פּראָצעס און מען דאַרף זיין גרייט צו דעם.

אָדער לאָזן זאַכן ווי זיי זענען, ניט ענדערן, איבערמאַכן, איבערבויען, מתקן־זיין. אָדער וויסן איינפאָרויס, אַז די פאַרבעסערונגען פאַלן ניט אַראָפּ ווי רעגן און שניי פון הימל, אַז מען מוז גוט אויסגעריסן ווערן, איידער עס גיט זיך איין אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל אַן אַלט סאָציאַל געוויקס און אויף זיין פּלאַץ פאַרפלאַנצן אַ נייס.

קיין סאָציאַלער בן־יקיר שפּרינגט ניט אַרויס פיקס־און־פאַרטיק פון דעם שוים פון די כוואַליעס.

אַ סאָציאַלע אָרדענונג דאַרף מען געבוירן. און די מוטער־גענעראַציע מוז

האָבן חבלי־לידה, גוט און געשמאַק זיך אָנווייטיקן, בלוטיקן און מקבל־באהבה־זיין די יסורים.

נייע סאָציאַלע פאַרמאַציעס ווערן געשאַפן אין פּיין.

ווער עס האָט מורא פאַרן וואָלף־הונגער, זאָל אין סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן וואַלד זיך ניט לאָזן גיין...

XLIII

צווייטער צוזאָג: פרייהייט

דאָס וואָרט פרייהייט אַלס אַ רעוואָלוציאָנערע לאָזונג איז אונדז געקומען בירושה פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

דריי ווערטער זענען דעמאָלט געגעבן געוואָרן: פרייהייט, גלייכהייט און ברודערלעכקייט. זיי זענען געבאָרן געוואָרן אונטער אַ שלעכטן שטערן. בכלל איז דער מענטשהייט, דער קריסטלעכער וועלט, אויסגעקומען צו ליידן אָן אַ שיער פון די דרייאיקייטן.

וויפל האָט זיך עס געמאַטערט די קריסטלעכע טעאָלאָגיע מיט דער דריי־איינעקייט.

דריי געפליגלטע ווערטער, — און זיי טוען אָן „צרות" דער סאָציאַלער וועלט, על־כל־פנים דעם געזעלשאַפטלעכן באַנעם...

וויפל קעפּ פון טעאָרעטיקער האָבן זיך געבראָכן און געפּלאַצט פון איין וועלן אויסטייטשן, וואָס עס איז אַזוינס פרייהייט. עפּעס אַ מין אַנשיקעניש איז אָט־דאָס וואָרט!... וויפל טראַגנען האָט עס אומגעקערט, וויפל טיטלען צעשעדיקט. פרייהייט! דאָס פאָלק וויל פרייהייט. און ווער וויל עס ניט? אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס? ווי אַזוי דעפינירט מען עס? דאָס הייסט ווי אַזוי צאַמט מען עס אַרום אַזוי, אַז עס זאָל זיין פריי און ניט פריי אין דער זעלביקער צייט. זאָלן דאגהן יוריסטן אָדער פילאָזאָפן.

די וויסנשאַפטסלייט ווילן צונעמען פון אונדז אַפילו אַזאַ נעבעכדיקע זאַך ווי „פרייהייט פון ווילן".

אָבער פּרובירט, איך בעט אייך, גייט טענהט איין מיט אַ פשוטן מענטשן און גיט אים צו פאַרשטיין, אַז ער האָט ניט קיין פרייען ווילן. אַלע בייזע חלומות וועט ער אויסבטלען צו אייער טעאָרעטישן קאָפּ.

אַ שפּאַס, פרייהייט! אָן דעם הייבט זיך ניט אָן. אַלע רעוואָלוציעס זענען אויסגעפירט אָדער אָנגעפירט געוואָרן אונטער אָט־דעם צוזאָג. און גע־ווינטלעך איז די רוסישע רעוואָלוציע ניט געווען קיין אויסנאַם אין דעם פּרט.

איך מיין די רעוואָלוציע אין גאַנצן היקף אירן: סיי פעברואַר און סיי אָקטאָבער (דעם 7טן נאָוועמבער לויטן נייעם סטיל).

פרייהייט! פרייהייט! דאָס פאָלק האָט עס גערופן סלאָבאָדאַ!

באמת שאַפֿט אַ רעוואָלוציע אַן אילוזיע פֿון „פֿרייהייט“ דורך דעם, וואָס זי שאַפֿט אָפּ אַלעמאָל אַן אַלטן רעזשים און מיט אים אַ גרויסן טייל פֿון אַלטן־פֿאַרשימלטן קאָדעקס. אין דעם מאָמענט פֿון אָפּשאַפֿן די אַלטע געזעצן און אײדער זי אַרבעט אויס און פֿאַרעפֿנטלעכט די נײַע געזעצן איז פֿאַראַן אַ צווישנ־פּאַס, יענע ליניע פֿון צייט רופֿט אַרויס ביי דעם פֿאָלק די פֿאַרשטעלונג, אַז ער איז פֿריי.

אָבער באַלד נעמט מען זיך צו דער אַרבעט. די פּענעס פֿון די געזעצגעבער קענען לאַנג ניט רוען. דאָס געזעץ איז געשטאָרבן — דאָס געזעץ איז געבוירן. און לאַנג זאָל עס לעבן, דאָס געזעץ!

אַזאַ טבע האָט שוין דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן, אַז אַנשטאָט איין אָפּגעשאַפֿטן געזעץ שרייבט מען אָן אַ צען לכל־הפּחות. נאַטירלעך: איינס, כדי אָפּצושאַפֿן דאָס אַלטע געזעץ, און די איבעריקע ניין — כדי עס צו פֿאַרבייטן. מען קען דאָך ניט לאָזן קיין פּוסטן חלל.

רעוואָלוציעס האָבן אַלע מאָל געהאַט אַ שוואַכקייט צו דינים, פּסקים, פֿאַראָרדענונגען און דעקרעטן־שרייבערײַ: די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט זיך אין דעם פּרט באַוויזן אַלס קלאַסיקער און די רוסישע איז ניט אָפּגעשטאַנען. זי האָט דעקרעטירט אָן אַ מאָס.

אַוודאַי, אַנדערע מיינען, אַז דאָס האָט אַלץ געטאָן אָקטאָבער. עס הייבט זיך ניט אָן. פֿעברואַר האָט אויך געקענט אָנפֿילן גאַנצע זייטן פֿון די דעמאָלדיקע צייטונגען גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד מיט חוקים ומשפּטים. כדרך הטבע. מען הייבט אָן פֿון דאָס ניי, און אַלץ אויף איין מאָל. דאַרטן האָבן זיך אָנגעקליבן די רעגולאַציעס אין אַ משך פֿון דורות און דורות. דאָ פּאַמפּעט מען אָן אַ גאַנצן ים אין אַ חודש אָדער צוויי. און דאָס פֿאָלק שטייט אַלע מאָל ווי צעדולט.

פֿרייהייט! הייסט דאָס, אַז מען מעג טאָן וואָס מען וויל. און דאָ — ווייטער פֿאַרבאָטן: דאָס מעג מען יאָ, דאָס טאָר מען ניט. עשהס און לאווין. אם כן, למה זה אנכי! וואָס פֿאַר אַ פֿרייהייט איז עס?!

און די „רעוואָלוציאָנערע“ געזעצגעבער — ווו סטייען זיי די הענט? אַפּנים, זיי האָבן גאָרניט וואָס צו טאָן, נאָר צו זיצן און אונטערשרייבן די פּאַפּירן. און וואָס העכער עס וואַקסט דער הויפֿן פֿון די דינים, אַלץ נידעריקער און אײַנגעשרומפּטער ווערט נעבעך די „פֿרייהייט“. און האָט טענות — צו וועמען?! פֿעברואַר־רעוואָלוציע האָט געשריבן און געשריבן און אָקטאָבער האָט געכתבעט; ער האָט באַוויזן, וואָס ער קען און מען האָט געגאַפֿט: אַזויפֿיל געזעצן! אַזויפֿיל משאות און דעם קעמל פֿאָלק, האָט דער רוקן געמוזט נעמען ווייטאָן. יעדנפֿאַלס איז אים אָנגעוואַקסן אַ הויקער.

זאָגט, איז דען ניט באמת געדרעכט העגל, אַז דאָס לעבן איז אַ דיאַלעקטיקער... אפשר דאָס לעבן בכלל ניט אַזוי, אָבער דאָס רעוואָלוציאָנערע לעבן איז אַוודאַי פֿול מיט סתירות, און לויפֿט, אויפֿהייבנדיק די פּאַלקעס, גלייך צו זיין היפּוך...

אָבער פּאָרט, און צו־להכעיס דעם אַלעם, שטרעבן מיר און גאַרן נאָך פֿרייהייט. און כאָטש אַ סך מאָל זיך אָפּגענאַרט — גלויבן מיר פּאָרט אין פֿריי־

הייט און האָפן, מיר וועלן זיך פּאָרט דערשלאָגן צו אַ פרייער וועלט, אַ פרייער געזעלשאַפט, אַ געזעלשאַפט מיט אַ גרעסערער מעגלעכקייט, מיט בעסערע גע־לעגנהייטן פאַר אַלעמען איידער די היינטיקע. אַ וועלט, באמת, פון גרויסע יכולתן און אויספירבאַרקייטן. און זאָלן אונדזערע אַנטוישונגען זיין שווער — זיי פאַרהאַרטעווען אונדז און פאַרזיכערן אונדז, אַז דער טאָג, ווען אונדזער ווונטש וועט זיך אַנטאָן אין פליש און בלוט פון רעאַליטעט, איז ניט „הינטער די בערג".

די רעוואָלוציע — די רוסישע רעוואָלוציע — יאָ, זי האָט עס צוגעזאָגט און וועט עס ווען עס איז דורכפירן. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט צוגע־זאָגט און האָט אויך ניט. איך גלויב איר וועט אַלע מסכים זיין, אָפּגעגאַרט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט.

די זאַך איז — מען דאַרף האָבן אַביסל מער געדולד. אַביסל מער וויזיע — און טאָקע צייט.

רעוואָלוציעס געדויערן, זיי שרייבן זיך מיט זיגזאַגן. אַ פאָלק, מיליאָנען, קענען דען שרייבן גלייך, ריין, שיין! ניט קיין קאַליגראַפיע, ניט קיין אָרטאָגראַ־פיע — קאָטשערעס מיט פּאָמעלעס! נח מיט זיבן גרייזן. אָט אַזוי שרייבט דאָס פאָלק, אָבער עס שרייבט זיך פּאָרט אַ נייע געשיכטע. די מאַסן וועלן זיך אויס־לערנען שרייבן. די סאָציאַלע ערד דרייט זיך, באַוועגט זיך און שטופּט זיך פאָ־וואַלינקע.

„אָדער גלייך אויפן אָרט — אָדער קיינמאָל ניט", איז, כ׳לעבן, אַ פאַלשע פאָדערונג.

אַז מען זייט קאָרן, ווינטערקאָרן, וואַרט מען כמעט אַ יאָר, איידער מען דערלעבט דרעשן, מאָלן, קנעטן, באַקן, עסן די נייע תבואה אין דער פאָרם פון ברויט אָדער בולקעס.

אַ רעוואָלוציע איז אַ זריעה־צייט. — סטייטש דאָס לעצטע ביסל ברויט באַגראָבן אין דער ערד! „נאָך ערגער" ווי געווען. נאָך מער געוואַלד־טאַט, נאָך מער מענטשן־גרינגשאַץ, נאָך מער פאַרברעכן.

מיט אַזאַ אָדער מיט אַן אַנדער לשון פלעגט צו אונדז, רעוואָלוציאָנערן, צושטיין טאָלסטאָי.

און ער איז געווען גערעכט אויף וויפל ער האָט אויסגעדריקט און באַ־קלאָגט די טראַגעדיע פון מענטשלעכן שאַפן, פון סאָציאַלן אויפטו. מען ברעכט פאָרמעס, אינסטיטוציעס — מען מאַכט הויפנס פון שערבלעך פון — „טייערע" בכבודיקע וואַזעס... אָבער ער איז ניט געווען גערעכט מיינענדיק, אַז ער האָט אַ בעסערן, וואָלוועלערן, מער אין פינטל טרעפנדיקן מיטל אָדער מעטאָד, אָט אַזוי איז דאָס לעבן.

דער פעסימיסט קרעכצט, זיפצט און אויקעט; דער אָפּטימיסט לאַכט, ליידט מפּלות, כאַפּט אָפּשניטן און גייט ווייטער זיין וועג אין קאַמף פאַר דאָס נייע. דאָס אויפשטייענדיקע פאָלק — פּויערים, אַרבעטער, זעלנער, איינצלנע אינטע־ליגענטן — האָבן געקעמפט און וועלן קעמפן פאַר פרייהייט, פאַר נייע מעג־לעכקייטן, און זאָל דער קאַרשון־טיראַן שרייבן זיינע קרייזן איבער דעם מיט דערנער־באַקראַנצטן קאָפּ פון פרייהייט. מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן: מיר

וועלן זיך שלאָגן ווייטער און ווייטער ביזן נצחון. מיליוקאָווס ווערטל „דער קריג ביזן זיג״ האָבן מיר אַנטקעגן געשטעלט „אַ רעוואָלוציע ביזן זיג״.

אָקטאָבער איז אַרויס מיטן צוזאָג: פרייהייט! און עס וועט פּאַרווירקלעכט ווערן. מעג עס נעמען צענדליקער, הונדערטער יאָרן און מער. ווער עס האָט געזען און געפילט די פרישע כוחות, וואָס אָקטאָבער האָט אויפגעוועקט צום לעבן, אויפגערודערט און געהייסן זיך באַוועגן, מאַכן פּאַר זיך אַן אָרט אויף דער סאָציאַלער אַרענע, — איז און וועט זיין זיכער, אַז יענע גיגאַנטן־כוחות קענען ניט פאַרשמידט ווערן, קענען ניט פאַרשפּאַרט ווערן. זיי קענען אָפּגע־שטעלט ווערן אויף אַ ווײַלע, אָפּגעשוואַכט ווערן, אָבער וועלן זיך אָפּחיהן און וועלן זיך לאָזן גיין, הגם מיט קרומע שטעגן, צו זייער ענדציל.

דער אָקטאָבער־צוזאָג, דאָס וואָרט פרייהייט, וואָס איז אַרויס פון מויל פון מיליאָנען אונטערדריקטע מענטשן, וועט זיך ניט אומקערן צוריק מיט ליידיקן, עס וועט אויספירן זיין שליחות. עס איז ניטאָ דער כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל עס קענען צונישט־מאַכן. עס וועט גראָבן אָפּגרונטן און הייבן צו די הימלען, מעגן ברעכן די הענט אייניקע אין יאוש. מעגן זיך רייבן די הענט אַנ־דערע מיט גרויס נחת: באַגראָבן, געפּטרט דעם „אַנאַרכיסטישן איינפאַל״, אַנגע־טאָן אַ צאַם אויף דער ווילדער חיה „פרייהייט״. דאָס לעבן אין רוסלאַנד פירט זיך אויף „כדת לענין און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי״, מען הערט פון אים קיין פּאַרע ניט, — מען מעג זי, די פרייהייט, צען מאָל באַגראָבן — זי וועט אויפ־שטיין פון קבר, אָדער ריכטיקער פון קראַנקנבעט, און וועט אויף שטיקער צערייסן יענע, וואָס האָבן אַ העזה געהאַט זי צו צוימען.

אָקטאָבער האָט צוגעזאָגט פרייהייט. אָקטאָבער וועט עס געבן, הגם, קען זיין, זייער פיל שפּעטער ווי מיר האָבן לכתחילה געוואָלט און לכתחילה געהאָפט.

***

און איצטער, זיצנדיק ביים טיש און איבערוואַרפנדיק דאָס געשעענע און דורכגעלעבטע אין זכרון, איצטער, ווען איך ווייס שוין דעם שלעכטן „סוף״, דעם „דורכפאַל״, ווי אונדזערע האָבן עס האָלט צו רופן, ווען איך פרעג זיך: וואָלט עס איצטער פּאַרקומען, נאָכדעם ווי דו ווייסט שוין וועגן די אַלע שווע־רע שוועריקייטן, וואָלסטו זיך באַטייליקט אין אָקטאָבער? און איך ענטפער זיך אַליין אָן קיין שום קווענקלעניש: — יאָ, און יאָ!

דער „סוף״ איז נאָך ווייט קיין סוף ניט. עס איז מער ניט ווי אַ פּאַרוויקל־טער עפּיזאָד; אַלע גרויסע דראַמעס וועבן זיך אַזוי. און פעלקערדראַמעס, קלאַסן־דראַמעס זענען ניט קיין יוצא־מן־הכלל. און דער „דורכפאַל פון אָקטאָבער״ — אָן שרעק, אָן פּחד פּחדים!

אָקטאָבער איז אַ גרויסער בעל־בטוח — ער וועט צאָלן, וואָס ער האָט צוגעזאָגט.

דאָס איז געשריבן געוואָרן אין 1926. און איצטער אין 1939, ווען איך גרייט צו מיינע זכרונות צום דרוק און איך לייען אָט־די עטלעכע שורות מיט דער פראַגע, קווענקל איך און ספק־זיך.

יעדנפאַלס קען איך ניט ענטפערן אויף דער פראַגע מיט אַ פּאָזיטיוו... אָבער אין 1939 זענען מיינע זכרונות ניט דערשינען. איצט קוק איך זיי ווידער אַדורך, און איצטער איז שוין 1954 נאָוועמבער. גאַנצע זיבנאונדרייסיק יאָר פון אָקטאָבער 1917...

XLIV

דער דריטער צוזאָג: פרידן

קיין איינער פון די צוזאָגן איז ניט געווען אַזוי ברענענדיק, האָט זיך ניט געפאָדערט אַזוי פאַרן מאָמענט, ווי אָט־דער צוזאָג. דאָ איז געלעגן די נשמה פון אָקטאָבער. ברויט! — נו, יאָ, מען איז ח״ו נאָך דעמאָלט פון הונגער ניט גע־שטאָרבן. די פויערים האָבן פאַרכאַפּט די ערד. פון דער ערד וועט אַרויסוואַקסן ברויט. פרייהייט — דאָס איז דאָך אַ צוקונפט־זאַך. מעג די צוקונפט זיין נענטער אָדער ווייטער, אָבער פאָרט אַ צוקונפט. קיין רעוואָלוציע, ווען זי האַלט אינמיטן געראַנגל, קען ניט געבן קיין „פרייהייט" אין זינען פון דער אומבאַרירבאַרקייט פון פּערזאָן וכדומה. ווער איז די פּערזאָן? אויב עס איז אַ קאָנטראַרעוואָלוציאָ־נערע פּערזאָן, מוז מען דאָך אָננעמען מיטלען ווי אַזוי זי צו באַזייטיקן מיט דעם קלענסטן שאָדן פאַר איר און פאַר די אַרומיקע. צופיל „פרייהייט" איז אין אַ רעוואָלוציע־פּעריאָד אוממעגלעך צו פאָדערן.

באמת האָט פעברואַר אויך אַביסל אַרומגעשניטן די פליגלען פון דעם פויגל. שוואַרצע מאהניקעס, וואָס האָבן גערופן צו פּאָגראָמען אָדער געשריגן גוואַלד: „השיבנו נאָזאַד", האָבן ניט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוגעבן ציַיטונגען. דער פּאַרענטפער איז געווען: זיי זענען קעגן „פרייהייט". פאַרוואָס זאָלן זיי האָבן דאָס רעכט זי צו מיסברויכן! און איצטער, נאָך אָקטאָבער, איז גאָר ניט געמי־נערט געוואָרן פון יענער סומע „פרייהייטלעכקייטן", וואָס האָבן עקזיסטירט. אַי, דאָס פאַרווירקלעכן באמת דעם אידעאַל פון פרייהייט — דאָס וועט נעמען צייט. אַ רעוואָלוציע מוז דאָך זיין צו אַ געוויסער מאָס שטרענג, האַרט און זיך־איינ־רייסנדיק.

אָבער גאָר אַנדערש איז געשטאַנען די פראַגע מכוח שלום. דאָס איז אַ זאַך, וואָס קען ניט וואַרטן. שלום איז ניט פאָרמולירט געוואָרן אַלס אַן אידעאַל: דער אייביקער שלום, וואָס וועט הערשן אויף דער וועלט, נאָר, פּשוט, אַלס אַ מאָ־מענטזאַך: די דייטשן זיצן אויף אונדזערע פראָנטן, די „ציַיטווייליקע רעגירונג" האָט געוואָלט אָנגיין ווייטער מיטן קריג. דאָס פאָלק האָט עס ניט געוואָלט און עס איז גרייט געווען זיך צו וואַרפן אין די אָרעמס פון אַ בירגערקריג, אַבי זיך אַרויסצורייסן פון דער תליה־פּעטליע פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. מען האָט צוגעזאָגט שלום. מען מוז אים געבן, וועלכן מקח מען זאָל ניט דאַרפן צאָלן דערפאַר. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען שלום?

דער מעטאָד איז געווען — „זיך ברודערן", זיך פראַטערנאַליזירן.

לענין האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די זעלנער, אַז יעדע ראָטע, אַז יעדער טייל פון דער אַרמײ זאָל פּרובירן שלום־מאַכן מיט יענעם טייל פון שונאס חיל, וואָס שטייט אַנטקעגן אים. ער האָט, אַפּנים, פאַרגעסן, אַז אַלץ דאַרף געטאָן ווערן אויף אַן „אָרגאַניזירטן" אופן... יאָ, דאָ האָט ער עס גרינג געקענט אַרויסלאָזן פון קאָפּ. אין וואָס איז דאָ באַשטאַנען די ריזיקע? די זעלנער וועלן פאַר זיך דעם „שלום" נעמען און פאַר אים, דאָס הייסט פאַרן נייעם אויפקומענדיקן קלאַס, וועט ניט קלעקן? שלום איז מער ניט, דאָ יעדנפאַלס, געווען ווי בלויז אַ פאַרנייגונג פון קריגסצושטאַנד. און אַז פרידן וועט הערשן, וועט מען עס אויסנוצן, און „זייך" פאַרטיי אָדער קלאַס וועט, פאַרשטייט זיך, זיין ניט דער לעצטער צו רייסן און געניסן די פרוכט פון בוים פון שלום.

זעט איר, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן בענק, וועגן אינדוסטריע, — דאָ האָט ער זיך געשראָקן ווי אַ שד פאַר ווײַרוך פאַר די „אַנאַרכיסטישע" מעטאָדן, פאַר די „אומאָרגאַניזירטע" מאַסן, וועלכע וועלן פאַר זיך נעמען די פאַבריקן, און דעמאָלט, וואָס וועט פאַר דעם „נייעם קלאַס" בלייבן! דאָרטן, ווו עס איז שייך פאַרנעמען בענק, אינדוסטריע, אַפילו הייזער — דאָ האָט מען געמוזט זיין זייער און זייער אָרגאַניזירט, אַזוי אַז דאָס גוטס זאָל פאַלן אין די אויסגעשטרעקטע הענט פון דעם קלאַס, גרופּע אָדער „טיפּ" אָרגאַניזירער. שלום — מילא, זאָלן זיי עס מאַכן אויף אַן אַנאַרכיסטישן וועג, זאָלן די מאַסן האָבן די איניציאַטיוו. זאָל עס ביי זיי בלייבן און זאָלן זיי זיך מיט דעם האַלטן געזונטערהייט. דאָס איז ניט קיין עקאָנאָמישער ענין. מען קען דערביי גאָרניט פאַרדינען. איר וועט אויף דעם קיין פּריווילעגיעס־פּאַלאַצן ניט אויפבויען פאַר די נייע מאַגנאַטן. ווייטער איז דאָך עס אַ צייטווייליקע זאַך — איינמאָל אָפּגעטאָן און אָפּגעשניטן.

פונדעסטוועגן — מען האָט זיך דאָך ניט געקענט פאַרלאָזן אינגאַנצן אויף די סעפּאַראַטע האַנדלונגען פון באַזונדערע באַטאַליאָנען. ווייטער זענען די דייטשן געווען ניט זייער נאָכגעביק און צוגענגלעך אין ענין פון „ברודערן זיך". און מען האָט גענומען פירן אונטערהאַנדלונגען מכוח שלום־מאַכן. עס איז אויסגעריכט געוואָרן אַ דעלעגאַציע. טראָצקי איז אַביסל שפּעטער־צו אויך געקומען. מען האָט גענומען פאַרהאַנדלען דעם ענין פון שלום. דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע פראַגן, האָט דער באָלשעוויזם אַרויסגעוויזן זיין מהות, וואָס באַשטייט אין צווייצורהדיקייט: אַ הויך־אַרויסגעשריענע רעוואָלוציאָנערע, וועלט־פּראָלעטאַריאַט אויסלייזנדיקע, פראַזע, און אַ ווייט ניט־רעוואָלוציאָנערע ענג־אייגננוציק אויסגעפירטע טאַט מיט דעם פאַרשוויגענעם מיין צו פאַרפעסטיקן דעם באָדן פאַרן נייעם קלאַס.

ממה־נפשך: אויב דאָס גאַנצע געוויכט לייגט מען אויף דער וועלטרעוואָלוציע און אין אַ באַנעם און אויסטייטש, אַז די וועלטרעוואָלוציע וועט זיך אַרויסקייטלען דירעקט פון דער וועלט־מלחמה, ווי אַזוי, לויט אַזאַ אויפפאַסונג, קען מען ניט אָנפירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַ מיליטאַריסט, וואָס דאַרף היינטמאָרגן געבראָכן ווערן פון איבעווייניק דורך זיין אייגענעם פּראָלעטאַריאַט? אַזאַ האַנדלונג העלפט דאָך פונאַנדערבינדן די הענט פון „אימפּעריאַליסט", אים לאָזן אַרויסקאַראַבקעווען זיך פון די פאַרפלאָנטערטע שוועריקייטן, וועלכע מוזן אים

אומבאַדינגט דערשטיקן, פּאַרצינען די פּעטליע אויף זיין אימפּעריאַליסטיש־קאַ־פּיטאַליסטיש־מיליטאַריסטישן האַלדז.

גאַנץ אַנדערש איז געווען אונדזער שטעלונג. מיר האָבן געבויט אויף דער רוסישער רעוואָלוציע אַלס אַזוינע, וואָס אַדאַנק אַ צוזאַמענלויף פון גינציקע היסטאָרישע מאָמענטן, איז זי בכוח זיך צו רעאַליזירן און שאַפן אַ נייעם סאָציאַלן סדר ביי זיך אין לאַנד, וועלכער, ווי אַ מוסטער און וועגווייזער, וועט דינען פאַר די איבעריקע אַרבעטערשאַפטן פון אַנדערע לענדער און וועט זיי וועקן עס נאָכצוטאָן אויף אַ שפּעטערישן אופן. מיר האָבן זיך ניט געשעמט צו טענהן גלייך פון אָנהייב, אַז מיר זענען פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום אַפילו מיט קאָנטריבוציעס און אַנעקסיעס. מיר האָבן זיך ניט געוואָלט שפּילן אין באַהעלטעניש און פאַר־בלענדעניש. דייטשלאַנד איז געווען באותה־שעה שטאַרקער פון רוסלאַנד. מיר האָבן געוואָלט קריגן די מעגלעכקייט איבערצובויען אונדזער ווירטשאַפט און אונדזער צוזאַמענלעב אויף נייע יסודות און עס איז, פאַרשטייט זיך, שווער זיך צו פאַרנעמען מיט צוויי אויפגאַבן: קעמפן אי פון דרויסן און אי פון אינעווייניק.

נאָכמער ווען די צוויי אויפגאַבן געפינען זיך, אויבנאויפיק גענומען, אין אַ סתירה, — מלחמה־אַנפירן פאָדערט דעם אונטערוואַרעם פון „פּאַטריאָטישע" געפילן, בשעת די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט פאַרלאַנגט דעם היפּוך, — דעם קאַלטן אַנאַליז און פונאַנדערשניט פון פאַלק אויף קלאַסן. די באָלשעוויקעס אָבער האָבן געטענהט, אַז זיי ווילן שליסן אַ „דעמאָקראַטישן" שלום, אָן אַנעק־סיעס און אָן קאָנטריבוציעס. גענעראַל האָפמאַן איז געזעסן פון איין זייט טיש און טראָצקי פון צווייטן זייט. קיינער וועט ניט אָפּלייקענען, אַז טראָצקי איז אַ שיינער, אויב איר ווילט, אַ שטאַרקער רעדנער. און ער האָט גערעדט, איבערן קאָפּ פון די גענעראַלן צו די מאַסן... צו די זעלנער.

אָבער ניט די מאַסן זענען געווען דערביי אונטערצושרייבן דעם פרידנס־אָפּמאַך.

ווייטער איז דער גאַנצער צונויפקומען זיך געווען אַ טעות. אויב אַ שלום אָן אַנעקסיעס און אָן קאָנטריבוציעס — איז ניט געווען וואָס זיך צונויפצוקומען אין ברעסט־ליטאָווסק. לודענדאָרף איז געווען באַוווּסט צו זיין אַ גאַנץ שוואַכער דעמאָקראַט, און ווילהעלם האָט אויך ניט געהאַט דעם „אומכבוד" זיך צו רע־כענען צווישן די דעמאָקראַטן, און גענעראַל האָפמאַן איז געווען ווייט פון דע־מאָקראַטישע געדאַנקען. אַ סעפּאַראַטער שלום — האָט געהייסן אַ „שלום, וואָס ער זאָל ניט קאָסטן". די באָלשעוויקעס האָבן אָבער געהאַט גאָר אַן אַנדער לאָזונג און גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צו דער זאַך. און פרידן האָט מען צוגעזאָגט און דאָס איז אַ זאַך וואָס הזמן גרמא. מען מוז עס גלייך געבן. עס איז ניט אַזוי וויכטיק געווען דער צוזאָג, וואָס מען האָט געגעבן די מאַסן, ווי דאָס אָפּשטעלן די דייטשן, פּטור ווערן פון זיי. לעניין האָט גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס עס האָט דורכגעוואָרפן קערענסקין; ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז די מלחמה, וואָס האָט אומגעוואָרפן ניקאָלאַיס טראָן, אַרויסגעשמיסן פון מיניסטעריום מיליוקאָוון און דערנאָך קערענסקין מיט די איבעריקע, וועט זיך ניט אָפּשטעלן פאַר אים. און די באָלשעוויקעס האָבן גאַנץ גוט אויפגענומען די סיטואַציע — זיי האָבן אַוודאי ניט געקענט מלחמה־האַלטן אויף צוויי פראָנטן, אי קעגן די מאַסן, און

אי קעגן די דייטשן. די מלחמה מוז אָפּגעשטעלט ווערן. מען מוז אַרויס פון דעם אימפּעריאַליסטישן כּישוף־קרייז, אין וועלכן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן (רעכטע) האָבן זיך פאַרווירט און אַנגעוואָרן די קעפּ און פירערשאַפט.

איבעררײַדן האָפּמאַנען, ווירקן מיט אַגיטאַציע אויף לודענדאָרפן — קנאַפּע האָפענונגען. ווי אַ טויטן באַנקעס — אַזוי האָבן אויף אים געווירקט די „רויטע" רעדעס, וועלכע האָבן ניט געקענט האָבן קיין ממשות, אַזוי גיך ווי זיי זענען געזאָגט געוואָרן אין זיין טרפהנעם דערבייזיין און האָבן, ממילא, געטראָגן אין זיך אַן אומפאַרגעבלעכע סתירה.

אויב יאָ אַזוי, אויב איר גלויבט אין דער נאָענטקייט פון דער רעוואָלוציע — וואָס־זשע קומט איר צו מיר בעטן שלום! וואַרט אַביסל צו און איר וועט מיך געפינען אונטער די רוינעס פון אימפּעריאַליזם. אויב איר רעדט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, כּדי זיך אויפן האַרצן גרינגער צו מאַכן, טאָ דרייט ניט קיין ספּאָדעק, שרייבט־אונטער די פּונקטן, וועלכע איך, דייטשער גענעראַל, דער מנצח, דיקטיר אייך. וועט איר ניט פאָלגן — מאַך איך מיט מײַנע זעלנער, וואָס זענען געטריי, אַ סוף פון אייך — מיט אייער קומען צו מאַכט און געוועלטיקונג.

און באמת, אַ מאָדנע בילד: אַ וועלטרעוואָלוציע אויף די ליפּן — און שלום־אונטערהאַנדלונגען מיט אימפּעריאַליסטן. פרידן האָבן זיי, די באָלשעוויקעס, צו־געזאָגט די מאַסן, אָבער אויף וועלכן אופן? איר מאַכט אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע און אַלע וועלן אייך כהרף־עין נאָכטאָן, און אַ סוף וועט ווערן פון דער מלחמה, ניט ווייל מיר וועלן שליסן אַ באַזונדערן, אַן אָפּגעשמיסענעם שלום, נאָר דערפאַר, וואָס אַלע מיליטאַריסטן וועלן צעגיין אויפן פייער פון דער זיך פונאַנדער־פלאַקערנדיקער וועלטרעוואָלוציע. אָבער דער געזונטער אינסטינקט פון אַ נייעם אויפקומענדיקן קלאַס האָט אים גלייך אונטערגעזאָגט: — שטעל ניט איין אין סכּנה די „סאָציאַלע קאַריערע" פון נייעם קלאַס, דאָס איז גלאַט גערעדט פאַר די מאַסן, וועלכע מיר מוזן דאָך צוזאָגן „גאָלדענע בערג און זילבערנע טאָלן", און וואָס מער צוגעזאָגט אַלץ בעסער, ווייל מיר וועלן פאַרשפּרעכן אַזאַ מאַקסי־מום, וואָס מיר וועלן בשום־אופן ניט בכּוח זיין צו פאַרווירקלעכן. אָבער פאַר זיך מוז מען זיין פּראַקטיש... אויסגערעכנט. ווייל מען פאַרנעמען דעם אויבנאָן, „אָנפירן" די מאַסן, „אָרגאַניזירן" דאָס סאָציאַלע לעבן און געוועלטיקן איבער די „נידעריקע", דאַרף מען האָבן אַ קאַלטן קאָפּ, דאַרף מען זיין כיטרע ווי אַ שלאַנג און אַ בעל־חשבון. אָבער גלייך נאָכגעבן און אַזוי טיף פאַלן איז אוממעגלעך געווען. עס איז זיי ניט אָנגעשטאַנען. פּסיכאָלאָגיש האָבן זיי עס ביי זיך ניט געקענט פועלן און עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס מפּיל־קינד: ניט קיין קריג און ניט קיין שלום. אַזאַ סאָרט זאַך שמעקט מיט סענטימענט, מיט זשעסט, מיט העוויות. אָבער איר ווייסט דאָך פון דער שפּעטערדיקער היסטאָריע, אַז די באָל־שעוויקעס זענען גאָר ניט קיין „סענטימענטאַליסטן". זיי האָבן זיך אָבער אַנ־דערש ניט געקענט אַרויספּלאָנטערן פון דער סתירה, פון דער הויפּט־סתירה: וועלטרעוואָלוציע און סעפּאַראַטן פרידן. זיי האָבן נאָך דעמאָלט דעם דרייסט

ניט געהאַט, וועלכן זיי האָבן באַוויזן אַ סך שפּעטער, אַרויסצוגיין צום עולם און אַראָפּנעמען די מאַסקע פון פּראַזן און זיך אָפּזאָגן, ווי לעניִן האָט גאַנץ אָפן שפּעטער געטאָן: דאָס איז געווען אַן אַגיטאַציע־פּעריאָד...

דאָס, הייסט עס, איז גערעדט פאַר יענעם פּעריאָד, ווען מען דאַרף קריגן די מאַסן, זיי אַריינכאַפּן אין נעץ, זיי אויסנוצן. דעמאָלט זשאָלעוועט מען ניט קיין גוזמאות און ספּורי־נפלאות, אָבער מיר האָבן גאַנץ אַנדערש אין זינען. אין יענעם מאָמענט אַרויסזאָגן אַזעלכע גערדאַנקען בפה־מלא איז געווען געפערלעך צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס די איבעריקע פּאַרטייען זענען נאָך ניט געווען צעדרוזגעט. די מאַסן האָבן זיך נאָך געפילט גאַנץ שטייף, און פאַר אַזעלכע גלוי־דעתן וואָלטן די באָלשעוויקעס געקענט כאַפּן אַ פּסק. האָט מען דעם אָפּנייג פון „פּראָגראַם" פאַרצויגן, באַוויזן, כלומרשט, באַשיינפּערלעך די מאַסן, אַז אַזאַ שלום ווילן זיי ניט, בשום־אויפן ניט, נאַר... מען איז געצווונגען. און עס איז געשאַפן געוואָרן די מאָדנע באַשעפעניש, ניט קיין שלום און ניט קיין קריג!

איך בין געלעגן אַ צוגעשמידטער צום בעט, געלייענט די צייטונג, גע־קריצט מיט די ציין. ווער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שפּיצל צו געבן שפּעטער אַ ביסל אַ גרעסערע אַנעקסיע און אַ העכערע קאָנטריבוציע — אַבי האַטעווען די אייגענע פעל פון נייעם באַלעבאָס פון רוסלאַנד. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער טייוואָלים־שפּיל פון אוועקשטעלן דעם „אייגענעם קלאַס", די אייגענע פּאַרטיי, העכער פון אַלץ. וואָס קענט איר טאָן: „דאָס איז די געשיכטע פון דער מענטשהייט"! יעדער הערשנדיקער קלאַס אידענטיפיצירט זיך אַלע מאָל מיט פּראָגרעס, מענטשהייט, אידעאַל. ער איז גרייט אויפצוברענגען פאַר אַ קרבן אַלץ, אַבי צו געווינען עפּעס פאַר זיך. די עגאָיסטישסטע זאַך אין דער וועלט איז די אָנפירנדיקע סאָציאַלע גרופּע. דער אייגננוץ פון הערשנדיקן קלאַס איז גענוג שטאַרק, אָבער די זעלבסטליבע פון אַ קלאַס, וואָס גייט צו הער־שאַפט, וואָס „קומט־אויף", איז טויזנטער מאָל שטאַרקער. „ניט קיין קריג, ניט קיין שלום". — געוווּנען צייט, זיך איינגעפונדעוועט אַביסל. שטאַרקער געוואָרן. די מאַסן אַביסל צוגעוווינט. אַביסל אין די הענט אַריינגענומען. נאָכדעם האָבן זיי אונטערגעשריבן אַ שלום־אָפּמאַך, וואָס איז געווען אין־לשער ערגער פון דעם ערשטן אָפּגעוואָרפענעם. אָבער דער זשעסט האָט זיי, זיי אַלס אַ גרופּע, גע־בראַכט נוצן. און וואָס דען מער? די אינטערעסן פון דער „אייגענער גרופּע" שטייען העכער פאַר די אינטערעסן פון דעם גאַנצן, פון דעם אַרבעטנדיקן רוס־לאַנד, פון דאָרפישן און שטאָטישן האָרעפּאַשנעם קלאַס, פון וועלטפּראָלעטאַ־ריאַט, פון אַלץ אין דער וועלט און פון דער וועלט. אַלץ, וואָס פירט צום איינ־פונדעווען די נייע סאָציאַלע גרופּע, צום באַשענקען זי מיט פּריווילעגיעס, באַ־זאָרגן מיט ווילשטאַנד — איז גוט און אָננעמבאַר. אַלע טאַטן און מיטלען באַרעכטיקט דער גרויסער „הייליקער" צוועק — דאָס שאַפן אַ נייעם אָנפירנ־דיקן קלאַס, מיט נייע פּריווילעגיעס...

XLV

אַטענטאַט אויף לענינען — פאַני קאַפּלאַן

1

1918; מאָנאַט אויגוסט. דאָס איז געווען אַ שווערע צייט פאַרן סאָוועטישן־רעזשים. דעם 2טן פון דעם מאָנאַט האָבן די ענגלענדער אַרויסגעזעצט צוויי טויזנט זעלנער אין אַרכאַנגעלסק. זיי האָבן אַפּגעשאַפט דעם לאָקאַלן סאָוועט און עטאַבלירט אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג פאַר גאַנץ צפון. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן די בריטישע און פראַנצויזישע אַרמייען פאַרנומען וולאַדיוואָסטאָק. נאָך זיי, דעם 12טן, איז געקומען אַ יאַפּאַנישע דיוויזיע; דעם 15טן און 16טן זענען אָנגעקומען פון די פיליפּינער אינדזלען צוויי אַמעריקאַנער רעגימענטן. מערב־סיביר איז געווען אין די הענט פון די טשעכן. די לעצטע האָבן זיך צעבונטעוועט דעם 29טן מאַי, האָבן פאַרכאַפּט אין ניזשני־נאָווגאָראָד דעם גאָלדענעם פאָנד און זיך געלאָזט גיין קיין סיביר, אומשטירצנדיק אויפן וועג די סאָוועטן און איינ־פירנדיק אַ נייע אָרדענונג. דעם 31טן יולי האָט שוין גאַנץ סיביר געהאַט גע־ביטן אירע קאָלירן, פון „רויט" איז זי געוואָרן „ווייס". דעם 24טן אויגוסט האָבן די ענגלענדער מיט די יאַפּאַנער באַזיגט די רויטע אין אַ שלאַכט לעבן טייך אוססורי.

אין מאָסקווע גופא האָט געהערשט אַ גרויסע אומצופרידנקייט. די „זאַגראַ־דיטעלנע אָטריאַדן" פלעגן אָפּנעמען דאָס מעל סיי פון די זעקטרעגער (מיע־שאָטשניקעס) און סיי פון די אַרבעטער, וועלכע די פאַבריקן האָבן געשיקט איינ־קויפן מעל אין די דערפער. די באַפעלקערונג, אַפילו דער האַרעפּאַשנער טייל, האָט געמורמלט. אויף עטלעכע זאַוואָדן האָבן אויסגעבראָכן שטרייקן. לענין האָט געמוזט אונטערשרייבן אַ דעקרעט, וועלכער האָט דערלויבט, פאַר צוויי חדשים, די שליחים פון די פאַבריקן פאָרן אין די דערפער, וואָס אַרום מאָסקווע אָדער אין אוקראַינע, איינקויפן ברויט, פעטס, מיט איין וואָרט, — שפּייז. אויסערדעם האָבן די באָלשעוויסטישע טוער באַשלאָסן צו אַראַנזשירן מיטינגען אַלע פרייַ־טיק אָוונט אויף די פאַבריקן פון זאַמאָסקוואָריעטשיע און סאָקאָלניקי. מיט פּאָר־טראַגן זענען אַרויסגעטראָטן די באָלשעוויסטישע גדולים, לענין אַריינגערעכנט. זיי האָבן געפילט אַ נויטווענדיקייט צו גיין ריידן צו דער אַרבעטערשאַפט, איר אויפקלערן, געבן צו פאַרשטיין די סיטואַציע.

***

— זעסטו דען אַליין ניט, אַז לענין איז דער איינציקער זייל, אויף וועמען דער גאַנצער באָלשעוויסטישער בנין האַלט זיך! — האָט געזאָגט נ. צו פאַניע קאַפּלאַן־ראַידמען. — די איבעריקע זענען פּרוכנע. ווי נאָר מיר לייגן אים

אַוועק, זענען מיר פאַרטיק מיט דער קאָמיסאַרישער זעלבסטהערשונג. זיי אַן אים קענען ניט עקזיסטירן, זיי וועלן קיין דריי טעג ניט אָנציִען.

פאַניע איז געווען מיט דער זעלביקער מיינונג. זי האָט נאָך מיט אַ פּאָר חדשים צוריק ביי זיך באַשלאָסן, אַז לענינען מוז זי אָפּראַמען פון וועג. אָבער איר האָט זיך געוואָלט אַביסל אונטעראַמפּערן, כדי ביי זיך שטייפער צו ווערן.

— עס איז דאָ אַ קערנדל אמת אין דיין אין אַלגעמיין צו־ברייטער באַהויפּטונג, — האָט פאַני באַמערקט.

— אַ קערנדל! — האָט ג. זיך צעלאַכט, — אַ גאַנץ פעלד פול מיט ווייץ, אויף מיין ערן־וואָרט! ווער איז דאָרטן דאָ אין דער גאַנצער חברותא אויסער לענינען? די באָלשעוויקעס — זיי זענען דאָך אַ טשערעדע ציגן, ער איז דער איינציקער באָק. ווו ער פירט זיי, — גייען זיי; וואָס ער זאָגט — באָמקען זיי צו, מעקען נאָך.

— וואָס איז מכוח טראָצקין? — פרעגט פאַניע.

— ווער איז טראָצקי? אַ פראַזיאָר, אַ פאַזיאָר, אַן אייזל אין פעל פון אַ לייב. נאָר קליינע קינדער שרעקן זיך פאַר אים. דער אמתער וואָרטזאָגער און פירער איז לענין. ער איז אַ פעלדזנשטיין. אים אויפצורייסן פאָדערט זיך דינאַמיט. די איבעריקע זענען זשוויר; מיט אַ רידל קען מען זיי אָפּשאַרן.

ג. שמייכלט סאַרקאַסטיש.

— און וואָס איז מכוח דזשערדזשינסקין, סטאַלינען, בוכאַרינען? — פאַניע לויפט דורך די רשימה פון די גרויסע נעמען.

— קיין איינער פון זיי וואָלט ניט אימשטאַנד געווען צו שטיין אין בראָך.

— דו ביסט גערעכט, — האָט פאַניע מסכים געווען, — קיין איינער פון זיי קען זיך מיט לענינען ניט פאַרמעסטן.

— און דאָס וועט ניט זיין שווער דורכצופירן. דעם קומענדיקן פרייטיק, איך ווייס עס אויף זיכער, וועט לענין זיין אויף מיכעלסאָנס זאַוואָד. ער וועט דאָרטן האַלטן אַ רעדע. איך האָב אייגנטלעך שוין אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן פּלאַן. מיר וועלן ביייווינען זיין רעפעראַט; קומען אַהין ווי „רעכטגלוביקע" צוהערער, וואָס זענען דורשטיק און ווילן טרינקען פון דעם קוואַל פון זיין פּאָליטישער קלוגשאַפט. נאָך זיין פאָרטראַג וועלן מיר שטעלן אַ פּאָר נאַיִווע פראַגן. און בשעת ער וועט זיין פאַרנומען מיטן פאַרענטפערן די האַרבע קשיות אונדזערע... וועלן מיר אים מכבד־זיין מיט אַ פּאָר קוילן... דאָס איז אַלץ — האָט ג. פאַרענדיקט מיט אַ פייערלעכער שטימע פונאַנדערפּעגענדיק זיינע לאַנגע אָרעמס.

— איז דאָ אַ שאַנס אויף צו אַנטלויפן? — פרעגט פאַניע.

— איך גלויב, אַז יאָ. מען קען זיך גאַנץ לייכט אַרויסכאַפּן בשעת דער סומאַטאָכע. דו שטעלסט זיך פאָר וואָס פאַר אַ פּאַניק דאָרטן וועט אויסברעכן, ווען די דונערן וועלן נעמען קנאַלן אינמיטן אַ לויטערער פרידלעכער פאַרזאַמלונג?...

— ניט דערפאַר פרעג איך עס, ווייל איך וויל ראַטעווען מיין פעל. איך בין גרייט צו קויפן זיין טויט מיט מיין לעבן. און איך האַלט, אַז דער פּרייז איז ניט קיין צו הויכער. אָבער, פאַרשטייסט מיך, מיט אַ באָמבע וואָלט איך זיך זיכער

אַן עצה געגעבן. אָבער קיין באַמבע קען מען דאָך ניט וואַרפן אין אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער. און מיט אַ רעוואָלווער בין איך ניט קיין גרויסע מאַכערקע. ווער ווייס, צי איך וועל אים טרעפן. און אויב שוין יאָ טרעפן, צי וועל איך אים אויפן אָרט אַוועקלייגן. אויב נאָר פאַרווונדן, — וועט עס זיין אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

— צילעווע זיך אין זיין בוזעם-ברעטל! זיין ברוסט איז גאַנץ ברייטלעך. אויסערדעם האָסטו דאָך אַ גאַנצע וואָך צייט. אָט האָסטו מיין רעוואָלווער מיט די קוילן. און דערווייל מאַך איבונגען. אין וואַלד קענסטו עס טאָן גאַנץ פריי. די הויפּטזאַך: דיין האַנט זאָל ניט ציטערן. — נ. גיט איר זיין רעוואָלווער. — געדענק, קיינער זאָל וועגן דעם ניט וויסן אויסער מיר און דיר. היינטיקע צייטן קען מען קיינעם ניט טרויען, ניט קיין אייגענעם ברודער און ניט קיין אייגענער שוועסטער אַפילו.

— איך האָב געהאַט בדעה עס צו פאַרטרויען אַ פריינדן מיינער, וועלכע איך קען נאָך פון קאַטאָרגע. איך דענק, אַז זי וואָלט וויליק זיין מיר אַרויסצו־העלפן. אין פאַל מיר געלינגט ניט, וועט זי עס פאַרענדיקן. פאַרגעס ניט, אַז דאָס איז אונדזער ערשטער און לעצטער שאַנס. נאָכדעם וועט שוין לענין מער ניט אַרומפאָרן פראַנק און פריי צו מיטינגען אין אַרבעטער-קוואַרטאַלן, זיך דער־לויבן אַרויסצוטרעטן אויף פאַבריקן, אין ווערקשטאַטן. די באָלשעוויסטישע שררות וועלן ווי די מייז פאַרקריכן אין די לעכער פון קרעמל, און פון דאָרטן וועט מען זיי ניט קענען אַרויסקריגן מיט קיין שום מיטלען אויף דער וועלט.

— פאַניע, איך טרוי אונדזער שטערן. איך בין זיכער, אַז עס וועט זיין מיט גליק. דיין האַנט איז מזלדיק.

— היט אים די טשעקאַ ניט אָפּ? ער מוז דאָך זיין ארומגערינגלט מיט אַ גאַנצן שוואַרם אַגענטן!

— אָבער עס איז דאָך אַ פאַבריקקלוב. וואָס קענען זיי טאָן? זיי קענען דאָך ניט פאַרמאַכן טיר און טויער. איבעריקנס, ביסטו דאָך אַ פרוי. און דאָס בילד פון די פערזאָנען פון זאַמאָסקוואָרעטשיע איז שוין לאַנג פאַרבליאַקעוועט. אַנשטאָט זיי איז אויפגעקומען דער נייער טיפּ רעוואָלוציאָנערע פרוי, ווי אַ שטייגער מאַדאַם קאָלאָנטאַי... און זיי וועלן דיך ניט פאַרדעכטיקן, אויף דיר אַכטונג ניט געבן.

— איך וואָלט וועלן זיך באַקענען מיטן פלאַץ, מיטן קלוב, זיינע אַרויס־גאַנגען און אַריינגאַנגען, — באַמערקט פאַניע.

— דאָס קען איך גרינג איינאָרדענען. איך בין פאַרבונדן מיט די נאַכט־וועכטערס. איך האָב רעאָרגאַניזירט די שמירה. מען פלעגט דאָרטן כסדר גנבע־נען. און ביי דער נאַכט, בשעת איך בין אויף מיין פּאָסטן, וועל איך דיר וויזן אַלץ, וואָס דו דאַרפסט זען.

— דאָס איז אַ גוטער פּלאַן. ווען זאָל איך קומען?

— נאָך האַלבער נאַכט. און אויב עמעצער וועט דיך זען, איז וואָס? אַ נאַכט־באַזוך פון אַ פרוי איז גרינג צו דערקלערן. און די וועכטערס וועלן זיך ניט חקירהן איבער דעם. זיי וועלן זיך האַלטן פאַר דאָס אויבערפלעכלעכע און

מענטשלעכע און אויף מאָרגן וועלן זיי עס פאַרגעסן. זיי וועלן עס צומאָל אַפילו ניט דערמאָנען.

— וועלכע נאַכט? — פרעגט פאַניע.

— מאָנטיק־צו־נאַכט, — ענטפערט ג. און בייטנדיק דעם טאָן, נעמט ער דעקלאַמירן: — פאַניע קאַפּלאַן וועט באַפרייען רוסלאַנד פון דעם אומגעהויער, פון דעם דראַקאָן... פאַניע קאַפּלאַן וועט זיין דער ברוטוס פון דעם פּראָלעטאַרישן צעזאַר! אָט אַזוי שרייבט זיך אַ געשיכטע און ווידערהאָלט זיך.

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן און זאָג ניט „האָפּ" איידער דו ביסט אַריבערגעשפּרונגען, — האַקט אים איבער פאַניע אומצופרידן.

2

דעם 30טן אויגוסט, פרייטיק.

זינאָוויעוו האָט אָפּגערופן לענינען דורכן טעלעפאָן און אים געלאָזט וויסן, אַז אוריצקי איז דערשאָסן געוואָרן.

אוריצקי איז געווען דער גרינדער, דער פאָטער, פון דער טשעקאָ. דערנאָך, ווען דער גאַנצער סאָוונאַרקאָם (דער ראָט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן) האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין מאָסקווע, איז די טשעקאָ אויך אַריבערגעפירט געוואָרן און פעליקס עדמונדאָוויטש דזשערדזשינסקי איז געוואָרן פּרעזידענט פון דער מאָוימדיקער אינסטיטוציע. אוריצקי איז פאַרבליבן אין פּעטראָגראַד. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמיסאַר פאַר אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון דער צפון־קאָמונע.

לענין, דערהאַלטנדיק די שלעכטע בשורה, האָט גלייך געלאָזט עס וויסן דזשערדזשינסקין; ער האָט אים באַפוילן אָפּצופאָרן מיטן ערשטן עקספּרעס קיין פּעטראָגראַד און אויספאָרשן די זאַך אויף־אָן־אָרט און אויסראָמען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. דזשערדזשינסקי איז אָפּגעפאָרן אָן שהיות.

דער קאָמענדאַנט פון קרעמל פלעגט אויף פרייטיק קריגן צוגעשיקט אַ היפּש ביסל טשעקיסטן. עס איז געווען זיין פליכט און פּריווילעגיע אָכטונג צוגעבן, אַז לענין זאָל ניט ניזוק־ווערן אויף זיינע „אַראַטאָרישע עקסקורסיעס", ווי זיינע פרייטיקדיקע אַרויספאָרן זענען באַצייכנט געוואָרן אַביסל סאַרקאַסטיש פון די הויכגעשטעלטע באָלשעוויסטישע באַאַמטע. וווהין לענין איז געפאָרן, זענען אים עטלעכע טשעקיסטן פאָרויס און נאָכגעפאָרן. זיי פלעגן באַוואַכן די פּלעצער, וועלכע לענין האָט באַזוכט.

דעם פרייטיק, צוליב דזשערדזשינסקיס פּלוצלינגן אָפּפאָר, האָט געהערשט אַ פאַרווירעניש אין דער „אַלרוסישער עקסטראַאָרדינערער קאָמיסיע" און קיינער פון די אַגענטן האָט זיך ניט געיאָוועט.

דער קאָמענדאַנט איז געווען זייער אומרויִק און ער האָט אָפּגערופן די טשעקאָ.

— זיי זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. אַזוי פיל הויזזוכונגען און איבערפאַלן, אַז עס קלעקן קיין מענטשן ניט, — האָט געענטפערט דער קאָמענדאַנט פון טשעקאָ.

— היינט איז דאָך פּרייטיק! איך מוז האָבן אַן אָפּטיילונג! — האָט דער קאָמענדאַנט פון קרעמל געשריגן אין טעלעפאָן און זיך גוט אויסגעזידלט.

— גוט, איך וועל איבערגעבן עס צו חבר קסענאָפאָנטאָוו. דאָס איז אַלץ וואָס איך קען טאָן.

אַ האַלבע־שעה איז פאַרלאָפן. דער קאָמענדאַנט פון קרעמל איז געוועזן אויסער זיך. אין פאַל פון אַ קאַטאַסטראָפע, ווער וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך, אויב ניט ער? און ער האָט אָפּגערופן דעם פּרעזידענט פון דער טשעקאַ.

— דזשערדזשינסקי איז אָפּגעפאָרן, ניט אָפּגעבנדיק קיין שום פאַראָרדע־נונגען. די יאַטן זענען אַלע פאַרנומען אויף דער סוכאַריאָווקע, זיי האָבן אַרומ־גערינגלט אַלע „מיעשאָטשניקעס", פאַרכאַפּט דעם גאַנצן מאַרק מיט ספּעקו־לאַנטן, טויזנטער מענטשן. עס איז קיין קלייניקייט ניט. האָב געדולד, ווי נאָר זיי קומען אָן, וועל איך אייניקע פון זיי דיר גלייך אַריבערשיקן, — האָט אָפּגע־ענטפערט דער סעקרעטאַר פון פּרעזידיום.

דער קאָמענדאַנט האָט אַ שליידער געטאָן דעם טעלעפאָנרער, וואַרטשענדיק.

פאַרנאַכט האָבן זיך באַוויזן עטלעכע טשעקיסטן. דער קאָמענדאַנט האָט זיי געגעבן די אַדרעסן פון די מיטינגען, וועלכע לענין וועט באַזוכן. אָבער מי־כעלסאָנס זאַוואָד האָט ער אויסגעלאָזט.

מען האָט זיך געדאַרפט היטן פאַר די רעכטע עלעמענטן. אָבער מיכעלסאָנס פאַבריק האָט געהאַט אַ שם איבער גאַנץ מאָסקווע ווי איינע פון די לינקסטע. די אַרבעטער האָבן איבערגענומען די פאַבריק נאָך פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלו־ציע און האָבן איר אַליין פאַרוואַלטעט, ניט דערוואַרטנדיק זיך אויפן דעקרעט פון וציק (אַל־רוסישן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט), ער זאָל סאַנקציאָנירן די „עקס־פּראָפּריאירונג" פון פאַבריקן און זאַוואָדן. די אַרבעטערשאַפט אויף מיכעלסאָנס פאַבריק זענען געווען אָדער באָלשעוויקעס אָדער גאָר אַנאַרכיסטן. און זיי האָט מען לעניגען געקענט זיכער אָנטרויען.

אינאָווענט, שפּעטער־צו, ווען לענין איז אַרויסגעפאָרן מיט זיין שטענדיקן שאָפער, האָט אים דער קאָמענדאַנט אָפּגעשטעלט. מיט האַלבע ווערטער און גע־ברוכענדיק צווידייטיקע אויסדרוקן האָט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די וואָך איז דאָס מאָל ניט־אָרגאַניזירט ווי עס באַדאַרף־צו־זיין; ווייניק מענטשן אַוועקגעשיקט און צו שפּעט.

לענין האָט עס געמאַכט פאַר קלייניגעלט, שטותערייען. ווער דאַרף זיי האָבן? די אַרבעטער זענען ניט געשטימט פיינטלעך. און קיינער דאַרף אים ניט באַ־שירמען און באַשיצן קעגן זיי. און די אַרבעט, וועלכע ער טוט אין די פאַבריק־קלובן, איז פון גאָר אומשולדיקן כאַראַקטער. ער פאַרנעמט זיך מיט אויפקלערן די אַרבעטער, זיי זאָלן וויסן די לאַגע, אין וועלכער דער סאָוועט־רעזשים גע־פינט זיך.

— עס איז ניט ראַטזאַם אַרויסצופאָרן היינט, אונטער אַזעלכע אומגינסטיקע אומשטענדן, — האָט דער קאָמענדאַנט זיך ביי אים געבעטן, — מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק, מען דאַרף זיך ניט צופיל איינשטעלן, מיר האָבן נאָר איין איליטשן (וולאַדימיר איליטש, אַזוי האָט מען לענינען גערופן אין יינגערע קרייזן)...

אָבער לענין האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט.

— דער קאָמענדאַנט איז אַן איבערגעשראָקענער, — האָט לענין באַמערקט ווי אַן ענטפער. ער האָט אָ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט ביטול און אויף אַמאָל געגעבן מיט דעם אַ צייכן דעם שאָפער, אַז ער זאָל פאָרן. זיי זענען אַדורך דעם ספּאַסקין־טויער.

לענין האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט גענומען צוגרייטן אין קאָפּ זיין רע־פעראַט וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע אונטערן נאָמען „די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט קעגן דער דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע".

3

אויף מיכעלסאָנס זאַוואָד איז לענין אָנגעקומען שפּעטלעך, אַרום צען אַזייגער אינאָוונט. ער איז פאַר דעם געווען אויף אַן אַנדערן מיטינג. ווען לענין איז אַריין, איז דער קלוב שוין געווען פול געפּאַקט מיט צוהערער. אַלע זענען געווען אומגעדולדיק. זיי האָבן געוואָלט הערן, וואָס לענין האָט צו זאָגן וועגן דער פאַרפּלאָנטערטער לאַגע און איבערהויפּט שטעלן ברויטפּראַגן.

אַן לאַנגע פאַרשטעלונגען מצד דעם פּאָרזיצער און אַן אַ לאַנגער פּאָררעדע איז לענין צוגעטראָטן צו זיין טעמע.

ער האָט גערעדט ווי זיין שטייגער איז געווען צו רעדן.

איין האַנט האָט ער געהאַלטן אין דער הויזנקעשענע און מיט דער צווייטער האָט ער הייס, פיבעריש, כמעט מעשה־ייִד, זשעסטיקולירט. דערנאָך געביטן די הענט; די זשעסטיקולירנדיקע האַנט געלאָזט אָפּרוען אין קעשענע און די אויסגערוטע האַנט גענומען צו דער אַרבעט. זיין שטימע איז געווען שטאַרק, טאָנפול, אָפּהילכיק, אָבער הייזעריקלעך און אַ רעכט ביסל אומאָנגענעם, ווי איינער וואָלט זעגן. גערעדט האָט ער מיט היץ, מיט אַ ברען, מיט אַ טיפער און פלאַמענדיקער איבערצייגונג. און דאָ און דאָרט האָט ער זיך פאַרגינען אַ לצנותעל, אַ סאַרקאַסטישע אָנמערקונג אויפן חשבון פון זיינע פּאָליטישע קעגנער, וועלכע ער האָט אָגולנע באַצייכנט ווי סאָציאַל־פאַררעטער. לענין האָט פאַרמאָגט אַ חוש פאַר הומאָר און ער האָט עס געברויכט. ער האָט זיינע אָפּאָנענטן ניט געשאַנעוועט, געמאַכט פון זיי אַ תל. אָפּגעשלאָגן זייערע אַרגומענטן און דערנאָך חוזק געמאַכט פון זיי, זיך ווי איזדעקעוועט איבער זייערע האַפּטלאָזע טעאָריעס און אַנשויאונגען. אין רעדן איז לענין געווען אַ קאָמבינאַציע פון אַ פּראָפעט און אַ ציניקער אויף איין מאָל. ער האָט אָפּגעשפּאָט פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, פון די מענשעוויקעס פון אַלע שאַטירונגען. גערעדט מיט גרימצאָרן קעגן טשערנאָוו און קאָמפּאַניע, מאַרטאָוו און קאָמפּאַניע. יעדן פירער פון דער אָפּאָזיציע האָט ער באַשאַנקען מיט אַ קאָמפּאַניע, מאַכנדיק פון זיי געשעפּטספּירמעס... און גלייך אויף אַן אָרט האָט ער זיך צעשטראַלט מיט זוניקע בילדער פון דעם צוקונפטיקן גן־עדנישן רעזשים אין רוסלאַנד, וועלכן ער מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי גייען איינפירן במהרה בימינו. לענין האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקן סינטעז פון אַ גלויביקן, עקזאַלטירטן, נאַיוון טרוימער און צוקונפטזעער און אַ ביטערן, דורכגעטריבענעם, אויף אַלע זייטן אויסגעריבענעם טאַטער.

די צוהערער האָבן נאָכגעפאָלגט יעדעס וואָרט זיינס. זיי האָבן זיך באַטיי־

ליקט אין די אַרגיעס פון אָפּשפּעטעריי, ענטפערנדיק מיט אויסברוכן פון געלעכ־טער. זיי האָבן זיך פאַרטאָיעט אין שטילשווייגן, איבערלעבנדיק די ברענענדיקע יסורים און ווייטיקדיקע באַליידיקונגען פון זייער היסטאָרישן נעכטן. און זיי האָבן געקראָגן פליגל און זיך געלאָזט פליען צו די הימלען צו, אויפנעמענדיק שוין פאָרויס די פריידן פון דעם ליכטיקן מאָרגן, וועלכן לענין האָט זיי צוגע־זאָגט. זיי האָבן געזען לענינען אַרויסטרעטנדיק אין צוויי ראָלעס: אַלס חבר־קרבן פון דער פינצטערער פאַרגאַנגענהייט און אַלס אַקושאָר פון דער ליכטיקער צוקונפט.

לענין האָט פאַרענדיקט זיין פאָרטראָג.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פראַגן־פּעריאָד. אייניקע האָבן זיך אויפגע־שטעלט און געשטעלט זייערע פראַגן מינדלעך, אַנדערע האָבן צוגעשיקט צעטע־לעך. לענין האָט אַלעמען געענטפערט. ער האָט באַהאַנדלט מיט דער זעלביקער ערנסטקייט סיי די קלוגע און סיי די נאַרישע שאלות, וואָס מען האָט אים דאָ געשטעלט.

פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך געלאָזט גיין, מיטן גאַנצן עולם, צום אַרויס־גאַנג. אַ גימנאַזיסט מיט אַ גימנאַזיסטישן אוניפאָרם האָט אים איבערגעהאַקט דעם וועג און לענין האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר עטלעכע סעקונדעס. דערנאָך איז אַ פרוי מיטן נאָמען מ. ג. פּאָפּאָווא צוגעגאַנגען צו אים.

ווי דאָס טראַגישע וויזט זיך, מוז, אַפּנים, דאָס קאָמישע גלייך צוקומען אַלס באַגלייטער. פּאָפּאָווא איז געווען אַ פּשוטע באַבע. זי איז געווען אַן אויפּפּאַסערן אין אַ שפּיטאָל. זי האָט האַלט געהאַט אַריינצושטעקן די נאָז אומעטום, טרייבן פּליאָטקעס, אָנפירן רכילותן צווישן די אָנגעשטעלטע. אין שפּיטאָל פלעגט מען איר רופן די „גייענדיקע ציַיטונג״. אַ קרובה אירע האָט עס איר געלאָזט וויסן, אַז זי קען האָבן די מעגלעכקייט היינט ביינאַכט צו זען לענינען און כאַפּן מיט אים אַ שטיקל שמועס.

און פּאָפּאָווא האָט עס געפרעגט לענינען, פאַרוואָס מען האָט צוגענומען פון אירער אַ באַקאַנטער צוואַנציק פונט מעל. לענין האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ גוט־מוטיקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. ער האָט איר געגעבן צו־פאַרשטיין, אַז די סאָוועטן באַקעמפן נאָר די „ספּעקולאַנטן״, אָבער ניט אָרנט־לעכע, האָרעפּאַשנע מענער אָדער פרויען.

אין דער מינוט האָבן זיך דערהערט דריי רעוואָלווער־שאָסן; איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי אָפּגעהילכט מיט אַ קורצן אינטערוואַל.

לענין איז אַנידערגעפאַלן אַ פוס צוואַנציק פון זיין אויטאָמאָביל, מיט אַ זעץ אַן דער ערד און אַרויסלאָזנדיק אַ טיפן קרעכץ.

די ערשטע קויל האָט דורכגעשניטן אַ רויט שטעגעלע דורך זיין ברוסט און איז פאַרבליבן שטעקן אין דעם אויבערשטן טייל פון זיין לונג. די צווייטע קויל איז פאַרבליבן אין האַלדז. איין האָר האָט געפעלט, אַז זי זאָל איבערשניידן די בלוט־אַרטעריעס און דעמאָלט וואָלט לענין געהאַט געשטאָרבן גלייך אויף אַן אָרט. די דריטע קויל האָט דורכגעלעכערט זיין מאַנטל, פאַרטשעפּעט זיין פּידזשאַק און זיך אָפּילו ניט צוגערירט צום לייב.

אַלזאָ, ער האָט געשפּילט מיט גליק. ווען די קויל גיט זיך אַ קערעווע אַביסעלע אָן אַ זייט, וואָלט ער געוואָרן אַ פּאַרטיקער.

פּאַניעס געזיכט האָט אויסגעזען אין דער מינוט ווי פאַרכמורעט, אַזוי אינ־טענסיוו קאָנצענטרירט איז זי געווען, אָבער אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט גליקזעליקייט.

אָפּגעטאָן איר שטיקל אַרבעט, האָט זי זיך געלאָזט פּאַמעלעך גיין צום טויער. זי איז אַדורך צווישן צוויי שורות מענטשן, וועלכע זענען געבליבן שטיין ווי פאַרכישופטע, געפּלעפטע. זיי האָבן ניט געהאַט די העזה איר אָפּצושטעלן, איר צו פאַרהאַלטן. זיי האָבן איר נאָר נאָכגעפאָלגט מיט זייערע בליקן, וועלכע זענען געווען ווי מאַגנעטיש צוגעצויגן צו איר. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן וואַרטן, אַז זי זאָל נעלם ווערן, און דער משונהדיקער צויבערשפּרוך, וועלכער האָט פּאַראַליזירט זייער ווילן, זאָל אָנווערן זיין כוח מיט איר פאַרשווינדן.

ווי נאָר זי איז געווען אויף יענער זייט טויער, האָט מען זיך געלאָזט לויפן איר כאַפּן.

סטעפּאַן ניקאָלאַיעוויטש באַטולין, דער געהילפסקאָמיסאַר פון מאָסקווער קריגסראַט, ווי אַלע אַנדערע פון דער מענגע, האָט זיך געלאָזט לויפן. אויף סער־פּוכאָווסקן־פּלאַץ האָט ער דערזען צוויי יונגע מיידלעך לויפן. ער האָט אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען אומשולדיק. זיי אַנטלויפן מער ניט דערפאַר, ווייל דער עולם יאָגט זיי נאָך און זיי זענען דערשראָקן. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט, זיך גענומען אַרומקוקן. ער האָט באַמערקט ווי אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק שטייט אָנגעלענט אָן אַ בוים. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שירעם און אין דער אַנדערער אַ פּאָרטפעל. זי האָט אויסגעזען אַזוי אויפגערעגט, איבער־געשראָקן, אַז ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זי, כאָטש ער איז ניט געווען אינגאַנצן זיכער.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט איר באַטולין געפרעגט.

— צוליב וואָס דאַרפט איר עס וויסן? — האָט די פרוי געענטפערט מיט אַ פראַגע.

ער האָט איר אַרעסטירט. אייניקע פון דער מענגע האָבן איר גלייך דער־קענט.

— זי האָט עס געשאָסן! זי האָט עס געשאָסן! — האָבן זיך געהערט שטימען פון אַלע זייטן.

אַ גרויסער המון איז זיך צונויפגעגלאָפן. זיי האָבן איר געוואָלט לינטשן. מיט גרויס מי און מיט דער הילף פון אַ פּאָר פּאָליציאַנטן און רויטאַרמייער האָט איר באַטולין צוגעשטעלט אין קריגסקאָמיסאַריאַט און זאַמאָסקוואָרעטשיע. פון דאָרט האָט מען איר אַריבערגעפירט אין דער טשעקאַ.

דער ערשטער, וואָס האָט איר גענומען אויפן פאַרהער, איז געווען קורסקי, דער יוסטיצקאָמיסאַר. דער נאָך האָט איר אויסגעפרעגט דער „באַרימטער" קאָ־מיסאַר פון טשעקאַ, דער לאַטיש פּעטערס.

דאָס איז געווען 11.30 ביינאַכט.

און אָט האָט איר פאַניעס דעפּאָזיציע:

„איך, פּאַניע עפּימאָוונאַ קאַפּלאַן (אין יידיש: פייגע), אונטער דעם נאָמען בין איך געזעסן אין אַקאַטואי. דעם נאָמען טראָג איך זינט 1906. איך האָב היינט געשאָסן אין לענינען. איך האָב עס געטאָן אויף מיין אייגענעם באַשלוס. ווי פּל מאָל אויסגעשאָסן — געדענק איך ניט. פון וועמענס רעוואָלווער איך האָב געשאָסן — וועל איך ניט זאָגן. איך וועל ניט געבן קיין איינצלהייטן. איך בין ניט געווען באַקאַנט מיט דער פרוי, וואָס האָט גערעדט מיט לענינען (פּאָפּאָוואַ). דער באַשלוס צו שיסן לענינען איז שוין ביי מיר לאַנג צייטיק־געוואָרן. איך האָב געוווינט פריער אין מאָסקווע. אין פּעטראָגראַד קיינמאָל ניט. די פרוי, וועל־כע איז דערביי געווען, איז מיר אַבסאָלוט אומבאַקאַנט. איך האָב געשאָסן אין לענינען דערפאַר, וואָס איך האַלט אים פאַר אַ פאַררעטער פון דער רעוואָלוציע און זיין ווייטערדיקע עקזיסטענץ וואָלט אונטערגעריסן דעם גלויבן אין סאָציאַליזם. אין וואָס עס באַשטייט זיין אונטערגעריסן פון סאָציאַליזם — וויל איך ניט דער־קלערן. איך האַלט זיך פאַר אַ סאָציאַליסטקע. צו קיין פּאַרטיי געהער איך איצ־טער ניט. אַרעסטירט בין איך געווען אין 1906 אַלס אַן אַנאַרכיסטקע. איצטער רעכן איך זיך מער ניט צו צו די אַנאַרכיסטן. צו וועלכער סאָציאַליסטישער גרופּע איך געהער — האַלט איך איצטער ניט פאַר נויטיק צו זאָגן. אין אַקאַטואי בין איך געווען פאַרשיקט פאַר באַטייליקן זיך אין וואַרפן אַ באָמבע אין קיעוו.

„ביז זעכצן יאָר האָב איך געהייסן ראָידמאַן. איך בין געבוירן געוואָרן אין וואָלינער גובערניע. דעם אויעזד געדענק איך ניט. מיין טאַטע איז געווען אַ מלמד.

„איך בין געקומען צום מיטינג זיבן אַזייגער. ווער עס האָט מיר געגעבן דעם רעוואָלווער — וועל איך ניט זאָגן. איך האָב מיט זיך ניט געהאַט קיין מיט־גלידקאַרטע פון קיין שום פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. איך אַרבעט ניט שוין אַ לענגערע צייט. פון וואַנען איך האָב געלט, — דאָס וועל איך ניט זאָגן.

„עלף יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין קאַטאָרגע. איך באַשטעטיק, אַז איך בין אַנגעקומען פון קרים... איך ווייס גאָרניט וועגן דער טעראָריסטישער אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט סאַווינקאָוון. ריידן וועגן דעם וויל איך ניט. צי איך האָב באַקאַנטע צווישן די אַרעסטירטע אין אַטעקאַ — ווייס איך ניט. צו דער איצטיקער מאַכט אין אוקראַינע פאַרהאַלט איך זיך נעגאַטיוו. ווי איך באַצי זיך צו דער סאַמאַרער (רעכטער ס. ר. — טשערנאָוו) און אַרכאַנגעלסקער (טשייקאָווסקי) רעגירונג — וויל איך ניט ענטפערן".

דעם 31טן אויגוסט, 2.25 פאַרטאָג.

אויפן פאַרהער האָט זי זיך מודה געווען, אַז זי געהערט צו דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, צום רעכטן פליגל. האָט אָבער באַין־אופן ניט אויס־געזאָגט, ווער עס האָט איר געגעבן דעם רעוואָלווער.

„אין 1906 בין איך געווען אַרעסטירט אין קיעוו... די באָמבע האָט אויפ־געריסן, און איך בין געווען פאַרוווּנדעט. די באָמבע האָב איך געהאַט פאַר אַ טעראָריסטישן אַקט. געמשפּט האָט מיך אַ קריגסגעריכט אין קיעוו. מען האָט מיך פאַראורטיילט אויף אייביקער קאַטאָרגע. איך בין געזעסן אין מאַלצעווער קאַטאָרזשנער טורמע און דערנאָך אין אַקאַטואי. נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען מיך באַפרייט און איך בין געקומען קיין טשיטאַ. דערנאָך אין מאַנאַט אַפּריל

בין איך געקומען קיין מאָסקווע. אין אָקטאָבער בין איך געזעסן צוזאַמען מיט מאַריאַ ספירידאָנאָווגאַן. אין געפענגעניש האָבן זיך פאַרמירט מיינע אַנשויאונגען, פון אַן אַנאַרכיסטקע בין איך געוואָרן אַ סאָציאַליסטקע־רעוואָלוציאָנערקע. מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען האָב איך געביטן דערפאַר, וואָס צו די אַנאַרכיסטן בין איך צוגעשטאַנען, ווען איך בין נאָך געווען זייער יונג. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט מיך געפונען אין כאַרקאָוו, אין אַ שפּיטאָל. מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע בין איך געווען אומצופרידן, זיך פאַרהאַלטן צו איר נעגאַטיוו. איך בין געווען פאַר דער גרינדונגספאַרזאַמלונג און איך בין איצטער אויך דערפאַר.

„מיינע עלטערן זענען אין אַמעריקע. זיי זענען אַוועקגעפאָרן אַהין אין 1911. איך האָב פיר ברידער און דריי שוועסטער. זיי זענען אַלע אַרבעטער. אַ דערציִונג האָב איך געקראָגן אַ שטוביקע.

„איך האָב געשאָסן אין לענינען. איך האָב עס באַשלאָסן צו טאָן נאָך אין מאָנאַט פעברואַר... פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך גענומען צוגרייטן צו דעם טריט“.

XLVI

„לעאָנטעוועסקי פּערעולאָק“

(אַ באָמבע געוואָרפן אין מאָסקווער־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי)

קינדער פרעגן אָפט די פראַגע: ווער איז גרעסער, — משה צי אַהרן? אין רוסלאַנד איז אויך גאַנץ אָפט געשטעלט געוואָרן די זעלביקע פראַגע: ווער איז וויכטיקער, טראָצקי צי לענין, דער טעאָרעטיקער צי דער רעדנער? די פראַגע איז ניט געווען גלאַט אַזוי אַן אַקאַדעמישע. ניין! עס איז געווען אַ הלכה־למעשה. עס איז געווען אַקטועל. און דאָס פּראָבלעם איז באַהאַנדלט געוואָרן גאַנץ ערנסט אין די אַנאַרכיסטיש־טעראָריסטישע קרייזן. און כמעט אַלע מאָל זענען די דעבאַטאַנטן געווען גענייגט אָנצונעמען, אַז טראָצקי איז „וויכטיקער“, וואָס דאָס האָט געמיינט, אויף זייער לשון, שעדלעכער, און דעריבער דאַרף מען אים „ליקווידירן“. מיר איז אויסגעקומען בייצווווינען די וויכוחים. און איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז אפשר ליגט דאָ גאָר אַ פאַרבאַהאַלטענער אַנטיסעמיטיזם. און ווי טראָצקי איז מיר געווען אומסימפּאַטיש פּערזענלעך, האָב איך אים אַלע מאָל פאַרטיידיקט. מיינע אָפּאָנענטן האָבן אָבער געטענהט, אַז לענין איז ערלעכער, מענטשישער, כמעט גענויגט צום אַנאַרכיזם, בשעת טראָצקי איז אַ דם־שונא פון פרייהייט. ער איז די פאַרקערפּערונג פון דער ברוטאַליטעט אין דער דיקטאַטור. קיין שום לאָגישע אַרגומענטן האָבן זיי ניט געהאַט דערפאַר. אָבער עמאָציאָנעל זענען זיי זיכער געווען גערעכט. לענין איז געווען אַן עניו, צוגעלאָזן, איינפאַך

אין זיין באַנעמען זיך, און אַ לעגענדע האָט זיך שוין גענומען וועבן אַרום אים. בשעת טראָצקי איז געווען ביי זיך פּאַרריסן, שטאָלץ ווי לוציפער.

איך ווייס פון אַ פאַל, ווען דזשערדזשינסקי, דער פּרעזידענט פון דער טשעקאַ, איז געפאָרן אין איין אויטאָמאָביל מיט לענינען. סאָבעליאָוו, אַן אַנאַר־כיסט־טעראָריסט, וועגן וועמען מיר ריידן דאָ ווייטער, איז געשטאַנען גרייט צו וואַרפן אַ באָמבע אין דזשערדזשינסקין. נאָר מחמת דעם, וואָס לענין וואָלט מסתמא אומגעקומען מיט אים, איז דזשערדזשינסקיס לעבן געראַטעוועט גע־וואָרן. ווי נעגאַטיוו די עקסטרעמע אַנאַרכיסטן האָבן זיך ניט פאַרהאַלטן צו דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור, האָבן זיי פאָרט געהאַט אַפשיי פאַר לענינען. דאָס איז אַלץ גערעדט אין 1918. אין 1919 אָבער האָט דער ריס אין לינקן פראָנט זיך אַזוי מאַוימדיק פונאַדערגעעפנט, אַז סיי די „אונטערערדישע אַנאַרכיסטן" און סיי דער לינקער פליגל פון די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (טשערע־פּאַנאָוו איז געשטאַנען אין זייער שפּיץ) האָבן זיך דערקלערט פאַר טעראָר קעגן די באָלשעוויסטישע דיקטאַטאָרן. לענין האָט געזאָלט זיין דער ערשטער קרבן.

פּיאָטער וואַסיליעוויטש סאָבעליאָוו איז געווען דער פירער פון דער טע־ראָריסטיש־אַנאַרכיסטישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געשטאַמט פון פּויערים פון טולער גובערניע. געווען איז ער אַן אַרבעטער אויף דעם פּוטילאָווסקי־זאַוואָד און פּעטראָגראַד. אַלט אַ יאָר עטלעכע אין צוואַנציק, הויך און שלאַנק ווי אַ סאָסנעבוים. זיינע באַקן האָבן געבליט ווי רויזן, און זיי האָבן זיך געפּאַסט מער פאַר אַ מיידלשן פּנים ווי פאַר אַ פּרצוף פון אַ „געפּערלעכן יונג", אַ טעראָריסט. זיינע ליפּן, דאָס אייגענע — רויט, פריש, צערטלעך. די אויגן טיפע, הימל־בלויע און אומשולדיקע, ווי א הימל קען זיין. אַ האַרציקייט האָט פון זיי אַרויסגעשיינט. אַ שמייכל האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעטאָן פון זיין מויל, ער איז דאָרטן געהאַנגען פונקט ווי אַ שילד מיט אַ „מילאָסטי פּראָסים" איבער אַ רוסישער קרעטשמע.

אונטער די זאַכן האָט ער געטראָגן אַ גורט אָנגעשאָטן מיט דינאַמיט. ער האָט עס גערופן די „הינדענבורגער ליניע", ד"ה, טאָמער וויל מען אים אַרעס־טירן, וועט מען ניט קענען צוקומען צו אים, ווייל ער וועט זיך און „זיי" אויפ־רייסן.

די הויפּטקוואַרטיר פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען אויף אַרבאַט 30. אָבער דערצו נאָך האָבן זיי געהאַט אַ צווייטע קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר און דאָס איז געווען אַ דאַטשע (זומערוווינונג) אין קראַסקאָוואָ, אויף דער קאַזאַנער באַן־ליניע, ניט ווייט פון מאָסקווע. דאָרט האָבן זיי געהאַלטן די סקלאַדן דינאַמיט און דאָרטן איז אויך געווען די „לאַבאָראַטאָריע", ווו מען האָט צוגעגרייט די באָמבעס. די דאַטשע איז פאַרוואַלטעט געוואָרן, לפנים, פון צוויי פרויען, איינע האָט געהייסן מינע, די צווייטע טאַניע.

1

25טן סעפּטעמבער, 1919.

די פאַרזאַמלונג פון די אַגיטאַטאָרן און פּראָפּאַגאַנדיסטן, פאַררופן פון מאָסקווער קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין זייער לאָקאַל אויף לעאָנטעווסקי געסל, האָט געדאַרפט פאָרקומען היינט אָוונט.

פיאָטער סאָבעליאָוו האָט ערגעץ געקראָגן אַ פּאַרטייבילעט און מיט אים איז ער אַריין אין זאַל אַרום 8.15. ער איז אַדורך דעם גרויסן אוידיטאָריום, אויסגעמיטן די קופּקעלעך מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען דאָ־דאָרטן און גע־שמועסט צווישן זיך. ער איז גלייך אַוועק צו דער טיר, וואָס עפנט זיך אויפן באַלקאָן. דער אָוונט איז געווען אַ שטיקנדיקער. און מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס וויל כאַפּן אַביסל פרישע לופט, איז ער אַרויס אויפן באַלקאָן. די גלעזערנע טיר איז געווען פאַרהאַנגען. ער האָט איר פאַוואָלינקע, שטילענקערהייט, צוגע־מאַכט הינטער זיך, אַזוי, אַז מען זאָל אים פון זאַל ניט קענען זען. אויף יענער זייט צוים זענען געשטאַנען מישאַ גרעטשאַניקאָוו און יאַשאַ גלאַגאָזאָן. ער האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אַ שטריקל. צום שטריקל האָבן זיי צוגעבונדן אַ באָמבע, און פּיאָטער סאָבעליאָוו האָט זי פאָרזיכטיק אַרויפגעצויגן און אַוועקגעלייגט אויפן גאַניק.

אויפן באַלקאָן האָט זיך סאָבעליאָוו געפילט עפּעס ווי אַ מין רואה־ואינו־נראה. און דורך אַ שפּעלטל פון טיר האָט ער באַאָבאַכט די יעניקע, וועלכע זענען אַריינגעקומען.

— די גרויסע בערן זענען נאָך ניטאָ, — האָט ער באַמערקט צו זיך אַליין. אויפהייבנדיק די אויגן און באַטראַכטנדיק דעם הימל איבערן קאָפּ, האָט ער אַ שמייכל געטאָן.

— וואָלקנדיק, דאָס איז גוט. די לבנה וועט זיך ניט מישן אין מיינע גע־שעפטן, — האָט ער געטראַכט צופרידן.

פּלוצים האָט ער באַמערקט, אַז באַראַנאָווסקי איז אַריין. ער איז געווען בלייך און אַ ריכט ביסל אויפגערודערט.

— ער איז נערוועז, ער איז ניט זיכער, אַז איך בין שוין דאָ.

סאָבעליאָוו האָט אַביסעלע געעפנט די טיר און איז אַרויסגעקומען, וואַק־לענדיק זיך. ער האָט געבלאָזן פון זיך און געפּאַכעט מיטן היטל. ער איז געווען פאַרשוויצט, און עס איז געווען זייער דושנע. די פענצטער פון זאַל זענען אַלע געווען צוגעמאַכט אַלס אַ פאָרזיכטיקייטס־מיטל.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען באַראַנאָווסקין, כמעט אָנרירנדיק זיך מיט די אַקסלען. ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט זעענדיק אים. באַראַנאָווסקי, ווי נאָר ער האָט באַמערקט סאָבעליאָוון, איז געוואָרן אַ לעבעדיקער. און בכדי צו באַ־האַלטן די ענדערונג, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען, האָט ער זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און האָט גענומען זייער פלייסיק שנייצן די נאָז.

— טאָוואַרישטש, אַזויערנאָך ווערסטו דאָך אויפרייסן דאָס הויז, — האָט אים האַלב אין שפּאַס פאַרגעהאַלטן איינער פון די אַגיטאַטאָרן. נאָך אַ מינוט האָט ער צוגעגעבן: — עס איז שוין צייט זיך אָפּצוגעווינען פון די דאָרפישע זיטן; דו ביסט אין מאָסקווע און אַ מיטגליד פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי, פאַרגעס עס ניט!

— זיכער וועט ער דאָס גאַנצע הויז אויפרייסן! — האָט זיך סאָבעליאָוו אַריינגעמישט, און האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט. פון לאַכן איז ער אַריבער צום

ניסן. דערנאָך האָט ער זיך באַקלאָגט אויפֿן וועטער: וואָס פֿאַר אַ דערשטיקעניש, ווי עס פֿאַרעט אַביסל! ניט אויסצודערהאַלטן!

מיט די ווערטער אויף זיינע ליפּן איז ער פֿאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער דער טיר.

אין אוידיטאָריום האָבן זיך איצטער צונויפֿגעקליבן בערך אַ הונדערט און פֿופֿציק מענטשן. אויטאָמאָבילן זענען צוגעפֿאָרן. סאָבעליאַוו האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די „גדולים" זענען אָנגעקומען. ער האָט געוואַרט אויף לעניניען.

— זיי זענען אָנגעקומען! — איז דורכגעלאָפֿן די בשורה דורכן עולם, פֿון מויל צו מויל. אַ פֿליסטער האָט זיך דורכגעטראָגן, ווען אַ דערוואַרטונג־ציטער האָט אויפֿגענומען די פֿאַרזאַמלטע, און די פֿראַגע איז קוים אַרויסגערעדט גע־וואָרן: איז איליטש דאָ?

סאָבעליאַוו האָט אַ קוק־געטאָן אויפֿן הימל. די וואָלקנס זענען געוואָרן די־קער, די שטערנס זענען כּלומרשט איינגעשלאָפֿן איינער נאָכן אַנדערן, זאַרג־פֿעליק זיך פֿאַרטוליעט אונטער די גרויע קאָלדרעס. סאָבעליאַוו האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט: „די הינט פֿון דער טשעקאַ וועלן מיך ניט דערשפּירן". ער וועט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער די פֿליגלען פֿון דער נאַכט.

— לענין וועט באַלד אַריין. מיט איין מאָל וועל איך זיי אַלעמען אַריינ־שליידערן אין קבר אַריין און רוסלאַנד וועט פּטור ווערן פֿון זיי! — האָט סאָבע־ליאַוו געטראַכט אין זיך געגרייט.

בוכאַרין, פּרעאָבראַזשענסקי און פּאָקראָווסקי זענען אַריין. דערנאָך איז גע־קומען סטעקלאָוו, שפּעטער־צו יאַראָסלאַווסקי. סאָבעליאַוו האָט געהאַלטן די באָמבע אין איין האַנט, מיט דער צווייטער איז ער געווען גרייט אויפֿצופּראַלן די טיר. ער האָט געציילט די סעקונדעס. אָבער לענין איז ניט געקומען. סאָבע־ליאַוו איז געווען אַנטוישט. ער איז געשטאַנען ווי אויף ברענענדיקע קוילן. ער האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז לענין וועט מסתמא אָנקומען צום סוף, אומדער־וואַרט, ווי זיין שטייגער איז לעצטנס...

עס האָט גערעדט בוכאַרין. דערנאָך פּאָקראָווסקי און נאָך אים פּרעאָ־בראַזשענסקי. געהאַלטן דריי פֿאַרטראַגן, און לענין איז נאָך אַלץ ניטאָ.

סאָבעליאַוו איז אויסער־זיך. ער זעט, אַז די דיסקוסיע וועט זיך באַלד אָנ־הייבן און די גדולים נעמען זיך קלייבן אַוועקצוגיין. סאָבעליאַוו איז אין פֿאַר־צווייפֿלונג. וואָס איז די נוצן? אים האָט זיך געוואָלט אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ פֿון דער הידרע פֿון דער קאָנטררעוואָלוציע, ווי ער האָט גערופֿן לעניניען. און דאָ... איז ער גאָר ניט געקומען. אפֿשר האָט אים גאָר עמעצער געוואָרנט? אפֿשר האָט מען זיי פֿאַרראַטן? ער האָט אָבער קיין צייט ניט צו טראַכטן לאַנג וועגן דעם. „דאָס" מוז געטאָן ווערן. ער קען דאָ ניט שטיין און וואַרטן ביז די טשעקיסטן וועלן קומען און אים געפֿינען מיט דער באָמבע.

און סאָבעליאַוו האָט אומגעדולדיק אַ ריס־געטאָן די טיר און מיט זיין גאַנצן כּוח אַ שליידער־געטאָן די באָמבע. עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַל ווי פֿון אַ דונער. געשרייען, קרעכצן, יאָמערן, געוואַלדן, שווערע טריט טאַפּטשענדיק אויף די שטיגן.

מיט איין שפרונג האָט ער זיך געזעצט רייטנדיק אויף דער פאָרענטשע פון באַלקאָן. אָנכאַפּנדיק זיך אין איינער פון די קאָלומנעס, אויף וועלכע דער גאַנעק האָט זיך געהאַלטן, האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט. ער האָט דערגרייכט צום באָדן אומבאַשעדיקט. איין מאָמענט שפּעטער און די זיילן און די פיגורן זענען געלעגן לעבן זיינע פיס צעשמעטערט און צעדרוזגעט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט אויפן קול, פאַרוווּנדערט, ווי איינער, וואָס גייט צופעליק פאַרביי אַ פּלאַץ, ווו עס איז געשען אַ קאַטאַסטראָפע.

— אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער האָט געוואָרפן אַ באָמבע! — האָט זיך דער־הערט אַן ענטפער. אין מיטן טומל און געפילדער האָט ער דערקענט באַראַנאָוו־סקיס שטימע.

ביידע זענען זיי אַוועק, פאַרקירעווענדיק זיך אין צוויי קעגנזייטיקע ריכ־טונגען. סאָבעליאָוו איז אַרויס אויף טווערסקאַיאַ. פון דאָרטן איז ער אַוועק צום טויער פון באַכרושינס הייזער. ער האָט אָנגעקלאַפּט. דער מאַקסימאַליסט ט—וו האָט געעפנט.

— קיינער ניטאָ? — האָט סאָבעליאָוו געפרעגט, שעפּטשענדיק.

— קיין נפש ניט! — האָט אָפּגעֶענטפערט ט—וו, אַריינעסנדיק זיך אין סאָבעליאָוון מיט זיינע פאָרשנדיקע בליקן. — ווי איז אַרויסגעקומען דאָס שטיקל אַרבעט?

— עס טויג אויף כפּרות, פאַרטאַטשנע! — האָט געברומט סאָבעליאָוו.

— וואָס איז דער מער? וואָס ביסטו אַזוי צעקראָכן?

סאָבעליאָוו האָט גאָרניט געענטפערט. זיין קאָפּ איז אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט אַרומגעשפּרייזט אַ פּאָר מינוטן איבערן צימער. דערנאָך, ניט אויסריידנדיק אַ וואָרט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן סעניק, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַר אים אין איינעם פון די ווינקלען פון צימער.

וו. ה. באַראַנאָווסקי איז אַריינגעקומען. ווען ער האָט דערזען סאָבעליאָוון, האָט ער זיך אָנגעכמורעט. ער האָט אַוועקגעלייגט זיין באָמבע אויפן טיש.

— איך האָב זי ניט געוואָרפן! וואָס איז דער תכלית? לעניון איז ניט געווען. און די אמתע גדולים זענען גלייך אַוועק. וואָס האָסטו געמאַכט אַזעלכע שהיות?

— וואָס דרייסטו אַ קאָפּ?! — האָט סאָבעליאָוו אים איבערגעהאַקט, ווענדנ־דיק זיך צו ט—וון און בעטנדיק טיי.

— צוויי לעבלעך ראַזעווע ברויט האָב איך צוגעגרייט, — זאָגט ט—וו, וועלכער האָט געאַרבעט אין אַ בעקעריי. נאָך אַ קורצער פּויזע. — אייך איז געלונגען צו אַנטלויפן, די באָמבע האָט אויפגעריסן, איז וואָס ווילט איר, וואָס וואַרטשעט איר ווי אַלטע כריטשעס!

— גיב אונדז טיי. איך וויל שלאָפן! — האָט אַ ברום געטאָן סאָבעליאָוו.

— קענט איר מיר ניט דערציילן וואָס עס האָט פּאַסירט?

ט—וו איז געווען נייגעריק און אומרויִק.

— מאָרגן אינדערפרי וועסטו לייענען וועגן דעם אין די צייטונגען.

— וואָס ווייס איך צו דערציילן! — האָט אָפּגעענטפערט סאָבעליאָוו אָנגע־ברוגזט. ער האָט צום אומטברויט זיך ניט צוגערירט. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן סעניק און באַלד איינגעשלאָפן.

באַראַנאָווסקי האָט געטרונקען טיי, געקייט אָן אַפּעטיט דאָס ברויט. דער־נאָך האָט ער זיך אַוועקגעלייגט לעבן סאָבעליאָוון. ער האָט אָבער ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן.

דאָס באַוווסטזיין פון זייער דורכפאַל האָט אים געשטיקט, געפּרעסט אויפן האַרצן ווי אַ זאַק פול מיט זאַמד. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך באַטראַכט. נאָך אַלעמען איז דאָס בילד ניט אַזוי שוואַרץ ווי ער מאָלט עס אָפּ אין זײַן שווערן מוט. דאָס איז דאָך נאָר דאָס ערשטע רינגעלע אין אַ גאַנצער קייט פון טעראָריסטישע אַקטן, וועלכע זיי פּלאַנעווען. זיי איז געלונגען אַנטרינען צו ווערן. די באָמבע, ווער ווייס, אפשר וועט זי פּאַרט אָנטאָן גרויס שאָדן צום שונא... דאָרטן זענען דאָך געווען מיטגלידער פון צענטראַלקאָמיטעט. מען קען עס ניט פאַררעכענען פאַר אַ הונדערט פּראַקטישע דורכפאַל. ער האָט זיך גע־טרייסט מיט דער האָפענונג, אַז די „אינטעליגענטן" האָבן געכאַפּט דעם פּסק, ניט די אומשולדיקע פאַרפירטע אַרבעטער. וואָס עס איז געשען, איז געשען און פאַרפאַלן. און דאָ האָט זיך בײַ אים צעשפּילט זײַן טעראָריסטישע פאַנטאַ־זיע. זיי וועלן גיין אויפרייסן דעם קרעמל מיטן גאַנצן סאָוונאַרקאָם (דעם ראַט פון פאָלקסקאָמיסאַרן) און אַזוי אַרום וועלן זיי מכפּר־זײַן אויף זייער זינד פון אומברענגען פּשוטע האָרעפּאַשניקעס. דער לעצטער פּלאַן איז געווען ווי באַלזאַם פאַר זײַן פאַרוווּנדעטן געוויסן און פאַרלעצטער זעלבסטווירדע. און איצט, מיט דעם באַרויִקנדיקן געדאַנק אין קאָפּ, איז ער פעסט אײַנגעשלאָפן.

אויף מאָרגן אינדערפרי, מיט די ערשטע זונשטראַלן אויפן רויטן מזרח, האָט זיך סאָבעליאָוו אויפגעכאַפּט. ער האָט געמוזט עטלעכע מאָל אַ שטורך־טאָן באַראַנאָווסקין אין זײַט, ביז ער האָט אים האָט אויפגעטשוכעט. סאָבעליאָוו איז אַרויס און געבראַכט די „איזוועסטיאַ" און די „פּראַוודאַ". זיי האָבן זיך ביידע אַוועק־געזעצט לייענען, ניט די אַרטיקלען, פאַרשטייט זיך, נאָר די ליסטע פון די נע־מען פון די פאַרוווּנדעטע.

פינפאונפופציק פאַרוווּנדעטע. צווישן זיי ניקאָלאַי בוכאַרין, אַביסל פאַר־טשעפּעט די האַנט; עמעליאַן יאַראָסלאַווסקי, י. סטעקלאָוו, דער רעדאַקטאָר פון „איזוועסטיאַ", דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער סאָוועטנרעגירונג, געפּלאַצט דאָס פּייקל אין אויער, געאָרגי סאַפּאַראָוו און א. פ. מיאַנסיקאָוו, ביידע מיטגלידער פון וציק (צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם אַלרוסישן קאָנגרעס פון די סאָוועטן).

— בלאָטע! אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט! — האָט אַ געשריי געטאָן סאָבעליאָוו אין פאַרצווייפלונג. ער האָט ניט געוואָלט לייענען די נעמען פון די דערהרגעטע, ווײַל כמעט אַלע „גדולים" זענען געווען דערמאָנט צווישן די לײַכטפאַרוווּנדעטע.

באַראַנאָווסקי האָט געלייענט די רשימה פון די טויטע.

1) מאַריאַ וואָלקאָווא; 2) אירינאַ איגנאַטעוואַ; 3) וולאַדימיר מיכאַילאָוויטש זאַגאָרסקי, דער סעקרעטאַר פון דעם מאָסקווער קאָמיטעט פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי; 4) אַנפּיסאַ פעדאָראָוונאַ; 5) גרעגאָרי ניקיטיטש; 6) גרעגאָרי וואַסיליעוויטש טיטאָוו; 7) אַננאַ כאַלדינאַ; 8) ניקאָלאַי קראַפּאַטאָוו; 9) אַלעקסאַנ־דער סאַפּאַנאָוו; 10) טאַנקוס; 11) קוואַש; 12) קאַלבין.

— קיין איין רעכטער נאָמען ניט! — האָט געזאָגט באַראַנאָווסקי און מיט פאַרדרוס אָ וואָרף־געטאָן די צייטונג.

— .2 —

אויפן פאַרהער. 2 אַזייגער פאַרטאָג.

זעצט זיך קאַמעראַד! — האָט באַפוילן דזשערדזשינסקי.

— איך רעכן, אַז מיר קענען פאַרטיק ווערן שטייענדיקערהייט, — האָט אָפגעענטפערט באַראַנאָווסקי. — נאָך וואָס האָט איר מיך גערופן?

— האָט איר געוואָרפן די באָמבע?

— ניין. ניט איך.

— ווער דען? — פרעגט דזשערדזשינסקי, אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן.

— ווייסט איר, ווער עס האָט עס געטאָן?

— זיכער ווייס איך.

— זייער שיין! — דזשערדזשינסקי האָט געקריצט מיט די ציין. — איר זאָגט אַליין, אַז איר ווייסט, ווער עס האָט געוואָרפן די באָמבע און דערהרגעט צוועלף אַרבעטער־קעמפער. און איר רופט זיך אָן רעוואָלוציאָנער. איר זענט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער! — האָט געדונערט דזשערדזשינסקי. דאַן האָט ער זיך באַרויִקט און אָנגעגאַנגען מיטן פאַרהער.

— זענט איר אַ מיטגליד פון דער אונטערערדישער אַנאַרכיסטיש־טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע?

— איך בין.

— איר זענט אומפאַרשעמט! איר האָט געמאַכט יד־אַחת מיטן גענעראַל דעניקין, מיט אַלע שונאים פון די אַרבעטער און פויערים!

דזשערדזשינסקי האָט זיך צעשריגן ווי ניט מיט זיין קול; זיין געזיכט האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ פייער; זיינע אויגן זענען געוואָרן רויט און געשאָטן פונקען.

— ווו מען דאַרף וואַרפן באָמבעס, איז קיין נוצן ניט אַרומצושליידערן ווערטער, — האָט באַראַנאָווסקי געלאָסן באַמערקט. — מיר באַטראַכטן אייך, קאָמיסאַרן, פאַר די ערנסטע שונאים פון פראָלעטאַריאַט און פויערטום. איר האָט ביי אונדז צוגענומען די פאַבריקן, וועלכע מיר האָבן צוגענומען פון די פאַבריקאַנטן; איר עקספּלואַטירט אונדז ניט ווייניקער פון די קאַפּיטאַליסטן. איר האָט געשאַפן אַ נייע טיראַניע. איר האָט...

דזשערדזשינסקי האָט אים אומגעדולדיק איבערגעהאַקט:

— איך קוק אויף אייך ווי אויף אַ באַנדע באַנדיטן, פּשוטע מערדער, פאַרברעכער, גנבים, גזלנים! — דזשערדזשינסקיס שטימע האָט געקנאַלט.

— אַפילו דער צאַר האָט אונדז באַטראַכט פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער. זענט איר ערגער פון אים?! — האָט באַראַנאָווסקי געפרעגט קאַלטבלוטיק.

— וויפל מיטגלידער פאַרמאָגט איר אין אייער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע? — פרעגט דזשערדזשינסקי, בייטנדיק דעם טאָן.

— וויפל האָט איר שוין אַרעסטירט?
— איר זענט דאָ ניט צו פרעגן, נאָר צו ענטפערן! — גיט אַ זאָג דזשער־דזשינסקי.
— איך בין דאָ ניט צו פרעגן און ניט צו ענטפערן, נאָר צו שטאַרבן.
— עס איז דאָ עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז ערגער פון טויט, — באַמערקט דזשערדזשינסקי לאַקאָניש.
— איר וועט ניט סטייען אונדז צו פייניקן. איר וועט מורא האָבן פאַר אונ־דזער נקמה. ניט אַלע אונדזעריקע זענען אין אייערע לאַפּעס.
— איך מיין ניט דאָס, — גיט אים צו פאַרשטיין דזשערדזשינסקי, — איך מיין, אַז די אייביקע שאַנדע און פאַרדאַמונג פון אַרבעטערקלאַס וועט פאַר־שוואַרצן אייער אָנדענק, און דאָס איז ערגער פון טויט.
— יאָ, די קאָמיסאַרן וועלן אונדז פאַרדאַמען, אָבער ניט די אַרבעטער, וועלכע...
דזשערדזשינסקי האַקט אים איבער אומגעדולדיק:
— און איר האָט אַ חוצפה מיך צו סטראַשען מיט נקמה?! איך שטיי אויף מיין פּאָסטן און דערפיל מיין פליכט און קיינער קען מיך ניט אָפּשרעקן.
— אַוודאַי שרעקט איר זיך ניט, ווען איר זענט אַרומגערינגלט מיט באַ־וואָפנטע טשעקיסטן און איר האָט צוויי רעוואָלווערן אין אייערעביידע קעשע־נעס, — באַמערקט באַראַנאָווסקי סאַרקאַסטיש.
— ווען מען האָט אייך אַרעסטירט, האָט מען ביי אייך געפונען אַ באָמבע. פאַר וועלכן צוועק האָט איר זי געהאַלטן?
— איר ווייסט דעם צוועק: אויפצורייסן די טשעקאָ און דעם קרעמל, — ענטפערט גלייכגילטיק באַראַנאָווסקי.
— ווען גענעראַל דעניקין איז לעבן אָריאָל און אין אַ וואָך אַרום וועט ער אפשר פאַרנעמען מאָסקווע?
— איז וואָס?! איר, היפּאָקריטן, זענט ערגער פון די ווייסע גוואַרדייער.
דזשערדזשינסקי האָט פאַרביסן די ליפּן.
— פירט אים אָפּ צוריק! — האָט ער באַפוילן דעם טשעקיסט, וועלכער איז געשטאַנען ביים טיר.
אַזוי זענען פאַרהערט געוואָרן די איבעריקע זיבן:
1) גרעטשאַניקאָוו; 2) צינציפער; 3) דאַמבראָווסקי; 4) וואָסכאָדאָוו; 5) ני־קאָלאַיעוו; 6) איסאַיעוו און 7) אַכליעבינסקי.
האַלב נאָך פיר האָט דער פּרעזידיום פון טשעקאָ געהאַט אַ זיצונג, וועלכע האָט געדויערט בלויז אַ האַלבע שעה.
פינף אַזייגער האָט מען אַריינגעפירט אַלע אַכט, זיי אויסגעשטעלט אין אַ שרענגע.
דזשערדזשינסקי האָט גערעדט צו זיי:
— איר ווייסט גאַנץ גוט, וועלכער פּסק־דין עס וואַרט אויף אייך... איר זענט אָבער אַרבעטער, און דערצו נאָך געוועזענע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען געזעסן אין טורמעס, געווען אויף קאַטאָרגע, און איצט שטייט איר פאַר דעם העכסטן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, דעם פּרעזידיום פון טשעקאָ. אייער פּלאַץ

ווי האַרעפּאַשניקעס האָט געדאַרפט זיין אויפן פראָנט צו קעמפן קעגן אייער קלאַסן־שונא. איך בין זיכער, אַז איר זענט פאַרפירט געוואָרן פון אומפּאַראַנט־וואָרטלעכע דעמאַגאָגן. איך רעספּעקטיר אייער קוראַזש און מוט און שטאָלצן האַלטן זיך אויפן פאַרהער.

— וואָס רעדט איר אַזוי לאַנג? שיסט, און דרייט ניט קיין ספּאָדעק! — האָבן עטלעכע פון די אַרעסטירטע אויסגעשריגן.

— איר האָט טאַקע קיין צייט ניט?! — האָט דזשערדזשינסקי געפרעגט, אַ בליאַסק טוענדיק מיט די אויגן.

— הענקער! וואָס האַלטסטו רעדעס? — האָבן אַלע אַכט אויסגעשריגן ווי איין מענטש.

— דעריבער — דזשערדזשינסקי האָט פאַרענדיקט אין אַן איינגעהאַלטע־נעם טאָן — לייגן מיר אייך פאָר, אַז איר זאָלט אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער איר פאַרדאַמט אייערע אַקציעס קעגן די סאָוועטן, קעגן דעם אַר־בעטערקלאַס. און כדי אָפּצוווישן אייער פאַרברעכן, פאַרפליכטעט איר זיך צו גיין אויפן פראָנט קעמפן קעגן גענעראַל דעניקין מיט זיינע ווייסע באַנדעס.

— איר, טשעקיסטן, שיסט קיינמאָל ניט אין פּנים, נאָר אין דער פּאַטיל־ניצע, פון הינטן. איר ווילט אונדז דערשיסן אויפן פראָנט און ניט אין מאָסקווע. וואָס איז דער אונטערשייד?! — האָט דער ערשטער זיך אָפּגערופן באַראַנאָווסקי.

— אויב איר מיינט אַזוי, וועלן מיר דעם פּונקט וועגן פראָנט ניט דער־מאָנען. זענט איר איינשטימיק אונטערצושרייבן אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער איר וועט פאַרדאַמען אייערע קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַקציעס?

— מיר וועלן ניט אונטערשרייבן קיין שום דעקלאַראַציע.

— אויב אַזוי, קען איך גאָרניט העלפן, — באַמערקט דזשערדזשינסקי.

— מיר בעטן ניט אייער הילף.

— איך וועל מאַכן אַ צווייטן פאָרשלאָג: וואָלט איר זיין צופרידן צו מאַכן אַ מינדלעכע דערקלערונג אין דער אָנוועזנהייט פון פּרעזידיום, אַז איר האָט חרטה און איר פאַרשטייט, אַז איר זענט געווען פאַרפירט?

— דאָס איז אונדזער דערקלערונג: — מיר זענען טיף איבערצייגט, אַז איר, באָלשעוויקעס, זענט די ערגסטע שונאים פון דער אַרבעטערשאַפט און פּוי־ערטום, און מיר האַלטן פאַר אונדזער הייליקער פליכט אייך צו באַקעמפן! — האָבן אַלע אַכט געזאָגט ווי איינער.

— איך וועל אייך בלויז פרעגן איין פראַגע און געדענקט, אַז פון אייער ענטפער הענגט אָפּ אייער לעבן. טראַכט זיך איבער, ענטפערט מיט ישוב־הדעת. — דזשערדזשינסקיס שטימע האָט געקלונגען שווער ווי בליי. — און דאָס איז די פראַגע: וואָס וועט איר טאָן אין פאַל מיר לאָזן אייך פריי? — ער האָט זיי אָנגעקוקט, דערנאָך צוגעגעבן אין אַ פאַרשטיקטן קול: — געדענקט, אַז דאָס איז אייער לעצטער שאַנס.

— מיר וועלן אויפרייסן די טשעקאַ, פאַרניכטן די טשעקיסטן, באַפרייען דעם אַרבעטערקלאַס און די פּויערים פון רוסלאַנד! דאָס איז אונדזער ענטפער. זענט איר צופרידן?

— איז דאָס אײַער ענטפער? — דזשערדזשינסקי פרעגט יעדן אײנעם באַזונדער.

אַכט מאָל איז דער ענטפער איבערגעחזרט געוואָרן.

— פירט זיי אַרויס און דערשיסט זיי! — האָט דזשערדזשינסקי באַפוילן די קאָנוואָירן און פאַרלאָזט דעם זאַל.

— טויט צו די קאָמיסאַרן! די פאַררעטער!

לאַנג לעבן זאָל די אַרבעטער־רעוואָלוציע!

מען האָט זיי אַרויסגעפירט אײנציקווייז און דערשאָסן.

— 3. —

ווען די זומערוווינונג אין קראַסקאָוואָ איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַן אָפּטײלונג טשעקיסטן, האָבן זיך אינעווייניק געפונען איבער דרייסיק פּערזאָן. זיי האָבן אויפגעריסן דאָס הויז און אַלע ווי אײנער אומגעקומען.

די „פּראַוודאַ" איז אויף מאָרגן אַרויס מיט אַ לייטאַרטיקל: „אומזיניקער הערא:זם".

סאָבעליאָוון האָבן די טשעקיסטן דערשאָסן אויף קוזנעצקי מאָסט, אינמיטן גאַס. ער האָט זיך ניט געלאָזט אַרעסטירן. ער האָט געשאָסן צוריק.

טשערעפּאַנאָוו איז דערשאָסן געוואָרן אין טשעקאַ. אויפן פאַרהער האָט ער געזאָגט:

— עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו וואַרפן אַ באָמבע אין אַ פּאַרטיי־אינסטיטוציע, ניט אין טשעקאַ, ווייל די פּאַרטיי טראָגט די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

II

חשבונות

1

קלאַסנקאַמף אין דער רוסישער רעוואָלוציע

אין סאָציאָלאָגיע, אין דער סאָציאַלער וויסנשאַפט, האָבן מיר אַ גרויסע שוועריקייט, וועלכע באַשטייט הויפּטזעכלעך אין דעם, וואָס דאָ, ניט גלייך צו אַנדערע ענינים פון אויספאָרשונגען און טוונג, איז אונדז זייער שווער אָנצוגיין מיט עקספּערימענטן.

נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ: ערגער פון דעם איז דאָס, וואָס אַן עקספּערימענט, וועלכער דאַרף, לויט זיין נאַטור, דורכגעפירט ווערן אין אַ קינסטלעכער סביבה, פאַרלירט זיין גאַנצע חשיבות, ווען ער ווערט איבערגעחזרט און אַריבערגעטראָגן אין אונדזער נאַטירלעכער אומגעבונג, ווו אָנשטאָט מיט עטלעכע גלייכגעשטימטע חברים, ווי דער פאַל איז אַלעמאָל אין קאָלאָניעס־קאָמונעס געשאַפן מיט אידעאַליסטיש־באַשטימטע תכליתים, האָט מען צו טאָן מיט דעם גרויסן עולם, מיט באַציִונגען פעסטגעשטעלטע, כמעט פאַרגליווערטע, וועלכע עס איז בדרך־הטבע זייער שווער איבערצואַנדערשן. און ניט נאָר האָבן מיר צו טאָן מיט מיליאָנען מענטשן, מענטשן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, אַזוי צו זאָגן, נייטראַלע, וואָס פאַרהאַלטן זיך לחלוטין גלייכגילטיק צו דעם נאָר־וואָס אַריינגעבראַכטן אויפטו, — נאָר פשוט גערעדט, מיט שונאים, מיט מענטשן, מיט גאַנצע גרופּן, וואָס זענען פיינטלעך צו אַלע חידושים אָדער שינויים, דערפאַר, וואָס די לעצטע זענען געריכטעט קעגן זיי, זענען אויסן אַוועקצונעמען פון זיי זייער פּריווילעגירטן פּלאַץ און שטעלונג אין דער געגעבענער געזעלשאַפט.

איך דענק, אַז דער רעיון איז פשוט און קלאָר: אַלע עקספּערימענטן זענען געמאַכט געוואָרן, ווען זיי זענען יאָ געמאַכט געוואָרן, מיט פריינטלעכע סימפּאַטיזירער, מיט מענטשן, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דעם איינגעב און דערפאָלג פון דער אונטערגענומענער זאַך, בשעת אין דער נאַטירלעכער געזעלשאַפט האָט מען צו־טאָן מיט אַנטאָגאניזמען, מיט שנאה, מיט זיך־ווידערשפּרעכנדיקע אינטערעסן. דאָס דערנידערט די חשיבות פון עקספּערימענט כמעט צו נול.

דער איבערגאַנג פון קינסטלעכער סביבה צו דער נאַטירלעכער איז אַזוי

טיף און שפּיציק, אַז דער דערפּאָלג אין דער קינסטלעכער סביבה זאָגט מכּל־וכּל ניט, אַז די זאַך, די סאָציאַלע רעפאָרם אָדער סדר, וועט זיך איינגעבן, ווען ער וועט ווערן אָנגעווענדט אין דער נאַטירלעכער אומגעבונג, מיט איר גרויסער וואַ־ריעטעט פון צוזאַמענשטויסן און קאַפּידראַכן, סתירות און היפּוכים. דערפאַר איז אין סאָציאָלאָגיע, אין דער פּראַקטישער סאָציאַלער „אונטערנעמונג", אַזוי וויכטיק, אַזוי אומפּאַרבייטלעך, די רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע.

מיר קענען זאָגן אָן קיין שום קווענקלעניש: עס זענען ניטאָ קיין גרויסע ווערק, וואָס באַהאַנדלען סאָציאַלע ענינים, וועלכע זענען ניט געווען אַ פּאָלגע, אַן אָפּשפּיגלונג פון די נייע חברהשע באַציִונגען און אומשטענדן, וואָס זענען אַרויסגעשוווּמען אַדאַנק אַן איבערקערעניש, אַ בראָך און איבערבראַך פון דער איינגעפעסטיקטער סאָציאַלער סטרוקטור. און ס'רוב, כּמעט אַלע, גרויסע סאָ־ציאָלאָגן, וואָס האָבן אונדז איבערגעלאָזט חבורים פון היסטאָרישער חשיבות, האָבן דורכגעלעבט, דורכגעמאַכט אָדער, לכּל־הפּחות, באַאָבאַכט אַ רעוואָלוציע פון קלענערן אָדער גרעסערן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן כאַראַקטער. זייערע גייסטיקע קינדער, די סאָציאַלע, וועלכע זענען אונדז באַקאַנט און אין אַ געווי־סער מאָס געוואָרן אַ קנין־הרבים, זענען געוויגט געוואָרן אין די וויגעלעך פון רעוואָלוציעס. עס איז איבעריק אָנצורופן די נעמען. די נעמען זענען אַלעמען באַקאַנט.

אין וואָס ליגט די גרויסקייט פון אַ רעוואָלוציע? איך מיין בעיקר: איר באַדייט פאַר סאָציאַלע אויספאָרשונגען? עס ליגט דערין, וואָס זי, די רעוואָלו־ציע, ווי אַ שטורעם אויפן ים, גראָבט־אויס תהומען, עפנט זיי אויף, און וויזט זיי אייך נאָקעטערהייט. זי גראָבט־אויס אָפּגרונטן און הויקערט־אָן בערג און בערגלעך אויף דער אַנדערער זייט, און אַלץ ווערט געטאָן פאַר אייערע אויגן.

דאָס סאָציאַלע לעבן, ווען עס פליסט און לויפט ווי געוויינטלעך, פאַרדעקט און פאַרהילט זיין מהות מיט צענדליקער וואַלן. דער דיקסטער פון זיי איז — געוווינטשאַפט. מיר ווערן צוגעוווינט צו דערשיינונגען און מיר באַמערקן זיי ניט, און ווען מיר באַמערקן זיי יאָ, פאַסן מיר זיי ניט אויף. די ענדערונגען קו־מען־פאַר מיט אַ צו פאַרפאַמעלעכטן טעמפּאָ. עס דוכט זיך אונדז גאַנץ אָפט, אַז אַלץ שטייט אויפן אָרט.

ענגעלס אין זיין אַנטי־דיורינג וויזט אָן, אַז מאַרקס און ער ווילן אויפ־פאַסן דערשיינונגען, ווען זיי זענען „נאָך וואַרעם" פון אַנטשטיין, זענען נאָך אין „פּראָצעס פון ווערן", זענען נאָך, אַזוי צו זאָגן „אויף די פליגלען", און לויפן און פליסן, קומען און גייען. ער וויל זיי אָפּשטעמפּלען אָפּפאָטאָגראַפירן ווען זיי זענען „אין גאַנג".

דאָס איז זייער אַ וויכטיקער געדאַנק, איבערהויפּט וועגן סאָציאַלע דער־שיינונגען. מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט „דערשיינונגען", נאָר מיט פּראָצעסן, וואָס האַלטן אין באַוועגן זיך.

נאַטירלעך, די ענדערונג־אַרבעט ווערט געטאָן היסטאָריש, עס נעמט צייט אָבער עס ווערט געטאָן. די „סאָציאַלע ערד" באַוועגט זיך. די סאָציאַלע סביבה האַלט אין ענדערן זיך, אין וואַקסן און איבערוואַקסן. אַלט ווערן און אָפּשטאַרבן. און אָט־די איבערגאַנגען זעט מען קלאָר בשעת אַ רעוואָלוציע. די באַציִונגען

פון די קלאַסן פאַר דער רעוואָלוציע און נאָך דער רעוואָלוציע זענען אַנדערע, ניט נאָר אין דעם זינען, וואָס זיי ווערן אומגעשטאַלט, דאָס הייסט די „אַלטע" באַציִונגען פון די „אַלטע" קלאַסן און סאָציאַלע גרופּן מאַכן דורך ענדערונגען. נייך, ניט דאָס: אַ רעוואָלוציע איז אַ צייט, אַ קריזיסצייט, ווען קלאַסן ווערן גע־בוירן, ווערן אַראָפּגעשטויסן פון אוואַנסצענע און נייע קומען און פאַרנעמען זייער פּלאַץ.

סאָציאַלע סתירות און היפּוכים דאַרפן גענומען ווערן ניט סטאַטיש, איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל אָפּגעגאָסן און פאַרשטיינערט, נאָר אין פּראָצעס פון וועבן זיך, אַנטשטיין און פאַרגיין.

מאַרקס האָט אַמאָל געזאָגט: „איך בין ניט קיין מאַרקסיסט". דאָס איז דער גרעסטער חסרון זיינער. ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעווענדט זיין מעטאָדאָלאָגיע צו סאָציאַלע דערשיינונגען אין גאַנצן היקף זייערן. ער האָט עס געטאָן „כלאחר־יד", אויף העלפט, אַבי פּטור צו ווערן. אויפגעדעקט די סתירות פון קאַפּיטאַ־ליזם, אָבער ניט קלאָר געמאַכט זייער אמתן מהות, זייער דויערהאַפטיקייט און צושטייערונג, אַזוי צו זאָגן. אין דעם פּרט איז לעניניזם זייער אַ וויכטיקע סיסטעם. ווען דאָס וואָרט „לעניניזם" איז געשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד, האָבן אַ סך פּראָטעסטירט קעגן דעם. איך מיין אַפילו „כשרע קאָמוניסטן" זענען געווען כנגד דעם: סטייטש, אויף וואָס דאַרף מען עס. עס איז דאָ מאַרקסיזם און עס איז געגנוג. און זיי האָבן געוואָלט אויסטייטשן אַזוי, אַז לענין האָט מער ניט ווי געשאַפן, אָדער געענדערט די „טאַקטיק", וואָס די סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט געהאַט בדעה אָנצווווענדן. אָבער דער כוח פון אמת האָט גובר געווען. איר קענט ניט מבטל מאַכן, אוועקמאַכן מיט דער האַנט, אַ שטיק מציאות, ווי קאַרלייל דריקט זיך אויס אין זיין „הערואיען־פאַרגעטערונג". לעניניזם איז מער ווי אַ טאַקטיק, עס איז אַ לערע, עס איז אַ דאָקטרין, עס איז דער „קאָנסעקווענטער" מאַרקסיזם. ווייל לענין איז געווען אַ „מאַרקסיסט", ווען מאַרקס איז עס ניט געווען.

נעמט דעם ערשטן זאַץ פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט": די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז דער קלאַסנקאַמף. לייענט ניט דעם סוף פון דעם ביכל, ווייל דער סוף איז אָנגעשריבן אַזוי, אַז עס זאָל זיין גוט און ווויל. נעמט אָט־דעם זאַץ. ציט פון אים שלוסן. די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז דער קלאַסנקאַמף, הייסט עס, אַז כל־זמן מיר וועלן האָבן „געשיכטע פון אַ מענטש־הייט", פון אַ ציוויליזירטער מענטשהייט, וועלן מיר האָבן צו טאָן מיט קלאַסן און זייערע קאַמפן, זייערע סתירות און היפּוכים. ווייל דאָס איז דער שאור שבעיסה, דאָס איז די טרייבפעדער פון דער געשיכטע. אָבער פאַרוואָס שטייט אין סוף ביכל גאָר עפּעס אַנדערש? פאַרוואָס ענדיקט זיך עס דאָרטן מיט אַ ושלום־על־ישראל? דאָס איז דערפאַר, וואָס דער סוף קלעפּט זיך ניט צו אָנ־הויב. דער אָנהויב, די ערשטע צוויי־דריי פּרקימלעך, זענען אַ וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג, די אָנווענדונג פון אַ מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. דער סוף — איז גלאַט דרוש, אַגיטאַציע, גערעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין, כדי צו קענען קריגן וואָס מער אָנהענגער צווישן דעם אַרבעטערקלאַס, די מאַסן, וואָס מען

דאַרף האָבן, צו ווען מען מוז אָנקומען, ווען מען וויל צעברעכן דעם אַלטן סדר.

לעניַן האָט געשאַפן אַ וואָרט, וואָס איז באמת אַ לערע: „אַגיטאַציע־פּע־ריאָד". דער אַגיטאַציע־פּעריאָד כאַפּט ניט אַרום צוויי־דריי חדשים פון דער רעוואָלוציע, ער ציט זיך אויס אויף אַ משך פון צענדליקער יאָרן פון צוגרייט צו דער רעוואָלוציע, צום טאָג, ווען דער אַלטער הערשנדיקער קלאַס ווערט זיך מוזן אָפּרוקן און שאַפן אַן אָרט פאַרן נייעם, „מאַכן אַ וואָרע" פאַר אים, פאַרן נייעם „סאָציאַלן מלך". געוויינטלעך קומט דאָס אַלץ פאַר אין קאַמף, אין מלחמה, אין געשלעג. און ווי קאַמף און מלחמה דאַרטן זענען דאָ תכסיסי מלחמה, מען ווענדט אָן סטראַטעגיע, סאָציאַלע סטראַטעגיע. און איינע פון די מיטלען איז דאָס פאַרדולן, פאַרפירן, ניט קלאָר אַרויסזאָגן, וווהין מען גייט, צו וואָס מען שטרעבט, אין וואָס מען צילט זיך, און וואָס מען איז באמת אויסן.

דאָ איז ניט שייך צו נעמען שרייען: „ס'טייטש, עס איז מאַקיאַוועליזם פון דעם ערגסטן מין! דאָס איז ניט אָרנטלעך!" קלאַסן ווייסן ניט פון אַזעלכע זאַכן. זיי קימערן זיך וויניק וועגן דעם. בכלל איז כמעט ניטאָ קיין סאָציאַלע עטיק, וואָס זאָל זיין גילטיק פאַר קלאַסן אַלס גאַנצע. אַ קלאַס, וואָס גייט צו הערשאַפט, וויל ניט וויסן פון קיין שום „עטישע פּרינציפּן", פון קיין שום צוימען און אָפּ־שטעלונגען. ביי אים איז ניט פאַראַן דאָס וואָרט „מען טאָר ניט". אַלץ מעג מען, אויב מען קען עס דערגרייכן און דער ציל איז איינער און ער איז איבער אַלעס: און דאָס איז שאַפן אַ נייעם קלאַס, אים איינפונדעווען, צוגרייטן דעם באָדן, די סאָציאַלע באַדינגונגען פאַר זיין געדייען און פונקציאָנירן. איבער־בייטן די סאָציאַלע שייכותן אַזוי, אַז ער, דער נייער קלאַס, זאָל נוצלעך און נויטווענדיק ווערן.

איינע פון די הויפּטאויפגאַבן איז אויך דאָס צוגרייטן די מוחות, דעם דענ־קענדיקן אַפּאַראַט פון די מאַסן, שאַפן די נויטיקע טעאָריעס און אויסטייטשונגען פון חברהשע דערשיינונגען. און אַרויפצווינגען די דאָקטרינע אויף די ברייטע שיכטן פון פאָלק אַזוי, אַז זיי זאָלן בויגזאַם און געהאָרכזאַם זיין.

אַ דאָקטרינע איז אַ סאָציאַלער אינסטרומענט. און דעם קלאַסנקאַמף דאַרף מען זיך ניט פאָרשטעלן אַזוי, אַז די קלאַסן ליגן אַזוי צו זאָגן אויפן היסטאָרישן שטח און זיי רייסן זיך אַרום. דאָס איז אויבנאויפיקייט, טיפער גענומען קומט עס פאַר ניט האָריזאָנטאַל, נאָר ווערטיקאַל. דאָס הייסט: אַ נייער הערשנדיקער קלאַס, נעמענדיק אָנוואַקסן, פירט אַ קאַמף מיט דעם אַלטן הערשנדיקן קלאַס. אָבער זייענדיק אַ מינדערהייט, איז ער עס ניט בכוח צו טאָן וויל ער, דער נייער אויפקומענדיקער קלאַס, איז שוואַכער, אין אַ געוויסער הינזיכט, פאַרן אַלטן אוועקגייענדיקן, דעריבער קומט ער אָן צו כיטרע, צו פּאָליטיש־סאָציאַלע שפּיצלעך. באמת איז עס אַ קאַמף צווישן צוויי מינדערהייטן, נאָר די נייע מינ־דערהייט מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי פאַרטרעט די אינטערעסן פון דער מער־הייט, פון אַלעמען, אָדער נאָך בעסער: זי טוליעט זיך צו, פאַרבאַהאַלט זיך אין פּעריאָד פון קאַמף אָדער „פּעריאָד פון אַגיטאַציע" אַזוי, אַז מען זאָל זי ניט אַרויסזען אַלס עפּעס באַזונדערס, און די מאַסן, די אונטערדריקטע, אַטאַקירן די פעסטונג פון דעם געוועלטנדיקן מיעוט און זיגן. און דעמאָלט כאַפּן זיי זיך,

אַז מען האָט זיי, אַזוי צו זאָגן, „אָפּגענאַרט“, אַז ניט זיי זענען די זיגער, נאָר אַ נייער קלאַס, וואָס איז אַויסגעוואַקסן עפּעס ווי פון שוים פון קאַמף, איז אַרויס אויף דער וועלט און פאַרנומען דעם בכבודיקן און באַצאָלנדיקן אויבנאָן ביים סאָציאַלן גרייטן טיש.

נעמט די ווערטער פון מאַרקסן איבערגעחזרט ביי אים צוויי מאָל, איין מאָל אין זיין „אָרעמקייט פון פילאָזאָפיע“, אַ צווייט מאָל אין דער הקדמה געשריבן צו „דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“, צוויי אָפּהאַנדלונגען פון גרויסער מאַרקסיסטישער חשיבות, ווייל גראָד אין דעם אריינפּיר דריקט מאַרקס אויס דעם עצם־מהות פון זיין פילאָזאָפישן תופס־זיין די סאָציאַלע דערשיינונגען. „אַזוי ווי די בורזשואַזיע האָט באַזיגט די פעאָדאַלן, אַזוי וועט דער פּראָלעטאַריאַט באַזיגן דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן“. וואָס זאָגט אַזאַ זאַץ?

ער זאָגט קלאָר און דייטלעך, אַז די דאָקטרינע באַשטייט אין דעם, וואָס אַ נייער קלאַס וועט פאַרנעמען דעם אָרט פון אַלטן, אַזוי ווי די בורזשואַזיע האָט פאַרנומען דעם אָרט פון די פעאָדאַלן. דאָס הייסט: אַ הערשנדיקער קלאַס האָט פאַרנומען דעם אָרט פון אַ פריִערדיק הערשנדיקן, אים אָפּגעשטויסן, אַראָפּגעטריבן און פאַרנומען זיין אָרט.

אויב אַזוי, וואָס דאַרף מען פאַרשטיין אונטערן וואָרט פּראָלעטאַריאַט? פאַרשטייט זיך, אַז ניט דעם אַרבעטערקלאַס ווי אַ גאַנצן, נאָר אַ באַזונדער קלאַס, וואָס וועט נאָכטאָן דער בורזשואַזיע, זיך באַגיין מיט איר אַזוי ווי זי איז זיך באַגאַנגען מיט די פעאָדאַלן, די הערשער פון אַ פריִערדיקער היסטאָרישער עפּאָכע. און דעם זעלביקן רעיון האָט אויסגעדריקט לענין אין זיין העפטל: „צי וועלן די באָלשעוויקעס אָנהאַלטן די מאַכט?“.

דאָס העפטל איז פון אומגעהויער גרויסן ווערט צו פאַרשטיין לעניניזם און אַפילו מאַרקסיזם. עס מאַכט ניט אויס, וואָס לענין האָט עס קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט אַזוי אָפן־פריי ווי איך זאָג עס אַרויס דאָ; זייער ציל איז געווען און איז צו שאַפן אַ נייעם פּריווילעגירטן קלאַס, צו שאַפן אַ נייע מינדערהייט, וואָס זאָל הערשן אָנשטאָט דער אַלטער.

ניט נאָר מאַרקס, אַפילו לענין איז מגלה טפח און מכסה טפחים, דעקט־אויף אַביסל און פאַרדעקט אַ סך. אַזוי מוזן זיך אויפפירן די אידעאָלאָגן פון אַ הערשנדיקן קלאַס, ווען ער גייט צו מאַכט און הערשאַפט. וואָס זיכערער ער ווערט אין זיין נצחון — אַלץ אָפנהערציקער ווערט ער. דערפאַר איז לעניניזם אַ סך קלערער אידער מאַרקסיזם. לעניניזם איז די אויפדעקונג פון דעם סיסטעם, דער אויסטייטש און פאַרטיפונג, און צו אַ געוויסער מאָס די פאַרווירקלעכונג.

געוויינטלעך, דער מאַרקסיסט האָט דאָס רעכט צו באַקעמפן די ברוטאַליטעט, די צו שרייענדיקע פאָרמעס, וואָס די נייע הערשער, די נייע הערשאַפט פון דער אויפגעקומענער מינדערהייט, נעמט אָן צייטווייליק, היסטאָריש געגומען, אין רוסלאַנד. אָבער דאָס איז אַ מחלוקת צוליב אַ פאָרם, ניט צוליב דעם עצם מהות.

נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז אַ צ י ע

איך האָב געהאַט אַ פֿריינט, איך גלויב, אַז איך האָב אים נאָך עד־היום, ווייל אמתע פֿריינטשאַפֿט ראָסט ניט. געהייסן האָט ער ק—אָוו, — אַ רוסישער נאָמען מוז זיך דאָך ענדיקן אויף אָוו.

ווו האָב איך זיך באַפֿריינדט? ווו באַקאַנט? אין די האַלב־קורצע זומער־נעכט, וואָס האָבן זיך אַריינגערוקט אין דעם צווישן־אַרט, וואָס האָט זיך געצויגן... אַ פּאַסיק וואָרט, כ׳לעבן, געצויגן... ריכטיקער געלאָפֿן ווי אַ שנעלצוג, צווישן פֿעברואַר און אָקטאָבער. אין יענער צייט זענען די טעג, די אָוונטן, געווען צו־קורץ, אַ רגע אַ בליץ און אַריבער. און אודיטאָריעס, קלובן, טעאַטערן, גלאַט זאַלן, אָדער פֿאַבריקן — זענען געווען צו ענג אַריינצונעמען אַלע יענע, וואָס האָבן געגאַרט צו הערן דאָס לעבעדיקע צאַפּלדיקע וואָרט. און מען פֿלעגט אַרויס און זיך אויסשטעלן אויף די סקווערן און גאַסן־פּלעצער, און אָפּשטיין גאַנצע נעכט, ביז עס האָט גענומען טאָגן. און די בעסטע ערטער זענען געווען יענע, ווו דענקמעלער זענען געשטאַנען און עס איז געווען בנמצא אַ דערהויבעניש פֿאַרן רעדנער, אַרויפֿצוקלעטערן און טורעמען און דונערן פֿון דער הויך איבער די קעפּ פֿון די צוהערער.

אָט אין איינע פֿון יענע מאָדנע אומפֿאַרגעסלעכע נעכט האָב איך באַמערקט אַ מיטלגעוויקסיקע פֿיגור, מיט בלאָנדע, נאָכן רוסיש־דאָרפֿישן סטיל אונטערגעשניטענע האָר, מיט אַ בלאָנד בערדל, וואָס האָט ניט געקראָגן צופֿיל אויפֿמערקזאַמקייט, נאָר געווען פֿאָרט צוגעקעמט. אין שטיוול הויכע, הגם עס איז געווען גאַנץ וואַרעמלעך, מיט הויזן אַריינגערוקט אין די כאָלעוועס... קורץ, אָנגעטאָן נאָכן לעצטן וואָרט פֿון פּשוט־המונישער מאָדע...

איך האָב אים באַמערקט, ווייל ער איז געשטאַנען ווי אַ צוגעקלעפּטער צו דער סטאַטוע, נאָענט, וואָס נענטער צום רעדנער, און פֿאַררייסנדיק דעם קאָפּ אַזוי, אַז דער שטערן מיט דער באָרד זענען געלעגן אין איין שטח, האָט ער מיט די אויגן דורכגעבויערט דעם אָראַטאָר. דאָס מויל אַביסל אָפֿן, עפּעס ווי איינער וואָלט וועלן אַראָפּשלינגען און זיך מחיה זיין מיט די ווערטער, וואָס זענען געפֿאַלן פֿון דער הויך און זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן פּלאַץ, און כמעט זיך צעשאָטן מיט אָפּקלאַנגען און ווידערקולות.

אַז אַלץ האָט זיך געענדיקט, ווען דער רעדנער איז אַראָפּ אַ פֿאַרמאַטערטער, איך מיין דער לעצטער רעדנער, ווייל אָראַטאָרס פֿלעגן זיך בייטן, איינער אַראָפּ, איינער אַרויף, אַבי דער עולם האָט זיי געוואָלט הערן און געלאָזט ריידן, דער געזעמל נעמט זיך פֿונאַנדערגיין, עס איז שוין נאָך מיטנאַכט, — דעמאָלט פֿלעגט ק—אָוו אָנהייבן צו ריידן, אַגיטירן, איינטענהן מיט די עקשנים, וואָס צווישן די צוהערער, וואָס האָבן ניט מסכים געווען מיט די רעדנער, וואָס זענען אים געפֿעלן געוואָרן. ער פֿלעגט ריידן גלאַטלעך מיט אַ ברייטער שטימע און אַ הויכגעפֿעלן... רוסישן טעמבער, ריידן, אַריינדרינגען אין האַרצן פֿון פּשוטן צוהערער, אַרבעטער, וואָס איז ניט בכוח געווען נאָכצופֿאָלגן די געשעענישן און זיי פֿלעגן קוים־קוים נאָכהינקען.

ער פלעגטריידן שטייענדיק אונטן, רעדן פּריוואַט, ווי אַ פּריינט מיט פּריינט, צום ענין, קורץ, זאַכלעך און מיט גרויס פּשטות.

און די צוהערער, — אַ פּאָר, אַ קליין קייקעלע אַרום אים, ווי פאַרכישופט פון דער פּשוטער לאָגיק און געזונטן שוואַרץ־ערדיקן געפּיל.

ער איז באמת געווען פּשוט, און די פּשטות איז געווען נאַטירלעך אין אים און אַרום אים. ער האָט ניט געקענט ריידן פון אויבן אַראָפּ, פון אַ טריבונע. נאָר שטייענדיק, פאַרן פּיעדעסטאַל, אונטן, אויפן לעצטן טרעפּל, פלעגט ער שמועסן מיט האַרץ, מיט איבערצייגונג, צו מענטשן פון זיין גליכן, וואָס זענען געשטאַנען מיט אים אויף איין שטאַפּל פון אַנטוויקלונג.

און מאָדנע — ער האָט געהאַט געלייענט וויליאַם מאָריסעס „ידיעות פון ערגעץ־ניט" און נאָך און נאָך. און זיי האָבן געפונען אַ נעסט אין זיין נשמה. און וואָס ער האָט געוווסט, האָט ער געלאָזט וויסן אַנדערע.

און אַזוי שטייענדיק ביי איין דענקמאָל, איינאָטעמענדיק די זעלביקע פריי־שע לופט פון אַ מאָסקווער זומער־פאַרטאָג, האָבן מיר זיך פאַרחברט.

איינמאָל פרעגט ער מיך מיט אַן אומגעוויינטלעכער ווייכקייט אין שטימע: קען איך געהערן צו אייער פּאַרטיי? און ער האָט געקוקט אויף מיר האַלב־פאַרשעמט און האַלב־בעטנדיק.

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט און געענטפערט מיט אַ פרעג־געניש: פאַרוואָס ניט? אויב איר האַלט ווי מיר, האָט די זעלביקע איבערציי־גונגען...

— מיין באַשעפטיקונג וועט, אפשר, זיין אַ מניעה... זאָגט ער און קווענקלט זיך ווייטער.

— וואָס איז אייער באַשעפטיקונג? — האָב איך זיך פאַרינטערעסירט.

— איך האָב אַ קרעמל... אַ בודקע...

— ווו? — פרעג איך.

— אויף ליוביאַנקע, אין דער ריי דאָרטן... איך פאַרקויף, שטיוול... אַ קליינער מסחר... ווילאָקעס...

— אַזוי גאָר... און איך האָב זיך פאַרטראַכט, ניט ווויסנדיק וואָס צו ענט־פערן.

„אָפּיציעל" האָט ער צו אונדז ניט באַלאַנגט, אָבער איבערגעגעבן איז ער געווען מיט לייב און זעל. אָבער ער איז פאָרט געווען מחוץ־למחנה, ניט קיין אַרבעטער. מיט דער אידעאָלאָגיע איז ער געווען אונדזערער. די עקאָנאָמיק איז געווען די מחיצה...

איינמאָל קומט ער צו מיר אין שפּיטאָל. מיר שמועסן וועגן מאָסקווע. וועגן נייע אויפטועך, וואָס קומען דאָרטן פאָר.

— עס טראָגן זיך קלאַנגען, אַז מען וועט קאָנפיסקירן אונדזער סחורה... — זאָגט ער מיר האַלב שמייכלענדיק. ער ספּקט זיך, צי איז אַזאַ זאַך מעגלעך...

— אייער סחורה?! — וווּנדער איך זיך. — עס קען ניט זיין. איר זענט דען אויך אַ בורזשוי?...

מישטיינס געזאָגט. איר ווייסט וואָס עס מיינט צו שטיין אין אַ בודקע, ווו דרייסיקגראַדיקע פרעסט זענען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. עס ברענט און עס

סמאַליעט, אַזש עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. און דו שטיי זיך אין אַן אָפענער בוד־קע. שטיי פון דערפרי ביז שפּעט ביידערנאַכט — און פריר. ניט אויף קיין שפּאַס. אַ מאָסקווער פראָסט האָט פּיינט צו טרייבן קאַטאָוועס. אַז ער כאַפּט די נאָז — פאַרגליווערט ער זי. ער כאַפּט אַ פינגער, אַ באַק, וואָס ער קריגט, און לאָזט ניט אָפּ. רייב עס מיט שניי, אויב דו ווילסט עס ניט אָנווערן. אַלס אַ סגולה קעגן אים האַלט מען אַ פּייערטאָפּ מיט אַ פּאָר ברענענדיקע קוילן. פאַר וועלכע דער פראָסט האָט אַ גאַנץ קליינעם אָפּשיי. און אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, אַ צוועלף שעה אין מעת־לעת. ער און זיין ווייב פלעגן שטיין און פרירן און צייטנווייז פאַר־קויפן אַ פּאָר ווילאַקעס... און דאָס איז מסחר... און דאָס איז בורזשוי.

איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז זיין „סחורה" וועט קיינער ניט נאַציאָנאַלי־זירן... אַז ער איז ניט קיין בורזשוי, גלאַט מ'טראַכט אויס... מענטשן, וואָס האָבן ניט וואָס צו טאָן, טראַכטן אויס זאַכן, וואָס איז ניט געשטויגן, כדי צו שרעקן דעם עולם, פאַרמאוסן אין זייערע אויגן די רעוואָלוציע.

איך בין געווען זיכער און איך האָב אים באַרויקט, אַז „נאַציאָנאַליזאַ־ציע" פון אַזעלכע „אייגנטימער" ווי ער האָט, איז אַן אומזין.

ער איז אַוועק. אין דריי טעג אַרום קומט ער צו מיר אין שפּיטאָל:

— זיי האָבן נאַציאָנאַליזירט מיין בודקע...

איך בין געווען אויסער זיך.

— ווי אַזוי איז עס געשען? — פרעג איך, הגם אויף אַ פאַקט פרעגט מען קיין קשיות ניט.

— פּשוט, זיי זענען געקומען, געבראַכט אַ מאַנדאַט און אָפּגעחתמעט מיין בודקע, און אַלע שכנישע בודקעס.

— האָבן זיי עס רעגיסטרירט, געמאַכט אַן אָפּשרייב? — פרעג איך ווייטער.

— ניין. צוגעלייגט די חתימה און אַוועק. פון אַנדערע בודקעס נעמען זיי שוין אַרויספירן די סחורה.

— וווהין?

— איך ווייס ניט.

— זיי וועלן דאָך עס בזה־האופן צוגנבענען — טענה איך.

— פאַרשטייט זיך, וויבאַלד מען ווייס ניט וויפל און וואָס... — זאָגט ער.

— און ווי אַזוי האָבן זיי עס געקענט אָפּשרייבן. עס לוינט ניט דאָס שרייבן... די סחורה צעוואָרפן איבער הונדערטער בודקעס און קליינע קלייטלעך אַן אַ שיער.

— אפשר טוען זיי דאָס אומישנע, כדי צו קענען ראַבירן... זיי, די „באַאַמ־טע", נאַציאָנאַליזירן עס פאַר די אייגענע קעשענעס...

— מעגלעך. מען זאָגט אַזוי. צופיל סחורה אויף איין מאָל, און אָנגעוואָרפן און אָפּגעפירט אין די סקלאַדן. ניט געציילט, ניט געווויגן, ניט געמאָסטן. אַלץ אין איילעניש, אין כאַפּעניש, אין אַ מישמאַש.

דאָס איז אָבער געווען אַ גרויסער מיין, אַ דורכזיכטיקע כוונה.

כדרך־הטבע דאַרפן די פעלערן פון דורכפירן דעם פּלאַן פון נאַציאָנאַליזאַ־ציע צוגעשריבן ווערן דער פאַרברעכערישער נטיה פון יענע, וואָס האָבן עס געטאָן. זיי האָבן, פּשוט, געוואָלט „אָנוואָרעמען די הענט", אויסנוצן דעם מאָ־מענט. דאָס איז אָבער אַ דעטאַל, וואָס האָט צום עיקר בילד קיין שייכות ניט.

אין אַזעלכע צייטן קומט דער „פאַרברעכער" און קריגט זיין לייבן-טייל, ווייל די אָרנטלעכע מענטשן האָבן ניט קיין צייט און ניט קיין מעגלעכקייט אויף זיי אַכטונג צו געבן, אויף זיי, וועלכע זענען באותה-שעה זייער טיכטיק, פלייסיק, אַליין אויפצוטאָן אַ סך, וויסנדיק און פילנדיק, אַז אַזעלכע צייטן חזרן זיך ניט איבער. און ווער עס וועט ניט אַריינכאַפּן איצטער, אין דער בהלה, וועט עס שפּעטער ניט קענען טאָן, על-כל-פּנים, אַזוי אָפן, ווייל ער וועט כאַפּן איבער די גנבישע הענט.

אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. דאָס זענען שטריכן, וואָס גיבן ווינציק צו צום בילד.

וואָס איז אָבער די כוונה אין אַרויסגעבן אַ דעקרעט צו נאַציאָנאַליזירן אַלעמען און אַלץ אָן פונאַנדערקלייב און אָפּשטעל, וויסנדיק לכתחילה, אַז אַזאַ נאַציאָנאַליזאַציע מוז גרענעצן מיט רויבעריי, מיט אַוועקנעמען דאָס לעצטע פון יענע, וואָס האָבן מער ניט ווי „עפּעס", און אַוועקנעמען עס אָן חשבון? ווייל עס איז פּשוט ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן אַ „נאַציאָנאַליזאַציע", וואָס איז צעוואָרפן איבער הונדערטער ערטער און טויזנטער קלייניקע קרע-מעלעך. קאָנטראָלירן און אַכטונג געבן האָט מען נאָר געקענט, ווען מען האָט איבערגענומען די גרויסע געשעפטן, רייכע קראָמען, אָבער די „שפּור", וואָס זענען געווען צעזייט איבער די מאַרקן, „פלעצלעך" און גלאַט גאַסן אַזוי, אַז עס איז כמעט ניט געווען אַן אָרט פריי פון זיי — ווער האָט זיי געקענט ציילן און אויסרעכענען?!

„מען האָט צוגענומען דאָס „גוטס" פון „אייגנטימער", און אויפן וועג צום סקלאַד פלעגט עס פאַרשווינדן, ווי זאַמד דורך אַ זיפּ.

וואָס זענען אויסן געווען די באָלשעוויקעס, טוענדיק עס, צו עקספּראָפּרי-אירן אַט-די קליינע מיטלשטאַנד-מענטשן?

די כוונה איז געווען אַ פּשוטע: מאַרקס האָט געלערנט, אַז דער מיטל-שטאַנד דאַרף אויסשטאַרבן, דאַרף אונטערגיין. און אַז די סטאַטיסטיק האָט גע-וויזן, אַז דער מיטלקלאַס ווייל ניט פאָלגן, ווייל ניט אונטערגיין, האָט די טעאָ-ריע געליטן פון דעם און האָט געמוזט נעבעך שווייגן און זוכן תרוצים-פאַרענט-פערונגען. אַזוי פלייסט זיך קאַוטסקי צו פאַרגלעטן די פאַקטן, זיי אויסטייטשן. דאָס איז אַלץ גערעדט כל-זמן די טעאָריע איז אוממעכטיק, בלייבט ריינע טעאָ-ריע, אַ נשמה אָן אַ גוף. רעמאָלט מוז זי זיך בויגן פאַרן לעבן, און זען זיך צו-צופּאַסן. אָבער אַז די „טעאָריע" איז געוואָרן אַ מאַכט, האָט פאַרנומען אַ לאַנד, דעמאָלט איז גאָר אַנדערש. „דאָס לעבן" דאַרף נאָכגעבן דער טעאָריע. און ווי באַלד עס איז געפּסקנט געוואָרן, אַז דער מיטלשטאַנד דאַרף אויסשטאַרבן — איז צי ער ווייל צי ער ווייל ניט, מוז ער שטאַרבן. ד"ה מען גיט אַרויס גזעצן, וואָס הרגענען אים אַוועק. און אַזוי „ווערט מקויים", וואָס עס איז געשריבן גע-וואָרן. נאָך מער: געשריבן איז עס ניט אומזיסט. און די „לעניניסטן" האָבן זיך געפלייסט עס דורכצופירן אויך ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. זיי האָבן געזען אין מיטלשטאַנד, אין המון-עם, אין „פאָלק", זייער גרעסטן איינגעשפּאַרטן שונא, סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש. און עס איז נאַטירלעך: אַ קלאַס, וואָס זיין

גאַנצער עקזיסטענץ־פאַרענטפער איז די נויטיקייט אין אָרגאַניזאַציע; מען דאַרף אָרגאַניזירן די פראָדוקציע, און די פונקציע פילט ער אויס. און צו דער פונקציע האָט ער זיך געגרייט און געשאַפן די נויטיקע אידעאָלאָגיע און לערע. דעם גרעסטן חסרון האָט ער איינגעזען אין, ווי מאַרקס האָט עס גערופן, „אַנאַרכיע פון פראָדוקציע“. דער קלאַס פון אָרגאַניזירערס, דער הויכקלאַס, וואָס וויל און וועט פאַרנעמען דעם אָרט פון דער בורזשואַזיע, איז פאַראינטערעסירט אין פונאַנדערפאַל פון „קאַפיטאַל“ און אַרבעט. און מיט דער הילף פון דעם אַרבעטערקלאַס קאָנפיסקירט ער די בורזשואַזיע, איינריידנדיק דעם אַרבעטער, אַז יענער האָט גאָרניט צום פאַרלירן, ווייל סיי ווי סיי געהערן אַלע רייכטימער פון לאַנד ניט צו אים, נאָר צו דעם קלאַס קאַפיטאַליסטן.

דער אַרבעטערקלאַס, ניט פאָרויסזעענדיק און ניט פאַרשטייענדיק, אַז די רייכטימער, אמת, געהערן טאַקע ניט צו אים, אָבער דאַרפן און וועלן געהערן צו אים, ווען ער וועט קעמפן דערפאַר, לאָזט זיך אָפנאַרן און דערלאָזט, אַז אַ דריטער, אַ נייער הערשנדיקער קלאַס, זאָל זיך אַריינשפאַרן ניט באַמערקטערהייט און זיך אַוועקשטעלן אָנשטאָט דעם קלאַס קאַפיטאַליסטן. דער אויסרייד איז: די פראָדוקציע דאַרף ווערן אָרגאַניזירט און ער, דער נייער אויפגעקומענער קלאַס, וועט אויספילן די פונקציע אויפן בעסטן אופן. אַזוי אַרום ווערט דער אַרבעטערקלאַס אויסגענוצט אין קאַמף קעגן די קאַפיטאַליסטן, ער קריגט אָבער ניט דאָס, וואָס ער האָט געקענט קריגן, ווען ער וואָלט ניט דערלאָזט אַ דריטן, אַ נייעם קלאַס, צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער אָרגאַניזירונג פון דער פראָדוקציע און פאָליטישער אָנפירעריי. ער בייט מער ניט ווי זיין באַלעבאָס. אָנשטאָט דעם קאַפיטאַליסט, שטעלט זיך אַוועק אַ נייער פריווילעגירטער קלאַס, וואָס היט אָפ זיינע פריווילעגיעס ניט מיט קיין קלענערער ברוטאַליטעט און איינגעגעסנקייט ווי די בורזשואַזיע. דער אַרבעטער בלייבט ווי געווען: אַ ווייסער קנעכט, אַ געדונגענער. אָנשטאָט צו דינען הונדערט באַלעבאַטים, פאַרהעלטנישמעסיק קליינע, דינט ער איין גרויסן באַלעבאָס, וואָס איז אָרגאַניזירט אַלס אַ מאַכט, וואָס באַשיצט זיינע פאָזיציעס מיט ספעציעלע געזעצן אַרויסגעגעבן לשם זה. אָנשטאָט צו זאָגן ווי מאַרקס אין זיין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“: דער אַרבעטער האָט גאָרניט צו פאַרלירן, האָבן מיר געקענט זאָגן: דער אַרבעטער האָט גאָרניט צו געווינען, ווייל קעמפן קעמפט דער אַרבעטערקלאַס — געווינען אָבער געווינט אַ נייער קלאַס. ווי דער פאַל איז געווען מיטן דריטן שטאַנד בשעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער המון, די פויערים, די שטאָטישע אַרבעטער, בעלי־מלאכות האָבן געקעמפט — און געוווּנען האָט די בורזשואַזיע. דער אַרבעטערקלאַס וועט אויסגעפינען זיין טעות און פאַרבלענדעניש, אָבער דעמאָלט וועט שוין זיין שפעט, דער נייער באַלעבאָס וועט אים האַלטן אויף דער קייט און זיין אַזוי צוגעבונדן, אַז ער וועט זיך ניט קענען אַ ריר טאָן.

גאָר אַן אַנדער פאָזיציע פאַרנעמט דער מיטלקלאַס, וואָס דאַרף צום נייעם „האַר“ ניט־אָנקומען ווי צו אַ ברויט־ און אַרבעטגעבער. ער וויל זיין אומאָפהענגיק סיי עקאָנאָמיש און סיי פאָליטיש. און דאָס איז אַ לוקסוס, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אים ניט געוואָלט דערלויבן און זיי האָבן אָנגעפירט אַ

סיסטעמאַטישן קאַמף מיטן מיטלקלאַס, אים צו ברעכן עקאָנאָמיש, ממילא, פאַר־ניכטן פּאָליטיש.

דעם ערשטן קלאַפּ האָבן זיי אים דערלאַנגט, אַרויסגעבנדיק דעם דעקרעט וועגן נאַציאָנאַליזאַציע אָן אונטערשייד, צי עס האַנדלט זיך וועגן אַ קאַפּיטאַליסט, צי וועגן אַ דרייגראָשנדיקן קרעמער.

ברעך אים, פאַרניכט אים! דאָס איז דער גרעסטער שונא! און זיי רייסן אַרונטער די ווירטשאַפט פון לאַנד — אָבער זיי האָבן קיין ברירה ניט געהאַט. דאָס איז געווען דער איינציקער וועג צו פאַרזיכערן זייער הערשאַפט. דער מיטלקלאַס איז געשטאַנען אין וועג — און אים האָט מען געמוזט אַפּראַמען. און זיי האָבן דערנידערט דעם מיטלקלאַס כמעט צו בעטלעריי און צו שטאַרבן פון הונגער.

דער אַרבעטער קריגט געהאַלט און מוז וויסן ווי זיך צו האַלטן, אויף אים האָבן זיי זייער וואַכזאַם אויג. דער מיטלקלאַס איז געווען צו רייך אין צאָל און צו „פריי" געשטימט. און זיי האָבן זיך גענומען פאַר זיינע ביינער. און אים געוואָלט חרוב ומוחרב מאַכן.

2

דער מיטלשטאַנד

דער קליינבירגער און זיין פראַגע

האָט דען דער מיטלשטאַנד, דער קלאַס פון קליינבירגער, אַ פראַגע? — וועט דער לייענער פרעגן. און אַ קשיא אויף אַ מעשה: ער קען נאָך אַ קוועטש טאָן דערביי מיט די פּלייצעס, מיינענדיק, אַז מיט דעם שאָקלט ער אינגאַנצן אָפּ דאָס פּראָבלעם.

יאָ, צום באַדויערן, עס איז דאָ אַזאַ פראַגע און זי איז זייער אַ צרהדיקע.

אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער שׂכל אונ־דזערער איז געווען פיל קירצער, האָט די זאַך אויסגעזען צו זיין גאַנץ איינפאַך.

די גרויסע וואַלפישן וועלן אַראָפּשלינגען די קליינע פלאָטקעס. און אַז מיר, סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, וועלן קומען, וועט שוין זיין נאָך אַלעמען; אונדז וועט מער נישט בלייבן ווי צו כאַפּן אַט־דעם לויתן און אים דערהרגענען.

מיט פּשוטע ווערטער: קאַפּיטאַליזם, הויכקאַפּיטאַליזם, וועט מאַכן אַ סוף צו די מיטלקלאַס־מענטשן, פאַרוואַנדלענדיק זיי אַלעמען אין פּראָלעטאַריער; אויף אַזאַ אופן וועט ער פאַראיינפאַכן אונדזער אויפגאַבע, ווייל ער, דער קאַפּיטאַליזם, בכבודו ובעצמו, וועט זיך אויסגראָבן דעם גרוב און זיך אַליין באַגראָבן אין אים; ער וועט פאַרטיפן דעם תהום, וואָס ליגט צווישן די צוויי הויפּטקלאַסן כנגדים, די אַרבעטער אויף איין זייט און די מאַגנאַטן פון קאַפּיטאַל אויף דער אַנדער זייט.

אַ צוזאַמענשטויס וועט פאַרקומען, צווישן די בײדע מחנות, אַ מין מלחמת גוג ומגוג, און נאָכדעם הײבט זיך אָן די גליקזעליקע צײט פון ימות המשיח. די אַרבעטער זיגן — קאַפּיטאַל ווערט געבראָכן און אָפּגעשאַפט.

לויט אַזאַ בילד האָט ניט געקענט עקזיסטירן קײן מיטלקלאַס־פּראָבלעם. אַלץ, וואָס איז געבליבן צו טאָן, איז צוצואײלן דעם פּראָצעס, פאַרשנעלערן אים, צוגעבן אימפּעט און געשווינדקײט, פּראָלעטאַריזירן, פאַראַרבעטן, „פאַרהאָרע־פּאַשניקן" דעם מיטלמענטש, אַרײַנציִען אים אין אינדוסטריעלן פּראָצעס, מאַכן אים פון אַ זעלבסטשטענדיקן, „אומאָפּהענגיקן", באַלעבאָס, אַ האָרעפּאַשניק, וואָס ווערט געדונגען און אָנגעשטעלט פון קאַפּיטאַל.

בזה האופן וואָלטן אַלע מיליאָנען מיטלשטאַנד־מענטשן זיך אַרײַנגעגאָסן אין אַלגעמײנעם שטראָם פון פּראָלעטאַרישן אָנגריף און די עקזיסטירנדיקע אָר־דענונג וואָלט געשטירצט ווערן.

די ווירקלעכקײט, דאָס אומברחמנותדיקע לעבן, האָט באַוויזן, אַז יענע באַהויפּטונג, ווי אַ סך אַנדערע, איז אַביסל אָן איבערגעטריבענע, אָדער ריכ־טיקער, די שילדערונג איז געווען אָן אײנזײטיקע.

פון אײן זײט איז זי געווען צו פּעסימיסטיש, צו גרוי; פון דער אַנדער זײט — צו אָפּטימיסטיש, צו פרײלעך.

דער גרויסער קאַפּיטאַל קאָנקורירט, ברעכט דאָס „קלײנע מענטשעלע" און... פּראָלעטאַריזירט אים... דאָס לאַו־דווקא.

עס זענען דאָ צענדליקער טויזנטער און הונדערטער טויזנטער מיטלשטאַנד־מענטשן, וועלכע וואָלטן גערן וועלן זיך פּראָלעטאַריזירן...

נאָר עס פּראָלעטאַריזירט זיך ניט... דער פּראָצעס פון אינדוסטריע שלעפּט זײ ניט אַרײַן, עס איז ניטאָ פאַר זײ קײן אָרט.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז בײַ הײַנטיקן טאָג אַפילו, אין די העכסט אינ־דוסטריאַליזירטע לענדער, איז דער מיטלשטאַנד גרעסער אין צאָל אײדער דער פּראָלעטאַריאַט. און איבערמאָלן אין די אינדוסטריע־רעדער אַזאַ גרויסע, מאָוים־גרויסע, צאָל מענטשן — איז ניט קײן שפּילכעלע. און ווען דאָס וואָלט יאָ גע־שען, ווען דער מיטלשטאַנד וואָלט פּראָלעטאַריזירט ווערן, וואָלט ער געדאַרפט אַרויסשטויסן אַ גרויסן טײל פון די אַרבעטער, וועלכע זענען הײַנט פאַרנומען אין דער אינדוסטריע, און דער קריזיס, וואָס דער אַרבעטערקלאַס וואָלט אַדאַנק דעם איבערלעבן, וואָלט געווען אין־לשער.

דער אַרבעטאָנבאָט וואָלט אַריבערשטײַגן פיל מאָל די נאָכפראַגע, און דאָס וואָלט אַראָפּגעריסן אַלע דערגרײכונגען און געווינסן, וואָס דער אַרבעטערקלאַס האָט אויסגעקעמפט אין אַ משך פון צענדליקער יאָרן.

מען דאַרף נאָך האַלטן אין קאָפּ, אַז די נײַע אויפטועניש אויפן געביט פון אײַנשפּאָרן אַרבעט דריקן אַראָפּ די באַדערפעניש אין אַרבעט. און דער וווּקס פון דער אינדוסטריע ווערט ניט נאָכגעפאָלגט פון אַ פאַרגרעסערונג אין דער צאָל פון פאַרנומענע הענט. די מאַשין פאַרנעמט דעם אָרט פון מענטשן־כוח.

די שטאָל־ און אײַזנקלאָפּן, — אַ טרוים פון דעם גריכישן פילאָזאָף אַריס־טאָטל, וועלכער נעמט פאַרווירקלעכט ווערן אין אונדזער צײט, — שטויסן אַרויס

אַ געוויסע צאָל אַרבעטער און פאַרגרעסערן און מאַכן געדיכטער די קאַדרן פון די אַרבעטסלאָזע.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן צו באַהויפּטן, אַז דער פיל־מיליאָניקער קלאַס פון מיטלמענטשן וועט פאַרוועבט ווערן אין דעם אינדוסטריעלן שטאָף — איז זייער שווער.

דער אַרבעטמאַרק איז איבערגעזעטיקט און קיין נייע געביטן, נייע צווייגן פון אינדוסטריע שפּראָצן ניט אַרויס אַזוי געשווינד, און מיליאָנען מענטשן איז שווער אַריינצוזאַפּן, סיידן די פּראָדוקציע וואָלט געווען טרוקן ווי דער מדבר סאַהאַראַ, אַ זאַך, וואָס איז זייער ווייט פון ווירקלעכן צושטאַנד. עס פעלן ביי היינ־טיקן טאָג ניט אויס קיין הענט, נאָר עס פעלט אויס אַרבעט.

און וואָס זאָל מען טאָן מיטן מיטלשטאַנד?

אַנדערע וועלן זאָגן: וואָס אַרט עס אונדז? דער מיטלשטאַנד איז סיי ווי סיי אַן איבעריקע זאַך; ער פּראָדוצירט גאָרניט, מען דאַרף אים ניט, זאָל ער אומ־קומען.

אַזאַ שטאַנדפּונקט איז אַ פּאַריסייאישער. ניט אַריינגייענדיק אין קיין אַר־גומענטן מכוח דעם, וואָס הייסט פּראָדוצירן און וואָס הייסט ניט־פּראָדוצירן, וואָלט איך מער ניט ווי אָנמערקן, פאַרבייגייענדיק, אַז די פּראָדוקציע איז גע־שאַפן פאַר מענטשן, ניט מענטשן פאַר דער פּראָדוקציע.

מענטשן זענען בילכער אײדער די פּראָדוקציע. מענטשן, ווי אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, זענען קודם־כל געברויכער פון זאַכן, סיי געשאַפן פון דער נאַ־טור, סיי אַרויסגעבראַכט דורך אַרבעט.

אַ קינד זויגט, כאָטש עס פּראָדוצירט גאָרניט. מען גיט אים אַן אַוואַנס אויפן חשבון פון זיין צוקונפט. מיר אָטעמען לופט, מיר קוקן און האָבן הנאה פון דער זון, פון די בלויע הימלען, הגם מיר האָבן זיך ניט באַטייליקט אין פּראָצעס פון אָפּגיסן אָדער אָנצינדן אָדער אויפהענגען די זון אין הימל. יעדער מענטש איז מער געברויכער, איז מער אַ קאָנסומירער אײדער אַ פּראָדוצירער. און צו אַ מענטשן, אַ פשיטא שוין אַ קלאַס, קען מען ניט צוגיין מיטן מאַסשטאַב פון פּראָדוקטיוויטעט.

ווען מיר וואָלטן אַפילו איינשטימיק געווען מיט דעם געדאַנק, וועלכן איך האַלט פאַר דורך און דורך פאַלש, אַז דער מיטלשטאַנד פּראָדוצירט ניט, וואָלט סיי ווי סיי בלייבן די פראַגע: וואָס טוט מען מיט דעם קלאַס?

אָבער האַנדלען איז אַ טריפה זאַך, עס איז אַ גרויסע עבירה, עס איז קעגן דעם נייעם שולחן־ערוך.

איך בין איינשטימיק, אַז די זינד פון האַנדלען, ווי מען רופט עס אין רוס־לאַנד, „ספּעקולירן", איז גרויס — אָבער שטאַרבן פון הונגער איז נאָך אַ גרע־סערע זינד, עס איז כמעט די גרעסטע עבירה.

און אַ קלאַס פון מיליאָנען מענטשן קען מען ניט הייסן: „לייגט זיך, קינ־דערלעך, און שטאַרבט, ווייל איר זענט זינדיקע נפשות".

אַזוי צו זאָגן איז אומעטיש און אומעקאָנאָמיש, אוממענטשלעך און אומ־ווירטשאַפטלעך. ווען מען נאַציאָנאַליזירט דעם האַנדל, מוז מען באַזאָרגן אַלע יענע, וועלכע זענען געווען פאַר דעם באַשעפטיקט אויף יענעם געביט פון

מענטשלעכן טאָן. מען מוז זיי אָדער געבן שטעלעס, אָדער באַזאָרגן אויף אַן אַנדער אופן.

אַפילו אונדזערע אָרטאָדאָקסישע טאַטעס האָבן געוווסט, אַז פּיקוח נפש איז דוחה שבת, אַז אַ מענטשנס לעבן שטייט העכער ווי דער דין. און פאַרשטייט זיך, אַז מען קען ניט דערקלערן אַ קלאַס, וואָס באַשטייט פון שווערע מיליאָנען מענטשן, אַז זיין עקזיסטענץ איז קעגן אונדזערע דינים. עס איז ברוטאַל; מען דאַרף וויזן דעם וועג פון אויסלייזונג, ניט שטויסן אין שאול תחתיה פון פאַרדאַמונג און אונטערגאַנג. כאָטש גייט אויס פון הונגער, קומט אום, אַבי איין אות פון אונדזער סאָציאַליסטישער תורה זאָל חס־ושלום ניט אָפּגעמעקט ווערן".

דאָס איז ניט ווירטשאַפטלעך. ווייל אויב מען וואָלט אַזוי טאָן, וואָלט מען ממיתן דעם אינעווייניקסטן מאַרק, און ממילא וואָלט די פּראָדוקציע געשעדיקט געוואָרן און די פּראָדוצירנדיקע עלעמענטן וואָלטן פון דעם ליידן ניט־ווייניקער כמעט ווי די מיטלשטאַנד־מענטשן.

די יאָרן פון פונאַנדערבלי פון אויסנווייניקסטן מאַרק זענען אַריבער. אַן אינדוסטריע מוז זיך האַלטן הויפּטזעכלעך אויף די געברויכער פון אינעווייניק, בכדי עס זאָל זיין אַרבעט, מוזן זיין געברויכער.

באַדערפענישן האָבן אַ טבע, זיי זענען זייער עלאַסטיש. ווען די הכנסה ווערט קלענער, ווערט די הוצאה נאָך קלענער. ווען אַ קלאַס הערט אויף צו פאַרדינען, פאַרקלענערט ער באַלד זיינע באַדערפענישן, ער הערט אויף צו געברויכן, אָדער רעדוצירט זיין געברויך צום קלענסטן מינימום.

און ווען אַ געזעלשאַפט, וואָס איז נאָך אַלעמען אַ לעבעדיקער פונקציאָנירנדיקער אָרגאַניזם, גייט דורך אַזאַ געפערלעכע אָפּעראַציע ווי אַרויסשניידן אַ גאַנצן גליד, אָדער עטלעכע גלידער, ווערט זי, מוז זי ווערן, זייער אָפּגעשוואַכט, כמעט רויִנירט. אויב אַ גרויסער טייל פון דער חברה ווערן בעטלער, ווערן שלעפּוירים — מוז די גאַנצע ווירטשאַפט פון דעם ליידן. עקאָנאָמיק אָנערקענט דאָס געזעץ פון „אַלגעמיינער פאַראַנטוואָרטלעכקייט".

און אויב אַזוי, ווי מיר האָבן, כאָטש קורץ, אָנגעוויזן, אַז ניט פּראָלעטאַריזאַציע און ניט פּויפּעריזאַציע (מאַכן פאַר שלעפּוירים, קבצנים) קען זיין דער ענטפער אויף דעם מיטלשטאַנד־פּראָבלעם, טאָ וואָס איז פאַרט דער ענטפער?

אַ סאָציאַלע פּראָבלעם מוז האָבן אַ פאַרענטפער.

דער מיטלשטאַנד פאַרנעמט אַזאַ מצב אין דער ווירטשאַפט, וואָס אַראָפּשלינגען קען מען אים ניט, אַרויסשפּייען אוודאי ניט, און זיך דערשטיקן מיט אים וואָלט דאָך אוודאי די געזעלשאַפט ניט וועלן.

אָבער באמת רעדנדיק, דער אַוועקשטעל פון דער פראַגע איז שוין כמעט ווי אַ האַלבע לייזונג.

דער אידעאַל פון פרייהייט אַנטשפּרעכט דער פּסיכאָלאָגיע און טראַכטנסוויזע פון דעם קליינבירגער. די „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט" איז געשריבן געוואָרן פון קליינבירגער, די „דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטשן" פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז פאַרפאַסט געוואָרן פון קליינבירגער.

אַ קליינבירגער איז אַ מענטש, וואָס האָט בטבע פיינט צו זיין עקאָנאָמיש אונטערגעוואָרפן אונטער יענעמס ווילן, צו האָבן אַ באַלעבאָס, צו דינען יענעם,

צו זיין אַ משועבר. ער האָט האַלט צו זיין פאַר זיך, ניט פאַרדונגען, ניט פאַרקויפט, ניט פאַרשקלאַפט. גאַנץ אָפט ליידט ער פון דעם, אים וואָלט אַ סך בעסער לוינען צו זיין אַן אָנגעשטעלטער, ער קען עס אָבער ניט פאַרטראָגן. ער וויל זיך ניט אונטערוואַרפן אונטער אַן אַנדער מענטשנס רשות. און נאַטירלעך, אַז אין פּאָליטיק האָבן זיי, די קליינבירגער, געגעבן זייער גייסט פון שטאָלץ און אומנכנעקייט — דעם אויסדרוק פון די צוויי היסטאָרישע דאָקומענטן, וועלכע איך האָב נאָר־וואָס דערמאָנט, און איבערהויפּט האָט עס זיך פונאַנדערגעפּלאַקערט אין דער לערע און אידעאַל, וועלכן מען רופט אָן אַנאַרכיזם.

האָט אָבער דער מיטלשטאַנד אַ צוקונפט? — וועט איר מיך פרעגן. לוינט זיך עס זיך אַריינצווואַרפן אין אַ שטיקל אַרבעט, זיך פאַרבינדן מיט אַ קלאַס, וואָס מוז אונטערגיין, וועמען די געשיכטע האָט אַרויסגעטראָגן אַ טויט־פּסק?

אויף דעם וואָלט איך ענטפערן מיטן שפּרוך: דער חלום איז טאַקע אַ שרעקלעכער, אָבער דער גאָט פון דער געשיכטע איז אַ גרויסער בעל־רחמים.

וואָס איז דער פשט דער מיטלקלאַס וועט אונטערגיין? דאָס איז אַ שטיקל מאַרקסיסטישע תורה, פון וועלכער אַלע מאַרקסיסטן בר־דעתן האָבן זיך לאַנג־לאַנג אַנטזאָגט. מיט צענדליקער יאָרן צוריק, נאָך איידער קאַוטסקי איז געוואָרן דאָס, וואָס ער איז געווען לעצטנס, אַ מענטש מיט אַ קריטישער אויפפאַסונג פון דער מאַרקסיסטישער דאָקטרינע, וועלכער שרעקט זיך ניט צו פאַרוואַרפן דאָס, וואָס מען זעט איין, אַז עס שטימט ניט מיט דער ווירקלעכקייט, מיט די נייע אומשטענדן, — אין דער ערפורטער פּראָגראַם וועט איר שוין געפינען, אַז קאַוטסקי ברענגט סטאַטיסטישע טאַבעלן, אין וועלכע ער ווייזט אָן, אַז דער מיטלשטאַנד ווערט ניט קלענער אין צאָל, נאָר גרעסער.

אמת, זיין לאַגע ווערט פון טאָג צו טאָג ערגער. דער גרויסער קאַפּיטאַל דריקט אים, שטיקט אים, ראַבעוועט אים, נעמט צו אַלע זיינע פאַרדינסטן, באַשטראָפט אים שווער, זעט אַרויסצוקריגן פון אים אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט נאָך דורך פאַרשיידענע דריידלעך און שווינדלערייען; קאָנקורירט מיט אים, זעט צו פאַרקויפן ביליקער, פלייסט זיך אים אַרויסצושטויסן ניט נאָר פון אינדוסטריע, — אַ זאַך, וואָס איז שוין כמעט ווי געטאָן געוואָרן: דער גרויסער קאַפּיטאַל מיט דער הילף פון געדונגענער אַרבעטס־קראַפט, האָט כמעט ווי פאַרניכטעט דעם בעל־מלאכה — נאָר אויך פון קליינעם האַנדל, פון איינצל־פאַרקויף, פון קרעמל, פון פאַרם.

אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אַז דער קלאַס גייט אונטער. דאָס זאָגט מער ניט ווי דאָס, אַז דער קלאַס מוז זיך נעמען אָרגאַניזירן, און נעמען קעמפן באַוווסטזיניק פאַר זיינע אינטערעסן. נאָך אַלעמען, די קאַפּיטאַליסטן זענען מער ניט ווי אַ קליינע מינאָריטעט, די אַרבעטער זענען אַ גרעסערע מינאָריטעט, אָבער אַלץ אַ מינאָריטעט. דער מיטלשטאַנד איז די מערהייט פון דער מענטשהייט. און אַ געזונטער אידעאַל, וועלכער האָט ניט בדעה אַרויפצוצווינגען די הערשאַפט פון אַ מיעוט אויף דעם גרויסן רוב, דאַרף זיך שטיצן אויף דעם גרויסן שטאַנד, וועלכער איז דער רוב מנין און רוב בנין פון דער מענטשהייט. נאָך אַלעמען זעען מיר ביי היינטיקן טאָג, אַז צוויי מינאָריטעטן האַלטן אין איין רייסן זיך, ווייל די מערהייט פון דער געזעלשאַפט שטייט כמעט ווי אָן אַ זייט.

אַלע סאָציאַלע חשבונות פון פיל פון די טעאָרעטיקער פון סאָציאַליסטישן לאַגער זענען געמאַכט געוואָרן אָן באַלעבאָס, אָן דעם אמתן אדון־הגדול פון דער געזעלשאַפט. דער מיטלקלאַס איז איצטער גאָרניט, ער וועט אָבער זיין אַלץ אין דער מינוט, ווען ער פאַראייניקט זיך. סיי אין די הויכאינדוסטריעלע לענדער, סיי אין די ווייניק־אַנטוויקלטע, שטעלט דער מיטלקלאַס פאָר פון 75 פּראָצענט ביז העכער 90 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

אמת, עס איז שווער צו אָרגאַניזירן דעם מיטלקלאַס. דעם אַרבעטער האָט דער קאַפּיטאַל אַליין ניט ווילנדיק געמומען אָרגאַניזירן דורך דעם, וואָס ער האָט צוליב זיינע פּראָדוקציע־צוועקן צוזאַמענגעבראַכט גרויסע צאָלן אַרבעטער אונטער איין דאַך, אין איין געביידע, אויף איין אָרט. ער האָט זיי קאָנצענטרירט, ווי זעלנער אין קאַזאַרמעס. דער מיטלקלאַס איז ניט אַזוי. ער איז צעזייט און צעשפּרייט איבער די שטעט און דערפער, איבער די גאַסן און וועגן. און איך וואָלט זאָגן, אַז דער אויטאָמאָביל איז די טעכנישע דערפינדונג, וועלכע וועט אויפהייבן דעם מצב פון מיטלמענטשן, געבנדיק אים די מעגלעכקייט זיך צוזאַמענצוקומען, זיך צוזאַמענצוטרעפן, זיך צוזאַמענצורעדן און זיך פאַראייניקן.

און ווען די אויפגאַבע פון אַרבעטערקלאַס איז איבערצונעמען די אינדוסטריע, קאָנפיסקירן אָדער אויף אַן אַנדער אופן זען פאַרנעמען דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, איז די עובדא פון מיטלקלאַס זען צו באַהערשן דעם האַנדלסקאַפּיטאַל. און דער מיטלקלאַס און אַרבעטערקלאַס דאַרפן גיין האַנט אין האַנט איינער מיטן אַנדערן און העלפן איינער דעם אַנדערן צו מאַכן אַ סוף פון קאַפּיטאַליסטישן סדר.

יענע, וועלכע האָבן איינגערעדט און רעדן איין דעם אַרבעטערקלאַס, אַז ער און דער מיטלקלאַס זענען שונאים, געפינען זיך אונטער דער השפעה פון גרויסן קאַפּיטאַל און ניט־ווילנדיק ווערן זיי זיינע משרתים, פאַרשטאַרקן זיינע פּאָזיציעס דורכדעם, וואָס זיי לאָזן ניט די צוויי ליידנדיקע קלאַסן קומען צו אַ פאַרשטענדעניש און בזה האופן פאַרגיכערן דעם פּראָצעס פון אָפּשאַפן קאַפּיטאַל.

אין יענעם טאָג, ווען מען וועט פאַרבאָטן צו דינגען אַרבעט, אין יענעם טאָג, ווען געדונגענע אַרבעט וועט ניט דערלאָזן ווערן פונקט ווי שקלאַפעריי, ווען מען וועט פאָדערן, אַז יעדער געדונגענער זאָל ווערן אַ שותף אין געשעפט, אין פאַבריק — דעמאָלט וועט דער מיטלקלאַס אויפהייבן דעם קאָפּ און זיך שטעלן אויף די פיס, ווייל קאַפּיטאַל אַליין קען אָן אים גאָרניט טאָן; בלויז קאַפּיטאַל, ווען ער פאַראייניקט זיך מיט געדונגענער אַרבעט, אַרבעט, וועלכע ער עקספּלואַטירט, טיראַניזירט, אָט־דער קאַפּיטאַל שלאָגט און ברעכט דעם מיטלשטאַנד. דערהויפּט איז דער מיטלקלאַס פאַראינטערעסירט אין דעם אָפּשאַף פון לוין, פון עקספּלואַטירטער אַרבעט און זיינע אינטערעסן פאַלן צוזאַמען מיט די אינטערעסן פון אַרבעטערקלאַס אין אַלע ליניעס, אין אַלע פּינטעלעך.

דער מיטלקלאַס מוז אָרגאַניזירט ווערן ווי אַ קלאַס מיט אַ קלאַסן־אידעאָלאָגיע. אָבער דער מיטלקלאַס איז אין דער זעלביקער צייט מער ווי קלאַס, ער איז, בכלל, אומעטום, ביי אַלע פעלקער, די מערהייט פון דער געזעלשאַפט, ווי אויבן געזאָגט.

דער מיטלקלאַס אַרבעט צופיל, ער ווערט פאַרחושכט אין די קרעמלעך,

אין ווערקשטאַטן, אויף די פֿאַרמס וכדומה. מען האָט געדאַרפֿט איינפֿירן אַ 6־שעהדיקן אַרבעטסטאָג פֿאַר אים; דעמאָלט וואָלט דער איינצלהאַנדל און די איבעריקע באַשעפֿטיקונגס־צווייגן, אין וועלכע דער מיטלקלאַס איז פֿאַרנומען, איינגעזאַפּט מער מענטשן און דער קלאַס וואָלט ניט דריקן מיט זיין צאָל אויף די אַרבעטערשיכטן און וואָלט ניט פֿאַרלייגן זיינע מיטגלידער אַלס אַרבעטער אויפֿן מאַרק. דאָס אַליין וואָלט העלפֿן דעם אַרבעטערקלאַס, עס וואָלט אָפּשוואַכן די קאָנקורענץ פֿון די אַרבעטזוכער און אפשר וואָלט ער, דער מיטלשטאַנד, זיין בכוח צו געבן באַשעפֿטיקונג צו אַלע יענע, וואָס ווערן אַרויסגעשטויסן פֿון דער אינדוסטריע און געפֿינען זיך אין די רייען פֿון די אַרבעטלאָזיקע. דעם פּראָצעס פֿון פּראָלעטאַריזאַציע, וואָס מען האָט געמיינט אַמאָל, אַז ער וועט פֿאַרקומען מיט גיגאַנטישע שריט, זעט מען איצטער פֿאַרפּאַמעלעכט. דער פּראָלעטאַריאַט וואַקסט ניט אין צאָל, ווייל די מאַשין שטויסט אים אַרויס. און עס איז זייער מעגלעך, אַז אויב מען וועט זיך ניט שטאַרקן און ערנסט פֿאַרנעמען מיט דעם פֿאַרקלענערן די אַרבעטס־שעהן און אַרבעטסטעג אין וואָך און אין יאָר, וועט מען האָבן גאָר אינגיכן אַ וויכטיקע פּראָבלעם פֿון דעפּראָלעטאַריזאַציע, אָדער פּשוטער געזאָגט, אַ כראָנישע אַרבעטסלאָזיקייט.

און מיר קומען צו צו דער פֿראַגע פֿון קאָאָפּעראַציע.

אָט־די אידייע, וועלכע איז געניאַל און וועלכע שפּילט שוין ביי היינטיקן טאָג איינע פֿון די וויכטיקסטע ראָלעס אין דעם איבערבוי פֿון דער עקאָנאָמישער אָרדענונג און וועט אין דער צוקונפֿט שפּילן נאָך אַ גרעסערע און וויכטיקערע ראָלע, פֿאַרוואַנדלענדיק באמת אונדזער געזעלשאַפֿט, בנוגע אירע ווירטשאַפֿטלעכע פֿונקציעס, אין אַ קאָאָפּעראַטיוו פֿון פּראָדוצענטן און קאָנסומענטן — פֿאָדערט מען זאָל זי אַביסל, ווי עס ווייזט זיך מיר אויס, מאָדיפֿיצירן. אָנשטאָט דעם געברויכערס קאָאָפּעראַטיוו זאָל מען אַוועקשטעלן דעם הענדלערס קאָאָפּעראַטיוו אָדער אַסאָסיאַציע. דער געברויכער, אין פֿאַל ער איז אַן אַרבעטער, שפּאָרט אפשר טאַקע באמת אָפּ אַ פּאָר גראָשן אויפֿן אַרטיקל, ווען ער קריגט אים דורך זיין קאָאָפּעראַטיוו, אָבער דערפֿאַר טוט ער אָן אַ שאָדן דעם קרעמער, צונעמענדיק ביי אים זיין חיונה, און אַרום און אַרום קומט אויס, אַז ער, דער אַרבעטער, ווערט אָן אַ קונה פֿאַר די פּראָדוקטן, וועלכע ער פּראָדוצירט, און דאָס דריקט אַרונטער די סקאַלע פֿון לוין, וואָס ער קריגט, אָדער וואָס איז נאָך ערגער, שליידערט אים אַרויס פֿון פֿאַבריק צוליב דעם, וואָס עס קומט פֿאָר די דערשיינונג, וועלכע מען רופֿט איבערפּראָדוקציע און איז באמת אונטערגעברויך. עס איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן. און דער קלאַפּ, וועלכן דער אַרבעטער קריגט צוריק, איז ניט שוואַכער פֿון דעם זעץ, וואָס ער דערלאַנגט דעם מיטלמענטשן, אויב ער נעמט אָרגאַניזירן געברויך־קאָאָפּעראַטיוון.

דער געדאַנק, אַז מען קען ברענגען צוזאַמען דעם געברויכער מיטן פּראָדוצירער, איז דורך און דורך ניט ריכטיק. אַזאַ מעגלעכקייט איז ניטאָ און קען ניט זיין. ווי מיר זאָלן ניט אָרגאַניזירן דעם פֿונאַנדערטייל פֿון די פּראָדוקטן, וועלן מיר אַלעמאָל מוזן אָנקומען צו פֿאַרמיטלער, וועלכע וועלן צוזאַמענשטעלן די מיטעלע רינגלעך פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער קייט. אַמאָליקע יאָרן, איך מיין מיט אַ פֿערציק־פֿופֿציק יאָר צוריק, האָט דער געדאַנק נאָך געהאַט עפּעס אַ

זינען, ווייל מיר האָבן דעמאָלט געמיינט, אַז מיר זענען בכוח צו פאַרוואַנדלען אַלע מענטשן אין פּראָדוצירער, אין ענגן זינען פון וואָרט. היינט ווייסן אַלע, אַז דאָס איז אוממעגלעך. און בכלל מוז מען ביי היינטיקע צייטן פאַרוואַרפן דעם ענגן באַגריף פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. מען דאַרף זיך שטעלן אויף דעם ברייטערן, מער הומאַניסטישן און מער ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט פון „מאַכן אַ לעבן". און דער מיטלמענטש מוז מאַכן אַ לעבן. מען דאַרף אים געבן די מעגלעכקייט עס צו טאָן. מען דאַרף אים ניט אַרויסשטויסן פון האַנדל, נאָר העלפן זיך אָרגאַניזירן אַזוי, אַז דער פּאַרטייל פון פּראָדוקטן זאָל אָרגאַניזירט ווערן דורך אים און פאַר אים און פאַר אַלעמען.

איידער לאָזן שטאַרבן דעם מיטלקלאַס, זאָלן מיר בעסער לאָזן פּגרן די פּאָל־שע טעאָריע וועגן אים, אַז ער דאַרף, מוז, דעגענערירן און דערנאָך שטאַרבן.

ווען דער מיטלקלאַס וואָלט באמת אונטערגייין, וואָלט ער מיט זיך אין קבר מיטגענומען אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע. עס וואָלטן איינגעפאַלן אונדזערע אַלע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אונדזערע אַלע פּאָליטישע איינריכטונגען. — ער וואָלט געלאָזט נאָך זיך אַ חורבן און מער גאָרניט, אַ תוהו־ובוהו, פון וועלכער קיין גאָט וואָלט קיין נייע וועלט ניט געקענט באַשאַפן.

די לערע מכוח דעם אונטערגאַנג פון מיטלשטאַנד איז מער קאָמיש ווי טראַגיש און מען דאַרף זיך אַ נעם טאָן און אויפהייבן דעם קלאַס דורך אָרגאַני־זאַציע, דורך פאַרייניקונג. און מיט דער הילף פון פּראָלעטאַריאַט, ביידע קלאַסן פאַרייניקט, וואָלט ער אומשטירצן די היינטיקע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג און באמת פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון פרייהייט.

3

דער „זינדיקער קרעמער"

אַן איינריידעניש איז ערגער ווי אַ קרענק; אַ סאָציאַלע איינריידעניש איז נאָך ערגער, דאָס איז די ערגסטע חולאת. פאָראורטיילן עקזיסטירן אין יעדן געביט פון מענטשלעכן טראַכטן און רעליגיע און רעליגיעזע מענטשן האָבן ניט קיין מאָנאָפּאָל אויף דעם.

אין וואָס באַשטייט די „זינדיקייט" פון דעם עקאָנאָמישן נפש, וואָס הייסט קרעמער?

ער פּראָדוצירט ניט, ער ענדערט ניט די פּראָדוקטן, וועלכע גייען אַדורך דורך זיינע הענט, ער שאַפט ניט קיין נייע פאָרמען.

אויב דאָס איז דער „וויסנשאַפטלעכער" ענטפער, שטעלט זיך גלייך אַוועק אַ גאַנצער וואַלד פון קלאָץ־קשיות: און אַלע יענע טויזנטער און טויזנטער אַר־בעטער, וואָס זענען פאַרנומען אין טראַנספּאָרט, אין פירן אַהין און צוריק מענטשן און סחורות, איבער די קאָנטינענטן אָדער איבער די ימען — וואָס

ענדערן זיי אין די פּראָדוקטן, וועלכע זיי שלעפּן אַרום? און וועט דען עמיצער האָבן די העזה זיי אָפּצוזאָגן אין זייער חלק אויף עולם הבא אין דער עקאָנאָמישער וועלט? אָן זיי וואָלטן זיך די רעדער פון אונדזער גאַנצער מאַטעריעלער, און מער ווי פון דער מאַטעריעלער, ציוויליזאַציע פון אָרט ניט רירן.

וואָס טוען די טראַנספּאָרטירער? זיי מאַכן זאַכן, וועלכע זענען ווייט — נאָענט, און פאַרקערט, זאַכן, וועלכע זענען נאָענט — ווייט.

קען די מאָדנע אייגנשאַפט „ווייטקייט" און „נאָענטקייט" אַריינקריכן אין קעגנשטאַנד? זיכער ניט. נאָר וועמענס שולד איז עס? זיכער ניט פון דעם, וואָס איז פאַרנומען אין טראַנספּאָרט.

איך האָב געקענט צורעכענען צו דער קאַטעגאָריע „ניט־פּראָדוצירער" נאָך גרעסערע קאַדרען פון אַרבעטער און טוערס. נאָר איך רעכן, עס איז גענוג אין ביישפּיל.

די פראַגע איז ניט, צי דער, צי יענער פּראָדוצירט יאָ, אָדער פּראָדוצירט ניט; די פראַגע איז אַלעמאָל, צי דאָס, וואָס ער טוט, אָדער אַ געוויסע סומע מענטשן טוען, איז נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט אין די געגעבענע אומשטענדן; צי אומנוצלעך, אָדער אפשר גאָר אַמאָל שעדלעך.

ווען איר נעמט דעם „קרעמער" און באַטראַכט אים פון דעם שטאַנדפּונקט, וועט איר דערזען פאַר זיך גאָר אַן אַנדער סאָרט ברואה.

ער שטייט אָפּ אין זיין שטיקל קרעמל שעהן און שעהן. עס איז רעכט 12, עס איז רעכט מער, עס איז כמעט גאָר קיין שיער און קיין מאָס ניטאָ פאַר אים און זיין אַרבעט.

ווען איר, דער „אדון", דער קויפער, באַווייזט זיך, איז ער אַלעמאָל גרייט אייך צו דינען, שטייט פיקס און פאַרטיק און וואַרט אויף אייך. אַמאָל ווערט אים בימאס דאָס שטיין — ער איז דאָך פאָרט אַ מענטש, כאָטש אַ „קרעמער" — פאַררוקט ער זיך ערגעץ אין אַ חושכדיקן הינטערצימערל, אַמאָל כאַפּט ער דאָרט אַ צובייס. אָבער אינמיטן דערינען באַווייזט זיך דער קונה און ער שפּרינגט־אַרויס פון האַלבפינצטערן הינטערגרונט, אַמאָל מיט אַ האַלב נאָך־ניט־אַראָפּגעשלונגענעם „שטיקל עפּעס" אין האַלדז. און ווי נאָר עס גיט זיך אים איין עס אַראָפּצושטופּן בשלום דורכן גאָרגל און דער דורכגאַנג ווערט פריי, פרעגט ער אייך, וואָס איר דאַרפט.

און וואָס איר זאָגט —, טוט ער. ער דערלאַנגט אייך ניט דאָס טעלערל פון הימל, נאָר ער נעמט אַראָפּ פון די פּאָליצעס וואָס ער פאַרמאָגט און גיט עס אייך איבער מיט אַ פריינטלעכן שמייכל נאָך דערצו. דאָס איז אַן אומזיסטיקע ביילאַגע.

נו, פרעגט זיך: אין וואָס באַשטייט דאָ זיין פאַרברעכן, זיין שווערע זינד?

איז ער נוצלעך? געוויס. אויב ניט ער, וואָס שטייט דאָ גלייך לעבן מיין הויז, וואָלט איך דאַרפן גיין אַ בלאָק נאָך אַ בלאָק אין זוכעניש אויסצוגעפינען דידאָזיקע טייערע „זעלטענע" פּראָדוקטן.

און דאָס גיין און זוכן וואָלט נעמען צייט. און צייט וואָס איז? דאָס איז שווער צו זאָגן, אָבער יעדנפאַלס איז עס ניט ווייניקער ווי געלט; צייט איז מער ווי געלט.

שטעלט זיך די פראַגע: איז דאָס צושטעלן מיר די פּראָדוקטן אַ נוצלעכע פונקציע, אָדער אַ שעדלעכע? איך מיין אָט־די אומשולדיקע פּראָדוקטן, אָן וועל־כע קיין מוטער־בן־אָדם קען זיך ניט באַגיין, זיכער נוצלעך! און דער „קרעמער" פילט אויס אַ נוצלעכע פונקציע אין אונדזער געזעלשאַפט.

אלא וואָס דען, איר האַלט, אַז ער איז פּאָרט אַן „איבעריקער" מענטש. פאַר וואָס? ווייל דאָס פאַרשפּרייטן אָדער פונאַנדערטיילן די פּראָדוקטן, שטעלט איר זיך פאָר, האָט געקענט פאַרקומען גאָר אויף אַן אַנדער אופן.

פאַרשטעלן זיך האָט יעדערער אַ רעכט וואָס ער וויל. און די פאַרשטע־לונגסקראַפט אַרבעט ביי אַ סך מענטשן אַ סך שנעלער אַפילו ווי דער פּראָפּע־לער אין אַן עראָפּלאַן, וואָס ווערט געטריבן דורך אַ ראַקעטע, וואָס וועט מאַכן אין דער צוקונפט איבער טויזנט מייל אַ שעה.

אָבער די פּראַקטיק האָט עפּעס אויך וואָס צו זאָגן.

און אַז עס קומט צו דעם, שטעלט זיך אַלעמאָל אומבאַדינגט אַרויס, אַז צוויי סיסטעמען אין דער פּראַקטיק זענען ניט אַזוי ווייט פאַרשיידן איינס פון דאָס אַנדערע, ווי ווען איין סיסטעם האַלט זיך אין געביט פון „טראַכטן" און די צווייטע אין דער ספערע פון „טאָן".

איר וועט עפענען איין גרויסע קראָם, אַ סקלאַד, און פון דאָרטן וועט מען פונאַנדערפירן, צעטיילן די פּראָדוקטן איבער דער גאַנצער שטאָט. נו, איז וואָס? וועט מען ווייטער מוזן עפענען קליינע קרעמלעך אויף אַלע ווינקלען און געס־לעך. און אין די קראָמען וועט מען מוזן האַלטן מענטשן, און מענטשן, האָבן מיר אַ קיימא־לן, מוזן עסן, מוזן זיין אָנגעטאָן. און נאָך און נאָך. מענטשן האָבן באַדערפענישן, זייערע באַדערפענישן מוזן וויפל־ניט־איז באַפרידיקט ווערן. און די פּראָדוקטן וועלן דאַרפן געפּאַקט און פונאַנדערגעפּאַקט ווערן, דערלאַנגט ווערן, פאַרשריבן ווערן, געציילט, גערעכנט, געמאָסטן, געוווּיגן און אַזוי ווייטער. און דערביי וועלן ווייטער אַרבעטן מענטשן.

און אין דער אונטערשטער שורה וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז מען וועט דאַרפן אויפהאַלטן „קרעמערלעך" כמעט ווי ניט אין קיין קלענערער צאָל. אמת, זיי וועלן דעמאָלט טראָגן אַן אַנדער נאָמען און זיי וועלן קריגן „געהאַלט" אַנ־שטאָט וואָס איצטער מאַכן זיי אַ לעבן פון „פאַרדינסט" — אַז אַך־און־וויי צו דעם „פאַרדינסט"...

אָבער דער געזעלשאַפט וועט עס קאָסטן כמעט ווי ניט ווינציקער. אַז איך וואָלט קיין מורא ניט האָבן, וואָלט איך זאָגן, אַז עס וועט טאַקע קאָסטן טייערער. און דאָס איז קיין עוולה ניט, ווייל די „קרעמער" דעמאָלט וואָלטן זיך לאָזן בע־סער באַצאָלן ווי איצטער און וואָלטן ניט אָפּשקלאָפן צוועלף שעה אין מעת־לעת פאַר גאָרניט.

ווי מען זעט גאַנץ גרינג איין — און עס איז כמעט ווי אויפברעכן אַן אָפענע טיר — קען מען אָן „קרעמער" זיך ניט באַגיין. און זיין פונקציע איז נוצלעך, און מען קען אים פון די וואָגשאָלן בשום־אופן ניט אַראָפּוואַרפן.

און ווי לעכערלעך איז דער זאַץ ווען זיין „חטא", ווען מען פאַרגלייכט אָט־דעם אומשולדיקן, באַשפּיגענעם, פאַראַכטן שטיקל קרעמער, וואָס זיין אַר־בעט באַשטייט אין דערלאַנגען ברויט, פּוטער דעם „גלאָררייכן", מיט אַן אַרעאָל

באַקרוינטן אַרבעטער, וואָס איז פאַרנומען ערגעץ אויף אַ פאַבריק, וואָס פּראָ־דוצירט טאַקע, אָבער וואָס? זאָלן מיר זאָגן, מאַכט קאַנאַנען אויף די פאַבריקן פון קרופּ איידער דער ווערסאַל־אָפּמאַך האָט עס פאַרבאָטן, אָדער נאָכדעם ווי מען האָט דעם „אָפּמאַך" אָפּגעמאַכט... אָדער אַרבעט אויף פּוטילאָוו, ווו מען פלעגט מאַכן באָמבעס, אָדער ערגעץ אין האַמבורג, ווו מען „פּראָדוצירט" גיפ־טיקע גאַזן...

דער „קרעמער" איז זינדיק און דער אַרבעטער איז „הייליק", ווייל ער פּראָדוצירט...

אַפילו קאָוטסקי, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גרויסער הדוק, לאַכט אָפּ פון דעם ווולגאַרן, דעמאַגאָגישן זאַץ מכוח דעם „הייליקן וועזן", דעם אַרבעטער. בכלל ווען מען פאַרדרייט אַ קאָפּ אַ קלאַס מענטשן, מען האַלט זיי אין איין חנפענען, זעט די זאַך אויס זייער חשוד... און יעדן אַרבעטער, וואָס האָט אַ גע־זונטן חוש פאַר דער ווירקלעכקייט, האָט די זאַך געדאַרפט אַריין אין נאָז... וואָס איז דער מער? צוליב וואָס אַזויפיל חניפה און צולעקעניש און אונטערלעקעניש! אַזעלכע שיינע, זיסע ריידערייען, איז עס אַלץ אָן פניות?...

פאַרוואָס אַזויפיל חניפה, אויב מען וויל אים ניט אָפּנאַרן, עפּעס אַרויסקריגן ביי אים אונטערן היפּנאָז פון די פאַרצוקערטע ווערטערלעך?

די פאַבל איז אַלט ווי די וועלט, פאַבלען ווי די וועלט עלטערן זיך קיינ־מאָל ניט.

אַ מעשה מיט אַ קראָ, וואָס האָט געהאַלטן אַ שטיקל קעז אין מויל, און דעם פוקס, וואָס איז געשטאַנען אונטן און האָט זיך ניט געקענט אָפּרימען סיי פון איר שיינקייט, סיי פון דער מתיקות פון איר טייערער שטימע און איר גרויסן טאַלאַנט צום זינגען. דער פוקס האָט געהאַט איין כוונה, אַ גאַנץ פּראָ־זאַישע — זאָל זי נאָר עפענען דאָס מויל, דער קעז וועט שוין אַרויספאַלן און אַריינפאַלן אין זיין מויל, וואָס ווייסט ווי טייער צו האַלטן קעז און ווי וואָלוול צו שאַצן חניפה.

די פוקסן, וואָס דרייען אַ קאָפּ דעם אַרבעטערקלאַס און פאַרשיטן אים מיט חניפה, מיינען, פשוט געערדעט, דעם קעז... נאָר לאָמיר לאָזן צורו דעם „הייליקן" אַרבעטער מיט זיין נייעם „גלח"... דעם רב מיטן פּאָפּ, וואָס פאַרדרייען דעם קאָפּ...

מיר וועלן זיך אומקערן צוריק צום „זינדיקן" קרעמער.

פוריע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז פיר עפּל זענען געווען אויף דער וועלט: צוויי ווערעמדיקע, שלעכטע, און צוויי גוטע. פון די שלעכטע צוויי — ווייסן אַלע — איז איינער דער עפּל, פאַר וועלכן מען האָט אונדז פון גן־עדן אַרויסגעטריבן, דער צווייטער איז דער עפּל, צוליב וועלכן טראָיע איז פאַרניכטעט געוואָרן. פון די גוטע צוויי עפּל איז איינער דער עפּל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון בוים, אונטער וועלכן ניוטאָן איז געזעסן און אַדאַנק וועלכן ער האָט געשאַפן זיין לערע וועגן גראַוויטאַציע. און דער צווייטער עפּל איז יענער, וועלכן פוריע האָט געזען אין אַ סאָד אויף אַ בוים, און ער האָט געקאָסט זייער וואָלוול... און אַדאַנק אים האָט ער געשאַפן זיין לערע וועגן קאָאָפּעראַציע.

— סטייטש — האָט ער געטענהט — אַן עפּל אויפן צווייג איז אַזוי ביליק און אין פּאַריז אין אַ פּרוכטקראָם איז ער אַזוי טייער.

וועמענס שולד איז עס? אין דעם איז שולדיק דער מיטלמענטש.

פּאַרייניקט דעם פּראָדוצירער מיטן געברויכער, וואַרפט אַרויס דעם מיטל־רינג און די פּראָדוקטן וועלן ווערן ביליקער. דער געדאַנק איז אַ געניאַלער. דער געדאַנק פון ניוטאָנען איז זיכער געניאַל.

נאָר דער גורל פון די צוויי גוטע עפּל, האָב איך מורא, וועט זיין איינער און דערזעלביקער.

ניוטאָנס עפּל נעמט ווערן צוגעלייגט און צוגעפּוילט אַביסל, יעדנפאַלס כאַפּט ער שימלען איצטער, נאָכן אויפקום פון איינשטיינען מיט זיין רעלאַטי־וויטעט־סיסטעם.

און פוריעס עפּל איז אויך ניט אַזאַ „מציאה" אין דער פּראַקטיק.

איר זענט ניט בכוח, בשום־אופן ניט, אַרויסצוואַרפן די מיטלרינגען פון דעם קייטל, וואָס פּאַרייניקט דעם פּראָדוצירער מיטן געברויכער. איר מוזט זיי האָבן, איר מוזט אָנקומען צום מיטלמענטשן. ער איז נויטיק; ער איז נויטווענ־דיק; מען קען זיך אָן אים ניט באַגיין, הגם מען קען אים איבעראַנדערשן אַביסל, צופוצן, בייטן זיין נאָמען און אַוועקשטעל. אָבער אינגאַנצן אים מאַכן פאַר אַי־בעריק איז אוממעגלעך.

כדי צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַציע, דאַרף מען אויך האָבן מענטשן. קודם־כל איז פוריע אַליין שוין געווען אין אַ געוויסן זין דער מיטלמענטש, וואָס העלפט ברענגען די צוויי עקן, געברויך און פּראָדוקציע, צוזאַמען. מען דאַרף פאַר־שפּרייטן דעם געדאַנק, מען דאַרף שאַפן אַ גאַנצן שטאַב פון „קאָאָפּעראַטאָרן", איך מיין מענטשן, וואָס פירידיקן עס, און נאָך דעם אַ גאַנצע אַרמיי מיטל־מענטשן, „פאַרקויפער", קרעמער, נאָר אונטער אַן אַנדער טיטל.

איך וויל ניט אַראָפּוואַרפן די חשיבות פון קאָאָפּעראַציע.

איך וויל אויפהייבן דעם קרעמער, זיין מענטשנווערדע און זיין עקאָנאָמישן באַטרעף.

ווייל דער ביטול צו אים שטאַמט ניט פון אַ ריינעם אָרט. עס איז ניט דער פּראָלעטאַריער, וואָס האָט געשאַפן אַזאַ באַציִונג. דאָס איז דער אַלטער פעאָדאַל, דער גוטבאַזיצער, דער „איידלגעבוירענער", וואָס האָט געשפּיגן אים, דעם קלאַס פון קרעמער און מיטלשטאַנד־מענטשן, אין צורה אַריין.

ווי האָט זיך אויסגעדריקט נאַפּאָלעאָן, דער אויפגעקומענער פּריץ:

„די ענגלישע נאַציע איז אַ נאַציע פון קרעמער".

אַ סך ריידן אַזוי וועגן דער ייִדישער נאַציע.

נאָר וואָס דער מיטלקלאַס באַדאַרף באמת, איז ניט קיין קריסטוס, ער זאָל קומען און פאַרגעבן אים זיינע עבירות.

וואָס ער דאַרף איז זעלבסטווירדע, עקאָנאָמישן באַוווסטזיין, און וואָס עס איז נאָך וויכטיקער — זעלבסטאָרגאַניזאַציע.

4

דער שוואַרצער מוזשיק אויפן רויטן בילד

דער קריזיס אין סאָוועטרוסלאַנד איז אַ כראָנישער.

אייגנטלעך סאָוועטרוסלאַנד, וואָס איז שייך איר עקאָנאָמיק, איז נאָך ניט אַראָפּ פון קראַנקנבעט. און איך צווייפל שטאַרק, צי זי וועט אַמאָל אויפשטיין און אַרויס פון שפּיטאָל.

עס איז ניט נאָר אַ פראַגע פון טיראַניע, פון פאַרפאָלגונגען פון אַלע קעגנער און אַנדערש־טראַכטער.

דאָס איז זיך אַ פּרשה פאַר זיך; דאָס איז אַ מין תוכחה פול מיט צרות און פלאָגן ביזן ראַנד. אָבער דער עיקר אין רוסלאַנד איז פאָרט ניט דער פּאָליטישער פּיר, נאָר דער עקאָנאָמישער.

ווייל, בעצם גערעדט, אויב רוסלאַנד האָט עפּעס אָפּגעטאָן, איז דאָך עס ניט אין פּאָליטישן רעזשים. דער לעצטער איז אַלט ווי רשעות, ניט ייִנגער יעדנפאַלס פון די קרעמל־געביידעס מיט זיינע קעלערן... פול מיט שאָטנס פון „יאָהאַן דעם שרעקלעכן".

„אַדאַנק גאָט, האָט אַמאָל געזאָגט איינער פון אונדזערע „גרויסע" מלוכה־פירער, מיר האָבן ניט קיין פּאַרלאַמענט". און רוסלאַנד האָט עס ניט, און דאָ איז קיין חידוש ניטאָ.

ניטאָ קיין דעמאָקראַטיע. רוסלאַנד האָט עס ניט געהאַט און האָט עס עד־היום ניט.

דאָ האָבן די באָלשעוויקעס ווייניק מחדש געווען.

די נייסן, וועלכע זיי האָבן איינגעפירט, ליגן אויפן עקאָנאָמישן געביט.

מען האָט נאַציאָנאַליזירט די אינדוסטריע, מען האָט קאָנצענטרירט די אינדוסטריע.

די אַלטע בורזשואַזע ווירטשאַפט איז אַ כאַאָטישע, ווייסט־ניט, ווו איין און ווו אויס; ווייסט־ניט, וויפל דאָס לאַנד קען פאַרצערן, וויפל עס דאַרף פאַרברויכן און ממילא ווייסט זי ניט פאַרויס, וויפל גוטס, סחורה, פּראָדוקטן צוצוגרייטן.

די בורזשואַזע ווירטשאַפט האָט ניט קיין פּלאַן, קיין סדר, קיין אָרדענונג.

מיט איין וואָרט, אַן „אַנאַרכיע" פון פּראָדוקציע.

ווילדע אומגעצאַמטע כוחות באַהערשן די באַלעבאַטישקייט, נאָכפרעג און אָנבאָט זענען די שאַלטער און וואַלטער און זיי אַליין, דער נאָכפרעג און אָנבאָט, זענען ניט אויסגעפאָרשט, זענען אומבאַשטימט. אַלץ ווערט רעגולירט דורך קאָנקורענץ.

סאָוועטרוסלאַנד האָט זיך באַפרייט פון די אַלע צרות.

זי פאַרמאָגט אַ פּלאַן, אַ מלוכה־פּלאַן (גאָס־פּלאַן).

עס איז דאָ אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס אַרבעט אויס אַלע יאָר אַ פּלאַן פאַר דער גאַנצער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט.

עס זענען ניטאָ די טויזנטער באַלעבאַטימלעך, וועלכע האַלטן אין איין אַרומרייסן זיך, און קאָנקורירן, הייבן פרייזן און לאָזן זיי פאַלן. ניטאָ דער קדחות, דאָס וואַרפן אַרויף און אַראָפּ.

דאָ איז אַלץ רעגולירט, אַלץ סיסטעמאַטיזירט, אַלץ אויסגעחשבונט, אָפּגעווויגן און אָפּגעמאָסטן, און אָפּגעזעצט, ווייל אַלע טיילן פון דער גרויסער צעוואָרפענער ווירטשאַפט זענען צוזאַמענגענומען, צונויפגעשנורעוועט. און די שנירלעך זענען אין איין האַנט, אין איין אָרגאַן, אין „וו. ס. נ. כ."‎, דער העכסטער ראַט פון פאָלקס־באַלעבאַטישקייט.

דאַרף מען האָבן אַ בעסערע ווירטשאַפט, אַ בעסערע אָרגאַניזירטע עקאָנאָמיק!

די בורזשואַזע וועלט שטייט אונטערן סימן פון מאַרסן אין מאַרק; אַלע קעמפן קעגן אַלעמען: אַ קאַפּיטאַליסט קעגן אַ קאַפּיטאַליסט, אַ קראָם קעגן אַ קראָם, אַ געשעפט קעגן אַ געשעפט. כסדר מען מלחמהוועט. און דאָ, אין דער באַלשעוויסטישער ווירטשאַפט, — אַן אמתע אידיליע. דער אייביקער שלום.

ניטאָ קיין קאָנקורענץ. ניטאָ קיין רייסערייען, קיין איבערכאַפּן קונים, קיין פאַרנאַרן קויפערס.

איין באַלעבאָס איבערן גאַנצן לאַנד.

פון איין קעשענע אַרויס אין איין מלוכה־קעשענע אַריין.

ניטאָ קיין אומזיסטע פאַרשווענדעריי פון פּראָדוקציע־כוחות און געלט־מיטלען. אַלץ ווערט געטאָן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, און גוט אויסגערעכנט, איבערגעלייגט, און די רעכענונג ווערט ניט געמאַכט אָן באַלעבאָס.

אַזאַ אינדוסטריע האָט געדאַרפט געבן די גרעסטע פּראָפיטן, די בעסטע און פעטסטע דיווידענדן.

ניט אַזוי? אַזאַ גוט־אָרגאַניזירטע ווירטשאַפט האָט געדאַרפט ניט נאָר זיך אַליין אויסהאַלטן, נאָר זי האָט געמוזט אָפּצאָפּן פון איר איבערגוס, פון איר שפע און אָוועקשענקען עס אַנדערע געביטן; זי האָט געמוזט אויפהאַלטן און דעקן די הוצאות פון גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט. זי האָט געמוזט קאָרמען די אַרמיי, אויסהאַלטן די פּאָליציי און די איבעריקע חיילות פון באַאַמטע, סיי נוצלעכע סיי אומנוצלעכע.

אויב די מיניאַטור־אינדוסטריע, די צעבערעקלטע און צעקרישלטע ווירטשאַפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמאַציע, גיט אַלע יאָר אַ בשפעדיקן שניט פון רווחים, — טאָ וואָס פאַר אַ רייכטימער האָט געדאַרפט אָנהויפן די סאָוועטישע ווירטשאַפט!

אַן עקאָנאָמיק באַפרייט פון אַלע חסרונות פון פלאַנלאָזיקייט און פאַרווירעניש;

אַן עקאָנאָמיק אויסדערלייזט פון טייוול פון געלטגעץ און די איבעריקע בייזווילעניש;

אַן עקאָנאָמיק אַ קאָלאָסאַלע, אַ פאַרייניקטע, אָן ווידערשפּרוכן און אָן שטירדעס.

אַזוי האָט געדאַרפט זיין. אַזוי האָט כמעט „געמוזט" זיין.

אָבער די רוסישע עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט איז אָפּנים אַ גרויסע צו־

להכעיסניצע און טוט אַלץ פאַרקערט ווי דער שכל־הישר פון „עקאָנאָמיסט“ איז מחייב...

ווי אַ נאַראַוויסטער קאַזאַצקער פערד וויל זי ניט גיין אין שפּאַן און האַלט אין איין בריקעווען זיך און ברעכן די האַליאַבלעס און קערן דעם וואָגן. אַ געפּערלעכע קאָנטררעוואָלוציאָנערקע, כאַטש נעם און פאַרשיק זי...

זי רעגיסטריט ניט קיין פאַרדינסטן, און די צווייגן, וואָס גיבן יאָ פּראָפיטן, טוען עס אויף אזא קאַרגן און נעבעכדיקן אופן, אַז עס קלעקט ניט אַרומצוצאָלן די אָנגעשטעלטע פון דער רעגירונג.

און מאָדנע און געגוג צרהדיק איז, אַז די הויכע אינדוסטריע דאַרף אָנקו־מען צו דעם קליינעם פאַרמאָגערטן, פאַרהאַרעוועטן בעל־מלאכה (קוסטאר אין רוסיש) און צום אויסגעדאַרטן און אויסגעהונגערטן פּויער, וואָס קוים וואָס ער זשיפּעט.

די סאָוועטן־מלוכה איז די איינציקע רעגירונג אין דער וועלט, וואָס פאַר־מאָגט אַן אייגענע ווירטשאַפט. און די פּראָפיטן, וועלכע בלייבן אין די הענט פון פּריוואַטמענטשן אין די בורזשואַזע רעזשימען, האָבן געדאַרפט פליסן שטראָמענווייז אין די שאַצקאַמערן פון דער רעגירונג.

משטיינס געזאָגט, אויף וואָס לעבן די קבצנותדיקע בורזשואַזע מלוכות? אויף די קרישלעך, וואָס פאַלן זיי אַראָפּ פון די „פּריוואַטע“ בירגער.

נאַטירלעך, זיי וואַרטן ניט, מען זאָל זיי אַראָפּוואַרפן עפּעס פון טיש; זיי קומען אַליין און נעמען אַראָפּ פון טיש גאַנצע שטיקער ברויט.

אָבער פאַרן פּריוואַטן מענטשן, ווען ער איז רייך, בלייבט דאָך אַלץ מער. די רעגירונג נעמט דאָך מער ניט צו ווי אַ טייל פון זיינע איינקונפטן אין דער פאָרמע פון פאַרשיידענע אָפּצאָלונגען, שטייער און כדומה שפּיצלעך אַרויסצו־קריגן ביי אים די פאָר גראָשן.

דאָ, אין רוסלאַנד, האָט איר אַ רעגירונג, וואָס איז זיך אַ באַלעבאָס פאַר זיך און נאָך וואָס פאַר אַ באַלעבאָס, אַן אַדיר, וואָס האָט קאָנפיסקירט אַלע רייכטימער פון לאַנד, פאַרנומען און מאָנאָפּאַליזירט כמעט די גאַנצע ווירטשאַפט פון דער גאַנצער מדינה.

און נאָך אַלעמען קען זי ניט שטיין אויף די אייגענע פיס, נאָר דער אָרע־מער פּויער, וואָס אַקערט די ערד כמעט מיט דער נאָז, דאַרף זי שלעפּן אויף זיינע האַרבאַטע פּלייצעס. אָדער ווי קאָמעניעוו, ווען ער איז געווען אין פּליאַר, האָט זיך אויסגעדריקט:

מיר דאַרפן נאָך אַלץ פאָרן אויף דעם פּויערס פאַדלעוואַטער שקאַפע.

מיר זענען געווען אַמאָל נאַיוו און געמיינט, אַז אויב אַ רעגירונג נעמט איבער די ווירטשאַפט, ווערט זי במילא אַן דאַס רעכט צו נעמען שטייער.

מיט צוויי בייטשן קען מען ניט שמייסן.

דער בורזשואַזער הערשנדיקער קלאַס האָט דאָך ניט געלעבט אויפן חשבון פון שטייערן, נאָר פון פּראָפיטן. אויפן חשבון פון אָפּצאָלונגען, שטייערן און צינזן האָבן געלעבט די פּעאָדאַלן, די ביוראָקראַטן, אַ קלאַס, וואָס איז ניט פאַר־קניפּט דירעקט מיט דער ווירטשאַפט.

זיי האָבן ניט געקענט און ניט געוווסט ווי אַזוי צו פאַרדינען, האָבן זיי געראַבירט אויף אַ גזעצלעכן וועג, דאָס הייסט, באַלייגט מיט שטייערן.

אָבער אַ קלאַס, וואָס „פאַרדינט כשר", — אויף וואָס דאַרף ער שטייער, ער קען דאָך אויסקומען אָן דעם!

פאַרקערט, ער צאָלט נאָך אַ טייל פון שטייער, ער איז נושא־בעול.

און אין רוסלאַנד, האָבן מיר געמיינט, וועט זיין דאָס אייגענע.

שטעלט זיך אַרויס קאַפּידראַך.

ווער האַלט אויף די רעגירונג? ווער דעקט די הוצאות פון מלוכה־אַפּאַראַט? ווער צאָלט פאַר דער פאַרוואַלטונג פון לאַנד? —

דער אָרעמער אין דרייען־איינגעהויקערטער פויער, דער אָרעמער איינגע־שלומפּערטער בעל־מלאכה און דער קליינער דרייגראָשנדיקער קרעמער.

איך רעכן דאָ ניט אַריין דעם אַרבעטער, ווייל ער „צאָלט" מיט שווייס און בלוט; פון אים ציט די רעגירונג אַרויס די עצמות און דער פאָרמע פון אַר־בעטקראַפט, אָבער געלט, פאַרקערט, צאָלט זי אים. זי איז זיין בעל־טובה, די גרויסע גוט־ און וויל־טוערן; זי איז זיין ברויטגעבערן...

איך האָב דאָ איבערגערעכנט דריי קאַטעגאָריעס מענטשן, וועלכע געהערן צו איין קלאַס בעצם, דער מיטלשטאַנד. און זיי, אָט־די קאַרליקעס, דאַרפן שלעפן אויף זייער רוקן דעם גיגאַנט, דעם קאָלאָס, דעם סאָוועטפאַרבאַנד מיט זיין גרויסאינדוסטריע.

און מער נאָך: מחמת דעם, וואָס עס איז ניטאָ קיין קאָנקורענץ אין לאַנד, אין די הויפּטגעביטן פון דער אינדוסטריע, זענען ממילא די פּרייזן אויפגע־שרויפטע. און ווען די רעגירונג פאַרקויפט צו די „בירגער" די פּראָדוקטן פון אירע פאַבריקן, רעכנט זי זיי צען מאָל אַזוי טייער.

ווער קען איר אָנווייזן?! זי איז דער איינציקער אדון־הגדול אויפן אינגע־ווייניקסטן מאַרק.

ווען די באַפעלקערונג קלאָגט זיך, ניט חס־ושלום מיט ווערטער, דאָס טאָר מען ניט, נאָר מיט ניט־קויפן, מיט אַ ניט־ווילנדיקן באַקוקן אויף די סחורות, וועלכע זענען ניט צוגענגלעך צו דער קעשענע פון מיטלשטאַנד־מענטש, — דע־מאָלט נעמט מען פילדערן וועגן מקחים־אַראָפּזעץ און מען עפנט אַ קאַמפּיין דערפאַר.

אָבער מאָדנע: די פּרייזן מאַכן זיך ניט ווייסנדיק און זיי האַלטן אין איין שטייגן, ווי אַרומגעשניטענע צווייגן, וואָס וואַקסן נאָך מיט אַ גרעסערער פאַר־ביסנקייט, נאָכדעם ווי דער גערטנער צערייצט זיי מיט זיין שניידמעסער.

און דאָס איז נאָך אַלץ ניט גענוג. מען דאַרף נאָך צוגעבן אַ רעכט ביסל שטריכן, כדי דאָס בילד זאָל ווערן קלאָר.

די רעגירונג, ניט נאָר זי פיקסירט אירע אייגענע פּרייזן אַזוי הויך, אַז פון אַרויפקוקן אויף זיי נעמט זיך דער קאָפּ דרייען פאַרן קויפער, נאָר זי באַשטימט נאָך די פּרייזן פון די פּראָדוקטן, וועלכע זי קויפט־איין פאַרן עקספּאָרט, ווייטער אַלס די איינציקע באַלעבאָסטע אין לאַנד, אַלס די איינציקע קויפערן.

זי קויפט־איין פּראָדוקטן פון קוסטאַר און הויפּטזעכלעך ברויט פון פויער. ווי הויך זי הייבט די מקחים אויף אירע פּראָדוקטן אויסגעאַרבעט אין

אירע מלוכהשע פאַבריקן, אַזוי נידעריק שליידערט זי אַראָפּ די פּרייזן אויף די אַרטיקלען, וועלכע קומען פון דער אַגריקולטור־ווירטשאַפט; אויפן דעק פון שאול תחתיה האַלט זי זיי.

כמעט אַז מען קען זיך שוין פאַרשטעלן דעם עקאָנאָמישן גן־עדן, אין וועלכן עס לעבט דאָס רוסישע פּויערטום. דאָס איז אַ 84־מיליאָניקע באַפעלקערונג פון אַ 146,000,000 נפשות. ווי איר זעט, איז עס די איבערוועגנדיקע מערהייט פון פאָלק.

קודם־כל קומט מען צו אים און מען נעמט ביי אים צו אַ היפשן חלק פון די פּראָדוקטן פון זיין פּראַצע אין דער פאָרמע פון אַ דירעקטן שטייער. פּראָד־נאַלאָג.

און דאָס קומט דאָך דער רעגירונג לויט אַלע דעות נאָך...

ביים פּויער איז באמת געוועזן ששון־ושמחה, ווען מען האָט גענומען נעמען ביי אים דעם שטייער... דערנאָך קומט מען צו אים און מען קויפט ביי אים אָפּ אַ גרויסן טייל פון דעם, וואָס בלייבט ביי אים נאָכן פּראָדנאַלאָג. אָבער דאָס רעדט זיך אַזוי: מען קויפט; באמת רעקוויזירט מען עס און מען צאָלט אים לויט דעם פּרייז, וואָס די רעגירונג געפינט פאַר נויטיק אים צו צאָלן.

אויף אַזאַ אופן קריגט מען ביי אים אַרויס דאָס ברויט טיילווייז אומזיסט. ווייל מען באַצאָלט ניט, וואָס עס קומט אים. צוויי דריטל נעמט מען אומזיסט, פאַר איין דריטל צאָלט מען אים.

איצטער קומט נאָך דער דריטער אַקט פון דער עקאָנאָמישער טראַגעדיע:

די רעגירונג פאַרקויפט אים אירע פּראָדוקטן, וועלכע ער, דער פּויער, קען אינערגעץ ניט קריגן, נאָר ער מוז עס זיך דערוועריבן פון איר נדבההדיקער האַנט. און דאָ רייסט זי פון אים אַ פּאָס. און וואָס קען ער זיך העלפן.

קיין קאָנקורענץ אויפן אינעווייניקסטן מאַרק איז ניטאָ. פון אויסלאַנד קען מען דאָך אוודאי ניט ברענגען קיין סחורה. דאָס באַזאָרגט דער „וניעשטאָרג" (אויסלענדישער האַנדל).

וואָס קען דער פּויער טאָן?

זיך ווערן, באָרען? מיט וועלכע מיטלען? שרייען, פּראָטעסטירן? די סאָ־וועטן זענען טויב; אויערן פאַרמאָגן מער ניט ווי די טשעקיסטן.

בלייבט איין וועג: אויפהערן צו זייען, אַקערן. אָבער דאָס איז דאָך עקאָ־נאָמישער זעלבסטמאָרד. נאָר בלית־ברירה טוט עס אַן אינדיווידו און אַפילו אַ גרופּע.

און די לעצטע ידיעות פון רוסלאַנד דערציילן אונדז, אַז די פּויערים האָבן זיך גענומען אַ צווייטן מאָל צום פאַרשמעלערן דעם פאַרזיי־שטח.

עס איז ניטאָ זיי וואָס מקנא צו זיין.

און אַז די סאָוועטרעגירונג באַהאַנדלט אַזוי פאָטערלעך־גוטהאַרציק די פּוי־ערים אין איר לאַנד, איז דען אַ וווּנדער, וואָס זינאָוויעוו האָט געוואָלט גרינדן און האָט געגרינדעט אַ פּויערים־אינטערנאַציאָנאַל...

דער חידוש איז נאָר, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט עפּעס קיין אַריכות ימים ניט געהאַט.

דאָס איז שוין באמת פּלאי פּלאים...

5

דער קולאַק

סטאַלין און קאָמפּאַניע האָבן זיך ווידער, אין אַ נאָווינע, אַ נעם־געטאָן צום „קולאַק".

עס רעדט זיך אַזוי — „קולאַק". באמת מיינט מען דעם פּשוטן, אַלטעג־לעכן פּויער.

דער לעצטער געזעץ פאַרגרעסערט דעם ברויטאָפּצאָל סיי פאַרן „קולאַק", כלומרשט דעם רייכן פּויער, און סיי פאַרן מיטעלן פויער, דעם „סרעדניאַק".

און צום ברויטאָפּצאָל (פּראָדנאַלאָג) װעלן צוקומען פּראָפּאָרציאָנעל די אַי־בעריקע שטייערס, אָפּצאָלונגען, צוצאָלונגען, באַצאָלונגען.

זיי האָבן מער ווי זיבן נעמען, אָבער מיינען מיינען זיי אַלע איין זאַך — צאָל! דער פּויער דאַרף צאָלן דער סאָוועטישער מלוכה. און ער קען זיך בשום־אופן ניט אויסצאָלן. מען טרייבערט אים צען יאָר און עס איז נאָך אַלץ ניט גענוג.

אָנהייבן הייבט מען אָן לפנים מיטן קולאַק. דאָס איז דער שעיר־לעזאזל. אָבער דאָס איז בלויז דער אָנהייב און אַ פאַרשטעלעניש. אינזינען האָט מען זיך צו דערטאַפּן צום פּויער און צו ראַבירן אים ווי ווייט נאָר מעגלעך, און אַפילו אויף יענער זייט פון מעגלעכקייט.

דריי קאַטעגאָריעס פּויערים — רייך, מיטל און אָרעם. אָבער אַלץ ווענדט זיך וואָס עס הייסט „רייך" און וואָס עס הייסט מיטל...

די, וואָס האָבן געוווינט אין די דערפער, און איך מיין צו זאָגן נאָך דער רעוואָלוציע, ווייסן, וואָס עס קומט פאַר אין דאָרף. אַ פּויערפאַמיליע, ווען עס סטאַיעט איר ברויט, אייגן ברויט, פאַר אַ גאַנצן יאָר, שעצט זי זיך גליקלעך, און זי ווערט פאַררעכנט פאַר רייך. אַרבעט — דאָס פעלט ניט אויס אין דאָרף.

זיי שטייען אויף, ווען די זון האַלט זיך נאָך ביים איבערדרייען אויף דער אַנדערער זייט. זיי רופן עס אויפשטיין מיט די הענער. דער האָן קרייט און דער פּויער צלמט זיך און לאָזט זיך צו דער אַרבעט און שוויצט־אָפּ אַ לאַנגן גוטן טאָג. פאַרנאַכט, די זון, וואָס איז שוין מיד געוואָרן אָדער איר איז נימאס גע־וואָרן צו הענגען אין הימל, איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען, אָבער די פּויערטעס זענען נאָך אַלץ אין פעלד, מען אַרבעט אין די פעלדער, אין די לאָנקעס, אין די גערטנער.

און נאָכאַלעמען זענען זיי די „קליינע בורזשויען", פון וועלכע מען דאַרף, עס איז אַ מצוה, צו רייסן אַ פאַס, אַראָפּציִען די הויט.

פאַרוואָס? — פרעגט ניט קיין קשיות! זיי זענען, בעוונותינו הרבים, גרויסע בעלי־עבירות, זינדיקע נשמות, זיי באַזיצן אייגנטום.

די ערד געהערט ניט צו זיי. די מלוכה האָט זי צוגענומען. זיי פאַרמאָגן אָבער

געציִיג, אַ צעבראָכענע סאָכע (אָקעראַייִזן), אַמאָל אַ שקאַפּע, אַמאָל אַ קו, וועלכע מען האָט נאָך ניט צוגענומען פאַרן פּראָדנאַלאָג.

אַמאָל האָט מיר לאַגינאָוו — איך גלויב, ער איז איצטער דער פּאָרזיצער פון מאָסקווער סאָוועט — געזאָגט אויף אַ דעבאַטע:

— זיכער, אַ פּויער איז ניט קיין בורזשוי, אָבער אַ „מאָנטשיקער" בור־זשוי איז ער פּאָרט, און היוצא — מען דאַרף אים עוקר מן השורש זיין.

אייגנטלעך זעט מיין פראַגע אויס זייער נאַיוו.

שיקט זיך דען צו פרעגן: פאַרוואָס נעמט די רעגירונג אַזויפיל אָפּצאָלונ־גען פון די פויערים?

ווען די רעגירונג, וועלכע ניט איז, וואָלט דאַרפן געבן, וואָלט זי נעמען נאָכפרעגן, חוקר־ודורש זיין, צי מען דאַרף, צי מען דאַרף ניט, צי זיי האָבן פאַרדינט די מלוכה זאָל זיי געבן. אָבער נעמען — וואָס איז דאָ וואָס צו חקירה־נען זיך? מען נעמט, מען רייסט פון טויטע און פון לעבעדיקע. די אַזוי אָנגערו־פענע סאָוועטרוסלאַנד האָט דאָך אַ ביודזשעט פון דריי ביליאָן.

עס איז דאָך עפּעס אַ היפּשע ציפער! מען דאַרף דאָך עס אָנפילן, און פון וואַנען זאָל מען נעמען, אויב ניט ביים פויער, ביים דרייגראָשנדיקן קרעמער און ביים בעל־מלאכה?

מיין פראַגע האָט אָבער יאָ אַ זינען.

די זאַך איז אַזוי: בנוגע די פויערים אַזוי אויך בנוגע דעם מיטלקלאַס־מענטשן סטאַרעט זיך די רעגירונג איבער. זי נעמט אַזוי פיל אָפּצאָלונגען, אַז זי רויִנירט דעם צאָלער. און זי טוט עס ניט דערפאַר, ווייל זי איז בלינד, קורצ־זיכטיק, — וואָס מער אַריינגעקראָגן דאָס יאָר, און וועגן מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן, — ניין, די סאָוועטרעגירונג איז אויסגערעכנט אין אירע האַנדלונגען און אויפ־פירונגען.

און דאָ שטעלט זיך נאָך שאַרפער די פראַגע: פאַרוואָס טוט זי עס פאָרט?

זי רויִנירט דעם פויער. זי האַלט אים אין איין רויִנירן, און אויף אַזאַ אופן שניידט זי, דוכט זיך, אונטער דעם צווייג, אויף וועלכן זי זיצט. זי וויל אויפ־ריכטן אַן אינדוסטריע.

אַן אינדוסטריע דאַרף האָבן צוויי זאַכן: אַ פּראָדוצירער און אַ געברויכער. בכדי צו געברויכן אין רוסלאַנד, הגם דאָרטן באַלעבאַטעווען קאָמוניסטן, איז ניט־גענוג צו האָבן באַדערפעונישן, עס פאָדערט זיך נאָך דאָרטן, ווי אומעטום אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַ קלייניקייט... און די קלייניקייט איז אַ גאַנץ גרויסע זאַך ניט נאָר אין רוסלאַנד. מען דאַרף האָבן, ווי די עקאָנאָמיסטן רופן עס: אַ קויפקראַפט. איינפאַך געזעדט — געלט.

און ווער איז דער גרעסטער געברויכער אין רוסלאַנד? דאָס איז דער פויער, די איבער אַכציק מיליאָניקע דאָרפישע באַפעלקערונג.

און ווען מען האַלט די 80 מיליאָן מענטשן אויף דער „הונגערליניע", זע־בען זיי ניט בכוח צו קויפן קיין זאַך, און איר קענט אויף זיי ניט רעכענען אַלס גוטע קויפערס. און זיי קויפן טאַקע ניט. זיי גייען נאָך אַרום אין די קאָזשוכעס, וועלכע זיי האָבן געקראָגן בירושה פון זייערע זיידעס.

און רוסלאַנד האָט אַ זייער שוואַכן אינעווייניקסטן מאַרק, יעדנפאַלס איז ער געפּערלעך איינגעשרומפּן. די אינדוסטריע־פּראָדוקטן זענען אַזוי טייער, אַז די דאָרפישע באַפעלקערונג קען זיך עס ניט דערלויבן איינצושאַפן, און די רע־גירונג, אַנשטאָט צו זען אויפצוהייבן דאָס דאָרף, ווענדט אָן כל־המיטלען עס אַראָפּצודריקן וואָס נידעריקער.

פאַרוואָס? איך פרעג עס שוין צום דריטן מאָל. — ווייל די מאָסקווער דיק־טאַטאָרן, סטאַלין און קאָמפּאַניע, זעען אין דאָרף זייער גרעסטן פאַרביסנסטן און שטאַרקסטן פיינט. דער פויער — דאָס איז זייער דם־שונא.

זיי האָבן זייער קוק אויף דער זאַך. און פון זייער שטאַנדפּונקט זענען זיי גערעכט, ווי יעדער, וואָס „שעכט און בלייבט גערעכט"...

זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז אַ קלאַס, וואָס באַזיצט עקאָנאָמישע מאַכט, מוז סוף־כל־סוף קריגן פּאָליטישע רעכט און מאַכט...

און ווי אַזוי קען מען אָנהאַלטן די הערשאַפט, די אויבערהערשאַפט פון אַט־די נייע אַדונים אין רוסלאַנד?

מען מוז זען, אַז די עקאָנאָמישע כוחות פון לאַנד זאָלן זיין קאָנצענטרירט אין די אייגענע הענט, אין די הענט פון דער רעגירונג מיט אירע ביוראָקראַטן. און דאָס האָבן זיי געטאָן. זיי האָבן פאַרנומען די אינדוסטריע. זיי האָבן פאַר־נומען די בענק, פאַרנומען אַפילו די הייזער. פאַרנומען אַלע רייכטימער פון לאַנד. ווער קען זיך איצטער שטעלן אַנטקעגן?

דער רייכער קלאַס איז פאַרניכטעט, עקזיסטירט ניט אין רוסלאַנד. זיין אָרט האָט פאַרנומען דער נייער קלאַס אונטערן נאָמען „קאָמיסאַרן"; אַלע יענע, וועלכע פאַרנעמען זיך מיטן אָרגאַניזירן די אינדוסטריע, דאָס לאַנד און אָנפירן די מלוכה־מאַשין.

דער אַרבעטער אין רוסלאַנד — ליגט אין זייערע הענט, און עס וועט נע־מען אַ לאַנגע צייט איידער ער וועט בכוח זיין זיך אַרויסצורייסן פון זייערע לאַפּעס.

דער אַרבעטער — ער איז אַן אָנגעשטעלטער: ער קריגט געהאַלט פון דעם טראַסט, וועלכער געהערט צו דער רעגירונג. ער איז אונטער אַ גלאָז; מען גיט אויף אים אַכטונג; מען זעט יעדן טריט און שריט זיינעם, יעדע באַוועגונג זיינע.

די צאָל אַרבעטסלאָזע איז געוואַלדיק גרויס, אַרום צוויי מיליאָן. זאָגט דער אַרבעטער עפּעס, וואָס עס געפעלט ניט דעם נייעם באַלעבאָס אויפן פאַבריק, אין ווערקשטאָט — ווייזט מען אים די טיר. און אויף מאָרגן גייט ער זיך שוין רעגיסטרירן צווישן די אַרבעטסלאָזע.

זאָגט ער אַ צו־שאַרף, אַ צו־היציק וואָרט, מאַכט ער אַ שלעכטע מינע, וואָס עס געפעלט אינגאַנצן ניט די נייע פּריצים, שעמט מען זיך ניט און מען זעצט אים אַריין אין חדר אָדער מען שיקט אים זיך אָפּקילן קיין סיביר. דאָס איז אַ קוראָרט... מען היילט דאָרטן אַלע פּאָליטישע קראַנקייטן, און איר קענט אויף זיי קיין תרעומות ניט האָבן.

וואָס איז אַן איינפאַכער אַרבעטער? צי דען איז ער בעסער פון טראַצקין? און אויב ער מעג זיין פאַרשיקט, און ניט ער אַליין, נאָר די גאַנצע „פּני", פאַר־וואָס זאָל אַן אַרבעטער האָבן פאַרדרוס, ווען מען טוט אים אָן אַזאַ כבוד...

די אינטעליגענץ ווייטער, דער רעדנער, שרייבער, די יעניקע, וועלכע האָבן אַזויפיל געבורעוועט אין די אַלטע צייטן, וועלכע זענען געווען דער „זוי־ערטייג" — זיי האָט מען אַריינגענומען אין דער קלעם.

פרייהייט פון וואָרט, פון פרעסע — זענען דאָך אַזעלכע אַלטע פאָראור־טיילן, פון וועלכע דאָס „נייע" רוסלאַנד וויל ניט אָנהייבן צו וויסן, און ווייס פון דעם וויינקער פון דעם אַלטן צאַרישן רוסלאַנד.

צען מאָס רייד זענען אַראָפּ אויף דער וועלט — און אַלע צען מאָס האָט צוגענומען סטאַלין און קאָמפּאַניע. און ווייטער איז שאַ־שטיל; מען טאָר אַ פּיפּס ניט אַרויסלאָזן. שרייבן איז אָסור חזיר. דער צענזאָר דאַרף דורכקוקן יעדעס וואָרט. די צענזור איז אַ שטאַרקע מויער; קוקט דורך אַפילו וויסנשאַפטלעכע ווערק. אַפילו די „פּראַוודאַ" און „איזוועסטיאַ" האָבן די אונטערשריפט „דער־לויבט פון דער צענזור" אויף יעדן נומער. און דאָס זענען דאָך די אָפיציעלע אויסגאַבן פון דער הערשנדיקער קליקע.

ווי לעבעדעוו פּאָליאַנסקי, דער הויפּטצענזאָר אין מאָסקווע, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, ווען איך האָב זיך שטאַרק צעאַמפּערט, ווען זיי האָבן צעפּאַלמעסט מיין ווערק:

— וואָס קלאָגט איר זיך, חבר גאָרדין, ווען אַפילו לעבינס רעדעס לאָזן מיר ניט דורך; מיר שניידן אַמאָל אויס גאַנצע שטיקער...

און ער האָט געזאָגט אַן אמת, אַ גרויסן אמת.

עס איז אַ שטאַרקע סברה, די היסטאָריע וועט נאָך אַמאָל קלאָר מאַכן די זאַך, אַז לעבין אַליין האָט ניט געהאַט די לעצטע יאָרן זיינע קיין פרייהייט פון פרעסע, ווי טראָצקי האָט עס שפּעטער־צו פאַרלאָרן. אַפילו לעבינס מויל און פען האָט מען אויך געהיט. און עס איז דאָ אַ גאַנצע אומלעגאַלע ליטעראַטור... פון לעבינען...

די אינטעליגענץ — איז שטויב, האָט קיין שום געוויכט ניט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

קען אַ שפּילער אָדער אַ זינגער עפּעס באַטרעפן דאָרטן, ווו עס איז פאַר־באָטן סיי צו שפּילן און סיי צו זינגען, און אַ פידל, אַ טרומייט איז אַ „געפער־לעכער" אינסטרומענט?

און וואָס באַטרעפט אַ שרייבער דאָרטן, ווו דאָס וואָרט גייט אַרום מיט אַ שלאָס אויפן מויל, און מען דאַרף גיין יעדעס מאָל צום פּאָליצייסקן, ער זאָל אַראָפּנעמען דעם זיגל און לאָזן אויסריידן אַ פּאָר ווערטער, וועלכע געפעלן אים און דערנאָך עס ווייטער פאַרשליסן און פאַרחתמענען.

פרייהייט פון וואָרט און פרעסע זענען די גרעסטע דעראָבערונגען פון דער אינטעליגענץ. ווען דאָס איז אָפּגעשאַפט, איז זי לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין דעם טיפן גרוב פון שטילקייט.

יעדער אינטעליגענט אין רוסלאַנד איז אַן אָנגעשטעלטער פון דער רעגי־רונג. ער לעבט אויף איר חשבון, און אַדאַנק צו אירע גרויסע גנאָדן.

און די מענטשן פון דער רעגירונג אין רוסלאַנד, זיי זענען מאַטעריאַליסטן, ווי איר ווייסט, און זיי האַלטן פון דעם כלל: וועמען זיי צאָלן, יענער קלאַס אָדער גרופּע מענטשן, וועלכע מוזן צו זיי אָנקומען, וועמען זיי האַלטן אויף עקאָנאָ־

מיש, פאַר יענעם האָבן זיי קיין מורא ניט. זיי האַלטן אים אין זייער האַנט, און האַלטן אַלעמאָל אַן אויג אויף אים.

ווער ס'בלייבט, פאַר וועלכן מען דאַרף זיך יאָ שרעקן און קעגן וועמען מען מוז כסדר האַלטן אין קעמפן — דאָס איז דער מיטלשטאַנד, די פּויערים, די בעלי־מלאכות. און אויף זיי שיטן זיך טאַקע געברענטע צרות מיט פולע קאָשי־קעס. מען האַלט זיי אין איין שמייסן עקאָנאָמיש מיט אייזערנע ריטער.

נאַטירלעך, דער פּויער איז אַזאַ באַשעפעניש, וואָס דאַרף ניט אָנקומען צו די חסדים פון דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס.

זיי נעמען ביי אים, גיבן אים כמעט ווי גאָרניט. און ווען זיי גיבן, לאָזן זיי זיך גוט באַצאָלן, און ווען זיי נעמען — דאַרף מען זיי ווייטער צוצאָלן...

אָבער דער קלאַס, דער מיטלשטאַנד, איז געבליבן פאַרט עקאָנאָמיש אומ־אָפּהענגיק.

יאָ, אין די גוטע יאָרן האָבן די דיקטאַטאָרן געטרוימט אַז זיי וועט זיך איינגעבן איינצושפּאַנען די פּויערים אין זייער רייטוואָגן און ער וועט זיי שלעפּן און זיי וועלן אים צוואָרפן פון צייט צו צייט אַביסל שטרוי אָדער היי.

זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן צו מאָביליזירן, מיליטאַריזירן די פּויערים, און זיי עוקר זיין, אָפּרייסן פון די איינגעזעסענע ערטער און זיי אַרי־בערשיקן אין נייע פּלעצער, ווו זיי וועלן אַרבעטן פאַר דער רעגירונג, און זי וועט זיי אויפהאַלטן.

איך געדענק, ווען דעם פּלאַן האָט פונאַנדערגעוויקלט פאַר מיר איינמאָל קאַמענעוו, און פונאַנדערשפּרייטנדיק די הענט, האָט ער צוגעגעבן:

„אויב איר וועט עס אָנערקענען, וועט איר קענען אַרבעטן לעגאַל אין רוסלאַנד"...

און אינזעלביקן אָוונט האָב איך געהערט די שטיק חכמה אויסגעטייטשט פון יורעניעוון — ער איז איצטער אַן אַמבאַסאַדאָר אין איינע פון די קלענערע מלוכות — אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער.

און ווען איך האָב געפרעגט: און אַז די פּויערים וועלן ניט פאָלגן און זיי וועלן ניט גיין פון זייערע ערטער, צו וועלכע זיי זענען צוגעוואַקסן, אַריינגע־וואַקסן אין באָדן, ווי די סאָסנעס אין די וועלדער?

האָט ער, יורעניעוו, ניט שעמענדיק זיך, גאַנץ אָפן און עפנטלעך גע־ענטפערט:

— וועלן מיר שיסן.

— וועט איך קלעקן קוילן איבערצושיסן 80 מיליאָן פּויערים? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

האָט ער מיט כעס און זיכערקייט געענטפערט:

— אַ טייל וועלן מיר דערשיסן; די איבעריקע וועלן זיך דערשרעקן און פאָלגן.

צום גליק האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז אַפילו פאַר סאָוועטרוסלאַנד איז עס אויך צו האַמעטנע און מען האָט זיך אָנטזאָגט פון פּלאַן. אָבער מיט גרויס עגמת נפש, מיט אַ ריס אין האַרצן. און די וווּנד בלוטיקט נאָך עד־היום.

און די פּויערים־פראַגע שטייט אין רוסלאַנד מיט איר גאַנצער גרויזאַמקייט:

אָדער די פּויערים וועלן צעברעכן די דיקטאַטור, אָדער די דיקטאַטור וועט צע־ברעכן די פּויערים, און זיי האַלטן אין איין דראַזגען די פּויערים. און דאָס איז ניט דערפאַר ווי זיי ווילן איינריידן אַנדערע תמימים.

— פאַרשטייט איר מיך: די רעגירונג איז אַ קאָמוניסטישע, און דער רו־סישער מוזשיק, קאָך אים אין האַניק און אין עסיק פון לעניניזם, בלייבט ער פאָרט אַ מוזשיק אין לאַפּעטעס מיט זיין קליינלעכער נשמה, וואָס גאַרט נאָך פּריוואַט־אייגנטום. און ווי קענען עס אַזעלכע צדיקים ווי סטאַלין און בוכאַרין פאַרטראָגן אַזעלכע זינדיקע מענטשן!

אַ רעגירונג וואָס פאַרקויפט אויל צו דער סטאַנדאַרט־קאָמפּאַניע, וואָס גיט אַרויס הלוואות און צאָלט פאַר זיי ניין פּראָצענט, וואָס האַנדלט מיט בראָנפן און מאַכט די גרעסטע פּראָפיטן און פאַרשפּרייט שכרות, וואָס צאָלט די אַרבע־טער אַזעלכע געהאַלטן, וואָס קוים וואָס זיי לעבן דורך, עקספּלואַטירט זיי ניט ווייניקער פון וועלכן ניט איז בלוטזויגער — אַזאַ רעגירונג איז ניט נענטער צום קאָמוניזם ווי אַן אידעאַל ווי ראָקעפעלער, מאָרגאַן און נאָך אַזעלכע נעמען און פירמעס; ניט נענטער, נאָר אַ סך ווייטער.

און די שנאה צום פּויער איז ניט דערפאַר, וואָס ער איז מעכב די גאולה, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און לאָזט ניט איינפירן דעם גן־עדן. ניין, ניט דאָס ברענט זיי. דער שוך דריקט אין אַן אַנדער אָרט: דער פּחד פאַרן קלאַס, וואָס דאַרף צו זיי ניט אָנקומען, קומט צו זיי ניט אָן, קריגט זיין חיונה, הגם מיטן בלוטיקן שווייס, אָבער פון דער שוואַרצער האַנט פון מוטערנאַטור, און ניט פון דער שאַצקאַמער פון דער רויטער רעגירונג. און אַלע מיטלען ווערן אָנגענומען.

איבער צען טויזנט קליינע ווערקשטאַטלעך פון אָרעמע בעלי־מלאכות אין דאָרף זענען פאַרמאַכט געוואָרן ביי דער רעגירונג אין דעם לעצטן יאָר. מען האָט זיי ליקווידירט, פאַרבאָטן צו אַרבעטן. זיי, די קוסטאַרן (בעלי־מלאכות) אין דאָרף קאָנקורירן מיט דער מלוכהשער אינדוסטריע, ווי געפעלט עס אייך?

די צענטראַליזירטע, פּלאַנירטע אינדוסטריע פאַרקויפט אירע פּראָדוקטן טייערער פון איינפאַכן דאָרפישן קוסטאַר, בעל־מלאכה.

ווי אַזוי קען מען זיך עס פאַרשטעלן?

אַ נאַציאָנאַליזירטע אינדוסטריע קען ניט פאַרקאָנקורירן די נעבעכדיקע קוסטאַרן, וואָס אַרבעטן אָן מאַשינען, מיט די פּרימיטיווסטע געצייג, אויף אַ פּרימיטיווסטן אופן; זי קען ניט פאַרקויפן וועלוועלער, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער גאַנצער אַפּאַראַט, דער האַנדלאַפּאַראַט, איז קאָנצענטרירט אין אירע הענט.

דאָס איז פּשוט דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָן אַ שיער דאַרמאָיעדניקעס, וואָס יעדער צווייג און צוויגל פון אינדוסטריע איז באַשאָטן מיט פּאַראַזיטן־ביוראָ־קראַטן, סטאַלינס טעלערלעקער. און די אינדוסטריע, דאָס פאַראָרעמטע לאַנד, מוז זיי שלעפּן אויף אירע פּלייצעס.

אַ קוסטאַר איז אַ בעל־מלאכה, וואָס פּראָצעוועט מיט זיינע צען פינגער אין די דערפער. מענטשן מוזן דאָך לעבן, האָבן זיי געגרינדעט — דאָס איז ניט קיין נייע זאַך אין רוסלאַנד, דאָס האָט עקזיסטירט און איז געווען זייער

אַנטוויקלט אין דער צייט פון צאַר — אַרטעלן, אויפגעלעבט די אַלטע אַרטעלן וועלכע זענען צעפאַלן געוואָרן.

און איר פאַרשטייט, אין וואָס זייער פאַרברעכן איז באַשטאַנען — זיי האָבן פּראָדוצירט, געשאַפן פּראָדוקטן, וועלכע די פּויערים דאַרפן, נייטיקן זיך. און נאָך ערגער — זיי האָבן עס פאַרקויפט צו די פּויערים פאַר פּרייזן, וועלכע זענען צוגעגנגלעך מער אָדער ווייניקער.

האָט עס די „רעגירונג פון די אַרבעטער און פּויערים" קאַסירט. מען טאָר ניט אַרבעטן. זי קען ניט פאַרליידן אַזעלכע עוולות זאָלן באַגאַנגען ווערן אין רוסלאַנד.

אָט אַזוי אומברחמנותדיק באַקעמפט די סטאַלין־רעגירונג אירע בלוטיקע שונאים, די בעלי־מלאכות און פּויערים אין רוסלאַנד; נעמט־אָן דראַקאָנישע מיטלען קעגן זיי מיט דער איינציקער כוונה זיי צו רוינירן, זיי צו צעברעכן עקאָנאָמיש, זיי צו מאַכן מיט זאַמד צוגלייך.

נעמט ביי זיי צו דעם לעצטן ביסן ברויט פון מויל, און לאָזט זיי זיך ניט פאַרנעמען מיט מלאכות, און אַז זיי קומען אָן אין די שטעט און בעטן אַרבעט אָדער ברויט, גיט מען זיי די ברוקשטיינער פון מאָסקווע און פעטראָגראַד צו שלאָפן... אויף זיי.

זייער פּאָליטיק איז אַן איינפאַכע — זיך איין אויג, אַבי יענעם צוויי.

6

צ יי ט ו ו יי ל י ק

„די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַטראַכט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע־פּאַזע, וועלכע פירט צו אַ געזעלשאַפט, וואָס נייטיקט זיך ניט אין אַ רעגירונג, וועלכע וועט זיך באַזירן אויף אַ פאַרייניקונג פון די פּראָ־דוצירער פריי פון עקספּלואַטאַציע און קלאַסאונטערשיידונגען". (טראָצקיס ווער־טער אין אַ אינטערוויו, געגעבן דער דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער אַרבעטער).

זאָגט, דאַרף מען בעסער? דאַרף מען מער?

און מיינט ניט, אַז דאָס איז אַ דעת־יחיד, אַן אייגענע מיינונג, אויסגע־דריקט פון דעם אַביסל קאַפּריזנעם און דרייסטן טראָצקי.

ניין, טויזנט מאָל ניין!

אַזוי שטייט בפירוש געשריבן אין דער סאָוועטרוסישער קאָנסטיטוציע.

שוואַרץ אויף ווייס שטייט דאָרטן גאַנץ דייטלעך, אַז דער ציל איז דאָס שאַפן אַ געזעלשאַפט, וואָס וועט קענען אויסקומען אָן אַ מלוכה.

דער ציל פון די קאָמוניסטן אין רוסלאַנד איז דאָס איינאָרדענען אַ פרייע געזעלשאַפט, ווייל זיי זענען קעגנער פון דער מלוכה.

זיי, די קאָמוניסטן, די אָנהענגער פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, זענען אויסגעשפּראָכענע שונאים פון יעדער מלוכה.

איר גלויבט נאָך אַלץ ניט.

זייט זיך מטריח און לייענט־דורך דאָס ווערקל אונטערן נאָמען „מלוכה און רעוואָלוציע“, אָנגעשריבן פון לענינען.

ער ווייזט דאָרטן אויף, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטן זענען זיך טועה אין אויסטייטשן מאַרקסן. מאַרקס, לויט לענינס מיינונג, איז געווען ניט נאָר אַ קעגנער פון דער בורזשואַזנער מלוכה; ער איז געווען אַ כנגד פון יעדער סאָרט מלוכה.

און זינאָוויעוו, דער געוועזענער פאָרזיצער פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, ווען ער האָט נאָר געהאָט די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן מיט זיין אויטאָריטעטן וואָרט מכוח מלוכה־אָנגעלעגנהייטן, האָט אַלעמאָל אוימפּאַרמיידלעך פאָרויסגעשיקט אַ קורצע הקדמה, וועלכע האָט געגעבן צו פאַרשטיין די צוהערער, אַז אין תוך גענומען זענען די קאָמוניסטן קעגנער פון יעדער סאָרט און מין מלוכה, נאָר דאָס אַלץ, וואָס זיי טוען, האַלטן אָן אַ מלוכה, זען זי זאָל וואַקסן אין דער לענג און דער ברייט, זאָל אָנגעשוואָלן ווערן מיט לאַנד, מיט טעריטאָריע, מיט באַפעלקערונג, מיט מאַכט, מיט זעלנעריי — דאָס אַלץ איז ציייטווייליק. דאָס איז כל־זמן זיי זענען אין וועג, אויפן וועג, וועלכער וועט פירן צו דער אָפּשאַפונג פון דער רעגירונג און סוף־מאַכונג פון דער טריפהנער מלוכה, און דער פּראָלעטאַרישער מלוכה בכלל.

דאָס אַלץ איז צייטווייליק.

ווייל אַ מלוכה איז אַן אַרויפבוי אויף דער געזעלשאַפט, וואָס איז צעפרעסן פון קלאַסן־רייסערייען. און ווי נאָר זיי וועלן בטל מאַכן די קלאַסן מיט זייערע פּריווילעגיעס, מיט זייערע אונטערשיידן, וועט די מלוכה פאַרלירן דעם באָדן און וועט צעפאַלן ווערן אַפילו פון זיך אַליין, אויב מען וועט זי ניט איינוואַרפן מיט כוח, איבערגעוואַלד.

אַזוי האַלטן אין איין טענהן די קאָמוניסטן אין רוסלאַנד.

אַזוי לערנען זיי אין זייערע פּאַרטיישולן. אַזוי הייסן זיי ענטפערן אויף די עקזאַמענס די סטודענטן.

דאָס איז אַלץ צייטווייליק! דאָס איז אַלץ צייטווייליק!

דאָס איז דער ענטפער צו אַלע פראַגן, צו אַלע אויסזעצונגען. צו אַלע סאָרטן קריטיציזם, מיט וועלכע זייערע האַנדלונגען ווערן באַגעגנט.

ניט נאָר אין פּאָליטישע ענינים ווענדן זיי אָן אַזעלכע עקסטרעמע לערן. דאָס אייגענע אין עקאָנאָמיק.

פאַרוואָס קריגן די אַרבעטער אַזוי ווייניק געצאָלט? פאַרוואָס זענען דאָ אַזויפיל קאַטעגאָריעס פון אַרבעטבאַצאָל? פאַרוואָס אַזאַ לייטער מיט גראַדאַציעס?

איין ענטפער דעקט אַלץ:

מיין פריינט, עס איז צייטווייליק.

אין דער צוקונפט וועט זיין פולקומענע גלייכהייט. אַלע וועלן קריגן וויפל זיי וועלן נאָר וועלן. און די איצטיקע אָרדענונג איז אַ פאַרבייגייענדיקע זאַך.

פאַרוואָס זענען דאָ זעלנער אָדער „רויטע אַרמייער“? פאַרוואָס האַלט מען אויף אַזאַ גרויסע צאָל פּאַראַזיטן אויפן קערפּער פון די פּראָדוצירער?

דאָס איז צייטווייליק. ווען קאָמוניזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן, וועט ניט זיין קיין אַרמיי, עס וועלן ניט זיין קיין זעלנער און ניט קיין קאָמאַנדירן.

„עס וועט זיין איין טשערעדע און איין פּאַסטוך".

פאַרוואָס ווענדט איר אָן אַזויפיל געוואַלדטאַט אַזוי, אַז ס'שטייגט־אַריבער אַלע בורזשואַזע מלוכות אין טיראַניי, אַכזריות און מענטשן־מאַטערן?

אַ תירוץ איז דאָ אַ גרויסער. די בורזשואַזיע גלויבט, אַז די מלוכה איז אויף אייביק, בשעת מיר, קאָמוניסטן, זאָגן, אַז דאָס איז נאָר צייטווייליק.

פאַרוואָס נעמט איר הויכע געהאַלטן און די אַרבעטער אַזעלכע נידעריקע? דאָס איז צייטווייליק.

אויב צייטווייליק, זאָל זיין פאַרקערט — נעמט נידעריקע געהאַלטן, עס איז דאָך סיי ווי סיי צייטווייליק; וואָס אַרט אייך, אַז איר וועט צייטווייליק ניט האָבן קיין גרויסע שכירות און לעבן אָרעם ווי די אַרבעטער? עס איז דאָך צייטווייליק.

ווען איר שטעלט אַזוי די פראַגע, ענטפערן זיי אייך, אַז צייטווייליק מוז עס אַזוי זיין, אַז דער אַרבעטער דאַרף צוליידן ביז די גאולה וועט קומען, אויף וועלכער, אויב זי וועט זיך פאַרזאַמען, דער קאָמוניסט וואַרט טאָג־טעגלעך מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און אַן אָנגעשטרענגטן אויער איינצוזאַפּן די שוואַכע געהערעכצן פון אירע ווייטע טריט.

און בכלל קען מען עס פאָרמולירן אַלס אַ געזעץ פון דער באָלשעוויסטי־שער טאַקטיק:

זאָג־צו אַ סך, אַזויפיל, אַז עס זאָל לכתחילה אויסגעשלאָסן זיין די מעג־לעכקייט פון האַלטן דעם צוזאָג.

דאָס איז געטאָן געוואָרן וואָס באַטרעפט דער רוסישער רעוואָלוציע אין אַלגעמיין.

דער באָלשעוויק, אין דער פּערזאָן פון באָלשעוויסטישן פירער און טעאָ־רעטיקער לענין, האָט זיך ניט באַנוגנט מיט די גרויסע מעגלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך פאַרגעשטעלט אין רוסלאַנד אַדאַנק אַ גאַנצער ריי גינסטיקע פּאַסי־רונגען און היסטאָרישע פאַרוויקלונגען. ניין, דער באָלשעוויק האָט זיך ניט באַנוגנט מיט רוסלאַנד, מיט אַ זעקסטל טייל פון דער וועלט.

דאָס איז צו־וויניק. ער דאַרף האָבן אַ רעוואָלוציע אין גאַנץ אייראָפּע, און אויף איין מאָל מיט דער רוסישער, הגם אַלע „צייכנס פון דער צייט" האָבן גע־שריגן קעגן דעם, קעגן אַזאַ באַהויפּטונג. ער האָט זיך טויב און בלינד געמאַכט צו אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען אַרום, אין אַנדערע לענדער.

לענין האָט זיך געוואָלט איינריידן, על־כל־פנים האָט ער געוואָלט אַנדערע איינריידן, אַז ער גלויבט אין דעם, אַז אין אַמעריקע האַלט דערביי, אַז דעבס זאָל ווערן פּרעזידענט, און נאָך און נאָך. אַזעלכע מאָדנע „אַרכירעוואָלוציאָנערע" געדאַנקען, וועלכע פּאַסן זיך פאַר אַ „קאָמסאָמאָלעץ".

פאַרוואָס איז דאָס געטאָן געוואָרן? איז דאָ געווען „פּשוטע פּאָליטישע תמימות? פּאָליטישע קורצזיכטיקייט?

עס הייבט זיך ניט אָן. לענין און די קאָמוניסטישע פירער זענען וואָס איר

זוילט, נאָר ניט קיין תמימים, ניט קיין היצקעפּ, וואָס ווייסן ניט וואָס זיי טוען און ריידן.

עס איז אויסגערעכנט, אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוווּיגן.

די וועלטרעוואָלוציע איז געווען דער בעסטער צודעק אָפּצוטרעטן פון די רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס אין רוסלאַנד, און אויסקוקן, מאַכן אַן אָנשטעל בשעת מעשה פון גאָר אַ גרויסן, כמעט ווילדן רעוואָלוציאָנער.

אַ וועלטרעוואָלוציע! און אַזוי ווי די וועלטרעוואָלוציע איז געווען ניט אַזוי גרינג דורכצופירן, ממילא האָט מען די רוסישע רעוואָלוציע אויך ניט געדאַרפט פאָרזעצן, מחמת די וועלטרעוואָלוציע איז ניט געגאַנגען מיט דעם טעמפּאָ, מיט וועלכן לענין האָט געמיינט, אַז זי וועט גיין.

דאָס איז דער מעטאָד. וואַרף־אָן אַזאַ פּלאַן, אַז יעדער בר־דעת זאָל פאַרשטיין, אַז מען איז עס ניט בכוח גלייך אויף אַן אָרט צו רעאַליזירן. און דאַן וועסטו מוזן אָפּטרעטן און קיינער וועט דיך ניט באַשולדיקן.

ווען עס האַנדלט זיך וועגן שכירות, וועגן אַרבעטלוין, וועגן ביוראָקראַטיע, באַלוין און אַנדערע באַצאָלונגען, וואָס די רעגירונג גיט אַרויס, ווען די אומיושר־דיקייט פון דעם אַלעם וואַרפט זיך אין די אויגן, רייסט־אויף דאָס מויל און ניט ווילנדיק נעמט דער אַרבעטער פּראָטעסטירן קעגן דעם, דעמאָלט איז דאָ פאַרטיק דער פאַרענטפער: וואָס ווילסטו? דאָס איז ניט גערעכטלעך? צי דען ווייסן מיר עס ניט? מיר זענען דאָך פאַר גלייכהייט. און מיט ווען עס דורכפירן און אַלע וועלן קריגן גלייך באַלוינט, די קעכן, דאָס דינסטמיידל, וואָס וואַשט דעם דיל, און דער קאָמיסאַר פון בילדונג, נאָר דערווייל, צייטווייליק, מוז מען צו־ליידן.

און וויבאַלד עס איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, אַ פאַרבייגייענדיקע, דאַן לוינט זיך ניט שטאַרק אָפּצוגעבן מיט דעם און רעגולירן עס, איינאָרדענען עס. איז עס כדאַי זיך צו עסקן מיט אַ זאַך, וואָס וועט סיי ווי סיי אָפּגעשאַפט ווערן אין דער צוקונפט!

פאַרבייגייענדיקע זאַכן, אומווירדיקע זאַכן, — ליידט מען צו אַביסל אין איבערגאַנגסצייט!

באָלשעוויזם אייגנטלעך, ווי אַ מעטאָד, איז דאָס מיסברויכן מיט די עקס־טרעמע לערנונגען. און וואָס מער זיי מיסברויכן, אַלץ מער עקסטרעם „לינק“ זעען זיי אויס, אַלץ מער אָנשטעל מאַכן זיי, אַלץ מער „רעוואָלוציאָנערע העוויה“, נאַטירלעך, ווייל איינס מיט דאָס אַנדערע איז פאַרבונדן.

וואָס פאַר אַן אָרדענונג הערשט אין לאַנד, אין סאָוועטרוסלאַנד? ווו זענען די געזעצגעבנדיקע אינסטיטוציעס?

די אַלרוסישע סאָוועטקאָנגרעסן קלייבן זיך אויף איין מאָל אַ יאָר, איין מאָל אין צוויי יאָר. עס געדויערט אַרום אַ וואָך צייט. מען שמועסט זיך דורך, מען הערט אויס די רעדנער און מען צעפּאָרט זיך געזונטערהייט. דאָס זענען אַלרוסישע מיטינגען, אַ מין עולה־לרגל. מען קומט קיין מאָסקווע, מען זעט די שטאָט, מען גייט צום מאַווזאָלייום, מען זעט הויכגעשטעלטע פּערזאָנען און מען פּאָרט אַהיים, אין פּראָווינץ. ווער קומט צו די קאָנגרעסן? ס׳רוב באַאַמטע, סאָוועטישע טשינאָווניקעס. פּאָרזיצערס פון ראַיאָנע עקזעקוטיוועס און אַנדערע כלי־

קודש. דאָס וואַלסיסטעם איז אַזאַ, אַז עס זייט אָפּ אַפּילו אַן אָפּאָזיציאָנעלן קאָ־מאַר. עס גייען אַלעמאַל דורך „ווינטשבאַרע" עלעמענטן, רויקע, שטילע, גע־האָרכזאַמע, דערצויגענע... אַ ברירה האָבן זיי...

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז פאַר יעדער זיצונג פון סאָוועט קומט פאַר די זיצונג פון דער קאָמוניסטישער סעקציע פון קאָנגרעס, אַזוי אַרום, אַז צו דער סאָוועטזיצונג קומט מען שוין מיט פאַרטיקע רעזאָלוציעס און מען פויקט עס אָפּ ווי אַ מזמור. איך האָב בייגעוווינט עטלעכע קאָנגרעסן. נאָר איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם קאָנגרעס, אויף וועלכן מען האָט אָנגענומען דעם באַשלוס צום אַריבערגיין פון „מיליטערישן קאָמוניזם" צו „נעפּ", צו דער „נייער עקאָ־נאָמישער פּאָליטיק". אַ פּאַרע זאָל מען געוועזן הערן פון די דעלעגאַטן! עמיצער זאָל געוועזן האָבן די העזה זיך צו שטעלן אַמפּערן. מען זאָל כאָטש דיסקוטירן צווישן זיך אין די קולואַרן. עס איז דאָך געוועזן אַזאַ סורפּריז!

זאָל זיך כאָטש איינער אַוועקשטעלן און זאָגן זיין מיינונג קעגן! ניט אַ פּיפּס! ווייל „גאָט צו דאַנקען, מיר האָבן ניט קיין פּאַרלאַמענט". און דאָ, אין גרויסן זאָל פון גרויסן טעאַטער, איז אַ מיטינג, ווו „גרויסע מענטשן" האַלטן רעדעס און „קליינע מענטשן" פּאַטשן קיכעלעך, אַפּלאָדירן, הייבן די הענט און ווייזן רויטע צעטעלעך (פּאַרטייבילעטן). פון קאָנגרעס טיילט מען איין אַן אַל־רוסישע עקזעקוטיווע. די עקזעקוטיווע טיילט־אויס ווייטער אַ סאָוונאַרקאָם, דעם ראַט פון קאָמיסאַרן, וועלכער פּאַרוואַלט מיט דעם לאַנד און אַלץ וואָס אין לאַנד.

דעם קאָנגרעס־אויפקלייב טרויט מען ניט, הגם די דעלעגאַטן זענען דורכ־געזיפּט און אָפּגעזייט. מען האָט אָבער פּאָרט מורא פאַר זיי. און די לעצטע יאָרן האָט מען געענדערט די קאָנסטיטוציע. די פּאָלקסקאָמיסאַרן ווערן ניט אויסגע־קליבן אויפן קאָנגרעס, ווי עס האָט זיך געפירט ביז אַהער און ווי עס איז גע־שטאַנען אין דער קאָנסטיטוציע, נאָר זיי ווערן באַשטימט פון דער עקזעקוטיווע. אַזוי איז זיכערער, אַזוי איז געזינטער פאַר דער אָליגאַרכיע.

ווו איז אָבער די געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפט? דער סאָוונאַרקאָם איז דאָך די אויספירנדיקע מאַכט, הגם ער האַלט אין איין אַרויסגעבן דעקרעטן. דאָס מוז אַזוי זיין, ווייל עס איז ניטאָ קיין אַנדער קערפּערשאַפט, דער וו"ציק, דער אַלרוסישער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. כאָטש דער נאָמען זאָגט בפירוש, אַז דאָס איז ווייטער מער ניט ווי אַן אויספירנדיקע מאַכט. אָבער איר קענט זיך ניט העלפן. סאָוועטרוסלאַנד האָט ניט קיין העכערע געזעצגעבנדיקע אינסטיטוציע. איז אָבער די צרה, אַז די קערפּערשאַפט קלייבט זיך אויך אויף זייער זעלטן. אַ פּאָר מאָל אַ יאָר אויף עטלעכע זיצונגען. און סאָוועטרוסלאַנד האָט אייגנט־לעך ניט קיין געזעצגעבנדיקע מאַכט. אין די לאַנגע, גאַנציאָריקע הפסקות הערשט און גיט אַרויס געזעצן דער פּרעזידיום פון דער עקזעקוטיווע. פּערד־פוס־פּאָדקאָוועס. די וואָלן צום סאָוועטקאָנגרעס זענען קרומע און לאָמע. דער קאָנגרעס טיילט־אויס אַן עקזעקוטיווע; די עקזעקוטיווע, אויף איר ערשטער זי־צונג, טיילט־אויס אַ פּרעזידיום, און דאָס איז די געזעצגעבנדיקע מאַכט... פאַר וועמען איז זי פאַראַנטוואָרטלעך? פאַר זיך אַליין. ווייל אין דער לעצטער שורה באַשטייען די קאָנגרעסן פון אייגענע באַאַמטע. אַזוי דרייט מען זיך אין אייגענעם

צירקל און מען בלייבט אויף אַן אָרט. דער „מיניסטער" גיט אָפּ דעם באַריכט און די גובערנאַטאָרן פּאַטשן בראַוואָ, און עס איז גוטגעהייסן.

דער נאָמען פאַר אַזאַ סאָרט פאַרוואַלטן דאָס גרויסע ברייטע לאַנד איז די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט! צען מאָל דיק־טאַטור פון פּראָלעטאַריאַט! דאָס זאָגט אונדז מער ניט, אַז די פאַרמעגלעכע קלאַסן ווערן אויסגעשלאָסן פון באַטייליקן זיך אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. און דאָס זאָגט דאָך בשום־אופן ניט, אַז די אַרבעטערשאַפט, ווי אַזוינע, דאַרף ניט האָבן קיין געזונטע פּאָליטישע אינסטיטוציעס.

מען דאַרף ניט זיין פרייער פון אַטען אין גריכנלאַנד. פרייהייט פון איין זייט, קנעכטשאַפט פון דער אַנדער זייט. דאָרטן האָט געהערשט שקלאַפעריי. און פאַרשטייט זיך, אַז די שקלאַפן האָבן זיך ניט באַטייליקט אין די שטאַט־מלוכה־אינסטיטוציעס. אָבער דאָרטן האָט אין דער זעלביקער צייט געהערשט פרייהייט, ווייל אַלע יענע, וואָס זענען ניט געווען קיין קנעכט, האָבן געהאַט פּאָליטישע רעכט און זיי האָבן זיי אויסגעאיבט, שאַפנדיק דאָס, וואָס ווערט באַצייכנט דורך דעם וואָרט „דירעקטע דעמאָקראַטיע".

דאָס אַראָפּוואַרפן אַ באַשטימטן קלאַס, אַ באַשטימטע קאַטעגאָריע מענטשן, פון די פּאָליטישע וואַגשאָלן הייסט ניט, אַז אַלע, די איבעריקע, ניט אַראָפּגע־וואָרפענע, זענען אויכעט אָן קיין שום געוויכט און דעה־זאָגונג.

דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט — ווו זענען די אָרגאַנען, דורך וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט ווי אַזוינער, ווי אַן אַרבעטער־קערפּערשאַפט, דריקט אויס זיין ווילן, זאָגט אַרויס און גיסט אָפּ זיינע פאַרלאַנגען אין דער פאָרמע פון געזעצן? ווו איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די קאָמיסאַרן פאַר דער אַרבעטערשאַפט ווי אַ גאַנצע?

פאַרוואָס קלייבן די אַרבעטער ניט אויס זייערע דעלעגאַטן דירעקט און אָפן? פאַרוואָס שיקן זיי ניט זייערע פאָרשטייער צום קאָנגרעס? פאַרוואָס איז ניטאָ קיין געזעצגעבנדיקע אינסטיטוציע, וועלכע זאָל ווערן אויסגעקליבן דורך די אַרבעטער, אויסשליסלעך פון די אַרבעטער?

די אַלע קלאָץ־קשיות קאָן מען ניט פאַרענטפערן מיטן ווערטל „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". עס איז ניט גענוג. דאָ האָט מען צוגעגרייט אַ בעסערן, אַ טיפערן, אַ מער כל־בוניקשן ענטפער:

דאָס איז אַלץ צייטווייליק. די בורזשויען גלויבן אין דיקטאַטור, זיי מיינען, עס איז אייביק, דעריבער צאַצקען זיי זיך מיט די פאָרמעס פון זייער מאַכט־אויסאיבונג. מיר, קאָמוניסטן, האַלטן פון דעם ניט.

וואָס מאַכט עס אויס, וועלכע פאָרמע פון פאַרוואַלטונג מיר האָבן, ווען די גאַנצע זאַך איז צייטווייליק? עס איז אַ צייטווייליקע דיקטאַטור. די מלוכה וועט סיי ווי סיי אָפּשטאַרבן... דאָס איז דער אַלגעמיינער טאָן פון אַלע סאָוועטרוסי־שע רעדלפירער. דערמאָנט עס ניט דעם ביטול פון אונדזערע עלטערן צו וועלט־לעכע זאַכן אין אַלגעמיין. משטיינס געזאָגט: אַלץ איז צייטווייליק... אַפילו דעם מענטשנס לעבן אויף דער ערד...

שטויב, שטויב, ווערטערשטויב אין די אויגן פון פּראָלעטאַריאַט...

7

צען יאָר נאָך דער רעוואָלוציע אין 1927

דעם 25טן אָקטאָבער 1917 (7טן נאָוועמבער, לויטן נייעם סטיל פון קאַלענדאַר) איז פאָרגעקומען די אמתע רעוואָלוציע, די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע.

דאָס איז געווען אַ „שטיקל אַרבעט״ אָפּגעטאָן פון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן אין די שטעט, איבערהויפּט פּעטראָגראַד און מאָסקווע און די איבעריקע אינדוסטריעלע צענטערן, און די פּויערימאַסן אין די דערפער איבער גאַנץ רוסלאַנד און די איבערגעטוענע פּויערים, ד״ה, זעלנער אויף די פראָנטן און אין די גאַרניזאָנען.

וואָס זענען געווען די לאָזונגען, אונטער וועלכע די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך געשמידט?

לויט די טוערס נאָך, אַזוי זענען געווען די פאָדערונגען און דערוואַרטונגען. יעדער קלאַס, יעדער שיכט פון פאָלק, ווייס, ווו עס דריקט אים דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער שוך.

די ערשטע און מעכטיקסטע לאָזונג איז געווען — פרידן! אַ סוף צו דער מלחמה! די זעלנער זענען פאַרמאַטערט געווען צו הרגענען און נאָך מער דערהרגעט און פאַרוואונדעט צו ווערן. אַלץ האָט אַ שיער. און די מלחמה, האָט עס אויסגעזען, ווייס ניט פון קיין שיער און קיין סוף. און דאָס האַרעפּאַשנע רוסלאַנד, איבערהויפּט די זעלנער פון פראָנט, האָבן אַ געשריי־געטאָן: גענוג!

די צווייטע לאָזונג איז געווען: „ערד פאַר די פּויערים!״ ערד פאַר יענע, וואָס ווילן זי באַאַרבעטן און באַאַרבעטן זי. דאָס ערד־באַאַרבעטנדיקע רוסלאַנד האָט זיך אויסגעהונגערט נאָך לאַנד.

די דריטע לאָזונג איז געווען: „די פאַבריקן פאַר די אַרבעטער״! אַ סוף צום קאַפּיטאַליזם! צו די רייכע מאַגנאַטן! די אַרבעטער האָבן ניט געוואָלט מער עקספּלואַטירט ווערן.

די פערטע לאָזונג — „די גאַנצע מאַכט צו די סאָוועטן״! אַ סוף צו דער קאָאַליציע און מיטאַרבעטונג מיט דער בורזשואַזיע.

דאָס איז געווען די הויפּטפּאָליטישע לאָזונג.

אויסער די הויפּטלאָזונגען זענען געווען ביילאָזונגען, אָפּצווייגונגען, אַרויסדרינגונגען פון די ערשטע.

די פאָדערונגען זענען אויסגעוואַקסן אין די טיפענישן פון פאָלקסלעבן, נויטן און באַדערפענישן. איר זעט, זיי זענען איינפאַך און גאַנץ, עס איז ניטאָ קיין „געקינצלטקייט״ אין זיי.

די פּויערים האָבן געוואָלט די שטיקער לאַנד, וואָס די גוטבאַזיצער האָבן פאַרמאָגט. זיי האָבן געוואָלט און האָבן עס גענומען. נאָך אין 1905־6 האָבן די

פויערים אין אַ סך ערטער פאַרכאַפּט די „אימעניעס" פון די פּאָמיעשטשיקעס, נאָר די „באַשטראָפנדיקע עקספּעדיציעס" האָבן צוריק אָפּגענומען דאָס לאַנד און צוריקגעבראַכט דעם „אַרויסגערויכערטן" פּריץ.

איצטער, אין 1917, האָט די באַוועגונג פון „פאַרכאַפּן דאָס לאַנד" זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן פּנים פון דעם גרויסן רוסלאַנד.

די פויערים האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט וואַרטן, ביז מען וועט זיי מזכה זיין מיט דעם לאַנד דורך אַ דעקרעט, אַרויסגעגעבן פון וועלכער עס איז געזעצגעבערישער אינסטיטוציע.

זיי האָבן ניט געטרויט. בפרט, וואָס אַזאַ אינסטיטוציע האָט ניט עקזיסטירט. און די העכערע קלאַסן, פאָרגעשטעלט אין דער פאַרטיי פון די קאַדעטן (די איבעריקע פּעאָדאַלע און בורזשואַזע פאַרטייען זענען, מיט דער דערנענטערונג פון אָקטאָבער, צעשמאָלצן און אויסגעטריקנט געוואָרן אַזוי, אַז פון זיי איז קיין זכר ניט געבליבן) און פאַרטראָטן אין דער צייטווייליקער רעגירונג, האָבן געטאָן וואָס נאָר מעגלעך, כדי אָפּצולייגן דעם צונויפרוף פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע, לויט זייערע רייד, האָט געדאַרפט זיין דער אייניציקער אויטאָריטעט, וואָס קען אַנטשיידן וויכטיקע סאָציאַלעקאָנאָמישע שטרייטפראַגן.

וואָס אָנבאַלאַנגט פרידן האָט עס געהאַלטן אויפן זעלביקן אופן. דער פראָנט איז געווען אַ צעלעכערטער זאַק. די זעלנער זענען געלאָפן אַהיים, און קיין כוח אין דער וועלט האָט זיי ניט געקענט איינהאַלטן. נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, איך מיין די פעברואַר־איבערקערעניש, איז דער פראָצענט פון די דעזערטירן געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע, ווען די זעלנער אויפן פראָנט האָבן דערהערט דאָס כישופדיקע וואָרט „פרייהייט" — סלאָבאָדאַ, ווי זיי האָבן עס גערופן, — און אין זייערע אויערן האָט אַ בלאָז־געטאָן דער שופר של משיח: „די ערד פאַרן פאָלק"! איז געוואָרן פּשוט אַ געלויף אַהיים, צו זיך אין דאָרף אַריין. זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָרטן וועט מען צונעמען די רייכע הויפן, די גרויסע שטרעקעס לאַנד, וואָס זענען געלעגן אַרום זייערע דערפער, און פאַר זיי, וואָס שמאַכטן נעבעך ווייט פאַרוואָגלט פון דער היים, לעבעדיקערהייט באַגראָבענע אין די טראַנשייען, וועט גאָרניט בלייבן. „מען וועט אונדז פאַרטיילן" — דאָס איז געווען זייער שרעק. און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַהיים און באַדעקט פעלדער און וועלדער. זיי האָבן זיך ניט געפילט פאַר קיין דעזערטירער, נאָר פאַר עולה־לרגל, פּילגרימען. זיי גייען טיילן דאָס לאַנד, זייער לאַנד, זייער הייליק לאַנד...

און דאָס וואָרט „פרידן" האָט זיך געצאַפּלט אין זייער האַרץ און געפלאַטערט אויף זייערע ליפּן.

מען האָט געדאַרפט האָבן אַ גרויסע דאָזע תמימות זיך איינצורעדן, אַז דעם לעבעדיקן שטראָם קען מען אָפּשטעלן און פאַרצוימען מיט ווערטער־צוזאָגונגען אָדער מיט שטראָפן און סטראַשונקעס.

און באמת האָט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע מער ניט ווי סאַנקציאָנירט דאָס, וואָס איז שוין געהאַט פאָרגעקומען, וואָס איז שוין געווען כמעט ווי אַ פאַרטיקער, אַביסל אָפּגעקילטער, פאַקט.

אָקטאָבער איז ניט געווען קיין פּראָדוקט, קיין אויפטו, פון וועלכער עס איז פּאַרטיי.

אָקטאָבער איז געשאַפן געוואָרן דורך די אומשטענדן, דורך דער רוסישער ווירקלעכקייט. די ברייטע פאָלקסמאַסן האָבן עס דורכגעפירט אין לעבן, און דאָס לעבן פאַר דעם אוועקגעלייגט.

צו אָקטאָבער זענען געגאַנגען מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פאָנען דריי פּאָליטישע גרופּירונגען: אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן גלייך פון אָנהייב אויפגעפּאַסט די רוסישע רעוואָלוציע ווי אַ פויערים־ און אַרבעטעררעוואָלוציע, און לויט דער איבערצייגונג האָבן זיי געהאַנדלט. אויף זיי האָט אויסגעגאָסן די צייטווייליקע רעגירונג איר גאַנצן גרימצאָרן; די באָלשעוויקעס, זייער לינקער פליגל מיט לעַנינען און טראָצקין בראש, (דער רעכטער פליגל, אמת, געגנעראַלן אָן מאַסן, ווי קאמעניעוו, זינאָוויעוו, סטאַלין און אַנדערע, זענען געווען קעגן); די לינקע נאַראָדניקעס (לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און מאַקסימאַליסטן).

דאָ דאַרפן מיר פעסטשטעלן אַ היסטאָרישן אמת. מען קען ניט פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז די הויפּטלאָזונגען פון אָקטאָבער האָבן געגעבן די אַנאַרכיסטן.

שאַצט עס אָפּ ווי איר ווילט. איר מעגט זידלען אָדער רימען, עס איז אָבער אַ היסטאָרישע טאַטזאַך, אַז די לאָזונגען: פרידן אומבאַדינגט, וואָס ער זאָל ניט קאָסטן! צעטרייבן די גרינדונגספאַרזאַמלונג! „די פאַבריקן פאַר די אַרבעטער״! האָבן אַראָפּגעשריגן פון די שוואַרצע אַנאַרכיסטישע פאָנען און פון די ערשטע זייטן פון די אַנאַרכיסטישע צייטונגען. די באָלשעוויקעס האָבן דעמאָלסט געהאַט גאַנץ אַנדערע לאָזונגען: „אַ דעמאָקראַטישן שלום, אָן אַנעקסיעס און אָן קאָנטריבוציע״. „דער צונויפרוף פון דער גרינדונגספאַרזאַמלונג״. און וואָס אָנבאַטרעפט די אַרבעטערפּראָגראַם האָבן זיי אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון „אַרבעטערקאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע״.

די לאָזונגען האָבן געהערט צו די אַנאַרכיסטן. דורכגעפירט האָבן די לאָזונגען די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די מלוכהשע מאַכט און פריִער פון אַלץ געגרינדעט אַ סאָוונאַרקאָם, אַ ראַט פון פאָלקסקאָמיסאַרן מיט לענינען אין דער שפּיץ. דאָ, אין דעם פאַקט, ליגט די גאַנצע טראַגעדיע פון דער אָקטאָבעררעוואָלוציע.

די לאָזונגען זענען געשאַפן געוואָרן ניט פון די באָלשעוויקעס. ניט זיי האָבן די לאָזונגען פאָרמולירט, און ניט זיי האָבן זיי אָנערקענט. די מאַסן און די אומשטענדן האָבן עס אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען. און ניט ווילנדיקערהייט האָבן די באָלשעוויקעס געמוזט דורכפירן, צו אַ געוויסער מאָס, די אויף זיי אַרויפגעדריקטע לאָזונגען־פאָדערונגען.

די באָלשעוויקעס האָבן נאָכגעגעבן די מאַסן. זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז מען קען מיט זיי ניט איינרייסן. זיי האָבן געזען די מפּלה פון קערענסקין, און דאָס האָט זיך גוט אַריינגעשניטן אין לעַנינס זכרון. זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז די גרעסטע געפאַר איז פון לינקס, אַז זיי דאַרפן אָפּהיטן זייער לינקן פלאַנק, די אַנאַרכיסטן זאָלן אים ניט אַרומנעמען און צעקלאַפּן.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס סטראַטעגישע שפּיל: נאָכגעבן די מאַסן,

זיי האווירן, ביז זיי וועלן זיך באַרויקן, און דעמאָלסט זיי איבערכיטרעווען, פאַר־נאַרן: כלומרשט מיט זיי, אָבער באמת קעגן זיי.

איר קענט ניט פאַרלאַנגען, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן מיטן גאַנצן האַרצן, מיט ריינער איבערגעגעבנקייט, דורכפירן לאָזונגען, וועלכע זענען זיי געווען קווידער. דעריבער האָבן זיי געזוכט, ווען עס איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט, זיי צעדרייען און צעלאָמען אַזוי, אַז פון זיי, פון די לאָזונגען און פאָדערונגען, זאָל גאָרניט בלייבן. אָדער אין זיי זאָל קענען אַריינגעלייגט ווערן אַן אַנדער זאַך, איידער די, וועלכע די ערשטע שאַפער פון די לאָזונגען האָבן געהאַט בדעה.

דעם 18טן יאַנואַר איז צונויפגערופן געוואָרן די גרינדונגספאַרזאַמלונג. און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די שטימען האָבן זיך איינגעטיילט ניט ווי עס וואָלט זיך וועלן די באָלשעוויקעס. 21 מיליאָן שטימען זענען אָפּגעגעבן גע־וואָרן פאַר די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, און נאָר 9 מיליאָן פאַר די באָל־שעוויקעס. און די באָלשעוויקעס האָבן איינגעשטימט, מען זאָל צעטרייבן די גרינדונגספאַרזאַמלונג.

די אַנאַרכיסטן האָבן גלייך פון אָנהייב זי באַיקאָטירט, גערופן צו איר פונאַנדערטרייב, אַרויסגייענדיק פון פּרינציפּיעלע איינזעונגען. די אַנאַרכיסטן זע־נען געווען קעגן מיטאַרבעטונג פון די קלאַסן, און זיי האָבן פאַרדאַמט די גרינ־דונגספאַרזאַמלונג נאָך איידער זי האָט זיך אויפגעקליבן. די באָלשעוויקעס זע־נען געגאַנגען גאָר אויף אַן אַנדער וועג. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן. זייער לאָזונג פאַרן אָקטאָבעראיבערקער איז געווען: „צונויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג באַצייטנס". נאָר ערשט דעמאָלסט, ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מען קען דאָ גאָרניט טאָן, אַז די גרינדונגספאַרזאַמלונג לאָזט זיך ניט פירן פאַר דער נאָז, און זיי, די באָלשעוויקעס, האָבן דאָרטן ניט קיין מערהייט — האָבן זיי באַשלאָסן זי צו פונאַנדערטרייבן.

און אַז מען האָט געדאַרפט זי צעטרייבן, — וועמען האָט מען עס אָנפאַר־טרויט? אַן אָפּטיילונג פון מאַטראָזן, מיט זשעלעזניקאָוו בראש.

זשעלעזניקאָוו איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אַנאַרכיסט און די מאַט־ראָזן זענען געווען אַנאַרכיסטיש געשטימט.

האָט מען דען אַזאַ אַרבעט געקענט אָנטרויען אַן אַנדער אָפּטיילונג פון גאַרניזאָן, ווען אין זייערע אויערן האָבן נאָך געקלונגען די באָלשעוויסטישע הייסע רעדעס וועגן דער וויכטיקייט פון צונויפרופן אין צייט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג?

דאָ האָט מען ניט נאָר גענומען דעם אַנאַרכיסטישן לאָזונג, נאָר אַפילו דורכ־פירן אים האָט מען געלאָזט דעם אַנאַרכיסט. און מיט דער פראַזע, וועלכע איז געוואָרן היסטאָריש: „וויקטאָר מיכאַילאָוויטש, גענוג צו ריידן"! (בודעט וואָס ראַזגאָוואַריוואַט), האָט זשעלעזניקאָוו געשלאָסן די זיצונג און געהייסן די דעלע־גאַטן זיך צעגיין און פאַרשלאָסן די טירן.

דעם 18טן יאַנואַר האָט זיך די גרינדונגספאַרזאַמלונג אויפגעקליבן: דעם 19טן איז זי שוין צעטריבן געוואָרן.

דער באָלשעוויזם האָט דאָ אַרויסגעוויזן זיין יעזויטישקייט און פּרינציפּלאָ־

זיקייט: פֿאַר דער גרינדונגספֿאַרזאַמלונג, אויב זי איז מיט זיי; קעגן איר, אויב זי לאָזט זיך ניט פירן פֿאַר דער נאָז.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם פֿרידנסאָפּמאַך מיט דייטשלאַנד האָט זיך אַרויסגע־שטעלט די זעלביקע זאַך: אָדער מען האָט געדאַרפֿט אָנגיין מיט דער מלחמה, אָדער מען האָט זי געמוזט אָפּשטעלן, ענדיקן. זיכער, אַז מיט דייטשלאַנד פֿון לידענדאָרפֿן און ווילהעלמען און טייפּיצן און הינדענבורגן האָט מען ניט גע־קענט ריידן וועגן דעמאָקראַטיע און אַ „דעמאָקראַטישן פֿרידן". אָדער מען האָט געדאַרפֿט איבערחזרן מיליוקאָווס פֿראַזע, „קריג ביז זיג", אָדער מען האָט גע־דאַרפֿט אָננעמען אונדזער לאָזונג: „שלום אויף אַלע באַדינגונגען".

דרייען זיך ווי אַ שלאַנג, וועלן יוצא זיין לויט אַלע דעות האָט מען דאָ ניט געקענט. די מאַסן האָבן ניט געוואָלט און ניט געקענט פֿאָרזעצן דעם קריג. און מען האָט געמוזט מאַכן שלום. און אַזוי ווי די „ענטענט" איז געווען פֿאַר־ביסן און האָט ניט געוואָלט וויסן פֿון קיין שום מין שלום, איז געבליבן איין וועג, נעמלעך: צו שליסן אַ „סעפּאַראַטן פֿרידן".

דער באָלשעוויק, ווי זיין שטייגער איז, האָט זיך דאָ גענומען וואַרפֿן אויף אַלע זייטן, יאָ פֿרידן און ניט פֿרידן.

געדעדט פֿאַר פֿייער און פֿאַר וואַסער, אָפּגעצויגן די זאַך פֿון דעם 5טן דע־צעמבער 1917, ווען אויף די פֿראָנטן פֿון באַלטיק ביזן שוואַרצן ים האָט זיך פּאַקטיש געענדיקט דער קריג, ביז דעם 3טן מערץ 1918, ווען דער פֿרידנאָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן, און ראַטיפֿיצירט געוואָרן דעם 15טן פֿון זעל־ביקן חודש.

דאָ זעט מען אַ צווייט מאָל דעם באָלשעוויק און זיין כאַראַקטער. ער איז געווען קעגן אַ סעפּאַראַטן פֿרידן. נו, אויב אַזוי, — זיי אויסגעהאַלטן! שטעל זיך איין און קעמף פֿאַר דיינע איבערצייגונגען! ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט ער אַזוי האַנדלען, וועט ער כאַפּן דעם זעלביקן מיאוסן פּסק, וואָס עס האָבן געכאַפּט, פֿאַר דעם, מיליוקאָוו, דערנאַך, קערענסקי. דער באָלשעוויק גיט זיך אונטער, פֿאַרבייגט זיינע איבערצייגונגען און פּונקטן פֿון פּראָגראַם. עס דערגייט צו דעם, אַז לענין שטעלט דעם צענטראַלן קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַן אולטימאַטום: אָדער מען מאַכט שלום מיט דייטש־לאַנד, אָדער ער אַנטזאָגט זיך פֿון זיין פֿאָרזיצערײַ אין סאָוונאַרקאָם און אין צענטראַלקאָמיטעט און, ניט וואַרטנדיק אויף קיין גליקן, פֿאָרט ער אָפּ קיין אויסלאַנד.

און אַ צווייט מאָל זיגט דער אָפּאָרטוניזם, די פּרינציפּנלאָזיקייט, די ריי־דערייען. די פּראָגראַמפּונקטן וואַרפֿט מען אַרויס, — אַ כפּרה צימערוואַלד, קיענטאַל!

דעם 3טן מערץ 1918 שרייבט מען אונטער דעם שלום־אָפּמאַך. דעם 9טן מערץ כאַפּט מען זיך אַריבער פֿון סמאָלני־אינסטיטוט אין פּעטראָגראַד קיין מאָסקווע אין קרעמל.

דער אויסרייד: מען קען ניט טרויען די דייטשן. באמת אָבער קען מען ניט טרויען די אַרבעטער פֿון פּעטראָגראַד. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס הייבן זיך. און לענין האָט אַ חוש, ער פֿילט: עס איז גאַנץ שווער צו שווימען, — מען דאַרף

זראַכטן ווענן אַ פעסטן שטיקל באָדן אונטער די פיס: קרעמל איז אַ פעסטונג, אַרומגערינגלט מיט הויכע ווענט. און דער סאָוונאַרקאָם קלייבט זיך אַהין אַריבער. ווי קען מען טאַקע זיך פאַרלאָזן אויף פעטראָגראַד, ווען דאָ ביי דער זייט ליגט קראָנשטאַט מיט די אַנאַרכיסטישע מאַטראָזן, און דאָ שטייט זיך דער פלאָט און איבער אים פלאַטערט די שוואַרצע פאָן. און אַ צוגאָב נאָך העלזינגפארס און דאָרטן ווייטער די שוואַרצע פאָן... איבער די שיפן...

מען איז אַנטלאָפן פון פעטראָגראַד, און פאַרן אַנטלויפן — מען האָט דאָך פאָרט מורא געהאַט, אַז די אַנאַרכיסטן וועלן פאַרנעמען די שטאָט און פּראָקלאַמירן אַ פעטראָגראַדער קאָמונע — איז מען זיי פאַרלאָפן דעם וועג און דערקלערט, אַז פעטראָגראַד וועט זיין מהיום והלאה די הויפטשטאָט פון דער צפון־קאָמונע. און פעטראָגראַד הייסט „פעטראָגראַדער קאָמונע“. און מאָסקווע קריגט אויך דעם זעלביקן נאָמען: „מאָסקוועער קאָמונע“.

דרך־אַגב דאַרף מען אָנווייזן, אַז פעטראָגראַד איז אינגאַנצן צעשמאָלצן געוואָרן. די שטאָט האָט געהונגערט מער פון אַלע. נאָכדעם ווי דער סאָוונאָרקאָם איז אַנטלאָפן, האָט מען געטאָן וואָס מעגלעך, בכדי עס אָפּצושוואַכן, פאַרקלענערן און אויסשעפּן די טיטאַנישע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, וואָס האָט דאָרטן געברויזט און געקאָכט, און פון וועלכער די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט קיין גוטס ניט דערוואַרט. די פעטראָגראַדער אַרבעטערשאַפט האָבן די באָלשעוויסטישע קאָמפּראָמיסן און דריידלעך ניט געקענט באַפרידיקן. און לענין האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז די גרעסטע סכנה ליגט דאָ. פעטראָגראַד האָט אַראָפּגעוואָרפן קערענסקין און פעטראָגראַד וואָלט אַראָפּשליידערן אויך לענינען און מען האָט אָנגענומען די שטאַרקסטע מיטלען. מען איז אַנטלאָפן פון פעטראָגראַד. און מען האָט גענומען סיסטעמאַטיש אויסהונגערן די שטאָט, ביז מען האָט דערבראַכט די באַפעלקערונג, וועלכע איז באַשטאַנען פון קרוב צו דריי מיליאָן, צו אַ צוואַנציק־דרייסיק טויזנט. אַזוי אַרום איז מען פטור געוואָרן פון דעם „וויגעלע פון דער רעוואָלוציע“, וועלכע וואָלט געקענט גאַנץ גרינג ווערן אַ קבר פאַר די באָלשעוויקעס.

וואָס איז אָבער געשען מיט די איבעריקע צוויי לאָזונגען, די ערד — די פויערים און די פאַבריקן — די אַרבעטער? די באָלשעוויקעס האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן ניט נעמען קיין נאַלאָגן (שטייערן) פון די פויערים. און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט. זיי האָבן ניט גענומען קיין שטייער. נאָר... זיי האָבן אָנגעפירט „פּראָדראַזוויאָרסטקע“, ד"ה זיי פלעגן צונעמען די גאַנצע תבואה פון פויער, איבערלאָזנדיק כלומרשט גענוג זיך און די פאַמיליעס צו דערהאַלטן. און וואָס אָנבאַלאַנגט דער ערד, האָבן, ווי געזאָגט, די פויערים פאַרנומען דאָס לאַנד, ניט וואַרטנדיק אויף קיין געזעצן. דער דעקרעט פון 8טן נאָוועמבער האָט עס באַשטעטיקט.

די באָלשעוויקעס האָבן אָבער גענומען רייסן פאַסן ערד פון די פויערים ניט וועלנדיק זיי אַוועקגעבן די אימיעניעס פון די פריצים, און אונטער פאַרשיידענע תירוצים האָבן זיי זיי געוואָלט אָנהאַלטן פאַר דער מלוכה. זיי האָבן כלומרשט גענומען גרינדן „מוסטערווירטשאַפטן“, „קאָלכאָזן“, „סאָווכאָזן“, „קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן“, סאָוועטווירטשאַפטן“. דאָס זענען אַלץ געווען שפּיצלעך

אוועקצונעמען צוריק דאָס לאַנד, אויב ניט אינגאַנצן, דאָך אַ טייל, וואָס די פּויערים האָבן פאַרנומען. אויסער דעם האָט מען נאָך גענומען שאַפן די אַזױגערופענע „קאָמיטעטן פון אָרעמעלייט“ אין רוסישן דאָרף. דאָס רוסישע דאָרף איז דורכשניטלעך געגוג קבצנותדיק. און דוכט זיך, אַז מען דאַרף דאָרטן ניט האָבן קיין ספּעציעלע קאָמיטעטן. אַנדערש האָבן אָבער פאַרשטאַנען דעם ענין די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך שוין משנה־השם געווען און זיך אַ נאָמען געגעבן קאָמוניסטן. זיי האָבן געבראַכט דעם „קלאַסנקאַמף“ אין דאָרף אַריין, אָדער, ווי לענין האָט עס גערופן, די „דיפערענצירונג“ פון דאָרף (ראַזסלאָיעניע).

קיין גוטס האָט עס דעם דאָרף ניט געבראַכט. עס האָט אים אינגאַנצן רויִנירט. אָבער דאָס דווקא האָבן די קאָמוניסטן גענדאַרפט.

דאָס דאָרף איז פאַר דער צייט פון דער מלחמה פאַרהעלטנישמעסיק אויסגעוואַקסן און רייך געוואָרן. פון דער אינדוסטריע איז געפאַלן שטיקער. די מלחמה, די רעוואָלוציע האָבן זי צעבראָכן. די שטעט זענען צערונען געוואָרן. מען איז געלאָפן צוריק אין דאָרף אַריין. און דעם גרעסטן שונא האָט לענין געזען, און מיט רעכט, אין דעם פּויער. ווי קען מען איינפירן מלוכה־סאָציאַליזם אָדער מלוכה־קאַפּיטאַליזם, ווען דאָס דאָרף איז שטאַרקער, געזינטער און רייכער פון דער שטאָט?

זיי זענען „היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן“ און ווייסן אָפּצושאַצן דעם ווירטשאַפטלעכן כוח. און אין די דערפער געפינט זיך אַ באַפעלקערונג פון אַרום 90 מיליאָן, וועלכע לעבט „פאַר זיך“ און דאַרף עקאָנאָמיש ניט אָנקומען צו דער מלוכה. ווי קען מען איינפירן די נייע באַלעבאַטישקייט? און די ערשטע אויפגאַבע, וועלכע לענין האָט זיך געשטעלט, איז געווען: צעברעכן דאָס דאָרף. ער האָט עס גערופן „דיפערענצירן“ דאָס דאָרף, אָבער געמיינט האָט ער דאָס אייגענע.

ווייטער: דער פּאָליטישער זיג האָט זיך די באָלשעוויקעס איינגעגעבן פאַרהעלטנישמעסיק זייער גרינג. די אומשטענדן האָבן זיך אַזוי אויסגעלייגט, אַז די מאַכט, ווי לענין האָט זיך אויסגעדריקט, האָט זיך געוואָלגערט אין גאַס, און קיינער האָט זי ניט אויפגעהויבן. זענען געקומען די באָלשעוויקעס און האָבן זי גענומען. קיין בירגערקריג איז ניט פאָרגעקומען. דאָס איינציקע געשלעג, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט בשעת אָקטאָבער, איז געווען אין מאָסקווע, און דאָ האָט עס געדויערט אַ וואָך. דאָס איז געווען די איינציקע שטאָט, אין וועלכער עס איז פאָרגעקומען אַן ערנסטער צוזאַמענשטויס.

איך גלויב, אַז אַלע האָבן געלייענט קערענסקיס עטלעכע קאַפּיטלען מעמואַרן און זיי ווייסן, אַז ער איז ניט בכוח געווען צו אָרגאַניזירן וועלכן־ניט־איז ערנסטן ווידערשטאַנד. ער האָט ניט געהאַט אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן. די אידייע פון קאָאַליציע איז דורכגעפאַלן פון אינעווייניק. די בורזשואַזע מיניסטאָרן האָבן רעזיגנירט עטלעכע מאָל און קערענסקי האָט אַלעמאָל געהאַט די גרעסטע שוועריקייט ביים צוזאַמענשטעלן אַ קאָאַליציע־קאַבינעט. די אָפּאָזיציע פון רעכטס האָט די באָלשעוויקעס ניט געשראָקן. דער צאַריזם איז געווען דורכגעפוילט אין רוסלאַנד און איז צעפאַלן געוואָרן אונטער די קלעפּ פון דייטשלאַנד אַזוי, אַז עס וועט קיינמאָל ניט אויפשטיין. די מענשעוויקעס און רעכטע

סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן ניט געהאַט ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָנ־נעמען, זיי האָבן ניט געהאַט קיין מיליטערישע אָפּטיילונגען. די קאָזאַקן, די אַל־טע אָפיצירן, האָבן געוואָלט ניקאָלאַיען, אַ זאַך, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק האָט פאַרדאַמט. דאָס איינציקע שטיקל אַרמיי, אויף וועלכע די סאָציאַליסטן־רעוואָלו־ציאָנערן האָבן זיך געקענט פאַרלאָזן און אַדאַנק איר האָבן זיי שפּעטער־צו גע־שאַפן די „סאַמאַרער רעגירונג״, זענען געווען די טשעכאָסלאָוואַקן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין רוסלאַנד און קעגן וועלכע טראָצקי האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז מען זאָל זיי אַנטוואָפענען. די ערשטע טעג פון מאַי 1918 האָבן זיי פאַרכאַפּט אַ שטיק ליניע פון אייזנבאַן און דעם 8טן יוני האָבן זיי פאַרנומען סאַמאַרע. דעם 15טן, און ווייטער אונטער דער שוץ פון די זעלביקע טשעכאָסלאָוואַקן, איז גע־גרינדעט געוואָרן די „ציייטווייליקע סיבירער רעגירונג״.

אויף וועמען האָבן זיך די מיטגלידער פון דער גרינדונגספאַרזאַמלונג, אייגנט־לעך די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האַלטן זיך פאַר נאַראָדניקעס און זענען נאַציאָנאַליסטיש־געשטימט, אויף וועמען האָבן זיי זיך געקענט שטיצן? אויף אַן אויסלענדישער אַרמיי. ווי נאָר זיי זענען געבליבן אויג־אויף־אויג מיט דער רוסישער קאָנטררעוואָלוציאָנערער אַרמיי, איז פון זיי געוואָרן אַ תל. דעם 18טן נאָוועמבער האָט זיך דער אַדמיראַל קאָלטשאַק דערקלערט פאַרן „אוי־בערהאַר״ און די מיטגלידער פון דער גרינדונגספאַרזאַמלונג, די מיטגלידער פון דער „מלוכה״, האָבן די רוסישע אָפיצירן אַרויסגעשלעפּט פון געפענגעניש און דערהרגעט.

אַפילו טשאַיקאָווסקין, וועלכער האָט געפּראָוועט פאַר זיך אַ מלוכהלע אין אַרכאַנגעלסק, האָבן די אָפיצירן אַרעסטירט און אָפּגעלאָזט נאָר נאָכדעם ווי די אַליאירטע האָבן זיך אַריינגעמישט און זיך משתדל געווען פאַר אים.

די אַסאָסיאַציע פון לינקס, דאָס האָט זיי, די באָלשעוויקעס, געשראָקן. דער אַרבעטערקלאַס איז נאָך געווען צו־פריש, שטאַרק און געזונט, און צו עמאָציאָ־נעל און איינגעגלויבט אין זיינע כוחות. און לעניו האָט געוווּסט, אַז דער אַר־בעטער וועט פאָדערן דאָס זייניקע; ער וועט פאַרלאַנגען די פאַבריקן, וועלכע ער האָט פאַרכאַפּט און האַלט אין פאַרכאַפּן. דער פּויער אין דאָרף פילט זיך אומ־אָפּהענגיק. ער האָט גענומען דאָס לאַנד פון גוטבאַזיצער, ער וועט פאַרכאַפּן די מלוכהשע וועלדער, די מאָנאַסטירישע פעלדער. און ער וועט הערן די סאָציאַ־ליסטישע מלוכה, וועלכע וויל קאָנצענטרירן אין אירע אייזערנע לאַפּעס סיי די פּאָליטישע און סיי די עקאָנאָמישע מאַכט, ווי אַ קאָטער.

וואָס דאַרף מען טאָן?

און מען האָט געמאַכט אַ שטאַרק יראת־שמים־פּנים, מען האָט זיך איינ־געוויקלט אין אַ טלית פון ריינעם קאָמוניזם, און מען האָט גענומען איינפירן קאָמוניזם... ווו? אין דאָרף! ווי אַזוי? דורכן אָוועקנעמען פון פּויער דאָס לעצטע שטיקל ברויט. און דער פּויער האָט זיך גענומען בונטעווען.

גיט מיר פּופּציק מאַטראַזן, און איך וועל קריגן ברויט פאַר די שטעט! — האָט לעניו געטענהט. און מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן ראַבירן דעם פּויער. ברעכן דעם עקאָנאָמישן יסוד פון דעם מיטלקלאַס. און דאָ איז געשאַפן געוואָרן דער באָדן פאַר אַ קאָנטררעוואָלוציע: די אָפיצירן האָבן זיך גענומען אויפקלייבן פון

אַלע עקן און געגנטן קיין דאָן. און ווייסע האָפענונגען האָבן גענומען שפּראָצן אויפן באָדן פון דער אומצופרידנקייט פון די פּויערים, וועמען די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן אין איין רויִנירן, מיט דעם בייז־שלעכטן מיין זיי צו פאַראָרעמען און איבערהאַקן דעם רוקנביין, זיי זאָלן ניט בכוח זיין אַרויסצוווייזן אַ ווידער־שטאַנד דער „סאָציאַליסטישער" מלוכה, וואָס דאַרף ווערן דער גרעסטער און רייכסטער קאַפּיטאַליסט אין לאַנד.

די קאָנטררעוואָלוציע האָט גענומען הייבן דעם גיפטיקן שלאַנגנקאָפּ, — די פּויערים פלעגן באַגלייטן די רויטע מיט קללות און חרמות און באַגעגענען די ווייסע מיט בלומען און ברכות. אָבער נאָכדעם ווי די גענעראַלן און אָפּי־צירן, אַליין גוטבאַזיצער און קינדער פון גוטבאַזיצער, האָבן גענומען באַלעבאַ־טעווען אין די איינגענומענע שטיקלעך געגנטן, פלעגן די פּויערים זיך נע־מען ווערן קעגן זיי, אָרגאַניזירן אויפשטאַנדן. צעריסן זייער פראָנט און באַגע־גענען די רויטע מיט בלומען און בענטשעניש.

און אַ רויטע ארמיי איז אויסגעוואַקסן. זי האָט אָרגאַניזירט טראָצקי ניט אַזויפיל פאַרן „ווייסן" שונא, ווי פאַרן אינעווייניקסטן, דעם לינקן רעוואָלוציאָ־נער, דעם אַנאַרכיסט.

די געשיכטע פון בירגערקריג ווייזט קלאָר, אַז אומעטום, ווו די רויטע האָבן געזיגט, איז דער נצחון דערגרייכט געוואָרן אַדאַנק די אָפּטיילונגען פון פּאַרטיזאַנען, פון וואָלונטירן. אָבער די רויטע אַרמיי האָט מען געמוזט האָבן. אויף די פּאַרטיזאַנען האָט זיך די סאָציאַליסטישע מלוכה ניט געקענט פאַרלאָזן.

**
*

וואָס האָט מען געטאָן מיט די פאַבריקן? מען האָט געשאַפן אַ „סאָוונאַרכאָז", „דעם אויבערראַט פון פאָלקסווירטשאַפט", און ער האָט איבערגענומען די גאַנצע אינדוסטריע, און די פאַבריקן, וואָס די אַרבעטער האָבן פאַרכאַפּט, האָט מען צו־גענומען ביי זיי און מען האָט באַשטימט אַהין קאָמיסאַרן, דעם 18טן דעצעמבער, 1917. מען האָט אַראָפּגעדריקט צום נול די ראָלע פון די פאַבריקקאָמיטעטן. מען האָט איבערגעגעבן די פאַבריקן דער מלוכה, וועלכע האָט זיי צענטראַליזירט.

לאַנג האָבן זיך די אַרבעטער געראַנגלט. זיי האָבן אָבער קיין כוח ניט גע־האַט איינצוהאַלטן די פאַרכאַפּטע פאַבריקן. די בענק, די פינאַנסן, זענען געווען אין די הענט פון דער מלוכה. די אייזנבאַנען אין די הענט פון דער רעגירונג. מיט די אייזנבאַנען איז פאַרגעקומען די זעלבע זאַך. די מלוכה האָט זיי צוגענו־מען פון די אַרבעטער נאָך אַ לאַנגן קאַמף, אין וועלכן עס זענען אָנגעווענדט געוואָרן רעפּרעסיווע מיטלען קעגן די ווידערשפּעניקע אַרבעטער. די ביוראָ־קראַטן האָבן סאַבאָטירט דעם צושטעל פון רויע מאַטעריאַלן, דעם צושטעל פון עסנוואַרג. די פאַבריקן האָבן זיך גענומען אָפּשטעלן, די אינדוסטריע — אָפּ־שטאַרבן, די אַרבעטערשאַפט איז צעשפּליטערט געוואָרן. פון די פאַבריקן זענען געבליבן טויטע ווענט. און די אַרבעטער האָבן זיך גענומען צעלויפן. און די פאַבריקן זענען אינגאַנצן אַריבער אין רשות פון דער רעגירונג. לאַנג האָט געדויערט דער קאַמף. נאָך אַרום 1920 פלעגן זיך נאָך לאָזן הערן רעזאָלוציעס

אַרויסגעטראָגן אויף מאָסקווער פֿאַבריקן: מיר דאַרפֿן ניט די קאָמיסאַרן, מיר װעלן אַליין אָרגאַניזירן די אינדוסטריע.

פֿאַר אַזעלכע רעזאָלוציעס פֿלעגט מען אַרעסטירן, צומאַכן די פֿאַבריקן, פֿונאַנדערסאָרטירן די אַרבעטער — און די ענערגיע פֿון אַרבעטערקלאַס איז געפֿאַלן אַלץ נידעריקער און נידעריקער.

דער פּראָנט, קינסטלעך געשאַפֿן פֿון די באָלשעוויקעס, — װעלכע האָבן גאַנץ גוט געװוּסט, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג זיך צו ראַטעווען אי פֿון פּויער אין דאָרף אי פֿון אַרבעטער אין שטאָט, — האָט אָפּגעקאָסט אַן אַ שיער כוחות. דער אַרבעטער איז אויסגעמאַטערט געוואָרן, אויסגעהונגערט געוואָרן, די אַר־בעטערשאַפֿט איז קלענער געוואָרן אין צאָל און האָט אַרויסגעוואַנדערט אין די דערפֿער אַריין און האָט זיך צעשפּרייט און צעזייט איבער גאַנץ רוסלאַנד. און ממילא אַנגעוואָרן איר ווערדע ווי אַ רעוואָלוציאָנערער אָנפֿירנדיקער פֿאַקטאָר. אַזוי אַרום האָבן זיך די באָלשעוויקעס איינגעפֿונדעוועט אויף דעם רוּיִנירטן אַר־בעטערקלאַס און פֿאַראָרעמטן פּויערטום.

די פּראָנטן געשאַפֿן קינסטלעך דורך דעם באָלשעוויסטישן באַהאַנדלען די פּויערים, האָבן לאַנג ניט געקענט אָנצוּען, הגם זיי זענען געשטיצט געוואָרן, נאָר ביז אַ מאָס, פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרייך. עס איז ניט געווען אין רוסלאַנד קיין פּלאַץ, ווו די פּויערים־באַפֿעלקערונג איז באמת געווען פֿיינטלעך צו דער אָק־טאָבער־רעוואָלוציע. און אַפֿילו ווען זיי פֿלעגן זיך צעבונטעווען, פֿלעגן זיי קלאָר און דײַטלעך דערקלערן, אַז זיי זענען פֿאַר אָקטאָבער. זיי זענען מער ניט ווי כנגד דעם, וואָס מען ראַבירט זיי.

מען האָט אָפּגערייניקט אַלע פּראָנטן.

אין קראָנשטאָט האָט אָבער די גאַנצע צייט געטליִעט דאָס אַלטע אַנאַר־כיסטישע פֿייער. די מאַטראָזן זענען ניט געווען צופֿרידן מיט דעם נייעם קאָמי־סאַרן־רעזשים, וואָס האָט גאַנץ אָפֿן געגנומען אַרויסווייזן צייכנס פֿון ענלעכקייט צו דעם פֿאַרשאָלטענעם צאַרישן רעזשים. און עס האָט אויסגעבראָכן אַן אויפֿ־שטאַנד אין מערץ 1921. אונטער דער צייט האָט זיך שוין געגנומען אויסבילדן אַ מיליטערישע קאַסטע. נײַע רויטע אָפֿיצירלעך, צעגויפֿגעמישט מיט די אַלטע „קאַדראָוונע" אָפֿיצירן, נײַע רויטע קאַדעטן. און זיי, די „קורסאַנטן", די נײַע פּריווילעגירטע קאַסטע, האָבן זיך דאָס געשלאָגן קעגן די מאַטראָזן אין קראָנ־שטאָט און האָבן זיי באַזיגט דעם 17טן מערץ 1921. און דאָ, נאָכדעם ווי מען איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער לעצטער פֿעסטונג פֿון לינקן רעוואָלוציאָנעריזם, און נאָכדעם ווי די פּראָנטן זענען ליקווידירט געוואָרן — האָט מען שוין געמעגט אויפֿדעקן דאָס פּנים און ווייזן די ריינע באָלשעוויסטישע צורה. מען האָט שוין מער ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן און מען האָט שוין מער ניט געדאַרפֿט זיך שפּילן מיט די אַרבעטערמאַסן. מען האָט געשאַפֿן די „נײַע עקאָנאָמישע פּאָ־ליטיק", דעם באַרימטן „נעפּ". און די מלוכה, נאָכדעם ווי זי האָט פֿאַרענדיקט דעם פּראָצעס פֿון פֿאַראָרעמען און צערײַבן און צעמאָלן צו שטויב דאָס פּויער־טום און אָפּשוואַכן און צעקרישלען דעם אַרבעטערקלאַס — האָט זיך געגנומען צום האַנדל. איינגעפֿירט צוריק קאַפּיטאַליזם, אָבער ניט דעם פּריוואַטן פּרי־וואַטן, נאָר דעם מלוכהשן. און די סאָוועטרעגירונג, ריכטיקער, די באָלשעוויס־

טישע פּאַרטיי, איז געבליבן די איינציקע באַלעבאָסטע פון אַ לאַנד, וואָס פאַר־נעמט אַרום אַ זעקסטל טייל פון ערדקוגל. און זי הערשט און געוועלטיקט און קיינער קען זיך קעגן איר ניט שטעלן.

זי האָט אוזורפּירט די מאַכט פון די סאָוועטן און איינגעפירט אַ פּאַרטיי־דיקטאַטור, אַ זעלבסטהערשונג פון פּאָליטישן ביוראָ. — זי האָט עקספּראָפּרי־אירט ניט די עקספּראָפּריאַטאָרן, נאָר די אַרבעטער און פּויערים און קליינע בעלי־מלאכות, און זי האָט מאָנאָפּאָליזירט די קולטור, איינפירנדיק די צענזור איבער ביכער, רעפעראַטן, האָט געשמידט אין אייזערנע קייטן דאָס וואָרט סיי פון מויל, סיי פון פּען און סיי פון לערנביכל אין שול. און אויף דעם אַריינכאַפּ פון די מאַטעריעלע רייכטימער, גייסטיקע אוצרות און פּאָליטישער אומבאַגרע־נעצטער מאַכט האָט זי אויפגעבויט איר ממשלה איבער אַ באַפעלקערונג פון הע־כער 140 מיליאָן מענטשן. אָבער מער פון אַלץ האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו עקספּלואַטירן די קוואַלן פון עשירות פון לאַנד. און מען האָט געסוחרט־מוכרט אויף אַן אומגעווייִנלעך ברייטן מאַסשטאַב. און דאָ, נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן אַראָפּגענומען די מאַסקע פון פּנים, ווען די אַרומיקע מלוכות האָבן דער־זען, מיט וועמען זיי האָבן צו־טאָן, אַז זיי האָבן פאַר זיך עקספּלואַטאַטאָרן פון אַ נייעם מין, האָבן זיי גענומען פאַרבינדן מיט זיי מסחרשע און, דערנאָך, דיפּ־לאָמאַטישע באַציִונגען.

דעם 16טן מערץ 1921 האָט ענגלאַנד מיט זיי געשלאָסן אַ מסחר־אָפּמאַך אין לאָנדאָן. אין דערזעלביקער צייט האָט טערקיי מיט זיי אונטערגעשריבן אַ פּאָליטישע פאַרשטענדעניש. דעם 6טן מאַי האָט דייטשלאַנד פאַרביטן מיט אַ נייעם קאָנטראַקט דעם אַלטן ברעסט־ליטאָווסקער. דער פּרעסטיזש פון דער באָל־שעוויסטישער מלוכה איז געוואַקסן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון אָנערקענונגען „דע יורע“. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז כמעט אַלע מלוכות האָבן געשיקט זייערע פאַרשטייער קיין רוסלאַנד און אויפגענומען די סאָוועט־רוסישע געזאַנדטע און קאָנסולן ביי זיך אין די לענדער.

און אַלץ איז געגאַנגען כשורה. אָבער עפּעס ווי אומדערוואַרט — די אינ־טערנאַציאָנאַלע לאַגע האָט זיך אַ בויג־געטאָן צו ערגער. בכלל איז דער מצב, פון אַ צווישן־מלוכהשן שטאַנדפּונקט, ניט גאַנץ גלאַטלעך: אָדער אַ שטאַט, אָדער אַן אינטערנאַציאָנאַל פון פּאַרטייען. ביידע זאַכן פּאַרייניקן איז גאַנץ שווער. און בערנאַרד שאָו האָט נאָך מיט עטלעכע יאָרן צוריק אָנגעוויזן דערויף און האָט אַן עצה געגעבן, מעשה גוטער פריינט, די באָלשעוויקעס, זיי זאָלן פונאַנדער־לאָזן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אויב זיי ווילן זיין אין פריינטלעכע באַציִונ־גען מיט די איבעריקע מלוכות.

ראַדעק האָט אים געענטפערט און האָט פון אים חוזק געמאַכט. ער האָט אָפּגעלאַכט פון דעם גרעסטן „אָפּלאַכער“ פון אונדזער דור — אָבער די זאַך איז אַ סך ערנסטער ווי ראַדעק האָט זיך עס פאַרגעשטעלט.

אַלע ווייסן, אַז דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל איז אַ שפּילגעצייג אָדער אַ װערקצייג אין די הענט פון דער רוסישער אַזויגערופענער סאָוועטישער רע־גירונג. דער אינטערנאַציאָנאַל איז איין מאַסיוו שטיק. עס איז באמת, לויט די סטאַטוטן, איין אייניהייטלעכע פּאַרטיי. אַלע באַפעלן גייען פון מאָסקווע; אַלע באַ־

ריכטן גייען קיין מאָסקווע. קיין מלוכה קען ניט, פֿאַרשטייט זיך, דערלויבן, אַז אַ צווייטע מלוכה זאָל האַלטן ביי איר אַ גרופּע מענטשן, וועלכע קענען פֿאַר־רעכנט ווערן פֿאַר אַגענטן פֿון דער צווייטער מלוכה. און דאָ איז פּונקט אַזוי. ווייל די אָרטיקע סעקציעס פֿון די אַזויגערופֿענע קאָמוניסטן האָבן ניט די מינדסטע זעלבסטשטענדיקייט. ווי מאָסקווע הייסט, אַזוי פֿירט מען זיך.

הייסט מאָסקווע דעמאָנסטרירן, דעמאָנסטרירט מען. הייסט מאָסקווע זיך אָפּהאַלטן — האַלט מען זיך אָפּ. אַלץ ווערט געטאָן לויט די אינסטרוקציעס. סיי דאָס אויפשטיין און סיי דאָס שלאָפֿן גיין. און עס שאַפֿט זיך אַן אומנאָרמאַלע לאַגע. יעדע בורזשואַזע מלוכה האָט אין זיך אַ שטיקל צווייטע מלוכה, אַ מין „סאָוועטישע אַגענטור" ביי זיך, און נאַטירלעכעוויז ווילן זיי עס ניט ליידן.

מען קען ניט רייטן אויף צוויי פֿערד מיט איין מאָל, מעגן די פֿערד אַפֿילו זיין רויטע. אַ רעגירונג קען ניט זיין ביי הייגטיקע צייטן אינטערנאַציאָנאַל. האָט מען אַ מדינה, קען מען דערביי ניט האַלטן אַן אינטערנאַציאָנאַלע צוטשעפּע־ניש. מען קען ניט זיין אויף איין מאָל אי אַ גאַסטפֿריינטלעכער געזאַנדטער (אַמ־באַסאַדאָר), וואָס גיט בעלער און פֿאַרבעט הויכגעשטעלטע געסט און אונטער־האַלט זיי כּיד המלך, מיט גוטן עסן און נאָך בעסערן טרינקען, — און ראַקאָוו־סקיס בעלער און מיטיקן האָבן געהאַט אַ שם אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט, — און אי אַ רויטער רעוואָלוציאָנער, וואָס האַלט אין שרייבן פּראָקלאַמאַציעס און אויפֿרופֿן צו אויפֿשטאַנדן. די צוויי אַמטן שיקן זיך ניט צוזאַמען. די כוואַליעס פֿון אויפֿרעגונג צוליב דער מעשה מיט ראַקאָווסקין האָבן ניט געקענט באַרויקן אַפֿילו די ברונימער נאַפּט, וועלכע די סאָוועטרעגירונג האָט גענומען גיסן אויף דעם אויפֿגערודערטן וואַסער, — די נאַציאָנאַלע, אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פֿון „פֿאַרבאַנד פֿון די סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליקן" שיקט זיך ניט מיט די כּלומרשט אינטערנאַציאָנאַלע אויפֿגאַבן פֿון דריטן אינטערנאַציאָנאַל — אַ קערפּערשאַפֿט, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין קרעמל אויפֿן שויס פֿון דער סאָוועטישער מלוכה. אַן אָרגאַניזאַציע, אַ גולם מיט אַ רויטן שם־המפֿורש אונ־טער דער צונג, אויסגעקנאָטן פֿון לענינען, ווען ער איז שוין געזעסן גאַנץ הויך אויפֿן טראָן פֿון די ראָמאַנאָווס אין 1919. דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל איז אַ דינסטיונג פֿון דער רוסישער באָלשעוויסטישער מלוכה.

„פֿאַרבאַנד פֿון סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליקן" — דעם נאָמען האָט מען אָנגענומען אין דעצעמבער 1922. כ'לעבן אַ גאַנץ שיינער נאָמען. אָבער טראַכט זיך אַריין אין דעם. איר זעט, דאָ פֿעלט די געאָגראַפֿישע באַצייכענונג. אַ פֿאַרבאַנד פֿון רעפּובליקן אין וועלכן לאַנד, אין וועלכן אָרט? דאָס זאָגט מען ניט. די כּוונה איז אַ פּשוטע: מען זאָל קענען צוקייטלען וועלכעס לאַנד עס וועט זיך לאָזן. דייטשלאַנד — איז רעכט דייטשלאַנד, כינע — איז גוט כינע.

מען איז ניט קיין אויסקלייבער. דער פֿאַרבאַנד קען אַראָפּשלינגען וויפֿל לענדער עס וועט זיך איינגעבן און דער בויך וועט ניט פּלאַצן, דער נאָמען קען אַריינגעמען אַלץ און גאָר, אַפֿילו ביזן עק פֿון דער וועלט. דער נאָמען אַליין איז אַ הויכאימפּעריאַליסטיש שפּיצל און מען האָט עס טאַקע געשאַפֿן דעמאָלסט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך איינגערעדט, אַז אָט־אָט פֿאַרנעמען זיי דייטשלאַנד פֿון איין זייט און כינע פֿון דער אַנדערער. דערצו האַלט מען נאָך גרייט

אַ דריטן „אינטערנאַציאָנאַל“, איז דאָך שוין דאָס בילד באמת צו שרייענדיק און צו אויגן־אויפרייסנדיק.

דאָס איז די סיבה פון די רייבונגען, וואָס קומען פאַר דעם לעצטן האַלבן יאָר צווישן סאָוועטרוסלאַנד און ענגלאַנד און איצטער־צו אויך פראַנקרייך. און ווער ווייס צי די „אָנגעשטרענגטקייט“ פון באַציִונגען וועט ניט פאַרכאַפּן נאָך עטלעכע מדינות. דאָס איז אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק.

וואָס טוט זיך אין דער אינעווייניקסטער?

וואָס מער מען ריכט אויף די עקאָנאָמיק, אַלץ קלערער ווערט ביים אַרבעטערקלאַס דאָס באַוווסטזיין, אַז די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט אים באַגזלט. די רעוואָלוציע האָט אים אָפּגעקאָסט אַזויפיל קרבנות, אַזויפיל לעבנס, — און וואָס האָט ער געקראָגן? — גאָרניט! ער איז געבליבן אַ שכירות־קנעכט. פאַר דעם האָט ער געדינט ביים באַלעבאָס, איצטער דינט ער ביים קאָמיסאַר, וואָס האַלט די מלוכה ווי אַ גבאי די שיל. די רעגירונג ווערט אָנגעקוואָלן און אָנגעשוואָלן מיט רייכקייט. אויף וועמענס חשבון? אויפן חשבון פון עקספּלואַטירטן און עקספּראָפּריאירטן אַרבעטער. די פאַבריק האָט פאַרכאַפּט דער אַרבעטער; די מלוכה האָט זי ביי אים צוגענומען פאַר זיך, פאַר דעם נייעם פּריווילעגירטן קלאַס. און די אומצופרידנקייט וואַקסט מיטן אָנוווקס פון רייכקייט, מיטן פאַרגרעסער פון דער אינדוסטריע. דער אַרבעטער זעט איין, וואָס מען האָט ביי אים צוגענומען. ער פאַרשטייט דעם ווערט פון דעם. און דאָס איז דער יסוד, אויף וועלכן עס בויט זיך די אָפּאָזיציע. טראָצקי פאַרשטייט, אַז מען דאַרף שווינדלען, אַז מען קען ניט אָנגיין מיט אַזאַ אָפענער פּאָליטיק, אַז מען דאַרף די זאַך פאַרדעקן, פאַרהוילן פון די אויגן פון דער רוסישער אַרבעטערשאַפט, און ער פאָדערט אַ קליי־גערן פיר, פאַרפיר, אַ טיפערן שפּיל אין „סאָציאַליזם“.

סטאַלין מאַכט די זאַך צו פאַרטאַטשנע, צו האַמעטנע. די רעגירונג ענטפערט אויף דער אומצופרידנקייט און די אָפּאָזיציע־אַרויסטרעטונגען מיט פאַרפאָלגונגען, מיט טעראָר; מען האַלט דאָס לאַנד אין איין קלעם, וואָס דריקט אַלץ שטאַרקער און אומברחמנותדיקער, דריקט און שטיקט סיי די אומצופרידענע ניט־שווייגנדיקע עלעמענטן פון אַרבעטערקלאַס און פּויערטום, און סיי די אייגענע מיטגלידער, וואָס האָבן אַ העזה צו עפענען אַ מויל און קריטיקירן.

דאָס טוט די רעגירונג פון אינעווייניק.

אין אויסערלעכער פּאָליטיק גייט זי אויף אַן אַנדער וועג; זי נעמט צוזאָגן צו צאָלן די קריג־חובות, באָט אָן נאַפט, געגנבעטן ביי גרוזיע, און שמירט די דיפּלאָמאַטישע רעדער, זיי זאָלן וואָס ווייניקער סקריפּען. און פון ביידע זייטן ווערן אונטערגעוואַשן די זיילן, אויף וועלכע די רעגירונג האַלט זיך. וואָס ווייטער אין צייט פון אָקטאָבעררעוואָלוציע, אַלץ ווייטער אין פּראָגראַם פון די אָקטאָבערלאָזונגען.

צען יאָר איז אַריבער זינט די האָרעפּאַשנע מאַסן האָבן, אונטער אַ באַשטימטער פירערשאַפט, געמאַכט די רעוואָלוציע און פון די אָקטאָבעררעוואָלוציאָנערע דעראָבערונגען איז שוין ווי כמעט גאָרניט איבערגעבליבן.

8

צוואַנציק יאָר נאָך דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע
1917 — 1937

„...188 רעקאָרדירטע פּאָליטישע עקזעקוציעס אין דעם סאָ־
יועטנפאַרבאַנד זינט לעצטן זומער״.

(ניו־יאָרק, „טײמס״, יולי 4, 1937).

וואָס קומט איצטער פאָר אין רוסלאַנד, פון וואַנעט עס דערטראָגן זיך קאָש־מאַר־אַפּקלאַנגען פון שיסערייען־הינריכטונגען? וואָס איז דער מער מיט דעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער, ווי סאַטורן, פאַרצערט זיינע אייגענע קינדער, און דווקא די געטרייסטע און אויסגעצייכנטסטע צווישן זיי?

וועגן דער איצטיקער לאַגע אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד קען מען זאָגן דאָס אייגענע, וואָס די רוימער פלעגן זאָגן, וויצלענדיק זיך, וועגן הורדוס הרשעס הויף־אָנגעלעגנהייטן, אַז עס איז בעסער צו זיין אַ חזיר אין קייזערלעכן הויף ווי אַ זון, ווייל די חזירים, צוליב דיעטעטישע פאַרבאָטן, טשעפּעט ער ניט, און די זין ברענגט ער אום. די טשעקאָ, אָדער מיטן שנוי־השם, ג. פּ. או., פאַרפאָלגט מיט אומפּרעצעדענטירטער גרויזאַמקייט דווקא די אייגענע, די קאָמוניסטן, און הויפּט־זעכלעך די „אַלטע באָלשעוויקעס״, די אָנגעזעענסטע פּאַרטייפירער, די טעאָרע־טיקער און הויכגעשטעלטע באַאַמטע. זי רודפט זיי אַ סך מער אַכזריותדיק איי־דער די באמת געווזענע קלאַסן־שונאים. פון וואַנעט נעמט זיך אָט־דער אויס־געשפּראָכענער אומצוטרוי?

אַזאַ דערשיינונג פאָדערט זיכער אַ דערקלערונג.

אָבער כדי די דערקלערונג זאָל האָבן אַ שאַנס צו זיין וויפל עס איז קלאָר, פאָדערט זיך ווייטער, ווי אַ פאָרבאַדינג, אַ בליקוואָרף צוריק אויף דער אַנט־וויקלונג פון באָלשעוויזם אין רוסלאַנד, לכל הפחות פאַר דעם לעצטן יאָרצענדליק.

***

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אָדער פּינקטלעכער: די באָלשעוויסטישע פּראַק־ציע, איז געבוירן געוואָרן אין אַ שפּאַלטונג פון דער אַלרוסישער סאָציאַלדעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי. דאָס הייסט, זי איז לכתחילה אַנטשטאַנען ווי אַן אָפּאָזיציע, און עפּעס ווי אַלס אַ שטראָף, אָדער אַ מין מידה כנגד מידה, ליידט זי כסדר, זינט זי האָט זוכה געווען צו ווערן אַ הערשנדיקע, אַנפירנדיקע פּאָליטישע קערפּער־שאַפט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, פון דער מחלה פון „אָפּאָזיציעס״, וועלכע איז גע־וואָרן אַ כראָנישע קרענק. אָפּאָזיציעס זענען אַ פּערמאַנענטע דערשיינונג אין לעבן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פאַר דעם קוואַל פון אָפּאָזיציאָנאַריזם דינט דער פאַקט, וואָס די סאָוועטיש־רוסישע רעאַליטעט איז אויסגעשפּראָכן אַנטאַגאָניסטיש צו איר אידעאַליטעט. די פּראַקטיק פון דער סאָוועטנרעגירונג געפינט זיך אין שרייענדיקער סתירה צו דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, וועלכע איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די קאָמוניסטישע מאַסנאָנהענגער און וועלכע די מאַסאָווע עלעמענטן, דער פּאַרטיי־המון, האָט גענומען ערנסט און געגלויבט אין דעם ווי אין תורת־משה.

כדי צו קענען קריגן אַ מאַסנבאַוועגונג, כדי זיך צו פאַרזיכערן מיט סימפּאַטיעס מצד די ברייטע שיכטן פון אַרבעטערקלאַס און זיי אַזוי צו באַגייסטערן, אַז זיי זאָלן זיין גרייט צו קעמפן און זיך אויפּברענגען — האָבן די באָלשעוויסטישע וואָרטפירער געשאַפן אַ מאַסנצורוף, דאָס הייסט, זיי האָבן אַרויסגעגעבן פּאָליטישע ווערטלען אויף קאָלאָסאָלע סאָציאַלע סומעס, וועלכע זיי האָבן זיך פאַרפליכטעט צו צאָלן ניט אין דער ווייטער צוקונפט, נאָר טאַקע אין דער קעגנוואַרט אָדער גאָר־נאָענטער צוקונפט. פּשוט גערעדט, זיי האָבן צוגעזאָגט דורכצופירן פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעפאָרמען פון אַ חשובן פאַרנעם סיי אין רעוואָלוציאָנערער ברייט און סיי אין ראַדיקאַלער טיף. אָנצוצייגן בלויז אויף עטלעכע פון זיי: אָפּשאַפן די צעטיילונג אויף קלאַסן, באַזייטיקן עקספּלואַטאַציע, מאַכן אַ סוף צום מיליטאַריזם, צו אַרמייען און מלחמות, איינפירן פולע עקאָנאָמישע גלייכהייט, געבן אמתע, ניט פאַפּירענע, ריין יורידישע, נאָר טאַקע ממשותדיקע סאָציאַלפּאָליטישע פרייהייט, פּראַקטיצירן ברידערלעכקייט סיי פון אינעווייניק, אין די פאַרהעלטענישן, וואָס בין אדם לחברו, און סיי פון דרויסן, אין באַציִונגען, דיפּלאָמאַטישע און אַנדערע, פון פאָלק צו פאָלק.

אָט־די צוזאָגונגען האָבן די באָלשעוויקעס ניט געקענט האַלטן. ניט דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס ס'רוב פון די הבטחות זענען ניט אין זייער רשות און יכולת. זיי קענען זיי ניט דורכזעצן ביי זייער בעסטן ווילן. די פאַרשפּרעכונגען זענען ניט געווען אין איינקלאַנג ניט מיט דער רוסלענדישער און ניט מיט דער אויסלענדישער ווירקלעכקייט, וועלכע איז טויב און האַרט ווי שטיין, און „שפּרעכונגען", אָפּשפּרעכונגען ווי פאַרשפּרעכונגען, האָבן אויף איר אַ קנאַפּע ווירקונג.

למשל, מען האָט צוגעזאָגט און פאַרזיכערט דעם קאָמוניסטישן און ניט־קאָמוניסטישן, נאָר סימפּאַטיש צום קאָמוניזם, עולם־גולם, אַז מען גייט אָפּשאַפן קלאַסן און אויפבויען די געזעלשאַפט לויט דעם מאָדעל פון אַן איינשטאָקיק, איין־פאַמיליען־הויז. אַזעלכע סאָציאַלע בנינים האָבן עקזיסטירט אין גראָען פאַרצייטן פון פרעהיסטאָריע. סיי דער אַלטערטום, סיי דער מיטלאַלטער און סיי די מאָדערנע צייט ווייסן בלויז פון פילשטאָקיקע סאָציאַלע געביידעס. אין אַנדערע ווערטער; זינט די געזעלשאַפטלעכע סטרוקטורן זענען היסטאָריש פאַרצייכנט געוואָרן, זענען זיי אַלעמאָל געווען קלאַסן־צעטיילט, און די קלאַסן האָבן זיך געהאַלטן איינע אויף די אַנדערע, איינע איבער דער אַנדערער.

בכדי תופס צו זיין די גאַנצע גרויס פון דער אומגעלומפּערטקייט פון קלאַסנאָפּשאַף־צוזאָג איז גענוג צו ברענגען די פאָלגנדע פאַרגלייכונג, וועלכע קען דינען אַלס אילוסטראַציע.

ווען עמעצער, אַ רעוואָלוציאָנערער טעאָרעטיקער, וואָלט זיך באַוויזן און צו־זאָגן, מיט אַן ערנסטער מינע און אַ כלומרשט וויסנשאַפטלעכער באַגרינדונג, אַז ער גייט לייזן די פּרויענפּראָגע אויף אַ ראַדיקאַלן שטייגער דורך דעם, וואָס ער וועט אָפּשאַפן די פאַרשידנהייט פון די געשלעכטער און איינפירן אַן איינגע־שלעכטלעך פאַמיליענלעבן, מחמת כל־זמן די פאַמיליע איז צעטיילט אויף צוויי געשלעכטער וועט דאָרטן קיינמאָל קיין שלום־בית, קיין אמתע גלייכהייט, ניט הערשן — וואָלט יעדער בר־דעת אים אָנגעקוקט ווי משוגע. אָבער דער צוזאָג אָפּצושאַפן קלאַסן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן איז בשום־אופן ניט קיין קלענערער אַבסורד. און דאָך נעמט אַן אַ גרויסער טייל פון דער ראַדיקאַלער און אַפילו ניט־אינגאַנצן ראַדיקאַלער וועלט אָט־דעם נסים־ונפלאותדיק צוזאָג פאַר אַן ערנסטער און באַגרינדעטער הבטחה. נאַטירלעך האָט די סאָציאַלעווירקלעכקייט פון דער פּאָסט־רעוואָלוציע־צייט צעקלאַפּט אָט־די אילוזאָרישע דערוואַרטונגען ווי קליי־נע ניסלעך, וועלכע זענען נאָך דערצו גאַנץ היפּש צעווערעמט. און אַן אַנטוישונג מוז פאַרקומען.

דער טייל פון דער הערשנדיקער פאַרטיי, וועלכער ווערט אַריינגעצויגן אין דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פון איבערבוי און אויפבוי, און וועלכער פאַרנעמט דאָרטן דעם אויבנאָן, באַמערקט ניט, ווי ער אַליין ווערט איבערגעבוירן, הן אי־דעאָלאָגיש, הן עקאָנאָמיש־פּאָליטיש. ער ווערט ניט געוואָר פון דעם פאַקט, וואָס ער איז שוין „אויסגעניכטערט" פון „אוטאָפּיסטישן" ווייק, און ער אַליין, ניט נאָר העלפט ער אויפצוריכטן אַ נייעם הערשנדיקן קלאַס, נאָר ער אַליין ווערט טאַקע דער חוט־השדרה פון די אויפגעקומענע אַרבעטער־שררות, פּראָצע־פּרי־צים. אָבער דער צווייטער טייל, וועלכער ווערט ניט אַבזאָרבירט, אַריינגעזאַפּט אין דער קאָנסטרוקטיווער אַקציע און אָװעקגעשטעלט אויף די פירנדיקע פּאָזי־ציעס, יענער טייל פון די כלומרשט פאַרטיילטע, באַוואוהטע, באַמערקט עס יאָ, און נאָך ווי באַמערקט ער עס! ער פילט עס גאַנץ ווייטיקנדיק. ער זעט מיט זיינע אייגענע אויגן, אַז אַ תהום נעמט זיך עפענען און דער תהום צעגעניצט זיך אַלץ ברייטער און ברייטער, און די מחיצה און סאָציאַלער דיסטאַנץ, וועלכע שיידט אים אָפּ פון זיינע געוועזענע — „געוועזענע" עקאָנאָמיש־פּאָליטיש, פאַר־בליבענע אידעאָלאָגיש — חברים, ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער. יענע וואַקסן אַרויף און ער וואַקסט, רעלאַטיוו גענומען, אַראָפּ, אין דער ערד אַריין. זיי ווערן הערשער, און ער בלייבט כמעט דער אייגענער פּאַריער, וואָס ער איז געווען פאַר דעם. און אַן אומצופרידנקייט מוז זיך שאַפן.

קומענדיק צו דעם פּונקט פון דער „איבערגעבורט", קען איך זיך ניט איינהאַלטן און איך מוז איבערגעבן אַ שמועס מיט אַ הויכגעשטעלטן באַאַמטן, וועלכער איז פאַר דעם געווען אַן אונטערערדישער רעוואָלוציאָנער.

אין איינעם פון רובאַשינסקיס, דעם אויטאָמאָביל־מאַגנאַט פון רוסלאַנד, „אָסאָבניאַקעס", ניט ווייט פון די „ניקיטסקי טויערן" אין מאָסקווע, געפינט זיך דער אַלרוסישער מלוכה־פאַרלאַג, „גאָסאיזדאַט", אויף דעם צווייטן שטאָק. איך קום אַריין אונטערהאַנדלען, אָדער משתדל זיין זיך, אַז מען זאָל דערלויבן צו פאַרעפנטלעכן מיינע אַ בראַשור. די זאַך קומט ניט אַן אַזוי לייכט. אַריינגייענדיק

געפֿין איך דעם הויפּט פֿון גאָסאיזדאַט אַן אויפגערעגטן. ער זשעסטיקולירט מיט די הענט מיט גרויס צאָרן. ער איז אויפגעבראַכט. ער ברענט מיט כשרן כעס.

— „ס'טייטש" — רעדט ער אויפן קול צו איינעם פון די צענזאָרן, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט, אין 1919־1920, געהייסן, צוליב לשון־נקיה־מאָטיוון, „רע־צענזענטן" — ס'טייטש, טשיריקאָוו, דער מחבר פון דער דראַמע „די ייִדן", אַ דראַמע, אין וועלכער עס ווערט געשילדערט אַ פּאָגראָם, און אין וועלכער דער מחבר טרעט־אַרויס ווי אַן אמתער אוהב־ישראל און ליבעראַל, זאָל אָנשרייבן אַזאַ דערציילונג! אַ חרפּה און אַ שאַנד! ער שילדערט, ווי זיין העלד, אַ רוסישער אַטעיִסט־רעוואָלוציאָנער, ווערט אין „גלות בערלין" גוט און פֿרום און נעמט צוריקגיין אין דער קירך. ניין, מיר וועלן עס ניט דערלויבן אַריינצוקומען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד! זאָל עס פֿאַרפֿוילט ווערן אין דייטשלאַנד, וווּ עס איז געדרוקט געוואָרן! וואָס איז עס געוואָרן פֿון טשיריקאָוון! ווער וואָלט זיך עס געקענט ריכטן, אַז ער זאָל ווערן אַזאַ אבסקוראַנט".

צוהערנדיק זיך צו די טיראַדעס, האָב איך זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— חבר גאָרדין — ווענדט ער זיך צו מיר — וואָס לאַכט איר?

— ווי זאָל איך ניט לאַכן?! איר, חבר מעשטעריאַקאָוו, זעט דעם שטויבעלע אין יענעמס אויג און דעם באַלקן אין אייער אייגענעם אויג זעט איר ניט! — הויב איך אָן מיטן באַרימטן עוואַנגעלישן און תלמודישן שפּרוך, און רעד ווייטער: — ווען איך וואָלט, למשל, מיט פֿינף יאָר צוריק אייך געהאַט געזאָגט, אַז איר, אַ פֿאַרשיקטער אין סיביר אַקטיווער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געקעמפֿט קעגן צאַר פֿאַר פֿרייהייט פֿון וואָרט און פּרעסע, וועט אַליין נעמען און גאָר ווערן אַ „צענזאָר" — וואָלט איר מיר גלויבן? וואָס האָט מיט אייך פּאַסירט? אויב איר קענט ווערן אַ „צענזאָר", צו ווען איך דאַרף קומען „כלאַפּאָטשען" מכוח אַ דערלויבעניש, מעג טשיריקאָוו ווערן וואָס ער וויל אַליין. און עס איז ניטאָ וואָס זיך צו חידושן און פֿון וואָס צו ווערן מלא־רוגזא.

דער ענטפֿער, וואָס ער האָט מיר געגעבן, איז געווען אין נוסח פֿון „עבדים היינו": לענין זאָגט, אַז מען מוז אַזוי האַנדלען, און אַז דאָס איז אַ טייל פֿון דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט... און אַז דער נייער „יציאת מצרים", די סאָציאַלע רעוואָלוציע, דיקטירט אָט־די פֿאַרזעענישן־תקנות.

— נו, — האָב איך אָפּגעענטפֿערט — וויבאַלד לענין פֿאַרקויפֿט אייך אינדולגענציעס, איז דאָך ניט שייך, איז אַלץ מותר...

„דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט", „לענין האָט באַפֿוילן", „מען קען אַנדערש ניט האַנדלען, אויב מען וויל פֿאַרטיידיקן די רעוואָלוציע!"

איך דערצייל אָט־דעם אומוויכטיקן שמועס, בכדי דער לייענער זאָל תּופֿס־זיין, אַז דער „צוריקצוג פֿון קאָמוניזם" איז געווען אַ האַרבער ענין און עס האָט זיך געפֿאָדערט אַ גרויסער פּוסק אין הלכות טאַקטיק פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַז ער זאָל סאַנקציאָנירן דעם צוריקטריט, און אַ גרויסער מנהיג, ער זאָל פֿירן די אַרמיי צוריק, אָפּגעבנדיק איין אידעאַלע פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. לעניִנס סטראַטעגישע חכמה און אומגעווייִנטלעכע געשיקטקייט אין מאַנעווּרירן האָבן זיך אַנטפּלעקט דווקא אין אָט־די צוריקמאַרשן, אין די „קריצי־

קונגעןײ פון דעם אידעאַל, וועלכע האָבן עס געדאַרפט דינען אַלס במקומס פאַר די „קרייציקונגעןײ פון די טרעגער און פריידיקער פון אידעאַל.

לענין ווערט אָבער קראַנק — און נעמט און שטאַרבט אַוועק. זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פּאַניק אין די פירנדיקע קאָמוניסטישע רייען. אַ גליק נאָך, וואָס זיין טויט איז געווען ניט קיין פּלוצומדיקער. ער האָט געקרענקט אַ היפּשע צייט. און די צייט פון זיין קראַנקייט, ווען ער האָט זיך געמוזט צוריק־ציִען פון אַלע מלוכה־פירונג־אַקטיוויטעטן, האָט געגעבן דעם צענטראַלקאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַ מעגלעכקייט צוצוגרייטן במקומס, און אויך צוגעוווינען די ברייטערע שיכטן סיי פון דער פּאַרטיי און סיי פון פּאָלק צו דעם געדאַנק, אַז עס געפינען זיך פירער, וועלכע זענען ראוי צו ווערן יהושעס און פאַרזעצן די אַרבעט, אָנפירן מיט דעם סאָוועטישן און פּאַרטייאישן אַפּאַראַט, וואָס לענין האָט געשאַפן.

לענין איז געשטאָרבן און די „חרטומים״ האָבן אים באַלזאַמירט, הן קער־פּערלעך און הן גייסטיק, דאָס הייסט, מען האָט גענומען שאַפן אַ לענין־קולט. זיינע פּאָרטרעטן ווערן פאַרשפּרייט איבער אַלע „ווינקלען״ פון גרויסן לאַנד; לעמפּלעך ברענען פאַר זיי; זיי זענען געוואָרן כמעט ווי אמתע איקאָנעס... אויך זיין מוטערס פּאָרטרעט, האַלטנדיק אים אויף די הענט, און ער, נאָך גאָר אַן עופעלע, האָט ניט געפעלט... בקיצור, די „מאַדאָנע״ איז אויך אויסגענוצט גע־וואָרן. אין דעם ענין פון שאַפן די לענין־עבודה־זרה האָט זיך אויסגעצייכנט מער פון אַלעמען לעאָן קאַמעניעוו, וואָס איז געווען דער איניציאַטאָר און שעף פון לענין־אינסטיטוט.

לענין איז געשטאָרבן — און טראָצקין האָט מען באַגראָבן.

כל־זמן לענין האָט געלעבט און געפירט, איז טראָצקי געווען זיין ערשטער אַרויסהעלפער. ער איז געווען כמעט אַזוי וויכטיק ווי לענין אַליין. לענין האָט געטראָגן דעם טיטל ווי אַ „פירער פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט״, אַ טיטל, וואָס האָט קיין מלוכה־סאַנקציע הינטער זיך ניט געהאַט; טראָצקין האָט באַ־שיינט אַ מער באַשיידענער אָבער דערפאַר אַ ממשותדיקער טיטל — דער „פּי־רער״ פון דער רויטער אַרמיי. די דאָזיקע טיטלען פלעגט מען הערן אויסגערופן אויף די אַלרוסישע קאָנגרעסן און זיי פלעגן דערטרונקען ווערן אין שטורעמדיקע כוואַליעס פון הוראַס, אַפּלאָדיסמענטן און אָוואַציעס.

ווי נאָר לענין איז אַראָפּ פון דער בינע, אַזוי האָט טראָצקיס פיגור גענומען קריגן גיגאַנטישע פּראָפּאָרציעס, און דאָס האָט געשראָקן די באָלשעוויסטישע פירערשאַפט פון צווייטן ראַנג. ערשטנס איז ער דאָך געווען ביז צו דער אָקטאָ־בעררעוואָלוציע אַ מענשעוויק; צווייטנס איז ער אַ לוציפער, אַ בעל־גאווה; ער האָט געקוקט אויף לענינס תלמידים פון אויבן אַראָפּ, האָט זיך אויפגעפירט צו־אומאָפּהענגיק. דערצו נאָך איז צוגעקומען דער טרויעריקער צופאַל, וואָס די באָלשעוויסטישע „פּני״ האָבן, מעשה־שטן, אַרויסגעוויזן קעגנערשאַפט צו דער אָקטאָבעראיבערקערעניש. אין אָט־דער גרויסער זינד זענען נכשל־געוואָרן סיי קאַמעניעוו, סיי זינאָוויעוו און סיי סטאַלין. לענין האָט זיי עס מוחל געווען. אָבער זיי זענען ניט זיכער געווען, אַז טראָצקי האָט זייער חטא פאַרגעסן און פאַרגעבן. חוץ דעם איז נאָך טראָצקי געווען דער „אָפּגאָט״ פון דער רויטער אַרמיי. און

דערדאָזיקער פּרט האָט אַנטהאַלטן דעם געפּערלעכן זוימען פון באָנאַפּאַרטיזם.

און אַ טריאָ, קאַמעניעוו, זינאָוויעוו און סטאַלין, האָט זיך פּאַרמירט מיטן צוועק צו באַקעמפן טראָצקין און בשום־אופן ניט דערלאָזן דערצו, אַז ער זאָל פאַרנעמען לענינס פּלאַץ.

די פּאַרייניקונג פון אָט־דעם טריזומוויראַט האָט אויסגעזען צו האָבן אַלע שאַנסן צו ווערן אַ „דבר של קיימא". זינאָוויעוו האָט אָנגעפירט מיטן דריטן אינ־טערנאַציאָנאַל, קאַמעניעוו האָט קאָנטראָלירט דעם סאָוועטנאַפּאַראַט, די מלוכה ממש, און סטאַלין האָט געהאַלטן אין זיינע אייזערנע הענט, הידים ידי עשו, די פּאַרטיי־מאַשינעריע. טראָצקי איז אָן גרויסע שווערקייטן באַזייטיקט געוואָרן פון דער ירושה אין פּירערשאַפט. די דריי צוזאַמענגענומען, דער חוט־המשולש, איז געווען שטאַרקער פון דעם איינעם. נאָך מער, וואָס טראָצקי האָט זיך פּערזענלעך ניט באַטייליקט אין קאַמף. דעם קאַמפּיין פאַר אים האָבן אָנגעפירט זיינע מקור־בים, ווי ראַדעק און אַנדערע פּאַרטיי־ אָדער פּען־גדולים. דער קאַמף איז באמת געווען אַ פּערזענלעכער, ניט קיין פּרינציפּן־ און פּלאַטפאָרמען־שטרייט. און די הויפּט־טענה קעגן טראָצקין איז געווען דאָס, וואָס ער מיט זיין כאַראַקטער שטעלט פאַר אַ רעאַלע סכנה פון ווערן אַ נאַפּאָלעאָן פון אַ רוסישן שניט. דערנאָך זענען ביידע צדדים געווען ווי געצווונגען אויסצוטראַכטן פּאָליטישע חלוקי־דעות, בכדי צו פאַרבאַהאַלטן פון די אויגן פון דער פּאַרטיימאַסע דעם ניט צו שיינעם ספּעקטאַקל פון אַ דייסערייי איבער אַ ירושה.

טראָצקיס כוח בשעת דער רעוואָלוציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז אַן אומגעוויינלעך באַגאַבטער רעדנער און אָרגאַניזירער. אָבער זיין אָרגאַ־ניזירונגסטאַלאַנט האַלט זיך אויך בלויז אויפן כוח־הדיבור. רעדנעריי בעת אַ רעוואָלוציע שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל. ווי מאַטעריאַליסטיש גענזאָנען אַ רעוואָ־לוציאָנערע גרופּע זאָל ניט זיין אין איר פילאָזאָפיע, ווען זי האָט צו טון מיט מענטשן, אין די שווערע טויזנטער און מיליאָנען, און וויל אויסאיבן אויף זיי אַ ווירקונג, מוז זי אָנקומען צום „וואָרט". און בנוגע מענטשן־לייטונג, אומ־שיכטונג, חרוב מאַכן סאָציאַלע וועלטן און אויפבויען נייע, איז ריכטיק דער שפּרוך, אַז „אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט". אָבער דאָס איז אַלץ גערעדט, ווען מען דאַרף איבערציינן, באַגייסטערן, באַוועגן די נשמה, דעם פרייען ווילן פון די מענטשן. אָבער מיט דער איינפירונג און פאַרפעסטיקונג פון אַ דיקטאַ־טור ווערט אָט־די באַדערפעניש, דאָס אָנקומען צום וואָרט, אַלץ שוואַכער און שוואַכער און, צום סוף, כמעט ווי איבעריק. אַ דיקטאַטור באַהאַנדלט מענטשן ניט פּסיכאָלאָגיש נאָר פיזיאָלאָגיש, מעכאַניש, מען איבערצייגט ניט, נאָר מען הייסט, מען באַפעלט און מען סטראַשעט מיט שטראָפן. דיקטאַטור צווינגט — פּלאַפּלט ניט מיט דער צונג. מיט דעם אויסראַם פון די לעצטע איבערלעבענישן פון רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, — די געלעגנהייטן, ביי וועלכע די גע־פּליגלטע פראַזע און דאָס באַגייסטערנדיקע וואָרט שפּילן אַ ווירטיקע ראָלע — האָט טראָצקיס ווירקונג און נוצלעכקייט געמוזט נאַטירלעכערוויז געמינערט ווערן. און טראָצקי האָט זיך אַביסל צו־שפּעט געכאַפּט, אַז ער האָט אַליין, בידים, אונ־טערגעזעגט דעם סענק, אויף וועלכן זיין פּרעסטיזש האָט זיך געהאַלטן. און ער איז אַרויסגעקומען מיט דער פאָדערונג פון פּאַרטיידעמאָקראַטיע. עס איז געווען

גרינג צו באַווייזן, אַז ער פֿאָדערט עפּעס אומעגלעכס, „בורזשואַזס״, ווייל ווי אַזוי קען מען גאָר משער זיין, אַז עס זאָל עקזיסטירן אַ פּאַרטיידעמאָקראַטישער אָאַזיס אין מיטן אַ דיקטאַטור־מדבר! דער אמת איז, אַז צום אָנהייב איז טראָצקיס אָפּאָזיציע געווען כמעט איגנאַנצן אָן וועלכער עס איז פּאָזיציע. און אָט־דאָס שלאָגוואָרטל האָט טאַקע געשאַפֿן קאַמעניעוו. טראָצקי איז דורכגעפֿאַלן. געזיגט האָבן די „אַלירטע״, די פֿאַרבונדענע דריי פּירער.

דער טריומוויראַט האָט זיך אָבער לאַנג ניט געקענט האַלטן. די ראָלן און פּאָסטנס זענען געווען איינגעטיילט, אָבער די כאַראַקטערן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן. קאַמעניעוו און זינאָוויעוו האָבן, מעגלעך, געקענט לאַנג גיין אין געשפּאַן צוזאַמען. אָבער סטאַלין, ווי אַ טיפּ און כאַראַקטער, האָט ניט געקענט מיטאַרבעטן מיט זיי. אויסער דעם וואָס קאַמעניעוו און זינאָוויעוו זענען ייִדן און סטאַלין — אַ גרוזין, איז דאָ פֿאַראַן נאָך אַן אומשטאַנד, וואָס האָט זיי געבראַכט צו אַ שיידונג.

אַלע הויפּטפּירער פֿון דער אָקטאָבעררעוואָלוציע זענען געווען „אינטעליגענטן״, וואָס האָבן זיך אידענטיפֿיצירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, וואָס איז באַשטאַנען אין אָנפֿירן מיט די אָנגריפֿן פֿון די מאַסן. רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, וועלכע מיינט, לויט דעם רוסישן און אויך אַלגעמיינעם נוסח, פּירן, דירעקטירן אויף אַ באַזונדערן אופֿן, אַ בירגערקריג, פֿאָדערט „ציווילע מיליטאַריסטן״, אָדער ווי זיי רופֿן זיך „מיליטאַנטן״. די רוסישע רעוואָלוציע איז פֿאַרטיידיקט געוואָרן מיט געווער, מיט וואָפֿן. די קעגנער פֿון דער רעוואָלוציע זענען געבראָכן געוואָרן, באַזיגט געוואָרן ניט מיטן שם־המפֿורש, נאָר מיט קאַנאָנען, ביקסן, באַיאָנעטן. און ווי אַזוי האָבן עס „אינטעליגענטן״, שרייבער, רעדנער, טעאָרעטיקער, וועלכע האָבן קיין שום אָדער אַ קנאַפּע שייכות געהאַט צו מיליטאַריסטישע באַרופֿן, געקענט באַווייזן אָט־דעם וווּנדער צו באַזיגן, אין אָפֿענעם באַוואָפֿנטן שטרייט זייערע קעגנער, וואָס זענען געווען מער באַהאַוונטע אין הלכות מלחמה? דער ענטפֿער איז אַ פּשוטער: דאָ ווי אומעטום איז פֿאָרגעקומען אַ צעטיילונג פֿון דער אַרבעט. די „רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ״ האָט „אָרגאַניזירט״ — דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון מינדלעכן און שריפֿטלעכן וואָרט — די רעוואָלוציע. אין אַנדערע ווערטער: זיי האָבן ניט גענומען קיין דירעקטן אָנטייל אין דער רעוואָלוציע, נאָר אַן אומדירעקטן, דאָס הייסט, זיי האָבן דירעקטירט די רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונג, זיי זענען געווען די דירעקטאָרן פֿון איבערקערפּראָצעס. אַזוי אַרום האָט זיך געמוזט פֿאָרמירן אַ מין רעוואָלוציאָנערע אַריסטאָקראַטיע און אַ רעוואָלוציאָנערע מאַסע, אַ פּירערשאַפֿט און אַ המון. סטאַלין איז אָבער איינער — ניט דער איינציקער — פֿון די אויסנאַמען אין דעם רעוואָלוציאָנערן געזינדל, וועלכער האָט ניט נאָר געפֿירט, נאָר אַליין געגאַנגען, ניט נאָר גערעדט און געשריבן, נאָר אַליין זיך באַטייליקט דירעקט און אוממיטלבאַר אין רעוואָלוציאָנערע אַקציעס, ווי די עקספּראָפּריאַציע, דער באַוואָפֿנטער איבערפֿאַל אויף דער קאַסע פֿון רעגימענט, וואָס זענען ניט אָרגאַנידירט געוואָרן פֿון סטאַלינען, נאָר דורכגעפֿירט געוואָרן פֿון אים. לכן, געהערט סטאַלין צו אַן אַנדער טיפּ רעוואָלוציאָנערע טוער. ער באַלאַנגט ניט צו דער קאַטעגאָריע, צו וועלכער לענין, טראָצקי, קאַמעניעוו, זינאָוויעוו און

ענלעכע פּערזאָנען האָבן געהערט. וועגן די לעצטע קען מען זאָגן, אַז אַזוי ווי זיי האָבן בלויז דירעקטירט די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, האָבן זיי באמת בלויז עקספּלואַטירט די רעוואָלוציאָנערע סיטואַציעס און די פּשוטע אַרבעטער־רעוואָ־לוציאָנערן, קען מען זאָגן, אויב מען וואולגאַריזירט די טעאָריע מכוח עקספּלואַ־טאַציע און מען דערקלערט יעדע דירעקטירונג, יעדע אָנפירערשאַפט ווי אַ פאַרמאַסקירטע פאָרמע פון אויסבייטונג. דער לייענער פון די שורות דאַרף האַלטן די גאַנצע צייט אין געדאַנק, אַז מיר האָבן דאָך דאָ צו טאָן מיט רוסלאַנד, ווו אַ גאַנצע, כמעט באַאַרבעטע, אידעאָלאָגיע פון קעגנערשאַפט צו דער אינטע־ליגענץ איז געשאַפן געוואָרן פון מאַכאַיסקין און נאָכגעמאַכט געוואָרן פון לאַ־זינסקין. אַ גאַנצע היפּשע באַוועגונג האָט עקזיסטירט, וועלכע האָט געהייסן „מאַכאַיעווטשינאַ״. אמת, די אַנטיאינטעליגענץ־מגפה האָט געבושעוועט הויפּט־זעכלעך אין די אַנאַרכיסטישע קרייזן, אָבער קיינער איז אין רוסלאַנד פון אָט־דער אָנשטעקנדיקער קראַנקייט ניט פריי געווען אינגאַנצן. אַפילו די רעאַקציאָ־נערע עלעמענטן, מיט זייער שוואַרצער מאה, האָבן אויסגענוצט די טעזיס מכוח דעם אנטאגאניזם, וואָס הערשט צווישן תלמיד־חכם און עם־הארץ, — און אַנ־טאגאניזם, וואָס איז זייער שאַרף אויסגעדריקט אין תלמודישע שפּרוכן — און האָבן געהעצט די פּשוטע אַרבעטער קעגן די סטודענטן, קעגן אינטעליגענטן און מענטשן פון די „פרייע פּראָפעסיעס״. דער רעוואָלוציאָנער־איגנאָראַמוס קוקט מיט קנאה און שנאה אויף דעם געלערנטן רעוואָלוציאָנער, דעם „טעאָרעטיקער״, וועמען ער באַטראַכט ווי אַ ליידיקגייער, אַ פּוסט־און־פּאַסניק, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּילפּולים, שיינשרייבעריי און קלוגריידעריי. און סטאַלינס ניט־אינטעלי־גענץ לגבי טראָצקין, קאַמענעוון און די איבעריקע איז אים בייגעשטאַנען אין זיין קאַמף קעגן זיי און האָט אים באַדייטנדיק גרינגער געמאַכט דאָס געווינען די סימפּאַטיעס פון די פּאַרטיימאַסן. ווייטער: סטאַלין, ווי דער גענעראַלסעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, האָט געהאַלטן אַלע פעדים פון דער „קאָמוניסטישער קירך״ אין זיינע מעכטיקע הענט און דורך זיין באַשטעטיקונג זענען דורכגעגאַנגען אַלע באַשטימונגען פון אַלע לאָקאַלע פּאַרטייסעקרעטאַרן. אין רוסלאַנד הערשט די העגעמאָניע פון דער „קירך״, ניט פון שטאַט, ד״ה, פון דער פּאַרטיי, און ניט פון די סאָוועטן. דעריבער האָט זיך נאָך אַ קורצער צייט אַרויסגעשטעלט, אַז סטאַלין איז דער הויפּטפירער און קאַמעניעוו איז בלויז אַ צוהעלפער, ווען ער איז איינשטימיק, און אַ שטערער, ווען ער איז ניט איינשטימיק מיטן אדון־הגדול, מיט סטאַלינען.

נאָך אַן אומשטאַנד דאַרף אָנגעוויזן ווערן.

לענין האָט פון לאַנג־אָן געהאַט געוואָרפן אַן אומחן אויף סטאַלינען. אינ־גאַנצן אָבער באַזייטיקן אים פון פירערשאַפט האָט ער ניט געוואָלט און ניט געקענט. און בשעת מען האָט פונאַנדערגעטיילט די פּאָרטפעלן אין מיניסטער־יום, וואָס האָט געהייסן „סאָוונאַרקאָם״, דער ראַט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן, האָט מען סטאַלינען פאַררוקט אין נארקאָם־נאַץ, דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר די אָנגעלעגנהייטן פון די נאַציעס, אַ דעפּאַרטאַמענט, מיט וועלכן מ׳האָט זיך אינגאַנצן ניט גערעכנט בשעת דער ערשטער סטאַדיע פון דער רעוואָלוציע־פונאַנדערוויק־לונג. דעם דעפּאַרטאַמענט איז אָבער באַשערט געווען צו נעמען שפּילן, וואָס

וייטער אַלץ מער און מער, אַ וויכטיקע ראָלע אין די שיקזאַלן פון סאָוועטרוסלענדישן שטאַט. דער אינטערנאַציאָנאַליזם, באַטייטנדיק אינטערשטאַטיזם, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט די פאַרהעלטענישן פון דער רוסישער אימפּעריע מיט אַנדערע מלוכות, איז געווען געצוווּנגען זיך אַריינצופּרעסן אין דעם ענגן לאַנג־אויסגעגראָבענעם קאַנאַל פון פאַלשער דיפּלאָמאַטיע, בשעת דער אינטערנאַציאָנאַליזם, מיינענדיק די צווישן־שייכותן פון די פעלקערשאַפטן, וואָס עס האָבן זיך געפונען אין די גרענעצן פון דער גרויסער מלוכה, וואָס הייסט סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט זיך דווקא אַנטוויקלט און האָט גענומען פאָדערן אַ מער ערנסטע באַציִונג צו זיך, און עס איז פאַרמולירט געוואָרן אַ נייע קאָנסטיטוציע געבויט אויף פעדעראַטיווע יסודות, אָנערקענענדיק דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט פון די פעלקער, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם סך־הכל פון דער באַפעלקערונג, איבער וועלכער די ראַטנמאַכט איבט אויס איר יוריסדיקציע. די ערשטע קאָנסטיטוציע איז געווען צו צענטראַליסטיש. אַזוי אַרום איז עפּעס ווי פון דער השגחה עליונה אַליין באַשטימט געוואָרן, אַז דער שטיין־דעפּאַרטאַמענט, וואָס די גרויסע בויער ווי לענין האָט פאַראַכט, איז געוואָרן דער ווינקלשטיין פון דעם גאַנצן סאָוועטןבנין, און דער לייגער פון אָט־דעם שטיין, סטאַלין, איז אויסגעוואַקסן צו זיין פולער הויך ווי אַן ערשטראַנגיקער מלוכה־מאַן.

נאָך אַ געוויסער צייט פון מיטאַרבעטן איז דער יד־אַחת פון דעם טריאָ פונאַנדערגעפאַלן. קאַמעניעוו און זינאָוויעוו זענען באַזייטיקט געוואָרן און סטאַלין איז געבליבן דער אַליינפירער פון דעם ראַטנלאַנד. בכדי אַ מענטש פון זיין קאַליבער — אַ סך קלענער פון די פאַרטייריזן ווי טראָצקי און קאַמעניעוו — זאָל זיך קענען האַלטן און געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון דער פילקעפּיקער, אָבער ווייניק־שכלדיקער, פאַרטיי־מיטגלידערשאַפט אויף אַ פּאָזיטיוון שטייגער — חוץ דעם, וואָס מיט זיין לפי־ערך נידעריקער אינטעליגענץ האָט ער זיי אימפּאָנירט, אָבער דאָס בלויז אויף אַ נעגאַטיוון אופן — האָט ער באַדאַרפט ווייזן, אַז ער איז אַ בעל־פּעולה און ניט אַ „פּוילענצער"־אינטעליגענט, וואָס רעדט און בלייבט ביים ריידן. ער האָט באַגזלט טראָצקין. ער האָט צוגענומען ביי אים זיין אַגראַר־פּראָגראַם און האָט זי אויסגעברייטערט און פאַרטיפט. ער האָט זיך אַ נעם־געטאָן פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע. ער האָט געמאַכט אַ סוף צום „קולאַק", די ליקווידירונג פון וועלכן עס איז געווען טראָצקיס טייערסטער טרוים. ער האָט פּראָלעטאַריזירט די אומאָפּהענגיקע ערדאַרבעטער. דאָס האָט אָפּגעקאָסט אַן אַ שיעור כוחות סיי אין מענטשלעכע לעבנס און סיי אין מאַטעריעלע גיטער. אָבער סטאַלין האָט עס דורכגעזעצט „ביד חזקה". די פּויערים האָבן זיך געבונטעוועט — האָט מען פאַרשיקט, אויסגעוואָרצלט, פאַרוואָגלט אין די מיליאָנען. און דער קרעמלישער געזעץ האָט דורכגעלעכערט דעם פּויערישן באַרג. דער קלאַס פון אומאָפּהענגיקע פּראָדוצענטן, די פאַרעקשנטע קלייןבירגער מיט זייערע קליינינטשקע השגות מכוח פּריוואַטאייגנטום איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דעם פּנים פון דער סאָוועטיש־עקאָנאָמישער ערד. אָט־אַזוי איז באַזיגט געוואָרן דער „אינעווייניקסטער שונא" פון דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און אידעאָלאָגישן טאָטאַליטאַר־שטאַט.

די גאַנצע צייט פון דער קאָלעקטיוויזאַציע־פּלאַן־דורכפירונג איז סטאַלין

געגאַנגען אויף לינקס. און אין אַט־דער ריכטונג, להיפּוך צו דער אַנגענומענער באַלעבאַטישער השגה, איז, לפי־ערך, גרינג צו פירן די ברייטע שיכטן.

אָבער חוץ אינעווייניקסטע ענינים פאַרמאָגט דאָך אַ מלוכה אויך אויסערלע־כע אָנגעלעגנהייטן. און בשעת סטאַלין איז געגאַנגען לינקס אין לאַנד, איז ער געווען געצוואונגען צו גיין רעכטס אויסערן לאַנד, אין אינטער־מלוכה־פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע. אין אינעווייניקסטע עקאָנאָמישע ענינים איז ער געווען לינקער פון לענינען, — ער האָט אָפּגעשאַפט לעניס „נעפּ", הגם לענין האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט איינגעפירט „די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק" אויף לאַנג און מיט אַן ערנסטן מיין. אָבער אין אויסערלעכע ענינים האָט ער אַליין איינגעפירט אַ „נעפּ". ער האָט כמעט ליקווידירט די אינטערנאַציאָנאַלע פּרעטענזיעס פון באָל־שעוויזם. ליטווינאָוו האָט פאַרנומען די שטעלע פון טשיטשערינען און מיט דעם בייט פון פערזאָנען זענען געביטן געוואָרן די מעטאָדן און צוועקן. אַלע רעוואָלו־ציאָנערע טראַדיציעס האָט מען פאַרבויגן. רוסלאַנד איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פעלקערליגע, וואָס לענין האָט געהאַלטן פאַר אַ געפערלעך־רעאַקציאָנערן אַנשטאַלט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן, בכדי צו טאַמעווען די רעוואָלוציאָנערע כוחות און אויפברויזונגען פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

זינאָוויעווס באַזייטיקונג האָט באַטייט, אַז די רעוואָלוציאָנערע שכינה האָט זיך אָפּגעטאָן פון דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, פּנה זיוו, פּנה הודו. אויסער דעם איז עס פּשוט אוממעגלעך געווען צו טאַנצן אויף צוויי אַזעלכע פאַרשיידענע חתונות: אי זיך חברן מיט די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, אי אָנפירן, און נעמען עס ערנסט, מיט דער צוגרייטונג פון אויפשטאַנדן אין זייערע לענדער. און די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב האָט מען פאַר־קלענערט. ווי אַן אויסרייד און טעאָרעטישע באַגרינדונגען, אָדער ריכטיקער: כשר־מאַכונג פון אַזעלכע „טריפהנע" שריט, האָט געדינט דער אויפטו פון פּי־דער סטאַלין, וועלכער האָט געפּסקנט, איבערפּסקנענדיק אַלע איבעריקע פאַר־דעמדיקע פּוסקים, אַז סאָציאַליזם קען איינגעפירט ווערן אין איין לאַנד. און די וועלטרעוואָלוציע, וועלכע איז דערוואַרט געוואָרן פון יעדן גלויביקן קאָמוניסט מיט לענינען בראש, איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַן אומבאַשטימטן „שפּעטער". אמת, דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ פאַרשטשעמעטן האַרצן און פאַרסקריטשטע ציין נאָך אַ ריי דורכפאַלן און אַבאָרטיווע פאַרזוכן מקרב צו זיין דעם קץ פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אַ כמעט אַנטשיידענעם אופן.

אָפּוואַרפן אַזאַ פּונקט ווי די וועלטרעוואָלוציע — פון וועלכער דער פולער דערפאָלג פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז געווען פאַררעכנט צו זיין אָפּהענ־גיק — איז ניט קיין קלייניקייט. דאָס האָט געמוזט האָבן סורפּריז־אַרויסרופנדי־קע קאָנסעקווענצן. די לערע און די דערוואַרטונג פון דער באַלדיקער וועלט־רעוואָלוציע, די פייערן פון וועלכער לענין האָט געהאַלטן אין איין פונאַנדער־בלאָזן און ניט דערלאָזן, אַז אַש פון אָפּקילונג זאָל עס חס־ושלום צודעקן — האָט אויסגעפּילט אַ צוגאָב־פונקציע, וואָס איז אייגנטלעך געווען פאַרהוילן פון דעם ניט־גענוג באַהאַוונטן באָאָבאַכטער און טוער אין אַט־די ענינים.

אַט־די טעאָריע פון אַ וועלטרעוואָלוציע האָט געדינט — אומבאַמערקטער־

הייט און דעריבער טאַקע איז דער עפעקט געווען שטאַרקער — ווי דער בעסטער אויסרייד פאַר אַ צוריקטריט אָדער אַ פאַרהאַלטן זיך אין אויספירן די צוגעזאָגטע פונקטן פון דער קאָמוניסטישער פראָגראַם. לעגין פלעגט זיך פאַרענטפערן אַלע מאָל מיט דעם, וואָס דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט קומט ניט צו הילף, אָן אַט־דער הילף איז אוממעגלעך מקיים צו זיין אַלע הבטחות. און לענין האָט געעצהט זיך צו באַגנוגענען דערווייל מיט דעם מינימום־פּראָגראַם, איבערלאָזנ־דיק דעם מאַקסימום לימות־המשיח, ווען די וועלטרעוואָלוציע וועט אויסברעכן. אויף דער אַפּאָלאָגיע־ראָלע פון דער טעזיס מכוח דער וועלטרעוואָלוציע האָב איך נאָך אָנגעוויזן אין 1917 אין אַ דעבאַטע מיט בוכאַרינען, בשעת דער צווייטער קאָנפערענץ פון אַלע פאַבריקקאָמיטעטן פון די אַרבעטער אין זאַמאָסקוואָרעטשיע, ס׳רוב רעוואָלוציאָנערע טעאָריעס זענען אַזוי קאָנסטרויִרט, אַז זיי זאָלן קאָנען אויסגענוצט ווערן ניט נאָר אין זייער נגלה־פּשט, נאָר אויך אין זייער נסתר־אויסטייטש. אַ צווייאיקייט ליגט אין זיי.

מיט דעם, וואָס סטאַלין האָט אָפּגעפּאַסקנט, אַז סאָציאַליזם קען ווערן רעאַליזירט אין איין לאַנד — האָט ער זיך קיין גוטס ניט געטון. אמת, ער האָט אָפּגעשאַפט פּריוואַטאייגנטום, דורכגעפירט די קאָלעקטיוויזאַציע פון דער ערד־ווירטשאַפט. אָבער דאָס אַליין, די עטאַבלירונג פון מלוכה־אייגנטום, שאַפט נאָך ניט קיין סאָציאַליזם. די קלאַסנפראַגע שטייט דאָך און מאָנט אַ פאַרענטפער. און אויב די מניעה מצד דעם וועלטפּראָלעטאַריאַט און וועלט־רעוואָלוציע, — אַ ענין, וועלכער געפינט זיך מחוץ דעם רשות פון די רוסישע באָלשעוויקעס, — ווערט באַזייטיקט טעאָרעטיש, דערקלערנדיק עס אַלס עפּעס איבעריקס, ניט אומבאַדינגט נויטווענדיקס פאַר דעם דערפאָלג פון סאָציאַליזם, — בלייבט דאָך די האַרבע קשיא: פאַרוואָס פאַרווירקלעכט מען ניט דעם צוזאָגאידעאַל? פאַרוואָס שאַפט מען ניט אָפּ די קלאַסן און די עקאָנאָמישע אומגלייכהייטן, וועלכע עקזיסטירן און ווערן וואָס ווייטער אַלץ אינטענסיווער, פאַרוואָס? וואָס איז מעכב דורכצופירן עס אין אייגענעם לאַנד?!

אויף לינקס קען סטאַלין מער ניט גיין. עס איז ניטאָ וווהין; עס איז ניטאָ בנמצא מער קיין קלאַס, וועלכן מען וואָלט קענען עקספּראָפּריאירן, ראַבירן. סיידן סטאַלין וואָלט זיך אַ נעם טאָן צו זיינע אייגענע מענטשן, די קאָמיסאַרן, און זיי פאַרזוכן צו ניוועלירן. דאָס וועט ער ניט טאָן. ער קען זיין אייגענעם קלאַס, דעם קלאַס פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן, ניט באַקעמפן. אויף לינקס אין אויסערער פּאָליטיק קען ער ניט גיין, אָדער ריכטיקער: ער האָט מורא צו גיין, ווי מען זעט עס קלאָר אין זיין האַנדלונג אין שפּאַניע. טאָפּטשען זיך אויף איין אָרט איז בכלל אוממעגלעך אין אַ לאַנד, וואָס האָט נאָר־וואָס דורכגעמאַכט אַ טיפגייענדיקע רעוואָלוציע. און די אַפּעטיטן זענען צערייצט, די נערוון צעשרויפט, די געמיטער צערודערט, די ווילנס, ווי בויגנס, אָנגעצויגן, ענערגיעס אויפגעיוירט. אָבער אויך אויף רעכטס קען ער ניט גיין. ער פאַרמאָגט ניט לענינס אויטאָריטעט און פּערזענלעכן מאַגנעטיזם, אויך ניט דעם לעצטנס טעאָרעטישן באַגאַזש און געשיקטקייט אין מאַניפּולירן מיט דעם דיאַלעקטישן מעטאָד.

נאָך אַן אומשטאַנד אַגראַווירט די סיטואַציע. די ליקווידאַציע פון פּויער־

טום ווי אַ זעלבסטשטענדיקן עקאָנאָמישן פֿאַקטאָר אין לאַנד אַנטהאַלט ניט נאָר פּאָזיטיווע, נאָר אויך נעגאַטיווע עלעמענטן פֿאַר סטאַלינען און דעם קאָמיסאַרן־קלאַס, וועלכן ער פֿירט און אין שפּיץ פֿון וועלכן ער שטייט. ביי יעדער געלעגנהייט האָט קאַמעניעוו, ווי אַ מומחה אַ שטאַטסמאַן, ניט פֿאַרפֿעלט, — און מיט דעם פֿלעגט ער אַלע מאָל באַרויִקן די אומרויִקע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי און אַרבעטערקלאַס — אָנצוצייגן, אַז באמת איז בלויז דאָ אַ פּאַרהעלטנישמעסיק הייפֿעלע אינדוסטריעלע אַרבעטער, וואָס ווערט בטל בששים אין דער גרויסער גרויער אינערטישער און פֿיינטלעכער מאַסע פּויערים, און דעריבער קען די דיקטאַטור פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט ניט גיין צו ווייט. „די פּויערים! די פּויערים!“ — דאָס איז געווען קאַמעניעווס שטענדיקער תּירוץ, ווען ער האָט געפֿירט דאָס לאַנד בשעת לענינס קראַנקייט. ער האָט מיט גרויס כּיטרער חכמה געשפּילט מיט די צוויי עקן, דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום, אַנטקעגן דעם מיטן, דעם קלאַס פֿון קאָמיסאַרן, וואָס האָט עס געהאַט אַלס זיין פֿונקציע צו באַלאַנסירן די עקאָנאָמישע שיף און זי היטן פֿון ביידע פֿיינטלעכע עלעמענטן. אַ מלוכה, בכדי זי זאָל זיך קענען האַלטן, דאַרף האָבן צדדים שונאים, וואָס פֿאָדערן אַ קאַנסיליאַציע, אַ שלום־מאַכונג. אויף די טענות פֿון די פּויערים פֿלעגט מען ענטפֿערן מיט די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער אין די אינדוסטריעלע צענטערן, און אויף די טענות און מענות פֿון די אומצופֿרידענע אַרבעטער האָט מען געענטפֿערט מיט דער בייזוויליקייט פֿון דעם מוזשיק אין די לאַפּטשעס, וואָס וויל פֿון סאָציאַליזם און קאָמוניזם גאָרניט וויסן. אַזוי אַרום, אינמיטן צווישן די צוויי קלאַסן, איז זיך געוואַקסן און געדייט אַ דריטער קלאַס און האָט אָנגעוויזן אויף זיין פֿאַרמיטלונגסראָלע ווי אויף זיין זכות־הקיום. מיט דער איינהייטלעכקייט פֿון דער קלאַסנפֿאָרמאַציע אין סאָוועטרוסלאַנד ווערט אַלץ בולטער דער סקעלעט פֿון אַ נייעם אויפֿקומענדיקן קלאַס, וואָס דאַרף, לויט דער מאַרקסיסטישער, קאָמוניסטישער, לעניניסטישער טעאָריע, באַטראַכט ווערן ווי אַ פּאַראַזיטיש געוויקס, און דאָס רייסט אויף די אויגן פֿון דעם מאַסעמענטש אין דער פּאַרטיי אָדער נאָענט צו דער פּאַרטיי און די צאָל פֿון די, וואָס טראַכטן אָדער שעפּטשען וועגן דעם, אַז סטאַלין און די נייע פֿירערשאַפֿט האָט פֿאַרראַטן די רעוואָלוציע, וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג. סטאַלין האָט פֿאַרמאָגט גענוג כּוח צו פֿירן פֿאָרויס, אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזן, אַז ער פֿאַרמאָגט גענוג כּוח צו דעטערמינאַציע, און איבערהויפּט פֿאַרשטאַנד, צו פֿירן אויף צוריק.

נאַטירלעך ווערן די ערשטע כּפּרה־הינדלעך די פּערזאָנען, וואָס זענען געווען פֿירער און מיטהעלפֿער פֿון לענינען, און די „אַלטע באָלשעוויקעס“, וועלכע געדענקען גוט די לאָזונגען, וואָס מען האָט געוואָרפֿן אין די מאַסן בשעת דער רעוואָלוציע, און וועלכע, מען קען דערוואַרטן, קענען זיך שטעלן אין שפּיץ פֿון דער אומצופֿרידענער אַנטוישטער פּאַרטיימאַסע. מיט דעם דערקלערט זיך דאָס אויסשיסן און אַרעסטירן די פֿאַרדעמדיקע „פּרנסי־הקהל“, ווי קאַמעניעוו, זינאָוויעוו, ריקאָוו, בוכאַרין און נאָך און נאָך.

ווען לענין האָט גערופֿן צו אַ „השיבנו נאַזאַד“ אויף דעם עקאָנאָמישן געביט, האָט ער זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט די „אַלטע באָלשעוויקעס“, און ער האָט געזאָגט: „אַן אַלטער באָלשעוויק איז אַן אַלטער נאַר“. פֿאַר לענינען איז

געוועז געגוג געגוג צו זאָגן און רופן נאַר, און די חברה האָבן צײַט־געוועז, זיי האָבן געמוזט פּאָלגן און בויגן זיך פאַר זייער רבין. אַנדערש איז די לאַגע מיט סטאַ־לינען. ער מוז זיי רופן „משוגענע הינט״ און זיי שיסן ווי משוגענע הינט...

איצטער, ווען די פּאַרטיי ווערט דיסאָרגאַניזירט און פּאָליטיש דעמאָראַלי־זירט, שווימט פון זיך אַליין אַרויף דער געדאַנק מכּוח דער דיקטאַטור פון דער אַרמיי, די איינציקע גוט־דיסציפּלינירטע, שטײַף־אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט. און אַלע מיטלען ווערן אָנגענומען פון סטאַלינען צו באַזײַטיקן די געפערלעכע קאָנקורענטן. די אַרמיי ווערט, אָנשטאָט אַ פאַרזיכערונג, אַ סכנה פאַר דעם סטאַ־לין־רעזשים — און די „מיליטערישע טאַלאַנטן״ ווערן ליקווידירט...

מיט איין וואָרט: סטאַלינען קומט ניט אָן גרינג זיין „השיבנו נאַזאַד״, דאָס צוריקטרעטן פון די רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס, פאַרנומענע נאָך אין די צײַטן פון לענינען, און ער מוז בראָדזשען דורך לוזשעס בלוט און שפּרינגען איבער בערגלעך שאַרבנס פון געוועזענע קאָמוניסטישע טעאָרעטיקער, טרוימער און קעמפער.

נאָר אַן אַוואַנטורע פון אַ מיליטערישן כאַראַקטער, אונטערגענומען און אויסגעפירט אויף אַ גראַנדיעזן מאַסשטאַב, וואָלט בכוח געווען אײַנצוצוימען די קאָמוניסטישע לײַדנשאַפטן פון די פּאַרטיימאַסן, אָבער אויף דעם האָט סטאַלין ניט קיין מוט און ניט קיין פעיִקייט. ער ווייס, אַז דאָס וואָלט אים אומברענגען, אויב ער וואָלט זיין אונטערנעמונג ניט קרוינען מיט אַ זיג. און דאָס קען ער ניט דערוואַרטן.

די קומענדיקע פינף יאָר, וואָס דערפירן דעם רעזשים, וואָס איז עטאַב־לירט געוואָרן דורך אַן עפּאָכעמאַכנדיקער רעוואָלוציע, — צו זיין ערשטן פערטל־יאָרהונדערט, וועלן זיין די קריטישסטע.

סטאַלין וויל נעמען שפּילן די ראָלע פון דעם גרויסן צוריקפירער — און דאָס קען ער ניט באַווייזן. אַ פאָרויספירער איז איין זאַך, אַ צוריקפירער איז אַן אַנדער זאַך. סטאַלין האָט נאָך דערוויל ניט באַוויזן, אַז ער קען זיין אַ פול־שטענדיקער פירער, אַז ער קען פירן, ווי לענין, אי פאָרויס, אי אויף צוריק...

III

סאציאלע עטיודן

די אַרבעטערפראַגע

א.

די מיסיע און דער אַרבעטערקלאַס

אין דער סאָציאַליסטישער תורה, אָדער ריכטיקער: פּראָפּאַגאַנדע, ליגט אַ טיפער ווידערשפּרוך.

פון איין זייט באַהויפּט מען, אַז דער אַרבעטערקלאַס, אַלס אַזוינער, אַלס אַ גאַנצע זאַך, האָט אַ קהלשע מיסיע; פון דער אַנדער זייט, ווייטער, האַלט מען אין איין טענהן, אַז דער אַרבעטער דאַרף זיין קלאַסנבאַוווסטזיניק.

איך גלויב, אַז צו מאַרקסן איז די אידייע פון דער מיסיע איבערגעגאַנגען בירושה, מיט נאָך אַ סך גייסטיקע חפצים, פון דעם פילאָזאָף העגעל.

העגעל, פיכטע, הערדער האָבן פונאַנדערגעאַרבעט דעם געדאַנק, אַז נאַציעס האָבן ספּעציעלע מיסיעס, און די דייטשע נאַציע, דאָס פאָלק פון דענקער און דיכטער, האָט אַ באַזונדערע שליחות אויסצופירן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וועלכע דער היסטאָרישער גורל האָט אַרויפגעלייגט אויף אירע פּלייצעס און האָט אויף איר גוזר געווען עס צו טראָגן און דערטראָגן ביז צום פאַרווירקלעכן.

די אידייע פון דער מיסיע פון דער נאַציע האָט מאַרקס איבערגעניצעוועט, פאַרבייטנדיק דאָס וואָרט נאַציע מיטן וואָרט קלאַס.

און ער האָט פּראָקלאַמירט, אַז דער אַרבעטערקלאַס האָט דורכצוזעצן אַ גרויסע אויפגאַבע, די איבערבויאונג פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט אויף נייע יסודות, אַוועקשטעלן זי אויף אַ פונדאַמענט פון יושר און גערעכטיקייט.

ווען מיר באַהויפּטן, אַז דער אַרבעטערקלאַס האָט אַ מיסיע, הייסט עס, אַז מיר ווילן האָבן, אַז דער אַרבעטערקלאַס זאָל זיך אויפּברענגען פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון אַלגעמיינעם ווילזיך, ער זאָל ניט האָבן אינזינען זיינע אייגענע קלאַסנעגאָאיסטישע אינטערעסן, נאָר ער זאָל טראַכטן און פאַדעווען פאַרן טובת-הכלל, פאַר דער געזעלשאַפט אַלס אַזוינער.

דער געדאַנק איז אַביסל אַ מאָדנער, ווייל עס איז זייער שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אַזאַ אומגעהויער-גרויסע קערפּערשאַפט זאָל זיין ניט עגאָאיסטיש,

זאָל ניט דאגהן און פאַרזאָרגן זיך אַליין, נאָר כסדר האָבן אינזינען אַלעמען, די גאַנצע חברה, פון וועלכער זי, די קערפּערשאַפט, איז אַ באַשטאַנדטייל. ווען ער, דער קלאַס, זאָל זיך פאַרנעמען מיט דעם ווילשטאַנד פון דער געזעלשאַפט, אַלס אַזוינער, וואָלט ער ממילא אויפהערן צו עקזיסטירן אַלס אַ קלאַס, אַלס אַן עקאָנאָמיש־פּסיכאָלאָגישע איינקייט, און וואָלט זיך צוזאַמענגעגאָסן גייסטיק מיט די איבעריקע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, און וואָלט, היוצא, פאַרלירן זיין קיום, אַלס אַ פּסיכאָלאָגישער איינס, וואָס האָט אַ באַוווסטזיין פון זיין ספּעציעלן „איך".

קלאַסנבאַוווסטזיין פאָדערט, אַז דער איינצלנער אַרבעטער, מיטגליד פון קלאַס, זאָל נעמען קוקן אויף זיך אַלס אַ טייל פון דאָס גאַנצע, וואָס ווערט אָנגערופן קלאַס, זאָל זיך באַטראַכטן אַלס אַ צעלע פון דעם קערפּער, זאָל פאַרשטיין, אַז זיינע איינצלנע, אינדיווידועלע אינטערעסן פאַלן צוזאַמען מיט די אינטערעסן, שטרעבונגען און פאַרלאַנגען פון זיין קלאַס. און עס איז ניט גענוג, ער זאָל עס פאַרשטיין מיטן „טרוקענעם" קאָפּ, ער דאַרף עס נעמען פילן, ער דאַרף אָנהייבן אידענטיפיצירן זיך אַליין מיט זיין קלאַס, צו וועלכן ער באַלאַנגט. עס דאַרף ביי אים ווערן אַ זאַך פון עמאָציע, פון געפיל, פון האַרץ און שטימונג. ער דאַרף זיך פאַרוועבן און פאַרפלעכטן מיט זיין קלאַס.

די ליידן פון קלאַס — זענען זיינע ליידן.

די פריידן פון קלאַס — זענען זיינע פריידן.

עס דאַרף אויסגעקריסטאַליזירט ווערן איין פּסיכאָלאָגיע, איין נשמה, איין פילן און אויפפאַסן זאַכן און געשעענישן.

זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, זיין ליבע און האַס, דאַרפן ווערן פאַרפאַרבט מיט אַ קלאַסנקאָליר.

דער רוף צום אַרבעטער צו ווערן קלאַסנבאַוווסטזיניק איז דער אויפוויז, אַז ער דאַרף אַרויס פון זיינע אייגענע ד' אַמות, פאַרלאָזן די שמאָלינקע, קלייניקע אינטערעסן פון זיך אַליין, אַלס אַן איינצלנעם אַרבעטער, וועלכער איז עלול צו קאָנקורירן מיט זיין ברודער־אַרבעטער, אָפּשלאָגן אַ שטעלע פון זיין אייגענעם מיטגליד פון אייגענעם קלאַס. — דאָס איז אַן אויפפאָדער אַרויסצוגיין פון דער אייזערנער בלינדער שטייג פון די עגאָיִסטישע אינטערעסן און זיך באַהעפטן צום גרעסטן קערפּער, צו דעם צעזאַמענעם פון אַרבעטער, וועלכע בילדן אַ קלאַס.

און די אינטערעסן פון קלאַס דאַרפן דאָמינירן, שטיין העכער, אָפּגעשאַצט ווערן אַלס וויכטיקער, איידער זיינע אייגענע, נידעריקע, אַלטעגלעכע אינטערעסן.

און אויב דער אַרבעטער, דער איינצלנער, קען פון דעם עפּעס פאַרלירן, און פאַרלירט טאַקע, איז עס מער ניט ווי ציטווייליק, ווייל אין דער לעצטער שורה וועט ער פאַר דעם באַלוינט ווערן. דער קלאַס, אַלס אַ גאַנצער, קען בעסער באַזאָרגן זיינע איינצלנע מיטגלידער איידער זיי וואָלטן בכוח געווען זיך צו באַזאָרגן יעדערער פאַר זיך.

דער קלאַס וועט קעמפן זיין קאַמף. אין פאַרייניקונג איז מאַכט. און די פאַרייניקונג, וועלכע פאָדערט קרבנות, וועט ניט בלייבן הינטערשטעליק און

וועט ניט זיין פֿויל צו באַצאָלן מיט דער פֿולער האַנט פֿאַר די קרבנות, וואָס דער איינצלנער אַרבעטער האָט געבראַכט.

דאָס איז, קורץ געפֿאַסט, דער געדאַנקענגאַנג פֿון דעם פּריידיקער פֿון קלאַסנבאַוווסטזיין.

דער איינצלנער אַרבעטער דאַרף שטיין שטאָל און אייזן פֿאַר זיין קלאַס. דאַרף אויפֿהייבן די אינטערעסן פֿון קלאַס העכער פֿון אַלע איבעריקע אינ־טערעסן.

אַ קלאַס איז, נאַטירלעכעוויז, עגאָיסטיש, אייגננוציק, זעלבסטזיכטיק, און ער מוז אַזוי זיין.

דער אינסטינקט פֿון זיך אויפֿהאַלטן, פֿון זעלבסטעקזיסטענץ, דיקטירט אים דעם גרויסן געבאָט: ליב זיך, קעמף פֿאַר זיך, פֿאַרטיידיק דיינע אינטערעסן.

כל־זמן עס רעדט זיך וועגן אַרבעטער־קלאַסנבאַוווסטזיין, שטייען מיר אויף אַ סאָלידן, עקאָנאָמישן, געזונטן באָדן.

אָבער דער סאָציאַליסט, דער מאַרקסיסט, קען דערביי, ביי דעם פּונקט, זיך ניט אָפּשטעלן.

ער מוז גיין ווייטער און פֿאַרלאָזן דעם „באָדן פֿון אונטער די פֿיס", ער מוז פֿאַרלאָזן דעם מאַטעריאַליסטישן קלאַסנשטאַנדפּונקט און זיך אריינלאָזן אין דער „מיסטיק" פֿון דער מיסיע, וואָס דער גייסט פֿון דער געשיכטע האָט אַרויפֿ־געלייגט אויפֿן אַרבעטערקלאַס. און דאָ פֿאַרווירט ער זיך אין אַ גאַנצן קנויל פֿון ווידערשפּרוכן.

סאָציאַליזם, מאַרקסיזם, איז אַ לערע ווי איבערצובויען די געזעלשאַפֿט אַזוי, אַז אַלע זאָלן זיין גליקלעך, אַז דאָס בייז זאָל פֿאַרשווינדן ווי אַ רויך, אַז אַלע פּנימער זאָלן לייכטן, אַז אַלע טרערן זאָלן אָפּגעווישט ווערן און נאָך און נאָך.

אָן די צוזאָגונגען וואָלט דער דער סאָציאַליזם קיין פּנים ניט האָבן.

ער וואָלט ניט באַזיצן גענוג צוציקראַפֿט, גענוג אויפֿרייץ־חן און גענוג אויפֿרייסשטאָף צו פֿאַרניכטן די אַלטע געזעלשאַפֿט.

און אויסער צעשטערן די אַלטע געזעלשאַפֿט דאַרף מען דאָך אויך בויען די נייע געזעלשאַפֿט.

און די נייע דאַרף זיין אין לשער בעסער, שענער, ראַציאָנעלער און עטי־שער פֿון דער אַלטער.

און אַז מען האַלט ביי משיחס צייטן, ביי גאולה, דאַרף מען דאָך האָבן אַ משיח, אַ דערלייזער.

און מען קען בשום־אופֿן ניט אויסקומען אָן אַ מיסיע, אָן אַ טרעגער פֿון דער מיסיע.

און, פֿאַרשטייט זיך, אַז דער אַרבעטערקלאַס, און נאָר ער אַליין, איז דער גואל־צדק, דער טרעגער פֿון דער הייליקער, גרויסער מיסיע.

אָבער בזה־האופֿן ווערט דאָס בילד, דאָס עקאָנאָמיש־פּאָליטישע געמעלעכץ, פֿון אַרבעטער צעשוווּמען, צערונען.

אַנשטאָט אַ יונג מיט ביינער, מיט אַ האַמער אין דער האַנט, אַ קערפּער־שאַפֿט, אַ קיבוץ, וואָס איז געזונט, שטאַרק, פֿריש, עגאָיסטיש און מאַטעריאַליס־טיש, איז פֿאַרקאָכט מיט לייב־און־לעבן, אַריינגעטאָן איבערן קאָפּ אין זיינע

אינטערעסן, אָנשטאָט דעם קריגן מיר פּלוצלונג עפּעס אַ מין האַלב־טונקעלן חלום, עפּעס אַ מין היסטאָרישן אויסגעשריי וועגן אויסלייזונג, עפּעס אַ מין אויסגעדאַרטן, אויסגעקוואָרטן אַסקעט־צדיק, וואָס נעמט אויף זיך אַלע לאַסטן פון דער וועלט. ער שלעפּט זיי אויף זיינע פּלייצעס און בויגט זיך אין דרייען, און סאָפּעט, און האַלט אויסגעגלאָצט די אויגן און קוקט צום מזרח אָדער צום מערב, און שעפּטשעט עפּעס מאָדנע אומפאַרשטענדלעכע פאָרמולעס וועגן אַ געזעלשאַפט אָן אַ טראָפּן שלעכטס, וועגן ליכט אָן שאָטנס, וועגן אַ רויז אָן שטעכלעך...

דער רעאַליזם, דער געזונטער אינסטינקט, די קלאָרקייט, אויסגעהאַלטנקייט, ווערט פאַרשוווּנדן מיטן מאָך פון דעם כישוף־שטעקל.

און אַ סאָציאַלער מיסטיציזם רייסט זיך אַריין און קערט אַלץ איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף.

נעמט מען איינריידן אַ קלאַס, אַז זיין פּליכט און אויפגאַבע איז צו ראַטע־ווען די גאַנצע געזעלשאַפט — און אויב מען מיינט עס באמת, און עס איז ניט קיין שפּיצל אָפּצונאַרן די געזעלשאַפט, פאַרשלעפערן איר וואַכזאַמקייט און היט־באַרזאַמקייט און בשעת־מעשה זי באַגנבענען — דעמאָלט פאַרשמירט מען די פיזאָנאָמיע, דעם קלסתר־פּנים פון קלאַס, מען רייבט אָפּ זיינע אינדיווידועלע שטריכן, מען הייסט אים זיך, ווילנדיק ניט ווילנדיק, אויפלייזן אין קהל, אין כלל, אין דעם געמיינזאַמען.

און ווי קען מען באמת מיט איין זייט מויל פריידיקן דעם קלאַסנקאַמף און טייטשן און אויסטייטשן דעם באַדייט פון קלאַסנבאַוווּסטזיין; און מיט דעם אַנדערן האַלבן מויל מאַכן אַ תל פון דעם, וואָס דאָס ערשטער האַלבע מויל האָט נאָר־וואָס אַרויסגעזאָגט.

קלאַסנקאַמף, קלאַסן־גבורה, קלאַסנאינטערעסן, קלאַסנזיג.

איך ווייס, אַ סך וועלן טענהן: ס'טייטש, עס קלינגט צו ברוטאַל, צו גראָב, צו ווילד. נאָר דעם אייגענעם קלאַס איינזינען — עס פּאַסט ניט!

איך האַלט, אַז עס איז ניט אַזוי געפערלעך.

אַ קלאַס, וואָס ראַטעוועט זיך, וואָס שלעפּט זיך אַרויס פון סאָציאַלן זומפּ, האָט שוין געטאָן אַ גרויסע גוטע זאַך מיט דעם אַליין, וואָס ער האָט זיך גע־ראַטעוועט.

די מיסיע־אידייע קלעפּט ניט, האַרמאָניזירט ניט מיט דעם געדאַנק פון קלאַסנאויבערהאַנט.

בכלל דוכט זיך מיר, אַז די סאָציאַליסטן־מאַרקסיסטן האָבן צופיל משאות אַרויפגעלייגט אויף די אָרעמע פּלייצעס פון האַרעפּאַשנעם אַרבעטערקלאַס.

זיי האָבן פון אים געמאַכט אַ פּאָדראַדטשיק, וואָס דאַרף אַלץ צושטעלן, אַלץ פאַרריכטן, אַלץ גוטמאַכן.

זיי דערמאָנען גאַנץ אָפּט שולם־עליכמס מעשה מיט יענעם זייגער. מען האָט אויף אים אָנגעהאַנגען אַזויפיל שווערע אייזנס, אַז אין איין שיינער שעה האָט ער גענומען און זיך אַראָפּגעוואָרפן פון וואַנט...

ער האָט ניט געקענט האַלטן אויף זיך אַזויפיל לאַסטן.

אַלע פּעלערן, וועלכע אַ מויל קען אַרויסריידן און קריטיקירן און אַן אויג קען דערזען און אויסשפּירן, איז דער אַרבעטערקלאַס אַ מחויב צו פאַרריכטן.

איז ער טאַקע מחויב? און ווער קען עס אים הייסן טאָן?

אויב דער אַרבעטערקלאַס אין געוויסע שיכטן זיינע האָט אויפגענומען די אידייע פון דער מיסיע, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל ער איז ניט קלאַסנבאַוווסט־זיניק, ווייל ער פאַרטיידיקט ניט ווי געהעריק זיינע קלאַסנאינטערעסן אָדער ער פאַרשטייט זיי ניט, און ער לאָזט זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט כלערליי זאַבאַ־באַנעס און אויסטראַכטעכצן.

וואָלט ער געווען קלאַסנבאַוווסטזיניק, — און מען דאַרף צוגעבן, אַז ער ווערט עס מער און מער פון טאָג צו טאָג, דערווערבנדיק מער און מער דער־פאַרונג און לעבנספאַרשטאַנד און איינשאַפּנדיק זיך מער און מער רעאַליזם — וואָלט ער לאַנג פאַרשטאַפּן זיינע אויערן און ניט אַרויפלאָזן אויפן שוועל פון זיין באַוווסטזיין קיין שום דרשות מכוח דערלייזונג פון דער גאָרער וועלט און דער גאַנצער געזעלשאַפט.

די גאַנצע געזעלשאַפט דאַרף זאָרגן וועגן דער גאַנצער געזעלשאַפט.

די גאַנצע מענטשהייט, און דער מענטש, דאַרפן זאָרגן וועגן דער מענטשהייט.

דער אַרבעטערקלאַס, אַלס אַ קלאַס, דאַרף האָבן זיך מען איינזינען, און ער וועט עס טאָן מיט דער צייט, מיטן וווקס פון זיין קלאַסנבאַוווסטזיין, מיט דעם אויסקריסטאַליזירן פון זיין קלאַסנפּסיכאָלאָגיע און קלאַסנפאַרשטאַנד.

און ער וועט ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל מיט אים פאַרשטעקן אַלע סאָ־ציאַלע לעכער.

די מיסיע־אידייע פאַר דעם אַרבעטערקלאַס איז איינע פון די פאַרפירע־רישסטע געדאַנקען.

דער אַרבעטערקלאַס וועט זיך אָננעמען מיט אַ מער רעאַליסטישן וועלט־קוק, געזעלשאַפט־פאַרשטיין.

און ער וועט נעמען זיך צוקוקן נענטער און נענטער צו זיינע קלאַסנאינ־טערעסן, און וועט אַראָפּוואַרפן דעם כאָמוט, וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן און וועט אַרויס פון סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישן שפּאַן.

ער וועט אויפהערן צו זיין אַ שקאַפּע, וואָס פירט דערלייזונג־וואַסער פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט.

מען דאַרף איבערבויען די גאַנצע געזעלשאַפט, די געזעלשאַפט־סטרוקטור טויג אויף כפרות.

גאַנץ גוט, אַדרבא, בויט זי איבער. מהיכי תיתא!

אָבער פאַרוואָס איז עס דווקא דער אַרבעטערקלאַס, וועלכער דאַרף אויף זיך נעמען די עובדא, דאָס גאַנצע ניט גרינגע שטיקל אַרבעט?

— פאַרוואָס?

— פאַרשטייט איר מיך, ווייל דער אַרבעטערקלאַס איז באַעוולהט אין דער עקאָנאָמיק; ער אַרבעט, שוויצט, פּראַצעוועט אין דער אינדוסטריע און זי, די אינדוסטריע, די געצייג ווי די פּראָדוקטן, געהערן ניט צו אים — ענטפערט מיר דער מאַרקסיסט.

— אַוודאַי אַזוי, אָבער וואָס פאָלגט פון דעם? אַז דער אַרבעטערקלאַס דאַרף

זיך אַ נעם־טאָן, זיך אָנשטרענגען, זיך אָרגאַניזירן און איבערנעמען די אינדוסט־ריע, ווערן אין איר אַ שותּף, אָדער איבערנעמען זי אינגאַנצן.

— ניין, — שרייט דער סאָציאַלדעמאָקראַט, — דאָס טויג ניט. די אינדוסט־ריע דאַרף מען אַוועקשענקען דער מלוכה.

— פאַרוואָס דער מלוכה? — עקשנען מיר זיך איין.

און מיר ווען ניט אַריינגיין אין אַ דעבאַטע מכוח מלוכה און געזעלשאַפט, זאָל אונדזערס איבערגיין, און מיר וועלן נאָכגעבן, אַז מלוכה און געזעלשאַפט איז איין און דאָס זעלבע. אַ טובה טאָן דעם מאַרקסיסט.

אָבער אויך דעמאָלט שטייען מיר און פרעגן:

— פאַרוואָס דער געזעלשאַפט? דער אַרבעטער אַרבעט אויף דער פאַבריק און די פאַבריק געהערט צו אים — נו, זאָל ער זי איבערנעמען פון באַלעבאָס און אַליין ווערן אַ באַלעבאָס.

— ס׳טייטש, דאָס וועט ניט לייזן די פראַגע, — טענהט דער מאַרקסיסט.

— וועלכע פראַגע? — פרעגן מיר ווייטער, — די אַרבעטערפראַגע קען געלייזט ווערן נאָר אויף אַזאַ אופן, און ניט אויף אַן אַנדער אופן. נאָר אויסער דער „אַרבעטערפראַגע״ איז פאַראַנען אַ געזעלשאַפטפראַגע, וועלכע דער מאַרק־סיסט וואָלט וועלן פאַרענטפערן. גאַנץ גוט, אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט דעם אַרבעטערקלאַס?

איז באמת דער אַרבעטערקלאַס זיך מחויב צו לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט פאַר דער געזעלשאַפט?

דער אַרבעטערקלאַס, ווען ער וועט קאָנסטרויִרט ווערן, וועט זיין עגאָיִס־טיש און וועט זיך ניט פאַרנעמען מיט קהלשע עניגים, נאָר מיט זיינע אייגענע אינטערעסן.

ער וועט לייזן די אַרבעטערפראַגע פון שטאַנדפונקט פון אַרבעטערקלאַס און ניט פון שטאַנדפונקט פון דער געזעלשאַפט, אַלס אַזוינער.

ב.

אַרבעטערקלאַס און דער אַרבעטער

עס איז דאָ אַ שפּרוך — „צוליב די ביימער זעט מען ניט דעם וואַלד״.

אַמאָל, ווען מען קומט צו זייער נאָענט צו די ביימער און מען נעמט באַ־טראַכטן, אויספאָרשן, אויסלערנען דאָס לעבן, וואַקסן, בליִען און דאַרן פון דעם איינצלנעם בוים, פאַרגעסט מען אינגאַנצן אָן זיין קהילה, דעם סאָד, גאָרטן אָדער וואַלד.

יעדער בוים איז אַ וועלט פאַר זיך, אַן אינדיווידואַליטעט, און איינער פון אַנדערן איז פאַרשידן; איינער הויך, ריזיק, שפּאַרט אונטער דעם הימל, פאַר־טשעפּעט אַ פאַרביישווימענדיקן וואָלקן, דעם קאָפּ פאַרריסן; דער צווייטער קליין, איינגעשרומפּן, איינגעקוואַרט, האַלט זיך נאָענט צו דער מוטערערד, האָט מורא

אַוועקצוגיין פון איר שויס און פאַרטוך; איינער איז שאַטנדיק, צווייגנהאַפּטיק, באַשאָטן מיט נעסטן, פאַרוויגט מיט ווינטעלעך און באַזונגען; דער אַנדערער — דאַר, אַ פּאָר נישטיקע צווייגעלעך, אַ מין סריס, רחמנא ליצלן.

אַ, קיין צווייפל ניט, אַז עס איז דאָ צו וואָס זיך צוצוקוקן, וואָס צו לערנען, וואָס אויפצופּאַסן אין יעדן בוים באַזונדער.

אָבער דער שפּרוך וואָרנט אונדז, דערמאָנט אונדז, אַז מיר זאָלן צופיל ניט מיטגעריסן ווערן פונעם באַאָבאַכטן דעם איינצלנעם, איינזאַמען בוים. נאָר מיר זאָלן אים אויפנעמען ווי איינעם פון די מערערע, ווי איינעם, וואָס גייט אַריין אַלס אַ טייל אין דעם גאַנצן, וואָס הייסט וואַלד, אָדער גאָרטן.

דעם אמת זאָגנדיק, אין סאָציאַלע פראַגן זענען מיר דווקא געניגט צו מאַכן אַ קעגנזעצלעכן טעות, אייגנטלעך, מיר טוען מערסטנטייל פאַרקערט: „צוליבן וואַלד זעען מיר ניט דיביימער".

מיר כאַפּן אויף דאָס אַלגעמיינע, דאָס געזעלשאַפטלעכע, דאָס סאָציאַלע; מיר איגנאָרירן, פאַרזעען און פאַרקוקן דאָס אינדיווידועלע, דאָס איינצלנע, דאָס אייגנאַרטיקע.

נאַטירלעך, ווען מ'שטייט פון דער ווייטן, וואָס זעט מען? אַ שוואַרצע געדיכטע מאַסע, עפּעס אַ מין סאָלידע, מאַסיווע זאַך, וואָס איז אומדורכדרינגבאַר. ערשט ווען מען קומט צו נאָענט, דערזעט מען די אינטערוואַלן, די צווישן־שטחים, די בלויזן צווישן בוים און בוים, און די ביימער, ווי אַזוינע. פון דער־ווייטנס גיסט זיך עס אַלץ צוזאַמען אין איין שטיק.

די צוויי עקסטרעמען, — דאָס פאַרגעסן אַן די ביימער זיך פאַרטוענדיק מיטן וואַלד, דאָס פאַרזען דעם וואַלד צוליבן אַריינטאָן זיך און זיך פאַראינטערעסירן מיט די איינצלנע ביימער, — פירן ניט צום ריכטיקן אָפּשאַץ פון סאָציאַלע דערשיינונגען און דינען אַלס פאַרגרייזער פון די סאָציאַלע פראָבלעמען, מיט וועלכע מיר האָבן געהאַט צו טאָן, מיר האָבן צו טאָן און מיר וועלן נאָך פאַר יאָרן און יאָרן האָבן צו טאָן.

דאָס געזאָגטע ווילן מיר אָנווענדן צו דער פראַגע: שטייען מיר יאָ אויפן שטאַנדפּונקט פון אַרבעטערקלאַס, אָדער ניט?

כדי צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, דאַרף מען פאַר דעם גוט פונאַנדערגלידערן דעם טערמין „אַרבעטערקלאַס".

די זאַך איז ניט אַזוי איינפאַך, ווי עס זעט אויס. בכלל אין סאָציאַלע דערשיינונגען האָבן מיר אַן אַ שיעור מיסברויכונגען. און מען דאַרף זיין זייער פאַרזיכטיק, ווען מען האָט צו טאָן מיט זיי. עפּעס אַ האָר אַראָפּ אָן אַ זייט און איר פאַרבלאָנדזשעט און דערגרייכט פאַרקערטע רעזולטאַטן, רעזולטאַטן, וואָס זיי זענען דער היפוך פון דעם, וואָס איר דערוואַרט.

אַרבעטערקלאַס, — וואָס באַדייט עס? הייסט עס די גאַנצע סומע פון יענע מענטשן, וועלכע זענען פאַרנומען מיט אַרבעט, באַשעפטיקט אין דער פּראָדוקציע?

אויב אַזוי אויסגעטייטשט, דוכט זיך מיר, אַז מיר שטייען מיט ביידע פיס גאַנץ פעסט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אַרבעטערקלאַס.

איר זעט, אַז איך וויל דאָ ניט אַריינגיין אין קיין חקירות מכוח אַרבעט און פּראָדוקטיווער אַרבעט.

מיר אַרט ניט, אין דעם געגעבענעם פאַל, אָנצוגעמען, אַז נאָר פאַבריק־אַרבעט איז ריכטיקע, אמתע, כשרע אַרבעט.

איך וואָלט אַפילו גיין ווייטער און אַוועקשטעלן דאָס וואָרט פּראָלעטאַריאַט, צו פאַרבייטן דעם טערמין אַרבעטערקלאַס.

און דאָ וואָלטן מיר ווייטער שטעלן די פראַגע: וואָס מיינט מען אונטערן וואָרט „פּראָלעטאַריאַט״? אויב מען פאַרשטייט אונטער דעם די גאַנצע סומע פּראָלעטאַריער, אַלע יענע, וואָס זענען געדונגען, זענען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע, אין וועלכער זיי האָבן ניט קיין אייגנטום־חלק — קען איך זאָגן בפה־מלא, מיטן גאַנצן האַרצן, אַז מיר שטייען אויפן שטאַנדפּונקט פון פּראָלעטאַריאַט אין דער לייזונג פון דער אַרבעטערפּראַגע.

די צרה איז אָבער, וואָס יענע, וואָס לאָזן פון מויל ניט אַרויס דאָס וואָרט „אַרבעטערקלאַס״, פאַרשטייען אונטער דעם עפּעס אַ מין אַבסטראַקציע, און ניט דעם קאָנקרעטן סך־הכל פון אַלע אַרבעטער.

אַ ביישפּיל, אַ היסטאָרישער, וועט מאַכן קלאָר די זאַך.

סמיט, דער קלאַסישער פּאָליטישער עקאָנאָמיסט, האָט אָנגעשריבן זיין גרויס ווערק, אויף וועלכן דער ליבעראַליזם האָט געבויט זיינע עקאָנאָמישע לערן און האַנדלונגען, אונטערן טיטל: „די רייכקייט פון די נאַציעס״. וואָס האָט ער געמיינט, ריידנדיק וועגן רייכקייט אין צוזאַמענבאַצוג מיטן וואָרט און באַגריף „נאַציע״? וואָס איז דער פשט אַ נאַציע איז רייך?

הייסט עס, אַז אַלע יענע, וועלכע ווערן פאַררעכנט פאַר מיטגלידער פון דער נאַציע, זענען רייך? אָדער האָבן אַ גלייכן טייל אין די רייכטימער, וועלכע די נאַציע, ווי אַ גאַנצע, ווי אַ קיבוץ, פאַרמאָגט! ניין, חס ושלום, ניט דאָס. די רייכקייט פון דער נאַציע באַדייט, אַז עס זענען דאָ רייכע אינדיווידן אין דער געגעבענער נאַציע. אָט אַזוי ווי אַן אַנטיסעמיט באַהויפּט, אַז די ייִדן זענען רייך, ווייל עס זענען דאָ צווישן זיי איינצלנע פּערזאָנען, וועלכע זענען מאַוימדיק רייך. ראָטשילד איז רייך — הייסט עס די ייִדן זענען רייך.

דער ליבעראַליזם האָט גערעדט וועגן דער נאַציע, ווען באמת האָט ער אינזינען געהאַט און אָפּגערירט מיט די קעפּ, מיט אַ דינער שיכט פון דער געזעלשאַפט.

דאָ איז דער אומגליק, וואָס אונטער אַ וואָרט, וואָס באַצייכנט דעם כלל, אַ גאַנצן קיבוץ, אַ גאַנצע געזעלשאַפט, רוקט מען אונטער אַ פּאָר איינצלנע פּערזאָנען, וועלכע פאַרשטעלן די געזאַמטשאַפט, פאַרשאָטענען זי מיט זייער גרויס, הויך און דיקייט, און די אַלע מיליאָנען פון יענע קליינע, שוואַכע, נע־בעכדיקע ברואים זעט מען ניט אַרויס.

ווען מען האָט גערעדט וועגן דער נאַציע, דער גרויסקייט, רייכקייט, באַ־רימטקייט, געלערנטקייט פון דער נאַציע — האָט מען אַלעמאָל באמת באַצייכנט די גרויסקייט פון אַ קליינער גרופּע מענטשן, וועלכע האָט כלומרשט רעפּרעזענ־טירט די נאַציע.

אָט־דער טעות און פאַרבלענדעניש פאַרפאָלגט יעדע גענעראַליזאַציע, וועל־

כע ווערט אָנגעווענדט אין סאָציאַלע דערשיינונגען. דאָס איז ניט אַ פעלער, וועלכער איז צוגעשטאַנען ספּעציעל צום באַגריף און וואָרט נאַציע. יעדער שם־הקיבוץ, יעדעס וואָרט, וועלכעס באַצייכנט אַ געזעמל, וועט באַגעגענען דעם זעלביקן שלימזל, וועט אָנמאַכן די זעלביקע צרות, וועט פאַרפירן און פאַרבלענדן; ווייל סוף־כּל־סוף וועט מען אייך אונטעררוקן אַן ערזאַץ, און אָנבאָטן זיך צו האַלטן מיט דער פיקציע, מיטן אָפּנאַר.

כּדי דאָס זאָל ניט געשען און מען זאָל אויסמיידן געמאַכטע פעלערן און ניט אַריינפאַלן כּסדר אין די זעלבע סאָציאַלע גריבער, דאַרף מען זיך ניט לאָזן פירן אויפן פאַלשן וועג פון די אַבסטראַקטע באַגריפן, און זען אַריינלייגן אין זיי קאָנקרעטע אינהאַלטן.

מען דאַרף שטיין אויפן שטאַנדפּונקט פון אַרבעטער, פון יעדן איינצלנעם אַרבעטער, פון יחיד, און גיין אַרויף אָנהייבנדיק פון סאַמע גרונט; דער איינצל־נער אַרבעטער איז צו שוואַך צו פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן, דעריבער פאַריי־ניקט ער זיך מיט אַנדערע אַרבעטער, בכדי צוזאַמען, מיט פאַראייניקטע כּוחות, צו באַקעמפן דעם אַלגעמיינעם שונא.

אויפן מזבח פון דעם אַבסטראַקטן באַגריף „אַרבעטערקלאַס" ברענגט מען אויף די ממשותדיקע רעאַלע אינטערעסן פון די אַרבעטער, פון אַרבעטערקלאַס (אַן געגנדזענע פּיסלעך), אָבער דערפאַר פאַרטיידיקט מען מיט כּל־הכּוחות די רעאַלע, די אמתע, די פלייש־ און בלוט־אינטערעסן פון דער גרופּקע, פון דער פּאַרטיי אָדער קליקע.

און דעריבער, ווען מען פרעגט אונדז, צי שטייען מיר אויפן שטאַנדפּונקט פון אַרבעטערקלאַס, ענטפערן מיר אַן קווענקלעניש: זיכער, מיר שטייען, אָבער אונטערן וואָרט אַרבעטערקלאַס פאַרשטייען מיר די גאַנצע סומע מענטשן, וועל־כע אַרבעטן, באַטייליקן זיך, ווי אַרבעטער, אין דער אינדוסטריע, און לעבן אויף שכירות.

אָבער ווען מען פאַלסיפיצירט דעם באַגריף, מען גיט אָנשטאָט אים ערזאַצן און דריידלעך און שפּיצלעך און פון פינגער אַרויסגעזויגענע טעאָריעס און גאַנ־צע בערג וויסטע און נישטע חלומות און דאָס אַלץ ווייל מען אַרויסגעבן ווי די אידעאָלאָגיע פון אַרבעטערקלאַס און מען וויל אונדז איינשמועסן, אַז דער בעס־טער וועג צו לייזן די אַרבעטערפראַגע איז אומצוברענגען די אַרבעטער אין אַן אייגענעם ברודערקאַמף — וואַרפן מיר עס אָפּ. ווייל מיר פאַרשטייען און זעען גאַנץ קלאָר, אַז אונטער דער מאַסקע פון אַרבעטערקלאַס פיגורירט אַ גרופּע, אַן אַנדער סאָציאַלע אויסבילדעכץ, אַ נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעקריסטאַליזירטע פאָרמאַציע, וועלכע פאַרטיידיקט מיט די ציין און נעגל אירע אייגענע אינטע־רעסן, וועלכע פאַלן בשום־אופן ניט צוזאַמען מיט די אינטערעסן פון די אַרבע־טער, און די גרופּע פאַרגוואַלטיקט די אַרבעטער, אַ טייל פון זיי, און פאַרטונקלט זייער באַוווּסטזיין און ניט נאָר פאַרנאַכלעסיקט זי, נאָר באַגראָבט זייערע אינ־טערעסן. פאַר אָט־דער גרופּע עקזיסטירט ניט דער אַרבעטערקלאַס אין לעבן, נאָר געפינט זיך ערגעץ אין אַ הייליקן ספר, אָנגעשריבן ערגעץ פון אַ הייליקן. און אַלע יענע אַרבעטער, וואָס האַלטן ניט פון יענעם ספר און יענעם קדוש,

ווערן ממילא אויס אַרבעטער, און זייערע אינטערעסן זענען גאַרניט ווערט, ווי בלאָטע.

דערפאַר זאָגן מיר: כדי צו באַוואָרענען זיך קעגן אָט־דער מיסברויכונג, דאַרף מען שטיין אויפן שטאַנדפונקט פון אַרבעטער און זיך אַרויפהייבן צו דער סומע אַרבעטער.

פון אונטן אַרויף און ניט פון אויבן אַראָפּ, סאָציאָלאָגיש גענומען.

אָבער אַזאַ אויפפאַסונג איז אַן אינטעראינדיווידועלע, ניט קיין סאָציאַלע, אַזאַ אַרבעטערקלאַס וואָלט בילדן אַן אינטעראינדיווידועלע פאָרמאַציע.

ג.

לייבאַריזאַציע פון אינדוסטריע

סאָציאַליזם — אַ וואָרט, וועגן וועלכן אַלע ווייסן. אַלע מיינען איך יענע, וואָס האָבן אַ באַציִונג צו דער ראַדיקאַלער באַוועגונג.

פונדעסטוועגן וואָלט ניט געשאַט צו פרעגן:

סאָציאַליזם, וואָס איז עס?

פילאָלאָגיש שטאַמט דאָס וואָרט פון „סאָציוס", אַ חבר. סאָציאַליזם, אויב אַזוי, באַדייט, אַז מען דאַרף איינפירן „געזעלשאַפטלעכקייט".

און ווען עס האַנדלט זיך, למשל, מכוח דער אינדוסטריע, נוצט מען דאָס וואָרט סאָציאַליזאַציע, וואָס מיינט די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די מיטלען פון פּראָדוקציע.

אייגנטלעך וואָלט איך זאָגן, אַז סאָציאַליזם איז דער אידעאַל וועגן שאַפן אַ געזעלשאַפט.

איז דען קיין געזעלשאַפט ניטאָ? — וועט דער לייענער פרעגן. דאַרף מען דען האָבן אַ באַזונדערע לערע, אַ באַזונדערן אידעאַל, וועלכער זאָל באַשטרעבן דעם איינפיר פון אַ געזעלשאַפט?

אויף דעם וועלן מיר ענטפערן, אַז עס איז כמעט ווי ניטאָ קיין געזעלשאַפט.

ס'טייטש, ווי אַזוי איז דאָס? — וועט פרעגן דער לייענער און מעגלעך נאָך אַ קוועטש טאָן מיט דער „לינקער" פּלייצע.

די זאַך איז איינפאַך: — עס איז דאָ אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז צעריסן אויף קלאַסן, וועלכע רייסן זיך אַרום צווישן זיך, קעמפן איינער קעגן אַנדערן, און קיין איינהייטלעכע געזעלשאַפט פאַרמאָגן מיר ניט. פשוט גערעדט, מיר האָבן אַ סומע, אַ צוזאַמענגעם פון עטלעכע קלאַסן, וועלכע שטרייטן איינער קעגן אַנ־דערן. מיר וואָלטן וועלן האָבן — ריכטיקער, אויפבויען — אַ סאָלידאַרע, איינ־הייטלעכע געזעלשאַפט מיט אַן אמתן ציבור־לעבן, וועלכע זאָל זיך שטיצן אויף קעגנזייטיקער הילף, אַנשטאָט וואָס היינט האַלט זי זיך אויף דעם קעגנזייטיקן געשלעג, און אַנטאָן שטירדעס, נגישות.

אין אַ צונויפגעפּרעסטן קנויל מענטשן, וועלכע האַלטן זיך אין קיילן־ביילז, זענען די איינצלנע זיכער צוזאַמענגענומען אַמאָל אַזוי ענג און פעסט, אַז איר דאַרפט אַ סך כוחות אָנווענדן, בכדי זיי פונאַנדערצורייסן. אָבער דאָס איז אַ צוזאַמענבונד, וועלכער ווערט געקניפּט דורך דעם ווילדן פאַרלאַנג איינער דעם אַנדערן אַרויסצונעמען אַן אויג, אויסהאַקן אַ צאָן, אונטערשלאָגן די לונגען וכדומה „כירורגישע" אָפּעראַציעס; יעדער פון די שלעגער באַמיט זיך, פּלייסט זיך צוצוקומען וואָס נענטער צו יענעם, וועלכן אים וואָלט זיך געוואָלט צעברעכן די ביינער. זיי שטופּט צוזאַמען, ברענגט צוזאַמען פיינטשאַפט און קעגנערשאַפט.

און אַזעלכע פאַרייניקונגען — הלוואַי וואָלטן זיי בעסער ניט עקזיסטירט.

דאָס אייגענע אונדזער ציבור־לעבן. קיינער קאָן ניט זאָגן, אַז מיר זענען ניט פאַרבונדן, פאַרפלאָכטן, צונויפגעפּאָרט, כמעט איבערגעפלאָכטן, פאַרשנורעוועט ענג, שטייף. אָבער בשעת מעשה זענען מיר אויסן ניט צו העלפן, נאָר שטערן, ניט טאָן גוטס, נאָר אָנטאָן צרות איינער דעם אַנדערן. און באמת, די פיינטשאַפט און דער פאַרלאַנג אויסצונוצן, אויסצוזויגן איינער דעם צווייטן — דאָס ברענגט אונדז צוזאַמען, דאָס האַלט אונדז צוזאַמען.

אַ פּיאַווקע, וואָס זויגט דאָס בלוט, האַלט זיך גאַנץ פעסט צו צום האַלדז, אויף וועלכן זי זיצט, אַזוי, אַז איר קענט זי כמעט ניט אָפּרייסן. פונדעסטוועגן איז זי ניט אָרגאַניש צוזאַמענגעבונדן מיטן קערפּער פון יענעם, וועמען זי סמאָטשקעט אויס.

דאָס אייגענע אונדזער געזעלשאַפט, וועלכע באַשטייט הויפּטזעכלעך פון דריי שאַרף־אָפּגעזונדערטע און דאָך צוזאַמענגעבונדענע באַשטאַנדטיילן.

ביוראָקראַטן, קאַפּיטאַליסטן און פּראָלעטאַריער. זיי האַלטן זיך איינער אָן אַנדערן. די קאַפּיטאַליסטן קענען ניט אויסקומען, קענען קיין לעבן ניט מאַכן, קיין פּראָפיטן ניט אָנהויבן, אָן דעם אַרבעטערקלאַס.

דער ביוראָקראַט ציט זיין חיונה פוןביידן. איבערהויפּט איז ער פאַראינטערעסירט, זיי זאָלן זיך אַרומרייסן צווישן זיך. וואָס מער זיי ראַנגלען זיך אַלץ מער מוז מען אָנקומען צו אים, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט דער פונקציע פון „אָרגאַניזירן" די געזעלשאַפט, אויפּפּאַסן אויף דעם חברה־לעבן אַזוי, אַז עס זאָל פונקציאָנירן, ניט געבראָכן ווערן אינגאַנצן, דאָס געשלעג זאָל זיך ניט אָפּשטעלן, די וווּנדן זאָלן האַלטן אין איין טריפן מיט בלוט און אייטער, און ער וועט האַלטן אין צולייגן נאַסינקע טיכעלעך.

וואָס מער ווידערשפּרוכן אין געזעלשאַפט, אַלץ בעסער פאַר אים, ווייל דעמאָלט מוז מען אים נייטיק האָבן, ער זאָל איינפירן שלום, אויפהאַלטן דעם בורגפרידן, אַרויסגעבן געזעצן און אַכטונג־געבן אויף זייער דורכפיר און אָנווענד אין לעבן; די געזעצן שרייבן־פאָר ווי צו שלאָגן, ווי צו ביילן, אויף וועלכן אופן. די ביוראָקראַטן זענען צייטנווייז כמעט ווי נייטראַל. ווייל באמת גענומען, דער קלאַס פון ביוראָקראַטן, די כלומרשטע „אָרגאַניזירער" פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, זענען פאַראינטערעסירט אין איין זאַך — אין דעם פאַראייביקן דעם פּראָצעס פון אַנטאַגאָניסטישן צוזאַמענלעב, צוזאַמענעקזיסטענץ פון די פאַרשיידענע קלאַסן אין דער געזעלשאַפט.

אַזוי ווי אַ ריכטער, ווען ער „אַרבעט פון שטיק", איז פאַראינטערעסירט

עס זאָלן פּאַרקומען וואָס מער סיכסוכים, קריגערייען, צוזאַמענשטויסן, כדי ער זאָל האָבן וואָס צו טאָן, זיך אַריינלייגן אין אַ שלום, און שליכטן, אויסגלייכן די שטרייטנדיקע פּרעטענזיעס, אַזוי זענען די ביוראָקראַטן, ווי אַ קלאַס, מיט לייב און לעבן פאַראינטערעסירט, אַז אין דער געזעלשאַפט זאָל זיין וואָס מער טומלעניש, בורעניש, רייסערייען און קעגנזאַצן, בכדי מען זאָל זיך אָן זיי ניט קענען באַגיין, מען זאָל מוזן אַרויסקוקן צו זייער אַריינמישן זיך און זיי זאָלן ווערן אומבאַדינגט נייטיק, כדי אויפצוהאַלטן דעם גלייכגעוויכט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אָט־די דריי הויפּטקלאַסן, ווי אָנגעוויזן, זענען אויסגעשנירלט, פאַרפּלאָנטערט איינער מיטן אַנדערן. אָבער דאָס איז אַ צרהדיקע געזעלשאַפט, וועלכע ווערט אַזוי אויפגעהאַלטן. דאָס איז ניט קיין געזעלשאַפט אין אמתן זין פון וואָרט.

ווייל געזעלשאַפט, פילאָלאָגיש אַפילו, שטאַמט פון וואָרט „געזעל״, וועלכעס באַדייט אַ מיטהעלפער, ווי דאָס העברעיִשע וואָרט „חברה״ נעמט זיך פון וואָרט חבר. אַן אמתע חברה קען זיך האַלטן בלויז אויף חברשאַפט.

אָבער קען מען זאָגן, אַז אונדזער היינטיקע געזעלשאַפט איז געבויט אויף חברשאַפט? זענען אַ קאַץ מיט אַ מויז חברים? איז עס אַ שעפּס מיט אַ וואָלף? עס איז כמעט ניטאָ קיין געמיינזאַמס אין אונדזער ציבור־לעבן, נאָר קעגנגעזעצטס, און דאָס קעגנגעזעצטע האַלט, צעמענטירט אונדז.

דעריבער זאָגן מיר, אַז סאָציאַליזם באַדייט אייגנטלעך דאָס איינפירן, דאָס שאַפן אַ געזעלשאַפטלעך לעבן, דאָס אויפריכטן אַ געזעלשאַפט.

דאָס וואָרט געזעלשאַפט עקזיסטירט, עס ווערט אָנגעווענדט מיט רעכט צו קליינע פאַרבינדונגען און אַסאָציאַציעס, וועלכע זענען באמת געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון דעם אַלגעמיינעם, געמיינזאַמען.

אָבער אונדזער גרויסער אַלץ־אַרומנעמענדיקער צוזאַמענלעב גייט ניט אַרונטער אונטער אַזאַ קעפּל. ער פאַרדינט ניט דאָס רעכט זיך אָנצורופן „געזעלשאַפט״, ער דערמאָנט גיכער אָן אַ סטאַיע הינט, וועלכע רייסן זיך איבער אַ ביין...

אַ מעטאַפאָרע, וועלכע פּרץ האָט גענוצט צו באַצייכענען דעם באַגריף „פאָטערלאַנד״.

דעריבער זאָגן מיר, אַז סאָציאַליזם אייגנטלעך דאַרף מען דעפינירן ווי אַן אידעאַל צו שאַפן אַ געזעלשאַפט, אַ פאַרמאַציע, וועלכע האָט עד־היום ניט עקזיסטירט.

ביז־אַהער, גלויב איך, וועט זיך קיינער מיט מיר ניט אַמפּערן. לייענענדיק, קאָן זיין, וועלן אַנדערע זאָגן: צו וואָס ברעכט ער זיך אַריין אין אָפענע טירן? צוליב וואָס מאַריך זיין וועגן זאַכן, וואָס מיר אַלע ווייסן און אָנערקענען?

איך האָב אָבער גערעכנט, אַז עס איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם גרונטבאַגריף, כדי דאָס ווייטערדיקע זאָל זיין קלאָר.

ווען מיר לאָזן זיך אַרונטער צו דער עקאָנאָמישער פּראָבלעם און מיר גיבן אַ פרעג: צו וועמען דאַרף, על־פּי־יושר און שכל־הישר, געהערן די אינדוסטריע? וועלכער אופן פון אָנפיר וואָלט געבן דעם העכסטן קאָעפיציענט פון פּראָדוקטיוויטעט און וואָלט אַנטשפּרעכן די אינטערעסן פון די פּראָדוצירער?

אויף דעם ענטפערט דער סאָציאַליסט, אַז די אינדוסטריע, די פּראָדוקציע־מיטלען דאַרפן סאָציאַליזירט ווערן, דאַרפן פאַרגעזעלשאַפטלעכט ווערן.

מיר וועלן זיך ניט פאַרהאַלטן לאַנג און צוגעבן: ער איז גערעכט.

נאָר איין פראַגע שטעלט זיך גלייך: איבערגעבן די אינדוסטריע דער געזעלשאַפט מהיכא תיתא, אָדער „אַלרייט", ווי מען זאָגט אין אַמעריקע. אָבער ווו נעמט מען די געזעלשאַפט, וועלכער מען זאָל קענען אַנטרויען די ווירטשאַפט, די אינדוסטריע?

אַ געזעלשאַפט, ווי אַ סאָלידאַרער מהות, אַ געזעלשאַפט געבויט אויף חברשאַפט, אויף דעם געמיינזאַמען, — ווו נעמט מען עס? דאָס איז דאָך אַן אידעאַל! דאָס אייגנטלעך קומט דאָך דער סאָציאַליזם ערשט צו פּריידיקן און דענקט איינצופירן.

ווען אַ „געזעלשאַפט" וואָלט עקזיסטירן, ווען אַזאַ סאָציאַלער ווזן וואָלט זיין בנמצא, וואָלט האָבן אַ זינען, איך מיין ביידע, אַ וויסנשאַפטלעכן און פּראַקטישן, דער פאָרשלאַג צו פאַרגעזעלשאַפטלעכן די פּראָדוקציעמיטלען.

ביי היינטיקן טאָג פאַרמאָגן מיר אָנשטאָט אַ געזעלשאַפט, אַ מין ויתרוצצו הבנים בקרבה, אַ סומע קלאַסן און סאָציאַלע גרופּירונגען, וועלכע רייסן זיך, בייסן זיך, און בכדי זיי זאָלן ניט אַרויס פון די ראַמען, וויסן אַ מאָס און אַ שיעור אין געשלעג, האָבן זיי באַשאַפן אַ צאַם, וואָס הייסט שטאַט, וועלכער האַלט זיי איין, זיי זאָלן איינער דעם אַנדערן ניט איבערשניידן, אין היץ און צעקאָכעניש פון געשלעג, די רוב סימנים... און אויף אַזאַ אופן האָבן זיי געשאַפן די מעגלעכקייט כסדר אָנצוגיין מיט דעם „שפּיל פון כוחות", ווי זיי רופן עס אין אַ הויכן סטיל...

וואָס טוט מען מיט דער אינדוסטריע, ווען מען נעמט זי צו, ווען מען קאָנפיסקירט זי, פון דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס?

עס וואָלט ניט זיין אַזוי שווער זי אָפּצונעמען, ווען מיר וואָלטן וויסן גענוי, וועמען מען דאַרף זי איבערגעבן. וועמען?

דער געזעלשאַפט, וועלכע עקזיסטירט ניט...

אָבער אויף אַזאַ אופן, איבערגעבנדיק דער געזעלשאַפט די אינדוסטריע, וועלן מיר טאַקע שאַפן די געזעלשאַפט, — קען זיך איינשפּאַרן דער סאָציאַליסט.

אָבער איך גלויב, אַז יעדער פּילט, אַז אָט־דער אַרגומענט איז אַ שוואַכער.

וואָס ווילן זיי אייגנטלעך, די קלאַסנסאָציאַליסטן, — מיט איין טריט דערגרייכן צוויי צילן? מיט איין שטיין דערהרגענען צוויי פויגלען איז אַ שווערע זאַך. אָבער פאַרט מעגלעך; אָבער מיט איין שליידער דערהרגענען איין פויגל, און לעבעדיק מאַכן, אָדער באַשאַפן אַ צווייטן — דאָס איז שוין צופיל קונצן.

דאָס קאָנפיסקירן, „די עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרן", ווי מאַרקס האָט עס גערופן, קען צעברעכן דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס, אָבער דער אַקט אַליין שאַפט ניט קיין איינהייטלעכע געזעלשאַפט, מחמת דעם, וואָס די לעצטע פאַרמאָגט נאָך אַנדערע פאַרמאַציעס, און בכלל ווערט עס אַזוי גיך ניט געטאָן...

נאָר דער סאָציאַליסט וועט צוגעבן, אַז מען קען ניט איבערגעבן דער געזעלשאַפט די אינדוסטריע, מחמת די געזעלשאַפט דאַרף נאָך ערשט באַשאַפן

ווערן. דעריבער, וועט ער זאָגן, האָבן מיר פאַרגעלייגט, אַז מען זאָל איבערגעבן דיווירטשאַפט דעם שטאַט, דער מלוכה, זי זאָל אָנפירן און פאַרוואַלטן די באַלעבאַטישקייט.

אָבער אויב אַזוי, גלויב איך, וועט יעדער אַרבעטער טענהן, — איך מיין יעדער אַרבעטער, וואָס האָט נאָך אַ קלאָרן, ניט קיין צעדולטן קאָפּ אויף זיינע פּלייצעס, — אויב די אינדוסטריע גייט מען ניט איבער דער געזעלשאַפט, נאָר דעם שטאַט — אַן אינסטיטוציע, וועלכע ווערט פאַרטראַטן הויפּטזעכלעך פון איין קלאַס, דעם ביוראָקראַטנקלאַס — שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס זאָל מען עס בעסער ניט אַוועקגעבן דעם אַרבעטערקלאַס? יעדנפאַלס איז דאָך דער אַרבעטערקלאַס מער באַרעכטיקט צו פאַרנעמען די אינדוסטריע, אין וועלכער די אַרבעטער זענען באַשעפטיקט, איידער דער ביוראָקראַטנקלאַס!

יעדער מאַרקסיסט־סאָציאַליסט ווייסט, אַז דער שטאַט איז אַ קלאַסן־אינסטיטוציע. ווען עס וואָלטן ניט זיין קיין קלאַסן־ווידערשפּרוכן, קיין סתירות און ניגודים, וואָלט דער שטאַט ניט האָבן אויף וואָס זיך צו האַלטן. דאָס איז איינע פון די הויפּטגעדאַנקען פון מאַרקסיזם.

דער שטאַט קען ניט זיין דער פאַרטרעטער פון דער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, ווייל לויט זיין עצם מהות נאָך איז ער קאָנסטרויִרט אויף דיפערענציאַציעס.

און ווען עס שטעלט זיך די פראַגע: וועמען זאָל מען איבערגעבן די אינדוסטריע, נאָכדעם ווי די בורזשואַזיע איז עקספּראָפּריאירט געוואָרן — דעם אַרבעטערקלאַס, אָדער דעם ביוראָקראַטנקלאַס? — דאַרף יעדער סאָציאַליסט־בר־דעת ענטפערן: דער אַרבעטער איז בילכער.

ווען עס וואָלט זיך האַנדלען: אַרבעטערקלאַס אויף איין זייט, די געזעלשאַפט, ווי אַ גאַנצע, אויף דער אַנדערער זייט, דעמאָלט וואָלט מען זיך, אפשר, קענען קווענקלען. אָבער דער אויסקלייב שטייט אַזוי:

אָדער דער ביוראָקראַטנקלאַס, אָדער דער אַרבעטערקלאַס! — און דער ענטפער קען זיין מער ניט ווי איינער.

נאָכדעם ווי די אינדוסטריע ווערט צוגענומען ביי דעם קאַפּיטאַליסטנקלאַס, גייט זי איבער אין רשות פון אַרבעטערקלאַס.

פאַר דעם שטימט דער שכל, דער יושר, און דאָס איז אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון דער אינדוסטריע.

נאָך אַלעמען: ווער פירט אָן דעם קאַמף קעגן קאַפּיטאַליסטנקלאַס? דער אַרבעטער.

ווער איז פאַרנומען אין דער אינדוסטריע? דער אַרבעטערקלאַס! — דאַרף ער זי קריגן.

יעדנפאַלס אין דער איבערגאַנגסצייט.

ווען אַן איינהייטלעכע געזעלשאַפט, אַן אַן־קלאַסן־געזעלשאַפט, וועט געשאַפן ווערן, וועלן מיר דעמאָלט זען, ווי אַזוי די אינדוסטריע צו „פאַרגעזעלשאַפטלעכן". אָבער קודם־כל מוז מען זי „פאַראַרבעטערן".

לייבאַריזאַציע פון אינדוסטריע, ניט נאַציאָנאַליזאַציע און ניט סאָציאַליזאַציע.

ד.

אַרבעט און קאַפּיטאַל

מיט יאָרן צוריק האָט די דערשיינונג אויסגעזען גאַנץ איינפאַך. זי איז באמת געווען דעמאָלט אַ סך פּשוטער ווי זי איז היינט. אַמאָל האָט מען זיך פאָרגעשטעלט די זאַך אַזוי: אַרבעט שטייט, אַזוי צו זאָגן, אויף איין זייט, קאַפּיטאַל אויף דער צווייטער זייט, און צווישן זיי ליגט כמעט ווי אַן אָפּגרונט.

דער צוזאַמענשטויס צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל איז געווען אומגעפער דער איינציקער, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן פון אויספאָרשער פון סאָציאַל-עקאָנאָמישע פענאָמענען.

די, וואָס אַרבעטן, זענען געדונגען, פאַרמאָגן גאָרניט, זענען פאַרנומען אין פאַבריקן, אין אַנשטאַלטן, וועלכע געהערן ניט צו זיי. די פאַרמעגלעכע, די אָנגעשטאָפּטע זעק, אַרבעטן ניט. זייער עובדא באַשטייט אין דינגען אָדער קויפן אַרבעטסקראַפט.

דאָ איז אַ סתירה פון אינטערעסן.

און דאָס איז דער איינציקער, דער קאַרדינאַלסטער ווידערשפּרוך, וואָס צעעסט אונדזער ווירטשאַפט.

קאַפּיטאַל נעמט אַראָפּ די סמעטענע פון פּראָדוקציעפּראָצעס און לאָזט איבער די סירוואַראָדקע פאַרן אַרבעטערקלאַס, וועלכער קריגט זיין נעבעכדיקן געהאַלט און פּראָצעווועט, האָרעוועט, אָבער בלייבט אַלעמאָל אַ פרעמדער, אַ שטיפקינד אין דעם באַלעבאַטישקייט-הויז.

אַרבעט און קאַפּיטאַל — צוויי שונאים. זיי האַלטן אין איין קריגן זיך; איינער ציט צו זיך און דער צווייטער — צו זיך.

אַרבעט האָט אַ יתרון איבער קאַפּיטאַל אין דער הינזיכט:

קאַפּיטאַל קען ניט אויסקומען אָן אַרבעטקראַפט, פון דעם קוואַל צים ער זיין חיונה, דאָס הייסט די קאָלאָסאַלע פּראָפיטן. אויף ניט-דערצאָלטער אַרבעט, אויף דעם האָדעוועט זיך אויף דער קאַפּיטאַל און וואַקסט, דער קאַפּיטאַליסטנקלאַס לעבט אויף דעם חשבון פון אַרבעטערקלאַס און מוז צו אים אָנקומען.

אַרבעט קען זיך אָבער באַגיין אָן קאַפּיטאַל, אָדער קאַפּיטאַליסט. דעריבער פּאַסירט, אַז אין צוזאַמענשטויס פון די צוויי פאַקטאָרן קען זיך דער אַרבעטער, דער טרעגער פון אַרבעטקראַפט, פילן גאַנץ געדולדיק און פאַרריסן, ווייל ער קען אָנפירן דעם קאַמף ביזן סוף, ביז דער פאַרניכטונג פון קאַפּיטאַליסט און קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, בשעת דער קאַפּיטאַליסט קען ניט, איז ניט בכוח, צו פאַרניכטן דעם אַרבעטערקלאַס, אָן וועלכן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג וואָלט ניט קענען פונקציאָנירן און אַפילו ניט עקזיסטירן.

יאָ, מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָבן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע דערשיי־ נונגען אויסגעזען פיל איינפאַכער, און זיי זענען באמת ניט געווען אַזוי פאַרפלאָנ־ טערט, פאַרווירט ווי ביי היינטיקן טאָג.

אַרבעט און קאַפּיטאַל, זייערע צוזאַמענפאַרהעלטעניש, זייערע צוזאַמענ־ שטויסן — דאָס האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין די עקאָנאָמישע אונטערזו־ כונגען און אויספאָרשונגען פון לעבן פון יענער צייט.

דער באָאַבאַכטער האָט בלויז דאָס געזען און דאָס אויסשליסלעך פיקסירט.

דער מאָמענט פון אָרגאַניזאַציע, וועלכער פלעכט זיך אַריין און האַלט צו־ זאַמען די צוויי פאַקטאָרן — אַרבעט און קאַפּיטאַל — האָט זיך ניט שטאַרק־ בולט אַנטפּלעקט.

און ווען מען האָט אים יאָ באַמערקט, האָט מען אים ניט אָפּגעשאַצט לויט זיין חשיבות נאָך; ער איז געלעגן עפּעס ווי אַ שאָטן פון דער געלער זון — געלטקאַפּיטאַל.

און עס איז קיין חידוש ניט. דער אָרגאַניזאַציע־פאַקטאָר איז ניט געווען אַזוי וויכטיק, ווייל די עקאָנאָמישע קערפערשאַפטן זענען געווען פאַרהעלטניש־ מעסיק קליין אין צאָל און היקף.

די פאַבריק, ווערקשטאַטן זענען געווען ניט־געוויקסיק, די צאָל אַרבעטער, פאַרנומען אין יעדער איינציקער פון זיי, ניט גוואַלדיק גרויס.

אייגנטלעך האָט די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט אַוועקגעשטעלט דעם טראָפּ אויפן וואָרט אָרגאַניזאַציע.

און דאָ האָט מען גענומען דורכטאָפּן דעם פּראָצעס פון אָרגאַניזאַציע אומע־ טום, אַרויפגייענדיק ביז צו די אָנהייבן פון דער אינדוסטריע און ווירטשאַפט.

עס איז ניט אַזוי וויכטיק דער פונאַנדערשייד פון אַרבעטער און זיינע כלים, ווי דער פונאַנדעררייס, וואָס ווייזט זיך אַרויס צווישן איינפאַכער אַרבעט פון איינצלנעם אַרבעטער און דער אָנפירנדיקער אַרבעט, וועלכע באַשטייט אין אָרגאַניזירן דעם פּראָדוקציעפּראָצעס.

ניט נאָר דאָס געצייג האָט זיך אָפּגעטיילט פון אַרבעטער, — ער האָט אויפגעהערט צו זיין דער אייגנטימער פון די אינסטרומענטן און פּראָדוקציע־ מיטלען, וועלכע ער געברויכט, נאָר מער און טיפער: דער אַרבעטער האָט אויפ־ געהערט צו באַהערשן דעם פּראָצעס פון אָרגאַניזאַציע.

די ערשטע דערשיינונג איז אַן עקאָנאָמישע, די צווייטע — אַ סאָציאָלאָ־ גישע. און זי איז תוכיקער, וואָרצלדיקער.

דער אָרגאַניזאַציע־פּראָצעס האָט זיך אַרויסגערוקט, אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ וויכטיקער „מאַכער" און דער איינצלנער אַרבעטער האָט איבער אים קיין שליטה ניט, קיין דעה ניט.

און מיר האָבן דריי מאָמענטן אין יעדן גרויסאינדוסטריעלן פּראָצעס: אַר־ בעט, קאַפּיטאַל און אָרגאַניזאַציע.

און דער אַרבעטער שטויסט זיך צוזאַמען ניט נאָר מיטן קאַפּיטאַליסט, נאָר אויך מיטן אָרגאַניזירער, מיטן קלאַס פון אָרגאַניזאַטאָרן.

מיר האָבן נאָך געדאַרפט צוגעבן אַ פערטן מאָמענט — דערפינדונג.

דאָס איז פאַרהעלטנישמעסיק אַ נייער אַרויסוווקס, און האָט צוגעצויגן ווײ־

ניק אויפמערקזאַמקייט צו זיך מצד די טעאָרעטיקער, איבערהויפּט פון די אַזוי גערופענע „פּראָלעטאַרישע" פאָרשער.

אַרבעט און דערפינדונג, דאָס איז אַ נייער קניפּל אויפן שנירל פון עקאָנאָ־מישע פּראָצעסן.

נעמט די עדיסאָן־קאָמפּאַניע, די וועסטינגהויז און נאָך און נאָך.

דאָ האָט איר צו טאָן ניט מיט פּשוטע קאַפּיטאַליסטן, קאַפּיטאַליסטישע פירמעס. ניין, דאָ איז קאַפּיטאַל פאַרפּלאָכטן מיט אַ דערפינדונג.

און צו דעם מוז מען האָבן אַ באַזונדער צוגאַנג. די אַלטע פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט עס ניט אָפּגעשאַצט.

ווי איר זעט, איז די פראַגע שטאַרק קאָמפּליצירט געוואָרן.

אַרבעט, קאַפּיטאַל, אָרגאַניזאַציע, דערפינדונג — על־כן האָט איר פיר באַשטאַנדטיילן, פיר שותפים פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס.

נאָר מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט די פאַרדעמדיקע דריי און וועלן זיך אָפּשטעלן אַביסל אויפן מאָמענט פון אָרגאַניזאַציע.

דער אַרבעטערקלאַס, אין קאַמף קעגן קאַפּיטאַל, נעמט זיך אָרגאַניזירן. ער וויל גובר זיין קאַפּיטאַל דורכדעם, וואָס ער, דער אַרבעטערקלאַס, וועט זיך אָר־גאַניזירן אין גרעסערע מאַסן, אין אַ גרעסערער צאָל ווי ער איז אָרגאַניזירט, צוזאַמענגענומען און צוזאַמענגעבראַכט אין איין אָרט פאַרן קאַפּיטאַל, אין דעם אוממיטלבאַרן פּראָדוקציע־פּראָצעס.

די אַרבעטער, ניט־ווילנדיק, זענען פאַרבונדן דורך דער געמיינזאַמקייט פון דער אַרבעט.

דאָס טוט דער קאַפּיטאַל אַליין; אָן דעם וואָלט ער ניט געקענט פונקציאָ־נירן; ער מוז ברענגען די אַרבעטער צוזאַמען, און געבן זיי אַ באַשטימטע שטיקל אַרבעט.

דאָס איז דער ראשית פון אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אַ ריין־אינדוסטריעלער פּראָצעס.

דער אַרבעטער נעמט זיך אָרגאַניזירן און אַרויסוואַקסן פון די ענגע ראַמען פון דער איינצלנער פאַבריק, אויף וועלכער ער אַרבעט. און ער פאַרייניקט זיך מיט זיין ברודער־אַרבעטער, כדי צו האָבן עפּעס אַ שטיקל דעה, לכל־הפּחות, איבער די שכירות, וועלכע ער קריגט.

און ניט ווילנדיק, ניט באַמערקטערהייט, נעמט אויסוואַקסן אַ גרופּע „אָר־גאַניזירער", מענטשן, וועלכע האָבן אַ באַזונדערע באַגאַבטקייט, אַ באַזונדערע באַשאַנקנקייט צו באַהערשן דעם פּראָצעס פון אָרגאַניזאַציע.

אמת, די „אָרגאַניזירער" זענען די פריינט, די בעסטע גוטע פריינט פון אַרבעטערקלאַס. זיי זענען געקומען אים צו העלפן אָנפירן זיין קאַמף, דעם ביי־טערן קאַמף קעגן זיין שונא, דעם קאַפּיטאַל.

און אין דער ערשטער צייט זענען זיי באמת לייב פון זיין לייב אוןביין פון זיין ביין. אָבער מיט דער צייט, מיטן אָנוואַקס און אָנקלייב פון אָרגאַניזירטע כוחות, נעמען זיי זיך ספּעציאַליזירן און פאַוואָלינקע, קאַם־קאַם, נעמען זיי זיך אָפּרוקן, אָפּטיילן פון די מאַסן, און זיי שיידן זיך אַרויס אין אַ באַזונדער קאַטע־גאָריע, מיט באַזונדערע אינטערעסן, באַזונדערע אָנשוויונגען.

אָבער זיי שטייען נאָך פּאַרט אויף דער זייט פון דער באַריקאַדע. זיי שטייען נאָך אַלץ מיטן אַרבעטער קעגן קאַפּיטאַל.

דער פּראָצעס גייט אָן, ער קריסטאַליזירט זיך מער און מער.

קאַפּיטאַל שלאָפט ניט פאַר דער צייט, וואָס דער אַרבעטערקלאַס אָרגאַני־זירט זיך, אַנטוויקלט זיך פיל־וויניק.

די טעכנישע מיטלען, אַנגעווענדט אין דער אינדוסטריע, ווערן קאָמפּלי־צירטער, און די אינדוסטריע אַליין וואַקסט אויך, די צאָל אַרבעטער, פאַרנומען אין באַזונדערע צווייגן, קוועלט אָן, און איינצלנע, אָפּגעזונדערטע געביטן פון אינדוסטריע וואַקסן זיך צוזאַמען, אָדער גיסן זיך צוזאַמען, עס שווימען אַרויף די טראַסטן און קאַרטעלן.

די אָרגאַניזאַציע־פּראָצעסן, וועלכע ווערן דאָרטן אַנגעווענדט, זענען פיל־פאַכיקער איידער די יעניקע פון די קליינע ווערקשטאַטן.

און קאַפּיטאַל האַלט אויך אין איין אויסטיילן באַזונדערע קאַדרן פון אָרגאַ־ניזירער, פון מענטשן, וועלכע זענען ספּעציעל פאַרנומען מיטן אָנפירן דעם אָרגאַניזאַציע־פּראָצעס.

און פון בײדע זייטן נעמען זיך באַווייזן גרופּן, וועלכע זענען בעצם געגנו־מען גאַנץ פאַרוואַנדט, נאָענט סיי אין גייסט און סיי אין זייער אַרטפּאַרנעם אין דער אינדוסטריע.

דער „אָרגאַניזירער", וועלכער איז אויסגעוואַקסן אויפן געביט פון אָנפירן דעם קאַמף קעגן קאַפּיטאַל, און דער אָרגאַניזירער פון צווייטן צד, פון קאַפּיטאַל, נעמען זיך דערקענען און איבערשמועסן זיך איבער די קעפּ פון די אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן. זיי נעמען ווערן באַוווסטזיניק צו אַ געוויסער מאָס און זיי מאַכן אַ פאַרזוך זיך צו פאַרייניקן און זיך עטאַבלירן אַלס אַ נייער קלאַס.

די אָרגאַניזירער פון אַרבעטערקלאַס און די אָרגאַניזירער פון פּראָדוקציע־פּראָצעס דריקן זיך די הענט און ווערן איין קלאַס געשמידט דורך קלאַסנבאַ־ווּסטזיין און אַלגעמיינקייט פון אינטערעסן.

אַמבעסטן און קלאָרסטן זעט מען עס אין רוסלאַנד, ווו דער קאַפּיטאַליסט איז אַראָפּגעשטויסן געוואָרן פון דער אַוואַנס־סצענע, און דער אָרגאַניזאַטאָר, אונטערן נאָמען קאָמיסאַר, האָט פאַרנומען זיין אָרט.

דאָס איז דאָס קערנדל, דער תמצית, פון די גרויסע געשעענישן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד פון 1917־1928, ביז דאָס קערנדל איז באַ־וואַקסן געוואָרן דאָרטן, אַדאַנק געוויסע היסטאָרישע אומשטענדן, מיט אַ דיקן־ווילדן שאָלעכץ.

אָבער ניט וועגן רוסלאַנד ווילן מיר דאָ שרייבן. מיר נוצן עס מער ניט ווי אַן אָנווייז. אין רוסלאַנד איז עס בולט און קלאָר. אָבער אין אַ שוואַכערער און ווייכערער פאָרמע קען מען עס נעמען באַמערקן אין אַלע לענדער, וועלכע זענען אינדוסטריאַליזירט און די אַרבעטערשאַפט איז אָרגאַניזירט. מער ניט, וואָס דער קאַפּיטאַליסט פאַרשטעלט דאָ מיט זיינע ברייטע פּלייצעס דעם אָרגאַניזי־רער אין זיינע בײדע געשטאַלטן, אַרבעטער־אָרגאַניזאַטאָר און אינדוסטריע־אָר־גאַניזאַטאָר.

דעם אַרבעטערקלאַס איז די זאַך ניט קלאָר. ער גיט זיך ניט אָפּ קיין

ריכטיקן דין־וחשבון אין אַלעם דעם, וואָס דאָ קומט פאָר. ער איז נאָך ניט בכוח צו נעמען איבערשאַצן די שעצער, וועלכע ער האַלט פאַר אייגענע, ווען באמת געהערן זיי גאָר צו אַן אַנדער קלאַס.

ער מיינט נאָך אַלץ, אַז די אידעאָלאָגיע, מיט וועלכער ער טראָגט זיך אַרום, איז זיינע, ווען באמת געהערט זי צו דעם קלאַס „אָרגאַניזירער", וועלכער האָט פאַר אים געשאַפן די אידעאָלאָגיע און האָט אים איינגעשמועסט, אַז דאָס איז אַן „אַרבעטער־אידעאָלאָגיע".

ווי מיט אַ פופציק־זעכציק יאָר צוריק האָט זיך דער אַרבעטערקלאַס נאָכגעשלעפּט נאָך די קאַפּיטאַליסטן און זייערע אידעאָלאָגן, אַזוי שלעפּט ער זיך איצטער בלינדערהייט נאָך דעם קלאַס פון אָרגאַניזירער און זייערע „דענקער". זיי שטעלן אים צו זיין גייסטיקע שפּייז, וועלכע ער עסט מיט גרויס געשמאַק, און ער ווייסט ניט, אַז זיי סמען אים אָפּ, אַז זיי פאַרפירן און פאַרווירן אים. ער ווייסט עס ניט קלאָר, דייטלעך, באַוווסטזיניק. אָבער אינסטינקטיוו, אין די טיפענישן פון זיין קלאַסן־נשמה, פילט ער עפּעס, שפּירט ער עפּעס און ער נעמט זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס פאַרדאַכט צו זיינע „גרויסע גוטע פריינט", וועלכע דערקלערן זיך אים אין ליבע צען מאָל אַ טאָג, און האָבן אים העלטער ווי זיך אַליין. דערווייל איז עס אַ טונקעלער געפיל. אָבער ער לאָזט זיך שוין באַמערקן.

דער אַרבעטערקלאַס, פאַר די לעצטע צענדליק יאָר נאָך דער רוסישער לעקציע, וועלכע ער האָט געקראָגן און באַצאָלט פאַר איר גאַנץ טייער רבי־געלט, נעמט ביסלעכווייז מאַנעווורירן. ער נעמט אָנווערן זיין תמימות און אומשולדיקייט, זיין קינדערשן צוטרוי צו יענע, וואָסריידן כסדר אין זיין נאָמען.

ער נעמט, הגם טונקל, איינזען, אַז ער האָט מער שונאים ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז יענע, וועלכע זענען כלומרשט זיינע פריינט, זענען בעצם געטנומען אויך מער ניט ווי פאַרמאַסקירטע שונאים. און ווען ס'האַנדלט זיך וועגן פּראַקטישע, סטראַטעגישע מאָסרעגלען, נעמט ער אַרויסווייזן מער פאַרזיכטיקייט.

ווי איך האָב געזאָגט — ער מאַנעווורירט; ער קוקט און טראַכט פון וועלכן שונא קען מען קריגן, אַרויסרייסן גרעסערע הנחות. דערפאַר איז ער ביי זיך ניט אַזוי תקיף ווי פאַר דעם אין אַנגריף אויפן קאַפּיטאַליסטנקלאַס.

ווי יענער אַרענדאַטאָר אין בראַנשטעטערס מעשה האָט ער מורא צו בעטן אַ מפּלה אויפן פּריץ, טאָמער וועט דער צווייטער פּריץ, וואָס וועט קומען נאָך דעם ערשטן, זיין נאָך אַ גרעסערער שונא־ישראל און נאָך גרויזאַמער שינדן די פעל.

דער אַרבעטערקלאַס נעמט זיך אַרומקוקן און איבערלייגן און זיך פאַרטראַכטן: יאָ, דער קאַפּיטאַליסט איז אַ דם־שונא, אָבער דער „אָרגאַניזירער", וואָס טראָגט אַ שיינעם נאָמען, איז גאָר ניט אַזאַ גוטער פריינט.

און דער טונקעלער באַוווסטזיין דיקטירט די פאַרזיכטיקייט, וועלכע עס ווייזן אַרויס לעצטנס גרויסע אַרבעטער־קערפּערשאַפטן, די קאָנפעדעראַציעס פון פראַצע אַריינגערעכנט. דערפאַר לאָזן זיך הערן אַזוי העזהדיק די שטימען מכוח אַ פאַרשטענדיקונג, אויסגלייך צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל.

דער אַרבעטערקלאַס נעמט פילן, אַז אַ שונא שטייט הינטער זיין רוקן און

טשאַטעוועט אויף אים. ער וואַרט און קוועלט אָן פון הנאה, אַז אָט־אָט וועט דער אַרבעטער בייקומען דעם קאַפּיטאַליסט, אָבער אין געשלעג וועט ער אַזוי אָפּגעשוואַכט ווערן, אַז ער, דער דריטער, דער נייער אויפגעקומענער, וועט זיך אים אַוועקזעצן אויפן רוקן און פאָרן ווייטער רייטנדיק אויף אים.

דער פּחד פאַרן דריטן — דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע אין דער אַר־בעטער־פּסיכאָלאָגיע פון אונדזער צייט.

ה.

קאַפּיטאַל, אַרבעט און שטאַט

אייגנטלעך, האַלט דער מלוכה־סאָציאַליסט אין איין טענהן, אַז דער אַר־בעטער דאַרף בלויז זען אויסצונוצן דעם שטאַט, דעם מלוכה־אַפּאַראַט, די גע־זעצגעבערישע מאַכט אין זיין קאַמף קעגן קאַפּיטאַל.

אַרבעט און קאַפּיטאַל ראַנגלען זיך. די קאַפּיטאַליסטן זענען אין דער מינדערהייט, די אַרבעטער — אין דער מערהייט, און היות, אַז אין לאַנד הערשט אַ דעמאָקראַטיע, זענען די אַרבעטער בכוח צו געברויכן זייערע פּאָליטישע רעכט, אַלס אויסקלייבער, אַלס שטימענאָפּגעבער, און בזה־האופן אויסאיבן אַ דרוק אויפן קאַפּיטאַל, אַרויסגעבנדיק סאָציאַלע געזעצן, וועלכע זאָלן שטיין אויף דער וואַך און אָפּהיטן דעם אַרבעטער און פאַרטיידיקן זיינע פּאָזיציעס.

דאָס איז דער אָנהייב פון דער אַרגומענטאַציע און געדאַנקענגאַנג.

און כל־זמן דער מלוכה־סאָציאַליסט האַלט זיך אין די גרענעצן פון אויס־נוצן דעם שטאַט, מוז מען צוגעבן, אַז ער רעדט כמעט ווי צו דער זאַך.

כל־זמן דער שטאַט עקזיסטירט, דאַרף מען זען, אַז ער זאָל פאַרוואַלטעט ווערן אַזוי, אַז ער זאָל ניט נאָר ניט שטערן דעם אַרבעטערקלאַס אין זיין קאַמף פאַרן אויסבעסערן זיין לאַגע, נאָר פאַרקערט, ער זאָל נאָך אים אַרויסהעלפן.

דאָס איז אייגנטלעך געווען איינער פון די הויפּטגעדאַנקען פון לאַסאַלן. אין אַמעריקע זעט מען, ווי שווער עס איז אויסצונוצן די אַזויגערופענע דע־מאָקראַטיע צו גונסטן דעם אַרבעטערקלאַס, אָבער טעאָרעטיש גענומען קען מען דאָך אָבער ניט באַהויפּטן, אַז אַזאַ זאַך איז בעצם ניט מעגלעך.

און דער מלוכה־סאָציאַליסט, אין דעם ערשטן טייל פון דעבאַטירן קעגן דעם אַנאַרכיסט, האָט זיך געפילט גאַנץ תקיף, שטייענדיק אויף אַ געזונטן באָדן פון אַ רעאַלן פאַרשטיין און אויפפאַסן די סאָציאַלפּאָליטישעווירקלעכקייט.

אַ דעמאָקראַטיע בינדט פונאַנדער גאַנצע אוצרות כוחות, פאַר וואָס זאָל עס ניט אויסנוצן דער אַרבעטערקלאַס, דער קלאַס, וועלכער קען גרינג געווינען אַ מערהייט! אמת, אַ מערהייט וואָלט דער אַרבעטערקלאַס ערשט דעמאָלט געקענט קריגן, ווען ער וואָלט זיך געהאַט פאַראייניקט מיטן מיטלקלאַס, אָבער דאָס זענען איינצלהייטן, וועלכע רירן אָן בלויז די טאַקטישע זייט, ניט דעם פּרינציפּ.

ווייטער: אַמאָליקע יאָרן האָבן די מלוכה־סאָציאַליסטן געגלויבט, אַז דער מיטלקלאַס וועט גאָר אין קורצן אונטערגיין, ווערנדיק צעשפּליטערט, אַ טייל פון אים פאַרשלונגען פון פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע, וועלכער קומט פאָר, און אַ צווייטער טייל פון פּויפּעריזאַציע. איינס פון די בײדע, האָבן זיי געטענהט: אָדער דער מיטלקלאַס וועט אונטערגיין און פאַראָרעמט ווערן און אַזוי אַרום אַראָפּגעוואָרפן ווערן פון די וואָגשאָלן, אָדער ער וועט אַריינגעצויגן ווערן אין די רייען פון די אַרבעטער, אַדאַנק דעם, וואָס דער גרויסער קאַפּיטאַל, ווי אַ גרויסער פיש, פאַרשלינגט דעם קליינעם געשעפטסמענטש מיט זיין געשעפט.

איך וויל זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין אַ פונאַנדערנעם פון דער טעזיס.

וואָס מיר אינטערעסירט איז די צווייטע העלפט פון דער באַהויפּטונג.

און איך מוז זאָגן, אַז אויף וויפל די ערשטע העלפט האָט אויסגעזען פּראַקטיש און רעאַליסטיש, אויף אַזויפיל איז די צווייטע העלפט אינגאַנצן אומרעאַליסטיש, און הויפּטזעכלעך ניט אויסגעהאַלטן לאָגיש.

זעט: מען הייבט אָן מיט דעם געדאַנק, אַז אַרבעט דאַרף אויסנוצן דעם שטאַט אין קאַמף קעגן קאַפּיטאַל, און מען פאַרענדיקט מיט דעם פאָרשלאַג, אַז אַלץ: די אינדוסטריע, די ווירטשאַפט, סיי די פּראָדוקציע און סיי דער אויסטויש, זאָלן אָוועקגעגעבן ווערן דעם שטאַט, אין זיין רשות און יוריסדיקציע. ער זאָל ווערן דער באַלעבאָס פון דעם.

פאַרוואָס קומט עס אים? צוליב וואָס זאָל עס אַזוי געטאָן ווערן? פאַרוואָס זאָל דער אַרבעטערקלאַס אַזוי זעלבסטמערדעריש האַנדלען?

זאָלן מיר נאָכגעבן דעם סאָציאַלדעמאָקראַט, אַז דער שטאַט דאַרף און קען אויסגענוצט ווערן. אָבער פון דעם איז נאָך גאַנץ ווייט צום צווייטן געדאַנק — אַז דער שטאַט זאָל אַלץ איבערנעמען. מען לייגט כלומרשט פאָר דעם אַרבעטער־קלאַס, אַז ער זאָל אויסנוצן דעם שטאַט, און צום סוף שטעלט זיך אַרויס, אַז דער שלוס, דער סוף־פּסוק, איז, אַז דער שטאַט זאָל אויסנוצן דעם אַרבעטער־קלאַס און ביי אים אָוועקנעמען די ווירטשאַפט.

און עס איז מערקווירדיק, אַז אייגנטלעך ווידערהאָלט זיך דאָ דער אייגענער טעות, וועלכן מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל אויפגעדעקט אין מלוכה־סאָציאַליסטישן געדאַנקענגאַנג.

זיי הייבן אָן מיט אַ קלאַסן־אידעאָלאָגיע, מיט אַ קלאַסנקאַמף — און פאַר־פאָרן אין סאָציאַליזירונג, אין איבערגיין צו אַן איינהייטלעכער געזעלשאַפט. מען קען דאָך ניט האַלטן דעם שטעקן ביי ביידע עקן. אויב מען שטייט אויפן שטאַנד־פּונקט פון אַרבעטערקלאַס, דאַרף מען אויף דעם שטאַנדפּונקט בלייבן און מען קען ניט פּלוצלונג אַריבערשפּרינגען, פאַרלאָזנדיק דעם שטאַנדפּונקט פון קלאַס און זיך שטעלן אויף אַן אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכן באָדן.

דאָ איז דער איבערברוך נאָך מער שרייענדיק.

מען הייבט אָן מיט דעם איינפאַכן און גלאַטן געדאַנק, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל זען אויסנוצן דעם שטאַט, די סאָציאַלע געזעצגעבעריי, און מען גייט פּלוצלונג אַריבער אין אַ דיאַמעטראַלן קעגנזאַץ — אָוועקגעבן אַלץ דעם שטאַט.

דער אַרבעטער ווערט אַריינגעצויגן, כמעט ווי אַריינגענאַרט, אונטער דעם אויסרייד פון אויסנוצן דעם שטאַט, אַלס פאַרמיטלער פון די צוויי קעמפנדיקע

צדדים; אָבער דער לעצטער שאַרט זיך צו און פון אַ פּאַרמיטלער ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ באַלעבאָס, און ער נעמט צו די באַלעבאַטישקייט. שטילער־הייט, מעשה־קאַץ, רוקט ער זיך צו צו דער ווירטשאַפט, נעמט זיך אַריינמישן און צום סוף לייגט ער אַרויף אויף איר זיין לאַפּע.

פון דער ראָלע פון אַ פאַרמיטלער און אַ בעל־רחמים, וועלכער נעמט זיך אָן די קריוודע פון אַרבעטערקלאַס, ביזן איבערנעמען די ווירטשאַפט, איז אַ רעכט שטיקל וועגס.

לאָמיר געבן אַ קוק, ווי דער דריטער שטאַנד און דער קאַפּיטאַליסטנקלאַס האָבן געהאַנדלט בנוגע דעם שטאַט.

אמת, זיי האָבן אים אויסגענוצט אין זייער קאַמף קעגן די פעאָדאַלן, קעגן די פריצים, זיי האָבן אַרויסגעגעבן געזעצן און אָפּגעשאַפט די פּריווילעגיעס פון די הערשנדיקע שטאַנדן, עקספּראָפּריאירט זייער לאַנד, באַרויבט זיי פון זייערע טיטולן און רעכט... און דאָ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט דערטראַכט צו דער מאָדנער היסטאָרישער פאַרבלענדניש־נאַרישקייט: אַז היות מען נעמט צו די גיטער, דעם ערדבאַזיץ, פון די גרויסע פריצים, דאַרף מען עס אַוועקגעבן דעם שטאַט.

בנוגע דער פּויערימפראַגע האָבן עס אַלע פאַרשטאַנען, אַז אויב מען שאַפט אָפּ לייבאייגנטום, הייסט דאָס, אַז מען מוז נעמען די ערד און איבערגעבן זי דעם פּויערטום, די יעניקע, וועלכע באַאַרבעטן זי, קולטיווירן זי, און ניט דעם שטאַט.

מען האָט דאָך דאָרטן אויך געקענט מאַכן דעם זעלביקן גרייז און אָפּ־שאַפנדיק פּריוואַטן לייבאייגנטום, איינפירן בשעת־מעשה מלוכהשן לייבאייגנטום. דאָס הייסט לאָזן פאַנשטשיזנע, נאָר האָבנדיק עס נאַציאָנאַליזירט אָדער סאָציאַ־ליזירט.

עס קומט טאַקע עפּעס אויס, אַז די מלוכה־סאָציאַליסטן האַלטן די אַרבע־טער פאַר גרעסערע נאַראָנים ווי די פּויערים. מען דאַרף אָבער צופיל ניט בויען אויף יענעמס נאַרישקייט... ווייל טאָמער נעמט ער און ווערט פּלוצלונג קלוג?

דערפאַר טאַקע איז פאָרגעקומען דער אומדערוואַרטער דורכפאַל מיטן רו־סישן אַזוי גערופענעם „קאָמוניזם”, וועלכער האָט געפּריידיקט דעמאָקראַטיזם כל־זמן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסנוצן די דעמאָקראַטיע קעגן דעם קאַפּיטאַליסטנקלאַס, אָבער ווי נאָר די מלוכה, אין דער סאָציאַלער פאָרזאָן פון דעם ביוראָקראַטישן קלאַס, האָט פאַרנומען די ווירטשאַפט, אַ זאַך, נאָך וועלכער זיי האָבן געגאַרט און געלעכצט, האָבן זיי גלייך פאַרקירעוועט אויף אַ דיקטאַ־טור. ווייל דער שטאַט, ווערנדיק באַלעבאָס, אַן עקאָנאָמישער סוביעקט, שטויסט זיך צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע קלאַסן, מיטן מיטלשטאַנד און מיטן אַרבעטער־קלאַס. און כדי זיך צו באַוואָרענען אַנטקעגן אַזויפיל שונאים, וועלכע זענען נאַ־טירלעכערווייז אַ מערהייט אין געזעלשאַפט, מוז דער שטאַט אָנווענדן דראַקאָ־נישע געזעצן און מעטאָדן.

דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער אומלאָגישקייט פון דעם זאַץ. אויסנוצן דעם שטאַט איז איין זאַך, און איך צווייפל שטאַרק, צי דער קלאַסישער אַנאַרכיזם איז געווען גערעכט אין זיין איינשפּאַרן זיך אויף דעם פונקט, און דערקלערן

דעם שטאַט אַלס עפּעס אַ מין טאַבו, אַ מין שרץ, וואָס איז מטמא, פאַראומריייניקט יעדערן, וועלכער רירט זיך צו צו אים.

אָבער דערפאַר בנוגע דער צווייטער העלפט איז דער אַנאַרכיזם געווען אויסגעהאַלטן ביז גאָר און זייער רעאַליסטיש.

אַרבעט נייטיקט זיך אין שטאַט יעדנפאַלס ניט מער ווי קאַפּיטאַל. און פאַרוואָס זאָל אַרבעט, דער אַרבעטערקלאַס, זיך דערקלערן פאַר אַזאַ גרויסן גוטן פריינט פון שטאַט, אַז ער זאָל אים אַלץ אָנפאַרטרויען? און אויב די קאַפּיטאַ־ליסטן, אין דער פאַרשווין פון די ליבעראַלן און זייערע יורידישע אידעאָלאָגן, האָבן דערקלערט דעם שטאַט אַלס אַ נאַכט־שומר, ווו איז דער שכל, יושר און לאָגיק, אַז אַרבעט זאָל אים פּראָקלאַמירן ווי דעם „כל־וכל" פון דער נייער געזעלשאַפט, אים אַלץ אַוועקגעבן, אַוועקשענקען!

די בעסטע דעמאָקראַטיע קען ניט באַוואָרענען דעם אַרבעטער קעגן די מיסברויכן פון שטאַט אויף מאָרגן נאָכדעם ווי דער לעצטער נעמט איבער און פאַרוואַלט די גאַנצעווירטשאַפט. דער ביוראָקראַט וועט זיין אַן ערגערער באַלע־באָס און עקספּלואַטאַטאָר פון קאַפּיטאַליסט.

און איך שטעל זיך ניט פאָר, אַז דער אַרבעטערקלאַס וועט מיט גוטן גיין אויף דעם וועג פון אַוועקגעבן די ווירטשאַפט, פאַר דער באַהערשונג פון וועלכער ער קעמפט קעגן קאַפּיטאַליסט, דעם שטאַט.

ווען דער אַרבעטערקלאַס וועט איבערנעמען די ווירטשאַפט, וועט ער זי האַלטן פאַר זיך, אָנערקענענדיק דאָס רעכט פון אַרבעט, פון אַרבעטער אויף זיינע פּראָדוקטן.

„האוחז ביד" איז פאָרט די בעסטע תפילה.

ניט שוין־זשע פאַרשטייט עס ניט דער אַרבעטערקלאַס?

ז.

די אַרבעטערפראַגע

עס זענען דאָ פראַגן, וועלכע זענען בעצם גענומען איינפאַך, נאָר אַדאַנק געוויסע אומשטענדן האָט מען זיי אַזוי פאַרדרייט און פאַרקרוטשעט, אַז, „דער טייוול אַליין קען אַ פוס צעברעכן", ווי מען זאָגט אין רוסיש.

צו דעם סאָרט געהערט אויך די אַרבעטערפראַגע.

זעט ווי מאָדנע די זאַך איז פאַרקריפּלט געוואָרן.

אַ מלוכה־סאָציאַליסט האַלט אין איין טענהן, אַז ער שטייט אויפן שטאַנד־פּונקט פון אַרבעטערקלאַס, אַז ער פאַרטיידיקט די אַרבעטער־אינטערעסן, אַז ער פאַרטיפט דעם אַרבעטערס קלאַסנבאַוווסטזיין, אַז ער פריידיקט און פירט אַן דעם קלאַסנקאַמף. און עס וואָלט זיך וועלן אים גלויבן, אַז ער טוט עס טאַקע. אָבער פּלוצלונג גיט ער זיך אַ בויג־איבער, אַ וואָרף־אַריבער און ער שטייט שוין מיטביידע פיס אויפן שטאַנדפּונקט פון דער געזעלשאַפט, אַלס אַזוינער,

אָדער נאָך ריכטיקער: אויף דער פּלאַטפאָרמע פון שטאַט. און אַזוי שליידערט ער זיך פון עק צו עק מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז עס איז שווער צו זאָגן ווו שטייט ער באמת.

ווי אַזוי לייזט אַ מלוכה־סאָציאַליסט די אַרבעטערפראַגע?

ער האָט איין ענטפער: די אינדוסטריע דאַרף נאַציאָנאַליזירט ווערן.

נאַציאָנאַליזירט ווערן — וואָס באַדייט עס? אַוועקגעבן עס דער נאַציע, ווי אַזוינער.

דאַן רעכט, איז עס דאָך אַן ענין פאַר דער נאַציע, פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג. און אויב אַזוי, אויב די נאַציע, ווי אַ גאַנצע, קריגט אַ ווירטשאַפט, אַן אינדוסטריע — דאַרף זי דאָך זיין פאַראינטערעסירט אין דעם, צו קריגן זי, און זי מעג זיך אָנשטרענגען טאָן עפּעס צו גונסטן דעם איבערגאַנג פון דער ווירטשאַפט פון די פּריוואַטע הענט, אין וועלכע זי געפינט זיך, צו קהלשע הענט און רשות. דער שטאַנדפּונקט איז דעמאָלט אַן אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכער שטאַנדפּונקט. אַ געזעלשאַפט קען ניט דערוואַרטן צו קריגן אַ ווירטשאַפט פאַר גאַרניט טאָן. די געזעלשאַפט, ווי אַ גאַנצע, וויל איבערנעמען די ווירטשאַפט און אָנגיין מיט דער אַרבעט, אַדמיניסטרירן זי, פאַרוואַלטן זי צו איר טובה; צו ווענען דאַרף מען זיך דעמאָלט ווענדן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט? צו דער געזעלשאַפט. ווי אַזוי קען מען דאָ אָנווענדן אַ קלאַסנשטאַנדפּונקט?! ווען דער ענין אינטערעסירט אַלעמען אַן אויסנאַם פון קלאַס, ווען אַלע שיכטן פון פאָלק נעמען איבער די אינדוסטריע — טאָ זאָלן זיי אַרבעטן דערפאַר. זאָלן זיי קעמפן דערפאַר.

אַזאַ שטאַנדפּונקט איז באמת אַ נאַציאָנאַלער, אַן „עקאָנאָמיש־נאַציאָנאַלער". אויב די נאַציע איז אַ גאַנצע זאַך, איז עפּעס אַ מהות, דאַן דאַרף זי זיך אַרויסווייזן אויפן עקאָנאָמישן געביט, ווי זי האָט זיך, צו אַ געוויסן גראַד, אַרויסגעוויזן אַלס אַ יש אויפן פּאָליטישן פעלד. זי האָט געשאַפן אירע פּאָליטישע אינסטיטוציעס, וועלכע געהערן ניט צו פּריוואַטע מענטשן, נאָר צו דער נאַציע, ווי אַ גאַנצער, זאָל זי שאַפן דאָס גלייכן אין עקאָנאָמיק. זאָל זי טאָן דאָס אייגענע אין דער ווירטשאַפט.

נאַציאָנאַליזאַציע פון אינדוסטריע איז ניט קיין ליבעראַליזאַציע פון אינדוסטריע. עס איז בשום־אופן ניט דאָסזעלביקע. אויב עס איז אמת, אַז די באַפעלקערונג וועט געווינען פון דעם, וואָס די אינדוסטריע וועט ווערן נאַציאָנאַליזירט, אויב דער זאַץ איז אַ ריכטיקער, דאַרף מען אים אַרויסזאָגן מיטן גאַנצן מויל, און ציִען אַלע קאָנסעקווענצן פון אים. זיך ניט שעמען און זיך אָפּזאָגן פון קלאַסנשטאַנדפּונקט, ווייל אין דעם פּלאַן, אין דער לייזונג, איז אַריינגעצויגן באמת די גאַנצע חברה, אַלע סאָציאַלע עלעמענטן, דער קהל, דער גרויסער רבים. אָנהייבן אָבער מיטן אַרבעטערקלאַס, אַרבעטער־קלאַסנבאַוווסטזיין, קלאַסנקאַמף, שטיין כלומרשט אויפן קלאַסנשטאַנדפּונקט — און צום סוף פאַרפאָרן אין נאַציאָנאַליזאַציע, קען מען ניט. צו זאָגן דאָס מינדסטע וועגן דעם — עס איז ניט אויסגעהאַלטן, עס איז ניט לאָגיש. מען פאָדערט אויף איין קלאַס, ער זאָל קעמפן, ער זאָל זיך אָנשטרענגען, ער זאָל געבן קרבנות, ער זאָל אָנפירן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. דאָס זענען אַלץ זאַכן, וואָס ווערן ניט גרינג דורכגעפירט, וואָס

קאַסטן ענערגיע, מי, אַנשטרענגונג און וועל־כולם לעבנס. די רעדער פון דער געשיכטע ווילן זיך פון זיך אַליין ניט דרייען, מען דאַרף זיי שמירן.

ווער דאַרף עס אַלץ טאָן? ווער איז עס מחויב צו טאָן? — דער אַרבעטער־קלאַס. ווער וועט קריגן דעם רעזולטאַט? דעם קריג, דעם קלאַסנקריג, פירט אָן דער אַרבעטער — ווער וועט נעמען דעם „רויב", דעם קלאַסנרויב, דעם געווינס? — אָ, דאָס וועט נעמען די גאַנצע געזעלשאַפט, דער קהל וועט איבערנעמען די ווירטשאַפט. אויב אַזוי, זאָל דער קהל אָנפירן דעם קריג, זאָל ער זיך באַטייליקן אין די קרבנות, אין אָנשטרענג, אין געשלעג. און אויב ער טוט עס טאַקע — טאָ ווי אַזוי קען מען ריידן וועגן אַרבעטערקלאַס ספּעציעל, — וועגן זיין שטאַנד־פּונקט, וועגן זיינע אינטערעסן?

די לייזונג פון דער פראַגע איז אין ווידערשפּרוך מיט דער פאָרמולירונג פון דער פראַגע. דאָס הייסט געהאַלטן דעם שטריק ביי ביידע עקן. מען קען דאָך ניט באַצייכענען אַלס „אַרבעטערשטאַנדפּונקט" אַזאַ מאָדנעם צוגאַנג צו דער פּראָבלעם. דאָס וואָלט זיין אַ פאַלשער קלאַסנשטאַנדפּונקט. כל־זמן מען דאַרף, שונא ישראל, אַנלייגן מיטן קאָפּ, ברענגען קרבנות — שטייט מען אויפן אַרבע־טערשטאַנדפּונקט, דאָס הייסט, מען פאָדערט אויף דעם אַרבעטער עס צו טאָן.

און ווען עס האַלט שוין נאָכן זיג, ווען מען האַלט ביים טיילן דאָס געווונענע — דעמאָלט שטעלט מען אַרויס גאָר אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, דעמאָלט לאָדט מען איין די גאַנצע געזעלשאַפט. זי זאָל קומען און זאָגן איר דעה, און נעמען באַלעבאַטעווען איבער דער ווירטשאַפט, וועלכע דער אַרבעטערקלאַס האָט מיט זיין מסירות־נפש און בלוטפאַרגיסונג אַרויסגעריסן פון די קאַפּיטאַליסטן.

איך גלויב, אַז די מלוכה־סאָציאַליסטן זענען אַביסל צו גרויסע אַלטרויִסטן... צו גרויסע נדבנים אויפן חשבון פון אַרבעטערקלאַס... איינס פון די ביידע: אָדער בייטן אינגאַנצן דעם שטאַנדפּונקט און זיך אָוועקשטעלן אויף אַן אַלגעמיין־מענטש־לעכן שטאַנדפּונקט, און אָוועקוואַרפן די פּלאַפּלעריי וועגן אַרבעטער־קלאַסנבאַוווסט־זיין, קלאַסנקאַמף וכדומה, אָדער זיך שטעלן אויפן קלאַסנשטאַנדפּונקט און פאָר־מולירן די לייזונגט פון דער אַרבעטערפראַגע אַלס די ליבעראַציע פון אינדוסט־ריע. פּשוט גערעדט, אַן פרעמדע ווערטער: איבערגעבן די ווירטשאַפט אין רשות פון אַרבעטערקלאַס. ניט אָוועקגעבן די ווירטשאַפט, די אינדוסטריע דער נאַציע, נאָר דעם אַרבעטערקלאַס. דאָס וואָלט שטימען מיטן אָנהייב, דאָס וואָלט זיין אין איינקלאַנג מיט דער טעאָריע פון קלאַסנקאַמף, קלאַסנבאַוווסטזיין.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די פאַרווירעניש וועט נאָך געדיכטער ווערן, ווען מיר וועלן נעמען אויסטייטשן דעם וואָרט „נאַציאָנאַליזאַציע" אָדער „סאָ־ציאַליזאַציע". איינפאַך גערעדט, הייסט דאָס, אַז מען לייגט פאָר דעם אַרבעטער־קלאַס צו באַקעמפן דעם קאַפּיטאַליסטנקלאַס, צו „עקספּראָפּריאירן די עקספּראָ־פּריאַטאָרן", אָוועקצונעמען ביי זיי די ווירטשאַפט און אָוועקגעבן זי דער רע־גירונג.

וועלכער סאָרט רעגירונג? דאָס איז אַ מחלוקת פון די פוסקים. דאָס איז אַ שטרייטפראַגע. סאָציאַלדעמאָקראַטן זאָגן — אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג; קאָ־מוניסטן זאָגן — אַ דיקטאַטאָרישער רעגירונג, אַן אַרבעטער־ און פּויערים־מאַכט. זיי רופן עס די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט מיט אַ „צוטשעפּ" פון פּירער.

מיר ווילן דאָ ניט עפענען קיין דיסקוסיע, צי אַ דעמאָקראַטיע איז באמת דעמאָקראַטיש, צי די אַרבעטערעגירונג איז באמת אַן אַרבעטעררעגירונג. דאָס וואָלט אונדז אָפּגעצויגן פון דער פראַגע, וועלכע מיר ווילן באַהאַנדלען. נאָכגעגעבן, ביידע שיטות זענען גוט. אָבער די פראַגע בלייבט דאָך אַלץ: פאַרוואָס זאָל דער אַרבעטערקלאַס נעמען אַ ווירטשאַפט, וועלכע ער האָט דערוואָרבן, זאָלן מיר זאָגן, אין אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אָדער אויף אַן אַנדער אופן, און זי אַוועקגעבן דער דעמאָקראַטישער אָדער דער דיקטאַטאָרישער רעגירונג?

ווען איר פרעגט אַ קאָמוניסט: וועלכער פאָרמע פון אַ רעגירונג עקזיסטירט אין אַמעריקע, אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד? וועט ער אייך ענטפערן: דאָרטן עקזיסטירט אַ דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע, און קעגן אָט־דער דיקטאַטור וויל ער אויפריכטן אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

גיט אים נאָך. טוט אים אַ טובה. זאָל זיין אַזוי. אָבער עס וואָלט געלוינט זיך צוצוקוקן צו דער „דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע", זען ווי אַזוי זי פירט זיך אויף, ווען זי איבט אויס איר דיקטאַטאָרישע מאַכט. קיינער וועט ניט זאָגן, למשל, אַז די מאָרגאַן־חברותא זענען קעגנער פון דער אַמעריקאַנער מלוכה, דאָס אייגענע קען קיינער ניט באַהויפּטן בנוגע פאָרדן, ראָקפעלערן און כדומה פירמעס. די אויבן־אויסגערעכנטע נעמען זענען ניט קיין קעגנער פון אַ רעגירונג בכלל און ניט קיין שונאים פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעגירונג. פאַרקערט, מען וועט גאַנץ גרינג קענען איינזען, אַז זיי זענען די גרעסטע, בעסטע גוטע פריינט פון דער רעגירונג, וועלכע פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן, וואַכט איבער זיי, גיט אַכטונג מען זאָל זייערע אינטערעסן ניט שעדיקן, ניט פון אינעווייניק און ניט פון דרויסן. אָבער נאָך אַלעמען, ניט קוקנדיק אויף דער גאַנצער גוטער פריינטשאַפט, וואָלט קיינעם פון די פירמעס ניט איינגעפאַלן צו נעמען זייערע געשעפטן און אָנטרויען זיי, אָדער אַוועקגעבן זיי זייער רעגירונג, הגם די לעצטע איז „זייערע", פאָלגט זיי, געהאָרכט זיי, אָדער, וואָס נאָך בעסער, ליגט ביי זיי אין קעשענע...

שטעלט זיך פאָר אַ „טעאָרעטיקער", וועלכער זאָל קומען צו דעם קאַפּיטאַליסטנקלאַס און זאָל אים פאָרלייגן, ער זאָל אוועקשענקען די ווירטשאַפט און רייכטימער, וועלכע ער פאַרמאָגט, צו זיין רעגירונג, צו זיין ליבער טייערער מלוכה. קיין באַוווסטזיניקער קלאַס וועט עס קיינמאָל ניט טאָן. און קיין באַוווסטזיניקן קלאַס וועט מען עס ניט פאָרלייגן.

פאַרוואָס? ווייל ער וואָלט זיך אויסלאַכן פון אַזאַ פּלאַן. און ווען איר וואָלט נעמען איינטענהן: ס'טייטשט, פאַרוואָס זאָלט איר ניט טרויען „אייער" רעגירונג, זי איז דאָך אייערע! איר פאַרמאָגט דאָך אַ „בורזשואַזע דיקטאַטור"! גיט איר, זאָל זי פאַרוואַלטן אייער ווירטשאַפט! וואָלטן זיי שמייכלען אין די וואָנצעס און זאָגן בערך בזה הלשון: — שוטה איינער, די רעגירונג איז „אונדזערע", ווייל מיר האַלטן די ווירטשאַפט אין אונדזערע הענט און זי דאַרף צו אונדז אָנקומען פאַר יעדן גראָשן. אין דעם מאָמענט, ווען מיר וואָלטן איר אַוועקגעגעבן אונדזער ווירטשאַפט, וואָלט די רעגירונג אויפהערן צו זיין אונדזערע — מיר וואָלטן ווערן „אירע". היינט באַלעבאַטעווען מיר איבער איר און דעמאָלט וואָלט זי זיך איזדעקעוועט איבער אונדז. און דאָס איז אַ שטיקל אונטערשייד.

און דעם אומגעלומפּערטן פּלאַן, וועלכן קיינער וואָלט קיין העזה ניט האָבן פאַרצוליייגן דעם קאַפּיטאַליסטנקלאַס, האָט מען פאַרגעלייגט, מיט אַ גאַנץ ערנס־טער וויסנשאַפטלעכער מינע, דעם אַרבעטערקלאַס און מען האָט עס אַרויסגעגעבן פאַר אַן „אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט״.

דעמאָקראַטיע, סאָוועטן, וועלכע פאָרמע פון אַ רעגירונג דאָס זאָל ניט זיין, — אָבער פאַרוואָס קומט איר דיווירטשאַפט?! פאַרוואָס זאָל דער אַרבעטערקלאַס איר אוועקגעבן „זיין״ ווירטשאַפט? דער קאָמוניזם צערייסט זיך שרייענדיק, אַז ער וועט שאַפן אַן אַרבעטעררעגירונג. רעכט. זאָל זיין אַזוי. די בורזשואַזיע פאַר־מאָגט דאָך אַ בורזשואַזע רעגירונג, און די פירמעס ראָטשילד, מאָרגאַן און אַנ־דערע זענען ווייט פון אַנאַרכיסטישע געדאַנקען. זיי זענען חו״ש ניט קיין אַפּי־קורסים אין דעם גלויבן, אַז מען דאַרף אַ שטאַט און זיי האָבן אים, נאָר אין זאַך וויסן זיי קלאָר — די ווירטשאַפט האַלט מען בעסער פאַר זיך אידער מען גיט זי אַוועק דער רעגירונג, דער „אייגענער״ רעגירונג.

און דער אַרבעטערקלאַס — מוז ער עס דווקא זיין נאַרישער פון אַלע אַנדערע קלאַסן און אַוועקשענקען די ווירטשאַפט, וועלכע קומט אים, פאַר וועלכער ער קעמפט, פאַר וועלכער ער בלוטיקט — דער רעגירונג, ווען זי איז שוין אַפילו זיינע? אָבער דער פּראָלעטאַריאַט איז גאָר אַן אַנדער ענין. ער, דער פּראָלעטאַריאַט, האָט גאָרניט וואָס אָנצוווערן... אוודאי, היינט האָט ער נאָך ניט קיין סך צו פאַרלירן, אָבער אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי ער קאָנפיסקירט דעם קאַפּיטאַליסטנקלאַס, האָט ער וואָס צו פאַרלירן. ער קען פאַרלירן די ווירטשאַפט, די פאַבריקן, די בענק, וועלכע ער האָט נאָרוואָס פאַרנומען אין קאַמף און גע־שלעג.

די אַרבעטערפראַגע, אויב מען שטייט אויף אַן אַרבעטערשטאַנדפּונקט, קען האָבן איין לייזונג.

איבערגעבן די ווירטשאַפט דעם אַרבעטערקלאַס און ניט טרויען זי קיין שום רעגירונג שבעולם, אַפילו דער בעסטער.

ז.

דער אַרבעטערקלאַס און זיין טאַקטיק

פויערטום און אַרבעטערטום

סיי מאַרקס און סיי לאַסאַל, ווען זיי רעדן וועגן אַרבעטערקלאַס און זעען פאַרויס זיין נצחון, שעפּן זיי זייער זיכערקייט אין דעם פאַקט, וואָס די בורזשו־אַזיע האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און אַריבערגעשטיגן די פּריצים, זיי פאַרשטויסן, פאַרדרוקט אין אַ ווינקל סיי עקאָנאָמיש און סיי פּאָליטיש. זיי זאָגן כמעט בזה־הלשון: אַזוי ווי די בורזשואַזיע האָט באַזיגט די פעאָדאַלן, אַזוי מוזן די פּראָלע־טאַריער בייקומען די היינטיקע פּריצים, די מאַגנאַטן פון גאָלד און געלט. דאָ

ליגט, לויט זייער פאַרשטיק, דער „היסטאָרישער מוז" פון געשיכטלעכער אַנט־וויקלונג.

אָבער די אַנאַלאָגיע שטעלט פאָר מיט זיך אַ טעות, אַ מיאוסן טעות. און זי איז זייער פאַרפירעריש. דער פאַרגלייך פירט ניט אַרויף אויפן וועג, נאָר דווקא אַראָפּ פון וועג.

דער פּראָלעטאַריאַט, פאַרשטאַנען אין דעם זינען פון אַן אַרבעטערקלאַס, איז מיט דער בורזשואַזיע גאָרניט צו פאַרגלייכן. די בורזשואַזיע איז, פאַר־העלטנישמעסיק, געווען אַ גאַנץ נייער קלאַס; די בורזשואַזיע איז ניט געוואַקסן פראָפּאָרציאָנעל מיטן וווּקס, אויסשפּרייט, קוואַליפיקאַציע און פאַרגרעסערונג פון דעם אַדלשטאַנד, פון די פּריצים. די פּריצישע ווירטשאַפט איז ניט איר ווירט־שאַפט. די בורזשואַזיע האָט באַשאַפן די שטאָט, די פאַבריק, דעם אויסטויש פון סחורות, דעם האַנדל און דערנאָך זיך געשמאַק אַ נעם געטאָן צו דער פּראָדוק־ציע, בשעת דער פּריץ איז געווען און געבליבן אַ „מחובר לקרקע", אַ צוגע־בונדענער צו זיין שטיק לאַנד, צו זיין הויף, צום דאָרף, איבער וועלכן ער האָט „געקיניגט". די בורזשואַזיע איז ניט דער קאָנטראַגענט פון אַדלשטאַנד, פון דער פּריצימשאַפט. זי איז, כביכול, עפּעס אַ מין נייע „באַשעפעניש", אַן אייגנאַרטי־קער „אויפטו" אויפן געביט פון עקאָנאָמיק און פּאָליטיק. די בורזשואַזיע איז עפּעס ווי אַ מין נייער אַדלשטאַנד, נאָר פון אַן אייגנאַרטיקן סאָרט; די בורזשואַ־זיע איז אַ מין נייע אַריסטאָקראַטיע, ניט פון „בלויען בלוט", נאָר פון „געלט". דער אמתער קאָנטראַגענט פון דעם אַדלשטאַנד, זייער אַנטאַגאָניסטישער עלע־מענט, איז דאָס פּויערטום.

דאָס פּויערטום האָט אָפּגעטאָן, ביז צו אַ געוויסן גראַד, זיין שטיקל אַרבעט. עס האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע. מען האָט פאָרט באַזייטיקט „פּאַנשטשיזנע" (לייבאייגנטום, „קרעפּאָסטנאָיע פּראַוואָ"). און ווייל אין אַגריקולטור זענען די מאַסן אַרבעטער ניט געווען פאַרבונדן צווישן זיך אָרגאַניש און עס איז דאָרטן ניט געווען קיין מאַשינען־באַאַרבעטונג פון דער ערד (אַפילו ביי היינטיקן טאָג הינקט עס נאָך שטאַרק אונטער לגבי דער אינדוסטריע), דערפאַר האָט מען אויף יענעם געביט געלייזט די פּראַגע ניט דורך אַ העכערער פאַרייניקונג פון דער ערדאַרבעטעריי, נאָר, פאַרקערט, מען האָט די גרויסע הויפן און אימעניעס צעברעקלט. אַנשטאָט דעם איין גרויסבאַזיצער, דעם פּריץ, און די מאַסע ערד־לאָזע פּאַראָבקעס — די פּריצישע ערדפּראָלעטאַריער — האָט מען געשאַפן אַ גרויסע צאָל קליינע באַלעבאַטימלעך. ווי איר זעט, איז די לייזונג פון דער פּראַגע געווען גענייגט אין דער זייט פון אייגנטום. זאָלן אַלע האָבן עפּעס אַ שטיקל אָנהאַלט אויף דער ערד, ווייניק ערד, אָבער גוט פאַרטיילט, און אַנשטאָט דער גרויסער „אַגראַרער פּראָדוקציע" האָט מען גענומען איינפירן קליינע ערד־אַרבעטעריי.

פאַרוואָס האָט מען אַזוי פאַרענטפערט די פּויערים־פּראַגע? פאַרוואָס איז מען געגאַנגען אַראָפּ אַנשטאָט צו גיין אַרויף? דאָס איז דערפאַר, וואָס גרויסגוט־באַזיץ האָט ניט געהאַט קיין רעכטפאַרטיקונג אין די פּראָצעסן און מעטאָדן פון ערדקולטיווירונג. די באַאַרבעטונג איז סיי־ווי־סיי פאָרגעקומען כמעט ווי אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב. די קאָאָפּעראַציע פון די „כלאָפּעס" איז סיי־ווי־סיי געווען

אַן איינפאַכע; די צעטיילונג פון דער אַרבעט איז דאָרטן ניט געווען אַזוי פאַר־צווייגט ווי אין דער אינדוסטריע און ניט אַזוי נויטווענדיק. יעדערער האָט זיך ס׳רוב געפּאָרעט באַזונדער, באַאַרבעט זיין שטיקל גאָרטן אָדער פעלד. דערפאַר האָט מען עס געקענט אַזוי גרינג פונאַנדערטיילן, פונאַנדערשניידן. עס איז גע־ווען אַ גרויסער הויף, אַ סך אַרבעטער, גרויסע שטרעקעס לאַנד, אָבער די ערד־ווירטשאַפט איז ניט געווען קאָמפּליצירט. זי איז געווען גרויס אין שטח, אָבער פּשוט בנוגע די פאָרמעס פון אָרגאַניזאַציע; און אירע פונקציעס האָבן געקענט דורכפירן פּריוואַטע פּערזאָנען, אַרבעטנדיק באַזונדער, מיט אַ גרעסערן דער־פאָלג, איידער זייענדיק פאַרבונדן צוזאַמען און פּלאָנטערנדיק זיך איינער דעם אַנדערן אונטער די פיס.

ווייטער דאַרף מען צוגעבן, אַז די סאָציאַלפּאָליטישע פּראָצעסן, די ווירט־שאַפטלעכע און מלוכהשע ענדערונגען, זענען פאָרגעקומען ניט אָן דער ווירקונג פון דער בורזשואַזיע, וועמעס סקעלעט האָט זיך שוין דאַן פאָרמירט, און זי האָט שוין גענומען אויסאַיבן איר איינפלוס אויף דעם גאַנג פון די געשעענישן; און די בורזשואַזיע האָט ממש פאַרהייליקט די אידייע פון פּריוואַטן אייגנטום, האָט עס געהאַלטן פאַר אַ „דבר שבקדושה“, געמאַכט פון דעם אַ „געטשקע“. און אונטער איר השפּעה איז די לייזונג פון דער פאַנשטשיזנע־פראַגע געגאַנגען אויפן וועג פון פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פון קליינעם, פּריוואַטן באַזיץ.

און דאָ איז פאָרגעקומען אַ מאָדנע דערשיינונג.

די גבורה און מאַכט פון די פעאָדאַלן, פון די פּריצים, איז געלעגן איןביידע געביטן: סיי אין באַלעבאַטישקייט און סיי אין פּאָליטישער אַדמיניסטראַ־ציע. די פעאָדאַלן האָבן באַזעסן ניט נאָר לאַנד, נאָר פּאָליטישע מאַכט דערצו. זייערע „מלוכהלעך“, זייערע „שלעסער“, זענען געווען זייערע פעסטונגען. און גרויסגוטבאַזיץ איז צוזאַמענגעפאַלן מיט זייער פּאָליטישער הערשאַפט. זיי זע־נען געווען כמעט ווי אומאָפּהענגיק פּאָליטיש פון וועלכער ניט איז אויבערמאַכט. און די בורזשואַזיע, — אין איר ערשטער פאָרמאַציע, ריידנדיק אין נאָמען פון דריטן שטאַנד, פון דער נאַציע בכלל, פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, — האָט זיך אַ נעם געטאָן אַרויסצורייסן פון די פּריצישע הענט דעם פּאָליטישן מעכאַניזם. זי האָט גענומען באַפרייען די פּאָליטיק פון דעם רשות און שליטה פון די פעאָ־דאַלן מיט זייערע קליינטשקע השגות, קליינלעכע אינטערעסן און פאַרנעם, מיט זייער קינדערשן שפּיל אין קליינע סיניאָר־לענדעלעך און כדומה מאַנטשינקע „מדינהלעך“. פּאָליטיק מיט עקאָנאָמיק זענען דאַך ענג פאַרבונדן. האָט מען געדאַרפט ברעכן די פעאָדאַלישע עקאָנאָמישע מאַכט אויף אַמאָל מיט דער פּאָ־ליטישער.

אָבער ווי פאַרשידן זענען געווען די וועגן און מיטלען!

בעת אין פּאָליטיק האָט מען זיך אַ הייב געטאָן און געשאַפן די נאַציאָנאַלע מלוכה, אַ פּאָליטישן מעכאַניזם, וועלכער נעמט אַרום די גאַנצע נאַציע, געשאַפן אַ שטאַרקערן און גרעסערן און מער קאָמפּליצירטן אַפּאַראַט, איידער דער פּרי־ערדיקער, איז מען אין דער עקאָנאָמיק געגאַנגען, אַזוי צו זאָגן, צוריק; פון אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסן מעכאַניזם האָט מען אַראָפּגעזונקען צו גאָר אַ קליינעם.

און פּאָליטיק מיט עקאָנאָמיק האָבן זיך פונאַנדערגעשיידט און זייערע

אומפאַנגעגן פּאַלן ניט נאָר ניט צוזאַמען, נאָר בשעת איינער איז געוואָרן אַ גיגאַנט, גרויס ווי עוג־מלך־הבשן, אין דער אַנדערער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַרליק, קליין ווי אַ „פּימפּערנאָטער". און ווער ווייסט ווען זיי וועלן זיך צוזאַמענגיסן, אָדער אפשר קיינמאָל ניט.

די פּאָליטישע ספּערע איז געוואָרן ברייטער; די עקאָנאָמישע, בנוגע אַג־ריקולטור, איז געוואָרן אינטענסיווער, אָבער שמעלער. אַזוי אַרום האָט די בור־זשואַזיע פאַרפונדעוועט דעם פונדאַמענט פון פּריוואַטן באַזיץ. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ מיִן, און אויך דערפאַר, ווייל דעמאָלט האָט מען די פראַגע ניט געקענט לייזן אַנדערש. דערצו איז בכלל ניט געווען קיין גרויס באַדערפעניש אין אַ גרויסן אומפאַנג אין דער ספּערע פון ערדאַרבעטערישער טעטיקייט. און די באַפרייאונג פון די פּויערים האָט אַ סך בייגעטראָגן צו דעם אַרויפשטייג און פאַרפעסטיקונג פון דער בורזשואַזיע, וועמעס קראַפט האָט זיך געפונען אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרציע צו דער גבורה פון די פעאָדאַלן. די אָפּשוואַכונג פון די פעאָדאַלן האָט באַדייט אַ פּאָזיטיווע פאַרשטאַרקונג פון דער בורזשואַזיע.

דער פּראָלעטאַריאַט, ווען פאַרשטאַנען ווי דער אַרבעטערקלאַס, שטייט אַנטקעגן דער בורזשואַזיע פּונקט ווי דאָס פּויערטום איז געשטאַנען קעגן דעם אַדלשטאַנד, אָבער בשום־אופן ניט אין דער באַציִונג, אין וועלכער די בורזשואַ־זיע האָט זיך געפונען בנוגע די פעאָדאַלן.

אָט־דער געדאַנק, ווי פּשוט ער זעט אויס, איז פון קאָלאָסאַלער וויכטיקייט. און צום גרויסן באַדויערן האָבן אים פאַרזען אַ סך טעאָרעטיקער, ניט נאָר די סינדיקאַליסטישע דענקער מיט דזשאָרדזש סאָרעלן בראש.

סאָרעל נעמט אָן, ניט אונטערזוכנדיק, די פאַלשע אַנאַלאָגיע, און דערנאָך אַנטוויקלט ער זיין אייגענעם געדאַנק.

ער טענהט: די בורזשואַזיע קודם צו איר באַפרייאונג האָט געשאַפן איר אייגענע אינסטיטוציע, איר באַזע, נעמלעך, די שטאָט, דעם מסחר און די פּראָ־דוקציע. לכן, אויב דער פּראָלעטאַריאַט וויל באַפרייט ווערן, דאַרף ער שאַפן עפּעס ענלעכס. ער דאַרף אויפריכטן אַן אייגענע אינסטיטוציע, צו וועלכער די בורזשואַזיע זאָל ניט האָבן קיין צוטריט. און וואָס דאַרף ער און קען ער שאַפן? דער ענטפער איז, לויט סאָרעלן, דעם סינדיקאַט און די קאָנפעדעראַציע פון אַרבעט. און די דאָזיקע אַרבעטערשאַפונגען וועלן דינען אַלס פעסטונג און שטיצפּונקטן פאַרן פּראָלעטאַריאַט. זיי וועלן אים געבן די מעגלעכקייט צו באַ־זיגן די בורזשואַזיע און אויך אָנפירן מיטן סאָציאַלן לעבן אויף מאָרגן נאָכן זיג.

דער קאַמף, וואָס די בורזשואַזיע האָט אָנגעפירט קעגן דעם אַדלשטאַנד, איז ניט קיין ביישפּיל פאַרן פּראָלעטאַריאַט, פאַרשטאַנען ווי דער אַרבעטערקלאַס, וועלכער איז איר קאָנטראַגענט, איז פאַרנומען צוזאַמען מיט איר אין זעלביקן פּראָצעס פון פּראָדוקציע, און ער, דער פּראָלעטאַריאַט, איז לחלוטין ניט מחויב צו שאַפן אַ נייע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציע. די בורזשואַזיע, ווען זי שאַפט ניט אירע אינסטיטוציעס, פרעג איך אייך, ווו וואָלט זי זיך געפונען? זי האָט זיך דאָך געדאַרפט אַרויסווייזן, אַנטפּלעקן איר כוח, איר שאַפונגסקראַפט! זי האָט דאָך ניט געקענט אויסוואַקסן אונטערן קנאַפּל פון די פעאָדאַלן און בלייבן

אין דאָרף; און זי האָט געמוזט זיך אַרויסציִען אין שטאָט אַריין און זיך אויס־שפרייטן און גערייען.

אָבער דער פּראָלעטאַריאַט — אויב מען פאַרשטייט אונטערן וואָרט דעם קלאַס פון אַרבעטער, אַלס אַ גאַנצן, און ניט דעם טיפּ פון אָרגאַניזירער, וועלכער נעמט זיך ערשט שעמעוודיק באַוויַיזן — איז צוגעגליכן צו דעם פּויערטום. זיין כוח ליגט פאַרבאַהאַלטן אין די פאַלדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. ער איז שטויב, ער האָט קיין ווערט ניט כל־זמן ער איז ניט אָרגאַניזירט, כל־זמן פּאָליטיש האָט ער ניט קיין שום באַטרעף. אָבער ווי נאָר ער נעמט זיך אָרגאַני־זירן, — און זאָל עס אַפילו געטאָן ווערן אין נאָמען פון זיינע קליינלעכע, אַל־טעגלעכע אינטערעסן לשם דער פאַרבעסערונג פון זיין לאַגע, צוליב דער דער־הויבונג פון זיין ווילשטאַנד, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ נישטיקער פאַרגרע־סערונג פון זיין לוין, — ווי נאָר ער איז אָרגאַניזירט, וואַרפט ער אָן אַ פּחד אויף זיינע קלאַסן־שונאים מיט זיין קראַפט, זיין פּאָליטישן כוח, וועלכער שעפּט פון צוויי קוואַלן: פון עקאָנאָמישער גבורה און פיזישער פּשוטער שטאַרקייט, וועלכע נעמט זיך פון דעם, וואָס ער באַזיצט די גרויסע צאָלן, די מיליאָנען.

אמת, דאָס בילד מאָל איך דאָ אויס אַביסל צו־ראַז. די עקאָנאָמישע חשיבות זיינע ליידט שטאַרק פון דעם, וואָס די פאַראַנטוואָרטלעכע פונקציעס אין דער ווירטשאַפט ווערן ס׳רוב דורכגעזעצט פון זיינע קלאַסן־שונאים. און בנוגע אָר־גאַניזאַציע, קריגט דער מעדאַל אַ צווייטע זייט. ווייל פּונקט ווי ער, דער פּראָ־לעטאַריאַט, נעמט ווערן „אָרגאַניזירט״, שטעלט זיך גלייך אין זיין שפּיץ אַ נייער „טיפּ״, און דער אַרבעטערקלאַס ווערט געטריבן דעמאָלט זיך צו באַגנו־גענען מיט בייטן זיין „באַלעבאָס״, וועלכער קומט צו שאַפן נייע קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן. אָבער דאָס איז טאַקע די הויפּטזאַך, פאַר וועלכער די בור־זשואַזיע האָט אַזוי טויט־מורא, זי פילט דווקא אין דער דערשיינונג דעם אָנזאָג פון איר טויט. אַ נייער באַלעבאָס קלאַפּט אין טיר פון דער געזעלשאַפט, און אויף וועלכע כפרות דאַרף מען זי, די בורזשואַזיע?

ניט אויף די ביישפּילן פון קאַמף, געפירט פון דער בורזשואַזיע קעגן די אַדליייט, נאָר אויף דעם שטרייט, וואָס די פּויערים האָבן אָנגעפירט קעגן זייערע האַרן — אויף דעם האָט מען געדאַרפט אָנווייזן, אויף דעם האָט מען געדאַרפט האַלטן קאָנצענטרירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. וואָס האָבן די פּויערים גע־טאָן? זיי האָבן זיך געבונטעוועט, געמאַכט אויפשטאַנדן. דער דערפאָלג איז אַלע־מאָל אָפּגעהאַנגען פון דער שטופע פון אָרגאַניזירטקייט פון יענע בונטן.

דאָס אייגענע דאַרף טאָן דער פּראָלעטאַריאַט.

אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערישקייט

ווען מיר פאַרשטייען אונטערן וואָרט „פּראָלעטאַריאַט״ פּשוט די אַרבעטער, דעם קלאַס, וואָס פּראַצעוועט און איז פאַרנומען אין דער אינדוסטריע דירעקט, דעמאָלט איז גאָר אַן אַנדער ענין. דער אַרבעטערקלאַס דאַרף זוכן זיין היסטאָ־רישע אַנאַלאָגיע אין דעם פּויערטום און ער דאַרף זיך ניט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט שאַפן נייע אינסטיטוציעס. אַלץ, וואָס ער דאַרף טאָן, איז שאַפן קעמפנדיקע

אַפּאַראַטן, מיט דער הילף פון וועלכער ער זאָל קענען פאַרנעמען וואָס אים קומט, דאָס הייסט, פּשוט גערעדט: פאַרנעמען די ווירטשאַפט, פאַרכאַפּן, עקס־פּראָפּריאירן די באַלעבאַטישקייט. אַזוי אַרום, וועט דער פּשוטער געדאַנק פון פאַרגלייכן די ראָלע פון פּראָלעטאַריאַט פון אונדזער צייט צו דער ראָלע פון פויערטום אין דער צייט פון פאַנשטשיזנע, וואַרפן ליכט אויף דער אויפגאַבע פון די אַרבעטער און אויף זייערע טאַקטישע פּראָבלעמען. די אַרבעטער דאַרפן זיך צוזאַמענריידן, פאַרשטיין זייער היסטאָרישע עובדא און שאַפן די מעגלעכ־קייט זיך צו־דערשלאָגן צו דאָס זייעריקע. זיי דאַרפן דאָ ניט אויפטאָן קיין נייעסן, קיין חידושים, זיין דאַרפן ניט שאַפן קיין נייע פאָרמעס אָדער נייע אינס־טיטוציעס. זייער אויפגאַבע איז אַ סך פּשוטער: פאַרנעמען דאָס, וואָס עקזיסטירט שוין. און די פראַגע פון אָביעקטיווע באַדינגונגען וואָלט דעמאָלט כמעט ווי אַראָפּגעפאַלן. דאָ הענגט אַלץ אָפּ פון דער קאַמפּפעיִקייט און קאַמפּגרייטקייט, פון דער רעוואָלוציאָנערישקייט, פון קרבנות־גרייטקייט און פאַרשטאַנד, באַוווּסט־זיין פון די אַרבעטערמאַסן. דאָס אַלץ זענען סוביעקטיווע מאָמענטן. זיי דאַרפן ניט וואַרטן ביז געוויסע באַדינגונגען וועלן צייטיק ווערן, אָדער געוויסע אינס־טיטוציעס וועלן געשאַפן ווערן. פונקט ווי די מעשה איז געווען מיט לאַנדבאַזיץ. בכדי אַ פאַבריק אָדער אַ צאָל פאַבריקן אָדער אפילו די גאַנצע אינדוסטריע זאָל געהערן צו די אַרבעטער און זיי זאָלן זי פאַרוואַלטן, דאַרף מען לגמרי ניט האָבן, אַז דער געגעבענער צווייג פון אינדוסטריע זאָל ווערן פאַר דעם, ווי אַ פאַרבאַדינגג, צענטראַליזירט, אַז דער קאַפּיטאַל זאָל קאָנצענטרירט ווערן וכדומה אָביעקטיווע אומשטענדן. סיידן מען מיינט עפּעס אַנדערש, מען מיינט צו פאַר־מירן אַ נייעם שיכט, ווי מיר רופן עס „טיפּ", וועמעס עובדא אין דער ווירטשאַפט וועט זיין אַכטונג צו געבן און אויפפּאַסן אויפן פּראָצעס פון אָרגאַניזירונג פון דער ווירטשאַפט. די עקזיסטענץ און די באַרעכטיקונג פאַר עקזיסטענץ וואָלט אַזאַ שיכט מענטשן געקענט געפינען נאָר דעמאָלט, ווען די אינדוסטריע וואָלט אויפגעהויבן געוואָרן אויף אַ הויכער מדרגה פון אַנטוויקלונג, צונויפקניפּונג און פאַרבינדונג פון אירע איינצלנע געביטן, אַן ענין, מיט וועלכן ניט נאָר דער אַרבעטערקלאַס אין זיין היינטיקן צושטאַנד פון אַנטוויקלונג קען ניט פאַרטיק ווערן, נאָר אַפילו די בורזשואַזיע קען עס ניט באַוויזן און וועט עס ניט באַוויזן, ווי זי זאָל זיך ניט אָנשטרענגען. אָבער די זאַכן דאַרף מען איינמאָל פאַר אַלע־מאָל קלאָר מאַכן.

וועגן וואָס האַנדלט זיך דאָ? וועגן איבערגעבן די אינדוסטריע אין די הענט פון די אַרבעטער, אָדער וועגן פּלאַנירן, סיסטעמאַטיזירן, קאָאָרדינירן און ראַציאָנאַליזירן די אינדוסטריע, וועגן אַרויסטרייבן דעם דיבוק „פון אַנאַרכיע", וואָס הערשט אין אונדזער ווירטשאַפט, ווי מאַרקס און ענגעלס דריקן זיך כסדר אויס, אָדער אַרויסטרייבן דעם פאַבריקאַנט? דאָס זענען צוויי לגמרי פאַרשיי־דענע שטיקלעך אַרבעט.

דער איבערגאַנג פון ערדאַרבעט פון די הענט פון די פּריצים צו די באַ־פרייטע פּאַראַבקעס (פאַנשטשיזניקעס) האָט ניט באַדייט קיין פאַרגרעסער, פאַר־בעסער פון דער אַגריקולטורעלער טעטיקייט, באַטראַכט פון שטאַנדפּונקט פון ריינער טעכניק. די פאַרבעסערונג איז געווען פון אַ סאָציאַלן כאַראַקטער, און

דער איבערגעב איז אונטערגעטריבן געוואָרן הויפּטזעכלעך פון די בונטן און אויפשטאַנדן פון די פּויערים. דאָס אייגענע איז דאָ.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז ביידע אויפגאַבן קענען דורכגעפירט ווערן אויף אַמאָל: אי בייטן די הענט, אַרויסנעמען די אינדוסטריע פון דעם רשות פון דער בורזשואַזיע און זי איבערגעבן אין דעם רשות פון די אַרבעטער, און אי בשעתן איבערבייטן די פירער און אייגנטימער, אויסבעסערן די סיסטע־מאַטיזירונג און פּלאַנירונג פון דער אינדוסטריע. אונדז דוכט, אַז מיר דאַרפן דאָ אויסקלייבן איינס פון די צוויי: אָדער שטעלן דעם טראָפּ אויף סיסטעמאַטי־זירונג און קאָנצענטרירונג און צענטראַליזירונג און ראַציאָנאַליזירונג פון דער אינדוסטריע — און דעמאָלט אַרויסקומען אָפּן און זאָגן, אַז דאָס איז אַן ענין פון דער געזעלשאַפט און פון דער אינדוסטריע, דעם וווקס און אַרויפשטייג פון די פּראָדוקטיווע כוחות, און ניט פון אַרבעטערקלאַס; ווייל כדי דאָס דורכצוזעצן, וועט מען מוזן אויסטיילן אַ נייעם שיכט מענטשן (אין רוסלאַנד הייסן זיי „קאָ־מיסאַרן"), וועלכע וועלן זיך ספּעציעל פאַרנעמען מיטן פאַרוואַלטן די צענטראַ־ליזירטע, סיסטעמאַטיזירטע ווירטשאַפט. דאָ איז לית־ברירה. וואָסערדיקע, ווער־טערדיקע פאַרזיכערונגען פון די נייע פירער און באַלעבאַטים, אַז זיי וועלן זיין גוט און פרום און האָבן כסדר אינזינען מער ניט ווי די אינטערעסן פון דער ווירטשאַפט און דעם אַרבעטערקלאַס, האָבן קיין שום ווערט ניט, האָבן קיין שום געוויכט ניט. קלאַסן זענען עגאָאיסטיש, און זיי וועלן בלייבן אַזוי, כל־זמן זיי וועלן עקזיסטירן. און די ווירטשאַפט איז ניט קיין עטישע סיסטעם, נאָר אַן אַכזריות־דיקע, עקאָנאָמישע. און כל־זמן עס וועט זיין אַ ספּעציעלער שיכט מענטשן מיט אַ ספּעציעלן אָרט אין דער פּראָדוקציע, וועט ער זען אויסצונוצן זיין פּאָזיציע און פאַרכאַפּן וואָס־מער גוטס אין דער ווירטשאַפט בשעתן אויסטייל.

אָבער אויב מען מיינט באמת צו לייזן די אַרבעטערפראַגע, דעמאָלט דאַרף מען ניט שאַפן קיין נייע אינסטיטוציעס אויפן געביט פון עקאָנאָמיק, נאָר מען דאַרף קאָנצענטרירן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויפן אַקט פון איבערנעמען, אָוועקנעמען די ווירטשאַפט, ווי זי שטייט און גייט, ניט פאַרגרעסערט, ניט מער סיסטעמאַטיזירט, נאָר אָט ווי זי איז.

יעדנפאַלס דאַרף מען די זאַך קלאָר־מאַכן, אַנאַליזירן און ניט צוזאַמענ־קניפּן אַ גאַנצן בינטל פּראָבלעמען, בכדי מיר זאָלן זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערן, אַז קיינער זאָל עס ניט קענען אַפילו איבערהאַקן, אַפּגערעדט פונאַנדערפּלאָנטערן.

דאָס פּויערטום, כדי זיך צו באַפרייען, האָט ניט באַשאַפן קיין נייע עקאָ־נאָמישע אינסטיטוציע, עס איז געבליבן אין דאַרף, עס האָט זיך באַפרייט פּאָ־ליטיש און עקאָנאָמיש, בלויז צו אַ געוויסן גראַד. אמת, אָבער דאָס איז געווען ניט זיין שולד, און זיין אַמתדיק געוועזער איז געווען דער אויפשטאַנד, דער בונט. אין אונדזער צייט דאַרף עס אָננעמען דעם כאַראַקטער און פאָרם פון אַ רעוואָלוציע.

אַז מען וויל, קען מען זיך איינשפּאָרן און זאָגן, אַז דער גאַנג פון דער געשיכטע איז אומאייגנבעטבאַר, ווייסט ניט פון קיין איינזעונגען, וויל ניט וויסן

פון קיין יושר, צדק, רחמנות אָדער אָרנטלעכקייט, נאָר האָט זיך זיין אויסגע־טראָטענעם מאַרשרוט, פון וועלכן קיין טעאָרעטיקער און אויספאָרשער קען אים ניט אָפּנייגן מיט קיין שום ספּעקולאַטיווע אַנווייזונגען (טענות, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו הערן אין רוסלאַנד, פירנדיק דעבאַטן מיט די קאָמוניסטישע טעאָרעטיקער); אַז פּונקט ווי בשעתן באַפרייען די פּויערים האָט מען ניט גע־קענט פאַרמיידן דעם אַרויפקום פון אַ נייעם קלאַס, וואָס האָט סוף־כל־סוף פאַר־נומען אין אונדזער געזעלשאַפט דעם אָרט פון פעאָדאַל, פּריץ, אַזוי וועלן מיר זיך ניט קענען העלפן איצטער בשעתן וועלן באַפרייען דעם אַרבעטערקלאַס פון יאָך פון דער בורזשואַזיע, עס וועט מוזן אַרויסשפּראָצן אַ נייער מין אַנשיקעניש, אַ נייער אַרויפוואוקס אויפן סאָציאַלן אָרגאַניזם.

אַזאַ היסטאָרישער דעטערמיניזם זעט אויס צו זיין ווייסנשאַפטלעך, און איך וואָלט זיך מיט אים ניט אַמפּערן. אַלץ, וואָס איך וואָלט פאָדערן איז, אַז דאָס זאָל געזאָגט ווערן אָפן, מיטן פולן מויל, און דעמאָלט וואָלט דער „ביטערער אמת" אויפטאָן אַ סך מער פאַר די אַרבעטער איידער די פאַרצוקערטע ליגנס. אין סאָציאַלע אָנגעלעגנהייטן האָבן מיר פאָרט צו טאָן מיט מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיניקע וועזנס, און די אַרבעטער זענען פיל־ווייניק באַוווסטזיניק, און אין דעם מאָמענט ווען דער געדאַנק וואָלט זיי ווערן קלאָר, וואָלטן זיי זיך אָפּ־קערן פון זייערע הייַנטיקע פירער און זיך פאַרקירעווען אויף אַן אַנדער וועג, אויף דעם וועג, וועלכער וואָלט זיי באמת פירן צו זייער דערלייזונג, און זען מיט כל הכוחות אויסצומיידן די היסטאָרישע, אין דער פאַרגאַנגענהייט אומפאַר־מיידלעכע, טעותן און זיך פלייסן מיט זייער גאַנצער אָנשטרענגונג ניט צו דער־לאָזן, אַז אַ נייער הערשנדיקער קלאַס זאָל פאָרמירט ווערן פאַר אונדזערע אויגן.

נאָר אויב אַפילו דאָס וואָלט זיך אַרויסשטעלן צו זיין צו אָפּטימיסטיש פון מיין צד, דער אַרבעטערקלאַס איז שוין אַזוי פאַרכאַפּט אין קלעם, אַז ער קען ניט העלפן, — אויך דעמאָלט וואָלט דער ריכטיקער אַנאַליז ברענגען נוצן דורך דעם, וואָס די דערשיינונגען וואָלטן אונדז קלערער ווערן. און דער אמת האָט קיינמאָל קיינעם היסטאָריש ניט געשאַט. דער אַרבעטערקלאַס, אויב ניט היינט איז מאָרגן, וואָלט וויסן, וואָס ער האָט צו טאָן און וואָס עס קומט דאָ פאַר אין אונדזער מאָדערנער איבערגאַנגסעפּאָכע. און אויב מיר וועלן זיין צו שוואַך אָפּ־צושטעלן דעם אויפקום פון נייעם טיפּ, דעם נייעם „שיכט", וועלן מיר אָבער זיכער זיין געניג שטאַרק אים צו באַקעמפן און באַזייטיקן, נאָכדעם ווי ער וועט זיך אַנטפּלעקן דורך זיינע מעשים אַלס אַ נייער הערשנדיקער טיפּ מענטשן, וועלכע פאַרווירקלעכן און בויען זייער ממשלה ניט אויפן פּרינציפּ פון אייגנטום, נאָר אויפן יסוד פון אָרגאַניזירונג, סיסטעמאַטיזירונג און ראַציאָנאַליזירונג פון דער ווירטשאַפט און דער געזעלשאַפט.

מיר וויסן, ווי די געשיכטע האָט זיך געשריבן ביז אַהער. מיר וויסן גאַנץ גוט, אַז ניט די פּויערים האָבן באַהערשט דעם פּאָליטישן מעכאַניזם. זיי זענען געווען צו שוואַך עס צו באַוויזן, און די בורזשואַזיע, דער „אַוואַנגאַרד" פון דעם דריטן שטאַנד, איז געגאַנגען מיט אַ פאַרסירטן מאַרש צו מאַכט און גדולה. און דאָס דאַרף און זיין פּלאַץ, ווי אַ צענטער פון געזעלשאַפט, איז געגאַנגען באַרג־

אַראָפּ. מען דאַרף אָבער נעמען אין באַטראַכט, אַז דעם פּויערטום איז בכלל שווער צו ווערן אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער כוח צוליב דעם, וואָס עס איז צעשפּליטערט, צעשפּרייט און צעזייט איבער זיינע פּאַרזייטע פעלדער און אויס־געהאַקטע וועלדער. אמת, בשעת פּאַנשטשיזנע זענען זיי געווען אַ ביסל מער קאָנ־צענטרירט אין גרויסע הויפן, דאָך איז דאָס שאַפן פון נייעם פּאָליטישן מעכאַ־ניזם געווען אַ שטיקל אַרבעט, וואָס עס האָט אָפּגעטאָן די נייע אויפקומענדיקע בורזשואַזיע. דאָס איז געווען דער האַנדלסקאַפּיטאַל, וועלכער האָט באַשאַפן די אַבסאָלוטיסטישע מאָנאַרכיע. דאָס איז געווען דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, וועלכער האָט אָפּגעשאַפט די אַבסאָלוטיסטישע מאָנאַרכיע, פאַרוואַרפן די אויטאָ־קראַטיע און איינגעפירט די דעמאָקראַטיע. ביידע רעוואָלוציעס זענען געמאַכט געוואָרן פון איינעם און דעם זעלביקן קלאַס, אָבער גענומען אויף פאַרשיידענע שטופן פון זיין אַנטוויקלונג. ער האָט איינגעפירט די זעלבסטהערשונג ווי אַ מיטל, מיט וועלכן ער האָט באַקעמפט און באַגרענעצט די מאַכט פון די פעאָ־דאַלן. דערנאָך, ווען ער איז געוואָרן רייפער און שטייפער, פאַרפונדעוועט, האָט ער באַקעמפט די אויטאָקראַטיע און באַזייטיקט כמעט אינגאַנצן די פּריצים. אָבער די פּויערים זענען דעמאָלט אויך ניט געזעסן לײדיק, מיט צונויפגעלייגטע הענט, אַ ניט וואָלטן זיי בכלל גאָרניט קריגן. עס איז געגנוג צו דערמאָנען די עפּאָכע פון רעפאָרמאַציע און די בונטן פון די פּויערים, וועלכע האָבן זיך צע־פלאַקערט איבער גאַנץ אייראָפּע.

אין דער רוסישער געשיכטע שטייען, ווי צוויי ברענענדיקע זיילן, צוויי מאָנומענטן, עדות־זאָגנדיק וועגן דעם בונטאַרישן גייסט פון די פּויערים — דאָס איז דער סטענקע־ראַזין־בונט און פּוגאַטשאָוו־אויפשטאַנד. און אויב די פּויערים האָבן ניט געזיגט דעמאָלט, איז דאָס דערפאַר, וואָס די „בורזשואַזיע", אין איר רודימענטאַרער פאָרמע, האָט זיך פאַרייניקט מיט די פּריצים אין קאַמף קעגן זיי. די שטאָט, די הויפּטשטאָט, די ניי־געשאַפענע אַבסאָלוטיסטישע מאַכט, וועל־כע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם שטאָטישן עלעמענט, האָט זיי בייגעקומען. ווען די פּויערים וואָלטן זיך צוזאַמענשטויסן מיט די פּריצים אַליין, וואָלטן זיי זיי גובר געווען.

מיר גלויבן, אַז מיט דער הילף פון פעסטשטעלונגען פון דער ריכטיקער אַנאַלאָגיע, וועלכע דאַרף דאָ אָנגעווענדט ווערן, האָבן מיר קלאָר געמאַכט אונ־דזער צוגאַנג צו דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע", און דער לייענער וועט פאַר־שטיין, פאַרוואָס מיר לייגן אַזויפיל געוויכט אויפן ריין־רעוואָלוציאָנערן מאָמענט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דעם באַוווּסטן אויסשפּרוך „די באַפרייאונג פון אַרבעטערקלאַס איז דער ענין פון אַרבעטערקלאַס" פאַרשטייען מיר פּשוט אַזוי, אַז עס ווענדט זיך בלויז אָן די אַרבעטער, אָן זייער באַוווּסטזיין און קאַמפּבאַגער און איינגעשפּאַרטקייט און איבערגעגעבנקייט. דערפאַר רופן מיר דעם פּראָלע־טאַריאַט צו רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, ווייל פון דער טעטיקייט הענגט אָפּ זיין דערלייזונג און באַפרייאונג.

אָבער מיר באַגרייפן גאַנץ גוט, אַז די לייזונג פון דער אַרבעטערפראַגע איז ניט דאָס אייגענע ווי די לייזונג פון דער „סאָציאַלער פּראָבלעם", וועלכע איז פיל ברייטער און טיפער. אָפּשאַפן לוינאַרבעט מיינט ניט קומען נאָענט צו

עפעס אַ מין סאָציאַלן קץ. מען האָט אָפּגעשאַפט שקלאַפעריי, דערנאָך לייבאייגנ־טום און משיח איז פון די אָפּשאַפונגען ניט געקומען. מען קען לייזן די „פּאַר־דונגענשאַפט"־פּראָבלעם גאַנץ רעאַליסטיש, פּראָזאַיש, אָן מיסטישער פּאָעזיע און דערלייזערישער, וואָנגעלישער פּאָזע און פּראָזעאָלאָגיע. ווען דער אַרבעטער הערט אויף צו זיין אַ לוינאַרבעטער און ווערט, אין בעסטן פאַל, אַ שותּף־אייגנ־טימער פון די פּראָדוקציע־מיטלען און די פּראָדוקטן, איז עס אַ וויכטיקער אויפ־טו, אָבער פון אַ גאולה וישועה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט איז עס א היפשער מרחק.

ח.

דער קריזיס פון סאָציאַליזם

מען דערציילט וועגן אַ מכשף, וואָס האָט געמאַכט די געהעריקע קרייזן, אָנגעווענדט זיין גאַנצע צויבערקונסט, און אַלץ, בכדי אויסצוגעפינען אַן אוצר, וואָס איז, לויט זיין השגה נאָך, געווען ערגעץ פאַרבאַהאַלטן הינטער די הרי־חושך, אין סוף וועלט, בשעת ער אַליין איז געשטאַנען מיט ביידע פיס אויף אַ גאַנצער קופּע רענדלעך, וועלכע ער, אין זיין פאַרבלענדעניש און אַריינגע־טאָנקייט אין זוכן דאָס ווייטע און פאַרוואָרפענע, האָט ניט געזען.

כמעט אין דער זעלביקער לאַגע האָט זיך געפונען קאַרל מאַרקס, דער שאַרפזיניקסטער, טיפסטער און העכסטער דענקער פון סאָציאַליסטישן געדאַנק.

ער איז געווען פאַרנומען אויסצוזוכן, אויסצוגעפינען די סתירות, די ווי־דערשפּרוכן, וועלכע די בירגערלעכע געזעלשאַפט, די קאַפּיטאַליסטישע פּראָ־דוקציעפאָרמען, אַנטהאַלטן. און ער האָט זיי טאַקע אַנטדעקט, אָנגעטאַפּט, גע־טייטלט אויף זיי מיט זיינע פינגער. אין אַ בייזן באַשולדיקונגס־טאָן האָט ער פאָרויסגעזאָגט, אַז אָט־די סתירות וועלן צעפרעסן דאָס גאַנצע געוועב פון אונ־דזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַז אָט־די ווידערשפּרוכן וועלן ברענגען דערצו, אַז דער גאַנצער פּראָדוקציע־בנין וועט מוזן איינפאַלן. אַ זאַך, וואָס ווערט פאַר־צערט פון אַן אינעווייניקסטן „ויתרוצצו", וואָס ווערט געצופּט אַהין און אַהער, מוז צעפאַלן אויף שטיקער. ווו עס איז ניטאָ קיין האַרמאָניע, קיין גאַנצקייט, קיין אויסגעהאַלטנקייט, דאָרטן קען קיין שלום ניט זיין. און ער, מאַרקס, האָט אַרויסגעטראָגן זיין פּסק־דין: קאַפּיטאַליזם מוז אונטערגיין. זיינע אייגענע צאָנ־קערייען וועלן פון אים מאַכן אַ תל.

מאַרקס איז אַזוי געווען אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט פון אויפדעקן סתירות אין דער געזעלשאַפט, אַז ער האָט קיין צייט און קיין געדולד ניט געהאַט צו זען די סתירות אין זיין אייגענער סיסטעם אַזוי, אַז ווען סאָציאַליזם איז אַרויס פון אונטער זיין האַנט אין דער פאָרמע פון וויסנשאַפטלעכער קאָנצעפּציע, איז עס געווען דורכגעווייקט און איינגעטונקען אין ווידערשפּרוכן און קעגנזאַצן, פּונקט ווי יעדע לעבנסדערשיינונג, וועלכע צאַפּלט זיך, פּולסירט פון אירע קעגנזאַצן.

און אפשר טאַקע מיט דעם דערקלערט זיך דער אומגעהייערער דערפאָלג,

וואָס סאָציאַליזם האָט געהאַט פאַר די לעצטע פופציק יאָר. פון אַ סעקטאַנטן־, אַ קלייזל־באַוועגונג, איז ער אויסגעוואַקסן אין א גראַנדיעזן מאַסנשטראָם, וועלכער באַהערשט מיליאָנען קעפּ, און צענדליקער מיליאָנען מיילער, איך מיין שטימען. און הגם די גאַנצע גרויסע צעצווייגטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך ניט געפונען אונטער דער דירעקטער השפּעה פון מאַרקס לערע, איז זי אָבער אַלעמאָל באַפאַרבט און באַאײַנפלוסט געוואָרן פונעם מאַרקסיסטישן געדאַנק. עס איז מער ניט ווי געווען אַ פראַגע פון דער מדרגה, וויפל פּראָצענט מאַרקסיזם האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די לערן, וועלכע האָבן באַוועגט די הערצער און געשליפן די מוחות פון די אָנהענגער און קעמפער פאַרן סאָציאַליזם.

אָבער די סתירות, וועלכע מאַרקסיזם אַנטהאַלט, האָבן זיך געמוזט נעמען אויפדעקן, זיך אַנטפּלעקן, האָבן זייער נעגאַטיווע ווירקונג און נעמען גורם־זיין אַ פונאַנדערפאַל, אָדער, זאָלן מיר זיין פּאָרזיכטיקער, אַ פונאַנדערשאָקלונג, אַ צעטרייסלונג פון דער גרויסער גראַנדיעזער געבײַדע, וואָס גייט אונטערן נאָמען סאָציאַליזם און סאָציאַליסטישע באַשטרעבונגען.

סאָציאַליזם אייגנטלעך איז געבוירן געוואָרן בקדושה ובטהרה, אין הייליקייט און ריינקייט פון אַן אַלמענטשלעכן עטישן אידעאַל. עס איז געווען אַ מאָראַלישע לערע. די הייגטיקע געזעלשאַפט מיט איר אויפפיר איז פאַרדאַמט געוואָרן דערפאַר, ווייל זי איז ניט פונדאַמענטירט אויף ליבשאַפט, פריינטשאַפט, סאָלידאַריטעט, נאָר אויף בייז, קריגערײַ, קאָנקורענץ, „שלעכטע בלוטן“ און זי פאַרדאַרבט דעם מענטשן. די ערשטע סאָציאַליסטן פון נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געלונגען אַרומצונעמען אַרום זיך קליינע קרייזן „מענטשן“, וועלכע זענען געווען פאַראינטערעסירט אין זייערע שיינע, דערהויבענע פּלענער ווי אַזוי צו ראַטעווען די געזעלשאַפט, מתקן־זיין דעם מענטשן, אַרויסראַמען אַלע דערנער פון וויינגאָרטן פונעם כלל־לעבן. יענע קליינע גרופּקעלעך האָבן זיך געפּאָרעט און געפּאָרעט, ביז זיי האָבן גענומען דעגענערירן און זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעליגיעזע שטיבלעך אָדער קאָלאָניעס־גרינדער. די רעליגיעזע עקזאַלטירטקייט האָט זיך אויסגעדעמפּט און די קאָלאָניעס, מיט עטלעכע קליינע אויסנאַמען, זענען כמעט אַלע דורכגעפאַלן.

דאָ זענען געקומען מאַרקס און ענגעלס. און אַ ברום פון אַ לייב האָט זיך דערהערט אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער. אַ נייער גראַנדיעזער געדאַנק האָט געשפּאָלטן די פאַרכמאַרעטע הימלען פון די געבראָכענע געמיטער:

קלאַסנקאַמף! לעבן איז אַ קאַמף! די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז אַ געשיכטע פון קלאַסנראַנגלערײַ, געשלעגערײַ!

מען דאַרף פאַרוואַרפן אָט די לאַקריץ־ריידערײַ פון די פרומע און כשרע פּריידיקער פון אַ נייער וועלט, אַ נייער מענטשהייט און פולקומענעם מענטשן. נייע פאָרמען פון לעבן ווערן ניט באַשאַפן פון גוטע ווינטשענישן און פאַרצוקערטע דיבורים, נאָר איז בלוט, אין קאַמף. מאַרקס חוזקט־אָפּ פון קאַנטן און זיין פאַרלאָזן זיך אויף דער גוטער עקזאַקטער, פּאָזיטיווער וויסנשאַפט, וועלכע וועט ווערן דער גואל־צדק, דער דערלייזער פון דער וועלט. אַלטע זאַבאַבאָנעס! באַבסקע רפואות! — קלאַפּ אין פּויק און רוף צום קאַמף! מען מוז אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט ווי אַ כוח, ווי אַ נייע גבורה, אַן אויפקומענדיקע מאַכט —

און ער, דער אַרבעטערקלאַס, וועט זיך באַפרייען דורכן קאַמף, וועלכן ער וועט אָנפירן און פירט קעגן זיין בלוטיקן שונא, דעם קלאַס פון עקספּלואַטאַטאָרס.

און דאָס וואָרט, דער חידוש, דער גרויסער אויפטו האָט באַוויזן וווּנדער: מחנות, גאַנצע חיילות קעמפער, זענען אויפגעשטאַנען. כמעט ווי אין יענער זעונג פון יחזקאלן. ביין צו ביין, גליד צו גליד האָט זיך באַהעפט און אַ ריזיקע קאָמפּסלוסטיקע אַגרעסיווע אַרבעטערבאַוועגונג איז געשאַפן געוואָרן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון העכסט-באַגאַבטע, מיט דער פען און וואָרט און אַמאָל אויך מיטן רעוואָלווער באַוואָפנטע פירער.

דער דערפאַלג איז געווען קאָלאָסאַל. דער דערפאָלג דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אַ נייע נשמה איז אַריינגעבלאָזן געוואָרן אין פאַרקוואַרטן, פאַרדאַרטן גוף פונעם סאָציאַליזם, וועלכער האָט זיך פריִער געשפּייזט מיט ווילדן האָניק פון ריינער מאָראַל, און קוים וואָס ער האָט געזשיפּעט. וואָסער דיִעטע, אַזאַ האַפּטיקייט האָט ער געהאַט. ניט נאָר אַ מענטש, אויך אַן אידעאַל איז דאָס, וואָס ער „עסט״.

סאָציאַליזם האָט גענומען אַפּעלירן צו די אינסטינקטן, צו די עמאָציעס פון די ברייטע שיכטן. האָט גענומען ריידן אויף אַ לשון פון דונערן און בליצן, פון טרומייטערן, פּויקן, פון צאָרן, פון האַס. און דאָס האָט אַ כוח, אַ צוציִונגס־קראַפט. די שטימע פון בלוט איז דער שטאַרקסטער קול אין דער גאַמע פון מענטשלעכע קלאַנגען. איין וואָרט פון גרימצאָרן, פון כעס אַנטהאַלט אין זיך מער ממשותדיקן אויפברויז, אויפקאָך, אויפשוווּנג, איידער אַ גאַנצער קאָרב פון ניט-מיר-ניט-דיר, רעכט-אַזוי און רעכט-אַנדערש-איינטענהריי און מוסר-זאָגעכץ. מאַסן ווערן באַוועגט דורך אַפעקטאַציעס, שטאַרקע געפילן און גרויסער פיינט־שאַפט און ניט דורך פלאַפּלעריי און ליבע-דערקלערענישן און לעכצן און קרעכצן וועגן אַ צוקונפט, וועלכע איז פאַרהילט, פאַרוויקלט אין נעפּלען און קיינער זעט זי ניט, קיינער הערט זי ניט! — אַזוי האָבן געטענהט די מיליטאַנטן.

יאָ, אמת, דער אויפטו איז געווען ווי געוווּנטשן. דאָס איז געווען דער זויערטייג, דער הייוון, וואָס האָט אויפגעבורעט דעם גאַנצן געקנעט. אָבער דאָ איז אַריין דער חמץ. דאָ איז אַריין דער פסול.

און דער דערפאָלג איז געווען אין דער זעלביקער צייט דער אָנזאָג פון דעם קומענדיקן דורכפאַל. דאָס איז געווען דער אַרויף-באַרג, וואָס מוז האָבן אַן אַראָפּ-באַרג, און אַפילו אַ לויף-אַראָפּ אין אַ טיפן טאָל, אָדער אַפילו אַ גרוב.

אויב קלאַסנקאַמף, און די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז דער קלאַסנ־קאַמף, אַזוי האָט זיך די געשיכטע ביז אַהער געשריבן, — צו וואָס זאָל עפּעס די געשיכטע פּלוצלונג אָנהייבן שרייבן אויף אַ נייעם שטייגער? האָט זיך די געשיכטע אויף אירע עלטערע יאָרן אויסגעוועפּט, אויסגעשריבן, אָנגעוווירן אי־רע נעגל און הערנער און געוואָרן אַ חוזר-בתשובהניצע און פאַרוואָרפן אירע אַלטע מעטאָדן, איר גאַנצן אויפפיר? פאַרלאָזן דעם וועג פון קאַמף און געשלעג און גענומען ווערן אַ שלום-מאַכערן? פאַרמאַכט די טיר, אָפּגעשלאָסן איר פאַר־גאַנגענהייט און זיך געלאָזט גיין, וווהין? גוט און פרום געוואָרן? געוואָרן אַ וועגעטאַריאַנערקע? איז עס עפּעס ניט מאָדנע?

אויב מען שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון קלאַסנקאַמף, פון דער עקזיסטענץ

פון קלאַסן, טאָ ווי אַזוי שפּרייזט מען דאָ אַריבער איבער דעם אָפּגרונט פון אַנ־טאַגאָניזם? ווי אַזוי פּאַרלאָזט מען דעם גיהנום, ווו עס קאָכט און זידט דער אייביקער קעסל פון סתירות אויפן פייער פון האַס און צוזאַמענשטויסן — און מען פאַלט הענדום־פּענדום אַריין אין אַ גן־עדן פון סאָלידאַריטעט, ווו אַלע האַלטן זיך אין איין קושן און האַלדזן און אומאַרעמען זיך?

און דער וועג? אויך דאָס אייגענע: קלאַסנקאַמף, מלחמה. און דערנאָך, — אַז מען איז דורך דורכן טרוקענעם מדבר, וואָס איז פול מיט שלאַנגען און עגדישן, דערגרייכט מען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק פון ברידערלעכקייט און פרייהייט און גוטסקייט און שפע אָן אַ ברעג און אָן אַ מאָס. נאָכדעם, אַז מען גרילצט אייך אָן אין די אויערן מיט קאַצניאַמער, און היענעס־קלאָגן, און וועלף־וואָיען און ציינשטשירעריי ביז איר ווערט כמעט פאַרטויבט און פאַרדולט, דערהערט זיך די הימלמוזיק פון ריינער האַרמאָניע און אויסגעהאַלטענער איינקלאַנגיקייט.

אַ מאָדנע פּרעלודיע — אַ־יאָ?

דאָ איז אַן אויפרייסנדיקער ווידערשפּרוך, און דאָס קען אַזוי ניט אָנהאַלטן, יעדנפאַלס ניט לאַנג. דער ווידערשפּרוך מוז צעטיילן דעם ראַדיקאַלן לאַגער אויף צוויי טיילן.

אויב מען שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון קלאַסנקאַמף, מוז מען דעם סאָ־ציאַליזם, ווי אַ לערע און אַ שטרעבונג צו פאַרפולקומען די גאַנצע געזעלשאַפט און אָפּמעקן און אָפּווישן דעם פלעק פון קלאַסן — אַוועקלייגן אָן אַ זייט.

אויב מען איז פאַר דער געזעלשאַפט, אַלס אַ גאַנצער, פאַר איר איבערבוי און באַניי — דאַרף מען דעם קלאַסנקאַמף פאַרבייגן, זיך אַנטזאָגן פון אים. די ביידע פאַקטאָרן אָדער באַגריפן אָדער שטימונגען קענען צוזאַמען אין שפּאַן ניט גיין. איינער ציט צו גאַנצקייט, שלום, פרידלעכקייט; דער צווייטער רופט צו מחלוקת, ווייזט אָן אויף דער שפּאַלטונג, דער צעטיילונג, אויף די שטירדעס און צולהכעיסן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן.

אויב מען שטייט אויפן קלאַסנשטאַנדפּונקט, מוז מען קומען צום באַשלוס: אַז אונדזער אויפגאַבע איז צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אַרבעטערקלאַס, פאַרפעסטיקן זיינע פּאָזיציעס, קעמפן זיינע קאַמפן, זיך פרייען מיט זיינע שמחות, און זיך ניט פאַרנעמען מיט אַ גאַנצן פּאָדריאַד צו שאַפן אַ נייע האַרמאָנישע געזעלשאַפט. אויב מען זאָגט דעם „אלף" פון קלאַסנקאַמף, דאַרף מען זאָגן דעם „בית" און „גימל" און אַזוי ביז „תיו". מען קען ניט פאַרקירעווען, און מען קען ניט בלייבן אין רעכטן מיטן שטיין מיט דעם אָפענעם מויל איבערן אָפענעם סידור.

דער ווידערשפּרוך האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער בולט אין דער פראַגע וועגן דעם שטאַט, אין איר צווייפאַכער צעצווייגונג. ערשטנס, וועמען איבערגעבן די אינדוסטריע, — דעם שטאַט, דער געזעלשאַפט אָדער דעם אַרבעטערקלאַס?

מען קען ניט אָנהייבן דעם זאַץ מיט דער גרונטלאַגע, אַז אַלץ ווערט גע־שאַפן פון אַרבעטערקלאַס און אויסלאָזן מיטן שלוס, אַז די אינדוסטריע דאַרף אַוועקגעגעבן ווערן דער געזעלשאַפט. וואָס טוט דאָ די געזעלשאַפט? מיר שטייען אויף אַ קלאַסנשטאַנדפּונקט אָדער ניט? אויב מען איז פאַרן אַרבעטער, דאַרף

מען זיין מיט אים די גאַנצע צייט, ניט דערפירן אים צו אַ באַשטימטן פּלאַץ און דאָ אים גלייך איבערלאָזן, פאַרלאָזן.

צווייטנס — די פּראָבלעם מכוח דעמאָקראַטיע. סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז אַ געלונגען וואָרט. געזעלשאַפטלעך גייט צוזאַמען מיט דעמאָקראַטיע, וועלכע מיינט די הערשאַפט פון פאָלק, פון די מאַסן. אָבער קלאַסנקאַמף מיט דעמאָקראַטיע — וואָסערע פּאָר קליידער זענען זיי? דעמאָקראַטיע איז געבויט אויפן יסוד פון קלאַסן־צוזאַמענאַרבעט, קלאַסן־קאָאָפּעראַציע און ניט קלאַסן־מחלוקת.

מען קען ניט שפּרינגען אויףביידע שוועלן. מען מוז אָננעמען אָדער דעם געזעלשאַפטשטאַנדפּונקט אָדער דעם קלאַסנשטאַנדפּונקט.

אָדער סאָלידאַריטעט, אָדער אַנטאַגאַניזם. אָדער אַהער, אָדער אַהין. גיין אין צוויי קעגנזעצטע ריכטונגען קען מען ניט. — ווייטער:

עס זענען דאָ פאַרשיידענע ווערטער. עס זענען דאָ ווערטער, וואָס זאָגן גאָרניט, זענען געבוירן אָן לשון. עס זענען דאָ ווערטער, וואָס פאַררייידן די געדאַנקען און באַהאַלטן זיי צווישן די קלאַנגען, אַזוי, אַז מען זאָל זיי ניט אַרויסזען און אויסהערן. און עס זענען דאָ ווערטער אָפענע, וואָס זאָגן, וואָס זיי מיינען און מיינען, וואָס זיי זאָגן עטימאָלאָגיש. און צו די לעצטע געהערט דאָס וואָרט סאָציאַליזם.

סאָציאַליזם, ווי דער פּשוטער פּירוש המלות זאָגט אייך, באַדייט „געזעלשאַפטלעך". ער לערנט, אַז די ווירטשאַפט דאַרף אָנגעטרויט און איבערגעגעבן ווערן דער געזעלשאַפט, דעם קהל, ער זאָל זי פאַרוואַלטן, קאָנטראָלירן. אַלץ פאַר אַלעמען, אַלץ צום נוצן פון אַלעמען, פון גרויסן עולם און ברייטן המון־עם.

איז דאָך, דוכט זיך, אַלץ גוט און פיין. באמת, פאַרוואָס זאָל עפּעס דער יחיד באַלעבאַטעווען דאָרטן, ווו די געמיינשאַפט דאַרף האָבן די איינציקע דעה? לעבן מיר דען ניט בציבור, אַלע צוזאַמען? פאַרוואָס זאָלן עפּעס איניקע יחידים אויסנוצן די גרויסע ווירטשאַפטלעכע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע מעגלעכקייטן, וועלכע ווערן באמת געשאַפן דורך קהלשן צוזאַמענלעבן? און פאַרוואָס זאָלן זיי עפּעס שניידן דאָרטן מיט פריידן, ווו מיר אַלע, דאָס גאַנצע פאָלק, זייען מיט ליידן, מיט פראַצע און האָרעוואַניע?

אַלץ צו דער געזעלשאַפט — זייער גוט, ניטאָ וואָס אויסצוזעצן, אַ־יאָ?

די מעשה איז אָבער, אַז דער גאַנצער ענין פון געזעלשאַפט, און ממילא געזעלשאַפטלעכקייט, איז גאָר ניט אַזוי קלאָר.

פּשוט גערעדט, מיר פרעגן: וואָס איז אַזוינס אַ געזעלשאַפט? אָדער נאָך בעסער און תוכיקער: איז פאַראַן אַזאַ מין סאָרט זאַך ווי געזעלשאַפט?

דער סאָציאַליזם, אַפּנים, האָט עס אָנגענומען ווי עפּעס וואָס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך.

און אַ זעלבסטפאַרשטענדעניש איז גאַנץ אָפט, אָפטער ווי זעלטענער, אַ מיספאַרשטענדעניש, אַ טעות.

און ווען מען נעמט אָט־די קהל־קאָנצעפּציע אויפן פאַרהער, מען עקזאַמינירט זי, שטעלט זיך אַרויס, אַז זי נעמט עפּעס בעבען און איין גאָט אין הימל פון אַבסטראַקטן געדאַנק ווייסט, וואָס זי זאָגט.

געזעלשאַפט — ווו, וואָס, ווען?

די מערב־אייראָפּעיִשע סאָציאַלפּאָליטישע דענקער האָבן איינגעפּירט אָט־דעם פונאַנדערשניט, זיי האָבן אונדז געוואָלט לערנען, אַז עס זענען דאָ צוויי סאָציאַלע מהותן און צוויי אויפּפּאַסונגען, וואָס אַנטשפּרעכן זיי. איינע הייסט געזעלשאַפט, די צווייטע הייסט, לויט זייער השגה, דער שטאַט. די מזרח־אייראָפּעיִשע געלערנטע האָבן צו דעם קיינמאָל ניט צוגעשטימט. זיי האָבן פאַרזעל־ביקט, פאַראייניקט די צוויי באַגריפן, זיי האָבן, לויט זייער תופס זיין, געהאַלטן, אַז דאָ קען מען קיין מחיצה ניט מאַכן, קיין דעמאַרקאַציעליניע ניט ציִען. ווייל די צוויי סאָציאַלע וועזנס זענען באמת איינס און דאָסזעלבע. איך, אין מיין ביסל געדאַנקען־אַרעמקייט, האַלט, אַז די לעצטע זענען גערעכט. די ערשטע זענען אַריינגעפאַלן אין אַ טעות צוליב דעם געראַנגל, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ משך פון דורות צווישן די צוויי אינסטיטוציעס — קירך און שטאַט. זעענדיק אָט־דעם שטרייט, האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז עס מוז זיין ערגעץ אַ דריטער, וועלכער קען אויסגלייכן זייער סכסוך און צו וועמען זיי אַפּעלירן. יעדערער ברענגט זיינע אַרגומענטן. אָבער דאָס איז נאָר אַן אויסדוכטעניש. אַפּעלירט האָבן זיי צום געוויסן און שכל־הישר פון איינצלנעם מענטשן.

יעדנפאַלס, אין אונדזער צייט איז ניטאָ בנמצא אַזאַ מין געזעלשאַפט, וועל־כע זאָל ניט זיין אידענטיפיצירט מיטן שטאַט. און אַזוי אַרום איז סאָציאַליזם געוואָרן, ווילנדיק־ניט־ווילנדיק, „שטאַטיזם״, ד״ה, אַ לערע און שטרעבונג אַזוי צו פאַרפונדעווען דעם שטאַט, אַז ער זאָל מאָנאָפּאָליזירן, לחלוטין איבערנעמען אַלע פונקציעס פון דער „פרייער ווירטשאַפט״; אָנפירן, אויף זיין חשבון, אונ־טער זיין אויפזיכט, פּלאַנירטקייט און באַזיץ, די פּראָדוקציע און פאַרטייל פון גיטער, אין די גרענעצן פון זיין טעריטאָריע, און האַנדל און אויסטויש, אויסער־האַלב פון די פּאָטערלאַנד־גבולים. אמת, סאָציאַליזם, אין דער מאַרקסיסטישער וואַריִאַציע, האָט בשעת־מעשה צוגעזאָגט, אַז אין דער צוקונפט וועט דער שטאַט אונטערגיין, דעגענערירן. אָבער, אויב פאַר דעם געוועזענעם צאָלט מען ניט. זאָגט אַ שפּרוך, היינט שטעלט זיך פאַר וויפל צאָלט מען פאַר דער לעתיד־לבוא־מוזיק? דאָס איז סאָציאַלפּאָליטישע עולם־הבא, וואָס האָט מיט דער לעבעדיקער, ממשותדיקער, עולם־הזהדיקער וועלט גאַנץ ווייניק וואָס צו טאָן. אין דער וויי־טער צוקונפט וועט טאַקע דער שטאַט איינגעמען אַ מיתה־משונה; אַזוי האָבן ענגעלס און מאַרקס נביאות געזאָגט; אָבער דערווייל, מוז ער פאַרשטאַרקט ווערן, ווייל ער נעמט איבער אַלע אָנגעלעגנהייטן פון דער אינדוסטריע, ווי אַ צוגאָב צו זיינע פּאָליטישע אויפגאַבן.

אַזוי אַרום האַלטן מיר שוין אויף אַ דרך. פון סאָציאַליזם, דער לעצטער פאַרשטאַנען ווי אַ פּראַקטישע פּראָגראַם, ווי אַ ריי פּאָליטישע פאָדערונגען און עקאָנאָמישע אויפטועניש, איז געוואָרן שטאַטיזם.

און וואָס איז אַזוינס דער שטאַט?

לויט מאַרקסן איז עס אַן אינסטיטוציע לכתחילה געשאַפן מיט דעם הויפּט־צוועק צו באַלאַנסירן און צוזאַמענהאַלטן דאָס צוזאַמענלעבן, עס זאָל ניט צעפאַלן ווערן, מחמת די רייסערייען און צאַנקערייען פון די קלאַסן.

אויף וועלכן סמך טוט עס דער שטאַט, ווי אַזוי קען ער עס באַוויזן? פאַרשטייט זיך, ער ווענדט אָן געוואַלט, מאַכט, אויטאָריטעט, צוואַנג. דעם

אייזערנעם געזעץ, דעם חוק־ולא־יעבור און דעם סטראַשונעק: אויב דו וועסט ניט פֿאָלגן, וועל איך זיך מיט דיר אָן עצה־געבן, זיך אָפּרעכענען, און טאָקע אָן שהיות און אָן לאַנגע מחזקות. און אויב דו שרעקסט זיך ניט — האָב איך פּאָליציי, מיליטער, ריכטער, געפענגענישן, וכדומה מלאכי־חבלה, וועלכע קענען דיך גרינג איבערצייגן, אַז איך בין שטאַרקער פון אַלע יענע, וואָס שטעלן זיך קעגן מיר, און זיי מוזן כאַפּן אַ מיאוסן פּסק.

אָבער דער שטאַט, אויסער בעזימער, ריטער, שמייסערס, פּאַרמאָגט דאָך אַן אידעאָלאָגיע, אַ לערע, וועלכע באַאיינפלוסט מענטשן, לערנט, סוגעסטירט, זיי זאָלן געהאָרכן, אויפפירן זיך ווי געהעריק. וואָס איז דער עצם־מהות פון זיין דאָקטרינע?

ווען מאַן און ווייב האָבן ניט קיין שלום־בית, רייסן זיך אַרום, איז איינס פון די ביידע: אָדער זיי שיידן זיך, אָדער זיי האַלטן זיך פאַרט צוזאַמען, ניט קוקנדיק אויף זייערע אַלע רייסערייען. צוליב וואָס? צוליב דער פאַמיליע, די קינדער, וואָס וואַקסן אונטער, — אַן אינסטיטוציע, וועלכע נעמט זיי אַלעמען אַרום.

און בנוגע דעם שטאַט, ווען ער האַלט איבערגעוואַלט צוזאַמען צוויי קלאַסן, וואָס קריגן זיך כסדר, אויף וועלכן אידעאָלאָגישן גרונט טוט ער עס? ער באַזירט זיך אויף דער אידייע, אַז די ביידע קלאַסן זענען באמת ניט מער ווי צוויי באַשטאַנדטיילן פון עפּעס אַ גאַנצס, וואָס איז וויכטיקער פון אַלע אַנדערע פּאָ־ליטישע אייניקייטן.

וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דאָס גאַנצע? אויב מיר זאָלן ווייטער נוצן דאָס וואָרט „געזעלשאַפט”, וועלן מיר זיך נעמען דרייען אין דעם אייביקן כישוף־צירקל, וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און ניט קיין סוף און ניט קיין אויסלאָז, — און דאָס וועט אונדז אין ערגעץ ניט ברענגען.

„דאָס גאַנצע” שטעלט מיט זיך פאָר די נאַציע. דער שטאַט איז אַ טערי־טאָריאַל־נאַציאָנאַלער אַנשטאַלט. דער שטאַט טענהט, אַז עס איז דאָ אַ נאַציע, וועלכע איז העכער פון די קלאַסן, שטייט איבער זיי, ווייל זי אַנטהאַלט ביידן. און הגם די קלאַסן קאָכן זיך, מחלוקתן זיך, ליגן זיי אָבער פאַרט איינגעפּאַסט אין די ראַמען פון שטאַט אָדער נאַציע.

ווען אַ שטאַט־וויסנשאַפטסמאַן רעדט וועגן דער נאַציע, מיינט ער ניט דווקא אַ זויבערע איינבלוטיקע ראַסע, אויב אַזעלכעס איז דאָ.

ווען ער איז ניט קיין מקפּיד אויף די זאַכן, לאָזט ער גוטהאַרציק צו, אַז דער רוב פון דער נאַציע באַשטייט אין זיין פון איין אָפּשטאַם און די איבעריקע באַפעלקערונג־עלעמענטן מעגן געהערן צום ערב־רב, זיין אַ מין צומישונג. זיי ווערן באַטראַכט אָדער ווי שטיפקינדער, אָדער ווי אַדאָפּטירטע מיטגלידער פון דער זעלביקער „הייליקער שטאַט־משפּחה”.

אָט־אַזוי שלענגלט זיך דער סאָציאַליסטישער געדאַנק — אין זיינע אָנווענד־באַרע טיילן, אין זיין הלכה־למעשה, ניט רייך הימלשע טרוימען און פּראָפעטישע זעונגען, — פון דער געזעלשאַפט צום שטאַט, פון שטאַט צו דער נאַציע. דאָס הייסט, פּשוט גערעדט, סאָציאַליזם, פּראַקטיש, וואָלט באַדייטן דער פאַרלאַנג און פאָדערונג, אַז די ווירטשאַפט זאָל איבערגעגעבן ווערן דער אָרגאַניזירטער

נאַציע, אַלס אַ גאַנצער, אַלס אַ שטאַט, אַז זי זאָל זיך מיט דעם אָפּגעבן, זיך פֿאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן און רעגולירן און פּלאַנירן די אינדוסטריע און אַלע ענינים, וואָס געהערן זיך אַן מיטן קאַמף פֿאַר דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ.

אַביסל אין אַנדערע ווערטער וואָלט עס הייסן, אַז סאָציאַליזם אין ממשות־דיקן לעבן — ניט אין זיין ווייטן סוף־פּסוק, זיין מאַקסימאַלער מאַקסימום־פּראָג־ראַם, וואָס לענין רופט אָן „די צווייטע פּעריאָדע פֿון קאָמוניזם״, און די קריסטן האָבן עס גערופן „דאָס צווייטע קומען פֿון דערלייזער״, — הייסט ניט מער און ניט ווייניקער ווי נעמען דעם באַגריף און מהות פֿון נאַציע, וואָס האָט זיך ביז אַהער געהאַלטן ניט מער ווי אויפֿן געביט פֿון פּאָליטיק און קולטור, דהיינו באַזיצן פּאַפּירענע בירגערשאַפֿט, אַן אַלגעמיינע פֿאַרגאַנגענהייט, שפּראַך, ליטע־ראַטור און שפּרוכן; נעמען די נאַציע און פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ ווירטשאַפֿטלע־כער קאָרפּאָראַציע, שאַפֿן פֿון איר אַן עקאָנאָמישע אינסטיטוציע, בעסער געזאָגט: נעמען אַ זאַך, וואָס איז כמעט געווען אַ געשפּענסט, אַן לייב און לעבן, גלאַט אַ „פּסיכאָלאָגישע״ איינריידעניש, אָדער אַ מין בלוטפֿאַרוואַנדשאַפֿט, אַ קערפּער־שאַפֿט, וואָס האָט זיך צעמענטירט מיט ניכטערע שפּייעכץ פֿון פֿאָלקסגייסט, פֿאָלקסטום, פֿאָלקלאָר, פֿאָלקסוועגן — און שמידן פֿון איר אַן אייזנשטאַרקע, מויערגעזונטע פֿאַרמאַציע, וואָס ווערט אַרומגעכאַפּט מיטן שטאָלענעם רייף פֿון אַלגעמיינע ווירטשאַפֿטלעכע אינטערעסן.

נוצנדיק וויסנשאַפֿטלעכן זשאַרגאָן, אָן וועלכן עס איז אַזוי שווער זיך אויסצודריקן מער אָדער ווייניקער פּינקטלעך: די אויפֿגאַבע פֿון סאָציאַליזם, וואָס איז געוואָרן שטאַטיזם, איז צו טראַנספֿאָרמירן די נאַציע, וועלכע איז געווען אַ ביאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגיש וועזן, און מאַכן פֿון איר אַן עקאָנאָמישן סוביעקט.

ס'טייטש, ווי איז אַהינגעקומען דער באַגריף פֿון קלאַס, וועלכן דער סאָ־ציאַליזם האָט פֿון מויל ניט אַרויסגעלאָזן אין אַלע מיטינגען און אַרויסטרעטונגען, און פֿון פּען ניט אַרויסגעלאָזן אין אַלע אויפֿרופֿן, פּאַמפֿלעטן און ווערק? די דאָזיקע סירכא נעמען געניטע קצבים זייער גרינג אַראָפּ. דעם קנייטש קען מען זייער גרינג פֿאַרגלעטיקן, ווען דאָס וואָרט נאַציע באַהעפֿט מען מיטן וואָרט פֿאָלק, אָדער נאָך בעסער, ווען מען פֿאַרבייט עס מיטן לעצטן.

פֿון וועמען אייגנטלעך באַשטייט דאָס פֿאָלק? נגידים זענען דאָך דאָ מער ניט ווי אויפֿן שפּיץ־מעסער, ס'רוב מענטשן פֿון פֿאָלק זענען דאָך אָרעמעלייט, האָרעפּאַשניקעס, בעלי־מלאכות; רייכע, די אָנגעשטאָפּטע גאָלדענע זעק, זענען דאָך דער אויסנאַם, און האָבן זייער ווייניק וואָס צו טאָן מיטן כלל.

אויף אַזאַ שטייגער האָט סאָציאַליזם געמוזט האָבן אַ נייגונג צו דעם, וואָס מען רופֿט אין אַנדערע לענדער פּאָפּוליזם, (פֿאָלקיזם), דעמאָקראַטיע, און אין רוסלאַנד האָט עס געהייסן „נאַראָדניטשעסטוואָ״.

און די מאָדנע שרייענדיקע סתירה האָט געמוזט אויפֿרייסן דעם סאָציאַ־ליזם, אַזוי ווי מען וואָלט דאָרטן געהאַט אונטערגעלייגט דינאַמיט.

מאַרקס (ניט לאַסאַל, ניט מאַדזיני און אפֿשר אַפֿילו ניט משה העס און אַנדערע קלענערע ליכטער) און ענגעלס האָבן געפּריידיקט אינטערנאַציאָנאַליזם. אָבער וווּ, אויף וועלכן געביט? אויף דעם געביט פֿון פּאָליטיק, און אין דער עקאָנאָמיק האָבן זיי געמוזט, ניט־ווילנדיק, זיין „נאַציאָנאַל״; זיי האָבן געהייסן

שאַפן אַ זעלבסטבאַגנוגנדיקע ווירטשאַפט אין די ראַמען פון דעם געגעבענעם פאָלק; זיי האָבן דערפאַר געקעמפט מיט דער פען און מויל, האָבן דער עובדא אַוועקגעשאָנקען זייער לעבן און גאַנצע טעטיקייט.

נו, ווען עקאָנאָמיק שטויסט זיך צוזאַמען מיט פּאָליטיק, ווען „פּאָליטיק" ווערט געפּריידיקט, און עקאָנאָמיק ווערט געטאָן, איז וואָס רעכנט איר — ווער וועט גובר־זיין? זיכער די עקאָנאָמיק. אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק אויסערהאַלב די גרענעצן פון שטאַט איז דאָך דערווייל מער ניט ווי אַ שמועסעריי. נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיק איז די טאָגאָרדענונג.

אין דער מינוט ווי די סאָציאַליסטן האָבן זיך גענומען באַטייליקן אין פּאָליטישן לעבן, אין שטאַטגעזעצגעבונג, האָבן זיי זיך געשטעלט אויף דער משופּעדיקער פּלאַך פון נאַציאָנאַלעקאָנאָמיק, אָדער ריכטיקער: עקאָנאָמישן נאַציאָנאַליזם, און דער „פּאָליטישער אינטערנאַציאָנאַליזם" איז געבליבן אַ פרומע ווינטשעניש, אַ לעפּצנקולט, לעכצן און באַגערעריי, וואָס מיטן אומברחמנותדיקן גאַנג פון לעבן האָט עס ווינציק שייכות. „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַרייניקט אייך" — האָט מען געזאָגט, און געטאָן וואָס?

אָט־דער ווידערשפּרוך, וואָס ליגט צווישן עקאָנאָמישן נאַציאָנאַליזם און פּאָליטישן אינטערנאַציאָנאַליזם, האָט געבראַכט צו דער אומגעהייער, כמעט אומגלויבלעכער מפּלה, וואָס די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן געהאַט אין דייטשלאַנד. דער זעלביקער ווידערשפּרוך צווישן עקאָנאָמיש־נאַציאָנאַלרוסישן קאָמוניזם און פּאָליטיש־אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם האָט אַרויסגעוואָרפן טראָצקין און אַלע זיינע אָנהענגער פון סאָוועטנפאַרבאַנד, ווייל סטאַלין שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון „נאַציאָנאַלן קאָמוניזם".

אָט־די סתירה פאַראורזאַכט דעם גוואַלטיקן קריזיס, וואָס דער סאָציאַליזם לעבט איבער.

IV

רעוואָלוציע

I

רעוואָלוציע אַלס זעלבסטעטיקייט

דער מעטאָד, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין סאָציאַלער באַוועגונג, שטייט פילאָזאָפיש אונטערן צייכן פון איבעראַנדערשן; מיר פאַרנעמען זיך מיט איבער־פאָרמירן דעם אַלטן געזעלשאַפטלעכן סדר און אַוועקשטעלן אים אויף נייע יסודות. איבעראַנדערשן, איבערמאַכן הייסט ניט מאַכן אָדער שאַפן. בכלל איז ריין שאַפן אויף דער ווירקלעכער וועלט ניטאָ, זיין אָרט איז אין לעגענדעס און דאָס נאָר טעאָלאָגישע; דאָרטן שאַפט דער כל־יכול אַ יש מאין, אַן „עפּעס" אָדער אַן „אַלץ" פון ריינעם „גאָרניט".

איבערשאַפן באַשטייט פון צוויי טיילן: פון צעוואָרפן די אַלטע געביידע און אויפריכטן אַ נייע פון דעם אַלטן געהילץ, אָדער שטיינער, אָדער ציגל, אָדער אַנדער בוימאַטעריאַל.

דער פאַרשטאַרקטער טעמפּאָ פון די איבערשאַפנדיקע פּראָצעסן אין חברהשן לעבן, אין פּאָליטיק ווי אין ווירטשאַפט, טראָגט דעם ספּעציעלן נאָמען, וואָס איז געוואָרן אַ פּאָליטישער טערמין: רעוואָלוציע, אַן איבערקערעניש.

מיט אַנדערע ווערטער: די איבעראַנדערשנדיקע אַקטן, וועלכע זענען גע־ריכט מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיניק, הויפּטזעכלעך מיט אַ באַשטימטן ווילן צום אויפרייס פון דעם אַלטן און דער אויפריכטונג פון נייע אינסטיטוציעס אָדער באַנייטע אַקטן, וועלכע דויערן אַ געוויסן משך פון צייט, בשעת וועלכער די טראַנספאָרמאַטאָרישע טעטיקייט פאַרשטאַרקט זיך, ציִען־צו די אַלגעמיינע אויפ־מערקזאַמקייט און רופן אַרויס אַ מיטאַרבעטונג פון די ברייטסטע שיכטן — אָט די דאָזיקע אַקציע ווערט אָנגערופן רעוואָלוציע.

רעוואָלוציע אונטערשיידט זיך פון רעפאָרם דורך דעם, וואָס די לעצטע פאַרנעמט זיך מיט לייכטע אויסבעסערונגען פון די אַלטע שטייגערס פון לעבן. פון די איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציעס, לייגט לאַטעס אויפן אַלטן מלבוש. אַ רעוואָלוציע האָט אַ טיפערן און ברייטערן פאַרנעם, — זי קערט איבער גאַנצע גליבעס פון אויפגעאַקערטן פעלד פון געזעלשאַפטלעכקייט, שטעלט זיך ברייטערע אויפגאַבן, טראָגט אַריין טיפערע ענדערונגען און איז זיך מתעסק ניט מיט פאַרריכטן, נאָר מיט איבערשאַפן.

זיכער, צווישן רעפֿאָרמיזם און רעוואָלוציאָניזם איז ניטאָ קיין תהומישער אונטערשייד. פֿונדעסטוועגן דאַרף מען צוגעבן, אַז עס איז פֿאַראַן דאָ אַ חילוק סיי אין דער קוואַליטעט פֿון דער אַרבעט און סיי אין דער קוואַנטיטעט. רעוואָלוציאָניזם איז אַן עקסטרעמער רעפֿאָרמיזם, און פֿאַרקערט, רעפֿאָרמיזם קען מען כאַראַקטעריזירן אַלס אַ מעסיקן, אָפּגעשוואַכטן רעוואָלוציאָניזם.

מען קען ניט און מען טאָר ניט דעפֿינירן רעוואָלוציאָניזם ווי אַ לערע און ווי אַ טאַקטיק פֿון פּולמאָסיקער פֿאַרניכטונג און שאַפֿונג. אַזעלכע דערשיינונגען ווי פֿאַרניכטונג און שאַפֿונג באַגעגענען מיר ניט אַפֿילו אין געביטן, וואָס זענען פֿיל רייכער מיט רויען מאַטעריאַל אײדער די געזעלשאַפֿטלעכע סביבה. און על אַחת כמה וכמה, אַז אַזאַ מעטאָד וואָלט געווען אײנגעאַנצן אומאָנווענדבאַר אין תחום פֿון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, ווו מיר האָבן אַלעמאָל צו טאָן בלויז מיט ענדערונגען, אויסבעסערונגען, פֿונאַנדערנעמען אויף באַשטאַנדטיילן און צוזאַמענלייגן די אייגענע טיילן אויף אַ נייעם שטייגער, קאָמבינירן זיי אויפֿדאָסניי, אויף אַ מער צוועקמעסיקער וויַיזע, מער דערפֿאָלגרייך. דאָס איז אַלץ.

די אַלע ווערטלעך, וועלכע פֿליִען־אַרויס ווי פֿייגעלעך פֿון די רעוואָלוציאָנערע זינגערייען, ווי למשל, „מיר וועלן די אַלטע וועלט פֿאַרניכטן", „מיר וועלן שאַפֿן אַ נייע וועלט", און די איבעריקע אַרכירעוואָלוציאָנערישע אויסדרוקן, וועלכע לאָזן אָנצוהערן, פֿון ערשטן בליק, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן טיטאַנישע צעשטערנדיקע און שאַפֿנדיקע טועכצן, זאָגן באמת, נאָכדעם ווי מען קוקט זיך צו און מען טראַכט זיך אַריין אין זייער מהות, און מיינען באמת מער ניט ווי אָנצוזאָגן, אַז עס וועלן פֿאַרקומען טיפֿע וואָרצלדיקע רעפֿאָרמעס.

די אַלטע וועלט, אַפֿילו אין זינען פֿון סאָציאַלע באַציִונגען, קלייבט זיך קיינער ניט צו צעשמעטערן. אַלץ, וואָס מען צילט, איז מער ניט ווי טראַנספֿאָרמירן אייניקע געביטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן צוזאַמענלעב, צוגעבן זיי אַ נייעם אויסזען, אַ נייעם טאָן, וואָס זאָלן זיך מער פּאַסן און זיין אין צוזאַמענקלאַנג מיט אונדזערע היינטצוטאָגעדיקע פֿאָדערונגען און באַוווסטזיין.

אַ רעוואָלוציע איז אַ גרויסע רעפֿאָרמע, וועלכע קומט פֿאָר ניט שטיל, רויִק, צירלעך־מאַנירלעך, נאָר ווערט דורכגעפֿירט מיט אַ היסטאָרישן טראַסק און קלאַפּעריי, מיט שטאַרקע געשיכטלעך־טעאַטראַלע עפֿעקטן; זי ווערט געבאָרן אין קאַמף, אין בלוטיקן צוזאַמענשטויס צווישן צוויי לאַגערן, די אָנהענגער פֿון דעם אַלטן אָפּגעלעבטן און פֿון דעם נייעם אויפֿקומענדיקן. אַ רעפֿאָרמע, אַפֿילו די העכסט־אומשולדיקסטע, באַגעגנט אויך אַ ווידערשטאַנד, נאָר געוויינלעך קען זי זיך אַריינפּאַסן אין די ראַמען פֿון עקזיסטירנדיקן סדר; בשעת אַ רעוואָלוציע שטרעבט איבערצושפּרייזן איבער געוויסע אָוועקגעשטעלטע, איינגעאָרדנטע אינסטיטוציעס און דעריבער מוז זי איינוואַרפֿן אַ פּאָר סאָציאַלע כאַלופּקעס. און נאָך מער: אַ רעוואָלוציע, ווען זי איז אַזוי צו זאָגן אַן אָריגינעלע, אַן אַוואַנגאַרדישע, נעמט אַן כמעט אַלעמאָל די פֿאָרמע פֿון אַ באַוואָפֿנטן קאַמף צווישן צוויי מחנות, וועלכער ווערט וואָס ווייטער אַלץ שאַרפֿער, ביטערער, גרויזאַמער, ביז זי פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ בירגערקריג. ווי געזאָגט: אַ רעוואָלוציע איז אַ גרויסע, וויכטיקע, גראַנדיעזע, לויט איר פֿאַרנעם, אויפֿגאַבע און באַצוועקטן ציל: רעפֿאָרמע.

נאָכדעם ווי זעלבסטעטיקייט און פֿרייהייט פֿון אויפֿפֿיר וועט ווערן פֿון

אַן אידעאַל און שטרעבונג — אַ טאַטזאַך, אַ פֿאַקט, רעכענען מיר, אַז קיין גוואַלד־טעטיקע רעוואָלוציעס וועלן דעמאָלט ניט פֿאַרקומען. דעמאָלט וועט פֿאַרקומען די פּלאַנמעסיקע, אויסגערעכנטע אַנטוויקלונג, די באַוווסטזיניקע פּערפֿעקטירונג פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס און די זעלבסטפֿאַרפֿולקומענונג פֿון געזעלשאַפֿטלעכן מאַטעריאַל, ד״ה, פֿון די סוביעקטן, די מיטגלידער פֿון דער זעלבסט־אָרגאַניזירטער מענטשהייט.

דעמאָלט, שיינט אונדז, וואָלט קיין אָרט ניט געווען פֿאַר אַן איבערקערעניש דורכגעפֿירט מיט גוואַלט פּשוט דערפֿאַר, וואָס די אָרדענונג אַליין, דער לעבנס־שטייגער, וועט זיך ניט האַלטן אויף דעם טעכנישן יסוד פֿון איינפֿאַכן מעכאַנישן דרוק, ווי דער פֿאַל איז היינט אין אונדזער געזעלשאַפֿט, ווו אַ מענטש באַאַרבעט אַ מענטשן, ווו די מערהייט שפּילט די ראָלע פֿון מאַטעריע און מאַסע און די מינדערהייט פֿון קראַפֿט. אַ גוואַלדטעטיקע איבערקערעניש פּאַסט זיך נאָר דאָרטן, ווו דער סדר, דער סאָציאַלער לעבנספֿיר, באַזירט זיך אויף גוואַלדטאַט, איז מעכאַניש און ניט פֿרייוויליק, ניט זעלבסטאָרגאַניזאַטאָריש.

ווו עס איז דאָ דער חילוק צווישן „מאַסע“ און „קראַפֿט“, טוען מיר, רעוואָ־לוציאָנערן, געוויינטלעך אַזוי: מיר רודערן־אויף, מיר בורען־אויף די מאַסן, „די מאַטעריע“, קעגן דעם „כוח“, קעגן דער גרופּע אָרגאַניזאַטאָרן, אַ גרופּע, וועלכע שטעלט פֿאַר מיט זיך אַלעמאָל אַ קליינעם מיעוט, נאָר וועלכע האַלט אין אירע הענט אַלע פֿעדים פֿון פֿאַרוואַלטונג, פּירונג, קאָמאַנדירונג, און אַדאַנק דעם מאָ־נאָפּאָל פֿון די פֿאַרוואַלטונגספֿונקציעס בילדעט זי אַ גרויסע מאַכט, שאַפֿט אַן איבערגעוויכט אין קוואַליטעט, וואָס פֿאַרנעמט דעם אָרט פֿון איר נישטיקער קוואַנטיטעט. מיר וועקן די „מאַסן“, מיר רופֿן זי צום לעבן, צו טעטיקייט, צו אַקטיוויטעט און רעאַקטיוויטעט; מיר וועקן אין זיי אויף דעם חשק און אַפּעטיט צו סאָציאַלער אַקציע, צו זעלבסטאויסדרוק, זעלבסטטעטיקייט. און דאָ קומט פֿאַר אַ שלאַכט אויף לעבן און טויט צווישן די צוויי אייביק־אַנטאַגאָניסטישע יסו־דות, צווישן די „אָרגאַניזירטע מאַסן“ און דער „אָרגאַניזירנדיקער קראַפֿט“. די מאַסע וויל ווערן אַ „כוח“. פּאַסיוויטעט נעמט זיך אָפּטשוכען און וויל אַריבערגיין אין אַקטיוויטעט. דאָס איז אייגנטלעך דאָס בילד און דער זין פֿון יעדער רעוואָ־לוציע. אַנשטאָט אונדזער טערמין „אָרגאַניזאַטאָר“ און „אָרגאַניזירטע“ קען מען דאָ אַוועקשטעלן דאָס איינפֿאַכע וואָרט: „הויך“ און „נידער“. „הערשנדיקער קלאַס“ און „אונטערדריקטע“. דאָס איז אַ רעוואָלוציע, דאָס איז איר עסענץ. די „לעצ־טע“ ווילן מער ניט זיין קיין לעצטע, קיין פֿאַרטיילטע, פֿאַרנאַכלעסיקטע. זיי ווילן נעמען שפּילן אַ ראָל אין זייער אייגענער געשיכטע, זי נעמען שרייבן אויף זייער אייגענעם שטייגער, לויט זייער אייגענעם פֿאַרלאַנג, נויטן, באַדערפֿענישן און פֿאַרשטענדענישן.

און דערפֿאַר זענען כמעט אַלע אַנאַרכיסטן, ד״ה מיטן אויסנאַם פֿון דער גרופּע אַזוי אָנגערופֿענע פּרידלעכע, געווען פֿאַר רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן, גע־ווען באַגייסטערטע פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק. זיי האָבן געפֿילט אינס־טינקטיוו, אַז די רעוואָלוציאָנערע פּעריאָדן זענען „אַנאַרכיסטישע“ לויט זייער מהות נאָך, לויט זייער אינהאַלט. און דאָס איז טאַקע אמת. אַ רעוואָלוציע איז אַן „אַנאַרכיסטישע“ דערשיינונג; אַ רעוואָלוציאָנער שטיקל צייט איז אַן „אַנאַרכיס־

טיש״ שטיקל צייט. אָבער ניט דערפאַר איז עס אַזוי, ווייל דעמאָלט קומט פאָר דער אַראָפּרייס פון די פאַרשימלטע דעכער פון אַלטע הייליקע אַנשטאַלטן. דער פונאַנדערטרייסל פון די זיילן פון די סאָציאַלע טעמפּלען; ניט דאָס, נאָר דערפאַר, וואָס אין יענע, צום באַדויערן קורצע פעריאָדן, גייט די מאַסע, די מאַטעריע, דער סאָציאַלער מאַטעריאַל, אַרויס פון איר שטענדיקן צושטאַנד פון פּאַסיווקייט. מיר וועלן זיך דערלויבן צו געברויכן אַ וווּלגאַרע אילוסטראַציע. דאָס רייטפערד שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס און פאַרזוכט אַראָפּצוואַרפן דעם רייטער. און אין דעם מאָמענט, וואָס טיילט אָפּ דעם אַראָפּשליידער פון אַלטן קאַוואַלעריסט און אַרויפשפּרונג פון נייעם, איז דאָס פערד זעלבסטעטיק, גייט אין זיין אייגענעם וואָגן ווו עס וויל און וווהין עס וויל.

די אַנאַרכיסטן זענען אַזוי געוועזן אַנטציקט פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט דערפאַר, וואָס אין איר פּרצוף, אין געזיכט פון דער רעוואָלוציע, האָבן זיי געזען, הגם אין אַ צעקרימטער פאָרמע, דאָס שיינע ליכטיקע פּנים פון דער געטין, וועמענס נאָמען איז זעלבסטעטיקייט, אַקטיוויטעט. בשעת אַ רעוואָלוציע זענען די מאַסן זעלבסטעטיק, אַקטיוו, זיי באַוועגן זיך אין זייער אייגענער ריכטונג. זיי פאַרפאַסן זייער בוך פון לעבן, זיי פאַרנעמען זיך גאַנץ ברייט, זיי פאַרזוכן אויפצוריכטן אַנשטאַלטן לויט זייער געשמאַק און באַדערפעניש.

מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז, ערשטנס, צום גרויסן צער, אַנטפּלעקט זיך די זעלבסטעטיקייט, אַזוי צו זאָגן, אין דער פאָרמע פון אַ בליץ, וואָס שניידט דורך די פינצטערקייט פון סאָציאַלער באַצוווּנגענער טאַטלאָזיקייט, און ווערט גלייך פאַרטרונקען אין אַ ים פון נאַכט און חושך. און, צווייטנס, אַז דער בליץ איז צעדרייט און פאַרווירט און, צו אונדזער פאַרדרוס, צו קורצצייטיק. נאָך יעדן אויגנבליק פון רעוואָלוציאָנערער זעלבסטעטיקייט קומט כמעט אַלעמאָל שיעור ניט אַ גאַנצער יאָרהונדערט פון פּאַסיוויטעט פון די ברייטע מאַסן, פון פאָלק, וואָס ווערט ניט־ווילנדיק אַריינגעפּרעסט גלייך אין דער לאַגע פון „אָרגאַניזירטע״. די צרה איז, וואָס דערווייל דריקט זיך אויס די זעלבסטעטיקייט פון די ברייטע מאַסן מער ניט ווי אין אַקט פון אַראָפּשטירצן דעם רייטער אין דער פריִער געבראַכטער אילוסטראַציע, עס האָט אָבער געדאַרפט באַשטיין אין באַמִיען זיך מיט כל־הכוחות צו בלייבן אָן אַ רייטער, זיך אויסלערנען צו באַגיין אָן פירער, זיך אויסלערנען אַכטונג צו געבן, זיין אויף דער וואַך, אַז קיין נייער רייטער זאָל זיך ניט אַרויפכאַפּן, זיך אויסלערנען אַליין צו געפינען דעם וועג צו דער לאָנקע, און שפּייזן און אָפּרו־אָרט, און פאַרהיטן זיך פון די בלוטדורשטיקע וועלף, און זיך אַרומגיין פראַנק און פריי אָן אַ צוים און אָן לייצעס — און פאָרט ניט פאַרבלאָנדזשען. דאָס שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס איז אָן אַקט פון זעלבסטשטענדיקייט. אָבער דער אַקט, אמת טאַקע, ער איז אַ רעוואָלוציאָנערער, קען לאַנג ניט דויערן; מען קען לאַנג אַזוי ניט שטיין. די זעלבסטעטיקייט פון די פאָלקסמאַסן דאַרף אָננעמען אַ כאַראַקטער פון פלאַנמעסיקער, שטענדיקער אָרגאַנישער אַלטעגלעכער טעטיקייט.

די אָרגאַניזירטע מאַסן, אין רעוואָלוציאָנערע מאָמענטן, דערמאָנען אונדז אָן יענעם פאַרכישופטן פרינץ, וועמען דער בייזער מכשף האָט פאַרוואַנדלט אין אַ הונט אין דעם ליד וועגן דער פרינצעסן שבת פון היינריך היינע. עס קומט

דער שבת קודש. דער הונט וואַרפט אַראָפּ די פעל. גייט אַרויס פון דער קאַנורע, שטעלט זיך אויף צוויי פיס. נעמט ריידן אַ מענטשן־לשון. עס איז אַוועק דער שבת־קודש, — דער בן־מלך קריכט ווייטער אַריין אין זיין הינטישער פעל. בילט ווייטער ווי אַ הונט — עס איז ניטאָ מער קיין פּרינץ, עס איז דאָ אַ כלב.

דאָס אייגענע פּאַסירט מיטן פאָלק. אין מאָמענט פון זונענאויפגאַנג פון דער רעוואָלוציע ווערט עס זעלבסטעטיק, וואַרפט אַראָפּ דעם כישוף; געדענקט ווער עס איז, אַז עס איז דער פּרינץ, דער האַר פון דער געזעלשאַפט; אָבער אַ ווײַלע שפּעטער איז נאָך אַלעמען. אַ נייער מכשף, אַ נייער אָרגאַניזאַטאָר, רייסט זיך אַריין מיט נייע כישוף־ווערטער, און די פאָלקסמאַסן ווערן ווייטער אַראָפּגע־דריקט צו דער נעבעכדיקער ראָלע פון סאָציאַלן שטאָף, פון מאַטעריאַל. זיי זע־נען געצוווּנגען צו בלייבן פּאַסיוו, צו פאָלגן, צו אויספירן באַפעלן געגעבן פון די נייע הערשער, די נייע באַלעבאַטים. „צוריק אַריין אין די קאַנורעס!" — דאָס איז דער באַפעל פון נייעם מכשף.

וואָס מיר ווילן איז אַ שטענדיקע רעוואָלוציע, אַ „פּערמאַנענטע" רעוואָלו־ציע, אין וועלכער די ברייטע שיכטן פון פאָלק זאָלן כסדר זיין זעלבסטעטיק, זאָלן אָנגיין אַן אָפּשטעל מיט זייער אַרבעט, זאָלן בלייבן אויף אַלעמאָל פּרינצן, בני־מלכים.

און מיר זענען אויסגעשפּראָכענע רעוואָלוציאָנערן. מיר ווילן די רעוואָלו־ציאָנערע פּעריאָדן אויסציִען אויף דער לאַנגער צייט פון שטענדיקייט, פון אייביקייט. און די רעוואָלוציאָנערע אַקטן ווילן מיר פאַרטיפן און פאַרפיינערן, זיי זאָלן געווינען אין פּלאַנמעסיקייט, ניט אָנווערנדיק אין אָריגינאַליטעט און דרייסטקייט.

סאָציאַלאָגישע עסטעטן ווי טאָלסטאָי, איבסען און אַנדערע האָבן פאַר־וואָרפן די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק דערפאַר, וואָס די כאַאָטישע, אַביסל ברו־טאַלע פאָרמע, האָט זיי אָפּגעשטויסן. מיר זעען אָבער דעם רייכן אינהאַלט, און מיר רעכענען זיך ניט מיט דער פאָרמע.

דער אינהאַלט פון דער רעוואָלוציע איז שיין, ריין און דערהויבן, און דערפאַר זענען מיר פאַר רעוואָלוציע. מיר זעען אין איר סמנים פון זעלבסט־טעטיקייט.

2

רעוואָלוציע און זעלבסטפאַרטיידיקונג

די אַנאַלאָגיע, וואָס אַנדערע פירן דורך צווישן אַ רעוואָלוציע און אַ מלחמה, לייגט זיך אַליין פאַר, ווייל אַ רעוואָלוציע גייט גאַנץ אָפט אַריבער אין אַ באַ־וואָפנטן אויפשטאַנד, וואָס ווערט פאַרשטאַרקט און פאַרבריסן און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ בירגערקריג. דאָס טרעפט דעמאָלט, ווען דער קלאַס, וואָס ווערט אַטאַ־קירט, איז נאָך שטאַרק און זאַפטיק און וויל זיך מיט זיין גדולה ניט שיידן,

ווײַל ניט אַראָפּ מיט גוטן און ניט מיט בייזן פון דער געשיכטלעכער סצענע און שטעלט אַ גרויסן, גרויזאַמען ווידערשטאַנד, און דער אַטאַקירנדיקער, דער אָנ־גרייפנדיקער קלאַס, איז נאָך צו־שוואַך און צו־ווייניק אָרגאַניזירט, ער זאָל קענען מאַכן אַ סוף צו דער הערשאַפט פון די הערשער אָן לאַנגע מחזקות, געשלעגערייַ און ראַנגלעניש.

לאָמיר אָננעמען די פאַרגלייכעניש פון מלחמה און רעוואָלוציע. דאָס וועט אונדז נוצלעך זײַן קלאָרער צו מאַכן דעם וועזן פון אַ רעוואָלוציע.

מלחמות זענען פאַראַן צווייערלייאיקע: אָנגרייפנדיקע, באַפאַלנדיקע און זיך פאַרטיידיקנדיקע; מען רופט זיי אויך פאַרכאַפנדיקע און זיך־באַפרייענדיקע. ס׳רוב פירט זיך אַ מלחמה דערפאַר, וואָס דער קריגפירנדיקער קאָלעקטיוו וויל פאַרכאַפּן, איינעמען, באַזיגן אַן אַנדער פאָלק, שטאַם אָדער שבט און צונעמען זײַן לאַנדבאַזיץ אָדער גלאַט ראַבירן אים; זעלטענער קומט פאָר אַ קריג דערפאַר, וואָס אַ באַשטימטע נאַציע, קאָלעקטיוו, וויל זיך באַפרייען פון אַ יאָך, וועלכן אַן אַנדער נאַציע אָדער פעלקערשאַפט האָט אויף איר אַרויפגעלייגט.

יעדער קריג, וואָס שטעלט זיך אַלס ציל די באַפרייאונג פון די אונטער־דריקטע, איז באמת אַ פאַרטיידיקונגסקריג, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס לויט זײַן פאָרמע, לויטן אויסנווייניקסטן אויסזען, קוקט ער אויס צו זײַן אָנגרייפנדיק, ווײַל די אונטערדריקטע נאַציע פירט אָן אַן אָפענסיווע, שטורעמט די פעסטונג פון אונטערדריקונג, קעמפט פאַר באַפרייאונג, פאַר דער פאַרניכטונג פון די אַלטע פאָרמעס פון פאַרשקלאַפונג.

יעדער קריג אָבער, וואָס זײַן אויפגאַבע איז איינצונעמען נייע לענדער, איז אַלעמאָל אַן אָנגרייפנדיקער קריג, ניט־געקוקט אויף דעם, וואָס לויט זײַן פאָרמע נאָך, באַטראַכט סטראַטעגיש, איז ער אַמאָל אָנגרייפנדיק, אַטאַקירנדיק און אַמאָל בלויז זיך באַשיצנדיק. מיר דאַרפן אָבער ניט קוקן אויף דער סטראַ־טעגיע, אויף די תכסיסי־מלחמה, נאָר אויפן אינהאַלט. עס איז ניט קיין פראַגע פון דעם מעטאָד פון אָנפירן די מלחמה, צי מען גייט אין אַטאַקע אָדער מען שלאָגט אַמאָל צוריק אַן אַטאַקע. עס איז אַ פראַגע פון דעם צוועק און אויפגאַבע פון קריג.

ס׳רוב מלחמות זענען אַלעמאָל געווען אָנגרייפנדיקע, אָנגעפירט מיט פאַר־כאַפּערישע אָפּזיכטן; זיי זענען אַנטשטאַנען פון דעם, וואָס מלוכות ווילן כסדר איינע די אַנדערע אַראָפּשלינגען, פון דער וועלט אומברענגען.

און ווען מען זעט, אַז איין זייט פאַלט אָן און דער צווייטער צד פאַרטיידיקט זיך בשעת מעשה, זאָגט עס נאָך גאָרניט. מיר דאַרפן אורטיילן וועגן מלחמות ניט פאָרמעל, נאָר מאַטעריעל, לויט זייער מהות, זייערע אויסזיכטן, כוונות, פּניות.

עס קומען אָבער אַמאָל אויך פאָר באַפרייאונגס־מלחמות, ווען דאָס פאָלק, די אונטערדריקטע נאַציע, וויל זיך באַפרייען פון אַ פרעמדן יאָך. דעמאָלט קומט פאָר דער קריג ניט מיטן מיין צו פאַרנעמען, פאַרכאַפּן, נאָר אָפּנעמען, צונעמען צוריק דאָס, וואָס איז געווען פאַרכאַפּט.

אַ באַפרייאונגס־מלחמה האָט מען אייגנטלעך כמעט קיינמאָל ניט קוואַלי־

פיצירט ווי מלחמה, מען האָט זי ס׳רוב באַטראַכט און באַצייכנט ווי אַן אויפ־שטאַנד, ווי אַ בונט, אָדער מיאַטעזש.

די אימפּעריאַליסטישע וועלט האָט אָנערקענט מערניט ווי פּאַרכאַפּערישע מלחמות — מלחמות אָנגעפירט פון זעלבסטשטענדיקע חברות גזלנים, וואָס הייסן מלוכות, מיט דער כוונה אַריינצוקריגן נייע לענדער, אָדער צונעמען איינע פון דער אַנדערער שוין איינמאָל פאַרכאַפּטע לענדער און פעלקער. אמת, די אימפּעריאַליסטן פלעגן בשעת מעשה מאַכן אַ פרום פּנים און ריידן וועגן באַ־פרייאונגסטעטיקייט, וועגן זייער פאַרלאַנג זיך מוסר־נפש־זיין, בכדי צו העלפן אַ שכן זיך אַרויסרייסן פון די לאַפּעס פון אַן אַנדער אונטערדריקער. ווען רוס־לאַנד האָט געפירט מלחמות מיט טערקיי, האָט זי געהאַלטן אין איין טענהן, אַז זי איז אויסן צו באַפרייען די סלאַווישע אָדער אַנדערע קריסטלעכע פעלקער־שאַפטן, וואָס האָבן געליטן פון די „בוסורמאַנען". מיר וואָלטן געקענט ברענגען אַ סך אַזעלכע ביישפילן. אָבער די זאַך איז קלאָר סיי־ווי־סיי.

באַפרייאונגס־מלחמות זענען געפירט געוואָרן פון די אונטערדריקטע נאַ־ציעס. אַזעלכע קריגן האָבן געהאַט אַלס זייער ציל זעלבסטעמאַנסיפּאַציע, זעלבסט־באַפרייאונג, און ניט דאָס פאַרשקלאַפן פון אַן אַנדער פאָלק, סיי אַ הערשנדיקן, סיי אַן אונטערדריקטן. דער צוועק פון קריג איז געווען זעלבסטשוץ, באַשיצן דאָס אייגענע לעבן קעגן דעם אַריינמישן זיך, אַריינרייסן זיך און באַלעבאַטעווען. דאָס אויפגעשטאַנענע פאָלק, דער אונטערדריקטער, האָט געקעמפט פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט, פאַר זיין אומאָפּהענגיקייט. מאַכט ניט אויס, צי עס האָט זיך סטראַטעגיש פאַרטיידיקט, אָדער עס האָט אָנגעגריפן זיינע הערשער־אונ־טערדריקער. גראָד פאַרקערט, ריכטיקער איז, אַז עס האָט אַלעמאָל געמוזט זיין אָנגרייפנדיק פון שטאַנדפּונקט פון פאָרמע, ווייל עס האָט דאָך געמוזט משלח־זיין, אַרויסטרייבן פון זיינע גרענעצן, פון זיין סביבה, דעם הערשער, דעם שונא. דערפאַר האָבן מיר פריִער אָנגעוויזן און פאַרהיט, אַז מען זאָל זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון בלויז אויבערפלעכלעכן אויסזען פון דער זאַך, נאָר מען זאָל קוקן אויפן אינהאַלט פון דער דערשיינונג.

פאַרכאַפּערישע מלחמות ווערן געפירט פון זעלבסטשטענדיקע מלוכות, כדי צו פאַרברייטערן און פאַרגרעסערן דעם שטח פון זייערע טעריטאָריעס, פאַרנע־מען לענדער, פאַרכאַפּן מאַרקן און דאָס גלייכן.

אַ פאַרכאַפּערישע מלחמה ווערט געפירט — פאַרן אויסשפרייט פון היקף (אַרומנעם).

אַ באַפרייאונגס־מלחמה ווערט ס׳רוב געפירט פאַרן ענדערן די פאָרמע, די סטרוקטור, די קאָנסטיטוציע, די פאָרמע פון דער אָרגאַניזאַציע פון דעם געגע־בענעם לאַנד. און איר הויפּטצייכן איז די פאָדערונג פון באַפרייאונג, באַזייטיקונג פון דער הערשאַפט אויפגעבויט פון אַן אַנדער נאַציע, און ניט די פאַרפעסטיקונג פון הערשאַפט איבער אַן אַנדער נאַציע.

איצטער לאָמיר צוקומען צוריק צו רעוואָלוציע.

מיט וועלכן מין מלחמה קען מען פאַרגלייכן אַ רעוואָלוציע? מיט וועלכער פאָרמע פון קריג וואָלט אַ רעוואָלוציע זיך געקענט אַנאַלאָגירן?

פאַרשטייט זיך, אַז נאָר מיט דעם צווייטן טיפּ, דעם באַפרייאונגסקריג.

אַ רעוואָלוציע איז באמת אַ „באַפרייאונגס־מלחמה“, אָבער ניט פון אַ נאַציאָנאַלן, נאָר אַ קלאַסנכאַראַקטער. אַ רעוואָלוציע איז אַ קריג אָנגעפירט פון די אָרגאַניזירטע מאַסן קעגן זייערע אָרגאַניזאַטאָרן. אַ רעוואָלוציע האָט אַלעמאָל דעם אויסערלעכן אויסזען פון אַן אָנגרייף און דאָס איז דערפאַר, וואָס זי איז אין תוך מער־ניט ווי אַ זעלבסטפאַרטיידיקונג, אַ מין זעלבסטשוץ.

די ברייטע מאַסן פון די אָרגאַניזירטע פירן אַן אַטאַקע אויף די אָרגאַני־זאַטאָרן; זיי קעמפן קעגן זיי, ווייל יענע האָבן זיי אונטערדריקט, באַליידיקט, עקספּלואַטירט. און זיי אָרגאַניזירן זיך אַליין, צו אַ געוויסער מאָס, אַזוי צו זאָגן, אונטערערדיש, אומאָפיציעל, און נאָכדעם, ווערנדיק שטאַרקער, גייען זיי אַרויס אָפן און ווילן זיך דערשלאָגן אָנערקענונג פאַר די נייע פאָרמעס פון אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, וואָס זיי לייגן פאָר.

דאַרף מען זיך אנטזאגן פון רעוואָלוציע דערפאַר, וואָס זי איז אָנגרייפנדיק, איז אַלעמאָל אַן אָפענסיווע? בשום־אופן ניט! דאָס איז דער אָפּנאַרנדיקער, פאַר־פירנדיקער אויסזען אירער. לויט איר מהות נאָך, איז זי בלויז זעלבסטשוץ.

אַ רעוואָלוציע איז אַ קאַמף. אויב איר ווילט וועלן מיר צוגעבן, אַפילו אַ קריג פאַר באַפרייאונג, פאַר זעלבסטשטענדיקייט, פאַר אומאָפּהענגיקייט — און ניט פאַר פאַרשקלאַפונג פון וועלכער עס איז אַנדער סאָציאַלער גרופּירונג.

פאַרדאַמען רעוואָלוציעס, זיי באַטראַכטן ווי פאַרכאַפּעריש, אומגערעכט, אומעטיש קענען נאָר יענע, וואָס גיבן זיך ניט אָפּ קיין דין־וחשבון אין דעם ענין, האָבן ניט אונטערזוכט אומפּאַרטייאיש דידאַזיקע נאַטירלעך־סאָציאַלע דערשיינונג.

פאַרדאַמען אַ רעוואָלוציע קען נאָר יענער, וועלכער פאַראורטיילט בכלל קאַמף, סיי פון פאַרטיידיקונג און סיי פון אַן אָנפאַלנדיקן כאַראַקטער, ווי, למשל, טאָלסטאָי.

אַ רעוואָלוציע איז אַ באַפרייאונגסקאַמף אָנגעפירט פון אַ שטאַנד, קלאַס אָדער שיכט פון די אָרגאַניזירטע אין אַלגעמיין. אויב רעוואָלוציעס האָבן זיך עד־היום ניט איינגעגעבן אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט, איז עס דערפאַר, וואָס ביז היינטצוטאָג זענען בכלל ניט געווען גרייט די פאַרויסזעצונגען און פאַרבאַ־דינגונגען, וואָס זענען נייטיק, כדי מעגלעך צו מאַכן די ראַדיקאַלע באַזייטיקונג פון די סאָציאַלע דעפעקטן, חסרונות פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, און אויך דערפאַר, וואָס ביז היינט האָט מען זיך ניט קלאָר געמאַכט די פאָדערונגען, די פּלענער פון איבעראַנדערשן, אויף אַ ראַדיקאַלן אופן, דעם געבוי פון אונדזער פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן.

עד־היום איז אַלעמאָל די זאַך פאָרגעקומען אַזוי: די אָרגאַניזירטע זענען אויפגעשטאַנען, זענען געווען אויפגעבראַכט קעגן אַ באַשטימטער, קאָנקרעטער פאָרמע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיי זענען אָבער ניט דערגאַנגען אין זייער באַוווסטזיניקייט צום פאַרשטיין, אַז דער הויפּטפּרינציפּ, דער הויפּט־יסוד פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכער טיילט איין די מענטשן אויף צוויי טיפּן, אויף אָרגאַניזירער און אָרגאַניזירטע, אויף סאָציאַלע אַקטיוון און סאָציאַ־לע פּאַסיוון, איז פאַלש, איז שעדלעך, איז דער קוואַל פון אַלע סאָציאַלע צרות און אומרעגלמעסיקייטן. די אָרגאַניזירטע מאַסן האָבן ניט אויפגעפאַסט, אַז דער

פּרינציפּ פון זיין אָרגאַניזירט פון אַן אויסנווייניקסטן כוח, פון אַ מינדערהייט, דאַרף באַזייטיקט ווערן, און אַז די אויסערונגען, וואָס דער פּרינציפּ נעמט־אָן, ווי דהיינו, ערדבאַזיץ, מאַכטבאַזיץ, מאַכטאויטאָריטעט, זענען מער ניט ווי פאַר־בייגייענדיקע היסטאָרישע פאָרמעס.

יעדע רעוואָלוציע ביז היינט האָט מער־ניט ווי אויפגעדעקט נייע ווידער־שפּרוכן, וועלכע זענען געווען פאַרבאַהאַלטן אין די טיפענישן פון לעבן, אויפ־געדעקט די סתירות און אַנטוויקלט זיי, געמאַכט זיי אַרויסוואַקסן און זיך אַנטפּלעקן צו אַלעמען. און עס האָט אַנדערש ניט געקענט זיין צוליב דעם אַליין, וואָס זיי, די ביזאַהעריקע רעוואָלוציעס, האָבן געהאַט צו טאָן מיט גאַנצע קאָ־לעקטיוון (ווי דער דריטער שטאַנד, אַ קלאַס), וואָס מוזן, בשעתן קריג, צעפאַלן ווערן און אַרויסווייזן זייער אַנטאַגאָניסטישע נאַטור, וועלכע איז געווען פאַר־באַהאַלטן אין די פאַלבן פון זייער סאָלידאַרישער אַקציע בשעתן אַנגריף. דער־פאַר דאַרפן מיר האָבן אַן אינטעראינדיווידועלע רעוואָלוציע, וואָס וועט זיין די לעצטע רעוואָלוציע, ווייל די נייע אינטעראינדיווידועלע אָרדענונג שטעלט מיט זיך פאָר אַ צייטאַלטער פון שטענדיקער פרידלעכער עוואָלוציע, אַ פרייען צוזאַ־מענבונד פון אינדיווידן.

אינטעראינדיווידואַליזם אין אונדזער אויסטייטש איז זעלבסטאָרגאַניזאַציע. און די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט וואָלטן מיר באַטראַכט אַלס אַ שטענדיקן איבערגאַנג פון האַרטערע צו ווייכערע פאָרמעס פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, אַן איבערגאַנג פון וויניקער זיך באַטייליקן צו מערער מצד די ברייטערע מאַסן אין דעם אָרגאַניזירנדיקן פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַ רעוואָלוציע ווערט אָנגעפירט, בכדי דורכצוזעצן ענדערונגען אין דער סטרוקטור פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די ערשטע שעמעוודיקע פאַרזוכן פון אַ רעוואָלוציע איז אַ בונט. די קנעכט האָבן זיך געבונטעוועט. אַ מער אַנטוויקלטע פאָרמע איז אַן אויפשטאַנד. אַן אויפשטאַנד זעצט פאָרויס אַ פאַרשטענדעניש, אַ צעזאַמענריידן־זיך צווישן די, וואָס קלייבן זיך צו רעוואָלטירן.

אַ רעוואָלוציע פאַרפאָלגט ענדערונגען אין דער פאַרוואַלטונגסטעטיקייט פון דעם געגעבענעם קאָלעקטיוו; זי ווערט באַגלייט מיט אפּלייטונגען אויפן געביט פון רעכט און פוןווירטשאַפט. אַ רעוואָלוציע קומט פאָר לשם רעאָרגאַניזאַציע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, בכדי איבערצוטאַשירן די באַציִונגען און צוזאַמענ־באַציִונגען, וואָס הערשן אין דער געגעבענער געזעלשאַפט.

אַ רעוואָלוציע איז אַלעמאָל אַ רעאָרגאַניזאַציע. זי האָט אָבער אַלעמאָל אינסטינקטיוו געשטרעבט צו זעלבסטאָרגאַניזאַציע, אָבער, צום באַדויערן, נאָר אינסטינקטיוו, ניט פּלאַנמעסיק.

אַן אינטעראינדיווידואַליסטישע רעוואָלוציע איז דער קאַמף פאַר זעלבסט־אָרגאַניזאַציע. מיט אַנדערע ווערטער: אַזאַ רעוואָלוציע באַטייט דאָס אַריבער־וואַקסן, דאָס בייקומען פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָרדענונג און דאָס איבער־גיין צו זעלבסטאָרגאַניזאַציע.

דער דערפאָלג פון אַ רעוואָלוציע הענגט בכלל אָפּ פון דער מפּלה, פאַר־לאָרנקייט פון די אָרגאַניזאַטאָרן, די האַרן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. רע־

וואָלוציעס אַנטשטייען און זענען זיגרייך נאָכדעם ווי די פירער פון דעם געגעבענעם סדר האָבן געכאַפּט אַ מיאוסן פסק אויף אַן אויסערלעכן פראָנט, ווי דער פאַל איז געווען אין רוסלאַנד, ווו די רעוואָלוציע האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט בשעת מלחמה און נאָכדעם ווי די אַלטע רעגירער האָבן געהאַט אַ נידערלאַגע.

ווען אַ גרופּע אָרגאַניזאַטאָרן שטויסט זיך צוזאַמען מיט אַן אַנדער גרופּע אָרגאַניזאַטאָרן, וועלכע איז שטאַרקער, פאַרדאָרבענער, ביטערער פון דער ערשטער, און זי ברעכט זיי גוט אָן די ביינער, ערשט דעמאָלט כאַפּן זיך די אָרגאַניזירטע מאַסן, אַז די אַלטע פירער און זייער סיסטעם פון פירונג טויג ניט, און זיי גיבן זיך אַ נעם עס צו צעברעכן.

די ברייטע מאַסן כאַפּן זיך ערשט דעמאָלט פאַרן שכל און זיי קריגן גענוג דרייסטקייט צו פאַראורטיילן זייערע אדונים, זייערע „אָרגאַניזאַטאָרן“, ווען די לעצטע פאַלן אַריין אָדער פירן אַריין אין אַ זומפּ. ערשט דעמאָלט הייבן זיי זיי אָן צו קריטיקירן, צו גאָרניט־מאַכן, און נעמען טראַכטן ווי אַזוי זיי צו באַזייטיקן. זיי דאַרפן פאַר דעם זיין „ליגעדיקע“, בכדי די מאַסן זאָלן זיך אָננעמען מיט חוצפּה און זיי נעמען שמייסן. פאַר דעם „צימבלען“ זיי זיי מערניט ווי מיטן וואָרט, דערנאָך מיט דער טאַט, אויף אַן אמת, פשוטו כמשמעו, גיבן זיי היסטאָרישע מלקות.

און דאָ בעט זיך ווייטער דיזעלביקע אַנאַלאָגיע פון מלחמה. פונקט ווי אַ באַפרייאונגסקריג פאַלט ס׳רוב צוזאַמען מיט אַ מפּלה געליטן פון דער הערשנדיקער מלוכה, וועלכע שטויסט זיך צוזאַמען מיט אַן אַנדער מלוכה, וואָס איז שטאַרקער פון איר, ערשט דעמאָלט געפינט די אונטערדריקטע נאַציע די געלעגנהייט צו צעברעכן איר יאָך און זיך באַפרייען; אַזוי איז אויך דער פאַל מיט אַ רעוואָלוציע. זי גיט זיך איין, ווען זי קומט נאָך דורכפאַלן פון דער הערשנדיקער קליקע; די מפּלות קענען אַפילו זיין פון אַ פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן כאַראַקטער, אָבער בעסער איז, ווען זיי זענען פון אַ מיליטערישן כאַראַקטער.

אין רוסלאַנד האָבן מיר געהאַט די ערשטע רעוואָלוציע נאָך דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג; די צווייטע רעוואָלוציע, בשעת דער וועלט־מלחמה און דער אומגעהייערער מפּלה, וואָס דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט געכאַפּט.

און דאָ, אין אַזעלכע פאַלן, קומט פאָר אַ צוזאַמענווירקונג. די אויסערלעכע נידערלאַגע ווערט פאַראורזאַכט פון דער אינעווייניקסטער שוואַכקייט, צוליב דעם, וואָס די אונטערדריקטע נעמען זיך פילן און באַטראַכטן אַלס באַליידיקטע, נעמען פאַרשטיין, אַז זייערע אינטערעסן פאַלן ניט צוזאַמען מיט די אינטערעסן פון זייערע הערשער. דעמאָלט נעמען זיי זיך רודערן גייסטיק, און אַביסעלע אויך אָרגאַניזאַציאָנעל. און דאָס מאַכט אוממעגלעך פאַר די הערשער אָפּצוהאַלטן אַ זיג איבער די אַנדערע הערשער, ווייל נאָך אַלעמען ווערט דאָך די מלחמה געפירט און דורכגעפירט פון די אונטערדריקטע, וואָס זענען אומבאַוווסטזיניק אויף אַזויפיל, אַז זיי זענען אַפילו גרייט צו לאָזן זיך הרגענען פאַר זייערע הערשער, פאַר זייערע אָרגאַניזאַטאָרן. און בשעת די אומצופרידנקייט פון די ברייטע מאַסן דערגרייכט אַ געוויסן גראַד, איז אוממעגלעך, אַז די הערשער זאָלן אָפּהאַלטן אַ ניצחון אויף אַן אויסנווייניקסטן פראָנט. דער צושטאַנד פון אויפגערעגטקייט,

וואָס הערשט צווישן די מאַסן, איז אַליין גורם די נידערלאַגע. און די נידערלאַגע פון איר זייט ווירקט אויף די מאַסן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך אויסניכטערן פון שאָוויניסטישן טשאַד. די קלעפּ פון שונא רייסן זיי אויף די אויגן און זיי דערזעען די מעשים תעתועים, וואָס קומען פאַר אַרום זיי. און דערזעענדיק עס ווערן זיי גלייך אָן זייער צוטרוי צו די „אָרגאַניזאַטאָרן", וועלכע האָבן זיי אַריינגעצויגן אין אַזאַ געפערלעכער אַוואַנטורע — די מאַסן דערוואַכן און עס קומט פאָר די רעוואָלוציע.

די פאָלקסמאַסן האָבן דערווייל מער ניט ווי איין לערער — דאָס איז דער גאַנג פון זייער אייגענער געשיכטע, אייגענע פערזענלעכע איבערלעבונגען. ניט ביכער, אָדער דאָקטרינען לערנען זיי, נאָר צרות, ליידן. די שמיץ פון בייטש פון די געשעענישן גיבן זיי אַריין מער שכל ווי צענדליקער רעדעס געהאַלטן פון די בעסטע רעדנער און הונדערטער פּאַמפלעטן געשריבן פון די בעסטע פּובליציסטן.

בכדי אַז די באַוווסטזיניקע, איניציאַטאָרישע מינדערהייט, וועלכע פאַרשטייט שוין פון לאַנג־אָן איר שלעכטע לאַגע און שלאָגט זיך פאַר באַפרייאונג, זאָל ווערן אַ מערהייט, אָדער כדי די מערהייט פון דער באַפעלקערונג זאָל נעמען צושטיין צו זיי, איינזען, אַז זיי זענען גערעכט, און זיך אָפּרופן מיט צושטימונג אויף זייערע לאָזונגען, פאָדערט זיך ס'רוב אַ דורכפאַל, אַ באַנקראָט פון דער אַלטער רעגירונגססיסטעם. אַזוי איז געווען אין פראַנקרייך בשעת נאַפּאָלעאָן דעם דריטן (דער אויסברוך פון דער פּאַריזער קאָמונע), אין רוסלאַנד בשעת ניקאָלאַי דעם צווייטן; אַזוי איז געווען אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך־אונגאַרן. די מפּלות האָבן אַרויסגערופן איבערקערענישן אָדער פאַרזוכן דורכצופירן איבערקערענישן.

בשעת אַ מפּלה, זוכנדיק אַן אויסוועג, הייבן די פאָלקסמאַסן אָן זיך צוצוהערן צו די שטימען פון די קריטיקער, פון די יעניקע, וואָס לייגן פאָר אַ נייעם פּלאַן פון געזעלשאַפט, און דערנאָך וואַרפן זיי זיך אַריין אין קאַמף, ווייל אייגנטלעך איז עס לית־ברירה, זיי האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן. און איבערהויפּט זעען זיי דעמאָלט באַשיינפּערלעך, אַז דאָס אַלטע טויג ניט, אַז די אַלטע פירער און אויפפירעכצן זענען דיסקרעדיטירט, זענען פאַרוואָרפן פון לעבן אַליין.

אָבער ווען אַלץ איז שטיל און רויק און גוט, בשעת סאָציאַלן געדיי און גערעטעניש, זענען זיי, די ברייטע מאַסן, אינערטיש, האָבן מורא פאַר נייעסן, פאַר אויפטועניש, שרעקן זיך, טאָמער ווערט נאָך ערגער. אָבער ווען עס איז אַזוי שלעכט, אַז ערגער קען שוין ניט זיין, דעמאָלט גיבן זיי זיך אַ נעם גאַנץ ערנסט פאַר דער אַרבעט פון אַראָפּרייסן דאָס אַלטע סיסטעם און אַרויסוואַרפן די אַלטע פּריצים, די פירער, פאַרפירער.

און ניט־אַכטנדיק אויף די באַהויפּטונגען פון קאַוטסקין דאַרף מען קאָנסטאַטירן אַלס סאָציאַלן געזעץ, אַז זיגרייכע רעוואָלוציעס גייען אין די וועגן פון ניט־זיגרייכע מלחמות. אויף דעם צוזאַמענהאַנג, וואָס הערשט צווישן דעם אינעווייניקסטן פּאָליטישן לעבן און די אויסנווייניקסטע פראָנטן פון אַ באַשטימטער אָרגאַניזירטער פּאָליטישער געזעלשאַפט, האָט אָנגעוויזן גאַנץ דייטלעך לאַסאַל, אין זיין באַרימטער רעדע: „וואָס איז אַזוינס קאָנסטיטוציע?"

מען דאַרף עס פּשוט פאָרמולירן אַלס רעגל, אַלס געזעץ: אַ מפּלה אויפן אויסערלעכן פראָנט פון הערשער גיט אַ מעגלעכקייט פאַר די אונטערדריקטע אָפּצוהאַלטן אַ ניצחון אויפן אינעווייניקסטן פראָנט. מיט אַנדערע ווערטער, פאַר־איינפאַכט: דער דורכפאַל פון דער הערשנדיקער קליקע אויפן אויסערלעכן־פראָנט פירט, נאַטירלעכערוויז, צו זייער דורכפאַל אויפן אינעווייניקסטן פראָנט.

און רעוואָלוציאָנערן דאַרפן אַלע מאָל זיין אויף דער וואַך, ווייל די דער־לייזונג וועט קומען „ווי אַ גנב אין מיטן נאַכט“.

מען קען זיך פאַרלאָזן אויף די הערשער, אַז ניט היינט איז מאָרגן וועלן זיי פאַרשלעפּן דעם סאָציאַלן וואָגן אין אַ בלאָטע, פון וועלכער זיי וועלן אים ניט קענען אַרויסשלעפּן... און דעמאָלט וועט שלאָגן דער זייגער: צוועלף, און זיי וועלן קריגן זייער „מאַרשירצעטל“.

3

עוואָלוציע אָדער רעוואָלוציע

דער וויכוח, וועלכן עס פירן צווישן זיך די עוואָלוציאָניסטן מיט די רע־וואָלוציאָניסטן, ווי אַלע ענלעכע דעבאַטן, פירט פּראַקטיש צו גאָרניט, ווייל ביידע צדדים זענען גערעכט. גערעכט ווי טאָג זענען די עוואָלוציאָנערן, אַז די אַנטוויקלונג האָט געדאַרפט גיין כסדר אָן אָפּשטעל, אָן שטערענישן, וואַקסנדיק אָרגאַניש, פאַרשטעלנדיק מיט זיך איין אומענדלעכן אַרויפשטייג, אַרויפגיי אויפן לייטער פון פאַרפולקומענונג. אָבער נאָך מער גערעכט זענען די רעוואָלוציאָ־ניסטן, ווען זיי באַהויפּטן, פילנדיק דעם אמת פון זייער באַהויפּטונג מיט זייער גאַנצן וועזן, אַז די אורטיילן פון די עוואָלוציאָניסטן זענען רעאַקציאָנער, קענען אויסאיבן בלויז איין ווירקונג, און דאָס איז די פאַרפעסטיקונג פון די עקזיס־טירנדיקע פּריווילעגירטע פּאָזיציעס פון די הערשנדיקע קלאַסן, די פאַרפּאַמע־לעכונג פון די טראַנספאָרמירנדיקע פּראָצעסן, דער אָפּשוואַך פון ווילן צום איבעראַנדערשן די פאָרמען פון חברהשן צוזאַמענלעב. און נאָך מער און מער זענען גערעכט דידאַזיקע רעוואָלוציאָניסטן, וועלכע זענען אַליין אויך רעוואָלו־ציאָנערן, ניט נאָר זיי ריידן און שרייבן מכוח דער רעוואָלוציע, נאָר פּרובירן מיט כל־הכוחות צו דערנענטערן די צייט פון איר אויסברוך און העלפן זי דורכ־פירן בשעת זי ברעכט אויס. זיי זענען בחוש, אַז אָן דער רעוואָלוציאָנערער טעטי־קייט וואָלטן מיר פאַרשלאָפן ווערן, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם זומפּ פון שב־ואל־תעשה: זיך מיט צונויפגעלייגטע הענט און טו גאָרניט און פאַרלאָז זיך אויף די ניסים, וואָס דער כל־יכול, דער פּראָגרעס, וועט אַליין אויפטאָן; אָן דער ברויזנדיקער אַקציע וואָלטן מיר זיך פון אָרט ניט רירן, וואָלטן פאַרשטיקט געוואָרן אין דעם אייזערנעם אַרומנעם פון די עקזיסטירנדיקע אָפּגעלעבטע באַ־ציִונגען, וועלכע זענען כנגד אונדזער באַוווסטזיין און האַלטן ווי אין אַ תליה־שלייף אַלע נייע, יונגע כוחות, וואָס רייסן זיך צום לעבן, עקזיסטענץ און זעלבסטאַויסדרוק.

די עוואָלוציאָניסטן זענען גערעכט, אָבער אויפן חשבון פון דער צוקונפט. יאָ, אמת, לעתיד־לבוא וועט זיין, אַזוי צו זאָגן, איין אייביקע עוואָלוציע, איין פּלאַנמעסיקע טעטיקייט, אַ פּראָצעס, וואָס וועט זיך אָנגיין אָן איבעררייס, אָן אָפּשטעל, אָן פאַרגליווער; אַן אַרבעט, וואָס וועט געטאָן ווערן טאָג־טעגלעך אָן אַריינמישונגען מן־הצד; נאָכאַנאַנד, אָן איבערגעוואַלטיקן אָפּשטעל, וועט זיך וועבן דער פאָדעם פון אויסבעסערן, פאַרריכטן דאָס געוועב, וואָס מיר רופן געזעלשאַפטלעכע פאַרייניקונגען.

איצטער אָבער קען ניט זיין קיין רייד מכוח פרידלעכן, עוואָלוציאָנערן בוי־ען, וועגן „פּאָוואָליעדיקייט“, וועגן רויִקער, שטילער, לאַנגזאַמער און פּעולה־דיקער טראַנספאָרמירונג פון אונדזער חברהשן בנין, אָדער מעכאַניזם. ווייל די היינטיקע פאָרמעס פון צוזאַמענלעב, די סאָציאָלאָגיע פון אונדזער צייט, שטייט אונטערן צייכן פון גראָבער פיזישער טעכניק, וואָס איבט אויס כסדר געוואַלט־טאָט איבער איר מאַטעריאַל, און דערלאָזט ניט, היט אָפּ זייער אייפערזיכטיק, אַז קיין שום שינויִים, קיין טיפע ענדערונגען זאָלן ניט פאָרקומען אין דער עקזיס־טירנדיקער אָרדענונג. די בורזשואַזע מלוכה איז אַזוי באַרבאַריש קאָנסטרויִרט, אַז זי וואַרפט זיך אַרויף מיט אַ שטראָפנדיקער האַנט, אין וועלכער זי האַלט דעם קאַנטשיק פון געזעץ און שטראָף, אויף אַלע די, וואָס האָבן אַ העזה צו טרוימען וועגן איינפירן נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכקייט; דער שטאַט באַטראַכט די דאָזיקע פערזאָנען, און באַהאַנדלט זיי לויט זיין אויפפאַסונג, אַלס פאַרברעכער, אינקרימינירט זייער פאַרלאַנג פון אַראָפרייסן דעם עקזיסטירנדיקן סדר. די מלוכה דערלאָזט מער ניט ווי קלייניטשקע רעפאָרמעלעך, לגמרי ניש־טיקע, וועלכע האָבן ניט קיין ווערט, ענדערונגען, וועלכע בעצם ענדערן גאָרניט. זי דערלאָזט אָבער בשום־אופן ניט דורכצופירן טראַנספאָרמאַטאָרישע פלענער, גרויסע רעפאָרמעס, וואָס וואָלטן באמת קענען פאַרשיטן דעם אָפּגרונט, וועלכער ליגט צווישן די צוויי הויפּטטיפּן פון אונדזער געזעלשאַפט, דעם „אָרגאַניזירנדיקן טיפּ“, וואָס מען רופט הערשנדיקן קלאַס, און דעם „אָרגאַניזירטן“, די אונטער־דריקטע מאַסן. און די מלוכה קען עס ניט דערלאָזן. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס די הערשנדיקע שיכטן פאַלן אַריין אין רציחה און נעמען זיך גלייך שלאָגן, ווען זיי דערהערן אָדער דערזעען, אַז די אָרגאַניזירטע, דורך זיי באַאַרבעטע מאַסן, נעמען זיך רעגן, וועקן, רירן, רודערן און פּרובירן זיך אַרויסגליטשן פון אונטער זייער רשות, ווייל דאָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ גרויסע סכנה פאַר די פירער, הערשער, באַלעבאַטים פון דער איינגעשטעלטער, הייליקגעהאַלטענער אָרדענונג. ווייל אין דעם מאָמענט, ווען „די אָרגאַניזירטע“, יענע מיליאָנען, וועל־כע זיי, די פירער, זענען געוועזן געוווינט פון קדמונים צו פירן פאַר דער נאָז, הייסן טאָן און זיך אויפפירן ווי זיי, די הערשער, האָט געלוינט, אַז זיי זאָלן זיך אויפפירן, אין דעם מאָמענט, ווען אָט־די מאַסן נעמען זיך צום שכל און טאַט, און פאַרנעמען זיך מיטן אויסאַרבעטן אַ נייעם פּלאַן פון רעאָרגאַניזאַציע פון צוזאַמענלעבן, ווערן זיי אין דער זעלביקער מינוט כמעט ווי אויס „אָרגאַניזירטע“, זיי פאַרלירן זייער פּאַסיוויטעט און געהאָרכזאַמקייט, די מידה זייערע, אויף וואָס די גאַנצע רשעות־וועלט האַלט זיך און געדייט. אין דער מינוט הייבט אָן די „אָרגאַניזירטע מאַסע“ צו פּרעטענדירן אויף דער ראָלע פון אַן אָרגאַניזירנדיקן

כוח אין דער געזעלשאַפט, סטאַרעט זיך צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער פאַקטאָר. און עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די אָרגאַניזירנדיקע קאַסטע מוז קוקן אויף זיי ווי אויף אַ דם־שונא אירער. נאָך מער, ווען דער פּלאַן, די אידייע אָדער אידעאַל, וועלכער ווערט אַנטוויקלט פון די אונטערדריקטע, האָט בדעה און איז אפשר אויך בכוח אַרויסצורופן אַזעלכע ענדערונגען אין דער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס וואָלטן אַרונטערגעריסן די מאַכט און גדולה, די אומאַפּעלירבאַרע אויטאָריטעט פון די „אָרגאַניזירער“.

עס קען קיין רייד ניט זיין וועגן עוואָלוציע דאָרטן, ווו עס הערשט טעכניק, דאָרטן, ווו עס געוועלטיקט אַ מעכאַנישער צוואַנג און נויטונג, דאָרטן, ווו עס ווילדעוועט און בושעוועט אַן אייביק געשלעג און נגישות. דאָרטן, ווו עס האַלטן אין איין ראַנגלען זיך בלוט־אויסגעשפּראָכענע קאָנטראַסטן פון אינטערעס.

קען מען זיך דען פאָרשטעלן, אַז אַ בוים זאָל גוטמוטיק, פרייוויליק נעמען און ווערן אַ טיש, ביי וועלכן עס זעצן זיך אַוועק די אדונים צו אַ מאָלצייט, די גרויס פון אַ באַרג... און זיי עסן, צום פאַרבייסן, זיין פרוכט! עס איז פעסטגעשטעלט פון אַלע וויסנשאַפטלעכע פאָרשער, אַז די צעטיילונג אין קלאַסן האָט אירע וואָרצלען אין מלחמות און באַזיגן שוואַכערע און רויִקערע שבטים אָדער טיילן פון דער באַפעלקערונג. אַזוי איז אַנטשטאַנען דער פונאַנדערשניט אין אונדזער געזעלשאַפט. און ווי אַזוי קען מען גלויבן, אַז דעם שניט און קנייטש קען מען אויספּרעסן אויף אַ פרידלעכן אופן, זיך אַוועקזעצנדיק און זיך דורכשמועסנדיק און קומענדיק צו אַ פאַרשטענדעניש! מען קען ניט רייִדן דאָ וועגן שלומדיקער, רויִקער אַנטוויקלונג. דאָ ווירקט גוואַלדטאַט, סאָציאַלמעכאַנישער דרוק. פאַרוואַנדלען סאָציאַלע סוביעקטן, פרייע מענטשן, אינדיווידן, אין אָביעקטן, אין מאַטעריאַל, וואָס ווערט באַאַרבעט לויט אַ באַשטימטן פּלאַן, לויט דער אויסרעכענונג פון דער „אָרגאַניזירנדיקער קאַסטע“, די „סאָציאַלע אינזשיניערן“ (לויט דעם אויסדרוק געברויכט אין מאַניפעסט פון די פוריעריסטן, דער מאַניפעסט פון דער סאָציאַטאַרער שולע פון 1831טן יאָר) און בשעת־מעשה רייִדן וועגן אַן אַנטוויקלונג, וואָס קומט כלומרשט פאָר אָן קיין שום ווילנסאַקט, אָן באַוווסטזיניקן, אומישנעם דרוק, אָן קאַמף און ווידערשטאַנד — הייסט פשוט איבערכאַפּן די מאָס, הייסט פשוט, מיינען, אַז די אונטערדריקטע זענען באמת אַזוי נאַיִוו ווי זיי זעען אויס, און אַז מען קען זיי איינרייִדן אַלץ אויף דער וועלט.

גרינדן מלוכות, פירן מלחמות, הערשן, געוועלטיקן, האַלטן סאָציאַלע קוזניצעס אין וועלכע מען שמידט כסדר די קייטן, אין וועלכע די מאַסן זענען געבונדן, און בשעת־מעשה זיך מאַכן אַזוי טאַמעוואַטע און רייִדן וועגן עוואָלוציע, וועגן פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר כלומרשט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן עפּעס ווי בלא־יודעים, ווי פון זיך אַליין, לויט אימאַנענטע, מיטגעבאָרענע געזעצן, וואָס מען קען ניט אַנדערשן, — איז מער ווי רייִדן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין נאַרישקייט; דאָס הייסט פשוט זיך מאַכן ניט וויסנדיק, ניט זעענדיק, בכדי צו פאַרפירן און פאַרבלענדן אָט־די יעניקע, אָן וועמעס זען און פאַרשטייק און טאָן הענגט אָפּ די עקזיסטענץ פון אונדזער צרהדיקער געזעלשאַפט.

און, פון דער צווייטער זייט, משער־צו־זיין, אַז די באַאַרבעטע, די אָרגאַניזירטע, קענען זיך באַפרייען מיט דער הילף פון עוואָלוציע אַליין, ניט זייענדיק

געטריבן אָנצוווענדן פּשוטן כוח, אָנפירן אַ שווערן, אַ בלוטיקן קאַמף, אַרויסווייזן אַ שטאָלענעם און אייזערנעם ווילן צו פרייהייט, שטעלן אַ פּאַרעקשנטן ווידער־שטאַנד, זיך אָוועקשטעלן און זיך פּשוט ראַנגלען קעגן דער געוואַלט און הער־שאַפט, פון די אָרגאַניזירער פון דער גזעלשאַפט, אַזוי, אַז די סאָציאַלע קאַסע זאָל זיך אָנשלאָגן אויף אַ סאָציאַלן שטיין, זאָל זיך צוזאַמענשטויסן מיט שטאַר־קייט, מיט אַ ווילנספולער, באַוווסטזיניקער זעלבסטאָרגאַניזירטער אַקציע, אַ מעכטיקייט — איז מער ווי אַקאַדעמישע גוטהאַרציקייט.

און פאַר אונדז איז קיין ספק ניט, אַז אין דעם וויכוח, אין דער געגעבענער פאָרמע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון עקאָנאָמיק און פּאָליטיק, איז דער פּראַק־טישער, צוועקמעסיקער חברהשער אמת אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָניסטן.

אָבער בנוגע דער צוקונפט, ווען טעכניק, די באַאַרבעטונג פון מענטש דורך מענטשן, וועט ווערן איינגאַנצן אָפּגעשאַפט, אַרויסגעטריבן פון תחום פון חברהשן צוזאַמענלעב — דעמאָלט, ווען דער אידעאַל פון זעלבסטאָרגאַניזאַציע וועט ווערן פאַרווירקלעכט, דעמאָלט, אָן קיין ספק, וועט קומען און בלייבן ביי אונדז, לאָמיר האָפן אויף שטענדיק, דער צייטאַלטער פון שטילער, רויִקער אַנטוויקלונג, פון אומאָפּשטעלבאַרער טראַנספאָרמירונג, אָן פעריאָדן פון איבער־געוואַלטיקער פאַרגליווערונג און פאַרפרירונג, אויף איין זייט, און פון איילענ־דיקע צעהיצטע שמעלצונגען, צעגיסונגען און פאַרפלייצונגען, אָן צייטן פון איבערגוואַלטיקער קאָנסערוואַציע און דערנאָך איבערגעוואַלטיקע נאוואציעס, איבערקערענישן און באַנייאונגען. דעמאָלט וועט זיין איין אייביק גיין פאָרויס און זיך שטענדיק פאַרבעסערן און פאַרבעסערן ביז צו פולקומענהייט — מיט איין וואָרט, אָן עוואָלוציע, אָן רעאַקציעס און אָן רעוואָלוציע.

דערווייל האַלטן מיר נאָך גאַנץ ווייט פון דעם, דערפאַר שרייבן מיר אָן מיט אַ שטייפער האַנט דאָס וואָרט רעוואָלוציע אויף אונדזער פאָן.

די עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרן צוזאַמען מיט דער אוזור־פּאַציע פון די אוזורפּאַטאָרן — דאָס איז אַ רעוואָלוציע.

און אָן דעם קען מען זיך ניט באַגיין. סיידן די, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די בענק, לאַנד און פאַבריקן וועלן עס אַליין אָוועקגעבן. און דאָס וועלן זיי דאָך מיט גוטן ניט טאָן, וועט מען עס דאַרפן פון זיי צונעמען, און דעם אַקט פון צונעמען רופט מען אָן רעוואָלוציע.

4

וואָס איז אַ רעוואָלוציע?

„ווען מיר פאַרטראַכטן זיך, ווי אַזוי שטרייטיקייטן און פּאָליטישע איבער־קערענישן קומען פאָר, מוזן מיר צוערשט זיך קלאָרמאַכן די התחלות און סיבות, וואָס באַווירקן די קאָנסטיטוציע בכלל... די דערנידערטע רעוואָלטירן, כדי צו

ווערן מיט לייטן צוגלייך, און די, וואָס זענען גלייך, — כדי צו ווערן די דער־הויבענע" 1).

„רעוואָלוציע מיינט טראַנסמוטאַציע, און אַ רעוואָלוציע, לכן, קומט תמיד פאָר, אומגעאַכט די מיטלען, צי יאָ מיט געוואַלדטאַט צי אָן איר, ווען אַ איינגאַנצן נייער פרינציפּ פאַרבייט דעם אָנגענומענעם פון פריער" 2).

„די מאַטעריעלע כוחות פון דער פּראָדוקציע אין דער געזעלשאַפט, אויף אַ געוויסער שטופע פון אונדזער אַנטוויקלונג, טרעטן אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט די עקזיסטירנדיקע פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן אָדער — וואָס איז בלויז אַ יורידישער אויסדרוק פון דער זעלביקער זאַך — מיט די אייגנטום־פאַרהעל־טענישן, אונטער וועלכע זיי האָבן פאַר דעם געאַרבעט. פון אַנטוויקלונגספאָרמען פון די פּראָדוקציעקרעפטן ווערן זיי איצט פאַרוואַנדלט אין פענטעס. דעמאָלט קומט אָן דער פּעריאָד פון סאָציאַלער רעוואָלוציע. מיטן בייט פון דעם ווירט־שאַפטלעכן פונדאַמענט ווערט טראַנספאָרמירט, מער אָדער ווייניקער שנעל, די גאַנצע קאָלאָסאַלע איבערגעביידע" 3).

די אורזאַך פון רעוואָלוציע

פוריע שרייבט:

„די הויפּטאורזאַך פון דערשיטערונגען און איבערקערענישן... איז אָרעמ־קייט" 4).

ווי קומען פאָר רעוואָלוציעס? פון וואָס נעמען זיי זיך? זיכער, רעוואָלוציעס האָבן דאָך געוויסע סאָציאַלע סיבות, וועלכע פאַראורזאַכן זיי. מאַרקס דערקלערט די דערשיינונג דורך דעם צוזאַמענשטויס פון די פּראָדוקטיווע כוחות און פּראָ־דוקציע־פאַרהעלטענישן.

פון אַט־דעם שטאַנדפּונקט (דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאַס פון געשיכ־טע) דאַרף מען זוכן די אַנטשיידנדיקע אורזאַכן פון אַלע סאָציאַלע ענדערונגען און פּאָליטישע רעוואָלוציעס ניט אין די געהירן פון די מענטשן, ניט אין זייער באַנעם פון אייביקן אמת און יושר, נאָר אין די ענדערונגען אין די אופנים פון פּראָדוקציע און אויסטויש. מען דאַרף זיי זוכן ניט אין דער פילאָזאָפיע, נאָר אין דער עקאָנאָמיק פון יעדער באַזונדערער עפּאָכע. דער אויפקום פון דעם באַ־נעם, אַז די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זענען אומשכלדיק און אומיושרדיק, דאָס, וואָס דער שכל איז געוואָרן אומשכל, און גערעכט איז געוואָרן אומגערעכט, איז אַ באַווייז, אַז אין די אופנים פון פּראָדוקציע און אויסטויש זענען פאָרגעקומען, שטילערהייט, ענדערונגען, מיט וועלכע דער גע־זעלעשאַפטלעכער איינשטעל, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו די פאַרדעמדיקע עקאָ־נאָמישע באַדינגונגען, געפינט זיך ניט אין איינקלאַנג" 5).

1) Aristotle, *Politics*, VI, by Benj. Jowett. Oxford, 1905.
2) F. Lassalle, *Science and the Workingam*, p. 75. New York, 1900.
3) Karl Marx, *Critique of Political Economy*, Preface.
4) Charles Fourier, *Theory of Social Organization*, p. 35, New York, 1876.
5) F. Engels, *Socialism, Utopian and Scientific*, pp. 94—95; 97. Chicago Kerr.
Karl Marx, *Eighteenth Brumaire*, p. 55, New York, 1926.
A Loria, *Economic Foundations of Society*, p. 327; p. 334. London, 1932.

ווען דאָס וואָלט אמת געווען, וואָלט אַ רעוואָלוציע הויפּטזעכלעך געדאַרפט פאָרקומען אויפן געביט פון פּראָדוקציע, אין דערווירטשאַפט, און בלויז איר אָפּשפּיגלונג וואָלט זיך באַוויזן אויפן פּנים פון פּאָליטישן לעבן. באמת אָבער איז אַ רעוואָלוציע בעצם־ובעיקר אַ פּאָליטישע דערשיינונג.

אמת, מיר ריידן וועגן רעוואָלוציעס אין אַנדערע ספערן; מען רעדט גאַנץ אָפט וועגן אַ רעוואָלוציע אין קולטור, אין דענקען, אין איינצלנע אידעאָלאָגישע דיסציפּלינען, און מען רעדט שוין אַ גאַנץ רעכט ביסל וועגן רעוואָלוציעס אין באַלעבאַטישקייט. אָבער דאָס אַלץ ווערט גענוצט, לויט מיין פאַרשטיין, בלויז פיגוראַטיוו, ווי אַ בילד. סיי דאָס וואָרט און סיי דער באַגריף איז אַנטליען פון אַן אַנדער געביט, פון דעם געביט פון פּאָליטישן אויפטו. און אַזאַ דערשיינונג ווי אַ רעוואָלוציע פאָדערט אַ פּאָליטישע דערקלערונג און אויסטייטש, איבער־הויפּט אַ סאָציאַלאָגישע און בשום־אופן ניט קיין עקאָנאָמישע, אויב מען וויל ניט פאַרגוואַלטיקן דעם שכל־הישר אָדער צופיל אָנציִען די ספּעקולאַטיווע סטרונעס. מאַרקס, ווענדיק אַלץ רעדוצירן צו עקאָנאָמיק, האָט ממילא געמוזט אונטערשאַצן די פּאָליטישע דערשיינונגען, אָדער זיי אַוועקשטעלן ערגעץ הינטן, אין פּאָליש, בעת די באַלעבאַטישקייט האָט ער כסדר געהאַלטן לעבן דער מזרח־וואַנט 6).

די פראַגע שטעלט זיך מכוח דער אמתדיקייט פון דער הנחה, אַז רעוואָלו־ציעס ווערן פאַראורזאַכט פון געוווּקס פון די פּראָדוקציע־כוחות און זיי זענען ניט קיין פּועל־יוצא פון דער זעלבסטשטענדיקער אַנטוויקלונג, פאַרשנעלערטער, פון די פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן. פאַרוואָס זאָל איין קאַטעגאָריע פאַקטאָרן פאַררעכנט ווערן פאַר פלינקערע, מער באַוועגפּעיִקע ווי די אַנדערע?

אויב פּראָגרעס אין פעלד פון פּראָדוקטיוויטעט קומט פאַר אַדאַנק דעם טעכניש־דערפינדערישן זשעני, — פאַרוואָס זאָל ניט קענען די זעלביקע מיס־טעריעזע קראַפט זיך מאַניפעסטירן אין פּאָליטישע אַקטיוויטעטן, אין פאָרמירן דעם פאַרקער פון אינדיווידן און גרופּן?

און אויב אַ מאַרקסיסטיש געשטימטער לייענער וועט אונדז פרעגן, מיט וואָס קענען מיר דערקלערן דאָס וואַקסן און דורכמאַכן שינויים מצד די פּראָ־דוקציע־פאַרהעלטענישן, וועלן מיר אים אָפּענטפערן מיט אַ פראַגע: אַדרבא, זאָל ער אונדז אָנצייגן דעם קוואַל, פון וואַנען עס פליסט אַרויס דער כוח, וואָס טרייבט פאָרויס די פּראָדוקציע־כוחות, אָדער וואָס איז גורם צו וואַקסן און אויסוואַקסן אין אַלגעמיין.

די פּראָדוקציע־כוחות זענען ניט באַשאָנקען מיט מער זעלבסטמאָבילי־טעט, מיט זעלבסטפאָרשריטלעכקייט איידער די פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז די באַזונדערע דערשיינונג פון פאָרויסגאַנג זאָל אונ־טערקומען אונטער דער אַלגעמיינער טעאָריע פון עוואָלוציע. פאַרוואָס זאָל דער אוניווערסאַלער רעוואָלוציע־פּרינציפּ זיך אָפּזאָגן צו דינען מיט אַ דערקלערונג

---

6) Karl Marx, *Capital*, vol. I, Preface, Secnd. Ed.
Alfred Meusel, art. "Revolutions and Counterrevolutions" in Enc. Soc. Sc., vol. XIII, p. 376.

די פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן? אַ וויסנשאַפטלעכע היפּאָטעזע אָדער דאָקטרינע דאַרף ניט האָבן קיין ספּעציעלע פּאַוואָריטן.

בכלל גערעדט באַהאַנדלט מאַרקס דאָס פּראָבלעם פון רעוואָלוציע עפּעס כלאחר־יד. צוליב עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכן טעם זענען די פּראָדוקציע־פאַר־העלטענישן אַלעמאָל די הינטערשטעליקע, די נאָכשלעפּערס; זיי הענגען אַן שווערע געוויכטן אויף די פלינקע פיס פון די פּראָדוקציע־כוחות. פאַרוואָס זאָלן זיי זיך ניט אַנטוויקלען צוזאַמען מיט די מאַטעריעלע כוחות? אויף וועלכן סמך זאָגט מען זיי אָפּ אין אַן אַנטוויקלונגספּאַראַלעליזם.

נאָכמער: אַזוי ווי מאַרקסיזם נעמט אָן גאַנץ ווילקירלעך, אַז אין באַשטימטע פּעריאָדן פון אַנטוויקלונג מוזן זיי בלייבן הינטערשטעליק און געזונטע נאָר־מאַלע אויפּאַמאָליקע אַנטוויקלונג איז אויסגעשלאָסן, איז פאַרוואָס זאָל מען ניט קענען צולאָזן די מעגלעכקייט, אַז אין אַנדערע פּעריאָדן איז פּונקט פאַרקערט, לויפן זיי פאָרויס און זיי שלעפּן אָדער טרייבן אונטער די פּראָדוקציע־כוחות אויפן וועג פון פאַרשנעלערטן צוגעאיילטן פּראָגרעס? אויב זיי זענען אימשטאַנד אין אייניקע תקופות צו טאָרמאָזירן, פאַרהאַלטן דעם פאָרשריט פון די פּראָדוק־ציע־כוחות, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט קענען משער־זיין, אַז אין אַנדערע תקופות זאָלן זיי סטימולירן, דערמוטיקן דאָס געדייען פון דער פּראָדוקציע?

די מאַרקסיסטישע אינטערפּרעטאַציע פון אָט־דער דערשיינונג פּאָסטולירט, אַז אין אַ באַשטימטן מאָמענט געפינען זיך ביידע, די מאַטעריעלע כוחות פון פּראָדוקציע און די פאַרהעלטענישן, אין איינקלאַנג, אין אַ קאָאָפּערירנדיקן צו־שטאַנד. די פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן הויזן מיט די פּראָדוקציע־כוחות, זיי זענען ביידע באַלאַנסירט, בשעת זיי, די פאַרהעלטענישן, ווערן, אַזוי צו זאָגן, צוגעשניטן, געמאַכט ווי אויף אַ באַשטעלונג אין צייט פון אַ רעוואָלוציע. אויב אַזוי, פרעגט זיך: ווער איז דער שולדיקער אין צעשטערן אָט־דעם שלום־בית אין דער סאָ־ציאַלער ווירטשאַפט? דער מאַרקסיסט וויל האָבן, אַז די פּראָדוקציע־כוחות זענען די „פאַרלעצער“, ווייל זיי יאָגן זיך פאָרויס און לאָזן איבער הינטער זיך די שווערלייביקע, אומרירעוודיקע פאַרהעלטענישן 7).

אָבער אויף וואָס האַלט זיך אָט־די באַהויפּטונג? דאָס איז אַ פילאָזאָפישע הנחה, וואָס האָט אַ קנאַפּע שייכות צו אָט־דעם באַזונדערן פאַל, נעמלעך, רעוואָ־לוציע. אין מאַרקס באַשרייבונג פון דעם רעוואָלוציע־פּראָצעס קען מען לייכט דערטאַפּן אַ פאַרבאַהאַלטענעם באַטאַנאַמאָרפיזם. דער אויפּפיר פון די פאַרהעל־טענישן דערמאָנט אונדז אין אַ קנאָספּע, וואָס עפנט זיך פונאַנדער, ברעכט אויף, מחמת זי קען מער ניט איינהאַלטן אין זיך די שפע פון זאַפט, וואָס גיסט זיך אַריין אין איר, און עס פּוישט זי אַזוי אָן, אַז זי מוז פּלאַצן...

„צענטראַליזאַציע פון די פּראָדוקציע־מיטלען און סאָציאַליזאַציע פון אַר־בעט דערגרייכט, צום סוף, צו אַזאַ פּונקט, אַז זיי קענען זיך מער ניט אַריינפּאַסן

7) C. N. Starke, *Laws of Social Evolution and Social Ideals*, p. 225.
L. Trotzky, *History of the Russian Revolution*, vol. III, p. 276, New York, 1932.

אין דעם קאַפּיטאַליסטישן הייטל. און דאָס הייטל פּלאַצט. און דער טויטנגלאָק פון פּריוואַט־אייגנטום קלינגט 8).

די פּאַרהעלטענישן זענען ניט בכוח איינצוטאַמעווען די עקספּאַנדירנדיקע מאַטעריעלע כוחות פון פּראָדוקציע און זיי מוזן אויפברעכן.

רודאָלף שטאַמלער, אין זיין באַרימטן ווערק „ווירטשאַפט און רעכט", באַשרייבט די פאַרקניפּונג צווישן די פּראָדוקציע־כוחות און פּראָדוקציע־פּאַרהעלטענישן אין טערמינען פון אינהאַלט און פאָרעם.

„לויט דער טעאָריע פון סאָציאַלן מאַטעריאַליזם קען מען ציִען שלוסן פון די אומגעשטאַלטונגען פון דער סאָציאַלער ווירטשאַפט, ווי די מאַטעריע פון מענטשלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויף די אַנטשפּרעכנדיקע אומגעשטאַלטונגען פון דער יורידישער פאָרמע, ווי פון באַשטימטע יסודות אויף נויטווענדיקע פועל־יוצאס" 9).

דאָס בייטן די טערמינאָלאָגיע מאַכט ניט לייכטער די מערכה פון דעם פּראָבלעם. פאַרוואָס זאָל דער אַנטוויקלונגספּראָצעס, סיי פון פאָרעם און סיי פון דעם שטאָף, ניט פאָרקומען אויף אַ סימולטאַנטישן שטייגער, אַזוי, אַז עס זאָל ניט קומען צו קיין עקספּלאָזיעס? פאַרוואָס זאָל דער קערפּער וואַקסן און די הויט זאָל ניט מיטוואַקסן פּראָפּאָרציאָנעל, נאָר מען זאָל דאַרפן אַרויסשפּרינגען פון איר מיט אַזאַ אָנשטרענגונג און סאָציאַלע ווייטיקן?

מאַרקס באַזירט זיין לערע מכוח רעוואָלוציע אויף דעם גרונטפּרינציפּ פון דער העגעמאָניע פון די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן. מיט די טערמינען מאדוס פון פּראָדוקציע אָדער פּראָדוקציע־פּאַרהעלטענישן באַצייכנט מאַרקס די פּאָליטישע אומשטענדן, דעם סאָציאַלן מאָדוס אָפּעראַנדי, וואָס ווערט רעגולירט פון געזעצע, מנהג און עטישן אימפּעראַטיוו, וואָס קומען־אויף אויפן יסוד פון די אַקטיוויטעטן אויפן געביט פון פּראָדוקציע און אויסטויש. מאַרקס רופט עס אָן גאַנץ אָפט די „אויבערגעביידע", די „סופּערסטרוקטור". צי די פּאַרהעלטענישן זענען לחלוטין פּאַסיוו אָדער זיי נעמען יאָ אַן אַקטיוון אָנטייל אין דערמוטיקן דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, פאַרשנעלן זיין טעמפּאָ — אויף דעם קען מען געבן אי אַ פּאָזיטיוון און אי אַ נעגאַטיוון ענטפער און בליבן גערעכט אין דער אייגענער מאָס. עס זענען פאַראַן געווגג שטעלן אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, וואָס לאָזן זיך קנייטשן אי אַהער אין אַהין. סיי דער שטרענגער מאַניסט אָרטאָדאָקס, סיי דער רעוויזיאָניסט, וואָס גייט אַזוי ווייט, ביז ער קומט כמעט צו אַ דואַליזם, צו דער אָנדערקענונג פון דער מיטאַרבעטונג פון די מאַטעריעלע און אידעאָלאָגישע פאַקטאָרן — קענען לייכט געפינען פּסוקים אין דער מאַרקסיסטישער תורה, אויף וואָס צו באַגרינדן זייערע באַהויפּטונגען.

דאָס קאָנגרעגירן די אַרבעטער אין איין לאָקאַל, ברענגען זיי צוזאַמען אין איין פּלאַץ, וואָס הייסט פאַבריק, איז זיכער אַ פּאַרויסבאַדינג, וועלכער האָט געמאַכט מעגלעך דאָס איינפירן די אינדוסטריע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, וועלכע איז אומדענקבאַר אָן אַ ברייט־צעצווייגטער אַרבעטצעטיילונג. אינדוסטריעלער

8) Karl Marx, *Capital*, I, p. 837.

9) Rudolph Stammler, *Wirtschaft und Recht*, Vte. Auf. Ss. 23—24. Berlin, 1924.

פראַגרעס איז מער ווי בלויז אַ טעכנישע אונטערנעמונג. רײן מעכאַנישע פאַר־געשריטענע געשיקטקייט וואָלט עס ניט געקענט באַהויפּטן. אָן פאַרייניקטער אַרבעט, אָן קאָאָרדינירטער אַקטיוויטעט, סינעקראַניזירטע פונקציעס, וואָלט דער פּראָצעס פון ספּעציאַליזאַציע זיך ניט געקענט מאַכן גילטיק, און דער אויפהייב פון פּראָדוקטיוויטעט צו אַזעלכע קאָפּפאַרשווינדלענדיקע הויכן וואָלט ניט געוואָרן קיין אַקטועלקייט. די פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן קען מען בשום־אופן ניט האַלטן איזאָלירט, זיי שניידן זיך אַריין אין דעם סאַמע לייב פון די פּראָדוקציע־כוחות, זיי ווערן עפּעס ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון זיי. דער רוח־החיה פון דער היינטצייטיקער אינדוסטריע איז איר אָרגאַניזירטקייט. איר סימן מובהק איז איר אינטעראינדיווידועלער כאַראַקטער אין צוזאַמענגעם מיט אירע אינטער־קלאַסן־שייכותן. איר עצם נשמה איז דער צוזאַמענבונד פון מענטשן, וואָס זענען אַריינגעצויגן אין אירע פּראָצעסן מיט זייער סטראַטיפיקאַציע און דאָס אַלץ געהערט צו דער ספערע פון פאַרהעלטענישן. מאַרקס מאַכט־אָוועק מיט דער האַנט, מיט ביטול, די פּאָליטישע עלעמענטן. ער רעדוצירט זייער ווירקונג כמעט צום נול־פּונקט.

„די עקזעקוטיווע פון היינטצייטיקן שטאַט איז בלויז אַ קאָמיטעט צו פאַר־וואַלטן די עסקים פון דער בורזשואַזיע״ 10). מאַרקס צווינגט מאַכט־אויטאָריטעט צו שטיין אויף די קני פאַר איר מאַיעסטעט, די קעניגן פון דער ווירטשאַפט, מיט איר סוויטע פון הויפלייט, וואָס הייסן פּראָדוקציע־כוחות.

לויט אונדזער באַנעם איז רעוואָלוציע בעיקר אַ סאָציאָלאָגישע דערשיינונג. און די דערקלערונגען פאַר איר אויפקום דאַרף מען זוכן אין דער ספערע פון אינטעראינדיווידועלע און צווישנקלאַסן־פאַרהעלטענישן.

„רעוואָלוציעס זענען סאָציאַלע דערשיינונגען, וואָס קומען אַרויס פון די פאַרהעלטענישן, וועלכע עקזיסטירן צווישן סאָציאַלע קלאַסן אָדער שיכטן... דאָס איז אַן איבערקריסטאַליזירונג פון דער געזעלשאַפט אויף נייע פלאַכן, אַ נייע קאָמבינאַציע פון געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן״ 11).

רעוואָלוציעס קומען אַרויס פון די קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן, וואָס באַ־הויפּטן זיך צווישן די קלאַסן, וועלכע פאָלגן איינער נאָכן אַנדערן אין נאָכפאָלגס פון צייט און זענען ניט אומגעלעך צו דעם טויש פון גענעראַציעס.

„אַזוי שנעל ווי די עקספּלואַטירטע מיטגלידער... באַגרייפן, אַז זיי זענען עקספּלואַטירט... זיי אידענטיפיצירן מער ניט זייערע אינטערעסן מיט די אינטע־רעסן פון סטאַטוס קוואָ... אויב זיי זענען שטאַרק אַנטוישט, קענען זיי שטעלן אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד אָדער אויף אַן אַקטיוון שטייגער זען צו איבערבייטן דעם אַלטן איינשטעל״ 12).

זיי באַגרייפן עס ערשט דעמאָלט, ווען אַ נייער קלאַס, וואָס גרייט זיך צו דער ראָלע פון הערשער, נעמט זיך פאַרמירן און ער, עפּעס ווי איבערגעוואָלט, נעמט און רייסט זיי אויף אינטעלעקטועל די אויגן. צום באַדויערן נייטיקן זיך

10) K. Marx and F. Engels, *The Communist Manifesto*, Essentials of Marx, p. 33. New York. 1926.

11) Joyce O. Hertzler, *Social Progress*, pp. 478-79. London, 1928.

12) Leopold von Wiese, *Systematic Sociology*, pp. 383—84. London, 1932.

די מאַסן, כל־זמן זיי זענען מאַסן און ניט קיין געזעמל פון יחידים, פון זעלבסט־באַוווסטזיניקע איינצלנע, אין אַן אויסערלעכן געזעלשאַפטלעכן כוח. ער זאָל זיי באַוועגן, אויפוועקן. די איניציאַטיווע קומט ניט אַרויס פון אינעווייניק, פון זייער אייגענער סביבה. זיי האָבן ניט קיין אַקטיוון טייל אין דער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז שייך אירע דריי צווייגן פון אָנשטרענג: עקאָנאָמיק, פּאָליטיק און קולטור. און זיי ווערן אויפגעקלערט וועגן זייער טרויעריקן מצב. אָט־די אויפקלערונג ווערט געטאָן פון אַ קליינער מינאָריטעט פון אַ פּריש־אויפטויכנדיקן קלאַס. און אונטער אָט־דעם אינטעלעקטועלן דרוק פון אָט־דעם מיעוט הייבן די מאַסן אָן צו באַנעמען זייער צרהדיקן מצב פון פאַרטיילטע ביים געזעלשאַפטלעכן טיש. די אָרגאַניזירטע מאַסן ווערן רעאָרגאַניזירט. אָט־די רעאָרגאַניזירונג נעמט אָן, אויף די ערשטע סטאַדיעס פון איר אַנטוויקלונג, די ענלעכקייט פון זעלבסטאָרגאַניזירונג. ווייל צום אָנפאַנג האַלט זי זיך אויף צושטימונג, צורײדונג, איבערצייגונג, ניט אויף צוואַנג, ווי די אַלטע איינגעפונדעוועטע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען זענען. די צוזאַמענקניפּונג קומט פאָר אויפן גרונט פון סאָלידאַריטעט, אויפן יסוד פון אָנערקענען די אַלגעמיינקייט פון צרות, פּרעניות, און אויף אַזאַ אופן, אַדאַנק זייער געשאַפענער אָרגאַניזאַציע, נעמען זיי אויסוואַקסן און ווערן אַ קראַפט, אַ פּאָליטישער פאַקטאָר. אמת, זיי ווערן ניט אָנערקענט פון דעם קלאַס פון די אַלטע אָרגאַניזאַטאָרן, ד״ה, דעם קלאַס פון די הערשער, און צווישן די צוויי פּאָליטישע כוחות קומט פאָר אַ צוזאַמענשטויס. דער קאָנפליקט דערגרייכט, אַדאַנק גינסטיקע אומשטענדן, צו אַ הויכן פונקט, גייט איבער אין אַן אָפענער ראַנגלעריי. אָט־די ראַנגלעריי און פאַרמעסטן זיך פון כוחות ווערט אָנגערופן רעוואָלוציע 13).

די אָרגאַניזירטע, קומענדיק צום באַוווסטזיין פון זייער קלאָגעדיקן מצב, בילדן גלייך אַ געזעלשאַפטלעכן כוח; זיי פאַרבינדן זיך, פאַרייניקן זיך, נעמען זיך ווייטער אָרגאַניזירן, שאַפנדיק ממשותדיקע אָרגאַנען, אינסטיטוציעס, וואָס זענען נאָך דערווייל ניט אָנערקענט פון דער געזעלשאַפט. אמת, דאָס קומט זיי אָן מיט גרויסע שוועריקייטן; זיי דאַרפן בייקומען די שטערונגען, וועלכע דער קלאַס פון די אַלטע אָרגאַניזאַטאָרן, — דער קלאַס, וואָס בילדעט זיך איין, אַז ער האָט אַ מאָנאָפּאָל אויפן ענין פון אָרגאַניזאַציע, — לייגט זיי אין וועג 14). און עס קומט פאָר דער צוזאַמענשטויס פון צוויי כוחות. עס קומט פאָר אַ רייסעריי, אַ געשלעג. עס זיגט דער נייער כוח, דער נאָר־וואָס אויפגעקומענער, פרישער, לעבהאַפטער כוח, וועלכער איז פול מיט באַוווסטזיין פון נייעם אמת און גערעכטיקייט.

פּרודאָן שרייבט:

„אַ רעוואָלוציע איז אַזאַ כוח, קעגן וועלכן קיין מאַכט, מענטשלעך צי געטלעך, קען קיין תקומה ניט האָבן. לויט איר נאַטור ווערט זי נאָך שטאַרקער פון דעם ווידערשטאַנד, וואָס זי באַגעגנט... אַ רעוואָלוציע קען מען ניט באַזיגן. וואָס

13) Karl Kautsky, *The Social Revolution*, pp. 8—9. Chicag, Kerr.
14) J. O. Hertzler, *Social Progres*, p. 480.

מער מען דערדריקט זי, אַלץ שטאַרקער ווערט איר אומווידערשטאַנדלעכע אַקציע" 15).

עס זיגט געוויינטלעך די סאָלידאַריטעט פון די מאַסן, וואָס נעמען זיך אָרגאַניזירן. ריכטיקער: וואָס ווערן רעאָרגאַניזירט פון אַ נייער מינדערהייט, וועלכע האַלט זיך לעת־עתה פאַרבאַהאַלטן, פאַרשטעקט, אַזוי, אַז מען זאָל זי ניט זען און ניט שפּירן. זיי זיגן דערפאַר, וואָס זייער איינִיקייט, צוזאַמענגע־פלאָכטנקייט פון אינטערעסן איז פון אַ העכערער פּראָבע איידער די אַלגעמיינ־קייט פון די אינטערעסן פון דעם קלאַס פון די פּריִערדיקע אָרגאַניזאַטאָרן 16).

פאַרוואָס האָט עס מער איינִיקייט? מיר ווילן עס קלאָר מאַכן.

בכלל איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַבסאָלוטע זעלביקייט. אידענטיטעט, איינסן, ציפערן זענען גלייך מער ניט ווי אין מאַטעמאַטיק, אין דער העכסטאַבסטראַק־טער דיסציפּלין, וואָס איז אַן אָפּשפּיגל פון טעכניק, ווו מען האָט צו טאָן מיט עקזעמפּליאַרן, קעגנשטאַנדן. אין דער נאַטירלעכער וועלט זענען זיי ניט גלייך איי־נער צום אַנדערן; יעדנפאַלס זענען זיי קיינמאָל ניט אידענטיש. מיט דעם דער־קלערט זיך דער פאַקט, וואָס דער הערשנדיקער קלאַס באַזיצט קיינמאָל ניט די מאָס פון סאָלידאַריטעט, וואָס עס שטעלט אים אַנטקעגן דער קלאַס פון די אונ־טערדריקטע, די „אָרגאַניזירטע". באַזיץ, עשירות פאַררייניקט, אויסאַרבעטנדיק אין אַ געוויסער שטופע איין און דיזעלביקע פּסיכאָלאָגיע פון פּריוואַט־אייגנטי־מעריי, אייגננוצלעכקייט, זשעדנעקייט. די זעלביקע מנהגים, געוווינהייטן, אויפ־פיר, עטיקעט, די זעלביקע השגות מכוח דעם, וואָס עס איז שיין און וואָס עס איז מיאוס, וואָס עס פּאַסט און וואָס עס פּאַסט ניט, וועגן גוטן און שלעכטן טאָן און כדומה. ווייטער: דאָס באַוווּסטזיין, אַז זיי, די הערשער, האָבן אַן אַלגעמיינעם שונא, בּרענגט זיי דאָך געוויס אַרויף אויפן געדאַנק, אַז זיי דאַרפן זיך צוזאַמענהאַלטן לשם זייערע אַלגעמיינע אינטערעסן. פונדעסטוועגן זענען זיי קיינמאָל ניט בכוח אַרויסצווייזן אַזאַ צוזאַמענגעבונדנקייט, אַזאַ קעגנזייטיקייט ווי די אונטערדריקטע. דאָס איז דערפאַר, ווייל אייגנטום, ווי אַ פּאָזיטיווע דער־שיינונג, איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן; עס בינדט, אמת, צוזאַמען, אָבער עס שיידט פונאַנדער ניט־ווייניקער. וואָרום קיין אמתע אידענטיטעט קען עס ניט שאַפן.

עקזיסטענץ איז אַ סינאָנים פון פּילאַרטיקייט און פאַרשידנקייט. ניט־עק־זיסטענץ — איז אַבסאָלוטע אידענטיטעט. דאָס באַוווּסטזיין, אַז מען איז באַרויבט פון אַ חלק אין די לעבנסגעניסן, שאַפט אַ סך אַ בעסערן באָדן פאַר פאַרייניקונג, פאַר אַ צוזאַמענברענגען גלייכע מיט גלייכע, איידער באַזיץ, רייכקייט, אייגנ־טום. פאַרמעגן קען ניט דינען ווי אַזאַ גוטער פאַקטאָר פאַר איינִיקונג ווי ניט־פאַרמעגן. עשירות, רייכטימער, באַזיץ — דאָס זענען פּאָזיטיווע סימנים, און פונקט ווי אַלץ, וואָס איז פּאָזיטיוו, זענען זיי אונטערגעוואָרפן אונטער די וואַריאַ־ציעס פון מאָס, וואָג, גראַד, צאָל און קוואַליטעט. אַ נעגאַטיווער סימן איז גאָר אַנדערש — דאָס איז אַבסאָלוטע איינִיקייט, קען שאַפן אַ סאָלידאַריטעט, וואָס איז שטאַרק ווי שטאָל און אייזן. מענטשן, וואָס פאַרמאָגן, איז שווער צו פאַריי־

15) P. J. Proudhon, *General Idea of Revolution*, pp. 15—16. London, 1923.
16) H. L. Mencken, *Men versus the Man, A Correspondence*, p. 169, New York, 1910.

ניקן; ווארום צווישן זיי וועט מען אַלעמאָל געפינען אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגן מער און אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגן ווינציקער. מענטשן, וואָס פאַרמאָגן גאָרניט, איז גרינג צו פאַרייניקן — ווייל „גאָרניט" איז גלייך צו „גאָרניט". און אויף דעם באָדן פון אַ נעגאַטיוון צייכן איז גרינגער זיך צוזאַמענצוהאַלטן, זיך צוזאַמענצו־ריידן און זיך צו פאַרשטענדיקן.

אַזוי איז אַלעמאָל פאָרגעקומען, הגם מען האָט געהאַנדלט דאָ ריין אינס־טינקטיוו, ניט מאַכנדיק פון דעם קיין לערע. נייע פאַרייניקונגען זענען אויפ־געקומען, נייע כוחות, נייע פאַקטאָרן אין סאָציאַלן לעבן. נייע, אינערטע שיכטן האָבן זיך אויפגעוועקט צום לעבן און אַקטיוויטעט, און זייער באַוווסטזיין האָט געאַרבעט הויפּטזאַכלעך אין דער ריכטונג פון באַגרייפן זייער צושטאַנד אַלס יחידים אָדער גרופּעס מענטשן, וועלכע זענען באַרויבט, בגזלט, באַעוולהט. מיט אַנדערע ווערטער: זיי האָבן זיך צוזאַמענגענומען אויפן באָדן פון אַ נעגאַטיוו. זיי זענען באַרויבט פון זייער חלק אין דער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט; זיי זענען באַרויבט פון זייער טייל אין דעם אָנפיר פון דער ווירטשאַפט; זיי שפּילן ניט קיין ראָלע אין פּאָליטישן לעבן; מען לאָזט זיי צו קיין זאַך ניט צו. לויט דעם נעגאַטיוון צייכן דערקענען זיי איינער דעם אַנדערן און נעמען זיך אָרגאַניזירן.

אויסער דעם איז דער דערפאָלג אַלעמאָל פאַרזיכערט פאַר די נייע פּאָלי־טישע כוחות צוליב דעם אַליין, וואָס זיי פירן אָן אַן אָנגרייפנדיקן קאַמף. דער קלאַס פון די „אָרגאַניזאַטאָרן", זייענדיק אין צווייטן פעריאָד פון זיין אַנטוויקלונג, ליגנדיק אויסגעשפּרייט אויף די רויזן פון די פריערדיקע נצחונות, איז אין תוך גענומען קאָנסערוואַטיוו, פאַרלאַנגט איין זאַך: אויפהאַלטן זיינע פּאָזיציעס, און פּירט אָן קעגן די אָנפאַלער אַ דעפענסיווע. די אָנגרייפנדיקע ווילן בשום־אופן ניט אַרויסלאָזן די איניציאַטיווע פון זייערע הענט. די אָנגרייפער זיגן.

די אַטאַקירנדיקע טרעטן אַרויס מיט איין ברייטן פראָנט. זיי זענען סאָלי־דאַר, זיי זענען באַגייסטערט מיט איין גרויסער אידייע, מיט אַ שטאַרקן ווילן צו זעלבסטאַנטוויקלונג, זעלבסטאַויסערונג. זיי ווייזן אַרויס אַ גרויסן און הייסן באַגער צו נעמען לעבן סאָציאַל, ווערן אַקטיוו, זעלבסטשטענדיק.

נאָכן זיג הייבן זיי אָן אויפדעקן נייע ווידערשפּרוכן, ד"ה, ווערנדיק פּאָזי־טיוו, איבערגייענדיק פון נעגאַטיווע סימנים צו פּאָזיטיווע, ווערנדיק אַ פּאָלי־טישער „יש", פאַרנעמענדיק אַ באַשטימטע פּאָזיציע, — ווערן זיי אונטערגע־וואָרפן אונטער דעם אַלגעמיינעם געזעץ, וועלכער אָפּערירט אין דער וועלט בכלל און אין דער סאָציאַלער נאַטור בפרט; זיי נעמען זיך דיפערענצירן, שפּאַלטן, ברעכן זיך, אַרויסטיילנדיק צווישן זיך אַ גרויסן עולם מענטשן, וואָס ווערט פאַרטריבן און פאַרשטויסן כמעט צוריק צו די פריערדיקע פּאָזיציעס זייערע. דאָס שאַפט אַ באָדן פאַר אַ נייעם אָנגריף, פאַר אַ נייעם קאַמף.

אַזוי גייט עס אין דער געשיכטע, ביז עס וועט דערגיין צום אָפּשאַף פון דעם גרונטשניט, צום אָפּוואַרף, אָדער אַריבערוווקס פון דעם גרעסטן פעלער פון אונדזער געזעלשאַפטסלעבן — דאָס טיילן מענטשן אויף צוויי טיפּן: אויף „אָרגאַניזירער" און „אָרגאַניזירטע". אויף אַזאַ אופן האָט יעדע פאַרויסגייענדיקע רעוואָלוציע צוגעגרייט און פאַרקירצט דעם וועג פאַר דער נאָכגייענדיקער

איבערקערעניש. אַביישפּיל: די בורזשואַזיע — דעמאָלט האָט זי געהייסן „דער דריטער שטאַנד״ — האָט געקעמפט קעגן די פּריצים, דעם אַדלשטאַנד. זי האָט בשעת־מעשה געהאַט איין ציל, איר זיין באַרויבט פון אַנטייל אין דער פּאָלי־טישער פירונג פון דער געזעלשאַפט, איר זיין באַרויבט פון רעכט, פּריווילע־גיעס, פּרעראָגאַטיוון. די בורזשואַזיע, דער דריטער שטאַנד, הייסט עס, האָט געזיגט — און דער נצחון האָט זי צעשפּאָלטן, האָט באַוויזן, אַז ניט אַלע האָבן געקראָגן דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז ניט אַלע האָבן באמת געקראָגן אַ חלק אין דער פאַרוואַלטונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן; יעדנפאַלס ניט קיין גלייכן חלק.

יעדע רעוואָלוציע, ווי געזאָגט, איז קודם־כל אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע, איז אַ פּאָליטישע דערשיינונג. איר עובדה איז צו ענדערן די שייכותן פון מענטש צו מענטש, פון קאָלעקטיוו צו קאָלעקטיוו, פון גרופּע צו גרופּע 17).

דער טויש פון קלאַס, זייער אַרויפגייען און אַראָפּגייען פון דער פּאָליטישער אַרענע, זייער געבאָרן ווערן און זייער שטאַרבן, אָדער אַלט און קאַלט ווערן — ווערט באַצייכנט דורך רעוואָלוציעס. און דער בייט פון קלאַסן און דער געוואַלט און געפילדער, וואָס באַגלייט עס, דערמאָנט ניט ווילנדיק דעם שטענ־דיקן בייט פון דורות. אַ כוואַליע געקומען, אַ כוואַליע אַוועק. לעבן און טויט האַלטן זיך אין שפּילן, ווי עס דריקט זיך אויס דער פּאָעט. און דאָ וואָלט רע־וואָלוציע דערקלערט ווערן דורך אַן אַלגעמיינעם ביאָלאָגישן געזעץ. און דאָס וואָלט געוועזן אַ סך קלאָרער, איידער עס צוצושרייבן — ווי עס טוט מאַרקס — צום ברוגז־טאַנץ פון די „פּראָדוקטיווע כוחות״ און די „פּראָדוקציע־פאַרהעלטע־נישן״, וואָס אָט האַלטן זיי זיך צוזאַמען און אָט גייען זיי זיך פונאַנדער.

ב

צוויי רעוואָלוציעס

„עס קען אויסזען, אויפן ערשטן בליק, צו זיין דערווידער רעוואָלוציע, אַז מען זאָל זי קלאַסיפיצירן און אָרגאַניזירן, לכתחילה, ווי אַ געוויינטלעכע און נויטווענדיקע דערשיינונג; די אַנאַרכישע עלעמענטן, אויף וועלכע זי האַלט זיך, קען מען מיינען, שליסן אויס די מעגלעכקייט צו ווערן אַן אָביעקט פון פּרעציזער וויסנשאַפטלעכער באַהאַנדלונג״ 18).

די כאַאָטישקייט־עלעמענטן, וואָס אַ רעוואָלוציע דעמאָנסטרירט, זענען בלויז אויף דער אויבערפלאַך; אין גרונט גענומען איז אַ רעוואָלוציע שוין גאָר סיסטעמאַטיש און וואַרפט זיך גערן אונטער אַ וויסנשאַפטלעכער אונטערזוכונג.

אַ קלאַס אויף זיין וועג צו הערשאַפט מאַכט דורך צוויי פּעריאָדן, און יעדער פּעריאָד זיינער האָט זיין רעוואָלוציע. די ערשטע רעוואָלוציע איז אַן אָנהייביקע,

17) E. A. Ross, *Principles of Sociology*, p. 492. New York, 1930.
18) Sheldom Amos, *Science of Politics*, p. 427.

אַ ראשיתדיקע; איז, אַזוי צו זאָגן, אָריגינעל. דאָס קומט פאָר דעמאָלט, ווען דער נייער קלאַס פאַרנעמט, באַהערשט דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעב. די צווייטע רעוואָלוציע, לויט איר וועזן נאָך, איז אַ קאָרעגירנדיקע, זי פאַרריכט די פעלערן, זי פאַרבעסערט, פאַרפולקומט דעם נייעם שטייגער פון לעבן, זי איז פאַרנומען אייגנטלעך ניט מיטן שאַפן און איינפירן דעם נייעם שטייגער, מיט אַרויסרוקן צו דער אַוואַנסצענע אַ נייעם קלאַס, נאָר מיט רעפאָרמען, אויס־בעסערונגען. זי זאָגט אָן, אַז דער נייער קלאַס ווערט „געשטעלט“, ווערט רייף. דער צוזאַמענשטויס פון די צוויי סאָרטן רעוואָלוציעס האָט געשאַפן אַ צעטומ־לעניש אין די מוחות. נאָך אַ גרעסערע פאַרווירעניש האָט גורם געווען דאָס איגנאָרירן די צוויי פּעריאָדן. איין פּעריאָד, ווען דער נייער קלאַס ווערט גע־באָרן, קומט אַרויס און באַהויפּט זיך; דער צווייטער פּעריאָד — ווען ער ווערט אַ מיושב, באַגרייפט דעם פאַרנעם פון זיינע כוחות און מעגלעכקייטן, ווען ער ווערט אַן אמתער בר־דעת, און נעמט זאָגן די אמתע דעה.

מאַרקס רעדט וועגן די בורזשואַזע רעוואָלוציעס פון 18טן יאָרהונדערט און פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס פון 19טן און ווייזט אָן אויף זייערע אונטערשיידן.

„בורזשואַזע רעוואָלוציעס, ווי די יעניקע פון 18טן יאָרהונדערט, לויפן פאָרויס אויף גיך פון דערפאָלג צו דערפאָלג; זייערע סצענעפעקטן שטייגן אַרי־בער איינע די אַנדערע, די מענטשן און די קעגנשטאַנדן זעען אויס ווי זיי וואָלטן געווען איינגעראַמט אין אַ פלאַמעדיקער גלאַנצנדיקייט. עקסטאַז איז דער באַ־הערשנדיקער גייסט. זיי האָבן אָבער כרת־ימים; אין גאַייל דערגרייכן זיי זייער קלימאַקס, און דעמאָלט פאַלט די געזעלשאַפט אַריין אין אַ צושטאַנד פון אַ נער־וועזער רעאַקציע איידער זי לערנט זיך אויס ווי זיך אָנצואייגענען די פּרוכט פון דעם פּעריאָד פון קדחתשן אויפרעג. פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס, פּונקט פאַרקערט, ווי די פון 19טן יאָרהונדערט, קריטיקירן זיך אַליין כסדר; זיי אונ־טערברעכן זיך אַליין אין זייער קורס; זיי קומען צוריק צו דעם, וואָס עס שיינט, אַז עס איז שוין געווען אָפּגעטאָן, כדי אָנצופאַנגען פונדאַסניי; זיי פאַראַכטן מיט אַ גרויזאַמער גרינטלעכקייט די האַלבע מיטלען, די שוואַכקייטן און קנאַפּיקייט פון זייערע ערשטע פאַרזוכן; זיי שטירצן אום זייער קעגנער בלויז, בכדי צו מאַכן אים פעיִק צו ציִען שטאַרקייט פון דער ערד און ווידער זיך אויפצוהייבן קעגן זיי אין אַ מער גיגאַנטישער סטאַטור“... 19).

ווי עס איז צו זען פון אָט־די אָנגעוויזענע ניט־וועזנטלעכע אונטערשיידן, וואָס כאַראַקטעריזירן די בורזשואַזע רעוואָלוציעס און די פּראָלעטאַרישע, האָט מאַרקס לגמרי ניט באַגריפן, אַז די בורזשואַזע רעוואָלוציעס, וועגן וועלכע ער רעדט, זענען סעקונדאַרע, בשעת די פּראָלעטאַרישע זענען פּרימאַרע. און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז לויט זייער עצם מהות מוזן זיי זיין אומענלעך איינע צו די אַנדערע.

ווען איינער וויל פאַרשטיין ווי געהעריק דעם מהות און כאַראַקטער פון אַ רעוואָלוציע־פּעריאָד, מוז ער, קודם־כל, תופס־זיין, אַז צוויי מינים רעוואָלו־ציעס ווערן געמאַכט פון איין און דעמזעלביקן קלאַס.

---

19) Karl Marx, *Eighteenth Brumaire*, pp. 27—28.

די פרימאַרע רעוואָלוציע פירט אַריין אַ נייעם קאָמאַנדירנדיקן קלאַס 20),
די סעקונדאַרע רעוואָלוציע פייערט איר רייף־ווערן, איר דערוואַקסנקייט, די רעאַ־
ליזאַציע פון איר שטאַרקייט, קרעפטיקייט און קלוגשאַפט.

אַ רעוואָלוציע לויט איר מהות, ווי מיר האָבן געזאָגט, איז אַ פּאָליטישע
דערשיינונג: דער אַרויסטריט פון די מאַסן אונטער פאַרשיידענע לאָזונגען, דאָס
אָפּשאַפן די אַלטע מלוכה־שטייגערס און דאָס איינשאַפן נייעסן, אויפטאָן חידושים.

די פּאָליטיק אָבער מוז אומפאַרמיידלעך גלייך זיך אָפּשפּיגלען אויף דער
עקאָנאָמיק. פּשוט דערפאַר, ווייל יענע, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם פּאָליטישן
מלוכה־אַפּאַראַט, די געזעצגעבנדיקע אינסטיטוציעס און די רעפּרעסיווע, דיס־
ציפּלינאַרישע מעכאַניזמען, איבן אויס אַ גרויסן דרוק אויף דער עקאָנאָמיק, אויף
דערווירטשאַפט. סיי אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע און סיי אַ פּראָלעטאַרישע זענען
פּאָליטישע רעוואָלוציעס. פאַרשטייט זיך, אַז אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע פאַרנעמט
זיך מיט העלפן פאַרשטאַרקן די ווירטשאַפטלעכע גדולה פון דער בורזשואַזיע.
אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע האָט עקאָנאָמישע צוועקן. מען זאָגט די פּאָליטישע
„הגדה", אָבער מיינען מיינט מען די עקאָנאָמישע „קניידלעך", ווייל פּאָליטיק,
אין דער אונטערשטער שורה, ווערט דיסקאָנטירט אויף דער עקאָנאָמישער
בירזשע.

די בורזשואַזיע, אין איר ערשטער געשטאַלט פון אַ האַנדלסקאַפּיטאַליסט,
דערפילנדיק אירע יונגע כוחות, האָט צוזאַמענגעשמידט די איינהייטלעכע נאַ־
ציאָנאַלע מלוכה, האָט געשאַפן אַ גאַנצן שטאַרקן אָרגאַניזם פון טיילן, פון
פראַגמענטן, פון ברעקלעך און קרושלעך, פון פעאָדאַלע שלעסער, פּאַלאַצן, הויפן
און סעניאָריעס־לענדלעך; אויף אַזאַ אופן האָט זי באַשאַפן די אַבסאָלוטיסטישע
פאָרם פון שטאַט. אַלע איבערצאַמונגען, גדרים און מחיצות, קליינע גרענעצן,
וועלכע האָבן עקזיסטירט אין דער פעאָדאַלער אָרדענונג, האָבן געשטערט דעם
מסחר־קאַפּיטאַל, אים ניט געלאָזט זיך באַוועגן, גיין פון אָרט צו אָרט, פון שטאָט
צו שטאָט, פון געגנט צו געגנט; זיי האָבן געשטערט דעם אויסשפּרייט פון אויס־
טוישנעץ. און די בורזשואַזיע האָט עס אַלץ אָפּגעווישט, אויסגעקערט פון דעם
נאַציאָנאַלן מלוכה־הויז; זי האָט אָפּגערייניקט דאָס פעלד פון אַקטיוויטעט. דאָס
איז געווען דער ערשטער טריט אירער. דער ערשטער פּעריאָד אירער און די
ערשטע רעוואָלוציע. זי האָט געגרינדעט די נאַציאָנאַלע מלוכה, פאַררייניקט קאַנטן,
צוגעגרייט פּאַר זיך אַן אָרט, ווו צו פאַרקויפן אירע פּראָדוקטן, ווו אַנצוגיין מיט
האַנדל; זי האָט פאַרלייכטערט די קאָמוניקאַציע, פאַרשנעלערט דעם אויסטויש־
אומוואַלץ. מיט איין וואָרט: זיך אויסגעלייגט איבערן גאַנצן לאַנד מיט אירע
סחורות, האָט זי זיך אַ נעם־געטאָן צום מסחר אויף וואָס די וועלט שטייט.

„עס איז גענוג צו זאָגן, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער מאָדוס פון פּראָדוקציע
האָט געשאַפן דעם מאָדערנעם שטאַט, האָט געמאַכט אַ סוף צו דער אומאָפּהענ־
גיקייט פון די געמיינדעס און צו דער אייגענער צייט האָט זיך געענדיקט זייער
עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט. יעדע פון זיי איז געוועןן אַ טייל פון אַ גאַנצ־
קייט און האָט אָנגעוואָרן אירע ספּעציעלע רעכט און באַזונדערע פּעקולאַריטעטן,

20) H. W. Schneider, *Making the Fascist State*, pp. 354—55.

אַלע זענען רעדוצירט געוואָרן צום זעלביקן ניוואָ, אַלע האָבן געקראָגן די זעל־ביקע געזעצן, די זעלביקע שטייערצאָלונגען, די זעלביקע געריכטן און זענען געוואָרן אונטערגעוואָרפן דער זעלביקער רעגירונג. דער מאָדערנער שטאַט האָט געמוזט, אויף אַזאַ שטייגער, ווערן אַ נאַציאָנאַלער שטאַט" 21).

„זי (די בורזשואַזיע) האָט געדינט אָדער דער האַלב־פעאָדאַלער אָדער דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע ווי אַ קעגנגעוויכט כנגד דעם אַדלשטאַנד און באמת ווי אַ ווינקלשטיין פון די גרויסע מאָנאַרכיעס אין אַלגעמיין" 22).

„די געשיכטע פון דער בורזשואַזיע קען ווערן איינגעטיילט אין צוויי פּאַזן: אין משך פון דער ערשטער פּאַזע האָט זיך די בורזשואַזיע דיפערענצירט ווי אַ קלאַס אונטער דער הערשאַפט פון פעאָדאַלן איינשטעל און דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע" 23).

מאַרקס איז גערעכט, ווען ער באַהויפּט, אַז די בורזשואַזיע האָט דורכגע־מאַכט צוויי פּעריאָדן אין איר אַנטוויקלונג. ער איז אינגאַנצן אומגערעכט, ווען ער רעדט וועגן דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, ווי זי וואָלט זיך אידענטיפיצירט מיט דעם פעאָדאַלן סיסטעם. אַבסאָלוטער מאָנאַרכיזם איז דער אַנטיטעזיס פון פעאָדאַליזם, און ער איז איינגעפירט געוואָרן פון דער בורזשואַזיע אין איר ערשטער פּאַזע פון אַנטוויקלונג.

„די מאָדערנע מאָנאַרכיע דאַרף דעריבער באַטראַכט ווערן ניט בלויז ווי די פּאָרויסגייערן און קעגנערן פון די מאָדערנע דעמאָקראַטישע און פּראָלעטאַ־רישע פאָרמען פון רעגירונג, נאָר אויך ווי די נאָכגייערן און שטאַרקע קעגנערן פון די אַלטע אַריסטאָקראַטישע פאָרמען פון באַגרענעצטער רעגירונג... די ענג־לישע טודאָרס און סטואַרטס, די פראַנצויזישע בורבאָנען, די פּרייסישע האָהענ־צאָלערס און די רוסישע צאַרס האָבן געהאַלטן פאַר זייער הויפּטאויפגאַבע איינ־צוצוימען די אַדללייט פון זייערע רעספּעקטיווע לענדער... זיי האָבן אַרויסגע־צייגט אַן אומטרויען צו דער אַריסטאָקראַטיע און אַ נויגונג פון גינציקייט צו דער בורזשואַזיע און פויערים... שעליוס אייפערזוכט צו די פראַנצויזישע אַדל־לייט, פרידריך דעם גרויסנס אויף דער־וואָד־זיין קעגן די יונקערס, די אַנט־שלאָסנקייט פון דעם לעצטן רוריק און די ערשטע ראָמאַנאָוס צו באַזייטיקן דעם אַלטן באַיאַרנשטאַנד... דאָס אַלץ צייגט אין איין ריכטונג" 24).

„אַן ענערגעטישער און אַן אינטעליגענטער מיטלקלאַס איז קאָנטראָלירט געוואָרן פון אַ נאַריש־טעמפּער רעגירונג... די נייע מענטשן, זייענדיק באַוווסט־זיניק, אַז זיי האַלטן אין זייערע הענט אַ נייע מאַכט און אַז זיי גייען שאַפן אַ נייע וועלט, האָבן געפאָדערט איין זאַך: מען זאָל זיי לאָזן געמאַך" 25).

„די עטאַבלירונג פון אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג איז דער פּועל־יוצא פון דעם אויפקום פון דעם מיטלקלאַס... ווען זיי האָבן אַקומולירט רייכטום און גרויס געוואָרן אין צאָל... האָבן זיי גענומען פאָדערן אַ רעגירונג, וואָס זאָל זיין פאַר־

21) Karl Kauttsky, *The Social Revolution,* pp. 27—28.
22) *Communist Manifesto,* pp. 32—33.
23) Karl Marx, *Poverty of Philosophy,* p. 158. London, 1900.
24) Karl Brinkman, art. "Nobility" in Enc. Soc. Sc. vol. XI, p. 387.
25) Bernard Russel, *Freedom versus Organisation,* p. 110. New York, 1934.

אַנטוואָרטלעך צו זיי און זיין אויפמערקזאַם צו זייערע פאָדערונגען פון געשעפט־פּריווילעגיעס; זיי האָבן געפאָדערט נייע געזעצן און נייע פּרינציפּן פון יוריס־פּרודענץ. אַזוי אַרום זענען זיי געוואָרן דער רוקנביין פון ווידערשטאַנד קעגן דער מיטלאַלטערישער לערע מכוח די געטלעכע רעכט פון די קיניגן״ 26).

דער צווייטער טריט, די צווייטע רעוואָלוציע, זי נעמט זיך אויסקעמפן פרייהייטן פאַרן „עקאָנאָמישן סוביעקט״; זי וויל זיך אַרויסרייסן פון די צאַמען פון דעם קאָנטראָל פון דעם פּראָטעקציאָניזם פון דער מלוכה, וועלכן זי האָט אַליין געהאָלפן שאַפן: אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען, אַז זי, די בורזשואַזיע, האָט געשאַפן אַ נאַציאָנאַלע מלוכה, בכדי צו פאַרניכטן אָדער בייקומען די פעאָדאַלן, און בכדי צו העלפן איר איבערקאָכן דעם רויען פויערישן עלעמענט און מאַכן פון אים אַ פּראָלעטאַריער. זי האָט געשאַפן אַ שטאָט פאַר יענעם, פאַר די אַמאָ־ליקע פּריצים, פאַר די קאַדרען אַרבעטער, וועלכע דאַרפן „ציוויליזירט״ ווערן, אָבער פאַר דער באַלעבאַטישקייט אַלס אַזוינער האָט זי גענומען פריידיקן פריי־הייט, אויטאָנאָמיע, זעלבסטשטענדיקייט. איר קאַמף קעגן דער אַבסאָלוטיסטי־שער מלוכה האָט זי אָנגעפירט אין נאָמען פון באַפרייאונג. ליבעראַליזם, דאָס פאָדערן פרייהייט איז אַ לערע מכוח אומאָפּהענגיקייט, ניט אַריינמישן זיך מצד דער מלוכה אין די אינעווייניקסטע ווירטשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן. דערפאַר זענען אַזוי פאַרשיידן די פאָרמען פון די צוויי רעוואָלוציעס. די ערשטע איז אָנ־געגאַנגען צו גונסטן דעם מסחר, די צווייטע — צו גונסטן דער פּראָדוקציע.

די ערשטע איז געווען אַזוי האַרט ווי שטיין; די צווייטע האָט גערעדט פון ווייכקייט און מענטשלעכקייט. ביידע, סיי די ערשטע און סיי די צווייטע, פאַר־שטייט זיך, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַכזריות בנוגע זייער עקזעקוטיווער שטיקל אַרבעט, בנוגע דער פאָרעם פון דורכזעצן זייערע אויפגאַבן. אָבער די ערשטע, זייענדיק פאַרנומען מיטן פאַרמירן דעם נאַציאָנאַלן שטאָט, מיטן צונויפֿ־מענגעמען, צוזאַמענבינדן די פאַרשיידענע צעוואָרפענע געגנטן, לענדער, קאַנטן, איז געווען גרויזאַם לויט איר וועזן, און ניט נאָר בלויז לויט די מעטאָדן, וואָס זי האָט אָנגעווענדט. די צווייטע, פאַרקערט, איז געווען „ווייך״ לויטן מהות נאָך, הגם ברוטאַל לויט דער פאָרעם. עס איז פּשוט, נאָכדעם ווי די בורזשואַזיע האָט זיך פאַרזיכערט קעגן אירע שונאים־קאָנקורענטן, די פעאָדאַלן, זיי אָפּגעשטויסן פון די בעסטע פּאָזיציעס, וועלכע זי האָט אַליין פאַרנומען, און האָט שוין גוט אויסגעמושטירט די באַלמעלאָכעס און געוועזענע ערדאַרבעטער, האָט זיך איר פאַרוואָלט ווערן זעלבסטשטענדיק, „פריי״. זי האָט זיך עס געקענט דערלויבן.

און בשעת דער צווייטער רעוואָלוציע איז די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט גע־ווען פיקסירט אויף פּאָליטישער טעטיקייט. זי איז אָבער געווען פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער. זי איז באַשטאַנען אין אָפּשאַפן די רעכט און פּריווילעגיעס פון די אַדליִיט, דאָס אָפּשוואַכן די פּרעראָגאַטיוון פון קעניג, אָדער אַפילו אינגאַנצן פּטור ווערן פון אים. מיט איין וואָרט, זי האָט זיך פאַרנומען מיטן „באַשניידן מאַכט״, ווייל זי, די בורזשואַזיע, האָט געוואָלט איין זאַך, האָט געגאַרט נאָך איין זאַך — און דאָס איז: אומאָפּהענגיקייט, זעלבסטשטענדיקייט, באַפרייאונג פון

26) F. H. Hakins, *Introduction to the Study of Society*, p. 593, New York, 1928

קאָנטראָל פון שטאַט. כמעט ווי אַן אונטערדריקט פאָלק, ברעכנדיק דעם יאָך, אַראָפּוואַרפנדיק דעם פרעמדן כאָמוט, פונקט אַזוי האָט זיך אויפגעפירט די בורזשואַזיע. זי האָט געוואָלט אַרויס פון רשות פון דער „פרעמדער" מלוכה, און זי האָט געגרינדעט איר אייגן קעניגרייך, איר אייגענעם „שטאַט", די ממשלה פון קאַפּיטאַל און געהאַלט, די מלוכה פון געדונגענער אַרבעט, באַזירט כלומרשט אויף אַ „פרייען קאָנטראַקט". בשעת דער רעוואָלוציע האָט די פּאָליטיק געווירקט אויף דער עקאָנאָמיק מער ניט ווי אומדירעקט, און, אַזוי צו זאָגן, נעגאַטיוו.

די פּאָליטיק האָט אָפּגעשאַפן די טאַרמאַזן, די שטערענישן. אָבער די עקאָנאָמיק, די גבורה פון דער בורזשואַזיע, די אינדוסטריע, די הויכע פּראָדוקציע, איז ניט געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון דער מלוכה, דורך דעם אומפּאַרמיטלבאַרן אָנווענדן פון מלוכהשן אַפּאַראַט.

אין פּעריאָד פון דער ערשטער רעוואָלוציע — דער וווקס פון די שטעט, זייער צוזאַמענשטויס מיטן דאָרף, די פעסטונג פון אַדלטום, דאָס אַריינזאַפּן די אַגריקולטורעלע באַפעלקערונג און אַריינצי:ען זי אין שטאַט. די צווייטע רעוואָלוציע — ס'וואַרפט זיך אין די אויגן דער אויסוווקס פון דער פּראָדוקציע, די פאַבריק און דער צוזאַמענשטויס מיטן קאָנטראָל פון דער רעגירונג, דער קאַמף קעגן רעגלאַמענטאַציע. אין דעם קאַמף לאָזן זיך אָנטאַפּן צוויי טענדענצן, צוויי פּניות. דאָס ערשטע — די בורזשואַזיע דאַרף ניט די רעגלאַמענטאַציע, זי קען זיך באַגיין אָן איר. צווייטנס, זי האָט מורא, דער פּראָלעטאַריאַט זאָל עס ניט נעמען נוצן קעגן איר.

בשעת דער ערשטער רעוואָלוציע איז די פּאָליטישע אַרבעט באַשטאַנען אין צוזאַמענקנעטן פאַרשיידענע שטיקלעך און מאַכן פון זיי איין זויערטייג, וועלכעס האָט געהייסן דער נאַציאָנאַלער שטאַט. די צווייטע רעוואָלוציע פאַרנעמט זיך מיטן אָפּהאַקן די פליגלען פון שטאַט. די בורזשואַזיע דאַרף אים מער ניט האָבן; זי קען זיך אַליין גאַנץ גוט אַן עצה־געבן סיי מיט די פעאָדאַלן, די האַלב־גוססע פּריצים, און סיי מיט די אַרבעטער, וועלכע זענען נאָך צו־שוואַך, אַז מען זאָל זיך דאַרפן פאַר זיי שרעקן, און זיי זענען שוין גוט דיסציפּלינירט, אָפּגעוויינט פון פעאָדאַליסטישע פּריוויקייטן און צעלאָזנקייט, און די בורזשואַזיע, דער הערשנדיקער קלאַס, פילדערט, שרייט, מאַכט טומלען — ער וויל פרייהייט. דערצו קומט צו דער מאָמענט פון פּאַרויסזען און זיך וועלן באַוואָרענען, אַז אַ נייער קלאַס זאָל ניט אויסנוצן די מלוכה קעגן איר. די ווירטשאַפט איז אויסגעוואַקסן, די פּאָזיציעס פון דער בורזשואַזיע האָבן זיך עקאָנאָמיש פאַרפעסטיקט, און די פּאָליטישע באַדינגונגען, וועלכע זי האָט געשאַפן אין ערשטן פּעריאָד, טויגן שוין מער ניט, זענען ניט נוצלעך, און ממילא שעדלעך. אַנשטאָט העלפן — שטערן זיי. און די בורזשואַזיע פאַרנעמט זיך זיי אָפּצושאַפן. די בורזשואַזיע באַקעמפט ניט פּאָליטיק בכלל, אָדער דעם שטאַט אַלס אַזעלכן, דאָס וואָלט געווען צופיל, זי קען זיך אָן אים ניט באַגיין. זי באַקעמפט באַשטימטע אינסטיטוציעס. דאָס פּאָליטישע לעבן האָט זיך דערווייל אַנטוויקלט אויף זיין שטייגער, געוואָרן קאָמפּליצירט, פאַרפולקומט און, פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אַוועק פאָרויס, לויט אונדזער פאַרשטיין נאָך, אַריבערגעשריטן די עקאָנאָמיק.

אונדז לייגט זיך ניט אויפן שכל מאַרקס מאָדנער געדאַנק, אַז די פּאָליטיק

איז הינטערשטעליק בנוגע דער עקאָנאָמיק. פונקט דער היפוך. בלויז איינצלנע אינסטיטוציעס אירע, ווי בלעטער אָדער פאַרדאַרטע צווייגן אויף אַ בוים, ווערן איבעריק פון צייט צו צייט און זיי דאַרפן באַזייטיקט ווערן. און די בורזשואַזיע נעמט זיך פאַר דער אַרבעט פון אָפּשאַפן פאַרשיידענע רעכטלעכע שטערונגען, וועלכע זענען געלעגן אין וועג און געדינט אַלס אַ צאַם פאַר איר טריומפירנדיקן מאַרש. זי, ניט ווילנדיק און ניט קענענדיק זיך אָפּשטעלן און ניט פאַרלאַנגענדיק און ניט קענענדיק אַריבערשפּרינגען, האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַר דער אַרבעט פון אַראָפּוואַרפן דעם צאַם, דעם גדר. און זי האָט געשאַפן די לערע פון ליבע־ראַליזם און האָט אים מיט גרויסע באַשרענקונגען — ווייל דערווייל האָט דער פּראָלעטאַריאַט גענומען וואַקסן און מען האָט געמוזט פון איין זייט איינפירן באַגרענעצונגען פאַר אים און פון דער צווייטער זייט אים נאָכגעבן און אַרויס־געבן אַביסל געזעצן צו זיין גונסט און נעבעך זינדיקן קעגן כשרן „לעסע־פער“ — דורכגעפירט אין פּאָליטישן לעבן.

אונטער דער צייט האָט זיך די סיטואַציע אינגאַנצן געביטן; שונאים זענען געוואָרן פריינט און פריינט שונאים. די פעאָדאַלן, וואָס זענען געווען די שונאים פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, האָבן שוין לאַנג שלום געמאַכט מיט איר און זענען געוואָרן אירע בעסטע גוטע פריינט און שטיצער. און, פאַרקערט, דער מיטלקלאַס, וואָס האָט „געאַרבעט מעשים“, כדי איינצופירן אַן אַבסאָלוטע זעלבסטהערשאַפט און געהאָלפן באַזייטיקן די אַליינהערשנדיקע פעאָדאַלן, איז איצטער געוואָרן איר פאַרביטערטער פיינט. די ראָלעס האָבן זיך געביטן. די מאָנאַרכיע האָט זיך איצט געשטיצט אויף די פעאָדאַלן, וואָס האָבן פיינט געהאַט די אַרויפגעאַרבעטע, די פאַרוועניוס, די אויפגעקומענע נייע נאָטאַבעלן, די נגי־דים, די געלטזעק. די מאָנאַרכן מאַכן יד־אַחת מיט די פעאָדאַלן!

„דער שלימזל קאַרל דער ערשטער זאָגט: „אויס בישאָף איז אויס מאָנאַר־כיע“. בשעת לודוויק דער פערטער פון פראַנקרייך דערקלערט: „אויס אַדלטום איז אויס מאָנאַרך“ 27).

די קרוין האָט געניצט די בורגהאַרן קעגן דעם אַדלטום, כדי אָט־די צוויי ,שטאַנדן' זאָלן איינער דעם אַנדערן טאַמעווען. אָבער פון דעם מאָמענט אָן, ווי די בורגהאַרן זענען געוואָרן געפערלעך, כּמעט פּאָליטיש מאַכטלאָז, אַדאַנק זייער וואַקסנדיקער ווירטשאַפטלעכער גבורה, מאַכט די קרוין אַ יד־אַחת מיט דעם אַדלטום“ 28).

„מיט דער הילף הויפּטזעכלעך פון די מיטלדיקע און קאָמערציעלע קלאַסן האָט מען אַריינגענומען אין קלעם די מאַכט פון דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַ־טיע, און דער קיניג איז געוואָרן שטאַרקער ווי ער איז געווען ווען־עס־איז, ווייל — ער איז געוואָרן אומאָפּהענגיק פון די גרויסע באַראָנען“...29).

איצטער, האָבנדיק אויפגעפאַסט די פאַרשיידנהייט פון כאַראַקטער פון די צוויי בורזשואַזע רעוואָלוציעס, וועט אונדז גרינגער זיין תופס צו זיין דעם ווען,

27) Montesquieu, *The Spirit of the Laws*, p. I, note.
28) F. Engels, *Anti-Duehring*, p. 187.
29) Henry Brougham, *Monarchical Government*, p. 354. London. Bell and Baldy Publ.

דעם מהות פון דער אַנקומענדיקער פּראָלעטאַרישער, ריכטיקער, קאָמיסאַרן־רעוואָלוציע; ווייל דער פּראָלעטאַריאַט, פינקטלעכער, קאָמיסאַריאַט, וועט זיכער אויך האָבן פּעריאָדן, וועט אויך זיך נעמען אַנטפּלעקן, אַרויספּוויזען אויף דער וועלטבינע און דערנאָך אויסוואַקסן, ווערן רייף אין פאַרשטאַנד און כוח.

6

די סאָציאַלע אָדער סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע

אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וואָס וועט זיין אַ פּרימאַרע רעוואָ־לוציע פון די עקאָנאָמא־פּאָליטישע אָרגאַניזאַטאָרן, וועט פּאָליטיק שפּילן די ערשטע פידל. זי וועט אַראָפּלאָזן איר עקבויער צום סאַמע דעק פון דעם עקאָ־נאָמישן איינשטעל, וועט אים דורכלעכערן דורך און דורך, אים איבערשאַפן פונדאַמענטאַל, הכלל, פאַראַרבעטן אים אויף אַן אַקטיוון אופן.

דאָ האָבן מיר אַ פאַל פון אַ נייעם קלאַס אָדער טיפּ, וואָס טוּכט־אַרויף פון די סאַמע טיפענישן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַט־דער טיפּ, דער נייער קלאַס פון אָרגאַניזירער, שפּאַנט אַיין זיין פּאָליטיש פערד אין דעם טריומפאַלן רייט־וואָגן.

פּאָליטישע אַקטיוויטעטן ווערן דורכגעפירט אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. דער ווילן, וואָס באַלעבט זיי, איז פון אַ ציבור־כאַראַקטער, בשעת די עקאָנאָ־מישע אונטערנעמונגען זענען פאַרענגט, פאַרשמאָלט, פאַרשפּאַרט אין שטח פון יחידישן ווילן און ריסק. וואָס איז שייך דעם ארומנעם און נפח איז ער פּאָ־ליטיש ווייט אַוועק לגבי עקאָנאָמיק, און דער קלאַס פון די פּאָליטישע אָרגאַני־זאַטאָרן וואָלט שטאַרק ווילן נעמען די עקאָנאָמיק פון דער היינטיקער געזעל־שאַפט און זי אויסציִען אַזוי, אַז זי זאָל האָבן די אייגענע גרויס אין שטח, וואָס דער אָרגאַניזירטער שטאַט. לכן איז די אַזויגערופענע סאָציאַלע, מיינענדיק סאָ־ציאַליסטישע, רעוואָלוציע, פון דעם אָרגאַניזאַטארישן קלאַס אַ פּאָליטישע רע־וואָלוציע פּאַר עקסעלאַנס. מיט דער הילף פון פּאָליטיק, דהיינו, דורך פאַראָר־דענונגען און באַפעלערישע דעקרעטן, נאַציאָנאַליזירט מען די אינדוסטריע און קאָמערץ.

אַלזאָ, געאורטיילט לויט די רעזולטאַטן מאַכט אַט־דער מין רעוואָלוציע דעם איינדרוק פון אַן איבערקערעניש מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער, מחמת זי שאַפט־איבער די נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע. זי געברויכט די פּאָליטישע מאַשינעריע, בכדי איבערצובייטן דעם גאַנצן איינשטעל פון פּראָדוק־ציע און דיסטריבוציע.

די בורזשואַזיע האָט אַזוי קיינמאָל ניט געהאַנדלט. און צוויי טעמים זענען דאָ דערביי. ערשטנס איז די בורזשואַזיע אַ קלאַס פון אַן עקאָנאָמישן מהות. איר הויפּט־גבורה ליגט אין דער ווירטשאַפט, אין קאָמערץ, אין אינדוסטריע און

פינאַנסן. צווייטנס איז פּאָליטיק אַלס אַ דיסציפּלין געווען נאָך צו־שוואַך אין דעם פּעריאָד, ווען די בורזשואַזיע האָט גענומען עולה־לגדולה־זיין, און זי וואָלט ניט געווען בכוח דורכצופירן אַזאַ שטיקל אַרבעט. דער פּראָלעטאַריאַט, — אין פּשט פון אַן אַנפירנדיקן מיעוט פון די האַרעפּאַשנע מאַסן, די פּראַצע־פּריצים, די, וואָס אָרגאַניזירן די אַרבעטער, און ניט די, וואָס אַרבעטן — ווערט אַ געזעלשאַפטלעכער כוח ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט אויפגעבויט זיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע (מיר אונטערשטרייכן דעם אָביעקטיוו פּאָליטישע, מיינענדיק דאָס צעמענטירן אַן אַרבעטערפּאַרטיי און פּאַכפאַריינען), פּאַרכאַפּט די מאַכט און באַוואָפנט זיך מיט די פּאָליטישע כלי־זיין, און ערשט דעמאָלט מאָדעלירט ער אויף זיין שטייגער די נייע נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיק. דאָס צוזאַמענשמעלצן די איינצלנע פאַבריקן, די טראַנספּיפיקאַציע פון די ווערקשטאַטן איז ניט קיין פּועל־יוצא פון אַן אינערלעכער אַנטוויקלונג. דאָס ווערט דורכגעפירט מיט דער הילף פון אַן אויסערלעכן כוח, אַ פּאָליטישן כוח.

דאָס דערקלערט די לכתחילה אומפּאַרשטענדלעכע דערשיינונג, וואָס אַט־די „פּראָלעטאַרישע" רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן דווקא אין רוסלאַנד און ניט, ווי די מאַרקסיסטן און, אפשר, אויך מאַרקס אַליין, האָבן דערוואַרט, אין אַן אַנדער מער אינדוסטריאַליזירטן לאַנד.

די רוסלענדישע פּאָליטישעווירקלעכקייט האָט פאַרגעלייגט זייער גינציקע באַדינגונגען פאַר אַט־דער סאָציאַלער אינאָוואַציע.

פון אַט־דעם אַנאַליז און היסטאָרישן איבערבליק פון דער עוואָלוציע און רעוואָלוציע פון דער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק קען מען אַרויסדרינגען, אַז סאָוועטרוסלאַנד וועט זיך ניט באַפרידיקן מיט דער אויסברייטערונג, אוניפיקאַציע און צענטראַליזאַציע פון די ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס זענען פאַר־דעם געווען סעפּאַראַט. די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער עקאָנאָמיק פּאַרלאַנגט, ווי אַ צוגאָב און אויסרונדונג, די אינטערנאַציאָנאַליזאַציע פון דער פּאָליטיק. דאָס מיינט אַזוי, וויבאַלד די ספערע פון דער עקאָנאָמיק, וואָס איז געווען קליין און פּריוואַט, איז געוואָרן שטאַטיזירט און אויסגעברייטערט אַזוי, אַז עס פאַרנעמט ווי אַן איינס דעם שטח פון דער פאַרדעמדיקער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, מוז די פּאָליטישע ספערע זיך ווייטער אויסברייטערן און ווערן אינטערנאַציאָנאַל. ד"ה דער שטאַט ווערט אַ סופּער־שטאַט. אַט־די עקספּאַנסיע, אַט־דער נייער מין אימ־פּעריאַליזם, קען אָננעמען פאַרשיידענע פאָרמען; עס קען זיין אַ נעאָ־פּאַנסלאַ־וויזם, עס קען זיין אַ טשיקאַווער געמיש פון אַן אייגנאַרטיקן סאָציאַליזם מיט אַ ברוטאַלן אימפּעריאַליזם. עס קען זיך אויך האַלטן אויף דער סאָלידאַריטעט, דעם אינטערעסן־צוזאַמענפאַל פון די אָרגאַניזאַטאָרן, וואָס געפינען זיך אין פאַר־שיידענע שטאַטן. עס קען זיך שפּרייטן לויט די קאָנטינענטאַלע ליניעס, עקס־פּאַנדירן טעריטאָריעל. און עס קען אָננעמען אַלע פאָרמען צוזאַמען. פון יעדער צו אַביסל. יעדנפאַלס אַ נעאָ־אימפּעריאַליזם פון די סאָוועטן איז כמעט ווי אומפאַרמיידלעך.

דער פּראָצעס פון ליקווידאַציע פון דעם פעאָדאַלן סיסטעם, דעם אָפּשאַף פון לייבאייגנטום, האָט מען דורכגעפירט מיט ריין פּאָליטישע מיטלען, אָבער ניט דעם איינפיר פון קאַפּיטאַליזם, ד"ה ניט דורך אַקטן פון פּאָליטישן דרוק

איז געשאַפן געוואָרן אַ נייערווירטשאַפטלעכער סדר, אַלץ, וואָס איז געטאָן געוואָרן, איז בלויז דאָס סאַנקציאָנירן דעם נייעם איינשטעל, געבן אים אָנער־קענונג.

היינטצוטאָג, ווען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט בדעה אָפּצושאַפן דעם קאַפּיטאַליסטישן איינשטעל, איז ווי גייט זי עס דורכפירן אָט־דעם אָפּשאַף? זיכער מיט פּאָליטישע, דעקרעטישע, געזעצגעבערישע מיטלען.

דער עקאָנאָמאָפּאָליטישער אָרגאַניזאַטאָרן־קלאַס וויל דערגרייכן זיין באַפרייאונג דורך זיין קאַמף פאַר אָרגאַניזאַציאָניזם.

מען קען זאָגן, אַז די פּרימאַרע רעוואָלוציעס, הגם דורכגעפירט פון פאַרשיידענע קלאַסן, זענען ענלעך איינע צו דער אַנדערער. די בורזשואַזיע האָט, אין איר ערשטן פּעריאָד, בייגעקומען „פּריוואַטע פּאָליטיק‟, דעם ענגן פּאָליטישן שטח און די מצומצימדיקע ספערן פון געזעצגעבונג און אַדמיניסטראַציע, דעם מיניאַטורן פעאָדאַלן שטאַט מיט זיינע אומאָפּהענגיקע פּראָווינצן, סעניאָריעס, באַראָנישע נחלאות און פעסטונגען. די אינערלעכע גרענעצן און ראָגאַטקעס האָט מען אָפּגעשאַפט, די געגנטן און לענדערייען האָבן זיך צונויפגעגאָסן און פאַרמירט איין איינהייט.

עפּעס ענלעכס וועט דורכזעצן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע: די פּריוואַטע ווירטשאַפט, די פירמעס, די האַנדלהייזער וועלן ווערן באַזייטיקט, רויִנירט; אויף זייערע רויִנען וועט זיך דערהייבן אַ נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט, אַן עקאָנאָמישער שטאַט, אַ רעגירונג, וואָס וועט קאָנטראָלירן אַלע, אָדער כמעט אַלע, ווירטשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, וואָס קומען פאָר אויפן שטח פון אַ באַשטימטער טעריטאָריע, איבער וועלכער דער שטאַט איבט־אויס זיין יורידיקציע; אַזוי, אַז אַנשטאָט אַ פּריוואַטער ווירטשאַפט וועלן מיר האָבן אַ מלוכה־ווירטשאַפט. אויף אַזאַ שטייגער וועט פּאָליטישע עקאָנאָמיע רעכטפאַרטיקן איר נאָמען, דעם אַבּיעקטיוו. און אויפן געביט פון פּאָליטיק וועט געמאַכט ווערן אַ ווייטערער טראָט. אַן אויבערשטאַט וועט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון נאַציאָנאַלן שטאַט.

די פּרימאַרע בורזשואַזע רעוואָלוציע האָט זיך פאַרנומען מיט דער פאַרמירונג פון אַ נאַציאָנאַלפּאָליטיק. די סאָציאַליסטישע, אָרגאַניזאַטאָרישע רעוואָלוציע, וואָס מען רופט פּראָלעטאַרישע, וועט זיך אָפּגעבן מיטן שאַפן אַ נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע. יענע רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן מיט דער אמאַלגאַמאַציע פון פּאָליטישע איינסן, די רעוואָלוציע, די אַזוי גערופענע סאָציאַלע, — מיט אָנפאַנגען מיט דער אַמאַלגאַמאַציע פון ווירטשאַפטלעכע איינסן.

די אָפּנויגונגען זענען אַ רעזולטאַט פון די דיפערענצן אין דער כאַראַקטעריסטיק, וואָס צייגן אַרויס אָט־די קלאַסן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דידאַקטישע טראַנספאָרמאַטאָרישע טעטיקייטן.

דער אָרגאַניזאַטאָרן־קלאַס פאַרכאַפּט די פּאָליטישע מאַכט און נוצט־אויס אַלע אַגענטורן פון שטאַט, בכדי אויסצובררייטערן דעם ווירטשאַפטלעכן איינס אַזוי ווייט, אַז ער זאָל צוזאַמענפאַלן מיט דעם פּאָליטישן תחום און גבול.

די בורזשואַזיע, זייענדיק בעיקר אַ ווירטשאַפטלעכער קלאַס, האָט אויסגענוצט איר איינפלוס, כדי צו העלפן טראַנספאָרמירן די פּאָליטישע סטרוקטור אַזוי, אַז זי זאָל זיין פּאַסיק פאַר די אָנוואַקסנדיקע ווירטשאַפטלעכע כוחות.

דער „פּראָלעטאַריאַט“, דער עקאָנאָמאָפּאָליטישער אָרגאַניזאַטאָרנקלאַס, וועט אוזורפּירן די פּאָליטישע מאַכט און איינפירן אַ דיקטאַטור אין אַזאַ פאָרעם אָדער אין אַן אַנדערער. דאָס אייגענע כמעט האָבן מיר געזען אין דער פאַרדעמ־דיקער עפּאָכע פון דער בורזשואַזער פרימאַרער רעוואָלוציע, מיר זענען געווען עדות פון דער עטאַבלירונג פון אויטאָקראַטישע מאָנאַרכיעס, וואָס איז בעצם דאָס אייגענע, וואָס די „פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור“.

אונטער דער אַזוי גערופענער „פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור“ אזי ניטאָ קיין פלאַץ אַפילו פאַר אַ קלאַסדעמאָקראַטיע. דאָס איז אַ דיקטאַטור, וואָס האַלט אין קלעם דעם אָרגאַניזאַטאָרן־קלאַס אַליין.

טראָצקי, ווי עס טרעפט גאַנץ אָפט מיט גלענצנדיקע זשורנאַליסטן, איז געפאַלן אַ קרבן פון זיינע אייגענע סאָפיסטיקאַציעס און פראַזנפלעכטעריי. ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין ווידערשפּרוכן, ווען ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַרן קעמפער פאַר דעמאָקראַטיע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווען מען אויפגעבע איז איינצושטעלן און אַנצוהאַלטן אַ שטרענגע האַרטע דיקטאַטור. ער האָט געוואָלט פאַרייניקן צוויי דיאַמעטראַלע קעגנזאַצן.

די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז ניט בלויז אַ דיקטאַטור איבער דער ברייטער באַפעלקערונג, דעם אַרבעטערקלאַס, נאָר, בפועל־ממש, אַ דיקטאַטור איבער דעם הערשנדיקן קלאַס גופא.

די מאָנאַרכיע איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער אויסגעשפּראָכענער כוונה צו דינען אַלס אַ שטויסבאַק, מיט וועלכן צו ברעכן די ווענט פון די באַראָנישע פעאָדאַלע פעסטונגען.

די היינטצייטיקע דיקטאַטורן, אין זייער וואַריאַיטעט פון פאַרשיידענע נוסחאות, ווערן איינגעפירט פון אַ נייעם אויפקומענדיקן קלאַס מיט דער כוונה צו צעברעכן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע און בכדי צו האַלטן אויף דער קייט די ווידערשפּעניקע אַרבעטערמאַסן און איינ־צוימען אַפילו די אייגענע מיטגלידער פון אייגענעם הערשנדיקן קלאַס.

בשעת דער פרימאַרער בורזשואַזער רעוואָלוציע איז דער טראַנספאָרמאַ־טיווער אַקט געווען קאָנצענטרירט אין תחום פון פּאָליטיק.

אין דער פרימאַרער רעוואָלוציע פון דעם נייעם אָרגאַניזאַטאָרנקלאַס, (וואָס רופט זיך אָן פּראָלעטאַריאַט און באַשטייט באמת פון פּראַצע־פּריצים, פון די אַדונים פון די האַרעפּאַשנע מאַסן), ווערן די דראַסטישע מאַסרעגלען אָנגענומען, פון סאַמע אָנפאַנג, אין דער ספערע פון עקאָנאָמיק. די ווירטשאַפטלעכע איינסן יוערן אויסגעברייטערט און קאָאָרדינירט; און פּאָליטיק מאַכט דורך, צום אַנהייב, קליינע ענדערונגען, פאַרהעלטנישמעסיק. זי וואַרפט בלויז אַרונטער איר דע־מאָקראַטישע הויט. וועזנטלעך בלייבט זי אומבאַרירט. זי האַלט זיך אין סאַמע אָנפאַנג אין אירע אַלטע טעריטאָריאַלע גרענעצן. אָבער דאָס בלויז אין דער התחלה. אַביסל שפּעטער נעמט דער שטאַט זיך אויסשפּרייטן, טראַנסטיפיצירן און עס קומט אויף אַן אויבערשטאַט, אַ גרויסער שטאַט, וואָס שלינגט אַראָפּ, פאַרייניקט זיך, צווינגט צו פאַרייניקן זיך מיט אים די קלענערע שכנישע שטאַטן. שטאַטקאַפּיטאַליזם שאַפט אַ נייעם אימפּעריאַליזם, אַ וויטצוגיקן עקספּאַנסיאָ־ניזם. דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קרייז צייכנט דעמזעלביקן קויק בלויז

פאַר אַ ווײַלע. אַז די עקאָנאָמיק ווערט נאַציאָנאַל, ווערט די פּאָליטיק „אינטער־נאַציאָנאַל״, מײנענדיק צענטראַליסטיש־אימפּעריאַליסטיש, ווי מען זעט עס גאַנץ קלאָר אין סאָוועטרוסלאַנד, וואָס האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער קאָנס־טעלאַציע סאַטעליטן־שטאַטן, וועלכע וועלן וואָס ווײַטער אַלץ מער ווערן אַב־זאָרבירט, אוזורפּירט פון דער אויבערמעכטיקער אימפּעריע — רוסלאַנד.

דאָס באַגרײַפן דעם כאַראַקטער פון דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע״ ווי אַ פּרימאַרע רעוואָלוציע פון דעם פּאָליטאָ־עקאָנאָמישן אָרגאַניזאַטאָרנקלאַס באַ־זײַטיקט אַ שלל מיספאַרשטענדענישן בנוגע סאָוועטרוסלאַנד. די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין 1917, אין אָקטאָבער מאָנאַט לויט דעם אַלטן קאַלענדאַר און אין נאָוועמבער לויט דעם נײַעם, האָט ניט קײן דירעקטע שײַכות צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789, וועלכע איז געווען אַ סעקונדאַרע.

סײַ לענין און סײַ טראָצקי האָבן כסדר געברויכט די פאַרפירערישע אַנאַ־לאָגיע מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. לענין האָט אַפילו אַ נאָמען געגעבן זײַן קאַבינעט „סאָוונאַרקאָם״ — אַ „ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן״. דער טערמין קאָמיסאַר אַנטליִען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער שרײַבט:

„מיר מאַכן איצט דורך אַן איבערגאַנג פון דער ערשטער צו דער צווייטער סטאַדיע פון דער רעוואָלוציע... אַן איבערגאַנג צו דער קאָנווענציע״ 29). (ז. 392).

טראָצקי רעדן וועגן טערמידאָר. ער טראַכט אין פראַנצויזיש. רעוואָלוציע־טערמינען, וואָס פּאַסן זיך אַהער לחלוטין ניט.

„בוכאַרין האָט אונדז דאָ געגעבן די פילאָזאָפיע פון אַ טערמידאָריאַנישן אמאלגאם״ 30).

„אָט־די זענען די שטימען פון נעבעכדיקע, אָנגעשראָקענע און דאָך טײַוור־לאָניש־בלינדע מענטשן. דאָס איז די שטימע פון טערמידאָר. די ערגסטע עלע־מענטן, קאַרופּטירטע פון מאַכט, בלינד־געוואָרענע פון האַס, גרייטן צו דעם טערמידאר מיט זייער גאַנצן כוח״ 31).

עס איז אַפילו דערשינען אַ זאַמלבוך פון דער אָפּאָזיציע, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען סאַפּראָנאָוו, וועמען מען האָט אויסגעשלאָסן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין 1927, אונטערן נאָמען „פאַר דעם טערמידאר״ (האַמבורג 1928).

לענין געברויכט אַפילו דעם נאָמען „יאַקאַבינער״, מיט וועלכן די קעגנער האָבן באַטיטלט לגנאי די באָלשעוויקעס.

„אויך די ‚יאַקאַבינער׳ פון דעם 20טן יאָרהונדערט, די פּראָלעטאַריער און האַלבע פּראָלעטאַריער, האָבן איבערגענומען די מאַכט...״ 32).

„און ענדלעך ווערט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע דער קלאַסישער טיפּ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע״ 33).

דאָס צײַגט, אַז ניט בלויז די קעגנער, אַפילו די אָנהענגער און ממש די

---

30) לענין, אַן אַרטיקל אין ציריכער „פאָלקסבלאַט״ פון 31טן מערץ און 2טן אַפּריל 1917.
31) L. Trotzky, *The Real Situation in Russia*, p. 5. New York, 1928.
32) *Ibid*, p. 15.
33) V. I. Lenin, *Collected Works*, p. 226, vol. XX. New York, 1929.
34) *Ibid*, p. 34.

דורכפירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָבן ניט באַגריפן איר מהות, זיך אַלץ געקלאַמערט אָן די טערמינען און מוסטערן פון דער סעקונדאַרער רעוואָלוציע, וואָס איז פאַרגעקומען.

די רוסישע רעוואָלוציע אַנטוויקלט זיך לויט די הויפּטשטריכן, וואָס עס האָט אָנגעוואָרפן איוואַן דער גרויזאַמער אין זיין קאַמף קעגן די באָיאַרן, די אומאָפּהענגיקע פעאָדאַלע פּריצים.

ווען מיר פּאַסן אויף ווי געהעריק דעם מהות פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלן מיר אויך באַגרייפן, אַז די לענדער וועמען עס האָט זיך אין דער פאַרדעמדיקער עפּאָכע איינגעגעבן אויסצומיידן דעם אַריינפאַלגרוב פון אויטאָקראַטיע, פון אַ טיראַנישער זעלבסטהערשאַפט, וועט זיך אויך איינגעבן זיך אויסצוהיטן פון דער אַזוי גערופענער „פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור". דעמאָלט האָבן אויסגענוצט די סיטואַציע, דעם קאַמף פון די פויערים און בורגהאַרן קעגן די פּריצים, די פעאָדאַלע לאָרדן, דער אויטאָקראַט, דאָס פּאַטערל צאַר; איצט נוצט אויס אַן ענלעכע סיטואַציע, דעם קאַמף פון אַרבעטערטום קעגן די קאַפּיטאַליסטן, אַ נייער הערשנדיקער קלאַס פון אָרגאַניזאַטאָרן מיט דיקטאַטאָרישע אַמביציעס.

די לענדער, וואָס האָבן זיך אויסגעהיט פון אָט־דער צרה, פּשוט גערעדט, ניט צוגעלאָזט אַ דריטן צד אויסנוצן דעם קאַמף פון דעם מיטלשטאַנד קעגן דעם אַדלטום, וועלן זיך איצטער אויך אויסהיטן פון אָט־דעם נייעם שלאַק. זיי וועלן ניט לאָזן דעם דריטן צד, דעם עקאָנאָמאָ־פּאָליטישן אָרגאַניזאַטאָרנקלאַס, אויסנוצן דעם קאַמף פון די צוויי צדדים, די אַרבעטער און די קאַפּיטאַליסטן, פאַר זיין אייגענעם נוצן.

7

רעוואָלוציע: סאָציאַלע אָדער אַרבעטאָרישע

אין פלוג זעט דאָס קעפּל אויס אַביסל פּריקרע, זיך אויסצודריקן איידל. ס'טייטש, וועט פרעגן דער לייענער, וואָס הייסט עפּעס „סאָציאַלע אָדער פּראָלעטאַרישע", איז עס דען ניט די אייגענע זאַך, הגם אָנגערופן מיט אַן אַנדער נאָמען? איז דען דאָ אַ תוכיקער אונטערשייד צווישן די צוויי טערמינען?

די זאַך איז אַזוי: אין דער ראַדיקאַלער ליטעראַטור, און ניט נאָר אין פּראָפּאַגאַנדיסטישן קעלער אירן, נאָר אַפילו אויך אין אירע וויסנשאַפטלעכע „הויכע פענצטער" פון שטודירצימער, ווערן די צוויי ווערטער באַנוצט אַזוי ווי זיי וואָלטן באַצייכענען איין און דיזעלבע דערשיינונג. סיי מאַרקס, סיי באַקונין און סיי קראָפּאָטקין ברויכן די אויסדרוקן איבערוועקסלענדיק. און דאָס איז פאַרט, אויב ניט קיין טעות, אַן אומפּינקטלעכקייט, וועלכע איז גורם צו אַ סך טעותן און פאַרגרייזונגען.

לאָמיר עס באַטראַכטן אַביסל מער באַריכותדיק.

„סאָציאַלע רעוואָלוציעס" זענען געמאַכט געוואָרן. די פראַנצויזישע רעוואָ־

לוציע איז זיכער געווען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, אַ גראַנדיעזע איבערקערעניש האָט פּאַסירט. אַ גרויזאַמער שטורעם האָט זיך אַריבערגעטראָגן איבערן לאַנד, אויסגעריסן כמעט ווי מיט די וואָרצלען די אַלטע פּאַרפוילטע דעמבעס, טראָגן זענען אומגעשטירצט געוואָרן, פּאַלאַצן איינגעפאַלן, קרוינען זענען אַראָפּגעריסן געוואָרן פון געזאַלבטע קעפּ, און אַפילו די קעפּ אַליין האָבן זיך ניט איינגעהאַלטן אויף די דעקאָרירטע אָדער דעקאָלטירטע פּלייצעס. זיי האָבן באַכגעפּאַלגט די קרוינדלעך און מען האָט זיי געטראָטן אונטער די פיס. סיי קאַרל אין ענגלאַנד, סיי לוי אין פראַנקרייך און סיי ניקאָלאַי דער צווייטער אין רוסלאַנד, האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר זייער נאַרישער איינגע־שפּאַרטקייט און זייער חוצפּה. זיי האָבן זיך געשטעלט קעגן אַ געשיכטלעכן פּראָצעס, קעגן אַ שטראָם, קעגן אַ סטיכישן אומבאַרעמהאַרציקן כוח, וואָס שאָנע־וועט קיינעם ניט, און קיינער איז ניט געווען שטאַרק צו זיין אימשטאַנד אים אָפּצושטעלן.

יאָ, קיין ספק ניט, יענע רעוואָלוציעס זענען געווען סאָציאַלע, אָבער בשום־אופן ניט קיין אַרבעטער־רעוואָלוציעס, ווייל אָנגעפירט און דורכגעפירט האָבן יענע רעוואָלוציעס ניט די אַרבעטערמאַסן נאָר די מיטלקלאַסן, די שטאָטאיינוווי־נער, די סוחרים, געשעפטסלייט. דורכגעזעצט האָבן זיי עס נאַטירלעכערווייז ניט מיט זייערע אייגענע כוחות, נאָר מיט דער הילף פון דעם פּויער אין דאָרף און דעם בעל־מלאכה אין שטאָט, אָבער לויט זייער גייסט נאָך, לויט זייער פּאַרנעם, לויט זייערע אויפטועונישן זענען זיי געווען און ניט געקענט אַנדערש זיין, ווי בלויז מיטלקלאַס־רעוואָלוציעס.

ענגעלס דריקט אויס אין זיין ביכל, וואָס איז געוואָרן אַ קלאַסיש ווערק פון „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם", זיין באַוואונדערונג איבער דעם פאַקט. איז עס ניט מאָדנע, זאָגט ער, וואָס די פּויערים זענען געווען די בעסטע קעמפער אין דער ענגלישער רעוואָלוציע אין דער צייט פון קראָמוועלן און זיי זענען עס געווען די יעניקע, וואָס האָבן מער ווי וועלכע ניט איז גרופּע פאַרשפּילט. עס איז פון זיי אַ תל געוואָרן. זיי זענען כמעט אונטערגעגאַנגען אַלס אַ קלאַס.

דער פאַקט פון באַטייליקן זיך אין אַן אויפשטאַנד זאָגט נאָך גאָרניט. עס ווענדט זיך אָן דער אָנפירערשאַפט. עס ווענדט זיך אָן די טענדענצן, כוונות, אויסזיכטן פון די איבערקערענישן. עס ווענדט זיך אַלעמאָל אָן די לייטנדיקע גייסטער. אויפאָפּפערונג אַליין איז ניט גענוג. עס הענגט אָפּ מער פון מזבח ווי פון דעם קרבן. אויף וועלכן מזבח האָבן זיי די קרבנות געבראַכט? אויף דעם מיטלשטענדישן. האָבן טאַקע די מיטלקלאַסן געווונען פון דעם און די איבעריקע שיכטן האָבן פאַרלאָרן, ווייל זיי האָבן אויף זייערע אינטערעסן ניט אַכטונג געגעבן, זיי ניט געשטיצט, זיי ניט פאַרטיידיקט. זיך פאַרלאָזן אויף די חסדים, אויף דער גוטסקייט און יושרדיקייט פון די רעוואָלוציאָנערן. און דאָס טאָר מען ניט טאָן. עס איז ניטאָ קיין רחמים אין דער געשיכטע. קלאַסן, גרופּן זע־נען עגאָיסטיש, פּונקט פאַרקערט ווי דער שפּרוך גילט: קהל איז אַלעמאָל אַ גזלן, איינצלנע מענטשן זענען דאָ פאַרשיידענע. אַ טייל איז אויסוווּרפן, ס׳רוב זענען מיטלמעסיק, ניט צו־גוט, ניט צו־שלעכט, ניט קיין מלאכים און ניט קיין שדים. און אַנדערע, אַ זייער קליינע מינדערהייט, זענען אויסגעצייכנט גוט, זווי־

בערע אידעאַליסטן. אָבער גרופּן, קאָלעקטיוון, האָבן אַלעמאָל בלויז זיך אינזינען. האָבן זייערע אייגענע פּניות, אייגננוצלעכע כוונות און ווילן פון קיין זאַך ניט וויסן. זיי האָבן קיין געוויסן ניט, האָבן קיין מאָראַל ניט.

פּאַר זיי איז קיין געזעץ ניט געשריבן. קיין זאַך בינדט זיי ניט. זיי פּאָלגן נאָך נאָר זייערע אייגענע גלוסטן, ווונטשן, תאוות. און אַזוי ווי די אָנפירערשאַפט בשעת די רעוואָלוציעס האָט באַלאַנגט צו די מיטלקלאַסן, האָבן זיי עס אויסגענוצט, פּאַר זיך גענומען דעם לייבס חלק און געלאָזן פּאַרן עולם די טרוקענעביינער פון פעטן אָקס פון פריצישן הויף. און אַז פעאָדאַליזם האָט אַרויסגעלאָזן זיין לעצטן הויך, האָט קאַפּיטאַליזם זיך באַוויזן מיט זיין גאַנצער פּרעכקייט, אומפּאַרשעמטקייט, זשעדנעקייט, געלטהונגער און פּראָפּיטנדאַרשט, און געטראָטן און געטאָפּטשעט אונטער זיינע פיס מענטשנווערדע, לעבן, געזונט, אַבי די קעשענע זאָל אָנקוועלן.

נאָר וואָס איז געוועזן איז געוועזן. ווי דער פּאָעט זאָגט: עס איז ניטאָ קיין בריק, וואָס פירט צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט. זאָלן די טויטע טעותן באַגראָבן זיך אַליין. אַבי קיין נייע פעלערן זאָלן ניט וואַקסן אויף זייערע קברים.

וואָס איז מכוח אונדזער צייט, אונדזער עפּאָכע? ווו האַלטן מיר? וואָס גייען מיר מאַכן?

און דאָ וואָלט איך זאָגן בפה־מלא, אָן קיין שום קווענקלענישן: אויב מיר גייען האָבן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, איז אַלץ, וואָס מיר וועלן דערגרייכן, אַט וואָס: מיר וועלן בייטן די הערשנדיקע קלאַסן, אָנשטאָט איין הערשנדיקן קלאַס, ווי די קאַפּיטאַליסטן, וועלן מיר אַוועקשטעלן אַ נייעם קלאַס, אַ נייעם באַלעבאָס, אַ נייעם שמייסער, מיט אַ גראָבן כפול־שמונהדיקן קאַנטשיק אין די הענט. ער וועט שמייסן דעם אַרבעטערקלאַס ניט ווייניקער ווי דער אַלטער שררה, וועלכן מען וויל און מען דאַרף און מען וועט אינגיכן אַרויסטרייבן. ווייל אַרויסטרייבן אַליין איז ניט גענוג. עס פּאָדערט זיך נאָך עפּעס. און דאָס איז: ניט אַריינלאָזן דעם נייעם פריץ, וואָס קלאַפּט אין טיר, קריכט דורכן פענצטער.

מאַרקס איז ניט פינקטלעך, ווען ער באַהויפּט, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז אַ קלאַסנקאַמף. זי איז אַ סך מער פון דעם. עס איז אַ מעשה פון אַ קלאַסנטויש, עס בייטן זיך קלאַסן. עס בייטן זיך האַרן, עס בייטן זיך סיסטעמען. ווי זאָגט מען: נייע צייטן, נייע פייגעלעך. נייע פייגעלעך, נייע לידער. מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז ניט נאָר די לידלעך זענען נייע, נאָר די נעצן און די שטייגן זענען אויך נייע.

די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט אַ סוף מאַכן צום קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. אָבער דאָס הייסט נאָך ווייט ניט, אַז זי מוז איינפירן אַן אַרבעטער־אויפריכטונג, אַן אַרבעטער־פאַרוואַלטונג.

די צוויי זענען ניט איין און דאָסזעלבע.

דער נאַיווער מענטש מיינט, אַז דער אַרבעטערקלאַס האָט נאָר איין שונא און דאָס איז דער קאַפּיטאַליסט, דער בורזשוי, און ווי נאָר דער אַרבעטער ווערט פון אים פּטור, ווערט ער אויסגעלייזט פון אַלע זיינע צרות.

דאָס איז ניט ריכטיק. דאָס הייסט געגומען די געשיכטע ווי זי שטייט. פאַרגעסן, אַז היסטאָריע איז אַ פּראָצעס, אַ זאַך, וואָס האַלט אין איין גיסן און

פליסן אָן אָפּשטעל, אָן אָפּהאַלט, אָן פּאַרגליווער. מען דאַרף באַטראַכטן סאָציאַ־לע אָנגעלעגנהייטן פון אַ דינאַמישן שטאַנדפּונקט. דער קוויל פון סתירות האַלט זיך אין איין וויקלען און פּאַרוויקלען. דער סאָציאַלער פּאָדים שפּינט זיך כסדר און דאָ און דאָרט רייסט זיך עס איבער און מען מאַכט אַ קניפּל. און דעם קניפּל רופן מיר אָן אַ נייער פּעריאָד, אַ נייע סיסטעם און איינאָרדענונג.

ביי היינטיקן טאָג, אונטער די געגעבענע אומשטענדן, איז דער אינדוסט־ריאַליסט און דער פינאַנסיר, דער פאַבריקאַנט און דער באַנקיר די צוויי מלאכי־חבלה, וואָס פּייניקן דעם אַרבעטער און האַלטן אים אין גיהנום. אָבער ווי נאָר מען בייט די אומשטענדן, איז ניט אויסגעשלאָסן דער פאַל, אַז נייע מזיקים, נייע אָנשיקענישן וועלן זיך באַווייזן און זיי וועלן פאָרזעצן די עקספּלואָטאַציע־אַרבעט הגם אויף אַ נייעם שטייגער, אָנווענדנדיק אַנדערע מיטלען. דער גיהנום פון אויסבייטונג האָט אַ סך אָפּטיילונגען, און ריטער, מיט וועלכע צו שמייסן, איז דאָ פון פאַרשיידענע מאַטעריאַלן און קאָלירן און שטעכיקייט און בייסיקייט.

וואָס איך וואָלט וועלן אַרויסברענגען איז דעם פּשוטן געדאַנק, אַז די פאַרביינונג פון קאַפּיטאַליזם, זייענדיק אַ נעגאַציע, איז ניט גענוג, בכדי אַריינ־צופירן אָן אַרבעטער־גאולה, אָן אַרבעטער־גדולה, אָן אַרבעטער־דערלייזונג. מען דאַרף עפּעס באַהויפּטן, עפּעס פאַריאָען. מען דאַרף זען צו צעגלידערן דעם פּאָ־זיטיוו. וויסן גענוי, וואָס מען גייט איינפירן.

און איינפאַך גערעדט, שטייט די זאַך אַזוי: אויב מיר פאַרלאָזן זיך אויפן נאַטירלעכן פּראָצעס פון דער געשיכטע און מיר ווילן זיך איינשמועסן, אַז זי, די געשיכטע הקדושה, איז גוט און באַרעמהאַרציק, איז אַן אשה צנועה, וואָס וועט טאָן אונדזער רצון, געבן אונדז דאָס, וואָס מיר בעטן פון איר, דערוואַרטן פון איר, אויב מיר וועלן אַזוי האַנדלען, מעגן מיר זיין זיכער, אַז מיר וועלן זיין ביטערלעך אָנטוישט.

ווייל די געשיכטע האָט אַזעלכע שפּיצלעך אָפּגעטאָן שוין עטלעכע מאָל. מיר וועלן ניט זיין די ערשטע, וועמען זי האָט אָפּגענאַרט. הלואי זאָלן מיר זיין די לעצטע.

דער נאַטירלעכער גאַנג פון דער געשיכטע הייסט צוזאָגן אָן אַ שיער און נאָכדעם ניט האַלטן וואָרט. מאַכן אָן אָנשטעל, אַז מען גייט איבערקערן וועלטן, און דערנאָך זאָל זיך אויסלאָזן אַ בוידעם מיט אַ פּאַליצע. אַלץ, וואָס די „גע־שיכטע" האָט געטאָן עד־היום, לויט דעם רעקאָרד אירן, איז פאָלגנדעס: זי האָט געטוישט די דאָמינירנדיקע קלאַסן. אַראָפּגעוואָרפן די הויכע און אויפגע־הויבן אַ שיכט פון אונטן און אים דערהויבן און אַוועקגעשטעלט אויבנאָן, אויפן פּיעדעסטאַל. געשטירצט אַלטע הערשער און געזאַלבט נייע הערשער; אַרונטער־געריסן אַדונים און גלייך געשאַפן, אָפּגעגאָסן אין נייע סאָציאַלע פורעמס, נייע פריצים, פון אַן אַנדער פאַרמאַציע.

אויב איר ווילט עס דווקא אָנרופן פּראָגרעס, האָב איך צו אייך ניט. וועלן מיר זיך וועגן דעם דאָ ניט אַמפּערן. אָבער וואָס איך וויל באַטאָנען איז, אַז די געשיכטע האָט ניט באַפרייט, נאָר געביטן די קייטן.

דערפאַר בין איך אַ גרויסער אַפּיקורס און גלויב אַ האָר ניט אין מאַרקס

צוזאַגעניש, און איך טייל לחלוטין ניט זיין נאַיוון אָפּטימיזם: די געשיכטע איז אַ גוט פערדל. עס וועט אונדז אַרויספירן פון אַלע בלאָטעס.

אַ נעכטיקער טאָג. די געשיכטע האָט באמת אַרויסגעשלעפּט דעם סאָציאַלן וואָגן פון איין זומפּ, אָבער האָט אים גלייך, באותו־מקום, פאַרשלעפּט אין אַ נייעם זומפּ. פון איין פלאָנטער אַרויס, אין אַ נייעם אַריין. פון איין כאָמעט אַרויס, אין אַ נייעם איינגעשפּאַנט, און דו, אַרבעטערמאַסע, שלעפּ, כאָטש ווער אַרויס־געפליקט.

און דערפאַר דאַרפן מיר זיך דאָסמאָל אָפּגעבן אַ דין־וחשבון: פרעגן זיך און ענטפערן די פראַגע, אַרויסקומען מיט קלאָרע דיבורים, ניט געבעבעט און ניט געבאַמקעט, נאָר גערעדט דייטלעך ברחל בתך הקטנה.

וואָס ווילן מיר? ווילן מיר אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אַזוי, אַז דאָס ראָד פון דער געשיכטע זאָל זיך דרייען ווי עס האָט זיך ביז אַהער געדרייט, אָדער מיר ווילן אויפטאָן עפּעס אַ חידוש? און זאָגן מוז איך דאָ גלייך: אַ סאָציאַלע רעוואָ־לוציע איז אַ סך גרינגער דורכצופירן איידער אַן אַרבעטעררעוואָלוציע, ווייל ווען מיר מאַכן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע זענען מיר אַלץ אויף די רעלסן פון דער געשיכטע. מיר גייען ניט אַראָפּ פון איר אויסגעטראָטענעם אָדער פאַרפירע־רישן וועג.

מיר טאָרן ניט פאַרגעסן אויף איין אויגנבליק דעם פאַקט, אַז מיר האָבן ניט געהאַט קיין פויערים־רעוואָלוציע, נאָר אַ „בורזשואַזע רעוואָלוציע‟, הגם זי איז זיכער געווען „סאָציאַל‟.

און איצטער וואָס פאַרלאַנגען מיר? מיר לעבן אין אַ רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע. דאָס איז קיין ספק ניט. אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אַז די רעוואָלוציאָ־נערע אויפטועניש און איבערקערעניש מוזן זיין לטובת דעם אַרבעטערקלאַס.

כדי צו צווינגען גיין די רעוואָלוציע אויף דעם וועג, וואָס פירט אין אַר־בעטערלאַנד, פאָדערט זיך קודם־כל באַוווסטזיין מצד די אַרבעטער. אַרבעטער־קלאַס־באַוווסטזיין. קעגנערשאַפט צום קאַפּיטאַליזם איז ניט גענוג.

אָט דהיינו רוסלאַנד, דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיכער דורכגעמאַכט אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. אָבער ניט קיין אַרבעטער־רעוואָלוציע. ווייל דאָרטן האָט פּאַסירט דאָס, וואָס האָט אייגנטלעך פּאַסירט אין אַלע איבערגאַנגסעפּאָכן, וואָס די געשיכטע האָט דורכגעמאַכט. די אַלטע הערשער זענען אַוועק, ניט מיט גוטן נאָר מיט בייזן, אָבער זייער אָרט האָבן פאַרנומען נייע שררות, דאָס זענען די קאָמיסאַרן.

בכדי דאָס זאָל ניט געשען, דאַרף דער אַרבעטערקלאַס ניט נאָר געבן אַ מאַרשירצעטל דעם קאַפּיטאַליסט, ער דאַרף זען זיך אָנטאָן אַ כוח, איבערנעמען די אינדוסטריע און אַליין אָרגאַניזירן זי בזה האופן, אַז אַ נייער קלאַס זאָל ניט אויפקומען און נעמען אים עקספּלואַטירן אויף אַן אַלטן, אייביק־נייעם שטייגער.

אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע דאַרף געמאַכט ווערן, ניט סתם אַ סאָציאַלע רע־וואָלוציע. ניט נאָר דער קאַפּיטאַליסט דאַרף אַוועקגיין, נאָר מען מוז באַשטיין אויף דעם, אַז דער אַרבעטער זאָל פאַרנעמען זיין אָרט און ניט אַ נייע סאָציאַלע פאָרמאַציע, אַ נייער מין שלאַק, אַ נייע פּרעניות.

אַן אַרבעטער רעוואָלוציע דורכצופירן הייסט טאָן אַ טאָפּלטע שטיקל אַר־בעט: אַרויסוואָרפן איין קלאַס און ניט צולאָזן צום ברעטל אַ נייעם בעלן אויף הערשאַפט, שררות און, ממילא, עקספּלואַטאַציע.

אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע איז אַ רעוואָלוציע ניט נאָר געמאַכט פון די אַרבעטער, נאָר אויך אָנגעפירט פון די אַרבעטער און לטובת די אַרבעטער.

אַן אַרבעטער רעוואָלוציע האָט איין גרויסע אויפגאַבע: אַוועקשטעלן אַרבעט, דעם אַרבעטער, אויף דעם אָרט, ווו דער קאַפּיטאַליסט איז געשטאַנען. אָבער ניט מאַכן עס אַזוי, אַז פּאָליטישע מאַכט זאָל פאַרנעמען דעם וואַקאַנטן פּלאַץ.

V

פרייהייט — יורידישע אדער פאקטישע

א.

פ ר י י ה י י ט

די אָפּוועזנהייט פון געזעצן איז ניט קיין ראַיעלע פרייהייט, עס איז פּיק־טיווע, געזעצלעכע „צעלאָזנקייט"...

אמתע פרייהייט, רעאַלע — איז אַן אויסברייטערונג פון מעגלעכקייט, אַ דעראָבערונג פון גרויסע דערגרייכונגען, אַן אויסבעסערונג פון די באַדינגונגען פון לעבן, פון עקזיסטענץ, דער סאַמע צוועקמעסיקסטער אויסנוץ פון די אייגענע כוחות, באַשאַנקענקייטן, וואָס ליגן אין מענטשן. צו זיין פריי הייסט צו זיין מעכטיק באמת, אין מציאות, און ניט נאָר זיין ניט־געשטערט מצד דעם געזעץ.

און מחמת דעם זענען געווען גערעכט אין אַ געוויסן פּרט די טעאָרעטיקער פון דעם „סאָציאַלן קאָנטראַקט", ווען זיי האָבן באַהויפּט, אַז מענטשן זענען כלומרשט אַרויס פון דעם נאַטירלעכן צושטאַנד, אַ מצב, וועלכער האָט זיי געגעבן אומבאַגרענעצטע יורידישע פרייקייטן, אַ מצב, אין וועלכן די יורידישע פריי־און־פראַנקייט איז געווען אומענדלעך גרויס, ווייל זי איז געווען אַן צוימען — און האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָנטראַקט פון שעבוד, פון אונטערגעוואָרפנקייט. זיי האָבן פאַרביטן זייער יורידישע פרייהייט אויף אַ נאָרמירט, יורידיש באַגרענעצט לעבן, וועלכעס איז באַזירט אויף יסודות פון פאָלגן און באַפעלן. זיי האָבן אָוועקגעגעבן זייער „פרייהייט" פאַרן אָרגאַניזירטן, רעגולירטן ציבור־לעבן. אין קהל־לעבן איז דאָ ווייניקער יורידישע פרייהייט, אָבער דערפאַר איז דאָ פאַראַן אַ סך מער פאַקטישע פרייהייט, דאָס הייסט, מעגלעכקייטן צו באַפרידיקן אונדזערע הצטרכותן.

אָבער פרייהייט איז דאָך איינע פון די טיפסטע באַדערפעניש פון מענטשן!

— וועט זאָגן דער פרייהייט־ליבהאָבער.

יאָ, זיכער. מיר אָמפּערן זיך ניט וועגן דעם. מיר פרעגן נאָר: וועלכע פרייהייט? יורידישע פרייהייט איז דברים בטלים, פּוסטע ווערטער, ווייל עס איז אַ נעגאַטיווע פרייהייט, דאָס איז אַ פרייהייט פון עפּעס, ווי שטירנער דריקט זיך אויס. אַ מענטש פאַרלאַנגט אָבער פּאָזיטיווע פרייהייט. ער וויל האָבן אַ פאַקטישע מעגלעכקייט אויסצופירן געוויסע מעשים. פון דעם אַליין, וואָס עס

איז ניטאָ קיין געזעץ, וועלכע זאָל מיר פאַרבאָטן זיך אויפצוהייבן אין דער לופטן, לכל־הפּחות העכער פון אַ שווימענדיקן וואָלקן, הייסט נאָך לחלוטין ניט, אַז איך קען זיך פילן פריי אין דער לופטספערע. דאָס ניט בנמצא־זיין פון געזעצן, וואָס זאָלן רעגולירן מיין אַרומפליִען אין דער לופטן, זאָגט גיכער עדות, אַז איך האָב דאָ לגמרי קיין פרייהייט ניט. דאָס הייסט, אַז איך קען עס ניט באַוויזן.

דער פאַרבאָט, דער געזעץ, פאַרנעמט דעם מיטן, ער ליגט צווישן קענען און ניט־קענען. דאָס בנמצא־זיין פון אַ לאו זאָגט, אַז עס איז עפּעס יאָ דאָ אַ באַגרענעצטע מעגלעכקייט, אַ יכולת, וועלכע ווערט אוממעגלעך מחמת דעם שטער פון אויסנליגנדיקע סיבות, באַדינגונגען. דער אַקט איז מעגלעך, נאָר ער איז פאַרבאָטן, אומדערלאָזבאַר.

דאָס ניט־בנמצא־זיין פון אַ פאַרבאָט, אָדער דער אָפּשאַף פון אַ פאַרבאָט צייגט־אָן צייטנווייז די פאַרשטאַרקונג פון דער יכולת, גיט אַ היתר, אַ פונאַנ־דערבונד, זאָגט, אַז דער אַקט איז מעגלעך און צודערלאָזן, אָבער גאַנץ אָפט, קוקנדיק פון א היסטאָרישן שטאַנדפונקט, זאָגט עס, להיפּוך, וועגן דעם אָפּ־שוואַך פון דער מעגלעכקייט, פאַר וועלכער דער אָפּהאַלט, איינהאַלט „מען טאָר ניט" איז געוואָרן איבעריק, ווייל די מעגלעכקייט האָט זיך אויסגעבאָרן פון אינעווייניק, איז געוואָרן אַן אוממעגלעכקייט. און צו וואָס דאַרף מען עס פאַר־באָטן! דער אַקט איז געוואָרן אוממעגלעך, מחמת ער האָט אָנגעוואָרן זיין עקאָ־נאָמישן אָדער פּאָליטישן זינען און עפעקט, און דעריבער לוינט זיך ניט אַרויפ־צולייגן אויף אים אַן איסור.

יורידישע פרייהייט איז בשום־אופן קיין פרייהייט ניט, דאָס איז אַ פרייהייט פון געזעץ. און היוצא אַ ריין־יורידישע באַגרינדונג פון „פרייהייט" קען ניט באַפרידיקן, ווייל דער אָפּשאַף פון געזעץ וואָלט קענען מיינען, אין דער זעלבי־קער צייט, אַ פאַרשטאַרקונג און פאַרטאָפלונג פון מאַכט־אויטאָריטעט, וועלכע נייטיקט זיך שוין ניט אין ספּעציעלע נאָרמעס.

די רעאַלע פרייהייטלעכע האָט זיך אַלע מאָל באַזירט אויף דער ממשות־דיקער מעגלעכקייט בעסער איינצואָרדענען דעם קהל־לעבן, פאַרריכטן די פע־לערן פון דער ציבור־אַסאָציאַציע.

אַ מענטש וויל ניט זיין פריי ווי אַ פויגל אין וואַלד, ווי אַ טיגער אין סטעפּ, נאָר פריי ווי גאָט, וועלכער, לויט די טעאָלאָגישע לעגענדעס, היט אָפּ זיינע אייגענע געזעצן, אָבער דערפאַר איז ער אַ כל־יכול, אַן אַלמעכטיקייט! אָט צו וואָס דער מענטש שטרעבט. אויב אַלמעכטיקייט איז אוממעגלעך, דאַן מוז דער־גרייכט ווערן מעכטיקייט.

מעכטיק זיין, צו האָבן גרויסע יכולתן, דאָס איז דער דעוויז פון „פרייען" מענטשן.

דאָס באַגרינדן דעם פרייהייטפּרינציפּ ריין יורידיש, הייסט מאַכן אַ תל פון אים, פאַרוואַנדלען אים אין אַ פוסטע „נעגאַטיוויטעט", הייסט זיך פּלאָנטערן אין אַ לאַבירינט פון יורידישע קאָנצעפּציעס. וואָס קען געבן די נעגאַטיווע, די יורידישע באַגרינדונג פון פרייהייט? וואָס לייגט זי פאָר? זי טראָגט אונדז אונ־טער אין פּאָליטיק דאָס, וואָס מיר האָבן שוין אויסגעפּרובירט אין עקאָנאָמיק, און מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז עס טויג לגמרי ניט.

די יורידישע, נעגאַטיווע באַגרינדונג פון פּריוואַט־פּרינציפּ נעמט אַראָפּ אַ קאַפּיע פון בורזשואַזן עקאָנאָמישן סדר און לייגט עס פאָר אַלס אַ מוסטער פאַר דער פּאָליטישער איינאָרדענונג פון אונדזער חברה־לעבן.

ב.

יורידישע פרייהייט

די יורידישע באַגרינדונג פון דעם פּריוואַטפּרינציפּ, ווי אַלעס יורידישע, רעכטלעכע, איז אויבנאויפיק, דעקט ניט אויף די אמתע יסודות פון קהל־לעבן. זי גליטשט זיך איבער דער אויבערפלאַך.

די ניט־באַגנוגנדיקייט און שאָלעכצדיקייט פון די בלויז יורידישע איבער־מאַכונגען זענען אין אַ געניגנדיקער מאָס אָנגעוויזן געוואָרן. יורידיזם, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, האָט אָנגעוואָרן זיין גאַנצן קרעדיט ביים ערשטן אַרויס־טריט פון ליבעראַליזם: ליבעראַליזם האָט זיך געהאַלטן בעיקר ובעצם אין דעם תחום פון רעכט, האָט אָפּערירט הויפּטזעכלעך מיט יורידישע נאָרמען.

און אין דעם ליגט דער אומפאַרקלענבאַרער און אומאָפּשפּאַרבאַרער פאַר־דינסט פון סאָציאַליזם.

ער האָט פאַרלאָשן דעם אָרעאָל, וואָס האָט געברענט אַרום דער בורזשואַזער גלייכהייט פאַרן געזעץ, ער האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַוויזן, אַז דער עיקר איז ניט דאָס געזעץ נאָר די ממשותדיקע, פאַקטישע צוזאַמענבאַציִונגען פון מענטשן.

יענע, וועלכע זענען ניט גלייך פאַקטיש, עקאָנאָמיש, ווען זיי זאָלן אַפילו זיין גלייך יורידיש, וואָלטן זיי סיי־ווי־סיי געווען ניט גלייך, און, באמת, קוקנדיק אין תוך אַריין, זענען זיי אַפילו ניט גלייך פאַרן געזעץ, וועלכער איז מער ניט ווי אַן אָפּשפּיגל פון קאָנקרעטע באַציִונגען, און ניט פון עפּעס אַ מכלומרשטקייט, אַן אויסטראַכטעניש.

קרעזוס (אין אַמעריקע דאַרף מען זאָגן פאָרד) און אַ בעטלער זענען ניט גלייך, און זאָלן זיי אויף־צו־פּלייסן האָבן דיזעלביקע רעכט. דער עיקר ליגט ניט אין רעכט, נאָר אין דעם כּוח פון די לעבנס־צוזאַמענפאַרהעלטענישן.

אין דעם פּונקט איז דער שאַרף פון דער סאָציאַליסטישער קריטיק פון ליבעראַליזם אַ פאַרניכטנדיקער.

עמאַנציפּאַציע, אַלס אַ ריינע געזעצלעכע קאַטעגאָריע, איז גאָרניט ווערט. איצטער ווייסן עס שוין אַלע, ווייל כּדי אַ געזעץ זאָל ווערן אַ שטיק ממשות, זאָל ניט פאַרבלייבן קיין פּוסט וואָרט, דאַרף מען איבערמאַכן דאָס לעבן, שאַפן נייע באַדינגונגען, אַראָפּברעכן די אַלטע סטרוקטור און געבויעכץ, און געבן דעם געזעץ די מעגלעכקייט זיך צו אַנטפּלעקן און אָנגעווענדט צו ווערן.

עס איז ווייניק צו שענקען דער פרוי פּאָליטישע רעכט. איר פרייהייט וועט זי ערשט קריגן און געניסן, ווען מען וועט פון איר אַראָפּנעמען דעם עול פון דער פאַמיליע־דערציִונג. כּל־זמן דאָס איז ניט־געטאָן, וועט זי פריי ניט זיין,

ווייל זי וועט פאַקטיש זיין באַרויבט פון די רעאַלע יכולת אויסצונוצן אירע פּאָליטישע רעכט.

בנוגע אַרבעטער איז דער רעיון מכוח דעם ניט־צוזאַמענפאַל פון רעכט מיטווירקלעכקייט נאָך פשוטער און קלערער.

אַ קאַפּיטאַליסט און אַ פּראָלעטאַריער זענען גלייך פאַרן געזעץ,ביידע זענען אונטערגעוואָרפן אונטער דער זעלביקער יורידיקציע, ביידע באַנוצן זיך מיט דיזעלביקע קהילה־רעכט.

יאָ, דיזעלביקע. נאָר ווו? אין לעבן? ניין, עס הייבט זיך ניט אָן. זיי זענען גלייכבאַרעכטיקט לויטן געזעץ. זיי זענען גלייך פאַר אַ פיקציע. נאָר אויב אַזוי, דאַרף מען דעם ליבעראַליזם ניט האָבן. קריסטנטום האָט אויך געגעבן גלייכהייט. אַן אָרעמאַן און אַ רייכער זענען געווען גלייך פאַר גאָט, פאַר קריסטוסן, און אין אַ געוויסן פרט פאַרקערט:

דער קבצן איז גאָר געווען מער יחסן, און ער האָט געהאַט כמעט ספּעציעלע פּריווילעגיעס. דער נצרך איז געווען אַ חשוב ביים רבונו־של־עולם... און די רייכע האָט מען אין גן־עדן ניט געלאָזן.

עס לוינט זיך ניט אָפּצושטעלן לאַנג אויף דער קלאָרמאַכונג פון אָט־דעם רעיון, וועלכער איז געוואָרן, בזמננו, איינפאַך ווי אַלף־בית. ביי אונדז איז די העגעמאָניע פון דער ווירקלעכקייט, פון לעבן, איבער דעם רעכט. דאָס פאַקטישע שטייט העכער פון דעם יורידישן.

גערעכטלעכע גלייכהייט איז שוין גענוג דיסקוטירט געוואָרן. מען האָט שוין לאַנג באַוויזן די צופעליסנקייט און גאָרנישטקייט פון דער יורידישער רעפאָרמע.

איצטער האַלט מען, נאָך אונדזער פאַרשטיין, ביי דער צווייטער פיקציע — די יורידישע פרייהייט. אַזוי ווי די יורידישע גלייכהייט איז קיין גלייכהייט ניט, אַזוי איז אַ יורידישע פרייהייט קיין פרייהייט ניט. מיר דעפינירן פרייהייט ווי מעגלעכקייט, און ניט בלויז ווי די אָפּוועזנהייט פון געזעצן, פון פאַרבאָטן, וועלכע שטערן עמעצן עפּעס צו טאָן, צו האַנדלען.

פרייהייט איז מעגלעכקייט. גיט דען ריין־יורידישע פרייהייט אַ מעגלעכקייט? יורידישע פרייהייט באַזייטיקט די שטערונגען, נעמט־אַראָפּ די געזעצלעכע קייטן פון די פיס, נאָר דאָס הייסט נאָך ניט, אַז מען קריגט אַ מעגלעכקייט אויף זיכער זיך צו באַוועגן. אויב חו״ש איינער איז פאַראַליזירט, וועט ער ניט קענען אויסנוצן די פרייהייט פון באַוועגונג. און די פרייהייט אַרומצוגיין פאַר אַ פאַראַליזירטן אָדער אַ מענטשן מיט אַמפּוטירטע פיס, וואָס קען זיך ניט רירן פון אָרט, איז אַ לועג־לרש, שפּאָט און אָפּלאַך פון דער אָנמעכטיקייט.

מיר האָבן גענומען דאָ, אַלס ביישפּיל, אַ מענטשן, וואָס איז דערשלאָגן פיזיאָלאָגיש, נאָר אויב ער איז אַ געשעדיקטער אין עקאָנאָמישן זין און מען שענקט אים אַלע רעכט, איז עס אויך מער ניט ווי אַ חוכא וטלולא.

עס איז פשוט, מען קען גאָרניט געבן יענעם, וועלכער האָט ניט קיין הענט עפּעס צו בעמען.

ג׳.

אַרויסטרעטן

וואָס איז ווערט די הוילע קאָנטראַקט־ אָדער אָפּמאַכפרייהייט? איך וועל ענטפערן מיט פשוטע ווערטער, אָן אַ מינוט ספק זיך: כמעט ווי גאָרניט.

אויב ביי דער וואַלנסיסטעם איז דער בירגער געוועזן פריי איין מאָל אין דריי יאָר, אָדער איין מאָל אַ יאָר, אָדער אַ האַלב־יאָר, אין גאַנצן משך פון דער וואַלנפּראָצעדור, ביזן לעצטן מאָמענט פון אַראָפּלאָזן אין אורנע אַריין דאָס „קוויטל״, וועט ער, ביי דער קאָנטראַקטסיסטעם, זיין פריי אין טאָג פון שליסן דעם אָפּמאַך.

ער קען דאָך אָבער אָפּלאָזן דעם אָפּמאַך צו יעדן מאָמענט! וואָס הייסט ער „קען״? איך ענטפער מיט אַ פראַגע אויף דער פראַגע. ער קען יורידיש, ער האָט אַ רעכט; אָבער האָבן רעכט מיינט דען אַלעמאָל האָבן די מעגלעכקייט? צום באַדויערן פאַלן די צוויי באַגריפן ניט צוזאַמען. פון דעם יורידישן צום פאַקטישן איז אַ רעכטער תחום שבת. און דעריבער בויען יענע, וועלכע ווילן באַגרינדן דעם פרייהייטפּרינציפּ ריין יורידיש, זייער טעאָרעטיש הויז אָדער טעמפּל פון פרייהייט אויף דעם פאָרמאַלן, אויף דעם ליידיקן רעכט פון אַרויסטרעט, אויפן רעכט מבטל־צו־מאַכן דעם קאָנטראַקט — בויען באמת לופטשלעסער פון זעלבסטאָפּנאַר.

דאָס רעכט אַרויסצוטרעטן איז ניט די מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן, און אויב מען זאָל נאָכגעבן, אַז דאָס דאַרף אויסגעטייטשט ווערן ווי די מעגלעכקייט, דאַרף מען דאָך עס פיקסירן, דאַרף מען פעסטשטעלן די יכולת. פון דער געגעבענער קאָנקרעטער מלוכה, פון דער נויט־ און צוואַנגאינסטיטוציע, האָבן מיר אויך געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן. נאָר אונדזער אַרויסטריט האָט זיך געקענט באַקומען בלויז אַלס אַ פאָלגע פון עמיגראַציע, מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן די גרענעצן פון דער געגעבענער מדינה. געפינענדיק זיך אויף דער טעריטאָריע פון אַן אַנדער שטאַט, זענען מיר, ווילנדיק ניט־ווילנדיק, געוואָרן עפּעס אַ מין האַלבער בירגער פון יענעם שטאַט, אין וועמענס לאַנד מיר האָבן זיך באַזעצט. מיט אַנדערע ווערטער, מיר זענען אונטערגעוואָרפן געוואָרן אונטער אַ געוויסער יוריסדיקציע. מיר מוזן פאָלגן געוויסע געזעצן פון דעם נייעם לאַנד. אויף וועלכן וואָגן מען זיצט, אַזאַ לידל מוז מען זינגען. כדי אָבער אַרויסצוטרעטן פון יעדער מלוכה, האָבן מיר געדאַרפט אַוועקגיין ערגעץ אויף אַ ניט־באַזעצטן אינדזל, אין אַ מדבר אַריין, ווו קיין מלוכה און קיין געזעץ וואָלט אונדז ניט געפינען. אַזאַ סאָרט מעגלעכקייט פון אַרויסטרעטן איז גלייך צו דער אוממעגלעכקייט, מחמת עס איז פאַרבונדן מיט אומבאַזייטיקבאַרע שוועריקייטן.

לאָמיר נעמען דעם אַרויסטריט פון אַ געמיינדע, וועלכע באַזירט זיך אויף אַן אָפּמאַך.

איך האָב דאָרטן אָפּגעאַרבעט, למשל, פינף יאָר. לסוף בין איך ניט איינ־שטימיק מיט עטלעכע פּונקטן. איך בין אַנטוישט. מיר זאָגט מען: אָדער גיב נאָך אָדער טרעט אַרויס, פאַרלאָז אונדז, עמיגריר.

אויב די געמיינדע איז אַ קליינע, וועט מיין אַרויסטריט ניט זיין פאַרבונדן מיט „עמיגרירן", מיטן פאַרלאָזן די שטאָט אָדער דאָרף. נאָר איך וועל אַריבער־פאָרן אויף אַן אַנדער קוואַרטיר, און יוצא, אָפּגעשניטן מיט דער אַלטער גע־מיינדע. אָבער אויב די קהילה איז אויף צו־להכעיס טאַקע אַ גרויסע, פאַרנעמט אַ גרויסן שטח לאַנד, וועל איך טאַקע דאַרפן אַן חכמות אַרויספאָרן פון דאָרטן.

ווייטער, מיין אַרויסטרעט וועט זיין פאַרבונדן מיטן באַרויבט ווערן פון מיין „פאַרמעגן", מיט פאַרלירן דאָס רעכט אויף צו באַפרידיקן מיינע באַדער־פעגישן. אַזאַ זאַך איז כמעט אַזוי „שטאַרק" ווי דאָס געזעץ, וואָס באַרויבט עמיגראַנטן זייער באַזיצרעכט. אַזוי ווי די קהילה קאָנפיסקירט, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, מיין חלק אין איר פאַרמעגן.

מען וועט טענהן, די געמיינדע איז דאָך אַ פרייע, זי איז ניט געגרינדעט אויף אַקציעס, זי איז ניט קיין פּריוואַט־רעכטלעכע, נאָר עפנטלעך־רעכטלעכע אינסטיטוציע. דאָס פאַרמעגן געהערט צו קיינעם ניט, נאָר צו דער געמיינדע אַלס אַ גאַנצער.

גאַנץ פיין. איך בין דאָך אָבער אַרויסגעטראָטן. נאָך דעם אַרויסטרעט בין איך מחוץ דער געמיינדע. זי קען מיך מער ניט אויפהאַלטן. ווי וועל איך אָבער עקזיסטירן? איך מוז גלייך אַריינטרעטן אין אַ צווייטער געמיינדע, אָדער גרופּע, אָדער גיין און אָרגאַניזירן אַזאַ געמיינדע. היוצא, אַרויסטרעטן קען איך מער ניט ווי פון דער קאָנקרעטער געגעבענער געמיינדע, אָבער ניט פון דער גע־מיינדע בכלל, ווייל אין מאָמענט פון מיין אַרויסטריט, מוז געשען מיין אַריינ־טריט, אַניט וועל איך זיך געפינען מחוץ קהל־לעבן, און איך האָב דאָך ניט קיין מיטלען צו עקזיסטירן, מיטלען, וועלכע געהערן אומעטום צו די קהילות, צו די געמיינדעס, אָדער גרופּעס.

אַזוי ווייט פאַלט אַלץ צוזאַמען מיט מיין אַרויסטריט פון מלוכה, אַלץ אַנאַלאָגיש. און אויב מיר וועט זיך פאַרוועלן אַרויסטרעטן בכלל פון דער גע־מיינדע, פון יעדער געמיינדע, וועל איך דאַרפן עמיגרירן, אַוועקפאָרן ערגעץ אַהין, ווו קיין געמיינדעס זענען נישט בנמצא, ווו זיי האָבן קיין שליטה ניט. ווו דאָס לאַנד געהערט ניט צו זיי און ווו דאָס קהל־לעבן איז ניט באַזירט אויפן געמיינדעפּרינציפּ. זיין אין דער געמיינדע און אויסערהאַלב פון געמיינדע איז דאָך אַ זאַך, וואָס איז אוממעגלעך. אויב דאָס הויז, אין וועלכן איך וווין, געהערט צו דער געמיינדע, אויב דאָס ברויט, וועלכעס איך עס, געהערט צו דער קהילה, אויב די קליידער, וועלכע איך טראָג, געהערן צו דער קהילה, וועל איך זיך מיט דעם אַלעמען דאַרפן שיידן.

און, אין דער אונטערשטער שורה וועט מיין מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן פון דער געוויסער פרייער געמיינדע זיין ניט זיכערער און גרינגער פון מיין מעגלעכקייט אַוועקצוגיין פון דער מלוכה. דער אונטערשייד וועט זיין אַ יורידי־שער. פאַרן אַרויסטריט פון מלוכה פאָדערט זיך אַ באַזונדער דערלויבעניש, מיין פאַרלאָזן די מלוכה ווערט רעגולירט דורך די געזעצן פון דער מלוכה. איך קען

ניט אַרויסטרעטן פריי. פון דער געמיינדע קען איך אַרויסגיין ווען איך וויל און ווי איך וויל, איך דאַרף נאָר מאַכן די געהעריקע דעקלאַראַציע. נאָר אַפילו דאָס פאַרלאַנגט אויך באַגרענעצונגען. איך טרעט אַרויס „פריי״, בלויז יורידיש, ניט פאַקטיש. דער פּראָצעס פון אַרויסטריט איז יורידיש פריי, אָבער ניט פאַקטיש. לאָמיר אָננעמען: אַ מיטגליד האָט באַגנבעט די געמיינדע, ניט שוין־זשע וועט ער זיין פריי אַרויסצוטרעטן? ניין, דעמאָלט וועט מען אים אויסשליסן. אַן אויס־געשלאָסענער איז ניט קיין אַרויסגעטראָטענער. אַן אויסגעשלאָסענער וועט פאַק־טיש אָנטרעפן גרויסע שוועריקייטן ביים ווילן אַריינטרעטן אין אַנדערע געמיינדעס.

די פריַיהייט אַריינצוטרעטן און אַרויסצוטרעטן און אַליין בילדן וועלכע עס ווילט זיך מיר פאַליטישע פאַריינען; די פריַיהייט אַריינצוטרעטן אין וועלכע מיר געפעלט באַציִונגען מיט וועלכע עס איז פאַרייניקונגען, איז אַ פיקטיווע פריי־הייט, ניט קיין רעאַלע.

פריַיהייט צו אַרבעטן ווי מיר געפעלט, אויף וועלכער פאַבריק איך וויל אַליין, שליסן וועלכע עס איז אָפּמאַכן מיט וועלכן עס איז פאַבריקאַנט, און, צום סוף, דאָס פולע רעכט, יורידישע מעגלעכקייט אַליין צו עפענען אַ פאַבריקל, אַ וואַרשטאַט, אויף וועלכע יסודות מיין האַרץ גלוסט — די אַלע פריַיהייטן האָבן ניט געראַטעוועט דעם איינצלנעם מענטשן, ניט די גאַנצע סומע איינצלנע, וועל־כע שטעלן פאָר דעם עקספּלואַטירטן קלאַס פון אַלע צרהדיקע און חורבנדיקע רעזולטאַטן פון קאַפּיטאַליסטישן סדר, אַ סדר, וואָס צו־פּלייסן איז ער דער פּריַיסטער פון די פרייע.

אָבער דאָרטן האָט דאָך געהערשט פּריוואַט־אייגנטום, די רייכטימער, די פּראָדוקציע־מיטלען זענען געווען פאַרכאַפּט. מיט זיי האָט זיך פאַרשאַפט אַ הייפעלע מענטשן צום שאַדן פון אַלע איבעריקע.

און דאָ, ווי קען מען זיך פאַרשטעלן די פריַיהייט פון אַריינטרעטן און אַרויסטרעטן און אַפילו בילדן נייע פאַריינען?

בכדי צו בילדן אַ פאַריין, דאַרף מען דאָך האָבן מיטלען, פּראָדוקציע־געצייג, זאַפּאַסן פון געברויכספּראָדוקטן. און דאָס וועט זיך דאָך אַלץ געפינען אין די הענט פון דעם פון לאַנג־אָן עקזיסטירנדיקן, לאַנג־געגרינדעטן „פאַריין״.

און פון דאָס ניי צו גרינדן אַ פאַריין, וועט זיין ניט אַזוי גרינג, כ׳מיין ניט גרינגער ווי עפענען אַן אייגענע פאַבריק, גרינדן אַ קאָאָפּעראַציע. דעם ניי־געגרינדעטן פאַריין וועט אויסקומען אויסצושטיין די קאָנקורענץ פון אַלטן פאַריין, וועלכער וועט קענען פאַרלייגן זיינע מיטגלידער, זיינע חברים, מער ווילשטאַנד איידער דער נאָר־וואָס געגרינדעטער.

נאָר לאָמיר צוגעבן, אַז דער נייגעגרינדעטער פאַריין האָט דאָס רעכט צו באַקומען אַ געוויסן סכום געצייג און רויען מאַטעריאַל, ווי אויך געברויכפּראָ־דוקטן.

ווער וועט עס דעמאָלט רעגולירן? די פראַגע איז ניט קיין האַרבע. דאָס וועט רעגולירן, זאָלן מיר זאָגן, די „ביוראָ פון פאַריינען״, די פעדעראַלע הע־כערע פאַרייניקונג. אָבער אויב גאָר אַזוי, דעמאָלט פאַרשטייט זיך, אַז די גרינ־דונג פון אַ פאַריין באַדייט אייגנטלעך ניט דאָס שאַפן אַ נייעם ציבור־לעבן,

אַפילו ניט אַזוי פיל אַ פּאַריין אין אַ פּאַריין, נאָר פּשוט עפּעס אַ מין פּאַרייני־קונג, וועלכע איז פּאַרויסגעזען, באַקאַנט, און נאָרמירט, ווי די גרינדונג, למשל, פון אַ וויסנשאַפטלעכער אָדער קולטורעלער געזעלשאַפט אין דער געגעבענער מלוכה, אַ זאַך, וואָס קיינער איז ניט כנגד, נאָר פאַרקערט, מען סובסידירט עס, מען האַלט עס אונטער.

אָבער אייגנטלעך דאַ פאַרלאָזן מיר שוין כמעט דעם באָדן פון יורידיזם און טראָגן זיך אַריבער אין תחום פון פאַקטיזם, נאָר דאָס מאַכט אויך ניט אויס, סוף־כל־סוף קען מען עס אַריינפּרעסן אין די ראַמען פון דעם יורידישן.

מיר מאָלן אָן אידילישן אַרויסטריט און אַן „אידעאַלע" גרינדונג פון אַ נייעם פּאַריין. אָבער שטעלט זיך פאַר אויף אַ מינוט, אַז דער נייער פּאַריין איז אויף שטירדעס מיט דער אַלטער געזעלשאַפט. ער לייגט פאָר נייע פּרינציפּן — וואָס וועט דעמאָלט זיין? ניט שוין־זשע וועט מען אים געבן די מעגלעכקייט זיך איינצופעסטיקן אויפן חשבון פון די אַלטע אַנגעקליבענע זאַפּאַסן?

נאָר לאָמיר נאָכגעבן, אַז מענטשן וועלן זיין אַזוי הומאַניש געשטימט, אַז דאָס וועט אויך געשען, און זיי וועלן העלפן זייערע סאָציאַלע בעלי־מחלוקת. ניט מאַכן זיי קיין שום מניעות, פאַרקערט, זיי וועלן העלפן און פאַרגרינגערן יעדע צעשפּאַלטונג, יעדן אָפּרייס און אַרויסטייל.

פרעגט זיך: וועט אַזאַ באַציִונג צו דער זאַך ניט פירן צום צעברעכן די גרעסערע פאַרייניקונגען? און וואָלט אַזאַ האַנדלונגסמעטאָד ניט שאַפן דעם גינס־טיקן באָדן פאַרן אָנפלאַדזשען דעם אַנטי־חברהשן טיפּ שרייער, רייסער, גוואַלדע־ווער? און וואָלט עס ניט פירן, לסוף, צו דער צעברעקלונג פון דער געזעלשאַפט?

ווייטער: האָט דאָך דער אַלטער פּאַריין אַ גוט־אַרבעטנדיקן אַפּאַראַט, גוט־איינגעאָרדנטע, גוט־אַוועקגעשטעלטע מיט געצייג־פּאַרזאָרגטע וואַרשטאַטן, גוטע טראַנספּאָרטמיטלען, — איז דאָס דען ניט אַ שאָד אַוועקצוואַרפן? וועלן די „נייע" זיך קענען אָן דעם באַגיין?

נאָר ניין. זיי, די אָפּגעשפּאַלטענע, וועלן זיך מיט דעם אַלעם באַנוצן גלייך ווי די ניט־אָפּגעשפּאַלטענע, גלייך ווי אַלע אַנדערע מיטגלידער פון גרויסן פּאַריין. נאָר אויב אַזוי איז דאָך קלאָר, אַז זיי זענען ניט־אַרויסגע־טראָטן פאַקטיש פון פּאַריין, זיי האָבן מער ניט ווי דורכגעמאַכט אַ יורידישע פּראָצעדור.

באמת איז דאַ גאָרניט געשען, און דער נייער פּאַריין איז ניט קיין נייער פּאַריין, נאָר עפּעס אַ מין אַגודה, וועלכע פּאַרפאַלגט אויסשליסלעכע צוועקן.

ווען זיי וועלן אָבער פּרובירן אַרויסטרעטן, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דאָס איז ניט גרינגער דורכצופירן ווי דעם אַרויסטריט פון קאַפּיטאַליסטישן סדר, אָדער גרינדן פאַר זיך עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען. און אויב עס וועט זיך געפינען אַ העלד, אַ שטאַרקער, ווילנספולער מענטש, וועלכער וועט עס טאָן, האָט דאָך דער בורזשואַזער סדר אויך געוווסט פון אַזעלכע בעלי־רצון, שטאַרקע ענערגישע טיפּן, וועלכע האָבן זיך פון פּראָלעטאַריער אויפגעהויבן אַרויף־צו און האָבן פאַרנומען ערטער אויבנאָן. אָבער גיין אַרבעטן ביי אַזאַ געוועזענעם פּראָלעטאַריער איז געווען ניט־געשמאַקער ווי ביי וועמען עס איז

אַנדערן. און אויב אַזאַ העלד וועט גרינדן אַ פּאַריין, וועט ער, דער פּאַריין, מעגלעך פאַרשטעלן געוויסע באַקוועמלעכקייטן פאַרן גרינדער, פאַר די אַי־בעריקע וועט דער פּאַריין זיין דאָס אייגענע, וואָס אַן אַנדער געמיינדע — דער פאַרדעמדיקער פּאַריין.

דאָס אַרויסטרעט־רעכט קלינגט אַביסל ווי דאָס רעכט צו באַגיין זעלבסט־מאָרד, זיך אַנטאָן אַ סאָציאַלע מיתה־משונה. דאָס איז אַ וויכטיקע רעכט, אָבער אַ סך חשובער איז דאָס רעכט־מעגלעכקייט צו לעבן ווי געהעריק, איינאָרדענען דאָס לעבן אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט דאַרפן נעמען קיין צוליף צו דעם רעכט. דאָס אַרויסטרעט־רעכט איז אַן אָפּלאַך פון דעם אינדיווידו. דאָס ציבור־לעבן דאַרף זיין אָרגאַניזירט אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל גאָר קיין רייד ניט זיין מכוח אַרויס־טרעטונגען.

ד.

אויסשליסן

אויב מיר וועלן פאַרלאָזן די כלומרשטדיקע פרייהייט פון אַרויסטרעטן, דאַרפן מיר פאַרוואַרפן אויך דאָס באַרבאַרישע רעכט פון אויסשליסן. די צוויי רעכט פאַלן צוזאַמען, און יענע, וועלכע האָבן געזען מער ניט ווי די יורידישע זייט פון פרייהייט, מיינענדיק, אַז דאָס שעפּט אויס די פּראָבלעם, האָבן פאָרמו־לירט אַלס חוק, אַז דער איינצלנער האָט זיין רעכט אַרויסצוטרעטן, און די גע־מיינדע האָט איר רעכט אויסצושליסן יענע, וועלכע געפעלן איר ניט.

בזה האופן זעען מיר, אַז די געמיינדע נעמט זיך מער רשות ווי די מלוכה כמעט... די צייט פון אַסטראַציזם, פון אויסשליסן, דוכט זיך, איז, שוין אַריבער... אויב מען זאָל פאַרגעסן אַן פאַרשיקן אין די קאַלטע אָדער וואַרעמע געגענטן, אַ זאַך, וואָס „הומאַנע" מלוכות, ווי ראַטנרוסלאַנד, פראַנקרייך א"אַ פּראַקטיצירן. אמת, די יורידישע באַגרינדער פון דער פרייהייטלערע האָבן אויסגערעדט, אַז דאָס אויסשליסן איז די העכסטע שטופע פון באַשטראָף. אָבער דאָס איז דאָך פאָרט באַרבאַריש. אויסשליסן איז אַ מין חייב מיתה, אויב מען נעמט אין באַ־טראַכט די פאַקטישע באַדינגונגען און ניט דעם יורידישן שאָלעכץ. אַרום און אַרום זעען געמיינדעס, ראובן אָדער שמעון זענען אויסגעשלאָסן. אַלס אַן אויס־געשלאָסענעם פאַר אַ פאַרברעכן וועט אים קיינער ניט אַריינעמען. ווו וועט ער זיך אַהינטאָן? לעבן פאַר זיך? ווו און ווי אַזוי? ער גייט דאָך אַוועק פון דער געמיינדע מיט ליידיקן. לויט משהס געזעץ האָט מען געדאַרפט האָבן עטלעכע ערי־מקלט, כדי דאָרטן זאָלן וווינען יענע, וועלכע קענען לענגער זיך ניט געפי־נען צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. גוט, ווו וועלן זיך אַהינטאָן די אויסגעשלאָסענע?! מען דאַרף דאָך זיי באַזאָרגן מיט אַ מעגלעכקייט צו עקזיס־טירן, זיך ערגעץ־ווו איינאָרדענען.

וואָס איז שייך דעם אויסשליסרעכט דאַרף מען דעם באַרבאַרישן מיטל אינגאַנצן פאַרוואַרפן. מען טאָר עס אַפילו אין רעיון ניט דערלאָזן. אַ מיטגליד

פון ציבור־לעבן קען ניט ווערן אויסגעשלאָסן. אויסשלוס איז גלייך צו אַרויס־טרייב, און וווהין וועלן מיר אים טרייבן? דעם סאָרט שטראָף האָט יהוה אָנגע־ווענדט צו קינען: ער האָט אים אַרויסגעטריבן, נע־ונד תהיה בארץ. אָבער דאָס איז געווען בשעתן פאַרטאָג פון ציוויליזאַציע, ווען עס זענען נאָך ניט געווען קיין באַזעסענע לענדער. איז קיין אַוועק און האָט זיך אויסגעבויט אַ שטאָט. וווהין וועלן מיר אָבער טרייבן אונדזערע פושעים? גוט, ווען די געמיינדע איז אַ קליי־נע, כאַפּט אַרום אַ צענדליק, צוויי צענדליק מיטגלידער, דעמאָלט איז דער אויסשליס ניט אַזאַ געפאַר. אַזוי ווי דער אַרויסטריט אונטער כדומה אומשטענדן שטעלט ניט פאַר מיט זיך עפּעס באַזונדערס שווערס, אַראָפּוואַרפנדיק די עקאָ־נאָמישע הכבדות, וועלכע זענען פאַרקניפּט מיטן אַרויסגאַנג פון ווירטשאַפטלעכע פאַרייניקונגען. אָבער שטעלט זיך פאַר, אַז דער גאַנצער פּאָליטישער און עקאָ־נאָמישער סדר איז צוגעשניטן נאָך אַ באַשטימטן מוסטער; די געמיינדעס זענען פאַרבונדן, צעמענטירט, יעדנפאַלס, פעדערירט. אין אַזאַ פאַל, ווען מען שליסט אויס איינעם און ער טרעט גלייך אַריין אין אַ דערבייאיקער, שכנישער געמיינדע, מיט וועלכער מיר זענען פאַרבונדן דורך אַלגעמיינקייט פון אינטערעסן, איז דאָך, בזה־האופן, דער אויסשלוס קיין אויסשלוס ניט. ער האָט געביטן זיין „דירה״, דעם אָרט פון אַרבעט. דאָס איז ניט קיין אויסשלוס, נאָר אַן אַריבערפאָר פון איין געמיינדע צו אַ צווייטער אַלס עונש. און אַזאַ האַנדלונג וואָלט האָבן אַ זינען נאָר דאַן, ווען די צווייטע געמיינדע, אין וועלכער מען האָט אים „אַריבערגעשיקט״, איז ערגער אָוועקגעשטעלט, איידער די, פון וועלכער מען האָט אים טראַנספּע־רירט. ובכן דאָס אויסשלוסרעכט אָן רשות, פאַרן אויסגעשלאָסענעם, אַריינצו־טרעטן אין אַ נאָענטער געמיינדע, אין פאַל אונדזערע געמיינדעס זענען פאַרקניפּט צווישן זיך, איז אַן אויסשלוס, וואָס איז אַדעקוואַט צום אַרויסטרייב פון אַלע „אונדזערע״ געמיינדעס. — חוץ דעם, אויסשליסן הייסט נעמען דעם מענטשן, דעם „פאַרברעכער״, וואָס האָט אונדז אָנגעטאָן שאָדן, און אים אָוועקשיקן צו אַנדערע, ער זאָל אָנטאָן שאָדן אַנדערע מענטשן, אַנדערע געמיינדעס. זאָלן זיי פון אים ליידן. דאָס וואָלט געווען אי אומגעלומפּערט, אי אומיושרדיק; אַ שעד־לעכן עלעמענט אָוועקצושיקן צו שכנים, הגם ווייטע.

ה.

נעגאַטיווער יורידישער פעטישיזם

איך בין משער, אַז די אומריכטיקייט פון אויסשליסן האָבן מיר שוין כמעט ווי צופיל אַרומגערעדט. איך וואָלט זיך אויף דעם ניט אָפּשטעלן, ווען איך וואָלט ניט האָבן בדעה אויף די צוויי ביישפּילן, אַרויסטרעט און אויסשלוס, צו ווייזן, ווי ווייט צעהרגעט און צעקריפּלט עס וועט אויסזען דער פּרייהייטפּרינציפּ, ווען עמעצער וואָלט זיך איינעקשנען און אים וועלן דווקא באַגרינדן אויף אַ ריין־יורידישן באָדן.

און באמת וואָלט אַ ריין יורידישע אויפפאַסונג פון דעם פרייהייטפּרינציפּ אַנטהאַלטן אַן אינעווייניקסטע סתירה. אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור איז אָפּגעגעבן אַ סך אָרט דעם קלאָרמאַך פון דעם רעיון, אַז רעכט, געזעצגע־בונג, באַזיצן ניט די אַלמאַכט, וועלכע דאָס נאַיווע טראַכטן שרייבט זיי צו. די ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע ליטעראַטור מאַכט חוזק פון דעם תמימישן געדאַנק, אַז אַ נייער סדר קען דעקרעטירט ווערן, קען איינגעפירט ווערן „דורך פּאַיעט" פון געזעצגעבונג. און איצטער שטעלט זיך פאַר, וועלכע ממשות עס וואָלט האָבן אַזאַ באַגרינדונג און דעפינירונג פון פרייהייט, וועלכע וואָלט זיך האַלטן אויס־שליסלעך אויף דער אָפּוועזנהייט פון געזעצן. לויט דער סאָציאַל־רעאַליסטישער קאָנצעפּציע איז עס אַ פּוסטער ענין. ווען רעכט, געזעץ, קען קיין סך ניט אויפ־טאָן אין אַ פּאָזיטיוון וועג, הייַנט אַ פּשיטא שוין אויפן נעגאַטיוון אופן. דער אָפּשאַף פון געזעץ קען אַוודאי ניט דינען אַלס רפואה קעגן דעם שלעכטס פון דעם היינטיקן איינשטעל. יעדערער, וואָס וועט פּרובירן באַגרינדן פרייהייט אויף דעם שטייגער, וועט בויען אויף טעאָרעטישן זאַמד. דער אָפּמעק פון געזעצן וועט קיין סך ניט ענדערן אין ממשותדיקן לעבן, אין די רעאַלע צוזאַמען־פאַר־העלטענישן פון מענטשן.

דער פרייהייטפּרינציפּ קען ניט אויסגעטייטשט ווערן ריין יורידיש אַלס אָפּשאַף און פאַרוואָרף פון געזעצגעבונג און געזעצן. דאָס איז צו־וויניק, און קיין פרייהייטליבהאָבער וועט זיך מיט דעם ניט צופרידן שטעלן.

ווי נאַיוו וואָלט אויסזען אַזאַ יורידישער, דאָגמאַטישער, בוכשטאַבלעכער אויפקלער פון פרייהייטפּרינציפּ! הערט מיט קאָפּ: אויב דאָס רעכט איז הילפלאָז, ווען עס איז אַקטיוו, פּאָזיטיוו, אויב אַ דעקרעט שפּילט ניט אין לעבן די ראָלע פון אַ געזונטן, שטאַרקן צו־פאַרלאָזן־זיך פאַקטאָר, אויב דאָס געזעץ שאַפט ניט קיין נייע פאָרמעס, בייט ניט דעם גאַנג פון געשעענישן, נאָר שלעפּט זיך אַלע־מאָל נאָך פון הינטן, נאָכהינקענדיק, וועט דאָך דער אָפּשאַף פון געזעץ, פון דעקרעט אָדער פון זייער סך־הכל, אַוודאי ניט איבערבייטן, ניט איבערמאַכן די ממשותדיקע קעגנזייטיקע באַציִונגען פון מענטשן. ווען דאָס געזעץ איז ניט בכוח צו שאַפן נייע פאָרמען פון לעבן, אַ פּשיטא שוין דער אָפּמעק פון געזעץ איז דאָך אַוודאי ניט ביכולת אַרויסצורופן צום לעבן נייע שייכותן און צוזאַמענ־הענגעכצן. צי דען הענגט טאַקע אָפּ דאָס גליק און ווילשטאַנד פון פאָלק, פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, פון דעם אָפּשאַף פון די עקזיסטירנדיקע געזעצן? צי דען־זשע קען מען, ביי היינטיקע צייטן פון אַראָפּפאַל פון רעכט אַפילו אין די אויגן פון יוריסטן, גלויבן אין אַבסאָלוטיזם פון רעכט און געזעץ?

איך באַהויפּט, אַז דער פרייהייטפּרינציפּ קען ניט און טאָר ניט אָפּערירן מיט ריין יורידישע טערמינען, דרייען זיך, ווי אַ וועווערקע אין ראָד, אין תחום פון רעכט. מיר דאַרפן זיך ניט איינשמועסן, אַז פאַרניינענדיק דאָס לעצטע, מאַכן מיר חרוב אַן אַלטע וועלט און בויען אויף אַ נייע, בשעת באמת פאַרנעמען מיר זיך מיט יורידישע ספּעקולאַציעס.

דער פרייער אָפּמאַך, פרייוויליקע צושטימונג, דאָס זענען די צוויי וואָלפישן פון צוקונפט־סדר, אַזוי וואָלט געדאַרפט באַהויפּטן דער, וואָס באַגרינדעט דעם פרייהייטפּרינציפּ ריין יורידיש.

הן קאָנטראַקטן, הן פּריוויליקע צושטימונגען האָט די בורזשואַזיע פּראַקטיצירט אין געביט פון עקאָנאָמישע באַציִונגען. ניט שוין־זשע איז פון דעם „יורידישן סדר" די באַלעבאַטישקייט געוואָרן אָרנטלעכער, בעסער, פרייער — אַ האָר ניט. די בורזשואַזיע, פאַרקערפּערט אין אַ באַשטימטער אָרדענונג, האָט געוווּסט דעם סוד און האָט געהאַט די טרפהנע יכולת אָוועקצושטעלן דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַזעלכע באַדינגונגען, ניט־יורידישע, נאָר פאַקטישע, רעאַלע, ממשותדיקע, אַז ער האָט פרייוויליק איינגעשטימט צו אַרבעטן, שוויצן צוועלף שעה אַ מעת־לעת און פאַר אַ באַלוינונג, וואָס האָט אים, דעם באַלוינטן האַרעפאַשניק, קוים געגעבן די מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן די נשמה אין אויסגעמאַטערטן גוף, און דאָס אַלץ פרייוויליק פון שטאַנדפּונקט פון געזעץ, פון יוריספּרודענץ, מער ניט ווי אַן אָפּמאַך, אַ צושטים.

און דאָס אייגענע קען געשען, און נאָך אפשר גרינגער און גיכער, מיט אַ געמיינדע אַלס אַ גאַנצער, אַלס אַ קאָרפּאָראַציע, אַלס אַ יורידישער פּערזאָן. זי קען אָוועקשטעלן דעם איינצלנעם מענטשן אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז ער וועט מוזן פרייוויליק איינגיין אויף אַלץ, וואָס מען וועט אים פאָרלייגן, און ער וועט אונטערשרייבן דעם שווערסטן, ערגסטן, שענדלעכסטן קאָנטראַקט. מיינט איר טאַקע, אַז אומעטום מוז מען האָבן די יורידישע צווינגונגסמיטלען? עס הייבט זיך ניט אָן. דאָרטן, ווו עס איז דאָ דאָס פאַקטישע, איז דאָס יורידישע איבעריק און דער אָראָפּפאַל פון יורידישן צוואַנג זאָגט כמעט קיינמאָל גאָרניט — על־כל־פּנים עד־היום איז נאָך ניט געווען אַזאַ פאַל אין דער געשיכטע — וועגן פרייהייט, נאָר דווקא פאַרקערט, גיט אָנצוהערן, אַז אונטער דער נאָרמע איז אונטערגעוואַקסן דער פאַקטישער,ווירקלעכער צוואַנג און נויט, און ער, דער צווייטער, מאַכט איבעריק די ערשטע. די פאַקטישע נויט שטויסט אַרויס די נאָרמע.

דער מאַנגל פון געזעצן איז ניט קיין גוטער סימן פון פרייהייט. אַמאָל, פאַרקערט, איז עס דער צייכן פון קנעכטשאַפט. אין דער משפּחה זענען קיין געשריבענע געזעצן ניטאָ און עס איז ניט דערפאַר, וואָס די קינדער זענען פריי, נאָר דערפאַר, ווייל דאָ האָט געהערשט אומבאַצאַמט, אַמאָליקע צייטן און אַביסל אויך היינטיקע צייטן, דער ווילקיר פון טאַטן, דעם טיראַן.

יורידישע פרייהייט איז אַ בייזער אָפּנאַר. ארויסטרעטעכט, קאָנטראַקט, הסכם וכדומה, פאַרלאָזט זיך ניט צופיל אויף דעם. דאָס זענען טרוקענע יורידישע שטעקלעך, וועלכע ברעכן זיך פון יעדן שווערן אָנשפּאַר.

אַ יורידישע באַגרינדונג פון פרייהייטפּרינציפּ וואָלט קאָפּירן אונדזער ווירטשאַפט, די בורזשואַזע באַלעבאַטישקייט.

„דו ביסט פריי, טו ווי דו פאַרשטייסט!" האָט דען די בורזשואַזיע ניט געטענהט אַזוי, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט מכוח אַן עקאָנאָמישן ענין?

פרייהייט האָט די בורזשואַזיע פאַרשטאַנען און אויסגעטייטשט אַלס די פרייוויליקע עקאָנאָמישע טראַנסאַקציע.

און וואָס קען פאַרלייגן אַ יורידישע באַגרינדונג פון דעם פרייהייטפּרינציפּ, אויב ניט די פרייהייט פון דער פאָליטישער טראַנסאַקציע.

און אַזוי ווי די עקאָנאָמישע פרייהייט איז געווען אילוזאָריש, בעצם, אַזוי איז די „פּאָליטישע פרייהייט" מער ניט ווי אַן אויסדאַכט, אַ פיקציע.

מיט רעכט אַליין קען מען ווייט ניט פאַרגיין. די בורזשואַזיע האָט כלומרשט געגעבן מער רעכט איידער דער פעאָדאַל, דער פּראָלעטאַריער האָט געהאַט מער פרייהייט איידער דער לייבאייגענער, מער יורידישע ניט־געבונדנקייט. אָבער דאָס איז נאָר דערפאַר, וואָס אים, דעם פּראָלעטאַריער, האָט צוגעבונדן צום וואָר־שטאַט, צו דער פאַבריק, דאָס לעבן אַליין, די באַדינגונגען פון עקזיסטענץ אין אונ־דזער חברה. און אויף וואָס האָט מען אים געדאַרפט פענטען אויך יורידיש! האָט מען טאַקע געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז פריי. געלאָזן אים לויפן.

פעאָדאַליזם האָט זיך געהאַלטן אויף דעם יורידישן צובינדן צום אייגנטימער דערפאַר, ווייל דאָס פאַקטישע איז געווען צו שוואַך, אַז מען זאָל זיך קענען אויף דעם פאַרלאָזן. דער לייבאייגענער האָט זיך פאַקטיש געקענט באַגיין אָן זיין אייגנטימער, דעם פריץ. אַקערן די ערד, זייען האָט ער געקענט אָן אים, און וואָלטן זיי אים אַראָפּלאָזן פון דער יורידישער קייט, וואָלט ער גלייך קענען אַוועקגיין. אַנדערש, מכל־וכל אַנדערש, האַלט דער בורזשוי זיין קרבן, ער האַלט אים צוגעבונדן אויף דער הונגערקייט און האַלט אין איין טענהן: „דו ביסט פריי, קיינער האַלט דיך ניט. געפעלט דיר ניט — זוך זיך עפּעס בעסערס".

אין דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרעם פון פּראָדוקציע איז דאָס פאַקטישע צובינדן געוואָרן אַזוי פעסט, אַז מען האָט אָפּגעשאַפט דאָס יורידישע. די נאָרמע האָט זיך אַליין אַריבערגעוואַקסן, זי איז געוואָרן אַ שטיק לעבן און האָט אויפ־געהערט אויסצוזען ווי אַ נאָרמע, ווי אַ פאַרשריפט און געזעץ.

און דעריבער טאָר מען זיך קיינמאָל ניט איינרעדן, אַז דער אָפּשטאַרב פון נאָרמעס זאָגט עדות וועגן דער געבורט פון פרייהייט. פאַרקערט, עס זאָגט ס'רוב מאָל, אַז די קנעכטשאַפט איז שוין נבלע־בעצמות געוואָרן, אַריין אין פלייש און ביין פון געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם, און אַפילו קיין נאָרמעס דאַרף מען שוין ניט.

רעפּרעסיעס, שטאַרקע עונשים, דערציילן ניט וועגן דעם כוח פון דעם רעזשים, וועגן דער מעכטיקייט פון מלוכה־מאַכט, נאָר, להיפוך, ווייזן אַרויס די שוואַכקייט, ניט־זיכערקייט, דאָס פּאַכען מיט דער נשמה. אַ שטאַרקע רעגירונג גע־ברויכט ניט אַזוי אָפט שטאַרקע „פערדישע" רפואות, ווייל זי שרעקט זיך ניט פאַר קיינעם. פרייהייט פון וואָרט, פון פרעסע, פון פאַרזאַמלונג האָט די בורזשו־אַזיע דערלויבט בשעת זי האָט געזען, אַז זי קען זיך דערלויבן דעם שטיקל פּאָליטישן לוקסוס, ווען זי האָט עס גובר געווען פון אינעווייניק, עקאָנאָמיש, און די אַלע „צעלאָזנקייטן" זענען איר מער ניט געווען שעדלעך.

דאָס אייגענע בנוגע דעם אָפּשאַף פון געזעץ, דעקרעטן, דראָונגען. זיי זענען ניט די מבשרים פון דער פרייער ערא. פאַרקערט, זיי זאָגן ס'רוב אָן, אַז די פאַרשקלאַפונג און אָפּהענגיקייט האָט זיך שוין אַריינגעגעסן אין סאַמע לייב פון לעבן, זענען געוואָרן פלייש און בלוט פון חברהשן גוף.

איך וואָלט זאָגן, אַז אין קאַפּיטאַליזם איז פאַראַן אַזויפיל פאַקטישע אָפּהענ־גיקייט, אַז ער האָט געמעגט און געקענט זיך שפּילן אין פרייקייט. אַ קנעכט האָט געהאַט איין וועג און מיטל — אַנטלויפן און ווערן פריי. וואָס קען אַ פּראָלע־טאַריער טאָן? וווהין לויפן? דער קאַפּיטאַליזם איז פונדאַמענטאַל, מאַסיוו, שטייט

פעסט, קאַפּיטאַליזם איז געוואָרן אַזוי שטאַרק און זיכער, אַז ער האָט געפֿאָדערט, אַז די מלוכה זאָל זיך ניט מישן אין זיינע ענינים, ער האָט ניט געוואָלט דאָס אויג פון ביוראָקראַט... דער „מאַנטשעסטער חדר" איז אַ באַווייז פון אינעווייניקסטער גבורה און איינגעגלויבטקייט.

ז.

אידעאָלאָגישע פּאַניק

די אורשפּרינגלעכע פאָרמעס פון קאַפּיטאַליזם זענען געווען שטאַרק־נעגאַטיוו, וואָס איז שייך צום צושטאַנד פון באַזאָרג מיט עקזיסטענץ־מיטלען די מיטאַרבעטער, די האַרעפּאַשניקעס, און עס איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס פיל טעאָרעטיקער, אויספאָרשער פון קאַפּיטאַליזם, האָבן געזוכט אַן אויסוועג פון דעם קאַשמאַרן מצב, אין וועלכן עס האָט אַריינגעוואָרפן דעם פּראָלעטאַריער די קליינע און גרויסע פּראָדוקציע, אין אַ צוריקקער צו די אַלטע אָפּגעשלאָסענע אָדער האַלב־פאַרמאַכטע ווירטשאַפטספאָרמען. זיי האָבן אַרויסגעוויזן דערביי קליינבירגערלעכע און קליינאייגנטימערישע טענדענצן.

דאָס אייגענע בנוגע דער מלוכה — איר ראַשיתדיקע פאָרמע איז אויף אַזויפיל אַ נעגאַטיווע, וואָס איז נוגע דעם ווילשטאַנד פון די בירגער, אַז עטלעכע טעאָרעטיקער האָבן געפּרוווט זוכן אַ רעטונג אין דעם אומקער צו די מיטלאַלטערישע פאָרמען. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס מיטלאַלטער מיט זיינע פּאָליטישע איינאָרדענונגען האָט דערלויבט דער פּערזענלעכקייט מער רוים, מער איניציאַטיוו, מער פרייהייט, איידער די היינטיקע מלוכה.

דאָ, ערשטנס, לאָזט זיך פילן דער אויפנעם פון דער בלויזער יורידישער זייט פון דעם ענין. דאָס מיטלאַלטער, ווען דער איינצלנער האָט זיך געפילט אויסער דער געפאַר פון אַן אָנפאַל, סיידן נאָר אין זיין אייגענעם שלאָס אָדער אַרומגעמויערטער שטאָט, האָט אַפּנים געגעבן ווייניקער פאַקטישע פרייהייט ווי דער היינטיקער סדר, וועלכער האָט פאַראומגעפּערלעכט, אין פרידלעכע צייטן, גאַנצע לענדער, אָפּגערייניקט די וועגן, די וועלדער פון רויבער און כדומה אַנשיקענישן, וועלכער האָט אפילו כמעט זיכער געמאַכט די ימים, אַ סוף־מאַכנדיק צו די פּריוואַטע פּיראַטן.

די זאַך איז אָבער, אַז די דע־יורע־פאָרשער אינטערעסירט דער יורידישער פענאָמען, דאָס בנמצא־זיין אָדער ניט־בנמצא־זיין פון געזעצן, און ניט די סומע פון אמתע מעגלעכקייטן, אמתע פרייקייטן.

ווייטער: דאָ ווייזט זיך אַרויס דער טעות, וואָס ווערט מייסטנס באַגאַנגען ביי אָפּשאַצונגסאורטיילן מכוח צוויי פאָרמעס פון פאַרוואַלטונג אָדער פּראָדוקציע. איין פאָרמע נעמט מען אין איר צייטיקן צושטאַנד, נאָכדעם ווי זי האָט שוין אַרויסגעוויזן אַלע אירע פאַרבאַהאַלטענע טענדענצן, באַהאַלטענע מעגלעכקייטן, און די צווייטע פאָרמע נעמט מען אין איר עמבריאָנאַלער אַנטוויקלונג,

איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט אַרויסצוּווייזן, וואָס זי פאַרמאָגט בכוח אָדער בפועל. ביי אַזאַ מעטאָד איז דער ריכטיקער אָפּשאַץ אויסגעשלאָסן. די מערכה פון אַרבעטערביים קאַפּיטאַליזם אין אָנהייב איז חושכדיקער און צרהדיקער איידער די לאַגע פון אַ פאַרוואָרפענעם ערגעץ־ווו הינטער די הרי־חושך איינצל־נעם פויער אָדער בעל־מלאכה. אָבער אָט־דער מצב איז ניט אַן אומפאַרמיידלע־כער רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציעפאָרמע, דאָס איז עפּעס צייטווייליקס, פאַרבייגייענדיקס. און דעריבער זענען די קולות און געוואַלדן מכוח דער אויסגעבורט פון אַרבעטערקלאַס גלייך פאַרשוויגן געוואָרן ווי נאָר דער לעצטער האָט גענומען אויסנוצן די מעגלעכקייטן, די קאַמפּמיטלען, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם בכבודו ובעצמו האָט אים אַריינגעלייגט אין די הענט און האָט אים געלערנט ווי זיך מיט זיי צו באַנוצן. דער ערשטער פעריאָד פאַלט צוזאַמען מיטן פּעסימיזם, מיטן רופן און ציִען צוריק; טענהן, אַז מען דאַרף פאַרקירעווען צוריק צו דעם פּונקט, פון וועלכן מען איז עקאָנאָמיש אַרויס. דער צווייטער פּע־ריאָד כאַראַקטעריזירט זיך דורכן אָפּטימיזם און באַצייכנט אַן אויפרוף צום בייקומען דעם קאַפּיטאַליזם און באַזייטיקן זיינע דעפעקטן דורכן קאַפּיטאַליזם, דורך דעם איבערגיין צו העכערע פאָרמעס.

דאָס אייגענע איז געשען מיט דעם מלוכה־סדר. זיינע טענדענצן זענען נאָך ניט געווען אַרויסגעצייגט, ניט אַלע קאַמפּמעגלעכקייטן אויפגעדעקט. און דערי־בער האָבן אייניקע, אַריינפאַלנדיק אין יאוש, אַרויסגעלאָזן אַ רוף צו גיין צוריק כמעט צום מיטלאַלטער מיט זיינע פרייע שטעט, פרייע פאַריייניקונגען. אַזעלכע סאָרטן געדאַנקען זענען אַ פּרוכט פון דאָגמאַטישן יורידיזם, זענען אַ פּועל־יוצא פון דעם ניט־קריטישן, ניט־ריכטיקן אָפּשאַץ פון היינטיקן שטאַטלעכן ציבור־לעבן.

ז.

פרייהייט פון קאָנקורענץ אין פּאָליטיק

פּאָליטישע פרייע קאָנקורענץ — דאָס איז אונדזער גאולה וישועה — באַ־הויפּט דער באַגרינדער פון יורידישער פרייהייט. נאָר אַזוי ווי פרייהייט פון קאָנקורענץ האָט באַדייט אין דערווירקלעכקייט, ניט יורידיש, נאָר פאַקטיש, פרייהייט פון עקספּלואַטאַציע, אַזוי וועט די מכלומרשט יורידישע פרייהייט זיך פאַרוואַנדלען אין פרייהייט פון אונטערדריקן דעם יחיד און פרייהייט פאַר אייך פאַרבאַנד צו אונטערדריקן דעם צווייטן. די אויסגעדוכטע פרייהייט וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אייביקער פּאָליטישער קאָנקורענץ, אין אַ קאַמף פון פאַריי־נען, אין אַ פּאָליטישער „מלחמה“, אויב ניט קיין ריכטיקער, מיט אַלע קלאַפּער־געצייג, איז אין אַ רייסעריי פון אַגודות, געמיינדעס, אַסאָציאַציעס.

מלחמה, קאַמף, זאָגט עדות וועגן יורידישער פרייהייט, דאָס איז דער באַגלייטער פון אַלע יורידישע כלומרשטע פרייהייטן, אָבער קאַמף, געשלעגערײַ

איז ניט קיין פרייהייט. דאָס אַליין, וואָס מיינע אַקטן טרעפן אַן אַזאַ ווידערשטאַנד, וועלכן איך דאַרף גובר זיין דורך מיין מאַקסימאַלן אָנשטרענג פון ווילן, זאָגט שוין קלאָר און דייטלעך, אַז דאָ איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט, אַז מיין יכולת דאָ איז זייער פּראָבלעמאַטיש. בלויז דער שלום פון קאַמף וועט קענען פאַרענטפערן די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט. און דעריבער זאָגן מיר, אַז יעדע רעגולירונג פון ציבור־לעבן אָדער באַלעבאַטישקייט, וועלכע שליסט אויס פון אַ געוויסן געביט קאָנקורענץ, קאַמף, מלחמה, איז אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג. דאָס איז פּראָגרעסיוו, ווייל עס איז אַ טריט פאָרויס, עס איז אַ פאַרזוך צו פאַרענטפערן פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וועלכע שטייגן אַריבער ניט נאָר די כוחות און יכולתן פון איינצלנעם מענטשן, נאָר אויך פון קליינעם פאַריין.

מיט דער הילף פון פרייהייט פון קאָנקורענץ פאַרענטפערן די פראַגע וועגן פּאָליטישער איינאָרדענונג איז אוממעגלעך. נאָך מער, ווען מיר האָבן שוין איינגעזען, אַז די עקאָנאָמישע פּראָבלעם האָבן מיר אויף אַזאַ אופן ניט געקענט צורעכטמאַכן.

פאַרענטפערן די פּאָליטישע פראַגע קען מען ניט מיט דער ריינער יורידישער פרייהייט, דורך דעם רעכט צו בילדן פאַראַלעלע וועטאייפערנדיקע פאַריינען, ד״ה דורך דער צעטיילונג פון דעם שטאַט, אָראָפּזעצן זיין איינציקייט אויף אַ פּיליקייט, איבערמאַכנדיק אים נאָכן מאַניער פון דער בורזשואַזערווירטשאַפט.

דאָס איז אַ טריט צוריק אין פּאָליטיק, אַ רעאַקציאָנערישקייט, וועלכע באַקומט זיך פון צופיל שפּילן זיך מיטן יורידיזם. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ יורידישער פּראָגרעס, וועלכער וואָלט זיך אַרויסווייזן צו זיין אַ פאַקטישער רעגרעס. דאָס הייסט נעמען די פּאָליטיק, וועלכע געפינט זיך אויף אַ העכערער אַנטוויקלונגסשטאַדיע, און זי אַראָפּדריקן צום ניוואָ פון דער אָפּגעשטאַנענער עקאָנאָמיק, מיט די חולאתן, פון וועלכער מען וועט כלומרשט אויסהיילן די פעלערן פון פּאָליטיק. דאָס הייסט, נעמען דאָס הינטערשטעליקע און מאַכן עס פאַר אַ נאָרמע, אַ מוסטער פאַר דאָס פּראָגרעסיווע, און דערפאַר וואָלטן מיר זאָגן, אַז די יורידישע באַגרינדונג פון דעם פרייהייטפּרינציפּ איז אַ רעאַקציאָנערע באַגרינדונג.

יעדער קריג, יעדער קאָנפליקט, זאָגט עדות וועגן דעם ניט־קענען באַהערשן דעם מענטשלעכן שטאַף פון קהל־לעבן. פרייהייט פון קאָנפליקטן, פרייהייט פון קאַמף איז ניט קיין פרייהייט, נאָר אַן אומאָרדענונג, אַ דעפעקט, וועלכן מען דאַרף באַזייטיקן. יעדער קאַמף ווייזט אָן אויף די צעעסנדיקע סתירות פון דער אָסאָציאַציע. ער ווייזט אָן, אַז עס פעלט סאָלידאַריטעט. ווי די פעלקער־מלחמות זאָגן אונדז וועגן דעם מאַנגל פון אינטערנאַציאָנאַליזם, אַן איינגעאָרדנטן רעגולירטן צווישנפעלקער־אַפּאַראַט, אַזוי אויך זאָגן עדות געשלעגערייען, רייסערייען, מחלוקתן, וועגן די חסרונות, וועגן די פעלערן פון די צווישנפּערזענלעכע און אינטערקלאַסן־פאַרהעלטענישן.

אָבער פון דער אַנדער זייט גערעדט, איז פרידן, ווען ער באַדייט מער ניט ווי אָפּוועזנהייט פון קריג, און ניט אַ גלייכגעוויכט פון כוחות, אַ באַלאַנץ פון אינדיווידועלע זכיות און מעגלעכקייטן, ניט קיין סימן פון הויכקוואַליפיצירטער איינגעאָרדנטקייט, ווייל פרידן איז אָפט ניט קיין פאָלגע פון אחדות, נאָר פון אַ

מאוימדיקן צושטאַנד פון אָפּהענטיקייט, אַראָפּגעפאַלנקייט און באַזיגטקייט צו אַזאַ מדרגה, אַז דער אונטערדריקטער איז אָפּגעשוואַכט אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט קיין כוח ניט אַרויסצווייזן אַ ווידערשטאַנד. דער אונטערדריקטער קוים וואָס ער זשיפּעט, און דער קאַמף באַדייט דעמאָלט אַן אויפוועק פון באַוווסטזיין מכוח דעם, וואָס עס האָט געדאַרפט זיין. דער קאַמף באַדייט אַ ווירקלעכן פּראָטעסט. ער איז אַ פועל־יוצא פון אַן אַקטיוון אָנוווקס פון קרעפטן, אַ דערנענטער צום נאָרמאַלן צושטאַנד. אַזאַ מלחמה איז אַ באַפרייאונגסקאַמף, אַ קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר שלום, פאַרן אויפריכטן די רעכט פון אינדיווידן, יחידישן אָדער כללשן. און אַזוי אַרום איז צו זען, אַז יענער קריג, מחלוקת, קאַמף איז אַ פאַרבייגייאיקע דערשיינונג, אַן אַוועקגיי פון באַזיגטקייט, אַ צושטאַנד, וואָס איז נאָך אַ נידעריקערע שטופע פון געזעלשאַפטלעכער אומאָרגאַניזירטקייט, וואָס ווייזט נאָך מער אַרויס דעם מאַנגל פון נאָרמאַלע פאַרהעלטענישן.

צו רעקאָמענדירן קאַמף, קריג, קאָנקורענץ ווי אַן אייביקע פּראָגרעסיווע קאַטעגאָריע, איז אַ טעות, מחמת אַ שטרייט איז אַן אומנאָרמאַלער צושטאַנד. דער שטרעבונגספּונקט, דער תכלית, איז אַלעמאָל — סאָלידאַריטעט, פלאַנמעסיקייט, אויסגעגליכנקייט, קאָאָרדינירטקייט. און מען קען בשום־אופן ניט צושרייבן דער אויסגעגליכנקייט די חסרונות, וועלכע עס פאַרמאָגט צייטנווייז די געצוווּנגענע איינהייט, און אונטערפירן קריגערייען, שטרייטן, ברידער־רייסערייען אונטער דעם „געבענטשטן״ טערמין „פרייהייט״.

עס איז פּונקט פאַרקערט: אויסגעגליכנקייט, איינשטימיקייט, קאָאָרדינירטקייט דערמונטערט די דיפערענציאַציע, רופט אַרויס אַ פּלוראַליזם, אַ פילפאָרמיקייט, אַ פילאַרטיקייט, העלפט אונטער דעם פּראָצעס פון סימנים־פונאַנדערגייט דערשיינונגען, וואָס דינען, פון זייער זייט, ווי אַ מיטל אָפּצושוואַכן דעם קאַמף אין דער אָרגאַנישער, זאָאָלאָגישער וועלט. היוצא: סאָלידאַריטעט, אונטערגעשטיצט פון פיזישער און גייסטיקער אַרבעטצעטיילונג, שטייט ניט אונטערן צייכן פון איינאַרטיקייט, נאָר, להיפוך, פון פילאַרטיקייט. סאָלידאַריטעט דאַרף זיין אַן אמתע, ניט קיין פיקטיווע, אַ צופלייסנדיקע; אַ שטילקייט אויף דער אויבערפלאַך און אַן אויפזיד, אויפברויז אין דער טיפעניש. און אויב קאַמף איז בעסער איידער טויט, בית־עלמין־שטילקייט, אַן אונטערדריקטער צושטאַנד דערפירט צו אַ הילפלאָזיקער טעראָריזירטער מילדקייט, איז עס נאָר דערפאַר בעסער, ווייל קאַמף דערנענטערט זיך צו דער אַנטלאָדונג, גייט צום פרידן, צו ריכטיקער סאָלידאַריטעט. און דער סימן פון אַזאַ קאַמף איז דער באַפרייאונגסגייסט, די שטרעבונג און דער אָנשטרענג בייצוקומען די אַראָפּגעפאַלנקייט, אונטערדריקטקייט, דערשלאָגנקייט. קאַמף איז אויף אַזויפיל פּראָגרעסיוו, אויף וויפל ער טראָגט אין זיך די זריעה פון דעם צוקונפטיקן שלום, וועלכער וועט זיך פונדאַמענטירן אויף אמתער אַחדות, אויף דער גלייכווירדיקייט פון די אינדיווידן.

רעקאָמענדירן אָבער קאַמף און שטרייט, פּאָליטישע קאָנקורענץ אָדער עקאָנאָמישע, אַלס אַ מעטאָד צוצוהעלפן און אונטערצושטופּן דעם פּראָגרעס, איז, אין בעסטן אופן, אַ ניט־דורכגעטראַכטקייט. קאָנקורענץ איז אַ נעגאַטיווע דערשיינונג, זי דאַרף פאַרביטן ווערן מיט אויסגעגליכנקייט, אויסגערעכנטקייט און גייסטיקער אייפערזוכט. וועלן אַריבערשטייגן, אויסצייכענען זיך, הייסט ניט קאָנ־

קורירן. גייסטיקע קנאה, אינטעלעקטועל מקנא זיין, הייסט ניט זיך צוזאַמענ־שטויסן, קעמפן מיטן אַנדערן, פטרן כוחות אויפן קאַמף אַליין, אויפן פשוטן אַקט פון געפעכט, נאָר אַרבעטן אויף דעם אייגענעם געביט, אויספילן דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך, מוסטערהאַפט, און דורך דעם דינען אַלס ביישפיל פאַר אַנדערע. אין אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזירטער אַרמיי איז דאָ דער פאַרלאַנג זיך אויסצו־צייכענען, — אָבער עס איז ניטאָ דאָרטן קיין קאַמף פון די אייגענע אָפּטיילונגען צווישן זיך. גייסטיקע קנאה טרייבט צום אָנשטרענג פון די כוחות ביזן מאַק־סימום. אָבער זי בלייבט שטיין אויפן שטאַנדפּונקט פון צוזאַמענפּאַל פון די אינטערעסן און קעגנזייטיקער הילף. סאָלידאַריטעט שליסט אויס קאַמף, שטרייט, אָבער שליסט ניט אויס דעם קנאת־סופרים, די קנאה, וועלכע קען רעדוצירט ווערן צו אַ געוועט מיט זיך אַליין. ווי רוסאָ אין עמיל דריקט זיך אויס: מיין עמיל וועט האָבן אַ וועטגעלויף מיט זיך אַליין. נעכטן האָט ער געקענט דער־לויפן ביז יענעם פּאָס, היינט האָט ער זיך אַריבערגעשטיגן. קאָנקורענץ איז דאָס מיסברויכן פון גייסטיקער קנאה; אין קאָנקורענץ איז פאַראַן אַן עלעמענט פון אַט־דער איידעלער קנאה. אַט־דער עלעמענט, אַט־די באַפאַרבונג האָט פאַרפירט און געבראַכט צו אַ טעות די טעאָרעטיקער, די אידעאָלאָגן פון „קאָנקורענץ"־קאַמף.

אמתע פרייהייט, פּאָליטישע איינגעאָרדנטקייט, דערגרייכן מיר ניט דורך קאַמף און קאָנקורענץ פון אַסאָציאַציעס, נאָר מיט דער הילף פון צוזאַמענגיסן, פאַרייניקן אַלע כוחות אין איין אוניווערסאַלן צווישנמענטשן־פאַרבאַנד, אין איין אַלוועלטלעכן, אַלמענטשלעכן פאַריין פון יחידים.

דער פּראָגרעס ליגט, ווי געזאָגט, אויבן, אין אָנוואַקס און אָנזאַמל פון צווישנמענטשלעכע באַציִונגען. דאָס איז דער וועג פון צוזאַמענגעמיקייט, גע־מיינזאַמלעכקייט, צוזאַמענפּאַל פון אָנשטרענג.

ח.

פאַרוואַלטונג — ציבור־לעבן

עס איז ניט גענוג איינצופירן אַן איינגעאָרדנטע דיסטריבוציע. וואָס מען דאַרף האָבן אינזינען איז די פּראָדוקציע. די רעאָרגאַניזאַציע פון פּראָדוקציע אויף מער ראַציאָנעלע, מער צוועקמעסיקע יסודות — דאָס איז די הויפּט־עובדא. דאָס בלויזע באַזייטיקן די דעפעקטן פון דעם פאַנאַנדערגעב־אַפּאַראַט קען ניט צופרידנשטעלן. וואָס מען דאַרף טאָן איז אויסבעסערן דעם פּראָדוקציע־מעכאַ־ניזם. מען דאַרף אויפהייבן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט, שאַפן אַ שלל געברויכפּראָדוקטן, פילמאָליק פאַרטאָפּלען זייער קוואַנטיטעט אין פאַרגלייך מיט דעם פאַרדעמדיקן, געוועזענעם צושטאַנד.

אַ בלויזע אויסבעסערונג און פאַרפולקומענונג פון גוטער פאַנאַנדערטיילונג וואָלט ניט אויפטאָן קיין סך ממשותדיקס. אונדזער היינטיקע רייכקייט איז אילו־

זאַריש, פּיקטיוו, איין אַן אויסדאַכט. מחמת דעם, וואָס די עשירות איז קאָנצענט־רירט אין עטלעכע הענט, איז באַהערשט פון אַ קליינצאָליקער גרופּע מענטשן, האָבן די רייכע באמת אַ מעגלעכקייט צו לעבן אַ גוטן טאָג, לעבן אין גרויס רחבות און זיך מערקעווודיק מאַכן אויפן פּאַן פון אַלגעמיינער אָרעמקייט און געבראָכענעם דלות. אַט־אַזוי שאַפן זיי, די עטלעכע נגידים, די פאַלשע פאָר־שטעלונג, אַז מיר פאַרמאָגן כלומרשט גרויסע אוצרות פון גוטס און טייערקייטן. פּאַקטיש, נעמענדיק אין באַטראַכט די גאַנצע באַפעלקערונג, פאַרמאָגן מיר עס ניט, זיינען מיר אויף צרות. וואָלטן מיר נעמען צעטיילן אויף גלייך דאָס אָנגע־זאַמלטע, איז ניט איך וויפל עס וועט אויסקומען אויף אַ חלק.

לאָמיר נעמען טיילן די שיינע הייזער, וועט זיך באַלד אַרויסווייזן, אַז מיר פאַרמאָגן צו־ווייניק געביידעס, כדי צו באַפרידיקן די נויטיקסטע באַדערפעניש פון דער באַפעלקערונג אין אַגוטער, געזונטער, סאַניטאַרער וווינונג, אפילו אויס־שליסנדיק די „דאָרפישע” באַפעלקערונג. דאָס אייגענע וועט געשען, ווען מיר וועלן זיך נעמען פאַרן באַזאָרגן דאָס פאָלק מיט קליידונג, שוכוואַרג אאַז״וו. די הצטרכותן זענען קאָלאָסאַל, די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן זיי איז מינימאַל. און דעריבער קען מען ניט זוכן דעם אויסוועג פון דער פאָלקסאָרעמקייט און נויט אין אַ בעסערן פונאַנדערטייל פון די גיטער, נאָר פריִער פון אַלץ אין אַ בע־סערן אָוועקשטעל פון דער פּראָדוקציע, אין דעם אויפהייב פון די שאַפנדיקע כוחות, אין אַ בעסערער אויסשטאַטונג, אַ מער טעכניזירטער און ווייניקער פאַר־שווענדערישער, פון די פּראָדוציִרנדיקע אונטערנעמונגען. דערצו נאָך אויב מען וועט די פּראָדוקטן בעסער פונאַנדערטיילן, וועלן די נויטן פון די פאָלקסמאַסן אין אַ געוויסער מאָס באַפרידיקט ווערן. מיטן פונאַנדערטיילן אַליין, ווען מיר זאָלן עס אָוועקשטעלן אויפן בעסטן אופן, וועלן מיר פיל ניט אויפטאָן, מחמת באמת האָבן מיר ניט. פאַרמאָגן מיר ניט די רייכטימער, וועלכע אַנדערע מיינען, אַז מיר האָבן, ווען זיי משפּטן אויבנאויפיק, לויט דער פּזרנות און אויסברענ־געריי פון דעם הייפעלע גבירים.

אַל־דאָס געזאָגטע איז אָנווענדבאַר צום פּאָליטישן לעבן.

אין פּאָליטיק קען מען ניט שטיין אויפן שטאַנדפּונקט פון איין פונאַנדער־טיילן די פרייהייטן, מעגלעכקייטן, אָנגעזאַמלטע צווישנפּערזענלעכע כוחות, נאָר פון דער, אַזוי צו זאָגן, פּראָדוקציע פון קהל־צוזאַמענלעבגיטער. ניט דער פּרינ־ציפּ פון פּאָליטישן פונאַנדערטייל דאַרף דאָמינירן, נאָר אין יסוד דאַרף מען אַוועקלייגן די פּאָליטישע פּראָדוקציע. ניט די פאַרוואַלטונג, נאָר דאָס גאַנצע קהל־לעבן, די געמיינזאַמקייט, ווי אַזוינע, דאַרף רעאָרגאַניזירט ווערן. דער אינ־דיווידועלער, אָדער ריכטיקער דעספּאָטישער, קאַפּיטאַל האָט געשאַפן אַן אילו־זיע פון רייכקייט. פּונקט אַזוי האָט די דעספּאָטישע מאַכט, וועלכע איז געווען קאָנצענטרירט אין עטלעכע הענט פון אַ פּאָר טיראַנען, געשאַפן די אילוזיע פון פרייהייט, וועלכע איז אַפּנים פאַראַן, נאָר וועלכע מען וויל ניט געבן דעם פאָלק. בשעת באמת איז גאָר אַזאַ מין זאַך ניט געווען במציאות, און עס איז ניט געווען וואָס צו געבן דעם פאָלק. אַ נישטיקע גרופּקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט אַלע פרייקייטן, ד״ה, מיט אַלע מעגלעכקייטן, מיט אַ רחבות, וועלכע אַנט־שפּרעכן די געברויכס־מותרות פון דער בורזשואַזיע, האָט געשאַפן אַ פאַלשע פאָר־

שטעלונג, אַז כלומרשטע פרייהייט, אונטער דעם געגעבענעם מצב פון די ציבור־לעבנס־כוחות און דערגרייכטע סאָציאַלע מעגלעכקייטן, איז פאַראַן בנמצא, נאָר מיר קענען עס ניט נוצן מחמת דער שולד פון די אוזורפּאַטאָרן, די פאַרכאַפּער, די מאַכטהאַלטער, וועלכע געברויכן אַליין די גרויסע סאָציאַל־ציבורישע עשירות און גיבן קיינעם ניט. ווי די בורזשואַזיע שאַפט ביי די פאָלקסמאַסן אַן אילוזיע פון אַ פאַראַנענער רייכקייט, אַזוי שאַפן די הערשער אַן אילוזיע מכוח די יכולתן, וועלכע זענען באמת ניטאָ, וועלכע עס געברויכן אַט־די העכסט דעגענערירטע, העכסט אוממאָראַלישע טיפּן פון דער היינטיקער חברה. דעם ערשטן פּלאַץ אין פּאָליטיק דאַרף פאַרנעמען די פּראָבלעם פון רעאָרגאַניזאַציע פון קהל־לעבן, פון ציבורקייט, דאָס פונאַנדערברייטערן די חברהשקייט, דאָס שאַפן סאָציאַלע מעגלעכקייטן, דערגרייכונגען, אמתע רעאַלע פרייהייטן, וועלכע זענען ניטאָ בנמצא און קענען ניט זיין ביי דער היינטיקער גרויס, מאָס און פאַרעם פון אונדזער אַסאָציאַציע. פרייהייט איז מעגלעכקייט; מעגלעכקייט איז די טאַכטער פון אַל־געמיינעם געשפּאַנטן אָנשטרענג. די ברעקלעך פון יורידישער פרייהייט ביי היינטיקע פאָרמעס פון ציבור־לעבן וואָלטן אונדז מאַכן ניט גליקלעכער און ניט פרייער...

VI

פון ארגאניזאציע צו זעלבסטארגאניזאציע

א.

פאָרגעשיכטע — געשיכטע

קנעכט און פערזענלעכקייט, דאָס זענען די צוויי סאַמע עקיקסטע פינטעלעך, דאָס זענען צוויי דיאַמעטראַלע ניגודים.

קנעכט — אָט איז דער אָנהייב פון קהל־לעבן; פערזענלעכקייט — דאָס איז דער סוף, זיין פאַרפולקומענונג.

פון קנעכט צו דער פערזענלעכקייט — אַזוי שנירלט זיך דער גאַנג פון דער געשיכטע.

ביז די פערזענלעכקייט קומט אויף, געפינט איר אומעטום דעם קנעכט, שקלאַפעריי אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרמע, אין אַ שאַרפער, שטרענגער אָדער פאַרווייכטער צורה.

די פערזענלעכקייט עפנט דעם ערשטן בלאַט אין דעם בוך געשיכטע. אַלץ, וואָס איז געווען ביז איר — איז באַרבאַריזם, קנעכטשאַפט, שפלות, און היוצא, פאָרגעשיכטע.

און די גאַנצע פאָרגעשיכטע איז אַ קאַמף פאַר פערזענלעכקייט, פאַר דעם אויפקום פון מענטשן, דער דאַרנדיקער וועג צו זיין אַנטפלעקונג.

בכלל קאַמף, אין פשוטן טייטש פון וואָרט, איז אַ סימן מובהק פון באַר־באַרישקייט און ניט־איינגעאָרדנטקייט פון דער געזעלשאַפט. און דעריבער קען מען טאַקע זאָגן, אַז אונדזער גאַנצע פאָרגעשיכטע איז אַ קאַמף פאַרן אַנטשטיין, געבוירן־ווערן פון דער פערזענלעכקייט.

מיט אַנדערע ווערטער, עס איז אַ קאַמף פון דעם אָרגאַניזירט־געוואָרענעם קעגן אָרגאַניזירער, בכדי אַליין צו באַהערשן די אָרגאַניזאַציע און שאַפן דעם סינטעז פון אָרגאַניזירטן און אָרגאַניזירער, ווייל נאָר דער צוזאַמענגאָס פון די צוויי עלעמענטן שטעלט־צוזאַמען די פערזענלעכקייט. און כל־זמן דער סינטעז איז ניט דערגרייכט, איז ניט פאַראַנען קיין פערזענלעכקייט, נאָר בלויז אַ דער־נענטערונג צו איר.

קנעכטשאַפט — דאָס איז דאָס ערשטע זייטל פון אונדזער פרעהיסטאָריע.

זעלבסטאָרגאַניזאַציע — דאָס איז דאָס לעצטע זייטל פון דער פּרעהיסטאָריע און דאָס ערשטע זייטל פון דער געשיכטע פון די מענטשן.

זיכער, דאָס וואָרט „פאָרגעשיכטע“, וואָס מיר געברויכן דאָ, איז לאו־דווקא, דאָס איז מער ניט ווי אַן אויסדרוק פאַר דעם רעיון, וועלכן מיר ווילן אַרויסזאָגן: אַז עד־היום האָבן מיר געהאַט אַ געשיכטע פון קאָלעקטיוון, פון משפּחות, שטאַמען, שבטים, לסוף, פון פעלקער, מדינות, נאָר מיר האָבן ניט פאַרמאָגט קיין געשיכטע פון מענטשן און זייער צוזאַמענלעבן.

אין יענער געשיכטע (מיר רופן איר אַן פאָרגעשיכטע) האָבן פיגורירט ניט קיין מענטשן, יחידים, נאָר גאַנצע קבוצים.

מיר האָבן די געשיכטע פון גריכנלאַנד, פון רוים, פון בבל וכדומה. מיר פאַרמאָגן אָבער ניט דעם דברי־הימים פון די גריכן, פון די באַביליאַנער וכדומה. און מיר קענען עס ניט האָבן, ווייל היסטאָריע האָט נאָר אויף אַזויפיל צו טאָן מיטן איינצלנעם מענטשן, אויף וויפל ער איז ניט קיין יחיד, נאָר אַ קאָלעקטיוו. אָבער אַן איינצלנע פערזאָן קען דאָך בשום אופן ניט באַווייזן צו זיין אַ ציבור. הייסט עס, אַז געשיכטע האָט צו טאָן מיט דעם איינצלנעם נאָר דעמאָלט, ווען ער טיראַניזירט, פאַרגעוואַלטיקט, דעספּאָטירט דעם גאַנצן קיבוץ.

די צוקונפט־געשיכטע וועט זיין, אייגנטלעך, די היסטאָריע פון דער מענטשהייט, פון איין זייט, און די היסטאָריע פון די מענטשן, פון דער אַנדער זייט.

געוויינטלעך וועט יענע געשיכטע זיין זייער ווייניק ענלעך צו אונדזערער, צו דער איצטיקער.

די מאָדערנע געשיכטע איז אַ כראָניק פון ווילדקייטן, פון געשלעגן און פעכטערייען. דאָס איז דער פעריאָד ביזן געבוירן־ווערן פון מענטשן, אַ פעריאָד, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ פאַרביסענעם, פאַרדעקטן, און אומבאַוווסטזיניקן קאַמף פאַרן באַהערשן די אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט.

ב.

קנעכטשאַפט

אַ קנעכט — דאָס איז אַן אָרגאַניזירט־געוואָרענער, וועלכער איז רעדוצירט צום „בטול־היש“. דאָס איז דער מאַקסימום אָרגאַניזירט־געוואָרנקייט, כמעט צו־געגליכן צו אַ זאַך. דאָ איז נאָך אייגנטלעך עפּעס ווי ערב אַ צושטאַנד פון „אָרגאַ־זירט־געוואָרנקייט“. ווייל איז דען שייך אָרגאַניזאַציע ביי קעגנשטאַנדן. און אַ קנעכט איז קרוב צו אַ „זאַך“.

„אָרגאַניזירט־געוואָרנקייט“, אין דערווירקלעכקייט, האַלט אין זיך אַ טיפן פּאַטאַלן ווידערשפּרוך. ווען עמעץ איז אין דער בחינה פון אַן אָרגאַניזירט־געוואָ־רענעם, הייסט דאָס, אַז אין איין־און־דערזעלבער צייט פאַרניינען מיר אים און באַיאָען אים; ער איז אַ „זאַך“ און ניט קיין זאַך אויף אַמאָל, ער איז הן אַ מיטל און הן אַ ציל.

שקלאַפּעריי איז דער אַרויסגאַנגספּינטל, עס איז דער אָנהייב פון אָרגאַניזירט־געוואָרנקייט און די געבורט פון דעם טיפּ פון דעם אָרגאַניזירט־געוואָרענעם. אַ קעגנשטאַנד קען ניט ווערן „אָרגאַניזירט"; אַ סטאַדע פערד, אייזלען, קעמלען, וועלכע אַ שמייסער טרייבט, אַ פּאָר אָקסן איינגעשפּאַנט אין יאָך, וואָס כאַפּן גוטע שמיץ פון בייטש, וואָס פּייערט זיי די זייטן און רוקן, בזה האופן צוגעבנדיק זיי חשק צום אַקערן — קענען ניט באַטראַכט ווערן אַלס אָרגאַניזירט־געוואָרענע. קעגנשטאַנדן קען מען מעכאַניזירן, טעכניזירן. און אַפילו בעלי־חיים קען מען ניט אָרגאַניזירן, על־כל־פּנים קען אַ מענטש זיי ניט אָרגאַניזירן, נאָר אויסנוצן. אָרגאַניזירטקייט, אָרגאַניזאַציע, שיקט פאָרויס אַן אָרגאַניזאַטאָר, גענומען, אַרויסגערוקט פון דער אייגענער סביבה, אַזוי אַרום, אַז דאָ האָבן מיר אויף אַמאָל אי יאָ־גלייכהייט, אי ניט־גלייכהייט, אָדער די אידייע מכוח דעם.

דער אָרגאַניזאַטאָר און דער „אָרגאַניזירט־געוואָרענער" דאַרפן זיין גלייך און ניט־גלייך. און אויף וויפל אַ קנעכט איז קיין מענטש ניט געווען, איז לגבי אים ניט שייך געווען צו זאָגן ער איז „אָרגאַניזירט־געוואָרן". פאַרוואָס איז ער עפּעס גאָר קיין מענטש ניט? פּשוט, דערפאַר, וואָס ער האָט ניט קיין משפּחה, ניט קיין שבט. און אין אַלטערטום זיין באַרויבט פון אָט־די „טייערקייטן" האָט געהייסן אויפהערן צו זיין בגדר מענטש. און באמת איז שווער צו זאָגן, אַז שקלאַפּעריי איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון חברהשן לעבן. די קנעכטשאַפט־וועלט האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס אָנבאַלאַנגט די שייכותן און רעגולאַציעס, וואָס האָבן זיך געפלאָכטן און געוועבט צווישן איין שקלאַפן־אייגנטימער און אַ צווייטן שקלאַפן־פאַרמעגער. די קנעכט אַליין זענען אָבער געווען צוגעגליכן צו פי און ביי זיי איז קיין „אָרגאַניזאַציע" ניט שייך געווען. אַ שקלאַף איז נעבעך שוין אויף אַזויפיל „אָרגאַניזירט", אַז ער הערט שוין אויף צו זיין אָרגאַניזירט, ער איז אויף אַזויפיל אויסגעליידיקט פון אינעווייניק, אַז ער עקזיסטירט ניט אַלס מהות, און מען קען אים ניט אָרגאַניזירן.

אַ קנעכט איז אַ זאַך, אַ כלי, אַ געצייג, אָדער ריכטיקער, אַ בהמה, אַ משאות־בהמה, וואָס פירט־אויס געוויסע אַרבעטן, אַ מין שטוביקער בעלי־חי, אויף וויפל דער לעצטער דינט אַלס מאָטאָר, אַ קוואַל פון ענערגיע, און ניט קיין לעבעדיקער זאַפּאַס פון שפּייז. אין פּעריאָד פון קנעכטשאַפט איז דער אָרגאַניזאַטאָר — אַליין, דער אָרגאַניזירט־געוואָרענער — גאָרניט. ווילן־כוח באַזיצט מער ניט ווי דער אָרגאַניזאַטאָר, דער אָרגאַניזירט־געוואָרענער איז לגמרי באַרויבט פון זיין אייגענעם ווילן. אַ קנעכט איז אַ ברואה, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין פרייען ווילן. און אַ פרייער ווילן מאַכט דעם מענטש צום מענטשן. אַ קעגנשטאַנד פאַרמאָגט ניט קיין ווילן און ניט קיין באַוווסטזיין.

דאָס באַוווסטזיין־פאַרמעגן שטערט ניט דעם קנעכט צו זיין אַ קעגנשטאַנד פון אַ העכערן ראַנג, פאַרקערט, דאָס מאַכט דעם קנעכט פאַר אַ באַזונדער נוצלעכע זאַך. ער איז ניט קיין פּשוטער קעגנשטאַנד, נאָר אַ קאָמפּליצירטער. אַ בהמה איז, אַזוי צו זאָגן, אַן איבערגאַנגס־מדרגה צווישן אַ קעגנשטאַנד און אַ קנעכט. און ער, דער קנעכט, קען אויסגענוצט ווערן בעסער, אינטענסיווער, און פּראָדוקטיווער איידער אַ קעגנשטאַנד און אַפילו אַ בהמה, ווייל אויסנוצנדיק אים קען מען בשעת־מעשה עקספּלואַטירן זיין ראַשיתדיקן באַוווסטזיין. קנעכט־אייגנ־

טימעריי איז דער טריומף פון „אָרגאַניזאַטאָר“ און דאָס מיט די פּיס־טרעטן דעם „אָרגאַניזירט־געוואָרענעם“, דאָס באַהאַנדלען אים ווי אַ מעכאַניזירטן קעגנ־שטאַנד. קנעכטשאַפט איז די אַבסאָלוטע אומבאַטייליקונג פון דעם אָרגאַניזירט־געוואָרענעם אין דעם פּראָצעס פון אָרגאַניזאַציע.

שקלאַפעריי איז דער העכסט מאַסיווער, סאַמע אַנהייבנדיקער און שטאַרקער רינג אין דער קייט פון אָרגאַניזירטן קהל־לעבן. דאָס הייסט, זי איז דער ערש־טער ריין־סאָציאָלאָגישער רינג פון אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. אַ שבט, אַ משפחה — דאָ איז נאָך אַלץ מער ביאָלאָגיע איידער סאָציאָלאָגיע, דאָ איז דאָס סאָציאָלאָגישע מער ניט ווי אַ קליינער אַרויפבוי אויפן קאָלאָסאַלן ביאָלאָגישן יסוד. ווי מאָדנע די זאַך זאָל ניט אויסזען, אייגנטלעך מיט קנעכטשאַפט הייבט זיך אָן די אמתע סאָציאָלאָגיע. און אַזוי ווי זי איז באַרויבט פון די ביאָלאָגישע יסודות, ווי בלוט־קרובהשאַפט וכדומה, צוגעבונדנקייט צום אייגענעם שבט און שטאַם, וואָס ווערט אַריינגעזויגן מיט דער מילך פון דער מאַמען, מוז זי זיך אַראָפּלאָזן נידעריקער פון ביאָלאָגיע, זי האַלט זיך אויף פשוטער פיזישער קראַפט. קנעכטשאַפט באַזירט זיך אויף באַזיגן, איינגעמען, בייקומען דעם שונא און האַלטן אים אין דער קלעם, אם כבנים, אם כעבדים... „ניט ווי קינדער, נאָר ווי קנעכט“. דערפאַר אָבער, עפּעס ווי אַלס קאָמפּענסאַציע, הייבט זיך אויף אָט די פאָרמע פון צוזאַמענלעבן העכער איבער ביאָלאָגישע שייכותן און קאָנסט־רויִרט אַ ריינע סאָציאָלאָגישע פאָרמאַציע.

אָבער דער צווייטער אַגענט, דער קנעכט, האָט ניט און קען ניט האָבן קיין שום חלק אין דעם אָרגאַניזאַציע־פּראָצעס. ער איז אינגאַנצן פּאַסיוו.

קנעכטשאַפט איז די אורשפּרינגלעכע פאָרמע פון אַן אָרגאַניזירטן חברה־לעבן. ביז־אַהער האָט עקזיסטירט אַ „ביאָלאָגישע“ געזעלשאַפט.

יעדע מאַשין, יעדעס געצייג פאַרלאַנגט אַ מענטשן, אַן אומן־יד, וועלכער ווייסט ווי זיך מיט זיי צו באַגיין. דער מענטש ווירקט אויפן שטאָף, אַנדערשט אים, אָבער דער מאַטעריאַל ווירקט צוריק אויפן מענטשן, און מאַכט אים פאַר אַן אַנדערן. אַ מענטש, וועלכער געברויכט געצייג, איז גאָר אַ „נייער“ מענטש. ווי אַלט, פּשוט, פּרימיטיוו, אַ דערפינדונג זאָל ניט זיין, פאָדערט זי פאָרט אַ געוויסע סומע פון געוויינטשאַפטן, איינגעאַרבעטקייט און איבונגען. אַ שיפל און וויאָסלעס שאַפן דעם שיפלער, ניט־וויסנדיק ווי זיך צו באַגיין מיט זיי, וועסטו ניט־פאָרן רייטנדיק אויפן רוקן פון די כוואַליעס. אַ האַק פאָדערט דעם האָלצהע־קער. דאָס פערד זוכט זיין רייטער, דער וועלאָסיפּעד זיין וועלאָסיפּעדיסט. דאָס אייגענע איז ריכטיק, און נאָך אין אַ גרעסערער מדרגה, בנוגע דערפינדונגען, וואָס שיקן ניט פאָרויס קיין כלים, נייערט אונדז מענטשן אַלס אַזוינע. שווימען פאָדערט אַ שווימער, ניט אַלע קענען עס. ריידן פאָדערט אַ רעדנער.

אָט די קונסט, אין אַ קלענערער אָדער אַ גרעסערער מאָס, באַזיצן אַלע.

יעדע נייע דערפינדונג הייבט אונדז אויף אויף אַ נייעם שטאַפּל פון קענ־טעניש, קאָמפּליצירנדיק אונדזער טבע. געוויינטלעך גיט זיך איבער אַ געוויסע גרופּע מענטשן צו דער נייער קענטעניש, וועלכע זי באַהערשט בשלימות.

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן בנוגע סאָציאַלע חידושים, נייע איינפי־רונגען.

איך וויל לגמרי ניט רעדוצירן סאָציאָלאָגיע צו אַ מין אָפּטיילונג פון דער־פינדעניש, ווי לעסטער וואַרד האָט געוואָלט.

זאָל זי, די חברה, אַרויסשפּראָצן, וואַקסן און אַנטוויקלען זיך אָרגאַניש, פּאַמעלעך, היסטאָריש זיך צעצווייגן.

ווי דאָס זאָל ניט זיין, די סאָציאָלאָגיע הייבט־אויף אויף אַ נייעם שטאַפּל פון ציוויליזאַציע, הייבט־אויף ניט דעם איינצלנעם מענטשן, נאָר אַ גאַנץ פאָלק, אָדער אַ שבט. דער שטאַם אָדער אַ רייע שטאַמען פאַרנעמען זיך מיט דער עקספּלואַטאַציע פון דעם חידוש, וועלכן זיי האָבן געמאַכט. זיי, אַזוי זיך אויסצודריקן, „מאָנאָפּאָליזירן" דעם נייעם תיקון, זיי ספּעציאַליזירן זיך און פלעגן אים און אַנטוויקלען.

און בנוגע דעם אויפטו פון קנעכטשאַפט־איינפירעריי האָבן די „דערפינדער" פון דעם עס געברויכט און אויסגענוצט צו זייער גונסטן. זיי, די שבטים, וועלכע האָבן צום ערשטן איינגעפירט די אינסטיטוציע פון שקלאַפטום, זענען געוואָרן אַזוי צו זאָגן די „אָרגאַניזאַטאָרן", די אויפטוער. די שוואַכערע אַרומיקע שבטים האָבן געדינט ווי אַ מאַטעריאַל פאַרן פּראָצעס.

און דער פונאַנדערטייל צווישן דעם „אָרגאַניזירער" און „אָרגאַניזירט־געוואָרענעם" איז ניט לכתחילה אַ ריין סאָציאָלאָגישער, ער איז פיל טיפער, ער שניידט זיך אַריין אין אַנטראָפּאָלאָגיע, עס איז באותה־שעה אַ ראַסן־חילוק, אַ שבטים־אונטערשייד. אַן „אידעאַלער" קנעכט איז אַ בלוטפרעמדער. און די ריינע פאָרמע פון קנעכטשאַפט איז די פאַרשקלאַפונג פון פרעמדע שבטים, פון פיינט־לעכע שטאַמען.

קנעכטשאַפט איז דער קניפּל, ווו עס פלעכט זיך איבער די פערזענלעכע פאַרשקלאַפונג מיט דער שבטימשער.

אין קנעכטשאַפט טרעט אַרויס דער אָרגאַניזאַטאָר אַלס אַ פאָרשטייער פון איין שבט און דער אָרגאַניזירט־געוואָרענער אַלס אַ מיטגליד פון אַן אַנדער שטאַם.

שקלאַפטום איז אַן אינסטיטוציע, וואָס דערפירט, ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט, דעם אָרגאַניזירט־געוואָרענעם צו נול, ניט נאָר דעם יחיד, נאָר אַ גאַנצן שטאַם.

ביז שקלאַפעריי איז איינגעפירט געוואָרן האָט מען פּראַקטיצירט די פיזיאָלאָגישע אויסראָטונג. מען האָט פּשוט אויסגעהרגעט אַלעמען, אַלע באַזיגט. מיט קנעכטשאַפט פירט זיך איין אַ נייער מאָדוס: די סאָציאָלאָגישע אויסראָטונג. כל־זמן אַלץ האָט זיך צעמענטירט אויף ביאָלאָגיע, אויף קרובהשאַפט, איז די פאַר־ניכטונג פון איין שטאַם דורך אַן אַנדערן געווען אַ ביאָלאָגישע: „פאַרניכט אַלע־מען ביזן לעצטן"!, „לאָז ניט איבער קיין שריד ופליט!", קיין איין לעבעדיקער נפש זאָל ניט איבערבלייבן!" — דאָס זענען אָנזאָגונגען צו קריגערישע שבטים. ביאָלאָגיע ווייסט מער ניט ווי צוויי פאַלן: אָדער לעבן אָדער טויט, קיין דריטער צווישן איז ניטאָ. ניט לעבעדיק און ניט טויט — קען ניט זיין.

און מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס אין יענער פעריאָדע זענען די קאָדעקסן פול מיט טויט־פּסקים. פאַר יעדער נאַרישקייט־עבירה איז מען חייב־מיתה.

קנעכטשאַפט, דאָס איז דער ערשטער אַרויסשטראַל פון ריינע סאָציאָלע

דערשיינונגען. מענטשן האָבן זיך פאַרבונדן. ווי? דורך קרובהשאַפט, בלוט־פאַר־וואַנדשאַפט! אַ קנעכט איז אַ פרעמדער. און די באַציִונגען זענען סאָציאַלע. דאָס איז דער ווילדער חידוש.

די האַרן און קנעכט געהערן צו פאַרשיידענע שטאַמען, פירערשטאַמען און שטאַמען־געפירטע. דאָ ציַיגט זיך אַ מין סאָציאַלע אַרבעטצעטיילונג. די אָרגאַ־ניזירנדיקע ראָלע פאַלט אויס אויפן גורל פון אַ באַשטימטן שבט. אַט־דער פּו־נאַנדערפאַל, ווי מאָדנע דאָס זאָל היינטיקע ציַיטן ניט אויסזען, האָט געשטופּט פאָרויס. אַט־די צעשפּאַלטונג האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ היסטאָריש גרויסן פּראָגרעסיוון פּראָצעס.

די אָנפאַלן אויף אַריסטאָטעלן פאַר זיין באַרעכטיקן קנעכטשאַפט ווייזן, אַז די אָנגרייפער האָבן ניט פאַרמאָגט קיין היסטאָרישן חוש. שקלאַפטום איז יענער ציַיט איז געווען אַ פּראָגרעסיווער איינשטעל, דאָס איז געווען דער פונ־דאַמענט־אַוועקלייג פון סאָציאָלאָגיע. מלחמות האָט מען מער שוין ניט געפירט מיטן מיין צו פאַרניכטן, אָפּווישן פון געזיכט פון דער ערד דעם צווייטן שבט, נאָר מיט דער כוונה אים צו פאַרשקלאַפן, אומברענגען אין אַ סאָציאַלן זינען, צערייסן דעם צוזאַמענבונד פון די מיטגלידער פון דעם באַזיגטן שבט. און פאַר־שטייט זיך, אַז דער אַריבערגאַנג פון ביאָלאָגישן טויט צום סאָציאָלאָגישן שטעלט פאַר מיט זיך אַ גרויסן הומאַנישן טריט פאָרויס. פון „טויט" איז געבוירן געוואָרן קנעכטשאַפט.

אַלע איבערגאַנגען און אויפהייבונגען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן שפּעטער, זענען געווען שוואַכער און פון פיל קלענערער חשיבות. ווייל ווייטער איז געלעגן דער אָפענער־גראַדער וועג פון אַנטוויקלונג, דאָ איז אָבער פאַר־געקומען אַ שאַפנדיקער שפּרונג, פון נול איז אַרויס די סאָציאָלאָגישע צאָל.

שקלאַפטום איז די מוסטערהאַפטע, קלאַסישע פאָרמע פון קהל־לעבן. פון קנעכטשאַפט ביז צו זעלבסטאָרגאַניזאַציע מאַכט אַדורך די געזעלשאַפט־סטרוק־טור מער ניט ווי ענדערונגען און שינויים.

די אַקטיווקייט, זעלבסטוּקייט פון קנעכט, ווען זי האָט זיך גענומען אַרויסווייזן, איז באַשטאַנען אין פונאַנדעררייסן דעם איבערגעוואַלטיקן צובונד, אין פאַרזוכן צו רוּינירן און איינברעכן די קנעכטשאַפט־געביידע, דעם בית־עבדים.

די סאָציאַלע אַקטיוויטעט פון די קנעכט זענען די שטענדיקע בונטן, אויפ־שטאַנדן און אַנטלויפערייען פון זייערע האַרן. אַ געראָטענע אַנטרינונג האָט אינגאַנצן ליקווידירט, אַנולירט, הגם נאָר אינדיווידועל און גאָר אַמאָל בלויז ציַיטווייליק, — די אַלטע לאַגע. די בונטן און מרידות זענען לכתחילה פאָרגעקו־מען אינסטינקטיוו, סטיכיש, מעשה־פּייעראַויסברוך, אָבער אין פּראָצעס פון פונאַנדערוואַקס האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַלץ מער עלעמענטן פון אינעווייניקסטער זעלבסטאָרגאַניזירטקייט. אמת, די בונטן האָבן ניט אַלעמאָל געהאַט אַלס זייער ציל די ליקווידירונג פון דער גאַנצער אינסטיטוציע פון קנעכטשאַפט, זיי האָבן אָפט פאַרפאָלגט אויסבעסערונגען און הנחות. אָבער זיי זענען אַלעמאָל געווען אַ חדר פאַר די קנעכט. דאָ האָבן זיי זיך געלערנט צו ווערן מיט מענטשן צו־גלייך. אַ בונט גייט אָן אַלץ מער דערפאַלגרייך, וואָס מער איבערגעטראַכטקייט,

פּלאַנמעסיקייט און אויסהאַלט מען לייגט אין אים אַריין. אַ בונט, אַפּילו זיין מינימאַלער איינגעב, פאַרלאַנגט אַ צוזאַמענרייד, אַן אָפּרייד מכּוח דער צייט פון אָנהייבן, מכּוח דעם אָרט, מכּוח דעם, וואָס מען זאָל טאָן און וואָס מען זאָל ניט־טאָן. דאָ צייגט זיך אַרויס אַן עמבריאָנאַלע זעלבסטאָרגאַניזירטקייט, דאָ שפּראָצט אַרויס, הגם אַביסל אָן אַ זייט און צו נעגאַטיוו, אַ מין זעלבסטאָרגאַניזירטקייט פון די „אָרגאַניזירט־געוואָרענע". די קנעכט אַליין, אַלס אַזוינע, טרעטן אַריין אין געוויסע באַציִונגען צווישן זיך, זיי טרעטן צו, אין אַ געוויסן פּרט, צו זעלבסטאָרגאַניזאַציע.

דער אָרגאַניזירט־געוואָרענער הערט אויף צו זיין לגמרי פּאַסיוו, ער ווערט אַקטיוו. און אויב מען דערלאָזט אים ניט צו באַטייליקן זיך אין דעם פּראָצעס פון אָרגאַניזירן דאָס צוזאַמענלעבן, נעמט ער און שאַפט אַן אָרגאַניזאַציע, בכדי צו באַקעמפן די שטערונגען. אָבער שאַפנדיק אַן אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער כוונה עס זאָל ניט זיין, לערנט ער זיך אויס צו באַנוצן זיך מיט דעם געווער, ער געוויינט זיך צו ווי צו באַגיין זיך מיט דעם סאָציאַלן אַפּאַראַט. און אַזוי ווי דער חברהשער אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט איז, אין אַ געוויסן פּרט, דער זעלביקער, ווערט פּאַר אים צוגענגלעך, ממילא, דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט, און ער, דער קנעכט, נעמט זיך פּרובירן צו באַהערשן די „סאָציאַלע כּלים".

און נאָר דעמאָלט, ווען די קנעכט האָבן אָנגעפאַנגען „אָרגאַניזירן" זייערע מרידות און בונטן, ווען דער סאָציאַלאָגישער מאַטעריאַל האָט גענומען ביסלעכ־ווייז זיך פאַרוואַנדלען אין אַ סאָציאַלאָגישן „טוער", איז געוואָרן אַ סאָציאַלער אַקטיווער פאַקטאָר, — נאָר דעמאָלט איז דער בנין פון שקלאַפטום איינגעפאַלן, ער האָט זיך מער ניט געקענט האַלטן.

אַ קנעכט, וואָס דאַרשט נאָך פרייהייט — איז מער קיין קנעכט ניט, גילט אַ ווערטל. נאָר דאָס איז ניט פּינקטלעך. עס איז ווייניק צו האָבן אַ דורשט, אַ פאַרלאַנג, מען דאַרף זיך קענען אַליין אָרגאַניזירן, ווערן אַ סאָציאַלער עפּעס אָן הילף פון דרויסן.

ווען די שקלאַפן, אַלס אַזוינע, האָבן זיך גענומען פאַרייניקן, ניט אויפן באָדן פון בלוט־קרובהשאַפט, נאָר אויף אַ סאָציאַלאָגישן באַזיס, אויפן גרונט פון זייער צרהדיקן מצב, אויפן יסוד פון דער זעלביקייט פון זייערע לעבנס־באַדינגונגען, — דעמאָלט האָט געשלאָגן צוועלף אַזייגער אויפן טורעם פון חברהשן לעבן, און שקלאַפטום האָט אָנגעוווירן זיין סאָציאַלאָגישן פונדאַמענט און רעכט אויף עקזיסטענץ.

די סאָציאַלאָגיע האָט אַריבערגעוואַקסן שקלאַפעריי, זי האָט באַוויזן, אין דעם זעלבסטאָרגאַניזירנדיקן כּוח פון די קנעכט, אַז זי קען זיך באַגיין אָן דער אינסטיטוציע פון קנעכטשאַפט.

אַ שקלאַף, ווען ער ווערט אַ סאָציאַל־אַקטיווער עלעמענט, הערט ער, ממילא, אויף צו זיין אַ קנעכט.

שקלאַפטום האָט ווייטער שוין ניט געקענט עקזיסטירן, מחמת די קנעכט זע־נען געוווען צו „באַוווסטזיניק", צו קלוג, צו „אָרגאַניזירט" — און פאַנשטשיזנע באַ־וויזט זיך אויף דער אַרענע. לייבאייגנטום פאַרנעמט דעם אָרט פון קנעכטשאַפט.

ג.

לייבאייגנטום (פּאַנשטשיזנע)

נאָך קנעכטשאַפט גייט לייבאייגנטום. אַ טיפער איבערגאַנג, טיפע חילוקים, ליגן אין דער ווירטשאַפט און אין די פּאַרוואַלטונגספאָרמען. לייבאייגנטום — איז אַ פאַרווייכטע פאָרמע פון צוגעבונדנקייט. פאַרן פעריאָד פון שקלאַפטום איז דאָס „סאָציאַלע" אַריינגעוואַקסן אין דער ערד, איינגעפונדעוועט זיך, און עס איז אויסגעוואַקסן אַ סאָציאָלאָגיע אַן אייגענע, ניט קיין פרעמדע, ווייל די פרעמדע עלעמענטן האָבן זיך פאַרקרובהט. אָנשטאָט אַ פרעמדן שטאַם האָבן מיר דאָ מער ניט ווי אַ פרעמדן שטאַנד; אָנשטאָט אַן אַנדער שפּראַך — אַן אַנדער דיאַלעקט. קנעכט זענען געווען פרעמדע, לייבאייגענע זענען אָבער געווען כמעט ווי אייגענע. דאָס „פרעמדע" אין ביאָלאָגישן פּשט — ראַסע, שבט — איז שוין ניט נויטיק, אָנשטאָט אים האָבן מיר „דאָס פרעמדע" אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן זינען.

די ראָלע פון אָרגאַניזירנדיקן איז פאַרוויקלט געוואָרן, עס פאָדערן זיך ספּעציעלע באַגאַבטקייטן, וועלכע זענען ניט פונאַנדערגעטיילט אין אַ גלייכער מאָס צווישן אַלע מיטגלידער פון געגעבענעם שטאַם.

די ראָלע פון אָרגאַניזירער לייגט אַרויף גרויסע התחייבותן און קודם־כל, בעט זיך דאָס שאַפן פון אַ שטאַרקן צוזאַמענפאָרן, אַ פּלאַנמעסיקע צוזאַמענבינדונג פון אַלע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזירנדיקער גרופּע. נאָך מער ווי דאָס: בונטן, מרידות פאָדערן מען זאָל זיי אונטערדריקן און איינשטילן; בונטן פאָדערן אויך אַ באַוואָרענונג קעגן זיי. דאָס אַלץ פאַרלאַנגט אַן אַפּאַראַט. אַן אַפּאַראַט פאָדערט צופּאַסונגען, שיקט פאָרויס געוויסע פעיִקייטן. אינעווייניק, אין שטאַם, נעמען צייטיק ווערן ערנסטע דיפערענציאַציעס, עס שאַפט זיך אַ „הויך" און „נידער". און דער „נידער", וואָס נידעריקער ער לאָזט זיך אַראָפּ, אַלץ נענטער און אַלץ מיט אַ גרעסערער צאָל פינטלעך רירט ער זיך אָן מיטן „דעק" פון געזעלשאַפט, מיטן פרעמדן עלעמענט. ווייטער: פון פרעמדן עלעמענט נעמען זיך אַרויסטיילן „אַרויפקומער", באַזונדערס באַגאַבטע יחידים, וועלכע האָבן, אונטער גינסטיקע אומשטענדן, אויפגעטרייסלט דעם עקזיסטירנדיקן סדר און האָבן געשטעלט זיין קיום אין סכנה. לעבנסקלוגשאַפט האָט פאַרלאַנגט, אויב דאָס האָט זיך ניט געטאָן אומבאַוווסטזיניק, אַז מען זאָל די עלעמענטן „אָפּזייען", אַרויסטיילן, באַשענקען זיי מיט באַזונדערע זכיות, — שאַפנדיק בזה האופן אַ פונאַנדערטייל צווישן דעם פרעמדן עלעמענט — אָדער אינגאַנצן אָפּלאָזן זיי פריי. אַלע ווייסן פון געשיכטלעכע פאַלן, ווען קנעכט זענען צוליב געוויסע פאַרדינסטן, באַפרייט געוואָרן, האָבן געקראָגן אַ „שטר־שחרור". אויף אַזאַ שטייגער איז באַשאַפן געוואָרן אַ צווישנוואַנט, וואָס איז געלעגן צווישן דער קנעכטקערפערשאַפט און די פרייע עלעמענטן, עס איז אויפגעקומען אַ טיפּ פון אַ „פריי־אָפּגעלאָזע־

נעם". די צוויי דיפערענציאַציעס, דער שפּאַלט אין דער קנעכטקערפּערשאַפט, און דער פונאַנדערפאַל פון דער פירערגעזעלשאַפט, האָבן זיך גענומען אָנרירן סאָציאָלאָגיש, עקאָנאָמיש, און זיך צוזאַמענגיסן ביאָלאָגיש, דורך געמישטע חתונות. נאָכן דורכגיין אַ געוויסן היסטאָרישן פּעריאָד, נאָכן דורכלעבן אַ גאַנצער רייע טיפע היסטאָרישע איבערטרייסלונגען — האָט זיך באַקומען לסוף לייבאייגנטום.

אַ לייבאייגענער איז שוין ניט קיין פרעמדער, נאָר אַן אייגענער. די פרעמד־קייט ליגט דאָ אין דעם שיכט, אָבער ניט אין שטאַם. און בכלל האָט זיך סאָ־ציאָלאָגיע שוין באַפרייט פון ביאָלאָגיע, פון קרובהשאַפט, פון בלוט.

ווייטער: אַ לייבאייגענער איז ניט קיין קעגנשטאַנד, אַ לייבאייגענער איז באמת שוין אַן „אָרגאַניזירט־געוואָרענער". דער גוטבאַזיצער, דער פּריץ, סעי־ניאָר — זיי זענען זיינע אָרגאַניזירער. אַ לייבאייגענער, אַלס אָרגאַניזירט־געוואָ־רענער, שטעלט ניט פאָר מיט זיך קיין פּאַסיוון עלעמענט, ער איז אַקטיוו אַפילו אַלס מיטגליד פון קהילה־לעבן, ער פירט־אויס אַ געוויסע שורה טועכצן, פונק־ציעס, — וועלכע האָבן אין דער זעלביקער צייט הן אַ פּריוואַטן, הן אַ חברהש־קאָלעקטיוון באַדייט, — כמעט ווי זעלבסטשטענדיק.

מער ניט וואָס זיין חלק אין ציבור־לעבן, אין אָרגאַניזאַציע, אין שאַפן די לעבנסבאַדינגונגען און פאַרמעס, איז אַ העכסט מינימאַלער, קרוב צו נול.

די זאַך איז אַזוי: אַ קנעכט האָט גאַרניט אונטערגענומען זעלבסטשטענדיק, אַלץ האָט זיך געטאָן אונטער אַ שטאַרקער השגחה און שמירה און אָנפּיר. אַלע זיינע אַקטן, בזה־האופן, האָבן ניט געהערט צו אים. זיין אַרבעט און האָרע־וואַניע האָט אויך ניט באַלאַנגט צו אים.

ביי לייבאייגנטום איז גאָר אַן אַנדער לאַגע. דער לייבאייגענער איז זעלבסט־טעטיק, אַפילו זעלבסטשטענדיק, נאָר אין דער אָרגאַניזירונג פון דער סאָציאַלער אינסטיטוציע פון לייבאייגנטום האָט ער ניט קיין דירעקטע אָנטיילנעמונג, נאָר אַן אומדירעקטע. אָבער אַ גרויסן טייל פון אַרבעט און אונטערנעמונג פירט ער דורך אויפן אייגענעם חשבון און אייגענער אַחריות. ער איז צוגעקניפּט צו דער ערד, ער איז אַ מחובר לקרקע. ער האָט אַ געוויסע ספערע פון פאַרפליכטונגען, אָבער ער אַליין, צו אַ געוויסער מדרגה, איז פריי. אמת, מען קען אים פאַרקויפן, אָבער נאָר מיטן לאַנד, דעמאָלט ווערט ער צוגעלייגט אַלס אַ צוגאָב, אַלס אַ זאַך, וואָס געהערט צום באָדן און גייט אַריבער פון האַנט צו האַנט אַלס אַ טייל פון פאַרמעגן.

אַ לייבאייגענער איז ניט קיין זאַך, קיין געצייג, קיין „בהמה", ער איז דער סאַמע נידעריקסטער שטאַפּל פון מענטשן, דערצו נאָך ניט פון אַ פרעמדן מענטשן.

שקלאַפטום איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פּראָבלעם פון אויסערלעכער פּאָליטיק, לייבאייגנטום טראָגט אונדז אינגאַנצן אַריבער אויפן קרקע פון אינערלעכער פּאָליטיק, פּאָליטיק, וואָס ווערט געפירט אינעווייניק, אין דעם אָרגאַניזם פון דער געזעלשאַפט.

פאַר דער דאָזיקער צייט איז דער חברה־אָרגאַניזם אין אַ גענוגנדיקער מאָס אויסגעוואַקסן, איבערגעלעבט פאַרוויקלונגען. אין אים זענען פאַרגעקומען טי־

פע דיפערענציאַציעס. ער איז גרעסער געוואָרן אין היקף, אין אָרגאַניזאַציע. ער רופט אַרויס צו דער איבערפלאַך אינעווייניקסטע אָרגאַניזאַציע־פּראָבלעמען. ער צעשפּאַלט זיך אויף צווייען, אויף אָרגאַניזירער און אָרגאַניזירט־געוואָרענע.

און די אויסערלעכע פּאָליטיק נאָכן פעריאָד פון שקלאַפטום פליסט זיך איבער אַ באַזונדערן טייך־בעט. און די ראָלע פון די פעלקער, שטאַמען, בתורת אָרגאַניזירער, לעבט איבער, פאַר זיך, אַ גאַנצע שורה שינויים און אַפּווייכונגען.

דער באַזונדערער שטריך פון לייבאייגנטום איז די צוזאַמענגעגאָסנקייט פון עקאָנאָמיק און פּאָליטיק; אַזוי ווי קנעכטשאַפט אַנטהאַלט זי אין זיך צוויי עלע־מענטן, וועלכע האָבן נאָך קיין צייט ניט געהאַט זיך פונאַנדערצוגיין. עס איז אַ בוימשטאַם, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אָפּצוצווייגן.

אין פעריאָד פון שקלאַפטום איז אויך די אויסערלעכע פּאָליטיק, די באַ־צװינגען פון הערשנדיקן שבט צו אַנדערע שבטים, געווען פאַרטרונקען, אַזוי זיך אויסצודריקן, אין עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, אויף אַזויפיל זענען די צוויי תחומים געווען אומאָפּטיילבאַר.

ביי לייבאייגנטום פאַלט די עקאָנאָמיק צוזאַמען מיט דער פּאָליטיק, אָבער נאָר פון אינעווייניק, אין אינעווייניקסטן לעבן פון דעם געגעבענעם פאָלק. די אויסערלעכע פּאָליטיק האָט זיך שוין אָפּגעשיידט, אַרויסגעטיילט, און געוואָרן, ביז צו אַ געוויסער מדרגה, אַ זאַך פאַר זיך. אין די באַצװונגען צווישן איין שטאַם מיטן צווייטן, פון איין פאָלק צום צווייטן דרינגט ניט אַריין די לייבאייגנטום־אינסטיטוציע. מיט אַנדערע ווערטער: לייבאייגנטום, איז אַפּווייך פון שקלאַפטום, איז ניט קיין צווישנשטאַמען־, צווישנפעלקער־אַנשטאַלט, עס איז אַן אינעוויי־ניקסטע זאַך.

מיטן אָפּשטאַרב פון קנעכטשאַפט טיילט זיך אָפּ די אויסנפּאָליטיק פון דער עקאָנאָמיק, מיטן אַוועקגיין פון לייבאייגנטום שיידט זיך אָפּ אויך די אינעוויי־ניק־פּאָליטיק, טיילט זיך אָפּ און ווערט כמעט ווי זעלבסטשטענדיק, אין אַ געוויסן פּרט.

ד.

אונטערטאַנשאַפט

נאָך לייבאייגנטום נעמט זיך אַרויסריסעווען אונטערטאַנשאַפט. אויף דער אַרענע טרעט אַרויס דער אונטערטאַן. אַן אונטערטאַן איז אַ פּאָליטישער פּאַסיוו. אַן אונטערטאַן איז אָבער לגמרי ניט קיין עקאָנאָמישע השגה. די עקאָנאָמיק האָבן מיר פאַרלאָזן ביי לייבאייגנטום. פּאָליטיק האָט זיך שוין אָפּגעטיילט, געוואָרן אויטאָנאָמיש אַפילו פון אינעווייניק. דאָס לעבן פון דעם אָרגאַניזירט־געוואָרע־נעם שעפּט זיך ניט אויס מיט אונטערטאַנשאַפט אַליין, זי באַשטימט זיין אָרגאַ־ניזירט־געוואָרנקייט בלויז פון דער פּאָליטישער זייט.

אַן אונטערטאַן איז אַן אַרויפקלעטער אויפן לייטער פון ציבור־לעבן, אַ

גרויסער רוק אין פּרט פון אַקטיוויטעט, אויב מען האַלט אין קאָפּ דעם ראשית־דיקן פּינטל — קנעכטשאַפט.

אַן אונטערטאַן איז אַ קנעכט, אָבער נאָר אַ פּאָליטישער, אַ ריין פּאָליטישער אויף אַ מלוכהשן מאַסשטאַב, און אַפילו דאָ איז ער מער ווי אַ קנעכט, ווייל זיין פּאַסיוויטעט, זיין ניט־טיילנעמען אין אָרגאַניזאַציע קען פאַרגליכן ווערן צו דער פּאַסיווקייט פון אַ לייבאייגענעם; זיינע מעשים, זיינע אַקטן, זענען פּאַרט פריי, זעלבסטשטענדיק, הגם אין אַ זייער באַגרענעצטער באַדייטונג. אַ חוץ דעם איז פאַראַן אַ גאַנצע שרענגע טועכצן, וועלכע ליגן אויסערהאַלב דער ספּערע פון מלוכה־איינפלוס, עס איז דאָ אַ גרויסער קויק פון פריוואַטן לעבן, פּריוואַטע ווירטשאַפט, — אַדאַנק דעם שפּאַלט, וואָס גאַפּט צווישן עקאָנאָמיק און פּאָליטיק — איבער וועלכע די מלוכה האָט ניט קיין דירעקטע שליטה. ווייטער: אַן אונטערטאַן קען זיך באַטייליקן אין אַ געוויסער מאָס אין דער אָרגאַניזירונג פון זיין ציבור־לעבן, אויף וויפל דאָס איז נוגע זיין קהילה, זיין ענגן קרייזל. וואָס איז שייך דער אַלגעמיינשטאַטלעכער אָרגאַניזאַציע, די איינאָרדענונג פון אַלגעמיינער פאַרוואַלטונג, די לייטונג פון זיין פאָטערלאַנד — דאָ איז ער פּאַסיוו. אַן אונטערטאַן האָט דאָ ניט קיין דעה צו זאָגן, באַטייליקט זיך אין דעם ניט. זיין טיילנעמען דרינגט דאָ אפשר אריין דורך אַן אַרום־וועג, אומדירעקט, דורך זיין אַרבעט, געזעלשאַפטלעכקייט, כאַראַקטער, און אַנדערע מעלות אָדער חסרונות זיינע.

אין פאַרגלייך מיט קנעכטשאַפט איז אונטערטאַנשאַפט אַ גרויסע דעראָבערונג מצד דעם אָרגאַניזירט־געוואָרענעם. נעמענדיק אָבער אין באַטראַכט אונדזערע פאַרלאַנגען און פאָדערונגען און באַגריפן מכוח זעלבסטעטיקייט, איז עס אַן אומגעהייער טיפער אָפּגרונט פון פּאַסיווקייט. אַן אונטערטאַן — קוים וואָס ער זשיפּעט אין סאָציאַלאָגישן זינען.

זיין עקאָנאָמישע בחינה אַלס אָרגאַניזירט־געוואָרענער ווערט באַשטימט און באַצייכנט מיט אַן אַנדער וואָרט: געדונגען. אָבער די צוויי צושטאַנדן פאַלן ניט אַלעמאָל צוזאַמען אין איין פּערזאָן. אַמאָל יאָ, אַמאָל ניט.

אַן אונטערטאַן שטעלט פאָר מיט זיך אַ גרויסן שריט פאָרויס. קודם־כל איז די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע אַליין אויסגעוואַקסן קוואַנטיטאַטיוו, געוואָרן ברייטער און רייכער אין אַרומנעם. דער אַקט פון דער דיפערענציאַציע אַליין, דאָס אָפּטיילן זיך פון עקאָנאָמיק, זאָגט עדות וועגן איר וווקס און קראַפט. די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע כאַפּט איצטער אַרום דאָס גאַנצע לאַנד, און ניט אַ באַזונדערע געגנט, וועלכע געפינט זיך אין אַ שטענדיקער מלחמה, כסדרדיקער רייסעריי מיט די איבעריקע שכנישע געגנטן. די ברייטקייט, דער פאַרנעם, די רחבות, דער אַריינגעם פון עטלעכע באַזונדערע געגנטן טרייבט צום קאָמפּליצירן דעם אופן פון אָרגאַניזאַציע. מיטן פּרימיטיוון פּרימיטיוו איז שוין אָפּגעענדיקט. איצט ווערט געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע פון פּאָליטישן קהל־לעבן. מערער, די עקאָנאָמיק איז שוין איצטער אויך אַן אַנדערע, ניט קיין פאַרגלייך צו די פּרימיטיווע פאַרמעס. זי האָט זיך פאַרוויקלט, זי איז אויסגעוואַקסן. נייע מעטאָדן זענען אַריינגעפירט געוואָרן. און פּאָליטיק איז אַ דיסציפּלין, וואָס שטייט העכער פון איר, גיט אַכטונג אויף איר, און רעגולירט

זי, די עקאָנאָמיק, הגם אין אַ באַגרענעצטער מאָס. עס באַווייזן זיך זייער קאָמפּ־ליצירטע, פאַרהעלטנישמעסיק, פאַרוואַלטונגסאַפּאַראַטן. עס באַהויפּט זיך די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַלע מלוכה.

„דאָס סאָציאָלאָגישע״ איז אויסגעוואַקסן אויף אַזויפיל, אַז עס נעמט שוין אַרום אַ גאַנצע נאַציע אַלס אַ פּאָליטישן איינס, און ניט נאָר איין נאַציע, עטלעכע נאַציעס אָדער פעלקער, אונטערוואַרפנדיק „דאָס אַנטראָפּאָלאָגישע״ אונטער דעם פּאָליטישן מאָמענט, דעם סאָציאַלן, מדינהשן. דאָ איז אַן אָפּזאָג און אָפּלייקן ניט נאָר פון שטאָם, משפחה, קרובהשאַפט, נאָר אַן אָפּריס פון ראַסע, פאָלקסטום, אַ וויכטיקער טריט פאָרויס איז געמאַכט געוואָרן.

ה.

בירגערטום און געדונגענשאַפט

דער וואָגן פון דער געשיכטע רוקט זיך. עס גייט אַן אַ קאַמף פאַרן באַטייליקן זיך וואָס מער און מער אין דער אָרגאַניזירונגסאַרבעט פון דער געזעלשאַפט. נאָך מער: די אומבאַטייליקונג נעמט אַרום מער ניט ווי אַ באַשטימטע גרופּע, וועלכע זונדערט זיך אָפּ פון דער זיך־באַטייליקנדיקער גרופּע נאָר עקאָנאָמיש און ניט אַנטראָפּאָלאָגיש, ווי דער פאַל איז געווען בשעת דעם פּעריאָד פון שקלאַפנטום.

די געשיכטע חזרט זיך איבער, עס הייבן זיך אָן מרידות. צום אָנהייב טראָגן זיי אַן עמאָציאָנעלן כאַראַקטער. אָבער וואָס ווייטער, אַלץ טיפער און פּלאַנמעסיקער און באַוווסטזיינרייכער ווערן די אויפשטאַנדן. דאָ ווייזט זיך ווייטער אַרויס די אָרגאַניזירנדיקע האַנט פון אַ מינדערהייט, וועלכע טיילט זיך ניט אָפּ לכתחילה מערקעוודיק פון דער מאַסע פון די אָרגאַניזירט־געוואָרענע; די פּאַסיווע מענטשן נעמען אַרויסצייגן זייער אַקטיוויטעט, שאַפן אַפּאַראַטן צום אַרויסווייז פון זייער פּאָליטישן ווילן — עס אַנטשטייען, עס קומען־אויף פּאַר־טייען. און די אונטערטאַנען, אַן איניציאַטיווער מיעוט זייערער, ווערנדיק אַן אַקטיווער כוח, אויסלערנענדיק זיך אָנצוגיין מיט זעלבסטפאַרוואַלטונג, הערן פּאַקטיש אויף צו זיין אונטערטאַנען, „אונטערטעניק״, אַ וואָרט, וואָס דריקט אויס פּאַסיווקייט. לכתחילה בונטן, אויפשטאַנדן, און דערנאָך קומען פאַר איבער־קערענישן. אַ רעוואָלוציע איז אייגנטלעך אַ געראָטענער בונט, אַ מרידה, וועלכע גיט זיך איין.

עס טרעטן אַרויס די ברייטע מאַסן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַן ענערגעטישן מיעוט. זיי לערנען זיך אויס צו באַהערשן און אויסנוצן דעם זיג. זיי טרעטן אַרויס אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זייערע אייגענע, מיט אייגענעם אָנשטרענג געשאַפענע, אָרגאַניזאַציעס. אַזוי זעט עס אויס. ווייל דער נייער אָרגאַניזירנדיקער מיעוט איז ניט אָפּגעטיילט פון דער מאַסע, פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

דאָס פאַראַנען־זיין פון די „אייגענע" אָרגאַניזאַציעס באַוויזט באַשיינפּער־לעך, אַז זיי, די מאַסן, קען מען שוין מער ניט האַלטן פון דער וויטנס פון „גע־זעלשאַפטלעכן לעבן", אַז מען קען זיי ניט מער באַזייטיקן פון באַטייליקונג, אין דער אָדער יענער פאָרמע, אין פאַרוואַלטונג, אין רעגולירן דאָס ציבור־לעבן.

דורכן אַקט פון שאַפן זייערע פאַרבאַנדן, קלובן, פאַריינען, פּאַרטייען, אָרגאַ־ניזאַציעס, דעמאָנסטרירן זיי — אַדאַנק אַן איניציאַטיוון מיעוט, וועלכער אידענ־טיפיצירט זיך לעת־עתה מיט זיי — זייער פּאָליטישע רייפקייט און שטעלן אַרויס בולט זייער באַדייט פאַרן אַלגעמיינעם קהל־לעבן. ניט־ווילנדיק ווערן זיי אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר פון געזעלשאַפטלעכקייט. תחלת האָט זייער ווירקזאַמקייט און השפּעה אויפן חברהשן לעבן אַן אומדירעקטן און נעגאַטיוון כאַראַקטער. זיי צווינגען די „באַלעבאַטים" פון דער געזעלשאַפט אַנצונעמען מיטלען קעגן זיי, דעם צוואַנג איבן זיי אויס דורכן הוילן אַקט פון זייער עקזיסטענץ. נאָר דאָ נע־מען זיי, די מאַסן, — מיט וועלכע עס פירט אָן אַן ענערגעטישער מיעוט, וועל־כער איז דערווייל אַ „רואה ואינו נראה" — אַרויסגייען פון זייער פּאַסיוון מצב. זיי הייבן אָן צו שרייבן געשיכטע, הגם נאָך ניט בחיוב, נאָר בשלילה. דורך זייערע קעגנער לייגן זיי, די מאַסן, אַרויף זייער שווערע האַנט אויף די געשעע־נישן. רדיפות, פאַרפאָלגונגען, ענדערונגען אין דער אָרגאַניזאַציע פון לאַנד, דאָס אַלץ ווערט אונטערגענומען מיט דער כוונה אויסצוראָטן און איינצוטאַמעווען דעם „אינעווייניקסטן" שונא. אַ מעסט מיט די כוחות. אַ צוזאַמענקלאַפּ פוןביידע צדדים. די מאַסן כאַפּן מפּלות, ביז, לסוף, זיי וואַקסן אויס צו אַן אומבאַזיגטער מאַכט אַדאַנק דעם אומשטאַנד, וואָס אין זייערע רייען געפינט זיך אומבאַמערק־טערהייט און נעמט זיך אויסקריסטאַליזירן אַן אָנפירנדיקער מיעוט, וועלכער איז לכתחילה אידענטיש מיט דער מאַסע. זיי לערנען זיך אויס גוט צו אָרגאַניזירן, צוזאַמענשמידן זייערע רייען מיטן שטאָל־און־אייזן־פאַרלאַנג צו לעבן און אויפ־פירן זיך אומאָפּהענגיק. די אַלטע אָרגאַניזירנדיקע גרופּע טרעט אָפּ, גיט נאָך, איינזעענדיק, אַז די אָרגאַניזירט־געוואָרענע מאַסן ווייסן ווי זיך צו באַנוצן מיט דעם מאַגישן געצייג. וואָס איז דער כוח פון די אָרגאַניזירער? זייער קענען זיך באַגייען מיט דעם אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט. ווען אָבער די ביז־אַהער אָרגאַניזירט־געוואָרענע, אין די פערזאָנען פון אַן איניציאַטיווער מינדערהייט, וועלכע טיילט זיך ניט אָפּ פון דער אַלגעמיינער מערהייט, דערוויסן זיך דעם סוד און קריגן די מעגלעכקייט, צו אַ געוויסער מאָס, אַנצוווענדן דעם אַפּאַראַט, דעמאָלט נעמען די אָרגאַניזירער, איבערלעבנדיק מפּלות נאָך מפּלות און פּטרנדיק אַ סך כוחות אויפן רעסטאַווּרירן זייער געוועזענע לאַגע און גדולה, פרידן מאַכן מיט דער ניי־געשאַפענער לאַגע. זיי אָנערקענען דעם סאָציאַלן כוח פון די שלעכט־באַ־האַנדלטע אָרגאַניזירט־געוואָרענע מאַסן. און אַ נייע פאָרמאַציע בילדט זיך אויס. די נייע פאָרמאַציע איז אַן אַמאַלגאַם פון די געוועזענע אָרגאַניזירער און עלע־מענטן פון די אויפגעקומענע אָרגאַניזירער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעטיילט פון צווישן די מאַסן, און נעמען ווערן מערקעוודיק.

די אונטערטאַנען האָבן אָנגעפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן דער אַבסאָ־לוטער מאָנאַרכיע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף דעם שטאַנדן־פונדאַמענט־טייל.

זיי האָבן געזיגט און עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס בירגערטום. די אונטערטאַנען זענען געוואָרן בירגער.

אַ בירגער פאַרמאָגט אַ געוויסע סומע עפנטלעך רעכט. אַ בירגער איז אַ פּאָליטישער סוביעקט, אויב ניט קיין פולער, איז אַ טיילווייזער. בירגער־שאַפט איז דער העכערער שטאַפּל פון אונטערטאַנשאַפט. אַ בירגער באַטייליקט זיך דורך דעם וואַלסיסטעם אין דער חברהשער אָרגאַניזאַציע. אַ בירגער, ריכטיקער, די בירגער, דורך דער פאַרמיטלונג פון זייערע דעפּוטאַטן, דורך זייערע שטימען, האָבן אַ ווירקונג אויף דעם גאַנג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

פון פּאָליטישן נול, דעם קנעכט, ביזן פּאָליטישן איינס, דעם בירגער, איז אַ רעכטער היסטאָרישער מהלך. אַ בירגער איז אונטער קיינעם ניט אונטערגעוואָרפן, אויסער דעם געזעץ פון די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונגען, דעם פּאַרלאַמענט און, דורך דעם לעצטן באַשטימטע, אַדמיניסטראַטאָרן, דער עקזעקוטיווער מאַכט.

אַזוי אַרום קומט כמעט אויס, אַז דער בירגער איז צו קיינעם ניט משועבד נאָר צו זיך אַליין, ווייל אַרום־און־אַרום, דורך פאַרשיידענע פאַר־מיטלונגען, פאַרבינדט ער זיך מיטן געזעץ, וועלכן דער פּאַרלאַמענט פּראָק־לאַמירט: זיין דעפּוטאַט, אָדער זיינע דעפּוטאַטן, האָבן אַנטייל גענומען אין דער רעדאַקציע פון דעקרעט, אָדער אין דער וואָטירונג. ער, דער בירגער, האָט זיך באַטייליקט אין אָפּשטימונג פון איינעם פון דעם סך־הכל פּערזאָנען, פון וואָטום פון וועלכע עס איז אָפּגעהאַנגען דער גורל פון געזעץ־פּראָיעקט.

בזה־האופן פּאָלגט ער, דער בירגער, זיך אַליין, ווען ער איז רעפלעק־טירט אין דעם שפּיגל פון ים פון די וואַלן.

אַ בירגער שיקט פאָרויס אַ קאָנסטיטוציע, אַ באַגרענעצטע דורך גרונט־געזעצן, אַ מאָנאַרכיע, אָדער אַ רעפּובליק. די מדרגה פון דער באַגרענעצונג פון דער מאָנאַרכיע איז אַ פאַרשיידענע, און רעפּובליקן זענען אויך אַלע ניט גלייך. אָבער דאָס זענען אונטעראַרטן, וועגן וועלכן אונדז לוינט זיך ניט אָפּצושטעלן.

אונטער שקלאַפטום שפּילט די ראָלע פון אָרגאַניזאַטאָר דער פרעמדער שבט, דאָס פרעמדע פאָלק אין דער פּערזאָן פון זיינע זין — די קריגער, באַזיגער, איינגעמער. די ראָל פון אָרגאַניזאַטאָר איז דאָ אַ צווייפאַכיקע: הן אַן עקאָנאָ־מישע, הן אַ פּאָליטישע.

אונטער לייבאייגנטום שפּילט די ראָלע פון אָרגאַניזאַטאָר דער אייגענער שבט, אַ באַזונדער שטאַנד אין אים, וועלכער האָט באַוויזן זיך צו פאַרקרובן מיט די געוועזענע פרעמדע, וועלכע זענען געווען, אין אַ פּריערדיקן פּעריאָד, קנעכט. די ראָלע איז ווייטער אַ צווייאיקע, אי אַ פּאָליטישע, אי אַן עקאָנאָמישע. פון פּאָליטיק איז אָפּגעפאַלן מער ניט ווי איין טייל אירער, דער סאַמע ממשותדיקער, דער אויסנוויינקסטער טייל.

אַ לוינאַרבעטער באַטייליקט זיך פּריוויליק אין דער פּראָדוקציע, נאָר ער האָט ניט קיין חלק אין דעם פּראָצעס פון לייטונג פון דער אָפּטיילונג פון דערווירטשאַפט, אין וועלכער ער איז טעטיק אַלס פּשוטער אַרבעטער.

אַ לוינאַרבעטער איז צוגעגליכן צו אַן אונטערטאַן. ער אַרבעט. פון כמות

און איכות פון זיין הארעוואניע הענגט אפּ דער גאַנצער פּראָדוקטיווער פּראָצעס. אָבער צו דער אַלגעמיין רעגולירנדיקער ארבעט פון דער פּראָדוקציע האָט ער קיין צוטריט ניט. אָבער באמת גערעדט האָט אַ בירגער אויך ניט קיין שום חלק אין דער פּאַרוואַלטונג פון ציבור־לעבן. זיין גאַנצע באַטייליקונג איז רעדוצירט צום אויסקלייבן אַ פּערזאָן, וועלכע באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע פון חברה־לעבן. אַזוי אַרום באַשטייט זיין גאַנצע פרייהייט, זיין טיילנעמען מער ניט ווי אין זיין באַטייליקונג אין די וואַלן. אָבער די וואַלן האָבן אַ ווירקונג, אין אַ געוויסער מאָס, אויפן גאַנצן גאַנג פון פּאָליטישן לעבן. די וואַלן באַאיינפלוסן די אָרגאַניזאַציע פון געזעלשאַפט; די וואַלן ווייזן, וועלכע מאָסרעגלען, וועלכע געזעצן און פּאַראָרדענונגען האָבן אַ צושטים מצד די קלייבער. דאָס אַלץ, פּאַר־שטייט זיך, אין זייער אַ באַגרענעצטער מאָס.

ביים „אויסקלייב" פון קאַפּיטאַליסט, פון באַלעבאָס, איז דאָס ניט פּאַראַנען. דאָ איז דער „אויסקלייב" אַ פּריוואַטער אַקט, אַן אינדיווידועלע זאַך. דער אָפּ־שטעל אויף דעם אָדער יענעם ווערט באַשטימט דורכן צאָלן געהאַלט, וואַקאַנ־סיע, און בשום אופן ניט דורך דער אַלגעמיינער פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע פון דער געגעבענער אונטערנעמונג, אָדער פירמע. דאָ איז דער „אויסקלייב" פון פאַבריקאַנט, אַ פּערזאָן, וואָס וויל קויפן זיין אַרבעטסקראַפט, אייגנטלעך ניט קיין אויסדערוויל, נאָר אַ זוכעניש פון אַ קויפער, אַ בעלן אויף אַן אַרבעטער־האַנט. נאָך מער, וואָס דאָ, ווען ביידע צדדים קומען צו אַ הסכם, ריידן זיך צונויפ־מען, רירן זיי זייער זעלטן אָן פראַגן מכוח דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע...

אַזוי אַרום איז צו זען, אַז דער פּאָליטישער עלעמענט איז אַוועק פאָרויס, פּאַרוואַנדלענדיק זיין „אונטערטאַן" אין אַ „בירגער", בשעת דער עקאָנאָמישער טייל הינקט פון הינטן, און דער אַרבעטער אין דער פּראָדוקציע איז מער ניט, אַזוי צו זאָגן, ווי אַן אונטערטאַן.

בכלל איז פּאָליטיק נאָכן אָפּטיילן זיך אַוועק ווייטער פון עקאָנאָמיק, און ניט פאַרקערט, ווי עס מיינען אַנדערע. פּאָליטיק האָט געמאַכט די גרויסע אַנט־דעקונג, געשאַפן קנעכטשאַפט. אַט־דער פּאָליטישער אַקט האָט אומדירעקט אַרויסגערופן טיפע ענדערונגען אין דער ווירטשאַפט. נאָך שקלאַפטום האָט זיך די אויסערלעכע פּאָליטיק אָפּגעזונדערט און זי האָט זיך גלייך אַוועקגעשטעלט אויף אַן אַנדער יסוד. זי האָט אָנגענומען דעם מעטאָד פון פּאָדערן צינזן, מסים, האָט אָבער ניט איינגעפירט, אַלס צווישנפעלקער־אינסטיטוציע, לייבאייגנטום. די איינציקע, וואָס ווילן עס טאָן, זענען די נאַצים. זי, פּאָליטיק, איז געווען פּראָ־גרעסיווער. ווייטער־צו האָט די אינעווייניקסטע פּאָליטיק אַריבערגעיאָגט עקאָנאָ־מיק, ווי נאָר זיי האָבן זיך פונאַנדערגעשיידט. אין פּאָליטיק זענען מיר דערגאַנ־גען ביז בירגערטום, בשעת אין עקאָנאָמיק זענען מיר פאַרגליווערט געוואָרן אויף לוינאַרבעט, אויפן סאַלאַריאַט, וואָס גיט ניט דעם אַרבעטער קיין חלק און אָנטיילנעמונג אין פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע. דאָס הייסט אין פּאָליטיק האָבן מיר אַ דעמאָקראַטיע, בשעת אין עקאָנאָמיק האָבן מיר ניט אַזאַ אינסטיטוציע.

אין דער פּראָדוקציע הערשט דער אַבסאָלוטיזם, דעספּאָטיזם פון אָרגאַני־זאַטאָר. עקאָנאָמיק איז פון ביידע זייטן אָפּגעשטאַנען פון פּאָליטיק, סיי בנוגע

דער אַנטיילנעמונג פון דעם אַרבעטער אין אָרגאַניזאַציע־פּראָצעס, און סיי וואָס איז שייך דער אָרגאַניזאַציע אַליין, איר אַרומנעם, קאָמפּליצירטקייט, סטרוקטור. אין דער צייט ווען פּאָליטיק האָט זיך שוין געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון פּאַרייניקונג פון גאַנצע קאָלעקטיוון, אַ גאַנץ פאָלק, קאָנסטרוקטירנדיק אַ נאַציאָנאַלן אָדער נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט (אַ מלוכה מיט פרעמדפעלקערישע עלעמענטן), שטייט נאָך אַלץ די עקאָנאָמיק אויף דער שטופע פון „פירמעס״, האַנדלהייזער, דערמאָנענדיק מיטן לעצטן וואָרט דעם פעאָדאַליזם מיט זיינע „רעגירנדיקע הייזער״ פאַמיליעס, וועלכע זענען געווען „אויסגעלייגט״ איבער זייערע לאַנדגיטער. אַזוי אַרום זעען מיר קלאָר, אַז די עקאָנאָמיק איז אָפּגעשטאַנען, שלעפּט זיך נאָך דער פּאָליטיק. אָט־דאָס הינטערשטעליק בלייבן פון עקאָנאָמיק דערקלערט זיך דורך דעם, וואָס זי, די עקאָנאָמיק, איז עלטער און אורעלטער.

אַ סך האָבן זיך געלאָזט נאַרן אויפן חשבון פון דער עקאָנאָמיק, איר צופּלייסנדיקער הומאַניטעט.

די זאַך איז אָבער אַזוי: אירע מעטאָדן זענען מער מענטשלעכע. זיי זענען פּשוט טעכנישע, באַוווסטזיניקע, בשעת די מאַסנעמונגען, וועלכע ווערן אָנגעווענדט אין פּאָליטיק, זענען בייזערע. נאָכמער, וואָס די אויסערנפּאָליטיק דערלויבט זיך צו געברויכן עד־היום אַזעלכע באַרבאַרישע מיטלען, ווי דעם נאַקעטן פויסט, מלחמה, גראָבע, ווילדע פיזישע מאַכט. דערפאַר אָבער זענען די ווירטשאַפטפאָרמען רעאַקציאָנערע און גרעבערע איידער די פּאָליטישע פאָרמען.

דערצו דאַרף מען נאָך מוסיף זיין, אַז אויף דעם געביט פון פּאָליטיק ליגן די לעצטע אינסטיטוציעס פון איינווירקונג, פון רעגולירן די באַציִונגען, דער אויסגלייך פון קאָנפליקטן. אייגנטלעך דאָ ליגט דער דיסציפּלינאַרער טייל, די סאַנקציע, פון די קהלשע צוזאַמענפּאַרהעלטענישן.

דער לייבאייגענער ווערט האַלבירט און געבוירט אונדז צוויי טיפּן, איינעם אַן עקאָנאָמישן, דעם אַנדערן אַ פּאָליטישן.

פּאָליטיק איז צו יענער צייט שוין גענוג אויסגעוואָקסן, אַז זי זאָל קענען עקזיסטירן פאַר זיך, באַזונדער, און די עקאָנאָמיק האָט זיך קאָמפּליצירט און דער אָפּטייל ברענגט איר נוצן.

נאָכן לייבאייגענעם, נאָך זיין עקאָנאָמישן עלעמענט, גייט דער לוינאַרבעטער, דער פאַרדונגענער, דער פּראָלעטאַריער. נעמען האָט ער אַ סך, אָבער זיין מהות איז איינער, ער איז ניט פאַרבונדן יורידיש נאָר פאַקטיש, ער אַרבעט לויט אַן אָפּמאַך, אַ קאָנטראַקט, אַ צושטים. ער האָט זיך פאַרדונגען.

דאָס איז דער דריטער גלגול פון קנעכט. ער איז אַן אַרבעטער. מען קויפט אים, אָדער ער פאַרקויפט זיך אַליין. ער איז „פריי״, ווי ער וויל. וויל ער — פאַרקויפט ער זיך, וויל ער ניט — פאַרקויפט ער זיך ניט. יורידיש צווינגט אים קיינער ניט, ער זאָל עס מוזן טאָן. אַ פרייער מענטש אונטער אַ פרייען הימל... אַלס אָרגאַניזאַטאָר אין עקאָנאָמישן זינען טרעט אַרויס דער באַלעבאָס, דער „באָס״; זיין העכסטע פאָרמע, די קריסטאַליזירטע פאָרמע, איז דער קאַפּיטאַליסט.

זיין פּאָליטישער אָרגאַניזאַטאָר איז דער באַאַמטער, דער ביוראָקראַט. זיין העכסטע פאָרמע ביי אונטערטאַנשאַפט איז דער מאָנאַרך, קעניג; ביי בירגערטום

— דער פּרעזידענט. זיין אָרגאַניזאַטאָר איז אַן אויסדערוויילטער, אַן אויסגעקליבענער. ער אַליין, צו אַ געוויסער מדרגה, קלייבט זיך אויס זיין פּאָליטישן אָרגאַניזאַטאָר; און דאָס אייגענע בנוגע זיין עקאָנאָמישן אָרגאַניזאַטאָר; אמת, ער קלייבט אים ניט אויס, אָבער ער האָט דאָס פולע רעכט זיך אָפּצושטעלן ביי דעם אָדער יענעם באַלעבאָס. דאָ איז פאַראַן אַן אַקט פון איינשטימונג.

ביי וועמען ער וויל, ביי יענעם דינט ער, צו יענעם פּאַרדינגט ער זיך. דאָ איז אַן אָפּמאַך צווישן אים און זיין „האַר", וועלכער וויליקט איין אים צו נעמען און אַוועקשטעלן אויף דער אַרבעט, „אָרגאַניזירן" אים, אַריינפלעכטן אים אין דער פּראָדוקציעקייט.

ז.

זעלבסטאָרגאַניזאַציע

דער אָרגאַניזירט-געוואָרענער באַפרידיקט זיך מיט דעם ניט; ער פילט אַ צופלוס פון נייע פרישע כוחות, ער שפירט זיין גאַנצקייט, אינטעגריטעט. דער אָרגאַניזירט-געוואָרענער הייבט אָן זיין קאַמף פאַר אַ דירעקטער טיילנעמונג אַזוי ווי אין עקאָנאָמיק אַזוי אויך אין פּאָליטיק, אין זייערע אָרגאַניזאַציע-פּראָצעסן.

דער אָרגאַניזירט-געוואָרענער פילט זיין האַלבירטקייט, ער איז טיילוויז אַן אָרגאַניזירנדיקער, אָבער אין אים דאָמינירט נאָך אַלץ דער „אָרגאַניזירט-געוואָרענער", און ער וויל דערגרייכן צו גאַנצקייט, צו שלימות, ווערנדיק אַן אָרגאַניזירער און אַן אָרגאַניזירט-געוואָרענער, דאָס הייסט, אַ זעלבסטאָרגאַניזירנדיקער טיפּ.

אויף דעם וועג האָבן זיך שוין אַ לאָז-געטאָן די איינצלנע. זייער עובדא איז צו שאַפן אַ נייע פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע און מיט דעם באַווייזן זייער רייפקייט, זייער אַקטיוויטעט, זייערע זעלבסטאָרגאַניזירנדיקע יסודות, וועלכע האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין זייער באַוווּסטזיין.

און דאָ טויכט אויף די פּערזענלעכקייט, דער אינדיווידו, וואָס פאַרייניקט אין זיין געשטאַלט די צוויי יסודות, דאָס אָרגאַניזירנדיקע און דאָס אָרגאַניזירט-געוואָרענע, ריכטיקער דעם זעלבסטאָרגאַניזירנדיקן מצב.

די פּערזענלעכקייט באַדייט דעם סוף פון קאַמף פאַר באַטייליקונג אין אָרגאַניזאַציע, אַ קאַמף, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן אין משך פון דורות און דורות פון אַלע אָרגאַניזירט-געוואָרענע.

די פּערזענלעכקייט באַדייט דעם סוף פון קאַמף און דעם זיגטריומף פון נייעם מענטשן, נייעם סדר פון לעבן, נייער קולטור, נייעם קהל-לעבן.

דער לעצטער קאַמף וועט געפירט ווערן אונטערן צייכן פון זעלבסטאָרגאַניזאַציע. אַ פּערזענלעכקייט איז אַ זיך זעלבסטאָרגאַניזירנדיקער מענטש. זעלבסט-אָרגאַניזאַציע איז דער פולער זיג איבער דער פּאַסיוויטעט אין דער סאָציאָלאָגיע, איבער אָרגאַניזירט-געוואָרנקייט, איבער דעם סאָציאַלן וועגעטאַציאָנירן.

פערזענלעכקייט איז די פאַרקערפּערונג פון זעלבסטעטיקייט.

שקלאַפטום איז דער אָנהייב פון סאָציאָלאָגיע, זעלבסטאָרגאַניזאַציע איז איר סוף.

זעלבסטאָרגאַניזאַציע איז אייגנטלעך דער אָנהייב פון אינטעראינדיווידאָ־לאָגיע, אַ ציבור, אַ סך־הכל, וואָס ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון איינצלנע פערזאָנען.

אַ קנעכט און אַ פערזענלעכקייט זענען צוויי קעגנזאַצן. אָבער זיי ביידע פאַרייניקן אין זיך די אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע באַציִונגען פון ציבור־לעבן.

שקלאַפטום פאַרייניקט די אינעווייניקסטע אָדער אויסנווייניקסטע פּאָליטיק מיט דער ווירטשאַפט, פאַרניכטנדיק די אינערלעכע פּאָליטיק, אָדער ריכטיקער, ניט דערלאָזנדיק, אַז עס זאָל קומען צו איר אַנטשטייאונג.

זעלבסטאָרגאַניזאַציע, פון דער אַנדער זייט, פאַרברייטערט די אינעווייניק־סטע פּאָליטיק ביז צו די גרענעצן פון אויסנווייניקסטער, שאַפנדיק אַן אינטער־אינדיווידועלע פּאָליטיק און אַן אינטעראינדיווידועלע עקאָנאָמיק.

אַ פערזענלעכקייט הייבט אויף אירע באַציִונגען צו אַנדערע פערזאָנען אויף דער הויך פון אויסערלעך־פּאָליטישע באַציִונגען. אַ קנעכט, פאַרקערט, ער האָט ניט קיין באַציִונגען פון אויסן; זיי זענען אָפּגעמעקט געוואָרן, ער איז אַ פרעמדער און ערגער פון אַן אייגענעם. אַ קנעכט — איז אַ נול.

אַ פערזענלעכקייט — איז אַן אומענדלעך גרויסע צאָל.

אַ קנעכט — איז אַ פּאַסיוו. ער איז אָרגאַניזירט געוואָרן בעל־כרחו, אָן זיין ווילן און אָנטיילנעמונג.

און דעריבער דעפינירן מיר פרייהייט ווי אַ זעלבסטאָרגאַניזאַציע.

אַזוי ווי דאָס אינעווייניקסטע גייט איבער אין דאָס אויסנווייניקסטע, אינער־לעכע פּאָליטיק; די באַציִונגען פון מענטשן צום מענטשן ווערן טראַקטירט ווי אויסערלעכע פּאָליטיק, ווערט, היוצא, דער איינצלנער מענטש, דער יחיד, דער־הויבן צו דעם מצב פון אַ קאָלעקטיוו, פון אַ נאַציע, אַ פאָלק. און אַזוי ווי היינ־טיקע צייטן, ווען דער פרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג איז אָנגענומען בנוגע פעלקער, על־כל־פנים, איז עס טעאָרעטיש אָנערקענט, זענען ניטאָ אָדער דאַרפן ניט זיין קיין פעלקער, וואָס שפּילן די ראָלע פון אָרגאַניזירער, און פעלקער, וועלכע זענען אַראָפּגעדריקט אויף דער שטופע פון אָרגאַניזירט־געוואָרענע, אַזוי וועלן ניט זיין קיין פערזאָנען, קיין מענטשן, וועלכע וועלן שפּילן די ראָלע פון אָרגאַניזאַטאָרן, און יחידים, אָדער מאַסן, וועלכע זאָלן זיין אַזוי אומאַנטוויקלט און דערנידערט, אַז זיי זאָלן זיין אין דער בחינה פון אָרגאַניזירט־געוואָרענע דורך זייערע בעסערע, העכערע, בעלי־טובות און בעלי־עצות.

דער אָרגאַניזירט־געוואָרענער — עקזיסטירט ניט סאָציאָלאָגיש, אין סאָ־ציאַלן זינען.

אָרגאַניזירט־געוואָרנקייט — איז סאָציאָלאָגישע פאַרניכטונג, איז סאָציאָ־לאָגישער טויט.

דער קאַמף פאַר דער באַטייליקונג אין פּראָצעס פון אָרגאַניזאַציע, אַ קאַמף, וואָס גייט־אָן אַן אָפּשטעל און אויפהער, ביז ער קומט צו דער פאָרמולירונג פון דער פאָדערונג פון דירעקטער, גלייכער, פּלאַנמעסיקער באַטייליקונג אין דעם אָרגאַניזאַציע־פּראָצעס, איז באמת אַ „קאַמף פאַרן קיום"; עס איז אַ קאַמף פאַרן לעבן, פאַרן סאָציאָלאָגישן קיום.

יענע גרופּן אָדער יענע סומע מענטשן, וועלכע זענען ניט דערוואַקסן צו דעם באַוווּסטזיין — צום פאָדערן זייער חלק, גלייכן אָדער ניט גלייכן, אין אָרגאַניזאַציע־פּראָצעס פון חברשן לעבן און פירן ניט אָן זייער קאַמף פאַרן דורכזעצן די פאָדערונג, — לעבן ניט, עקזיסטירן ניט סאָציאָלאָגיש. זיי ווערן באַלעבט און געבראַכט אין סאָציאָלאָגישער באַוועגונג דורך אַנדערע, פרעמדע, דורך אַנדערע קלאַסן אָדער טיפּן.

כל־זמן די אונטערשטע שיכטן זענען אינערט, באַפרידיקן זיי זיך מיט דער ראָלע פון סאָציאָלאָגישן שטאָף. דאָס אייגענע בנוגע פעלקער, שטאַמען. כל־זמן עס איז ניט אַנטשטאַנען דאָס באַוווּסטזיין פון זייער אייניקייט, איז ניטאָ ביי זיי קיין ווילן צום סאָציאַלן לעבן, עס זענען ניטאָ גענוג אינעווייניקסטע כוחות אויף צו באַהערשן און אויספילן די סאָציאָלאָגישע פונקציעס. זיי לעבן ניט סאָציאָלאָגיש. מיט זיי באַנוצן זיך אַנדערע און געברויכן זיי פאַר זייערע סאָציאָלאָגישע צוועקן.

דאָס אייגענע איז אָנווענדבאַר צו איינצלנע פערזאָנען, צו אינדיווידן. אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן ניט קיין דירעקטע, גלייכע באַטייליקונג אין די סאָציאָלאָגישע פונקציעס, איז, אייגנטלעך גערעדט, ניטאָ די פערזענלעכקייט אין איר סאָציאָלאָגישן באַדייט. עס עקזיסטירן איינצלנע פערזאָנען, אַלס ביאָלאָגישע סובּיעקטן, אַלס פיזיאָלאָגישע איינסן, אַלס ביאָלאָגישע זעלבסטשטענדיקע וועזנס, אָפּגעצאַמטע, אָפּגעגרענעצטע פון אַלע זייטן, וועלכע פילן אויס זייערע ביאָלאָגישע פונקציעס. אָבער עס פעלט דער סאָציאָלאָגישער וועזן. סאָציאָלאָגיש, פּאָליטיש, עקאָנאָמיש עקזיסטירן זיי ניט. די געשיכטע פון זיין עקאָנאָמיק ווערט געשריבן ניט דורך אים, פאַר אים שרייבן אַנדערע, ער גייט מער ניט ווי אַריין אַלס עלעמענט.

דעם גורל פון זיין פּאָליטיק שמידט ער ניט, אַנדערע פערזאָנען שמידן זיין מזל, און ער פליט ווי אַ פונק, געבוירן פון קוש פון האַמער און אייזן, אַנגעצונדן און אויסגעגאַנגען אין דעם פלאַם פון וועלטגעשעענישן.

אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ ביאָלאָגישער טויט, אַזוי איז פאַראַן אַ סאָציאָלאָגישער טויט און אַ סאָציאָלאָגישע געבורט.

יענע, וועלכע האָבן ניט קיין שום חלק אין סאָציאָלאָגישן פּראָצעס, זענען נאָך ניט געבוירן פאַר סאָציאָלאָגיע, זיי זענען וועזנס פון אַ נידעריקן סאָרט. מיטן אויפוואַך פון אַ סאָציאָלאָגישן אינטערעס, מיט דער געבורט פון סאָציאָלאָגישן לעבן, סאָציאַלן אינסטינקט, הייבט זיך אָן דער קאַמף פאַרן סאָציאַלן קיום. דער קאַמף איז איינע פון די ערשטע אויסערונגען פון סאָציאָלאָגישן כוח. דער קאַמף איז אומפאַרמיידלעך און דער זיג איז אומאָפּשטעלבאַר. אַ פאָלק, אַ קלאַס, אַ גרופּע, אַ פערזענלעכקייט דערשיינען אויף דער סאָציאָלאָגישער וועלט. דער

קאַמף — דאָס זענען די חבלי־לידה. און וואָס דערפאָלגרייכער עס גייט אָן דער פּראָצעס פון זעלבסטאָרגאַניזאַציע, וואָס אינטענסיווער, שטאַרקער עס איז זיין טעמפּאָ, אַלץ ווייניקער וועלן ווערן די געבורטווייען, אַלץ קירצער וועט זיין דער איבערגאַנגספּעריאָד, אַלץ שמעלער וועט זיין דער וואַקלונגסצושטאַנד. מחמת אין דעם קאַמף זענען ניט אַזוי וויכטיק און ווערטפול די מפּלות פון שונא, פון דעם פאַרדעמדיקן אָרגאַניזירער, ווי עס זענען אומאָפּשאַצבאַר און הויך־חשוב די אָרגאַניזאַציע־געווינהייטן, די אָרגאַניזאַציע־איבונגען און אויסגעלערנטקייטן; די גרעסטע ראָלע אין באַפרייאונגספּראָצעס שפּילט דער פאַקט אַליין פון אויס־בילדן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע. אָט־דער פאַקט זאָגט־אָן מכוח דער סאָציאָ־לאָגישער געבורט. אַ קנעכט קויפט, בזה־האופן, זיין ביאָלאָגיש לעבן פאַרן פּרייז פון זיין סאָציאָלאָגישן טויט.

נאָר אַ פּערזענלעכקייט לעבט אַ פול סאָציאַל לעבן.

אַ פּערזענלעכקייט לעבט סיי פּסיכיש און סיי סאָציאַל, שאַפנדיק דירעקט אירע פּסיכאָלאָגישע ווערדעס. אַ פּערזענלעכקייט קען שאַפן אירע פּסיכאָלאָגישע טייערקייטן אָדער אינגאַנצן אינדיווידועל, אָדער אינטעראינדיווידועל; אויב זי איז ווילִיק, שאַפט זי עס צוזאַמען מיט אַנדערע אינדיווידן. און די ווערדעס האָבן דעמאָלט אַן אינטעראינדיווידועלע חשיבות. אָבער יעדע פּערזענלעכקייט דאַרף זיך באַטייליקן אומבאַדינגט אין פּראָצעס פון שאַפן. בנוגע סאָציאָלאָגישע ווערדעס איז ניט שייך קיין אינדיווידועל שאַפן. דאָ איז אַ מין קאָאָפּעראַטיווע טוּונג. פּערזענלעכקייטן נעמען זיך צוזאַמען און שאַפן אינטעראינדיווידועלע פאָרמעס פון לעבן און זייז, אין סאָציאָלאָגישן זינען פון וואָרט.

אינטעראינדיווידואַליזם איז אַ רוף, אַז אויפמונטער צום „סאָציאַלן", עקאָ־נאָמישן און פּאָליטישן לעבן. דער געשריי פון געבורט און אויפלעבונג.

אינטעראינדיווידואַליזם פּראָקלאַמירט דעם „לא תרצח" אין דעם תחום פון סאָציאָלאָגיע. דו זאָלסט ניט דערהרגענען ניט נאָר פיזיאָלאָגיש און ביאָלאָגיש, נאָר אויך סאָציאָלאָגיש!

יעדער אָפּזאָג, יעדער פאַרבייג אין דעם תחום איז גלייך צו זעלבסטמאָרד. און מען קען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז עמעצער וועט זיך פון דעם אָפּזאָגן. דעריי־בער באַמערקן מיר דאָ אַ באַזונדערע אָנשטייאונג, אַ באַזונדערע עקשנות, אַ באַזונדערע האַרטנעקיקייט אין קאַמף.

דאָס איז דער חשק צום לעבן, די גלוסט צו האָבן אַן אייגענעם רצון, דאָס איז „דער ווילן צו אָרגאַניזאַציע", צום סאָציאָלאָגישן לעבן.

קנעכטשאַפט איז דער טויט סיי פון יחיד און סיי פון רבים. אינטעראינדי־ווידואַליזם איז דאָס אויפלעבן פון איינצלנעם, פון יעדן איינצלנעם.

אַ קנעכט איז אַ סאָציאָלאָגישער בר־מינן.

אַ פּערזענלעכקייט איז די פאַרקערפּערונג פון „סאָציאָלאָגישן" לעבן, איז אַ סאָציאָלאָגישער נייגעבוירענער.

אַלע איבעריקע פאָרמעס, וועלכע ליגן צווישן אָט־די צוויי עקסטרעמע פּונקטן, זענען דורכגאַנגשטופן און צווישנוועטלדיקע פאָרמאַציעס. זיי זענען אַן אַוועקגאַנג פון טויט און אַ דערנענטער צום סאָציאָלאָגישן לעבן.

ז.

אינטעראינדיווידואַליזם

ניט יעדער מענטש איז אַ פּערזענלעכקייט. אַ פּערזענלעכקייט איז פאַרן היינטיקן מענטשן אַן אידעאַל, אַ שטרעבונגספּינטל.

אַ מענטש פירט זעלבסטשטענדיק זיין פיזיאָלאָגיש לעבן, אינדיווידועל, אָפּגעצאַמט, אָפּגעזונדערט פון אַנדערע, און מיט דעם באַנוגנט זיך דאָס רוב פון די מענטשן. זיי גייען ניט ווייטער פון זייער פאַרשלאָסענעם קערפּער, וועלכער שטעלט פּאָר מיט זיך אַן איינס אין פיזיאָלאָגישן זינען. זייער גאַנצע אינדיווידואַליטעט באַשטייט אין פיזיאָלאָגיע און ביאָלאָגיע. פּסיכאָלאָגיש, נאָך מער, סאָציאָלאָגיש, עקזיסטירן זיי לגמרי ניט. און דעריבער זענען גרונטלאָז די אורטיילונגען פון יענע, וואָס באַהויפּטן, אַז די פּערזענלעכקייט איז פאָרויסגעגאַנגען דער געזעלשאַפט.

דער באַזונדערער אָרגאַניזם, אויף וויפל עס רעדט זיך דאָ מכוח אַ פיזיאָלאָגישן, ביאָלאָגישן סוביעקט, דעם טרעגער פון קערפּערלעכן איך, פאַרשטייט זיך, איז אַ פּרימאַט, אַ קודם צום חברהשן „אָרגאַניזם”. אָבער די פּערזענלעכקייט אַלס אַ פּסיכאָלאָגיש וועזן, די פּערזענלעכקייט אַלס אַ סאָציאָלאָגיש וועזן, אַלס אַן אינדיווידואָלאָגישע ברואה, איז קיין ספק ניט, אַז זי קומט שפּעטער, ווייט שפּעטער, פון דער געזעלשאַפט.

צום אָנהייב שאַפט די געזעלשאַפט, אין דער געשטאַלט פון אַ משפחה, האָרדע, אָדער שטאַם, שבט, קלאַן, פאָלק, נאַציע, זיין פּסיכאָלאָגיע, זיין שפּראַך, זיין טראַכטן, פילן און אויסדרוק. אַזוי אַרום, אַז נאָר די נאַציע שטעלט פּאָר מיט זיך אַ פּסיכישע, קולטורעלע, ציוויליזאַציע־איינקייט. דערנאָך קומט דער צוזאַמענגוס פון קולטורן; פון דער העברעיִשער, גריכישער, רוימישער און איבעריקע, למשל, ווערט איין אַלגעמיין־אייראָפּעיִשע קולטור, וועלכע נעמט אַרום אַ גאַנצע שורה פעלקער. דאָס טראַכטן, די לאָגיק מיט אירע פאָרמעס און נאָרמעס, איז אַן אַלגעמיינע, איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע שאַפונג; כמעט אַלע פעלקער פון אייראָפּע האָבן זיך באַטייליקט און באַטייליקן זיך אין שאַפן, אויסאַרבעטן און פאַרטיפן אָט־די קולטור. די ווויסנשאַפט איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע דיסציפּלין.

נאָר אויף דעם געביט האָבן מיר צו טאָן מיט פעלקער, מיט קולטורעלע פעלקער, מחמת דעם, וואָס זיי, מיט זייער לשון, זייערע מעטאָדן, כמעט איינגעבוירענע, פון טראַכטן האָבן אַרויפגעלייגט זייער חתימה אויף דער קולטור. דעם איינצלנעם מענטשן אַלס אַזוינעם — אויף וויפל מיר שליסן אויס דעם גאון, וועלכער שטעלט פּאָר מיט זיך אַ גאַנצן ציבור, אַ פאָלק, אַ פעלקערשאַפט — געפינען מיר דאָ דערוויל ניט.

נאָך מער, וואָס איז שייך סאָציאָלאָגיע. דאָ געפינען מיר זיך לעת־עתה, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אויף דער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג, אויף וועל־

כער מיר זענען געשטאַנען אין אַלטערטום בנוגע פּסיכאָלאָגיע. אין סאָציאָלאָגיע הערשט לעת־עתה אויסשליסלעך דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ. עפּעס אַ מין אויסנאַם שטעלן פאָר מיט זיך די גרויסע מלוכות, וועלכע בילדן פאַרבאַנדן פון פעלקער. אָבער די פאַרבאַנדן טראָגן אַן אויסשליסלעך צווינגענדיקן כאַראַקטער, און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וועלן זיך די פעלקער פונאַנדערשיידן. אַלס אַ משל קען מען ברענגען די צעפאַלענע, די פונאַנדערגעטרענטע איבער אַלע נאָטן, אַלטע טערקיי, עסטרייך וכדומה. און פאַראַן אַנדערע גרויסע מלוכות, וועלכע וועלן ניט היינט איז מאָרגן צעפאַלן ווערן אויף שטיקער. דאָ, אין תחום פון סאָציאָלאָגיע, זענען באַקאַנט דערוויַיל צוויי מעטאָדן: אָדער פרייהייט, אמתע זעלבסטבאַשטימונג, און דעמאָלט — גייט מען זיך פונאַנדער אויף אַלע פיר עקן; אָדער אונטערדריקונג, אַ קינסטלעך־מעכאַנישע פאַרייניקונג, פּאָליטישע פאַרשקלאַפונג פון פעלקער. אַלטרוסלאַנד האָט פאַראייניקט איבער הונדערט פעלקערשאַפטן, אָבער זי האָט זיי קיינמאָל ניט פאַרייניקט־באַהעפט, נאָר געדריקט און געפּרעסט אַזוי, אַז זי האָט ניט געשאַפן קיין „סאָציאַלע פאָרמען“, נאָר מעכאַניש־סאָציאַלע פאָרמאַציעס. דאָס איז אַ פּרימיטיווער אופן פון פאַרייניקונג, אַ פאַרסאָציאָלאָגישער צוזאַמענעם. ווי נאָר אַ טייל פון די פעלקערשאַפטן האָט געקראָגן די יכולת זיך זעלבסט צו באַשטימען, האָבן זיי זיך „אָפּגעטיילט“, אַרויס פון דעם „בונד“, שאָדנדיק זיך און אַנדערע, אָנווערנדיק אַ היפּש ביסל אין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן זינען. אונטערדריקונג, אַן אומבאַדינגטער צוגאָב, אַן אומפאַרמיידלעכקייט פאַרן באַרבאַריזם, איז שעדלעך הויפּטזעכלעך מיט דעם, וואָס עס שאַפט אַן אילוזיע וועגן דער אומבאַקוועמלעכקייט פון פאַרייניקונג בכלל אַפילו אויף גלייכע יסודות, אויף אַ פולרעכטלעכן גרונט. אַ געדאַנק, וועלכער איז פאַלש און רעאַקציאָנער.

דער פּראָצעס פון ציוויליזאַציע, דער פּראָגרעס, ליגט ניט אויף דער ליניע פון פונאַנדערקרושלען די געשאַפענע מלוכות, נאָר פאַרקערט, אין אַן אַלץ גרעסערן און גרעסערן וואַקסן, אַלץ גרעסערן און גרעסערן פאַריין. אָבער די פאַרייניקונג דאַרף פאָרקומען אויף אַ פרייוויליקן, פריי־צוגעשטימטן, גלייכבאַרעכטיקטן און ניט קנעכטיש־אונטערדריקערישן יסוד.

דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּסיכאָלאָגיע, אין קולטור־שאַפן, וועט פאָרקומען אויך אין סאָציאָלאָגיע, דאָס הייסט, אין ציבור־לעבן; עס וועט געשאַפן ווערן אַן אַלגעמיינע פאַרייניקונג, וועלכע באַזירט זיך אויף אַ גלייכער, יעדנפאַלס גלייכווערנדיקער, באַטייליקונג פון אַלעמען, און אויף אַזאַ אופן וועט סאָציאָלאָגיע זיך אויפהייבן העכער פון נאַציאָנאַלן פּרינציפּ.

אין תחום פון פּסיכאָלאָגיע געפינט זיך די אינדיווידואַליטעט — מיר ריידן וועגן יחיד, ניט וועגן נאַציע־קאָלעקטיוו — די אייגנטימלעכקייט, אין זייער אַ נעבעכדיקן מצב. זי האַלט נאָך ערשט פאַרן געבוירן ווערן. זי האָט נאָך ניט די העזה זיך צו באַווייזן אויף גאָטס וועלט. זי באַגרענעצט זיך דערוויַיל מיט אַ סטיל, מיט שאַפן אַן אייגענעם „חדר“ אין קונסט, אויפטוען, וועלכע טראָגן ניט־זעלטן דעם נאָמען פון אויטאָר. אָבער דער „אויטאָריזם“, אַזוי צו זאָגן, איז ווייט פון דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט זיין. ער האָט אַ נייגונג צו אויטאָריטעטיזם, ווען ער האָט געדאַרפט גיין אויפן וועג פון פריידיקן אייגנטימלעכקייט

און צוזאַמענגוס, אַ סינטעז פון אייגנטימלעכקייטן, וועלכע זאָלן זיך באַטייליקן אויף גלייכבאַרעכטיקטע יסודות אין פּראָצעסן פון שאַפן קולטורעלע ווערדעס, אוצרות.

אין תחום פון סאָציאָלאָגיע — פאַרמאָגן מיר דערווײַלע נאָר נעבעכדיקע אָנצוהערענישן, אָדער ריכטיקער, עפּעס אַ מין פּאַראַגראַף מכוח דעם, וואָס זי וועט זיך אַ פּליס טאָן דורכצופירן אין אונדזער עפּאָכע, שאַפן אַ צוזאַמענשמעלץ — ניט קיין פאַרגוואַלטיקונג, ניט קיין אוזורפּאַציע — פון עקאָנאָמיק מיט פּאָ־ליטיק, פון וואָס עס וועט זיך באַקומען אַ נײַע פאָרמאַציע. די נײַע פאָרמאַציע וועט פאַרייניקן אין זיך אַלע פּאָזיטיווע עלעמענטן פון בײַדע דיסציפּלינען. פּאָליטיק האָט אַרומגענומען גאַנצע קאָלעקטיוון, ניט זייענדיק געטיילט; עקאָנאָ־מיק איז געווען אָנגעוויזן אויף „פירמעס”, אָבער דערפאַר פלעגט זי לײַכט אַריבערשפּרייזן די גרענעצן פון מדינות און וועלטטיילן און זיך אויסשפּרייטן מיט איר נעץ פון אינסטיטוציעס. קאַפּיטאַל איז ניט אינטערנאַציאָנאַל, נאָר אינדיווידועל, דערפאַר גייט ער אַזוי גרינג אַריבער די גרענעצן פון די פעלקער און מאַכט אַן אָנשטעל פון אינטערנאַציאָנאַליזם. ווי עס זאָל ניט זײַן, די בײַדע עלעמענטן דאַרפן פאַראייניקט ווערן, און זיי וועלן בײַדע פאַרטראַטן ווערן אין דעם אינטעראינדיווידועלן איבערבוי פון דעם קהל־לעבן. און דעמאָלט וועט די אײַנצלנע פּערזאָן באַפרידיקן איר דורשט נאָך דיפערענציאַציע און אינדיווידואַ־ליטעט אין צוזאַמענהאַנג מיט גלײַכבאַרעכטיקטע אינדיווידן, שאַפנדיק אינטער־אינדיווידועלע חשיבותן און שייכותן. און אָנשטאָט סאָציאָלאָגיע, וועלן מיר האָבן אַן אינטעראינדיווידאָלאָגיע, וועלכע וועט זײַן לויט איר מהות מענטשלעך און מענטשהייטלעך, אינטעראינדיווידועל און אוניווערסאַל.

די געמיינזאַמקייט דאַרף ווערן רעאָרגאַניזירט, די יעראַרכיע דאַרף ווערן אָפּגעשאַפט, עס דאַרף געשאַפן ווערן דער אינטעראינדיווידואַל, דער בונד פון מענטשן, וועלכער וועט אַרומנעמען די גאַנצע ציוויליזירטע מענטשהייט און וועט איר פאַראייניקן אויפן יסוד פון צווישנמענטשלעכע באַציִונגען. דער כוח פון מענטשן ליגט אין אַחדות. אָבער אַחדות הייסט ניט צוזאַמענשמידן. אַ פּאַר־טיע קאַטאַרזשניקעס, געשמידטע הענט און פיס, בילדן ניט קיין אַסאָציאַציע. בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט וועלן זיי זיך צעלויפן אין אַלע זײַטן, ווײַל נאָר קייטן, הענטרינגען, פּיסרינגען האָבן זיי פאַרבונדן. דעם וווקס פון אינטעראינ־דיווידואַליטעט — דאָס דאַרף מען דערמונטערן. ניט אָפּגעשלאָסנקייט, דאָס צע־קריכן איבער די נאָרעס, וועלכע הייסן פּאַטערלענדער, אָדער מוטערהיימען, קליינע געמיינדעס, נאָר אַרויסגיין אויפן וועג פון אַן אַלוועלטלעכער פאַראייניקונג. אינטעראינדיווידואַליזם דאַרף גובר זײַן אַלע פּאַטערלענדישע נאַציאָנאַלע איבער־צאַמונגען, די מחיצות, וועלכע שטערן מענטשן, אינדיווידן זיך צו פאַראייניקן.

אַזוי ווי די מלוכה האָט אָפּגעראַמט, אָפּגעשווענקט אַלע קליינע פּאָליטישע גרענעצן, וועלכע האָבן אָפּגעטיילט אײַן באַזיץ פון צווייטן, אין סעניאָריע פון דער אַנדערער, אַזוי ווי די מלוכה האָט פאַרניכטעט די פעאָדאַלע וועגטלעך, אַזוי דאַרף דער אינטעראינדיווידואַל אָפּמעקן די גבולים און גרענעצן פון די מלוכות, וועלכע טיילן אָפּ מענטשן פון מענטשן, און שאַפן אַ מענטשהייט־אַחדות.

די שבטים־פאַראייניגן האָבן אַראָפּגעוואָרפן די משפחה־אייניקייט; דער שבט

שטאַם האָט אַריבערגעשפּרייזט איבערן טויטן קערפּער פון דער פאַמיליע, אַזוי ווי די נאַציע איז אַריבערגעוואָקסן דעם שטאַם־שבט, אַזוי וועט דער מענטשהייט־בונד (אינטעראינדיווידואַל), וועלכער דערגייט אין זיין אַנאַליז, אין זיין פונאַנ־דערלייג ביזן אַטאָם, ביזן לעצטן אומגעטיילטן גאַנצן, זיך אויפהייבן אין זיין סינטעז, אין זיין אינטעגרירן און פאַרייניקן ביז צו דער מענטשהייט און איר באַזע די וועלט.

אין וווּקס פון אינטעראינדיווידועלקייט שעפּט דער יחיד זיין כוח און גבורה און מעכטיקייט. דער וווּקס פון אינטעראינדיווידואַליזם אין ציבור־לעבן איז ווי דער אויפהייב פון פּראָדוקטיווע כוחות אין דער באַלעבאַטישקייט. אַלץ וואָס שטערט, פאַרהאַלט דאָס וואַקסן, איז שעדלעך, טויג ניט, איז רעאַקציאָנער, דאַרף ווערן אָפּגעשאַפט. אינטעראינדיווידואַליזם אין זיין פּאַקטישער אויפפאַ־סונג טרייבט אונטער דעם וווּקס און בלי פון די צווישנפּערזענלעכע כוחות. ער גייט באַגעגענען דעם אויסשפּרייט און אויסברייט פון ציבור־לעבן. ער פאַר־וואַרפט די פאַרייניקונגען, וועלכע זענען הן לויט זייער סטרוקטור און הן לויט זייער היקף נידעריקער, וואָס איז שייך די פאָרמעס פון אָרגאַניזאַציע, פון דער עקזיסטירנדיקער מלוכה. דער אינטעראינדיווידואַל איז איבער דער מלוכה, אויף יענער זייט מלוכה. צו דער גרויסער ברייטער וועלט און מענטשהייט — פירט דער וועג פון אינטעראינדיווידואַליזם.

אינטעראינדיווידואַליזם אָפּעררירט מיט דעם פאַקטישן; ער באַדייט דאָס אַריבערוואַקסן די היינטיקע בורזשואַזע מלוכה, וועלכע באַזירט זיך אויפן נאַציאָנאַלן פּרינציפּ, אויך דאָרטן, ווו די מדינה בילדעט אַן אַזוי גערופענעם „נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט״, און דאָס אַריבערשטייגן די סאָציאַליסטישע קלאַסן־מלוכה, דעם אינטערנאַציאָנאַל. אינטעראינדיווידואַליזם וועט בילדן אַן אינטער־אינדיווידואַל, אַן אַסאָציאַציע, איין עק פון וועלכער לענט זיך אָן אויפן איינצל־נעם מענטשן, אויף דער פּערזענלעכקייט, און דער צווייטער עק שטיצט זיך אויף דער מענטשהייט.

דער אינטעראינדיווידואַל, אַלס די קאָנקרעטע פאָרמע פון ציבור־לעבן, איינגעאָרדנט לויטן פאַקטישן פּריהייטפּרינציפּ, שטייגט אַריבער די מלוכה, איבערשפּרייזנדיק איבער אירע גבולים און תחומען, און שפּרייט זיך אויס ביז צו דער לענג פון דער וועלט.

דער קאַפּיטאַליזם דאַרף בייגעקומען ווערן און וועט בייגעקומען ווערן נאָר דורך לגמרידיקער אינטעראינדיווידואַליזירונג, דורך דעם פאַרברייטערן און באַגוועלטיקן סיי די מיטלען און סיי די אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע. ניט צוריק צו דער קליינער באַלעבאַטישקייט, צו דער כלומרשטער איניקונג, וועלכע האָט אַנטהאַלטן אין זיך דעם עמבריאָן פון פונאַנדערפאַל פון דערווירטשאַפט, האָבנדיק אין זיך די זריעה פון אַרבעטצעטיילונג.

ניט צוריק צו דער פּרימיטיווער פּשטות, נאָר פאָרויס, צו אַ מער פאַר־וויקלטער קאָמפּליצירטקייט, צו דער העכסטער קאָמפּליצירטקייט, צום איבער־וואַקסן דעם קאַפּיטאַליזם, פאָרויס צו פאַרוואַנדלען דעם קאַפּיטאַליזם — אַ האַלב אינטעראינדיווידואַליזירטע, איינזייטיק־אינטעראינדיווידואַליזירטע פאָרמע

פוןווירטשאַפט — אין אַ פולער אינטעראינדיווידואַליזאַציע פון באַלעבאַטיש־קייט, פון פּראָדוקציע און גוטספּאַנאַנדערטייל.

דאָס אייגענע אין פּאָליטיק. דער עטאַטיזם, שטאַטיזם, דער מלוכה־סדר, וועט בייגעקומען ווערן דורכן העכסטן אויפוווקס פון אינטעראינדיווידואַלקייט. די מלוכה וועט ניט באַזיגט ווערן דורך דער קליינער געמיינדע, דורך דעם פרייען ישוב, פרייען שטעטל אָדער שטאָט, געשאַפן לויט דעם מיטלאַלטערשן סטיל, אָן אָפּגעלעבטע פאָרמע, אַ פאָרמאַציע, וואָס איז ניט דערגאַנגען צו דער מלוכה, אַ פאָרמע, וואָס איז געלעגן נידעריקער פון דער קאָלאָסאַלער פאַרייניקונג, וואָס הייסט מדינה — נאָר דורך אַ העכערער סאָציאַלער פאָרמע, דורך דער פאַרייני־קונג פון אַ גאַנצער רייע מלוכות, פעדעראַטיווע רעפּובליקן, פאַרוואַנדלטע אין אַן אינטעראינדיווידואַל, ד״ה, אַ פאַריין פון יחידים, וועלכע שאַפן אַ פּאָליטישע פאַרייניקונג אויפן סמך פון זייערע איבערצייגונגען, ניט ווינפּלעצער, טערי־טאָריעס.

פרייהייט וועט זיך ניט באַקומען אַלס פּועל־יוצא פון קליינקייט, איינגע־שרומפּנקייט, נאָר אַלס רעזולטאַט פון דעם העכסטן וווקס פון אינטעראינדיווי־דואַליטעט. און פּאַקטישע פרייהייט וועט קריגן דער איינצלנער, ווען ער וועט זיין פאַרייניקט אויפן יסוד פון זיינע איבערצייגונגען מיט הונדערטער מיליאָנען זיינסגלייכן, לייגנדיק אין יסוד פון פאַרייניקונג דעם געוויסנשאַפטלעך (רעלי־גיעז)־וויסנשאַפטלעכן פּרינציפּ פון אינטעראינדיווידואַליזם, וועלכער דערלאָזט ניט דעם אָפּשוואַך און פאַרטונקל פון יחיד, נאָר שטייגערט זיין עכטן, קלאָרן אַרויסווייז און אַנטפּלעק.

די פראַגע פון קאַפּיטאַליזם וועט ניט פאַרענטפערט ווערן דורך דער קליינער אַרבעטער־אַסאָציאַציע, דורך דעם פרייען ווירטשאַפטלעכן אַרטעל, נאָר, להיפּוך, דורך דעם צוזאַמענגוס פון איינצלנע פירמעס, דורך דעם העכסטן טראַסטירן און באַהערשן דעם אַפּאַראַט, דעם ווירטשאַפטלעכן שטאָף, רייכקייט, דעם פיזישן „קאַפּיטאַל״, וואָס ליגט אין די געצייג און מיטלען פון פּראָדוקציע, און דעם „גייסטיקן קאַפּיטאַל״, וואָס ליגט אין דער אָרגאַניזאַציע.

אַזוי אויך די פּאָליטישע פראַגע. די פּראָבלעם פון שטאַטיזם לאָזט זיך ניט לייזן דורכן צעקרושלען די מלוכה, צעררייסן זי אויף שטיקער, נאָר, להיפּוך, דורך, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, טראַסטיפיקאַציע, העכסטער אינטע־גראַציע, ברייטסטער פאַרייניקונג ניט פון קאַנטן, לענדער, נייערט פון דער גרעסטער צאָל פון אינדיווידן ביזן אַרומנעם די מענטשהייט און די וועלט.

פון קאַפּיטאַליזם דאַרף מען ניט גיין צוריק צו גאָר מאָנטשיקן אינדיווידו־עלן אייגנטום, ווערנדיק מיטגעריסן פון דער אידיליע פון מיטלאַלטערלעכע צייטן, אַנטציקט פון דעם פּשוטן לעבן פון דעם פויערגעזינדל, נאָר אַרויף, צו העכערע פאָרמען, צום אינטעראינדיווידועלן אייגנטום, צו דער פאַרפולקומונג און אויסגלייכונג פון דער אינטעראינדיווידועלער פּראָדוקציעליניע.

פון שטאַטיזם דאַרף מען ניט גיין צוריק, צום קליינעם פאַריק, צום פאַר־שלאָסענעם האַלבווילדן לעבן פון דער איינצלנער פאַמיליע, צו דער פאַריינ־פאַכטער אָפּגעלאָזענער געמיינדע, נאָר אַרויף און פאָרויס, צו העכערע

פּאַרמאַציעס און סאָציאַלע אויסבילדונגען, צו דער אינטעראינדיווידואַליזאַציע פון פּאָליטישן אָרגאַניזם.

די פּאָליטיק האָט איבערגעיאָגט די עקאָנאָמיק, דער פּאָליטישער אָרגאַניזם איז העכער לויט זיין היקף פון עקאָנאָמישן און דעריבער צוריק פון שטאַטיזם באַדייט צום פּאָליטישן „קאַפּיטאַליזם", פּאָליטישע פרייהייט און קאָנקורענץ. קאַפּיטאַליזם אין עקאָנאָמיק שטייט אויף דער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג, אויף וועלכער עס איז אין פּאָליטיק געשטאַנען דער פעאָדאַליזם. קאַפּיטאַליזם באַדייט אַן עקאָנאָמישער פעאָדאַליזם, אַ מאַסע אייגנטימער און אומענדלעכע ווירט־שאַפטלעכע קריגערייען און רייסערייען צווישן די עקאָנאָמישע „פּריצים". און ווי דער פּאָליטישער פעאָדאַליזם איז געווען שעדלעך, רויזנירנדיק, אַזוי איז דער עקאָנאָמישער פעאָדאַליזם היזקדיק און כאַאָטיש און אויסברענגעריש ווי די נאַטור. אַן אומענדלעכע צאָל אַרבעט־ און אַנשטרענג־איינסן גייט לאיבוד, ווערט געפּטרט, אָן קיין שום נוצן, אויף אָנפירן די ווירטשאַפטלעכע קאָנקורענץ.

דער וווּקס פון אינטעראינדיווידואַליזם איז דער וווּקס פון מעגלעכקייט. דער וווּקס פון מעגלעכקייט איז דער וווּקס פון פרייהייט.

עס איז ריכטיק, אַז דער וווּקס פון אינטעראינדיווידואַליטעט דריקט זיך ניט אויס דורכויס אין דער מאַסע, אין היקף, אין סך־הכל, אין מעכאַנישן מאַ־טעמאַטישן אָנוווּקס פון פּערזאָנען, נאָר אויך אין דער אָרגאַניזאַציע־פאָרמע פון דעם געגעבענעם ציבור־לעבן, פון דער געגעבענער סומע פון פּערזאָנען. די נייע אָרגאַניזאַציע־פאָרעם פאַרטונקלט ניט דעם בנמצא־זיין פון די אינדיווידן, ווי דער פאַל איז געווען אין שטאַט, אין משפּחה, אין קלאַן, אין מלוכה. אָבער עס איז אויך אמת, אַז אויב מיר וועלן קויפן פאַרן פּרייז פון פאַרשמעלערונג פון דעם היקף, דעם אַראָפּלאָז פון דער סומע פון פּערזאָנען, וואָס באַטייליקן זיך אין דער געגעבענער אסאָציאַציע, דעם פאַרבעסער פון דער אָרגאַניזאַציע אין פּרט פון אינטעראינדיווידואַליזאַציע — איז יצא שכרו בהפסדו, און מיר וועלן גאָרניט דערגרייכן; גיכער אָנווערן איידער געווינען. יעדנפאַלס, וועט מען דאַרפן דאָ פעסטשטעלן אַ פּראָפּאָרציע, אַ פאַרהעלטעניש, די מדרגה פון דער אינדיווידואַ־ליזאַציע פון דער פאַרדעמדיקער צווישנפּערזענלעכער פאַרייניקונג, און די שטופע פון אינדיווידואַליזאַציע פון דער איצטער באַנייטער, נאָר פאַרקלענערטער פאַריניקונג.

דאָס איז ראשית אוממעגלעך. והשנית, די קוואַנטיטעט שאַפט, אין דעם פאַל, אַ קוואַליטעט. די אינדיווידואַליזאַציע געפינט זיך, קען מען זאָגן, אין אַ גלייכער פאַרהעלטעניש מיט דער אינטעראינדיווידואַליזאַציע. וואָס העכער, וואָס ברייטער, וואָס רחבותדיקער, אין פשט פון אַרומנעם און ספּערע, די געגעבענע אַסאָציאַציע איז, אַלץ מער רוים, מעגלעכקייט איז דאָ אין איר, אויב מיר וועלן ניט צופיל מיטגעריסן ווערן פון דער יורידישער זייט פון דער דערשיינונג.

די לייזונג פון דער פּאָליטישער פראַגע, דער אויסגלייך פון סכסוך, די מחלוקת פון מענטשן מיט דעם וועלטלעך־טעריטאָריעלן שטאַט ליגט ניט, נאָך אונדזער מיינונג, אויף דער זייט פון דעם מלוכהשן ציבור־לעבן, נאָר אויף יענער זייט.

אינטעראינדיווידואַליזם אין פּאָליטיק באַדייט דאָס גובר־זיין דעם טעריטאָריאַליזם, דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, דעם פּאָליטישן אַבסאָלוטיזם. אינטעראינדיווידואַליזם איז אַ העכערע פֿאָרמאַציע, דאָס באַזייטיקן די צעבראָכנקייט פֿון חברה־לעבן, דאָס אָפּשאַפֿן די מלחמות, צווישנפֿעלקערשע קריגערייען, און דאָס שאַפֿן אַ מענטשן־פֿאַרייניקונג.

די עיקר־ליניע פֿון אינטעראינדיווידואַליזם איז דאָס באַזייטיקן דעם קאַמף צווישן די פּאָליטישע אַסאָציאַציעס. כּל־זמן עס וועלן זיין מלחמות, וועט זיין אַ שטאַנדהאַפֿטע דיסציפּלין, וועט זיין מיליטאַריזם פֿון אַזאַ אָדער אַן אַנדער פֿאָרמע. אינטעראינדיווידואַליזם פֿאַרניכטעט אונטערדריקונג, אַ סוף־מאַכנדיק צו מלחמות און פּאָליטישער קאָנקורענץ צווישן די „פּאָליטישע טעריטאָריעלע פֿירמעס”, שאַפֿנדיק אַנשטאָט זיי ניט קיין פֿירמע, נאָר אַ קאָלאָסאַלע אַסאָציאַציע, אַן אינטעראינדיווידואַל, אַן אַלוועלט־ציבור, אַן אַלוועלט־באַלעבאַטישקייט.

אינטעראינדיווידואַליזם רוקט ביידע געביטן, סיי די עקאָנאָמיק און סיי די פּאָליטיק, פֿאָרויס, פֿאַרניכטנדיק די צווישנפֿעלקערלעכע קאָנקורענץ הן אין געביט פֿון ציבור־לעבן און הן אין תחום פֿוןווירטשאַפֿט.

ער באַצוועקט דאָס שאַפֿן אַן אַלוועלטלעך אינטעראינדיווידועלן ציבור־לעבן און אַן אַלוועלטלעכע אינטעראינדיווידועלע ווירטשאַפֿט. פֿון דער נאַציאָנאַל דעספּאָטישער עקאָנאָמיק און אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק צו אַן אַלוועלטלעכער אינטעראינדיווידועלער פּאָליטיק און עקאָנאָמיק, צום קאָסמאָפּאָליטיזם און קאָסמאָעקאָנאָמיזם — דאָס איז דער וועג פֿון דער ציוויליזירטער מענטשהייט.

אָט־איז די אַרויפֿשטייגליניע אין ציבור־לעבן — משפּחה, שטאַם, נאַציע, מלוכה, אינטערנאַציאָנאַל, אַלוועלטלעכער אינטעראינדיווידואַל.

ניט די צעברעקלונג פֿון מלוכהשן פּאָליטישן אָרגאַניזם, ניט די מיניאַטוריזאַציע פֿון קהל־לעבן, נאָר זיין אוניווערסאַליזאַציע; ניט די צעברעכונג פֿון מדינות, ניט זייער צוזאַמענשמעלץ, נייערט די פֿאַרייניקונג פֿון די „בירגער” אין איין אינטעראינדיווידואַל, וועלכער וועט זיין אַזוי קאָלאָסאַל, אַז ער וועט ניט קענען זיין צענטראַליסטיש, דעספּאָטיש.

דעמאָלט, און נאָר דעמאָלט, וועלן מיר האָבן פֿרייהייט דע פֿאַקטאָ, און ניט נאָר פֿרייהייט דע־יורע, דעמאָלט וועלן מיר באמת האָבן פֿרייהייט פֿאַרן יחיד, און ניט קיין פֿיקטיווע „צעלאָזנקייט” ווי דאָס ניט־האָבן קיין געזעצן. אונטער פֿרייהייט פֿאַרשטייען מיר אַן אוניווערסאַלע זעלבסטאָרגאַניזאַציע. אינטעראינדווידואַליזם איז אַן אוניווערסאַלע פֿאַרייניקונג פֿון אינדיווידן אויפֿן יסוד פֿון זייערע געוויסנשאַפֿטלעכע און וויסנשאַפֿטלעכע איבערצייגונגען.

נאָכוואָרט

די „זכרונות" מיינע דערפירן דעם לייענער ביז צו די ערשטע טעג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען איך ווער שווער פאַרווונדעט. איך בין אָפּגעלעגן זעקס חדשים אין שפּיטאָל און אַ גאַנצן יאָר געגאַנגען אויף קוליעס.

דאָס ווייטערדיקע וועט קומען אין אַ צווייטן באַנד, וועלכן איך וועל אי״ג אַכן האָבן פאַרטיק. ער וועט באַ־שרייבן די יאָרן פון סוף 1917 ביזן ענד פון 1924 און מיין אַנטלויפן פון רוסלאַנד, שוואַרצן די גרענעץ אי־בערן טייך אמור — קיין כינע, נעמלעך מאַנדזשוריע.

די „זכרונות", וואָס גייען אַריין אין אָט־דעם בוך, זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין דער „פרייער אַרבע־טער־שטימע" גלייך נאָך מיין אָנקומען אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, דאָס איז אַ קיימא לן פון אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק.

דער צווייטער באַנד „זכרונות", וואָס איך גרייט צו, וועט זיך אונטערשיידן פון ערשטן מיט דעם, וואָס ער וועט זיך שטיצן איבער אויף מיין זכרון, ווי דער ערשטער איז, אויך אויף אונטערזוכונגס־אַרבעט. איך האָב מורא איצט זיך צו פאַרלאָזן אינגאַנצן אויף מיין געדענקונגס־קראַפט, איבערהויפּט בנוגע גענויע דאַטן, ווי אויך נעמען פון חברים און ניט־חברים.

אבא גאָרדין

מערץ, 1955, לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע.

אויסגאַבן פון דער בוך־געמיינשאַפט ביי דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט

וואַלענטין גאָמעס, 2969 בוענאָס איירעס

פראַנסיסקאָ פעררער — די מאָדערנע שול, 200 זייטן

רודאָלף ראָקער — די ראַציאָנאַליזאַציע פון דערווירטשאַפט און דער אַרבעטער־קלאַס, 168 זייטן

לואידזשי פאַברי — ערריקאָ מאַלאַטעסטאַ — זיין לעבן און זיינע סאָציאַלע אידעען, 48 זייטן

א. מילער־לענינג — שטאַט און מאַרקסיזם, 32 זייטן

ע. מאַלאַטעסטאַ — אין קאַפע־הויז, 120 זייטן

א. י. זאַקוסקי — י. ל. פרץ, 64 זייטן

רודאָלף ראָקער — נאַציאָנאַליזם און קולטור, 744 זייטן.

רודאָלף ראָקער — „אין שטורעם״, 840 זייטן.

יונה גאָראָדיסקי — דוד עדעלשטאַט, 32 זייטן.

אבא גאָרדין — זכרונות און חשבונות, 460 זייטן.

אויסגאַבן פון דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט

כאָסע אַנטיטש — פראַנסיסקאָ פעררערס פעדאַגאָגיע, 30 זייטן

ושאַן גראַוו — בורזשואַזע און פרייהייטלעכע דערציאונג, 28 זייטן

סעבאַסטיאַן פאָר — ווערטער פון אַ דערציער, 96 זייטן

פ. אוראַלעס — די פרייע שול, 30 זייטן

י. פ. עלסלאַנדער — אַ באַזוך אין אַ מאָדערנער שול, 43 זייטן

¿Qué es el antisemitismo? (Encuesta mundial) 80 págs.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL DIA 12 DE ABRIL
DE 1955, EN LOS TALL. GRAF.
"ZLOTOPIORO HNOS.", CALLE
GASCON 1231, BUENOS AIRES.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by:
ABA GORDIN, New York

Hecho el Depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

ABA GORDIN

REMINISCENCIAS Y REFLEXIONES

*

Editado por:
"Bujguemeinschaft bai der Idischer Razionalistischer Gueselschaft"
BUENOS AIRES — 1955